STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00764

# HAVEYRIM FUN MURANOVER RAYON

B. Shlevin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Dr. Jeffrey & Marilyn Freedman*
*in memory of*
*their Parents Annie Cohen & Dr. George Freedman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ב. שלעווין

# חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן

## ראָמאַן

פאַרלאַג
פאַריז י.ל. פרץ תל-אָביב
ישראל

1961

**PUBLISHING HOUSE**
**I. L. PERETZ**
31, ALLENBY Rd. TEL-AVIV, ISRAEL

ב. שלעווין: „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן“, ראָמאַן.
פֿאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אָביב, רחוב אלנבי 31.

שער־בלאַט: אַ. קאַלניק

פאַרענדיקט דרוקן אין פעברואַר 1961.
20 עקזעמפּלאַרן געדרוקט אויף
האָלענדיש פּאַפּיר.

*Copyright* 1961 *by B. Schlevin, Paris.*
342, *Rue des Pyrénées - PARIS (XXe)*

Impr. GELBARD, 20, rue Ferdinand-Duval, Paris-4e

ערשטער טייל

# געווען איז עס נעכטן

# קאַפּיטל איינס

אין דער לעצטער מינוט האָט דער באַקאַנטער יידישער כלל־טוער אַדאַם באַטאַנזאָן נאָך באַוויזן צו כאַפּן אויפן ראָג אַ דראָזשקע, אָנצויאָגן די לוויה; זי האָט זיך שוין געהאַט אַוועקגעהוידעט אַרויף, מיט דער לעשנע, ביז צו דער אייזן־גאַס. איבער די אַלטע וואַרשעווער מויערן איז געשטאַנען אַ מיט־זומערדיקע חמה. די זון איז פאַרשטעלט געווען פון אַ דינעם וואָלקן שטויב. פאַרבלאָטיקטע טראַמווייען האָבן געקלונגען, קוילן־פּלאַטפאָרמעס האָבן זיך שווער געטרייסלט איבערן ברוק. אַרום די האַנדלס־הייף איז געשטאַנען אַ טויב געשריי פון טרעגערס מיט האַנט־וועגעלעך.

דעם שוואַרצן, ברייט־ראַנדיקן הוט הויך איבערן נידעריקן שטערן, אָנגעשפּאַרט אין זיין אייביקן באַגלייטער, דעם שירעם־שטאָק, דאָס גרוילעכע בערדעלע פאַרשפּיצט, אַביסל צעשויבערט, האָט עס אים אונטערגעהויבן אויפן איינגעפּאַלענעם זיץ. ס׳איז געווען דער לעצטער גאַנג צו דער אייביקער רו פון אַן אַלטן פריינד, איינעם פון די לעצטע פון יענער שיינער פרץ־עפּאָכע; און כאָטש דער נפטר אַליין האָט גאָר אין לויף פון די שטורמישע יאָרן אָנגעהערט צו די סיימיסטן, די טעריטאָריאַליסטן, אַ שטיקל קרוב צום בונד, זייערע וועגן האָבן זיך, מיט איין וואָרט, נישט איינמאָל געקרייצט, איז מען פאָרט פאַרבליבן — אַלטע גוטע פריינד. דער שיטערער לוויה־צוג האָט זיך לאַנג געהוידעט איבער דער לעשנע. אין גאַסן־גערודער, האָט זיך קיינער פון די פאַרבייגייער מער נישט אומגעקוקט אויפן הייפל גרויע קעפּ, אויף די דאַמען אין שוואַרצן; עטלעכע אָפּגעשיילטע דראָזשקעס זענען נאָכגעפאָרן דעם אָרון, געפירט דורך צוויי אלטע, בלינדלעכע עגלה־פערד. ס׳איז מאָדנע געווען אָנצוקוקן אָט די געעלטערטע לייט; זיי האָבן זיך כמעט יעדן טאָג געקריגט, געגעסן און געגריזשעט אין די לייט־אַרטיקלען, אַריינגעזאָגט זיך ביז אין דער זיבעטער ריפּ אויף די מיטינגען, אויף דער סיים־טריבונע אַפילו; אַלטע לייט, מיט הויכע פלייצעס, מיט שטייפע קעלנער, וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין זייערע הויטיקע באַקן. אַלע האָבן זיי אין דעם פרימאָרגן איבערגעלאָזן די אַמטן, די געשעפטן, די רעדאַקציעס און געקומען באַגלייטן צו זיין אייביקער רו אַן אַלטן פריינד. „ביי די אַלע — האָט ער נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טון, אַדאַם — האָט זיך אָבער גאָרנישט נישט געענדערט... זיי זעען גאָרנישט, די נאַרישע, וווהין מיר גייען“...

אויפן גענשער בית־עולם, אין דער אַלייע פון אַלטן וואַרשעווער יחוס, צווישן די מצבות פון שוואַרצן באַזאַלט, רויטן מאַרמאָר, באַצירט מיט הענגלעך וויינטרויבן

און טייבעלעך, מיט געציקלטע, פּאַטעטישע אויפשריפטן, די מערסטע אין פּויליש; צווישן די פּראָסטע שטיינער פון פשוטע יידן, מיטן אַלטן יידישן פ״נ, נישט ווייט פון אוהל־פּרץ, פון אסתר רחל קאַמינסקי, פון ה. ד. נאָמבערג, פון י. מ. ווייסענ־בערג, איז איבערן הייפל גרויע קעפּ פון די געעלטערטע יידן געוועז פונאַנדער־געוויקלט אַ רויטע פאָן; צווישן די וויינענדיקע ווערבעס האָט זיך שוין דאָרט עמיץ געהאַט אויפגעשטעלט און גערעדט ביים אָפענעם קבר מיט אַ געבראָכן קול, אָבער מיט אַלטער פּאַטעטיק.

באַלד נאָך דער קבורה, נאָך איידער ס׳שיטערע געזעמל איז זיך פונאַנדער־געגאַנגען, האָט זיך שוין אַדאַם באַצייטנס צוריקגעשאָקלט אין דער דראָזשקע, גע־איילט צו אַ רוישיקער רעדאַקציע, אַ פּאַרטראַגענער, און האָט אומעטיק דערטראַכט, אַז אַ גרויסער דור לעשט זיך ביסלעכוויז אויס; ער גייט אָבער, אָן שום ספק, אַוועק זאַט אין טעג און גאַנץ אין דער נשמה; יאָ גערעכט, צי נישט גערעכט — דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער ענין. ווער וויס אָבער וואָס פּאַראַ צייטן מיר גייען אַנטקעגן, ווער וויס ?

ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז ער וועט שוין אַפילו נישט באַוויזן אַראָפּ־צוכאַפּן זיך אויף דער אָטוואָצקער ליניע; אַליציע איז דאָרט איינע אַליין, מיט די קינדער פון דער עלטערער טאָכטער; אַז ער מוז נאָך באַצייטנס איילן צו דער אויסעראָרדנטלעכער סיים־דעבאַטע, וואָס איז עקסטרע אויף היינט פּאַררופן געוואָרן. מער ווי אַלעמאָל, האָט זיך דאָרט שטאַרק גערודערט. דער רוצח היטלער האָט גע־פאָדערט דעם דורכגאַנג דורכן דאַנציקער קאָרידאָר. ער האָט געדראָט... ער איז געוועזן מיד און צעשטרייט, אַדאַם, אָבער נישט צעבראָכן; כאָטש די שווערע יאָרן, די צרות פון די קינדער, די פּאַריאַגטקייט, האָבן פרי גרוי געמאַכט זיין קאָפּ, זיין שמאָל קלין־בערדל.

ווי יעדן יאָר אין די הייסע זומער־חדשים, האָבן זיך די נאָטאַנזאָנס אויך אין יענעם הייסן זומער אַרויסגעקליבן צום זעלבן איינשטאָקיקן הייזל, אין מחיהדיקן סאָסנע־וואַלד אויף דער אָטוואָצקער ליניע. ס׳האָט זיך פרי געשטעלט אַ חמימה. סוף יוני האָט מען שוין פון אומעטום געצויגן אַהער, צו די שמעקנדיקע סאָסנעס, צו די אויסגעַבריטע זאַמדן. מיט דער פול־געפּאַקטער, הינטערשטאָטישער „קאָ־לייקע״, וואָס גייט אָפּ אַלע האַלבע שעה פון דאַנציקער וואָקזאַל, און מיט די סקרי־פּענדיקע דראָבינע־פורלעך איבערן שטויביקן שאָסיי, זענען צעשמייעטע יידן, קליי־נע געוועלב־לייט, באַנקראָטירטע מאַנופאַקטור־סוחרים, לעדער־סוחרים, פון דער גענשע, פון דער פראַנציִשקאַנער, פון די נאַלעווקעס, שוין באַצייטנס געקומען אָנ־צוציען אַהער, אַרויסגעפּירט ס׳ווייב מיטן געזינדל אויף דאַטשע. כאָטש די צייטן זענען געווען שווערע, גאָר שווערע. מ׳האָט כמעט ווי נישט פאַרדינט אויף דער הוצאה, האָט מען ווי־נישט־איז אָפּגעדונגען אַ הייזל, אויפגעשפּאַרט טיר־און־פענצ־טער אין די פאַרדומפּענע שטיבלעך, וואָס זענען איבערן גאַנצן ווינטער געשטאַנען פאַרהאַקט, געלופטערט צעאַדערטע קאָלדרעס, רויט־אָפּגעצויגענע קישנס, קינדע־רישע העמדלעך, פאַרגעלטע ווינדעלעך. מיידלעך מיט פעך־שוואַרצע צעפּ, צעשאָטן אויפן נאַקן, אַ לייכט קליידל אַרויפגעכאַפּט אויף זיך, אַבי־ווי, האָבן פלייסיק, מיט הילכיקן געזאַנג צווישן אָפענע טיר און פענצטער, צווישן די סאָסנעס, אַרומ־געפּאָרעט זיך אין דער זומערדיקער באַלעבאַטישקייט. פון באַלד אין דער פרי אָן

האָבן צעשויבערטע יידענעס געצויגן צו די שטאַכעטן־פּלויטלעך מיט מאַנדלעך אייער, קוישן פּרוכט, גרינוואַרג, קאַנען מילך, לעבעדיקע עופות; אַרומגעדונגען זיך, געשווירן זיך מיט טויטע קללות, געקלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין:

— באַלעבאָסטע־לעבן... — האָבן זיי זיך געשווירן — מ׳זאָל מאַ טאַקע אַלע אַזוי האָבן ס׳געזונט...

— צוויי מיט אַ פאַרטעלע... נישט מינער...

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן טיף הינטער די סאָסנע־וועלדער, הינטער די זאַמדן, האָבן די יידישע געזינדלעך אויף די קרומע וועראַנדעס, פאַר די אויפגעפּראַלטע טיר און פענצטער, געדיכט אַרומגעזעצט זיך. די פאַרמאַטערטע יידן, אין וועסט, מיט אַ צעשפּיליעט העמד, זענען געזעסן און געלייענט אַ יידיש בלאַט. די ווייבער האָבן געמוטלט, דאָס יונגוואַרג איז זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטערן, געזונגען די נייע פּוילישע שלאַגערן פון וואַרשעווער ברוק, די אומעטיקע טאַנגאָס, די פאַקסטראָטן און די לידער פון יידישן טעאַטער.

דאָס איינשטאָקיקע הייזל פון די נאַטאַנזאָנס איז געשטאַנען אַביסל אין אַ זייט פון די יידישע ווילעס; ווייט פון די אויפגעקומענע, פּאַרריסענע יידישע פּענסיאָנאַטן; ווייט אָפּגערוקט פון די סאַנאַטאָריעס. דאָס אייגענע משפּחה־הייזל האָט אַדאַם פאַר קליינע געלטער געהאַט איינגעקויפט אין יענע רואיקע, זאַטע פאַר יאָר, ווען ס׳יידישע לעבן אין פּוילן האָט אויסגעזען צו סטאַביליזירן זיך, ווען די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט געמאַכט גוטע געשעפטן. אויף דער „ליניע" האָט זיך אין יענע זומערן פול געראַיעט מיט דער צעטומלטער יידישער אינטעליגענץ — שרייבער, מאָלער, זשורנאַליסטן, פּאָליטיקער, פּאַרטיי־טוער, טעאַטער־לייט. אַרום זיי — אַ פאַרפלאַמטע יידישע יוגנט. דעם פרייטיקדיקן און שבתדיקן טאָג איז די וועראַנדע פול באַזעצט געווען. ער האָט זיך מחיה געווען מיט די געסט, אַדאַם, ער האָט זיך מחיה געווען מיטן יידישן גערודער.

די לעצטע זומערן איז שוין אַליציע אויך אָפּטער אַרויסגעקומען, כאָטש מיט די יידישע געסט האָט זי זיך, ווי אַלעמאָל, געהאַלטן אַ ביסל פון דער ווייטן. פריער פלעגט זי אים דאָרט איבערלאָזן מיטן דינסט־מיידל, מיט די קינדער און אַליין איז זי אַוועק צו דער שוועסטער אירענע קיין זאַקאָפּאַנע, קיין קריניצע. די לעצטע יאָרן איז זי געוואָרן שווערלעכער אויף די פיס; אַ יידישער צער האָט זיך געלייגט אויף איר. זי האָט אַרויסגענומען ביידע אייניקלעך, אַ יינגעלע מיט אַ מיידעלע. זי האָט זיך אַריינגעפּרייט אין די קינדער; די אייניקלעך זענען געווען איר גאַנצע טרייסט, ווייל פון יאַנעקן און פון דער יינגערער, פון רוטען, האָט זי נאָר געהאַט האַרץ־ווייטיק. פון יאַנעקן האָט זי שוין לאַנגע חדשים אַפילו נישט געהערט, נישט געוווּסט ווו זיין געביין איז אהינגעקומען.

ביז פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכט־צינדן, האָט זי נאָך אַלץ געוואַרט, אַז אַדאַם וועט זיך פאַרט אַראָפּכאַפּן. יעדעס מאָל, ווען די „קאָלייקע" האָט אַ פייף געטון, איז זי אַרויס אויפן גאַניק; ס׳האַרץ איז איר אַנטפאַלן. זי האָט כסדר געלעבט מיט שלעכטע פאַרגעפילן. אין דעם פרייטיק פאַרנאַכט האָט זיך שוין אַליציע מער נישט דערוואָרט אויף אים. דערפאַר איז אומגעריכט אַריינגעפאַלן די יינגערע, רוטע. זינט ווען אַלע אומגליקן האָבן זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויפן הויז, האָט זי זיך שוין געריכט אויף אַלעם. זי האָט שוין געוווּסט, אַז מיט גוטנס, מיט געשרייען

וועט זי דער מויד נישט איינגעמען. אַרויסגעוואָרפענע רייד. וועגן יאַנעקן — איז אָפּגערעדט. די אַלטקייט האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט אויף איר. זי איז לייכט געוואָרן אויף טרערן. ס׳האָט איר דער עיקר ווי געטון די מויד. די קליינע רוטע איז ווידער ארומגעגאַנגען אין פאַרמאַכטן, מענערישן סוועטער, אין א קורטקע, אין בידעריקע לעטשלעך, די בלאָנדע טשופּרינע אין ווינט. וועגן אַלעם איבעריקן האָט זי שוין גאָרנישט געוואָלט פאַרן מויל ברענגען. מיטן שווארצן שאַל אויף די אַקסלען, איז אומגעריכט געלעגן אויף איר דער גאַנצער יידישער צער. זי האָט געקוקט אין אַ האַנט־דעכעלע, געזען פּלוצים ווי דאָס מיידל גייט איבער דער אַליי. ס׳האַרץ איז ביי איר שיעור נישט אַנטפאַלן. ס׳איז געווען אומגעווייַנלעך. ס׳איז שוין געווען נאָך ליכט־צינדן. פון די ווייטע און נאָנטע ווילעס צווישן די סאָסנעס האָבן שוין געהאַט אויפגעלויכטן די פלעמלעך פון שבת־ליכט. מ׳איז שוין לאַנג געגאַנגען פון דער פּאָר־לעצטער „קאָלייקע", וואָס איז סאַפּענדיק און שפּייענדיק מיט רויך, געקומען אָנצופאָרן פון דער ראַיענדיקער, ערב־שבתדיקער שטאָט. פון וואַנען דערנעמט זי זיך פּלוצים אַהער, די מויד און — נאָכוואָס ? זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט גלאַט אַזוי. זי איז געווען אין אַן אָפּגעטראָגן קליידל, רוטע, אַ פאַרשטויבטע, אָבער פול מיט געלעכטער אין אירע בלויע אויגן אונטערן לאָק, ווי קיינמאָל גאָרנישט. זי איז געווען אַ שטיק ברען; זי האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אַדאַמס קאָכעדיקער ענערגיע.

— רוטעשי... — האָט אַליציע שווער אַ לויף געגעבן פון די טרעפּלעך.

— דער טאַטע איז נישטאָ ? — האָט זיך רוטע פאַרזיכטיק ארומגעקוקט און איז די ערשטע, נאָך פריער ווי די מוטער, א גיי־געטון דורכן גאַניק אין שטוב אַריין — ווייסט ווער ס׳איז דאָ ? — האָט זי לאַכנדיק דערציילט דער מאַמען — יאַנעק...

— ווי אַזוי ? ...

— פרעג נישט. ר׳איז דאָ... אָבער קיינער דאַרף עס נישט צו וויסן...

— חלילה... ווו איז ער ? ...

— אין שטוב... ביי אונדז אין הויז...

און זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז רוטע האָט נאָך אַ שליסל צום הויז; זי קומט אַרויף אַזוי פּלוצים, ווי פּלוצים זי פאַרשווינדט. זי האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען. די איינינקלעך האָט אַליציע געלאָזן אויפן באַראַט פון דער פּוילישער דינסט און אַליין איז זי באַלד געלאָפן מיט דער טאָכטער כאַפּן די לעצטע „קאָלייקע".

ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעשאָקלט דורך די קליינע, אויסגעלאָשענע וואָקזאַלן אויף דער אָטוואָצקער ליניע. פון אומעטום האָבן דורך די שייבלעך אַרויסגעלויכטן שבת־ליכט. מיטן טראַמוויי נומער 12 זענען זיי פאַרפאָרן ביזן טעאַטער־פּלאַץ, צו דער קראָקעווער־פאָרשטאָט. די יידישע גאַסן האָבן אומגעווייַנלעך גערוישט אין דעם דעמפּיקן פרייטיק צו נאַכטס. אַדאַם, האָט זיך אַליציע איצט דערמאָנט, איז אויף דער סיים־דעבאַטע, וואָס איז עקסטרע אויף היינט פאַררופן געוואָרן. ער וועט אַוודאי אַהיימקומען שפּעט.

ערשט אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך אַדאַם קוים דורכגעגליטשט די קולוואַרן, פול מיט ראַיענדיקע רעדלעך, מיט זשורנאַליסטן, און מיטן לעצטן טראַמוויי, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן צו כאַפּן אין די יעראָזאַלימער אַלייען, האָט ער זיך צוריק־

געשאָקלט אהיים. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן דעם שטערן, אָבער די היץ האָט זיך פון אים מער נישט אָפּגעטון. איין זאַך איז קלאָר געווען — ס׳איז שוין מער גאָרנישט צו ראַטעווען. דאָס איז געווען איינע פון די לעצטע, אויסעראָרדנטלעכע דעבאַטעס. היטלער האָט געפּאָדערט דעם דורכגאַנג דורכן דאַנציקער קאָרידאָר. ער האָט געדראָט... דער פּולקאָווניק בעק האָט גערעדט האַלבע רייד און ס׳איז גאָרנישט געווען צו דרינגען פון זיי. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן צוגעזאָגט הילף; אָבער נאָכן „אַנשלוס״ פון עסטרייך, נאָך „מינכען״, נאָך טשעכן, האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט. ער האָט זיי גוט געקענט, די אַלע וועלף; ער האָט געוווסט אויף וואָס זיי זענען פעאיק. מ׳זעט דען נישט? נישט אין דאַנציקער קאָרידאָר גייט עס דאָרט, ס׳גייט וועגן פיל מער. מ׳האָט דען נישט געזען מיט אַ יאָר צוריק, אין מינכען, אַז ס׳פירט דערצו? אַזוי צעטראָגן, ווי ער איז געווען, האָט אַדאָם נאָך אַמאָל אַ טאַפּ געטון ביי זיך אין בוזעם־קעשענע דעם אויסלענדישן פּאַס מיט די וויזעס. ער האָט זיך געקליבן איבערמאָרגן באַלד באַגינען צו כאַפּן דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוג, צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין דער שווייץ, אין באַזעל. ער וועט זיי דאָרט אַליאַרמירן. זיי שפּילן זיך אפשר מיט אילוזיעס, אין דער צייט, ווען ס׳פייער דערנענטערט זיך...

ער האָט זיך נישט געכאַפּט, ווי דער טראַמוויי האָט שוין געהאַט דורכגעשניטן דעם האַלב־אויסגעלאָשענעם טעאַטער־פּלאַץ. ס׳איז געווען אַ דעמפּיקער יולי־אָוונט. די גאַסן זענען נאָך אַלץ געווען אומעוויינלעך באַלעבט. אַ געדיכט יידיש פאָלק האָט דאָ אַרום געגעסטיקט. בייטאָג איז נישט געווען מער מיט וואָס צו אָטעמען, אָבער אַרום האַלבער נאַכט איז געוואָרן אביסל לינדער. די היץ האָט זיך אָפּגעזעצט. אַ לעבלעכער טוי איז אַראָפּגעפאַלן אויף די אָנגעגליטע ווענט און שטיינער. אַ קליינע, פאַרוויטלטע לבנה איז אַרויס פון הינטער די שפּיציקע מויערן. ס׳איז נאָך אַלץ געווען א געגיי פון יונגע מענטשן איבער די טראָטואַרן; און ס׳איז אים, צוליב עפּעס, אויפגעשווומען דאָס בילד פון „ביינאַכט אויפן אלטן מאַרק״, ביי די „ווילנער״, די מיסטעריע פון יידן, פון אידייען.

ס׳איז אים מיטאַמאָל אַ גרויס רחמנות געווען אויף אָט די אַלע; ווען זיי וויסן כאָטש וואָס פאַראַ רוצחים עס לויערן אויף זיי; און ער אַליין האָט זיך אויך דערפילט מיט עפּעס מיטשולדיק. אלע האָבן מיר אפשר געזינדיקט קעגן די יידן פון די געוועלבלעך, פון די בתי־מדרשים, אַפילו פון די אומלעגאַלע פאַראיין־בערזעס. זיי שטורעמען, זיי קעמפן, זיי וועלן זיך אוודאי נישט לאָזן... ווער אָבער, פרעגט זיך, וועט זיך איינשטעלן פאַר זיי? צי וועלן זיי דען אַליין זיין בכוח?... אלע ווילן זיי, אָן שום ספק, פאַרקירעווען דאָס יידישע לעבן אין אַ ליכטיקער געסל. אָבער וועלכער וועג איז דער ריכטיקער? דאָ שטיקט מען זיך. נישטאָ מער קיין לופט צו אָטעמען. זאָלן יונגע מענטשן לויפן אין דער וועלט אַריין, אַבי נישט דאָ. ס׳איז קיין שום גוטס נישט צו דערוואַרטן. אפשר איז טאַקע הערצל אין אורשפּרונג גערעכט געווען מיטן אוגאַנדאַ־פּלאַן? הלוואי וואָלט געזיגט דער אוגאַנדאַ־פּלאַן, וואָלט אפשר ארץ־ישראל... און ער האָט שוין גאָר מער אַזוי ווייט נישט געוואָלט באַטראַכטן. זאָל זיין ביראָ־בידזשאַן... זאָל זיין עק וועלט... זאָל דאָס יונגוואַרג פאָרן, אַבי אַוועק פון דאַנען. זאָלן זיי צעאַקערן די ווילדעניש, די טייגע, זאָלן זיי אויפבויען א הויז, זאָלן זיי לעבן מיט אַן אייגן לעבן, ווייל — אַפילו ווען

מיר וועלן עס שוין יאָ — צי לאָזט מען אונדז דען לעבן מיט א פרעמד לעבן? צי האָט עס דען הערצלען אליין, דעם אַסימילירטן ווינער זשורנאַליסט, נישט צו־ריקגעטריבן צום פאָלק, ווען ר'איז געשטאַנען צווישן ווילדן המון און צוגעקוקט זיך, ווי מ'האָט דעם פראַנצויזישן קאַפּיטאַן דרייפוס אַרונטערגעריסן די עפּאָלעטן, דעגראַדירט, באַשפּיגן, גערופן „פאַררעטער", נישט צוליב עפּעס אנדערש, ווי נאָר ווייל ער איז געווען אַ ייד? ס'איז קלאָר. און די דייטשע יידן... וואָס איז פון זיי געוואָרן? מענדעלסאָן... די יידן־עמאַנציפּאַציע... די טעריטאָריאַליסטן און די אַלע איבעריקע דאָרט...

אין פינצטערן טויער האָט דער וואָנסיקער סטרוזש, אונטערן פאַרדראָטעוועטן לעמפּל, טיף געצויגן פאַר אים דאָס היטל מיטן גלאַנציקן דאַשיק, ווען אַדאַם האָט אים אָפּגעשטעקט אין דער האַנט אריין די פאָר גראָשן; באַלד דערנאָך האָט ער דערפילט אַ פאַרשטיקטן מורמל אים אין רוקן, איידער ער האָט זיך גענומען אויפהייבן מיט די שטיגן. ס'איז געווען אַ בעסערער הויף, אַ ריינלעכער; דאָ האָבן געוווינט באַנק־דירעקטאָרן, באַאַמטע. אויף איניקע פון זיי האָט ער געהאַט א חשד, אַז זיי באַדאַרפן אויך צו זיין יידן. די שורה פענצטער אויפן צווייטן שטאָק, האָט ער זיך פלוצים געכאַפּט, איז ליכטיק. ס'איז געווען אומגעווײנלעך. קיין סך צייט איז נישט פאַרבליבן ביזן זונטיק באַגינענדיקן צוג, וואָס האָט אים באַדאַרפט פירן איבער עסטרייך, צו דער שווייץ. צומאָרגנס האָט ער נאָך גערעכנט אַראָפּ־צוכאַפּן זיך צו אַליציען אויף דער ליניע. ער האָט נאָך אַמאָל אַ טאַפּ געטון אין בוזעם־קעשענע דעם פּאַס מיט די וויזעס. אַנשטאָט דער דינסט, וואָס איז גע־ווײנלעך געקומען אויפמאַכן די טיר, האָט אים אַליציע באַגעגנט אויף דער שוועל. ער האָט פּשוט אין אַלעם פאַרגעסן.

— רוטע איז דאָ... — האָט זי געשטאַמלט — ווען דו ווייסט, אַדאַמשי...

זי איז אים נאָכגעגאַנגען טריטוויז. וועגן יאַנעקן האָט זי גאָר מורא געהאַט אַ וואָרט צו דערמאָנען. די טרערן־קישעלעך זענען ביי איר אָנגעלאָפן; ס'איז מיטאַמאָל געווען אַ סך געעלטערטקייט אין איר שווערן באַוועגן זיך. פון אַלע זייטן האָט זי געליטן. זי האָט דעם מאַן נישט פאַרשטאַנען. זי האָט די קינדער מער נישט פאַרשטאַנען. ס'הויז איז פאַר אירע אויגן צעטראָגן געוואָרן. אַלע לויפן זיי אַרום איבער דער וועלט. אָבער דאָס מאָל האָט זי געהאַט שלעכטע פאָרגעפילן. זי האָט עס אים נישט באַלד געוואָלט אויסזאָגן, אַדאַמען, אַז יאַנעק געפינט זיך אין הויז. זי האָט אַלץ געוואָלט פאַרדעקן, פאַרשטעלן מיט אירע פּלייצעס.

אַדאַם האָט נאָך לאַנג געלאָזן ברענען דעם אַבאַזשור אויפן פול־אָנגעוואָר־פענעם טיש ביי זיך אין קאַבינעט. ער האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ. ער האָט אַפילו פאַרגעסן אַראָפּצונעמען דעם ברייט־ראַנדיקן הוט, פאַררוקט איבערן ני־דעריקן שטערן. אַליציע איז שטיינגעבליבן ביי דער האַלב־אויפגעמאַכטער טיר.

— אַדאַמשי... — האָט זי זיך שטיל אָפּגערופן — ס'ייִנגל... יאַנעק איז דאָ...

ער איז נישט געווען סענטימענטאַל, אדאַם, אויף א האָר נישט. ער האָט אַפילו אין די דערוואַקסענע קינדער שוין לאַנג אויפגעהערט צו זען בלויז קינ־דער, נאָר גלייכע מיט גלייכע. זיי זענען מענער מיט אַ שטאַרקן רוקנביין. זיי חייסן אַליין וואָס זיי ווילן! כאָטש דאָס האָט אים נישט געשטערט צו אינטער־ווענירן, דורך אַלע פּראָטעקציעס, ביי די גרעסטע אַדוואָקאַטן, אַרויסצוראַטעווען

צווערשט דעם זון, דערנאָך דער יינגערער, רוטען, פון די פרעמדע באַנדיטישע הענט. ביי אַלע קאָפּ־פאַרדרייעניש, איז אים יאַנעק נישט אַרויס פון זינען. וויפל זיך, סוף כל סוף, האָדעוועט מען אויף אין אַ לעבן ? ס׳האָט אים נאָר ווי געטון ס׳האַרץ — ער וועט פאַרלוירן גיין, דער לײדאַק, דער פלאַטער־קאָפּ. פון זיין שטודירן האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. אבי ער האָט געמיינט, אַז פאַריז וועט אים פאַרט אַביסל אויסניכטערן — די פרעמד, די ביטערע פרעמד. ווען ער כאַפּט זיך כאָטש אָן אין עפּעס, וואָס פירט יאָ ערגעץ אין אונדזער טרויעריקער ידישער רעאַליטעט. פון איין תפיסה אַרויס, אין דער אַנדערער אַריין. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט וויסן וו ער באַהאַלט זיך ערגעץ אויס. אָבער פון וואָס לעבט ער ? אַ פונקציאָנאַר... געזעלשאַפטלעכע קעסט איז ביטער, פירט צו פּאַראַזיטיזם. ער אַליין האָט אויך אַמאָל געווייכט דערפון.

— ווען איז ער געקומען ? — האָט ער געפרעגט קיל — כ׳האָב נאָך היינט אַ וועלט מיט קליינקייטן דורכצוקוקן. זונטיק האַלב־אַכט פרי גייט אָפּ דער צוג קיין ווין...

אַליציע האָט געהאַלטן ס׳טיכעלע ביי די אויגן, האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט און אומגעוויינלעך פלינק, ווי אַ מיידעלע, אַ לויף געגעבן דורך די טירן. אַ רגע שפּעטער איז פאַר אים אויסגעוואַקסן יאַנעק; ס׳קעלנערל אויפגעשטעלט, שלעכט געגאָלט, טאַקע ווי אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט. ס׳האָט זיך געטראָגן פון אים מיט היימלאָזיקייט. אַדאָם האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז יאַנעק איז גאָרנישט ענלעך צו קיינעם אין דער משפחה; אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער, מיט דין־געצייכנטע ליפּן, שאַרפע נאָז־פליגלען.

— מ׳האָט אונדז אָבער שיין דערפירט... — האָט ער זיך, מיט אַ קרעכצל, אויפגעשטעלט אַקעגנצוגיין דעם זון — אָנשטענדיק, אַ ?... נישטאָ וואָס צו זאָגן...

אויף די שפּיצן פינגער איז יאַנעק פאַרזיכטיק צו, טיפער פאַרצויגן די פאָר־האַנגען איבערן פענצטער, אַראָפּגעדרייט דעם גרויסן לאָמפּ און דאָס לאַנגע צימער מיט די ביכער־פּאָליצעס, מיטן שווערן שרייב־טיש, איז געבליבן האַלב אין שאָטן פון דיסקרעטן ליכט אונטערן אַבאַזשור. ער האָט אַ נעם געטון פון טיש דעם פּאַטערס זילבערנעם פּאַרטסיגאַר, פאַרויכערט, רואיק, ווי קיינמאָל גאָר־נישט, צוזעצנדיק זיך אויפן אָנלען, האַרט לעבן פּאָטער, האָט ער אַביסל הפקרדיק געגומען בלאָזן פון זיך דעם רויך אין סופיט אַריין.

— כ׳ווייס נאָך נישט — האָט ער זיך דערנאָך אָפּגערופן — צי מיר זענען איצט באַלד שוין באַרופן צו משפּטן די גרויסע געשיכטלעכע קערן... ס׳וועט לאַכן דער, וואָס וועט לאַכן דער לעצטער...

— די פראַזן... — האָט אַדאָם אַ שטרעק געטון דאָס פאַרעקשנטע בערדעלע און אָנגעקוקט דעם זון מיט אַ בליק, אין וועלכן ס׳איז געווען מער צערודערונג, ווי כעס; ער האָט אוועקגעמאַכט — מיך אַליין האָבן די פראַזן אויך אַמאָל פאַר־פירט, יינגלעריש פאַרפירט. אַ גאַנץ לעבן ווי כ׳פאַרנעם זיך — מיט פראַזן... וואָס וועט אָבער זיין מיט מיינע יידן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו מיר, געגלויבט מיינע רייד ? כ׳פיל, ווי איך וואָלט זיי אָפּגענאַרט ! אָבער דו... איר... צי האָט איר אויך אַמאָל נישט, פרעגט זיך, אָפּגענאַרט די יידן ? כ׳מיין, די פּשוטע

יידן, וואָס גלויבן... די אַרבעטער פון די קעלערן און בוידעם־שטיבלעך. איך רעספּעקטיר, ווייסטו, אייער פאַרביטערטן קאַמף פאַר א ווירדיק לעבן פון פרייע מענטשן. זאָג, ביסט כאָטש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי ? — האָט ער שאַרף אויסגעשטרעקט דעם ווייז־פינגער און ס׳צעשויבערטע בערדל.

— מיר קוקן אַביסל ווייטער... — האָט יאַנעק רואיק דעררויכערט דעם פּאַפּיראָס, לאַנגזאַם צעקוועטשט אים צווישן די פינגער — דער פּראָלעטאַריאַט... דאָס פאָלק... כ׳האָב בכלל געגומען צוויפלען אין יידישן פּראָלעטאַריאַט... די בייטל־מאַכערס... די שטעקעלע־מאַכערס... די מאַכערס...

— כ׳האָב מורא, אַז ביסט זיך טועה, יאַנעק. כ׳זאָל קיין ליגנער נישט בלייבן. דיין טאַטע איז טאַקע אַ קליינבירגער... אַ בירגערלעכער זשורנאַליסט... אַ וואָס־אין־דער־קאַרט... פּראַזן ! פּראַזן ! — האָט עס אים אונטערגעהויבן.

ער האָט אָפּגעהאַקט, אַ מאַך אוועק געטון מיט דער בלייכער האַנט. ניין, זיי האָבן קיין געמיינזאַמע שפּראַך נישט פאַרמאָגט, דער פאָטער מיטן זון. ער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען — ווען מען האָב איך אויפגעהאָדעוועט ? אַלע טעאַריעס פון ווינט, פון עקזיסטענצלאָזיקייט האָבן זיך אריינגעריסן אין מיין הויז...

— ווו זשע איז ער, דיין פּוילישער פּראָלעטאַריאַט ? — האָט ער זיך אומגעדרייט — איז דאָך שוין באַלד טרויעריק געגרעכט דער מיניסטער, דער אַנטיסעמיט, אַז... נישט אַלע יידן זענען קאָמוניסטן, אָבער אַלע קאָמוניסטן זענען — יידן... ס׳איז אפשר אביסל איבערגעטריבן, אָבער, ליידער, נישט ווייט פון אמת. פון וואנען ס׳נעמט זיך, דאַרפסטו ביי מ י ר פרעגן, ווייל א י ך קען דעם גאַנג פון יידן אויף דער דאָזיקער ערד. האָסט עס אָבער נישט געוואָלט קענען! וואָס, זאָג מיר, האָט זיך דען, אין גרונט, געענדערט פון שמד ביז — אַסימילאַציע ? די פאָלקס־פיינטלעכע, די עגאָאיסטישע, וואָס אַנטלויפט פון דער טרינקענדיקער שיף ווי די מייז... ווייל ס׳האַנדלט זיך נאָך אַלץ אין ראַטעווען, מיין יינגל — האָט זיך דעם פאָטערס שטים געבראָכן — מ׳דאַרף ראַטעווען! מיר זענען דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד, אַ פאָלק, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן עס נישט. אפילו די ציוניסטן זענען מיר נישט מוחל דערפאַר. נישט קיין ראַסע זענען מיר, נישט קיין מיסטעריע, נישט קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייט, נאָר — פאָלק! דאָס פּויליש־רוסיש־ליטווישע יידנטום! אַוודאי — נישט קיין נאָרמאַל פאָלק. ביי די ברעגן פון דער ווייסל, פון דניעפּער, פון ניעמען האָבן מיר לאַנגע יאָרהונדערטער שווער געצויגן די חיונה און געבויט אַ גרויס גייסטיק לעבן. מ׳האָט אונדז אויסגעראָטן, פאַרטיליקט, אויסגעריסן מיטן וואָרצל, אָבער מיר לעבן און וועלן לעבן. די פרידלעכע פעלקערגעמיינשאַפט, אויב אַזאַ וועט אַמאָל קומען, האָט מפיל געווען מיט א גרויס קולטור־פאָלק מיט מינדעסטנס דרייסיק מיליאָן, ווען מען לאָזט אונדז לעבן...

ער האָט מער גאָרנישט געפרעגט, אדאם. ער האָט גוט געוווסט, אַז די פּאַרטיי אין פּוילן איז אויפגעלייזט. ער האָט באַלד יאַנעקן חושד געווען, אַז זיין באַוויזן זיך איז נישט אומזיסט. די טראַגעדיע שפּאַניע איז געווען פאַרענדיקט, טרויעריק פאַרענדיקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלע צופעליקייטן האָבן מסתמא ערגעצווו אַ שייכות. ווער ווייס אין וואָס פאַרא ליידיקייט אַריין מיר גייען ? אָבער נאָכוואָס איז ער ווידער געקומען אַנצולויפן איבער געפערלעכע גרענעצן, גלייך דעם וואָלף אין פּיסק אַריין ? דווקא איצט. ס׳איז שוין לאַנג שטיל געווען אין הויז.

ער אליין איז לעצטנס אויך אַלץ מער געווען אויפן אויג ביי דער פּאָליציי. מ׳האָט אים דיסקרעט געוואָרנט. אַ פינצטערער וואָלקן רוקט זיך אָן. ווידער וועט עס אויסגיין צו אונדזערע קעפּ. יאַנעק איז שוין נישט קיין קינד. וואָלט ער כאָטש, דער ליידאַק, זיין ענערגיע אָוועקגעגעבן פאַר יידן־וועגן. אָבער אין זיין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט ווערט עפּעס גאָרנישט גערעדט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט, וועגן יידן; אין דער צייט ווען וועגן אַלע אַנדערע רעדט זיך קאָנקרעט וועגן — פאָלק. אָבער צי האָט מען דען אין גרונט געקענט זיין קעגן זייער קאַמף ? זיי זענען צו אָפט געדעכט געווען אין זייער פאַרביסענעם געראַנגל קעגן אָט דער רוצחישער וועלט. אָבער נאָכוואָס איז ער געקומען ? וואָס דרייט ער זיך דאָ ארום ?

ס׳איז קיין סך צייט נישט פאַרבליבן. באַלד וועט מען זיך דאַרפן נעמען פּאַקן אין וועג אַריין. זייטיק אומגעדרייט, האָט ער באַמערקט, ווי אַליציע איז שטיינ־געבליבן אין דער טיר. ס׳איז געווען שאַרפע צערודערונג אין איר בליק. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען מיטאַמאָל אויך דער ייִנגסטער, רוטען; און ס׳מיידל האָט אים פּלוצים אַ דערמאָן געגעבן אַליציען — פון יענע ווייטע יאָרן, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל געבערענגט אין „הזמיר״... פרץ... די פּריליטיק־צונאָכטסן... די הייסע דיסקוסיעס און די פאַרבענקטע פאָלקס־לידער... ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, אונטער פּרעמדע, מיסטישע שטערן, ווען שאָטנס פון אַי־דייען האָבן זיך געראַנגלט...

אַצינד איז ס׳הויז צעטראָגן. צום קאָנגרעס אין באַזעל האָט עס אים געטריבן. ס׳איז כמו א יידישער וועלט־פּאַרלאַמענט. מען דאַרף פאָרן וואָרענען, איינרייסן. ער האָט זיך אָבער פאַרגענומען, אַז ווי נאָר ער קומט אהיים, נעמט ער אליציען מיט די קינדער און פאָרט ארויס אין אַ שטיל ווינקל, ערגעץ ווייט, אין די ווייסרוסישע וועלדער, צו זיינע אַמאָליקע היימישן קאָנטן. דער פאַרגעפיל האָט אים אָבער אונטערגעזאָגט — וואָס ווייטער פון דער דייטשער גרענעץ. פון דאָרט וועט זיך סוף כל סוף אָנהייבן ס׳אומגליק. ער האָט זיך לאַנג געשיבעט : פאָרן, צי נישט פאָרן ? ניין, ער מוז פאָרן. ס׳איז נאָך נישט עק וועלט. איצט רעדן זיי שטאַר־קע רייד, רידז און בעק... זיי מאַרשירן אויף קאָוונע... זיי כאַפּן אַ ברעקל טשעכן, די פחדנים... אָבער פאַרוואָס קוקן זיי אַלע אויף אים אַזוי ?

— נאָכוואָס, אייגנטלעך, ביסטו געקומען ? — האָט ער זיך שאַרף אומגעדרייט צו יאַנעקן.

— כ׳טאָר דאָ מער נישט בלייבן... — האָט זיך יאַנעק שטיל אָפּגערופן — ס׳האַנדלט זיך נישט, פאַרשטייסטו דאָך, אין מיר פּערזענלעך... כ׳ווייס, אַז דו גרייטסט זיך אין וועג אַריין... מ׳וואָלט דעם פּאַס דיינעם לייכט געקענט ענדערן... איבערמעקן... כ׳מוז אַוועק...

— דאָס נישט! — האָט זיך אַדאַם געכאַפּט, אויפגעשטעלט זיך און גענומען שפּאַנען איבערן קאַבינעט — כ׳וויל דיך העלפן... אָבער ביי מיר זענען אַלע יידן וויכטיקער! כ׳פאָר אין שליחות פון יידישע ענינים. ביי אַן אַנדער געלעגנ־הייט וואָלט איך אפילו קיין רגע נישט געטראַכט...

— אַדאַם... — איז אַליציע אַ טרעט געטון נענטער — אפשר קען מען פאָרט זען...

— ניין! — האָט ער איבערגעחזרט שטיל און זיכער.
און אַלע האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז ער זאָגט „ניין“, וועט אים קיינער אין דער וועלט נישט איבערשפּאַרן, דעם ביטערן עקשן.

## קאַפּיטל צוויי

איין אומגליק נאָכן אַנדערן האָט זיך אין יענע פּאָר יאָר אַראָפּגעלאָזן אויפן הויז. אַזוי קיל, ניכטער, ווי אַדאָם נאַטאַנזאָן האָט שטענדיק פאַראויסגעפּילט די שטורעמס, וואָס דערנענטערן זיך, אַזוי האָט ער אָבער נישט פאַראויסגעזען די שטורעמס און אומגליקן אין זיין אייגן הויז. ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אויך די אייגענע קינדער זיינע גייען אַוועק פון אים, גייען אויף קרומע דרכים, וואָס פירן נישט אין ערגעץ, אַז אפילו ס׳אייגענע ווייב... איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט פונדעסטוועגן עטלעכע מאָל געפּרוווט איבערצורעדן דערוועגן מיט אַלי־ציען, אָבער אויך מיטן אייגענעם ווייב איז ער נישט געקומען צו קיין טאָלק. זי איז די לעצטע צייט געוואָרן שווערלעכער אויף די פיס און לייכט אויף טרערן; פרעמדע רייד זענען מיטאַמאָל געווען אין איר מויל; כאָטש אין זיינע אויגן איז זי, דוכט זיך, יינגער געוואָרן. ער האָט מער נישט געוואָלט אַריינקלערן. ס׳האָט אָבער ווי געטון, ס׳האָט שטאַרק ווי געטון פאַר אַלץ. ער האָט אַ בערשטל גע־געבן ס׳קורצע, שאַרפע קלין־בערדל, אַ מאַך אַוועק געטון מיט דער האַנט, ווי זיין טבע, באַלד אין אַלעם פאַרגעסן. אַן אומגעוויינלעכער אימפּעט האָט אים נאָך אַלץ כסדר געטראָגן. ס׳איז אין יענע לעצטע יאָרן געווען אַזוי פיל צו טון, אַזוי פיל אַרבעט אַוועקצולייגן.

דער טיפער אַרבעטס־קאַבינעט — באַהאַנגען מיט בילדער אין שווערע, גע־גילדטע ראַמען, קויל־צייכענונגען, געהאַמערטע בלעכן, איינגעקויפט ביי די אָרע־מע יידישע מאַלער, גראַפיקער, מעטאַלאָפּלאַסטיקער; אַלע ווענט, פון אויבן ביז אַראָפּ, באַשטעלט מיט פאָליצעס ביכער, אַלע פענצטער צו דער זון — האָט פריי־לעך אויפגעלעבט, ווען אַדאָם האָט זיך אינמיטן פון אַלע גראַטשקעס אַוועקגע־כאַפּט אַמאָל אויף אַ פּאָר טעג, יום־טובים־צייט, אָדער אין א חול־המועד. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע קאָפּ־פאַרדרייעניש, אַלע רייזעס און איז גע־בליבן זיצן אין דער היים. ער האָט מער אָפּילו נישט געוואָלט צוגיין צום טע־לעפאָן. ארויפגעכאַפּט אויף זיך דעם האַריקן שטוב־כאַלאַט, האָט ער אין אַזאַ זו־ניקן פרימאָרגן לאַנג און אויפגעלייגט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן לאַנגן, טיפן קאַבינעט מיט אַ זשומענדיק ניגונדל צווישן די ציין. ער האָט גאָרנישט גע־ווּסט צו וואָס פריער זיך צו כאַפּן. דער אייביקער אומרו, דער אימפּעט האָט אים געטראָגן. אַ נידעריקער, א פולבלעכער, מיט אַ שטיקל בייכל, דאָס גרוילעכע

בערדעלע פאַריסן, איז ער מיטאַמאָל צו, אַרויסגעצויגן אַ דין בענדל פּאָעזיע פון צווישן די ספרים־שרענק, אַ בלעטער־געטון דאָס שלעכט־באַדרוקטע פּאַפּיר, לאַנג געשאָקלט פאַר־זיך מיטן קאָפּ, געצמאָקעט מיט די פולע, רויטע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט נאָך אַ געשמאַקן נאַש — איי.. איי.. שיין... שיין... קיינער וואָלט עס אפשר נישט געגלויבט, אַז אַדאָם נאַטאַנזאָן, אַזוי אייביק פאַרפּאָרעט אין וואָכע־דיקע געשעפטן, אין פּאָליטיק, אין קהלשע ענינים, האָט אין דער שטיל אייפעריק נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער יונגער יידישער דיכטונג אין פוילן; ער האָט נאָכגעפאָלגט דעם פּולס פון אַ דערשטיקט פאָלק, וואָס וויל לעבן און גאַרט נאָך גרויסער שיינקייט, פּשוט — נאָך אַ נאָרמאַל לעבן אויף דער ערד.

זיי האָבן דאָ אָפט געקלונגען אין זיין טיר, די תמימותדיקע, בלייכע, פאַר־הונגערטע יונגעלייט אין די צעקנייטשטע מאַרינאַרקעלעך, שלעכט אַרומגעגאָלט. ער האָט זיי אויפגענומען ברייט, פּאַטערלעך, קאָלעגיאַל, מיט אַלע כבודן, האָבן געמעגט זיין די גרעסטע גראַטשקעס ביי אים, האָבן געמעגט וואַרטן וויכטיקע מענטשן אין פּאָדער־צימער. ער האָט זיי געהאָלפן מיט ראַט און טאַט. אַמאָל האָט ער אַפילו איינעם פון די בלייכע יונגעלייט דיסקרעט אָפּגעשטעקט עטלעכע פּאַ־פּירלעך אין קעשענע אַריין; ווי ער וואָלט זיך נאָכאַנאַנד געפילט פאַרשולדיקט קעגנאיבער זיי. די פּאָליטיק, די סיים־דעבאַטן, די וויכטיקע אַרויסזאָגונגען פון אַ מיניסטער — ער האָט אין אַלעם פאַרגעסן; פאַר אַ בלעטל יידישע דיכטונג, דער אידעלער טוי פון אַ לעכצנדיקן, דערשטיקטן דור, וואָס פלאַטערט צווישן טרוים און אומברחמנותדיקער רעאַליטעט, האָט ער אַלץ אַוועקגעמאַכט. וועגן וואָס האָט זיך אין יענע יאָרן געשריבן אין די דינע ביכלעך אויף שלעכטן, האַרטלעכן פּאַ־פּיר פון די הונגעריקע יידישע פּאָעטן אין פוילן ? סיי ביי די ראַדיקאַלע, סיי ביי די ליריקער, סיי ביי די רעליגיעז־פאַרדבקעטע — האָט ער אַרויסגעפילט אָט דעם גרויסן געשריי פון אַ דערשטיקטן דור.

אַליציע האָט שוין אָבער געקענט זיינע שטילע, נישט־דרייסטע געסט, די שעמעוודיקע יונגעלייט אין די אָפּגעטראָגענע מאַרינאַרקעלעך. זיי זענען פאַר־זיכטיק געקומען אָנקלאַפּן אין דער טיר, שטיינגעבליבן אין קאָרידאָר, לאַנג גע־ריבן די פיס אין טרעטער. זי האָט אַליין אַריינגעטראָגן צו אַדאָמען אין קאַבי־נעט און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש כיבוד אין אַ קליאָשל, אַריינגעטראָגן אַ גלאָז טיי. אַדאָם, אַ פריילעך־אויפגעלעבטער, האָט נישט פאַרפעלט פאַרצושטעלן זיינע געסט פאַר אַליציען :

— באַקען זיך... דאָס, זאָלסטו וויסן, איז די קרוין פון אונדזער שיינער יידישער דיכטונג...

דער יונגערמאַן האָט זיך גערויטלט, אָפּגעשטעקט אַ ווייכע האַנט. פון די אונטערשטע באַהאַלטענע פאַכעלעך, קאַמאָדעס און שופלאָדן ביי אים אין קאַבי־נעט האָט אַדאָם שוין באַצייטנס געהאַט אַרויסגעצויגן אַ זעלטענע פלאַש וויין, אַ פאַרשטויבטע, ווי פון אַ קעלער. דער פייערלעכער ווייַן אין די גלעזלעך האָט צעוואָרעמט די געמיטער. דווקא ביי זיי, ביי די סאַמע הונגעריקסטע, האָט ער גע־וואָלט דערגיין — ווו האַלטן מיר ערגעץ אין דער וועלט ? זיי זענען געווען הי־פּער־פּילבאַר, ווי לונאַטיקער, ווי היץ־קראַנקע. די בלויע אָדערלעך אויף זייערע שלייפן, אויף זייערע דינע, בלייכע הענט זענען געווען אָנגעצויגן ווי סטרונעס;

ס׳האָט געשלאָגן פון זיי מיט אַ קראַנקער וואַרעמקייט; זייער הונגעריקער בליק האָט אומרואיק געגישטערט. זיי האָבן מאָדנע פּאַראויסגעפילט אַלע שטורעמס.

אָדער אַדאָם האָט זיך גאָר אינמיטן דערינען אויפגעהויבן און אַריבערגע־כאַפּט זיך אין פּאַראייַן אַריין, אויף דער טלאָמאַצקע. שוין לאַנג, אַז ער האָט זיך אָהין נישט אַרויפגעוויזן. די גאַבעלינען פון לאַנגן זאַל זענען פאַר דער צייט גע־וואָרן נאָכמער אָפּגעבליאַקעוועט, פאַרשטויבט. עטלעכע לעמפּ האָבן מער נישט געברענט; די נידעריקע בינע, אין דער טיף זאַל, איז געלעגן האַלב אין פינצ־טערניש. די בלייכע יונגעלייט האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די ווינקלען, הייס גע־שמועסט צווישן זיך. די דיקלעכע אויפזעערין פון קלוב, פרוי גייער, האָט אים נאָכגעשפּאַנט טריטוויז, ווי אַ סאָלדאַט, מיט די הענט אין די וועסטל־קעשענעס, געשמייכלט מיט אַלע פּאַרנטיקע גילדערנע ציין אירע, דערפילט זיך זייער וויכ־טיק פון אַזאַ געהויבענעם גאַסט. אַדאָם האָט זיך פאַרהאַלטן ביים בופעט אין פּאָ־דער־זאַל. אַ דאַר מיידל מיט בלעטערלעך אויף דער פאַרשפּיצטער גאָמבקע, איז געזעסן הינטערן בופעט. דער גראָבער, שוואַרצע קאָטער האָט געדרעמלט אויפן גלאָז־שענקל, ווו אינעווייניק, אויף אַ לענגלעכן טעלער, איז געלעגן אַ צעשניטע־נער הערינג, אָנגעשטאָכן מיט שוועבעלעך. די יונגעלייט האָבן זיך געדרייט אַרום בופעט, אַלץ געשלונגען מיט הייסע אויגן. אַדאָם האָט באַשטעלט טיי, קיכעלעך, האָט זיך ברייט באַזעצט ביים קאַכלנעם אויוון אין זאַל און האָט אַלעמען פאַרבעטן צום טישל.

ס׳איז דאָ מער נישט געווען ווי אַמאָל, מיט אַ יאָר צען־פופצן צוריק, ווען דער קליינער, פּקחותדיקער ה. ד. נאָמבערג האָט זיך אומרואיק געדרייט איבערן זאַל, אומעטום פאַרשאָטן מיטן אַש פון די נישט־דעררויכערטע פּאַפּיראָסן, פאַר־קאָכט אין הייסע דיסקוסיעס, אין שאָך־שפּיל; ווען די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט געמאַכט גוטע געשעפטן; ווען די יידישע גאַס הינטערן פענצטער האָט גע־רוישט מיט נייע, יונגע אידייען. דער עולם פון דאַנען איז זיך צעביסלעך פונאַנ־דערגעקראָכן. דער עלטערער דור איז אויסגעשטאָרבן. אַצינד האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט די אונטערגעוואַקסענע. זיי האָבן געשטורעמט און — ס׳איז עפּעס קיין שטורעם נישט געווען; מ׳איז אַלעמאָל שטעקן־געבליבן צווישן די אייגענע עט־לעכע אָרעמע, דערדריקטע יידן. ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי מ׳זאָל די „בודע" אינגאַנצן שליסן. ס׳איז נישט געווען פון וואָס צו צאָלן קיין דירה־געלט, פאַר דער עלעקטרי, פאַרן טעלעפאָן. אַדאָם האָט מרעיש עולם געווען, איז אַרומגעלאָפן אין אַלע רעדאַקציעס און מ׳האָט אָפּגעשריגן דעם גזר. ער האָט געהאָלפן די אָרעמע מחברים אַרויסגעבן אַ ביכל, דערמוטיקט זיי ביים אויסטיילן דעם יערלעכן פּרעז־פרייז, איינגעשאַפן זיי צוביסלעך אַרבעט ביי קאָרעקטור אין אַ צייטונג, מיטאָגן אין דער קהילה־קיך אויף דער לעשנע. זיין טיר איז געשטאַנען אָפן פאַר אַלע־מען. צו אים האָבן געהאַלטן אין איין גיין פאַרשידענע סאָרטן יידן פון דער פּראָ־ווינץ, גאָט־זוכער, אַפּיקורסים, קאַליע־געוואָרענע ישיבה־בחורים, מחברים, אַפי־לו כיטרע מיסיאָנערן, אָרעמע קינסטלער, וואָס זוכן צו פאַרהאַנדלען אַ לייוונט פאַר אַ מיטאָג.

— איר שטאַמט נישט אַמאָל פון אַ שטעטל, אַזוי אָן ערך צווישן לובלין, וולאָדאַווע און בריסק ?... — האָט ער איינעם אַזאַ פּראָווינצער ייד פּלוצים אי־

בערגעהאַקט אין מיטן דעם גאַנצן שטראָם רייד.

— פון וואַנען ווייסט איר ?... — האָט אים יענער אָנגעקוקט מיט חידוש.

— לויט אייער דיאַלעקט... ס׳הייסט, לויט אייער לשון, באַדאַרפט איר אַוודאי צו שטאַמען אַן ערך פון יענע מקומות...

ווייל ביי אַלע זיינע קאָפּ־פאַרדרייעניש, איז אַדאָם שטאַרק פאַרקאַכט געווען אין יידישער פילאָלאָגיע, געקענט אַלע איבערגאַנג־דיאַלעקטן פון דער גרויסער יידישער פּראָווינץ, איז געשווומען אין ים פון יידישן פאָלקלאָר. אינמיטן דערינען האָט זיך גאָר אויפגעהויבן און אַריבערגעכאַפּט זיך אויף אַ פּאָר טעג אין דער אַלטער ירושלים דליטא צו אַ פּלענום וועגן שפּראַך, גראַמאַטיק, סינטאַקסיס, פּראָבלעמען פון יידישן אויסלייג, אויף דער ספּעציעלער סעסיע ביים אַספּיראַנטורן־קרייז אין ייוו״אָ. ער איז דאָרט אויפגעטרעטן מיט טעזן, פאָרשלאָגן, לינגווויסטישע באַמערקונגען. דאָרט האָט ער געהאַט האַרציקע גוטע פריינד נאָך פון אַמאָל, טייערע ליטווישע יידן, עקשנים, יידן מיט אַ געזונטן ישוב־הדעת, מיט אַ גראָדן, קילן שכל. זיי האָבן געגראָבן אין דער טיף און גאָרנישט געוואָלט זען די געפאַרן, וואָס לויערן הינטער זייערע פּלייצעס. זיי זענען געווען גרויסע מאמינים און אַדאָם האָט זיי נישט געוואָלט אַזויפיל שווער מאַכן דאָס האַרץ.

ס׳איז שוין אָבער באַלד מער פּאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז אין הויז ביי אַדאָם נאַטאַנזאָנען איז צווישן מאַן און ווייב אָנגעגאַנגען אַ שטילע צאַנקערייניש, חלילה, דערפאַר, ווייל ס׳האָט אַליציען וועןס׳איז עפּעס געפעלט ביי אים, אין אַלט־איינגעפונדעוועטן הויז, ווען זיי האָבן נאָך געוווינט אויף דער עלעקטאָראַלנע; צי זיי האָבן זיך, נאָך אַזאַ לאַנג צוזאַמענלעבן, מער נישט גערן געהאַט, אָדער אַ דריטע פּערזאָן איז געקומען אַריינמישן זיך, צעשטערט דעם שלום־בית, ווי ס׳טרעפט אין אַזעלכע הייזער. ניין. אַ פּריציש־שלאַנקע, איז אַליציע, וועלכע האָט לייכט און באַוועגלעך געטראָגן אירע פופציק יאָר, נאָך אַלץ נאָכגעגאַנגען אַדאַמען מיט שטילע טריט. זי איז אים געווען אַ גוט ווייב, האָט אים אויפגעהאָדעוועט צוויי טעכטער מיט אַ זון; מיט פלאַטער אָפּגעוואָרט זיינע קליינע, פּעסטע, אומגעדולדיקע שפּרייזן, ווען ער איז שפּעט אריינגעפאַלן אין הויז אַריין פון זיין פאַריאָגט לעבן אין די רעדאַקציעס, אין די סיים־קולואַרן, אָדער ווען ער איז געקומען אָנצופאָרן פון זיינע אָפטע רייזעס אין אויסלאַנד, אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן. זי האָט אים גערן געהאַט אַזאַ ווי ער איז, מיט זיין עקשנות, אַפילו מיט זיינע משוגעתן, מיט זיין אייביק אַרומפליען איבער דער וועלט. ווען די קינדער זענען געווען קליין, מ׳איז אַליין אויך געווען ייִנגער און פלינקער, איז זי נאָך אַמאָל מיטגעגאַנגען מיט אים; אָבער מערסטנס איז זי אָפּגעלעגן ביי דער שוועסטער אירענע, אַרומגעלאָפן מיט איר איבער די געשעפטן, אָפּגעזעסן אין דער באַרימטער פּוילישער באַהעמען־קאַפע, אין „זשעמיאַנסקע״. די שוועסטער האָט זיך יאָרן לאַנג אַרומגעפירט מיט אַ פּוילישן אָפיציר, געפירט אַ מין סאַלאָן ביי זיך, אויף דער קרולעווסקע, און האָט אײדל אונטערגעקרומט מיט דער נאָז אויף די יידן, די „כאַלאַציאַזשעס״. אַצינד, ווען די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, צעלאָפן זיך פון הויז, איז אַליציע פאַרבליבן איינע אַליין אין די גרויסע, ליידיקע שטובן, טעג, אָוונטן, וואָכן צוזאַמען מיט דער אַלטער דינסט. ס׳איז קיין שלום־בית לעצטנס נישט געווען צווישן זיי, און אַלץ איבער די קינ־

דער, איבער די גענג זייערע; און אפשר נישט בלויז צוליב די קינדער ? זי האָט זיך מיטאַמאָל, אין דעם קריטישן עלטער, דערפילט ווי אַן איבעריקע, ווייט פוןביידע וועלטן, סיי פון די קינדער, סיי פון אַדאַמען; טאַקע ווי אַ הון, וואָס איז אויסגעזעסן קאַטשקעלעך און די קאַטשקעלעך זענען אָוועקגעשווומען אויפן וואַסער. זי האָט קיינמאָל — האָט זי זיך געכאַפּט — נישט געהאַט צופיל פון וואָס צו שמועסן מיטן מאַן. זיין וועלט, זיין יידישע וועלט, איז געווען ווייט פון איר. און אַדאַם ? ער האָט דען געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט ?

ער איז געווען נישט קיין הויכער, אַ ברייטלעכער. די שוואַרצע, געדיכטע רבנישע ברעמען האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט פון זיין שיינעם ענערגישן קאָפּ מיטן קליין־בערדל, פאַרשניצט ווי אַ בלייפעדער. געוועזענער דעפּוטאַט פון דער פאָלקס־פאַרטיי, איז ער אין די לעצטע יאָרן געווען אָפיציעלער דיפּלאָמאַטישער קאָרעספּאָנדענט אין סיים, שליח פון גרויסע יידישע און פויליש־יידישע צייטונגען אויף אַלע וויכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע אימפּרעזעס. זיין שלאַגנדיק וואָרט איז געווען מאָסגעבנדיק, איז אָפט ציטירט געוואָרן סיי פון יידן, סיי פון פּאָליאַקן, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס. דאָס, וואָס אַלע האָבן געוווּסט, האָט ער אַלעמאָל געוווּסט מיט אַ קליין ביסעלע מער.

פריער, ווען די קינדער זענען קליין געווען, האָט אַדאַם גאָר קיינמאָל קיין מינוט נישט געקענט אָפּרייסן, אַריינצוקוקן אַמאָל אין זייערס אַ העפט; איבערגעלאָזן זיי מיט אַלץ און אַלעם אויף אַליציען, אויף די דינסטן, אויף די גוווערנאַנטקעס אין הויז. זיין פּאַרטוענקייט אין יידישע תוך־זאַכן איז אָבער קיינמאָל נישט אַריבער די שוועל פון זיין קאַבינעט. דאָרט, אין די ווייטערע שטיבן, איז געווען דער איינפלוס פון אַליציען, פון דער מומע אירענע, פון די דיקשטיינס. אַליציע האָט דערצויגן די קינדער ווי זי האָט עס צוגעזען אין די הייזער פון איר גראַד. אָבער אין די עטלעכע און צוואַנציקער יאָרן, ווען ביידע מיידלעך מיטן ייִנגל האָבן אומגעריכט געטון אַ וואַקס אונטער, מ׳האָט באַצייטנס באַדאַרפט בעמען זאָרגן וועגן אַ תכלית פאַר זיי, האָט ער זיך פלוצים געכאַפּט, אַדאַם, אַז ער האָט אין זיין אייגן הויז אויפגעהאָדעוועט אַ פרעמדן דור, מיט פרעמדע זיטן, פרעמדע פירונגען, מיט אַ פרעמד לשון אין זייער מויל. ס׳האָט אים ווי געטון. ער האָט געפּרווט איבעררעדן מיט אַליציען, אייגטענהן, אַפילו שרייען. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. מיט אַ פּלוצימדיקן נייגער, ווי צום סאַמע ערשטן מאָל, האָט ער אַ באַקוק געטון דאָס אויפגעשאָסענע ייִנגל, יאַנעקן, ווי ער צעשפּאַרט די קורצע, קינדערישע הייזלעך, ווי ס׳רעקל פּלאַצט אויף אים אין די נעט, ווי דער יונגער פּוך שפּראָצט אויף זיין אויבערשטער ליפּ. ער האָט האַסטיק אַ גלעט געטון דאָס שאַרפע, גרוי־ווערנדיקע קליין־בערדל, אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע פּאַטערלעכע האַנט אויפן אַקסל ביים ייִנגל :

— מיט וואָס, יאַנעקל, ווילסטו זיך פאַרנעמען נאָך דער שול ?

דאָס איבערגעוואַקסענע ייִנגל האָט עפּעס געשטאַמלט מיט אַ געשפּאָלטענער שטים, ווי אַ קריי, איז פלוצים רויט געוואָרן, נישט געוווּסט געגנוי וואָס צו ענטפערן דעם פּאָטער; דערפאַר אָבער האָט אַליציע, וואָס איז געשטאַנען דערביי, געוווּסט צו ענטפערן, אַז ער וויל שטודירן יורי.

— זאָל ער פון מיינעטוועגן ווערן אַן אַדוואָקאַט... — האָט ער זיך דערמאָנט

וואָס ס׳איז, נאָך אַלעמען, אַרויסגעקומען פון זיין אייגענעם שטודירן — אָבער פאַרוואָס, זאָג מיר, האָט ער נישט געקענט ענדיקן כאָטש אַ יידישע שול... ווי אַלע יידישע קינדער ?

— ביסט אַזוי פאַרקאָכט מיט דיינע יידן... — האָט אַליציע דאָס מאָל גע־וואָגט — האָסט זיך דען אַמאָל אינטערעסירט מיט די קינדער ?...

אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די שטילע צאַנקערייען אין הויז. נישט אַלץ האָט זי געוווסט, אַליציע, וועגן יינגל, אָבער אַדאַם האָט מיט זיין וואָכן חוש באַלד דערשמעקט, אַז יאַנעק באַדאַרף שוין אַוודאי באַצייטנס באַלאַנגען צו די ראַדי־קאַלע קרייזן. ווי דען ? ער האָט אָבער נאָר געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ סמיכת־הפרשה ס׳האָט אַלץ מיטן ביסל יידישקייט...

# קאַפּיטל דריי

סיי אַדאַם, סיי אַליציע זענען אַרויסגעקומען פון צוויי ווייטע, ווילד־אָפּגע־פרעמדטע משפחות. ס׳איז אין יענע יאָרן געווען אַן אומגעוויינלעכער שידוך, וואָס אזעלכעס האָט מען זעלטן געזען. וואָרום אַרויסגענומען האָט ער זי פון רייכן וואַרשעווער אַסימילאַטאָרישן הויז, פון די דיקשטיינס — ווייטלעכע, אָפּגעפרעמד־טע יידן, האַלבע גוים; זיי האָבן געוווינט אין „יענע" גאַסן, אין פריצישע שטיבן, מיט לאַקייען ביי די טירן; האָבן געהאַט צו טון מיט באַנקירן, כראַביעס, פּראָפע־סאָרן, מוזיקער, דיכטער, מאָלער, מיט וויכטיקע קעפּ פון די פּ. פּ. ס. ביי די דיקשטיינס זענען שטאַרק מיוחס געווען אַסימילאַטאָרן, משומדים, דייטשע ראַבי־נערס, הויכע לייט פון דער פּוילישער און רוסישער קולטור־וועלט.

אין דער צייט, ווען אַדאַם האָט גאָר געשטאַמט פון אַ מיטעלער יידישער פּראָ־ווינץ־שטאָט, אויף יענער זייט בוג, פון אַ שאַרפער מתנגדישער שטוב. דריי ברי־דער זענען זיי געווען אין הויז — דריי עקסטרעמען; דער טאַטע — אַ העברעאי־שער לערער, אַן אַלטער חובב־ציון, אַ משכיל. ביזן טיפן עלטער איז ער געזעסן, אָנגעזאָפּט מיט דער בריל, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט פאַרפאַסט אַ חיבור, אין גרויסן וויכוח צווישן הערצל און אחד־העם, קעגן זיין „לא זה הדרך", קעגן זיין גאַנצער שיטה פון בלויז אַ „מרכז רוחני". דער יינגסטער, אַדאַם, איז אפשר אַוועק נאָך ווייטער, פיל ווייטער, ווי דער פאָטער און ווי די ברידער זיינע, אין זוכן די לייזונג פון אייביק־פאַרשאָלטענעם יידן־פּראָבלעם. ער איז געווען איינער פון די, וואָס זענען געקומען אָנקלאַפּן אין דער טיר ביי פּרצ׳ן, איז צולעצט, אין ביי־אַנטשטאַנענעם פּוילן, צוגעשטאַנען צו די פאָלקיסטן, געהאַט אַ שטיקל שייכות צו די טעריטאָריאַליסטן און שפּעטער — אַ נאָענטער פריינד פון די צוויי שאַרפע יידישע מוחות, פון ה. ד. נאָמבערג, פון נח פּרילוצקי.

אין דער פאַרריסענער משפחה אַליציעס האָט מען זיך געהאַלטן אַ ביסל פון ווייטן פון מאַן אירן, פון זיין משפחה. אין די בורזשואַז־אַסימילאַטאָרישע קרייזן האָט מען דאָס יידישע פאָלקס־לעבן, מיט זייער קולטור, מיט זייער קאַמף פאַר עק־זיסטענץ, באַטראַכט ווי אַן איבערבלייבעניש, ווי מיטלאַלטער, וואָס פאַרשאַפט נאָר חרפות און בושות פאַר דער וועלט. כאָטש ביי די זעלטענע צונויפקומען, זענען די דיקשטיינס געווען זייער אַרטיק, אָבער קיל, מ׳האָט קיין סך נישט גערעדט; ס׳איז קענטיק געווען אַרויסצופילן ביי זיי ביטול; מ׳איז צופיל נישט געגאַנגען איינער צום אַנדערן, זעלטן ווען. אַמאָל, אויף אַ שמחה. זיי האָבן אים שוין אָבער גוט געקענט, דעם ביטערן עקשן, אַדאַמען; ס׳האָט זיך נאָך אין יענע יאָרן גע־קאָכט און געטומלט מיט זיינע אָפענע אַרויסטריטן אין דער יידישער און יידיש־פוילישער פרעסע, מיט זיינע גייסטרייכע אָנגריפן אויף די אַסימילאַטאָרן, אויף די דייטשע יאַהודים, אויף די אַנטיסעמיטן. ניין, ער האָט נישט געהאַלטן פאַר־גראָבן דעם קאָפּ אין זאַמד. ער האָט זיי, די דיקשטיינס, און זייערס גלייכן, אויך נישט געשוינט; ער האָט זיי שאַרף אַריינגעזאָגט, געוואָרנט, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען מ׳וועט זיי, נישקשה, דערמאָנען, אַז זיי זענען יידן. איינס האָבן זיי אָבער אַלע געמוזט מודה זיין, אַז זיין אַקצענט אין רוסיש און אין פויליש איז נישט קיין יידישלעכער, אַז ער איז בכלל נישט אַבי־ווער. די דיקשטיינס האָבן שוין דע־מאָלט געוווינט ווייט אָפּגערוקט פון יידישן תחום, נישט ווי פריער, אויף דער אייזן־גאַס, אויף דער קרולעווסקע, נאָר אין ווייטע גאַסן, איינגעטונקט אין ביי־מער. איין זון האָט געוווינט אין פאַריז, איין טאָכטער, אירענע, האָט זיך אונטער־געשמדט, האָט מען שטיל געשמועסט, צוליב דער ליבע מיט אַ פוילישן אָפיציר. דער יינגערער זון, אַנטאָני, איז געווען דאָקטער־מאַיאָר אין דער ארמיי. וואָס האָט זי דען אינגאַנצן געוווּסט פון יידישקייט, אַליציע? זי האָט נאָר געדענקט, אַז ס׳האָבן זיך נאָך דאָרט פאַרוואַלגערט אין הויז ביי זיי פאַרגעלטע משפחה־פאָ־טאָגראַפיעס פון יידן מיט סויבלענע פוטערס, אין היטלען מיט הויכע דענקעס, מיט שוואַרצע געלאָקטע בערד, אָדער אין האַרטע צילינדערס און הויכע, שטייפע קראַגנס און פאַטער־מערדערס; באָבעס מיט קופקעס, קאַרבירטע שייטלעך און ציטער־שפּילקעס. די שופלאַדן פון די שענק זענען פול געווען מיט פאַראָסטעטע, מאַסיווע זילבערן טיש־געשיר מיט אויסגעקריצטע מאָנאָגראַמען; די שאַפעס, די שויבן־שענקלעך — אָנגעשטעלט מיט חנוכה־לאָמפּן, מנורות, וואָס האָבן גע־שטאַמט פון אַ זיידן, אַ גרויסער מיוחס, וועלכער האָט געבויט אין פוילן און אין רוסלאַנד שאָסייען, באַן־ליניעס, פאַבריקן, געהאַלפן אין דער „פּאָווסטאַניע“.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען שוין לאַנג. אַלץ איז פאַרזיגלט געוואָרן אין יענע ווייטע, הייסע רעוואָלוציע־יאָרן פון 1905־6, אין אַמאַליקן פעטערבורג, ווען אַדאַם איז נאָך געווען אַ יונגער, פלאַמיקער סטודענט, מיט אַ קאָפּ ווילדע קריי־זעלעך איבערן נידעריקן שטערן פון א ביטערן יידישן עקשן; און אַליציע — אַן אָפּגעציטערטע, אַ רייכע יידישע טאָכטער, אַ קורסיסטקע אויף אַקושעריע; אַ בלאָנד, ווייסלייביק מיידל פון דער ווייטער פוילישער פּראָווינץ, אַ ווילדע לאַ־בערקע. זי האָט געטראָגן אַ הויכע פריזור, אַ לאַנג, טונקל, אָפּגעפּאַסט קלייד, ענג פאַרשפּיליעט ביז אונטערן האַלדז, ווי מען זעט עס נאָך אויף אַלטע פאָטאָגראַ־פיעס פון יענעם דור. דער קאָפּ ביים יונגן מיידל איז אפשר גאָרנישט אַזוי שטאַרק

געלעגן אין שטודירן. זי האָט טאַקע דערנאָך, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט, אַלץ פאַרוואָרפן; אין דער צייט, ווען אַדאַם, אַן אָרעמער סטודענט, האָט גאַנץ שיין צו־געהונגערט, געגעבן לעקציעס פון העברעאיש און מאַטעמאַטיק אין אָנגעזעענע יידישע הייזער אין דער הויפּט־שטאָט, אַלץ געציטערט מ׳זאָל אים נישט אַרויס־וואַרפן פון אוניווערסיטעט צוליב זיין יידישקייט און אויך דערפאַר, ווייל ער איז שוין דעמאָלט ווילד פאַרקאַכט געווען אין די ראַדיקאַלע פאָלקיסטישע קרייזן. ער איז דאָס לאַכנדיקע מיידל נאָכגעגאַנגען מיט עקשנות, מיט גרויסן אויסדויער, האָט זי אַוועקגעריסן פון די געהיימע ליאַמעס, פון די רוישיקע „וועטשערינקעס", וואָס די אָנגעפּאַרענע יידישע סטודענטן פון גאַנצן ברייטן רוסלאַנד און פון פּוילן האָבן געפּלעגט צו פּראַוווען אין דער פרעמדער, פרייליכער, נעפּלדיקער שטאָט פון ווייסע נעכט, ביי האַלב־פאַרשטעלט ליכט, ביי גיטאַרעס און ביי אויפגעקאָרקע־וועטע פלעשלעך. מ׳איז דעמאָלט אַלע, פאַרשטייט זיך, געווען געפּערלעך עקס־טרעם; מ׳האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן וואָס שנעלער דעם שטודיום, כדי „צו גיין אין פאָלק אַריין".

דאָס לאַכנדיקע מיידל איז דעם ענערגישן סטודענט נאָכגעגאַנגען ביז צו די יידישע בילדונגס־קרייזן, אַפילו ביז צו דער געדיכטעניש פון דער יידישער אָרעמ־קייט אין וואַרשע. ס׳איז געווען די צייט, ווען חסידישע טעכטער האָבן געלייענט „זשאַרגאָנישע" ביכלעך, אָנגעקערט צום נאָענטן קרייז פון דער יידישער אינטעלי־גענץ, „פון „הזמיר"", אַרום פּרצ׳ן, ווו מ׳האָט געטרונקען „פונעם קוואַל פון וויסן", געלערנט גראַמאַטיקע מיט קאַליע־געוואָרענע ישיבה־בחורים, געהאָלפן גרינדן וועלטלעכע קינדער־שולן. טאַקע פּרץ אַליין, וועלכער האָט פריער אויך אָנגעקערט צו אַ קרייז פון האַלב־אַסימילירטע אַדוואָקאַטן, האָט זיי געוויזן, אַז ס׳אָרעמע פאָלק, דערשטיקט אין פינצטערן תחום, טראָגט מיט זיך גרויסע, שיינע אידייען, אַז דאָס חסידות, וואָס האָט שוין דאַן דורכגעלעבט זיין דעגענעראַציע, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ גרויסע נשמה יתירה. ס׳איז זיך אויך צונויפגעפאַלן מיט דער צייט פון דער קראָקעווער „מלאָדאַ פּאָלסקאַ", מיט וויספּיאַנסקיס „וועסעלע", פון דערנענטערן זיך צום פאָלקס־מענטש. דער גייסט פון פּרצ׳ן האָט געשוועבט איבער די אָרעמע יידישע הינטערגאַסן. די הייסע דיסקוסיע־אָוונטן אין „הזמיר", די לעבלעכע זומער־נעכט אויפן „אַלטן מאַרק", אונטער דער מיסטישער שיין פון פרעמדע שטערן, ווען די געשפּענסטער פון אַלערליי אידייען, שיטות, ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך געקריגט, געפּירט צווישן זיך די אומענדלעכע, אייביקע וויכוחים אין דער גרויסער מיסטעריע פון אַ באַדנלאָזער עקזיסטענץ.

אַדאַם האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע, אַלס אַדוואָקאַט, שוין מיט אַ שטיקל נאָמען; אָבער זיין וועג איז גלייך פון אָנהייב געבראָכן געווען דאָס גריבלען זיך אין דער טרוקענער געריכט־פּראָצעדור, אין די שווינדלערישע דריידלעך, וואָס ער האָט זיי פיינט געהאַט. ער האָט די אַדוואָקאַטור אינגיכן אַוועקגעוואָרפן, אויס־געטוישט אויף קאָכעדיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נישט סתם אַזוי און נישט בלויז צו ראַטעווען די מענטשהייט, ווי צו העלפן יידן, דער עיקר די גרויסע יידישע אָרעמקייט, דעם פאַראָרעמטן מיטל־קלאַס.

— אַדאַמשי... — איז אַליציע יעדעס מאָל געווען פול מיט שמייכל, מיט פאַראיבל, מיט דעליקאַטע טענות — אַ גאַנצן טאָג רייסט מען אָפּ דעם טעלעפאָן...

מען רייסט אָפּ דאָס טיר־גלעקל... מענטשן זיצן קאָפּ־אויף־קאָפּ אין וואַרטע־צי־מער... און דו לויפסט אַרום מיט דיינע יידישע עסקים... האָסט עפּעס אַ סך פון זיי ?...

— דעם נדן דיינעם האָב איך נאָך נישט אויפגעגעסן... — האָט ער אַ פיר געטון איבערן פּעד־שוואַרצן, שיין־פּאַרשניצטן בערדל אין ברייטן געלעכטער — נאַרישע יידענע, וואָס דו ביסט... העלפן דעם פאָלק איז ביי מיר נישט קיין פּראַזע, ווי ביי אַנדערע...

אַליציע האָט אים איבערהויפּט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. זי האָט געטוליעט ס׳ערשטע קינד זייערס, אַ מיידעלע, אין דער שויס, געשאָפן זיך מיט די דינסטן, מיט די אַמען. ס׳האָט איר, שטילערהייט, פאַרדראָסן, פאַרוואָס אַדאָם ברענגט אָן אַ פולע שטוב מיט דער חברה אָפּגעשליסענע יונגעלייט. זיי פאַרבלאָטיקן דעם סאַלאָן, זיי רעדן צו־הויך יידיש, אַז אַלע דינסטן זאָלן הערן, וואָס מען דיסקוטירט האַלבע נעכט וועגן עפּעס יידישע ביכלעך און יידישע צרות...

ס׳צווייטע קינד, אַ ייגעלע, האָט מען צו די אַכט טעג, אויפן ברית, אַ נאָמען געגעבן יעקב — נאָכן טאַטן אַדאָמ׳ס, דעם משכיל, דעם העברעאישן לערער, ר׳ יעקב נאַטאַנזאָן, וועלכער איז האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אוועק פון דער וועלט, זאָט אין טעג, גאַנץ און אומגעבראָכן אין זיין גלויבן. ס׳קינד, וואָס איז באַלד דערנאָך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ניאַנקעס, אַמען, גוווערנאַנטקעס, האָט מען, פאַרשטייט זיך, גערופן נישט יעקב, נאָר יאַנעק; אַזוי איז שוין געווען אָנגענומען אין די דאָזיקע הייזער, אַז אַ נאָמען האָט מען טאָקע געגעבן די קינדער יידישלעך, אָבער באַלד דערנאָך האָט מען דעם יידישן נאָמען אַזוי ווי פאַרגעסן, גערופן זיי מיט אַ פּויליש־פאַרצויגענעם נאָמען, וואָס זאָל טויגן אין שול אַריין, אין אוניווערסיטעט אַריין און — בכלל, צווישן מענטשן. אַליציע האָט זיך אַריינגעפּרייט אין קינד, ווען זי איז, ווי געווייִנלעך, געקומען אָנצולויפן אין איין אָטעם אין שטוב אַריין פון די פּרעמיערעס אין פּוילישן טעאַטער, פון די איינקויפן אין די געשעפטן, און געטראָפן ס׳קינד פאַרצאַפּלט, פאַרוויינט. זי האָט עס אָנגעהאָדעוועט פון איר בלייכער ברוסט. ס׳איז געווען אַן אויסגעצייטערטס, ס׳ייגל. גאַנצע פינף יאָר האָט אַליציע געוואַרט ביז ס׳איז איר געבוירן געוואָרן אַ ייגל. אויך האָט זיך ס׳עלטערע מיידעלע שווער געהאָדעוועט; ס׳איז געווען אַ שוואַכינקס, אַ בלייכס. דערפאַר האָט זי זיך אָנגעפּרייט מיטן ייגל. ס׳איז געווען אַ קליין פּרעסערל, ס׳האָט געקוויטשעט און געוואָרפן מיט די פיסלעך, ווען מ׳האָט עס נישט צו דער צייט געגעבן די ברוסט צום זויגן. ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער, יאַנעק, מיט אויפגעשטעלטע הערעלעך, ווי ביי אַ יאָזשל. די צעוואָקסענע פּוילישע אַמען, וואָס זענען געקומען פון די וואַרשעווער פאַרשטעט, פון דאָרף, ברייטע, מיט אָנגעקוואָלענע בריסטן, האָבן ס׳קינד געפּאַטשט אין פולן הינטערל.

— מאַלי פּראַשיאַק... קליין חזירל... — האָבן זיי הייס געטוליעט ס׳ייגל — ס׳זויגט גאָרנישט ווי קיין יידיש קינד...

ווייל זי האָט עס אַליין מער נישט געטאָרט זויגן, אַליציע; די דאָקטוירים האָבן עס איר פאַרווערט. באַלד דערנאָך האָט ביי איר אַ ברוסט אָנגענומען, זי האָט געליטן גרויסע ווייטיקן. זי איז געווען אַן איידעלע, אַלע ווייבערישע קרענק

האָבן זיך צו איר געטשעפּעט. זי האָט זיך דעריבער צופיל נישט פאַרנומען מיט די קינדער קליינוויז. די דינסטן האָבן זיי געוואַשן, געקעמט, אָנגעטון; די גוווער־נאַנטקעס האָבן זיי געפירט שפּאַצירן. אַליציע איז אַריינגעפאַלן אין הויז, אַ שמעקנדיקע, אַ צוגעפּוצטע, אַ בליק געטון אין קיך אריין, אין קינדער־צימער און איז באַלד ווידער אַנטלאָפן מיט דער צעדרייטער שוועסטער אירענע. די שוועס־טערן זענען געווען אין דער עלטער, ווען זיי האָבן זיך געהאַלטן ווי צווײ חבר־טעס; נאָר מ׳האָט געהאַט צווישן זיך סודות.

אין די הייסע פאַר יאָר, ווען אויף דער וועלט האָבן זיך אָפּגעטון מלחמות, רע־וואָלוציעס, יידישע צרות, די רעזשימען האָבן זיך געהאַלטן אין איין טוישן, איז אדאַם שטאַרק פאַרקאָכט און פאַרפאַרעט געווען מיט די גרויסע האָפּענונגען, וואָס האָבן זיך אויך געוויזן פאַר יידן. ס׳איז אַנטשטאַנען די אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, וואָס האָט, לויט די ווערסאַילער אָפּמאַכן, לויט דער פּריש־געבאַקענער דעמאָ־קראַטישער קאָנסטיטוציע, צוגעזאָגט פאַר יידן ישועות ונחמות. ס׳איז געווען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז מיר זענען, ווי אַלע פעלקער, אויסגעלייזט געוואָרן. אדאַם האָט זיך, ווי אַ דערפאַרענער אַדוואָקאַט, געגרייט אויסגעוויילט צו ווערן אין פּוילישן סיים. ער איז דעמאָלט געווען די רעכטע האַנט פון גרויסן יידישן פילאָלאָג נח פּרילוצקי, וועלכער האָט אין יענע יאָרן דורכגע־מאַכט אַ קורצע, שטורמישע פּאָליטישע קאַריערע. אַדאַם האָט קאַנדידירט אויף דער ליסטע פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט גרופּירט אַ מאַסע קליינע יידישע געווערב־לייט, האַנטווערקער, באַלמעלאָכעס, פּשוטע יידן; ס׳האָט זיך קודם כּל געהאַנדלט אין פּאַרטיידיקן זיי קעגן דער דריקנדיקער שטייערן־שרויף, קעגן די קריסטלעכע אַנטיסעמיטישע צעכן, קאָרפּאָראַציעס און קאָאָפּעראַטיוון; זיי זענען געווען די מערהייט פון דער גרויסער יידישער מאַסע. אַדאַמס פּלאַמיקע רעדעס אויף די מיטינגען האָבן צוגעצויגן מאַסן. ער האָט אויך געזוכט געקענט די שפּראַך פון פאָלק. ער איז אַדורך דער צווייטער אויף דער ליסטע אין ערשטן פּוילישן סיים אַריין.

צו יענער צייט איז נאָך יאַנעק, מיטן בלאָנדן, בערשטלדיקן שויבערל, אַ קור־צע צייט געגאַנגען אין קרינסקיס יידישער האַנדלס־שולע, אין סימאָנס פּאַסאַזש, ביי די נאַלעווקעס. מ׳האָט דאָרט אויך געלערנט תנ״ך און דקדוק. די אַלע זאַכן זענען אים ווייניק געקראָכן אין קאָפּ אַריין; ער האָט אין דער היים, אַפילו מיטן טאַטן, גערעדט נאָר פּויליש. דער מאַמען האָט עס גלייך נישט געשמעקט. אין קרינסקיס האַנדלס־שולע זענען געגאַנגען קינדער מערסטנס פון די רייכערע מיטל־שיכטן, אַפילו קינדער פון גאָר רייכע עלטערן. עס זענען אויך געווען אָרע־מע, אָבער פעאיקע תלמידים, וואָס האָבן קיין שכר־לימוד נישט געקענט באַצאָלן, זייערע טאַטעס זענען געווען פּאַראַרעמטע געווערב־לייט; ווייניקע זענען אַפילו אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ מאָגערער אונטערשטיצונג פון דער יידישער גמינע. זיי האָבן אָבער לאַנג נישט דערצויגן, די קינדער, האָבן איינגיכן געמוזט אַוועק זוכן אַ מלאכה, צוצוהעלפן אין שטוב די ביטערע אויסקומעניש. איינציקע, עק־שנים, האָבן אויסגעהאַלטן.

דער אַלטער קרינסקי, אַ העברעאישער פּעדאַגאָג, אַ משׂכּיל, אַ שאַרפער בעל־דקדוק, האָט געשטרעבט די קינדער צו דערציען „אי פאַר תורה, אי פאַר סחורה״,

ס׳הייסט, זיין אַ ייד און אַ מענטש. די יינגלעך זענען געגאַנגען אָנגעטון אַ אוני־פאָרם, אַ סאַמעטן היטל מיט אַכט שפּיצן. מיטאָג־צייט האָבן זיי זיך אַרויסגעשאָטן אויפן קליינעם פּלאַץ ביים קראַשינסקי־גאָרטן, אָדער נישט ווייט, אויף דער טלאָ־מאַצקע, קעגנאיבער דער דייטשער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע. ס׳איז געווען דער מיטלוועג צו די נאַלעווקעס, צו דער אָרעמער געגנט אַרום דער דזשיקע, פון איין זייט, און דער וועג צו די רייכערע, צו „יענע גאַסן״. דער נאָכמיטאָג, נאָך די לערן־שעה׳ן, האָט די יינגלעך מיטאַמאָל פונאַנדערגעטיילט אין צוויי מחנות. די אָרעמע קינדער זענען אַוועק אין די פאַרחושכטע שטיבן, וווּ ס׳האָט געוואַרט אויף זיי אַן אָרעמער קרופּניק, קוים אַ שטיקל ווינקל אָפּצומאַכן די לעקציעס; און ביי די אַנ־דערע — וואַרעמע, זוניקע, היימען, דינסטן.

דער קליינער פּלאַץ אויף טלאָמאַצקע, קעגנאיבער דער דייטשער שול, און לענגאויס דער זוניקער לעשנע־גאַס, זענען אין יענע טעג פאַרשאָטן געווען מיט אַ ים וואָל־צעטלען, וואָס זענען געפאַלן ווי אַ שניי. די ווענט זענען געווען באַקלעפּט מיט אַפישן פון אַלע יידישע פּאַרטייען. זיי האָבן אַפילו אַרויסגעשיקט וועגענער, איינגעשפּאַנט אין פערד, און צעשאָטן אין אַלע גאַסן פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. מחנות יינגלעך זענען נאָכגעלאָפן, געכאַפּט די בלעטלעך, וואָס זענען ווי טויבן גע־פלויגן איבער די קעפּ. אין איין האַנט פאַרקוועטשט די טעקע שול־העפטן, ס׳צע־קנייטשטע היטל, האָט יאַנעק מיט דער צווייטער האַנט אויפגעהויבן אַ בלעטל און מיטאַמאָל דערזען אויפן בילד דאָס באַקאַנטע קלין־בערדל פון זיין פאָטער, דעם קאַנדידאַט פון דער פאָלקס־פּאַרטיי אין סיים אַריין. די וואַלן צום סיים האָבן אים שוין דעמאָלט שטאַרק אינטערעסירט; מ׳האָט אין די ראַדיקאַלע יוגנט־קרייזן, דער עיקר אין אַלע יידישע פאָלקס־שולן, שאַרף געשמועסט וועגן די וואַלן, וועגן דעם, אַז מען דאַרף וואָס מער פאַרשטייער פון אַרבעטער און פּויערים אַריינפירן אין סיים אַריין, כדי אויך פון אינעווייניק צו שטורעמען די רעאַקציאָנערע, פּריציש־קאַפּי־טאַליסטישע רעגירונג פון די גענעראַלן; מ׳האָט דאָרט אויך אין געהיים שטודירט דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, די ווערק פון לענינען און די בראָשורן אויף די־נעם פּליס־פּאַפּיר, וואָס האָבן זיך פון ערגעץ אַריינבאַקומען. פון זיין אייגענעם טאַטנס קאַנדידאַטור האָט ער דעריבער נישט שטאַרק געהאַלטן, יאַנעק, אַפילו גע־רעדט מיט ביטול — „דער פאַרשטייער פון יידישן קליינבירגערטום... די כאַלופּ־ניקעס, די קרעמערלעך פאַר דריי גראָשן... וואָס האָמעווען דעם גאַנג צו דער רע־וואָלוציע״... ער האָט בגנבה פאַר די עלטערן אָנגעבראַכט אומלעגאַלע ביכלעך און בראָשורן אין הויז אַריין, פאַרשטעקט זיי ביים טאַטן אין דער גרויסער ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרנומען אַלע פיר ווענט פון זיין טיפן קאַבינעט.

אין יענע טעג האָט דער אַלטער קרינסקי, מיט די פּענסנע, מיט שוואַרצן שני־דעלע אונטערן אויער, געלאָזן רופן צו זיך אין קאַנצעלאַריע אַדאַם נאַטאַנזאָנען; זיי זענען געווען אַלטע פריינד נאָך פון אַמאָל, פון „הזמיר״, פון די יידישע ספרים־געוועלבלעך אויף די נאַלעווקעס, וווּהין העברעאישע און יידישע מחברים, משכילים זענען אַריינגעקומען נישטערן אין די ביכלעך, פון הויז ביי פּרצ׳ן. אַ שאַרפער העברעער, אַ בעל־דקדוק, האָט ער דאַסמאָל מיט אַדאַמען גערעדט אביסל דייטש־מעריש, אַביסל פּויליש, פאַריכטנדיק זיך אַלע ווײַלע די בריל אויפן שוואַרצן שנירעלע:

— ביים צאַריזמוס, פאַניע אַדאַמיע — האָט זיין שטימע וויברירט מיט אלטער פאַטעטיק — האָבן מיר געקעמפט פאַר דער נאַבלקייט פון דער מענטשלעכער זאַכע... אָבער דיזע לויטע פאַרשטיי איך איבערהויפט נישט... אָדער, זעט אויס, אַז מיר האָבן זיךווירקלעך געעלטערט, פאַניע אַדאַמיע... די „שקאָלע״ — האָט ער זיך צוגעבויגן נאָנט צו זיין אויער — שטייט אין גרויס סכנה... מ׳האָט עס מיר שוין געוואָרנט... — און אַ זיפצל האָט זיך אַרויסגעריסן ביי אים — אוי, מלכות... מלכות...

ער האָט עס אים נישט געוווסט ווי אַזוי צו זאָגן, אַז — ס׳וואָלט גלייכער גע־ווען ער זאָל דעם זון זיינעם אָפּנעמען ביי אים, אַז ער שטעלט פּשוט אין סכנה די שול. נאָר אַדאַמען האָט מען נישט באַדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל.

— טאָ וואָס־זשע ווילט איר, פאַניע מיעטשיסלאַוויע ? — האָט זיך אַדאַם ראָש אויפגעשטעלט אויף די הויכע אָפּצאַסלעך, אַ מאַך אַוועק געטון מיט דער האַנט, געערעדט ברייט — אונדז האָבן די טאַטעס אונדזערע אויך פאַרווערט צו לייענען העברעאישע ביכלעך וועגן טבע, גלגלים, אהבה, מאַטעמאַטיקע... אָנטון זיך קורץ... רעדן אַמאָל מיט אַ פריילין... האָבן מיר זיי דען געהאָרכט ?! כ׳וועל מיינע קינדער נישט פאַרווערן צו קעמפן פאַר אַן אידעאַל, איר הערט ? ... כאָטש ער איז נישט מיינער...

דערויף האָט ער אים אייליק אָפּגעשטעקט די האַנט און איז האַסטיק אַרויס. אַן עקשן, אַ ביטערער עקשן אין פאַרטיי־קאַמף, איז ער אָבער געווען העכסט לאָ־יאַל צו א קעגנער. ס׳האָט אים אַפילו, אומבאַוווסט פאַרוואָס, שטיל הנאה געטון וואָס דאָס יינגל קלאָמערט זיך שוין באַצייטנס אין ראַדיקאַלע אידייען. ס׳מאַכט נישט אויס. צי איז ער אַליין דען נישט געווען עקסטרעם, ראַדיקאַל אין זיין יוגנט ? אָנגעטון אַלערליי צרות טאַטע־מאַמע, אַפילו חתונה געהאַט קעגן זייער ווילן. כאָטש ער האָט ס׳יינגל, וואָס איז דאָרט, פאַרטייעט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, געווען פאַרשטעקט אין לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר, גאָרנישט געזאָגט. אָבער צו־מאָרגנס האָט דער אַלטער קרינסקי עטלעכע פון די פאַרדעכטיקע יינגלעך אהיימ־געשיקט פון דער שול.

סיי ווי איז עס יאַנעקן מער נישט געווען צום האַרצן צו גיין אין דער האַנדלס־שול ביים אַלטן קרינסקי; ס׳איז דאָרט געווען מער חדר, ווי שולע. און אַליציע איז אַפילו שטילערהייט צופרידן געווען — וואָס וועט דאָרט ווערן פון יינגל ? אַ ראַבינער ?... אַ העברעאישער לערער ?... אַ בטלן ?... אַדאַם האָט, ווי זיין טבע, באַלד אין אַלעם פאַרגעסן. האָט אַליציע גענומען און האָט יאַנעקן אָפּגעגעבן אין אַ פוילישער גימנאַזיע. פון דאָרט, האָט זי באַקלערט, וועט ער מיט דער צייט דער־גיין צו עפּעס אַ פראַקטישן תכלית, ווען ער וועט אונטערוואַקסן.

# קאַפּיטל פיר

מיטן אַביסל צעטראָגענעם יינגל, מיט אהרנען, איז יאַנעק עטלעכע יאָר געזעסן צוזאמען אויף דער זעלבער „לאַווקע" אין דער האַנדלס־שול ביי קרינסקין, אין סימאָנס־פּאַסאַזש. ס'איז געווען אַ ווייטע פאַרטראָגנקייט אין בליק פונם פּראָווינצער יינגל. ער האָט יאַנעקן מיטגערופן צו דער מומע דאָבע אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע. דאָרט איז געווען פריילעך. אַ באַנדע יונגעלייט און מיידלעך האָבן דאָרט געטאָגט און גענעכטיקט. אהרן האָט צוגעוויזן יאַנעקן אין די שווערע מאַטעמאַטישע אויפגאבן, אין דקדוק. ער האָט איינמאָל יאַנעקן אויך פאַרטרויט דעם סוד וועגן געהיימען קרייזל אין שול, אָפּגעשטעקט אים די דינע בראָשורן פון פּליס־פּאַפּיר. זיי האָבן געפּלאַמט, די יינגלעך. נישט אומזיסט האָט דער אַלטער קרינסקי געהאט אַן אויג אויף זיי.

אַ בלייך, איבערגעוואקסן יינגל פון אַ יאָר צען־עלף, איז אהרן איינמאָל, אין אַ נאָך־סוכותדיקן פאַרטאָג, געקומען אָנצופאָרן פון דער טיפער פּראָווינץ, ערגעץ אויף יענער זייט בוג, אין אַ הויכער דראַבינע־פור פון אַ שפּיליטער, אויפן פּלאַץ בראָני, אין וואַרשע. ס'איז געווען אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. אין פינצטערן באַגינען איז אַרום די בויד־פורן, האַנט־וועגעלעך און ראָיִענדיקע געזעמלעך געשטאַנען א וויסט גערודער. ס'האָט געשמעקט מיט שאַרפע ריחות פון ווינטער־עפּל, פון בית־עלמין־באַרעלעך. די לאַמטערן ביי די הינטערשטע רעדער פון די בוידן האָבן רויט געטשאַדעט. א דיך, איינגעגעסן רעגנדל האָט געטריפט אין קאָלנער אַריין. מ'האָט זיך געקריגט, געדונגען. טאַשן־ציערס, קליינע גנבימלעך, האָבן זיך אומבאַמערקט מיטגעשטופּט צווישן געדיכטן עולם. אַ פאַר באַבלטע יידענע, איינגעוויקלט אין דערעס, האָט דאָרט מיטאַמאָל אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַז מ'האָט ביי איר אַרויסגעצויגן אַ קניפּל. אַ שמייסער־יונג האָט אַ כאַפּ־געטון אַ פּאָר ווילד־געוואָרענע פערד ביי די צעשוימטע מאָרדעס און איז שיער נישט פאַרפאָרן אין ראָיִענדיקן געזעמל אַריין.

דאָס פּראָווינצער יינגל, אין די אויערן־לאַפּן, מיט קויבערל אין האַנט, האָט געציטערט פון דער באַגינענדיקער פייכטער קעלט. ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט אָנקומען צו דער מומע דאָבע אין דער קעלער־שטוב אויף דער מוראַנאָווסקע, ווו ביידע עלטערע שוועסטערן, צירל און בראָנטשע, זענען פון נאָך פּסח אָן געווען אויף קוואַרטיר. דער אָנגעפּעלצטער ייד, דער שפּיליטער, האָט דאָס יינגל געפירט ביי אַ הענטל צו דער מוראַנאָווסקע, האָט געאַרבעט מיט די עלנבויגנס, ביז ער האָט זיך קוים דורכגעשטופּט צווישן די ראָיִענדיקע פּראָווינצער יידן. די צוויי עלטערע שוועסטערן, די נייטערקעס, גרויסע בריות, האָבן דאָ דעם גאַנצן זומער־סעזאָן געאַרבעט ביי מענער־וועש, האָבן אַהיימגעשיקט אַ פּאָר זלאָטעס אויף יום־טוב, ווייל אין דער היים איז מיט דער אויסקומעניש אַלץ ביטערער געוואָרן. דער טאַטע, דער גאַרבער, האָט שווער געהאָרעוועט צוזאַמען מיטן עלטערן ברודער זיינוול. ס'איז געווען א קריזיס, מ'האָט נישט פאַרדינט די

אויסקומעניש. זיי האָבן אַהיימגעשריבן, די שוועסטערן, אַז ס'איז נישט קיין תכ־לית אַזוי פאַר אהרנען, וואָס האָט אַ גוט קעפּל, ער זאָל זיך דאָרט וואַלגערן ביי אַ מלמד; זיי וועלן אים שוין אין כרך וואַרשע זען צו מאַכן פאַר אַ לייט; מיט דער צייט וועלן זיי אפשר אָפּזוכן אַ שטיקל דירהלע אויך און אַריבערנעמען דאָס גאַנצע געזינדל קיין וואַרשע.

דאָס ייִנגל איז געטרעטן ביי דער זייט פון אָנגעפּעלצטן ייִד, דעם שפּיליטער. ער איז געווען צעטאַמלט, נישט אויסגעשלאָפן, איבערגעשראָקן פון פאַר־טאָגיקן גערודער, פון די הויכע, אויסגעלאָשענע קאַמעניצעס, וועלכע האָבן אין זיי־נע אויגן אויסגעקוקט ווי אומגעהויערע בערג, וואָס קענען צעקוועטשן. פון הינ־טער אַ ראָג זענען די פרימאָרגנדיקע טראַמווייען, מיט אָנגעצונדענע פייערן, אָנ־געפּאָרן אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, פאַרווישט אין נעפּל.

— גלאָץ נישט... שטעל אַ פוס... — האָט אים דער אָנגעפּעלצטער ייִד אונ־טערגעטריבן.

אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע האָט די מומע דאָבע, אַן אלמנה, דאָס צעשראָקענע ייִנגל אין קאָרטן כאַלאַטל, מיט די אויערן־לאַפּן, באַלד איבערגע־געבן אין די הענט פון די שוועסטערן. אהרן האָט זיך מיטאַמאָל געשעמט פאַר די דערוואַקסענע שוועסטערן. ער האָט זיי עפּעס מער נישט דערקענט. זיי זענען שוין דאָ געוואָרן גאַנצע פּריילינס. די עלטערע, צירל, האָט אים צוגעצויגן צו דער פלאַכער ברוסט, הויך געקושט און געזאָגט צו אים :

— זאָרג נישט, אהרלע... ס'וועט דיר דאָ גוט זיין... מירן דיך צוזען... וועסט גיין אין דער „האנדלס־שקאָלע"... צו קרינסקין...

— וואָדען ?... — האָט די ייִנגערע, בראָנטשע, אָנגעקוואָלן — ער וועט דאָרט אפשר אָפּפינצטערן אין חדר ?... ביי דער קלעריקאַלער רעאַקציע...

די מומע דאָבע האָט מיט צייטערדיקע הענט צודערלאַנגט דאָס ייִנגל אַ גלאָז הייסע באַוואַרקע, אַ קייזערקע צוצובייסן. אָבער אהרן האָט נישט געקענט טרינ־קען, האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען קיין ביסן. ער איז געפאַלן פון די פיס. האָט מען אים באַלד אריינגעפירט הינטערן שפאַנישן ווענטל, ווו ס'איז נאָך גע־שטאַנען אויפגעראַמט דאָס וואַרעמע בעט פון די מיידלעך. ער האָט זיך געשעמט אַרונטערצוציען די מלבושים אין די אויגן פון די שוועסטערן. ער איז מיט איין שפרונג אַריין אונטער די אויסגעוואַרעמטע קאָלדרעס און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שווערן, געדיכטן שלאָף. ער האָט אפילו נישט געהערט, ווי אין פרימאָרגנדיקן שטיבל האָבן באַלד דערנאָך גענומען טראַסקען די שוועסטערנס ביי־מאַשינען.

דאָס שטעטל אויף יענער זייט בוג איז נאָך אָבער לאַנג פאַרבליבן אין זיין געדעכעניש; כאָטש די היים איז מער קיין היים נישט געווען. די פונדאַמענטן האָבן זיך געוואַקלט. דער טאַטע, געדענקט ער, איז אָוונט־צייט געזעסן ביים פּראָסטן טיש, דעם שווערן בליק פאַרזונקען אין דער ערדענער שיסל געקעכץ, וואָס די מאַמע האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט. ער האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעהאָרעוועט אין דער גאַרבאַריי. פון די זאַלצן און פון די וואַפּנע־גריבער, זענען אים די הענט־און פיס־געלענקען געווען צעאָדערט, אויסגעקרומט. ער האָט געהוסט, פאַרקייכט

זיך, גרין געוואָרן. ער איז פון טאָג צו טאָג איינגעגאַנגען. ס׳איז נאָר א צער גע־וועזן צו קוקן.

ווען דער רייכער פעטער פון פּאַריז, שמיל־יוסף, דער מאמעס עלטערער ברו־דער, האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַריבערגעכאַפּט אַהער און אין איינע עטלעכע טעג אויסגעסטאַרעט זיך ביי די קאָנסולאַטן אַריבערצופּעקלען אַהין די גאַנצע משפּחה, האָבן דאָס ייִנגל און די עלטערע שוועסטער צירל, גאָרנישט גע־וואָלט הערן און געדענקען ווענן מיטפאָרן. זי איז שוין דאָ „אַרומגעגאַנגען״ מיט אַ ייִנגל, האָט זיך געגרייט צו גיין פאַר־זיך; בראָנטשע, די ייִנגערע, וואָס איז געווען אַ שטיק ברען, איז יאָ מיטגעפאָרן; און ער, אהרן, איז שוין דאָ לאַנג פאַרטון גע־ווען אין די ביכלעך, האָט זיך געריסן צו לערנען, צו שטודירן און — „צו ענ־דערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע״...

אין דעם נאָכמיטאָג, ווען דער אַלטער קרינסקי האָט די ייִנגלעך אַוועקגע־שיקט פון שול, האָט אים, יאַנעקן, אהרן אַ רוף געטון :

— גייסט מיט, יאַנעק ?

— וווהין ?

— וועסט שוין אָנקוקן...

ער האָט אים מיט די זייטיקע דורכגאַנגס־הייף אַוועקגעפירט צו דער דזשעל־נע גאַס. ס׳איז געווען אַ פינצטערער ווינטערדיקער נאָכמיטאָג. אין דער גרויער מאַסע, וואָס האָט זיך האַרט הינטער די ווענט פון פּאַוויאַק אַ שפּאַר געטון פון די טראָטואַרן, אָפּגעגאָסן אין קרומען, ווינטערדיקן ליכט פון נאָכמיטאָג, האָט שוין יאַנעק נישט באַוויזן מער צו דערכאַפּן אהרנען מיטן אויג; ער איז ווי אַוועקגע־טראָגן געוואָרן. פון פאָרנט האָט ער באַלד דערבליקט די ייִנגלעך פון טראַנס־פּאָרט־פאַראיין, פון די בערזעס. זיי זענען מיטגעשווומען ביי דער זייט, געפלאָכטן האַנט־אין־האַנט. דאָס רויטע טוך האָט לעבעדיק באַפּאַרבט דעם ים קעפּ, שיכור געמאַכט דאָס בלוט. פון טויזנטער העלדזער האָט זיך פאַרטויבט געריסן דאָס ליד פון באַפרייטן אַרבעטסמאַן. ס׳איז געווען דער בעקער־פאַראיין, דער טעקסטיל־פאַראיין, דער כעמישער, די האנדלס־אָנגעשטעלטע, די הויז־דינערינס, די לערער, די יוגנט און אַפילו די סאַמע קלענסטע, אין שול־עלטער. ערגעץ אַרויפּצו זענען שוין געווען געשרייען, א ווילד געלויף איבערן ברוק. באַלד האָט זיך אַלץ א מיש געטון פאַרן בליק. דער מ י ט פון דער מאַסע איז אַזויווי אַרויסגעביסן געוואָרן.

אין נעפּלדיקן פאַרנאַכט האָבן די ייִנגלעך לאַנג געבלאָנקעט איבער די גאַסן. זיי האָבן אַלץ מורא געהאַט אהיימצוגיין. יעדער איינער באַזונדער האָט געהאַט פאַר וואָס צו פאַרכטן זיך. ביים פאַרדריי צום פּשעיאַזד זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן פלינק אַריבערגעשפּרונגען די שינעס פאַרן אָנקומענדיקן טראַמוויי מיט די פאַרלאָפענע שויבן. איבער די ענג־צוזאַמענגעשטופּטע מויערן איז געהאָנגען אַ קאַלטער נעפּל. אַביסל האָט מען גערעדט, אַביסל האָט מען געשוויגן און ס׳איז אַלץ שווער געווען צו צעשיידן זיך. לעבן יאַנעקן האָט אהרן געשפּאַנט, אַ פאַר־טראַגענער אין זיך; ס׳איז אָבער געווען אַ מאָדנע זיכערקייט פון אָן עקשן אין זיין טראָט, אין זיינע ווייכע, ברוינע אויגן. ער האָט אויסגעזען איבערגעוואַקסן אין זיינע הויזלעך, אַרומשווימענדיק אין צעקנעפּלטן מאַנטל, ס׳צעקנייטשטע אוני־פאָרם־היטל איבער די אויגן. ס׳איז אַלץ געווען דער גרויסער, פאַרהוילענער סוד,

וואָס האָט יאַנעקן אין יענעם פינצטערן נאָכמיטאָג געצויגן מיטצוגיין מיט אים. מיט קרינסקיס האַנדלס־שולע איז געווען פאַרענדיקט. ער האָט געוווסט, אז דער טאַטע איז אַרויסגערופן געוואָרן צום דירעקטאָר. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו ווייזן זיך אין דער היים. און כאָטש אהרן האָט געשפּאַנט לעבן אים אַ פאַר־מוחטער, האָט ער אָבער געפילט אין אים די ביטערע עקשנות. ער איז אַן אָרעם יינגל. די שוועסטערן און די מומע וועלן אים נישט פייניקן.

— ווייסט גאָר וואָס ? ... כ׳וועל גיין אין דער יידישער פאָלקס־שול... אויף דער דזשיקע... — האָט זיך אהרן פּלוצים אויסגעדרייט — אַלצאיינס וואָלט ער מיך אַהיימגעשיקט, דער אלטער... די שוועסטערן קענען נישט מער צאָלן קיין שכר־לימוד... ס׳אַ קריזיס... זיי אַרבעטן כמעט נישט... און דו ?

— כ׳ווייס נישט... וואָס די מאַמעשי...

דורך מילנע געסל האָבן זיי צוריק דורכגעשניטן ביז קאַרמעליצקע, אראָפּ ביז צו די הויכע, רויטע מויערן פון פּאַוויאַק. די גאַס איז איצט געווען אָפּגע־שטאָרבן. פּאָליציי איז געשטאַנען אויף די ראָגן. דורך דער דזשיקע האָבן זיי זיך דערקריגן ביז ראָג מוראַנאָוו. קעגנאיבער, אין טויער לינקס, האָט אהרן א גיי־געטון עטלעכע שטיגן, ווי ער וואָלט זיך אראָפּגעגליטשט. ער האָט אַ שפּאַר גע־געבן פאַר־זיך די טיר. פאַר די אויגן איז אויפגעגאַנגען אַ פּאַרע. ס׳האָט זיך אויסגעשיילט אַ נידעריקע, לאַנגע שטוב, צעטיילט מיט אַ וואַנטל. די שוועסטערן זענען געזעסן איבערגעבויגן איבער די ניי־מאַשינען. זיי האָבן אויסגעפּאַרטיקט מענער־וועש.

— אַזוי שפּעט ? — האָט די מומע זיך אומגעדרייט פון קיכל.

די עטלעכע העפטן ביי אהרנען אין האַנט זענען מיטאַמאָל געוואָרן איבעריק. די אלטע האָט ארויפגעשאָרט ס׳טיכל איבערן קליינעם, גרויען קאָפּ, נישט גע־פרעגט מער, אָנגעקוקט זיי צופרידן :

— גייט, קינדער, גייט וואַרעמט זיך אָן... די קאַרטאָפל זידן שוין...

זי האָט געוווסט, די אלטע, אַז נישט אַלץ דערציילט מען איר. די מיידלעך האָבן זיך אויפגעהויבן, געדעקט אַ קלאָר־ווייס טישטוך, ארויפגעלייגט אַ גרויס שווארץ ברויט אויפן טיש, אָנגעשטעלט רייניקע טעלער. די אלטע האָט צודער־לאַנגט אַן אָנגערייטע זופּ, קאַרטאָפּל מיט קליסקעלעך. די מיידלעך האָבן שוין געהאַט איבערגעדעקט די מאַשינען, פאַרנומען די האָר מיט אַ סטענגעלע; און ס׳איז אַריינגעקומען אונטערן נידעריקן באַלקן אַ גרויסע, פרידלעכע רו. איידער נאָך מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש, זענען מיט געלעכטער און געטומל אַראָפּגע־פאַלן אהער נאָך עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך.

— אויף מיין וואָרט, ווי ס׳שמעקט אַן אָנגערייטער קרופּניק !... — איז איי־נער פון זיי, אַ באַברילטער יונגערמאַן, באַלד אַרויס מיט זיין באַסל, ציענדיק מיט די נאָזלעכער — אַ מחיה...

באַלד האָבן אלע פריילעך אַרומגעזעצט זיך אַרום טיש. יאַנעק איז געזעסן לעבן אהרנען. ער איז געווען פאַרפּלאָנטערט, האָט מיטגעגעסן דעם אָרעמען מאָל־צייט, וואָס האָט געהאַט טויזנט טעם. אַלץ איז אים דאָ געפעלן, יאַנעקן — די פּשוטע היימלעכקייט, די פריילעכע געזעלשאַפט. ביי זיי אין שטוב, האָט ער זיך דערמאָנט, איז אַלץ שטייפלעך, ווען די מאַמע נעמט אויף געסט. ווער זענען זיי,

די אַלע? ס׳איז געווען דער באַרילטער יונגערמאַן, א פאַרבלאָנדזשעטער פון אַ שטעטל הינטער פּינסק, מיט די אַלטמאָדישע פּענסנע, פאַרטשעפּעט מיט אַ קיי־טעלע אונטערן אויער, וואָס האָט מיטגעברענגט די גאַנצע הייטערקייט. ער האָט גערעדט אַ מאָדנעם יידיש, אַז מ׳האָט רעכט נישט פאַרשטאַנען. „דער לוטוואַק״ — האָבן זיי אים גערופן און געלאַכט. ווען מ׳האָט אויפגעקאָרקעוועט דאָס פלעשל, וואָס עמיצער האָט מיטגעברענגט, האָט ער שוין באַצייטנס אַ וואָרף געטון די טשופּרינע אַהינטער און אויסגעזונגען:

— חברה, כ׳האָב האָלט א גלעזעלע!...

ער איז זיך אויך פאַרגאַנגען מיט זיין באַסל אין אומעטיקע, ווייסרוסישע לי־דער, האָט געטאַנצט אַ טרעפּאַק, אַראָפּזעצנדיק זיך ביז די קניען, פאַרוואָרפנדיק די הענט, געקרייצט אויף דער רובאַשקע. ער האָט געטראָגן אַ סאַטינענע רובאַש־קע מיט אַ קוטאַס, אַ פאַרגלאַנצטן פּרענטש, פאַרשפּיליעט ביים קאָלנער מיט עקעלעך. פייגעלעך, ס׳צעשראָקענע ווילדלעכע מיידל פון דער פּרעמד, האָט ער אַ כאַפּ געטון אין טאַנץ און אומגעדרייט דעם קאָפּ צו די איבעריקע:

— אַ ווילע באַבע, בנאמנות, אַנאַר אַ סמאַרקל...

ער האָט זיך דאָ, ווי אַ סך פון זיי, אַרומגעוואַלגערט אין דער פּרעמד, געזוכט פון דער פּאָליציי. מ׳האָט געזאָגט, אַז ער שרייבט לידער, אַז ער איז דורכגעפאַלן ביי די מאַטורע־עקזאַמענס, נאָכדעם ווי ער האָט, אַן אויטאָדידאַקט, געזוברעוועט אין די ביכער, זיצנדיק גאַנצע נעכט, ווי די אַמאָליקע „עקסטערנס״, ביי א ליכטל, אַ הונגעריקער; אָבער זיין געפּערלעכער פּוילישער אַקצענט האָט אים אַוועקגע־הרגעט. פאַר די עקזאַמענס, כאַפּנדיק א גלעזעלע, האָט ער פאַראַפראַזירט דאָס סטודענטן־ליד מיט זיין קלינגענדיק באַסל:

דאָס איז דער טאָג,
וואָס מיידט נישט אויס
איין מאָל אין יאָר
אַיעדן יאָט...

ווען יאַנעק האָט זיך שפּעט אַריינגעשאַרט צו זיי אין טויער, האָט ער אין פינצטערן הויף באַמערקט די פאַרהאָנגענע שיין ביים טאָטן אין אַרבעטס־קאַבי־נעט. ס׳איז געווען אומגעווײנלעך. ער איז שטיל אַרויף די טרעפּ, שטיל אויפגע־מאַכט די טיר. פאַר אים איז געשטאַנען דער פאָטער. ער האָט געגלעט דאָס שאַר־פע קלין־בערדל, געקוקט אויפן יינגל שמייכלענדיק און פרעמד און שטרענג. דער פאָטער האָט גוט צוגעזען, אַז אין זיין צעמישטן בליק, וואָס ער באַהאַלט, איז פאַרהוילן א יינגלשער סוד; ער האָט עס, נישקשה, געקענט, גאַרנישט מער אי־בערגעפרעגט.

— די מאמע איז זייער אומרואיק... — האָט ער צולעצט געזאָגט — צוליב דער מאמען, האָסטו זיך געמעגט אויפפירן לייטישער... גיי, עס עפּעס און לייג זיך שלאָפן...

און דער פאָטער האָט לאַנגזאַם, באַדאַכט צוגעלענט הינטער זיך די טיר פון זיין צימער.

פון דעמאָלט אָן איז יאַנעק נאָכמער אַריבער אין רשות פון דער מאַמען. אַדאַמען האָט מען סיי ווי זעלטן געזען אין הויז. זי האָט גאַרנישט געוואָלט, אַלי־

ציע, אַז יאַנעק זאָל האָבן צו טון מיט אַדאַמס יידישער וועלט. זי האָט געזאָרגט, אַז ער זאָל אָנקומען אין אַ פּוילישער גימנאַזיע. זי האָט צוהילף גענומען די שוועסטער אירענע.

די מומע אירענע פלעגט געוויינלעך פריער אָנקלינגען דורכן טעלעפאָן. זי איז ביים טויער אויסגעשטיגן פון אַ דראָזשקע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער בויד, האָט אויף אירע שלאַנקע פיס פלינק דורכגעשפּרייזט דעם ריינלעכן הויף. איר פּנים איז געווען אונטער אַ וואָלקע.

— כ׳בין געקומען אָנקוקן דיינע קליינע „זשידקעס״... — האָט זי געלאכט שיין, שטיינבלייבנדיק אויף דער שוועל.

ס׳איז געווען אַ פרעמדע מוזיק אין לאַכן פון דער מומע אירענע. יאַנעק איז געשטאַנען, די אויגן אַראָפּגעלאָזן. די פרעמדע, שמעקנדיקע מומע האָט אים גע־גלעט איבערן בלאָנדן יעזשל מיט אַ קליינער, וויכער, וואַרעמער האַנט; ער האָט טיף איינגעאָטעמט אין זיך דעם נעלקן־פּאַרפום. ער האָט זיך נישט געקענט צו־גלויבן — אָט די אידעלע „פּאַני״ איז עס דער מאַמעשיס שוועסטער?...

— צו וועמען איז ער ענלעך ? ... — האָט ער געהערט איבער זיך, ווי זי פרעגט, די מומע אירענע.

— נישט צו די נאַטאַנזאָנס... דאָס איז זיכער... — האָט די מוטער זיך אַזוי־ווי פאַרענטפערט. זי האָט באַלד יאַנעקן צוריקגעשיקט אין זיין צימער, שטרענג אָנ־געזאָגט אים ער זאָל מאַכן די לעקציעס.

יאַנעק האָט געוווסט, אַז די מומע אירענע קומט פון אַן אַנדערער, פון אַ פרעמדער, ווייטער וועלט; אַז זי פירט זיך ארום מיט אַ פּולקאָווניק, אָדער א גע־נעראל; אַז זיי פאַרברענגען די ווינטער־ און זומער־פעריען אין זאַקאָפּאַנע, אין אויסלאַנד; אַז דער טאַטע וויל גאָרנישט הערן רעדן פון איר און אַז אויך די באָ־בע טעמערל... אַפילו צו דער באָבע טעמערל זענען זיי געקומען זעלטן. די באָבע טעמערל איז פאַרבליבן פאַר אים נישט מער ווי אַ ווייטע געדעכעניש — אַ הוי־כע, שטרענגע זקנה, אַביסל געבויגן, אין א הויב איבערן גרויען, איינגעשרומפּע־נעם קאָפּ, מיט אַראָפּהענגענדיקע בעקלעך, מיט לאַנגע אויערינגען און א קליין, אידל שנירל פערל אויפן געראנצלטן האַלדז. די זקנה האָט נאָך אָבער פאַרמאָגט שטאָלצערנס אין איר זייטיקן בליק, הערשערישקייט — אין איר געשטעל. זי האָט אַמאָל אַוודאי באַדאַרפט צו זיין זייער שיין. די לעצטע יאָרן איז זי שוין גע־זעסן אין אַ פאָטעל אויף ראָל־רעדלעך. אַ יאָר זיבן מסתמא האָט יאַנעק געקענט אַלט זיין, ווען די מאַמע האָט אים איינמאָל, אין אַ דראָזשקע, צוזאַמען מיט די־שוועסטערלעך, לאנג געפירט איבער די וואַרשעווער גאַסן. זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט פאַר א הויז, אין אַ שטילער, ביימערדיקער גאַס. דער זיידע האָט שוין נישט געלעבט. ער איז אַמאָל, האָט מען דערציילט, פאַרפלאָנטערט געווען אין קאָנצעסיעס, בענק, פאַבריקן, בוי־אונטערנעמונגען. ס׳איז געווען באוווסט, אַז זיין יידישקייט האָט ער קיינמאָל נישט פארלייקנט; פאַרקערט, האָט זיך פאַרנומען מיט יידישע צרות, איז געווען אַ שתדלן פאַר יידן ביים רוסישן גובערנאַטאָר. די גאַנ־צע איבערקערעניש אין הויז, אין די געשעפטן איז אַריינגעקומען נאָך זיין טויט, ווען די באָבע טעמערל איז שוין געזעסן צוגעשמידט צו דער שטול. כאָטש די קינדער האָבן דער מוטער צוגעטיילט דעם גאַנצן דרך ארץ, האָט מען הינטער

איר פלייצע, אָן איר וויסן, צעטרענצלט די פּאַרמעגנס, די געשעפטן, די הייזער. די קינדער זענען זיך ביסלעכווייז צעקראָכן, אַוועק יעדער פאַר־זיך.

צו זיבעצן יאָר האָט יאַנעק, ווי זיין פאָטער יינגלווייז, שוין געפלאַמט. ס'האָבן געפלאַמט די ענגע יידישע גאַסן ארום — די בעקערס, די געגריוועטע שוס־טערס, די שטריקערס, די האַנדלס־אַנגעשטעלטע, די טראַנספּאָרט־אַרבעטער, די הויז־דינערינס. צו אהרנען אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע האָט עס אים נאָך אַלץ כסדר צוריקגעפירט. ס'האָט אים געצויגן דער גרויסער, פאַרהוילענער סוד; ער איז אים מקנא געווען, אהרנען. ס'האָט אים געצויגן דער פריילעך־ארומגעזעצ־טער טיש, ביי וועלכן מ'האָט געגעסן דעם אָרעמען, צוגעריישטן קרופּניק. מ'האָט דאָרט געזונגען — „אָ, בעסטער פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן"... קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן, ווען דער אָוונט אין ארומגעשטעלטן הויף איז צוגעפאַלן צו די שייבלעך. צוזאמענגעקוועטשט אויף דער איינגעפאַלענער סאָפע, האָט מען לאַנג און הייס דיסקוטירט וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס שטייט שוין ביי דער שוועל. ווייטע, ראָזע אָפּשיינען, ווי פון שריפות, זענען געקומען פון איבער מויערן. דאָס ערשטע דינע שנייעלע האָט געזיפּט איבער די ענגע גאַסן. דרייענדיק זיךביים קיכל, אין דער טונקל, האָט די אַלטע מומע מיטגעברומט — „אָ, בעסטער פריינד"...

דורך די פּשוטע רייד פונעם ליד האָט אויפגעטויכט דאָס 5־טע יאָר... די שטרייקן... די קאַמפן פאַרן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג... די אָנגעפלויגענע קאָזאַקן־סאָטניעס מיט די אַנטבלויזטע שווערדן... סיביר... די „ברידער און שוועסטער"... קייטן־קלאַנג... די דערשטיקטע רעוואָלוציע... צווישן זיי איז געזעסן דאָס פרעמדע מיידל פון דער פּראָווינץ, פייגעלע. אַ סוד האָט געשוועבט אַרום איר. זי האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן אין אַ זייט פון אַ פּאָליצייאישן בליק. זי האָט געהאַט ווילדע קרויזן און אַ פאַרטייעט געלעכטער אין די אויגן.

וווהין, האָט ער באַטראַכט, זאָל ער גיין, יאַנעק? צו דער מוטערס אָפּגעפרעמד־טער משפּחה? צום הויז מיט דעם טאַטנס יידישער וועלט און דער מוטער, וואָס אַנטלויפט פון יידישן גערודער? אָט די פּשוטע מענטשן דאָ האָבן געקעמפט פאַר אַ בעסערער וועלט. אהרנס שטילע אויגן האָבן געחלומט אויף דער וואָר; זיין פייכט מויל איז געווען האַלב־אָפן, פאַרגאַפט. ער איז געווען דער בעסטער מאַטעמאַטי־קער, דער בעסטער יידיש־קענער אין דער יידישער פאָלקס־שול, האָט זיך ארומ־געטראָגן מיט ביכער וועגן מאַרקסיזם, לעניניזם, איז בייגעווען אויף דער דעמאָנ־סטראַציע אין בלוטיקן 1־טן מאַי אויפן טעאַטער־פּלאַץ. יאַנעק איז אים נאָכ־געגאַנגען. אַ מאָדנער אימפּעט האָט אהרנען געטראָגן. די אָרעמע יידישע שול אויף דער דזשיקע גאַס האָט געעפנט פאַר אים אַ נייע וועלט. מ'האָט דאָרט גערעדט צו די קינדער אין דער פּשוטער יידישער שפּראַך; די אָרעמע שול, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון די יתומים־הייזער מלחמה־צייט. פּרץ אַליין איז, אַ פאַרזאָרגטער, מיט צער אונטער די אויגן־קישעלעך, געשטאַנען אין הויף פון דער יידישער גמינע און געזען אָנפליסן די פאַרטריבענע, היימלאָזע יידן. צוזאַמען מיטן אַלטיטשקן יעקב דינעזאָן, האָט ער צונויפגענומען די היימלאָזע קינדער אין אַ ליכטיקער היים, גע־געבן זיי צו עסן, געלערנט מיט זיי אַ ליד — „נישט ווייט איז שוין דער פרילינג"... ס'איז געווען די גרויסע רעוואָלוציע אין יידישן לעבן; ס'איז געווען דער גרויסער,

שיינער פּרילינג; לינדע ווינטן האָבן געבלאָזן פון מזרח. דאָרט האָבן יידן צום ערשטן מאָל זיך דערפילט ווי פרייע מענטשן.

אין רעגנס, אין שנייען, אין קעלטן, צווישן די זעלטענע לאַמטערן, איז ער אים שטום נאָכגעגאַנגען, יאַנעק. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין פאָר־לעצטן קלאַס גימנאַזיע. אהרן האָט אים אָוועקגעפירט צום נידעריקן טויערל, איבער די שפּיציקע שטיינער, אַראָפּצוגייין מיט אַ שטיג. ס׳איז געווען דער חבר זלמן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעשוווּמען, ווי אַ לעגענדע, פון דער טיפעניש פון יידישן מור־ראַנאָוו, פון אונטערערדישן, דערשטיקטן אַרבעטער־תחום, אין פלאָנטער פון די אָרעמע יידישע גאַסן.

# קאַפּיטל פינף

דעמאָלט איז נאָך אין דער מיט פון די וויסרוסישע וועלדער, ביז אַרויף צו דער דווינע, געלאָפן דער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ־פּאַס און אָוועקגעשטעלט זיך ווי אַ וואַנט צווישן די געדיכט־צעזייטע יידישע שטעטלעך אויף דער שטרע־קע ווילנע—מינסק. צווישן טראַקטן און אומעטיקע בעריאָזעס האָט געסקריפּעט דאָס פויערישע וועגעלע צום זאַמדיקן שטיקל ערד, ווו דאָס אָרעמע ברויט איז אויפגעגאַנגען שפּעט אין זומער אַריין. די מאַיאָנטקעס פון פּריצים און פּוילישע „אָסאַדניקעס“ האָבן געבליט דורך האַלב־אומזיסטער פּויערישער פּראַצע. פאַר־שטומט זענען געווען די פריילעכע, פאַרבענקטע וויסרוסישע לידער אין די אויסגעלאָשענע דערפער — נישט קיין האַרמאָניקע, נישט קיין ציטער פון אַ מאַנדאָלינע אין זומערדיקן אָוונט־בלוי. אומעטום — פאַרשטאַרקטע מיליטערישע גאַרניזאָנען, פּאָליציי־פּאָסטערונקעס — צעשטעלט אויף אַלע קרייץ־וועגן.

ווינטער, אין די גרינע, אויסגעשטערנטע נעכט, ווען וועלף קומען אַרויס און פאַרטייען זיך שטיל צו אַ ישוב, האָבן צווישן די אוראַלטע וועלדער, אויף די שאָ־סייען, געברומט אין רייסיקן ווינט די טעלעגראַפישע סלופּעס. אין פאַרוויייטע יידישע שטעטלעך, אין די פאַרזונקענע כוטאָרן האָט מען זיך, ווי געוויינלעך, גע־ריכט אויף נאַכט־אַבלאַוועס — שיך־וואָרפערס אונטער נידעריקע באַלקנס... אָנ־געשטעקטע באַיאָנעטן אויף די ביקסן... אַרונטערגעלאָזענע פּאַסקעס אונטער די פיר־קאַנטיקע געמבעס... פּאָליצייאישע קנעפּ... אין פרימאָרגן־גרוי האָבן זיי די צעבראַסטעטע יונגעלייט און מיידלעך, שטאַרק באַוואַכט, געשלאָסן אין קייטעלעך, אָפּגעפירט אין פורלעך צו די שטאַטישע תפיסות.

אין אַזאַ ווינטערדיקן אָוונט האָט זיך אַ קליין פויעריש שליטל ווי־נישט־איז אַרויסגעפּלאָנטערט פון די פאַרוויייטע סאָסנע־ און בלעטער־וועלדער, ערגעץ אַרום ראַדאָשקאָוויטש און סמאַרגאָן, און איז פאַר האַלבער נאַכט, מיט הינטער־וועגן,

פאַרפאַרן ביז צו דער הילצערנער פאַרשטאָט סובאַטש, אין ווילנע. דער שני האָט אויפגעהערט צו שיטן, נאָר דער ווינט האָט אומברחמנותדיק געריסן צווישן די נאַקעטע טאָפּאָליעס אויף די בערגלעך. ס׳איז געווען אַ קליין שליטל מיט אַ שטומער, פויערישער פלייצע, אין אַ שאָפּן־פעלץ, אומגעדרייט צום איינציקן פאַסאַזשיר, פאַרשטעקט אין שטרוי. הינטער די איינגעזונקענע ווענט פון מאָנאַסטיר, באַלד הינטערן „אַסטראַבראַם״, איז דער פאַרשוין אַרונטערגעשפּרונגען, צעטרייסלט אַביסל די פאַרשלאָפענע, אויסגעפרוירענע גלידער, אָפּגעשטעקט אַ פעסטע האַנט דאָס פויערל און האָט זיך פאַרזיכטיק, מיט אַ זייטיקן טראָט, געלאָזן גיין מיט דער סטעזשקע, באַרג־אַראָפּ. דאָ באַלד, הינטערן פאַרווייעטן פּלויט, האָט ער גלייך דערקענט דיביידע פינף־שטאָקיקע, אויסגעלאָשענע קאַזאַרמע־געביידעס פון דער יידישער קהילה. ער האָט זיך אונטערגעאײַלט צו פאַרמאַכן הינטער זיך דאָס טירל אָן איבעריקן גערויש. די געביידעס זענען אין דער האַלבער נאַכט געשטאַנען שטומע און אויסגעלאָשענע; נאָר איין האַלב־פאַרהאַנגען פענצטער, אויפן פערטן שטאָק, האָט קוים דורכגעזיפּט אַ שפּאָרע ליכט, ווי ס׳איז געווען אָפּגעשמועסט. אַהין האָט דער פרעמדער געאײַלט. ער האָט פאַרקירצט דעם וועג צום פינצטערן פאָדער־הויז, גענומען אויפהייבן זיך מיט דער שטיינערנער טרעפּ, געציילט די שטאָקן, נישט טועה צו זיין זיך, פעסט אָנגעהאַלטן זיך ביי דער פאַרענטשע.

די בלאָנדזשענדיקע טריט אין לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר האָט מען, זעט אויס, שוין געהאַט דערהערט. אַ שליסל האָט אַ גרילץ געגעבן און אַ פּאַס ליכטיקייט איז אַ פאַל געטון אין דער קרום. דער פרעמדער, אין פויערישן פעלץ, איז נאָך געשטאַנען אַ רגע פאַרבלענדט אַקעגן אַ דאַר בחורל אין ברילן.

— קומט אַריין, גיכער... לאָמיר פאַרריגלען...

— דאָס זענט איר, חבר יאַלאָם ? ... — האָט דער פרעמדער געשטאַמלט.

— האָסט גוט געטראָפן, חבר... וואַרף אַראָפּ דעם פעלץ און זעץ זיך צו טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס. דער טשייניק זידט נאָך...

דער פרעמדער איז שטיינגעבליבן אין דער מיט פון נאַקעטן צימער אין אַ צעקנאָדערטן קאָסטיום פון אַ האַרטלעכן שטאָף, אין טונקעלע קראַטקעלעך, שלעכט אויפגעניייט לויט זיין ברייטן געשטעל, אַזויווי אויסגעוואַקסן, פון עפּעס אַ פרעמדער מאָדע. דער קראַוואַט איז אויך געווען עפּעס אַ מאָדנער; מ׳האָט דאָ אַזעלכע גאַרנישט געטראָגן אין פוילן. דערפאַר איז דער יידיש אין זיין מויל באַלד געווען אַ היימישער, אַ וואַרשעווער, דאַכט זיך. ערשט איצט האָט ער פעסט געדריקט די האַנט פון די איבעריקע צוויי צעשויבערטע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אויפגעריסן פון די אייזערנע בעטלעך, פאַרטון אין די ביכער.

ס׳איז געווען אַן אָרעמער, נאַקעטער צימער אין שילער־אינטערנאַט ביים יידישן לערער־סעמינאַר, אויפן נאָמען פון וול. מעדעם, אין ווילנע. די יונגעלייט און די מיידלעך, וואָס האָבן דאָ אָנגעפילט די גרויסע, קאַלטע, נאַקעטע צימערן אויף ביידע שטאָקן, האָבן געזשוברעוועט אין די ביכער, געלעבט אָרעמלעך, כמעט בלויז אויף ברויט מיט טיי, געשמאַק אונטערגעהונגערט. זיי זענען געקומען אָנצוציען אַהער פון אַלע פאַרשטעקטע פּראָווינצער מקומות אין ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע און וואָלין. אין די פאַרלוירענע שטעטלעך איז די אַסימילאַציע און דער חסידיזם

קנאַפּ דערגאַנגען. פּראָסטע יידן, בעלי מלאכות, מולערס, סטאָלערס, שלאָסערס, דאַך־דעקערס, אַזעלכע, וואָס האָבן אַפילו אַליין באַאַרבעט אַ שטיקל ערד, האָבן מיט די אייגענע הענט געהאָלפן אויפשטעלן אַ בנין פאַר אַ יידיש־וועלטלעכער שול, פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און האָבן אין דער פרייער צייט, מיט יראת הכבוד, אַוועקגעזעצט זיך לערנען אַ בלעטל פּרק. פאַרבענקט נאָך פולקאָמער יידישקייט, האָבן די יונגע מענטשן, ווי אַמאָל אין די ישיבות אַריין, געצויגן קיין ווילנע, צום ירושלים פון דער ליטע. דאָ זענען געווען אויפגעשלאָגן די געצעלטן פון תורה און פון וויסנשאַפט, פון קוואַליפיצירטער מלאכה און פון וועלטלעכער בילדונג. ס׳איז געווען אַן ענלעכער שטראָם, ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד — אָנצושעפּן זיך מיט וויסן און גיין דערנאָך טראָגן עס אין פאָלק אַריין.

צווישן די אַלטע מויערן פון ווילנע האָט געגעסטיקט אַזויפיל שיינע יידישע טראַדיציע. דאָ האָט אַ יידישער אַרבעטער־מאַרטירער געשאָסן אין אַ צאַרישן סאַטראַפּ און איז שטאָלץ ארויף צו דער תליה; דאָ האָט פון דער טיפער אָרעמקייט אויפגעשיינט דער באַגינען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער הימל, פון אַ צפונדיק־קילער, שיטערער בלויקייט, איז געווען דורכגעשטאָכן פון גאָטישע קלויסטערס און פון די דריי ווייסע צלמים אויף די קרייצבערג איבער דער קאַטעדראַלע. די געדיכטע יידישע קוואַרטאַלן זענען געלעגן צווישן די בריקן און וואַסערלעך, וואָס וואַרפן זיך אין דער וויליע אַריין. וועגן דער שטאָט האָט אַ יידישער דיכטער דעמאָלט אזוי געזונגען אין מאַסיווע עפּישע פערזן:

אויף דיינע מויערן גייט ווער אַרומעט אין אַ טלית,
ביי נאַכט איבערן שטאָט איז ער אַליין אַ טרויעריקער אויף.

דער פרעמדער איז געווען אָנגעשפּאַרט ביים פּראָסטן, הילצערנעם טיש, האָט הויך געזופּט פונעם געבלימלטן טעפּעלע, וואָס איז פעסט געזעסן צווישן זיינעביידע דלאָניעס, און האָט יעדעס מאָל קוים אַ שמעק געטון צום שטיקל צוקער. די פאַרע האָט פאַרדעקט זיין נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, דעם אָפּגלאַנץ פון די גרויע, קרומלעכע אויגן, די טיפע קאַרבן אַרום די נאָז־פליגלען. אויף זיינע מאָגערע באַקן איז געלעגן דער בלוילעכער זשאַווער פון פּראָסט און — נאָך אַ מעת־לעת־צוויי אַוודאי נישט אַרומגאָלן זיך. די ברייטע, אָדערדיקע הענט האָבן פון צייט צו צייט אונטערגעציטערט. ער איז שוין דאָ איצט געזעסן אַ היימישער, אין אַ צעשפּיליעט העמד, און אַלע האָבן שוין דערקענט זיין שפּיציקן יידיש פון מוראַנאָוו, אין וואַרשע. ער האָט שוין דאָ פאַר קיינעם נישט געהאַט וואָס אויסצובאַהאַלטן. נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיינע אויגן־שפּעלטלעך אַלעמאָל זייטיק געכאַפּט אַ קוק צו דער טיר, וווּ דאָס פלינקע בחורל האָט זיך שטיל ערגעצוווּ אַרויסגעגליטשט.

קיין סך רייד האָט ער נישט געלאָזן פאַלן, דער פרעמדער, נאָר אינגאַנצן שווייגן האָט ער אויך נישט געקענט. ער האָט געפרעגט מער, ווי דערציילט, און אין זיין נאָכפרעגן זיך איז, אַזוי אומגערן, געווען די פאַרוווּנדערונג צו דערוויסן זיך אַזוינס, וואָס ער האָט פריער גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן

— ביי אייך — האָט ער פאַרצויגן אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסל אין אַ שטיק צייטונג, לאָזנדיק געדיכט דעם רויך דורך די נאָזלעכער — דערפילט מען אָבער

גלייך דעם פוילישן אומרו... שאַ, און ווי האַלט עס עפּעס מיט די שטרייקן אין לאָדזש ?

— די רייטער־פּאָליציי האָט אייערנעכטן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן פאַבריק־ראַיאָן, צעטריבן אַ מיטינג אונטערן פרייען הימל. צוויי טויטע... גרויסע ארעסטן...

— און אין זאַגלעמביע ?

— די אַרבעטער דראָען אָפּצושטעלן די קוילן־ליפערונגען.

— און די טראַמוויי־אַזשעס אין וואַרשע ?

— דער פאַראיין האָט געגעבן אַ טערמין, אַז אויב ביזן 15־טן יאַנואַר וועט נישט אונטערגעשריבן ווערן די לוין־העכערונג, שטעלן זיי אָפּ דעם פאַרקער.

— און דאָ, ביי אייך, שלאָגט מען ?... מען שלאָגט, אַ ?... די דערפער פלאַ־מען ?...

— מיר האָבן דאָ איצט אַ פּראָצעס, בראש מיט אַ ווייסרוסישן פּראָוואָקאַ־טאָר... ער שיט...

— געהערט... נו, און די פוילישע סטודענטלעך ? ...

— זיי האָבן ביי די נאָוועמבער־מאַניפעסטאַציעס געכאַפּט דעם אמתן פּסק. אויף מיצקעוויטש־גאַס האָבן זיי זיך געוואָרפן מיט שטעקנס, מיט רעוואָלווערן, נאָך איידער די פּאָליציי איז אָנגעפלויגן. מ׳האָט זיי גוט דערלאַנגט ! איינער פון זיי איז דערנאָך געשטאָרבן אין שפּיטאָל. צווישן די פאַרהאַלטענע זענען אויך גע־ווען עטלעכע סעמינאַריסטן. איצט פירן זיי דאָ אַ שטרענגע אויספאָרשונג. זיי זע־נען שוין דאָ עטלעכע מאָל געקומען נישטערן ביינאַכט. מען ריכט זיך כסדר... ווער ווייס, זיי קענען אַמאָל אַריינפאַלן אויך...

דאָ האָט ער זיך אַ רגע פאַרטראַכט, דער פרעמדער. ער האָט שוין גאָרנישט מער געפרעגט. ער האָט זיך פלוצים אויפגעשטעלט, גענומען אומשפּאַנען פון דער פאַרריגלטער טיר צום פאַרהאָנגענעם פענצטער. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די אונטערגעקאָוועטע שיך זיינע טרעטן צו רעשיק איבער די סקריפּענדיקע ברעטער. ער האָט זיך ראַפּטום אַ שטעל געטון אויפן שפּיץ בעטל, בעסער פאַר־צויגן די קאָלדרע איבערן פענצטער, אַרויפגעוואָרפן עפּעס אַ שמאַטע, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט, אויפן לעמפּל אונטערן סופיט. ער האָט זיך דאָ שוין געפילט ווי ביי זיך. ער איז אַרונטער, שטיל האָט ער זיך איינגעהערט צו דער טיר. ער האָט מער נישט געפרעגט, נאָר געוואַרט, אַז דאָס שוואַרצע בחורל זאָל זיך צוריק אריינשטעלן. ער האָט זיך מיטאַמאָל איבגאַנצן געענדערט. די אויגן־שפּעלטלעך זענען אים נאָכמער פאַרשוומען געוואָרן און אַלץ אין אים איז, דאַכט זיך, געוואָרן געהער. צום פאַרשטעלטן לעמפּל אונטערן סופיט איז לאַנגזאַם אַוועק־געשוווּמען דער רויך פון אָפּגעברענטן פּאַפּיראָסן־עקל; ער האָט נישט געפילט ווי ס׳בריט אים די דינע ליפּן.

אין אָט די עטלעכע מינוט איז פאַר אים אַדורכגעלאָפן — אַ גאַנצע אייבי־קייט. ער האָט נאָך גוט פאַרגעדענקט דעם האַרבן טעם און דעם ריח פון די פּוי־לישע תפיסות. אָהאָ, ווי ער האָט אים געדענקט ! זיי זענען אים אַריין אין די ביי־נער אַריין; זיי זענען אָבער אויך געווען פאַר אים די ערשטע שול, וווּ ער האָט געטרונקען פונעם קוואַל פון וויסן. אַזויפיל ליבע, באַקאַנטע פּנימער זענען פאַר דער צייט פאַרבלייכט און אָפּגעמעקט געוואָרן — דורך די יאָרן, וואָס ער האָט

פאַרבראַכט אין דער פרעמד. אָבער דער געדיכטער יידישער גאַסן־פּלאָנטער אַרום מוראַנאָוו — דאָרט איז ער דאָך אויפגעוואַקסן, צווישן די קליינע, צערודערטע יידישע וואַרשטאַטלעך פון די שטעפּער און שעפּטל־מאַכערס, ווען ער איז נאָך געווען אויף דער לער ביי אַ מייסטער, צווישן די געזעלן, קרייזלעך און אַרבעטער־בירזשעס. דאָרט איז אַמאָל געווען אַ קליינע, בלייכע וועש־נייטערין. ער האָט זי איינמאָל געהאַט באַגלייט ביז צו אַ נידעריק טויערל אויף דער מילע גאַס. ער האָט לאַנג געהאַלטן איר שמאָל, וואַרעם הענטל מיט די צעשטאָכענע פינגער אין זיין האַנט; מ׳האָט אַרומגעפּלאַפּלט, און פאַרן אָפּגעזעגענען זיך, האָט זי אים נאָך דאָרט אַ זאָג געטון: „ס׳איז גוט — האָט זי אים א זאָג געטון — צו שטאַרבן פאַר אַ גרויסער אידייע״... ביידע צוזאַמען האָבן נאָך דעמאָלט אוודאי קיין גאַנצע פערציק יאָר נישט פאַרמאָגט. „די נאַרישע... פאַרוואָס עפּעס — שטאַרבן?... — איז אים דערנאָך זייער באַנג געווען, ס׳האָט אים אַ לאַנגע צייט געמאַטערט — לעבן דאַרף מען... און קעמפן פאַרן לעבן״...

ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ רעפלעקס, שווער צו באַפרייען זיך. ער האָט אַזויפיל וויכטיקע ענינים צו דערליידיקן און דאָ — די אומגעריכטע געפאַרן. און ווען ס׳שווארצע בחורל האָט זיך באַלד דערנאָך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט ער זיך אויפגעריסן מיט אַ ביסל פלאָטער. ער איז אָבער פאַרבליבן קיל. יאָ, דאָס בחורל איז געווען, מער־ווייניק, אין זיינע יאָרן פון דעמאָלט. אין דער האַלב־אויפגעלענטער טיר האָט זיך באַלד דערנאָך אריינגעשטעלט אַ יינגלש־אונטערגעשוירן מיידל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן. זי האָט געהאַט אַ פאַרשפּיצט גאָמבקעלע, האָט אַביסל געשיקלט און דאָס האָט איר, אַן אָנגערויטלטע, אַן אָנגעפּראָסטיקטע, געמאַכט נאָך חנוודיקער.

— חבר — האָט זי זיך אָפּגערופן מעלאָדיש־שטיל — איר וועט שוין דאָ מוזן צוּוואַרטן ביז פאַרטאָג. דערנאָך וועל איך אייך שוין פירן. די וועגן זענען נישט גאַנץ זיכער.

— ווען, אַן ערך, קען איך זיין אין וואַרשע? — האָט ער באַלד אויפן אָרט געוואָלט וויסן.

— ס׳ווענדט זיך... לויט די עטאַפּן. די באַנען ווערן אַצינד געפערלעך באַוואַכט.

מער האָט ער נישט איבערגעפרעגט. די טיר האָט זיך צוריק צוגעלענט, אָן מינדסטן גערויש. ער האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אין די זאַכן אויפן אייזערנעם בעטל, די פיס געלאָזן נאָכהענגען, אָבער געשלאָפן איז ער נישט. די שווערע שיך, וואָס ער האָט זינט עטלעכע טעג נישט אויסגעטון פון די פיס, האָבן אַראָפּגעשווערט, געבריט, פאַרהאַלטן דעם בלוט־לויף. דער קאָפּ איז נאָך פול געווען מיט קאָשמאַרן. אין קורצן, האַסטיקן דרעמל, וואָס איז אים באַפאַלן, האָט ער נאָך אַמאָל צוריקגעזען דעם מוראַנאָוו. „ס׳איז גוט צו שטאַרבן פאַר א גרויסער אידייע״... — האָבן זיך אים אַלץ אָפּגעריסן געפּלאָנטערט די רייד פון דער קליינער, בלייכער וועש־נייטערין מיט די צעשטאָכענע פינגער. ווייל באַלד דערנאָך האָט ער זיך ראַפּטום געטון א זעץ אויף, אַרונטערגעלאָזן די פיס און איינגעהערט זיך שאַרף, ווי אַ חיה, צו די ווייטע, טויבע קלעפּ, וואָס האָבן ערגעץ געהילכט אונטן, אין די געוועלבטע קאָרידאָרן. מ׳האָט דייטלעך געהערט — פיס, אַ סך פיס, זענען גע־

גאַנגען. ער האָט זיך געכאַפּט אָנצוצינדן דעם לאָמפּ און באַלד חרטה געקריגן.

דאָס פּלינקע מיידל איז שוין דאָ געווען. ער האָט געפילט איר פעסט, דין הענטל אין זיין האַנט. זי האָט אים געפירט איבער בלינדע קאָרידאָרן, טרעפּ־אַרויף, טרעפּ־אַראָפּ, דורך אַ זייטיקן, פאַרהוילענעם אַרויסגאַנג. ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ דינער סילועט, אַ פלעק, שווער צו דערכאַפּן אין דער פינצטער. לאַנג זענען זיי צוזאַמען געווען צונויפגעשפּאַרט אונטער אַ בעליק, אויף אַ בוידעמל. דער ווינט האָט דאָרט געריסן אַ לויזע שויב. פון ווייטע הייף האָבן הינט טויב געוואָיעט. ערגעץ אונטן האָט זיך נאָך אַ היפּשע ווײַלע געטומלט, טירן האָבן געקלאַפּט.

— אוי, דעם פעלץ... — האָט ער זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט.

— מ׳וועט לאַכן און — ס׳טויג נישט... — האָט זיך דאָס מיידל נאָנט אָנגעבויגן צו זיין אויער — קומט, פאַרזיכטיק...

ס׳האָט געקלונגען אַן אָנגענעמער מעטאַל אין איר שטים. זי איז געווען אַ דינע, אַ פלינקע. זי האָט אים אין דער שפּעטער נאַכט געפירט אין אַ זייט פון אויסגעלאָשענע קוואַרטאַלן, דורך אַ פעלד, איבער פאַרפרוירענע וואַסערלעך. אַ שווערער ווינטערדיקער הימל האָט געהויערט נידעריק.

ביז צומאָרגנס פאַרנאַכט האָט זי אים געלאָזן איבערוואַרטן אין אַן אָפּגעלעגן הויז, מיט בלינדע ווענט פאַרן פאַרהאַנגענעם פענצטער, ערגעץ אויף זאַרעטשע. זי האָט אים געבראַכט אַ מאַנטל, אַ הוט און ער איז דאָס מיידל נאָכגעגאַנגען דורך הינטערגעסלעך. עטלעכע מאָל איז ער איינגעשטיגן אין אַ שליטל, וואָס איז געלאָפן דורך פאַרווייטע פעלדער, צו קליינע פּראָווינצער וואָקזאַלן. מ׳איז איינגעשטיגן, אויסגעשטיגן.

קיין וואַרשע זענען זיי אַרייַנגעפאָרן מיט טראַמוויי נומער 4, פון פּראַגע, איבער דער קערבעדזש־בריק. דורך די פאַרהויכטע שויבן האָט ער, מיט דערשטיקטן פלאַטער, נאָך אַזויפיל יאָרן, ווידער דערזען די היימישע ווייסל. זי איז געלעגן אַן איינגעפרוירענע, איינגעדעקט אין שנייען, ווי אין אַ פעלץ. אַרום די ברעגן האָבן זיך ווייטע פייערלעך געלאָשן און געצונדן. פון דער אַנדערער זייט האָט געלויכטן די שטאָט. אַ דינער שניי האָט געקרייצט די אָוונטיקע גאַסן. ס׳איז געווען אַ סך ליכט. ער איז שוין גאָר געווען אָפּגעוווינט פון אַזויפיל ליכט. ס׳איז געווען ערב ניי־יאָר. די טראַטואַרן אויף דער מיאַדאָווע, אויפן טעאַטער־פּלאַץ, זענען געדיכט באַקלעפּט געווען מיט מענטשן. און אַזוי, אומגעריכט, האָט ער דאָס קליינע, שיקלדיקע מיידל פאַרלוירן ערגעץ ביי אַ טומלדיקן אָפּשטעל. ער האָט זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט נאָכגעפרעגט ביי איר ווי אַזוי זי רופט זיך, ס׳קליינע, טייערע ידישע מיידל.

# קאַפּיטל זעקס

אין יענעם ווינטער זענען די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן אין לאַנד פּאַראַליזירט געוואָרן פון קריזיס. די מעטאַל־ און לאָקאָמאָטיוון־פאַבריקן „לילפּאָפּ", „הענענבערג", „פּאַראָוויז", אין וואַרשע, האָבן אויסגעשפּיגן הינטער די פּאַרהעמערטע טויערן טויזנטער רעדוצירטע אַרבעטער. דער שטרייק פון די טראַמווייאַזשעס אין דער הויפּט־שטאָט איז געהאַנגען אין דער לופט. פון די קוילן־מינעןאין זאַגלעמביע האָט זיך די שטרייקן־כוואַליע אַריבערגעוואָרפן צו די טעקסטיל־פאַבריקן אין ביעלסקאָ, לאָדזש, פּאַביאַניץ, זגערזש, טאָמאַשאָוו, אין גאַנצן אינדוסטריעלן ראַיאָן, ביז ביאַליסטאָק. פון די ווייטלעכע קרעסן, פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד, זענען דערגאַנגען אומקלאָרע, פאַרשטיקטע ידיעות וועגן ברענענדיקע דערפער און מיליטערישע פּאַציפיקאַציעס. די צייטונגען, וואָס האָבן געבּרענגט וועלכע ס'איז איינצלהייטן, זענען דערשינען מיט ווייסע בלויזן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער טראַמוויי־שטרייק אין וואַרשע. די ווינטערדיקע גאַסן האָבן באַוואַכט פאַרשטאַרקטע פּאָליציי־פּאַטרולן. דער „פּאַוויאַק", אין דער יידישער געגנט, איז געווען געדיכט אַרומגעשטעלט. די הילכיקע ברוקןאון פלעצער האָבן אויפגעציטערט פון ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענע דעמאָנסטראַציעס. זיי זענען אויסגעוואַקסן אומגעריכט, מיט שווערן, פאַרשטיקטן געזאַנג. די טראַמוויי־רעמיזעס אויף וואָליע און מאָקאָטאָוו זענען געווען באַוואַכט פון שטרייקפּיקעטן. אויף מאַרשאַלקאָווסקע, אויפן טעאַטער־פּלאַץ זענען די טראַמווייען, געפירט פון שטרייק־ברעכער, פאַרהאַלטן געוואָרן, מ'האָט אויסגעזעצט די שויבן, איבערגעקערט זיי מיט די רעדער אַרויף, צעשלאָגן די קאָנדוקטאָרן. אַ שניי האָט געווינטלט אין דער קרום אויף איינגעבויגענע פּלייצעס, אַרונטערגערוקטע היטלען. פון הינטער ראָגן האָט זיך אַריינגעריסן די פּאָליציי אויף צעפּאַרעטע פערד, אויף פלינקע מאָטאָציקלעטן, געשלאָגן, געהאַקט מיט די שאַבלעס, אַרעסטירט. די פאַרדעכטיקע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויף לאַנגע אויספאָרשונגען אין צענטראַל־אַרעסט.

אין יענע דרייסיקער יאָרן איז דער חבר זלמן געווען די לעבעדיקע לעגענדע פון די רוישיקע, אומלעגאַלע אַרבעטער־בערזעס אַרום „מורדזשיעל", אָדער מוראַנאָווער ראַיאָן; ער איז געווען אַן אייגענער, אַרויסגעוואַקסן פון זיי גופא; געוואַלגערט זיך יאָרן לאַנג פאַרשפּאַרט אין די פּוילישע תפיסות, איז אַפילו פאַרמשפּט געווען צום טויט פאַר דעזערציע אין 1920, איז פון אַלע פייערן אַרויס אַ פאַרהאַרטעוועטער, נישט געבראָכן אין גייסט. ער האָט געגעכטיקט אַבי־ווו, געגעסן אַבי־וואָס. זיין לעבן איז געווען דאָס לעבן פון אַן אַסקעט. געקומען איז ער פון שטעפּער־פאַך, פון די שעפּטל־מאַכערס. אין די פאַרויכערטע פאָלקס־קיכן און אַרומגעשיילטע אַרבעטער־לאָקאַלן אויף דער קאַרמעליצקע, אויף פשעיאַזד, וואָס זענען אויפגעקומען אין די שטורמישע פרילינג־טעג פון 1917־18, האָט ער זיך אַרויסגערוקט פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכן יוגנט־טוער. ער האָט נאָך דעמאָלט גע־

טראָגן דאָס פאַרגלאַנצטע סאַטינענע העמדל, אַ ווילדן שויבער, איז פאַרטון געווען אין די בראַשורן, וואָס מ׳האָט זיך צופיל נישט באַדאַרפט צו וואַרפן מיט זיי אין די אויגן. בעת דער גרויסער דיסקוסיע אַרום „קאָמבונד״, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָננעמען די פולע „21 פונקטן פון קאָמאינטערן״, איז ער אַרויסגעטראָטן פון „בונד״ און צוזאַמען מיט אים — אַ היפשע פראַקציע.

פון דעמאָלט אָן איז ער פאַרשווונדן פון די ענגע יידישע שטעפּער-וואַרשטאַט-לעך. ער איז געווען אַן אויטאָדידאַקט. דאָס קאַרגע ביסל בילדונג האָט ער זיך דערוואָרבן פון אייגענע מי און פראַצע, דער עיקר אין די תפיסות, ווו ער האָט צום ערשטן מאָל „געטרונקען פונעם קוואַל פון וויסן״. אין זיינע איינפאַכע רייד, וואָס האָבן אָנגעצונדן די איבערגעפּאַקטע אַרבעטער-לאָקאַלן, איז פול געווען מיט לע-בעדיקע ביישפּילן, מיטן קאָלאָריט פון יידישן מוראַנאָוו:

— ס׳איז קלאָר — האָט ער געדונערט — דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל, די בורזשו-אַזיע גראָבט פאַר זיך אַליין ס׳קבר... ס׳האַנדלט זיך נאָר אין דעם וואָס גיכער צו רופן פינקערטס עגלה מיט די פאַסאַרגעטע „פּאַגאַטאָוויע״-פערד און אַריבערפּעק-לען זיי אויפן גענשער בית-עלמין...

דער קלאָרער מיין פון די אַלעגאָרישע רייד האָט געטראָפן אין פּינטל. אין די אַרבעטער-קלובן און פאָלקס-קיכן האָט מען געשמועסט וועגן חבר זלמן: „אָן איי-גענער יאַט... פון דער לעדער-בראַנזשע״... די פּאָליציי האָט נאָך אין יענע יאָרן גע-וואָרפן אַן אויג אויף אים, נאָכגעקראָכן אים יעדן שריט. זיינע פאָטאָגראַפיעס אין פּראָפיל — דער ווילדער שויבער, די אָדלער-נאָז, דער געקאַרבטער שטערן, די עקשנותדיק-פאַרבויגענע גאָמבע — זענען גוט באַקאַנט געווען ביי זיי, אין די פּאָ-ליציי-אַרכיוון; אָבער זיינע נעמען, וואָס ער האָט אָפט געפּלעגט צו טוישן, האָבן זיי דערפאַר יעדעס מאָל אויפסניי געמוזט אַנטדעקן.

דערנאָך איז ער אויף אַ שטיקל צייט אינגאַנצן פאַרשווונדן פון וואַרשע, ווי אין וואַסער אַריין. מ׳האָט שטיל געשמועסט, אַז ער איז ערגעץ „אויף יענער זייט״, אַז ער לערנט זיך, שטודירט „ס׳פּאַך״ אין מאַרקס-ענגעלס-אינסטיטוט. דאָס איז גע-ווען שוין נאָכן אָפּזיצן אַן אורטייל פון פינף יאָר אין דער שוו. קשיסקער תפיסה, ווו די ווענט זענען פייכט און די קאַרצערס — פון קאַלטן שטיין.

באַוויזן צוריק אויפן מוראַנאָוו האָט ער זיך צום לעצטן מאָל אין די עטלעכע און דרייסיקער יאָרן — אַ פופצלעכער, אָבער אַן אויסגעבלייכטער, מיט אַ שטאַרקן ביינער-רעוומאַטיזם, מיט אַ נאַקעט-אַרומגעגאָלטן קאָפּ, מיט אַ נישט-פאַרלאָשענעם פלאַם. אין די יאָרן איז ער געווען ווי אַ פאַרפאָלגטער וואָלף אין געדיכטן וואַלד פון יידישן מוראַנאָווער ראַיאָן, וואָס האָט אים געבוירן. ער האָט זיך שטרענג קאָנ-ספּיראַטיוו אויפגעהאַלטן אין אַ קאַרג-באַלויכטן צימערל, אונטער אַ נידעריקן באַלקן. די שעה האָט, אָן שום ספק, געפּאָדערט ער זאָל צוריקקומען אין לאַנד אַריין. און באַלד, מען ווייסט נישט ווי אַזוי, איז די געהיים-פּאָליציי ווידער געווען אויף זיינע שפּורן. זיי זענען אָבער נישט בכוח געווען צו באַהערשן די ווינטערדי-קע גאַס. אַ פּאָר טעג נאָך זיין באַוויזן זיך, איז אויסגעבראָכן דער טראַמוויי-שטרייק. עס זענען געווען הונגער-מאַרשן, דעמאָנסטראַציעס, געשלעגן.

ראָג קאַרמעליצקע און ראָג נאָוואָליפּקי האָט זיך אין מיטן העלן טאָג דער פאַרפלייץ פון גרויען, וואָכעדיקן עולם, אומגעריכט און ווי אַ ווינט, געטון אַ צע-

שיט אין די זייטן־געסלעך. דאָס טויבע געזאַנג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויפן מיטן ברוק, צווישן די ענגע מויערן, אין קילן זון־בלענד פון שפּעטן דעצעמבער, אין געדראַנג פון קלינגענדיקע טראַמווייען, אָפּגעשוואָנדענע דראָזשקעס, צעיושעטע פערד, איז צעריסן העגגען־געבליבן אויפן אָפּגעליידיקטן גאַסן־קרייץ. אויף די שפּי־ציקע שטיינער האָט הויל אָפּגעהילכט דער געלאַף פון פערדישע קאָפּיטעס. פון דער דזשעלנע, ווו דער „פּאַוויאַק" איז געדיכט באַשטעלט געווען די גאַנצע וואָך זינט דער שטרייקן־כוואַליע, האָט זיך די רייטער־פּאָליציי אַריינגעריסן מיט אַ שניידנ־דיק געפּייף און ווילד געוואָרפן זיך אין דער מאַסע אַריין.

דאָס מילנע געסל, וואָס פירט ארויס צום גאַסן־קנופּ, צו די ארומגעבראָכענע סקווערלעך פאַר דער תּפיסה, איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן פון ביידע זייטן; די טויערן — פאַרהאַקט. מ'האָט נאָר געקענט פאַרשטעקן זיך אין די נישעס, ווו עס זענען לענגאויס געווען צעשטעלט די גרינלעכע לאַמטערן. אהרן, אין זיין אויסגע־וואַקסן מאַרינאַרקעלע, האָט זיך גאָר אין דער ערשטער מינוט נישט געכאַפּט, ווען דאָס פּאָליציי־קעטשל איז אומגעריכט פאַרפאָרן האַרט ביים טראָטואַר. ער איז דאָ נאָר־וואָס אַראָפּגעקומען פון די צוויי קאָלישער מיידלעך, די סטודענטקעס. זיי האָבן געוווינט אויפן צווייטן הויף, אין אַ לעצט צימער, ביי אַ באַלעבאַטישער, אָפּ־געקומענער משפּחה. צוויי פאַר העגט האָבן אים כמעט אַ הויב געטון אין דער לופטן און — גלייך צום אָפּענעם טירל פון קעטשל.

ער איז שוין נישט געווען דער ערשטער. ס'האָט זיך דאָרט געראָדערט, אין דער טונקל. ביי דער שיין פון גאַז־לאַמטערן, האָט מען גלייך נאָך אים אַריינגעשטופּט אַ מיידל מיט אַ פאַרשפּיצט פּיסקל, אַ ביסל אַ שיקלדיקע. זי האָט גאָר געלאַכט. אַ רויט פּרצוף מיט אָנגעזעצטע בלעטערלעך, מיט אַ מויל גאָלדענע ציין, האָט דאָרט אריינגעשריגן מיט אַ רוי, געשפּאָלטן קול צו די ביידע היטערס פון פּאָרנט, מיט די פאַרשטייפטע וואָנצן און מיט די גזלנישע פּאָלקעס:

— שטופּ זיי דאָרט צונויף, די „זשידאָ־קאָמונע"... ס'דאַרפן נאָך אַריין אַ שטיק צען... די שציערוועס !...

אין דער ענגער טונקלעניש האָט מיט איין מאָל אָלץ זיך גענומען טרייסלען. אויף יענער זייט וועגטל האָבן זיך אָפּגעריסן צישענדיקע קולות, אַמפּערייען. אהרן איז בלינד אַ פאָל געטון, ווייל באַלד האָט מען אַריינגעשליידערט נאָך אַ דאַרן בחור אין אַ קאַסקעט איבער די אויגן, אַ מיידל מיט קורץ־אונטערגעשני־טענע האָר און אַ מיטל־יאָריקן, אַן איינגעשמירטן, אַ קוילן־טרעגער. דאָס טירל האָט זיך געטון אַ פאַרקלאַפּ. מ'האָט דערפילט, ווי מען רייסט זיך אָפּ פון אָרט. ס'האָבן זיך פאַרטויבט דורכגעטראָגן שטיקער געשריי, ליכט־פּאַסן. ביים פאַרדריי צום טעאַטער־פּאָלץ האָט זיך דאָס קעטשל אַ רגע האַסטיק פאַרהאַלטן, געלאָזן דורכגיין אַ קייט טראַמווייען. זיי האָבן זיך אין צוגעפּאַלענעם פאַרנאַכט געטראָגן אַנטקעגן פון דער ביעלאַנסקע מיט אַ קלינגעריי. נאָך איידער מ'איז פאַרפאָרן אין הויפּט־קאָמיסאַריאַט, אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע, האָט מען אין אָנגעפּאַקטן קעטשל געהאַלטן אין איין רייסן פּאַפּירלעך און וואַרפן זיי דורכן קראַטן־פענצטערל.

— ווער ס'האָט ביי זיך עפּעס אַ שטיקל טריפה'נע שימה, זאָל עס באַצייטנס אָפּשטעקן... — האָט אַ צוגעדושעט קול פון דער מיט געהאַלטן אין איין וואָרענען.

— שפילט זיך... זיי קענען צוטשעפּען אַ גאַנצע „ספּראַווע" און ביסט געהאנדלט...

צווישן דעם קאַסטן מויערן, ווו מ'איז אָפּגעשטיגן, איז דער פאַרנאַכט שוין געוועזן צוגעפאַלן. דאָס טויערל צו דער גאַס איז נאָכן אַריינגעפאָרענעם קעטשל צוריק פאַרהאַקט געוואָרן. מען האָט זיך אַרויסגעשאָטן פאַרן ארויפגאַנג מיט די בלענדיקע לעמפּ אונטער אַ דראָטן־נעץ. אַ טרוקן שנייעלע האָט געווינטלט אַרום זיי. אין געוועלבטן קאָרידאָר, ארונטערצוגיין אַ צענדליק שטיגן, איז מען שוין געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. ערגעץ פון דער טיף האָט זיך געהערט אַ מישמאַש פון קולות, זידלערייען, אַ גרילצעריי פון שליסלען און פון שלעסער.

אַהרן האָט זיך דערזען צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, אָן אָפּגעגאָסענער אין אַנגסטן. אין שאַרפן האַלבן טונקל, האָט נאָך דאָ ערגעץ אַ שווינדל געטון פאַר זיין אויג דער פּראָפיל פון שיקלדיקן מיידל און ס'איז אים דורכגעפלויגן — אירענקע, די קלענערע, איינע פון די סימפּאַטישע קאַלישער מיידלעך. אַ נאָגעניש איז אים פאַרגאַנגען. ער האָט זי נאָך געזאָלט טרעפן היינט אַ זייגער ניין אין אָוונט, אין אַקאַדעמישן הויז, אויף פּראַגע, דורכצובלעטערן ביי אַ קאָלעגע עטלעכע יאָרגענג פון אַ זשורנאַל מיט דאָקומענטאַציעס וועגן וויספּיאַנסקין און וועגן דער פּלעיאַדע „מלאָדאַ פּאָלסקאַ", פון דער קראָקעווער עפּאָכע. זיי האָבן זיך היפּש געמאַטערט, די מיידלעך, ביי די פאַרגעבענע אַרבעטן איבער דער אַלט־פּוילישער און מאָדערנער ליטעראַטור, און ער האָט זיי אַרויסגעהאָלפן. ער האָט געפּלאַטערט צווישן די אַלע מיידלעך, אָבער פייגעלע, האָט ער געפּילט, איז זיין גרויסע ליבע. ער האָט זי ווייניק געזען, כמעט אויסגעמיטן, אָבער ער האָט געוווּסט, אז אומקערן וועט ער זיך נאָר צו איר. צי איז ער דען אַוועק פון פייגעלען ?... פון זיי אַלעמען ?... ס'איז געווען איין פּראַנט — די שטודירנדיקע יוגנט און די יאָטן פון דער דזשיקע...

נישט אַזוי די היפּש־צעוואַקסענע יאַדזשע, מיטן בלאָנדן צאָפּ, מיט די פולכגע געפלעגטע הענט, ווי די קליינע פלאַפלערקע אירענקע, האָט עס אים געמאַכט אַזוי צעטומלט. ער האָט נישט געוווּסט ווו אהינצוטון זיינע הענט, זיין שטים האָט זיך געבראָכן. ער איז נישט דרייסט געקומען אָנקלאַפּן אין זייער טיר אין די פאַרנאַכטן. זיי האָבן געלעבט אָרעמלעך, די מיידלעך, אין דער גרויסער, פּרעמדער שטאָט, אין צוגעפּוצטן צימערל מיטן דיסקרעטן אָוונט־ליכט, ווו אַלץ איז געווען ראָמאַנטיש. ער האָט געפּלעגט צו פאַרזוכן ביי זיי די היימישע קוילעטשן, וואָס מ'האָט זיי צוגעשיקט פון דער היים מיט אַ געלעגנהייט. פאַרבליבן איז ביי אים דער איינדרוק, אַז די קליינע אירענקע איז דאָס מאָל געווען צו אים קיל. זי האָט אים העפלעך געבעטן צוריקצוגיין אין קאָרידאָרל און אָפּווישן די פיס. מער ווי אַלעמאָל איז ער פון דאָרט אַרונטער אַ צעטומלטער. זי האָט אים אויך מיט אַ האַלב מויל צוגעזאָגט צו קומען. ס'האָט אים געפּלאָמט אָן אויער. ער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן, ווי די בלאָנדע יאַדזשע, וואָס האָט געבלאָזן אין סופיט אַריין דעם רויך פון אַ פּאַפּיראָסל, האָט אים כמעט באַפוילן ער זאָל זיך אומדרייען — זי וויל אַרויפוואַרפן אויף זיך אַ שטוב־קליידל. ער איז געשטאַנען נאָענט ביי אירענקען. זי האָט זיך געוויקלט אין אַ טערקישער שאַל מיט קווייטן, דאָס שיינע פּיסל ווילעריש ארויפגעשטעלט אויפן בענקל און האָט מיט איין פינגער אויס־

געקלאַפּט אויף דער קליינע פּיאַנע דעם נאָגנדיקן טאַנגאָ, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן — „דער לעצטער זונטיק". אַמאָל פלעגט ער דאָרט אויך באַגעגענען עטלעכע אַרטיק־צוגעפּוצטע יונגעלייט מיט דינע, אויסגעשיטע וואָנ־סעלעך. זיי האָבן גערעדט א פּאַרפּומירטן פּויליש, געטשעפּעט מיט די מיידלעך פּאַר אים אין די אויגן. ער האָט זיך דאָרט מיטאַמאָל דערפילט איבעריק. מ'האָט אים אַזויווי מער נישט באַמערקט. די קליינע איז געהאַט אַנטלאָפן פון טאַטנס הויז, פון אַ שטיפמאַמע, פון קריגערייען, צו שטודירן אין וואַרשע. דער טאַטע, האָט ער געוווסט, וויל געבן אַ פּאַרמעגן, וויל זי רייך חתונה מאַכן, אָבער זי וויל נישט הערן דערפון. פאַר אהרנען האָט זי געבלעטערט א קליינעם אלבום, האָט מיט אַ טראַגיש קול רעציטירט עלעגישע געדיכטן אַ־לאַ קאָכאַנאָווסקי. נישט אַלץ איז אים געפעלן ביי דער קליינבירגערלעכער גימנאַזיסטקע, מיט אירע אומבאַ־האָלפענע פערזן. ער איז אָבער פאַרבליבן דאָס סענטימענטאַלע ייִנגל, ווי גע־ווען, כאָטש אין זיין לעבן איז שוין געווען פייגעלע און — יאַנעק, זיין חבר יאַנעק. ווי אנדערש, נאָך אַלעמען, זייערע ווערע וועגן האָבן זיך פאַרקירעוועט; ביי אהרנען — האָט דאָמינירט די עמאָציע, דאָס געפיל, און יאַנעק — לאָגיק, טרוקענע לאָגיק... ס'איז אפשר נישט געווען קיין צופאַל.

ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט. די נאַרעס אין דער צעלע זענען שוין פון פריער געווען פאַרכאַפּט דורך די חברה־לייט פון דער „טאַשעמקאַ"־באַנדע. זיי האָבן טע־ראָריזירט די יידישע געשטעלן אויף וואָליע, אויף פּאַוואָנזעק; ייִנגען מיט אויס־טאַטואירטע ברוסטן, מיט שניטן אין די פּנימער, מיט הייסע, גרויע אויגן אונטער די נידעריקע שטערנס. זיי זענען דאָ מער געזעסן צוליב זייערע שלעגערייען, ווי אַרומגעגאַנגען אויף דער פריי. זיי זענען דאָ געווען ברייט צעלייגט אויף די נאַ־רעס, געשנאָרכט, ווען מ'האָט פאַרנאַכט־צייט אָנגעהויבן אַריינצופּאַקן די לייט, אַראָפּגענומענע פון די גאַסן. זיי און די שיכורע מיידלעך, היינטערן ווענטל, האָבן אויפגעהויבן אַ ליאַרעם, נישט געלאָזן צורירן זיך צו די פּריטשעס, כאָטש ס'איז נאָך געווען גענוג אָרט.

— פּשיאַ איך מאַטש !... — האָבן זיי געזידלט, די ייִנגען פון די פאָרשטעט — אַ פּוילישער מענטש איז שוין אַפילו אין „קאָזע" אויף דער נאַרע אויך נישט ביי זיך...

קיינעם האָט זיך דאָרט נישט געגלוסט אַריינצולאָזן זיך מיט זיי אין טענות; מ'איז געלעגן צוזאַמענגעקוועטשט אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און מיט אַן אומבאַשטימטן ציטער געוואַרט אויפן שפּראָץ פון טאָג. מ'האָט געוואַרט אויף דער שעה, ווען מען וועט רופן צו דער אויספאָרשונג.

ביז טאָג־גרויען האָט אהרן קיין אויג נישט צוגעטון. ס'איז אים שטיינגעבליבן אין די אויערן אַ האַרבע, זינגענדיקע שנאָרכעריי. פון זויערלעכן געשטאַנק האָבן די שלייפן געהאַמערט. נישט געלאָזן אַ דרעמל טון האָט אים אויך די פאַרשטיקטע שושקעריי. נאָך האַלבער נאַכט האָט מען ווידער אַריינגעלאָזן פרישע „געסט". כאָטש מ'האָט זיך גוט געקענט, האָט איינער דעם אנדערן אָנגעקוקט ווילד־פרעמד, ווייל מ'האָט געוווסט, אז זיי האָבן דאָ אריינגעזעצט צווישן זיי „אויגן" און "אוי־ערן". פונדעסטוועגן האָט ער נאָכגעגאַנגען פאַרנומען אַרום זיך אַ פאַרשטיקטע שוש־קעריי. געשראָקן האָבן זיך דער עיקר אַלע צו שטיין באַלד פּנים אל פּנים מיטן

הויפט־קאָמיסאַר פּאַגאַזשעלסקי. מיט זיין הויכן, ברייטן געשטעל, רויטן פּרצוף און אויסגעגאָלטן שאַרבן, מיט אַ גראָבן יאַמשענעם שטעקן אָנגעהאַנגען, איז ער אַליין אַרומגעלאָפן איבער די אומלעגאַלע בערזעס פון „מורדזשיעל". ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם קוק. איינמאָל אָפּגעמאָסטן, האָט ער יענעם שוין אין פּיי־ער דערקענט. אַריינצופאַלן צו אים אויף אַן אויספאָרשונג האָט דעריבער ביי יע־דערן אביסעלע געקלאַפּט דאָס האַרץ. אהרנען איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז ער וועט שוין דאָסמאָל אַזוי גיך נישט אַרויס פון זיינע לאַפּעס, אַז מ'עט אים אַריינ־פּאַקן אויף עטלעכע יאָר אין תּפיסה. אירענקע... פייגעלע... ס'איז באַנג געווען. דער פון רעכטס, פון וואַנען די שושקעריי איז געקומען, האָט זיך זייער פּלוצים אָנגעבויגן צו אים, אַריינגעקוקט אים אין פינצטערן שויבערל.

— די פּערעלקאַ קענסטו ? ...

— ניין... כ'ווייס נישט... — האָט אהרן נישט פאַרשטאַנען.

— וואַסזשע... מ'האָט דיר נישט אַראָפּגענומען פון גאַס, ראַג קאַרמעליצקע ?

— יאָ, מיט אלעמען... כ'ווייס נישט וואָס זיי ווילן פון מיר... כ'בין נישט גע־ווען אויף דער דעמאָנסטראַציע... — האָט אהרן נישט געהאַט קיין ברעקל צוטרוי.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דערנאָך האָט זיך יענער ווידער אָנגעבויגן צו אים, זייער נאָענט, אַז ער האָט געפילט דעם אָטעם זיינעם :

— פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט פאַרענטפערן, אָבער כ'זע שוין, בחור, אַז דיך וועט מען מסתמא מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן אַרויסלאָזן. וועסטו אויפזוכן... וועסט זיך שוין נאָכפרעגן... — די סודותדיקע שטים האָט מער באַפוילן, ווי גע־בעטן — וועסט זיך דאָרט נאָכפרעגן אויף סטערקען. זיי וועלן דיר שוין וויזן... איין וואָרט בלויז : שימעלע האָט באַפוילן זי זאָל אויפרוימען דאָס „פּסחדיקע גע־פעס"... אַזוי זאָלסטו איר זאָגן, דו הערסט ? ...

— כ'וועל זאָגן... — האָט ער מער נישט איבערגעפרעגט און ס'איז אים מיטאַמאָל ווי לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה.

אין פאַרשטיקטן גערודער, וואָס האָט זיך מיט טאָג־ווערן אויפגעכאַפּט, האָט ער שוין דעם אומבאַקאַנטן מער נישט געפונען לעבן זיך. דורך דער האַלב־אָפּע־נער טיר האָט מען געזען אײנעם נאָכן אַנדערן. באַלד וועט ער אויך גערופן ווערן אַהין. און ס'איז אים ווידער באַפאַלן דער אומרו. דערפילט האָט ער, אַז אויך ער טראָגט אַ טייל פון דעם סוד, וואָס שוועבט דאָ צווישן די בלייכע, צעשויבערטע מענטשן. און ס'האָט אים מער נישט געאַרט, וואָס ער האָט נעכטן אָוונט נישט צו־געפירט אירענקען; וואָס דער אויסגעריבענער, צעקנייטשטער אָנצוג פאַלט אַראָפּ פון אים; וואָס אויבן, ביי דער אויספאָרשונג, שלאָגט מען, מען גיסט וואַסער אין די נאָזלעכער. ער ווייס אויך עפּעס, נאָר ער וועט עס נישט אויסזאָגן, בשום אופן נישט. די אַלע דאָ זענען אים פאַרגעקומען קענטלעך. פאַרוואָס פייניקט מען זיי ? דאָס, וואָס איז אין די ביכער, איז איין זאַך, און די רעאַליטעט — אַן אַנדערע. ס'האָט אויפגעטויכט פאַר אים די טויבע, אויסגעשטאַרבענע לאַנדשאַפט אין „דזשיאַדי", ביי מיצקעוויטשן :

שטיל אַרום איז, טויב אַרום איז —

וואָס וועט זיין ? וואָס וועט זיין ?

עפּעס האָט ער דאָ אומגעריכט געפונען דעם אינערלעכן שייכות פון „דזשיאַ־די" מיטן געיאָגטן לעבן, מיט די אַלע, וואָס זענען פאַרשפּאַרט אין די תפיסות, מיט זיין אייגענעם טאַטן, וואָס איז אין 5־טן יאָר פאַרמישט געווען אין די שטרייקן. איז דען אזוי וויכטיק דאָס רייסן זיך צו אַ שטיקל מאַטורע, אַ דיפּלאָם, אַ דאָקטאָראַט ? און אז מ׳האָט עס שוין, זענען ווידער אַלע טירן פאַרהאַקט. און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אז ער וועט זיך שוין מער נישט וויזן ביי די קאַלישער מיידלעך.

אַ ברייטער פאַליציאַנט, ענג פאַרשפּיליעט, מיט אַ קרום מויל צווישן ווילדע וואָנצן, מיט אַ געלן בליישטיפט אונטערן אויער, האָט אים אַ רוף געטון אין דער טיר, אונטערן גלי־לעמפּל. ער איז געווען כמעט פון די לעצטע. די אלע, וואָס מ׳האָט פריער גערופן צו דער אויספאָרשונג, זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דאָס טירל. ס׳איז אים געשטאַנען אַ זויערקייט אין מויל. מ׳האָט אים געפירט איבערן זייטיקן הויף, צו דער גלאָז־טיר. די ווינטערדיקע ליכטיקייט פון פרימאָרגן האָט אים געשטאָכן אין אויגן. אין די אברים האָט ער געפילט אַ זלידנע ברעכעניש. ערגעץ הויך, איבער מויערן, האָבן דורך די קראַטן אַ שווינדל געטון עטלעכע טרעפּלעך. ער האָט נאָר מורא געהאַט זיי זאָלן דאָרט נישט אראָפּלייענען פון זיין פאַרשלאָסן פּנים דעם סוד, וועלכן ער טראָגט מיט זיך.

אין אומהיימלעך־שטילן קאָרידאָר מיט די פאַרהאַקטע טירן, ביז אַראָפּ, איז אים פאַרגאַנגען דער איבלדיקער ריח פון שימל, צי קאַרבאָל, וואָס הענגט צווישן די אלטע ווענט פון מלוכה־ביוראָען, און עפּעס אַן אויסגעדעמפּטער ריח פון ביליקן שמעק־פּאַפּיר. נאָנט לעבן זיך האָט ער דערזען דעם איינגעשמירטן קוילן־טרעגער, וועלכן מ׳האָט צוזאַמען מיט אים אראָפּגענומען פון דער גאַס. ער איז געשטאַנען קאַלט, ווי אויסגעגאָסן. ער איז געווען דער צווייטער לויט דער רייאַריינגעשטופּט צו ווערן אין דער טיר.

אַזעלכע מילדע, שמייכלענדיקע אויגן האָט ער זיך נישט געריכט אָנצובאַגעגענען. דער, וואָס איז געזעסן הינטערן שווערן ביוראָ־טיש, האָט געקלעפּלט מיטן בליישטיפט אין אַ גלאָז, וווּ ס׳האָט געשטעקט אַ פרישע רויז, האָט א פיר געטון אַ בינטל פינגער איבערן נידעריק־געשוירענעם שאַרבן, אַ מילך־בלאָנדן, אַ שטעכיקן, ווי אַ באַרשט. ער האָט לאַנג באַטראַכט דאָס יינגל, כמעט פריינדלעך, דורכדרינגלעך. לעבן אים זענען געשטאַנען נאָך צוויי, אָבער ער האָט נישט געקענט אויסדרייען דעם קאָפּ זיי צו זען. נאָנט צו דער וואנט איז געשטאַנען דער קוילן־טרעגער, פאַרשטייפט, ווי אויסגעגאָסן. דאָס לינקע אויג איז אים קלענער געוואָרן אונטער דער פאַרצויגענער ברעם. ווינטערדיקע זון איז געווען אויף דער פּאָדלאָגע; און אים, אהרנען, האָט אַלץ געשווינדלט פאַרן בליק. ער האָט געהערט רייד איבער זיך, די געלאַסענע רייד, ווי פון זייער ווייט, נאָר דאָס מויל האָט זיך נישט אויפגעמאַכט ביי אים. מ׳האָט געצישעט אים אין אויער אריין, געטרייסלט אים. עס זענען געפאַלן קלעפּ. ער האָט געפילט, ווי דער רוקן ברעכט שאַרף, שניידיק, ווי ער וואָלט געלעגן אויף צעפּיצלט גלאָז. ער האָט אַפילו נישט געשריגן. די ציין זענען אים געווען פאַרהאַקט. אין קאָלירן־שווינדל, האָט ער אפילו נישט געדענקט ווען מ׳האָט אים ארויסגעטראָגן...

דעם שווערן קאָפּ האָט ער אויפגעהויבן אין אַן אַנדער צעלע, מיט הויכע קראַטן, מיט אַ צעקעסטלט פּיצל הימל. פון איבער אָפּגעהאַקטע דעכער איז געקו־

מען דער געריש פון דער שטאָט. אַ טראַמווײַ האָט לאַנג געגרילצט איבער די שי־נעס ביים פאַרדריי פון אַ ראָג; אָבער די ווי קלאַנגען וואָלטן געקומען פון אַ נישט־ערדיש לעבן.

— ווילסט אַ טרונק ? — האָט עמיץ געפרעגט, ביי אים צוקאָפּנס.

ער האָט נישט געקענט אויסדרייען דעם קאָפּ צו זען ווער ס׳איז. ער האָט קוים געשאָקלט אויף יאָ, באַנעצט די ליפּן און געפילט, ווי ס׳חיות קומט צו אים לאַנג־זאַם צוריק. „איז עס שוין טאַקע נאָך אַלעמען ?"... — האָט ער זיך אליין נישט גע־וואָלט צוגלויבן.

# קאַפּיטל זיבן

אַזוי האָט אהרן, צום לעצטן מאָל, אָװעקגעװאָרפן די שול־ביכלעך, די „װשעכני־צע", די ראָמאַנטישע סטודענטקעס און איז געוואָרן אויס צעפּלויגענער אינטעלי־גענט. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו די זייניקע.

ווען ער איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געגאַנגען איבער די זעלבע גאַסן, אַן אויסגעבלייכטער, מיט אַ קילן פלאַטער אין רוקן, האָט אים שוין מער נישט געאַרט זיין אָפּגעטראָגענער אַנצוג און וואָס ער וועט זיך שוין מער נישט קענען ווייזן אין אַזאַ הילוך פאַר אירענקען. דאָס שיקלדיקע מיידל, סטערקע, אויף וועלכער ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אין אַנגערויכערטן קאַוויאַרניעלע, ביי דער פּערעלקאַ, איז אים באַלד פאַרגעקומען מאָדנע־קענטלעך. ער וואָלט געשווירן, אַז ער האָט זי שוין ער־געץ־ווו באַגעגנט. אַ שמאָלע, אַ זשוואַווע, האָט זי אים אַ באַקוק געטון מיט פאַרדאַכט. דער יינגלערישער טראָט, די ווייניק ווייבלעכקייט אירע, דאָס, וואָס זי איז אַזוי אַנ־דערש פון אַנדערע, האָט אים אָבער גלייך געמאַכט היימישער מיט איר; אַפילו היי־מישער ווי מיט פייגעלען, וואָס ער האָט זי חדשים לאַנג פאַרלוירן פון בליק און ער האָט נאָך אַלץ געבענקט נאָך איר. מען איז דאָ געשווומען אין אַ וואַרעמען, רוי־שיקן נעפּל פון פּנימער און סילועטן. נאקעטע טישלעך אַרום די ווענט פוןביידע קליינע שטיבלעך, אַ פאַרשטעלט ליכט, פאַרהויכטע שפּיגלען און שוואַרץ פון רוי־שיקע געזעמלעך. אין דער מיט פון דעם גאַנצן גערודער האָט ער מיטאַמאָל דער־פילט איר שאַרסטקע, אָבער וואַרעמע האַנט אונטערן אָרעם. זי האָט אים שוין גאָר מער נישט איבערגעפרעגט, נאָר זייטיק, דורך אַ הינטער־טיר, אַרויסגעפירט אים פון דאַנען. אַ נאַסער שניי איז געפאַלן צווישן די קרומע מויערן, געקלעפּט אויף די זויעס, געפאַלן אין קאָלנער אַריין; און זי האָט אים קונציק, מיט די עלנבויגנס, גע־קירעוועט דורכן פאַרפּאַקטן טראָטואַר.

— ווען האָסטו אים געזען ס׳לעצטע מאָל, שימעלען ? — האָט זי אים גלייך אויפן אָרט גע׳דו׳צט.

— מיט פיר טעג צוריק. אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע... ס׳איז דאָרט געווען אַזוי טונקל און אָנגעפּראָפּט, אַז איך האָב רעכט זיין פּנים נישט געזען.

— ביסטו דאָך, אויב אַזוי, געזעסן צוזאַמען מיט מיר ! איך בין נאָך אייער־נעכטן אַרויס, מיט דער גאַנצער באַנדע... מיר האָבן דאָרט איבערגעקערט די צע־לעס, געזונגען... פרעג נישט ! זיי זענען קוים פּטור געוואָרן פון אונדז... פון וואַנען קענסטו שימעלען ? ...

— כ׳קען אים נישט. ער האָט מיר אָנגעכאַפּט און געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך אַרויסלאָזן... ער האָט מיר געבעטן דיר איבערגעבן...

— אַזוי ? ... ער האָט געמיינט, דער חכם, אַז כ׳וועל וואַרטן, ביז ער וועט מיר לאָזן באַפוילן ... — האָט זי אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט פון דער זייט — און דו אַליין, ביסט, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק, זע איך... אַבי כ׳האָב געמיינט... ביסט אונדזערס אַ יאָט... זעסט מיר אויס צו זיין אַן אינטעליגענטל, עפּעס אַ ביכל־מענטש...

— פון וואַנען ווייסטו, אַז כ׳בין נישט... אונדזערס אַ יאָט ? ...

ווייל ער איז נישט מחויב געווען איר אַלץ צו דערציילן. זי האָט אָבער אויס־געזען נישט צו דערהערן.

— אַזעלכע ווי דו באַדאַרפן מיר אויך ! — און זי האָט צוגעגעבן כמעט באַפּע־לעריש — גייסט היינט מיט מיר !...

דערנאָך,ביים פאַרדריי צו דער געגנשע, האָט זי מיטאַמאָל גענומען רעדן אומע־טיקלעך וועגן שימעלען, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו „זיי״ אין די הענט אריין, ווי אַזוי פּאַגאָזשעלסקיס שפּיצלעס האָבן אים שוין פון לאַנג אַרומגעזוכט און — ווער ווייס זוען מען וועט אים צוריקזען. זי האָט אים דאָרט אָנדערציילט נאָך עפּעס. ער האָט עס אַלץ אויסגעהערט אין אַ ווייטער פאַרטראַגנקייט און האָט זיך בלינד געלאָזן פירן פונעם מיידל. אין נאַסן שניי, וואָס האָט געקרייצט די ווינטערדיקע שטאָט, האָט די ענגע אָוונטיקע גאָס געליאַרעמט מיט — פרישע בייגל, דריי פאַר צען גראָשן, מיט הייסע, פאַרעדיקע קישקעלעך. אינמיטן איז געוואָרן אַ געלויף אַרום די טויערן און אַרום די גאַז־לאַמטערן. אַ פּאָליציאַנט מיט אַ פּאַלקע האָט נאָכגעיאָגט די ייִנגלעך מיט די ווילעריש־אַראָפּגערוקטע דאַשיקעס, די אָנגעפּעלצטע מיידלעך מיט די קאָפּ־טיכלעך, די יידן מיט די שפּענצערס, וואו זיי האָבן געהאַלטן פאַרשטעקט זייער סחורה און ס׳האָט אַרויסגעזעצט פון דאָרט אַ פּאַרע פון די הייסע קישקעלעך. קוישן מיט בייגל האָבן זיך צעשאָטן אויף די טראַמוויי־שינעס, אין דער מיט ברוק. אַ פּאָליציאַנט האָט געפירט אין צירקל אַריין אַן אָפּגעשליסן ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף, מיט אַ בלעך צוקער־קיכלעך אויפן קאָפּ. פון הינטן איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע לוויה. דאָס ייִנגל איז געטרעטן אין די צעפּאַרענע שיך האַרט ביים פּאָליצ־יאַנט און די בלעך אויף זיין קאָפּ האָט זיך אַלעמאָל מער אויסגעבויגן אַהינטער. די, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן, האָבן אויפגעקליבן די קיכלעך און געקייכט פון געלעכטער. ביז דער פּאָליציאַנט האָט זיך געכאַפּט, אַז די בלעך איז ליידיק; האָט ער צוויי מאָל אַ זעץ געטון דאָס ייִנגל מיט דער גומענער פּאַלקע און דער קליינער האָט זיך זייטיק, ווי אַ קאַץ, באַלד געטון אַ טראָג־אָפּ. דער פּאָליציאַנט האָט מיט ווילדע קולות גענומען זיך פונאַנדעריאָגן דעם קייכנדיקן עולם.

געשיקט אויסגעמיטן די דזשיקע, ראָג געגנשע, וואו ס׳האָבן זיך ביי דער תפיסה געדרייט פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן, האָט זי אים אוועקגעפירט צו אַ קרום געסל ביי

דער סמאַטשע. צו די צוויי ענגע גאַרן־שטיבלעך, אויפן לעצטן הויף, האָט מען זיך אַרויפבאַקומען הינטער אַ באַריער פון אויפגעשטעלטע וועגענער. דעם פלינקן יאַט, וואָס האָט זיך געדרייט אין טויער, האָט זי שטיל עפּעס אַ זאָג געטון און געפּירט נאָך זיך אהרנען. אין קאָרידאָר אויבן האָט זי צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטון, לויטן אָפּגערעדטן צייכן. די טיר האָט זיך אויפגעריגלט. זיי זענען פלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרשטיקטן, פריילעכן רעש. די פענצטער אונטערן באַלקן זענען געווען פאַרהאַנגען מיט קאָלדרעס.

— קיינער האָט זיך שוין אויף דיר היינט נישט געריכט... — איז מען זיי באַפאַלן פון אַלע זייטן — די קעטשלעך פאָרן נאָך אַרום אויף דער דזשיקע ?... ס׳גרייטן זיך אַרעסטן... האָסט עפּעס געהערט וועגן גענעראַל־שטרייק ? ...

— דער חבר האָט מיר געבערענגט אַ גרוס פון שימעלען... — האָט זי געוויזן אויף אהרנען, נישט געהערט וואָס זיי רעדן דאָרט אַלע אויף אַמאָל. זי האָט אויסגעזען זייער צעטראָגן. דאָס פאַרשפּיצטע גאָמבקעלע אויסגעשרויפט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך באַלד, אַן אַנגעפּראַסטיקטע, אַ צערויטלטע, לייכט געלאָזן אַריינציען אינעם פריילעכן גערודער. ס׳איז געווען ערב די דריי ל׳ן (לענין, לוקסעמבורג, ליבקנעכט) און, ווי ביי יעדער געלעגנהייט, האָט מען איינגעאָרדנט אַ היימיש שמחהלע. אין די צוויי ענגע גאַרן־שטיבלעך האָבן געוווינט דער חבר בינם מיט דער חברטע העלע, פון שטריקער־פאַך. זיי זענען דאָ נישט לאַנג געגאַנגען ווינען צוזאַמען, אָן חופה וקדושין. די עלטערן און די משפחה האָבן געמאכט געוואַלדן, איינגעלייגט וועלטן, נאָר ווער האָט זיי דאָרט געהערט ? מ׳האָט זיך צונויפגעלייגט, געקויפט אַ פּאָר פלעשלעך, אָפּגעבאַקן א היימישן קוכן און פאַרבעטן די חברה. צוויי טישן זענען געווען צוזאַמענגערוקט. די חברטע העלע מיט בלאָנדן שויבער, אַ שפּולעריין ביי שטעקערן אין דער טריקאָטאַזש־פאַבריק אויפן מוראַנאָוו, האָט פון דער מאַמעס שטוב מיטגעבראַכט קלאָרע, אויסגעצנייטע סערוויעטן און האָט זיי פאַרשפּרייט. די אויפגערוימטע שטיבלעך זענען פול געווען מיט יום־טוב. עס זענען געווען אָנגעשטעלט קליאַשן, גלעזלעך און פלעשער. די פּנימער — פאַרפלאַמט.

אַזא ליבע וואַרעמקייט ווי ס׳האָט אהרנען דאָ אַרומגענומען, צווישן די פשוטע, אָפנהאַרציקע חברה. זיי זענען אים אַלע, דוכט זיך, באַקאַנט געווען. מ׳האָט געוואָרפן אין געבלימלטן טעלער אַריין אויפן טיש דאָס לעצטע ביסל קליינגעלט, אַריינצושיקן „וואָלוועקעס" אין די תפיסות, און ער האָט צוזאַמען מיט אַלעמען צוגעלייגט זיינע פּאָר גראָשן. ס׳האָט אים געפלאַמט ס׳פּנים, פאַרוואָס ער קען נישט אַריינוואַרפן כאָטש מער. דערנאָך האָט מען געזונגען, שטיל און פייערלעך, וועגן אַן אָנגעצונדענער יוגנט, וואָס איז אוועק אין שלאַכט פאַר אַ נייער וועלט; וועגן געזונטע יידן, וואָס צעאַקערן די פעלדער פון יידישע קאָלכאָזן, ביי די טייכן בירא און בידזאַשן. אָבער פון אַלע שטימען האָט ער נאָר אַרויסגעהערט סטערקעס שטימעלע, וואָס איז געווען פאַרבענקט און דין. ס׳האָט לאַנג וויברירט אין זיינע אויערן און צוזאַמענגעמישט זיך מיטן ליד, וואָס איז רעציטירט געוואָרן דורך אַ חברטע פון דראמ.־קרייז ביים טעקסטיל־פאַראיין :

מיידלעך, מיינע טייערע,
איך גיי מיט אייך !
ס׳איז יונג און זינגענדיק דער גאַנג — — —

און ער האָט דערזען דורך די ווערטער פונעם ליד — די אויפגעטרייסלטע ברוקן, די ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענע דעמאָנסטראַציעס, דאָס טויבע געזאַנג צווישן די ענגע מויערן אין ראַזן ווינטערדיקן פאַרנאַכט, די אויסגעשטאָרבע־נע סיבירער לאַנדשאַפט אין מיצקעוויטשעס „דזשיאַדי״.

ס׳האָט נאָכאַנאַנד געזונגען אין אים. עפּעס איז געווען אַזוי אויסגעקלאָרט אין זיין געמיט, אומקערנדיק זיך באַגינען צו זיין אויסגעקילט בעטל אויף דער קראָכמאַלנע. ער האָט געטראַכט וועגן די ראָמאַנטישע סטודענטקעס, וואָס לעבן אין אַן אויסגעטראַכטער וועלט. די ווירקלעכקייט איז דאָס — האָט ער זיך דער־מאָנט אין די עטלעכע איבערגעשוידערטע נעכט אין דער צעלע. ווי אַזוי האָט ער געקענט איבערלאָזן פייגעלען און זיי אַלעמען דאָרט ? די דזשיקע גאַס, די איבער־געפּאַקטע טראָטואַרן צווישן די ענגע מויערן, אָפּגעגאָסן אין פאַרנאַכטיקן זון־בלענד, האָט ערגעצוווּ געאיילט, געיאָגט, ווי גישט צו פאַרשפּעטיקן.

פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ, מיט אַ שטילן פּלאַטער, אויסגעמיטן דאָס מילנע געסל, ס׳שטילע הויז מיט די ארונטערגעלאָזענע גאַרדינען, די ראָמאַנטישע שאָטנס, דעם ריינלעך־אָפּגעשלאָסענעם הויף, וווּ עס הערן זיך פּיאַנע־טענער, וווּ־הין דער גאַסן־טומל פון דער יידישער געגנט אַרום דערגייט נישט. געגנעסטיקט האָט אַרום די יידישע אָרעמקייט און ס׳האָט עפּעס נישט אינגאַנצן געשטימט מיטן סאָלידן סטיל פון די הייזער אין די זייטיקע, שטילערע גאַסן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די שפּורן פון אַמאָליקן ווילשטאַנד. פאַרשטויבטע זיילן און הערקולעסן האָבן אונטערגעהאַלטן די באַלקאָנען, די פאַסאַדן זענען געווען געשניצט, כאָטש אָפּגעבליאַקעוועט. געבויט האָבן די הייזער אַוודאי יענע ברייטע וואַרשעווער יידן, די „פאַדריאַטשיקעס״, מיט די סקאָנסק־פוטערס, מיט די טיפע יידישע היטלען און הויכע דענקעס, אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט. זיי האָבן געשיקט איבער דער ווייסל פליטן מיט געהילץ, פלאַקס און תבואה קיין דאַנציק; און נאָכן נאַפּאָ־לעאָנישן מאַרש איבער אייראָפּע, נאָך די דורכגעפאַלענע פּוילישע אויפשטאַנדן, געדרייט ריזיקע מסחרים מיט די צאַרישע סאַטראַפּן און גובערנאַטאָרס; געבויט שאָסייען, באַן־ליניעס, פאַבריקן און אָוועקגעפּירט פעטע פדיונות צום רבין. די יורדישע זין און די אייניקלעך האָבן זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט אין די מאַסיווע קרעדענס, אָנגעשטעלט אין די טונקעלע, אומהיימלעך־גרויסע שטיבן, געבויט ווי פעסטונגען, אין די ענג־לאָמפּן אויף שווערע קייטן, אין די געשניצטע מעבלען. אויפן גענשער בית־עולם האָבן זיך נאָך ביז היינט אויפגעהיט די מצבות מיט די טייבעלעך און מיט הענגלעך ווייַנטרויבן, פון גאַנצע משפחה־דינאַסטיעס פון אַמאָליקן וואַרשעווער יידישן יחוס און שטאַנד, פאַרזען מיט געגראַמטע, מליצה־דיקע אויפשריפטן, אין העברעאיש און אין פּויליש.

דאָס פּוילן פון נאָך 1920 איז אָבער געווען אַ קליין, אָפּגעשלאָסן לענדל פון פּריצים און פּולקאָווניקעס, האָט זיך געשטיקט, איז געלאָפן נאָך הלוואות צו די פּראָטעקטאָרן פון ווערסאַיל, אָנגעבאָטן קאָנצעסיעס און געשונדן די הויט פון מיטל־בירגער מיטן ראַפינירטן שטייערן־סיסטעם. אויס גרויס אימה פאַרן באָל־שעוויזם, האָט עס אַליין פאַרהאַקט די טירן פאַרן גרויס־רוסישן מאַרק. פריער ווי אומעטום איז אין לאַנד געקומען דער קריזיס, די אינפלאַציע.

דער קריזיס האָט אין אַ סך איינגעפונדעוועטע יידישע הייזער אַריינגעברענגט דעם שיין־פאַרפוצטן דלות. אין די דאָזיקע הייזער האָט מען פאַרזעצט דאָס אַלטע משפחה־צירונג, דאָס מאַסיווע זילבער־געשיר און פון לעצטן געשיקט די קינדער אין די אוניווערזיטעטן; און ווען די בענק אין די פוילישע הויך־שולן זענען געוואָרן צו־געפערלעך, האָט מען זיי געשיקט קיין אויסלאַנד, קיין פאַריז, קיין גרענאָבל, קיין נאַנסי. צופיל ארבעטסלאָזע דאָקטוירים, אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן, בעלנים אויף רייכע שידוכים, האָבן אָונט־צייט אָנגעפילט די גרויסע קאַפייען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, אויף דער ניי־וועלט. אין דער „זשעמיאַנסקע", די עלעגאַנטע ליטעראריש־קינסטלערישע קאַפיי, האָט מען אַפילו די פוילישע שוישפילער און פאָעטן פון יידישער אָפּשטאַמונג, באַטראַכט זייטיק, מיט בולטן ביטול; אין די סאַטירישע זשורנאַלן האָט מען זיי אָפּט געגעבן אָנצוהערן מיט שטעך־ווערטלעך זייער נישט־ריינע פוילישקייט. ס'האָט זיי, די גייסטרייך־ראַפינירטע פאָעטן, געקאָסט אַ סך וואָרט־מייסטערשאַפט, און נישט ווייניק האַרצווייטיק מסתמא, צו פאַרטיידיקן די „ריינע קונסט" און, אגב אורחא, אביסל פאַרשעמט — זייער יידישע אָפּשטאַמונג. ס'האָבן אין די דרייסיקער יאָרן שוין געבלאָזן די פאַרסמטע ווינטן פון מערבדיקן שכן, וועלכער האָט, אויסגערעכנט און ראַפינירט, שטילערהייט געגרייט דעם שפרונג אויף אייראָפּע. אין די אינטעלעקטועלע קרייזן האָט מען עס אָבער באַצייטנס דערשפירט.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך באַוויזן אַ דינער זאַמלהעפט פון אַ גרופּע פוילישע אַרבעטער־דיכטער. זיי זענען אַרויס אין שטורעם מיטן באַרימטן קרעדאָמאַניפעסט — „דריי זאַלפן". „קוקט אין פענצטער — האָט איינער פון זיי געזונגען האַרב און מאָנענדיק — אָט לויערט ער, דער שפּיצעל"... אַזאַ גרויער, רעאַליסטישער טאָן אין דער פּאָעזיע איז, באַטירלעך, געווען צו־גראָב, צו־מגושמדיק פאַרן פיינפילנדיקן אויער פון דער אַריסטאָקראַטיע פון גייסט; מ'האָט נאָך דאָרט געשטעקט אין דער קרענקלעכער נעאָ־ראָמאַנטיק, אין דער פוסטער גאווה פון אַ פוילן „פון ים ביז ים"...

אין די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך פון דער יידישער פּראָווינץ האָט מען שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט צו באַקלאָגן דעם זון־אונטערגאַנג. די אויסזיכטלאָזיקייט האָט אַ געזונטע יידישע יוגנט, וואָס האָט געשפּראָצט מיט ענערגיע און זי נישט געהאַט ווו אַהינצוטון, אַרויסגעטריבן אין דער גרויסער שטאָט אַריין. ווי די פרומע יידישע גרייזן, וואָס האָבן דורך די פינצטערע יאָרהונדערטער אַלעמאָל געזען אויפלויכטן די „עיקבתא דמשיחא", אַזוי האָט מען אין די איבערגעפּאַקטע קנייפּעס און אויף דער אָונטיקער דזשיקע גאַס געפּיבערט, אַז אָט מאָרגן שוין קומט זי, די סאָציאַלע רעוואָלוציע; זי וועט אַלעמען אויסלייזן. מ'איז געקומען אָנפילן די האַלב־לעגאַלע אַרבעטער־פאַראיינען, די גאַסן־בערזעס, די מאַסוווקעס, דעם זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע, ווו עטלעכע שרייבער און ארבעטער־אינטעליגענטן האָבן הייס דעבאַטירט וועגן דער היינטצייטיקייט אין דער יידישער ליטעראַטור — וואָס זי דאַרף זיין און וווהין זי דאַרף פירן. ס'איז איבערגעחזרט געוואָרן דאָס וואָרט פון גרויסן יידישן פּראָזע־מייסטער דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט ביי אַ באַזוך זיינעם אין פוילן, גראָד צו יענער צייט, אַ וואָרף געטון אין עקסטאַז: „די יידישע ליטעראַטור אין פוילן —

האָט ער געזאָגט — איז געגליכן צו אַ זייגער, אַ גאַר פיינער מעכאַניזם, ביי וועלכן עס פעלן אָבער לחלוטין די ווייזערס... מען ווייס נישט ווי שפעט ס'איז"...

פון דעמאָלט אָן האָט אין אהרנען געגומען זינגען די דזשיקע גאַס, די אויסגע־שטאָרבענע סיבירער לאַנדשאַפט פון „דזשיאַדי", דאָס קעלערל ביי דער מומען אויף דער מוראַנאָווסקע, וווהין ער איז אַראָפּגעקומען פון דער פּראָווינץ צו די שוועסטערן, די נייטערקעס, אַ ייִנגל נאָך. ווארשע איז געוואָרן זיין היים. די ייִנ־גערע שוועסטער, בראָנטשע, איז מיטגעפאָרן מיט דער משפּחה קיין פּאַריז, אָבער די עלטערע שוועסטער צירל איז נאָך אַלץ געזעסן אין קעלערל איבער דער ניי־מאַשין. זי האָט זיך געעלטערט, ס'אָרעמע מיידל. זי האָט אָבער געפלאַמט מיט אַ גרויסער אידיי. צו דער מומען אין קעלערל האָט עס אים כסדר צוריקגעפירט. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל באַגעגנט פייגעלען, ס'מיידל פון קראָקע. ער האָט זיך אין די נעכט שפּעט אומגעקערט צום נידעריקן טויערל. די גרינע שיין פון די גאַז־לאַמטערן האָבן שוואַך אויסגעטיילט די סילועטן פון די אלטע געביידן, ווו ס'האָט געגעסטיקט די יידישע אָרעמקייט. ביינאַכט האָט דאָ אַלץ אויסגעקוקט אַנ־דערש, כאָטש ער האָט דאָ יעדעס ווינקעלע געקענט כמעט פון קינדוויז אָן. ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ זיסן רויש אין זיינע גלידער. עפּעס אַ נייער כוח האָט אים געטראָגן איבער די שפּיציקע שטיינער, צווישן די אָפּגעשונדענע היי־זער און קרום־צעשטעלטע לאַמטערן פון דער גאַס, ווו יעדער שטיין און יעדע וואַנט טראָגט נאָך אויף זיך די שפּורן פון יענע העראָאישע יאָרן. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס קעלערל פון פּאַרנט, די מיידלעך, די זאָקן־מאַכערינס; ווי זיי האָבן ביי דער אַרבעט געפלעגט צו זינגען אַ ליד וועגן די שטרייקערס אין 5־טן יאָר, וועגן ברוך שולמאַן מיט זיין כלה, וועגן אַטענטאַט אויפן פּאָליצמייסטער; און ווי אַזוי מ'איז איינמאָל ביינאַכט געקומען און מ'האָט זיי אַרויסגענומען פון די בעטן. אינדערפרי איז געווען אַן אַנגעלויף. די שכנות האָבן פאַרצויגן די שנעבעלעך: „רעכט אויף זיי, אויף די מיידן... זאָלן זיי זיך נישט אַרומטרייבן גאַנצע נעכט און נאָך גיין טיילן בלעטלעך לעבן „צאַרקל"... אנדערע האָבן באַדויערט — „ס'יונגוואַרג, ווי איז מיר... זיי גייען מיט דער פּאַן... אָבער זיי מיינען אונדז אַלעמען, גלויבן זי מיר, צום גוטן"... אין די לידער פון די מיידלעך, האָט אהרן באַקלערט, האָט מען שוין יאָ געוווסט „ווי שפּעט ס'איז". אבי ער איז געגאַנגען זוכן „די איינפלוסן פון מיצקעוויטשן ביי אַנטשטיין פון אומאָפּהענגיקן פּוילן"...

אין דעם ווינטער פון דער גרויסער שטרייקן־כוואַליע, ווען די צעאָדערטע טראַמוויי־שינעס איבער דער שטאָט, פאַרווישט אין נעפּל, האָבן געזשאַווערט, איז דאָס קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ראַיאָנדיקן ביג־שטאַק, אין אַ שטאַב פון שטרייק־קאָמיטעט. אהרן האָט ס'ערשטע מאָל אַראָפּגע־בראַכט אַהער סטערקען. זי האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשוווּנדן. דאָס קעלערל איז געלעגן פאַרשטעקט אין טיפן הויף, אַרומגעשטעלט מיט מויערן. אַלעמאָל, ווען מ'האָט געשטרייקט אין די יידישע טעקסטיל־פאַבריקלעך, איז דאָ געווען דער טרעף־פּונקט פון די פּיקעטן. מ'האָט דיסקוטירט, אַרומגעקריגט זיך, פאַרצויגן אַ ליד. אין די געדיכטענישן פון די יידישע קוואַרטאַלן האָט זיך דעמאָלט אויפגע־האַלטן אַן אומגעוויינלעכער אַנגעלויף פון פּראָווינצער יונגעלייט. ס'לאַנד איז אַלץ טיפער געזונקען אין קריזיס. ס'איז מער נישט געווען צו זען פון וואַנען די הילף

וועט קומען. צווישן די נאַלעווקער הייף און דער דזשיקע גאַס, צווישן ליאַרעם פון גאַסן־האַנדל, האָבן זיי זיך מיטגעשלייכט, די פרעמד־אַנגעלאָפּענע.

אויפגעהאַלטן האָבן זיי זיך אין די דאַך־שטיבלעך, וווהין מ׳האָט זיך דער־קריגן דורך אַ שווינדל־שטיג. פּאָר עטלעכע זלאָטעס אַ חודש האָבן זיי אָפּגעדונ־גען אַ שטיקל בעטל אין דער קאַלטער קיך. די באַלעבאָסטעס זענען געווען קאַרג אויף דער עלעקטריע, וואָס מ׳האָט געלאָזן ברענען שפּעט. בייגאַכט איז געווען דורכצוגיין אַ בראַנד. האַלב־עלף זענען אין שטאָט געשלאָסן געוואָרן די טויערן. ס׳איז גלייכער געווען אַריינצוכאַפּן זיך איידער מען שליסט די טויערן, ווייל נאָכ־דעם דאַרף מען אָנקלינגען צום סטרוזש, וואָס דערשמעקט גלייך, ווען מ׳איז נישט אינגאַנצן כשר. אָבער אַז מ׳האָט אים אָפּגעשטעקט אַ פּאָר גראָשן, האָט ער נאָך אַראָפּגענומען ס׳היטל, עפּעס געמורמלט אין די וואָנסן אַריין. ביז שפּעט ביינאַכט האָט געקלונגען דאָס גלעקל אין טויער. ס׳האָט אָפּט געטראָפן, אַז פּאָליציי איז געקומען נישטערן אויף די שטאָקן. ס׳האָט אויפגעבליצט שאַרף ליכט.

אין די וואַרשעווער ווינטערדיקע פאַרטאָגן קרייען נישט קיין הענער אין שטעלעכל הינטערן פענצטער. די שטאָט ליגט איינגעקאָוועט אין אַ בייסיקן פראָסט. אַז מען שאַרט אוועק דאָס פאַרהענגל, דערזעט מען דורכן אָפּגעהויכטן לעכעלע, ווי איבער די קרומע דעכער צעשווימט אויפן פּלאַץ מוראַנאָוו אַ שיטע־רער נעפּל. פון אַלע ראָגן פאָרן אַן טראַמווייען מיט אָנגעצונדענע שויבן. ס׳גלוסט זיך נישט אַראָפּצוקריכן פון אָפּגעדונגענעם אויפשטעל־בעטל, אונטער דער צע־אָדערטער קאָלדרע. וואָס צו פאַרשפּעטיקן איז סיי־ווי נישטאָ.

— קוקט עס נאָר אָן... — געוואָלדעוועט די יידענע — מ׳קען זיך שוין צום „זלעוו" נישט דערשפּאַרן...

כאַפּט מען זיך אויף און מען לאָזט זיך אַראָפּ גלייך צום קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע. דער געלער לייבל, אַ פּאַליטישער עמיגראַנט פון די קרעסן ערגעץ, פּאַלט אַראָפּ פון די ערשטע. פּאָליציי זוכט אים. אַלע פּאָר טעג ציט ער זיך אי־בער אויף אַן אַנדער מלינה. ער שאַרט זיך אומבאַמערקט לענגאויס די מויערן, דעם קאַפּ פאַרשטעקט אין הויכן קאַלנער.

— חברה ! — פּאַלט ער אַראָפּ אין קעלערל — כ׳בין טויט־הונגעריק ! כ׳האָב נאָך היינט קיין פּאַפּיראָס אין מיין מויל נישט געהאַט...

— ס׳שטייט אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ רייז און קיין הונט וויזט זיך נישט... — רופט זיך אָפּ די אַלטע הינטערן קיכל.

נאָכמיטאָג יאָווען זיך אַראָפּ בײדע גלאַט־פאַרשרונדיקטע מיידלעך, גוטקע און פאַליע. די שטובן ביי זיי זענען סוחריש־אָפּגעקומענע. ס׳שטייען דעמבענע, שווער־געשניצטע שענק, אין די טונקעלע עס־צימערן וויגן זיך הענג־לאָמפּן אויף זשאַ־ווערדיקע קייטן. אין טאָטעשיס און מאַמעשיס שלאָף־חדר זענען די בעטן הויך־אויפגעגאָרנט מיט קישנס און קישעלעך. וויפל מ׳זאָל דאָרט נישט אַרומרוימען, בלייבט נאָך, דוכט זיך, אויף אַלעם ליגן אַ שטויב. אַן עלטערער ברודער, וואָס האָט ביי 13־14 יאָר באַקומען אַ געטוישטע שטימע און אויסשיטן אויפן פנים, האָט דאָ איבערגעלאָזן א פידל אויף דער וואַנט. ער איז שוין לאַנג צוריקגעקומען פון אַן איראָפּעאישן אוניווערזיטעט. צוליבן קריזיס, האָט ער אויפגעהערט צו באַ־קומען דעם חודש־געהאַלט. אַ סטודענט, אַן איראָפּייער, האָט אים אויפגעכאַפּט

אָן אויפגעקומען הויז אויף דער גענשע. אָבער ס׳בילד פון יינגל אין די אויסגע־וואקסענע הויזלעך איז הענגען־געבליבן, די פארשטויבטע פידל — אויך. די אונ־טערגעוואקסענע מיידלעך זענען געוואָרן שנייזערינס, אַפילו געגאַנגען ארבעטן אין אַ פאַבריק, האָבן שוין באַשטאַנען חתונה צו האָבן פאר אַ געוויינלעכן ארבע־טער, אָבער א פארדינער.

פון דער קליינער גוטקען האָט געשפריצט מיט געלעכטער, אָבער פאַליע האָט קלוג געשוויגן. מ׳איז שוין דאָ מיד געוואָרן צו רעדן וועגן בראַניעווסקין, וועגן טובימען; וויפל מאָל די קעלער־וווינט האָבן שוין געהערט דעקלאַמירן טובים׳ס „טאַנצנדיקער סאָקראַטעס״, אָדער וועגן די לעכצעגישן פון פאָעט אין טומל פון דער גרויס־שטאָט, נאָך א קליין, פאַרוואָרפן פויליש שטעטל, וואָס זאָל זיך רופן לענטשיצע, אָדער אנדערש; אָדער — „די בענקשאפט מיינע האָט זיך איינגע־שפארט״...

— אַ סענטימענטאַלע פריילין... — מאַכט אהרן.

— רעד נישט אַזוי, אהרן... — נעמט זיך גוטקע פארטיידיקן — פאַליע האָט שוין, ווייסטו, אינגאנצן איבערגעריסן מיט איר קליינבירגערלעכער פאַר־גאַנגענהייט...

נאָר פאַליע הערט נישט. אין צופאַלנדיקן אָוונט ציט זי אין זיך אריין אַן אור־מעטיקן סטעפ־ניגון. ווי פון דינעם רויך, הייבט זי ארויס דעם שיינעם עלנבויגן צו פאַריכטן די נעגעריש־געקרויזטע האָר. „מער ווי דעם אומעט — טראכט ער זיך, אהרן — קענען דיר אַזעלכע מיידעלעך נישט אָנטרייבן. נאָר ס׳איז זיי קאַלט, נאָר זיי טוליען זיך״... ס׳איז געוועזן אין דעם טאָג, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער אַלגע־מיינער שטרייק. די טיר איז דעם גאנצן טאָג געשטאַנען אויפגעפראַלט. ס׳איז גע־ווען א פינצטערער נאָכמיטאָג אין יאנואר. אינמיטן העלן טאָג האָבן זיך אָנגעצונדן די לעמפ אויף די ראָגן. פון ווינט, וואָס זיי האָבן אָנגעברענגט אַהער, האָט זיך דער לאָמפּ געלאָשן. דאָס פענצטער אונטערן געוועלב איז פארהאָנגען געוואָרן. סטער־קע האָט דאָ ס׳ערשטע מאָל אַ באַקוק געטון פייגעלען און פייגעלע האָט אַראָפּ־געלאָזן די אויגן.

— פון וואַרשע ? — האָט סטערקע ביי איר געפרעגט אויף פויליש און ס׳שי־קלדיקע מיידל איז פול געווען מיט ווייבערישן נייגער.

— פון קראָקע... אַ גאַליציאַנערין, נישט דאָ־געדאכט... — האָט פייגעלע גע־טון אַזא לאַך ארויס, אַז ס׳איז ליכטיק געוואָרן פון איר מויל געזונטע ציין, פונעם לאָק, וואָס איז איר א פאַל געגעבן איבער אַ האלב פנים און פון בלענדיקן אָרעם, וואָס זי האָט אויפגעהויבן אוועקצומאכן אים אַהינטער.

די גאנצע באנדע איז געלעגן אויף די בעטלעך, אויף דער איינגעפאלענער סאָפע. דער געלער לייבל האָט פאר זיי לעבעדיק געמאָלן ווי אזוי די גאסן און געסלעך ארום מוראַנאָוו וועלן פארוואנדלט ווערן אין באַריקאַדן... די פאַפּיראָסן־פּייערלעך האָבן זיך צעפינקלט. לייבלס קראַנקע לונגען האָבן געאָטעמט מיט רויך. אין די טעג, ווען אויף די גאסן זענען כסדר ארומגעפאָרן די פאָליציי־קעטשלעך, האָט ער זיך מער נישט ארויסגערירט פון קעלערל. ער איז נאָר וואָס געהאט אָפּ־געזעסן אַ „וויראָק״ פון פיר יאָר. צווישן איין מאָל פארציען און דעם אנדערן, האָט מען אויסגעהערט, ווי אזוי מ׳האָט זיך עס אלץ פאָרגעשטעלט אין תפיסה, ווי אזוי

מ׳האָט שוין דאָרט אַפילו געגוי אויסגערעכנט די סטראַטעגיע פון פאַרכאַפּן איין גאס נאָך דער אנדערער אין ווארשע...

— מיט דער דזשיקע, האָבן מיר באַקלערט, וועט מען דורך די הייזער, פון ביידע זייטן, האַקן וועגט פון אינעווייניק, צום טעאַטער־פּלאַץ. פון דאַך־אַראָפּ פון דער גרויסער טעאַטער־געביידע איז לייכט צו באשיסן דעם צענטראַל־אַרעסט און דעם ציטאַדעל ביי די ווייסל־ברעגן... און אז די ערשטע פלוטאָנען פון מיליטער וועלן זיך עס טון אַ וואָרף־אַריבער אויף אונדזער זייט...

ס׳איז שוין געווען גוט שפּעט און קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. נאָר לייבל האָט זיך הוסטנדיק געשטיקט מיט זיין געלעכטערל:

— ווער גיט מיר 5 גראָשן פאַרן טויער ?... כ׳האָב שוין נישט קיין כוח צו קושן מיין אלטער סטרוזשקע אין דער האַנט אריין, ווען זי שטרעקט מיר אויס די האַנט...

אַלע האָבן זיך צעהירזשעט. עמיץ האָט דאָרט אָפן געלאָזן די טיר און אַ דינע קעלט האָט געצויגן. פון איבער ארומגעשטעלטע פינצטערע מויערן האָט אַראָפּגעקוקט אַ קליין פּאַסיקל הימל. סטערקע איז געזעסן לעבן פייגעלען, דעם קאָפּ אין די אונטערגעשפּארטע דלאָניעס. זי איז געווען מיד. איבער די אָוונטיקע גאסן האָט זי אַרומגעפלאַטערט, גערעדט מיט דעם, מיט יענעם, אָנגעזאָגט, איבערגעגעבן און ווייטער אַנטלאָפן. בענקענדיקס האָט געציטערט איבער מויערן. איר שטימעלע האָט נאָך אַלץ פאַרקלונגען:

אונדזער גאָרטן ליגט פאַרשאָטן
אונטער טיפן שניי...

## קאַפּיטל אַכט

מיט אַ יאָר דריי צוריק, אַן ערך, האָט זיך די קליינע סטערקע געהאַט אַראָפּגעיאָוועט פון פילעוו אויף די אנדערע טעג סוכות צו דער עלטערער שוועסטער, וועלכע האָט דאָ געוווינט אויף אַ דורכגאַנגס־הויף, צו די נאַלעווקעס. אַזוי־זיך, אין געסט איז זי אַביסל אַראָפּגעקומען און האָט שוין פאַר איינוועגס מיטגעברענגט פון טאַטן אַ שאָק אייער, אַ סמעטענע־קעזל און אַ בריוול מיט „קאָטשערעס און לאָפּעטעס". דאָס מיידל מיט די צעפלויגענע צעפּלעך האָט געטראָגן אונטערן רעגן אַ שטרויערן קיישל, געריסן די גלעקלעך ביי אַלע פאַרמאַכטע טירן אין הויף און נאָכגעפרעגט זיך ווו ס׳וווינט דאָ ערגעץ חיים־הערש צוויק, אַ דאַמען־שניידער. קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט, ביז די יידענע פון הערינג־געוועלבל פון פאָרנט האָט איר צוריק אַריינגעוויזן אין טויער, אויפן צווייטן הויף, ווו ס׳איז געהאָנגען אַן אָפּגעריבן שילדל מיט אַן אויפגעמאָלטער שער. דאָס מיידל האָט זיך שיעור נישט אַראָפּגעגליטשט פון די צוויי־דריי טרעפּלעך.

דעם שוואָגער חיים־הערש האָט זי דאָ צום סאמע ערשטן מאָל אָנגעקוקט פאר אירע אויגן. מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָט די שוועסטער אהיימגעשריבן, אז די שפּאָגל־נייע זינגער־מאשין איז שוין באלד איינגאנצן אויסגעצאָלט און אז די אַנדערע וואָך גייט זי שטעלן אַ חופּה מיט אַ ווויל יינגל, אַ פאַרדינער, זיי קענען זיך שוין שיינע יאָרן, חיים־הערש רופט מען אים, אַ דאמען־שניידער. זי געדענקט ווי דער קליינער טאַטע האָט זיך דעמאָלט לאַנג געקליבן אַריינצופאָרן קיין וואַרשע און — האָט זיך נאָך עד היום נישט אויסגעקליבן אָנצוקוקן אפילו דאָס אייניקל. פון דער גאַליאַרקע, נידעריק איבערן קאָפּ, האָט עס טאַקע פונקט אראָפּגעוויינט, דאָס אייניקל. פון דער מאַשין־אַוועק האָט זיך אויפגעהויבן א רירעוודיקער יונגערמאַן, אַ נישט־געגאָלטער. ער האָט אויסגעשפּיגן אַ שטיקל גאַרן פון מויל און האָט נישט געוווסט ביי וואָס אָנצוהויבן אויפן פרעמדן מיידלס היימישן נאָכפרעגן זיך :

— ווו איז דבורה ? — האָט זי זייטיק אַ שיקל געטון צו דעם, וואָס האָט געזאָלט הייסן חיים־הערש און האָט געזאָלט זיין אירס א לייבלעכער שוואָגער — זע נאָר, ווי ער מאַכט זיך עס נישט־ווויסנדיק... ס׳קינד ווערט אויבן שיעור נישט צעריסן... — דאָס קיישל איז שוין געווען אוועקגעשטעלט — חיים־הערש ! האָט זי אַ רוף געטון — דערלאַנג מיר נאָר אַרויף ס׳פלעשל ! גיכער...

ס׳מיידל איז געשטאַנען מיט איין פוס אויפן לייטערל, אַ היימישע, אָן אלטבאקאנטע, נאָר ביים יונגערמאַן האָט זיך נאָך אלץ געשאָטנט אַ פרעמדער שמייכל, ער האָט זי נאָך אלץ נישט געקענט צוגלויבן :

— און איר... ס׳הייסט, דו ביסט אוודאי סטערקע... דאָס הארץ האָט מיר אָבער גלייך אַ „טשאַסקע״ געטון... אַקוראַט ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע... און וואָס מאַכט דער טאַטע ?...

זי איז געקראָכן אויפן לייטערל צו דער גאַליאַרקע, מיטן פלעשל אין האנט. און צו אים האָט זי אראָפּגערעדט :

— דער אלטער, פרעגסטו ? גאָרנישט. ער פאַרקויפט קאָזע־מילך צו די דאַטשניקעס. ער גרייט זיך איצט נאָך אמאָל חתונה צו האָבן... שפּילסט זיך עפּעס וואָס „זיי״ זענען...

די אמתע קושעניש האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די שוועסטער דבורה, א דיקלעכע, ווי אלע ווייבלעך אַ יאָר־צוויי נאָך דער חתונה, איז אריינגעפאלן.

— ווויי איז מיר... — איז זי אריינגעפאלן — ס׳קינד האָט זיך שוין אוודאי גוט אויסגעריסן ס׳הערצל...

חיים־הערש האָט זיך פארטייעט אַ שאר געטון צו דער טיר.

— שאַ... מ׳האָט עס שוין איינגעשטילט אָן דיר... זע נאָר בעסער, דבורה, וואָס פאַרא גאַסט מיר האָבן... מ׳אַ ביידע אַזוי לעבן...

דבורה האָט א בלאָנדזשע געגעבן ארום די ווענט, ווו ס׳זענען געהאַנגען עטלעכע אויסגעפּאַרטיקטע שטיקלעך ארבעט און דריי בלעטלעך פון אַ מאָדע־זשורנאַל. נאָר פון דער גאַליאַרקע איז שוין פריער געהאַט פאַרלאָפן סטערקעס קוויטשיק געלעכטערל. דאָס מיידל איז פלינק געקראָכן פון דער לייטער־אַראָפּ.

— זע נאָר, די ווילדע קאָזע, סט׳אַזוי לעבן... — האָט די שוועסטער דבורה אַ פאַטש געטון מיט די הענט — פון וואַנען האָסטו זיך פלוצים אראָפּגעיאָועט אויף דער גאַליאַרקע ? ...

— כ׳בין געקומען צופֿאָרן מיטן „סאַמאָכאָד״... ס׳האָט זיך מיר אַזוי פֿאַר־גלוסט און — שוין...

— זע נאָר אָן ענטפֿערן... און דער טאַטע וואָס מאַכט ?

— גאָרנישט. ער פֿאַרקויפֿט קאַזע־מילך. כ׳האָב דיר מיטגעבראַכט א קעזל מיט אַ שאָק אייער. אין פֿילעוו קאָסט עס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. שוין איינגע־שטילט דעם תּכשיט דיינעם. מאַמע פֿאַרדאָסטע !... לויפֿט אַוועק אויף א האלבן טאָג און לאָזט זיך עס, נעבעך, אָפּרייסן ס׳הערצל...

די עלטערע שוועסטער האָט זי אַרומגעקוקט מיט אַ נייגעריקן בליק, זשמור־רענדיק אָן אויג, געגוג צופֿרידן.

— נו, נישקשה... מעגסט זיך דאָ אָפּשערן די צעפּלעך. ס׳איז נישט „מודיש״ אין וואַרשע. שלינגסט נאָך היינט אויך אַזוי די ביכלעך ? שאַ, און יינגעלעך האָס־טו שוין עפּעס ? אַ מויד ! וויפֿל, דוכט זיך, אַז אין ניינצנטן גייט דיר שוין ?

אונטערן נייגעריקן בליק פֿון דער שוועסטער, האָט זיך דאָס מיידל גלייכגיל־טיק געגראַבלט אין קיישל, דוכט זיך נישט געהערט דער שוועסטערס רייד, נאָר געענטפֿערט האָט זי דווקא זייער שפּיציק, ווי זי האָט עס ליב געהאַט :

— יינגלעך, פֿרעגסטו ? — אַזוי ווי די הינט... און וועגן די צעפּלעך איז — ווי מיר וועט זיך פֿאַרגלוסטן...

די צעפּלעך האָט זי געצוואָגן פֿאַרן שלאָפֿן גיין אין אַ שיסל וואַרעם וואַסער מיט נאַפֿט, פֿאַרפֿלאָכטן זיי אַקוראַטנע פֿאַרן שפּיגל און נישט אויפֿגעהערט אָנצו־דערציילן זיך אַלע וויכטיקע פּאַסירענישן פֿון פֿילעוו :

— צוויי נייע „מאַשינעס״ גייען שוין היינט קיין וואַרשע. פֿרעגץ נישט, מיט די בעלי עגלה׳ס ממיתט מען זיך צום טויט !... משה׳לע קוזמירערס מויד, לאה׳־טשע, האָט זיך שוין נאָך אַמאָל „אָפּגעטריבן״... דער טאַטע קוועלט גאָר אָן פֿון די קאָזעלעך... באַלד באַגינען לייגט ער זיי אונטער אַביסעלע היי... כי־כי...

אין דרויסן האָבן געגאָסן רעגנס. אין די לעצטע יום־טוב־טעג איז דאָס מיידל געשטאַנען פֿאַרן טויער און צוגעקוקט זיך צו דער שפּאַצירנדיקער גאַס. אונ־טער אויפֿגעשטעלטע פֿאַראַסאָלן זענען דראָבנע מיידלשע פֿיס געשפּרונגען איבער די טראַמוויי־שינעס. אין פֿאַרכמאַרעטן טאָג האָבן איבערן יידישן טעאַטער „סקאַלאַ״ אַראָפּגעלויכטן צוויי רונדע לעמפּ. אַרבעטער, אין וואָכעדיקע קליידער, האָבן זיך געשטופּט אין דער טיר פֿון אַ פֿאַרויכערט קאָוויאַרניעלע קעגנאיבער. פֿאַרנאַכט האָט זיך גענומען לייטערן. די ענג־צוזאַמענגעקוועטשטע מויערן, אַראָפּ־גאַס, זענען אין דער העלפֿט געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ בלייכן בראָנז. די שמאָלע גאַס איז ביז אַרויפֿצו געדיכט פֿאַרפּאַקט געווען פֿון שפּאַצירנדיקן עולם. די צע־צונדענע שטאָטישע ליכטער האָבן ראָז געמאַכט דעם הימל איבער די אָפּגעהאַקטע דעכער.

ביינאַכט האָט דאָס מיידל געהאַט אומרואיקע חלומות. זי האָט זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער אונטערן סופֿיט. איבערגעוועקט האָט איר דער אויסגעצויגענער קוויטש איבער די טראַמוויי־שינעס. אַ וואָכעדיקער אינדערפֿרי. אונטער דער גאַ־ליאָרקע רוישט די ניי־מאַשין. דער געזעל צעבלאָזט דאָס פּרעס־אייזן ביי דער אָפֿענער טיר. אַ צוג־ווינט דרייט זיך אין דער ענגעניש.

— ביסט שוין יאָ דאָ — זאָגט די שוועסטער — זע העלף כאָטש עפּעס צו

אין שטוב. לערן זיך אויס צו האלטן אַ נאָדל אין דער האַנט. וואָסי ? וועסט אפשר אַהיימפאָרן קיין פּילעוו פּאַשען דעם טאַטנס קאָזעס ?... ער וועט זיך „באַדרייען״ אָן דיר... פּליט ! ווו פליט מען עס אַרום גאַנצע טעג און אָוונטן ? אַבי זי האָט זיך סקאָמפּאַניעט מיט די מיידעלעך... זיי וועלן דיר אפשר געבן צו עסן אויך ? דאָ טראַכט יעדערער נאָר פאַר זיך. אוודאי, אין „פּאוויאַק״ וועסטו שוין זיין פאַר־זאָרגט מיט אַ דירה און מיט קעסט... מ׳איז אין שטוב, העלפט מען עפּעס צו. כ׳קען זיך נישט צערייסן אליין, מיטן קינד אויף די הענט...

אַזעלכע טענות האָט זי אויסגעהערט, אהיימקומענדיק שפּעט. זי האָט אוועק־געוואָרפן דעם בערעט, אויסגעשרויפט דאָס גאָמבקעלע :

— וועסט מיך נישט אָפּסטראַשען!... כ׳בין נישט געקומען אהער ניאַנטשען זיך מיט דיינע קינדער... כ׳וועל גיין ארבעטן... אין א פאַבריק...

און זי איז טאַקע געגאַנגען. אויפן הייסן געלעגער, אונטער סופיט, האָבן די אומרואיקע חלומות מער נישט געמאַטערט דאָס מיידל. ס׳האָט זיך נאָך אמאָל אַ שטעל געטון פאַר איר דער בייטאָגיקער גערודער אין ביידע פאַרוואָלקנטע פאַב־ריק־שטובן, אויף דער שוויענטאָ־יערסקע, דאָס איבערשרייען זיך פון די שפּולערינס, זייערע היימישע און פרעמדע לידער, וואָס זי האָט זיי דאָ צום סאמע ערשטן מאָל געהערט. אויף דער לעשנע, אָוונט־צייט, איז דער לעבעדיקסטער שפּאציר־גאַנג — דער פאַרפאַקטער טראָטואַר, די אומלעגאַלע בערזע פון טעקס־טיל־פּאַראַיין. אונטערן שניי, וואָס שיט, באַקלאָגט פאַרן שאַרף־באַלויכטענעם כּבֿו־נאָ אַן אַקטריסע דעם ערשטן געליבטן אירן, וואָס איז שוין וזייט פון איר... זייער וזייט... אין דער פרי גלוסט זיך נישט אראָפּצוקריכן פון געלעגער. נאָר זי דער־מאַנט זיך, קריכט פלינק אַרונטער, צו כאַפּן נאָך איין בליק אין שפּיגל ווי אזוי ס׳קליידט איר דאָס ייִנגלעריש־אונטערגעשוירענע קעפּל. אַ שווערער לאָק פאַלט איר איבער די קרומע ברעמען־בויגנס, איבערן אויסגעשרויפטן גאָמבקעלע. דאָס גאָמבקעלע שמייכלט זייער דין. אזוי האָט עס אויך געשמייכלט, ווען שימעלע, דער גאַנצער מאכער אין דער פאַבריק, האָט אין געשטופּ, ביים ארויסגאַנג, א זאָג געטון צו איר :

— חברטע, זי גייען אַמאָל נישט אַרויף, מיט דער דזשיקע ? כ׳קען אין באַ־גלייטן אַ שטיקל...

און זי האָט נאָכדעם געהערט ווי די מיידלעך אין דער פאַבריק האָבן זיך אי־בערגעוואָרפן ביי דער אַרבעט :

— ר׳איז שוין אייִנמאָל „ריזעדיק״, שימעלע... אויסגעריסן־קלוג... אונדזער פּאַך־קאָמיסיאָנט, „פּשעציעזש״... אַ קאָפּ דאָס האָט ! ...

זיין הילכיק, מעטאַלערן זינגען איז די מיידלעך זייער געפעלן.

— ער זינגט דאָך נישט — האָבן זיי געזאָגט — מיט קיין שיינער שטימע — אָבער — מיט אזויפיל הארץ...

— ס׳שאדט נישט... — האָט אַן אנדערע אַוועקגעמאַכט — דערצו איז ער נאָך יענער „קאָביעציאַזש״... דער קליינער רבקה׳לען האָט ער שוין אויך „אוועקגע־שטעלט״... זי ארבעט שוין ביי וואַוועלבערגן. ס׳מיידל איז אויסגעגאַנגען נאָך זיינע טריט...

סטערקע האָט גאַנץ גוט צוגעזען ווי זיי פאַרדריסט, וואָס שימעלע ווילט דווקא איר אויס ביים ארויסגיין פון דער ארבעט. זי איז דאָ אריינגעוואַקסן אין זיך, געוואָרן באַדאַכטער. זי איז געזעסן, אויפגעוויקלט די פאַרפלאָנטערטע פאַס־מעס גאָרן אויף די קאָלבעס. אַרום איז געשטאַנען אַן אייביקער טומל, אַ געקלאַ־פּעריי פון טירן. דורך די פאַרשטויבטע שויבן האָט זיך דורכגעזיפּט דער ברודיקער ווינטער־טאָג. אָבער נאָכאַנאַנד האָט זי געפילט ערגעץ ארום זיך שימעלעס שאָטן, זיינע ברייטע פּלייצעס, זיינע שאַרפע נאָז־פליגלען, זיין נידעריק־געשוירענעם קאָפּ, די ווייסע ברעמען, די האַרטע שטים, וואָס האָט געגוואַלדעוועט איבער די פאַבריק־שטיבן, צו אַלעמען, צום שעף אַליין אויך:

— פאַניע שטעקער, דער וואָל גייט אויס! ר׳איז, ווייסט איר, געמיין, רייסט זיך ווי שפּינוועבעכץ...

אַ רירעוודיקער, אין א פאַרפאַטשקעטער אַרבעטס־בלוזע, איז ער געווען אין אַלע טירן, אין אַלע דורכגענג, צווישן די מאַשינען, געפּרוווט מיטן בינט שליס־לען די מוטערקעס און די שרייפלעך. הינטער די מילך־שויבן, אין דער טיף פון די וואָלקנדיקע שטיבן, האָט דעם גאַנצן טאָג געזעש׳ט דאָס קאַנטאָרל. אַז די שויבן־טיר מאַכט זיך אויף, פאַרגראָבן זיך אַלע טיפער. צווישן די מיידלעך, די שפּולערקעס, גייט איבער דאָס ליד אין א מורמלעריי. אין שימעלע פאַלט נישט אַראָפּ פון טאָן. זיין שטים הילכט נאָך פעסטער, ווען דער באַלעבאָס, הער שטע־קער, בלייבט שטיין אין דער אָפענער טיר. ער באַמערקט אים אינגאַנצן נישט. דער הער שטעקער איז טאַקע אַ חסידישער ייד, כאַפּט זיך אַמאָל אַראָפּ צום רבין, אָבער א היינטוועלטיקער, געקליידט „דייטש". ער פאַלט אריין ביים פאַרענדיקן דעם ארבעטס־טאָג און טוט אַ רוף אויס:

— נו, קינדער, ס׳קען שוין געמאַכט ווערן שבת!...

אַלע בלייבט שטיין, אַלע שפּאַרט זיך צו די טירן.

צום אָנהויב פון ווינטער־סעזאָן האָט הער שטעקער געגעבן אָנצוהערן, אַז מיטן שטרייק, וואָס וועט זיך באַלד אַוודאי אַ שטעל טון, וועט דאָס מאָל נישט זיין אַזוי לייכט, מען וועט זיך, הייסט עס, געגוג ארומאַמפּערן.

— כ׳ווייס גאָרנישט, וואָס איר קלאָגט אַזוי, פאַניע שטעקער... — איז אים שימעלע נישט שולדיק געבליבן — אויפן מאַרק איז וואָל געגוג פעסט. און קיין באַשטעלונגען, זע איך, פעלן אויך נישט; און אַז ברויט איז טייערער געוואָרן מיט 5 גראָשן אויפן קילאָ, ווייסט איר אויך מסתמא. גאָר גאָרנישט, אַז אָפּשטעלן, וועט זיך שוין אַלץ, פאַראַמאָל...

אַזוי קען ער אַ זאָג געבן, שימעלע, אין שפּאַס, און ארויסשטעלן אַ ברייט געלעכטער. ער פאַרוואַרפט ענערגיש אויף זיך דעם רעגן־מאַנטל און שטופּט זיך מיט אַלעמען דורך דער טיר.

ווען מ׳שיט זיך אַרויס, ברענען שוין די גאַסן־לאָמפּן. אַראָפּ שוויענטאָ־יערסקע צינדן זיך אָן געלע און רויטע פייערן. עס שיט נאָך אַלץ אַ שניי. פאַרביי די ליכ־טיקע קעלער־שייבלעך, צום טראָטואַר־אַרויס, לאָזט זיך סטערקע גיין אביסל איי־ליקער. איבער איר שוועבט נאָך דער גאָלדיקער פּרי־האַרבסט אין שטעטל ביי דער ווייסל. ס׳דערלאַנגט איר אזא דינעם צופּ. ס׳גייט אויף א פאַרגעסענע בענק־שאַפט. די גרויסע, פרעמדע שטאָט דערדריקט. זי וואָלט שוין אפשר פון לאַנג

פאַרפאַקט איר שטרויערן קישל און, אָן א זיי־געזונט, צוריק אַנטלאָפן מיט איינעם פון די פארבלאָטיקטע אויטאָבוסן, וואָס פאָרן זיך יעדן פארטאָג אָן אויף פלאַץ „בראַני״; ווען נישט דער ווייטער שמייכל שימעלעס. זי פארלאַנגזאַמט איר טראָט, ווייל זי איז מאָדנע זיכער, אז ער וועט זי באַלד, ווי יעדן אָוונט, אָניאָגן. זי וועט דערפילן זיין ווייכן באַריר אויפן אַקסל און ס׳לאַכנדיקע פנים, צעווינטיקט, מיט אָנגעזעצטע שניי־טראָפּעלעך, וועט זיך אין איר איינקוקן, דערקענען עפּעס אין איר אומרואיקן בליק, אין איר בלייכן שמייכל. און זי ? זי וועט נישט לייקענען אויך, אז זי איז אין אים אַ קליין־קליין ביסעלע פארליבט. מיט יעדן באַריר אויפן ענג־פאַרפאַקטן טראַמוואַר ציטערט אין איר עפּעס אויף. ער איז אַוועק. ער איז שטארק פארנומען. זי איז לאַנג אומגעשוועמען אויף דער בערזע און האָט אים נישט געטראָפן. אַביסל צעבראָכן, האָט זי זיך אומגעקערט צו דער שוועסטער. אין שטוב ביי דער שוועסטער האָט זי זיך איצט כמעט נישט אָנגעזען, איז אוועק באַלד באַגינען און אומגעקערט זיך שפּעט אין אָוונט.

זי האָט געפּרוווט אַרויפקומען צו דער חברטע האַנקע, וואָס שפּולט ביי שי־מעלעס מאַשין; אַ בלייך מיידל מיט אַ גלאַטן שרונט איבערן נידעריקן שטערן. אונטער אירע וויעס האָט זיך געלאַשן אַ הייסער אָפּגלאַנץ. די באַקן — פּאַרמעט־ראָזלעך. ס׳האָט געשלאָגן פון זיי אַ קראַנקע הייסקייט. דריי יאָר איז זי אָפּגע־זעסן אין „וואָראַנקי״. זי איז אַרויס דעם לעצטן פּרילינג. ביי דער ארבעט האָט זי געשלונגען געלבלעכע פילן. יעדע וואָך כמעט האָט זי פאַרפעלט אַ טאָג, אָדער צוויי אין דער פאַבריק. אז זי איז אַ טאָג נישט געקומען, האָט זיך סטערקע אַרויפ־געכאַפּט צו איר געוויר ווערן.

— קראַנק... — האָט זי דערציילט מיט אַן אויסגעלאָשן קול — פאַרקילט זיך אַנומלטן און אָט הוסט מען... דער שטויב, נארעלע, זויגט אויס דאָס חיות. ביס־לעכווייז...

איבערן ציכטיקן בעט איז דאָס לעמפּל פארשטעלט געווען מיט אַ ראָז שטיקל פּאַפּיר. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס ביכל און געקוקט פאר־זיך מיט אַנגעבלענדטע אויגן. ביי איר האָט סטערקע אלעמאָל געטראָפן זיצן דעם באַברילטן יונגערמאַן. דער פריילעכער גלאַנץ אין זיינע פּענסנע־גלעזלעך איז אין מיטן בעסטן געלעכ־טער אומעטיק געוואָרן. כמעט יעדן אָוונט האָט ער געשפּרייזט אהער מיט דער פינצטערער שטיג. די טיפע שטערן־ווינקלען האָבן זיך ביי אים געזילבערט.

— איר דאַרפט נישט אַזויפיל ארבעטן... — האָט ער געזעדט צום קראַנקן מיידל — אַ צימער אין אָטוואָצק... פרישע לופט...

ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. דאָס מיידל האָט אים געענטפערט מיט קאַרגע רייד. ער האָט זי באַגלייט פון דער פאַבריק, פון די פאַך־פאַר־זאַמלונגען:

— אַ שטילע היים חלומט זיך מיר... ביכער... מיר זענען מיד...

אראָפּקומענדיק פון דאָרט, האָט זיך סטערקע דערפילט שוואַך. זי האָט גע־וואָלט נעמען און צוריק אַנטלויפן אין שטעטל אַריין, אַוועקלאָזן זיך מיט די פאַר־שנייטע בערג, וואָס לאָזן זיך דאָרט אַראָפּ צו דער ווייסל. אָבער צו וועמען ? אַז אַלע זענען זיך פון דאָרט צעלאָפן, צו ווייטע לענדער, צו גרויסע שטעט. אויף דער בערזע איז געווען ליידיקלעך. אין באַר „מעטראָפּאָל״, קעגנאַיבער, האָט זיך אין

דער האַלבער נאַכט אריין אויפגעכאַפּט אַ נאַגנדיקער טאַנגאַ. עטלעכע אויסגעלאַ־שענע אויטאָס האָבן געוואָרט פאַרן ליכטיקן איינגאַנג. ער איז נישטאַ, שימעלע. ער שווימט געוויינלעך אָן איבער די אָוונטיקע טראָטואַרן און דערליידיקט אַלע פּאַראַיינס־ענינים. אַז סטערקע גייט פאַרביי, וואַרפט ער איר צו אַ פּאַרטוענעם שמייכל. ער פאַרשווינדט, באַווייזט זיך שפּעטלעך און טרעפט זי נאָך אַלץ. זי דער־פילט איר אָרעם אין זיינעם. איר קליין הענטל ליגט אין זיין ברייטער דלאָניע.

— ביסט אַלעמאָל אַזוי פאַרנומען... — זאָגט זי אים.

— מען געהערט נישט בלויז צו זיך אַליין, חברטע...

דאָס פּרעסטל צערויטלט אירע באַקן. זי וואָלט אויך געוואָלט געהערן „נישט צו זיך אַליין". ס'איז איר אַלץ שווער צו געפינען די רייד:

— שוין לאַנג, נאָך זומער... כ'האָב געליינט „זשאַן קריסטאָף"... איז דאָרט אויך אַזוי: די היים צעפאַלט זיך און קיין וועג זעט זיך נישט...

— כ'האָב געקענט אַזאַ ווי דו... געווען אַ שפּולערין ביי מיין מאַשין... יאָ, די פּראָווינץ...

אַזוי האָבן זיי איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו אים אין זיין בחוריש צימערל. ער האָט געלאַכט מעטאַלערן. ער האָט אַראָפּגענומען פון איר דעם מאַנטל, געפונען צווישן די פאַרהענגלעך דאָס קנעפּל און דאָס דאַך־שטיבל האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ גרעלער ליכטיקייט. ער האָט געברענגט טיי, ברויט און האָט זי פאַרבעטן צום אָרעמען מאַלצייט.

— כ'האָב היינט אַ פרייען אָוונט. שאַ, און מוזיק האָסטו עפּעס ליב, סטערקע־לע? מאָרגן גייען מיר אין דער פילהאַרמאָניע אויפן פרימאָרגן־קאָנצערט, אויפן באַלקאָן. ווייסט פאַרוואָס אויפן באַלקאָן?... ווייל קיין ביליקערע פּלעצער זענען נישטאָ... אין אויסגעלאָשענעם זאַל — איז ער געוואָרן טרוימעריש — צינדן זיך אָן אויף דער נידעריקער ראַמפּע רויטע פייערלעך, בלויע פייערלעך, גרינע פיי־ערלעך... אַ זיסע, שטילע ברומעריי... ערשט דערנאָך שטורעמט עס אויף... „פּער גינט". האָסט עס אַוודאי קיינמאָל נישט געהערט, וואָס?

מיט איין זופּ האָט ער אויסגעטרונקען דעם אָפּגעקילטן טיי און זיך פאַר־וויקלט אין רויך פון אַ פּאַפּיראָס. זי האָט אויך פאַרצויגן, אַ וואָרף געטון זיך צו־קאָפּנס דער סאָפע און געלאָזן דינע שנירעלעך רויך דורך דער נאָז.

— געווען ביי אונדז זומער איינער אַ סטודענט... — האָט זי דערציילט אָפּגעריסן

— אַ פּאַרטייעטער, און גאַנצע אָוונטן — רויכערט ער... דערנאָך איז ער פּלוצים פאַרשוווּנדן... פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט...

— מירן איצט האָבן גענוג פרייע טעג... — האָט שימעלע נישט אויפגעהערט אַרומצושפּאַנען — די שטרייקן... מאַנטיק, אויף פּלאַץ באַנקאָווי... ווּעסט אָנקוקן די מאַסע — מעטאַל־אַרבעטער, באַן־אַרבעטער, טראַמווייאַזשעס... אָבער כ'מוז נאָך דאָ ערגעץ אַראָפּלויפן. נאָך גוט, וואָס כ'האָב נישט פאַרגעסן...

ווען ער האָט זי איבערגעלאָזן אַליין, האָט זי זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל סאָפע, האַלב־צוגעלענט די אויגן, לייכט באַרוישט. פון הינטער דער וואַנט האָבן זיך גע־הערט שלעפּנדיקע טריט. צום לעמפּל אין מיטן צימער איז געשווומען אַ קליין וואָלקנדל רויך. ס'איז איר דאָ מיטאַמאָל אַלץ אויסגעקומען אַזוי היימיש: דאָס נאַקעטע טישל, די העלע טאַפּעטן, דער קליידער־הענגער און דער אָנגעוואָרפע־

נער שטויס ביכער אויף דער עטאַזשערקע. זי איז אראָפּ, אויסגעלאָשן די עלעקטרי, פאַרשאַרט דאָס פאַרהענגל און איז שטיינגעבליבן אין פענצטער. איבער דער אָונטיקער שטאָט האָבן זיך אומגעוויגט לעמפּ. הינטער שויבן האָבן גע־דרעמלט מושלינענע פאַרהענגלעך. שאָטנס האָבן זיך אָנגעהאָנגען, צערונען. אויף דער סאָפע האָט זי פויל דערטראַכט, אַז די שוועסטער דבורה וואָלט זיך אוודאי בייז פאַרקרומט, ווען זי דערזעט זי איצט דאָ, אין צימער ביי אַ פרעמדן בחור... זי האָט דערפילט דעם ציטער פון יענעם גאָלדיקן פרי־האַרבסט, ביי דער ווייסל, אין פילעווו, ווען דער פרעמדער סטודענט האָט זי געפירט געאָרעמט און זיינע ליפּן האָבן אַ בלאָנדזשע געגעבן ארום אירע פולע ליפּן. ליכטיקע פלעקן האָבן זיך געוויגט פאַר אירע צוגעקלעפּטע אויגן. די הימלעכע טונקלקייט האָט איינגעוויגט, אַנטשלייפט.

ווען זי האָט פלוצים אויפגעמאכט די אויגן, האָט די עלעקטרי ווידער העל געברענט. די טיר איז געשטאַנען האַלב־אָפן און ס'איז קיינעם נישט געווען צו זען. אין צימער איז געווען אָנגעטראָגן אזא קילע פרישקייט פון דרויסן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום האַנט־זייגערל. דער גרויסער ווייזער האָט פאַרדעקט ס'קלענערע אַ שטיקל איבערן צוויי. הינטער איר האָט זיך שימעלע ווייך און שטיל אַ צעלאַך געגעבן. זיין נידעריק־אָרומגעשווירענער קאָפּ איז געווען פאַרגראָבן נעבן איר אין קישן. אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער שטיל געזונגען. מעטאַלערנס איז געווען אין זיין שטים. די צעשוומענע שטריכן ארום זיינע נאָז־פליגלען זענען געוואָרן שאַרף. אַ שיכורלעכער נעפל האָט געשוועבט איבער אים. זי האָט מער נישט גע־דענקט אין דער שוועסטער. זי האָט זיך געבעטן :

— זינג נאָך, זינג...

— ס'איז שפּעט, נאַרעלע. אויף מאָרגן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער שטרייק...

צו דער שוועסטער איז זי שוין צומאָרגנס אויך נישט געקומען שלאָפן. אין אַ שפּעטן פאַרנאַכט האָט זי אַוועקגעטראָגן איר שטרויערן קיישל צו האַנקען אין צי־מער, אויף דער אָקאָפּאָווע. דאָס קראַנקע מיידל האָט זיך געקליבן אַראָפּצוגיין. פון אירע צוגעפּודערטע באַקן האָט געשלאָגן אַ הייסקייט.

— ווו ווּעסטו דען גיין אין אזא וועטער ? — האָט איר סטערקע פאַרהאַלטן.

— פאַראַנטוואָרטלעכקייט ! — האָט דאָס קראַנקע מיידל נישט געוואָלט הערן — כ'וועל צוריקקומען שפּעטלעך. אָרדן דאָ איין. מירן שוין ווי־נישט־איז שלאָפן אין צווייען.

און ס'קראַנקע מיידל איז אַוועק, אַנהוסטנדיק לאַנג אין פּאָדער־הויז. די אומע־טיקע ווענט האָבן אויך סטערקען אַרויסגעטריבן. די בערזע אויף דער לעשנע איז געווען ליידיקלעך. זיך האָט זיך אומגעריכט ווידער דערזען פארן זעלבן טויער, ווו שימעלע וווינט. זי האָט נישט געוואָלט אַרויפקוקן צום פאַרהאָנגענעם פענצטער און דאָך האָט זי געכאַפּט אַ בליק. סאמע אונטערן דאַך איז עס געלעגן, אַ ליכטיקס, פאַרצויגן מיטן פאַרהענגל. זי איז אַוועק מיט באַדאכטע שריט. ס'האָט זיך נאָך אַמאָל אויפגעכאַפּט פאַר איר די פרימאָרגנדיקע גאַס, ווען זיי האָבן זיךביידע אומ־געקערט פון קאָנצערט. ס'איז געווען זוניקער יום־טוב אויף די פאַרשנייטע פלאַנ־טן אין די שטאָטישע גערטלעך און — ס'אומרואיקע קלאַפּן פון אַ האַנט־זייגערל

אין ביינאכטיקן, אויסגעלאָשענעם צימער. דערנאָך, אין ליכטיקן פרימאָרגן, אויפן אנדערן טאָג, איז פריידיק געווען צו גיין איבער די ווינטערדיקע גאסן און וויסן, אז אין די וואָלקנדיקע פאבריק־שטובן איז שטיל, די פעדים וויקלען זיך נישט אין ברודיקן טאָג־שיין, וואָס פאלט דורך די פענצטער. זי האָט אָנגעהויבן צו דער־קענען די פארלאָנגזאמטע טריט און די אומרואיקייט פון די פאַרבייגייער. זיי זע־נען אָנגעקומען פון אלע זייטיקע גאסן צום פלאַץ. אַ פראָסטיקער טוי איז געהאָנ־גען אויף די קוסטן פון די גערטלעך. לייכטע אויטאָס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ בלוי רויכל; און צווישן אָט די רויכלעך, אין דער מיט ברוק, זענען געגאַנגען מענטשן, צו צוויי, צו דריי, אין אָפּגעטראָגענע קורטקעס, אין אַראָפּגערוקטע היט־לען. איינער אזא אראָפּגערוקטער דאַשיק האָט זיך איר אויסגעוויזן קענטלעך. ס'איז געווען שימעלע. ער איז גיך אריבערגעגאנגען די גאס מיט נאָך איינעם, אַ העכערן. זיי זענען פארשוווּנדן הינטער דער נאקעטער שורהביימער. איז פארביי און נישט־וויסנדיק געמאכט זיך. פונדעסטוועגן האָט עס איר אַ קליין ביסעלע געאַרט. באַלד אָבער האָט זיך דאָ ערגעץ אויפגעכאַפּט אַ קליינער טומל. אַ פאר־שטיקט געזאַנג האָט זיך אָפּגעריסן אין יענעם עק. די טראָטואַרן זענען געווען אָפּגעליידיקט. אַ צוזאַמענגעשטופּטע שוואַרצע מאַסע האָט זיך פון אַלע אַרומיקע גאַסן געשפּאַרט אין דער מיט פלאַץ אַריין. זי איז געוואַקסן. וואַרעמער רויט האָט אַ פלאַטער געטון אין דער לופט.

אַזוי אומגעריכט האָט זיך סטערקע דערזען צווישן אַלעמען. געגאַנגען איז איר אַלץ צו דערכאַפּן מיטן בליק דעם קענטלעכן דאַשיק, וואָס איז, דוכט זיך, געווען שימעלעס. די אויסרופן פון די פאָדערשטע רייען, וואָס האָבן ביז ארויפצו, ביזן זאקסישן גאָרטן, פארשפּאַרט די גאַס, האָט זי נישט באַלד דערהערט, נאָר העכער פון אַלץ האָט די פראָסטיקע לופט אויפגעציטערט פון — „זאָל לעבן״! און „נידער !״. ביים פארדריי האָט זי פלוצים דערזען האַנקען. איר בלאַסער פּראָ־פיל האָט אַרומגעזוימט אַ שוואַרצער לאָק. זי איז געווען פאַרוויקלט אין זעלבן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל. אַביסל ווייטער האָט געפלאַטערט אַ האַנט, אַ פּאָר ברילן זענען אין געדראַנג אַראָפּגעפאַלן. צווישן אומגעדרייטע פּלייצעס האָט זיך גע־פלאָנטערט אַ ברוינער הוט. פון סאַמע פאָרנט האָט מען זיך שוין געהאַט אַ וויג געטון אויף צוריק. דער מיטן פון דער מאַסע איז געוואָרן ליידיקלעך, צעשאָטן. ארום די ווענט, ארום די אָפּגעשלאָסענע טויערן, זענען פארבליבן אזויווי צוגע־קלעפּט אויפגעהויבענע פיס און הענט. ווייס מיידלש אונטערוועש האָט, ווי אַ טויב, אַ פלאַטער געגעבן. אין דער לופט איז געווען — קאַלטער שטאָל. סטערקע האָט מער נישט געוווסט צו וועמען די אויסגעשרייען געהערן. אַלע דורכגעגנג זע־נען שוין געווען פארשטעלט פון בלענדיקן שטאָלערנעם בליאַסק. דורך אַלע צווי־מען האָט מען זיך געריסן. פיס, הענט, שטעקנס און אומגעוואָלגערטע פערד האָבן זיך אַ מיש געטון.

דערנאָך האָט זי דערזען לעבן זיך האַנקען. זי איז געשטאַנען, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן צו די גאָרטן־שטאַכעטן, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פנים. זי איז אַ לויף געטון צו איר. דער אַראָפּגעפליקטער בערעט האָט זיך געוואָלגערט ביי האַנקעס פיס. אזוי קלאָר און באַנג איז עס פארבליבן אין סטערקעס געמיט, ווען מ'האָט זיי אַלע־מען, שטאַרק באַוואַכט, אַראָפּגעפירט צום טעאַטער־פּלאַץ.

מיט אַ לייכטן קאָפּ־שווינדל איז סטערקע מיט עטלעכע טעג שפּעטער געגאַנגען איבער די זעלבע גאַסן. האַנקעס צימערל האָט זי אַנגעטראָפן ליידיק. די אומעטיקע ווענט האָבן זי אַרויסגעטריבן. זי איז געשוועמען איבער די אָוונטיקע גאַסן און ס׳האָט זיך איר אַלץ פאַרגעדענקט האַנקעס פּראָפיל, דער לאָק, וואָס האָט געפלאַטערט. נאָך מיט אַ טאָג פריער, האָט זי געהערט, האָט מען אַ גאַנצע גרופּע אָפּגעפירט אין מאָקאָטאָווער תפיסה. אומקערן זיך צו דער שוועסטער האָט זי נישט געוואָלט. ביים זייגער, אויפן ראָג, האָט זי דערזען שימעלען. אויף זיין פּנים איז דורכגעפלויגן א נערוועזער שמייכל:

— מ׳האָט מיר דערציילט, אַז האָסט זיך גוט געהאַלטן... כ׳האָב דיך ערגעץ צוגעטיילט... — און ער האָט זי ערנסט און דורכדרינגלעך אָנגעקוקט.

זיין אייליק אָפּגעזעגענען זיך האָט איר שוין מער נישט געאַרט. זי האָט אפילו באַשלאָסן אויסצומיידן אים. אין פאַרהויכטן שפּיגל צו דער גאַס האָט זי זיך נישט דערקענט; דאָס גאַמבקעלע איז געווען נאָכמער אויסגעשפּיצט, אירע באַקן האָבן אָנגעוווירן די ראָזיקייט. זי איז שוין מער נישט געווען קיין פאַרבלאָנדזשעטע אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט. זי האָט לאַנג נאָכגעקלערט די פּשוטע רייד פונם מיידל מיטן מענערישן טראָט, אין גרויען פאַלטן, וואָס האָט פאַרוויקלט איר שמאָלע טאַליע. זיי זענען צוריקגעגאַנגען פון אַ שטיל הויז, אין אַ טונקעלן קוואַרטאַל, פון א זיצונג.

— נאַרישע !... — האָט יענע גערעדט, ווי ס׳האָט זיך סטערקען צוערשט געדוכט, אָן איבערלעבונג — ס׳געפעלט דיר א יאַט, גיי מיט אים וווינען... נישטאָ דערווייל קיין צייט אויף קרעכצענישן...

— און אַז מ׳האָט שטאַרק ליב ?

— יאָ, פאַרשידן... נעם און לייען אדורך, למשל, קאָלאָנטאַיאָן. ס׳איז נאָך אַלץ אַ מעשה אָן אַ סוף... אפילו דאָרט...

סטערקע איז אַוועק אָן אומעטיקע. זי האָט געוואָלט פאַרגעסן. די אָוונטן האָבן אויסגערויכערט אין די קאַוויאַרניעלעך אויף דער דזשיקע גאַס. האַלבע נאַכט האָט זי זיך אומגעקערט פון די בערזעס, פון די פּאַראיינס־לאָקאַלן, פון די שפּעט־פאַרצויגענע זיצונגען. זי האָט אָנגעקלונגען אין אַ טויער אויף דער מילע גאַס, גרינג געטענצלט איבער דער שטיג, אַוועקצוואַרפן זיך אויפן אויפשטעל־בעטל, אָפּגעדונגען פאַר צען זלאָטעס א חודש. פון אָנגעפּאַרענעם טראַמוויי און פון די קוילן־פורגאָנעס, וואָס האָבן זיך געטרייסלט אויפן ברוק, האָבן די שויבן געציטערט. געלע און ראָזע פּאַסן האָבן זיך געקייקלט איבערן סופיט, איבער די ווענט. אין די ווייטערע שטיבן, הינטער טירן, האָט מען זיך כסדר געוועקט. די פרומע באַלעבאָסטע מיטן נאַכט־הייבל און מיטן פאַלשן שנעבעלע, האָט נאָך האַלבער נאַכט אויפגעשטעלט סקריפּענדיקע בעטלעך, צעלייגט שעניקעס איבער דער גאַנצער שטוב פאַר פּראָווינצער יידן, קליין־שטעטלדיקע ווינקל־רבי׳לעך, קאַליקעס, שנאָרערס, וואָס האָבן זיך געברענגט אָנצושלעפּן פון די צוגן און פון די אויטאָבוסן. די אכסניה איז פול געווען. באַלד אינדערפרי האָבן זיך אויפגעכאַפּט קריגעריען, אַ מורמלעניש פון יידן, וואָס האָבן אויפדערגייך אַריינגעשלונגען דעם שחרית. סטערקע האָט לאַנג געמוזט אָפּוואַרטן איר ריי אין קיכל ביים קראַן. דערנאָך האָט איר איינגעשלונגען די גאַס.

די אונטערגעוואַקסענע בחורימלעך, וואָס קומען אין פֿאַראײַן אַרײַן, אין די בערזע־קנײַפּעס, האָבן געפּלאַטערט אַרום איר, האָבן זי געשלונגען מיט די אויגן, ווען זי האָט אויף א פּאַך־פֿאַרזאַמלונג דרײסט געמאָלדן זיך צום וואָרט. זי האָט זיך אויף זײַ אַפֿילו נישט אומגעקוקט. זי האָט געוווסט, אַז זי נעמט אויס מיט איר פּיסקל. מ׳האָט זי געקליבן אין קאָמיסיעס, אין פֿאַבריק־דעלעגאַציעס; אין קעמערל, ווו שימעלע האָט זי אויף זײַן אחריות צוגעטײלט, האָט זי זיך געכאַפּט צו אַזעלכע אַרבעטן, וועלכע ס׳פֿירן געוויינלעך אויס ייִנגלעך, אײַנשטעלערס. אָפּ־זיצן אַ וואָך אויף דאַנילאָוויטשאַווסקע איז בײַ איר געווען אַ נאַרישקייט, אַבי די דעפּענסיווע האָט נאָר נישט געפֿונען צו וואָס זיך צוצוטשעפּען. זי איז אַרומגעג־שווומען איבער די לאָקאַלן, איבער די אונטיקע בערזעס. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפֿליקט אין אַ פֿאַבריק, האָבן זיך די אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך געריסן צו גיין מיט איר אויפֿן שטרײַק־פּיקעט. זי איז געגאַנגען, אָבער אומגעקוקט אויף זײַ האָט זי זיך נישט. זײַ האָבן איר געלאַנגווײַליקט מיט זײַערע פֿאַרפּלאָנטערטע רייד, מיט זײַערע אומגעלומפּערטע קאָמפּלימענטן. זי האָט זיך געפֿילט וויכטיקער פֿון זײַ. זי האָט שוין געלייענט אַ סך ביכלעך. זי איז געווען פֿאַרליבט אין די שײַ־נע, העראָאישע העלדן פֿון די ראָמאַנען. ס׳שטעטל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ווייסל, האָט זי געזען אין פֿײַערלעכן אומעט, אין „פּער גינט״ פֿון גריג, אין דער פֿאַרטראָגענער קירכן־מוזיק פֿון באַך. די זונטיקדיקע פֿרימאָרגן־קאָנ־צערטן האָט זי זעלטן דורכגעלאָזן. די צעשאָטענע דעמאָנסטראַציעס אויף די הילכיקע ברוקן און פּלעצער פֿון שטאָט, די פֿאַרשטיקטע דאַך־שטיבלעך, ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די געהײמע זיצונגען, האָבן געפּלאַטערט מיט דער דאָ־זיקער מוזיק. זי איז אומגעשווומען אין הוילער פּאָעזיע.

אימפּאָנירט האָבן איר די עלטערע פֿון זיך. זי האָט גיריק געשלונגען דעם בלוילעכן רויך פֿון א פּאַפּיראָס, ווילעריש געבלאָזן אים פֿון זיך. בײַם אָנצינדן דאָס ליכט, איז זי פֿאַרבליבן אַ צעפּלאָמטע, אַ צעשויבערטע. זי האָט זיך אומרואיק באַטראַכט אין שפּיגל, זײַער פֿאַרטון אָפּגעזעגנט זיך און צוריק אַנטלאָפֿן אויף די בערזעס פֿון דער דזשיקע גאַס, אויף די פֿאַדפּונקטן, צו די פֿאַראײַנס־לאָקאַלן.

## קאַפּיטל נײַן

צווישן די אַלע פּראָווינצער האָט זיך אַ שטיקל צײַט אומבאַמערקט אויפֿגע־האַלטן אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע ס׳קלײנע מיידל פֿון קראָקע, פֿייגעלע.

אין נידעריקן געסל, הינטער ר׳ פֿײַבישעס קלויז, אין אַלטן ייִדן־פֿערטל, אין קראָקע, האָט זיך דער טאַטע אירער מיטן גאַנצן געזינדל באַלד נאָך יענער מלחמה געברענגט צעשלעפּן מיט אַקס פֿון אַ הילצערן שטעטל בײַם טײַך סאַן. די עלטסטע מויד, פֿייגעלע, האָט דעמאָלט געקענט אַלט זײַן אַ יאָר עלף, נישט מער. די אויס־

געקינדלטע יידענע איז ווידער געווען אויף־דער־צייט. דער פאַרפעדערטער ייד מיט די רויטלעכע אויגן אונטער די דראָטענע ברילן האָט אין האַלב־פינצטערן געוועלב פונאַנדערגעלייגט די קעסטלעך פאַרשטויבטע בלייערנע מרובע־אותיות אביסל סידור־שריפט, געבלענדט זיך ביז שפּעט איבער די רש״י־שורהלעך, גע־שמירט מיט בוימל דעם פאַרזשאַווערטן פּרעס, די שנייד־מאַשין. ווייניק ליכט איז אַריינגעקומען דורך די האַלב־רונדע פענצטער, שמאָלע, מיט קראַטן באַשלאָגע־נע, אַריינגעפּאַסט אין די דיקע ווענט. יונגעלייט, מיט אַן אויסשפּראַך, אין קאַפּע־לאַטשן, מיט פּיאות, זענען געשטאַנען מיט פאַרשאַרצטע אָרעמס ביי די „קאַסעס״, געזונגען, איבערגעוואָרפן זיך מיט חסידישע גלייכווערטלעך:

— שמריהו בר רב ירוחם... — האָט אַ געל בחורל אַריבערגעשריען מיט אַ זמירות־ניגון — דערלאַנג, זיי מוחל, אַריבער אביסל שפּאַץ...

— געלער רמאי... עך בין נישט דיין משרת... צי אויס אַ האַנט און נעם דיר אַליין...

ס׳קליינע, ווילדע מיידל מיט די ראַב־שוואַרצע צעפּ האָט געהאָלפן אין היב־טערשטן שטיבל ביים געוועש, ווען די מאַמע איז געלעגן אין קימפּעט אין ברייטן בעט, פאַרהאַנגען מיט ליילעכער און מיט שיר־המעלות׳ן. מ׳האָט זי גערופן די ווילדע פייגעלע; זי האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען ביים טאַטן אין דער פאַר־שטויבטער זעצעריי, אַריינגעבליקט אין אַלע „קאַסעס״, געזוכט אין אַלע ספרים־לעך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָליצע.

— מויד! — האָט די מאַמע זי גערופן פון הינטער די אַרומגעהאַנגענע ליי־לעכער — פאַרגעס נישט, למען השם, אָפּצולייענען קריאת־שמע... דו הערסט? געדענק, דער מלאך הדומה וועט דיך קומען שטיקן...

ווייל אַלעמאָל, נאָך אַ טאָג אַרבעט, נאָך אַ טאָג אַרומלויפן אין געסל, איז די קליינע אָוועקגעפאַלן אין אַ ווינקל, אַן איינגענורעטע, און איז אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן אין די זאַכן; אַרום איר — ס׳קליינוואַרג.

די בלייכע, חסידישע יונגעלייט מיטן ווילדן אויסשפּראַך אויף די דאַרע באַקן, זענען רויט געוואָרן ביז די האָר־וואָרצלען, ווען ס׳מיידל מיט די ראַב־שוואַרצע צעפּ, מיט די ברענענדיקע אויגענעס, אין שמאָלן, אויסגעוואַקסענעם קליידל, וואָס האָט אומעטום געפּלאָצט אין די נעט, האָט זיך מיט אַ ווילד לאַכן געשפּאַרט ביי זייערע „קאַסעס״. זי האָט געוואָלט אומעטום אַריינבליקן, זי האָט אַלץ געוואָלט וויסן. זיי האָבן דאַרט, אין נידעריקן געוועלב, געבלענדט זיך די אויגן ביז שפּעט ביי די קאָפּטשענדיקע נאַפט־לאָמפּן. פייגעלע האָט גאָרנישט קיין צייט געהאַט צו שפּילן זיך מיט די קינדער אויפן פּלאַץ, אַרום דער קאַליעדיקער פּלומפּ, ווו ס׳איז, ווי מ׳האָט דערציילט, איינמאָל אין אַ שבת־צונאַכטס איינגעזונקען געוואָרן אַ חופּה אינאיינעם מיט חתן־כלה, מחותנים און כלי־זמר. עטלעכע זמנים איז די מויד גע־גאַנגען צו אַ ווייבערישן מלמד. דערנאָך איז דער לאַנגער, דאַרער ייד מיטן אויס־געפליקטן בערדל איינמאָל געקומען צום טאַטן און אים געוואָרנט:

— ר׳ שמעיה — האָט ער אים געוואָרנט, דער מלמד — נישט אַנדערש, נאָר אַ דיבוק זיצט אין אייער בתולה... זי קען שוין באַלד מער ווי אַ גמרא־בחור. פּאָלגט מעך און הייסט אייער כלה־מויד באַצייטנס רעדן אַ שידוך... ס׳איז צייט, ר׳ שמעיה...

דער קלײנער, פֿאַרשטויבטער ייִד איז שטײנגעבליבן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אַ פֿאַרפּעדערטער, די הענט אין אײנגעגעסענעם בלײַ־שטויב און פֿאַרב, די דראַ־טענע ברילן אײנגעקוועטשט איבער די רויטלעכע אויגן; ר׳איז געווען פֿול מיט עצבות, פֿאַרהאַרעוועט, פֿאַריאָגט, פֿאַר׳דאגה׳ט, ווי אַזוי צו ציען דעם גראָשן חיונה פֿון דער קלײנער זעצערײַ; ר׳איז געווען אַ מטופּל מיט פֿיצלעך קינדער. ער האָט זיך קײן עצה נישט געקענט געבן. ער האָט זיך געקראַצט אין נאַקן, נישט געוווּסט וועגן וואָס פֿריער צו זאָרגן. דאָס אַרויפֿשיסנדיקע מײדל, פֿײגעלע, האָט אים די לעצטע צײַט פֿאַרשאַפֿט אַ סך עגמת נפֿש. אין זײַנע צײַטן, געדענקט ער, איז אַ בתו־לה אין איר עלטער נישט געגאַנגען אין קײן חדר, נישט געמישט זיך צופֿיל מיט מאַנסלײַט, נישט געוואָלט אַלץ וויסן; און דאָס איז — אַ שטיק שד, נישט קײן מײדל. זי געפֿינט שוין אויס אַלערלײ תּירוצים אָפּצוליגן גאַנצענע טעג דאָ, אומעטום אַרײַנקוקן, אַרײַנמישן זיך, בלעטערן אין אַלע ספֿרימלעך, געפֿינען גרײַזן אין די עמודים פֿון רבנישע און חסידישע חיבורים, שוין נאָכן אַדורכזען פֿון בעל־מגיה. זי לאַכט ווילד, וואַרפֿט מיט איר שוואַרצן שויבער, מיט די ראַב־שוואַרצע צעפּ. זי בטלט די געזעלן, די בחורים־הזעצערס, בײַ דער מלאכה. ער טרײַבט זי פֿון דאַ־נען, שרײַט אָן אויף דער מויד; אָבער זי גנבֿעט זיך צוריק באַלד אַרײַן. וואָס האָט זי דאָ אַזויפֿיל אײַנצוטענהן מיט זײ? די מאַמע רופֿט זי פֿון אַלקערל און זי דער־הערט אַפֿילו נישט. זי קען זיך אויס אין די „קאַסעס״, זי קען שוין באַלד אַלײן די מלאכה אויך; כאַטש נעם און שטעל אַוועק דער מויד בײַם קאַסטן מיט אַ ווערס־טאַטקע אין דער האַנט.

דער ייִד האָט זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין דער מוידס נאַקן מיט די צווײ שוואַר־צע, געדיכטע צעפּ, וואָס פֿאַרדעקן די שמאָלע פֿלײצעס פֿון אַ רײַפֿער בתולה, און האָט פּלוצים אַ טראַכט געטון, אַז יאָ, ער איז אפֿשר נישט אומגערעכט, דער ווײַ־בערישער מלמד; מ׳וואָלט זי באַצײַטנס באַדאַרפֿט פֿאַרקנסן, און וואָס גיכער. אָבער פֿאַר וועמען? און מיט וואָס פֿאַר נדן?... ווען ער וואָלט אָבער באַמערקט, דער ייִד, אַז ווי נאָר זי פֿאַלט אויף אַ מינוט אַרײַן אַהער, ווי אַ שטורעם, אַזוי פֿאַלט זײ אַלץ פֿון די הענט, בײַ די בחורים.

— מ׳איז דאָ נישט געווען פֿון ר׳ פֿײַבישעס קלויז נאָכן קול־קורא? — האָט ער אַ פֿרעג געטון בײַם געלן בחורל אין ווינקל, וואָס ס׳שפּראָצט אים שוין אַ בערדל, נאָר די פּאות, ווי צו להכעיס, ווערן בײַ אים וואָס אַ טאָג אַלץ קירצער.

— עך האָב דאָ געזען דעם גבאי, ר׳ לײבישן... עך האָב נישט געהערט וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט... אַז עך מיש מעך ניש...

אומגעריכט האָט פֿײגעלע געטון אַ וואַקס אַרויס פֿון די קינדערישע קלײדלעך. זי האָט געטון אַ שיס אַרויף, אַ פֿולע, אַן אויסגערונדיקטע, מיט לאָקן און מיט לע־קעלעך אין די אויגן, ווי אַ ציגײַנערין. מ׳האָט נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי — זי האָט כּמעט נישט געלערנט און איז געווען באַהאַווּנט אין אַ וועלט מיט זאַכן. זי האָט זיך אַלײן, פֿון ביכער, צוגעגרײט, איז אַנגעקומען אין לעצטן קלאַס גימ־נאַזיע און באַלײַגט עקזאַמען. זי האָט שטודירט, געגעבן פּריוואַטע לעקציעס און נאָך צוגעוואָרפֿן אַ פּאָר גילדן דער מאַמען אין שטוב אַרײַן אויף דער הוצאה. דער ייִד האָט געקוואָלן פֿון נחת; אָבער ער האָט נישט געפֿונען קײן ווערטער עפּעס צו זאָגן דער טאָכטער. זי איז אַהײמגעקומען אַ צעפּלאַמטע, אַ פֿאַרפֿאַרע־

טע, נאָך צוגעהאַלפן דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט, אַרומגעצוואָגן ס'קליינוואַרג, פאַרהילכט דאָס הויפּל מיט לידער ביים וואַשן די געוועשן.

ביז מ'איז איינמאָל אומגעריכט געקומען און מ'האָט אַוועקגענומען דאָס גע־לע בחורל אין קרימינאַל אַריין; די פּאָליציי איז אַריינגעפאַלן פאַר האַלבע נאַכט, ס'איז געווען ערב ראש השנה, איבערגעדרייט אַלע „קאַסעס", געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. דער פאַרחלשטער ייד איז געשטאַנען צעחושט, געפּינטלט מיט די רויט־פאַרשוואָלענע אויגן אונטער די דראָטענע ברילן; אַז ער האָט גאָרנישט אָנגע־הויבן צו וויסן. זיי האָבן זיך דאָרט אויך נאָכגעפרעגט אויף דער פריילין פייגעלע; אָבער ס'מיידל איז גראָד נישט געווען אין דער היים; זי איז גראָד געפאָרן צו קרוי־בים נאָך ביליץ... ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עפּעס בלעטלעך... מען זוכט בלעט־לעך... דער ייד האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון קיין שום בלעטלעך; אַז גע־דרוקט האָט מען ביי אים נאָר „זשאַרגאָנישע" ביכלעך, רבנישע ספרימלעך, קול־קורא'ס, שיר המעלות'ן... ער האָט אַפילו יאָ איינמאָל באַמערקט, אַז אַ שטיקל צייט פעלט אים אויס די קליינע פּוילישע שריפט, יידישע שריפט. ער האָט אָבער אַלץ שפּעטער צוריקגעפונען אויפן אָרט. וועמען זאָל גאָר געווען איינפאַלן... ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די מויד האָט זיך דאָ צופיל געדרייט, זי האָט אַפילו געפלעגט אָפּצוווארטן דאָס געלע בחורל, ווען ער איז שפּעט אהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט.

פייגעלע, ווי נאָר זי איז אַריינגעפאַלן אין שטוב און איז געוווּיר געוואָרן ס'אומגליק, האָט זי זיך עס מער נישט געקענט שענקען. זי האָט באַלד אַרויפגע־צויגן אויף זיך אַן אַנדער קליידל, פאַרפלאָכטן די ווילדע צעפּ און איז אַוועק צו דער תפיסה מיט פעקלעך עסן. ס'זענען געקומען עפּעס יונגעלייט, מיידלעך. מ'האָט זיך געסודעט. טעג, וואָכן איז זי אַזוי געגאַנגען. מ'האָט זיי דאָרט נישט אַזוי לייכט צוגעלאָזן; אָבער זי איז נישט מיד געוואָרן צו וואַרטן הינטער די תפיסה־טויערן. צופיל צושטיין האָט זי אויך נישט באַדאַרפט, ווייל מ'האָט זי אַליין שוין אויך אַרומגעזוכט. ווען מ'האָט מיט אַ קורצער צייט שפּעטער דאָס געלע בחורל באַ־פרייט, איז זי, פייגעלע, שוין אַליין געזעסן פאַרשפּאַרט אין תפיסה. אַ לאַנגע צייט איז פאַרביי. אהיים האָט זי שוין מער נישט געהאַט נאָכוואָס אומצוקערן זיך. זי האָט געמוזט אַוועק פון דער היים, קיין וואַרשע, וואַלגערן זיך אין דער פרעמד.

אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע איז זי געקומען אַריינצושלייכן שטיל און פאַרטייעט. זי האָט מער נישט שטודירט, האָט אַלץ געוואָרפן, נישט געזען מער קיין באַלדיקן תכלית דעריין. זי האָט באַקומען אַרבעט אין אַ קאָלאָניע פאַר דעפעקטיווע קינדער הינטער אָטוואָצק. כמעט יעדן פריטיק־צונאַכטס, ווען זי איז פריי געווען, האָט זי זיך פאַרבענקט און איז אַראָפּגעפאַלן אַהער, זען צירלען, זען דער אלטער, וועלכע האָט זי די ערשטע צייט אַריינגענומען צו זיך, געהאַלפן איר ווי אַן אייגן קינד. די ליכטלעך אין די קליינע מעשענע לייכטער־לעך האָבן פייערלעך געשימערט אין שטיבל, אויפן טיש מיט ווייס־איבערגע־דעקטן טישטוך; דאָס האָט פייגעלען אַזויפיל דערמאָנט, אַז זי האָט זיך געשעמט פאַרן פייכטן גלאַנץ אין אירע אויגן. ס'איז, געוויינלעך, געווען פול אַרומגעזעצט מיט יונגוואַרג; מ'האָט געלאַכט, מ'האָט געזונגען, מ'האָט זיך געשושקעט. די אַל־טע האָט, אַן רייד, צוגעהאָלפן, האָט פאַרשטעקט אין די ווינקעלעך די בלעטלעך,

די ביכלעך, האָט זיך צוזאמען מיט אלע אָרעמע מוטערס געשפּאַרט מיט „וואַלוור־קעס“ הינטער די טויערן פון די תפיסות. אַלע האָבן זי דאָ גערופן „די מאמע“. זי איז טאַקע געווען ווי גאָרקי׳ס מוטער, אָבער אַ צעבראָכענע יידישע מאַמע, פאַרוויקלט אין אַן אַלטן שאַל. אַלעמאָל האָט זי געהאַט ביי וואָס צו פאַרען זיך אין ווינקל, ביי דער פּליטקע. עמיצער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן לעבן איר.

— מאמע, אויסטון אייך די שיך ?

— ניין, קינד. די פיס האָבן נאָך כוח צו שלעפּן דעם עול. אַ וועלט מיט אַר־בעט וואַרט נאָך אויף מיר...

און זי איז אוועק, די אַלטע; זי איז אַוועק אונטער רעגנס, שנייען, ווען די זון האָט געבאַקן, אין איר אַלטן שאַל איבערן גרויען קאָפּ, מיטן אומשולדיקן קויבערל אין האַנט. ווער וואָלט דען איינגעפאַלן אַ קוק צו טון וואָס זי טראָגט דאָרט אין קויבערל, אונטער די קאַרטאָפל און מערן ? ...

פונקט ווי פייגעלע האָט זיך צוגעבונדן צו דער אַלטער, צו צירלען, צו די אַלע, וואָס זענען דאָ אָפּגעלעגן טעג און אָוונטן, אזוי האָט זי זיך אויך צוגעבונדן צום פאַרטראָגענעם יינגל, צו אהרנען. זיי האָבן געהאַט אַ סך פון וואָס צו שמועסן; זיי האָבן זיך פאַר די הענט געפירט איבער דער אָוונטיקער דזשיקע גאַס, איבער די איבערגעפּאַקטע קאַוויאַרניעלעך, איבער די אַרבעטער־בערזעס. זיי האָבן געהאַט אַ סך וויכטיקע זאַכן צו דערליידיקן, כאָטש ס׳איז געווען אַ גרויס געפאַר. פּאָליציי אין קעטשלעך, האָט אָפּט אָפּגעשלאָסן די גאַס, אַרעסטירט, אַוועקגעשלעפּט. צוזאַ־מען זענען זיי געלעגן אין די אויסגעבריטע זאַמדן אויף דער „ווילדער פּליאַזשע“, ביי דער ווייסל, הינטערן פּראַגער וועלדל, וווּ ס׳האָט אין יענע אַרבעטסלאָזע זומערן גערוישט דער גאַנצער טעקסטיל־פּאַראַיין. ביז זי האָט זיך אויפגעהויבן, פייגעלע, און איז ווידער פאַרשוווּנדן אויף וואָכן. ס׳איז אים באַנג געווען, דאָס יינגל. ער האָט נישט געוווּסט ווו זי צו זוכן.

## קאַפּיטל צען

דאָס ליד פון מוראַנאָוו, אָדער פון „מורדזשיעל“, וווּ יעדער שטיין און יעדע וואַנט טראָגט נאָך אויף זיך די איינגעבאַקענע שפּורן פון „יענע יאָרן“, איז אַרויס־געשווומען פאַר אים ווי פון אַ ראָזן נעפּל. אהרן האָט געדרייט אין אַלע זייטן דעם מאַגערן זשורנאַל, געדרוקט אויף שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר, און האָט זיינע איי־גענע אויגן נישט געגלויבט. אַזאַ שטיקל האָט זי אים אָפּגעטון, פייגעלע.

אין ערב־פרילינגדיקן טאָג האָט זי אים אַוועקגעפירט צו די אַרומגעבראָכענע גערטלעך ביי דער ווייסל. אויף די צעטראָטענע פּלאַנטן האָבן זיך אַנעמישע גרעז־לעך געצויגן צום לעבעלעכן ליכט. ער האָט געפּלאָנטט. ס׳איז אים מיטאַמאָל איינגע־פאַלן פאַרצולייענען פאַר פייגעלען פון אַ פּאַפּירל, וואָס ער האָט אַנומלטן צעשטרייט

אָנגעוואָרפן אויפן פענצטער־ראַם, צווישן די פארקאָפּטשעטע קוימענס און קרומע
דאַך־שטיבלעך, אומקערנדיק זיך שפעט פון גאַס. זי האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס פאַ־
פירל פון זיין האַנט און ער איז איר נאָכגעלאָפן. זי האָט געלאַכט, זי האָט
נישט אויפגעהערט צו לאַכן. ווען ער האָט זי שוין פעסט געהאַלטן אַרום דער
טאַליע, האָט זי זיך מער נישט געריסן צו אַנטלויפן. זי האָט געלאָזן פאלן איר קאָפּ
אויף זיין אַקסל. ער איז געווען עטוואָס העכער פון איר. דאָס שויבערל איז אים גע־
פאַלן איבערן שטערן. מיט דער ערשטער זון, זענען אים אַרויסגעטרעטן קלייענדלעך
ארום דער נאָז, ארום די מויל־ווינקלען.

— כ׳וויל נישט... האָסט געלאַכט... גיב עס, פייגעלע, כ׳וועל עס צערייסן...

— כ׳האָב נישט געלאכט... האָסט מיר אין עפּעס דערמאָנט. גיב עס מיר,
ווילסט ?

ער האָט זיך געקווענקלט און נישט געוווסט פארוואָס ער זאָל עס איר נישט
געבן. דערנאָך האָבן זיי זיך דאָ ערגעץ אַרויסגעפּלאָנטערט צווישן די מיטאַלטער־
לעכע געסעלעך. בארג־אַרויף צו אלט־שטאָט. ס׳איז געווען אַ זוניקער זונטיק.
ווילעריש־בגילופנדיקע סאָלדאַטן און ראָזע דינסט־מיידלעך האָבן זיך געפירט
פעסט־געאָרעמט, קונציק געשפּיגן אין דער לופטן און פאַרשאָטן דעם טראָטואָר
מיט באַניע־קערלעך. זיי האָבן זיך געשטויסן עק ריבאַצקע געסל אין די נידעריק־
צעפּנטע טירן פון קינאָ „בייקאַ“, ווו ס׳איז געגאַנגען אַ שטומער פילם, אין סער־
יעס. פעסט־געאָרעמט, ווי די סאָלדאטן מיט די מיידלעך, האָבן זיי זיךביידע
מיטגעשפּארט. אויפן עקראַן איז געווען אַ בייזער אַלטיטשקער, אַ יונגע, אַן אומ־
גליקלעכע, מיט אַ קאָפּ ווילדע קרויזן, פאַרמאַכט אין אַ פריצישן שלאָס; אַ מאַן
מיט שטייפע וואָנסן, אין אַ האַרטן קראַגן, מיט אַ שטרוי־הוט, מיט בלישטשענדי־
קע אויגן, ווי די מעסערס, איז אויסגעוואקסן. שרעקלעכע זאכן האָבן זיך דערנאָך
אָפּגעטון אויפן עקראַן !... ביינאַכט איז דער יונגער „קאָכאַנעק“ געקומען צופאָרן
אין אַ „טאַלבאָ“, אַן אלטע אויטאָמאָביל־מאַרקע, געכאַפּט די יונגע, די אומגליק־
לעכע און איז פארשוווּנדן מיט איר. ווען זיי זענען ביידע אויף אַ מינוט אַראָפּ פון
עקראַן, האָבן זיך אין פאַרשטיקטן, פינצטערן זאָל דערהערט די ריכטיקע באַ־
מערקונגען אויף זייער חשבון. און אַז ס׳איז באלד צוריק ליכטיק געוואָרן, זענען
די מיידלעך מיט אַ קוויטש אַרונטערגעשפּרונגען פון די סאָלדאַטסקע שויסן

ווען זיי זענען אַרויס פון קינאָ „בייקאַ“, איז דער פאַרנאַכט שוין געווען צו־
געפאַלן. אָבער אינמיטן פון פאַרפאַקטן טראָטואַר איז זי אים דאָ ערגעץ פלוצים
נעלם געוואָרן. ער האָט זי לאַנג אַרומגעזוכט. „גיי, האָסט מיר אַפילו קיין קוש
נישט געגעבן“... — האָט זי אים צוגעוואָרפן און איז אויסגערונען. ער האָט שוין
געקענט אַביסל אירע משוגעתן, און ס׳איז אים אין ראָזן, פרילינגדיקן פאַרנאַכט
באַנג געווען צו בלאָנדזשען איבער די געפאַקטע טראָטואַרן פון דער דזשיקע גאַס.

און אָט איז אים אומגעריכט געפאלן אין דער האַנט אריין דער זשורנאַל, גע־
דרוקט אויף האַרטלעכן פאַפיר, מיטן ליד וועגן מוראַנאָוו. ביינאַכט האָט ער זיך
געוואָרפן אויפן ייִנגלשן געלעגער און ס׳איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען.
ער האָט געפילט ווי זיין מאַמעס פשוט יידיש לשון ריזלט און זינגט אין אים.
איינגעשלאָפן איז ער ערשט פארטאָג, מיט אַ מידן, זיסן רויש אין די אויערן. ער
האָט זיך געשעמט צו ווייזן פאַר מענטשן. נאָר פייגעלע האָט אים אויפגעזוכט,

אַ צעשטראַלטע, ווי קיינמאָל נישט; זי האָט דערציילט, אַז אַלע פרעגן זיך נאָך און אַז דער חבר זלמן אַליין, האָט זי בסוד צוגעגעבן, וויל אים זען. ס׳איז געווען ערב דעם 1־טן מאַי. אויפן מוראַנאָוו האָט מען זיך געגרייט צו רעוויזיעס, אַרעסטן. פּאַרוואָרפּענע פענדלעך האָבן זיך באַוויזן אויף די טראַמוויי־דראָטן, פלוצים־אויסגעוואַקסענע מאַסוווקעס אויף ראָג דזשיקע, אין סאַמע גאַסן־געררויש. אַ יונ־גער, אַ פלאַמיקער — אויף די אַקסלען פון חברים און באַלד דערנאָך — אַ פונ־אַנדערגעלויף, אַ געיעג.

אין אָוונט האָט אהרן מיט האַרצקלאַפּעניש אָפּגעזוכט די טיר אויף אַ הויכן שטאָק. ער איז אַריינגעפאַלן צווישן אַ שטילן, היימישן געררודער. די אַלע האָט ער צום סאַמע ערשטן מאָל געזען. אין דעם ברייט־פּלייציקן, מיט די בלויע, מילדע אויגן, האָט ער דערקענט דעם פּאָעט פון די וואָלינער שליאַכן; ער האָט געזונגען וועגן דער אויסגעוואָרצלטער יוגנט פון די קליינע יידישע שטעטלעך: „נישטאָ וו אַהינטון די כוחות, וואָס טריפן ווי סאָק פון די שטאַמען״... דעם רעאַליסטישן דערציילער קורץ האָט ער אויפגעכאַפּט לויט זיין איינפאַך, גרוי פנים, אָפּשטייענ־דיקע אויערן; אזא פנים באַגעגנט מען געוויינלעך אַרום אייזערנעם טויער, אָדער אַרום דער וואָלוווקע. מ׳איז געזעסן קאָפּ־אויף קאָפּ, אויף די עטלעכע טאַבורעט־קעס, אויפן בעטל. פון זעלבן פּאַפּיראָס האָבן זיי, לויט דער ריי, יעדער איינער געכאַפּט אַ פּאָר צי. דאָ האָט ער אויך צום ערשטן מאָל געזען ברוינערן, דעם אינ־טעליגענט, דעם שאַרפן מוח, מיט די בלישטשענדיקע פענסנע־גלעזלעך אויפן נאַקעטן לענין־שאַרבן.

אויף אַלעמענס פנימער איז געווען אַן אומרו. דער חבר זלמן האָט געזאָלט קומען אַרום ניין אַזייגער און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען. דריי־פערטל צען איז מען געקומען געבן אַ צייכן אין דער טיר, אַז מ׳זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען... איינציקווייז, אָן מהומה, האָט מען זיך באַלד אַראָפּגעשאָטן פון די שטיגן. יעדער איינער איז פאַרלוירן געוואָרן אין די אויסגעלאָשענע געסלעך אַרום מוראַנאָוו.

דער פאָלקס־שול־לערער הערץ קאָסאָווער, מיט דער הויכער פּלייצע, האָט אהרנען דערנאָך דערקענט ביי דער לאַמטער אויפן פּלאַץ. זיי האָבן זיך דאָ גע־האָט אַרויסגעפּלאָנטערט פון די דורכגאַנגס־הייף דורך פאַרשידענע זייטן. הערץ קאָסאָווער איז געווען פון מיטעלן עלטער, אַן אַרבעטער־אינטעליגענט, אַן אַלטער זוכער. ער איז געווען דער איבערזעצער פון עטלעכע פּאָפּולערע ווערק איבער מאַרקסיזם און אין די אויסגאַבן פון שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר האָט ער גע־צייכנט אונטער אַ פּסעוודאָנים אַרטיקלען איבער טעאָרעטישע פראַגן אין דער לי־טעראַטור־קריטיק. ער האָט געהאַט אַ שוואַכע, אָבער אָנגענעמע שטימע, ווייכע, גרויע אויגן. ער האָט נישט באַוויזן אויבן אויסצושטרעקן אים די האַנט, ווי מ׳האָט זיך אייליק געגומען אַראָפּשיטן פון די שטיגן. אָבער ער האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס איז ער, דער פרישער, וואָס זיינס אַ ליד האָט זיך באַוויזן אין לעצטן נומער. דאָס ליד האָט זיך מאָדנע אויסגעטיילט פון דער געוויינלעכער באַמבאַסטיק, וואָס איז באַשטאַנען אין — „שעלטן דעם קאַפּיטאַליזם אין גראַמען״... טאַקע לויט זיינער אַ געלונגענער באַמערקונג. דאָ איז געווען אָנגערירט אַ נייער עפּישער טאָן וועגן דער טראַדיציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; וואַרשע, די קראָכ־

מאלנע גאס, ווו יעדער שטיין און און יעדע וואנט טראָגט נאָך אויף זיך די שפּורן פון „יענע יאָרן". ביי אהרנען האָט זיך שווערלעך אויפגעבונדן די צונג:

— כ'האָב געוואַרט מיט אַ סך האַרצקלאַפּעניש אויפן היינטיקן אָוונט און — צו טרעפן דעם חבר זלמן.

— האָסט נישט געשריבן מער ווי דאָס ליד? דאָס געליטערטע וואָרט קומט טיילמאָל אומגעריכט, ווי דער קוואַל פון אונטער שיכטן.

ביים ראָג האָבן זיי זיך קורץ אָפּגעזעגנט. הערץ קאָסאָוועד האָט אים נאָך אָפּ־געשטעקט אַ צעטעלע און אים אָנגעזאָגט:

— גיב עס איבער דעם חבר זלמן... ער דאַרף עפּעס באַזאָרגן.... וועסט אים דאָרטן טרעפן, אויב, נאַטירלעך...

אהרן איז אַוועק אין שטילער צערודערונג. ס'איז געווען ערב דעם מוזיקאַ־לישן פּרימאָרגן, וואָס די קולטור־קאָמיסיע ביים טעקסטיל־פּאַראיין האָט צוגע־גרייט אויף שבת אין דער פרי, אין קינאָ „לוטניאַ", אויף דער כלאָדנע. פייגעלע איז געקומען פריער. דאָס ווייסע בלוזקעלע האָט ביי איר געפּעכלט פון ריינקייט. די קלעצער פון אירע נידעריקע שיכלעך זענען דערפאַר געווען אביסל אויסגעצ־דרייט; דאָס גראַנאַטענע קליידל — פון דיקן, ווינטערדיקן שטאָף. צו די טירן פון זאַל האָט געשטראָמט דאָס יונגוואַרג. אין אַלעמענס אויגן איז געווען די זון פון לויטערן מאַי־פרימאָרגן. אהרן איז געקומען אַנצולויפן אין דער לעצטער מינוט, מיט אַ שלעכט־אויפגעקעמטן שוּיבער. זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ פלאַץ אין די הינ־טערשטע רייען, אויף דער גאַלעריע, ווען דער פאַרהאַנג האָט זיך שוין געהאָט אויפגעהויבן. דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, דער חבר דוד, האָט שוין גערעדט צום אָנגעפּראָפּטן זאַל וועגן מאַי־יום־טוב.

זי האָט געשיינט, פייגעלע, ווייל אַלץ, האָט זיך איר געדוכט, איז נאָר צוליב אהרנען. די דראַמאַטישע סטודיע האָט געהאַט איינשטודירט אין כאָראַלער דעק־לאַמאַציע דאָס ליד אהרנס וועגן לאַנד פון סאָציאַליזם, וואָס בויט זיך אין נייע טעמפּן, וועגן אויסגעוואָרצלטן ייִד, וואָס אַקערט אויף דעם אומבאַטראָטענעם באָדן און זאָגט: „דאָ וועט זיין מיין נייע סאָציאַליסטישע היים". דער זאַל האָט געשטור־רעמט פון אַפּלאָדיסמענטן און אהרן אליין האָט זיך, אויפן פאַרלאַנג פון אַלעמען, געמוזט אויפשטעלן און באַווייזן זיך. אַ צעטומלטער, האָט ער זיך באַלד פאַר־שטעקט אין דער שטול לעבן פייגעלען.

פון דעמאָלט אָן האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט געמוזט קומען אויפטרעטן אין די פאַראיינען. ער האָט אַנטדעקט אין זיך אַן אימפּעטיקן פּאַטאָס ביים פאַר־לייענען זיינע פערזן. דער גרויער אַרבעטער־עולם האָט דערפילט, אַז דאָס רעדט אַרויס זייער אייגענע פרייד און זייער אייגענער ווייטיק דורכן מויל פון עקזאַל־טירטן, איבערגעוואַקסענעם ייִנגל.

אַזוי אומבאַמערקט האָט זיך פייגעלע אַריינגעקריגן אין זיין פּאַרטראָגן לעבן. זי איז אַרויפגעקומען זוכן אים אין ליטעראַטן־פּאַראיין, אַ ריינלעך־צוגעפּוצטע, אַ וויכטיקע, אין אַ קורץ, חנוודיק פוטערן מאַנטעלע. זי איז געקומען אין שליחות פון חבר זלמן. אהרן איז געווען צעטראָגן, געבעטן איר צוווארטן און איז געלאָפן אויפזוכן הערץ קאָסאָוועד צווישן די רוישיקע גרופּקעס, אין גרויסן זאַל. ס'האָט זיך אין יענע טעג גע'רעש'ט מיט דער סענסאַציע וועגן אגודה'שן דיכטער, וואָס

האָט זיך עפנטלעך אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע שרייבער, די שטורעם־אָנזאָגער. דער אַרויסטריט האָט אויפגערודערט נישט נאָר די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, נאָר אויך די בירגערלעך־ציוניסטישע און דער עיקר — די דזשיקע גאַס. צום עפנטלעכן אַרויסטריט אין זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין האָבן זיך אַלע געגרייט מיט גרויס פיבער.

דער לאַנגער זאַל מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע גאַבעלינען, מיט די בילדער פון יידישע קינסטלער, איז אין דעם אָוונט געווען באַזעצט ביז אַרויף. די פּאָרנטיקע שטולן האָבן באַצייטנס געהאַט פאַרכאַפּט די מוסקולירטע יינגלעך פון טראַנספּאָרט־פאַראיין, ווען אויף דער טריבונע איז אַרויפגעקומען מיט אומזיכערע טריט דאָס בלייכע, חסידישע בחורל. לאַנג האָט ער נישט באַוויזן צו רעדן וועגן מאַנאָטעאיזם און זיינע סיבות, וועגן דער היסטאָרישער פאַרענדערלעכקייט, ווי אין די הינטערשטע רייען האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. דער זאַל איז פול באַזעצט געווען מיט חסידישע יונגעלייט, אין די קליינע היטעלעך, אין די קאַפּאָטעס; די מיידלעך פון די „בית־יעקב״־שולן; באַלעבאַטישע יונגעלייט, מיט אַ נישט־געגאָלטן אויסשפּראָץ אויף די באַקן. מ׳האָט אַפילו דערציילט, אַז אויפן זאַל זאָל זיך אויך האָבן געפונען זיינס אַן עלטערער ברודער, אַ רב, וועלכער האָט געריסן נאָך אים קריעה... מ׳האָט דעם סקאַנדאַל באַצייטנס איינגעשטילט, אויס מורא פאַר דער פּאָליציי.

די רעפּאָרטערן פון דער יידישער פּרעסע האָבן שנעל צוגעטראָגן די סענסאַציע פאַר די פרימאָרגן־אויסגאַבן. די פּובליציסטן האָבן געגרייט זייער וועכנטלעכן איבערבליק. יעדער איינער האָט אויף זיין אופן געזען דעם פאַל סימפּטאָמאַטיש. אין זאַל, ווו כמעט אַלע ליכטער זענען געווען אויסגעלאָשן, האָבן זיך די דיסקוסיעס און גערעדערייען פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דער ציוניסטישער עסקן, סיים־דעפּוטאַט, פּובליציסט דר. גמזו, אַ ייד אַ ריז, מיט אַ נאַקעטן שאַרבן, מיט שטעכיק־אונטערגעשוירענע וואָנסן, איז דאָרט אומגעריכט זיצן־געבליבן צווישן דער אונטערגעוואַקסענע חברה. ס׳האָט אים פאַראינטריגירט. ער האָט געזופּט די אויסגעקילטע האַלבע־שוואַרצע און געוואָלט פאַרשטיין דעם שכל, וואָס דער חסידישער יונגערמאַן האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ טומל אַרום זיך:

— נו, איז וואָס געדרונגען? — האָט ער אַוועקגעמאַכט — און אַז מען הערט שוין אויף צו גלויבן אין אויבערשטן, באַהאַלט מען עס פאַר זיך, מען שרייט נישט אַזוי, מען געוואַלדעוועט נישט... מה רעש? אין אונדזערע יאָרן האָבן יונגעלייט געגעסן בשר־קוויטש אום יום־כיפּור, זיי האָבן אָבער נישט געמאַכט דערפון אַזאַ וועזן...

געקאָכט האָט זיך אויך דער אַלטער רוסישער אינטעליגענט ביעלינקי, דער געוועזענער ס. ר.־אָוויעץ. ער איז געווען אַן איבערזעצער פון די רוסישע קלאַסיקער, אַ פאַרליבטער אין פּושקין און לערמאָנטאָוו, וואָס ער האָט זיי געפּלעגט צו רעציטירן מיט דער ברייטער רוסישער פּאַטעטיק פון שלאָף אַפילו, אַוועקפאַלנדיק ביי אַ טישל אין פאַראיין. ער איז געווען נאַכט־קאָרעקטאָר אין „מאָמענט״ און האָט יעדן באַגינען אַריינגעשלייכט זיך אַהער מיטן צעבויגענעם קאַפּעליושל, מיטן אָפּגעביסענעם ליולקעלע און מיטן זשומענדיקן „דאַ אוכניעם״ צווישן די פּרעמדע, קלאַפּנדיקע ציינער. ער איז געווען דער פּראָלעטאַריער צווישן די סאַמע

אָרעמסטע זשורנאַליסטן און פול מיט סימפּאַטיע פאַר די יונגע, די שטורעם־אַנזאָגער.

— נאָכוואָס פאַרמאַכן די אויגן, „גאַספּאַדין" גמזו ?... זיי ראַנגלען זיך, די „מאַלאַדיאָזש", זיי זוכן א וועג אין דער בלאָטע, אין וועלכער מיר אלע טאַפּטשען... איר זעט נישט וווהין מיר גייען ? צום אָפּגרונט גייען מיר...

די יידישע פּרעסע אין פּוילן האָט איבערגעלעבט דעם לעצטן גרויסן קריזיס, פאַרן אונטערגאַנג. אפילו די קיצלדיקע שונד־ראָמאַנען האָבן מער נישט גע־האָלפן. מ׳האָט מיט אלע מיטלען געפּרווט צו ראַטעווען. די צייטונגען האָבן זיך איבערגעבויט אויף קאָאָפּעראַטיוון, צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים, די שרייבער, די זעצערס. אויף די יערלעכע אלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון ליטעראַטן־פאַראיין זענען אויסגעבראָכן קריגערייען איבער אַ גראָשנדיקן קאָרעקטאָר־פּאָסטן. ס׳האָט אלעמאָל געהאַלטן דערביי, אז דער לאָקאַל זאָל געשלאָסן ווערן; אָבער די, וואָס האָבן געדענקט דעם קלוב, ווען דער אלטיטשקער יעקב דינעזאָן איז געווען דער ערשטער פּאָרזיצער, האָבן אויפגעהויבן אַ טומל, נישט דערלאָזן. די ווענט דאָ האָבן נאָך געטראָגן שפּורן פון פריילינגדיקן שוווּנג און פון גרויסע האָפענונגען — די אָפּגעבליאַקעוועטע גאַבעלינען, דער גרויסער פּרץ־פּאָרטרעט, די בילדער און קאַריקאַטורן פון יידישע קינסטלער. דער זאַל האָט געזען יום־טובדיקע קול־טור־מאַניפעסטאַציעס, רוישיקע דיסקוסיעס פון דער צעשטורעמטער דיכטער־כאַליאַסטרע איבער די נייע פאָרם־זוכענישן אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט די יאָרן איז אלץ זיך פונאַנדערגעפאַלן. דער קריזיס האָט ביסלעכווייז אלעמען פאַרטריבן. די לאַגערן האָבן זיך שטרענג פונאַנדערגעטיילט; ווער ס׳איז אוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווער קיין ארץ־ישראל, ווער קיין אמעריקע. דאָס ליטעראַרי־שע יידישע וואַרשע האָט געפּוסטעוועט. אָבער אין דער טיף האָבן געשטורעמט נייע, יונגע כוחות.

דעם סימן פון פאַרשאַרפטן קריזיס האָבן דאָ אַלע דערזען מיטן באַווייזן זיך פון די יונגע, די שטורעם־אַנזאָגער. אין זייער זשורנאַל פון שלעכטן, האַרט־לעכן פּאַפּיר, האָבן זיי געשטורעמט די אלטע, איינגעגעסטיקטע בירגערלעכע טראַ־דיציעס. זיי האָבן געהאַלטן די האַנט אויפן פּולס פון דער צייט. זיי האָבן גוט גע־וווּסט וווהין זיי גייען. אומגעריכט איז דער טיראַזש פון דעם מאַגערן, האַלב־לע־גאַלן זשורנאַל, וואָס די גאַנצע רעדאַקציע זיינע האָט זיך געפונען ביי עמיצן פון זיי אין א קעשענע, אויסגעוואַקסן. יעדער נייער נומער איז געוואָרן א געשעעניש פאַר דער יידישער יוגנט. די זאַלן, ווו זיי זענען אויפגעטרעטן מיט זייערע פּאַ־טעטישע לידער, האָבן זיך געבראָכן. זיי זענען געווען די שטורעם־אַנזאָגער, ערב דעם גרויסן אונטערגאַנג.

צווישן די יונגעלייט, וואָס האָבן דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, אויסגעבעטלט איינער ביים אַנדערן אַ פּאַר צי, געשמאַק אונטערגעהונגערט, האָט זיך אהרן גע־שאַרט אין אַ זייט. זיינע שטילע לידער האָבן נישט געשריגן מיט דער שפּראַך פון לאָזונגען; זיי האָבן ווי געבלענדט מיט דורכזיכטיקע רעגנבויגן־קאָלירן און דינע פלעקן פון אַקוואַרעל. עפּעס איז געווען אין זיי שפּעטער זומער, האַלב־טענער פון פאַרגיין, קילע פילאָזאָפישע באַדאַכטקייט. ס׳איז געווען אינערלעכער געראַנגל מיט דער מאַמעס שבת־ליכט, מיט דער אומעטיקער שטוב, פון וואַנען די גרויע

נויט האָט אַלעמען פאַרטריבן. ער איז צוזאַמען מיט אַלעמען געווען אויף די אויפ־געשטורעמטע ברוקן, ער האָט אָבער אַלץ דערזען דורך דער קרומער שויב פון זיין היים, ווו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען זיין קינדערישע וויג; ער האָט געזונגען וועגן אַ הימלאָזער יוגנט, אויפן הפקר פון ווינט. זיינע לידער זענען געווען אויף די ליפּן ביי דער יידישער יוגנט.

דאָ האָט זיך ארומגעדרייט דער פאַרעלטערטער דערציילער בלייוויס, מיט רויטלעכע אויגן, ווי ביי אַ פיש, מיט אַ האַרטן קראַגן און אויסגעגלאַנצטע הויזן. אין אַלע זיינע פאַלדן איז, דוכט זיך, געלעגן אַ שטויב. אין די דיקלעכע זשורנאַלן, וואָס קיינער האָט זיי מער נישט געלייענט, האָט ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען פון אונטערגאַנג, וועגן אַלערליי אומנאָרמאַלע מענטשן מיט קרענקלעכע איינרע־דענישן, נייגונגען; ביי יעדן פון זיי האָט געברונען פון אַן אויג, פון אַן אויער, יע־דער האָט פאַרמאָגט עפּעס א מיחוש, אַ גייסטיקן, אָדער א פיזישן. ס׳האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט דער גאַליציאַנער דאָקטער, פעלד־ראַבינער, פּולקאָווניק פּיוולזאָן, מיט גרוילעכן קאָמעץ־בערדל, אַ שטייפער, אַ קרוב־למלכות. ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אין אָפיצירישן מונדיר מיט די גלאַנציקע קנעפּ, מיטן קורצן שווערדל. ער האָט גערעדט דייטשמעריש:

— געדיכטע... דאַס הייסט שירים פאַרפאַסן זי ?... — האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביי אַ טישל, פאַטשנדיק מיט די זאַטע ליפּן — פאַבעלהאפט... פאַבעלהאַפט...

פאַר פאָגאַזשעלסקין, דעם שעף פון דער דעפענסיווע, און פאַר די אַגענטן, וואָס זענען דאָ אָפט ארויפגעקומען נישטערן, רעווידירן די דאָקומענטן, איז זיין אָפיצירישער מונדיר אַפילו געווען אַ שטיקל סגולה. זיי האָבן סאַלוטירט, גערעדט צו אים איידל און האָבן איידל געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי ווייסן... זיי ווייסן אַלץ... עס זענען געווען ציינגער, וואָס האָבן אונטערגעטראָגן, אַז דאָ בלאָזן נייע ווינטן...

די טירן האָבן נישט גערוט. די טעלעפאָנען האָבן געקלונגען. רעפּאָרטערן און קיביצערס האָבן דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, געשפּילט אין קאָרטן, אין שאַך, אונטערגעברומט חזנישע שטיקלעך, לידלעך פון דער יידישער אָפּערעטע, געהיצט זיך, געשריגן. אין ווינט פון טירן, האָט דער חבר זלמן איבער־געשיקט דורך פּיגעלעך מאַטעריאַלן פאַרן זשורנאַל. דעם זשורנאַל האָט מען אָפט קאָנפיסקירט און ער האָט געמוזט כסדר טוישן די נעמען. אַליין האָט ער זיך דאָ קיינמאָל נישט געוויזן, דער חבר זלמן. ער האָט זיך דאָ נישט געטאָרט באַווייזן. ער האָט געלעבט דאָס לעבן פון א פאַרפאָלגטן וואָלף, אין געדיכטן וואַלד פון יידישן מוראַנאָוו, אין לאַבירינט פון די געסלעך און דורכגאַנגס־הייף.

אהרן האָט זיך אין טונקעלן ביבליאָטעק־צימער געבלענדט די אויגן איבער זיינע צעשאָטענע בלעטלעך. ער האָט נאָך אַלץ איבערגעלעבט דעם ציטער, אויס־בעסערנדיק לייכט זיין פאַרגרייזטע אָרטאָגראַפיע און די קינדעריש־רירנדיקע האַנטשריפט. צווישן טאָג און נאַכט האָט ער לייכט דערפילט דאָס שאָטנדל, וואָס האָט זיך דין געלייגט אויף די בלעטלעך, די שטילע טריט הינטער זיין רוקן. ער איז געווען אַ ליבער, אומעטיקער מענטש, הערץ קאָסאָווער. ער האָט די בלעטלעך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיפער קעשענע פון זיין אויסגעריבענעם מאַנטל.

— ברוינער — האָט ער געוויזן מיטן בליק אויף די בלעטלעך — וועט שוין

האָבן איבער וואָס צו טרייבן זיין ביטערע איראָניע... ער מיינט אוודאי, אז יעדער איינער האָט זיך געקענט אויסווילן א רייכן גאַליציאַנער טאַטן...

ברוינערן, דעם אינטעליגענט, דעם שאַרפן מוח, מיט צוויי פאַקולטעטן הינטער זיך, אויפן קראָקעווער אוניווערזיטעט, געקומען פון די סטודענטן־קרייזלעך, איז אָנ־פאַרטרויט געוואָרן די לעצטע רעדאַקציע פון די מאַטעריאַלן. ער האָט געפינקלט מיט די אויגן־גלעזער, געבליקט פאַרטון אין די בלעטלעך, געקרומט זיך. ס׳האָט זיך געטראָגן פון אים מיט ווינט. ער האָט געוווּסט, אַז פון אלע טישלעך קוקט מען אים נאָך; אַפילו די סימפּאַטישע אַרטיסטקעס פון „יונג־טעאַטער״, וואָס שטייען אויף נאָכן האלבן טאָג און קומען ארויף אהער אַרומפלאַפּלען ביז דער פאַרשטעלונג מיט די רעצענזענטן. צו דר. פּיוולזאָן, וואָס האָט אים אלעמאָל פאַרטשעפּעט און דווקא געזוכט צו פאַרפירן מיט אים אַ וויכוח, האָט ער גערעדט אַ פאַרפומירטן פויליש, שפּיציק, מיט די כאראקטעריסטישע גאַליציאַנער שטעכיקע אָנצוהערע־נישן. ביידע האָבן זיי זיך טיטולירט „הער דאָקטער״ און האָבן זיך טיף פאַרנייגט, אויסלאַכנדיק זיך איינער דעם אנדערן הינטער די פּלייצעס.

## קאַפּיטל עלף

אין יענעם הייסן זומער האָבן פרויען אין ווארשע געטראָגן קאָליריק־געפלאָכ־טענע שיכלעך און ווייענדיקע סיטצן־קליידער פון אַ דורכזיכטיקן אָראַנזש. ס׳איז געווען ביליק און שיין און לייכט צו באַוועגן זיך צווישן די ענגע מויערן פון דער שטאָט, ווו ס׳איז אָנגעפאלן א שווערע חמימה. פון פרימאָרגן האָבן גאַסן־שפּילער, ארבעטסלאָזע ארטיסטן, אין די פענצטערע, טוכלע הייף־קאַסטנס איבערגעוועקט מיטן פרילינגדיקן ליד :

ס׳איז ווידער גרינער מאַי,
קאַשטאַנען שטייען שוין אין בליען...

אָפּגעשליסענע יידן האָבן פאַרחלשט אַרויפגעשריגן : „אַלטוואַרג קויף יאַך... אַלטוואַרג״... גרויע ארבעטסלאָזע מענטשן האָבן געצויגן צו די זאַמדיקע ברעגן אויף יענער זייט ווייסל. די דזשיקע גאַס האָט כמעט נישט געאַרבעט, האָט זיך געראָיעט אין דער היץ. האָט זי אַ כאַפּ געטון איר באַד־קאָסטיומל, פייגעלע, און פאַרבייגייענ־דיק דאָס קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע, אַ רוף געגעבן גוטקען, פּאַליען, אהרנען און זיי זענען אַרונטער צו דער „ווילדער פּליאַזשע״. די קליינע איז געווען פלינק ווי אַ טייוול אין וואַסער. די אויסשניטן פון איר בלויען באַד־קאָסטיום האָבן אויס־געטיילט די געזונטע מאַטקייט פון איר הויט, די קליינע, שטייפע בריסטלעך. זי איז געווען שמאָל און רירעוודיק — אַ קליינע, אַנטוויקלטע פרוי. די פּראָווינץ האָט אָנגעגאָסן מיט געזונטע זאַפטן; עפּעס א פאַרויכערטקייט איז געלעגן אויף די וואַרשעווער מיידלעך.

שוין דעמאָלט האָט ער באַמערקט, אהרן, אַז פייגעלע באַדאַרף אַלעמאָל צו האָבן אַ פרישע ענטוזיאַזם־ספּאַזמע, אַנישט זעט איר אַלץ אויס גרוי און וואָכע־דיק. דאָס מאָל איז עס געווען דער טיפער סוד, וואָס האָט געשוועבט אַרום חבר זלמן. אויך ער האָט געפילט דעם טיפן פיעטעט פאַרן מאַן, וואָס האָט דאָס אַסקע־טישע לעבן זיינס אינגאַנצן אַוועקגעגעבן דער רעוואָלוציע און דורכגעטראָגן עס דורך אַזויפיל געפאַרן. אין די אָוונטן איז זי ערגעץ פאַרשוואונדן, פייגעלע. זי איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף טעג, אויף וואָכן; אַ שיינענדיקע, אַ צערויטלטע, איז זי דערנאָך געקומען אויפזוכן אהרנען אין פאָדער־צימער פון ליטעראַטן־פאַראיין. זי האָט אים אָפּגעשטעקט די בלעטלעך פון חבר זלמן, מיט דער אומבאהאָלפענער, קינדערישער האַנטשריפט.

— ער איז קראַנק... — האָט זי אים מיט אַ סך זאָרג איינגערוימט — די שפּיצ־לעס, וואָס לויערן... די ביטערע פּאַרטיי־דיסקוסיעס...

די גאַנצע פאַרפלאָנטערטע דיסקוסיע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבן אין די קאַמערלעך וועגן רעוואָלוציע אין איין לאַנד, וועגן דער פאַרשאַרפטער סי־טואַציע אין דייטשלאַנד, וועגן איינהייטס־פראָנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָדער „סאָציאַל־פאַשיזם", איז צו אהרנען דערגאַנגען ווי פון ווייט. ער האָט אַ סך מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען. ער האָט געזען, אַז גאָרנישט איז אַזוי איינפאַך. דעם חבר זלמנס שטימע האָט, ווי א פאַרגעסענע מעלאָדיע, בייגאַכט, אויפן יינגלשן געלעגער, אַ קלונג געטון אין זיינע אויערן — „מאכן געשיכטע און — נישט איבערחזרן די פאַטאַלע געשיכטלעכע פעלערן... די לייט זענען אָבער אומגע־דולדיק... היצקעפּ... זיי טייטשן אַריין פונקט דאָס פאַרקערטע וועגן דער לערע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע"... מ'האָט טאַקע באַדאַרפט זיין אַזוי געדולדיק ווי דער חבר זלמן, וואָס האָט ס'גאַנצע געמאַטערטע לעבן זיינס דורכ־געטראָגן מיט אַזאַ פּשוטן שמייכל, כדי נאָכצוגיין מיט באַטראַכטע שריט דעם גע־שיכטלעכן גאַנג. דער אויגוסט־אַטענטאַט אויפן אינערן־מיניסטער, אויסגעפירט דורך אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן, איז געווען אַ נייע געלעגנהייט איינצוציען דעם רעזשים אין לאַנד; אַרעסטן, שטאַנד־געריכטן; די רעכטע פּרעסע האָט גע־פאָדערט שטרענגע מאָסמיטלען, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַ „פּויליש סיביר". עס זענען פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן די האַלב־לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען און דער זשורנאַל פון שלעכטן, האַרטלעכן פּאַפּיר האָט שוין מער, אַפילו אונטער אַ געטוישטן נאָמען, נישט דערזען די ליכטיקע שיין. די צייטונגען האָבן געברענגט פּרטים וועגן סענסאַציאָנעלע אַרעסטן.

דער ליטעראַטן־פאַראיין איז כסדר באַשטעלט געווען. די געהיים־פּאָליצײ איז אַרויפגעקומען נישטערן. אָבער פייגעלע, פלינק און אומבאַמערקט, האָט זיך לייכט דורכגעגליטשט דעם אייביקן צוג־ווינט פון די טירן, וואָס האָבן דאָרט נישט גע־רוט. אהרן האָט איר באַגעגנט מיט פיבער. וועגן זאַכן, וואָס האָבן נאָך געשוועבט אין דער לופט, האָט זי שוין געברענגט גענויע איינצלהייטן — דער איז אַרעס־טירט, יענעם זוכט מען. וועגן חבר זלמן האָט זי מער אינגאַנצן נישט גערעדט און ער האָט נישט געפרעגט. ער האָט אָבער געהאַט דאָס פאָרגעפיל, אַז ער דאַרף זיך צו געפינען נאָנט אַרום וואַרשע, ערגעץ אויף דער אָטוואָצקער ליניע. זי האָט זיך געאיילט, באַפוילן, אָנגעזאָגט און איז פונדעסטוועגן פאַרבליבן אַביסעלע

לענגער, ווי זי האָט באַדאַרפט. נאָך איר אַוועקגיין איז אים באַנג געווען. ווי זי האָט זיך געענדערט. אין איר איינפאַכקייט איז מיטאַמאָל געווען אַ סך — שרייענדיקס. זי איז איינמאָל געקומען צו אים אין אַן אָוונט און אוועקגעפירט אים אין „יענע גאַסן". אין טעאַטער „לעטני" האָבן זיי געזען זשעראָמסקי'ס „די געשיכטע פון אַ זינד". זיי האָבן פאַר האַלבער נאַכט געגעסן „לאָדעס" אויף א קליינער, אָפענער קאַפע־טעראַסע, אונטער אַקאַציעס. האַנט־ביי־האַנט, ווי די קינדער, האָבן זיי זיך אַרומגעפירט איבער די פרעמדע פוילישע גאַסן. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין די שויפענצטער, צוגעקלעפּט די נעזער צו דער שויב, וווּ ס'זענען געווען אויסגעשטעלט מעכאַניזירטע קינדער־שפּילצייג. אַ נעגער מיט בלאַנקע ציינער איז געשפּרונגען און געקלאַפּט אין מעשענע טאַצן. אַ קליינער טראַמוויי האָט זיך נאָכאַנאַנד געדרייט אין אַ קרייז. לאַוויטשאַנקעס, אין פאַרביקע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, האָבן געקערט די אויגן אין אַלע זייטן און געלאַכט. אין זאַקסישן גאָרטן האָבן די קאַשטאַנען שוין געהאַט אָפּגעבליט, אָבער די וועלט איז שיין געווען, ווי קיינמאָל נישט.

אומגעריכט האָבן זיי זיך דערזען ביים הילצערנעם דאַנציקער וואָקזאַל און מיטן לעצטן צוג, נאָך צוועלף, האָט זי אים אַוועקגעפירט אויף דער אָטוואָצקער ליניע. די צוויי בילעטן ביי דער קאָנטראָל, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פון האַנט־בייטל, האָט זי, זעט אויס, געהאַט אָנגעגרייט פון פריער. אין צוג איז ער מיט געשלאָסענע אויגן געווען אָנגעלענט אין דער טרייסלדיקער שויב און צום ערשטן מאָל זיך אַליין געפרעגט: ווער איז זי, די קליינע? ערגעץ אויף אַ סטאַציע האָט מען זיך געקריגט. ס'האָבן זיך געהערט שיכורע קולות. די באַן האָט קורץ אַ פייף געטון און געריקט פון אָרט. דערנאָך איז מען געקראָכן אין די זאַמדן, אין אַ טונקעלער סאָסנע־אַליי, וואָס האָט באַהאַלטן אין דער טיף קליינע, אויסגעלאָשענע ווילעס. אין דער דעמפּיקער, אויסגעשטערנטער סוף־זומער־נאַכט האָט עס מחיהדיק אַ פאַרשמעק געטון מיט שאַרפע פעך־ריחות. זי האָט אים געפירט ביי דער האַנט, ווי מען פירט אַ קינד, און ער האָט זיך געפרעגט:

— ס'איז נאָך ווייט?

זי האָט נישט געענטפערט און דאָ באַלד אַ שטויס געטון פאַר־זיך דאָס גאָרטןטירל. צו דער וועראַנדע אויפן ערשטן שטאָק האָט מען זיך אויפגעהויבן מיט אַ הילצערנער שטיג. „איך, פייגעלע"... — האָט זי, פאַרבייגייענדיק, אַ זאָג געטון אין אַ טיר אַריין און לייכט געטרעטן איבער די סקריפּענדיקע ברעטער. ווען דאָס צימער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט ליכט, האָט ער ערשט דערזען וווּ ער געפינט זיך. אַרום די ווענט זענען געווען צעשטעלט האַלב־פאַרשמירטע לייוונטן, קוילן־סקיצן אויף פּאַפּיר; ס'איז געווען אָנגעוואָרפן ליים, גיפּס, פאַרבן, געשטעלן. אויף אַ קליינעם פּיעדעסטאַל — אַן אָפּגעגאָסענע בראָנז־פיגור פון אַ מוסקולירטן, נאַקעטן מאַן מיט אָנגעצויגענע אָדערן, ווי שטריק. אויף אַן אַנדער געשטעל, איבערגעוואָרפן מיט אַ טוך, האָט אַרויסגעקוקט דער פאַרשפּיצטער קין, וואָס איז אים באַלד געווען אויפפאַלנדיק־קענטלעך. ער איז צו, געוואָלט אונטערהויבן די טוך, אָבער זי האָט אים נאָך באַוויזן אָפּצורייסן.

— קום, ס'ווערט שפּעט... וועסט עס אָנקוקן מאָרגן, ביים טאָג־ליכט...

אויף די שפּיצן פינגער איז זי אַוועק צום צווייטן צימער, פאַררוקט דעם שווערן גאַרדין איבערן אָפענעם פענצטער צום וואַלד אַרויס, אַוועקגעוואָרפן זיך אויפן בעטל און פונאַנדערגעלאַכט זיך מיט אַן אָפּן, קינדיש געלעכטער, אָבער שטיל, אָן אַ קול. מער ווי דאָס בעטל איז אין דעם נאַקעטן צימער נישט געווען; און דאָס יינגל איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרטראַכט. זי האָט אים אַ צי געטון צו זיך, אין פאַרשייטן פליסטערן:

— נו, האָסט זיך כאַטש געריכט היינט אויף אַזאַ אַוואַנטורע ?...

דער סוד, מיט וועלכן ס'קליינע מיידל האָט זיך אַזוי געשיקט אַרומגעהילט, האָט אים פאַראינטריגירט. ס'איז מאָדנע, זי האָט ליב געהאַט די געפאַר. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל, ווי זיי האָבן זיך געפונען אויג אויף אויג, צווישן פיר ווענט. נאָך קיינמאָל, ווי איצט, האָט אים איר פּלוצימדיק פאַרשווינדן, אויף טעג, אויף וואָכן, אַזוי נישט געאַרט. זי איז געווען ווי אַ ווינטל, וואָס פליט פאַרביי און מען קען עס נישט דערכאַפּן.

— ווער איז דער קינסטלער ? — האָט ער שוין, באַלד אויפן אָרט, געוואָלט וויסן; און אין זיין פרעגן איז געווען אַ ניואַנס פון פאַרדאַכט.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט זי אים פאַרמאַכט דאָס מויל מיט אירע אָפּבריענדיקע ליפּן. אַ באָרוועסע, האָט זי לייכט אַוועקגעפּלאַטערט, געבערענגט פון ערגעץ אַן עמער וואַסער, אַ שיסל, אַ קלאָרינקן האַנטוך, האָט אים אַליין אויסגעטון, געוואַשן אים, אַרומגעהילט מיט אַ פוכיקן האַנטוך זיין מאָגערע יינגלשע ברוסט. ווי אַ דרעמלדיק קינד, האָט ער אַלץ געלאָזן טון מיט זיך. אָבער דער גרויסער פאַרדרוס איז ערשט דערנאָך אויפגעשטיגן אין אים. ער האָט געהאַט אַ געפיל צו וויינען, ווי דעמאָלט, אַ קינד נאָך, ביים צוואָגן, ווען די מאַמע האָט אים אַ כאַפּ געטון אונטערן אָרעם און מיט געוואַלט אַריינגעשטעקט אים דעם קאָפּ אין אַ שיסל וואַסער. אַלץ פאַראַמאָל האָט זיך אים געפּלאָנטערט — סטערקע, ברוינער, יאַנעק, אַליציע, איבערהויפּט — דער חבר זלמן, וואָס זיין אומזעבאַרע אָנוועזנהייט ער האָט דאָ נאָנט ערגעץ געפילט. זי האָט אויסגעזוכט צו דערכאַפּן זיין צעטראָגנקייט. אַ פרישע, אין אַ געבלימלטן שלאַפראָק, האָט זי אָנגעפּלאַטערט אויף אים פון דער טיר, ווו זי איז אַ ווילע געווען איינגערעמט, ווי אַ לעבעדיקער פּאָרטרעט. „ביסט אַ נאַר... אויסער דיר, האָב איך דערווייל קיינעם נישט ליב"... — האָט זי אים צוגעוואָרפן. אָט דעם „דערווייל" האָט ער לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן.

אין דער פרי זענען די פענצטער געשטאַנען ברייט אויפגעפּראַלט אין וואַלד אַריין. ס'איז געווען שטילער, זוניקער יום־טוב אין ליכט־און־שאָטן־שפּיל צווישן די אַרומגעשטעלטע סאָסנעס. די אויסגעקלאָרטע לופט האָט נאָך אַלץ מיט־זומערדיק געזשומעט. מ'האָט געגעסן פרישטיק אויף דער ווערענדע, אויפן ערשטן שטאָק.

— איר זענט נעכטן געקומען שפּעט... — האָט זי געהאַט אַ פול מויל מיט געלעכטער, דאָס איינפאַכע, פּויעריש־געזונטע מיידל מיט די רויטע באַקן. זי האָט צעגאָסן שמעקנדיקע קאַווע אין וואַזעלעך און פאַרגעשטעלט זיך: — דינה רופט מען מיך... שמוליק האָט מיר געלייענט אייערע לידער... כ'האָב געמיינט, אז איר זענט אַ סך עלטער... — האָט זי נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

— ער איז מיט איין יאָר יינגער פון מיר ! — האָט פייגעלע פאַרוואָרפן אַ האַנט אַרום זיין האַלדז — אַ יינגל, נישט אמת ?... אַ קינד...

און זי האָט מיטגעלאַכט מיט אַלע אירע ציינער.

פונקט אַזוי פלאַטערנדיק און לאַכנדיק איז זי געווען געצייכנט מיט שווארצן קויל, אין פעסטע, זיכערע ליניעס. דער אָנגעוואָרפענער שקיץ האָט זיך פאַר אהרנען אַנטפּלעקט אין דער גרויסער, זוניקער שטוב, קעגנאיבער דער טיר. שמו־ליק איז געשטאַנען, די אַרבל פאַרקאַשערט, און געמייסטרעוועט אַרום דעם ביוסט פון פעטן ליים. ס׳איז געווען פרימאָרגן און ער האָט, אַן אויסגערוטער, לויט די שקיצן, צוגעגרייט צום פאַזירן — באַשפּריצט דעם ליים, אויסגעגלעט, אונטער־געשטראָכן, אַרומגעשפּרונגען פון אַלע זייטן, געשטעלט זיך אויף אַ דיסטאַנץ, צו־ריקגעלאָפן. די קרייזיקלעך זענען אים געדיכט געפאַלן אין די אויגן אַריין. ביי אהרנען האָט זיך אַרויסגעריסן ראַפּטום:

— ס׳איז דאָך דער חבר זלמן !... ס׳איז מער... ס׳איז דער פּראָמאָטעאָוס, צו־גענאָגלט צום פעלז... דער בליק קוקט ווי דורך תּפיסה־קראַטן...

ער האָט געהאַט לאַכנדיקע שפּעלטלעך, אַנשטאָט אויגן, שמוליק. די געדיכ־טע קרייזיקלעך זענען אים געפאַלן פון אַלע זייטן. זיי האָבן זיך געקאָנט פון דער טומלדיקער, האַלב־נאַכטיקער קינסטלער־באַהעמיע, אין באַר „מעטראָפּאָל״, אין פּאַראייך, ביי די דיסקוסיעס, ביי די פריילעכע גערעדערייען.

— אין דער פּלאַסטישער קונסט איז אַ סך קאָמפּליצירטער אַרויסצוברענגען דאָס אַלץ, וואָס בערגעלסאָן רופט — „וויסן ווי שפּעט ס׳איז״... דאָ האַנדלט זיך פאַר אַלעם אין ליניע און פאָרם. ס׳איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט. וועסט עס אָנקוקן אין אַ צוויי־דריי סעאַנסן אַרום. ער איז נערוועז...

— טאַקע אָט די נערוועזיטעט... — האָט זיך אהרן געכאַפּט — מען דערפילט זי גלייך... און אויך די אינערלעכע קלאָרקייט...

פייגעלע האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט:

— מיר וועלן שפּעטער אַרונטערקומען.

ביזן האלבן טאָג האָט ער זיך אָפּגעוויגט אין דער ליג־שטול, אויף דער וועַ־ראַנדע. מיט צוגעלענטע אויגן, האָט ער געפילט איבער זיך דעם קילן, אָנגענע־מען שוידער, די שושקעריי, וואָס איז געגאַנגען צווישן די סאָסנע־קרוינען. ער האָט געפילט ווי די מידקייט רינט לאַנגזאַם אויס אין אים; ער האָט געפילט פיי־געלען אַרומפאָרען זיך דאָ באַלד און ס׳איז אים גוט געווען. דערנאָך האָט זי אים אַוועקגעפירט צו די זאַמדן, צו דער קלאָרינקער אָזיערע, אַרומגעזוימט מיט סאָס־נעס. „שיין איז דער פּוילישער האַרבסט״... — האָט זיך אים געפלאָנטערט אַ פערז.

די אָטוואָצקער ליניע איז געווען דאָס אָפּרו־אָרט, אַביסל אָפּצואָטעמען, אַרויס־צורייסן זיך אויף אַ פּאָר טעג פון מוראַנאָווער טומל, פון דער דזשיקע גאַס, פון דער פּאָליציי, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געלויערט. צווישן די פּענסיאָנאַטן און סאַנאַ־טאָריעס, צווישן די לונגען־קראַנקע, וואָס מ׳האָט ביינאַכט שטיל געפּראָוועט די לוויות זייערע, איז לייכט געווען אומבאַמערקט צו אַנטרינען אויף אַ פּאָר טעג. ער האָט בלינד געלאָזן זיך פירן פון פייגעלען. ער איז נאָך קיינמאָל אַזוי גליקלעך נישט געווען; פונדעסטוועגן האָט אים דער אומרו נאָכאַנאַנד באַגלייט. זי האָט אים גערופן „יינגל, יינגל מיינס״, און ער האָט קיין ווערטער נישט געפונען. ער האָט זי אַרומגעזוכט, ווי נאָר זי איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ מינוט. עפּעס האָט ער געפילט, אַז ס׳איז נישט אויף לאַנג, דאָס גליק.

אָונט־ברויט האָט מען דאָסמאָל געגעסן נישט, ווי געוויינלעך, אויף דער וועראַנדע, כאָטש ס׳איז געווען אַ וואַרעמער אויפדערנאַכט. די פענצטער צום וואַלד זענען געבליבן צעעפנט, אָבער טיף פאַרצויגן. דעם חבר זלמן האָט ער געטראָפן אומשפּאַנען, בלעטערנדיק עפּעס אַ זשורנאַל. דינה האָט שוין געהאַט געגרייט צום טיש. דער חבר זלמן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף ברוינערן און אין זיין נאָכפרעגן זיך איז געווען פאַרדאַכט. אהרן און פייגעלע זענען געווען פון זיינעביידן זייטן. אין דער פאַרטראָגנקייט, איז דעם יינגל געקומען אויפן זינען, אַז אָט דער מענטש, אָט די אַלע, לעבן דאָס לעבן פון אַסקעטן; נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד, נישט קיין היים. ס׳איז דאָס העראָישע ליד פון הפקרן סאָלדאַט, אין דער אומברחמנות־דיקער שלאַכט, וואָס גייט. ווי פון ווייט האָט געקלונגען די שטים פון חבר זלמן:

— ...זיי ווילן נישט פאַרשטיין, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס ווערט דאַרט דערווייל געשאַפן, איז דער גרויסער איבערגעוויכט. זיי וועלן עס אפשר אַמאָל פאַרשטיין...

אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעריסן, ווען עמיץ האָט אַ ריר געטון ביי דער שויבן־טיר. דינה איז באַלד געלאָפן זען ווער ס׳איז. הויך און געבויגן, איז דער חבר זלמן אַ טריט צוויי נאָכגעגאַנגען, צוריקגעצויגן זיך. אין צימער, ווו נאַכט־פלאַטערלעך האָבן געקרייזט אַרום לאָמפּ, האָט מען בלויז געהערט דעם זשום פון זייערע פליגעלעך.

אהרן איז איינער אַליין שפּעטלעך צוריקגעפאָרן מיט דער באַן אין שטאָט אַריין. אַפילו פייגעלע האָט אים נישט באַגלייט. אירע הייסע ליפּן האָבן אים אַ גאַנצן וועג געבריט אין יינגלשן נאַקן און נאָכמער — אירע אייליק־צוגעוואָרפענע ווערטער: „כ׳וועל דיך שוין קומען אויפזוכן״. מיטן לעצטן טראַמוויי איז ער אַרונטער אויף דער זשעלאַזנע, נאָנט ביים אייזערנעם טויער. ער האָט בלינדערהייט אָפּגעזוכט דאָס הויז אויף דער קראָכמאַלנע. אין דער דעמפּיקער סוף־זומער־נאַכט איז דער ענג־אַרומגעשטעלטער הויף פול געווען מיט אויסגעשפּאַנטע וועגענער; משפּחה׳וויז, איז מען אַרויסגעקראָכן פון די דושנע באָרעס און פונאַנדערגעלייגט זיך אין דרויסן, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, איינגעקלעמט צווישן דעכער און ווענט.

## קאַפּיטל צוועלף

דעם חבר זלמן האָט יאַנעק געטראָפן אומשפּאַנען, ווי אַן ארעסטאַנט אין דער צעלע, פון טיר צום בעטל — אַ פינצטערער, מיט רויטלעכע, אָנגעשטרענגטע אויגן. ס׳איז דאָרט צומאָל קיין טישל נישט געווען; ס׳איז דאָרט אפילו נישט געווען ווו אַראָפּצולאָזן זיך. ביים פענצטער־ברעט, ביי א פאַרהאָנגענעם שטאָר, איז ער געשטאַנען איבער אַ בינטל פּאַפּירלעך, געגעצט דעם בלייפעדער אין מויל,

געשטראָכן, צוגעשריבן. דער שאַרפער, פּאַרוואַקסענער קין זיינער האָט ארויסגע־קוקט פון לויז־צעשפּיליעטן קאָלנער. ס׳האָט דאָרט טאַקע אביסל דערמאָנט אין אַן אָפּגעשלאָסענעם מאָנאַסטיר, און ער אַליין — אַ שטרענגער מאָנאַך.

באַלד האָט ער זיך אומגעדרייט און יאַנעק האָט דערהערט זיין טיפע, ברוסטיקע שטימע. דער אָפענער בליק פון אויסערלעך־שטרענגן מענטש האָט אים וואַרעם דורכגענומען. ער האָט באקוקט דאָס יינגל און צוזאַמען מיט אים אַראָפּגעלאָזן זיך אויפן נידעריקן, דאַרן בעטל. אויף יאַנעקס בלאָנדן קאָפּ מיטן שטייענדיקן יעזשל האָט ער לאַנג געקוקט מיט אַ ליידיקן בליק, ווי ער וואָלט געקוקט ערגעץ העכער, אין דער בלוי־אָפּגעקראָכענער וואַנט אַריין.

— ווּעסט אין אונטן אַרויפגיין אין פּוילישן בעקער־פאַראיין, אויף דער לעש... ווי איז מיט דיין אַקצענט ?... — האָט ער אים אומגעריכט אַ פרעג געטון.

— כ׳רעד בעסער פּויליש ווי יידיש... — האָט זיך יאַנעק ווי פאַרענטפערט.

דער חבר זלמן האָט זיך לאַנג געקרעקט מיט די רייד, אים עס אויפצוקלערן:

— פאַרשטייסט... דער פּוילישער ארבעטער איז נישט ווי דער יידישער... מ׳דאַרף רעדן צו אים דירעקט... אַן תורה־ווערטלעך און אַן לאַנגע טעאָריעס... דער סעקרעטאַר, דער חבר יאַצעק, וועט דיר שוין אַלץ איבערגעבן...

און וועגן זיין בלאָנדן קאָפּ האָט ער מער נישט גערעדט. ער האָט אים נאָר שאַרף נאָכגעקוקט. אַ שלאַנק בחורל, מיטן בלאָנדן לאָק פון אונטערן דאַשיק, אין אַן איינגעצויגענעם רעגן־מאַנטל, האָט מען אים צווישן די פּוילישע ארבע־טער לייכט געקענט אָננעמען פאַר אַן אייגענעם. ער איז געווען אויף אַלע בערזעס, צווישן די טראַנספּאָרטלער מיט די ברייטע פּלייצעס און רויטע הענט, צווישן די יידישע בעקערס מיט די קרומע פיס, מיט די רויט־אַרומגעלאָמעוועטע אויגן פון נישט־דערשלאָפן, מיט פאַרפּראָשעטע ברעמען און אויערן פון מעל, מיט די ווייַ־סע, טויטלעכע נעגל, פאַרקלעפּט מיט שטיקלעך טייג. זיי האָבן געהאָרעוועט שווער און קוים פאַרדינט די אויסקומעניש. דער יידישער בעקער־פאַראיין, פּונקט ווי די אנדערע פאַראיינען, האָט זיך געוואַלגערט אויף דער גאַס; אָבער דעם פּוילישן בעקער־פאַראיין, וואָס איז נאָך טיילווייז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די פּ.פּ.ס. האָט די פּאָליציי דערוויַיל טאָלערירט; אויך האָבן זיי נישט געוואָגט אַהין צו קומען אָפט, די אַגענטן, ווייל קוים האָבן זיי דאָרט אַמאָל דערשמעקט אזא „פויגל", האָט ביי זיי נישט געשפּילט קיין ראָלע אַריינצורוקן אים א מעסער, אָדער אין בעסטן פאַל, אַראָפּוואַרפן אים פון אַלע שטיגן...

יאַנעק האָט זיך דערפילט מאָדנע־דרייסט דווקא צווישן די פּוילישע ארבע־טער. ס׳איז אים סיי ווי צוביסלעך נאָכגעגאַנגען דער ביטול צו די אַלע יידן, די לייט פון די געוועלבלעך, מיט דער פאַרצייטישער קליידונג, מיטן טומלדיקן לשון אין זייער מויל. דער טאַטע האָט אים טיילמאָל געפלעגט צו רעדן וועגן פּרצ׳ן, וועגן דעם גרויסן גייסט, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט ביים פאָלק. וואָס האָט ער דען פאַרשטאַנען ? דעם טאַטנס משפחה, די יידן מיט די ווילדע בערד, די בי־טערע מתנגדים, די משכילים, די העברעאישע לערער, די משוררים, זענען אים ווייט און פרעמד געווען. אים האָט פאַרכאַפּט די גרויסע, שיינע, נישט־יידישע וועלט. טאַקע, וואָס זענען מיר דען, וואָס ? ווער נעמט אונדז דען ערנסט ? יידישע

ביכלעך... ער האָט זיי געבלעטערט אין טאַטנס ביבליאָטעק. ער האָט נישט גע־פילט וואָס פאַרא כוח ס׳שטעקט אין זיי.

זיי האָבן זיך אויך אויפגעהערט צו פארשטיין, ער מיט אהרנען. ער איז גע־וואָרן אַ שטריקער, אהרן, אויסגעמישט זיך מיט די ראַיענדיקע בערזעס אויף דער לעש, שטענדיק ארומגעטראָגן זיך מיט צעקנייטשטע ביכלעך אין די פול־אָנגע־פאַקטע קעשענעס. אַן איבערגעוואַקסענער, מיט אַ שווארץ שויבערל, מיט אַן אַד־לער־נאָז, האָט מען אים נישט געקענט שיקן צו די פוילישע ארבעטער דורכצו־פירן קרייזן, לוין־אַקציעס, שטרייקן.

— ביסט אַ סעמיטישער טיפ... — האָט מען אים איידל געגעבן אָנצוהערן.

ער האָט עס פאַרשטאַנען. ס׳איז אָבער נישט געווען צו פארשטיין, פאַרוואָס יאַנעק האָט שוין דערנאָך אויף אַלעם אַ מאָך אַוועק געטון. צו אים, האָט זיך יאַ־נעקן געדוכט, האָט עס אַלץ נישט קיין שום שייכות. שפּעטער, האָט ער זיך גע־זאָגט, ס׳איז אפשר אלץ איבערגאַנג. מיטן איבערגאַנג צו אַ נייער געזעלשאַפט, וועט אַלץ פאַרשווינדן. אָבער דאָס האָט ער יאָ באַלד פארשטאַנען, יאַנעק — האַלטן זיך פון דער ווייטן, פאַרדעקן, נישט־וויסנדיק מאכן זיך. קיין סך אָרגאַניזירטע פוילישע ארבעטער זענען אין די פאָרשטעט נישט געווען; זיי, האָט ער אָבער גע־פילט, די טראַמוויי־ארבעטער, די פון די מעטאַל־פאַבריקן, זיי זענען דער דעצי־דירנדיקער כוח, מיט זיי רעכנט מען זיך.

— שטעקסט צופיל צווישן יידן... כ׳פאַרשטיי... — האָט ער אהרנען געגעבן אָנצוהערן — די באַוועגונג קען זיך אָבער נישט אָפּשליסן בלויז צווישן אייגענע... מיר מוזן אַרומנעמען מאַסן... רעדן מיט זייער שפּראַך...

אהרן האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט עס פאַרשטאַנען, לייכט אָפּגעזיפצט, אַביסל אַ געבויגענער אַוועקגעשפּאַנט אויף זיינע לאַנגע פיס צווישן די פול־גע־פאַקטע טראָטוארן פון דער דזשיקע גאַס, אין פאַרנאַכטיקן גאסן־פלאָנטער. ס׳איז געקומען צו מאָדנע דיסקוסיעס צווישן זיי. די אויגן ביי אהרנען, פארנעפּלטע, האָבן אומגעריכט אויפגעפלאַמט; ער האָט זיך געצופּט דעם שיטערן, שלעכט־אַרומגעגאָלטן אויסוווקס.

— שטעלסט זיך עס פאָר... — האָבן זיינע אויגן געקוקט ערגעץ ווייט — אַ נייע וועלט... די פאַבריקן עפענען זיך פאר אַלעמען... אויס עקספּלואַטאַטאָרן... אַ ניי יידיש לעבן... יידישע שולן, יידישע אוניווערזיטעטן... די פארברידערונג צווישן פעלקער...

— קודם וועלן זיך די אלע יידן דיינע מעגן אויסלערנען אַ ביסל פויליש... שטעלסט זיך פאָר די פארברידערונג צווישן יידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די געזונטע פוילישע פאַבריק־ארבעטער...

און ווען אהרן האָט זיך נאָך אַרויסגעכאַפּט, אז אויפן מיטן פלאַץ מוראַנאָוו זועט נאָך ווען עס איז שטיין אַ דענקמאָל פאר נפתלי באָטווין, וואָס וועגן אים זינגען די פאָלקס־לידער... פאר פּרצ׳ן, וואָס איז געווען דער גרויסער שטורעם־אָנזאָגער פון אַ דור... האָט ער זיך פארקרימט, יאַנעק.

— פארגעסט זיך... מיר זענען אין פוילן נישט מער ווי אַ נאַציאָנאַלע מינ־דערהייט...

— נאַציאָנאַלע מינדערהייט... — האָט זיך אהרן פאַרטראַכט — פאַרוואָס, זאָג מיר, באַנוצן פאַרטיקע פאָרמולן פאַר באַגריפן, וואָס מיר אַליין האָבן זיי נאָכנישט דורכגעטראַכט ביזן סוף ? מיר זענען דאָ, אויף דער פוילישער ערד — אַ פאָלק. די צוגעשניטענע גרענעצן האָבן אונדז אין משך פון יאָרהונדערטער פאַראייניקט און ווידער צעריסן, אָבער מיר אַלע זענען — פאָלק.

— מעגסט שוין זאָגן — וועלט־פאָלק... דער ריכטיקער נאַציאָנאַליזם... — האָט יאַנעק זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער — ס׳וועט מיך נישט וווּנדערן, אַז וועסט זיך דערקייקלען צו דער אָפּאָזיציע...

— פאַרוואָס, זאָג מיר, איז עס נישט נאַציאָנאַליזם, ווען מיר רעדן אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך וועגן נאַציאָנאַלן קאַמף פון די ווייסרוסן, פון די אוקראַיי־נער... און ביי אונדז — די מעכטיקע ענערגיע פון אַ יידישער אינטעליגענץ, וואָס ווערט צערונען, גייט אַוועק... די פּאָליאַקן און די דייטשן קריגן זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג, למשל, צו וועמען ס׳געהער קאָפּערניק... וואָס זשע דאַרפן מיר שוין זאָגן וועגן די אַלע יידישע גאונים, וואָס מיר האָבן אַוועקגעגעבן די פעלקער...

— האָסט אוודאי אין זינען טובימען אויך... — האָט יאַנעק ברייט געלאַכט — דעם בעסטן היינטצייטיקן פוילישן היסטאָריקער, פּראָפ. אַשקענאַזי, און... וועמען נישט ? אָבער וואָס פאַרא יידן זענען זיי דען ?

— פאַר אונדז זענען זיי טאַקע מער נישט קיין יידן, אָבער פאַר אַנדערע... זענען זיי און בלייבן יידן...

יאַנעק האָט מער נישט געוואָלט הערן; אָבער אהרן האָט לאַנגזאַם, מיט איינ־געשפּאַרטקייט, אַריינגערעדט אין אים :

— קענסט, נאָך אַלעמען, אַזוי ווינציק די געשיכטע פון יידן אויף דער דאָ־זיקער ערד, ווו ביסט געבוירן. קענסט נישט די עלטערע יידישע ליטעראַטור, די נייע. קענסט נישט אונדזער גרויסע ליריק, אונדזער עפּיק, וואָס איז אַזוי טיף פאַרבונדן מיט דער סלאַווישער ערד. עס ברויזן גרויסע כוחות אין פאָלק. דער אויסדרוק פון אונדזער ברויז איז אויך — אונדזער אָנטייל אין אַלע רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונגען...

— דער אמתער ציוניזם... — האָט זיך יאַנעק שטאַרק געוויילט.

ער האָט שוין דעמאָלט אויף אַלעם לייכט געפונען אַ פאָרמול, אַ פּסוק, וואָס האָט אַלץ צונישט געמאַכט. טאַקע, וואָס האָבן זיי דען, די אַלע קליינע, צעבראָ־כענע יידישע שניידערס, די „מאַכערס״ פון די ראַיענדיקע יידישע גאַסן, געקענט פאַרשטעלן אין זיינע אויגן ? זייער שרייענדיק, ווילד לשון, זייערע האַסטיקע באַ־וועגונגען מיט די הענט... זייער כוח איז עפּעס געלעגן נישט אין די מוסקולן, נישט אפילו אין זייער קלאַסן־כוח, נאָר אין דער פאַרעקשנטקייט צו לאָזן זיך אומברענגען פאַר אַ גלויבן, ווי זייערע אורעלטערן — אויף קידוש־השם. אין זיי־נע אויגן האָבן זיי אויסגעזען ווי אַסקעטן, נזירים — סיי דער חבר זלמן, סיי אהרן. ער האָט זיך געפילט מיט זיי פאַרבונדן און — האָט געוואָלט פון זיי אַנטלויפן.

ער האָט נאָך דעמאָלט אַליין נישט געוווּסט, אהרן, אין וואָס געפינט אים צו באַשולדיקן; אָבער געפילט האָט ער בחוש, אַז ערגעצווו שטימט דאָ נישט. מיטן

זאָג „פּאָלסקאַ אוליצאַ״, „די פּוילישע גאַס״, זענען מיר אַלע, מיט אונדזערע צער׳ן און ווייטיקן, עפּעס אַזוי ווי פּאַרמינערט געוואָרן. פאַר זיינע אויגן זענען געווען — די בליכצע, מידע באַלמעלאָכעס, זייער טיפסטער האַס צום רעזשים, וואָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן, נישט נאָר אין בירגער פון דער לעצטער מדרגה, נאָר אויך אין מענטשן פון דער לעצטער מדרגה. ער האָט זיך דערטראַכט, אַז ס׳איז נישט בלויז אַ האַס צום רעזשים, נאָר אויך די אייביקע, אומזיסטע שנאה צווישן מענטשן. ער האָט זיי געזען פאַר זיינע אויגן, די יידן, וואָס האָבן זייערע כוחות, זייער גייסט און זייער לעבן אָפּגעגעבן אין די „פּאָוסטאַניעס״, פאַרן „פּראָלעטאַריאַט״, פאַר דער ס.ד.ק.פּ.ל., פאַר דער ק.פּ.פּ. מיר האָבן נאָך אַלץ געלעבט מיט דער גרויסער ראָמאַנטיק. אונדזער קולטור האָט אויפגעשפּראָצט צוזאַמען מיטן באַגינען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. הירשקע לעקערט און נפּ־תּלי באָטווין זענען געווען לעבעדיקע לעגענדע. אין אָט די יונגע מענטשן איז געפלאַקערט די ענערגיע און דער טיפער גלויבן וועלטן צו צעשטערן און וועלטן אויפצובויען. ס׳איז געווען בלויז יום־טוב אין זייערע רייד. זיי האָבן געלעבט מיטן חלום צו באַלעבן די אוראַלטע טייגעס, אויסקאָרטשעווען די אוראַלטע וועלדער, אויפרייסן בערג, פאַרקירעווען דעם שטראָם פון ווילדע טייכן, פאַראַקערן די פעלדער, אויפבויען אַן אייגענע, זיכערע סאָציאַליסטישע היים. ס׳איז געווען אַ יונג פאָלק; זיי זענען געווען די ירושה־טרעגער פון די, וואָס זענען לאַנג פאַר זיי געגאַנגען אויף די באַריקאַדן, געגאַנגען אין די טיפע שנייען פון סיביר, זענען מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, קעגן מאָרגן־אויפשפּראָץ, געגאַנגען אויף די תּליות.

צו יאַצעקן, דעם סעקרעטאַר פון פּוילישן בעקער־פאַראיין, איז יאַנעק געקו־מען אין נאָמען פון שטרייק־קאָמיטעט, אין נאָמען פון חבר זלמן.

— ער לעבט נאָך, דער אַלטער ?... — האָט יאַצעק פריילעך זיך נאָכגע־פרעגט און אַריינגערוקט אים אַ בינטל פאַרהילצערטע פינגער — און דו ?... ביסט שוין לאַנג אין פאַך ?

— אַ לערן־יונג... — האָט יאַנעק אויפן אָרט געזאָגט אַ ליגן — כ׳קום פון שטרייק־קאָמיטעט... זאָגן אַ פּאָר ווערטער די חברים אויף דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג...

יאַצעק האָט אים דורכגעפירט די צוויי נידעריקע זאַלן. ס׳האָט געצויגן אַ צוג־ווינט פון אַ לויזער שויב. די ווענט — באַהאַנגען מיט לאָזונגען, טראַנספּאַ־רענטן, אָפּגעבליאַקעוועטע, פאַרקנייטשט אין די ראַנדן. אין דער טיף, איבער דער קליינער עסטראַדע פון פראָסטע ברעטער, איז געהאַנגען צוגעטשעפּעט מיט אַ פּאָר קנאָפּקעס, נאַקעט, אָן אַ ראַם, דער פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס. ער האָט דאָרט מיט זיין ברייטער, ווייסלעכער באָרד שיעור אַליין נישט אויסגעקוקט ווי איינער פון די עלטערע, פאַרוואַקסענע, וואָנסיקע בעקערס. דער עולם האָט זיך שוין באַצייטנס געזאַמלט קלייבן. יאַצעק האָט יאַנעקן קודם אַריינגעפירט אין זיין פאַרשטויבט סעקרעטאַר־צימערל. אויפן נאַקעטן טיש מיטן שטיקל פאַרפלעקטן געוואַנט, איז געשטאַנען אַ פאַרטרוקנטער טינטער, אַ פּאָר העַנטלעך אָן פּענעס, אַ דיק קאַנטאָרסקע בוך מיט קרום־פאַרשריבענע בלעטער.

— זיץ אַ ווייל, חבר — האָט ער אים אָנגעוויזן אַ לאַנגע באַנק און האָט אים דערלאַנגט אַ ביליק פאַפּיראָסל „וואַנדאַ" — מ׳דאַרף די זאַך פריער גוט אדורכ־רעדן, וואָרעם אונדזער עולם, ווייסטו, איז... אַן אויפגערעגטער עולם...

שוין נישט צום ערשטן מאָל, אַז יאַנעק איז געקומען צווישן פּוילישע ארבע־טער, פונדעסטוועגן האָט ער אַלעמאָל איבערגעלעבט דעם זעלבן פּלאָטער. ער האָט אָנגעקוקט פון דעך זייט דעם חבר יאַצעק, דעם טיפּן העפט אויף דער לינקער באַק זיינער, די קליינע, פאַרשפּיצטע וואָנסעלעך נאָנט אונטער דער געשטופּלטער נאָז. יאַצעק, האָט ער געוווסט, געהער צו די „געוועזענע" פון פּילסודסקיס לעגיאָנען; ער האָט אַ שפּיי געטון אויפן „דזשיאַדעק", אויף זיי אַלעמען, ווייל פון אַלע זייערע צוגעזאָגטע גליקן האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. אָבער אויך אין דער פּ.פּ.ס. האָט ער זיך געבונטעוועט, ווייל ער האָט זיך אַרומגעזען, אז בעת די בעקער־שטרייקן פאַרהאַנדלען די פירער אונטן ארום מיט די מייסטערס. אויף די שטורמישע אל־געמיינע פאַרזאַמלונגען האָט מען געשטימט דווקא פאַר אים; די אָנפירונג האָט אים אַזוי לייכט נישט געקענט באַזייטיקן; אָבער אונטערצונעמען אַ געמיינזאַמע אַקציע מיט די יידישע בעקערס, האָט ער אַלץ מורא געהאַט. ער האָט געקענט **זיין עולם.**

— חבר... — האָט ער זיך נאָנט צוגערוקט צו יאַנעקן — זאָלסט כאָטש וויסן ווי אזוי צו רעדן צו מיינע בעקערס...

הינטער די ווענטלעך האָט דער עולם שוין גערוישט איןביידע נידעריקע זאַלן. דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן שוין די צווייטע וואָך. די באַלעבאַטים האָבן בשום אופן נישט געוואָלט דערלייגן די אָרעמע פאַר גראָשן פאַר נאַכט־שיכט. ס׳זענען געזעסן מיטל־יאָריקע, מיט פאַרדרייטע וואָנסן, מיט קורץ־געשוי־רענע קעפּ, מיט פאַרפּראָשעטע, רויטע אויגן, פאַרמעליקטע הויזן, מיט געפּאַסע־וועטע לייבעלעך אויף די האָריקע ברוסטן.

— יאַצעק !... — האָבן זיי דאָרט אַלע גערופן — ווו איז דער סעקרעטאַזש ?...

יאַצעק האָט זיך דורכגעשטופּט די בענק, געקלאַפּט אַלעמען אין די פּלייצעס, פּירנדיק מיט זיך יאַנעקן. ער איז ארויף די פּאָר ברעטער, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס טישעלע מיטן גלעקל. יאַצעק האָט ארונטערגענומען דאָס היטל, אוועקגע־לייגט עס לעבן זיך מיט פּייערלעכער וויכטיקייט. זיין גרוילעכער קאָפּ איז געווען גענוי פונאנדערגעטיילט מיט אַ שרונט אין דער סאַמע מיט. נאָך אים האָט יאַנעק געטון דאָס זעלבע. זיין שטייענדיק שויבערל, ווי ביי אַ יאָזש, האָט אים נישט פאַרראַטן. יאַצעק האָט באַריכטעט פון שטרייק־קאָמיטעט, וואָס איז געווען פאַר־זאַמלט הינטער זיי, אויף דער לאַנגער באַנק, אַלע מיט שטרענג־אָפּגעדעקטע קעפּ.

יאַנעקן איז אויסגעקומען צו נעמען אַ וואָרט אַביסל שפּעטער. ער האָט אַ סך מאָל פריער דורכגעטראַכט גענוי, וואָס ער האָט זיי צו זאָגן, די פּוילישע בעקער־אַרבעטער. ער האָט זיי דערציילט וועגן די רייכע טישן, ווו עס ליגן כלערליי געשמאַקע געבעקסן און עסנס; און — פון אָרעמע טישן, ווו די מוטער שניידט מיט ציטערדיקע הענט פון אַ ברויטל, טיילט איין ארום די בלייכע קינדער, וואָס קלאַמערן זיך אין איר קלייד.

— דאָבזשע גאַדאַ!... ער רעדט גוט!... — האָט מען אים אַלע ווילע איבערגע־ריסן פון זאַל.

— זאָל ער אָנפירן מיטן שטרייק! — האָט מען געשריגן — טאָוואַזשיש, פון וועלכער בעקערײ ביסטו?...

ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּשטימען די רעזאָלוציע וועגן פאָרזעצן דעם שטרייק ביזן ענדגילטיקן זיג, האָט ער יאַצעקן עפּעס א מורמל געטון אויפן אויער און אומבאַמערקט געמומען אַדורכשטופּן זיך צו דער טיר, דעם דאַשיק פּאַרוקט אין א זייט. צוויי חברה האָבן אים שוין אָפּגעוואַרט אויף די שטיגן, באַגלייט דורכן טויער אין גאַס ארויס, אים אָפּצושלאָגן פון די „ציווילע״, וואָס האָבן זיך דאָרט געדרייט. כאָטש ער האָט געגלויבט אין דער קראַפט פון זיין וואָרט, האָט ער זיך דערפילט מאָדנע, ווען יאַצעק האָט אים אַ מורמל געטון, אַז ער קען שוין גיין.

ער איז צוריקגעגאַנגען צו די יידישע בעקערס און טראַנספּאָרט־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך, אויסגעפּרווירענע, איינגעטוליעטע, געדרייט אויפן טראָטואַר פון דער בערזע. ער האָט געזען, אַז ביי די יידישע אַרבעטער איז אַלץ אַנדערש, מער קאָמפּליצירט. די פּאָליציי לויערט דאָרט מיט מער פאַרביסנקייט, שלאָגט אָן רחמנות. אַ סך זאָרג האָט ער געזען אויפן געקאַרבטן שטערן ביים חבר זלמן. אויף דער ניזקע גאַס, לענגאויס דעם פּלויט, ווו ס׳איז געווען די בערזע פון טראַנספּאָרט־פּאַראיין, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן יאָגן, זענען געלאָפן אַלע — די טרעגערס, די בעקערס, די בייגל־הענדלער, אפילו די יידישע גאַסן־מיידלעך מיט די פּאַרוואָרפענע שאַלעכלעך. איין גורל, האָט ער געזען, פאַרבינדט זיי אַלעמען. דער „באַלעבאָס״ פון די מיידלעך, וואָס מ׳האָט אים גערופן יאַנקל „באָלשעוויק״, איז אפילו אײנמאָל געקומען קלאָגן זיך אין פּאַראיין אַריין, געבעטן זיך רחמים זיי זאָלן איבערטראָגן די בערזע ערגעץ אַנדערש, ווייל מען שטערט אים אין דער פּרנסה...

יאַנעק האָט זיך אויסגעלאַכט פון די שפּיצלעס אויך. ער איז זיך אַזוי געשטאַנען מיט זיינע בעקערס און מיט די טרעגערס ראָג ניזקע. אַביסל ווייטער, ביים לאַמטער, האָבן זיך געדרייט צוויי שפּיצלעס. איינער פון זיי האָט אַ רוף געטון צו זיך אַ טרעגער:

— וואָס שטייט ער אַזוי אין גרויסן ביי זיך?... — האָבן זיי געוויזן אויף יאַנעקן.

— גיי פרעג ביי אים... — האָט דער טרעגער רואיק געענטפערט — וואָס פרעגסטו ביי מיר?

— אייער סעקרעטאַזש איז נאָך דערווייל נישט דעפּוטאַט...

— דאָ בין איך ביי זיך... — האָט זיי יאַנעק געענטפערט, ווען זיי האָבן אים אַרומגערינגלט.

— מיר האָבן אַ מאַנדאַט דיך צו אַרעסטירן...

— דאָס מוזט איר שוין פרעגן ביי מיינע בעקערס און טרעגערס, צי זיי דערלויבן... כ׳בין אצינד זייער פאַרנומען... כ׳האָב נישט קיין צייט...

די צוויי שפּיצלעס האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף די עטלעכע געזונטע יינגלעך, זיי האָבן פאַרשטאַנען און באַלד זייטיק אָפּגעטראָגן זיך.

ס׳איז געווען דער גערעכטער אויסברוך פון דער הונגעריקער מאַסע. רויטע טראַנספּאַרענטן האָבן זיך אין דעם פראָסטיקן טאָג באַוויזן אויף די עלעקטרישע דראָטן. מ׳איז אַוועק אין די רייכע, ליכטיקע גאַסן, צו די גרויסע, שפּיגלדיקע שויט־

פענצטער, באַלייגט מיט אלדאָס־גוטס, צו די רעגירונגס־געביידעס. אָבער די אומגעזעענע שטראָמלעך יידישע ארבעטסלאָזע זענען ווייטער ווי די ביעלאַנסקע נישט אוועק. דאָ האָט זיך אָפּגעשלאָסן ס׳יידישע וועלטל. מ׳איז לסוף באַפּאַלן עפּעס א געוועלבל פון א יידענע אויף דער קארמעליצקע...

דער חבר זלמן האָט שטיל געליטן. ער האָט גאָרנישט גערעדט; און ווען ס׳האָט זיך באלד דערנאָך אָנגערוקט דער 1־טער מאַי, איז יאַנעק ווידער געשיקט געוואָרן צום סעקרעטאַר פון פוילישן בעקער־פאַראיין, צו יאַצעקן. ס׳האָט זיך געהאנדלט וועגן פלאַן פון מארשרוט, פון אויפמארש פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען צום טעאַטער־פּלאַץ; אַז זיי, די פוילישע בעקער, זאָלן זיין די ערשטע אין צוג, פון פאָרנט, מיט די פאַראיין־פענער; אַז די פּאָליציי וועט דערזען די פויליש־שע בעקערס מיט די פארדרייטע וואָנסעס, מיט די קרומע פיס, מיט די בערד, וועלן זיי זיך נישט באַלד כאַפּן צו וואַרפן זיך אין דער מאַסע אַריין; און הינטער זיי וועט גיין דער ידישער „מורדזשיעל״ מיט דער פּארטיי־פאַן.

— ניין, זיי וועלן נישט גיין, מיינע ייִנגלעך... — האָט יאַצעק הילפלאָז פונ־אַנדערגענומען די הענט — ס׳וועט גאָרנישט העלפן...

אויך דאָס, וואָס איז זיך אָפּט פארלאָפן אין לאָדזש, אז פוילישע ארבעטער האָבן נישט אריינגעלאָזן יידישע וועבער אין אַ פאַבריק, האָט אַרויסגערופן שטילע פאַרשעמונג. מ׳האָט זיך געשעמט צו רעדן דערפון אָפן. אהרן האָט זיך געביסן די נעגל.

— פארוואָס באַהאַלטסטו עס פאר מיר ? אלע מעגן עס וויסן און לאָמיר זיך אַלע שעמען... אַ מכה וויקלט מען נישט ארום מיט שיינע באַנדזאשן... מען שניידט זי אויס...

— ווייס איך... עפּעס אַ פינצטערער עלעמענט דאָרט... — האָט יאַנעק קורץ אַוועקגעמאכט.

— אַ פינצטערער עלעמענט... — האָט אים אהרן אָנגעקוקט מיט חשד — ארבעטער... עקספּלואַטירטע, פונקט ווי מיר אַלע...

— איר זענט אָבער אלע אזוי... — איז יאַנעק ארויס מיט צאָרן — איר זעט נאָר זיך... אייער קרענקלעכע עמפינדלעכקייט... איבעריקנס, ס׳איז נישט קיין נייעס, אז יידישע פאבריקאַנטן לאָזן נישט איבער דער שוועל קיין יידישע ארבע־טער... קעגן זיי דאַרף מען קעמפן...

— אויף די פאַבריקאַנטן וואונדערט מיר נישט, אָבער אויפן פאַראיין... וואָס איז אזוי לייכט אַריבער צו דער טאָג־אָרדענונג...

# קאַפּיטל דרייצן

בייטאָג האָט אַדאַם געקלונגען, אַז ער וועט שוין היינט נישט קענען אַהיימ־קומען צום אָוונט־ברויט, אַז ער וועט עפּעס איבערכאַפּן אין די סיים־קולואַרן, אַז ער וועט קוים באַווייזן צום קאָלעקטיוון אַרויסטריט אין שטאָט־ראָט־זאַל וועגן דער איבערקערעניש אין בערלין; אליציע זאָל אים אָפּוואַרטן ביים אַרויסגאַנג, זי זאָל אים מוחל זיין... מיט אַ טאָג פריער איז ער געקומען אַנצופליען פון בערלין, ווו ער איז אָפּגעשטיגן צוריקוועגס פון האַאַג.

אַליציע האָט שוין פון לאַנג נישט געהאַט נאָכוואָס בייז צו זיין, ברוגזן זיך. זי האָט קיל צוגעשטימט און באַלד אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. דאָס שטוב־מיידל האָט זי אָנגעזאָגט, אַז אויב אדאַם וועט נאָך אַמאָל קלינגען, זאָל זי זאָגן, אַז זי איז אַוועק אויף דער פּרעמיערע אין „רעדוטאַ“; אָבער אין דער אמתן האָט זי זיך געקליבן ערגעץ אַנדערש. „עס הייבט זיך אַלע מאָל אָן מיט קליינע נישט־אויסזאָגע־נישן“... — האָט זיך איר געפּלאָנטערט אַ פראַזע פון אַ רוסישן ראָמאַן. פונדעסט־וועגן האָט זי זיך לאַנג געשובט, שטייענדיק פארן שפּיגל אין קליינעם סאַלאָן. ס׳איז איר מיטאַמאָל זייער נישט געפעלן געוואָרן דער גרעלער רויט אויף אירע נעגל, ווי פון אָפּגעשפּרונגענע מאהאָן־מעבל, דאָס קורצע, קאַראַקולענע זשאַקעטל, וואָס האָט באַהערשט די ווינטערדיקע שפּאַציר־גאַסן. „ווען זי קען זיך כאָטש אָנ־טון אזוי איינפאַך און מיט געשמאַק, ווי די קליינע, די קוריערין פון מוראַנאָווער ק. ד. און נאָך האָבן הינטער זיך דריי יאָר „סערביאַנקע“, ווי אנדערע... די איינ־פאַכקייט אַליין און דאָך... ווי ער באַמערקט עס אַלץ, ברויגער; אַ פינקל מיט די אויגן־גלעזער, אַן אומגעריכטער דריי מיטן נאקעטן לעניך־קאָפּ, דער פּשוטער, אָבער ראַפינירטער שמייכל...

זי האָט נאָך איין מאָל אַ שיין געטון מיט יוגנטלעכקייט ממש, אַליציע. דער בלאָנדער קאָפּ — פריש, די אויגן — פון א לויטערן בלוי. אַריינפאַלנדיק אין הויז, האָט איר אַדאַם — אַזוי פאַרפאָרעט ווי ר׳איז אייביק — אָנגעקוקט מאָדנע; ס׳איז נישט געווען די זעלבע אַליציע. זי איז אין יענעם יאָר ווי יינגער געוואָרן; כאָטש זי האָט שוין פאַרמאָגט דערוואַקסענע קינדער, אייניקלעך. זי האָט געליטן פון די קינדער, אָבער זי איז שטאָלץ געווען. זיי האָבן איר פאַרטרויט זייערע סו־דות. „אַלע גייען אַוועק פון מיר“... — האָט אַדאַם נעפּלדיק אַ טראַכט געטון און איז ווייטער אַנטלאָפן. ס׳איז אמת, די קינדער זענען שוין געווען דערוואַקסענע, האָבן געלעבט זייער אייגן לעבן, ווייניק געוויזן זיך אין הויז; וועגן יאַנעקן — איז אָפּגערעדט. אַליציע האָט נייגעריק, ווי א מיידעלע, נאָכגעקוקט פון דער זייט, ווי רוטקע, די יינגסטע, סטראָיעט זיך אין לאָבוזעוואַטן הילוך, מיטן ענג־געפּאסטן סוועטער, מיטן קורטקעלע, מיט די נידעריקע לעטשלעך, די בלאָנדע טשופּרינע — אין ווינט; א פאַרפלאָמטע, ווערט זי ערגעץ פאַרפאַלן אויף טעג און נעכט. און זי איז דער אייגענער טאָכטער מקנא געווען.

— ווו ערגעץ לויפסטו עס אַרום אזוי־אָ ?... — האָט זי געפרעגט דאָס מיידל

און האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי טאָר עס גאָרנישט פרעגן אויך; ווייל רוטקע האָט מיטאַמאָל דער מוטער אָנגעקוקט מיט פרעמדע, קיילעכדיקע אויגן, אַ דריי געטון זיך אויף די נידעריקע אָפּצאַסן, אָן איין וואָרט, פאַרקלאַפּט די טיר.

אין באַר "מעטראָפּאָל", ווו זי האָט אָוונט צייט אַריינגעכאַפּט זיך אָפּזוכן אַדאַ־מען, איז איר דער געלער פּאָעט מיט דער פאַרשטעקטער פּיקע צווישן די גע־זונטע ציינער, אַנטקעגנגעקומען, אַרומגעפּירט זיך מיט איר, צוגעשטאַנען צו איר מיט קלעפּיקע קאָמפּלימענטן:

— איר ווערט, אויף מיין וואָרט, פון טאָג צו טאָג יינגער, מאַדאַם גאַטאַנזאָן...

אַ פאַרפּלאָנטעט, האָט זיך אַליציע דערזען אין הויכן שפּיגל. איר בלאָנדער, שיין־פאַרקעמטער קאָפּ האָט צוריק אַ שיין געטון מיט רייפן ווייץ. זי האָט זיך לעצטנס אָנגעטון באַשיידן און דאָך איז געלעגן אויף איר דער נישט־אָפּגעמעק־טער גלאַנץ פון אַריסטאָקראַטישן משפחה־יחוס. יאָ, זי האָט איינגעזען, אַז זיי אַלע — און אירע אייגענע קינדער — זענען אפשר טאַקע נישט אומגערעכט אין זייער קאַמף פאַר א נייער וועלט — אַ בעסערע וועלט, אָן צרות אויף יידן, אָן ליידן פון פיל־געפּרוווטן פּוילישן פאָלק. אַזוי האָט זי זיך ביסלעכווייז איבערגענומען מיט זייער פאַרדעכטיק שוויגן, מיט זייערע סודות, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך גרויסע געפאַרן. ווי ס'וואָלט צוריקגעקומען צו איר אַ נייער יוגנט־פלאַם. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מענטשן האָבן פון דער זייט אונטערגעמורמלט וועגן איר צופיל חברן זיך, למשל, מיט ברוינערן. מ'האָט זי אָפט באַמערקט אין זיין גע־זעלשאַפט. ס'האָט איר אָבער מער נישט געאַרט, וואָס מענטשן רעדן הינטער אירע פּלייצעס — "סאַלאָן־קאָמוניסטקע"... מ'האָט זי אין די קרייזן רעספּעקטירט נישט בלויז צוליב אַדאַמען, נאָר צוליב אירע קינדער. ווייל די קינדער האָבן דער מו־טער ביסלעכווייז אַריינגענומען אין זייערע סודות. "מאַמושיו"... — איז די קליינע רוטקע יעדעס מאָל אויפסנייע צוגעפאַלן צו איר, כאָטש נישט אַלץ האָט זי דער מוטער פאַרטרויט. אַליציע האָט געהאַט א פאַרלאַנג מיטצוגיין מיט דער צו־רוי־שיקער צייט. זי האָט אויך שאַרפער אָנגעהויבן צו פילן אַ פאַרדרוס אויף אַדאַמען, וואָס ער אַליין זעט נישט אין אין וואָס פאַרא צייט מיר לעבן, וואָס ער איז נאָר פאַרפאָרעט מיט זיינע יידישע עסקים. אויך אַלטע פאַרדרוסן און צו־להכעיס'ן האָבן זיך ביי דער געלעגנהייט אויפגעוועקט. זי האָט זיך ערשט איצט דערטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט איר אַדאַם קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזן אין זיין וועלט אַריין, אַז ער האָט איר געלאָזן בלויז אויף דער שוועל — די קיך, זיין אַ דינסט ביי די קינדער. (וואָס דאָס איז, אגב, נישט געווען ריכטיק, ווייל אַלע יאָרן האָבן זיך אַרומגעדרייט געגנוג דינסטן אין הויז).

אין קרייז פון ברוינערן, וואָס איז געווען בלויז סוד, האָט זי דערפילט איר זעלבסטשטענדיקע וויכטיקייט. זי האָט אים מער גאָרנישט דערציילט, אַדאַמען. מ'האָט איר אָנגעטרויט קליינע מיסיעס. זי האָט אָפּגעגעבן דאָס הויז פאַר זיצונ־גען, כאָטש ס'איז געווען פול מיט סכנה. די קינדער האָבן זיך גע'עצה'ט מיט איר, ווי מיט זייערס אַ חברטע. דורכן הויז, דורכן טעלעפאָן, זענען איינגעשטעלט גע־וואָרן דיסקרעטע פאַרבינדונגען. ס'האָבן טיילמאָל געקלונגען אין דער טיר פרעמ־דע, אומבאַקאַנטע, מיט אַן אָפּגערעדטן פּאַראָל. זי האָט נישט צופיל געפרעגט.

זי האָט שטילערהייט דערליידיקט, פאַרשטעקט, באהאַלטן, איבערגעגעבן, גע־וואָרנט.

דורך קראָקעווער פאַרשטאָט האָט איר דער אָנגעפּראָפּטער טראַמוויי געפירט צום טעאַטער־פּלאַץ, צו דער לעשנע, צו דער יידישער געגנט. קיין פּרעציזע טרע־פונג האָט זי מיט ברוינערן נישט געהאַט. אָבער זי האָט ממש געפילט, אַז צווישן זיבן און האַלב־אַכט וועט ער זיך אַוודאי אַריינכאַפּן אין באַר „מעטראָפּאָל" — דער יידישער באַר אויף טלאָמאַצקע, האַלב פאַר דער סוחרים־וועלט און האַלב פאַר דער אַרטיסטישער באַהעמיע. דורך די פּראַסטיק־פאַרהויכטע שויבן זענען די אונטער־פייערן צעשמירט געוואָרן. ראָג וויעזשבאָווע, ביים פּאַרדריי, איז איינגע־שטיגן אַן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן. ער האָט אַרויסרופעריש נאָכגעקלונגען מיט די שפּאָרן און העפּלעך־שטייף אָפּגעטרעטן דעם וועג א דאַמע, אויסגעסטראַיעט אין קאַראַקול. דער מיטליאַריקער מאַן מיטן נידעריק־געשוירענעם קאָפּ האָט פון אַ ווינקל אויפגעריסן דעם בליק פון „אונטער־קוריער", אָפּגעמאָסטן פאַרדעכטיק אַליציען, וואָס האָט זיך איבערגערוקט צו דער שויב. פון איבער זיין אַקסל האָט זי דערבליקט די פעטע קעפּ אויף דער ערשטער זייט: ביכער־שייטערס אין בער־לין, שטורמישע מאַניפעסטאַציעס פון ס.א. און ס.ס., דער „פירער" זאָגט אָן רו און אָרדענונג... אומברחמנותדיקער קאַמף קעגן יידן און קאָמוניסטן...

און אירע געדאַנקען זענען גאָר פאַרנומען געווען מיט אַדאַמען, אַז ער איז שטענדיק צווישן צוויי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן... וועגן זיך רעדט זי נישט מער, זי פאָדערט שוין מער גאָרנישט. „כ'בין אין אַ גאָלדענער שטייג" — האָט זי געשמייכלט אין זיך אַריין. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז דער טראַמוויי האָט איר פאַר־פירט נאָענט צום קנופּ יידישע גאַסן. זי איז אויסגעשטיגן און געלאָזן זיך צוריק־גיין מיט די פאַרפאַקטע אָוונטיקע טראָטואַרן, צום פּשעיאַזד, צו טלאָמאַצקע. דער נאסער שניי, וואָס איז געפאַלן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, האָט געקלעפּט צו די פיס. אָבער פרילינגדיקס האָט אַ ווייע געטון אין דער שאַרפער, פייכטער אָוונט־לופט. זי איז נישט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין די גאַסן. די דיקשטיינס זענען זינט דור־רות געווען פאַרבונדן מיט דער אייזן־גאַס, אָבער די אייניקלעך, וואָס זענען גע־גאַנגען אין די „שקאָלעס", האָבן זיך געחברט מיט דער פּוילישער אַריסטאָקראַ־טישער אינטעליגענץ. די שוועסטער אירענע... דער ברודער... די אָפּגעשליסענע יינגלעך מיט די טיפע דאַשיקעס איבער די אויגן, די מיידלעך מיט די אָנגעדראָ־לענע הענט און פנימער פון פראָסט, האָבן פאַרשריגן די גאַס מיט בייגל און קאַר־מעלקעס. צעשראָקענע, אויסגעבלייכטע יידן האָבן זיך געשאַרט פאַר די טויערן, איינגערוימט די פאַרבייגייער: „וועי טוישט עפּעס... וועי טוישט?"... וועגן די אַלע — האָט זי זיך דערמאָנט — האָבן עס נאַרוואָס די אָוונט־צייטונגען געשריגן מיט גרויסע, פעטע קעפּ, אַז ס'איז זיי אָנגעזאָגט געוואָרן אַן אומברחמנותדיקע מלחמה, און אויך — די קאָמוניסטן. ברוינער... ווי צערודערט ער איז. די פּאַרטיי־אָפּאָזיציע ווארפט פאַר פאַרוואָס מ'האָט אין בערלין אַזוי רואיק רעאַגירט אויף היטלערס קומען צו דער מאַכט. קיין שאָס איז נישט געפאַלן. פאַלשע טאַק־טיק פון קאָמאינטערן... די אויגן־גלעזער פינקלען ביי אים, די מויל־קנייטשן ציען זיך אָן, ווי שלענגלעך...

אָן אָנגעפּעלצטער דראָזשקאָזש איז איר פֿאַרפֿאָרן דעם וועג אויפֿן ראָג פּשע־יאַזד. אין שוי־פֿענצטער פֿון באַר, האַלב פֿאַרשטעלט פֿון טוי־געפּריר, איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער סערוויס מיט רויטע עפּל און וויינטרויבן. דורכן לייכטן נעפּל האָט זיך געזען אַ טייל פֿון פֿאָדער־זאַל, עטלעכע פּליכן און ווייסע וועסטן פֿון די קעלנערס. איבערן לאָמפּ, פֿאַרן אַריינגאַנג, האָט געווינטלט אַ פֿריש שנייעלע. ס'איז אין די לעצטע וואָכן דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט אים נישט געקענט נישט זען, ברוינערן. זי איז אַריין אין פֿיבער פֿון אַ קרייז, ניי און אינטריגירנדיק פֿאַר איר. „סאַלאָן־קאָמוניסטקע"... — האָבן זיי געשפּאָט הינטער אירע פּלייצעס; און זי האָט געהאַט די אַמביציע צו באַווייזן, אַז נישט בלויז מיט רייד העלפֿט זי דעם ביטערן, אומברחמנותדיקן געראַנגל. וויפֿל מאָל זי האָט זיך איינגעשטעלט, איינגעשטעלט די קינדער, אָפּגעטרעטן אירע צימערן פֿאַר זיצונגען. ווען אדאם ווייסט עס... אומבאַ־קאַנטע פּנימער... זי האָט זיי געזען צום ערשטן און אפשר צום לעצטן מאָל. אויף זיי איז געלעגן דער אומרו און דער שטויב פֿון געפֿערלעכע אונטערוועגנס. דאָס האָט איר ס'אייגענע ייִנגל, יאַנעק, און דורך יאַנעקן — ברוינער, אומגעריכט אַריינגע־פֿירט אין דעם קרייז. ס'זענען נישט געווען די שרייבער פֿון די גערוימטע זאַלן אין ליטעראַטן־פֿאַראיין, אין יענע יאָרן, ווען די ייִדישע פּרעסע אין פּוילן האָט געמאַכט גאָלדענע געשעפֿטן; אָדער אין דער „זשעמיאַנסקע" — די עלעגאַנטע, די שטייפֿע, מיט דער ליולקע צווישן די ציינער, ביי אַ האַלבע־שוואַרצע. דאָס זענען געווען בלייכע ייִנגלעך און מיטליאַריקע, אין פֿאַרגלאַנצטע רעקלעך, מיט אַ פֿייערל פֿון נישט־דערעסן אין בליק. אַרבעטער־אינטעליגענטן, אויטאָדידאַקטן, וואָס האָבן זיך דערלערנט אַביסל לייענען און שרייבן אין די תפֿיסות, ווו זיי זענען יאָרן געווען פֿאַרשפּאַרט. זיי זענען געקומען שטורעמען „דעם טורעם פֿון העלפֿאַנטביין".

דער געלער פּאָעט מיט דער פֿאַרשטעקטער ליולקע צווישן די געזונטע צייי־נער — ער האָט נישט פֿיינט געהאַט אַ פֿלירטעווע צו טון מיט יונגע ווייבלעך — האָט זי לייכט אָנגענומען ביי אָרעם. זי האָט אים אינגאַנצן נישט באַמערקט אַריינ־קומענדיק. ער איז געווען ברייט צעזעצט ביי אַ טישל. ער האָט טריאומפֿירט:

— שוין... נישטאָ נאָכוואָס צו איילן זיך, מאַדאַם נאַטאַנזאָן... ער זיצט דאָרט פֿעסט, היטלער... אפֿילו ברוינער אליין קען שוין דאָ גאָרנישט העלפֿן...

ער איז געווען שטעכיק און בייסיק און דורכגעטריבן־קלוג. שוין לאַנג, אַז ער האָט פֿאַרוואָרפֿן די פֿרומע לידער פֿון אַ הפֿקרן סאָלדאַט און מערנישט גע־כאַליאַסטרעוועט מיט די אַלע מאָדערניסטן. יענע יאָרן האָבן איצט אויסגעוויזן מאָדנע־ווייט און — נאַריש. אַ שטיקל צייט האָט ער געלעבט אין ארץ ישראל, ווו ער האָט ארומגעטומלט מיטן עקסטרעם־רעכטן פֿליגל פֿון ציוניזם. אַנדערש ווי עקסטרעם האָט ער גאָרנישט געקענט זיין, ווי אלע פֿאַרשפּיצטע שטריכן זענען עס געווען אין אים. זיין גאַנצן דיכטערישן טעמפּעראַמענט האָט ער איצט אויס־געשטורעמט אין זידלערישע לייט־אַרטיקלען, אויפֿן חשבון פֿון די ענגלענדער און פֿון די רעכטע סאָציאַליסטן, וואָס פּוצן זיי די שטיוול...

— אויף אייך, מאַדאַם נאַטאַנזאָן, וווּנדערט מיר אַביסל, וואָס איר חנדלט אַזוי צו די קאָמוניסטן... — האָט ער גערעדט שפּיציק און מיט אָנצוהערענישן — נאָר ווי זאָגט מען עס: די ליבע מאַכט בלינד... אָבער ווי פּאַסט עס פֿאַר אייך? איר שטאַמט פֿון אַזאַ לייטישער משפּחה... פֿאַר אייך וואָלט גיכער געפּאַסט צו זיין אַן

ערן־מיטגליד פון א ווילטעטיקן פרויען־קאָמיטעט. אָבער, נאָך אַלעמען, זעט איר, געפעלן זיי מיר, די היימישע רויטע... זיי האָבן בלוט! דאָס מוז מען מודה זיין. זיי זענען נישט ווי די אַנעמישע סאָציאַליסטלעך, וואָס שרייבן זייער שיינע מאמרים און זענען נישט פעאיק אריינצוטון אַ האנט אין קאַלט וואַסער...

— אָ, איר זייט נאָך אַלץ דער זעלבער פרומער ציניקער, ווי איך האָב אייך געקענט... — האָט זי זיך פאַראינטריגירט גערויטלט — אדאם, געדענק איך, האָט מיר עטלעכע מאָל געהאט מיטגענומען אויף די אַרויסטרעטונגען פון אייער כאָר־ליאַסטרע... ס׳האָבן זיך דאָרט געוואָרפן אין די אויגן קינסטלעריש־צעפלויגענע בערד, שלייפן, ברייט־ראַנדיקע היט און שויבערדיקע טשופּרינעס... כ׳האָב דעמאָלט שוואַך פאַרשטאַנען זייער יידיש, אָבער דער קלאַנג פון אייערע לידער איז מיר פאַרגעקומען עכט. וואָס איז דען, זעט איר, פאַרבליבן פון די אַלע עקסטראַוואַגאַנטע מאָדערניזמען? שאַ, און נאָך איינער איז דאָרט געווען, מיט אַ בלאָנדן קאָפּ קרויזן, מיט אַ גריכישן, געטאָקטן פּראָפיל. אַלע מיידלעך האָבן געקלעפּט ארום אים... ווי האָט ער זיך גערופן?

— עלקיסן אָוודאי מיינט איר? ...

— יאָ, עלקיס. כ׳האָב אַ סך געהערט פון אים און זיין נאָמען נישט פארגעדענקט. זעט, ווו ער איז דערגאַנגען און ווו איר זענט געבליבן שטעקן?... מיט וואָס פאַראַ פאַטאָס ער זינגט עס היינט וועגן א נייער וועלט, וואָס ראַנגלט זיך טאַקע אין געבורט־וויייען, אָבער וואָס גייט־אויף מיט אַזאַ גרויס ליכט? ...

— גלויבט מיר, אַז כ׳בין אים נישט איין מאָל מקנא, עלקיסן. ער גייט אויף אַ זיכערער בריק... אָבער אונדזערע וועגן וועלן זיך נאָך אפשר אמאָל צוזאַמענקומען... ער איז נישט ווינציקער ייד, ווי איך...

ארום זיי האָט דער איבערגעפּאַקטער באַר גערוישט. ביי די צוזאמענגערוקטע טישלעך, הינטער דער קאָלאָנע, האָט דער פּאָעט־וואַגאַבונד, וואָס שרייבט אַדעס צום ווייסן, אויסגעחלומטן בעט, וועקסלער, באַמיט זיך צו מאכן אַ שטארקן איינדרוק אויף די צוויי אַרטיסטקעס פון „יונג־טעאַטער“. ער האָט הילפלאָז געדרייט די אויסגעלאָשענע פּייקע און גענישטערט מיטן בליק אַ קאָלעגע, ביי וועמען צו שנאָרען אַ סיגאַרעטל.

אַרויסגעלאָזן צום טעאַטער־פּלאַץ האָט מען זיך פאַר האַלבער נאַכט. ברוינער איז אַריינגעפאלן אויף אַ מינוט, זייער שפּעט, און האָט אַליציען געטראָפן ביי די טישלעך, צווישן די יונגע, פאר וועלכע זי האָט געהאט אַ באַזונדער שוואכקייט; דער עיקר פארן שטילסטן, פאר איר יאַנעקס חבר, פאר אהרנען. אַליציע האָט זיך שפּעט אין אָוונט געפירט מיט אים איבער די גאסן, צום שטאָט־ראַט־זאַל. דאָס יינגל האָט אינגאנצן געפלאַמט. פאַר האַלבער נאַכט איז די ביעלאַנסקע שוין געווען ליידיקלעך, אָבער אין דער ריכטונג פון טעאַטער־פּלאַץ איז נאָך אַלץ געווען אַ באַוועגונג. מען האָט דאָ אָוונט־צייט געוויינלעך נישט געזען אַזויפיל יידן מיט קאַפּאָטעס. אַלע פענצטער פון די שטאָט־ראַט־זאַלן זענען געווען צעצונדן. „גאַנץ וואַרשע“ איז געקומען הערן וועגן פאַרלויף פון די פעברואַר־טעג אין בערלין.

ס׳איז געווען אַ מאָדנע־העלע נאַכט פון וואָך־זיין צווישן די אַרומגעשטעלטע געביידעס פון טעאַטער־פּלאַץ; דער פּלאַץ, וואָס האָט שוין געזען אַזויפיל בלוטיקע צוזאַמענשטויסן אין די זוניקע טעג פון ארבעטער־יום־טובים. דאָס מיסטישע

ליכט איז געקומען פון הינטער אָפּגעהאַקטע דעכער. די לעצטע טראַמווייען האָבן אַ גרילץ געטון ביים ראָג און האָבן זיך לײדיק אַוועקגעשאָקלט צו די בריקן אי־בער דער ווייסל, צו די רעמיזעס. עס זענען נאָך דאָ געווען צעקלעפּט די אַפישן פון „לאַהענגרין" און „דער סוחר פון װענעדיק"; און ס׳האָט זיך אַ רגע געקענט דוכטן, אַז די געשפּענסטער פון מיטלאַלטער זענען אַרויסגעקראָכן פון דער אויס־געלאָשענער טעאַטער־געביידע, אַז זיי לויערן אין די נישעס, הינטער די פּאַסאַדן. אָבער די יידן פון פינצטערן גאַסן־פּלאָנטער אַרום מוראַנאָוו האָבן געוואַכט. אַלע פענצטער זענען געווען אָנגעצונדן אין דער נאַכט אריין. פּונקט אזא געפיל האָט ער געהאַט, אהרן, ווען ער איז דאָ אַנומלטן אין אָוונט צוריקגעגאַנגען דורכן טעאַטער־פּלאַץ פון דער אָבאָזשנע, אראָפּ־צו, ביי דער ווייסל, נאָכן זען די אויפפירונג פון „ביינאַכט אויפן אלטן מארק", ביי די „ווילנער".

אין גרויסן זאַל, פון אַן אומהיימלעכן קירכע־סטיל, זענען די רעדעס שוין באַלד געווען פארענדיקט. אויף דער עסטראַדע האָט מען איצט געלאָזן אַנשטעלן אַ דיסק מיטן ווילדן, באַרבאַרישן ריטשען אַרום ברענענדיקן רייכסטאַג, אַרום די ביכער־שייטערס און — דאָס גרילצנדיקע „האָרסט־וועסעל־ליד". און ווען איבערן זאַל, אין דער טויטער שטילקייט, האָט עס הייזעריק אַ הילך געטון : „...און ווען דאָס יודען־בלוט פאַן מעסער שפּריצט", איז אַדורך אַ זיפצנדיקער געמורמל אי־בערן וואַלד קעפּ, ווי יום־כיפור, אין די שולן און בתי־מדרשים, צו נעילה — דער הייליקער, זיפצנדיקער געמורמל, אַז דער גזר־דין זאָל צעריסן ווערן...

ביים אַרויסגאַנג איז דער געלער פּאָעט ווידער קאַפּויער געקומען. מ׳האָט זיך נאָך האַלבער נאַכט צוריק ארויסגעלאָזן צום באַר, צום ליטעראַטן־פּאַראיין. אַליציע האָט איינגאנצן פארגעסן אויפצוזוכן אַדאַמען. זי איז געווען ארומגערינגלט פון ברוינערן, פון געלן פּאָעט. די צוויי עקסטרעמען, ברוינער און ער, האָבן זיך נישט פּאַרטראָגן און דאָך האָבן זיי אויפגענומען די אַריינזאָגענישן אַזוי ווי נישט־ווילנ־דיק, ווייל ס׳בלוט האָט אין זייביידן געקאָכט.

— „מיר גלויבן אין גערעכטן גאנג פון דער געשיכטע"... — האָט ער גע־לאכט, דער געלער פּאָעט — מיר האָבן שוין געזען ווי אזוי פינצטערע דיקטאַ־טאָרן, אָדער קליקעס קענען אַמאָל גאַנץ שיין די רעדער פון אייער געשיכטע צו־ריקדרייען אויף יאָרהונדערטער... לאָמיר זיין ווי אַלע פעלקער — רויבן און נע־מען מיט געוואַלט. אייער פארזאָרגן די וועלט, אייערע רעוואָלוציעס ! וווהין, פרעג איך, פירן זיי ?...

— מיר דענקען אין די קאַטעגאָריעס פון א יי ן מענטשלעך לעבן — האָט אים ברוינער געענטפערט געלאסן און פונדעסטוועגן געהאַלטן אין איין פאַריכטן זיך די אַנגעקוועטשטע גלעזלעך — אָבער פאַר דער געשיכטע איז פּופּציק, אָדער הונדערט יאָר א קליינער צייט־געגנעק. די נאַטור אליין באַוויזט אונדז, ווי איין גע־נעראַציע אַרבעט פאַר דער צווייטער. איז דען דאָס יאָר 1905 נישט געווען אַ פינצטער יאָר אין דער געשיכטע פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, אין יידישן לעבן ? און פונדעסטוועגן...

נאָך האַלבער נאַכט האָט נאָך דער באַר געראַושט. רייכע יידן, סוחרים, אין פוטערלעך פון סקאָנסק, באַגלייט פון דיקלעכע ווייבער, באַהאָנגענע מיט אַן אַ שיעור צירונג, האָבן די פאַרמאַכטע אויטאָס געלאָזן וואַרטן ביים איינגאַנג. אויף

דער עסטראַדע, אין דער טיף פון זאַל מיט די שפּיגלען, האָט דער דיריגענט מיטן נאַקעטן שאַרבן, אין שוואַרצן סמאָקינג, ווילד דיריגירט אַן אַלטן, פרײ־לינגדיקן שטראַוס־וואַלס. מ׳האָט געטאַנצט אונטער די פאַרצויגענע קרענץ, אין טונקל־רויטן ליכט.

דער שיינער האַלדז אַליציעס האָט דיסקרעט אַרויסגעקוקט פון קליינעם דעקאָלט; דאָס סלאַווישע משפּחה־נעזל, די אײדעלע, געשניצטע הענט, וואָס זענען דורך די מאַלערס פּאַראײביקט געוואָרן. אַהרן האָט זיך דערמאָנט די רייד פון געלן פּאָעט: „מיט אַזעלכע אײדעלע, געשניצטע הענט ווילט איר זיין אַ קאָמוניסט־קע?״... פאַרן שפּיגל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳פּלאַמט אים דאָס לינקע אויער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט זיך געפּירט מיט אים איבער די אָוונטיקע גאַסן. ס׳איז געווען סוד אין איר שווייגן וועגן יאַנעקן. ער האָט זיך מיטאַ־מאָל געשעמט פאַר זיינע פּערזן און פאַר דער וואָרעמקייט, וואָס האָט געבריט זיין אָרעם. זי איז דיקלעכער געוואָרן. איר האַלדז האָט אַרומגענומען אַ שנירעלע איי־דעלע פּערל. „משפּחה־פּערל״, איז אַהרנען דורכגעפלויגן.

צום פאַרענדיקן די נאַכט, איז מען נאָך אַרויף אין ליטעראַטן־פאַראיין. אַדאַם איז אַראָפּגעקומען, דער ציוניסטישער עסקן גמזו, דער פּאָלקאָווניק, פעלד־ראַבי־נער דר. פייוולזאָן, דער פליכעוואַטער דערציילער בלייוויס מיט די רויטלעכע אויגן, ווי ביי אַ פיש. די שטאַם־געסט האָבן נאָך דאָרט, אין טיפן זאַל, געטומלט אַרום די שאַך־טישלעך, אַרום די קאָרטן־טישלעך. אַהרן איז געזעסן הינטער אַלע־מענס פּלייצעס, ביי דער זייט פון ברוינערן, ביי דער זייט פון אַליציען, און גע־הערט איבער זיך ברוינערס רואיקע, אָבער איינגעשפּאַרטע שטים פון דער מיט. ס׳איז געווען אַ נאַכט פון פיבער און וואַך־זיין.

— פּאַרזוך... — האָט אַדאַם צוגערוקט אַליציען אַ גלעזעלע וויין, מיט אַזאַ אָפּגעהיטענער עלעגאַנץ, ווי ס׳וואָלט געווען צומאָרגנס נאָך זייער חתונה. ער האָט געקענט זיין גאַלאַנט. זיין שיינער, גרויער קאָפּ איז אויך עפּעס געווען אין דאָ־זיקן טאָן.

די הייסע גערעדערייען אַרום די טישלעך האָט אַהרן אויסגעהערט אין פאַר־טראַכטקייט. ער האָט זיך געפילט פאַרבלאָנדזשעט. נאָך די ביטערע משפּחה־עק־שנות האָט אים צוגעהאַלטן ביי דער עקזיסטענץ. ער האָט נאָך געהערט ווי אַליציע האָט אים עפּעס אַ פרעג געטון. ער האָט געענטפערט און ניט געדענקט מער וואָס זי האָט אים געפרעגט.

## קאַפּיטל פערצן

פון צייט צו צייט איז יאַנעק אויף די שפּיצן פינגער, ווי אַ קאַץ, אומגעריכט אַרונטער אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע, צוצוזעצן זיך אין אַ ווינקל. ער איז שוין דעמאָלט געקומען פון אַן אנדער וועלט — פון די פּוילישע פאָרשטעט, פון וואָליע, פון פאָוואָנזעק, פון געהיימע שליחותן אין די ראַיאָנען. ער האָט אַליין געפילט, אַז ס'איז אַ טיפער ריס; ווי ער וואָלט געשוועבט צווישן צוויי וועלטן. די אַלע אָבער, האָט ער באַטראַכט, זענען, אין גרונט, צעריסענע מענטשן. זיי פאַר־שטייען עס אפשר אַליין נישט. פונדעסטוועגן האָט עס אים געצויגן צו זיי.

און אפשר איז ער גאָר די לעצטע צייט געקומען אין קעלערל אריין צוליבן פרעמדן מיידל פון דער פּראָווינץ, צוליב פייגעלען? ער האָט זי אין די פּרייטיק־צונאַכטסן געזען זיצן אַ פאַרטראַכטע, מיטן שיינעם אומעט אין אירע אויגן, אין שיין פון די שבת־ליכט, אביסל פארגאפט, האַלב־דערשראָקן. ער האָט געוווסט, אַז זי איז דורכגעגאַנגען שרעקלעכע אויספאָרשונגען אין דער „דעפענסיווע" און — ווי די שרעק וואָלט נאָך אַלץ ארויסגעקוקט פון אירע יידישע אויגן. זי איז נישט געגאַנגען איבער די גאסן, זי האָט זיך ווי געשלייכט. אזוי האָט ער זיך אויסגעמאָלט שלייכן די יידישע טעכטער אין די מיטלאַלטערלעכע געסלעך פון די געטאָס. אים, יאַנעקן, האָבן די אָפּטע ארעסטן, די תפיסות נאָכמער פארהארטע־וועט; אָבער אהרן איז יעדעס מאָל צוריקגעקומען פארגראָבן אין זיך, מיט אַ הוי־כער, געבויגענער פּלייצע. זיי האָבן זיך, כאָטש זעלטן, באַגעגנט און אלעמאָל איז ווי אַנגעצונדן געוואָרן צווישן זיי אַ פלאַם.

— מאַכסט אַלץ אַוועק... — האָט אהרן צוערשט גערעדט באַדאַכט — און איך, כ'זוך צו דעפינירן אונדזער אָרט אין אָט דעם ביטערן קאמף... כ'וויל וויסן וואָס די געשיכטע לערנט אונדז...

אין געלעכטער, אין ביטערן געלעכטער, האָבן זיך אלע שטרענגע, פארהאר־טעוועטע שטריכן אָנגעצויגן ארום יאַנעקס דינע ליפּן; דער אויסגעגאָלטער קאָפּ האָט געגלאַנצט, אַרויסקומענדיק פון תפיסה יעדעס מאָל, אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן אויף דער פריי, איז אים ווידער אָנגעוואַקסן דאָס בערשטלדיקע יעזשל. ער איז געגאַנגען אויף דער ערד גלייך, פעסט, זיכער, אָן שום וואַקלונגען.

— מיין טאַטע רעדט אויך נאָר פון דער געשיכטע אונדזערער... כ'האָב דעם איינדרוק, אַז מער ווי די געשיכטע פאַרמאָגן מיר נישט...

ס'איז מאָדנע — האָט אהרן ווייט נאָכגעקלערט — ווי די גאַנצע וועלט־פּאָלי־טיק וואָלט געלעגן אויף די שוואַכע אַקסלען פון אָט די אלע בלייכע, פארהונגער־טע יידישע שניידערס און שוסטערס. זיי זעען, דוכט זיך, גאָרנישט, וואָס ארום זיי טוט זיך; זיי קוקן, מיינען זיי, ווייטער, העכער. זיי לעבן ערגעץ אין כינע... אין אַפ־גאַניסטאַן... אין דער אויסערן־מאָנגאָליע... אין עפּעס אַ לענדל אין דרום, אָדער צענטראַל־אַמעריקע, וווּ אַ גענעראַל, אין דינסט פון ענגלאַנד, אָדער פון אַמערי־קע, האָט שוין ווידער דורכגעפירט אַ פּוטש... אָט די נערוועזע יידישע יונגעלייט

מיט די הייסע אויגן אונטערן שטערן קענען געווי די סטאַטיסטיק פֿון דער וועלט־פּראָדוקציע פֿון שטאָל, פֿון אייזן, פֿון אַלומיניום, פֿון פּעטראָל — אין פּראָצענטער, לויט די יאָרן, אין פאַרגלייך מיט דער וואַקסנדיקער פּראָדוקציע אין ראַטנפאַרבאַנד. זיי פֿרייען זיך מיט א געוועטעניש אין אוקראַינע, האָפן, אַז די ערד־ציטערנישן, פאַרפלייצונגען, הונגער־יאָרן אין יאַפּאַן, אין כינע, אָדער אינדיע, וועלן דערנענטערן דעם טאָג, דעם גרויסן טאָג, וואָס מוז קומען פֿאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט. זיי קענען בעסער ווי די פֿראַנצויזן, ווי די דייטשן, ווי די ענגלענדער דעם בילאַנס פֿון אַרבעטסלאָזיקייט קעגנאיבערן וווקס פֿון קאָנצענטרירטן קאַפּיטאַל, פֿון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע טרעסטן און קאַרטעלן. זיי פאָרשן געווי נאָך די קאָנצענטראַציע פֿון קאַפּיטאַל און — ווייסן אפילו נישט ווי ווייט עס דערגרייכט אַרום זיי, אין זייער שטעטל, אין זייער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט, די דעקלאַסירונג פֿון די בידנע יידישע געוועלב־לייט, זייערע טאַטעס, צו וועלכע זיי זענען אָנגעבונדן, ווי מיט אַ קייט אויפֿן האַלדז. זיי זעען נישט דעם חורבן פֿון די יידישע שולן, פֿון די יידישע ביבליאָטעקן. זיי זענען גרייט אוועקצוגעבן יעדע מינוט זייער לעבן פֿאַר דער רעוואָלוציע; זענען אַפּילו גרייט צו פֿאַרלייקענען זייער שטאַם, זייערע טאַטע־מאַמע, מקריב צו זיין אַלץ פֿאַר אַן אידיי, וואָס איז אומאָפּפרעגלעך.

אהרן האָט געגראָבן. די געשיכטע איז געוואָרן זיין ליידנשאַפט. ער האָט זיך, למשל, איינגעשפּאַרט צו באַווייזן, אַז ביי אונדזער גאַנצער צוגעבונדנקייט צו גייסטיקע יידישע ווערטן, זענען מיר אַליין ווייט אַוועק פֿון זיך, אַז מיר זענען אפילו — סלאַוון, כאָטש מיר זענען לעגיטימע פאָרזעצער און באַנייער פֿון דער אַלטער, דורות־אַלטער יידישער גייסטיקייט. פֿון אַזא קאָנצעפּציע האָט זיך יאַנקעק שטאַרק געווילט:

— גיי, אדרבה, דערצייל עס מיין טאַטן. ער וועט דיר באַווייזן, אַז מיר זענען דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק צו ליידן... אַז די גוים... די גוים... דער סאָציאַליזם אָבער וועט שוין אַלץ לייזן, ווי ער האָט געלייזט די יידן־פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד...

אויך אהרן האָט זי געזען, די רעוואָלוציע, ווי זי קומט אָן, ווי זי שטייט ביי דער טיר. ער האָט קיין איין מינוט נישט געצווייפלט אין איר; ער האָט זי געפֿילט אַזוי וואָר אויף די אָוונטיקע, איבערגעפּאַקטע טראַטואַרן פֿון דער דזשיקע גאַס; ער האָט זי געפֿילט אין די הייסע רייד פֿון חבר זלמן. די העכסטע מאָראַל איז געווען דאָס קרישטאָל־ריינע לעבן פֿון די רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער; זייער גאַנג אין די טיפֿע שנייען פֿון סיביר, אויף די באַריקאַדן, אויף די געדיכטע אַרבעטער־בערזעס פֿון לאָדזש, גראָדנע, דווינסק; די פּאַפּיראָסן־אַרבעטערינס, די געגריוועטע שוסטער אין וואַרשע. די יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ איז געווען דער הייוון פֿאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַפּילו פֿאַרן „בייעם" פּוילן פֿון פּילסודסקין, דער נעבעכדיקער דיקטאַטאָר, וואָס איז געגאַנגען צו דער מאַכט איבער די גופֿים פֿון זיינע נעכטיקע חברים און פֿון פּאָגראָמירטע יידן.

אין די תפיסה־צעלעס, אין הייסע, שלאָפלאָזע נעכט, ווען אומפליט האָבן אים געגעסן, די בענקשאַפט האָט שווער געשטיקט, פייגעלע איז אים לעבעדיק געשטאַנען פֿאַר די אויגן, האָט ער לאַנג און מיט פיבער נאָכגעטראַכט — ווער זענען

מיר ? וואָס זענען מיר אין אָט דעם גאַנצן פּלאָנטער פון גורלדיקן קאַמף פון פעל־קער און קלאַסן ? יאַנעק... ערגעצווו האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט דאָס דענקען. „נאַציאָנאַליזם״... — האָט ער אים יעדעס מאָל געגראַזשעט מיטן פינגער...

— פאַרוואָס — האָט ער געוואָלט וויסן שכלדיק — איז עס נישט קיין נאַציאָנאַליזם, ווען מען רעדט וועגן דערהויבן און פאַרטיפערן, אין אַ באַפרייט פוילן, די פּוילישע קולטור... די קולטור פון אַלע אָפּגעשטאַנענע פעלקער ? ...

— ס׳איז נישט דאָס זעלבע.

— ניין, ס׳איז דער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס ווערט ביי אונדז פאַרדעקט מיט אַלערליי פאָרמולעס און פראַזן. ער שטעקט אין תוך פון אונדז אַלעמען. מיר זעען דאָס שיינע נאָר ביי יענעם, אין יענעמס שפּראַך, אין יענעמס פּירונגען, נאָר נישט ביי זיך. די גייסטיקע פאַרפאַנצערטע יידישקייט פון דורות וואָלט צו גאָרנישט געטויגט, ווען די פעלקער גיבן אונדז פשוט גלייכע רעכט מיט אַלעמען, ווען זיי לאָזן אונדז באַאַרבעטן אַ שטיקל ערד און נישט — אַריינגעשטופּט ווערן אין די געטאָ׳ס. אַן אייביקע, קינסטלעכע וואַנט פון אומזיסטער שנאה טיילט אונדז אָפּ פון די פעלקער. דערפאַר אויך — אונדזער טיפער רעוואָלט. מיר וואַרפן זיך צו אַלע עקסטרעמען. ס׳איז דער אויסדרוק פון קלאַסן און — פון נאָך עפּעס. פון יידישן תחום־המושב האָט זיך געשפּאַרט, פון אונטער אָנגעזאַמלטע שיכטן, אַן אונטערערדישע, פיל־דורותדיקע ענערגיע. זי האָט זיך אַרויסגעריסן ווי אַ לאַווינע, זי האָט אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען — גאונים, משיחים־ברענגער, אויסלייזער, מקובלים, מיסטיקער, חסידישע רביים, פּאָעטן־נביאים, שרייבער, אײדעאָלאָגן, פּאַרטיי־פירער... כמעט פון זעלבן טייג זענען, אין גרונט, געקנאָטן אַ חיים ווייצמאַן, אַ באָראָכאָוו און — דער חבר זלמן... כאָטש מענטשן דיאַמעטראַל־וייטע.

ס׳האָט סיי ווי אין ערגעץ נישט געפירט. ס׳האָט זיך אָוועקגעשטעלט צווישן זיי אַ מאָדנע פרעמדקייט. פונדעסטוועגן האָט ער נישט אויפגעהערט קומען, יאַנעק; ער איז געקומען פאַרטייעט, ווען אהרן איז נישט געווען, ווען ער איז צום לעצטן מאָל אַריינגעפאַלן אין תפיסה. ס׳איז מאָדנע געווען פאַר זיך אליין מודה צו זיין, אַז ער באַגערט זי, פייגעלען; מיט אַלעם — מיטן זייטיקן, אָפּבריענדיקן שמייכל, מיטן חנוודיקן גריבעלע צווישן די איידעלע שפּיצן פון איר העמד אונטערן פּלאַטערנדיקן בלוזקעלע, מיט דער מאַטער הויט פון איר אָפּגעדעקטן אָרעם, מיטן זיסן אַראָמאַט פון צוגעלעגן היי. זי איז געווען שמאָל, פלינק און — לאַבוזעוואַטע. די דיקלעכע זינלעכע ליפּן האָבן אָפּגעדעקט אירע שאַרפע ציינדלעך. זי איז עפּעס נישט געווען ווי די אַנדערע מיידלעך. דאָס יידישע גאַליציע האָט, דורך אַ פאַרהוילענער גליקלעכער קרייציקונג, אָדער דורכן פּראָסטן, קאָרענעם ברויט, אויספאָרמירט אַ באַזונדערן יידישן טיפּ, אַפילו מיטן באַזונדערן טעם פון יידישן לשון אין זייער מויל. ס׳איז געווען אַ סוד אין אירע לאַכנדיקע אויגן, פול מיט זון. יאַנעק איז איר שטום נאָכגעגאַנגען, ווען זי האָט זיך געשלייכט דורך די יידישע גאַסן, און האָט געפילט, ווי דער אָטעם האַקט זיך אים אָפּ. ער האָט זי באַגערט. זי איז געווען — פּויליש, זי איז געווען — יידיש־פּויליש; און ס׳ערשטע מאָל האָט ער זיך געוווּנדערט — ס׳איז אפשר אמת, מיר זענען פון אַ באַזונדער טייג געקנעטן.

אין דער האַלב־טונקלקייט, צווישן דער חברה, האָט מען אַלץ דורכגעלעבט שווער, פאַרשלאָסן אין זיך; און ביי יאַנעקן, וואָס איז געקומען, אָדער אַריינגעפאַלן

אַהער פון אַ פרעמדער וועלט, איז געווען אַ נישט־געזעענע אָפּהאַרציקע צודרינג־לעכקייט, וואָס אַלע האָבן באַטראַכט מיט חידוש. מ׳איז „אַרומגעגאַנגען״ יאָרן, אָבער אין די אויגן פון אַלע האָט מען זיך געהאַלטן דיסקרעט. ס׳איז געווען הייסער, אָפּבריענדיקער בליק, צאַרטער פינגער־באַריר. צו קיין פּראַקטיש לעבן האָט עס סיי ווי נישט געפירט. די אָפענע, ווילדע פּאַרקן אַרום דער ווייסל זענען אין די שטיקנדיקע זומער־אָוונטן געווען זייערע הייסע חתונה־נעכט. ס׳איז אַלעמאָל באַנג געווען אומצוקערן זיך צום פינצטערן אָנגעהויף פון דער שטאָט. ס׳איז געווען אַ ליבע אויפן הפקר פון ווינט. אין יאַנעקס דרייסטן אָננעמען פייגעלען ביים אָרעם, איז זיין אומגעריכטן קושן זי, איז געווען גאָרנישט יידישלעכס.

— ערליידט דאָרט, ס׳ייִנגל... — האָט זי זיך געריסן פון אים.

אָבער יאַנעק האָט נישט געהערט איר פּליסטערן, נאָך פעסטער און הייסער אַרומגענומען איר טאַליע. זי האָט נישט איינגאַנצן דערזאָגט וועגן אהרנען, וועגן זיין פאַרשעמטן האַנט־דרוק און בכלל... זי האָט זיך געזאָגט, אַז זי באַגייט קעגן אים אַן עוולה. אַ שטיקל צייט האָט זי זיך איינגאַנצן מער נישט געוויזן אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע. יאַנעק איז אַרונטער, אונטערגעזעסן און איז אַוועק. ער האָט אפילו נישט געוווסט ווו מען קען זי אויפזוכן. זי איז געווען ווי אַ ווינטל. אפשר האָט מען זי פאַרהאַלטן ? ער האָט אָבער קיינעם נישט געפרעגט. די אַלטע, וואָס האָט אַלץ צוגעזען, האָט איינמאָל אַ מורמל געטון :

— פייגעלע האָט זיך אַרויסגעצויגן הינטער אַטוואַצק... צו אַ קראַנקער חברטע...

ער האָט געוווסט, אַז די מאַמע זיינע מיט די אייניקלעך זענען דאָרט, ווי יעדן זומער, אין זייער אַלט משפחה־הייזל. ער וועט זיך, האָט ער באַקלערט, אַראָפּ־כאַפּן אָוונט־צייט. ס׳איז געווען אַ ערב־שבתדיקער צוג, אַ פול־אָנגעפּראָפּטער, וואָס האָט אים אַוועקגעפירט אויף דער אַטוואַצקער ליניע. יידן, יידענעס, באַהאָנ־געגען מיט קוישלעך, מיט פּיצלעך קינדער, האָבן זיך געשפּאַרט דורך אַלע טירלעך, נישט צו פאַרשפּעטיקן ביז ליכט־צינדן.

יענער זומער איז אפשר געווען דער שענסטער אין זייער לעבן. ווייל באַלד דערנאָך איז אויך יאַנעק אַריינגעפאַלן אין תפיסה. ער איז געזעסן פעסט. ער האָט זיך געריכט אויף אַ לאַנגן אורטייל. אָבער אין יענעם דופּטיקן פּריייטיק־פאַרנאַכט איז ער געגאַנגען איבערן שמאָלן שטעג, פאַרזיכטיק, ווי אין לויער. דער שטעג האָט געפירט צו דער ווילע. ער איז געגאַנגען מיט דער פאַרזיכטיקייט פון אַ מאַן; ווי זי וואָלט זיך געריכט, אַז ער וועט קומען. מיט פּלאַטער האָט זי אים אָפּגע־וואַרט. ער האָט דערכאַפּט איר סילועט אויפן גאַניק. זי איז האַסטיק אַ גיי געטון פון די טרעפּלעך. זי האָט געפּלאַטערט, פאַרקרייצט ביידע שמאָלע הענט אויף דער ברוסט.

— ווער האָט דיר געזאָגט ?...

— קיינער נישט... — האָט זי געהערט זיין שטיל, זיכער לאַכן — כ׳ווייס...

אַזוי האָט עס אים פאַרפירט; און יעדעס מאָל האָט זי אים מיט פּלאַטער אָפּגעוואַרט.

זי איז געווען צווישן די קינדער. אין ליכטיקן נאָכמיטאָג האָט ס׳קליינוואַרג מיט שוואכע שטימעלעך געזונגען אַ ליד וועגן אַ שוועלבעלע. דאָס פאַרברריִנטע מיידל האָט ארומגעפלאַטערט צווישן זיי. זי איז אליין געווען ווי א זוניקער פלעק צווישן די סאָסנעס. ס׳איז געווען גאָלדענער מיט־זומער. טיר און פענצטער זענען געשטאַנען אויפגעפראַלט. יאַנעקן האָט עס פאַרלאָקט צו די שטאָכעטן.

— קוק אָן ס׳קליינוואַרג... זיי זענען ווי די אומבאַשיצטע חיהלעך. מ׳דארף זיי אויסוואַרעמען אויף דער זון...

זי האָט אים געפירט איבער דער אַלייע; זי האָט אים געלייענט פון אויסנ־וויניק אהרנס פערזן וועגן דער ליבע אויפן הפקר פון ווינט... וועגן די קרומע טרעפ פון דער סמאָטשע גאַס... ער האָט געהערט, געהערט. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטון:

— ס׳איז אַ רחמנות אויף זיי...

— פארוואָס? זיי קעמפן... ס׳זאָל ליכטיקער ווערן...

— דאכט זיך, אז פאר זיי וועט נישט ליכטיקער ווערן...

זי האָט זיך אָפּגעקערט, אָנגעקוקט אים פון דער זייט. ס׳איז געווען אין קנייטשל פון זיין קרומען שמייכל דער ביטערער צו־להכעיס פון זיין טאַטן, וואָס האָט געהאלטן אין איין וואָרענען, אַז דאָס יונגוואַרג כאָטש זאָל אנטלויפן פון דאַנען, ווייל קיין גוטס צו דערוואַרטן האָבן זיי סיי ווי נישט.

— הייסט עס, אז דו פאַראורטיילסט אונדז אַלעמען...

— נישט איך פאַראורטייל... די געשיכטע אייערע, וואָס איר האַלט אין איין רעדן וועגן איר...

זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געגראָבן שווייגנדיק מיט לעטשל אין זאַמד. יאַנעקן איז געלעגן אויף דער צונג: „אהרנס טענות"... נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט. זי האָט נישט געקענט פארשטיין די מחלוקתן אַרום דער אָרעמער יידי־שער שול, אז זי איז יידישיסטיש... נאציאָנאַליסטיש... דערפאר איז איר דאָס צעטראָגענע יינגל, אהרן, נאָנט געווען.

ס׳איז געווען צווישן די קוסטעס, ווייט אַוועק פון די ווילעס. ביי איר איז פאַר־בליבן דאָס געפיל, ווי זי וואָלט אים נאָך אַלץ אינגאנצן נישט געהערט. א וויל־דער פויגל האָט געשריגן איבער זיי, אין די נאָדל־צווייגן. זי האָט זיך אויפגע־זעצט און לאַנג זיך איינגעקוקט אין אים.

— ביסט נישט — יאַנעק... — האָט זי פארחלשט געפליסטערט און געלאָזן צוריקפאלן איר קאָפּ.

— פארוואָס בין איך נישט יאנעק?...

— ביסט נישט ווי אַלע...

ער האָט איר געפירט ביי דער טאַליע אַראָפּ, מיטן שטעג. און וועגן אהרנען האָבן זיי אין העלן, דופטיקן מאַי־אָוונט מער קיין וואָרט נישט געלאָזן פאלן.

יאַנעק איז פארשוווּנדן צווישן די ביימער, פונקט אַזוי פלוצים ווי ער האָט אויפגעטויכט. ס׳איז געווען אַ בלענדיק ליכט אויף די זאמדן, צווישן די סאָסנעס, וואָס האָבן ווי ליכט דערברענט, אין פלאָקער פון רויטן הימל, אַז ס׳איז באַנג געווען. ער האָט געוווסט, אז די פיס וועלן אים נאָך אַמאָל פאַרפירן אהער; ער האָט געוווסט, אז פייגעלע וועט אים אָפּוואַרטן ביים פלויטל.

# קאַפּיטל פופצן

אהרן האָט שטיל געליטן און שטיל געשוויגן. ער איז צוריקגעקומען פון תּפיסה, גאָרנישט געפרעגט, גאָרנישט גערעדט. ס׳איז נישט געווען בלויז פּייגע־לע... איר אַוועקגיין פון אים... ס׳איז געווען אַ סך מער; ס׳איז געווען די גרויסע אָפּגעפרעמדקייט, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי.

אָבער אין יענעם זומער איז ער ווידער פאַרפלאָמט געווען פון דער גרויסער באַוועגונג, וואָס איז אומגעריכט, כמעט איבער נאַכט, אויסגעוואַקסן אַרום בירא־בידזשאַן. דער דעקרעט פון דער סאָוויעטן־רעגירונג, די דעקלאַראַציע פון קאַ־לינינען, איז געווען ווי אַ ליכטיק פענצטערל, וואָס האָט זיך אויפגעמאַכט אין דער פינצטערער נאַכט. ס׳איז מער נישט געווען קיין לופט צו אָטעמען. ס׳לאַנד איז געלעגן געקאָוועט אין שווערע קייטן. ס׳האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט מיט די פאַרסמטע ריחות פון מערבדיקן שכן — קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אור־טיילן אויף לאַנגע יאָרן, שטאַנד־געריכטן, עקזעקוציעס אין די אויסגעלאָשענע נעכט, אין די תּפיסה־הייף. פּאָגראָמען אין בריסק, אין פּשיטיק, אין מינסק־מאַ־זאָוויעצק. דער ענטפער פון אַ מיניסטער אויף אַן אינטערפּעלאַציע פון אַ יידישן סיים־דעפּוטאַט, איז געווען: „נישט אַלע יידן זענען קאָמוניסטן, אָבער אַלע קאָמו־ניסטן זענען — יידן״... מ׳איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן אויף די בענק אין די הויך־שולן, אויף די היימישע וועגן צו די שטעטלדיקע יאַרידן, פון וואַנען יידן האָבן זינט דורות געצויגן די בידנע חיונה.

דער געדאַנק וועגן בירא־בידזשאַן, וועגן דער אוראַלטער טייגע, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיק לאַנד, האָט אים אַלץ מער עקזאַלטירט, אהרנען. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך איין מאָל אַראָפּצורעדן זיך פאַר פּייגעלען. זי איז אָבער אַלץ זעלטענער געקומען אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע. די אַלטע,ביים קיכל, האָט דאָרט עפּעס אַ מורמל געטון, ווען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט. זי האָט אים פון דער זייט נאָכגעקוקט און נישט אַלץ דערזאָגט. ער איז אַראָפּגעפאָרן אויף דער אָטוואָצקער ליניע מיט אַביסל פלאַטער. אין פינצטערן אָקטאָבער־טאָג האָט ער געזוכט דאָס טירל. פּייגעלע איז אַרויס אויפן גאַניק. דער ווינט, וואָס איז געגאַנגען דורך די ביימער, דורך די טעלעגראַפן־דראָטן, האָט אַ ווייע געטון איר שאַלעכל. זי איז אים געגאַנגען אַנטקעגן.

— פּייגעלע... — האָט ער זיך נאָך אַ ווײַלע אָפּגערופן — כ׳בין געקומען דיר זאָגן... צי דאַרפן מיר טאַקע אַלעמאָל נאָר רעדן וועגן הויכע פּראָבלעמען... מיר זענען דערוואַקסענע מענטשן. דאַ, זעסטו דאָך, לאָזט מען אונדז נישט לעבן. כ׳האָב באַטראַכט — לאָמיר אפשר פאָרן קיין בירא־בידזשאַן...

זי האָט אוודאי דערפילט די ציטערניש אין זיינע רייד. אַזוי האָט ער נאָך קיינמאָל נישט גערעדט. זי האָט לאַנג געשוויגן, די הענט פאַרקרייצט אויף דער

שמאָלער ברוסט. פּלוצים האָט זי אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און האָט שטיל זיך צעוויינט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען — וואָס פאַרא טרערן זענען עס? זי האָט ארויסגעצויגן פון קאָרסאזש אַ טיכעלע, אַ וויש געטון די טרוקענע ליפּן און קורץ געזאָגט:

— קום, אהרן. ס׳רעגנט נישט מער.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען איבער דער אַליי צום וואַלד. ראָזע אָפּשיינען האָבן זיך געצונדן אויפן האָריזאָנט. דאָס רעגנדל האָט אָפּגעפרישט דאָס פּאַרוויאַנעטע גרינס. אָבער אים איז אַלץ געלעגן אַ שווערער שטיין אויפן הארצן. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז אַלץ איז שוין אפשר דעצידירט... אָן אים. ער האָט געזאָגט:

— פאַרשטייסט... מ׳האָט די אָפּגעשטאַנענע שבטים געגעבן אָן אלף־בית, מ׳האָט די פעלקער, וואָס האָבן געשמאכט אונטערן צאַרישן יאָך, געגעבן נאַציאָ־נאַל־קולטורעלע פרייהייט אין גרויסן סאָוועטישן הימלאַנד. צי קען נאָך זיין עפּעס שענערס — אויך אַ יידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק...

אירע אויגן, האָט זיך אים געדוכט, פאַרציען זיך אין טרוימערישן נעפּל, זיין פאַרפּלאָנטקייט גיט זיך איר איבער. ס׳איז געווען אמת. זי האָט מיטאָמאָל דער־זען דעם קליינעם טאַטן אירן מיט די דראָטענע ברילן איבער די רויטלעכע אויגן... דער מאַמען... די קינדערלעך... די האלב־איינגעפאלענע הייזלעך ארום ר׳ פּיי־בישעס קלויז... זי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט. זי האָט אים צעשטרייט אַ קוש געטון און באלד געוואָלט אנטלויפן.

ער האָט פאַרשטאַנען. הייסט עס, אַז די עטלעכע יאָר תּפיסה... דאָס ווייט זיין... יאַנעק... און ער האָט זיך אליין געפרעסן. ס׳איז נישט גענוג, וואָס מענטשן פאַראייניקט אָן אידעאַל... מען דאַרף געפינען דאָס איינפאַכע וואָרט...

די „קאָלייקע״ האָט שוין היים געסאָפּעט אויפן פעראָן. ער האָט געזאָגט „אַ גו־טע נאכט, פייגעלע״, געהאלטן א רגע איר שמאָל, וואַרעם הענטל אין זיין האַנט. זי האָט זיך אָנגעבויגן אים אַ קוש צו טון. אירע ליפּן האָבן שטעכיק געבריט. ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעריסן, אַ לויף געטון צו די טרעפּלעך. דער וואָנסיקער קאָנדוקטאָר האָט שוין געפאָכעט מיטן רויטן פענדל. די פאַררויכערטע קליין־באַן האָט לאַנגזאַם געררירט. פייגעלע האָט אים אַ היפּשע ווײַלע נאָכגעקוקט. דער הע־לער פלעק פון איר שאַלעכל האָט לאַנג געפלאַטערט פאַר אים אויפן פאָן פון די באַדל־וועלדער. די וועלדער האָבן זיך דערווייטערט פון אים, צום לעצטן מאָל.

ער האָט פאַרמאַכט די מידע אויגן. ער האָט זיך אַליין געפרעגט: וויל איך זייער שלעכטס? ער האָט זי געקענט. זי וועט אים פּלוצים קומען אויפזוכן. זי וועט עקזאַלטירט זיך פאַרגיין אין די ברייטע געהאַמערטע פערזן וועגן די „פאַרגייענדיקע זיידעס״ אין די אומעטיקע ווייסרוסישע שטעטלעך, פון איזי כאַריק, די פילאָזאָפיש־געהאמערטע פערזן פון „בערע און בוניע אויפן שליאַך״, פון משה קולבאַק. די טרערן וועלן רינען פון אירע אויגן. פון דער דאָזיקער יידישער וועלט וועט זי נישט אַוועקגיין. זי איז נישט פון די מיידעלעך, וואָס פלאַפּלען „פּאָלסקאַ אוליצאַ״... אָבער מיט יאַנעקן איז דער חשבון גאָר אַן אַנ־דערער. ער אָנערקענט אונדז פשוט נישט. ס׳פרעגט זיך נאָר: צי איז עס בלויז ער אַליין?...

ס׳איז קיין סך צייט מער נישט געווען איבערצולעבן, נאָכצוטראַכטן. דער הימל איבער דער אָונטיקער דזשיקע גאַס האָט רויט געפלאַקערט, אַ צעצונדע־נער פון די שטאָטישע ליכטער. אַלע האָבן געפּילט ממש, אַז עפּעס דאַרף דאָ געשען. ביי אַלעמען אויף די ליפּן איז געווען דאָס ליד פון אַרבעטסלאָזן, פון בראָניעווסקי :

כאַטש נעם אַ שטיין און גריזשע פון הונגער...
אָבער ווען דער טאָג פון געצאָלט וועט שלאָגן,
וועסטו מיטן האַמער אויסזעצן די קראַטעס,
און דאָס וועט זיין די לעצטע שלאַכט...

זי האָט אים מער גאָרנישט אויסגעזאָגט, פייגעלע. זי האָט זיך געאיילט, אָן איבעריקן גערויש, צו פאַרמאַכן דאָס גאָרטן־טירל. קיין סך צייט איז נישט פאַר־בליבן צו שלאָפן. אין אַן אומבאַשטימטער, פּאַרטאַגיקער שעה איז זי אַריבערגע־לאָפן די זאַמדיקע גאַס. די סאָסנע־קרוינען האָבן זיך שאַרף אויסגעשניטן פון מיל־כיקן נעפּל. זי האָט זיך אויפגעהויבן מיט דער וועראַנדע און קוים אַ ריר געטון די טיר. אין דער פינצטער האָט זי אָנגעטאַפּט די מיטלסטע טיר צום שטיבל, וווּ ס׳האָט געוווינט דאָס קראַנקע מיידל.

אין דער ציטערניש, מיט וועלכער זי איז ארומגעגאַנגען ארום חבר זלמן, האָט זי מער נישט געדענקט נישט אין יאַנעקן, נישט אין אהרנען. זי איז געוואָרן פילבאר אויף אַ ליאַדע ווינטעלע, אויף אַ ליאַדע סקריפּ פון אַ טיר. דער מינדסטער ציטער פון זיין האַנט האָט זיך איר איבערגעגעבן. די האַנט זיינע איז געווען אַ ברייטע, אַ אָדערדיקע. ס׳האָט געשלאָגן פון איר מיט וואַרעמקייט און ענערגיע. אין דער פינצטער האָט זי נישט געזען זיין פּנים, נאָר געשוועבט האָט איר פאַר די אויגן די אויסגעקנאָטענע פיגור, זיין בליק, וואָס קוקט דורך אומזעבאַרע קראַטן. חדשים־לאַנג, ווי זי איז אים נאָכגעגאַנגען, אויסגעקוקט די וועגן און די גאַסן־ראָגן, ווו ער האָט זיך אַמאָל באַדאַרפט אריבערכאַפּן. זי האָט שטיל באַוווּנדערט דעם איינזאַמען מענטש, וואָס האָט געשפּאַנט דרייסט און קיינעם נישט פאַרמאָגט אין זיין לעבן.

זי האָט זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט, ווי לייכט זי איז אָנגעטון. דאָס שטוב־קליידל האָט זי אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אין איילעניש. „ווי צעררודערט אהרן איז — האָט זי זיך דערמאָנט — ווי צעררודערט ער איז אָוועקגעפאָרן". אין נידעריקן פענצטער האָט זיך געצייכנט דער סילועט. זי האָט אַ שעפּטשע געטון דעם חבר זלמן ער זאָל זיך צואיילן, דאָס פויערישע פּורל וואַרט שוין אונטן אַ היפּשע ווילע.

קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן. ער איז געשלאָפן ווי אויף דערוויל, אין אויפלייג־בעטל ביים פענצטער. אין צווייטן צימער איז געשלאָפן דאָס קראַנ־קע מיידל.

דער קאָברינער פּראָצעס האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד. עלף מענטשן זענען געשטאַנען אין שאָטן פון דער תליה, אין שאָטן פון שטאַנד־געריכט. מ׳האָט באַ־דאַרפט לויפן, איינרייסן. ס׳האָט זיך אויך געהאַנדלט אין דער דעלעגאַציע קיין

מאָסקווע. שטילע אַרומרעדענישן האָבן זיך שוין פון לאַנג געפירט וועגן ענין ביראָ־בידזשאַן. אַדאַם איז געווען אינפאָרמירט. ער האָט אים דערוואַרט.

מיט דער סאָסנע־אַליי איז דאָס פורל אַרויס פון די זאַמדן, ווען ס'האָט קוים גענומען ליכטיקן. ס'איז געווען אַ שמעקנדיקע סוף־זומער־נאַכט אין די וועלדער פון אָטוואָצק, איידער די בולטע שטערן נעמען זיך לעשן. אין דער צייט שאָקלען זיך שוין די פורלעך אויפן שאָסיי קיין וואַרשע. ס'איז פרייטיק. פויערים פון די אַרומיקע דערפער פאָרן זיך צונויף מיט פורלעך עופות, גרינוואַרג, קאַרטאָפל. דער שאָסיי, וואָס פירט צו די וואַרשעווער פאָרשטעט און מאַרקן, איז פאַרשטאָפּט; די ברוקן הילכן פון דער פאַרעריי. אויף די מערק אין פּראַגע און אין וואַרשע קויפן יידן איין אויף שבת. ס'איז א טאָג פון לייזונג.

אַליין האָט פייגעלע דערנאָך דעריאָגט דאָס פורל. זי איז געזעסן טיף אין דער בויד לעבן חבר זלמן. ברוינער, האָט זי געוווסט, וועט דאָרט זיין, דער מאַן אַלי־ציעס און — אַליציע. אזוי האָט מען איר געהייסן איבערגעבן. יאַנעק... אַליציע... ווי קומט זי דען, די סאַלאָן־קאָמוניסטקע, מיט די מאַניקירטע נעגל, צו אָט די אַלע ?... דאָס פורל האָט געקלאַפּט איבער די שטיינער, געפירט זיי איבער דער בריק. פרעמדע הייזער, ווייט פון יידישן גאַסן־פלאָנטער, ווייט פון מוראַנאָוו. אויף יענער זייט קערבעדזש־בריק איז דער חבר זלמן אומבאַמערקט אָפּגעשטיגן. נישט קוקנדיק אַהינטער, האָט ער זיך לאַנג געפּלאָנטערט צווישן גאַסן, פאַרהאַלטן זיך ביי אַ טויער, אָנגעקלונגען און אויפגעהויבן זיך אויפן צווייטן שטאָק. זיינע פיס זענען ווייך געטרעטן איבער דיוואַנעס. אין די נישעס זענען געווען צעשטעלט באַגילדטע פיגורן פון עקזאָטישע טענצערינס. ער האָט געצויגן דעם אַלטמאָדישן גלאָק אין אַ מאַסיוו־געשניצטער טיר. דאָס מיידל, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט אים אַריינגעפירט אין ליכטיקן זאַל מיט די בילדער.

לאַנג איז אים נישט אויסגעקומען צו וואַרטן. באַלד האָט זיך אַליציע אַליין באַוויזן אין דער זייטיקער טיר. ער האָט קוים באַוויזן אַ בליק צו טון ארום די ווענט. אַ חוץ די בילדער פון אַלטע פוילישע מאָלער, זענען אַלע איבעריקע געווען לייוונטן און בלעכן פון יידישע קינסטלער. ער איז געווען אַביסל איבעראַשט. ווי קומט עס ? שטיקלעך קוזמיר, אַלטע שטעטלשע שולן, יידישע כלי־זמר, וואַ־סער־טרעגער, האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט, צווישן די לאַנגע רייען פּאַליצעס פון אַדאַמס ביבליאָטעק. ער האָט באַוויזן אַ טראַכט צו טון, אַז די זין און די איי־ניקלעך פון די אַלטע וואַרשעווער יחוסדיקע יידישע משפחות האָבן, זעט אויס, געמאַכט אַ שריט אויף צוריק; זיי האָבן אין „נייעם" פוילן דערפילט, אַז מען קוקט נישט אַזוי פריינדלעך, אפילו אויף זיי. די געשיכטע פון פאַרלוירענעם קינסטלער, יאַנקאָ מוזיקאַנט, ביי שענקעוויטשן, האָט זיי אפשר באַוועגט צו טראַכטן, אַז אויך אין יידישן לעבן, אין דער געדיכטער יידישער אָרעמקייט, געפינען זיך אַזעלכע פאַרלוירענע טאַלאַנטן. ס'איז אפשר אויך געווען דער איינפלוס פון פּרצ'ן. ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז אַדאַם נאַטאַנזאָן געהערט צום קאָמיטעט צו שטיצן יידישע קונסט; אַז די דאָזיקע אַלע ענינים זענען אים בכלל נוגע א ביסל מער, ווי ער, חבר זלמן, שטעלט זיך פאָר.

זי איז געווען פול מיט פרימאָרגנדיקן שמייכל, אַליציע. זי איז געווען אין אַ קימאָנאָ־ראָק און האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, נישט אַזוי צוליב איר

אַנטון, ווי צוליב די בילדער, אין וועלכע זי האָט אים געפונען אַזוי פאַראינ־טערעסירט.

— אויסער די אַלט־פּוילישע פּייזאַזשן, וועלכע מיין פאָטער, איבערהויפּט מיין מוטער, האָבן נאָך איינגעקויפט אין די קראָקעווער קינסטלער־אַטעליעס, האָט אַדאַם מיטגעבראַכט עטלעכע לייוונטן פון אויסלאַנד, פון פאַריז, אָבער דער עיקר — פון די אויסשטעלונגען אויף דער וויעזשבאָווע. כ׳פאַרשטיי... איר ווילט זאָגן — „דאָס אייגענע קענט איר נישט און לויבט פרעמדס... איר ווייסט אַליין נישט וואָס איר פאַרמאָגט"... — האָט זי איבערגעחזרט דאָס וואָרט, וואָס איז זיי־נער צייט געוואָרפן געוואָרן ווי אַ באַשולדיקונג.

— יאָ, מיר האָבן געזינדיקט... א י ר האָט געזינדיקט, וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן...

ער האָט נאָך אַלץ גערעדט מיט שווערע, האַמעטנע רייד, ווי אַמאָל, אויף די פאַך־פאַרזאַמלונגען, אין די אַנגערויכערטע אַרבעטער־פאַראיינען. ס׳האָבן אים אויסגעפּעלט רייד. ער האָט זיך געשטיקט מיט זיי. זעלטן, אַז ער איז אַריבערגע־טרעטן די שוועל פון בירגערלעכע יידישע הייזער; און ער האָט זיך אַ ביסל גע־פילט ווי א פויער, וואָס קומט אין אַ אַמט מיט עפּעס אַ דאָרפישער דעלעגאַציע. ער איז געקומען צו אַדאַמען אין וויכטיקע שליחותן. אַדאַם איז געווען דער אַזוי־גערופענער פאַרטרעטער פון דער אָביעקטיווער מיינונג, אָנגעהויבן פון דער אגודה, פון ציוניזם, פון בונד, ביזן לינקסטן עקסטרעם אויף דער יידישער גאַס. ס׳איז געווען עפּעס אין אים פון דער אינערציע פון די ברייטע יידן, די „פּאַדריאַטשי־קעס", די שתדלנים, וואָס זענען געווען אויסגעקאָכט מיט „נאַטשאַלסטווע" און געזאָרגט פאַר כלל־ישראל. אַדאַם איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער געזעלשאַפט צו פּראָדוקטיוויזירן יידן, פון „אָרט"; ער איז געווען אין אַלע עמיגראַ־ציע־געזעלשאַפטן, אין אַלע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וואָס ברענגען הילף פון אַמעריקאַנער יידנטום. ער האָט זיך אַפילו געלאָזן אַריינציען אין עפּעס אַ טע־ריטאָריאַליסטישער גרופּע, וואָס האָט זיך געפּלפּולט מיט פאַנטאַסטישע פּלענער פון קאָלאָניזאַציע פאַר יידן אין ווייטע מקומות, ערגעץ אין העק וועלט. ער האָט געהאַלטן אַז יונגע יידישע מענטשן דאַרפן פאָרן, נאָר אַוועקפאָרן, ווייל קיין גוטס צו דער־וואַרטן האָבן זיי דאָ סיי־ווי נישט. אויף די יידישע יונגעלייט, אויף זיין אייגע־נעם זון, וואָס פאַרוואַרפן פענדלעך אויף די טראַמוויי־דראָטן און גייען דערפאַר אָפּזיצן לאַנגע יאָרן תפיסה, האָט ער געקוקט מיט נישט ווייניק ביטול; אָבער אַז מ׳האָט באַדאַרפט, האָט ער שטילערהייט, דיסקרעט, טעלעפאָנירט ווו מען דאַרף, גערעדט א גוט וואָרט ביי די באַרימטע יידיש־פּוילישע אַדוואָקאַטן, מיט וועלכע ס׳האָט געקלונגען אַ וועלט, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט די ענינים, אָן איבעררי־קע קאָסטן. ער האָט זיך דעריבער אויך אָנגעכאַפּט אין בירא־בידזשאַן, ווו ס׳איז געעפנט געוואָרן אַ קליינע שפּאַרע אַריינצולאָזן אַ ביסל יידן. אומגעריכט האָט זיך אין דער יידיש־פּוילישער פּרעסע, ווו מ׳איז גאַרנישט אַזוי פּריינטלעך גע־וועזן פאַרן אויפבוי אין ראַטנפאַרבאַנד, באַוויזן אַ ריי אַרטיקלען וועגן יידישע אויפטוען דאָרט, געצייכנט מיט זיין נאָמען. און כאָטש ער איז שוין דאָרט איינ־קע מאָל, אין זשורנאַליסטישע שליחותן, געווען אין מאָסקווע, האָט ער אַליין

געוואָלט זיין אין אַן אָפיציעלער דעלעגאַציע, צו רעדן מיטן אַלטן קאַלינינען, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל טיפע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער יידיש אומגליק.

מ׳האָט זיך אין דער עפנטלעכקייט א ביסל געחידושט, וואָס אזא ייד ווי אדאם נאַטאַנזאָן האָט זיך אַזוי אָנגעכאַפּט בלב ובנפש אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן. זיינע ארטיקלען זענען דערשינען אין דער יידישער און יידיש־פוילישער פּרעסע. ער, וואָס האָט אליין פאַרמאָגט ווייסע, אײדעלע הענט; וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווּסט ווי אזוי מען האלט א רידל, א פּיאַש; וואָס האָט גאָר־נישט געקענט פילן וואָס אזוינס ס׳איז א ביסל ערד ביי א פּויער; ווי אזוי דער פּויער נעמט עס צערטלעך אויף דער פאַרהאַרטעוועטער דלאָניע, שמעקט דערצו, פאַרזוכט עס אָפילו מיט דער צונג; ער, אדאם, האָט פּלוצים גערעדט מיט געניט־שאַפט וועגן ערד, וועגן שאַסייען, שטיין־קאַריערן, וועגן אויסהאַקן און אויסקאָר־טשעווען וועלדער, טרוקענען זומפּן, וועגן איריגאַציע פון ווילדע טייכן... דווקא פון ארץ־ישראל האָט ער נאָך אין יענע יאָרן קיין האָר נישט געהאלטן. ער איז שוין דאָרט נישט איין מאָל געווען, גוט געקענט ס׳לאַנד, דעם שווערן סוב־טראָפּישן קלימאַט, וואָס איז פול מיט מיסטעריע פאַר אַן אונדזעריקן, געוווינט צו אַ שטרענגן ווינטער און צו אַ מילדן זומער; דער דאָזיקער געאָגראַפישער און סטראַטעגישער ערד־פּאַס האָט פון די עלטסטע צייטן אַן געברענגט אַלע אומגליקן. כאָטש ער איז נישט געווען קעגן דעם, אז יונגע מענטשן זאָלן אהין פאָרן, אויפצורייסן דעם פאַרווילדעוועטן באָדן, פאַרהאַרטעווען די ווייכע הענט, אויפשטעלן א יידישן ישוב, באַפּעסטיקן אים, כדי צו קענען זיך פאַרטיידיקן. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין אויסוועג פאַר דער גרויסער מאַסע יידן; ס׳וועט נישט לייזן דעם פּראָבלעם פון יידן. ער איז אויך מיט יאָרן צוריק נישט מסכים געווען מיט זיין טאַטן, אין זיין לאַנג־יאָריקן וויכוח מיט אחד־העמ׳ען. גיכער איז ער שוין געגויגט געווען אויף דער זייט פון הערצלען, פאַרן אוגאַנדאַ־פּלאַן; ווייל הערצל, האָט ער געהאלטן, איז אין גרונט געווען מער טעריטאָריאַליסט, ווי ציוניסט, ווייל ס׳פאָלק מוז שוין, באַלד — אַזוּעק, לעבן פאַר זיך, ווייל ס׳וועט פריער אָדער שפּעטער צעריבן ווערן צווישן די מיל־שטיינער פון דער געשיכטע. ס׳פעלן נישט קיין וויסטע לענדער אויף דער ערד. אָבער נישט באַראָן הירש, נישט די „איקא״, נישט די טעריטאָר־יאַליסטן מיט אַלע זייערע טעאָרעטישע באַגרינדונגען, אָן שום פּראַקטישן אויספיר, האָט ער איינגעזען, זענען נישט געגאַנגען אין די ריכטיקע וועגן. מיר אַלע גייען נישט אין ריכטיקע וועגן. דאָ וועלן מיר דערשטיקט און אויפגעפרעסן ווערן — פון אַנטיסעמיטיזם, פון אַסימילאַציע און — צווישן זיך גופא.

דעריבער האָבן די רייד פון אַלטן פּויער, פון קאַלינינען, אַזוי גערעדט צום הארץ, צום יידישן געמיט. מ׳האָט אים געגלויבט, דעם פּויער מיט די פּראָסטע, דראָטענע ברילן און מיטן פאַרשפּיצטן גרויען בערדל. ער איז געווען דער אָנזאָ־גער פון אמתן סאָוויעטישן הומאַניזם.

אָפילו די בירגערלעכע, פּראָ־ציוניסטישע צייטונגען האָבן געמוזט נעמען שטעלונג צו דער דעקלאַראַציע פון קאַלינינען, צום דעקרעט פון דער סאָוויעטן־רעגירונג. דער אלטיטשקער פּויער קאַלינין האָט מיט אַזויפיל זאָרג און פּשטות גערעדט וועגן די דעקלאַסירטע יידן, וועגן זייער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. מ׳האָט אַפילו נאָכדערציילט, אַז ער אַליין זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט:

„ווען איך בין אַ יידישער רב... — האָט ער זיך געזאָלט אויסדריקן — וואָלט איך געלייגט אין חרם אַריין די אַלע, וואָס ווילן דווקא פאַרבלייבן ווינען אין מאָסקווע, ווייל זיי ווערן פאַרלוירן פאַרן יידישן פאָלק”... די פּראָ־ציוניסטישע פרעסע האָט געפּרוווט דערציילן, אַז דער קלימאַט איז דאָרט אומדערטרעגלעך — בלאָטעס... פליגעלעך... אָבער וואָס האָט מען שוין געקענט דערמיט אָפּשרעקן די ארבעטס־לאָזע יידישע יוגנט פון די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום טאַטנס געוועלבל? אייניקע בירגערלעכע זשורנאַליסטן האָבן זיך, פאַרקערט, אָנגעכאַפּט אין דעם מיט לייב און לעבן; און צווישן זיי — אַדאָם נאַטאַנזאָן; און כאָטש די דעקלאַראַציע פון קאַלינינען האָט זיך דער עיקר באַ־צויגן צו די דעקלאַסירטע יידן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, האָט מען אין די קרייזן שטאַרק געשמועסט וועגן אַ דעלעגאַציע פון פּוילישע יידן קיין מאָסקווע. שטילע ארומרעדענישן האָבן זיך שוין געפירט פון לאַנג. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן שיקן אַהין אַזעלכע, וואָס זאָלן נישט זיין צופיל פּאָליטיש אַנגאַזשירט אויף איין צד. די פּוילישע רעגירונג, ווידער, האָט גאַרנישט אַזוי קרום געקוקט אויף אַ יידישער אויסוואַנדערונג־געזעלשאַפט; זי האָט אָבער געוואָלט זען רעזולטאַטן...

איבער נאַכט ממש איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקע באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד. דער מאָגערער זשורנאַל „אויפבוי”, וואָס האָט דערציילט וועגן דער יידי־שער קאָלאָניזאַציע אין קרים, כערסאָן, בּיראָ־בּידזשאַן, איז צעכאַפּט געוואָרן. אָפן און פריי זענען געשטאַנען די נייע לאָקאַלן פון דער געזעלשאַפט „אַגראָיד”. אַלע אומלעגאַלע בערזעס פון דער סמאַטשע, פון דער לעש, פון דער דזשיקע, האָבן זיך דערוייל אַריבערגעטראָגן אַהין. דאָס מונטערע ליד פון איבערוואַנדערער אויף דער ערד, וועגן „יידישע חזירימלעך”, האָט זיך געטראָגן פון אַלע אָנגעפּראָפּטע זאַלן. די קורץ־אונטערגעשוירענע מיידלעך, די יונגעלייט מיט די אָפּגעלייגטע קעלנער, זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס. די פלי־גרופּן פון דראַמ.־קרייז האָבן אויף די אינטימע שמחהלעך, ביי אַ גלעזל בראָנפן, ביי אַ הערינג מיט קאַרטאָפל, רעציטירט דאָס ליד פון אַ סאָוויעטישן יידישן דיכטער וועגן יידישע דערפער, „ווו ס׳איז פון כל טוב פאַראַן”, געגראַמט מיט „בּיראָ־בּידזשאַן”; דאָס ליד וועגן פלאַטערדיקן מיידל, וואָס טראָגט אין בוזים אַ רויטן טראַנספּאַרענט און גייט מיט אַלעמען אין דער גאַנצער ברייט פון גאַס...

די יידישע שטעטלעך האָבן פאַרשיט מיט בריוו און אָנפראַגעס. קליינע באַל־מעלאָכעס, אָנגעשטעלטע, אַרבעטער, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר אויסגעקוקט אויפן סעזאָן, זענען גרייט געווען צו ליקווידירן די גאַנצע בידנע עקזיסטענץ, צונויפקלאַפּן אַ פּאָר גראָשן און אַריבערפּעקלען זיך אַהין. מ׳האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי די ערד ברענט אונטער די פיס. קיין פּאַלעסטינע איז אויך שווער געווען און די לענ־דער מעבר־לים זענען געשטאַנען פאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער.

אַן אַמעריקאַנער יידישע זשורנאַליסטין, וועלכע איז צוריקגעקומען פון אַ לאַנגער רייזע איבערן ראַטנפאַרבאַנד, איז געפלויגן פון לעמבערג קיין ווילנע, פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק. זי איז געווען אַן עקזאַלטירטע רעדנערין. זי האָט לעבע־דיק געמאָלן דעם אויסגעוואָרצלטן יידישן מענטש פון אוקראַינע, פון ווייסרוס־לאַנד, ווי ער שטייט אין דער ווילדער טייגע, וואָס איז רייך אין נאַטירלעכע אוצ־רות, אין געווילד, און קעמפט אויס ביי דער פרידלעכער נאַטור די היים, ווו אַוועק־

צושטעלן די וויג פאַרן ניי־געבוירענעם... א הייליקער פלאַם האָט זיך אָנגעצונדן ביי דער יידישער יוגנט אין די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך. מ׳האָט זיך אין אָוונט ארויסגעלאָזן אויפן שאָסיי, אונטער די פרעמדע שטערן, וואָס לייכטן אָבער אויך דאָרט, ווו דאָס נייע לעבן וועט זיך באַלד אָנהייבן. פעסטע בחורים, מיט נישט־אויסגענוצטער ענערגיע אין די מוסקולן, האָבן זיך שוין באַצייטנס געהאַט באַזאָרגט מיט לעדערנע קורטקעס, מיט וואַליזעס און נאָר געוואַרט אַרויפ־צוכאַפן זיך אויפן פורל, אונטערצופאָרן די עטלעכע קילאָמעטער ביז צו דער באַן־סטאַציע און פון דאָרט — קיין וואַרשע, צום גרויסן אָפּפאָר. ביי דער געלעגנהייט האָט מען זיך צוזאַמענגעקלעפּט אין פאַרלעך. אין צווייען איז לייכטער. חתונה האָבן דאָ, בויען אַ משפחה, איז אַלץ שווער געווען; מ׳איז „ארומגעגאַנגען" יאָרן און קיינמאָל נישט געקענט קומען צו עפּעס אייגנס. אומעטיק איז געווען אין די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך פון דער יידישער פּראָווינץ. די פּרץ־ביב־ליאָטעק, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, האָבן געפּוסטעוועט. צוביסלעך איז זיך די יוגנט צעפאָרן אין די גרויסע שטעט אריין, אין דער וועלט אַריין. די קריסט־לעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן ביי די קליינע, געהויקערטע טאַטעס אין די לײַדיקע געוועלבלעך צוגענומען דאָס לעצטע ביסל חיונה. די „נאַרא"־יונגען האָבן אָוועק־געשטעלט פּיקעטן ביי זייערע טירן און נישט אַריינגעלאָזן קיין נישט־יידישן קונה. די „פּאַטריאָטישע" אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אַפילו אויף די שטאַרקע יידן, די קצבים, די טרעגערס, די מאַרק־הענדלער, וואָס זענען געפאָרן מיטן ביסל סחורה אויף די יאַרידן; מ׳האָט צעטראָגן זייערע „סטראַגאַנעס", די געשטעלן; צעבלוטיקע, זענען זיי קוים אהיימגעקומען מיטן לעבן.

אין וואַרשע איז געווען אַן אָנגעלויף פון יונגע מענטשן. זיי זענען באַ־צייטנס געקומען אַ קוק טון, אַ פרעג געבן, ווי ס׳האַלט מיטן אָפּפאָר. זיי האָבן גע־לעבט נישט געמאָלדן, פאַרשטעקטע אין קעלערס און בוידעם־שטיבלעך. פאַרן 1־טן מאַי, אָדער פאַרן 7־טן נאָוועמבער האָט מען פאַרוואָרפן אַ פאָן, אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ איז „פאַרשאָטן" געוואָרן, אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט אַלעמען אויסגע־געבן. פּאָליציי איז געקומען נישטערן, אַרעסטירן. האָט מען זיך אָפּגעטראָגן און אויסגעמישט זיך אין וואַרשעווער גרויסן יידישן קעסל. מ׳האָט צוביסלעך אונטער־געהונגערט, געשלייכט זיך אויף די אומלעגאַלע פאַראיין־בערזעס זוכן אַן אַר־בעטס־פּלאַץ. קיין אַרבעטס־פּלעצער האָבן זיך נישט געוואַלגערט אויף דער גאַס. דער סעקרעטאַר פון פאַראיין האָט אוועקגעשטעלט אויף דער ליסטע און גע־הייסן וואַרטן. דערווייל איז מען געשלאָפן אויף אַן אָפּגעדונגען בעטל, אָוונט־צייט געשטופּט זיך אויף די איבערגעפּאַקטע טראָטוארן פון דער דזשיקע גאַס, אין די אָנגערויכערטע קאַוויאַרניעלעך.

אין מיטן פאַרכמאַרעטן טאָג האָבן זיך די הייזער נאָכמער צוזאַמענגערוקט, די טויערן, די דורכגאַנגס־הייף האָבן זיך פאַרהאַקט. אויפן מיטן ברוק, צווישן די טראַמוויי־שינעס, צווישן אויטאָבוסן, קוילן־פורגאָנעס, וועגענער, דראָזשקעס, האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס יונגע געזאַנג, געריסן זיך העכער, איבערן רויטן, וואָ־רעמען געפלאָטער אין די עלעקטרישע דראָטן. גומי־פּאַלקעס, בלאַנקע שאַבלעס און ביקסן־קאָלבעס, האָבן נישט געקענט בייקומען די פאָן־שטעקנס, איבערגעבראָ־כענע אויף דער העלפט.

פאַרן אַרויסטריט פון דער רעדנערין איז אָפּגעדונגען געוואָרן איינער פון די גרעסטע טעאַטער־זאַלן אין וואַרשע. זעלטן־ווער ס׳איז אַראָפּגעפאָרן מיטן טראַמ־ווײַ פון די ווײַטע יידישע גאַסן. צופוס האָט מען געשטראָמט אַהין לאַנג פאַרן אָנ־הייבן. דער זאַל איז שוין געווען איבערגעפּאַקט. די גאַלעריעס האָבן זיך געבראָכן. צוריקוועגס האָט אהרנען דער חבר זלמן פאַרטייעט געפירט אונטערן אָרעם. זיי זענען געגאַנגען דורך הינטערגאַסן. אין חבר זלמנס וואַרעמער שטים איז געווען די אײַביקע סקעפּטישע נאָטקע:

— צופּיל טומל איז אויך אומגעזונט... און — דער קאַמף אויפן אָרט ? מ׳קען נישט פאַרוואַנדלען ביראָ־בידזשאַן אין אַ נײַעם ציוניסטישן טומל... כ׳האָב אָנגעקוקט דעם עקזאַלטירטן עולם, די מאַסע יונגע מענטשן, וואָס לעבט מיטן טאָג, מיטן דערווײַל... האָב איך פאַרשטאַנען. נאָר עפּעס האָב איך מורא...

— איך האָב דעם פולשטענדיקן צוטרוי צו די רייד פון קאַלינינען, צו דער טיפער הומאַנישקייט פון דער ראַטן־מלוכה... מיר גייען דאָ אונטער ! איך האָף, אַז די דעלעגאַציע וועט עס דאָרט געבן צו פאַרשטיין. זאָל אונדזער טרויעריקע עמיגראַציע אַמאָל רעגולירט ווערן, זאָל זי גיין ערגעצוווּ מיט אַ ציל, מיט אַ גרויסן ציל. וואָס פאַרא וווּנדערבאַרע יידישע אינטעליגענץ ס׳איז ביי אונדז אויסגערונען, אַוועק צו אַלדי שוואַרץ יאָר... אָנשטאָט צו העלפן דעם פאָלק...

— האָסט זיך אַביסעלע צופּיל פאַרגאַלאָפּירט... אָבער דײַנע רייד לייגן זיך אויפן שכל. ס׳איז אמת, מיר האָבן אפשר דאָס גרויסע אומגליק צו זײַן צופּיל פּעאיק... ס׳איז יידישער אינסטינקט פאַר קאָנסערוואַציע; און באַגלייך — דער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס צו אַלץ, וואָס איז אייגנס. זיי, די דאָזיקע, רייסן זיך אומעטום צו פרעמדע קולטורן, פאַרלייקענען אונדז, מאַכן אונדז צו בלאָטע... זיי אינטערעסירט נישט ביראָ־בידזשאַן... זיי קומען אומעטום צום גרייטן... זיי פאַרשטייען עס נישט און ווילן עס נישט פאַרשטיין... זיי וועלן עס אפשר אַמאָל פאַרשטיין...

נישט קיין אנדערער ווי דער חבר זלמן איז געשיקט געוואָרן צו אדאָם באַ־טאַנזאָן. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער בירגערלעכער פּרעסע, וועגן דער דעלעגאַציע קיין מאָסקווע. אַריינגעפאַלן איז ער גראָד דעמאָלט, ווען אדאם האָט האָפּערדיק אומגעשפּאַנט איבער זײַן קאַבינעט אַרויף און אַראָפּ, פאַרוויקלט אין אַראָמאַטישן פּאַפּיראָסן־רויך. אַדאָם האָט זיך אויפן ערשטן בליק גאָרנישט טועה געווען ווער אַזאַ שטייגער מענטש קען זײַן; אַ געניט אויג האָט זיי באַלד דער־קענט, די, וואָס האָבן פאַרביסן געטראָגן מיט זיך אַ שטרענגען פאַרטייאישן סוד. אַדאָם האָט אים צוגערוקט אַ שטול און האָט מיט אינטערעס געוואָלט הערן וואָס ער האָט אים צו זאָגן. דער חבר זלמן האָט אַ טראַכט געטון, אַז אָט די אַלע לייט, וואָס זענען אַזוי אָפּט געזידלט געוואָרן אין דער פאַרטיי־פּרעסע, האָבן זיך גאָר אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט זיי אַרויסגעוויזן פאַר פּשוטע, וואַרעמע, צוגעלאָ־זענע יידן, פול מיט פאַרשטענדעניש און לאָיאַליטעט.

— רעדט, רעדט... — האָט זיך אַדאָם געגלעט דאָס גרוילעכע בערדל — אײַ־אײַ־אײַ... ס׳איז שוין לאַנג צייט, אַז יידן זאָלן זיך צונויפרעדן וועגן יידישע צרות...

— יידישע צרות... איז טאַקע אפשר דאָס ריכטיקע וואָרט... מיר שטיקן זיך דאָ... ביראָ־בידזשאַן האָט אַנגעצונדן ליכטיקע האָפענונגען אין די הערצער פון אַ סך יונגע מענטשן, אָבער...

— דאָס איז מיין מיינונג נישט פון היינט — האָט אים אדאם נישט געלאָזן פאַרענדיקן — מיר האָבן דאָ קיין גוטס נישט צו דערוואַרטן, זאָלט איר וויסן... אוועקפאָרן, נאָר אוועקפאָרן...

ברוינערן, דעם אינטעליגענט, האָט ער גוט געקענט, אדאָם; אָבער דעם חבר זלמן האָט ער געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט זייטיק געהערט וועגן אים. פאַר־וואונדערונג האָבן אָבער ביי אים דער עיקר ארויסגערופן די יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַזוי פעסט געהאַלטן אויף די פראָצעסן; מיט וועלכע די צייטונגען זענען פול געווען; וואָס זענען אוועק אויף לאַנגע יאָרן אין די תפיסות. יאָ מסכים, צי נישט מסכים, מ׳האָט זיך געפרעגט — פון וואַנען דערנעמט זיך צו זיי אַזאַ עקשנות ? ס׳איז געווען דער דור, וואָס האָט זיך געראַנגלט, זיך מוסר נפש גע־ווען, ווייל וואָס צו פאַרלירן האָט ער נישט געהאַט. נישט אַזוי מיט ברוינערן, ווי מיט אים, מיט חבר זלמן, האָט ער געוואָלט שמועסן. ער איז דעריבער צופרידן געווען, וואָס ברוינער האָט באַצייטנס צווויסן געגעבן, אז ער וועט דאָס מאָל נישט קענען ביייזיין.

ס׳איז געווען אַ היימיש־געגרייטער פרישטיק אין א זייטיק צימער, ווו זיי זע־נען געזעסן איינער קעגנאיבערן אנדערן, נאָך אַ קורצן, קילן, פריינטלעכן באַגריסן זיך. די שאַרפע, פרי־הארבסטיקע זון, וואָס האָט זיך דורכגעזיפּט דעם פאַרהאַנג, האָט באַגילדט א קליינעם בראַנז־ביוסט אויפן שוואַרץ־לאַקירטן טישל, אויף א הויכן, געשניצטן פוס. אדאם האָט געפילט דעם פעסטן, זיכערן האַנט־דרוק זיי־נעם. ס׳איז נישט געווען קיין ווייכע, אינטעליגענטישע האַנט. דאָס איז אים עפּעס אויך גלייך געפעלן. דער מענטש האָט זיך נישט באלד צוגערירט צו דער טאַס קאַפע. אַדאַם האָט אים עטלעכע מאָל באַדאַרפט דערמאַנען, אַז ס׳ווערט אָפּגע־קילט. די ווערטער זענען אויך ארויסגעקומען ביי אים האַמעטנע, כאָטש ער האָט לאַנג געטראַכט ביי וואָס אָנצוהייבן.

— כ׳מוז אייך זאָגן — האָט זיך אָפּגערופן חבר זלמן — אַז מיר פאָלגן נאָך אייערע באַריכטן און אויספירן מיט גרויס אינטערעס. איר זוכט נאָך אַלץ אַן אויסוועג פארן חולה, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר... אזוי באַקומט זיך...

— איך ווייס עס. איך קען צופיל אָט די באַנדע פולקאָוניקעס, וואָס פירט דאָס לאַנד צום אָפּגרונט... און נאָך א זאַך וועל איך אייך זאָגן — האָט זיך אדאם שאַרף ארומגעקוקט, אראָפּלאָזנדיק דעם טאָן — אַז זיי וועלן זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשטעלן, און נאָכמער — בנוגע אונדז, יידן. ס׳האַנדלט זיך אָבער אין איבער־כיטרעווען זיי, אין אָנבליק פון אויסלאַנד. אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע האָבן אויך יידן דאָס וואָרט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן הלוואות. ווי שיין זיי רעדן דאָרט, אין אויסלאַנד, די פולקאָוניקעס... אויף דעם שוואַכן פונקט קלאַפּן מיר. איך וואָג, אָבער נישט אַלע מאָל קען איך.

— איר האָט פונדעסטוועגן דער איינציקער כמעט געוואָגט צו רעדן אַזוי אָפן וועגן די שטאַנד־געריכטן אין שייכות מיט 11 פון קאָברינער פראָצעס, כאָטש אייערע אַרטיקלען זענען דערשינען מיט ווייסע בלויזן.

— איר מיינט אפשר, אז מיך וועלן זיי יאָ שוינען ?... — האָט ער געלאַכט קלוג און ביטערלעך — האָט איר אַ גרויסן טעות. זיי גרייטן שוין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַפילו פאר די, וואָס פאַרנעמען אַזאַ נייטראַלע פּאָזיציע, ווי איך... ס׳איז שוין כמעט ווי זיכער...

— ס׳האַנדלט זיך אָבער אין איצטיקן מאָמענט צו ראַטעווען די 11 מענטשן פון דער תליה... כ׳מיין...

ווי צוריקגעהאַלטן אדאַם איז נישט געווען, איז אויפגעשטיגן אַ רויטקייט אויף זיינע בלוי־אויסגעגאָלטע באַקן. ער האָט אים נישט געלאָזן פאַרענדיקן:

— איר באַטראַכט, הייסט עס, דעם יידישן פּראָבלעם ווי אַ נישט אָפּגעריסע־נעם. כ׳פאַרשטיי, וואָס איר האָט מיר בדעה צו זאָגן. אָבער מיך, פון מיין זייט, אינטערעסירן — יידן. מיר האָבן גענוג געזינדיקט. ראַטעווען וואָס מער יידן! איר האָט אַוודאי געלייענט מיינע אַרטיקלען וועגן באַזעצן יידן אין די בירא־בידזשאַ־נער טייגעס.

— נאַטירלעך. אָבער צי האָט איר נישט געטראַכט דערפון, אַז עס מוז שוין באַציייטנס געוואָרנט ווערן, אז בירא־בידזשאַן איז נישט קיין... סאָוויעטישער ציור־ניזם ?... דאָרט איז די יידן־פראַגע געלייזט. יידן זענען גלייכע בירגער פון אַ פריי לאַנד... דאָ קעמפן מיר, ווייל דאָ איז אונדזער היים. דאָ פאָדערן מיר רעכט צו לעבן...

— הלוואי זאָל איך זיך האָבן טועה געווען, אָבער... איך ווייס נישט צי די אויפלייזונג פון יידן אין אַ נייער געזעלשאַפט פירט יאָ צו ווייט... איך, פון מיין זייט, האָב קיינמאָל נישט געזען קיין לייזונג אין... אויפלייזונג... כ׳וועל אָבער פאָרן! כ׳וויל אַליין רעדן מיטן אַלטן קאַלינינען. ער וועט אונדז, האָף איך, פאַרשטיין...

דער חבר זלמן האָט אים מער נישט געהערט. ער האָט גערעדט קיל, אָבער אין זיין נעפּלדיקן בליק איז געווען אַ פלאַם.

— נו, יאָ... בירא־בידזשאַן... — האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף אַ שפּיץ שטול — נאָר מיטן עמיגרירן פון אַ פּאָר טויזנט יידן וועט איר לייזן, גלויבט איר, אַלע יידישע פּראָבלעמען ? און צי קען מען דען בכלל אַנטלויפן פון אַן עפּי־דעמיע, וואָס לויפט איך נאָך ? די גאַנצע וועלט שטייט אין אַ ביטערן געראַנגל... אַנטלויפן...

און דעמאָלט איז אַליציע שטיינגעבליבן אין דער טיר, מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכל, אַביסעלע צעטראָגן, אָבער אַנטשלאָסן. א קליין, ווייס קעלנערל האָט אַרומגענומען איר הויכן האַלדז.

— אַדאַם — האָט זי געזאָגט מעלאַדיש שטיל — מען דאַרף זען עפּעס צו טאָן פאַר די מענטשן, אין שאָטן פון דער תליה...

ער האָט אַלץ צוגעזאָגט, אדאַם. ער האָט זיך אין דעם פּרימאָרגן שפּעט אויפ־געהויבן. ביז נאָך צוועלף ביינאַכט איז ער געווען ביי דער סיים־דעבאַטע. ער האָט דיקטירט די באַריכטן, דעם לייט־אַרטיקל. ס׳איז געווען א געמיינער אַרויסטריט פון אַן ענדעקישן דעפּוטאַט וועגן דער עקספּאַנסיע פון יידישן קליינהאַנדל; אַן

אינטערפּעלאַציע פון א לינקן דעפּוטאַט וועגן נייעם, פאַרשאַרפטן תפיסה־רעגולאַ־מין פאַר פּאָליטישע, וועגן שטאַנד־געריכטן. פון די רעכטע בענק זענען געווען פּייפעריין. וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק האָט גערעדט דער פּרעמיער אליין. מ׳האָט זיך נאָך אַלץ געוואָקלט צווישן לאָנדאָן און בערלין. ס׳האָט זיך אויך גע־האַנדלט וועגן געבן פרישע קאָנצעסיעס פון די קוילן־גרובן אין זאַגלעמביע, וועגן אַ נייער הלוואה פון אויסלאַנד אויף באַוואָפענונגען. אַ פאַרטראָגענער, דער קאָפּ אָנגעגאָסן מיט בליי, האָט אַדאַם אָפּגעטריבן פון זיך די באַנדע זשורנאַליסטן און געכאַפּט די לעצטע דראָזשקע אַהיים. ער האָט דערפילט אַ גרויסע צעבראָכנקייט. נייך, ס׳איז קיין אייניקייט צווישן די עטלעכע יידישע דעפּוטאַטן אויך נישט געווען. וואָס פאַראַ אויספירן מאַכן פאַרן מאָרגנדיקן לייט־אַרטיקל ? פון אינערן־מיניס־טעריום האָט מען אים שוין אייניקע מאָל געוואָרנט, דיסקרעט געוואָרנט... ער שרייבט, הייסט עס, וועגן אַזוינס, וואָס דאַרף פאַרשוויגן ווערן. אָט, אַ שטייגער, האָט מען אויף אַ העלפט קאָנפיסקירט זיין אַרטיקל וועגן קאָברינער פּראָצעס; אַ גרופּע יידן, ווייסרוסן, אוקראַינער איז געשטאַנען אין שאָטן פון שטאַנד־געריכט, אין שאָטן פון דער תליה, אויף די מזרח־קרעסן, ווו דער רעזשים איז באַזונדערס פאַרשאַרפט. ס׳איז שוין באַלד געוואָרן אוממעגלעך צו קאָנטראָלירן אַזויפיל די אייגענע פעדער.

ער האָט איינגעשטימט, אַדאַם, ער האָט אויף אַלעם איינגעשטימט. ער האָט דעם חבר זלמן קורץ געדריקט די האַנט, ווייל עס האָבן שוין געוואַרט אויף אים די טעלעפאָנען, מענטשן אין פאָדער־צימער האָבן געוואַרט.

אין דעם הויז האָט ער אָבער איבערגעוואַרט ביז פאַרנאַכט, דער חבר זלמן. ער איז אַראָפּ פון דאָרט, ווען די לאָמטערן לענגאויס דער קערבעדזש־בריק האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן. פייגעלע האָט אים, מיט אומוועגן, צוריקגעפירט צו דער אַטוואָצקער ליניע. ס׳איז געווען פרייטיק צונאַכטס. פון אַ סך יידישע וויל־יעס האָבן אַרויסגעקוקט פלעמלעך פון שבת־ליכט; און ס׳האָט אים דערמאָנט — דער מוראַנאָוו... די בערזעס אַרום די נידעריקע טויערן פון דער מילע גאַס... ס׳קליינע, בלייכע מיידל, די וועש־נייטערין... ביז צו דער וועראַנדע האָט זי אים באַגלייט, פייגעלע. ער האָט געהאַלטן איר קליין הענטל אין זיינע פעסטער דלאָניע, ווען זי האָט אין לעבלעכן טונקל אים געפירט צו דער הילצערנער שטיג.

— דאָ איז די טיר... — האָט זי שטיל געזאָגט.

אָבער ער איז נאָך אַלץ שטיינגעבליבן אין דער טונקל.

— ס׳ווערט שפּעט... — האָט זי, אַביסעלע האַסטיקער, אַ ציַ געטון איר האַנט פון זיין וואַרעמער דלאָניע און זי האָט דערנאָך אַליין נישט געוווּסט, צי האָט זי עס טאַקע באַדאַרפט צו טון.

## קאַפּיטל זעכצן

ס׳איז נישט געווען בלויז דער אַרעסט פון חבר זלמן; אַלץ האָט, אין א געוויסן מאָמענט, אויסגעזען צו זיין אונטערגעגראָבן. מ׳איז געגאַנגען אין אַ נייער, אומבאַקאַנטער ליידיקייט אַריין. מיט אים, מיטן חבר זלמן, האָט מען געפילט, פאַרשווינדט אַ דור, אַ שיינער דור.

„כ׳האָב אַנומלטן געלייענט פון דיר אין א היגן בלאַט... — האָט אים, אהרנען, דער טאַטע, וואָס איז אין „יענע יאָרן״ פאַרמישט געווען אין די שטרייקן, געשריבן פון פּאַריז — מאַטערסט זיך דאָרט אַוודאי געגנוג איינער אַליין. מירן זיך סטאַרען דיך אַריבערצונעמען. די פראַנצויזן זענען פאַרט אַן איידל פאָלק... זיי לאָזן לעבן״...

אָבער דערוויל האָט ער נאָך נישט געקלערט דערפון, אהרן; און קיין תכלית פאַר דער דזשיקע גאַס איז עס אוודאי נישט געווען. אָט — בירא־בידזשאַן... ווען ס׳לאָזט זיך כאָטש עפּעס אויס פון דער גאַנצער גראַטשקע... פאַרוואָס, פרעגט זיך, איז פּלוצים אַזוי שטיל געוואָרן ?...

ווייל מ׳האָט שוין דערנאָך מער עפּעס נישט געהערט דערפון. די אַנגעלאָפּענע יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך צו ווינטער־צו אומגעקערט צו די אומעטיקע שטעטלעך אין דער פאַרשטעקטער פּראָווינץ, געלאָזן אָוועקפירן זיך אין די אויסגעלאָשענע נעכט צו די תפיסות פון לאַנד, צום קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע. מ׳האָט שוין איצט געוווסט, אז דער חבר זלמן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אַהין.

די בריסקער פעסטונג, דער לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע — דאָס זענען געווען די צוויי פאַרשיקונגס־ערטער, דאָס פּוילישע „סיביר״, באַשטימט פאַר דער אָפּאָזיציע אין לאַנד. אין דער שפּיץ און אלס איניציאַטאָר איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן דער קליינער, שטרענגער שטאַבס־פּולקאָווניק קאָסטעק־פּולאַסקי, דער ניי־באַשטימטער וואָיעוואָדע פון געפערלעכן פּאָליעסער גרענעץ־געביט.

אינמיטן פונעם שיינעם, מילדן סעפּטעמבער 1935, ניין יאָר נאָך זיין רומפול באַטייליקן זיך אין „מאַרש אויפן בעלוועדער״, בעת דער מאַי־איבערקערעניש, איז דער קליינער שטאַבס־פּולקאָווניק פּאַרטרוילעך אַרויסגערופן געוואָרן אין וואַרשעווער שלאָס אריין. אַרויסגערופן געוואָרן איז ער פון זיין צייטווייליקער דינסט־קוואַרטיר, אין ווילנער מיליטערישן גאַרניזאָן, ווו ער איז שטאַרק באַשעפטיקט געווען ביים רעאָרגאַניזירן די באַזונדערע צפון־מזרחדיקע גרענעץ־דיוויזיעס, ביי דער דווינע. לויט דער ספּעציעלער מיטטיילונג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז נישט ווינציקער פּאַרטרוילעך, ווי דרינגנד. ער האָט פונדעסטוועגן נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט אַנצוקומען ווי אמשנעלסטן מיט אַן עראָפּלאַן, געלאָזן וויסן אין דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז ער קומט און איז נאָך אין זעלבן אין דער פרי אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע מיט א געוויינלעכן שנעל־צוג.

די געמיטלעכע רייזע האָט אים דאָס מאָל פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן. ער איז נאָך געווען אין לייכטן, זומערדיקן כאַקי־אוניפאָרם. אָן איינגעשטייפטער, פון מיטלוווקס, האָט ער זיך באַוועגט איבערן וואַגאָן פריי; ער האָט געוואָלט אויסזען וואָס באַשיידענער אין די אויגן פון די עטלעכע מיטפאָרנדיקע אין ווייך־געבעטן וואַגאָן, ערשטע קלאַס, די וואָנסיקע גוט־באַזיצער, מיליטער־לייט, וואַלד־סוחרים און באַאַמטע. זיינע וואָסערדיק־פאַרבלויטע אויגן אונטער דער נעץ פון געדיכטע ווימפּערן האָבן זיך באַמיט פריינטלעך צו שמייכלען; די בלוי־אויסגעגאָלטע קינען, די מויל־ווינקלען, האָבן פאַרלוירן פון זייער אָנגעצויגענער פאַרשלאָסנקייט. ער האָט זיך אַפילו גערן געלאָזן אריינציען אין אַ שמועס; האָט אָבער מער געפרעגט, ווי באַהויפּטעט. און אין זיין פרעגן איז געווען דער טאָן פון — אויספאָרשונג. ס'איז גראָד געווען די רייד צווישן די וואַגאָן־מענטשן וועגן פאַרזיי אין ווילנער קאַנט, וועגן דער היי־יאָריקער גערעטעניש און וועגן די רעגנס, וואָס זענען געקומען אין דער צייט.

ער איז געזעסן ביים וואַגאָן־פענצטער און מיט אַ באַזונדערן ציטער איינגעזאַפּט דעם ווייכן אומעט פון דער האַרבסטיקער ווייסרוסישער לאַנדשאַפט. דער באַזונדערער אומעט פון די נאַקעטע, קופּערדיק־רויטע בעריאָזע־וועלדלעך, פון די זאַמדיקע פליינען, האָט אים מיט גאַרנישט נישט דערמאָנט אין זיין היימישן קאַנט, אין גאַליציע, סאַנדאָמירער קרייז. דעם ציטער האָט ער גאָר דורכגעלעבט צוליב די דערמאָנונגען פון יאָר 1920, ווען ער האָט אין דער געגנט, ווי אַ געוויינלעכער רעזערוו־קאַפּיטאַן, אָנגעפירט מיט אַן אָפּגעריסענעם לעגיאָנערן־טייל, אין פאַרביסענעם קאַמף מיט דער אויסגעהונגערטער, באָרוועסער רויטער אַרמיי אַרום די ביאַלאָוועזשער וועלדער. די אַלע שטעט און שטעטלעך מיט די הילצערנע וואָקזאַל־בודעס, מיט די צעשראָקענע יידן, זענען אים גוט באַקאַנט געווען. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען צו געבן פרייע הענט די „יינגלעך”. די וואָקזאַל־בודעס זענען אונטערגעצונדן געוואָרן, דערנאָך האָט מען זיך צוריקגעצויגן אין שנעלן מאַרש.

שוויגנדיק, מיט בולטער חשיבות, האָט ער זיך זייטיק אונטערגעהערט די הייסע גערעדערייען וועגן די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד, וועגן די שאַרפע אַרויסטריטן אין סיים פון די „צענטראַלעוו”־דעפּוטאַטן, פון די עקסטרעם־לינקע, וועגן זייער אָנגריף אויף די גוט־באַזיצער, אויף דער רעגירונג. ערשט איצט האָט אים נעפּלדיק אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן נאָכוואָס מען רופט אים דרינגענדיק ארויס. ער האָט זיך די לעצטע צייט ווייניק אינטערעסירט מיט דער אינערלעכער לאַגע אין לאַנד, מיט דער פּאָליטיק. די גאַרניזאָן־דיוויזיעס האָבן אים פאַרשלונגען. די זיכערע האַנט פון „קאָמענדאַנט”, האָט ער אָבער געוווּסט, וואַכט, באַלוינט און שטראָפט.

— דער „דזשיאַדעק”, פּאַניע — האָט דאָרט איינגעטענהט איינער אַ וואָנסיקער, אין אַ קורצער, אַלט־פּוילישער בעקעשע — האָט רעכט געטון, וואָס ער האָט זיי אויסגעזידלט מיט די געמיינסטע רייד, וואָס ער האָט געלאָזן אַריינפירן די אָפּיצירן אין דער סיים־געביידע... זיי קומט נאָך ערגערס — סיביר... אַ פּוילישסיביר וואָלט מען נויטיק באַדאַרפט...

וואַרשע, אַ צעצונדענע אין פייערן, האָט ער באַגעגנט ערשט אין אָוונט. דורך די אויאַזדאָוועד אַלייען, דורך קראָקעווער פּאָרשטאָט, איז ער פאַרפאָרן אין זיין פּריוואטער קוואַרטיר. זיין פריוואַטע קוואַרטיר אין דער הויפּט־שטאָט איז געווען אַ באַשטענדיקע. אַזוי האָבן זיך געפירט די מערסטע מיליטער־לייט, וואָס זענען פריי געווען פון די באַשווערנדיקע משפחה־אָנגעלעגנהייטן. אָבער ביי אים, ביים קליינעם פולקאָווניק, איז עס געווען אַ באַזונדערער אויסדרוק פון שטענדיקער דינסט־גרייטקייט. דאָס אָפּגעלעגענע פּאַלאַצל האָט זיך געפונען אין אַ שטילער אַליי, אַרום די לאַזשענקעס, ווייט אָפּגערוקט פון גרויס־שטאָטישן פּאַרקער. דאָ האָט מען געקענט געמיטלעך אָפּרוען אין צווישן־צייט פון וויכטיקע אויספיר־דינסטן. ס׳האָט געהערט צו אַן אלמנה, איינע פון די לעצט־פאַרבליבענע זאַמאָיסקי׳ס — אַ פּריציש־שלאַנקע, מיט איינגעצערטע, פאַרפודערטע באַקן, אָבער מיט אַ מאָדנע־יונגן גאַנג. צווישן איר מיטן קליינעם פולקאָווניק איז געווען אַן אַלטע שוואַכקייט, נאָך פון יענע יאָרן אין לעמבערג, ווען זיי האָבן געפיבערט מיט דער ראָמאַנטיק פון אַ פריי פוילן. (אָ, טעטמאַיער, וויספּיאַנסקי!). זי איז שוין דעמאָלט לאַנג, זייער יונג, געווען אויסגעגעבן פאַר איינעם פון דעגענערירטן שטאַם פון די זאַמאָיסקיס — אַן אַנעמיש מענטשל, אַ פּאַראַליטיקער, מיט שיטער־אויפגעבלאָזענע וואָנסן, אין אַ גרין קאַפּעליושל מיט אַ פּעדער; און ער, דער יונגער סטודענט, האָט עס איר, אָן ספק, געהאָלפן אויסטראָגן די שטילע טראַגעדיע. נישט וויייניק לופטיקע מיידלעך האָבן געפלאַטערט אַרום קליינעם, ענער־גישן סטודענט אין די מיליטעריש־אָפּגעפּאסטע קליידער. אָבער אים האָט גאָר געטראָגן אין דער וועלט אַריין, קיין פּאַריז, אויף דער עמיגראַציע, ווו ס׳האָט זיך געזאמלט די אַריסטאָקראַטיע פון גייסט, די פאַראָרעמטע פּריצים, די רע־וואָלוציאָנערע קאָנספּיראַטאָרן און די באָדנלאָזע באָהעמיע. צוריקגעקערט אין לאַנד אַריין האָט ער זיך מיט האַלערס לעגיאָנען. צופעליק האָט ער זי נאָך איין מאָל באַגעגנט, דער הראַביניע זאַמאָיסקאַ. ס׳איז געווען אין די הייסע טעג פון „נס ביי דער ווייסל“, אַלס רעזערוו־קאַפּיטאַן, פאַרברענגענדיק מיט קאָלעגן אין אַ קאַבאַרעט. אין איר פּראָפיל, וואָס האָט זיך געלאָשן אין די שפּיגלען, האָט ער דערקענט דער היפּש־געעלטערטער הראַביניע. זי איז געווען אין דער געזעל־שאַפט פון אַ יונגער בלאָנדער פּרוי. אין דעם אָוונט האָט ער אַביסעלע געטרונקען אויך. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט צופיל אָנשטרענגען, כדי צו דערקענען, אַז דאָס איז זי, יענץ קליינע מיידעלע מיט די גאָלדענע לאָקן. ער האָט זי אַמאָל געפירט ביי אַ הענטל אין פּאַרק, הינטערן הויז. זיי זענען דערנאָך געזעסן אין אָפּ־געזונדערטן ווינקל, פאַרזונקען אין גליקלעכע דערמאָנונגען.

פון דעמאָלט אָן איז אים דאָס אָפּגעשלאָסענע פּאַלאַצל, אַרום די לאַזשענקעס, געוואָרן אַ היים, צו וועלכער מען קערט זיך כסדר אום. צום ערשטן מאָל איז אים אויסגעקומען צו טראַכטן ווי שיין דער נאָמען אַניעלאַ קלינגט; און אַניעלאַ האָט זיך געריפן — דאָס מיידעלע מיט די גאָלדענע לאָקן. „מאַ... — האָט זיך אים געפנוי פאַרגעדענקט איר גלעקלדיק שטימעלע פון אַמאָל — אָט איז אַ זו־מער־פייגעלע... אַ געלינקס“... ס׳איז געווען אין אַ פאַרנאַכט. איבער דער שטי־לער סאַזשלקע האָט זיך באַנג געלאָשן דער טאָג. די טרויעריק־פאַרשלאָסענע הראַביניע האָט אָנגענומען דאָס גאָלד־געלאָקטע קינד פאַרן הענטל: „קום, ס׳ווערט

שפּעט״... און אין איר ענג־פאַרשפּיליעטן האַרבסט־מאַנטל, מיטן ווייסן קעלנערל פון פּיי, האָט זי זיך געלאָזן צוריקגיין איבער דער סטעזשקע. דאָס האַלבע ייִנגל און דער האַלבער מאַן איז איר צעשטרייט נאָכגעגאַנגען.

ער האָט זיך אַלעמאָל אומגעקערט צום פּאַלאַצל מיט געמישטע געפילן. ס׳איז באַקאַנט געווען, אַז זיין אינטים לעבן — ווייבער, פאַרגעניגנס — איז, אין דינסט פון פאָטערלאַנד, אָפּגערוקט אויפן לעצטן אָרט. אויך דער „קאָמענדאַנט״ האָט זיך ערשט אָפּגעגעבן דאָס רואיקע משפחה־לעבן, ווען דאָס לאַנד איז ענדלעך באפרייט געוואָרן. דאָס איז געווען דער לויכטנדיקער ביישפּיל. אין די קורצע צוזאַמענטרעפן מיטן מאַרשאַל, האָט ער זייטיק צוגעזען, ווי די אומגעצוימטע ענערגיע, דער אַדלערישער שווונג, לאָדט זיך ביסלעכווייז אויס; דאָס אונטערציטערן מיט די הענט, די טיף־פאַרגראָבענע אויגן־נעסטן, די מיד־אַראָפּגעזענקטע וואָנסן. יאָ, די צאַרישע תּפיסות, די פּייניקונגען, די עמיגראַציע־יאָרן, זענען נישט געבליבן אָן שפּור אויפן מוטיקן מאַן, וואָס האָט זיין גאַנצן דור באַאיינפלוסט. ער איז אַרומגערינגלט פון זיינע אַמאָליקע קאַמפּס־חברים, וואָס זענען פאַר דער צייט היפּש פאַרשמאַלצט געוואָרן. ער קוקט זיך אָבער קלוג צו, פון דער זייט, דער זקן, צו די רייסערייען, וואָס קומען שוין פאַר הינטער זיין רוקן...

ביי אים אויפן אַקסל איז געלעגן די האַנט פון מאַרשאַל אַליין. זיין גנעדיקער בליק האָט גערוט אויף אים, ווי אַן אָרעאָל. ס׳איז געווען אין איינעם פון די געמיטלעכע זאַלן, וואָס זענען, נאָך די אַלע חורבונות פון צאַרישן און דייטשן אָקופּאַנט, רעסטאַווורירט געוואָרן אין שלאָס. איבער זיי, אין דער שווערער גאָלדראַם — דאָס מאַטעיקאָ־פּאָרטרעט פון העלדישן קעניג באָלעסלאַוו כראָברי, וועלכער האָט פאַרשלאָגן גרענעץ־סלופּעס אויפן דניעפּר און אויפן אָדער. עפּעס מיסטיש איז געווען אין דער ציטערדיקער שטימע פונעם גרייז — „...און ס׳וועט אויסקומען נאָך אַמאָל צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד״... נישט אַלץ איז דאָרט, באַטירלעך, אַרויסגעזאָגט געוואָרן. „דאָס איז אַן אַלטער וואָלף־קאָנספּיראַטאָר — האָט ער זיך געזאָגט מיט פאָרכט — מיין גאָט! ווי פאַרלוירן און ווי ייִנגלעריש גרייזגרויע גענעראַלן פילן זיך אין זיין אָנוועזנהייט״...

סאָלדאַטיש־פּינקטלעך האָט ער אויסגעפירט די באַפעלן. זיי זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אין האַלבע ווערטער. געהייסן האָט עס — ער איז צייטווייליק באַשטימט אַלס שעף איבערן וויכטיקן מיליטערישן צענטער אין דער פעסטונג ביים בוג. נישט מער. נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט איז ער אַהין אַרויסגעפאָרן.

באַזעצט האָט ער זיך אין דער אָפּגעווייסטער געביידע מיט די קליינע זיילן פון פאַרנט, אין די ניי־אויפגעבויטע דינסט־קוואַרטירן. קעגנאיבער זענען געווען די צוויי אויסגעשטעלטע האַרמאַטן־פּיסקעס ביים אַרויפגאַנג — דאָרט, וווּ ס׳איז אין 1918 געשלאָסן געוואָרן דער סעפּאַראַטער שלום צווישן די דייטשן מיט די באָלשעוויקעס. פליכטן זענען דערוויילע געווען נישט פיל. ער האָט איבערגענומען די איבערזעאונגען און די קאָנטראָלעס אין די קאַנצעלאַריעס, אינטענדאַנטסטוועס, מאַגאַזינען. אים איז געווען אונטערגעאָרדנט אַ ספּעציעלער שטאַב מענטשן.

אין דער פעסטונג ביים בוג האָט זיך אָבער די האַנט פון קליינעם, שטרענגן פּולקאָווניק איינגיכן געלאָזן פילן. נישט צו ווייסן נאָכוואָס, איז אָפּגעליידיקט געוואָרן אַ באַזונדערער פליגל אין די „בריגידקעס״ — אַ רויט־ציגלדיקער גמאָך ביי

די הענג־בריקן. אין צימער, אויפן ערשטן שטאָק, אַלע פענצטער צום דרויסן, האָט ביז שפּעט אין אָוונט געלויכטן דאָס גרינע אַבאַזשורל. געאַרבעט האָט ער איינער אַליין. ער האָט געלעבט ווי אין אַ וואָלקן. „דער קאָמענדאַנט ווייסט פון סיס־טעם... ביי אים דאַרף מען לערנען"... אויף זיינע באַפעלן, האָט ער זיך אין די טעג פון „נס ביי דער ווייסל" געריסן אַקעגן אַלע וויכערן צו דער שטאָט וויל־נע. אים האָט זיך נאָך לעבעדיק פאַרגעדענקט דאָס שטעטל הינטער גראָדנע, וווּ דער „דזשיאַדעק" האָט געפּאָדערט ביי דער עדה יידן אַ גרויסן צינז און ער האָט דערפאַר באַפוילן צו נעמען ערובניקעס, ביז די סומע וועט נישט צוגעשטעלט ווערן. ער אַליין האָט, רייטנדיק הינטערן פלוטאָן, אויף דער גרוי־געפלעקטער קליאַטשע, אָנגעטריבן די צעשראָקענע יידן... און וויפל עס זענען דערנאָך צע־שאָסן געוואָרן אין חשד פון פאַרבינדונג מיטן שונא ?... די שויבערדיקע, מיט די ברענענדיקע אויגן...

ער האָט איצט פליסיק נאָכגעשפּירט אַלע קערן אין דער הויפּט־שטאָט. ער איז געוועזן אָנגענעם־צערודערט, אָבער קיל. זיינע טריט איבערן קאַבינעט זע־נען געווען באַדאַכטע. סוף דעצעמבער האָט ער צום צווייטן מאָל באַקומען אַ ידיעה פון דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז די קאָמערן זאָלן ווי אַמשנעלסטן צוגעגרייט ווערן. ס'איז געווען אַ פאַרווייעטער ערב־ניי־יאָר. נאָך האַלבער נאַכט האָבן צוויי בלענדיקע שיין־וואַרפערס באַגלייט דעם פאַרמאַכטן אויטאָ ביז צום אויסגע־לאָשענעם תפיסה־בנין. צו זיך אויפן ערשטן שטאָק האָט זיך דער פּולקאָווניק אומגעקערט אַליין. פינקטלעך האַלב־זיבן פרי, ווען ס'ווערן אָפּגעגעבן די טאָג־באַפעלן, האָט פאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין דער טיר דער אַדיוטאַנט קאַספּזשאַק. אָן אויסגעצויגענער, האָט ער געמאָלדן, אַז די געבערענגטע זיצן שוין פאַרשפּאַרט הינטערן ריגל אין די אומבאַהייצטע צעלעס.

— אַביסל דרייסטער ! ... — האָט אים דער קליינער פּולקאָווניק איבערגע־ריסן און ס'האָט זיך געפילט אין זיין טאָן מער גוטמוטיקייט, ווי געבייזער — אָן אָפיציר דאַרף זיך פילן מער דרייסטער... איר וועט זיך מעלדן אין אָוונט, נישט פריער ווי זייגער צען. איר קענט גיין !...

דעם גאַנצן איבעריקן טאָג איז ער נישט אַרויס אויף יענער זייט טיר. אַ רויכל האָט זיך געגעפלט פאַר זיין אָנגעצילטן בליק, איבער די פּאַפּירן. מיט אָנפאַרטרויטע אַרעסטאַנטן איז אים נישט איין מאָל אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך מלחמה־צייט, ווען געאַרבעט האָבן די שנעלע קריגס־געריכטן. אָבער די צייטן זע־נען אַנדערע, די אַרעסטאַנטן — אַנדערע. דאָ האָט ער פאַר זיך געשולטע פּאָליטי־קער, מיט וועלכע מען דאַרף אין קיין דיסקוסיעס זיך נישט אריינלאָזן. מיט זיי איז בכלל נישט צו דיסקוטירן. זיין קליינע, ווייסע פרויען־האַנט, וואָס האָט גערוט אויפן געוואַנט פון טיש, איז אונטערגעשפּרונגען; אויפגעשטעלט זיך, אויסגעצויגן זיך העכער, עטלעכע מאָל דורכגעשפּרייזט דעם צימער, אַ כאַפּ געטון דעם פינקטלעך־פאַרשינצטן בלייפעדער און געפּירט מיט אים איבערן טאָוול פון אַ העפטל. ס'איז געווען מער אומגעדולד, ווי כעס; און דווקא, ווייל ער האָט היינט געוואָלט זיין בייז, אָנגעכמורעט, שרייען. ער האָט זיך אַליין דערפילט קאָמיש. דעם ערשטן־בעסטן, וואָס וואָלט זיך אַריינגעשטעלט צו אים, וואָלט ער, אָן שום סיבה, אויסגעפּאַטשט, אַרויסגעוואָרפן און נאָך צוגעקאָפּעט מיטן שטיוול. אָבער דער קאָ־

רידאַר איז געלעגן אָפּגעשטאַרבן, קיין נאָנטער שאָרך האָט זיך אַפילו נישט געהערט; און דעם אַדיוטאַנט קאַספּזשאַק האָט ער באַפוילן צו קומען ערשט צען אין אָוונט...

און ווי האָט ער זיך דען געקענט דערצערענען, אז דער ראַזער ווינטערדיקער נאָכמיטאָג האָט זיך אין אַזעלכע ווייכע, רעגנבויגנדיקע אָפּשיינען געלייגט אויף די העלע ווענט פון געמיטלעכן קאַבינעט, אָפּשפּיגלענדיק די נישט־קאָמפּליצירטע, באַנאַלע אוזאָרן פון מושלין־פאַרהענגל אויף דער שויב, איבערברעכנדיק זיך אין דער וואַסער־קאַראַפקע אויפן טיש. הינטער דער שויב האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיין אָנגעצילטן בליק די יום־טובדיקע שיין איבערן פאַרשנייטן פּלאַץ, אַרומגעשטעלט מיט העלע מויערן. דער רעכטער פליגל פענצטער האָט אינגאַנצן געפלאַקערט אין דער קליינער, בראַנדיק־רויטער זון צווישן די נאַקעטע צווייגן אין דער טאָפּאָלן־אַליי, ביי די איינגעמאַסטעטע וואַלן פון דער הענג־בריק, איבערן פאַרפרוירענעם בוג. אַ קרומע ליניע האָט שאַרף פונאַנדערגעטיילט דאָס ליכט פון בלויעכן שאָטן. ס׳האָבן זיך געבלייכט פּאַסיקלעך שניי איבער די פּאַסאַדן און טורעמלעך פון די געביידעס.

די אינספּעקציע אין די „בריגידקעס" האָט ער אין יענעם אָוונט געמאַכט אומגעריכט. ער האָט שטיין געלאָזן אויפן טיש דאָס אויפגעקאָרקעוועטע פלעשל קאָניאַק, אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען דעם פּלאַשטש און זיך געלאָזן גיין איבער די קאָרידאָרן מיט אַ הילכיק־אויסגעקלאַפּטן טראָט. הינטער אים איז מיט פאַרזיכטיקע טריט נאָכגעגאַנגען דער אַדיוטאַנט. דורך די נישט־הויכע קאָרידאָרן־דורכגענג, אונטער די געוועלבן, האָט ער זיך געגליטשט אַביסל איינגעבויגן, כאָטש ס׳האָט נאָך, דוכט זיך, געפעלט א גאַנצער קאָפּ ער זאָל אָנרירן דעם פייכטן סופיט. אין צוויי נישעס האָט זיך גערויכערט די שיין. דער וואַך־פּאָסטן, וואָס האָט זיי באַגלייט, איז אונטערגעלאָפן פון דער זייט און גענומען אָפּשליסן די מאַסיווע ריגלען. פון אינעווייניק האָבן אַ רגע אויפגעהערט די טריט. ביז דאָס עלעקטרישע לעמפּל, אַ פאַרדראָטעוועטס, האָט אויפגעבליצט אונטערן סופיט, האָט דער קרייז פון אַ שיין־וואַרפער געבלאָנדזשעט איבער די ווענט.

אויסציענדיק זיך אויף די הויכע אָפּצאַסן, האָט דער קליינער פּולקאָווניק פונדעסטוועגן אויסגעזעזן קליין אַקעגן דעם באַברילטן מאַן מיט די זילבערדיקע שלייפן, מיט די רויט־אָנגעשטרענגטע אויגן אונטער די דראָטענע ברילן. ער איז גאָרנישט איבעראַשט געווען פון פּולקאָווניקס דערשיינען. זיין גלייכגילטיקער בליק, דער גרויער קאָפּ, די באַזילבערטע שלייפן, האָבן א דערמאָן־געגעבן אין תפיסות און אין קייטן־קלאַנג. נישט אויסגעהאַלטן דעם בליק האָט ער, דער קליינער פּולקאָווניק. ער איז אונטערגעשפּרונגען, אַ טרעט געטון נענטער צום גרייז־גרויען מאַן:

— כ׳בעט... אַ ביסל אָנשטענדיקער... כ׳בעט נישט פאַרגעסן, אז דאָ איז נישט די סיים־טריבונע... דאָ זייט איר א געוויינלעכער אַרעסטאַנט...

אויפרייסנדיק די טירן, איז ער מיט די איבעריקע שוין באַגאַנגען זיך ווייניקער העפלעך. ערשט איצט האָט ער דערפילט אין זיך דעם גרויסן כוח צו האַנדלען ענערגיש. ס׳איז צוריקגעטרעטן צו אים די קאַלטע, אויסגערעכנטע באַהערשטקייט. אינעם לויזן אָנטון, האָט ער באַפוילן אַרויסצוטרייבן זיי אויפן קאָרידאָר. זיי האָבן זיך דורכן געוועלבטן טירל אין אַ לאַנגער ריי אַרויסגעשאָטן אויפן

תפיסה־הויף. די איינגעבויגענע אַרעסטאַנטן זענען געלאָפן איינער הינטערן אַנ־דערן, האָבן געציטערט פון קעלט. טייל פון זיי האָבן אפילו נישט באוויזן אריינצו־קריכן אין די שיך. אין שאַרפן ווינט פון בוג, וואָס האָט זיי געבלאָזן אין רוקן, האָבן זיי זיך פאַרהויקערט. דאָס טונקעלע געזעמל צווישן די אויסגעלאָשענע מויערן, איז אין דער האַלבער נאַכט באַפוילן געוואָרן צו קריכן אין שנייַ, פאַלן, אויפ־שטיין, ווידער פאַלן. דערנאָך, אונטער נאַהייקעס און ביקסן־קאָלבעס, זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן אין עקסטן ווינקל, צו די הויף־קלאָזעטן. דאָ האָט דער קליי־נער פּולקאָווניק שוין מער נישט געפונען פאַר נויטיק בייצוזיין. ער האָט זיך געלאָזן צוריקגיין צום געפּלאַסטערטן פּלעצל. זיין באַפעל, האָט ער געוווסט, וועט פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן.

ער האָט געוווסט, אַז זיין נאָמען ווערט איצט אָפט דערמאָנט אין לאַנד, אין די קאָנפיסקירטע און אומלעגאַלע צייטונגען און אז די שטאָט, די פעסטונג, דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע אין דער אומגעגנט, זענען געוואָרן דער סימבאָל פון מאַכט, פון פעסטן האַנדלען, פון געבן אַ לעקציע דער אָפּאָזי־ציע. דאָ, האָט ער דערפילט, הייבט זיך אָן זיין קאַריערע. ס׳האָט אים נישט גע־אַרט, וואָס געוויסע פון זיי, די נישט־אַרעסטירטע, זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאנד; דאָס זענען פּחדנים, וואָס קענען בלויז רעדן, נישט האַנדלען...

געשראָקן אַביסעלע האָבן די פאַרביסענע, די באָלשעוויזירטע. מיט זיי איז די שפיל אַן אָפענע, אַן אומברחמנותדיקע, אויף טויט און לעבן. ער האָט זיי נאָך גוט פאַרגעדענקט פון יענע טעג, אין 1920, ווען ער האָט געקעמפט קעגן זיי מיט דער ביקס אין האַנט. די פּרעסע איז פול מיט זייערע פּראָצעסן; און — ווי פעסט און זיכער זיי האַלטן זיך. זיי ווילן עפּעס און קעמפן דערפאַר פאַרביסן. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס איינגעשפּאַרטע ווייסרוסישע פּויערל, וועלכן ער אַליין האָט אַנומלטן אויסגעפּאָרשט אין שטאַב. בלעטלעך האָט מען ביי אים געפונען. ער האָט זיי פונאנדערגעלייגט אונטער די קישנס ביי די סאָלדאַטן אין די קאָשאַרן. ווי פאַרביסן ער האָט געשוויגן, ווען מ׳האָט אים פאַרגעלייגט געלט אויסצוזאָגן, ווען מ׳האָט אים, א געבונדענעם, געשלאָגן מיט איינגענעצטע שטריק. אויך אין מאַי 1926, בעתן מאַרש אויפן בעלוועדער, האָט מען זיך געמוזט רעכענען מיט זיי. מ׳האָט זיי געגעבן אַן אילוזיע, אָבער באלד דערנאָך אַנטשלאָסן זי אוועקגענומען. אָט פון וואַנען די געפאַר וואַקסט אָן ! אין אויסלאנד, אין די גענעראַל־שטאַבן, גיט מען זיך אָפּ אַ רעכענונג דערפון. זיי ברעכן זיך דאָרט די קעפּ. עפּעס וועלן זיי שוין אויסקלערן...

# קאַפּיטל זיבעצן

אין יענעם ווינטער האָט זיך אויך נישט ווייניק געקאָכט מיטן באַרימטן פּראָצעס פון די עטלעכע־און־צוואַנציק, וואָס זענען געזעסן אויף דער באַשול־דיקונג־באַנק, אָנגעקלאָגט אין עפּעס אַ גאַנצער איבערקערעניש. אויף דער באַ־שולדיקונג־באַנק זענען געזעסן: יידן, אוקראַינער, פּאָליאַקן, ווייסרוסן, די מער־סטע אָבער — יידן. די גרעסטע און באַרימטסטע אַדוואָקאַטן פון לאַנד זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן צו פאַרטיידיקן די אָנגעקלאָגטע. אויפן פּלאַץ, פאַרן גע־ריכט, איז אין אַלע ראָגן פול באַשטעלט געווען מיט שפּיצלעס און רייטער־פּאָ־ליציי. פון דער באַניפראַטן־גאַס איז שווער געווען דורכצושפּאַרן זיך צווישן עולם נייגעריקע צו דער שוו. יערסקע, צום קראַשינסקי־גאַרטן.

אויף די וואַרשעווער פּאַרשטעט, אויפן „מורדזשיעל״ איז שוין פּאַר יאַנעקן לעצטנס צו ענג געוואָרן. פּאַגאַזשעלסקיס שפּיצלעס זענען אים אומעטום נאָכגע־קראָכן, פון אויג נישט אָפּגעלאָזן; ער איז אַריין אין תפיסה, אַרויס פון תפי־סה. די צענטראַלע אָנפירונג האָט אים איבערגעשיקט אויף אַרבעט אין דער טעכ־ניק אין די ווייסרוסישע קאַנטן. אַ שיינע פּאָר וואָכן איז אים אויסגעקומען צו וואַלגערן זיך אונטערוועגנס; ווו געטאָגט — נישט גענעכטיקט, פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטעטל. ער איז געווען געשיקט און פלינק אָפּצונאַרן און אַרויסצו־דרייען זיך פון די „קאַנאַריקעס״, וואָס האָבן זיך נאָך אים אַרומגעיאָגט. ער האָט נישט גענומען קיין דראָזשקעס, קיין פורלעך, האָט מערסטנס געשפּאַנט צופוס אין זיינע פאַרבלאָטיקטע שטאַטישע שיך; ער האָט געהאָפט באַלד צוריקצוזיין אין וואַרשע, צו באַריכטן וועגן דער גרויסער כוואַליע, וואָס וואַקסט אָן — די שטרייק־באַוועגונג צווישן די וואַלד־אַרבעטער, צווישן די פאַרהונגערטע באַטראַקעס אין די פּאַציפיקירטע דערפער. אין שפּעטן האַרבסט, ווען אין דרויסן איז געלעגן אַ טינט־שוואַרצע נאַכט, איז מען ס׳לעצטע מאָל זיך צונויפגעקומען אויף דער ראַ־יאָן־קאָנפערענץ, אונטערן נידעריקן באַלקן פון אַ דאָרפישער כאַלופּע. ס׳איז דאָרט געווען פול און אָנגערויכערט. צווישן די בלאָנדע, אָפּגעדעקטע קעפּ, האָט יאַנעק באַלד דערבליקט עטלעכע קענטלעכע פּנימער פון אָרטיקע יידישע יונ־געלייט און מיידלעך; ער האָט זיך אָבער נישט אויסגעגעבן, נישט־ווויסנדיק גע־מאַכט זיך.

ער האָט זיך נישט געריכט אַזוי נאָריש אַריינצופאַלן. אין פינצטערן באַגי־נען, וואַרטנדיק אויפן צוג מיט די פאַרלאָפענע שויבן, וואָס דאַרף אָנפאָרן פון די פּאַרוואָרפענע, בלאָטיקע פּאָליעסער מקומות צום פאַרשלאָפענעם וואָקזאַלכל, אין דער געגנט פון מאַלאָריטע, האָט מען יאַנעקן פאַרהאַלטן. כאָטש ער איז געווען אָנגעטון כמעט ווי אַ ווייסרוסיש פויערל; מיט אַ הויכן פוטער־קאָלנער, מיט אַ טיף פאַרוקט היטל, פון אונטערן דאַשיק האָט אים אַרויסגעקוקט דער בלאָנדער

לאָק, אין די פאַרבלאָטיקטע שטאָטישע שיך, וואָס האָבן אין די פּאָר וואָכן אויס־געמאָסטן די האַרבסטיק־פאַרגאָסענע וועגן, האָט ער זיך קוים אַרויסגעריסן פון געיעג און איז דערלאָפן ביז צום פּראָווינצער וואָקזאַלכל. נאָך די אָפּטע אַרעסטן, האָט ער פיל וויכטיקע קאָנטאַקטן צונויפגעבונדן. ער האָט געבראַנגט דעם גרוס פון דער פּאַרטיי צו דער קאָנפערענץ. פון דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט האָבן זיי אים דאָרט, מיט אומוועגן, נאָך האַלבער נאַכט, געפירט צו אַן איינגעזונקענער כאַלופּע אויף יענער זייט פון די פאַרגאָסענע וועלדער.

באַגינען, ווען דער טוי־געפּריר האָט נאָך געקלעפּט צו די שייבלעך פון דער הילצערנער וואָקזאַל־בודע, האָבן אים צוויי ציווילע פאַרהאַלטן און געבראַנגט צופירן צו אַ נאָמען „פּאָסטערונעק". די ערשטע אויספאָרשונג איז אַדורך מיט ווייניק קלעפּ און אַ סך חוזק; ווייל ווען זיי האָבן דאָרט אַ נעם געטון זיין דאָקו־מענט און אומגעריכט דערזען זיין פאַמיליע־נאָמען — נאַטאַנזאָן, האָבן זיי זיך אַזוי צעהירזשעט פון געלעכטער, אַז דאָס האָט אים דער עיקר צעטומלט.

— דאָס האָסטו — האָבן זיי געכאַכאָטשעט — נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ביסט אַן אונדזעריקער... קוק אים אָן, דעם זשידעק...

זייערע חוזק־רייד האָבן אים מער געטראָפן, ווי די קלעפּ.

— מיר האָבן שוין געהערט ס׳לידעלע „זשיד, אָדער נישט־זשיד"... — האָבן די רויע פּנימער פון די פּאָליציי־לייט נישט אויפגעהערט צו כאַכאָטשען און יע־דער איינער האָט אים צוגעלייגט אַ פּאָר קלעפּ, מער פון צופרידנקייט צו האָבן געכאַפּט דעם „ריכטיקן פויגל". זיי האָבן אים פאַרשפּאַרט אין קעמערל ביז אי־בער נאַכט, טעלעפאָנירט אין דער וואָיעוודזטווע־שטאָט און מיט אַ פאַרשטאַרקטן קאָנוואָי אָפּגעפירט אים גלייך קיין וואַרשע, אין צענטראַל־אַרעסט.

אין די עטלעכע נעכט, וואָס ער האָט איבערגעשווידערט אין דער איינצל־צעלע, האָט ער אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן ענין ייִד־נישט־ייִד. ס׳איז פּאָרט נישט אַזוי פּשוט, האָט ער זיך געזאָגט; ס׳האָט אים פאַרפּאָלגט, וואָס מער ער האָט גע־וואָלט אַנטלויפן דערפון. הייסט עס, אַז אהרן... ער איז אפשר גערעכט, אהרן, אַז מיר ווערן אין ביטערן קאַמף באַטראַכט ווי עפּעס באַזונדערס. מיר מישן זיך, הייסט עס, אין ענינים, וואָס גייען אונדז כלומרשט נישט אָן. ווי אַזוי עס אויפ־קלערן פאַר זיך אַליין?

צומאָרגנס האָט מען אים קאָנפראָנטירט מיט עפּעס אַ פאַרשלאָפן ווייסרוסיש פויערל. יאַנעק האָט געלייקנט שטיין־און־ביין:

— כ׳הייב אים נישט אָן צו קענען... קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען...

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך פעסטשטעלן...

ס׳איז געווען ער אַליין, דער שעף פון דער צענטראַלער דעפענסיווע, מיטן רויט־אָנגעגאָטענעם קאַרק, מיט דער דיקער פּיקע, פאַרשטעקט צווישן זיינע גע־לע, געזונטע ציינער, פּאַגאַזשעלסקי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל. פאַר אים האָבן אַלע געציטערט. אויף די איבערגעפּאַקטע בערזעס פלעגט ער אויס־וואַקסן פּלוצים, פון אַ קעטשל אַרויס, אַרומגערינגלט פון זיינע לייט. ער האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן הינטער אַ שווערן טיש, אַ ווונק געטון, אַז אַלע זייטיקע זאָלן אָפּטרעטן. מיטן סאַמע פריינטלעכסטן שמייכל אויף זיין רויט־אָנגעגאָסן פּנים האָט ער איינגעלאַדן יאַנעקן צו זיצן.

— זיצט, פּאַניע נאַטאַנזאָן... מיר האָבן צו שמועסן וועגן זייער ערנסטע זאַכן...

יאַנעק האָט גוט געקענט די כלומרשטע פּריינטלעכקייט זיינע, די ווייכע, קעצישע טריטעלעך, די רייד, ווען זיי זוכן עמיצן עפּעס אונטערצורוקן, ארויס־צובאַקומען. ער האָט זיך נישט געריררט פון אָרט. יענער האָט אים אפילו נישט געפּרווט, ווי ס׳פירט זיך, אונטערטראָגן דעם פּאַרטסיגאַר מיט פּאַפּיראָסן. ער איז כאַמסקע און פויעריש גלייך איבערגעגאַנגען אָפּן און פּראָסט:

— הערט מיך אויס מיט קאָפּ, יונה נאַטאַנזאָן...

— יאַנעק נאַטאַנזאָן! — האָט יאַנעק לאַנגזאַם אויסגעבעסערט.

— אַז איר ווילט, זאָל זיין יאַנעק... איר האָט פאַרקאַכט ביי אונדז די אמתע קאַשע, כ׳מיין, איר, יידן... מילא, פון די אונדזעריקע מוזן מיר אַלץ אויסשטיין... נאָכמער — מיר אָנערקענען אַפילו, אַז זייער קאַמף איז טיילוויז אַ גערעכטער. די לאַגע ביי אונדז איז א שלעכטע — נויט, אַרבעטסלאָזיקייט... אָבער אייך, זשידקעס, באַטראַכטן מיר אפילו נישט ווי קיין פּאַרטנערן אין דועל... איר זענט דאָ איבעריקע. מיר ווען אייך נישט טאָלערירן...

— מיר זענען ביי זיך! — האָט אים יאַנעק רואיק דערווידערט — מיר פרעגן עס נישט ביי אייך.

ער האָט געזען ווי יענער שטאָפּט לאַנגזאַם אָן די אויסגעלאָשענע פּייקע. אַזעלכע ארגומענטן... זענען אים גאַר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק; אָבער טיף ביי זיך איז ער מער נישט געווען אַזוי זיכער.

— כ׳וויס — האָט דער רויט־אָנגעגאָסענער פּאָליציי־קאָמיסאַר לאַנגזאַם געלאָזן אין דער לופט רינגעלעך רויך — אַז אייך שרעקט נישט אָפּ, נישט לאַנ־גע יאָרן תפיסה, נישט קאַרטוז־בערעזע... איר שלאָגט זיך אָבער פאַר אַ זאַך, וואָס איז נישט אייערע...

— ס׳איז אונדזער זאַך!...

— פאַר אונדז זענט איר — יידן... איר מישט זיך אין אונדזערע חשבונות... כ׳קען אייער פאָטער, כ׳קען זיין דעליקאַטע פּאָזיציע. מיר זענען אויך מיט אים נישט צופרידן, אָבער מיר ווייסן, אַז ער פאַרבינדט נישט די צוקונפט מיט דער פוילישער ערד... צי איז עס נישט קיין גלייכערער וועג פאַר אַזעלכע יונגעלייט, ווי איר?...

— איר לייקנט אָפּ אונדזער רעכט אַלס פּאָליאַקן, און אויך דערפאַר קעמפן מיר קעגן אייך!...

— אויך דער פּוילישער פּויער, דער פּוילישער אַרבעטער איז קעגן אייך... כ׳וויל אייך אָבער מער נישט באַאומרואיקן... מיר וועלן נאָך שמועסן...

צוריק צו דער קאַמער איז יאַנעק געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. ער האָט געוווסט, אַז ער אליין איז נאָך נישט דערגאַנגען צום תוך, אַז ער אליין איז נאָך אומזיכער אין זיין פאַרטיידיקן זיך. מער ציניש און רוי קען מען שוין נישט זיין; און ער האָט דערפילט, אַז עפּעס אַ טיוולשע לאָגיק שטעקט פאָרט דעריין. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף דער יידישערווירקלעכקייט ארום זיך, ער האָט זיך פאַרוויגט מיט שיינע טעאָריעס וועגן אבסטראַקטער ברידערלעכ־קייט, אז דער סאָציאַליזם, וואָס וועט קומען, מוז קומען, אַז ער וועט שוין אַלץ

אויסהײלן. אין דער אמתן פֿאַרכטן מיר זיך אַלײן צוצורירן צו דעם, ווי צו אַ נישט־באַקוועמער פֿראַגע. מיר זענען אַ נישט־באַקוועמע פֿראַגע, דאָס איז זיכער, אָבער איך וויל זיך דערמיט נישט פּאַטשקען. אויך מיטן טאַטן זענען אַלעמאָל די צוזאַמענשטויסן וועגן זעלבן, אײגנטלעך. אביסל האָט ער דאָך יאָ געוווּסט, אַז די קירכע, די פּעאַדאַלן, די שליאַכטע און אַפֿילו דער קאַפּיטאַליזם, האָבן נישט אַרײַנגעלאָזן און לאָזן נישט אַרײַן דעם ייִד אין זײַן שטייגער־לעבן, אין זײַן קולטור, אין זײַן גדר. און דאָך האָט דאָס ייִדנטום געגעבן גרויסע גײַסטער דווקא דער פּוילישער קולטור. צי וועט דער סאָציאַליזם, פֿרעגט זיך...

אַזעלכע ביטערע געדאַנקען האָבן צו־ווײט פֿאַרפֿירט. אָבער מיט וועמען האָט ער זיך דאָ אַרײַנגעלאָזן אין דיסקוסיעס ? מיט אַ פֿרעכן, ביליקן פּאָליציי־אַגענט, אַ פֿאַשיסט, אַן אַנטיסעמיט... מיט די דאָזיקע זענען קיין שום דיסקוסיעס נישטאָ — די פֿויסט... זיי זענען דערווײַל די שטאַרקערע; אָבער אַז ס׳וועט קומען דער טאָג... און אין דעם טאָג האָט ער געגלויבט מיט אַלע זײַנע פֿיבערן. אָבער דער גאַנצער ענין מיט דער פֿאַרשאַלטענער ייִדן־פֿראַגע האָט אים שוין נישט צורו געלאָזן. ס׳האָט אים מער נישט געאַרט, וואָס מען וועט אים פֿאַרמשפּטן אויף יאָרן תּפֿיסה; וואָס, אין בעסטן פֿאַל, וואַרט אויף אים קאַרטוז־בערעזע. פֿײַגעלע — זי האָט אים באַנג געטון. די זוניקע זאַמדן פֿון די אָטוואָצקער וועלדער...

אָבער אַדאַם האָט נישט גערוט. ער איז געלאָפֿן אײַנרײַסן, ער האָט אויסגענוצט אַלע אײַנפֿלוסן און פּראָטעקציעס בײַ די גרויסע אַדוואָקאַטן. זיי, די אַסימילירטע אַדוואָקאַטן, האָבן געהאַלטן זייער שײנע, פּאַטעטישע רעדעס. אַ וועלט האָט געקלונגען מיט זיי. זיי האָבן אַטאַקירט די ריכטער, דעם פּראָקוראָר, וואָס האָט געווײנלעך געפֿאָדערט האַרבע, די האַרבסטע שטראָפֿן. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט צונויפֿגעפּלאָנטערט, צונויפֿגעשטוקעוועט אַ גרופּע פֿון עטלעכע־און־צוואַנציק מאַן, פּאָליאַקן, ייִדן, ווײַסרוסן, אוקראַינער, אָבער די מערסטע — ייִדן. זיי האָבן געוואָלט באַווײַזן אַ גאַנצע פֿאַרשווערונג ממש. די רעכטע פּרעסע האָט געשאָטן פּעך און שוועבל; די ראַדיקאַלע צײַטונגען זענען דערשינען מיט ווײַסע בלויזן. אין די ייִדישע בלעטער איז דיסקרעט אונטערגעשטראָכן געוואָרן די העלדישע האַלטונג פֿון אַדאַם נאַטאַנזאָנס זון. מענטשן, באַנטע און פֿרעמדע, האָבן פֿאַר אַדאַמען געצויגן דעם הוט, געדריקט אים די האַנט, גערעדט צו אים האַלבע ווערטער :

— אײַער זון, פּאַניע אַדאַמיע... מען מוז זאָגן, אַז זיי האָבן מוט...

ער האָט אַלץ לײַכט אָוועקגעמאַכט, אַדאַם. ער איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן, אָבער קײנער האָט עס בײַ אים נישט געדאַרפֿט צו וויסן. ער אײנער האָט, אָנקוקנדיק זײַן יאַנעקן אין געריכט־זאַל, הינטער דער באַריערע, אַרומגערינגלט דורך צוויי פּאָליציאַנטן, מיט אַרונטערגעלאָזענע פּאַסקעס אונטער די געמבעס, מיט די בלויזע שאַבליעס, געוווּסט וואָס אים שטיקט; ס׳האַרץ פֿון אַ טאַטן האָט ווי געטון, וואָס דאָס ייִנגל איז פֿאַרלוירן; ווער ווייס וויפֿל יאָר ער וועט אים שוין מער נישט זען; און אַליציע... זי איז גאָר געוואָרן אויס מענטש. זי האָט זיך מיטאַמאָל אײַנגאַנצן אײַנגעבראָכן.

מיט אַ פֿעסטן, זיכערן טראָט איז אַדאַם, צום לעצטן מאָל, אַרונטער פֿון געריכט־זאַל, נאָכדעם ווי ס׳איז געפֿאַלן דער שווערער אורטייל. דאָס גרויע בערדע־

לע, פאַרשניצט ווי א בלייפעדער, פאַריסן, נאָכקלאַפּנדיק מיטן שירעם־שטאָק. זאָלן זיי נישט זען, די שונאי ישראל, אַז ער איז צעבראָכן; זיי האָבן אים נאָך נישט מנצח געווען. ער האָט זיך געלאָזן אַפּפירן אהיים. ער האָט פארלענט די טיר פון זיין קאבינעט, איז אריינגעפאלן אין טיפן זיץ פון דער שטול, לאַנג געבליבן אַזוי, דעם קאָפּ אריינגענומען צווישן די הענט. ער האָט גוט געהערט אַליציעס שטילע טריט הינטער דער טיר. זי האָט שוין אַלץ געוווסט. ס׳איז מער נישט געווען צו טרייסטן איר, רעדן צו איר שכל. די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט אויף איר. זי איז געוואָרן אַבערגלויבעריש; זי האָט אָבער נישט געוווסט ווי אַזוי פרום צו ווערן. זי איז ענלעך געוואָרן צו א צעפלאָשעטער הון, וואָס מען רייסט אַוועק ביי איר דאָס קליינוואַרג. זי איז שטיל אַריין, אַראָפּגעלאָזן זיך אין א ווינקל סאָפע, האָט לאַנג געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק פאַר־זיך. ער האָט מורא באַקומען פאַר איר.

— פאַרפאַלן... — האָט ער געזאָגט — מען דאַרף שטאַרק זיין...

אַליציעס קול האָט זיך פּלוצים געבראָכן. זי איז אַרומגעגאַנגען מיט נאַסע טיכער אויפן שטערן. ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים צוגרייטן דאָס בעט. ניין, ער האָט זיך נישט געמאכט קיין אילוזיעס. ער האָט געוווסט אויף וואָס זיי זענען פעאיק, די באַנדיטן. נאָר פאַר לייטן האָט ער נאָך געמאַכט אַ פרייע מינע, אַפּי־לו געוויצלט זיך, אָבער אַליין האָט ער געוווסט... ער האָט געוווסט...

אין תפיסה איז יאַנעק געזעסן ביז ארום ניי־יאָר. פאַרשידענע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן. אין א וויסטער נאַכט פון שניי־שטורעם האָט מען אים אַראָפּגעפירט אין הויף, אריינגעפּאַקט אים אין א פארמאכטן לאסט־וואָגן. מ׳איז לאַנג געפאָרן דורך די פאַרשטעט, ביז אַ באַן־פלאַנט מיט אַ סך פּי־וואַגאָנען, מיט פאַרקראַ־טעוועטע פענצטערלעך. דאָרט האָט מען אים אריינגעוואָרפן, א געבונדענעם, מיטן פּנים אַראָפּ. מ׳איז לאַנג געשטאַנען ערגעץ אויף דער הינטערשטאָטישער ליניע. דער צוג האָט זיך געוועקסלט. ס׳האָבן זיך געהערט פייפערייען פון נאָנטע און ווייטע לאָקאָמאָטיוון, אַ מאַניפּולאַציע פון ביקסן־שלעסער, באַפעלן, רויע קולות. דער צוג האָט גערירט. וווהין פירט מען מיך ? שלעכטע, מיאוסע גע־דאַנקען זענען געקראָכן אין קאָפּ אַריין. אפשר ערגעצוו שטיל אוועקצופּטרן... מ׳האָט שוין געהערט פון אַזעלכע זאכן אויך. פאַרוואָס האָט ער נישט געהערט פייגעלען ?... פאַרוואָס איז ער נישט אוועק קיין פאריז ?...

געפאָרן איז מען אפשר אַ טאָג מיט אַ נאַכט, מ׳איז געשטאַנען מער ווי גע־פאָרן. ווען דורך די שפּאַרעס פון וואַגאָן איז צוריק פינצטער געוואָרן, האָבן זיך אויפגערוקט די טירן. ס׳איז אפילו קיין וואָקזאַל נישט געווען. דער צוג איז שטיינגעבליבן אינמיטן אויסגעשטאָרבענע, נאקעטע פעלדער. הינט האָבן נאָנט, אין פאַרווייטן טאָל, געוואָיעט. די וואַך האָט די עטלעכע אַרעסטאַנטן געטריבן מיט אַ פייף. אין דער אומבאַשטימטער מיטן־נאַכט איז מען געקומען צולויפן ביז צו אַ שטעכל־פלויט, גראָב פאַרשפּינט אין פראָסט. אַ וואַך־טורעם האָט זיי אומגעריכט אָפּגעגאָסן מיט ליכט. זיי האָבן קוים דערשלעפּט די פיס צו די פינצטערע באַראַקן. ס׳איז געווען קאַרטוז־בערעזע — דאָס „פוילישע סיביר".

אין פינצטערן באַגינען האָט מען אַרויסגעיאָגט צו דער ארבעט. די צעלעס האָבן זיך, אויפן פייף, אָפּגעליידיקט. דער קליינער פּאָליציאַנט דראַבינעק איז

ארומגעשפרונגען און געהאקט מיט דער פּאַלקע איבער קעפּ, איבער פּלייצעס. מער פון אַלעמען האָט ער געהאַקט די יידן, וואָס זייערע צעלעס האָבן זיך געפונען אין טיפן קאָרידאָר. כאָטש זיי זענען געשטאַנען שטיף, געדולדיק ביי זייערע טאַטשקעס, איז ער אַרומגעשפּרונגען צווישן זיי, אַ רויט־אָנגעגאָסענער, געהאַקט אויף רעכטס און אויף לינקס:

— גלייכשטיין, ווי מענטשן... זשידאָ־קאָמונע!...

יעדער פון זיי איז שוין עטלעכע מאָל געהאַט אָפּגעזעסן אין קאַרצער, אויף ברויט מיט וואַסער, צווישן פייכטע שטיינערנע ווענט און שטשורעס זענען אַרומגעלאָפן איבערן לייב. די „נאַראָ״־לייט און די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן האָבן עס די יידן אַזוי ביי יעדער געלעגנהייט צוגעדינט, געמסר׳ט; ס׳האָבן נישט געהאָלפן די רופן פון די יידן צו סאָלידאַריטעט קעגן געמיינזאַמען שונא, וואָס פּייניקט זיי אַלעמען. איין כרישטשוק, אַ ווייסרוסיש פּויערל, האָט זיך איינמאָל איינגעשטעלט, איז געקומען צוקריכן אויף אַלע פיר, אַריינגעוואָרפן זיי אַ שטיקל ברויט אין קאַרצער. האָט מען אים געכאַפּט, גוט צעקאַטעוועט. פון דעמאָלט אָן איז ער מער נישט געקראָכן.

— דו גלויבסט ?... — האָט אים זעליק, אַן אַלטער וואַרשעווער טוער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, געפרעגט.

— כ׳ווייס... — האָט כרישטשוק אַריינגעצויגן דעם בלאָנדן קאָפּ, ווי אַ בינטל זאַנגען, אין די אַקסלען, געקראַצט זיך אין נאַקן — מ׳דאַרף גלויבן...

ס׳האָט ווי געטון, וואָס אויך דאָ ווערן יידן באַהאַנדלט אַנדערש. יאַנעק האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. אויפן פייף, האָט מען אין פינצטערן באַגינען ארויסגעריירט צו די פאַרשנייטע פעלדער, אונטערן גרויען, נידעריקן פּאַליעסער הימל. אַ ווירבל־ווינט האָט געריסן די דאַרע ביימער אַרום די שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען, באַוואַקסן מיט פראָסט, ווי מיט גראָבע שטריק. פון וואַדטורעמל האָט זיי נאָכגעפאָרשט די פינצטערע לופע פון אַ קוילן־וואַרפער און דאָס פאַרבאַבלטע פנים מיט די פאַרשטייפטע וואָנסן פון פּאָליציאַנט. אַ קרומע, פאַרשפּינטע זון איז געהאָנגען צווישן די שיטערע בעריאָזעס אויפן בערגל.

אַהין האָט מען זיי יעדן באַגינען געטריבן. ס׳איז געווען די זעלבע נודנע אַרבעט — אויסגראָבן די שווערע, אַרומגעוואַקסענע שטיינער פון אויסגעביסענעם בערגל, צעהאַקן זיי, פירן דעם שאָטער אין טאַטשקעס צום הויפּט־וועג, וואָס איז אויסגעלייגט געוואָרן צום שאָסיי ביזן לאַגער. ס׳איז געווען אַן אַרבעט צו פאַרמאַטערן, צו פייניקן. דער קליינער פּאָליציאַנט דראַבינעק איז די גאַנצע צייט געשטאַנען איבער דער גאַלעריע פון דער שטיין־קאַריערע. זאַלבעצווייט האָבן זיי אויפגעלאָדן דעם שטיין מיט די הוילע הענט; צו קיין לאָם אָדער שטאַנג האָט מען זיך נישט געטאָרט צורירן. ביים איינטיילן די גרופּן, האָט וואַצעק, אַ באַן־אַרבעטער פון וואָליע, נישט געוואָלט מער זיין צוזאַמען מיטן אַלטן טוער פון די פּראָפּ. פאַראיינען, מיט זעליקן. זעליק האָט גיכער אויסגעזעען ווי אַ ישיבה־בחור, מיט אַ הויכער, אויסגעהאָרעוועטער פּלייצע. ער האָט זיך געמאַטערט מיט די לעצטע כוחות און דעם שטיין בשום־אופן נישט געקענט אונטערהייבן. ס׳האָבן געהאַגלט פּאַלקעס איבערן קאָפּ, איבער דער פּלייצע. צומאָרגנס איז וואַצעק אַוועק צו דער גרופּע אוקראַאינער און פּוילישע „נאַראָווצעס״. דאָרט האָט מען אַזוי

שטאַרק נישט געיאָגט אויפן פּיף. יאַנעק האָט אויך דאָס צוגעזען און פאַרביסן געשוויגן.

פאַרנאַכט זענען זיי קוים דערלאָפן ביז צו די באַראַקן. פאַר דער טיר האָט מען זיי, לויפנדיק, אַריינגעיאָגט דאָס ביסל שיטערע, אויסגעקילטע יושקע. דורך די אָפענע טירן האָט געצויגן א מוראדיקע קעלט. איינגעטוליעט פּלייצע צו פּלייצע, האָבן זיך די יידן געקליבן אין אַ ווינקל.

— קום אהער, וואַצעק — האָבן זיי גערופן — וועסט זיך אַנווארעמען לעבן אַלעמען.

אָבער ער האָט שוין מורא געהאַט צו זיין צוזאַמען מיט די יידן.

— אַ פּוילישער ארבעטער... פון וואָליע... — האָט דער חבר זעליק דורכ־געזייעט צווישן די קלאַפּנדיקע ציין — פאַרשטייסט ?...

אַזוי אומגעריכט ווי מ׳האָט יאַנעקן פאַרשפאַרט אין קאַרטוז־בערעזע, אַזוי אומגעריכט האָט מען אים אין איינעם אַ פרימאָרגן אַראָפּגערופן אין קאַנצע־לאַריע. אַ יאָר צוויי־דריטהאלבן זענען געהאַט דורכגעלאָפן. ווען ער איז נאָך גע־זעסן אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה, זענען פונדעסטוועגן געוועזן בריוועלעך, קור־צע זעאונגען. אָבער אין לאַגער — ווי אין וואַסער אַריין. אַליציע האָט נישט גע־רוט. פריער האָט זי זיך, מיט אַלע מאַמעס, שוועסטער און כלות, געשפּאַרט הינ־טער די תפיסה־טויערן מיט אַ „וואַלוווקע״, אָבער אַצינד האָט זי זיך אויסגע־וויינט די אויגן.

— אַדאַם... — האָט זי שטיל געגאָסן מיט טרערן — מ׳דאַרף זען עפּעס צו טון פאַרן יינגל...

שטום, אָן רייד, איז אַדאַם געלאָפן איינרייסן. ער האָט נישט געוואָלט זוכן קיין פּראָטעקציע אין די הויכע קרייזן. ער האָט אָנגעקלונגען צו אַ באַרימטן אַדוואָ־קאַט, מ׳זאָל זען יאַנעקן אַרויסצונעמען אויף קויציע, ער איז גרייט דערויף צו לאָזן אָפּקאָסטן זיך אַ פאַרמעגן. כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ס׳איז אומזיסט, אַז יאַנעק וועט סיי־ווי לאַנג אויף דער פריי זיך נישט האַלטן; ער וועט ווידער קריכן דעם וואָלף אין פּיסק אַריין. טאָ זאָל ער שוין בעסער אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן, זאָל ער פאָרן וווהין ער וויל, אַלצאיינס וועט שוין דאָ פון אים קיין תכלית נישט זיין.

אַהיימגעקומען איז ער, יאַנעק, בלייך, נערוועז, שווייגנדיק; איז אפילו אָפּגע־זעסן עטלעכע וואָכן צוזאַמען מיט דער משפחה אויף דער אָטוואָצקער ליניע. די מאַמע האָט אים צוגעזען; זי האָט אָבער באַמערקט ווי ס׳הייבט אים אונטער, ווי ס׳אונטערגעוואַקסענע שוועסטערל, רוטע, פלאַטערט ארום אים; ס׳קומען צו־שלייכן פאַרשיידענע לייט הינטער די פענצטער, אויף דער וועראַנדע, אָוונט־צייט. ס׳איז געווען אין דעם זומער, ווען אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעצונדן דאָס גרויסע פייער פון בירגער־קריג. דורך די אויסגעלאָשענע נעכט האָט זיך איבערן איראָפּעאישן פלאַכלאַנד, איבער גרענעצן, אומלעגאַל באַוועגט אַן אַנאָנימע אַר־מיי צו די פּירענייען־בערג, צוהילף דער שפּאַנישער רעפּובליק. אויך אהרן, וועלכער איז נאָר וואָס אַרויס פון תפיסה, איז איינמאָל שטיל געקומען. זיי האָבן געשמועסט וועגן אַלץ, אַחוץ וועגן פייגעלען. ס׳איז אים מער נישט געווען צו

דערקענען, ס׳מאָגערע ייִנגל. ער האָט טיפער ווי ווען ס׳איז געשטעקט אין דער אונטערערד פון „מורדזשיעל״. ס׳איז געווען נביאיש׳ס אין זיין שויבערדיקן קאָפּ, אין זיינע אויפגעלויכטענע אויגן:

— זאָג מיר, יאַנעק — האָט ער נאָר געוואָלט וויסן — צי זענען מיר כאָטש ערלעך בנוגע די יידישע מאַסן?... ווייל ס׳איז אויך אַ פראַגע פון געוויסן...

— וואָס דיר פאָלט איין... געוויסן... — האָט יאַנעק אויפגעהויבן זיין אַרומ־געגאָלטן קאָפּ פון אַן אַרעסטאַנט — קודם — דער פּראָלעטאַריאַט... פאָלק... יידי־שע מאַסן... זאָל נאָר דער סאָציאַליזם קומען...

— פּאַרוואָס־זשע וואַרפט מען זיך אַזוי מיט דער פראַזע „פּאָלסקאָ אולי־צאָ״?... די פּוילישע גאַס... ווי אויף דער יידישער גאַס וואָלט שוין אַלץ געווען געלייזט...

ווייל ער האָט שאַרף דורכגעלעבט דעם ערשטן צעשמעטערנדיקן קלאַפּ. דער גאַנצער טומל אַרום ביראָ־בידזשאַן, וואָס איז געוואָרן די גרויסע האָפענונג, איז זיך צערונען. מ׳האָט דערפון מער נישט גערעדט. מ׳האָט עפּעס פאַרדעכטיק גע־שוויגן. ס׳האָט געהייסן, אַז בּיראָ־בידזשאַן איז נישט קיין סאָוויעטישער... ציו־ניזם. שוין דעמאָלט איז עס אים פאַרגעקומען חשדיק. נאָכוואָס־זשע, הייסט עס?... צו וואָס האָט מען באַדאַרפט פאַרפירן מענטשן מיט פוסטע אילוזיעס?

מער האָבן זיי זיך שוין אין יענעם זומער נישט געזען. יאַנעק איז פאַר־שווּנדן, צוזאַמען מיט פייגעלען פאַרשווּנדן, פון דער אָטוואָצקער ליניע. דאָס אונטערגעוואַקסענע שוועסטערל, רוטע, איז אין די טעג געווען דער שטילער שאָטן זייערער. די קליינע האָט אומגעריכט, אין די פּאָר יאָר, ווען יאַנעק האָט זיך געוואָלגערט אין תפיסה, אין בערעזע, געטון אַ וואַקס־אונטער. זי איז ענלעך געוואָרן צום ברודער, אַ מילך־בלאָנדע, מיט זיסע זומער־שפּרענקעלעך אויפן נעזל. אַ גרויסער נייגער האָט זיך אויפגעוועקט ביים יונגן מיידל צו יאַנעקן, צו פּיי־געלען, וואָס נאָר זי האָט געוווּסט פון זייער שטילן אַנטרונען ווערן.

— רוטעשי... — האָט די מוטער זיך געשראָקן פאַרן מיידל — ביסט שוין נישט קיין קינד... ווו, וואָלט איך געוואָלט וויסן, לויפסטו אַרום האַלבע נעכט?...

ווייל זי האָט שוין געהערט פון דער זייט, די מוטער, אַז רוטע „גייט אַרום״ מיט אַ פּוילישן חבר. רוטע האָט פאַרצויגן ס׳שיינע שנעבעלע און כמעט ווי נישט געענטפערט דער מאַמען. זי האָט זיך אומגעריכט אַרויסגעוויזן פאַרן זעלבן עקשן ווי דער טאַטע, ווי דער ברודער יאַנעק. זי האָט מער נישט געפרעגט, די מאַמע, זי האָט אָבער געוווּסט, אַז נאָר רוטע ווייסט וווהין יאַנעק איז פאַר־שווּנדן, אָדער באַהאַלט זיך ווידער ערגעץ אויס.

ס׳איז געווען אין די טעג, ווען יאַנעק מיט פייגעלען האָבן זיך געקליבן אין וועג אַריין. זיי האָבן זיך באַדאַרפט טרעפן מיטן „מאַכער״ הערשל ראַנטשקע אויף אַ זייטיקער אכסניה. הערשל ראַנטשקע האָט זיי באַדאַרפט פירן איבער דער גרענעץ, אָן שום מכשול. ס׳איז געווען נישט קיין קליינע איינשטעלעניש. דער ייד מיטן שטויביקן מעלאַניק אויף אַ זייט שטערן, מיט קרומען מויל, האָט זיך קודם געהייסן „איינזאָלצן״, ס׳הייסט איינצאָלן די עטלעכע הונדערט זלאָטעס; און מיט זיין האַלב־געליימט הענטל האָט ער זיי אָפּגעשטעקט נייאינקע פּוילישע אויסלענדישע פּעסער. זיי האָבן אַ מיש געטון די געלע, שטייפע בלעטלעך

און דערזען די פאָטאָגראַפיעס זייערע, איינגעפּרעגט מיטן רונדן שטעמפּל און מיטן פּוילישן רויטן אָדלער. זיי האָבן איבערגעלייענט זייערע נעמען, וואָס זיי האָבן אַזעלכע קיינמאָל נישט געהערט. ס'האָט געהייסן, אַז זיי זענען מאַן און ווייב, זויכטיקע פּאָרשטייער פון עפּעס אַ מאָדע־געשעפט, מיט פיליעס אין פּאַריז... דער ייד מיטן שטויביקן מעלאַניק האָט זיי מיט אַ האָניק־זיס שמייכעלע אַ מורמל געטון מיט זיין קרום מויל אין אויער אַריין:

— פּראָשע פּאַנסטוואָ... איר באַדאַרפט זיך גוט איינצוחזרן די פּערסאָנאַל־יען... טאָמער פאַלט דאָרט איין עפּעס אַ „קנעפּל" א פרעג צו געבן...

— ווען פאָרן מיר? — האָט יאַנעק דער עיקר געוואָלט וויסן.

— היינט אָוונט. 11 אַזייגער מיט עפּעס, פון דאַנציקער וואָקזאַל...

זיי האָבן מער נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו געזעגענען; ס'איז בעסער געווען פאַרשווינדן צו ווערן אָן אַ „זיי געזונט". ביז אין אָוונט האָבן זיי איבער־געוואַרט אין אַ שטיל הויז. צו דער סעקונדע זענען זיי שוין געווען אויפן האַלב־לײדיקן, פינצטערלעכן וואָקזאַל. אַ וואָנסיקער פּאָליציאַנט האָט זיך געדרייט ביי די אָפענע טירן. געדיכטע רויכן פון אָנקומענדיקע צוגן האָבן זיך געלייגט, פאַר־ווישט די פנימער, די פאַרדעכטיקע ציווילע, וואָס זענען געווען צעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך. ס'איז שווער געווען אויסצומיידן זייער בליק. ערשט ביים וואַ־גאָן־פענצטער האָבן זיי פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער צוג איז געלאָפן איבער דער נאַכטיקער שיינער פּוילישער ערד פון קויאַווע. כאָטש זיי האָבן פאַרשאָלטן די ערד, האָבן זיי געפילט ווי עפּעס רייסט זיך אינעווייניק אָפּ. זיי האָבן זיך מיטאַמאָל דערפילט פריי און הפקר; ווי גנבים, האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט פון זייער אייגן הויז, ווייט אוועק פון זייער היים.

## קאַפּיטל אַכצן

כאָטש די פּאַרטיי איז אָפיציעל געווען אויפגעלייזט, זענען נאָך אין יענעם זומער אָנגעגאַנגען לאַנגע, שאַרפע און ביטערע דיסקוסיעס אין אַלע קרייזן, צווישן אַרבעטער און אינטעליגענטן. מיטן פשוטן שכל איז דאָ מער גאָרנישט געווען צו פאַרשטיין; עפּעס האָט מען געגעבן אָנצוהערן, ס'זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען. ס'איז געווען ווי די מאָטאָרן פון אַ מעכטיקער מאַשין וואָלטן מיט איין מאָל שטיל געבליבן צוליב אַ דעפעקט, אָבער אַלע רעדער און רעדעלעך האָבן זיך נאָך פאַרלאַנגזאַמט געדרייט מיטן כוח פון דער אינערציע — די פּאָד־פונקטן... די פּאָרזיכטיקע טרעפּונגען... דאָס נישט־דערזאָגטע וואָרט... דאָס אינס־טינקטיווע אַרומקוקן זיך זייטיק, דורכגייענדיק די גאַס. די אויגן פון פּאַגאַזשעלס־קי'ס שפּיצלעס האָבן מער ווי שטענדיק געלויערט פון הינטער אַ ראָג, אויף די אַרבעטער־בערזעס; זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז ביי דעם וועט עס נישט פאַרבלייבן, ס'קען נישט פאַרבלייבן.

פון די געוועזענע פּאַרטיי־קעמערלעך ביי די טראַמווייאַזשעס, ביי די פאַבריק־אַרבעטער פון „לילפּאָפּ“, „פּאַראָוווז“, אין וולאָכי, אויף וואָליע, איז צווישן די ווייניקע פאַרבליבן פעסט און נישט געבראָכן איין פּאַוועל. ער איז פאַרבליבן ווי דער לעבעדיקער נערוו. ער האָט געגראָבן. די אַנדערע האָבן מיט חשד צוגעשוויגן, זענען זיך צעקראָכן אין די שענקלעך, אַפילו אין קאָשציאָל אַריין. אָבער דאָס גרייטן זיך צום 1־טן מאַי, דעם פּייערלעכסטן אַרבעטער יום־טוב, האָט זיך אָנגעהויבן ווי געוויינלעך, מיט וואָכן פריער. מ׳האָט מער נישט גענעכטיקט אין דער היים. אין וואָליע איז אַ גוט באַהעלטעניש געווען די גרויסע, רויט־ציגלדיקע וואַוועלבערג־געביידע, אויף גרוטשעווסקי; אָדער אין וולאָכי — צווישן די אַרבעטער פון „פּאַראָוווז“, „הענענבערג“, „לילפּאָפּ“. עס זענען, ווי אַלעמאָל, צוגעגרייט געוואָרן שאַבלאָנען צו באַמאָלן די ווענט, „זשאַבקעס“ צו פאַרוואַרפן טראַנספּאַרענטן אויף די טראַמוויי־דראָטן. אַלעמאָל האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז די צענטראַלע טעכניק איז פאַרשיט געוואָרן. די יידישע מיידלעך, די קראַנקן־פּלעגערינס פון טשיסטע־שפּיטאָל, אין די ווייסע הייבלעך, שטילע, ריינלעכע, אומבאַמערקטע, ווי די נאָנעס, האָבן נישט געצויגן אויף זיך קיין זייטיקן בליק, האָבן זיך אומעטום לייכט דורכגעגליטשט. זיי האָבן אויף די נאַכט־דיזשורן צוגעגרייט די שאַבלאָנען, די פּענער, איבערגעטראָגן עס, באַהאַלטן אונטער די ברייטע פּעלערינעס, פון איין עק שטאָט אין אַנדערן. דאָרט, אַרום טשיסטע־שפּיטאָל, איז געווען די גרענעץ פון פּראָלעטאַרישן וואַרשע — זשעלאַזנע, אָגראָדאָווע, כלאָדנע, גזשיבאָווסקי, שעננע. דאָרט איז אויך, מער ווי אומעטום, געווען דאָס לוירנדיקע אויג פון די שפּיצלעס. פון אינעווייניק האָבן זיי, דורך זייערע מענטשן, געפּרוווט צו שפּאַלטן וואָליע, אָפּגרענעצן די ריין־פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די פּאָליטישע. אין דער שפּינעריי אויף דעם בעמאַ־גאַס, ביי פּראַגאַשעק און גערלאַך, אין „לילפּאָפּ“ און אין „פּאַראָוווז“, האָבן די מייסטערס, שפּיצלעס, געצאָלט שטילערהייט פאַר מסרן, פאַר אונטערטראָגן אַלץ, וואָס האָט זיך, אומגעזען פאַר אַ זייטיק אויג, געקאָכט אַרום „קלוב פון דער אַרבעטער־יוגנט“.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט צוצוגרייטן דעם 1־טן מאַי־צוג איז זיך צונויפגעקומען ביים טעסלער שעווטשיק, אין אַלטן הויז ביי וואַוועלבערג, אויפן דריטן שטאָק, אין פינצטערן קאָרידאָר, צווייטע טיר לינקס, ביים קלאָזעט. די באַראַטונג האָט געדאַרפט באַשליסן, צי מען זאָל זיך ווענדן צו קאַזשימיערטשאַקן, דעם דעלעגאַט פון „לילפּאָפּ“, וועגן אַ געמיינזאַמער 1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן אַביסל מורא געהאַט. קאַזשימיערטשאַק האָט, קלאַפּנדיק זיך אין האַרץ אַריין מיט אַ פויסט, פאַרזיכערט, אַז ער באַציט זיך מיט גרויס סימפּאַטיע צו דער „קאָמונע“; אָבער אַליין האָט ער זייער געשיקט אויסגעפּילט די באַפעלן פון דער דירעקציע. מ׳האָט באַשלאָסן, אַז מיט קאַזשימיערטשאַקן וועט זיך דורכשמועסן פּאַוועל, אַ זייטיקער כלומרשט, וואָס וואַרפט זיך נישט צופיל אין די אויגן אויף וואָליע; ער איז ווי אַ ווינט, ער טויכט אויף און פאַרשווינדט.

געטראָפן האָט מען זיך אין דער קנייפּע „דאָ יאַנאַ“. צווישן ערשטן און זעקסטן גלעזל, האָט קאַזשימיערטשאַק אויפגעקלערט פּאַוועלן זיין „סימפּאַטיע פאַר דער „קאָמונע“... אַז ער האָט זי געירשנט נאָך פון פאָטער און פון זיידן... וואָס זענען געווען „אָרעמע טייוולאָנים“... נאָכן זעקסטן גלעזל האָט ער גענומען

רעדן וועגן איינהייט־פראָנט און פּאַרזיכערט, אַז אויב עס וועלן נישט — „צו־ליבן וויל פון ארבעטער״ — זיין קיין אומלעגאַלע טראַנספּאַרענטן, אויב די „זשידקעס״ פון „מורדזשיעל״ וועלן זיך נישט אַריינגליטשן, וועט ער זיין דער־פּאַר, אַז עס זאָל זיין אַ געמיינזאַמער צוג. פּאַוועל האָט אַלץ געשוויגן, האָט אים אַלץ געלאָזט אויסרעדן. נאָכן אַכטן גלעזל, האָט ער גענומען רעדן וועגן זיין לע־בער־קראַנקהייט, אַז ער ווייסט נישט, צי ער וועט קענען אָנטיילנעמען אין 1־טן מאַי־צוג... בקיצור, ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. פּאַוועל איז עס טאַקע געקו־מען דערציילן לוטעקן:

— שוין איינמאָל אַ שיכור, דיין קאַזשימיערטשאַק...

— ניין, חבר פּאַוועל, האָסט נישט באַנוצט דאָס ריכטיקע וואָרט... — האָט אים חבר לוטעק, אַן עלטערער אַרבעטער, אַ געוועזענער פון ס.ד.ק.פּ.ל. רואיק אויסגעטייטשט — אַ שיכור איז אַזאַ, וואָס פּאַרגיסט דעם „וואָרעם״, ס׳זאָל לייכ־טער ווערן אויף דער נשמה... און קאַזשימיערטשאַק האָט נישט קיין נשמה... קאַ־זשימיערטשאַק טרינקט, אָבער ער פּאַרגעסט קיינמאָל נישט ווו ער האלט אין דער וועלט. אַז ער טרינקט, ווערט ער נאָר מער באַרעדעוודיק... אַ הולטיי... אַ שפּיצעל...

דערווייל האָבן אין קוואַרטאַל, סיי די יידישע מיידלעך, די פלעגערינס פון טשיסטע־שפּיטאָל, סיי די יוגנט, מיט שאַבלאָנען אין די נעכט באַמאָלן מיט לאָ־זונגען דעם ברוק, די טויערן, כאָטש די גאַסן זענען געווען געדיכט באַשטעלט מיט שפּיצלעס. צוויי שטייען זיי זיך אַזוי אין ראָג און דאָ באַוויזט זיך אַ מיידע־לע מיט צעפּעלעך און מיט אַן עמער און אַ יינגל מיט עפּעס אַ פּעקל אונטערן אָרעם. די שפּיצלעס נעמען זיי נאָכיאָגן. דעמאָלט שאַרט זיך איינער באַלד הינטער זיי אַרויס פון טויער און באַמאָלט שנעל די וואַנט פון רויטע ציגל. די שפּיצלעס דעריאָגן דערווייל דאָס מיידעלע אין טויער, אָבער אין עמער איז — מילך; אינם פּעקעלע ביים יינגל — קאַשע־וווּרשט...

און פונדעסטוועגן האָבן זיך אין טאָג פון 1־טן מאַי אין יענעם יאָר פּאַר־זאַמלט הינטער די ווענט פון „לילפּאָפּ״ דריי טויזנט אַרבעטער. דער צוג האָט געעדירט פון דער בעמאַ־גאַס. בראש איז געגאַנגען קענזשאַר, אין אַ ברוין רעקל, מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, פייערלעך. לעבן דער שפּינעריי האָבן זיך אַריינגע־גאָסן די ווייבער מיט די טיכלעך אויף די קעפּ. אויף ראָג וואָלסקע האָט קענ־זשאַר ארויסגעצויגן פון אונטער דער פּאָלע אַ טראַנספּאַרענט. ס׳האָט אַ הילך געטון ווי פון אונטער דער ערד דער „אינטערנאַציאָנאַל״, די „וואַרשאַוויאַנקע״. די באַיוווקע פון די „פּראַקעס״ האָט זיך מיט שטעקנס געוואָרפן אין צוג אַריין. מ׳האָט זיי אָפּגעשלאָגן. עס זענען צוגעקומען די ארבעטער פון „גערלאַך״, די פּלעגערינס, די בוי־ארבעטער. ראָג כלאָדנע־זשעלאַזנע האָבן זיך אַ וואָרף געטון פּאָליציי און שפּיצלעס. די קעטשלעך האָבן שוין געוואָרט אין די זייטיקע גאַסן און הויפן. אויף פּלאַץ באַנקאָווי האָבן אויף די פּלייצעס פון ארבעטער גערעדט צוויי רעדנער. צווישן קעפּ האָט זיך אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן. פּאָליציי האָט געוואָלט כאַפּן איינעם פון די רעדנער, אָבער ער איז שוין נישט געווען צו געפי־נען. ער איז שוין געווען איבערגעטון, אַ טיף־אַראָפּגערוקט היטל איבער די אויגן...

די קליינע רוטקע האָט געפיבערט מיט די געשעענישן. זי איז „אַרומגע־גאַנגען" מיט פּאַוועלן. זי האָט געוווּסט, אַז עפּעס נורטעוועט ער, פּאַוועל. דאָס העראָישע בילד פון דזשערזשינסקין, ווי ס׳איז געמאָלן אין די ביכער, איז איר כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן. ער איז געווען די האַרטע, אומברחמנותדיקע פויסט פון דער רעוואָלוציע. זי האָט אים, פּאַוועלן, געזען אין פלאַקער פון שלאַכטן, וואָס מוזן אויסברעכן אַ ליאַדע טאָג. זי האָט אים געזען אין שפּיץ פון וואַרשע־ווער „רעווקאָם". זי האָט געוווּסט, ער וועט קיינעם נישט שוינען, קיינעם נישט, און אויך נישט זיין אייגן בלוט — פאַר דער רעוואָלוציע!

אַ נישט־פאַרענדיקטער סטודענט, אַן עקזאַלטירטער, אַ שטיל־פאַרביסענער, האָט ער צוליב געשלעגן אויף דער הויך־שול, צוליב אַ פאַרשיט, געמוזט אָפּ־טרעטן, מער נישט ווייזן זיך. זיינע עלטערן, קליינע באַאַמטע, האָבן נישט גע־וואָלט מער וויסן פון אים, פאַר זיין מישן זיך מיט די „מאָסקאַלן"... מיט דער „זשידאָ־קאָמונע"... צווישן די יידישע אַרבעטער פון „מורדזשיעל" איז מען דער־פאַר זייער שטאָלץ געווען מיט אַ פּוילישן חבר, וואָס איז אַוועק פון זיין רע־אַקציאָנערער היים און איז געקומען אין די פּראָלעטאַרישע רייען. ער איז געקו־מען פון וולאָכי, פון וואָליע, פון די טראַמווייאַזשעס. אַ שווייגער, מיט אַ שיין, פאַרביסן מויל, דעם לאָק אין די אויגן, האָט ער ווייניק גערעדט מיט די יידי־שע חברטעס — ער האָט זיי באַפּוילן. ער איז געקומען צווישן די יידישע טעקס־טיל־אַרבעטער, אויף די בערזעס, אַפילו אויף דער ווילדער פליאַזשע, הינטערן פּראַגער וועלדל. ער איז געקומען אומגעריכט. מ׳האָט שוין אָבער געוווּסט, אַז זיין באַווייזן זיך איז נישט אומזיסט. וואָס מער די עקזאַלטירטע יידישע מיידלעך האָבן געקלעפּט אַרום אים, אַלץ מער האָט ער זיי געטריבן פון זיך. ס׳האָט גע־שלאָגן אין זיי אַ פלאַם, ווען זיי האָבן גערעדט מיטן חבר פּאַוועל. זיין טונקל־שאַ־טינע שוועליורע איבערן שיינעם שטערן, די קינען — שאַרף, דער בליק שטרענג־באַשעפּטיקט.

ס׳איז באַקאַנט געווען, אַז די מערסטע שאַרפע קעפּ אין דער פּאַרטיי, די אינטעלעקטועלע, זענען — יידן, אָדער באַדאַרפן אַוודאי צו זיין יידן. ס׳איז שווער געווען צו דערגרונטעווען זיך צו די אַלע, אונטער דער מאַסקע פון כלערליי פּאַרטיי־פּסעוודאָנימען, וואָס זיי האָבן אָפט געפּלעגט צו טוישן. זיי זענען געווען ווייט, אומצוטריטלעך, אַרומגעהילט אין סודות. זיי האָבן, זעלטן, קורץ אויפגע־טויכט אין דער עפנטלעכקייט און באַלד ווידער פאַרשוווּנדן. פון צייט צו צייט האָט מען געהערט פון זיי — דאָ אין וואַרשע, אין דאַנציק, אין בערלין, אין פּראַג, אין פּאַריז. געקומען זענען זיי געוויינלעך פון „יענער זייט". זייערע טעאָרעטישע אַרבעטן, שווערע, ציפערדיקע, מיט שטוינענדיק־פּינקטלעכע פאַקטן פון דער אַק־טועלער כראָניק אין פּוילן, אָפט נישט ווייניק איבערגעטריבן, האָט מען געקענט לייענען אין „פּשעגלאָנד", אין „וויאַדאָמאָשטשי", געדרוקט אויף דינעם פּליס־פּאַ־פּיר, וואָס זענען דורך ערגעץ אַריינגעקומען אין לאַנד אַריין; און די, ווידער, וואָס ס׳איז שוין געווען זיכער, אז זיי זענען אמתע פּאָליאַקן, האָט מען זיך לסוף דער־וווּסט, אַז זייערע פרויען זענען מערסטנס יידישע. ווייל די פּוילישע סטודענט־קעס, די בלאָנדע, די לאַכערקעס, געקומענע צום ראַדיקאַלן סטודענטישן פליגל, זענען נישט געווען ווי די יידישע. ווייניק פון זיי האָבן, אויסערן פלירט, טיפער

פאַרשטאַנען, אָדער אויף אַן אמת געפילט די זאַך, פאַר וועלכער ס׳איז אָנגעגאַנגען דער ביטערער קאַמף. אויך האָט מען געוואָרנט פאַר כיטרע, פאַר אונטערגעשיקטע. צו די יידישע חברטעס, די סאַראַ׳ס, די עסטושיאַ׳ס, האָט מען געקענט האָבן דעם פולן פאַרטרויען. זיי האָבן זיך אינגאַנצן אַוועקגעגעבן. ס׳איז געווען אַ ווייטער פלאַם אין זייערע יידישע אויגן. זיי האָבן אַלץ פאַרשטאַנען, אָן פיל רייד. זיי האָבן זיך אין דער קאָנספּיראַציע געקענט פארשטעלן אין אַלערליי מאַסקעס. זיי זענען גרייט געווען אַוועקצוגעבן דאָס אייגענע לעבן. מ׳האָט זיי נעכט און טעג געפייניקט ביי די אויספאָרשונגען, מ׳האָט זיי באַליידיקט. זיי האָבן אָנגעפילט די תפיסות פון לאַנד.

ס׳איז אויך געווען אַ ווייטער, פרעמדער נייגער, וואָס האָט פּאַוועלן געצויגן צו דער קליינער רוטקען. ס׳לעבן איז געווען נישט זיכער, מ׳האָט געלעבט אויף דערווייל, אויף הפקר. זיי האָבן זיך אַלעמאָל צעשיידט באַנג. פּאַוועל האָט זי צוגעפירט נישט ווייט פון זייער טויער און האָט זיך פלינק אָפּגעטראָגן דורכן זאַקסישן גאָרטן, דורך די אָוונטיק־רוישיקע גאַסן. ער איז איינמאָל געקומען און האָט איר איינגערוימט:

— כ׳האָב עס, קליינע... אַ צימערל, אַז דער טייוול אַליין וועט זיך אהין נישט דערקלייבן...

ווייל די שפּיצלעס זענען אויף טריט און שריט געווען אויף זיינע שפּורן. זי האָט זיך אביסל פאַרטראַכט און האָט באַלד איינגעשטימט צו גיין וווינען מיט אים.

דאָס צימערל האָט זיך געפונען אין אַ שטיל הויז, צווישן אלט־שטאָט און פּרעטאַ; אַ געסל, וואָס האָט זיך דורך די ניי־פאַרפלאָנצטע גערטלעך אַראָפּגעלאָזן צו דער ווייסל. אַרום, אין די אַלטע קוואַרטאַלן, האָט עס געראַיעט מיט צירק־לייט, זאַמד־פירער, פייגל־הענדלער, דרוציאַזשעס, אַלפאָנסן. אין די נייע הייזער האָבן געוווינט באַאַמטע. אַ ריינלעכער הויף דורכצוגיין, שטאָקן, קאַרידאָרן, אָפּגעשלאָסענע טירן; און אונטערן סאַמע דאַך — אַ ווינקל־צימערל. אהין האָט ער רוטען געברענגט צופירן אין אַ ראָזן פאַרנאַכט. דאָס דאַך־פענצטער — צעעפנט, אַ נידעריק בעט, אַ טישל, בלומען, לאַנדשאַפטן איבערן בעט. ערגעץ אונטן, אויף דער ווייסל, האָט אַ דאַמפער־סירענע גערופן און האָט זיך לאַנגזאַם, ווי אַ שוואַן, אַוועקגעגליטשט אונטער דער בריק. רוטען איז דאָ גלייך געפעלן געוואָרן. ס׳איז נאָנט און ס׳איז זייער ווייט געווען פון יידישן גאַסן־פלאָנטער. ס׳איז געווען ווי אַ טויבן־נעסט. ער האָט זי דאָרט איבערגעלאָזן און איז אַוועק.

רוטע איז אין יענעם זומער געווען גליקלעך־פאַרפלאָמט. זי האָט אויף אַ רגע אַפילו נישט אַ טראַכט געטון, וואָס, אַ שטייגער, וועט די מאַמע... דער טאַטע... ווער איז עס עפּעס געגאַנגען פרעגן ביי טאַטע־מאַמע? וואָס איז זי? עפּעס אַ קליינבירגערלעך מיידל? זי דאַרף זיך נאָך אפשר לאָזן רעדן אַ שידוך אויך?... די איינציקע, חברטע האַנקע, פאַר וועמען זי האָט פאַרטרויט אַלע סודות, האָט איר אַזוי־זיך אַ זאָג געטון:

— כ׳וויס... ס׳איז אפשר דעליקאַט... ער האָט דיך, זאָגסטו, ליב... פון וואַנען ווייסטו?...

זי האָט האַנקען מער נישט געהערט. זי האָט הויך און חוצפּהדיק אַ לאַך אַרויס געטון, פאַריסן דאָס שקאָצישע נעזל, באַשאָטן מיט חנוודיקע קלייענדלעך, און איז אנטלאָפן אויף אַ „פּאָדפּונקט“.

מען ווייסט נישט ווי אַזוי די געשיכטע מיטן „פּוילישן חבר“ איז דערגאַנגען צו אַליציען. זי האָט זיך לעצטנס ווייניק געוויזן אין הויז, די מויד. וועגן לערנען איז שוין מער קיין רייד נישט געווען. זי האָט געאַרבעט אין אַ קליינער האַנדלס־ביוראָ, איז מער אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז, ווי געאַרבעט. אַליציע האָט זיך געקניפּן די באַקן. זי האָט עס אַפילו פאר דער שוועסטער אירענע אויך נישט געוואָלט ברענגען פאַרן מויל; יענע וואָלט איר נאָך אויסגעלאַכט, וואָס זי נעמט זיך איבער מיטן „ראָמאַן“ פון דער „סמאַרקאַטע“, אָדער וואָלט זיך אפשר אַליין דערפילט אַביסעלע אומבאַקוועם. סיי ווי, ס'האָט אַליציען טיף וויי געטון. זי האָט מער נישט גערוט. זי איז אַליין אַרומגעלאָפן זוכן דער מויד. זי האָט בחוש דערפילט, אַז רוטע, נאָך קיין גאַנצע צוואנציק יאָר נישט אַלט, וועט נאָך אָנברענגען אַן אומגליק אין שטוב אַריין. נאָך ווייניק, הייסט עס, יאַנעק... אַדאַם איז, ווי געוויינלעך, נישט געווען אין הויז. זי האָט דאָסמאָל זייער אומגעדולדיק געוואַרט ער זאָל זיך אומקערן פון זיינע רייזעס.

ווי אַ פלאַטערל צום פייער, אַזוי האָט עס דער קליינער רוטקען אין יענעם שיינעם זומער געצויגן צום פוילישן חבר, צו פּאַוועלן. ס'מיידל האָט זיך אַזוי וואונדערלעך געהאט פונאנדערגעבליט. די משפּחהדיקע זומער־שפּרענקעלעך אויף איר רונדיק פּנים זענען אַרויסגעטרעטן שאַרפער, פאַרשאָטן איר קורץ־פאַריסן נעזל. זי איז געווען בלויז ווייבערישקייט, כאָטש זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון מענערישער פאַרהאַרטעוועטקייט; זי איז געווען פול מיט מוטערלעכער גוטסקייט, איז גרייט געווען אַוועקצוגעבן ז י ך אינגאַנצן. פּונקט ווי יאַנעק, האָט זי דעם פאָטער נישט פאַרשטאַנען, נישט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס ער קאָכט זיך דאָרט איביק מיט זיינע יידישע געשעפטן... יידן... ער וויל גאָרנישט זען די פאַרברידערונג מיט דער „פּוילישער גאַס“... דערפאַר האָט זי זיך איבערגענומען מיט איר ברודער יאַנעקס ליידן אין די תפיסות, אין קאַרטוז־בערעזע — פאַר אַ גרויסער זאַך. זי איינע האָט געוווּסט, אַז ער איז אַוועק קיין שפּאַניע; זי האָט בסוד אָפּגענומען גרוסן פון פאַריז.

אַלע האָבן עס שוין געוווּסט. מ'האָט זיך אויף דער „ווילדער“ פליאַזשע געשושקעט אַרום איר, אַז רוטע איז ביים חבר פּאַוועל נישט די ערשטע און — נישט די לעצטע. אין דעם אַלעמען איז אַוודאי געווען נישט ווייניק קנאה אויך, פּשוטע ווייבערישע קנאה; ווייל דווקא די יידישע חברטעס האָבן געקלעפּט צו אים; מ'האָט זיך, למשל, דערפילט זייער וויכטיק אַ זאָג צו געבן, אַז מ'האָט זיך ערשט נעכטן געזען מיטן חבר פּאַוועל... אַז פּאַוועל האָט זיי פאַרטרויט... רוטע האָט נישט אָנערקענט די אויפלייזונג פון דער פּאַרטיי. זי איז, ווי פריער, אַרומגעלאָפן טעג און נעכט אויף די „פּאָדפּונקטן“. אַלץ איז געווען — סוד. זי איינע האָט געוווּסט די מלינות, וווּ פּאַוועל האַלט זיך ערגעץ אויף. זי האָט זיך אַפילו אָנגענומען מיט זיין פאַרדעכטיק שווייגן. זי איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אויף דער „ווילדער“ פליאַזשע, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס'זומערדיקע קליידל מיט די קוויטן און, אַ האַלבנאַקעטע, אַרומגעטומלט מיט דער חברה אין וואַסער, אויף די אויסגעבריטע זאַמדן

הינטערן פּראַגער וועלדל. זי איז געווען מיטלוואָקסיק, אין דער הויך פון פּאָטער, פעסט־אויסגעקנאָטן, אָבער דין, פלינק, ווי א צווייגל. די מאַטע הויט האָט גע־אָטעמט מיט ענערגיע. זי איז געלעגן, די פיס הינטער זיך, ס׳געטאָקטע קעפּל מיט די ווייצענע אויסגעבאָדענע האָר־פּאַסמעס פאַרוואָרפן אַהינטער, געמאָלן מיטן שײנעם פּיסקל — „פּאַלסקאַ אָוליצאַ״... דאָס וואָרט, וואָס איז, ווי ביי די אַלע מיידעלעך, נישט אַרויס פון איר מויל. מ׳האָט געוווסט, אַז זי האָט אַ נענטערע שײי־כות מיטן חבר פּאַוועל, אָבער אַז ס׳זאָל שוין טאַקע האַלטן אַזוי ווייט...

ס׳האָט אַ בלאָז געטון אַ ווינטל, אַ וואָלקן האָט פאַרשטעלט די זון, אַ רעגנדל האָט אַ שפּריץ געטון. די פאַרנאַכטן זענען צוגעפאַלן פריער. ס׳האָט געצויגן אַ נאַגנדיקער אומעט פון פּרי־האַרבסט. יעדער איינער האָט זיך פאַרהויקערט אָפּגע־טראָגן דורך דער בריק, דורך די געסעלעך אַרום מוראַנאָוו. מ׳האָט געפילט, ווי מען גייט אין אַ נייער ליידיקייט אַריין.

כאַטש פּאַוועל האָט רוטען גערופן „מאַלפּאַ״, האָט איר געלאָזן וואַרטן שעהן אויף אַ „פּאַדפּונקט״, האָט זי אין דער מיט געקענט לאָזן ערגעץ שטיין און אַריינ־שפרינגען אין טראַמוויי, האָט זי אַלץ פאַר־ליב גענומען. זי האָט זיך געזאָגט, אַז מסתמא דאַרף ער אַזוי, מוז ער אַזוי. אַזוי שטאַרק צוגעבונדן האָט זי זיך אין יענעם זומער צו אים. זי האָט אין אַלע זיינע משוגעתן געזען אַ העכערן ציל, אַז מסתמא דאַרף זי נישט אַלץ וויסן. צום ערשטן מאָל האָט זי זיך אָבער דערפילט אַביסל אומרואיק אין אַ פאַרנאַכט, אויף אַ באַנק אין די לאַזיענקעס. ס׳איז גע־ווען אַ בלייכער פאַרנאַכט אין סעפּטעמבער. דאָרע בלעטלעך האָט דער ווינט גע־שאָטן איבער אירע האָר. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט מיד. זי האָט זיך גע־זאָגט, אַז דאָס מאָל מוז זי עס אים פונדעסטוועגן זאָגן, פּאַוועלן. זי האָט זיך אויס־געהיטן. זי האָט געוווסט, אַז ער קען לייכט אַריינפאַלן אין צאָרן, אַז ער קען זי זידלען אַפילו, איבערלאָזן אין מיטן גאַס און אַוועקגיין. זי איז צו שטאָלץ. זי וועט אים נישט נאָכלויפן. דערפאַר האָט זי זיך געשראָקן, ס׳קליינע מיידל. און זי האָט איצט אַזוי שטאַרק מער נישט געוואָלט זיין אַליין. אָבער ווי אַזוי עס אים זאָגן ? אין אַזאַ פאַל באַדאַרף ער כאָטש אַ קליין ביסעלע מיטזאָרגן. זי האָט גענוי נישט געקענט נאָכרעכענען, אָבער ס׳האָט אַמאָל געקענט ווערן צו שפּעט; מ׳האָט באַ־דאַרפט באַשליסן, האַרט באַשליסן — טויטן ס׳קינד אין זיך, אָדער לאָזן עס גע־בוירן ווערן. אָבער ווי אַזוי ? צי איז דען איצט צייט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, ווען די פאַרביטערטע שלאַכט פאַר אַ נייער וועלט גייט יעדן טאָג, יע־דע מינוט ? אַזוי שטאָלץ איז זי געווען, די קליינע, נארישע רוטקע, אַז זי האָט אַפּי־לו צו אירע נאָנטע חברטעס נישט פאַרטרויט זיך וועגן דעם, וואָס איר דריקט אויפן האַרץ.

ס׳קינד האָט זי שוין געבוירן אין תפיסה. זי איז געפאַלן בעתן בראַנד־פּייער פון דער אויספאָרשונג אין דער דעפענסיווע. זיי האָבן זיך דאָרט פריילעך געמאַכט איבער איר, אָבער זי האָט אַלץ פאַרביסן געשוויגן, ווען מ׳האָט גע־וואָלט דערגיין ביי איר ווו פּאַוועל האַלט זיך אויף. ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס אויפצוטון מיט איר און זיי האָבן זי אַריבערגעפירט אין דער פראָויען־תפיסה, אין דער „סערביאַנקע״. די חברטעס פון דער צעלע האָבן צעריסן די העמדער זייע־רע אויף ווינדעלעך און וויקלשנורן. אָפּגענומען ס׳קינד האָט אַ סטודענטקע פון

מעדיצין, די גראָבע וועכטערינס, מיט פּאַלקעס און מיט נאַגאַנעס, האָבן גע־שפּאָט, אָנגערופן זי מיט די געמיינסטע ווערטער. די חברטעס פון דער צעלע האָבן געמאַכט קולות, געקלאַפּט אין די טירן. ס׳האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן אַ הונגער־שטרייק. מ׳האָט געפּועלט צו ברענגען אַ דאָקטער, אַריינצולאָזן אַ ביסל מילך. רוטע איז געלעגן עטלעכע טעג אויף דער נאַרע, אָפּגעשוואַכט, אין פיבערן, פאַרפלאָמט. זי האָט די אויגן נישט אויפגעמאַכט, נישט געוואָלט אויפמאַכן.

דער איינציקער געדאַנק אירער איז געווען — פּאַוועל... וואָלט ער כאָטש גע־לאָזט פון זיך הערן. אַפילו ווען ער וואָלט, ווי זי, אַריינגעפאַלן אין תפיסה, זענען נאָך אַלעמאָל פאַראַן וועגן ווי אַזוי דורכצוגליטשן אַ „גריפּס". זי האָט אָבער גע־ווּסט, אַז ער איז אויף דער פרייַ און אַ גרויסער כעס האָט איר געוואָרגן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן, נישט אויסגערעדט קיין וואָרט צו קיינעם. זיי האָבן אויך נישט געפרעגט, די צעלע־חברטעס, אָבער אַלע האָבן זיי געוווּסט, אַז ס׳קינד איז פּאַוועלס — די בלויע, פאַרהויכטע אייגעלעך, דער טיפער שטערן און זיין שיינער, ענערגישער מויל־שניט. אין באַדאַכטע מינוטן האָט זי זיך פאַרגע־שטעלט פונדעסטוועגן ווי שטאַרק די מאַמע נעמט זיך עס דאָרט צום האַרצן. לאַנגע חדשים האָט זי פון דרויסן קיין גרוס נישט באַקומען. זי האָט נישט געשריבן, נישט געבעטן גאָרנישט. אָבער אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט מען רוטען אומגעריכט אַראָפּגערופן אין דער תפיסה־קאַנצעלאַריע און איבערגעגעבן איר אַ פּעקל מיט זאַכן פאַרן קינד. אָן איין וואָרט. די קינדערישע זאַכן זענען געווען צעוואָרפן, דורכגעניִשטערט, דורכגעשטאָכן. פון וועמען דען, אויב נישט פון דער מאַמען זע־נען געווען די זאַכן ? און רוטע האָט זיך, פאַר זיך אַליין, צום ערשטן מאָל פאַר־שעמט. אַליציע האָט, צוזאַמען מיט די אויסגעבלייכטע פרויען, געוואַרט הינטערן שטרענג־פאַרהעמערטן טויער, פאַרהילט אין דער שווארצער יידישער שאַל. ס׳האָט זיך איר אַלץ געדוכט, אַז אַלע אין גאַס קוקן איר נאָך. די קינדער זענען שוין נישט צום ערשטן מאָל געווען פאַרשפּאַרט אין געפענקעניש, אָבער דאָס מאָל איז זי געגאַנגען צו זען דער מויד, רוטען, מיט אַ שטאַרק געבראָכן געמיט. אויף אַזאַ אומגליק האָט זי זיך נישט געריכט. איינציקוויז האָט מען זיי דאָרט אַריינגע־רופן אין דער שטרענג־אויסגעווייסטער קאַנצעלאַריע מיט די נאַקעטע ווענט, ווו ס׳איז בלויז געהאַנגען אַ שפּיציקער פּוילישער אָדלער מיט שאַרפע נעגל. צווישן די צוויי גראָבע וועכטערינס מיט די רעוואָלווערן ביים פּאַסיק, האָט זי דערזען רו־טען, אויסגעבלייכט, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. אַליציע האָט פריער פּעסט אָפּ־געמאַכט ביי זיך צו זיין שטרענג, האַרט, האָט פונדעסטוועגן אַ מאַמיש געוויין אַ שפּאַר געטון פון איר.

— רוטעשי... וואָס האָסטו געמאַכט פון אונדז ?...

אַזוי מאָגער, נערוועז ווי זי איז געווען, רוטע, איז זי מיטאַמאָל צוריק פאַריסן געוואָרן ביי זיך :

— ביסט מיך געקומען באַקלאָגן ?...

איידער וואָס־ווען, זענען די פּאָר מינוט פון דער זעאונג איבערגעלאָפן. אָבער סיי־ווי איז עס צווישן מאַמע און טאָכטער געווען צו לאַנג. די ווערטער האָבן זיך שווער געלייגט אויף זייערע ליפּן. די גראָבע וועכטערינס האָבן זיך אוועקגע־שטעלט צווישן זיי, האָבן זיי אונטערגעטריבן מיט רויע קולות.

אויפֿן טאַטן דערפֿאַר האָט זי זיך נישט געריכט, רוטע; ער איז קיין איין מאָל נישט געקומען זי זען. זי איז שטילערהייט דערפֿון צופֿרידן געווען. ער האָט טעג־לאַנג געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן לאַנגן קאַבינעט, ביי האַלב־פּאַרלענטע שטאָרן. „ס׳האָט געמוזט פּירן דערצו... — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען — מיר האָבן, הייסט עס, געצויגן אין פֿאַרשידענע זייטן, איך און אַליציע... און אָט זענען די רעזולטאַטן... ס׳איז נישט גענוג צו פֿריידיקן פֿאַר אַנדערע, מען דאַרף אַנהייבן פֿון זיך אַליין״... צווישן די אַלטע פֿריינד, אין די רעדאַקציעס, אויף די זיצונגען, אין סיים, האָט ער אַלץ שווערער געשוויגן, אַדאָס. ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרלוירן זיין בייסיקן הומאָר. מ׳האָט געזען, אַז ער גייט־איין פֿון טאָג צו טאָג. קיינער האָט אים נישט געפֿרעגט. מ׳האָט אים אָבער געקענט, דעם עקשן, אַדאַ־מען, אַז ער ברעכט זיך נישט, אַז ער וועט אַלע שטורעמס איבערווינדן, קיין זיי־טיק אויג וועט אים נישט זען אין זיין געבראָכנקייט.

רוטע האָט געוווסט, אַז נישט עמיצנס אַנדערש, נאָר אַז דעם פּאַטערס האַנט שטעקט דערין; ווייל מ׳האָט זי אין איינעם אַ פּרימאָרגן אַראָפּגערופֿן אין קאַנצע־לאַריע, איר דערלאַנגט אַ קוויטל, אַז זי איז באַפֿרייט, פּראָוויזאָריש באַפֿרייט, קעגן אַ גרויסער געלט־קויציע. ס׳איז געווען אַ כמורנער פֿאַרנאַכט. זי איז שטיינגע־בליבן מיטן פֿאַרוויקלטן קינד אויף דער האַנט, הינטער די מויערן פֿון דער תּפֿי־סה. זי איז געגאַנגען אַראָפּ מיטן טראָטואַר, האָט אַ רוף געטון אַ דראָזשקע אויפֿן ראָג, כאָטש זי האָט נאָך אַליין נישט געוווסט וווהין זי זאָל זיך הייסן אָפּפֿירן. אַהיים, האָט זי געוווסט, קען זי מיטן קינד אויף די הענט נישט קומען. פּונקט ווי זי האָט זיך פֿריער, אין דער צעלע, אַפֿילו רעכט נישט אומגעקוקט אויפֿן קינד, ווייל דער צאָרן, די אַמביציע, וואָס פֿאַוועל לאָזט פֿון זיך נישט הערן, האָט איר געפּרעסן, אַזוי האָט זי מיטאַמאָל דערפֿילט אַ גרויס רחמנות אויפֿן קינד. זי האָט געפֿילט די קראַנקע וואַרעמקייט, ווי פֿון אַן עוף, טוליענדיק עס צו זיך אין ווינט. דער ווינט האָט געבייטשט אין דער אַראָפּגעלאָזענער בויד. די דראָזשקע האָט גע־קלאַפּט איבער די שפּיציקע שטיינער פֿון ברוק און זי האָט זיך נאָך אַלץ געישובֿט ווו צו הייסן אָפּפֿירן זיך. זי האָט מיט פֿלאַטער אַרויסגעקוקט דורך אַ שפּאַלט פֿון דער טיפֿער בויד. ס׳האָט געשפּריצט אַ רעגנדל. מענטשן האָבן געאיילט אונטער שירעמס. זי איז נאָך געווען ביי זיך פֿאַריסן — זי דאַרף נישט קיינעם... זי פֿרעגט נישט ביי קיינעם... זי איז אַליין גענוג פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אירע מעשים. דער ערשטער געדאַנק איז געווען : האַנקע, דאָס מיידל, די שפּולערין. געוווינט האָט זי איינע אַליין אין אַ צימער מיט אַ באַזונדערן אריינגאַנג. דער־ווייל, ביז זי וועט זיך ארומקוקן, וועלן זיי ווינען בייזאַמען.

ס׳איז געווען אַן אַלט הויז, אַ רויט־ציגלדיקס, אַראָפּ מיט דער אָקאָפּאָווע, נישט ווייט פֿון קריסטלעכן בית־עלמין. אַ פֿינצטערער קאָרידאָר, אַ סך טירן. אַהין פֿלעגט מען קומען אויף געהיימע זיצונגען. אַן אייוועלע האָט געגרויכערט. דער ווינטער האָט זיך פֿרי געשטעלט. האַנקע איז אַוועק אין דער טריקאָטאַזש־פֿאַב־ריק, אָבער די לעצטע עטלעכע וואָכן איז געווען אַ גרויסער קריזיס. זי האָט נישט געאַרבעט. זי האָט שטום, אָן רייד, צוגענומען ביי איר ס׳קינד, אַוועקגעלייגט עס אויפֿן טאַפּטשאַן. זי האָט זיך געפֿאַרעט אין שטיבל, געלאָפֿן צום קיכל מאַכן אַ ביסל וואַרעמס; אָן רייד, ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף רוטעס קומען. די קליינע

רוטקע איז איר שטום דאַנקבאַר געווען, דער עיקר, וואָס זי רעדט נישט, פרעגט נישט. זי האָט זיך דערפילט אין אַ זיכערער אַנטרינונג.

אין אָוונט איז זיך פּאַרטייעט צונויפגעקומען די חברה. מ׳האָט געזונגען, געלאַכט, געשפּילט זיך מיטן קינד. אָבער רוטקע איז געזעסן צווישן זיי אַ שווייגנדיקע, פאַרשלאָסן. פּאַוועל האָט זיך אַלץ נישט געוויזן. ס׳איז שוין געווען אַ שטיק אין ווינטער אַריין. זי האָט געהאַט צרות פון קינד. ס׳איז קראַנק געווען. דאָס קליינע גופל האָט געצאַפּלט, איז בלוי געוואָרן, האָט אויסגעשטרעקט די הענטעלעך, די פיסעלעך, ווי אַ הון. הינטער די בלאָנדע, אָפּגעמעקטע וויעס האָט עס אָן עפן געטון די בלויע, פאַרהויכטע אייגעלעך. רוטקע איז געשטאַנען איבערן קינד. זי האָט נישט געוויינט. האַנקע האָט פאַרבריט אַ פּלעשל צום זויגן, נאָר ס׳האָט נישט געזויגן. ס׳האָט געבראָכן, ס׳האָט אַלץ צוריקגעגעבן.

— זיי האָבן ס׳קינד פאַרפייניקט אין דער „סערביאַנקע“... ווער ווייסט... — האָט האַנקע שטיל געזאָגט.

רוטקע האָט זיך גאָרנישט אָפּגערופן. איר שאָטן האָט זיך לאַנג אויסגעצויגן אויף דער וואַנט. ס׳איז אָנגעפאַלן אַ געדיכטער שניי אויף דער הינטער־שטאָט. דורך די אָפּגעהויכטע שייבלעך האָט מען געזען אַ פאַרשנייטן בוים, פאַרבאַבלטע ווייבער. דער טראַמוויי, וואָס האָט זיך דאָ מיט אַ קוויטש פאַרדרייט ביים ראָג, איז געווען איינגאַנצן ווייס. און ווען דער שניי איז בלוילעך געוואָרן, האָט מען שטיל אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט זיך נישט אומגעדרייט, רוטקע, זי האָט אָבער געפילט — ס׳איז די מאַמע. דער מאַמעס וואַקסן פּנים איז געווען אין פאַרהויכטן שפּיגעלע קעגנאיבער. רוטקע איז געזעסן איבערן אויסגעלאָשענעם קערפּערל פון קינד. ס׳האָט מער נישט געוויינט, ס׳האָט מער נישט געאָטעמט. קיין טרערן זענען אין רוטקעס הייסע, טרוקענע אויגן נישט געווען.

אין דער מאַמעס וואַקסן פּנים איז געווען געבעט און נאָך עפּעס: באַדויערן. דאָס קינד איז געלעגן האַלב־איינגעוויקלט אין קישעלע, ווי ס׳וואָלט נאָר־וואָס אַנטשלאָפן געוואָרן.

אָבער נאָך איידער דער ווינטער איז אוועק, האָט רוטקע אָנגענומען נייע, דרייסטע באַשלוסן.

## קאַפּיטל ניינצן

אַדאַם האָט קוים באַוויזן צו דער פאָרשטעלונג, ווען דער פאָרהאַנג פון ערשטן אַקט איז שוין געווען אויפגעהויבן. ס׳זענען געגאַנגען די לעצטע פאָרשטעלונגען פון „שיילאָק“ אין יידישן טעאַטער. מ׳האָט נאָך דאָרט געהאַלטן אין מיטן צושטעלן נאָך שטולן אין די פאָדערשטע רייען, אין די דורכגענג. אין דער זשורנאַליסטן־לאָזשע — באַקאַנטע פּנימער, צונויפגעשטופּט קאָפּ־אויף־קאָפּ. די אַטמאָספער אויף דער בינע, די רעפלעקטאָרן האָבן פאַרטונקלט ס׳געמיט. אַזוי

האָט ער זיך דערפילט פּאַר עטלעכע יאָרן, אין גרויסן שטאָט־ראָט־זאַל, אויפן האַלב־נאַכטיקן טעאַטער־פּלאַץ, ווען ער אַליין האָט איבערגעגעבן דעם גרוס פון די פעברואַר־טעג אין בערלין, די נעכט פון די ביכער־שײַטערס אויף די בער־לינער ווינטערדיקע פּלעצער, די נעכט פון דער רײַכסטאַג־שׂרפה... ס'איז געווען די לייבן־שטים פון יידיש־דייטשן אַקטיאָר קורט ווינקלער, אין דער ראָל פון „שיילאָק", וואָס האָט אַלעמען אַזוי פאַרכאַפּט.

שווייגנדיק, אָן טומל, איז מען זיך פאַר האַלבער נאַכט צעגאַנגען פון דער פאָרשטעלונג, ווי נאָך אַ לוויה. געזעמלעך יידן האָבן זיך געשלייכט דורך דער פרעמדער, האַלב־נאַכטיקער קראָקעווער־פאָרשטאָט. צו אַדאַמען ביי דער לינקער זייט האָט געשפּאַנט דר. גמזו, אַ ייד אַ ריז, מיט אונטערגעשוירענע וואָנצעס, מיט אַ נאַקעטן שאַרבן. דעם גראָבן שטעקן האָט ער געטראָגן אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם; ווייל אַז מ'האָט באַדאַרפט, האָט ער געקענט דערלאַנגען אויך. אַדאַם האָט געפילט, אַז אויך הייַנטיקע נאַכט וועט ער זיך נישט אַזוי שנעל אומקערן אין הויז אַריין.

— מיר זענען, זאָג איך דיר, אַ פאַרשאָלטן פאָלק, אַדאַם... — האָט דר. גמזו געברומט אין די וואָנסן אַריין — קום, לאָמיר גיין ערגעץ אויסטרינקען אַ האַלבע־שוואַרצע... ס'איז איצט נישט קיין צייט צו שלאָפן...

— כ'טראַכט אַלץ וועגן דעם פּונט פּליש... צי טראַכטן זיי כאָטש דערפון, אונדזערע קינדער ?...

— כ'זע, דו האָסט צער, אַדאַם... איי־איי, צער גידול בנים... פאַרוואָס גייען זיי אוועק פון אונדז ? זיי דינען פרעמדע געטער! איר זענט אַליין שולדיק. איר האָט ביטול פאַרן פאָלק. דער סאָציאַליזם האָט זיי מער צוגעזאָגט. אוי, אַדאַם, ביסט פאַרבליבן אַ פאַרביסענער פּאָלקיסט. ווהין האָט איר דען דערפירט ?

— מ'וואָלט דערפירט... נאָר די פעלקער קערן זיך אָפּ פון אונדז... זיי ווילן אונדז נישט, אפילו מיט אונדזער סאָציאַליזם...

אַזוי פאַרטראָגן האָבן זיי געשפּאַנט דורכן לײדיקן טעאַטער־פּלאַץ, צו דער ביעלאָנסקע, צו דער טלאָמאַצקע, צום רוישיקן באַר אונטן.

— פרעמדע געטער דינען זיי... — האָט דר. גמזו אַלץ געברומט — וואָלטן זיי כאָטש געדינט דעם יידישן מענטש...

אַלע פענצטער פון ליטעראַטן־פאַראיין, אויפן ערשטן שטאָק, זענען נאָך געווען אָנגעצונדן. דאָרט האָט זיך ערשט, נאָך דער פאָרשטעלונג, אָנגעהויבן דער טאָג. אַלע האָבן געוואַרט, אַז קורט ווינקלער זאָל קומען אַהער, ווי געוויינלעך, נאָך דער פאָרשטעלונג.

קורט ווינקלער האָט אַהרנען צום ערשטן מאָל געמאַכט איבערלעבן דעם שוי־דער, וואָס איז שוין געשטאַנען ביי דער שוועל. אַ ברייטלעכער, מיט אַ ווילדער שעוועליורע, מיט קרומלעכע פיס פון אַ קאַוואַלעריסט, האָט ער זיך אומרואיק געדרייט איבערן לאַנגן, פּוסט־געוואָרענעם זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין, צוגעזעצט זיך צו די האַלב־ליידיקע טישלעך, ווו ס'האָבן זיך געקליבן די פּראָווינצער יונ־געלייט. ער האָט מער געשוויגן, ווי גערעדט. אין זיינע הייסע ביר־אויגן איז גע־ווען אַ פייערל, וואָס מ'האָט עס נאָך ביז דעמאָלט אין וואַרשע נישט געקענט.

אין טעאַטער אויף דער אַבאַזשנע האָט ער צום ווינטער־סעזאָן געשפּילט די קרוין־ראָלע אין „שיילאָק". די פּלעצער אין זאַל זענען צעכאַפּט געוואָרן מיט וואָכן פריער. די גאַלעריעס האָבן זיך געבראָכן, אַזאַ געדראַנג אַרום די טעאַטער־טירן האָט מען נאָך נישט געזען. מ'איז ווי אַמאָל, אין די גוטע פאַר יאָר, צו די „ווילנער", אַראָפּגעפאָרן מיטן פול־געפּאַקטן טראַמוויי. די פּוילישע טראַמוויי־קאָנדוקטאָרן האָבן דעמאָלט שוין אָבער געוווסט, אַז דאָס ציט מען אַזוי צו די פאָרשטעלונגען פון „דיבוק" און זיי האָבן ביים אָפּשטעל אויסגערופן מיט חוזק: „סטאַציאַ „דיבוק", אויסשטייגן!"... ס'איז אין יענע טעג שוין געווען אַ מורא אַראָפּצופאָרן מיטן טראַמוויי דורך די נישט־יידישע געגנטן — די פּוילישע סטודענטן האָבן געשלאָגן, געוואָרפן פון די טרעפּלעך; פונדעסטוועגן זענען די טראַמווייען, וואָס זענען געלאָפן דורך דער קראָקעווער־פאָרשטאָט, געווען אומגעווייגלעך איבערגעפּאַקט און באַהאָנגען.

דאָס יידישע פאָלק פון וואַרשע האָט ליב געהאַט טעאַטער. זיי האָבן נאָך געלעבט מיט די זכרונות פון אסתר רחל קאַמינסקי, פון קאָמפּאַניעיעצן אין גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר, אין גאָרדין־רעפּערטואַר, אין אַמאָליקן מוראַנאָווער טעאַטער; אָבער דאָס מאָל זענען אַפילו פרומע יידן מיט בערד, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אַריינגעשמעקט אין די טריף־פּסולע ערטער, געקומען זען די פאָרשטעלונג, געקומען הערן ווי אַזוי דער פאַרצייטישער געטאָ־ייד זאָגט זיי אַריין, די שונאי־ישראל.

אַזוי שפּילט מען נאָר איין מאָל. אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען איבערן זאַל און דערטראָגן זיך צו דער בינע, ווו קורט ווינקלער האָט געמאָנט און באַשולדיקט די פּאַטריציער פון ווענעדיק, ווען ער האָט אומברחמנותדיק געפּאָדערט דעם פונט פלייש — דאָס האָבן זיי אין משך פון דורות געמאַכט פון אים דעם פּראָצענטניק: דאָס האָבן זיי צוגערויבט ביי אים זיין טאָכטער! דאָס האָבן זיי געמאַרדעט און פאַרגוואַלדיקט! נאָכן ארונטערלאָזן דעם פאָרהאַנג, איז דער פול־אָנגעפּראָפּטער זאַל, די באַלאַגערטע גאַלעריעס, פאַרבליבן אַ רגע ווי פאַרגליווערט. ערשט דערנאָך איז אויסגעבראָכן די שטורמישע האַנט־פּאַטשעריי. ווי אין זאַל מיט די פאַרטונקלטע ליכטער וואָלט העגגען־געבליבן דער צוגעסמאַליעטער ריח פון יידן־פּאָגראָמען, אָבער אויך די עקשנותדיקע לייבן־שטים פון יידן־ווירדע.

...ווען דאָס שאַרפע בינע־ליכט האָט זיך אין יענעם ווינטערדיקן פעברואַר־אָוונט איינמאָל אויסגעלאָשן אין בערלינער קלאַסישן טעאַטער, האָט זיך קורט ווינקלער, דער באַקאַנטער שוישפּילער, דער ייד, וואָס איז יאָרן־לאַנג אַפּלאָדירט געוואָרן אויף די דייטשע בינעס, נאָך לאַנג געפּלאָנטערט צווישן די אָנגעשטעלטע דעקאָראַציעס, אין די טונקעלע, אומהיימלעכע קוליסן. ער האָט, ווי צום ערשטן מאָל, געזוכט דאָס נידעריקע טירל צום ארויסגאַנג. די פּאַלאַצן זענען קיין פּאַלאַצן נישט געווען. אין די שמאָלע דורכגענג, צווישן די שווינדל־טרעפּלעך, זענען די דעקאָראַציעס אויף די ראָל־רעדלעך, ווי פרעהיסטאָרישע באַשעפעגישן, געשטאַנען אומגעדרייט מיט די אָנגעהאַקטע לייסטן, מיט די פאַרצויגענע שטריק צו באַלקן — ס'בלויע שטיקל הימל, די זיילן אויפן ליכטיקן גאַניק, ווו ער האָט נאָר וואָס דעקלאַמירט די שיינע, קלאַסישע פערזן פאַר דער בלאָנדער גרעטכען...

אַזוי האָט זיך קורט ווינקלער איינמאָל דערזען פאַרבלאָנדזשעט אויף די יידישע גאַסן אין וואַרשע. דער רייכסטאַג האָט נאָך געטליעט, די שייטער־הויפנס פון דער אייראָפּעאישער קולטור האָבן נאָך גערויכערט אויף די ווינטערדיקע פּלעצער פון בערלין, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ שפּיי געטון אויף די אָפּ־לאָדיסמענטן פון די זאַטע דייטשע מיטלבירגער, אויף די אייגענע צוואַנציק יאָר אַרבעט פאַרן דייטשן טעאַטער און האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זיינע „אָסט־יודען", מיט וועלכע ער איז פאַרקניפּט געווען אין זיינע ווייטע יינגל־יאָרן. די בולטע שטריכן אויף זיין מוסקולירט פּנים זענען פאַר דער צייט ארויסגעטרעטן שאַרפער, עקספּרעסיווער. די אונטערשטע, ארויסגערוקטע ליפּ האָט נאָך אַלץ אויסגעדריקט ענערגיע און נישט ווייניק פאַרביטערונג, ווי די ליידנדיקע גרים־מאַסקעס פון דער קלאַסישער טראַגעדיע.

נאָך דער פאַרשטעלונג איז ער געוויינלעך געקומען צוזעצן זיך ביי אַ טישל אין ליטעראַטן־פּאַראייך. דער עולם זשורנאַליסטן, רעפּאָרטערן, שרייבער, פּאָליטי־קער האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען ערשט אַרום האַלבער נאַכט. אין זיין אָנגעלאָדענעם שווייגן איז געווען — שטורעם, אין די אָנגעלאָפענע טאָרבעלעך אונטער די אויגן — מידיקייט און צער. די אונטערשטע, אַרויסגערוקטע ליפּ האָט געגנומען אונטערציטערן און דאָס דייטשע געדולד, וואָס ער האָט קאָנסערווירט אין זיך גאַנצע צוואַנציק יאָר, האָט מיט איין מאָל געפּלאַצט, צוהערנדיק זיך, אין פּאַפּיראָסן־נעפּל, צו די גערעדערייען אַרום די טישלעך איבערן זאַל.

— אייערע רייד... וווהין פירן זיי דען ? כ'באַשולדיק — האָט ער זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט אין היץ און געזעצט מיט אַ פויסט אין טישל אַריין — די שיינע יידן, די גרויסע סוחרים, די דן־מאַנועלס, די לאָפּעז'עס פון קאָרדאָווע, פון פּאָר־טאָ פון ליסאַבאָן!... זיי האָבן מיטן האַנדלס־פּלאַט זייערן געשניטן אַלע ים'ען, געמאַכט פולע פּעסלעך מיט גאָלד און דוקאַטן און זענען געלאָפן קיין פראַנק־רייך, קיין האָלאַנד, קיין דייטשלאַנד, אויסצובעטלען ביי די פּעאָדאַלן, ביי די נישטיקע, באַרבאַרישע קעניגלעך, וואָס האָבן זיך רעכט נישט געקענט אונטער־שרייבן, מ'זאָל זיי לאָזן הויזן אונטער זייער דאַך, פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ... קאָרסאַרן, פּיראַטן, ים־רויבער האָבן זיי באַדאַרפט צו ווערן, פאַרכאַפּן אַ שטיק אַמעריקע פאַר זיך, ווי די אַלע פעלקער, די אַזוי־גערופענע קולטור־פעלקער פון היינטיקן אייראָפּע... כאַ... דער נאַציאָנאַלער טרויס פון יהודה הלוי... דער קרענק־לעכער משיחיזם אייערער קען אייך נאָר פירן אויף שייטער־הויפנס און אויף פאַרצווייפלטן קידוש־השם... די פעלקער, וואָס זענען געקומען מיט טויזנט יאָר שפּעטער פון אונדז קיין אייראָפּע, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן זייערע אַזיאַטישע סטעפּ־היים־לענדער. קולטור איז פאַר אַלעם דאָס, וואָס מען בויט אויף דער ערד ! נאָר אַזאַ קולטור קען מען פאַרטיידיקן!...

מ'האָט אים נאָך דעמאָלט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. מ'האָט אים אָנגעקוקט מאָדנע, ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון יענער וועלט. דער ציוניסטישער עסקן גמזו, וואָס איז נאָך האַלבער נאַכט געקומען פון רעדאַקציע, האָט פּאַוואָליע אַוועק־געשטעלט דעם שירעם אין אַ ווינקל ביים אויוון און שווערלעך אַראָפּגעלאָזן זיך, אַז די שטול האָט געסקריפּעט אונטער זיין היפּשן גוף.

— איר האָט נישט וואָס צו באַשולדיקן — האָט ער גערעדט געלאַסן — איר אַליין זענט נאָך ביז נעכטן געזעסן ביי די דייטשן, אויסגעלעבט זיך מיט זייער ניבעלונגען־מיטאָס פון די באַרבאַרישע וואַלד־געטער... איר זענט געקומען צו־לויפן, ווען די ערד האָט אייך שוין גענומען בריען אונטער די פיס... וווּ זענט איר געווען, ווען מיר האָבן דאָ געבלוטיקט ?...

— כ׳בין אַוועק, ווי אַ סך זענען אַוועק... און וועלן נאָך ווייטער אַוועק פון אייך, אויב ס׳וועט נישט געפונען ווערן אַ באַדן, צו קענען טרעטן אויף אים זיכער און סאָליד ! מיר ווערן אומעטום אויסגענוצט פאַר פרעמדע אינטערעסן און לסוף — אויסגעשפּיגן, פאַרטיליקט ! ס׳איז אַ בראָך צו אונדזער געלעכטער... צי זענען מיר דען נישט געווען די טרעגער פון דייטשער קולטור, פון דייטשן „דראַנג נאָך אָסטן״, אַפילו אין מזרח־אייראָפּע, שוין בלויז מיטן גערמאַנישן דיאַלעקט אין אונדזער מויל און מיט די דייטשע פאַמיליען־נעמען ? זיי האָבן עס כיטרע פאַר־שטאַנען, די דייטשן, אַזוי לאַנג ווי מיר זענען זיי נויטיק געווען...

אין די הויכע פענצטער האָט שוין געליכטיקט, ווען זיי זענען אַרונטער די אַלטע שטיגן. אַהרן איז אים שטיל נאָכגעגאַנגען איבער די אויסגעשטאָרבענע גאַסן. ס׳איז געווען די שטילקייט ערב אַ רוישיקן טאָג־אויפברוך. אין יענע טעג איז דאָס ייִנגל צערודערט געווען, ווי קיינמאָל נישט. אומגעריכט האָבן זיי זיך באַפריינדעט אין די טומלדיקע קאָמיטעטן פון „אַגראַיד״. קורט ווינקלער איז אויפ־געטרעטן אויף די אונטערנעמונגען און אין זיין מויל האָט דאָס פּאַטעטישע ליד וועגן אַ באַדנלאָזער יוגנט, וואָס קען וועלטן שטורעמען און וועלטן איבערבויען, געהאַט דעם גרעסטן בייפאַל. אין אַהרנען האָט ער דערפילט אַ שטיק פון זיין אייגן געמיט.

— ביסט בלייך... — האָט ער אַריינגעקוקט אין זיין ווילד שויבערל — נו, יאָ, פאַרשטייסט ? די לייט פילן גאַרנישט... וווהין מיר גייען... כ׳וועל שוין היינט, דוכט זיך, מער נישט שלאָפן פאַר דער פאַרשטעלונג. — ער האָט געשפּאַנט איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר און ס׳האָט אַרויסגערעדט פון אים אַ סך בי־טערניש — מ׳וועט אויסטרינקען עפּעס שאַרפּ׳ס, מיין קנאַבע, און מירן גיין שפּילן... דעם ייִד פון די געטאָס... כאַ!...

אָן רייד, האָבן זיי געשניטן די געסלעך דורך אַלט־שטאָט, צו דער פּראַגער בריק. אונטן האָט זיך אין נעפּלדיקן פאַרטאָג געריוויכערט אַ קליינער דאַמפּער. די בלאָנדע יונגען פון די פאַרשטעט, די אויסלאָדערס, אין פאַרמעלטע זעק אויף די ברייטע פּלייצעס, האָבן שניידיק געפּיפן פון צווישן די ציין; אַ טראָט געטון נעב־טער צו אַהרנען, איינגעקוקט זיך אין אים שאַרף, באַלד אַרויפגעקוקט צו קורט ווינקלערן, וועלכער איז רואיק, ווי אויסגעגאָסן, שטיינגעבליבן מיטן פאַרוואָר־פענעם רעגן־מאַנטל אויף די ברייטע אַקסלען פון אַן אַטלעט. אויף זיינע ליפּן האָט זיך דאָס שטיקל ציגאַר לאַנגזאַם דערריכערט. זיי זענען באַלד צוריקגע־טרעטן, די פייפעריי איז אַ רגע פאַרשטומט געוואָרן.

ער האָט ליב געהאַט די ווייסל־ברעגן, קורט ווינקלער, אין שיינעם פוי־לישן פרי־האַרבסט; כאָטש ער איז ביי די ברעגן נישט געבוירן געוואָרן. זיין ווייטע היים איז גאָר געווען ערגעץ אין די בעסקידן־בערג, אין מזרח־גאַליציע.

אהרן האָט אים געהאַלטן אין דערציילן וועגן מוראַנאָוו, וועגן דער קראָכמאַלנע גאַס, וועגן פעטער מעכל, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע בויד אין די האַלעס אויף פראַגע; און ווי אַזוי די מומע, די שוועסטערן האָבן אים יעדן פרייטיק געשיקט נאָך אַ לעבעדיקן קאַרפּ צום פעטער מעכל; ווי אַזוי ער איז געגאַנגען איבער דער פראַגער בריק און ער האָט דערפילט מיטאַמאָל ווי דאָס פישל שטייט־אָפּ. איז ער אַרונטער צום ברעג אַנטרינקען עס. דאָס פישל האָט געטון אַ צאַפּל מיטן עק און — פליוך אין וואַסער אַריין...

— ביז שפּעט ביינאַכט האָב איך זיך מורא געהאַט צו ווייזן ביי דער מומען אין קעלערל... מ׳האָט מיך אַרומגעזוכט ווו די וועלט האָט אַן עק... זיי האָבן גע־מיינט, אַז כ׳בין ערגעץ איבערגעפאָרן געוואָרן, דערטרונקען געוואָרן... און היינט האָב איך שוין די היים אויך נישט מער...

און ווען ער האָט דערזען דעם פייכטן גלאַנץ אין זיינע אויגן, האָט ער זייער פּלוצים אַ מאַך געטון, קורט ווינקלער:

— קום מיט מיר, אהרן, ווילסט ? ... אָדער מיר וועלן ביידע פאַרפאַלן ווערן, אָדער מיר וועלן אויסקעמפן די היים...

ס׳איז געווען אין יענעם זעלבן טיפן, בלאָטיקן סעפּטעמבער, ווען איבער די וועגן פון מיטל־אייראָפּע האָט זיך אין די אויסגעלאָשענע נעכט געקייקלט אַן אַנאָנימע אַרמיי צו די גרענעצן פון שפּאַניע, אין פייער פון בירגער־קריג. אין די קאַוויאַרניעלעך, אין די קנייפּעס אויף דער דזשיקע, אויפן מוראַנאָוו, האָט מען זיך, מיט אַ ווונק, מיטן גרוס פון דער אויפגעהויבענער פויסט, שטיל אָפּגעזעגנט צום לעצטן מאָל און מ׳איז פאַרשוווּנדן, ווי אין וואַסער אַריין. נישט צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן, איז מען מיט אַן הינטערשטאַטישער קליינבאַן ארויסגעפאָרן אַ צוויי־דריי סטאַציעס, ביז צו אַ שטילן וואָקזאַל אויף דער פּראָווינץ. פון דאָרט האָט מען זיך, דורך פאַרשידענע פּונקטן, געלאָזן צו דער טשעכישער גרענעץ, דורך שלעזיע און דורך די קאַרפּאַטן. די וועגן האָבן דערנאָך געפירט איבער עסטרייך, איבער דער שווייץ, קיין פּאַריז, ווו די שפּאַנישע קאָמיטעטן האָבן גע־היים און פיבערדיק ווערבירט די אַרמיי פון פרייוויליקע.

אין די זייטיקע יידישע קנייפּעס האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט די „מאַכערס״. זיי האָבן גענומען האַנט־געלט, געפירט איבער דער גרענעץ און אַז מ׳האָט נישט צוגעצאָלט, האָבן זיי אונטערוועגס געלאָזן ערגעץ שטעקן, זענען אויסגערונען גע־וואָרן. ביי הערשל ראָנטשקע האָט זיך דעמאָלט געמאַכט אַ גוטע פּרנסה. אַז מ׳האָט איינגעצאָלט עטלעכע הונדערט זלאָטעס פאַר אַ קאָפּ, האָט ער געגעבן אין האַנט אַריין אַ פאַלשן פּאַס מיט פאַלשע וויזעס און צוגעשטעלט מיט דער באַן גלייך קיין פּאַריז.

קורט ווינקלער האָט גוט געקענט די וועגן, וואָס פירן איבער פּראַג, ווין, ציריך. ער האָט נישט געהאַלטן פון די אַלע „מאַכערס״. ער האָט געוווּסט די וועגן בעסער פון זיי. ס׳איז שווער געווען מיט אַרויסבאַקומען פּעסער און וויזעס ביי די קאָנסולאַטן, ס׳איז מיט יעדן טאָג שווערער געוואָרן. זיי האָבן זיך געהייסן צושטעלן פּאַפּירלעך, פאָרמאַליטעטן, האָבן געפאָרשט מיט חשד און — אָפּגעז־

זאָגט. ער האָט זיי מער קיינס נישט געוואָלט קענען, קורט ווינקלער, נישט גע־וואָלט מער איינזיצן קיין איין איבעריקן טאָג אין ווארשע. ער האָט די פאָרשטע־לונגען פּלוצים איבערגעריסן אין דער מיט סעזאָן. די אימפּרעסאַריאָס, די טע־אַטער־מענטשן זענען, צעקאָכטע, געקומען צולויפן צו אים, געוואָלט אים דער־לייגן אויפן קאָנטראַקט, געוואָלט אים אָפּגילטן, געבעטן זיך ביי אים:

— איר הרגעט אונדז אוועק אַ סעזאָן !... — האָבן זיי זיך געבעטן — איר קוילעט אונדז אָן אַ מעסער !...

— כ׳דאַרף נישט אייערע געלטער ! — האָט זיך קורט ווינקלער אָנגע־גאָסן מיט רציחה — ווען ס׳ברענט דאָס הויז, שפּילט מען נישט קיין טעאַטער... כ׳קען אייך, איר וואָלט פאַרוואַנדלט אונדזער גאַנץ אומגליק אין אַ טעאַטער... אויסגעטוישט עס אויף קליינגעלט... כ׳וויל נישט מער שפּילן דעם „שיילאָק״ און אינטערוועגירן מיט שטאַרקע רייד ביי די ריכטער... זיי לאַכן זיך אויס פון אַלע אונדזערע גערעכטע טענות... אַזאַ שפּראַך פאַרשטייען זיי נישט...

די צעקאָכטע אימפּרעסאַריאָס און די טעאַטער־מענטשן האָבן זיך איבער־געקוקט, האָבן כיטרע אַ טראַכט געטון, אַז ער מיינט אַוודאי זיי זאָלן אים דער־לייגן נאָך עפּעס אויפן קאָנטראַקט. קורט ווינקלער האָט אַוועקגעשמיסן פון זיך די אונטערגערוקטע קאָנטראַקטן מיט די טשעק־ביכלעך. ער האָט זיי שאַרף גע־הייסן גיין. צו אהרנען האָט ער זיך אַזוי אָפּגערופן:

— ביז סוף וואָך ליקווידיר מיר אַלץ און — אין וועג אַריין !

אַהרן איז אָבער שטיינגעבליבן אַ ביסל צעמישט. קורט ווינקלער האָט אים פון דער זייט אַרומגעקוקט, אונטערגעהויבן ביי אים די שפּיץ גאָמבע און אַרויס־געברענגט קורץ, מיט אַ לירישן אונטער־טאָן, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף דער בינע:

— אַ מיידל... וואָס ? ...

אַהרן האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, געשוויגן.

אַ העמד, אַ בינטל לידער און די פיבערדיקע דריי־און־צוואַנציק יאָר — דאָס איז אַלץ, וואָס אהרן האָט מיטגענומען אויפן וואנדער־וועג, צו דער אויס־געחלומטער היים, ערגעצוווּ.

# קאַפּיטל צוואַנציק

אין הויז פון די פּאַריזער אַרבעטער־סינדיקאַטן, אויף „גראַנזש־אָ־בעל", אין לאַנגן זאַל, אונטער די קאַלאָנאַדעס, איז אין נאָכמיטאָג פון 14־טן יולי פּאַרגע־קומען דער יערלעכער באַל פון דער פּוילישער אימיגראַציע אין פּאַריז. דער זומערדיקער באַל איז שוין מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיקל טראַדיציע, נאָך דער מאַסן־מאַניפעסטאַציע פון נאַסיאָן ביזן באַסטיל, צו קומען אַהער פאַרוויילן זיך צווישן היימישע. די טעג זענען באמת געווען קאָכעדיקע און שטורמישע — מ'האָט זיך געשלאָגן קעגן די פאַשיסטן; מ'האָט געשטרייקט, די אַרבעטער האָבן אין די הייסע פאָלקס־פראָנט־טעג אַרויסגעשטעלט נייע פאָדערונגען; עס האָבן זיך דאָ געוויזן חברה אין לעדערנע קורטקעס, אין באַנדאַזשן, פאַררויכערטע פון די פראָנטן אין אַנדאַלוזיע, אין אועסקאַ, פון באַלאַגערטן מאַדריד, ווו מ'האָט זיך געשלאָגן פאַר יעדן שטיין.

די מערסטע, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם זאַל, זענען געווען די פּוילישע קוילן־גרעבער פון נאָרד, לאַנדווירטשאַפטלעכע פאַרם־אַרבעטער, פּאָליאַקן פון די „רענאָ" און „סיטראָען"־פאַבריקן אין ביאַנקור, ביי פאַריז; אָבער אָנגעפילט דעם זומער־באַל האָט אין יענעם יאָר אויך אַ גאַנצער אָנגעלאָפענער אינטערנאַ־ציאָנאַל — יידן, דייטשן, טשעכן, אונגאַרן, יוגאָסלאַוון, אוקראַינער, ווייסרוסן; די אַלע, וואָס האָבן זיך אין די אויסגעלאָשענע נעכט שטיל געשלייכט איבערן איראָפּעאישן פלאַכלאַנד, אָפּגעשטיגן אויף אַ פּאָר טעג אין פּאַריז, כדי דורכ־צוגליטשן זיך די לעצטע גרענעץ איבער די הויכע פּירענייען־בערג, קיין שפּאַניע.

אויף דער עסטראַדע פון פּראָסטע ברעטער, איינגעוויקלט אין טריקאָלאָר־פענער און אין דער רויטער פאָן, איז געווען אינסטאַלירט אַ היימישער אָרקעס־טער, ווי אויף אַ דאָרפישער חתונה — פידלען, גיטאַרעס, מויל־האַרמאָניקעס, אַקאָרדעאָנען און אַ סאַקסאָפאָן. אין לאַנגן זאַל, אונטער די הילצערנע קאָלאָנאַ־דעס, פאַרצויגן מיט רויטע און ווייס־רויטע פּאַפּיר־בענדער, לאָמפּיאָנען, האָט זיך דער עולם, פאַרשוויצט און צעשפּיליעט, מיטגעוויגט פאַרפלאָמט אין פאָלקעס, לאָוויטשאַנקעס, קראַקאָוויאַקן און אין די פאָלקס־טענץ פון די פּאַריזער אָרעמע קוואַרטאַלן אין די טעג פון 13־טן און 14־טן יולי. דער באַר הינטער די לאַנגע טישן, ביי דער וואַנט, איז פול באַשטעלט געווען. ס'איז אויפגעגאַנגען ביז אונ־טערן גלאָז־דאַך, צוזאַמען מיטן סיגאַרעטן־רויך, אַ פריילעכע גערעדעריי ביים אָנקלאַפּן זיך די פולע ביר־קופלעס, די גלעזלעך רויטן ווייַן צווישן די הויכע, ברייט־פּלייציקע פּוילישע קוילן־גרעבער פון נאָרד און די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער; עס זענען דאָ אויך געווען עטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע פּוילישע אינטע־ליגענטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין פּאַריז, צוזאַמען מיט די יידישע יונגע־לייט און מיידלעך, אין די זייטיקע האָטעלן. זיי האָבן געגנייט קנעפּלעך, געפּרעסט

הויזן, אונטערגעגייט דובלע אין די פארשטעקטע יידישע ווינקל־אַטעליעס. צווישן זיי האָבן זיך מיטגעפּלאָנטערט קליינע, שווארצע יידישע מיידלעך, עטלע־כע באַברילטע יידישע יונגעלייט.

יאַנעק מיט פייגעלען זענען פארבליבן אויף אַ באַנק, אונטער דער גאַ־לעריע. דאָרט האָבן זיך געקליבן די צעהיצטע פּאָרלעך, מיד פון טאַנצן, די בלאָנד־האָריקע קינדער און די פרויען מיט די פיצלעך ביי דער ברוסט.

ער איז דאָ נאָך אין די ערשטע טעג געווען אַביסל צעמישט, יאַנעק. פייגעלע האָט זיך שנעלער פון אים אַקלימאַטיזירט. זי האָט שוין געאַרבעט ביי זומער־העמדלעך אין אַ דאַך־שטיבל אין דער געגנט פון „פּלעצל". ס'איז געווען א לעבן אויף דערוויל. מ'האָט זיך אויסגעלאכט פון איינמעלדן זיך, פון „פּאַפּירן", פון דער פּאָליציי אויף די ראָווערן, אין די קורצע פּעלערינעס, וואָס זענען אָוונט־צייט אַנגעפּאָרן אין דער גאנצער ברייט איבער די אָפּגעליידיקטע בולווארן און גע־פרעגט דאָקומענטן. ס'איז געווען אַ מין ספּאָרט ארויסצודרייען זיך, אפילו אָפּצור־זיצן אַכט טעג און אַרויסקומען דערנאָך מיט אַן אויסווייז. מ'האָט געלעבט רוישיק און פארקאָכט מיט די ידיעות פון דער היים, מיט דער אָנקומענדיקער רעוואָלו־ציע, וואָס שטייט שוין ביי דער שוועל; ווייל באלד וועט מען זיך אהין אומקערן און דעמאָלט... דעמאָלט... מיט יאַנעקן האָט שוין פייגעלע באוויזן דאָ צו זיין ברוגזלעך, פון דער ווייטן. ער האָט זי איבערגעלאָזן, פארשוווּנדן, נישט געוויזן זיך וואָכן. אָבער יעדעס מאָל איז ער צוריקגעקומען א פארשולדיקטער. ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס ער האָט אַזאַ שטארקן פאַרלאַנג געהאַט צו זיין לעבן דעם קליינעם, ווילדן מיידל. ס'איז אים נאָכגעגאַנגען דער הארבער, זיסער אַראָ־מאַט פון אירע פעך־שוואַרצע קרויזן פון אַ רבנישער טאָכטער. זי גלויבט אַזוי אומדערשיטערלעך אין דער בעסערער וועלט, וואָס אָט־אָט קומט זי; זי קוקט אויף אים מיט חשד יעדעס מאָל, ווען ער באַווייזט זיך צוריק; און פונדעסטוועגן פאַר־שווינדט ער. זי האָט אים נאָך אין וואַרשע, אויף דער אָטוואָצקער ליניע, ווען ער איז יעדעס מאָל אומגעריכט אויסגעוואַקסן אין די לעבלעכע נעכט, געוואָרפן — צי־ניקער און אים געוואָרפן אין פּנים אַריין, אַז ביי אַנדערע באַדינגונגען, ווען ער איז אליין נישט קיין ייד, וואָלט ער אַפילו געהאַסט יידן. זי האָט פאַרפּלאָנטערט אירע צעשטאָכענע פינגער אין זיין בלאָנדן קאָפּ האָר, און האָט מיט איר שאַרפע ציינדלעך אים אַ ביס געטון אין אויער.

— ווען דו ווייסט כאָטש מיט וויפל האַס... איך האָב דיך ליב, יאַנעקל... ביסט עס גאָרנישט ווערט...

אין די ערשטע פּאָר טעג איז זי שוין געווען אויסגעקאָכט מיט אלעמען. דאָס האָט זי אים געברענגט אויפן באַל פון דער פוילישער אימיגראַציע. זי האָט שוין דאָ געהאַט חברים און באקאַנטע. זי איז שוין געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון פוילישן וואָכנבלאַט, אין קאָמיטעט פון דער „רויטער הילף". **אָבער היימיש** האָט זי זיך געפילט דער עיקר צווישן דער יידישער חברה, די אומלעגאַלע „בלינדע פּאַסאַזשירן", וואָס האָבן יעדן טאָג כמעט פאַראַנקערט אין גרויסן און פרעמדן פּאַריז, אין די ביליקע זייטן־האָטעלן אויפן בעלוויל. זיי האָבן אָוונט־צייט פאַר־פּאַקט די טירן און די טרעפּ פון דער „קולטור־ליגע", אויף לאַנקרי נומער 10. אהין האָט מען זיך ארויפגעכאַפּט דערליידיקן וויכטיקע ענינים, אויף אַ זיצונג פון

עפּעס א קאָמיסיע, זען אַ באַקאַנטן. ער איז מיטגעגאַנגען אַן איבעריקן חשק, יאַ־נעק. אָבער אויך אין דער „רויטער הילף״, אין די לאָקאַלע קאָמיטעטן, האָט ער זיך ווידער צונויפגעטראָפן מיט די יידישע שניידערס. ער האָט איינמאָל אהין אַרויפגעשמעקט און ס׳איז אים באַלד נישט געפעלן געוואָרן. „אהרן — האָט ער געזאָגט, נישט אָן ביטול — וואָלט זיך דאָ געפילט ווי אין דער היים... צווישן די שניידערס און געגריוועטע שוסטערס פון דער ניזקע״...

שטילערהייט האָט ער זיי פונדעסטוועגן באַוווּנדערט; ער האָט זיי באַוווּנ־דערט מיט זייער ווילדן, משיחיש־אַסקעטישן גלויבן אין דער רעוואָלוציע און — געהאַלטן זיך וואָס ווייטער פון זיי. זיי האָבן אָנגעפילט די רווישיקע צי־מערן פון קלוב, האָבן אויפגעשטעלט קאָמיסיעס, אונטער־קאָמיסיעס, קולטור־ווינקלען, צייטונגען, אַ ביבליאָטעק פון אַ ביסל צעשיטע יידישע ביכלעך; זיי האָבן זיך דאָרט גאַנצע אָוונטן געקאָכט, הייס דיסקוטירט, געטייטלט מיט די פינגער, געבערענגט וויכטיקע ראיות, ציטאַטן, באַווייזן פון שווערע סאָציאָלאָגישע ווערק. פון וואַנען האָבן זיי דאָס אַלץ געוווּסט ? זיי האָבן זיך געקריגט אין דער זעלבער ווילד־שרייענדיקער שפּראַך, ווי דאָרט. מיט איינעם פון זיי, מיטן פאַר־אַנטוואָרטלעכן פון דער „רויטער הילף״ אויפן 20־טן אַראָנדיסמאַן, מיט יאַנקל דאַווידאָוויטש, דוכט זיך אַן איינפאַכער בחור, אַ שניידער, האָט ער שוין באַלד אין אָנהייב געהאַט אַ שטיקל צוזאַמענשטויס. אַ קליינער שניידער פון בזשעזשין, אַ פּאַליט.־עמיגראַנט. ס׳איז געוועזן אין די הייסע פּאָר חדשים, ווען אַ קליינע גרופּע בעלווילער יידישע אַרבעטער האָט זיך געקליבן אָפּצופּאָרן קיין בירא־בי־דזשאַן. עס זענען געווען געוואָרן מיטינגען, די אַרבעטער־צייטונג איז געווען פול מיט שטאָלץ צו באַגלייטן אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס פאָרט בויען אַן איי־גענע יידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

— וואָס טומלט איר דאָ אַזויפיל אַרום מיט בירא־בידזשאַן ? — האָט אים יאַנעק אַ פרעג געטון — כ׳פאַרשטיי כאַטש — דער דניעפּראָסטראָי... די קאָ־לעקטיוויזאַציע... די דורכפירונג פון פינף־יאָר־פּלאַן... איר מיינט טאַקע, אַז אַלע יידן וועלן כאַפּן און לויפן אהין ?...

— כ׳בין דיך חושד, חבר, ווייסט אין וואָס ?... — האָט דער קליינער שניי־דער פון בזשעזשין, יאַנקל דאַווידאָוויטש, זייער לאַנגזאַם, אָבער זאַכלעך, רואיק און דורכדרינגלעך אָנגעקוקט אים — כ׳בין דיר חושד אין ציוניזם, נאָר פון דער פאַרקערטער זייט... דער טיפּ ציוניסט, וועלכן מיר קענען, איז געוויינלעך אַ ייד, וואָס הייסט פאָרן אַנדערע קיין ארץ־ישראל, אָבער אַליין בלייבט ער אויפן אָרט און מאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן. ער איז אין גרונט אַן אַסימילאַטאָר. אים גייט נישט אין תוך — געזונט צו מאַכן דאָס יידישע לעבן. בירא־בידזשאַן איז אַ גע־לעגנהייט, אפשר די איינציקע געלעגנהייט פאַר אונדז, דו הערסט ? כ׳ווייס, די, וואָס זיצן אויף באַקוועמע פּאָסטנס פון די האַנדלס־אַפּאַראַטן אין מאָסקווע, וועלן אהין נישט לויפן... די עקאָנאָמישע באַזע פון דעם סאָרט יידן האָט זיך ווייניק וואָס געביטן... אָט די יידן דאַרף מען אָבער לאַנגזאַם און שטיל געבן צו פאַר־שטיין, אַז נאָר אין בירא־בידזשאַן איז זייער אָרט. אין ערגעץ נישט, נאָר דאָרט ! דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר, חבר ?...

יאַנעק האָט שוין מער נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיי געקענט, די ביטערע עקשנים. ער האָט שוין אָבער באַצייטנס, אפשר מער ווי אַנדערע, געוווסט וואָס פון דער גאַנצער גראַטשקע אַרום בירא־בידזשאַן האָט זיך דאָרט אויסגעלאָזן.

ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, מ׳האָט געמוזט דורכמאַכן דעם זעלבן וועג ווי די אַלע. די ערשטע פּאָר חדשים האָט זיך יאַנעק געוואַלגערט אין ארבעטסלאָזן קלוב, צווישן די קרומע געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל. ס׳איז געווען אַן אָרעמע קיך. ער האָט דאָרט געוואַשן טעלער, מיטגעפּאָרן באַגינען אין די האַלעס אריין איינקויפן גרינס, פלייש, קאַרטאָפל, געפּאָרעט זיך דערנאָך ביי די טעפּ צוזאַמען מיט די עטלעכע חברטעס. מיטאָג־צייט זענען זיך צונויפגעקומען די פריילעכע, אויסגעהונגערטע חברה. אין אַ ווייסן פאַרטוך אַרום די לענדן, האָט ער צודערלאַנגט צו די לאַנגע טישן, פאַרדעקט מיט ווייסע בויגנס פּאַפּיר, דעם אָרעמען, היימישן קרופּניק. ער האָט זיך געפילט פאַרבלאָנדזשעט צווישן די אַלע, וואָס זענען פאַרקאָכט געווען אין די יידישע צייטונגען מיט די נייעס פון די שפּאַנישע פראָנטן. די מערסטע זענען אַוועק קיין שפּאַניע, ביז דער קלוב האָט זיך אינגאַנצן געשלאָסן.

אין ארבעטסלאָזן קלוב, אויפן הויכן בעלוויל, האָט ער אויך צוריקגעפונען זולאַדעקן, דעם פּוילישן חבר פון פּאָוואָנזעק. אַזוי האָפערדיק ווי וולאַדעק איז געווען אין דער היים, איז ער אין פּאַריז, אויף דער עמיגראַציע, אַרומגעגאַנגען מיט פּאָרזיכטיקע טריט, האָט נאָך מער געציטערט ווי די אַלע יידן. ער איז אַליין ענלעך געוואָרן צו א ייד. ער האָט זיך געוואַלגערט אין די זעלבע זייטיקע האָטעלן, צוזאַמען מיט זיי געגעסן אין אַרומגעשיילטן אַרבעטסלאָזן קלוב די יידישע אָנגערייטע קרופּניקעס; צוזאמען מיט זיי געגנייט קנעפּלעך, געפּרעסט אין די פּאַרשטעקטע יידישע אַטעליעס. מיט אַ ייד האָט ער זיך נאָך געקענט אדורכשמועסן, בעטן אַ טובה וועגן אַ „מאַכער“. זיי זענען פלינק געווען, די יידן, צוצופּאַסן זיך אין דער פרעמד, פלינקער ווי ער, אַ פּאָליאַק, האָבן זיך געהאַלטן בייזאַמען, זענען נישט פאַרלוירן געוואָרן.

— איר גיט זיך אָבער אומעטום אַן עצה... — האָט ער עס דווקא יאַנעקן געזאָגט — ווען נישט איר... וואָלט איך דאָ געוויס פאַרלוירן געוואָרן...

צוזאמען האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין אָרעמען יידישן קלוב, צוזאמען אוועק אויף די שטורמישע מיטינגען אין וועלאָדראָם ד׳היווער. וולאַדעק האָט דאָ שוין אַפילו אַ שטיקל צייט געוווינט אויף דערוויל מיטן יידישן מיידל רעגינקע, פּייגעלעס א חברטע. אין די ארבעטסלאָזע טעג איז מען אָפּגעזעסן אין די רוישיקע אַרבעטער־רעסטאָראַנען און באַרן פון דער „נייער משפחה“, אויפן מענילמאָנטאַן. ס׳האָט זיך דאָרט פול געראָיעט מיטן אינטערנאַציאָנאַל. זיי זענען שטיל געקומען אָנצופאָרן און זענען באַלד דערנאָך פאַרשוווּנדן. צווישן זיי — יידן, פאַרשיידענע סאָרטן יידן, וואָס האָבן מיט זייערע טיפע שטערנס און מיט זייערע ברילן, אלע אויסגעזען ווי אינטעלעקטועלע.

לאַנג האָט ער זיך דאָ אויך נישט מער ארומגעדרייט, יאַנעק. ער איז אינגיכן פאַרשוווּנדן צוזאמען מיטן פּוילישן חבר, מיט וולאַדעקן פון פּאָוואָנזעק. באַלד דערנאָך האָט ער אויפגעטויכט אין דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע, איז געוואָרן פּאָ־

ליטישער קאָמיסאַר, מיט־רעדאַקטאָר פון דער אָקאָפּע־צײַטונג „דאָמבראָוו־שטשאַק", אַ וויכטיקער טוער אין שטאַב.

אַרום נײַ־יאָר האָט ער זיך צוריק באַוויזן אין פּאַריז, וולאַדעק צוזאַמען מיט אים. אין זײַערע פאַרברוינטע, אָפּגעמאָגערטע פּנימער איז געווען אַ פאַרביסענע פאַרשלאָסנקייט. זיי האָבן דאָ, זעט אויס, געהאַט עפּעס וויכטיקס דורכצופירן, ווײַל דאָס רעפּובליקאַנישע שפּאַניע האָט שוין געגוסטט. ס'איז געווען קלאָר. זיי ביידע האָבן זיך ווידער געקליבן ערגעץ. יאַנעק האָט אַפילו פייגעלען נישט פאַרטרויט, אַז ער קלײַבט זיך צוריק אַהיים.

ווי ס'האַרץ וואָלט איר געזאָגט, פייגעלען, אַז זי וועט אים פאַרלירן. אָבער פון זײַנע האַלבע רייד האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער מוז — אַ שליחות. זי האָט מער נישט פאַריבל גענומען זײַן פאַרשלאָסן שווײַגן. אַזוי פאַרשלאָסן געשוויגן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט. ס'איז נאַריש, האָט זי זיך געזאָגט, צופיל אָנצובינדן זיך. צי איז זי דען די איינציקע ? ס'איז געווען אין איר די תמימותדיקע פרומקייט און דער געדולד פון יידישע מאַמעס, וואָס די מאַנען זײַערע זענען אַוועק דינען פּאַניען, פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר, זענען אַוועק קיין אַמעריקע. אָבער די טיפע בענקשאַפט אין האַרץ האָט זיך נישט איינגעשטילט. זי וואָלט אפשר מיטגעפאָרן, נאָר די בריקן צו דער היים זענען געווען פאַרברענט. זי האָט אָבער הייליק געגלויבט, אַז ווען דער טאָג וועט קומען, וועלן זיי זיך ווידער באַגעגענען, כדי צו בלײַבן צוזאַמען, אויף שטענדיק צוזאַמען.

אַזוי האָט יאַנעק אין די שפּעטע דרײַסיקער יאָרן ווידער אויפגעטויכט אין וואַרשע.

דאָס מאָל איז ער שוין געווען אַ זעלבסטשטענדיקער מאַן, מיט אַ קליינעם סטאַזש אין לעבן. אויבנאויפיק איז ער נאָך אַלץ געשוואומען צווישן אומבאַשטימטן אינטעלעקטואַל און פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, וואָס דאַרף זיך, געוויינלעך, נישט צו־פיל וואַרפן אין די אויגן. ער איז, דורך פאַרשידענע אומוועגן, צוריקגעקומען אומלעגאַל אין לאַנד אַרײַן. ער איז נאָך אַלץ געזוכט געוואָרן דורך דער פּראָקו־ראַטור, כאָטש די פּאַרטיי איז געווען אויפגעלייזט. פּאַריז, מאַדריד, באַרצעלאָנע — איבער צוויי יאָר האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט אין דער פרעמד. אַ שלאַנ־קער, בלאָנדער יונגערמאַן, מיטן קורץ־געשניטענעם, שטייענדיקן יעזשל, מיט די־נע ברילן איבער דער נישט־יידישער אָדלער־נאָז, מ'זאָל אים נישט דערקענען, וואָלט אים קיינער אויפן ערשטן בליק נישט אָנגענומען פאַר קיין ייד. ער האָט געוווסט, אַז אויך דאָס קען דינען אין אומרויִקע צײַטן.

זײַן נישט־יידישער אויסזען איז אים אַ סך מאָל בײַגעשטאַנען, פריער, נאָך איידער ער איז אַנטלאָפן פון דער היים. ווען די פּוילישע סטודענטן אויף דער וואַרשעווער הויכשול האָבן די יידישע קאָלעגן געוואָרפן פון די אוניווערזיטעט־בענק, געשלאָגן זיי מיט פאַלקעס, געשניטן מיט זשילעטקעס, איז מען אים עפּעס פאַרבײַגעגאַנגען שמייכלענדיק; מ'האָט זיך אפילו אַנטשולדיקט... דער טאַטע ווי־דער האָט געזען, אַז דער קאָפּ ליגט אים נישט ביים לערנען. יאַנעק האָט געטוישט יורי אויף פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק אויף אָריענטאַליסטיק. ער האָט זיך אָבער לאַנג אויף דער פרײַ נישט געהאַלטן; אַרויס פון תפיסה, אַרײַן אין תפיסה. ס'האָט

דעמאָלט געהייסן, אַז ער פאָרט שטודירן קיין פּאַריז, אָבער געוווסט האָט ער, אַדאַם — שטודירן...

אַצינד איז די סכנה פאַר יאַנעקן געווען נאָך אַ גרעסערע. איין איינציק מאָל האָט ער זיך געוויזן אין דער היים. אַדאַם האָט אַ באַקוק געטון דעם תכשיט, געזשמורעט די אויגן, נישט אומצופרידן, וואָס מען זעט זיך כאָטש צוריק, אָבער דער אומרו איז געווען קענטיק אין יעדער נערוועזער באַוועגונג זיינער. ער האָט זיך פּאָרזיכטיק ארומגעקוקט צו די שטאָרן זענען טיף אַראָפּגעלאָזן, צי די טיר איז גוט פאַרריגלט.

— נו... — האָט ער אַ מאַך געטון, דער פאָטער — מ׳האָט זיי דערלאַנגט, די פּאַשיסטן ?...

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַדאַם נישט צוגעטון קיין אויג. ס׳האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז אָט קומט מען קלאַפּן אין דער טיר. ער האָט דען נישט געוווסט ווו ער האָט ערגעץ אָנגעשפּאַרט, יאַנעק ? ער האָט אַלץ געוווסט. דאָס שפּיץ בערדעלע ביי אים איז שוין היפּש גרוי געווען, אָבער איבערן נידעריקן שטערן האָט זיך נאָך אַלץ ווילד געקרויזלט דער קאָפּ. ער איז געוואָרן לייכט־אויפרעגנדיק; מ׳האָט עס געמערקט אינעם אונטערציטערן מיט דער האַנט, ווען ער האָט האַסטיק אַ נעם געטון פון טיש די גלאָז טיי. זיינע ארויסטריטן אין דער פּרעסע זענען לעצטנס אַלץ מער פול געוואָרן מיט וואָרענונג; ער האָט געוווסט פאַר וואָס ער וואָרנט.

אין הויז האָט יאַנעק לאַנג נישט געטאָרט פאַרבלייבן. ס׳איז סיי־ווי מער קיין היים נישט געווען; ס׳איז געווען באַלד נאָכן אומגליק מיט דער קליינער רוטקען. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשלאָסן, אויפגערעגט. ער האָט נישט געפרעגט, מ׳האָט אים נישט דערציילט, אָבער ער האָט שוין אַלץ געוווסט. מ׳האָט אים אַ ליאַדע מינוט געקענט קומען זוכן. נאָך גוט, וואָס די מומע אירענע... ווי נאָר די מומע אירענע איז געוויר געוואָרן, אַז יאַנעק איז דאָ, איז זי באַלד געקומען צולויפן. זי האָט אים אַ באַקוק געטון פון אויבן ביז אַראָפּ. זי איז געווען אין אַן אויסברוך פון עקזאַלטאַציע.

— באָזשע !... — האָט זי פאַרצויגן דאָס שיינע שנעבעלע, אַרויפקוקנדיק צו אים — ווי א דעמב !... אַ זשיליען סאָרעל !... ס׳דאַרף ערשט קומען דער סטענדהאַל פון אונדזער דור...

און ווען זי וואָלט זיך נישט זשענירט, וואָלט זי צוגעפאַלן צו אים אויסקושן זיין שיינעם, שטאָלצן קאָפּ. אַלץ איז איר געפעלן געוואָרן ביי אים — זיין בלאָנדער קאָפּ, זיין שטילע עקשנות, זיין דיסקרעטקייט, אָבער דער עיקר — זיין ראַדיקאַליזם. זי איז די לעצטע צייט געווען גאָר אַן אַנדערע. ס׳האָבן זיך געמערקט די רויטע פעדעמלעך אין אירע גרינע אויגן. זי האָט זיך געקלאָגט אויף מיגרענע. אין איר וויגן זיך ביים גיין, איז זי צוביסלעך ענלעך געוואָרן — צו אַ יידענע. איר נייע ליידנשאַפט איז געווען — סעאַנסן פון ספּיריטיזם. א זייער מאָדנע געזעלשאַפט פון געעלטערטע דאַמען איז זיך צונויפגעקומען ביי איר אין הויז. מ׳האָט אויסגעלאָשן ס׳ליכט, אַלע האָבן אוועקגעלייגט די הענט אויפן טיש און פון הינטערן פאַראָוואַן זענען ארויסגערופן געוואָרן לאַנג־פאַרשטאָרבענע גייסטער פון יענער וועלט...

— זי איז שוין נישט קיין מיידעלע, אירענע... — האָט אַליציע אַנומלטן געלאָזן פאַלן — זי האָט שוין, אויף מיין וואָרט, געמעגט אמאָל אָוועקוואַרפן איי־רע משוגענע שטיק...

דאָס מאָל איז עס געווען דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין איר צעטראָגן לעבן; און דערפאַר אפשר האָט אַליציע דיסקרעט באַפוילן זי זאָל באַלד קומען, זייער דרינגענדיק קומען. נאָר זי האָט אים געקענט העלפן, יאַנעקן. זי האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען, צו מיניסטאָרן אפילו. און יאַנעק האָט זיך אַ שטיקל צייט געלאָזן פירן פון דער מומע אירענע. די יינגלערישע נייגעריקייט צו דער מומע אירענע האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אים. זי איז נאָך אַלץ שיין געווען, די מומע אירענע; ווארשע האָט זיך נאָך אַלץ פאַרקוקט אויף אירע טואַלעטן, מיט פיל געשמאַק, אויף אירע באַשיידענע, אָבער דעליקאַטע מאָדעס. זי האָט אים געזאָגט:

— יאַנעטשקו, פאַרלאָז זיך אויף דער ציאָציאַ אירקאַ... ווילסט ?...

און זי האָט זיך דרייסט אַרומגעפירט מיט אים איבער די הויפּט־גאַסן. זי האָט אים שוין באַזאָרגט מיט אַלעם, מיט אַ שטיל הויז אין אַ ווייטער נישט־יידישער געגנט, אפילו מיט ארבעט. אין די מיטוואָך־אָוונטן איז זיך אין הויז ביי איר צו־זאַמענגעקומען אַ שטיקל ליטעראַרישער סאַלאָן, אַ מין רווישיקער אינטעלעקטו־עלער בינשטאָק; און זי האָט דווקא געוואָלט, אַז יאַנעק זאָל אויך קומען. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט — זיין לאַגע... זיין דעליקאַטע לאַגע... אָבער זי האָט זיך איינ־געשפּאַרט, אים פאַרזיכערט, אַז די ציאָציאַ אירקאַ נעמט אַלץ אויף זיך. זי האָט זיך נישט אויפגעהערט צו שפּיגלען אין איר יונגן, שיינעם פּלימעניק און אים אומבאַדינגט געוואָלט פאַרשטעלן צווישן וויכטיקע מענטשן.

— יאַנעטשקו... — האָט זי אים אין זעלבן אין דער פרי טעלעפאָנירט און דורכן דראָט האָט וויברירט איר מעלאָדישע שטימע, ווי ביי אַ מיידעלע — זאָלסט אומבאַדינגט אריינכאַפּן זיך ארום פיר אויף אַ האַלבע־שוואַרצע... דו הערסט ?... ווען זאָלסט וויסן... ס׳וועלן היינט זיין וויכטיקע געסט...

נייע ליידנשאַפטן האָבן געברויזט אין דער מומע אירענע. זי איז ארומגעגאַנ־גען און באַגייסטערט רעציטירט טובימען, סלאָנימסקין, בראָניעווסקין, דעם רו־סישן מאַיאַקאָווסקי. זי איז געווען אין דעם עלטער פון די פּלינקע, דינע פּאַריזערינס, ווייט איבער די פערציק, וועלכע מ׳קען לייכט אָננעמען פאַר אַ מיידעלע פון עטלעכע און צוואַנציק. וועגן פּולקאָווניק איז מער נישט קיין רייד געווען; זיי זענען דאָס מאָל, זעט אויס, געווען צעשיידט, אויף שטענדיק. קיין קינ־דער זענען אויך נישט געווען. זי איינע איז פאַרבליבן אין ירושהדיקן הויז, נאָכן טויט פון דער מוטער טעמערל. דער ברודער, אַנטאָני דיקשטיין, דער מעדיצינער, איז פאַרבליבן אין דער ארמיי. אירענע איז שוין אויך נישט אזוי אָפט געלאָפן קיין אויסלאַנד. איר הויז איז איצט געשטאַנען אָפן פאַר אַ געוויסן ראַדיקאַלן קרייז פון פּוילישער אינטעליגענץ, צווישן זיי, פאַרשטייט זיך, אייניקע אָפּגעפרעמד־טע יידן. פון די סאַלאָנען זענען מיט דער צייט, אויף אַ דיסקרעטן אופן, פאַר־שוואונדן די לעצטע שפּורן פון אירע אַלט־יידישע עלטערן און אור־עלטערן. זי האָט אַרויסגעוואָרפן די שווערע דעמבענע שענק, די קרעדענס, די געשניצטע טישן און שטולן מיט די הויכע אָנלענס; די פּאָרטרעטן פון מאַוריצי גאָטליב, אין די שווער־געשניצטע ראַמען, די אַלטמאָדישע פּאָטאָגראַפיעס פון די יידישע „פּאַדריאַ־

טשיקעס״ אין די סויבלנע פוטערס; די יידענעס מיט די ציטער־שפּילקעס און
שנירלעך פּערל אויפן האלדז; די חנוכה־לאָמפּן, די מנורות. דאָס מאַסיווע זיל־
בערנע טיש־געשיר מיט די מאָנאָגראַמען איז פאַרביטן געוואָרן מיט נייע, מאָדער־
נע קאפע־ און טיי־סערוויסן. דאָס אלט־יידישע יחוסדיקע הויז פון די דיקשטיינס
האָט דורכגעמאַכט אַ נייע טראַנספאָרמאַציע, איידער ס׳איז אינגאנצן פאַרשוואונדן,
אויף שטענדיק פארשוואונדן. אלץ איז אין יענעם יאָר איבערגעפארבט געוואָרן
אויף קלאָר־ווייס, ליכטיק.

פון נאָכמיטאָג אָן האָט דער טעלעפאָן געהאלטן אין איין קלינגען. ס׳איז געקומען דער שעף־רעדאקטאָר פון אַ באַקאַנט ליטעראטור־ און קונסט־וואָכנבלאַט;
ער האָט אויף די שפאלטן פון זיין זשורנאל, אין דער קריטיק פון רעזשים, געוואַגט מער ווי אַנדערע. ס׳איז פאר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז זיין ווייבל
— א קליינע, אַ שוואַרצינקע, ווי אַ מולאַטין — איז פון אַ באַקאַנטער יידיש־אַסימילירטער משפּחה. דער רעדאקטאָר האָט זיך נישט לאַנג צוריק געהאט אומגעקערט פון אַ רייזע אין ראטנפארבאנד און ער האָט אָנגעמאַכט אַ געוויסן רושם
מיט זיינע העכסט־אָביעקטיווע איינדרוקן. מ׳האָט זיך אָבער באדארפט גוט איינצוהערן אין זיינע רייד, כדי אַרויסצופילן די בייסיקע איראָניע.

ס׳איז געקומען דער פּאָפּולערער, גייסטרייכער סאַטיריקער, דער דיכטער־בונטאַר, געוועזענער פּילסודסקי־לעגיאָנער; ער האָט, זיצנדיק אַרעסטירט, געשטורעמט מיט זיינע בונטאַרישע פערזן: „איך זיץ מיט יאַנעץ אין דער 13־טער צעלע,
אין ראָט־הויז, אין מיטן דער שטאָט... אויף דער וואַנט האָט עמיץ אָנגעשריבן:
זאָל לעבן דער קאַמף פון די בעקערס!... און באַסטאַ״... צוזאמען מיט אים — זיין
עקסטרעם, דער דיכטער־עסטעט, מיט די ווייסע, האַרטע מאַנזשעטן, מיטן שוואַרצן קינסטלער־שליף, מיטן רואיקן, שטייפן, בלייכן געזיכט פון אַן אַריסטאָקראַט.
יענער האָט נאָך אַלץ געשטעקט ערגעץ אין דער מיטאָלאָגיע און ביי דער שיינער
קלאַסיק פון פּעטראַרקעס סאָנעטן. ס׳זענען געקומען שוישפּילער, זשורנאליסטן
און אַ יונגע פרוי, אַ שאַטינע, אין די דרייסיקער, די טאָכטער פון אַן אלטן טוער
פון דער ס.ד.ק.פּ.ל., יאַנינאַ גורסקאַ. זי האָט זיך אין לעצטן יאָר באַרימט געמאַכט
מיט אַ קליין ביכל, אַ שטרענג־רעאַליסטישע שילדערונג וועגן דער שוידערלעכער אָרעמקייט פון פּוילישן דאָרף; די זעלבע יאַנינאַ גורסקאַ, וועלכע האָט שפּעטער אין יאַנעקס לעבן און שטייגן נישט קיין קליינע ראָלע אָפּגעשפּילט.

די מומע אירענע איז נישט ווינציק שטאָלץ געווען מיט איר שיינעם פּלימעניק. יאַנעק האָט געצויגן אויף זיך אַלעמענס דיסקרעטע בליקן מיט זיין רונדן,
רוימישן, קורץ־געשוירענעם קאָפּ, געשלאָסענע דינע, שיין־געשניצטע ליפּן, איבער
וועלכע ס׳איז געלעגן א העלער פּוך, אַ שאָטן פון וואָנסעלעך. אייניקע האָבן אים
אַפילו, אָן רייד, אָנגענומען פאַר אירענעס אַ זון, וואָס איז ערגעץ־ווו דערצויגן
געוואָרן; זי האָט עס קלוג פארשטאַנען און קלוג צוגעשוויגן; ס׳איז איר נישט געאַנגען אין גאַנצן לעבן אָפּצולייקענען עס. די יינגערע דאמען האָבן זיך פאראינטערעסירט יאַנעקן אַריינצוציען אין אַ שמועס. זיין ענטפערן איז געווען קאָרעקט,
לאַקאָניש און די גאנצע נישט־דרייסטקייט איז דווקא געלעגן אין זיינע פּראָוואָצירנדיקע ענטפערס.

דער רעדאַקטאָר מיטן נאַקעטן שאַרבן, ווי אַ באַניע, מיט די שטעכיק־אונטער־געשוירענע וואָנסן, האָט אַריינקומענדיק מיטגעבערענגט אַ רעש. ער האָט אונ־טערגעטראָגן אירענעס קליין, ווייס הענטל צום קושן און מיט אַ טיפן נויגן זיך באַגריסט די איבעריקע געסט אויפן זאַל. ער איז געווען אַ מאַן אַ ריז. אַלע האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז אים וואָלט גיכער געפּאַסט צו טראָגן אַ מונדיר פון אַ פּולקאָווניק. ס'קליינע ווייבל לעבן אים האָט זיך כמעט ווי נישט אָנגעזען. שמייכ־לענדיק שיין, האָבן זיך ביי אירענען בולטער אָנגעצויגן די נישט־אָנזעעוודיקע קנייטשעלעך ארום די גריז־אויפגעהעלטע אויגן. זי איז געווען אין פאַרכאַפּנדיקן אָונט־טואַלעט, פשוט, ביז גאָר פשוט. זי האָט די געסט געפירט צום טיש.

— שאַנאָוונע פּאַנסטוואָ... — האָט דער רעדאַקטאָר ביים טיש באַטאָנט זיי־ער וויכטיק — מיר לעבן אין אַ צייט פון גרויסע וויסנשאַפטלעכע עקספּערי־מענטן... וואָס, כ'בעט אייך, זענען מענטשן ערגער פון קראָליקעס ?...

צווישן זיינע גרויסע, האַריקע הענט האָבן זיך די קליינע, איידעלע כינעזישע פּאָרצעלאַן־טעפּעלעך, די קרישטאָל־שעלעכלעך, אַזוי ווי פּאַרלוירן. ער איז געווען ברייט צעזעצט ביים טיש, געזופּט הויך. ער האָט פאַר די געסט ביים טיש אַי־בערגעחזרט אַ וואָרט, וואָס האָט געקלונגען שטאַרק קענטלעך, דערציילנדיק אַלץ וועגן זיין לעצטן באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד :

— די מאַסע — האָט ער געצויגן — איז, אין גרונט גענומען, ווייבלעך... זי האָט גאַרנישט ליב די שטרענגע לאָגיק... זי ווערט שנעל פאַרכאַפּט און בלינד געפירט פון פּאָסיע, פון ליידנשאַפט...

— דוכט זיך, אַז דאָס זענען קענטלעכע ווערטער פון... היטלערן, אין זיין טרויעריק־באַרימטן „מיין קאַמף"... — האָט זיך יאַנעק ביים אנדערן עק טיש אָנגערופן, פונקט אַזוי אומשולדיק.

אַלע האָבן אים מיטאַמאָל אָנגעקוקט. ער האָט דאָ ערגעץ אומגעריכט געטראָפן אין פינטל. ער איז געווען ביי דער זייט פון דער זייער סימפּאַטישער יאַנינאַ גורסקאַ. ער האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרטון צו שמועסן מיט איר; און דאָך, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז זיין אויער געווען אָנגעשפּיצט צו דערכאַפּן דעם רע־דאַקטאָרס גליטשיקע רייד און געדאַנקען; כאָטש יענער האָט זיי אַזוי געשיקט איינגעוויקלט אין הויכע פראַזן; ווייל ס'איז אַלץ געווען די רייד וועגן די גרויסע בויאונגען און וויסנשאַפטלעכע אויפטועון אין ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט דאָרט ממש שיער נישט באַוואונדערט אַלץ, אַפילו די אָפּגעשליסענע, אָרעם־געקליידעטע מאַסע פאַרבייגייער אויף די מערק, אין די שטעט, אומעטום באַדעקט מיט בוי־אונגען און רושטאָוואַניעס.

— זיי ליידן, פּראַשע פּאַנסטוואָ, פאַר אַן אידעאַל... זיי זענען אַ פאָלק, די רוסן, וואָס קען ליידן... שוויגן און אַראָפּבייגן דעם קאָפּ...

פונקט ווי דער רעדאַקטאָר מיטן נאַקעטן שאַרבן איז געווען פערפיד אין זיין לויבן, אַזוי איז יאַנעק געווען דעליקאַט אין זיין אַריינשטעכן זיך מיט אומ־שולדיקע רייד. מ'האָט זיך איבערגעקוקט ביים טיש — ווער איז ער, אין גרונט, אָט דער יונגערמאַן, וואָס די יינגלערישע ראָזיקייט שפּראָצט אים נאָך פון די באַקן ? די באַלעבאָסטע פון הויז, אירענע, האָט אים געמוזט נעמען אין שוץ, ווי מען נעמט אין שוץ אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ נאַרישקייט; דערביי

האָט זי זיך אפשר ארויסגעכאפּט מיט אַזוינס, וואָס זי האָט נישט באַדאַרפט. צי איז עס אמת ?... טאָקע אַ זון פון באַרימטן אַדאַם נאַטאַנזאָן ?... און ס׳האָט זיי שוין נישט אַזוי שטאַרק געוווּנדערט אָט די אומשולדיקע בייסיקייט אין זיינע יינגלערישע רייד; ווייל מ׳האָט גוט געקענט אַדאַמען פון דער סיים־טריבונע, פון זיינע אַרויסטריטן אין דער פּרעסע. אַלע האָבן זיך דערפילט פריייער, מ׳האָט געטומלט אין די דעבאַטן, געלאַכט, צוריקגעצויגן זיך אין זייטיקן רויכער־סאַלאָן.

— ער פאַרמאָגט אין זיך גאָרנישט קיין יידישע ריטערלעכקייט... — האָט אים איינע א דאַמע שטאַרק געלויבט.

יאַנעק האָט אויסגעזען גאָרנישט מער צו דערהערן. אָבער אירענע האָט אים נישט אויפגעהערט צו רימען. זי האָט פאַר אַלעמען דערציילט דעם הויכן רע־דאַקטאָר, אז יאַנעק באַהערשט גוט שפּאַניש, פראַנצויזיש, אז ער לייענט אין אָריגינאַל פלאָבערן, באַלזאַקן, גיאָם אַפּאָלינער, אַפילו סערוואַנטעס... ער האָט זיך פאַראינטערעסירט, דער הויכער רעדאקטאָר, ער האָט זיך שטאַרק פאַראינ־טערעסירט, אַז ס׳איז יאַנעקן געוואָרן אביסל אומהיימלעך; זי האָט זיך, הייסט עס, פאַרגעסן, די מומע אירענע. און ער האָט געזוכט אַ וועג ווי אזוי אָפּצוטראָגן זיך פון הויז; האָט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט און איז באַלד, דורך אַ זייטי־קער טיר, פאַרשווּנדן. דאָס איז געווען צום לעצטן מאָל.

אין דרויסן האָט ער ערשט פריי אָפּגעאָטעמט. ער האָט שוין גאָר מורא גע־האַט אומצוקערן זיך אינם שטילן הויז, וואָס די מומע אירענע האָט אים באַזאָרגט. ווער ווייס מיט נאָך וואָס זי קען זיך דאָרט ארויסכאַפּן ? ווייל ער האָט אלץ ער־געץ געגראָבן, יאַנעק. ער איז געווען ווי אַ פלאַטערל. ער האָט איבערגעכיטרע־וועט די שפּיצלעס. קיינער האָט נישט באַדארפט צו וויסן ווו ער טאָגט און ווו ער נעכטיקט.

סוף פון ערשטן טייל

# צווייטער טייל

# פֿאַרברענטע שוועלן

# קאַפּיטל איינס

אין פּאַריז, ביי דער מאַמען, אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך אויפן הויכן בעלוויל, האָט אהרן נאָך איין מאָל איבערגעלעבט די בלינדע, זיסע, וואַרעמע פאַרטראָגנקייט פון די ווייטע ייִנגל־יאָרן. וואַרשע, די דזשיקע גאַס, האָבן נאָך ווי אַ קאָשמאַר שווער געדריקט אויף זיין געמיט. דעם ברייט־האַרציקן, אומגעדול־דיקן קורט ווינקלער האָט ער דאָרט ערגעץ, באַלד אויפן אַנדערן טאָג, פאַרלוירן אין די רוישיקע ווערביר־קאָמיטעטן. מיטן שטויב פון וועג אויף זיינע קליידער, האָט אהרן געזאָלט אָפּפאָרן מיט דער ערשטער פּאַרטיע פרייוויליקע. אָבער אין דער מיט איז ער אַוועקגעפאַלן אין היץ. די מאַמע איז נישט אָפּגעטרעטן פון אים; האָט אים ארומגערינגלט מיט אַלע לאַנג־פאַרגעסענע צערטלעכקייטן.

ער האָט ווידער געהאַט אַ היים, ס׳איז אָבער מער קיין היים נישט געווען. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי אַנדערש. די היים איז געווען צעריסן, אויסגעליידיקט. די מאַמע, גרוי ווי אַ טויב, מיט פּרעמדע, קלאַפּנדיקע ציינער, אין מויל, איז פאַר־פאָרעט געווען אין געוועלבל אויפן ראָג; דער טאַטע, אין אַ שטויביקן מעלאָניק, אין צו־לויזע קליידער, האָט אַביסל צוגעהאָלפן, געפירט יעדן פארטאָג פון די האַליעס די הויך־אָנגעלאָדענע וועגעלעך מיט גרינסן און שפּייז אין הילכיקן גאַסן־געררודער, צווישן אויטאָבוסן, טאַקסיס, פּאָליציייאישע פייפערייען. דער עלטערער ברודער זיינוול, וואָס איז אין פּאַריז געוואָרן אַ שטריקער — אַן עקשן, אַן איינ־רייסער — איז פאַר דער צייט אוועק פון דער היים, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויזיש מיידל; ס׳ייִנגערע שוועסטערל, בראָנטשע, האָט זיך „פאַרדרייט דעם קאָפּ" מיטן געלן פריזיער פון רי קוראָן.

דער בעלווילער גאַסן־פּלאָנטער, דער געמיש פון אַראַבער, נעגערס, איטאַל־יענער, שפּאַניער, ייִדן; די האַרמאָניקע־מוזיק פון די ביסטראָס אין פּאַסאַזש, די טענץ־בעלער מיטן רויט־פארשטעלטן ליכט, דער פריילעכער, פאַרביקער גאַסן־געררודער, די וועגעלעך מיט די זוניקע פרוכטן פון די דרום־לענדער — דאָס אַלץ האָט ער באַטראַכט מיט עקזאָטישן נייגער, ווי א מזרח־יאריד, אָדער ווי אַן אינ־טערנאַציאָנאַלן פאָרט אין נאָענטן אָריענט. די רוישיקע בולוואַרן, די פלעצער, די האָטעלן מיט די פינטלענדיקע עלעקטרישע שילדן איבער די שמאָלע, געדרייטע טרעפּ־אַרויפגענג — אַלץ האָט אים דאָ אויסגעוויזן זייער אַלט, די מענטשן — דורכגעטריבן, ראַפינירט. ס׳האָט אָבער פארכאַפּט די אָפענע איינפאַכקייט ווי נאָר דער קלאַנג פון דער פרעמדער שפּראַך האָט אַ קלונג געטון אַביסל היימישער אין זיינע אויערן.

מ׳האָט זיך דאָ נאַר־וואָס געהאַט אָפּגעפרייט מיטן זיג פון פאָלקס־פראָנט. די ווענט און די פּלויטן פון בולוואַר, אַרום די קינדער־שולן, ביי די מוניציפּאַליטעטן, זענען פאַרקלעפּט געווען מיט אָפּגעפּליקטע וואַל־אַפּישן. די שמאָלע הייף און די קאַפּעס פון פּאַסאַזש האָבן נאָך געהילכט מיטן ליד וועגן אַן אומפאַרגעסלעכן פרי־לינג און וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע. די פאַבריק־אַרבעטער, אין די בלויע קאָמ־ביניזאָנען, די קליינע אָנגעשטעלטע, זענען צופרידן געווען פון דער 40־שעהדיקער אַרבעטס־וואָך, פון די געצאָלטע וואַקאַנסן, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן דורך לעאָן בלום. אָבער אויף די מיטינגען, אויף די מאַניפעסטאַציעס האָבן זיי געבײַלט די פויסטן קעגן סאָציאַליסטישן פּרעמיער, ווייל דאָס האָט ער דער ערשטער גע־וואָרפן די לאָזונג וועגן דער „נישט־אינטערווענץ״ אין שפּאַניע.

אין קלוב מיט די אַרומגעשיילטע ווענט, אין פּלאָנטער פון די געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל, האָט אהרן אויף אַ געזעגענונגס־אָוונט פאַר די שפּאַנישע מיליצ־יאַנערן, פאַרגעלייענט מיטן אַמאָליקן פּאַטאָס זיינע פערזן פון דער דזשיקע גאַס. ס׳איז געווען פאַרזאַמלט דער היימישער עולם פון די קליינע, פאַרשטעקטע יידי־שע שניידער־אַטעליעס. ס׳איז געווען איידער דער קלוב האָט זיך איינגאַנצן גע־שלאָסן, ווייל כמעט אַלע אַקטיוויסטן זענען אַוועק אויף די שפּאַנישע פראָנטן. דער בירגער־קריג אין שפּאַניע האָט אויסגעזען נישט צו ענדיקן זיך אַזוי שנעל.

אין פאַרכמאַרעטן נאָוועמבער, ווען אַ געדיכטער רעגן האָט געשמיסן אי־בערן פלאַסטער פון אָפּגעליידיקטן בולוואַר, איז אהרן געווען אַן איינגייער אין דער קאַפע ביי שמיל הוי. דאָרט איז געווען דער זאַמל־פונקט פאַר די אָפּפאָרנ־דיקע. מ׳האָט דאָ יעדן טאָג באַגעגנט פרישע פּנימער פון וואַרשע. זיי האָבן גע־טראָגן לעדערנע קורטקעס. זיי האָבן געשוואַרצט גרענעצן און האָבן זיך ווידער ערגעץ געקליבן. מיט אַלע זיינע פיבערן האָט אהרן געבענקט נאָך וואַרשע, נאָך דער דזשיקע גאַס. ער האָט געהערט, אַז פייגעלע איז דאָ, אַז יאַנעק איז פאַר־שוואונדן. ער האָט זי אָבער אויסגעמיטן, נישט געוואָלט זי טרעפן. ס׳איז פיינלעך געווען פאַר זיך אַליין מודה צו זיין, אַז ס׳האַרץ קלאַפּט נאָך אַלעמאָל, ווען ער דערמאָנט זיך. ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען אין זיין לעבן איז אומגעריכט אַריינ־געקומען סטערקע, די שיקלדיקע סטערקע. זי האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין לעבן. אַ שטיקל צייט האָט זי איינגאַנצן נישט געלאָזן הערן פון זיך. דערנאָך האָט זי פּלוצים געגומען שרייבן בריוו, אַז „מ׳קען גאָרנישט וויסן... אַז ס׳לעבן קען זיי אפשר צוזאַמענפירן... אַז מ׳עט זיך אפשר איינגיכן זען״... ער האָט געטראַכט: צי ווייסט זי דען נישט ?... אַז פייגעלע... ווי לייכט זי לעבט אַלץ איבער... ער האָט געהאַלטן אין האַנט אירע בריוו מיט דער קינדערישער האַנטשריפט און גע־טראַכט — כ׳וועל איר אָנשרייבן. אין שטוב האָט ער שוין אויך לענגער נישט גע־קענט איינזיצן. דער ברודער זיינוול, וואָס האָט שוין געפירט אַן אַטעליע פאַר־זיך, האָט זיך אין אַלעם געמישט אין דער היים און מיטן טאָן פון אַ פאַרזאָרגער האָט ער אים גע׳עצהט:

— פאָלג מיך, אהרן, וואַרף אַוועק די אַלע מעשיות, דו הערסט ?... פּאַריז, גלויב מיר, האָט נישט קיין קאָפּ צו די אַלע שמאָנצעס... נעם און לערן זיך בע־סער אויס אַ שטיקל פאַך... העלף צו אביסל דער מאמען אין געוועלבל...

אַלע פּאָר טעג איז ער אַריינגעפאַלן אין שטוב מאַכן סקאַנדאַלן. דעם טאַטן איז דווקא ווילגעפעלן, וואָס אהרן שרייבט שירים... ער אַליין האָט אויך ליב געהאַט אריינצוקוקן אין די ספרימלעך. אָבער זיינוול האָט נישט געקענט צוזען ווי דער אַלטער שטופּט איינער אַליין דאָס וועגעלע מיט גרינסן אין דער געדיכטער פּאַרעריי, צווישן אויטאָס און וואָגנס. דער פאַרשטויבטער מעלאַניק איז אים פּאַררוקט איבערן שטערן; ווי ער פאַלט דערנאָך אריין אין געוועלבל, אָפּגעגאָסן אין אַנגסטן.

— ס'פּאַסט אים נישט, דעם „שמינטעליגענט", צוצוהעלפן דעם טאַטן שטופּן דאָס וועגעלע!... — האָט ער זיך געקאָכט, זיינוול — אַז דער טאַטע וועט פאַלן אין מיטן גאַס, וועט ער אים אפילו נישט צוגיין אויפהייבן...

די מאַמע האָט זיך געקניפּן די באַקן, געבעטן זיך ער זאָל שוין בעסער שטום ווערן, נישט אָנמאַכן קיין פרישע סקאַנדאַלן אין שטוב. האָט זיך אהרן איבער־געצויגן אין איינעם פון די עמיגראַנטן־האָטעלן, ווו פּאָליציי האָט אומגעריכט גע־קענט אריינפאַלן מיט אַן אַבלאַווע. דער יידישער אָנגעפּאַרענער עולם האָט זיך קיין סך נישט געמאַכט דערפון. מ'האָט געלעבט אויף דערוויילי, געוואַרט אויף דער ריי צו פאָרן קיין שפּאַניע. מיטן פאָרן קיין שפּאַניע האָט זיך ביי אהרנען אויך גאָר־נישט אויסגעלאָזן, ווי מיט אַלץ. ער איז געוואָרן אַ פּרעסער. די ארבעט איז אויס־געפאַלן שווער. זיינע מאָגערע הענט האָבן קוים אונטערגעהויבן די צען־פונטי־קע פּרעס־אייזנס. ער האָט זיך אָבער דערפילט פריי. די מאַשינערס און די מייד־לעך, די „הענט", האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים, ווי נישט־געשיקט ער טוט אַ נעם דעם פּרעס־אייזן, ווי ער באַגיסט זיך מיט שוויס. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, באַמיט זיך ארויסצוואַרפן אַזוי פלינק און פונקט אַזויפיל שטיק־לעך ווי די אַנדערע פּרעסערס.

אין די רוישיקע זאַלן פון דער מוניציפּאַליטעט, אויפן ניי־יאָר־באַל פון דער „רויטער הילף", האָט אהרן צווישן אַ היימישער חברה, אַן חשבון, אַ האַלבע נאַכט אריינגעגאָסן אין זיך דעם רויטן ווייַן און די אידעלע ווייַנען פון די קליינע גלעז־זעלעך. מיט וואַקלדיקע פיס, מיט אַ שווערן קאָפּ, האָט ער זיך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַנדע, פאַרטאָג אומגעקערט צום אויסגעלאָשענעם האָטעל. ער זאָל נישט אַוועקפאַלן, האָט אים געפירט אונטערן אָרעם די קליינע זאַשקע, אַ „האַנט" אין זיין אַטעליע. ס'האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז זי וווינט אין זעלבן האָטעל וואָס ער, איין שטאָק העכער. א פולע, אַ דיקלעכע, מיט פאַרוואָרפענע צעפּלעך איבערן נידע־ריקן שטערן, האָט זי אויפן גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען, צו שטיקן זיך פון געלעכטער. „אונדזער פּאָעט איז שיכור־לוט... — האָט זי גערופן צו די איבעריקע — קוים, וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס"... ער איז געווען נישט בלויז שיכורלעך, נאָר אויך אומעטיק און פאַרטראָגן, אין נעפּלדיקן פאַרטאָג פון 1־טן יאַנואַר.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך שפּעט אין טאָג אַריין ביי זאַשקען אין צימערל און ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען ווי אַזוי ער קומט אהער. ער האָט געפילט ערגעץ נאָענט לעבן זיך די קילע, שפּיציקע אָרעמס פון מיידל. זי איז געלעגן אומגעדרייט צו דער וואַנט. אין טריבן שיין, וואָס איז געפאַלן פון עט־וואָס אָפּגעלענטן ברודיקן האָטעל־פּאַרהענגל, איז דער האַלבער פּראָפיל פון מיידל

געווען פארגראָבן אין קישן. אירע דיקלעכע ליפּן האָבן זיך נאָכמער אָנגעבלאָזן. זי האָט געאָטעמט שווער, מיט אַ פאַרקאַטערטער נאָז. ס׳איז אים מיטאַמאָל פאַרגאַנגען אַ נאָגנדיקער פאַרדרוס, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון ווארשע. ווי קומען מיר אַהער? נאָכוואָס? גרויע האָטעל־מייז אין אַ פרעמדער, טומלדיקער וועלט־שטאָט...

אין לאַנגן מאַרט־סעזאָן האָט ער זיך האַלבע נעכט אַרומגעשלעפּט מיטן צעפלויגענעם מאָלער־באָהעם מאַנדעל, אַ באַלוטער בחור. ער האָט זיך דאָ שוין געוואַלגערט שיינע עטלעכע יאָר. זיינע וואָסערדיקע אויגן האָבן פון דער זייט נאָכגעקוקט מיט שמייכלענדיקן פאַרדאכט אַלע פרויען אויפן בולוואַר. ער האָט זיי קלאַסירט אויף אַ מאָדנעם אופן: „די איז אַ רענואַר־פרוי... יענע, די דיקלעכע — אַ ראַפּאַעל־פרוי... קוק אָן! אָן אמתער רעמבראַנדט״... אין זיין אַטעליע מיטן צעראַיעטן בעטל, ערגעץ אויף אַ מאַנסאַרדע אין לאַטייניש קוואַרטאַל, האָט ער געפּלעגט צו פאַרבעטן די האַלב־אויסגעהונגערטע מאָדעלקעס און ביי אַ פלאַש וויין מיט אַ לאַנג ברויטל, האָט מען געפּראַוועט זייער פריילעכע סעודות ביז פאַרטאָג.

אין אָוונט איז אהרן געזעסן אויף דער פאַרמאַכטער טעראַסע אין דער קאַפע „דאָם״ אויפן מאָנפּאַרנאַס. די נעאָן־פייערן האָבן דאָ נאָך געבלענדט ווי אמאָל, אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, ווען די רייכע אמעריקאַנער סנאָבן האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די טישלעך, אויפגעקויפט בילדער, געוואָרפן זיך מיט דאָלאַרן פאַר אַ ליאַדע פאַרשמירטן לייוונט. די לאַנג־האָריקע קינסטלער האָבן זיך געפלאָנטערט צווישן די טישלעך, אין די אויסגעגלאַנצטע רעקלעך, אין די אויסגעריבענע הויזן פון ברוינעם פּליוש, און געוואָרט עמיץ זאָל באַצאָלן פאַר זיי די באַשטעלטע קאַפע. קורטיזאַנעס, אויסגעסטראַיעט אין זילבער־פוקסן, האָבן פויל אַראָפּגעשלונגען אַ גענעצל צווישן די פינגער מיט די פאַלשע, אָנגעזעצטע בריליאַנטן, אַרויסרופעריש נאָכגעקוקט די טומלדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן באַשטעלט שאַמפּאַן אין אייז־קעסעלעך.

צו אהרנען ביי דער זייט איז געזעסן קאָזשען, דער זעלבער קאָזשען, וועמען מ׳האָט אין יענער נאָך־מלחמהדיקער כאַליאַסטרע־עפּאָכע, פאַרגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער איז איינמאָל אַוועק פון ווארשע, אַ יונגער, אַ פלאַמיקער, מיט גרויסע פּלענער; פּאַריז, די מאָנפּאַרנאַס־אַטמאָספער, האָט אים ביסלעכווייז אויסגעוואָרצלט, פאַרשלונגען. ער האָט מער נישט געהאַט די באַדערפעניש צו שרייבן. פאַר וועמען שרייבן? נאָכוואָס שרייבן? ער האָט זיך געוואַלגערט אין אַ מאַנסאַרדע פון די ביליקע סטודענטן־האָטעלן אין לאַטייניש קוואַרטאַל, אָן משפּחה, אָן פריינט און געצויגן די עקזיסטענץ פון סאַמע צופעליקייטן. ער איז געווען אָפּגעריסן פון גרויסן שטראָם יידישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן פאַררויכערטן „גאַר די נאָר״, אין פּאַריז. ער האָט נישט געפילט, אַז נאָר צווישן אָט דעם עמיגראַנטן־עולם, וואָס קומט פון די ליבע, איינגעבאַקענע יידישע שטעטלעך אין פּוילן, לעבט נאָך דער וואַרעמער אינטערעס פאַר זיין שאַפן. ער איז פאַרבליבן שטעקן צווישן דער אינטערנאַציאָנאַלער באָהעמיע אין די האַלב־נאַכטיקע קאַפייען אויפן מאָנפּאַרנאַס, וואָס האָט אין די יאָרן פון קריזיס אַלץ מער גענומען פּוסטעווען. אַ בלייכער, אָן איידעלער, מיט גרויע, דורכדרינגלעכע אויגן, האָט ער באַקוקט אַהרנען מיט קילן חידוש און אינם עטלעכע־

און־צוואַנציק־יאָריקן בחורל דערזען מיטאַמאָל — זיך אַליין, אין יענעם פאַר־שיכורנדיקן נאָך־מלחמה־רויש, ווען ער איז נאַר־וואָס געהאַט אריינגעפאַלן אין דער שטאָט פון ליכט, ווייַן און קונסט.

— אַזוי ?... איז אין ווארשע אויך נישט הימלעך ?... — האָט ער זיך נאָכ־געפרעגט מיד, קיל, מער מיט אַפּאַטיע, ווי מיט אינטערעס — אַבי מ׳האָט דאָרט אַמאָל געשטורעמט... וואָס ווילט איר, וואָס ? מ׳זעמיר יידן...

אהרן איז אוועק צופוס צום בעלוויל מיט אַ שווער געמיט. ער האָט לאַנג אויסגעמיטן צו קומען אין די קאַפּייען. אין ווארשע איז אויך שווער געווען, אָבער מ׳האָט כסדר געפילט דעם לעבעדיקן אָטעם פון דער דזשיקע גאַס, וואָס האָט קיינ־מאָל נישט פארצווייפלט, געריסן זיך קעגן אלע שטורעמס. אויפן גאנצן וועג האָט אים באַגלייט דער גרויאינקער שניידער, טאָני מינסקער. ער האָט צום צע־שטרייטן יינגל גערעדט פאָטערלעך:

— די טרויעריקע יידישע עמיגראַציע, קינד... אין די ביינער ליגט זי אונדז...

ער איז אליין אויך געווען אַ שטילער, פארשוויגענער דיכטער. אצינד האָט ער שווער געטראָגן אויף זיך די לאַסט פון די קאַרגע זעכציק יאָר; אַ גרויער קאָפּ מיט יונגע, לעבעדיקע אויגן. דאָס זיצן איבער דער ניי־מאַשין האָט אים איינגע־בויגן. ער האָט זיך אָבער דערפילט אינערלעך גאַנץ. דאָס האָט ער זיך געראַטע־וועט צו דער ניי־מאַשין. ווען אהרן האָט ס׳ערשטע מאָל פאַרגעלייענט זיינע פערזן פון דער דזשיקע גאַס אין יידישן ארבעטער־קלוב אויפן בעלוויל, איז ער אים גע־קומען אויפזוכן. אהרן איז געווען פאר אים א לעבעדיקער גרוס פון דאָרט, פון די יונגע עקשנים, וואָס גיבן זיך קיינמאָל נישט אונטער. ווי מאָריס ראָזענפעלד, האָט ער אָפּגעפּינצטערט זיינע יאָרן, פארקויפט זיינע טעג אין די טומלדיקע פאַריזער יידישע שניידער־אַטעליעס, ווו מ׳האָט באדארפט צו זיין פלינק, גע־שיקט, אַרויסוואַרפן וואָס מער „שטיקלעך״. ער איז אמאָל אַוועק פון די דווינס־קער אַרבעטער־בערזעס, געלעבט ערגעץ אין די געדיכטעניש פון לאַנדאָנער ווייטשעפּל, דורך וואנען ס׳האָט געפירט דער וועג פון די ערשטע יידישע רע־וואָלוציאָנערע דיכטער־עמיגראַנטן, צוזאמען מיט דער געדיכטער יידישער עמי־גראַציע. דאָרט האָט מען אַרויסגעגעבן סאָציאַליסטישע ביכער, בראָשורן, אַריינצושמוגלען זיי אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. אין אָקטאָבער 1917 איז ער, צו־זאַמען מיט די אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן, געלאָפן „אונטערשטעלן אַ פּלייצע״ דער רעוואָלוציע. ער איז מיט אַן אַרבעטער־באַטאַליאָן געשיקט געוואָרן צו קעמפן קעגן די ווייסע באַנדעס, אין די וועלדער פון אוקראַינע. אין איינס פון זיינע דעמאָלטיקע לידער האָט ער געשריבן:

וואָס מיר היטן ווייס איך נישט —
מיר פירן אוים באַפעלן;
מיר היטן אָפּ אין פרייען פעלד
אַ זומער־טאָג, אַ העלן...

דערנאָך, אין פוילן, זענען געווען פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען, אַרעסטן. ער איז צוריקגעלאָפן קיין פאריז און האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער ניי־מאַשין. צוזאַ־מען מיט זיין קליינער משפחה האָט ער געלעבט אין אַ שטיל, שאָטנדיק הויז, צווישן ביכער, בילדער, בלומען און אָונטיקער מוזיק. ער האָט דאָ אָפּגעפונען די שטילע

סטעזשקעלעך צום קבר פון זיין באליבטן פּאָעט היינריך היינע, וועלכער איז דאָ אויך געשטאָרבן אין דער פרעמד. אויף די אויסשטעלונגען, אויף די קאָנצערטן, האָבן זיי זיך דאָ צוריק באגעגנט, די אלטע פריינט פון דער נעפּלדיקער עמיג־ראַציע — קאָמוניסטן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן, עס־ערן, טעריטאָריאַליסטן. זייך גאָנטסטער פריינט איז געווען דער אלטער אַנאַרכיסט גרישאַ, אָן אַ האַנט; ער האָט זי אמאָל געהאַט פאַרלוירן אין אַ שיסעריי בעת אַן עקספּראָפּריאַציע־אָנפאַל...

אַ פייערלעכער אומעט האָט אהרנען באגלייט דעם גאַנצן וועג צום פינצטערן האָטעל אויפן בעלוויל. „דריי מענטשן — דריי דורות — האָט אים געפרעסן אַ שטילער טרויער — טאָני מינסקער, קאַזשען און — איך. ווער פון אונדז, פרעגט זיך, איז טראַגישער אויף אָט דעם טומלדיקן וועלט־יאַריד ?"...

## קאַפּיטל צוויי

מיט אַ יאָר פינף־זעקס צוריק האָט זיך אין דער יידישער קאַפע ביי שמיל הוי קיינער נישט געקענט זיינוועלע שענקען פאַרליבן שטריקערס זיך אין דער שיינער פאַרקויפערין פון דער „גאַלערי דע בעלוויל". ביי ביידע צדדים האָט ער אָבער אויסגעפירט, דער ביטערער עקשן — ער האָט זיך גענומען פאַר אַ ווייב די ליכטיק־בלאָנדע פאַריזערין נישט ביים רב און נישט ביים גלח...

אָן אויג האָט ער פון לאַנג שוין געהאַט געוואָרפן אויפן מיידל מיט דער גע־זונטער ראָזיקייט אין אירע באַקן. זי איז אַלעמאָל געשטאַנען פון פאָרנט, צום בולוואַר, און אין געזונטן גלעלכטער, אָפּגעדעקט אירע ציינער. אָבער געשלאָסן נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט איר האָט ער צווישן צוויי טענץ, אין טומלדיק־אָנ־געדויכערטן „באַל־מיזעט"־קעלערל, אין „הערמיטאַזש", אויפן פאַבור, איז „אַרויס־געגאַנגען" מיט איר דעם גאַנצן ווינטער אין די סינעמאַ'ס, אין די טעאַטערן, אויף באָקס־קאַטשן. ס'איז אָבער קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז ס'וועט טאַקע עפּעס „ווערן" דערפון.

דער חתונה־מאָלצייט איז מיט גרויס פאַראַד געפּראַוועט געוואָרן אין רעס־טאָראַן „צום געבראָטענעם פאַזאַן"; אַזוי איז געווען דער אויסדריקלעכער פאַר־לאַנג פונם מחותן, מעסיע פּאָטיע, דעם דורכגעטריבענעם פויער, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק איינמאָל געהאַט אַריבערגעקומען פון אַ דאָרף אין אָווערן און האָט זיך דאָ ארויפגעאַרבעט צו צוויי אייגענע פרוכט־סקלאַדעס אין הורט, אַרום די האַליעס.

באַלד נאָכן אָפיציעלן אַקט, אין זאַל פון דער מוניציפּאַליטעט, האָבן זיך די קרובים פון ביידע צדדים פריילעך ארונטערגעשאָטן פון די ברייטע מאַרמאָר־שטיגן. מ'האָט דאָרט נישט אויפגעהערט צו קושן זיך מיט חתן־כלה, מיט די מחותנים און באַגלייט זיי צו די גלאַנציקע וואַגנס, וואָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט ביים צופאָר. דעם חתן, וואָס איז אויך נישט געווען קיין מפיל־קינד, האָט גע־

פירט דער הויכער מחותן, מעסיע פּאָטיע. ער איז געגאַנגען שטיף, דער מחותן, מ׳האָט אָזש געהערט דעם נייעם סקריפּ פון קראַכמאַליעטן העמד, וואָס האָט איינגעשטייפט זיין קרעמפּן האַלדז. די ווייסע הענטשקעס האָבן שיער נישט גע־פּלאַצט אויף זיינע אָנגעדראָלענע פינגער. די „צווייטע העלפט" זיינע — אַ קליין, שמאַל, אָנגעפּאַרבט ווייבל, דאַכט זיך אין איין עלטער מיט דער כלה — האָט אונ־טערגעטענצלט, ווי אַ מיידעלע, געהאַלטן זיך אין איין אַריינפּרייען אין זיינוולס טאַטע־מאַמע, האָט עפּעס געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין זיי; כאָטש זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז קיין סך פאַרשטייען זיי דאָרט נישט.

— וואָס זאָגט איר נישט צום פראַנצויז־נאַר ?... — האָט זיך זיינוול אומגע-דרייט צו זיין יידישער משפּחה.

דער חתונה־זאַל, מיט די קאָלאָנעס, מיט די זשיראַנדאָלן, מיט די שפּיג־לען, האָט גערוישט, פאַרטאָפּלט די שמחה. די טישן, איינגעטונקט אין לעבעדי־קע בלומען, זענען באַלייגט געווען ביז אַרויף מיט געבראָטענע קרוליקעס, גע־רויכערטע חזיר־פולקעס, ראַקעס מיט שטייפע וואָנסן און כלערליי טריפהנע פיש פון די אַטלאַנטישע ברעגן — אין מאַיאָנעז, אין געשניטענע אייער, אין סאַ־לאַדן, אין צונטער־רויטע טאָמאַטן. אין די אייז־קעסעלעך האָבן זיך געקילט די נאָכנישט־אויפגעקאָרקעוועטע פלעשער מיטן אָנגעזעצטן קעלער־שטויב. פּיעראָ, דער כלה׳ס יינגערער ברודער פּיעראָ, הויך און ברייט, ווי דער טאַטע, מיט אַ רויז אין דער לאַץ, אַ שיכור־לעכער, האָט כסדר געהאַלטן אין איין אָנשטעלן דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט און איז אַלעמאָל געלאָפן פאַרריכטן ביי איינעם דעם קראַוואַט, ביי די ווייבער די פריזורן און אַלעמען האָט ער באַפוילן צו לאַכן צעזעצטערהייט.

אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי זיך דאָרט געכאַפּט, אַז די יידישע מחו־תנים וועלן גאָרנישט טועם זיין פון די אַלע אָנגעגרייטע מאכלים אויף די טישן. ס׳איז אַביסל נישט אָנגענעם געווען פאַר די געסט, וואָס האָבן דאָ גאָרנישט אָנ־געהויבן צו פאַרשטיין; און זיינוול אליין האָט, מיט אַ שטיקנדיק געלעכטערל, באַ־דאַרפט אויפצוקלערן אין וואָס, אייגנטלעך, ס׳גייט דאָ. דער טאַטע איז געזעסן אויבנאָן, אַ פאַרלוירענער, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. ער האָט געגלעט דאָס גרוילעך־אויסגעקעמטע בערדל, געפינטלט מיט די רויטלעכע, אָנגעשטרענגטע אויגן פון הינטער דער בריל. ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט קוים אַ זופּ געטון אַביסל ווייַן פון דעם גלאָז מיטן הויכן פיסל, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל קיכעלע. ביי מינדען האָט געשלאָגן אַ פלאַם אין די באַקן אַריין. זי האָט זיך געפילט שלעכט אין פרעמדן, טיף־אויסדעקאָלטירטן קלייד מיט די שפּיצעלעך פון שווארצן מוש־לין־זייד, וואָס בראָנטשע האָט אויף דער גיך, דעם לעצטן אין דער פרי, געהאַט איינגעשאַפּט. די אַלטע האָט זיך געפילט נישט היימלעך פון די אומבאַקאַנטע צע־רעמאָניעס, פירעכצן, צוויי־דייטיקע געלעכטערס. זי איז טאַקע געזעסן לעבן דער מאַמען, דאָס יינגערע טעכטערל, וואָס האָט אין פּאַריז שנעל געכאַפּט דאָס פראַנ־צויזישע לשון און שוין גערופן זיך נישט בראָנטשע, נאָר בעלאַ. זי איז געזעסן צווישן דער מאַמען און דער הייטערער מחותנתטע. זי האָט געקוקט מיט חידוש, ווי די מחותנתטע זופּט פון די גלעזלעך, צוגלייך מיט די מאַנספּאַרשוינען.

מ׳האָט זיך דאָרט אַרום טיש געוויצלט אויפן חשבון פון יונגן פּאַר־פאָלק; מ׳האָט זיך געסוד׳עט, אַז אַלע זאָלן הערן, וועגן ראַזן שלאָף־צימער, וואָס וואַרט

שוין אויף זיי; און די קליינע, צעפלאַמטע בראָנטשע איז צופרידן געווען, וואָס דער טאַטע מיט דער מאַמען פארשטייען כאָטש נישט אַלץ. ס׳איז דאָ אויך געזעסן דער קוזין לעאָן, דער זון פון די רייכע אַלאַנסקיס, די מומע טייבל, די ליטוואַטש־קע, די סימפּאַטישע, אַ ביסל פאַרגרינטע קוזינקע עווא, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין לעצטן קלאַס פון לאַמאַרטין־ליציי; און כאָטש זי איז, נישט צום ערשטן מאָל שוין, געווען אַ ביסל צעווערטלט מיטן קוזין זיינוול, איז זי פונדעסט־וועגן געקומען באַשיינען אים די שמחה. זי האָט גאָרנישט גערעדט, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס האַרץ טוט איר ווייּ, דער מויד. דער פאָטער, מינדעס עלטע־רער ברודער, זשאָזעף אַלאַנסקי, האָט צוגעזאָגט אומבאַדינגט אַריבערצוכאַפּן זיך צום חתונה־מאָלצייט; נאָר אין דער לעצטער מינוט איז אָנגעקומען פון אים אַ גרויסער בוקעט רויזן און אַ טעלעגראַמע מיט פיל גליקוואונטשן; ער האָט זיך אַנטשולדיקט, ער איז געשעפטלעך שטאַרק פאַרנומען...

צום פאַרענדיקן איז מען דערנאָך, אָנהייב אָוונט, אין אַ קייט אויטאָס, פאַר־פאָרן צום געסל ביים בולוואַר בעלוויל, אין די דריי גאָרן־שטיבלעך פון זיינוולס טאַטע־מאַמע. זיי האָבן דאָרט אַלע, אַריינקומענדיק, אונטערגעשפּאַרט דעם ניי־דעריקן סופיט. זיי זענען געזעסן אַרום טיש, פאַרזוכט מינדעס היימיש־געבאַקע־נעם קוכן, די זעקס־שפּיציקע צוקער־קיכלעך, אָנגעפּילט מיט עפּל; און די כלה מיט דער הייטערער מחותנתטע האָבן, פאַרזוכנדיק, גאָרנישט געקענט זיך אָפּ־לויבן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ווי אַזוי ס׳ווערט געמאַכט און די הויפּט־פּאַרטייטשערין איז געווען די קליינע בראָנטשע.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך בראָנטשע געגרייט צו דער אויפנאַמע. זי האָט געראַמט, געשייערט, געוואַשן, אָנגעהאָנגען נייע פאַרהענגלעך, סערוועטלעך, אָפּ־געפרישט די צימערלעך, אויפצונעמען די פרעמדע געסט אין אַ יידיש הויז. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן נאָך אַלץ אונטערגערעכנט. אָבער זיינוול איז אין דער מיט אַריינגעפאַלן, אַרויסגעצויגן אַ פינפהונדערטער פון וועסטל־קעשענע און אַוועקגעוואָרפן אויפן טיש.

— כ׳וויל — האָט ער זיך ברייט אָפּגערופן — אַז די שטוב זאָל פּעכלען, הערסט ?... כ׳וויל, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן נישט פאַרשעמט בלייבן צווישן מענטשן... אַז איך, זיינוול, בין באַשטאַנען אויפן שידוך, וועלן שוין די איבעריקע, נישקשה, אויך מוזן באַשטיין...

ס׳יינגערע שוועסטערל בראָנטשע איז געווען די איינציקע אין הויז, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים, אַריינגערעדט אין דער מאַמען, איינגעטענהט מיטן טאַטן. אָ, נישט אַזוי לייכט איז דער שידוך צוגעגאַנגען. פוןביידע צדדים האָט מען נישט דערלאָזן צום שידוך. דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט אָבער איז געווען איינצובייסן דעם פויער פון אָווערן. די קליינע, ניינצניאָריקע מאַדלען איז געווען ביי אים אַן איין און איינציק טעכטערל, אַן אָפּגעציטערטע, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט זי געוואָלט שיקן אין די שולן, מאַכן פון איר כאָטש אַ טענצערין, אַן אַקטריסע, געבן איר פאַר אַ מאַן אַמווינציקסטן אַ הויכן באַאַמטן פון מיניסטער־יום; זי האָט גאָרנישט באַדאַרפט צו גיין אַרבעטן אַלס פאַרקויפערין אין אַ מאַגאַ־זין; ווען זי איז געקומען דערציילן דעם טאַטן, אַז זי וויל חתונה האָבן מיט אַ

„פּאַלאַנצע“ און אַ ייד דערצו, איז ער געוואָרן אויפגעקאכט, דער פּויער, ער האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען. אַז די קליינע האָט אָבער געגומען צושטיין, געסטראַשעט, אַז זי וועט אַנטלויפן פון שטוב, איז ער ווייכער געוואָרן און האָט געהייסן מען זאָל אים ברענגען צופירן אָנקוקן אים, דער חתן.

דאָס זעעניש איז פאָרגעקומען אין דער ראַגאָווער ביסטראָ, אַרום די האַליעס, ווו ער כאַפּט זיך אַלעמאָל אַריין אויף אַן אַפּעריטיוו. זיינוול איז, נישקשה, נישט געווען פון די שעמעוודיקע, אים האָט מען נישט באַדאַרפט האַקן אונטער דער צונג; מ׳האָט אים געבעטן קומען, איז ער געגאַנגען. געבראַנגט צופירן האָט אים די קליינע מאַדלען אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אַרויסגעשלעפּט דעם טאַטן פון הינ־טער די קאַסטנס מיט אָראַנזשן, ציטרינען, אויבסט־קוישן, ווען דער גאַנצער מאַגאַזין איז פאַרשטאָפּט געווען מיט קונים. דער פּויער האָט זיך אָפּגעווישט די הענט אין בלויען פאַרטוך און איז געגאַנגען נאָך דער טאָכטער; און אַז ער האָט ביים קאָנטואַר, אין דער ביסטראָ, אַ באַקוק געטון דאָס יינגל מיט די ברייטע פּלייצעס; און אַז זיינוול איז אַרויס מיט לשון אין זיין געזונטן פראַנצויזיש פון פּאַבור, איז דער דורכגעטריבענער פּויער אויפן אָרט ווייכער געוואָרן. ער האָט זיך אוודאי פאַרגעשטעלט אַ קליין, אויסגעוויקט בחורל, אַ „מעטעק“, וואָס קען קיין גלייכע דריי ווערטער פראַנצויזיש נישט. ער האָט אַ פאַרקוועטש געטון ס׳לינקע אויג אונטער דער אויסגעקרומטער ברעם און אָנגעקלאַפּט זיך די גלעזער מיטן געלן, מוטנעם „ווערמוט“, וואָס איז געווען זיין באַליבטער אַפּערי־טיוו. פון אונטער די גאַליער־וואָנסן האָט זיך, קעגן זיין ווילן, אַרויסגעגליטשט אַ צופרידן שמייכעלע; און כאָטש זיינוול האָט זיך געהאַלטן קאַלט, ווי נישט ער איז דער עיקר, איז אָבער די קליינע מאַדלען אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

— פּאַפּ! — האָט זי געקושט דעם טאַטן אין די ראָזע, פּויערישע באַקן — כ׳קען זשאַקס עלטערן... זיי זענען זייער אָנשטענדיקע מענטשן... כ׳וויל, אַז דו און מאַמאַן זאָלן זיי באַקענען... נאָך היינט, וויל איך...

דער אַלטער, ווידער, אַז מ׳איז אים געקומען אָנזאָגן די שיינע נחתן פון זיינוועלען, האָט אַ הוסטל געטון, אַרויפגערוקט די ברילן איבערן גערונצלטן שטערן און אויסגעבטלט אַלע בייזע, וויסטע חלומות צו זיין קאָפּ:

— וואָס עפּעס אַ שיקסע אינמיטן דערינען ?... וואָסי ? ס׳פעלן שוין אויס יידישע טעכטער אויפן בעלוויל ?... אַ יינג האָט זיך אַריינגענומען אַ „סמיקאַלקע“ אין קאָפּ אַריין...

מינדע האָט שוין גאַרנישט מער גערעדט. זי האָט נאָר באַלד גענומען שנייצן די פאַרקאַטערטע נאָז אין פאַרטוך אַריין. זי האָט אָבער גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אויספירן זיינס, זיינוועלע; אַז ס׳וועט גאַרנישט העלפן; אַז דער ביטערער עקשן האָט זיך נאָר עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, וועט מען עס אים שוין אַזוי לייכט נישט אַרויסהאַקן. זי האָט זיך נאָך געפאָרכטן פאַר דער מדינה, אַזוי באַלד ווי זי איז אַריינגעפאַלן קיין פּאַריז און גענומען צוקוקן זיך צו די היגע פּירעכצן ביי איר ברודער שמיל־יוסף אין הויז. שבת איז קיין שבת נישט און יום־טוב איז קיין יום־טוב נישט. מען וווינט דאָ טאָקע אין „לאַכטיקע פּאַקאָיעס“, מיט ברייטע פּירעכצער, מען זשויבט גאָלד, אָבער ס׳האָט נישט קיין האַפּט און קיין יידישן טעם נישט...

— שמיל־יוסף — האָט זי זיך אָפּגערופן צום ברודער אירן, דעם „גאַנצן פּראַנעק", וואָס האָט זיך דאָ, אין פּאַריז, אַ נאָמען געגעבן זשאָזעף — כ'וואָלט, הערסטו, נישט געוואָלט שטאַרבן דאָ, אין דער גאָלדענער און טריפהנער מדינה... מילא, דו ווייסטעד, אונדזער גאַנצער משפּחה, זאָל זיין אָפּגעשיידט, רוט דאָרט ביי אונדז אויפן אַלטן בית־עלמין... און דאָ, איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, וועט אַפילו קיין הונט אויף מיין קבר נישט בילן...

ס'איז געווען באַלד דערנאָך, ווי זשאָזעף אַלאַנסקי, דער רייכער הוטן־פּאַב־ריקאַנט, האָט זיך געהאַט אריבערגעכאַפּט אויף אַ פּאָר טעג קיין פּוילן, אַזוי־אָ, מיטן אויפגעשטעלטן קעלנערל, אין די שטעק־לאַטשן, און צווישן אַ יאָ און אַ ניין, אַריבערגעפּעקלט דאָס גאַנצע געזינדל דער שוועסטערס קיין פּאַריז. די קליינע בראַנטשע, וואָס האָט שוין געאַרבעט ביי מענער־וועש אין וואַרשע צוזאַ־מען מיט דער עלטערער, מיט צירלען, איז מיטגעפּאָרן; אָבער נישט צירל, וועלכע איז דאָרט „אַרויסגעגאַנגען" מיט אַ יינגל, און נישט אהרן, האָבן נישט געוואָלט הערן וועגן מיטפאָרן. זיינוול, דער עלטסטער אין הויז, האָט זיך אין פּאַריז באַלד אַרויסגעדרייט פּאַר אַ לייט. ער האָט גלייך פון אָנהייב אָן אָנגעוואָרפן די אַלע אינטעליגענטישע שטיק, די דיסקוסיעס, דאָס ביכלען זיך, אַרויפגעצויגן אַ בלויען, איינגעשמירטן אַרבעטס־„קאָמביניזאָן" און אָוועקגעשטעלט זיך אַרבעטן ביי אַ שטריקער־מאַשין. נאָך אין דער היים, ווען ער איז געווען אַ יאָט אויף דער לער, ווען ער האָט צוגעהאָלפן דעם טאַטן אין דער גאַרבעריי, האָט עס אים געצויגן ווי ס'היות, צו שטיין איינער אַליין ביי אַ מאַשין. הענט האָט ער געהאַט געזונטע און פלינקע, ווי פּאַריז באַדאַרף צו האָבן, און מ'האָט זיך אין די סעזאָנען געריסן אי־בער אים צווישן די יידישע פּאַטראָנען אויפן פּאַבור סט. דעני און אויף רי ד'אַ־בוקיר. ס'גאַנצע פאַרדינסט פון אַ וואָך האַרעוואַניע האָט ער אַהיימגעבערענגט אין שטוב אַריין צו דער מאַמען; אַראָפּגענומען דאָרט פּאַר זיך אַמאָל אַ פּופּציקער, אַמאָל אַ הונדערטער, „דורכצולאָזן" דעם זונטיקדיקן טאָג. מיט אַ בלאָנדן קאָפּ קוטשערן, מיט אַ פּאָר אויסגעגאָלטע פּיסקעס, איינגעשטיפּט אין אַ העלן קאָסט־יום מיט קראַטקעלעך, האָט ער די ערשטע פּאָר יאָר דעם זונטיקדיקן טאָג אָנ־געשפּאַרט ווו ערגעץ אַ „באַל־מיזעט", ווו ערגעץ אַ דאַנסינג. דאָרט האָבן די צע־היצטע פּאָרלעך נישט אויפגעהערט צו וואַלסעווען ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, און אַלעמאָל האָט זיך, איבער עפּעס, דאָס גרעלע ליכט אין די פאַרהוילענע זשי־ראַנדאָלן אונטערן סופיט אויסגעלאָשן. דערנאָך האָט ער פּלוצים די אַלע שיינע זאַכן אויך אַוועקגעוואָרפן, געסטאַטקעוועט זיך.

אין דער יידישער קאַפע ביי שמיל הוי, אויפן ראָג בולוואַר בעלוויל, ווו ער איז געווען אַן אָפטער איינגייער, האָט ער זיך בשום אופן נישט געלאָזן רופן אַנ־דערש, ווי זיינוול.

— כ'הייס זיינוול, נישט זשאַק! — האָט ער געלאָסן אויסגעבעסערט — אַזוי האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן אויפן ברית... און זאָלן זיך אונדזערע טייערע „פראַנעקעס" ברעכן אַביסל די ציין, וואָסי ?...

אין ביטערן ווינטער 1927, ווען אַלץ האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, האָט ער גע־האָלפן אויפשטעלן דעם רעסטאָראַן פּאַר אַרבעטסלאָזע, איז ארומגעלאָפן „רייסן פּאַסן" ביי די אַרויפגעאַרבעטע יידישע פּאַטראָנען, מיטגעגאַנגען מאַכן סקאַנדאַלן

אין דער „פעדעראַציע פון די יידישע סאָסיעטעס", צוזאַמען מיטן העלד כאַצקעלע; אַרום 1930 איז ער געווען איינער פון די, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו שאַפן דעם בעלוויל"ער אַרבעטער־קלוב אין פינצטערן פּאַסאַזש, וווּ עס וווינען כמעט לויטער יידן, שניידער־„פאַסאָניערס". ער איז אויך אַרויפגעקומען אין דער „קול־טור־ליגע", אויף לאַנקרי נומער 10. אָוונט־צייט זענען דאָרט פאַרפולט געווען אַלע צימערן, אַלע קאָרידאָרן, מ'איז געשטאַנען אויף די טרעפּן. פון הינטער טירן האָט געהילכט אַ מונטער געזאַנג. דאָרט האָט מען יעדן אָוונט באַגעגנט די פּריש־אַריבערגעקומענע פון פּוילן. און כאָטש ער האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַ קליי־נע אַטעליע, אַ בחוריש־אָפּגעלאָזן צימערל, האָט ער פונדעסטוועגן אַלעמאָל, אומקערנדיק זיך שפּעט פון גאַס, אַרויפגעכאַפּט זיך צו דער מאַמען אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך. ער האָט שוין געוווּסט אויפצוזוכן אויף דר'ערד אין קיכל צווישן די טעפּ אַ געשמאַקן ביסן, אָנגעוואָרעמט זיך אַ גלאָז טיי, אַ כאַפּ געטון אַ קיכעלע פון קליאַשל. די מאַמע האָט שוין געקענט זיין טבע און האָט אַלע מאָל אָנגעגרייט אַביסל מער. פאַר קיינעם האָט זיך די מאַמע נישט אָראָפּגערעדט פון האַרצן, ווי פאַר זיינוולען. ער איז געווען אַ געטריי, איבערגעגעבן קינד. האָט עס געהאַלטן ביי אַ שידוך טון מיט דער יינגסטער, מיט בראָנטשען, האָט מען זיך אין שטוב מישב געווען מיט זיינוולען. האָט אָבער זיינוול דעם גאַנצן בעלוויל געהאַט אויף זיין קאָפּ, אַלעמען האָט ער געקענט; איז ער באַלד געקומען צו־לויפן אין שטוב אַריין און גענומען מאַכן סקאַנדאַלן פאַרוואָס מען לאָזט בראָנ־טשען „אַרויסגיין" מיטן געלן „קואַפער", פאַרוואָס זי לאָזט זיך אומזיסט פאַר־דרייען דעם קאָפּ.

— אַ וווּיל יינגל... אַ פאַרדינער!... — האָט ער נאָכגעשפּעט — זאָל ער בע־סער פריער זען אַריבערצונעמען פון סטריקעוו ס'ווייב מיט די צוויי שוואָלבן, דער „ראַזבאָיניק"... אי ך וועל איר שוין אָפּזוכן אַ לייטיש יינגל... אַז נאָר טאַנצן ליגט עס אין זינען... כיי־בי וואָלט זי אמאָל אַרויפגעקומען אין קלוב אַריין...

די ערשטע צייט אין פּאַריז איז מינדע, ווי ס'פירט זיך אין דער אַלטער היים, יעדן שבת נאָכמיטאָג געקומען צוגאַסט צום ברודער; אָבער זי האָט אים קיינ־מאָל נישט געטראָפן אין דער היים. אויפגענומען אין הויז האָט דערפאַר די שוועג־גערין טייבל, די ליטוואַטשקע, וועלכע האָט, פּונקט ווי מינדע, קיין איין וואָרט פראַנצויזיש נישט געקענט. זי איז געווען גליקלעך, די מומע טייבל, מיט די לי־בע, אָנגעלייגטע געסט. זי האָט אויף שבת אָנגעבאַקן טאָרטן, לעקעכער, אייער־קיכלעך, אָהיימגעבראַכט פון די יידישע געוועלבלעך אויפן „פּלעצל" אַ גרויסן קאַרפּ, כשר־געשאָכטענע עופות און פרייטיק־צונאַכטס אָנגעצונדן ליכט אין די זילבערנע לייכטער. אָבער פּונקט פרייטיק־צונאַכטס זענען די קינדער קיינמאָל נישט געווען ביים טיש און אויך זשאָזעף איז פאַרפאַרעט געווען מיט זיינע געשעפטן. ער איז אהיימגעקומען מיט אַ גראָבן ציגאַר אויף די ליפּן, אַ וואָכעדיקער, אַ פאַרטוענער.

די קוזינקע עווא, אַ דערוואַקסן מיידל שוין, האָט דאָ געפירט צום ערשטן מאָל זיינוולען אין סינעמאַ, וווּ מ'האָט געוויזן שטומע פילמען, און אין אַ צעבראָכע־נעם יידיש פאַרטייטשט אים די אונטערשריפטן. דאָס זיבעצן־יאָריקע מיידל האָט געצאַפּלט ביי דער זייט פון שיינעם קוזין, דעם העלדישן מאַנספאַרשוין, עטלעכע

יאָר עלטער פון איר, אָבער פונקט מיט אַזעלכע בלויע אויגן און בלאָנדלעך־שאַטינע קוטשערן ווי די מאמע, ווען זי איז נאָך יונג געווען. זי האָט זיינוולען געוואָלט לערנען פראַנצויזיש, נעמען אים אין די טעאַטערן אַריין, אויף קאָנ־צערטן, ווייזן אים פּאַריז, אָבער ער האָט זיך געוואָרפן, אַרויסגעדרייט זיך. אַ צעשטראָלטע, איז דאָס מיידל אָפּט געווען דער אומגעריכטער גאַסט אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך אויפן בעלוויל. אָבער פונקט דעמאָלט, ווען זי איז אַרויפ־געקומען, האָט זיך זיינוול אויף צו־להכעיס אויפגעהויבן און, אָן אַ זיי־געזונט, אַראָפּ אין דער קאַפע צו שמיל הוי.

— זי מאַכט מיר דול, כאַוטשע... — האָט ער זיך געוואָרפן, ווען די מאַמע האָט אים געפּרוווט איינעמען מיט גוטע רייד — כ'האָב נישט ליב קיין פּאַררי־סענע יחסנים... אַ יונגע קאַזע, זעסטו...

ווען מינדע איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַריין, אָפּווײנען זיך אַ ביסל דאָס האַרץ, אַז זיינוול גייט חתונה האָבן מיט אַ שיקסע, האָט זיך די מומע טייבל עפּעס צעשטרייט געטון א שטעל אויף פון טיש און איז געלאָפן פאַרמאַכן די טיר צו עוואַ'ס צימער. זי האָט נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי האָט זיך געקניפּן די באַקן, זי האָט אינגאַנצן געפּלאַמט.

— זיינוועלע זאָל אונדז אָפּטון אַזאַ זאַך!... — האָט זי זיך נישט געקענט שענקען און ס'האָט איר אַ שפּריץ געטון אַ מאַמע'שע טרער — אַבי כ'האָב גע־מיינט, מינדעשי, אַז מירן מערטשעם דערלעבן נחת אין דער משפּחה... איך בין אַ מאַמע... די האַרץ איז מיר געגוג אָנגעווייטיקט...

## קאַפּיטל דריי

ס'איז נישט אויסגעגאַנגען קיין פיר וואָכן נאָך זיינוולס חתונה, ווי מ'האָט געמוזט כאַפּן דער מויד, בראָנטשען, און אויף דער גיך „צודעקן איר דעם קאָפּ" מיטן געלן פריזי'ער פון רי קוראָן. די מויד האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, גע־שוויגן, ביז זי האָט אַרויסגעפּלאַצט. מינדע האָט זיך געקניפּן די באַקן, גערופן צוהילף דער מאַמען פון יענער וועלט, געשווירן זיך מיט טויטע קללות, אַז זי וועט עס נישט אַריבערטראָגן. אָבער בראָנטשען האָט עס אַפילו קיין טשעפּ נישט געטון. זי האָט, זעט אויס, נאָר געוואַרט, אַז אין הויז זאָל זיך אַביסל איינשטילן מיטן גערודער אַרום זיינוולס חתונה.

— כ'ווייס גאָרנישט — האָט מינדע געשריגן — פון וואַנען עס האָבן זיך דערנומען צו מיר אין שטוב אַריין אַזעלכע ביטערע עקשנים... אַזעלכענע קאַל־טע מערדערס...

מ'איז געלאָפן און מ'האָט געברענגט צופירן דעם געלן פריזיער אין שטוב אַריין. יענער האָט מסתמא נאָר געוואַרט אויף דער געלעגנהייט. מ'האָט אים גאָרנישט באַדאַרפט שלעפּן. ער איז אַליין געקומען — אַן אויסגעפּראַנטעוועטער,

אין אַן אָנצוג מיט העלע שטרייפן, אַ פריש־אויסגעגאָלטער, מיט דין־פאַרשוי־רענע פּיאהלעך. דער געלער פּאָמאַדירטער שויבער האָט ביי אים געשפּיגלט. לויט זיינע קלוגיטשקע רייד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער שטייט נאָך אין גרויסן; אָבער גערעדט האָט ער דווקא זייער איידל צו אַלעמען אין הויז און אַפי־לו זיינוולען האָט ער געגעבן אָנצוהערן:

— איר ווייסטעד יאָ, אַז די גאַנצע וועלט צופרידנשטעלן קען מען נישט...

דער יונגערמאַן האָט געטענהט זיינס, און זייער רואיק:

— אַזוי און אַזוי... ס'איז געשען! מ'האָט זיך ליב און פאַרטיק... מ'האָט באַ־שלאָסן צו הייראַטן...

— און ס'ווייבל מיט צוויי שוואַלבן, וואָס האָסט געלאָזן, שמועסט מען, אין סטריקעוו?... — איז אים זיינוול אַריינגעפאַרן.

— ווער־וואָס?... — האָט יענער געלייקנט שטיין אוןביין — ס'איז שוין אַ פאַרגעסענע זאַך... מאַלע וואָס מענטשן רעדן... איר וועט זען, בראָנטשען וועט גאָרנישט פעלן ביי מיר — האָט ער נאָך צוגעגעבן — דעם שותף האָב איך גע־וויזן דעם וועג... איצט פאַרגרעסער איך די רעזורע... כ'שטעל אריין נייע שפּיג־לען... דער גאַנצער בעלוויל וועט קומען צו מיר זיך שערן און בראָנטשע וועט זיצן און צונעמען ס'לייזעכץ...

מ'האָט זיך סוף כל סוף אַרומגעזען, אַז ס'איז אפשר נישט אַזאַ קרומע זאַך, און אין הויז האָט מען זיך גענומען גרייטן צו פרישע שמחות.

צוליב די פרישע שמחות אין הויז, האָט מען זיך אין דער משפחה צוריק איי־בערגעבעטן, מ'האָט פאַרגעסן, אַז מ'איז צעווערטלט, מ'האָט פאַרגעסן אַלע ברוגזן. די קוזינקע עווע, וואָס איז נאָך אַ לאַנגע צייט געווען בלייך און טרויעריק, איז שוין איצט געווען נישט קיין קליין ביסל שטאָלץ, וואָס זיינוול, קוים עטלעכע יאָר אין לאַנד, רעדט אַזאַ פליסיקן פראַנצויזיש, כמעט אַן אַן „אַקסאַן", און האָט זיך גענומען פאַר אַ ווייב אַן אמתע פאַריזערין; און כאָטש ס'האָט איר נאָך שטילער־הייט אַלץ ווי געטון, האָט זי אָבער פאַר קיינעם קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן, אַפילו נישט פאַר דער מוטער טייבל, וואָס זי איינע האָט פאַרשטאַנען דער טאָכ־טערס מינקעס, נאָר זי איינע האָט צוגעזען, ווי די מויד ליידט. צו בראָנטשעס חתונה, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן היימיש, אין די דריי ענגע גאָרן־שטיבלעך, האָט דאָס מיידל אָנגעבערענגט אַ פולע שטוב מיט מתנות, געפאַלן דער קוזינקע אויפן האַלדז און שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן דעם שטראָם טרערן.

אָבער מיט בראָנטשען איז נאָך אין דער היים אַלץ געווען ווייניקער זאָרג, ווי מיטן עקשן זיינוועלע. דער געלער פריזיער האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טון מיט איר, ווען בראָנטשע איז געקומען אין די הויכע חדשים. נאָך איידער זי האָט געבערענגט אויף דער וועלט דעם שוואַרצן, פריילעכן בחורעץ, וואָס מ'האָט אים אויפן ברית אַ נאָמען געגעבן נאָך אַ פרומען זיידן, דוב־בער, האָט ער זיך געלאָזן אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן, אויסגעסטראָיעט אַ ליכטיקע היים, צוגענומען אַן אָרעם פויליש מיידל, אַז בראָנטשע זאָל נישט דאַרפן רירן זיך פון דאַנען ביז אהער. אַ גרעסערע זאָרג אין הויז איז נאָך אַלץ געווען מיט זיינוולס צד; ווייל פונקט צום יאָר, כמעט אין איין צייט מיט בראָנטשען, האָט דאָס פאָרל געשאָנקען ביידע

אָפּגעפּרעמדטע באָבע־זיידע אָן איניקל, אַ יונגאַטש מיט אַ בלאָנדן שויבער, מיט אַביסל פאַרזשמורעטע, ליכטיק־בלויע אויגן.

די יידישע מחותנים אויפן בעלוויל האָט עס ווידער אָפּגעקאָסט אַ שטיק געזונט. מינדע האָט שוין מער גאָרנישט גערעדט, נאָר דער אלטער האָט אין דער מיט ארויסגעפּלאַצט:

— וואָלט עס כאָטש געווען אַ נקבה, איז מילא... איין נסיון גרעסער פאַרן אַנדערן... ס׳וועט זיין אַ בושה אויפצוהייבן די אויגן פאַר מענטשן...

אין דער מיט אָבער איז זיינוול אַריינגעפאלן אין הויז אַריין, אַ פריילעך־צעיאָכמערטער; ער איז אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעלעגן הינטער די טירן פון דער פריוואט־קליניק. פון גרויס גדולה, האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די פאַרזויערטע פּנימער אין הויז.

— וואָס איז שוין ווידער ס׳געקלאָג ?... ס׳איז אייך אפשר נישט ניחא דאָס איניקל ?... קאָפּל — האָט ער זיך באַלד געכאַפּט — וועט ער ביי מיר הייסן... און יידישן וועל איך אים אויך לאָזן, מעגן זיך דאָרט די „פראַנעקעס״ שטעלן אויפן קאָפּ... אַזוי וויל איך, און מאַדלען באַשטייט שוין אויך! דער מעסיע פּאָטיע האָט געברומט אין די וואָנסן אַריין און די מחותנתטע האָט געגאָסן מיט אַזעל־כע גרויסע, ביטערע טרערן... „אַזאַ פּיצלס, נעבעך... — האָט זי געקלאָגט — „פּאָוור פּטי״... און איך אליין ? — האָב איך זיי געפרעגט — כ׳בין פון דעם אַלעם, ווי איר זעט, אויך ארויס א גאנצער...

און זיינוול האָט זיך געזעצט מיט אַ פויסט אין האַרץ אַריין:

— זיי האָבן ביי מיר געוויינט ווי די ביבערס, און געמוזט באַשטיין...

פאַר די פּאָר יאָר האָבןביידע איניקלעך אומגעריכט געטון אַ וואַקס אונטער. אַז זיי זענען נאָך קליין געווען, האָט זיך מינדע אָנגעפרייט מיט זיי. פאַר די איי־ניקלעך איז קיין שום טייערע זאַך נישט געווען. אָבער מער נאָך ווי בראָנטשעס, האָט עס זיינוולס בנאָק געצויגן צו זיינע יידישע באָבע־זיידע אינם געסל אויפן בעלוויל. דער זעקס־יאָריקער יאָט, אַ רויטער, פול מיט אָנגעזעצטע שפּרענק־לען אויפן קאַרטאָפל־נעזל, האָט דאָרט איבערגעלאָזן די פּרוכט־סקלאַדעס אַרום די האַליעס ביים היוכן פויער פון אָווערן, ביים פראַנצויזישן זיידן, מעסיע פּאָ־טיע, איבערגעלאָזן די שפּילצייג, די נאַשוואַרגן און מיטגעכאַפּט זיך מיטן פריי־לעכן שאָפער, וואָס האָט צעפירט איבער דער שטאָט גרינוואַרג, פּרוכטן. אין אַ מיטן העלן מיטוואָך האָט זיך דער קליינער יאָט אַריינגעשטעלט אין בוטיקל. די מאַמע זיינע, מאַדלען, האָט שוין אָבער געוווסט ווהין צו לויפן אים זוכן. זי איז אַריינגעפאלן אָן איבערגעשראָקענע צו די יידישע מחותנים אויפן בעלוויל. מינדע האָט מיטן פאַרטוך אָפּגעווישט אַ בענקל און האָט פון גרויס צעטומלט־קייט פאַרגעסן ווי אַזוי מען רעדט ארויס א וואָרט פראַנצויזיש צו דער שנור. זי איז געווען פאַרפּלאָנטעט, האָט נישט געהערט וואָס קונים רעדן צו איר, האָט גאָרנישט געוווסט מיט וואָס פריער מהנה צו זיין די ליבע געסט.

דער פלינקער יאָט איז דערוויל ארומגעקראָכן אויף די טישן, אויף די פּאָליצעס, אָנגעגראָבלט פולע פויסטלעך מאַנדלען, געטרוקנטע פלוימען, ראָ־זשינקעס און געפּאַקט אַלץ אין פּיסקל אַריין. דערנאָך איז ער געזעסן ביים

יידישן זיידן אויפן שויס, פאַרפלאָנטערט די פינגערלעך אין זיין שיטער בערדל און געבעטן זיך:

— גראַן פּער, אַפּראַן מוֹאַ ל׳יידיש... (זיידע, לערן מיר אויס יידיש...).

דער אלטער האָט זיך אַזש פאַרקייכט מיט אַ שיטער געלעכטערל.

— הערסטו, מינדעשי, כ׳האָב פון זשאַן־פּיערן מער נחת ווי פון אונדזער אייניקל, וואָס טראָגט דעם הייליקן נאָמען דוב־בער... בראָנטשעס ממזרוק האָלט מיר אין איין נאָכשפּעטן... שיינע נחתן, אַ ?...

אַז ס׳איז געקומען אַ פרייטיק־צונאַכטס האָבן זיך די אייניקלעך,ביידע כמעט אין איין גרויס, אין איין עלטער, צוזאמענגעטראָפן אין ריינלעך־צוגעקליבענעם הויז לכבוד שבת. ס׳האָט געפּעכלט אין יעדן ווינקעלע. מינדע האָט די אייניקלעך מכבד געווען פון שענסטן און פון בעסטן. זי האָט זיי געזעצט איינס לעבן אנדערן ביים טיש, ווו ס׳האָבן געברענט ליכט אין מעשענע לייכטערס; עס זענען געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ טישטוכל אַ פּאָר חלהלעך קידוש צו מאכן. די באָבע האָט זיי געגעבן צו עסן געפילטע פיש, אַ פליגעלע, א פיסעלע, אַ ביסל מייערן־צימעס. ביי זשאַן־פּיערן האָבן פייערלעך און ערנסט געפינקלט די אויגן. נאָר דוב־בער האָט אים געהאַקט מיט די פיס אונטערן טיש, האָט געכאָכאָטשעט פון די מאָדנע מאכלים און פון די מאָדנע פירעכצן. ביז זשאַן־פּיער האָט שוין מער נישט אויסגעהאלטן און אים פארמסרט פארן זיידן:

— כ׳וויל נישט... — זענען ביים קליינעם אזש געשטאַנען טרערן אין די אויגן — דוב־בער לאַכט...

אָנגעפרייט זיך מיט די אייניקלעך, מיט די קינדער, וואָס זענען פרייטיק־צונאכטס געקומען אין הויז אריין, איז ווידער אַריינגעקומען די וואָך. אַ פּוסט־קייט איז געבליבן הענגען אין הויז נאָך זייער אוועקגיין.

— אַ נחת, פונדעסטוועגן... — האָט זי געקרעכצט, די אלטע — נאָר כ׳פּאַר־שטיי, אסור, נישט אַלץ, וואָס דאָס קליינוואַרג, זאָל געזונט זיין, רעדט דאָרט צו מיר... מיין מאַמע, זאָל זיך דאָרט מיען, האָט עס באדארפט אָנצוקוקן... אלע בייזע חלומות וואָלט זי אויסגעבטלט צו מיין קאָפּ...

— און איך פארשטיי זיי, מיינסטו, יאָ, די קליינע מזיקים ? — האָט זיך דער אלטער אויפגעריסן, אַן אָנגעבלעגדטער, פון איבער די ספרימלעך — א דור הפלגה אויפגעהאָדעוועט... כ׳וויס גאָרנישט אין ווען זיי וועלן אריינגעראָטן...

אין דער היים, האָט ער געוווסט, האָט מען די קינדער געשיקט אין אַ חדר, אין שולע; און אַז זיי האָבן דאָרט גערעדט אַביסל פּויליש, אָדער רוסיש, איז אויך נישט געווען אַזאַ גרויס אומגליק. דאָ, אַז זיי וועלן נאָר טון אַ וואַקס אונטער, וועלן זיי דעם זיידן שוין מער נישט קענען. פרעמדע מענטשן האָדע־וועט מען אויס. אהרן, האָט ער דערפאַר איינגעזען, וועט פון אים נישט אוועקגיין, ווייל זיין וועלט איז די וועלט פון „דאָרטן״. אַ שטומער טרויער קוקט ארויס פון אים. שווייגט מער ווי ער רעדט, טראַכט גאָרנישט, ווי די עלטערע קינדער, איינ־צואָרדענען זיך, חתונה האָבן; איז אַוועק ווינען באַזונדער, ארבעט שווער און ווייזט זיך זעלטן. אין די זונטיקן פאָלט ער אַמאָל אַריין, שווייגט, זיצט אונ־טער אַ האַלבע שעה און גייט שטיל אַרונטער. דער אלטער קוקט אים נאָך פון איבער די גלעזלעך, דערפילט דעם אומרו, וואָס טראָגט אים, וואָס ער האָט מיט־

געברענגט פון „דאָרט״; קיין גרויסע נחתן הערט מען פון דאָרט אויך נישט — פּאַגראָמען, צרות.

כמעט יעדן זונטיק נאָכמיטאָג, ווען ס׳בוטיקל אויפן ראָג איז געשלאָסן, קלייבט זיך מינדע אַריבערצוגיין צו דער שוועגערין טייבל, אַראָפּצורעדן זיך אַביסל פון האַרצן. נאָך אַ סך מאָל בעטן אים, איז אהרן מיטגעגאַנגען מיט דער מאַמען צו דער מומע טייבל אין הויז אַריין. דאָרט האָט ער זיך אויך צונויפגע־טראָפן מיט דער קוזינקע עוואַ. דאָס מיידל איז געווען פריינטלעך און קיל. זי האָט געהערט, אַז אהרן שרייבט פּערזן, זי האָט זיך אָבער נישט פאַרגעשטעלט, אַז מען קען שרייבן פּאָעזיע אין יידיש. זי האָט אָנגעקוקט דעם פרעמדן קוזין מיט נייגער; זי האָט געוואָלט געפינען אין אים עפּעס אַן ענלעכקייט צו זיינוועלן, דעם שיינעם, העלדישן זיינוול. זי האָט אים געפונען אינטערעסאַנט, אָבער אַנ־דערש, נישט אַזוי מענלעך. זי אַליין איז נאָך אַלץ נישט געגאַנגען אויף קיין זי־כערן וועג. מיטן שטודירן האָט זיך אויך גאָרנישט אויסגעלאָזן. אין הויז האָט מען שטאַרק געוואָלט זי זאָל חתונה האָבן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט הערן דער־פון. זי איז דאָ פּאַרטון געווען אין אַ קלוב, מיט אויספלוגן, מיט שווים־קאָנקורסן, מיט טאַנץ־בעלער און האָט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען פאַרן מויל, אַז זי שלעפּט זיך אַרום מיט אַ זון פון אַ פאַראָרעמטער פראַנצויזישער אַדל־משפּחה, עפּעס אַ „דע״... אַ נערוועזער יונגערמאַן, פאַרקאָכט אין פערד־קורסן. געווענג, האָט זי געוווּסט, האָט זיך אָפּגעטון אין דער משפּחה מיט זיינוולס פאַרליבעניש. די מאַמע... די מאַמע וועט עס נישט אויסהאַלטן...

עוואַ איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט אהרנען, פון איין וווקס, אַ די־נינקע, אַ ביסל אַ פאַרגרינטע, ווי אַלע פאַריזערינס, גאָרנישט ענלעך צו קיינעם אין דער משפּחה, חוץ די אַביסל געהאָרבטע נאָז פון די אָלאַנסקיס. זי איז גע־בוירן געוואָרן דעמאָלט, ווען זשאַזעף אָלאַנסקי האָט נאָך דאָ אַליין אויסגעאַרבעט אויף די אָנגעגליטע פורעמס פרויען־ און מענער־היט אין אַ קליין, פאַרשטעקט „טערם״־שטיבל אויף רי דעז עקוף, אויפן „פּלעצל״, און איז, צוזאַמען מיטן יינגל, אַרומגעפאָרן אויף די „מאַרשעס״. ערשט נאָך דער מלחמה, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו גיין גוט, זייער גוט, האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין די רחבות־דיקע צימערן אויף רי דע ריוואָלי און אין אַלע עקן פאַריז האָבן זיך יעדעס יאָר אויפגעמאַכט פיליעס פון זיינע הוטן־געשעפטן. ביים טיש האָט די מומע טייבל געקלאָגט:

— כ׳זאָל האָבן דאָס גאָלד, ווי ס׳איז מיר וויילער געווען ווי היינט... אַז מיין שמואל־יוסף איז אַהיימגעקומען פון אַ „מאַרשע״, אַ מידער, האָב איך אים אָנגעגרייט אַ וועטשערע, ווי אין דער היים ביי אונדז... היינט שמעקן אים מער נישט מיינע מאכלים... פון די קינדער — איז אָפּגערעדט...

עוואַ האָט זיך ערגעץ געאיילט, אָבער זי איז שוין אין דעם אָוונט אין ער־געץ נישט געגאַנגען. דאָס מיידל האָט זיך דערפילט ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז. איר האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט אין קאָפּ זיינוול, די שטילע נאָגעניש, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער גייט חתונה האָבן; אָבער אַצינד איז שוין אַלץ געווען ווייט. זי האָט געהערט, וואָס אהרן האָט זיך אַלץ אָנדערציילט פון פוילן, וועגן תפיסות, דעמאָנסטראַציעס, אַנטיסעמיטישע שלעגערייען. זיינע רייד האָבן אויפ־

געוועקט אין איר אַן אַלטע קינדערישע שרעק, צווישן די מיטלאַלטערלעכע געסעלעך פון „פּלעצל", ווו זי איז אויפגעוואַקסן, מלחמה־צייט, ווען די לאַמטערנס און אַלע פייערן פון דער שטאָט זענען געווען אויסגעלאָשן, פּאַרטונקלט, ווען די דייטשן האָבן באַשאָסן פּאַריז מיט דער „גראָבער בערטע", ס'איז געווען אַ הונגער. זי איז פון קינדווייז אָן געווען אַ שוואַכע, אַ שרעקעוודיקע. צווישן די אַלטע געסעלעך פון „פּלעצל", ווו ס'איז אין אַ ווינקל, אויף רי פּאַווע, געווען אַריינגעשפּאַרט דאָס שולכל, האָט זי מיט פּלאַטער נאָכגעקוקט די יידן, אָנגעטון אין שוואַרצע, שטויביקע מלבושים, ווי זיי זענען פאַרנאַכט געגאַנגען מיטן טראָטואַרל, האַרט ביי די מויערן. וויבער האָבן זיך געשטופּט אין דער יידישער יאַטקע, ביי די פיש־געשטעלן, אין די וורשט־ און הערינג־געוועלבלעך. אַ ייד מיט אַן אויסגערונען אויג איז געשטאַנען אויפן ראַג, פאַרקויפט ציטרינען און אויסגערופן זיין סחורה מיט אַזאַ טרויעריק ימים־נוראים'דיק געזאַנגעלע. אין דער יידישער בוכהאַנדלונג אויף רי דע ראָזיע, ווו מ'האָט פאַרקויפט ציצית, מזוזות, טליתים, מחזורים, יידישע מעשה־ביכלעך, סאַדע־וואַסער מיט סאָק, איז געזעסן אַ ייד מיט איינגעקוועטשטע ברילן־גלעזלעך, מיט אַ ווילדער פּאַטריאַרכאַלער באָרד, און נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איבער די ספרימלעך.

אַן אומזעבאַרע געטאָ־מויער איז געשטאַנען צווישן דעם פּלאָנטער פון די מיטאַלטערלעכע געסעלעך און די רייכע, ליכטיקע גאַסן, אַ טריט פון דאַנען. אַפילו דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין געוווינט אין די רייכע, ליכטיקע גאַסן, איז דאָס מיידל קיינמאָל נישט אַן פּלאַטער פאַרביי אָט די געסעלעך. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן וואָס ווייטער פון זיי. אין ליצייַ, צווישן די חברטעס, האָט איר נאָמען מיטן „סקי" געקלונגען ווילד־פרעמד. מער ווי אַלע יידישע מיידלעך, האָט זי זיך געקלאַמערט אין די נישט־יידישע חברטעס, געהאַט כסדר דאָס געפיל פון וועלן זיך אויסקויפן. זי האָט זיי מקנא געווען. שיין און פייערלעך איז געווען אין זייערע קירכעס און קאַטעדראַלעס; ראָמאַנטיש און הייליק איז געווען אין זייערע מאָנאַסטירן, ווו יונגע מיידלעך פון איר עלטער האָט עס פאַרלאָקט מיט אַ מיסטיש ליכט. אָבער אין דער מיט איז אַריינגעקומען דער פּלאָנטער מיטן שיינעם קוזין זיינוול. ס'איז געווען ווי אַ פאַרכישופטער קרייז. וועגן אַזאַ מין יידישקייט, פון וועלכער אהרן האָט דערציילט, האָט זי נישט געוווסט. ס'האָט איר געוווּנדערט די עקשנות, מיט וועלכער זיי האַלטן זיך אין אָט דער יידישקייט. נאָכוואָס? צוליב וואָס? אהרן אליין האָט אויך ארויסגערופן ביים מיידל אַ מאָדנעם, פרעמדן נייגער.

ס'איז געווען אין די קורצע עטלעכע חדשים, איידער די סטערקע איז פּלוצים אַריינגעפאַלן קיין פּאַריז. די קעגנזייטיקע נייגעריקייט האָט זיי צוזאַמענגעפירט, אהרנען און עוואָן. ער איז בלינדערהייט נאָכגעגאַנגען די פאַרוואַנדלונג פון מענטשן און קולטורן. די פרעמדע פּאַריזער קוזינקע האָט אים אויסגעוויזן צו זיין — פונקט ווי ער אַליין — נאָכקלערעריש, שוין אפשר אַביסל צופיל. ס'איז געווען דער צוזאַמענשטויס פון צוויי וועלטן, פון צוויי ווילד־פרעמדע סביבות. זי האָט זיך לייכט געלאָזן באַאיינפלוסן, האָט, כמעט מיסטיש, געגלויבט אין עפּעס אַ פאַטאַליזם, וואָס איז אייגן דער קאַטוילישער דערציאונג אין געוויסע פראַנצויזישע מיטל־שולן.

זי האָט זיך געלאָזן איבעררעדן און איז דעם 14־טן יולי מיטגעגאַנגען מיט אהרנען אין טראַדיציאָנעלן מאַניפעסטאַציע־צוג, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן. צום ערשטן מאָל האָט דאָס מיידל זיך אויסגעמישט מיט די מאַרשירנדיקע אויף די הילכיקע פּאַריזער ברוקן. מיטאָג־צייט, אַרום איינס אַזייגער, האָט זי אַהרן אָפּ־געוואָרט ביים הויפּט־אַרויסגאַנג פון מעטראָ „רעפּובליק" און זיי האָבן זיך גע־לאָזן צופוס, אַרויף ביזן באַסטיל. ראָג בולוואַר שמען־ווער האָבן זיי געטרונקען קאַלטן נאַרמאַנדישן עפּל־קוואַס אין אַ קליינער ביסטראָ. אַרום קאַנטואַר איז שוין באַצייטנס געווען אַ געשטופּ פון יום־טובדיקן אַרבעטער־עולם, אויסגעפּוצט מיט רויטע בלימעלעך אין די לאַצן. מיט די איינגעוויקלטע פענער און טראַנספּאַרענטן, האָבן די סעקציעס פון די אַראָנדיסמאַנען, פון די פאַבריק־פאַרשטעט, געצויגן פון אַלע אַרומיקע גאַסן, פון אַלע פאַרשטאָפּטע מעטראָ־איינגענג. ס'איז געשטאַ־נען אַ הייסער טאָג איבער די בולוואַרן און פּלעצער פון פּאַריז.

ביי דער טעראַסע, ווו ס'האָט געהילכט דער הויך־שפּרעכער, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן לענגער און געוואָרט ס'זאָל אונטערקומען דער יידישער צוג. מען איז דאָ געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. ייִנגלעך האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די לאַמטערן, אַלע פענצטער און באַלקאָנען אַרום פּלאַץ זענען געווען באַלייגט. אי־בער דער גאַנצער ברייט פון דער אַוועני דע לאַ נאַסיאָן זענען אונטערגעקומען די אויסלענדישע גרופּן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ס.זש.ט. — איטאַליעני־שע מויערער, פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע טעראַסן־אַרבעטער, נאָרד־אַפריקאַ־נער פון קלישי, פון די שעכט־הייזער אין לאַ־ווילעט, אַ דעלעגאַציע פון פּוילי־שע קוילן־גרעבער אין נאָרד און פּאַ־דע־קאַלע, אַ גרופּע עסטרייכישע עמיג־ראַנטן. ווען ס'איז באַלד דערנאָך אונטערגעקומען דער יידישער צוג פון דער אינטערסינדיקאַלער קאָמיסיע, לעדער־אַרבעטער, שטריקער, פּוריער און דער עיקר פון באַקלייד־פאַראיין, פון נאָדל־פּאַך, האָט זיך די גרויע הויז־וועכטערין מיט די האַריקע וואָרצעלעך, וואָס איז אויף אַ מינוט אַרויסגעלאָפן פאַרן טויער, אין די שטעק־לאַטשן, האָט נאָכגעקלונגען מיט אַ בינט שליסעלעך, שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן:

— אָט זענען די יידן... — האָט זי געוויזן — די אויסלענדער...

אַ נידעריקער, אַ מיטלאַריקער, מיט פאַררויכערטע וואָנסן, האָט זיך אומ־געדרייט שאַרף:

— אויסלענדער... יידן... פראַנצויזן... ס'איז דאָס פאָלק פון פּאַריז, אלטע!...

ווען אהרן האָט עוואַן אַ צי געטון פון טראָטואַר־אַראָפּ, האָט זי זיך נאָך עטלעכע מאָל אומגעקוקט און געוואָלט אים עפּעס זאָגן; אָבער זי איז שוין גע־ווען אין דער מיט פון דער זינגענדיקער מחנה. פאַרביימאַרשירנדיק די פּול־באַ־זעצטע טריבונע, איינגעוויקלט אין נאַציאָנאַלע קאָלירן און אין אַ וואַלד רויטע שטורעם־פענער, האָט די מאַסע, מיט געביילטע פויסטן, אויפן שטייגער פון די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער, באַגעגנט דעם סאָציאַליסטישן פּרעמיער, וועלכער האָט דער ערשטער גערופן צו נישט־אינטערווענץ אין שפּאַנישן בירגער־קריג, מיט אַ סקאַנדירטן זאַלפּ שטימען:

— אַוויאָנען פאַר שפּאַניע!

— קאַנאָנען פאַר שפּאַניע!

דער פּרעמיער, מיט דער אויסגעצויגענער, דינער נאָז, מיט די גרויע, נאָכ־הענגענדיקע וואָנסן, האָט זיך לייכט דורכגעשטופּט צו דער באַריער, פאַרריכט זיך די ברילן און געפּאַכעט אַפּאַטיש מיט דער בלייכער, אַנעמישער האַנט פון אַן אינטעלעקטואַל — מ׳זאָל זיך, הייסט עס, באַרואיקן, ער ווייס וואָס ער טוט...

עוואַ האָט זיך דערזען אינם יידישן צוג, הינטער די טראַנספּאַרענטן, געשריבן אין יידיש און פראַנצויזיש. זי האָט זיך דערפילט מאָדנע. צום ערשטן מאָל האָט זי באַטראַכט די יידישע שניידערס און די פּרעסערס פון בעלוויל. אויפן „פּלעצעל“ אין יענע יאָרן האָט זי געזען גאָר אַנדערע סאָרטן יידן. אָט די זענען מערסטנס יידן פון פּוילן, פון רומעניע, פון ליטע, מיט אַ לעבעדיק פייערל אין בליק, אויסלענדער, אָבער עקשנים, ווי זיינוועלע, ווי אהרן, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַריבערגעקומען פון „דאָרט“ און שפּאַנט שוין דאָ אזא זיכערער, פאָדערט און שרייט צוזאַמען מיט דער מאַסע.

ביים רחבותדיקן פּלאַס נאַסיאָן האָט זיך די מאַניפעסטאַציע אויפגעלייזט אַרום דער סטאַטוע פון דער שוועבנדיקער פרוי אויפן רייטוואָגן פון דער רעפּובליק, אַרום די פאָנטאַנען. די הויך־שפּרעכערס האָבן פונאַנדערגעטראָגן פון דער טריבונע די פייערלעכע רעדעס. אין אַלע עקן פּלאַץ, פון די אַרומיקע גאַסן, האָט נאָך געהילכט דאָס אָפּגעריסענע געזאַנג, ווען עוואַ און אהרן האָבן זיך דאָ צוגעזעצט ביי אַ קאַפע־טעראַסע. עוואַ האָט געדרייט אין אַלע זייטן די יידישע צייטונג, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן אין די רייען, און געבעטן ביי אהרנען ער זאָל איר פאַרלייענען די פּאָעמע וועגן שפּאַניע, זיין פּאָעמע. עפּעס האָט זי יאָ פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. ס׳האָט זיך געזונגען וועגן דער העלדישער באַטווין־קאָמפּאַניע און וועגן דעם, אז אומעטום, אין אַלע לענדער, אין אַלע דורות, גיסט זיך אונדזער בלוט פאַר א גערעכטער זאַך און פאַר דער פרייהייט פון אַלעמען. ער האָט געלייענט אָן פּאַטאָס, אָבער די ווערטער האָבן זי אָנגעצונדן. דער שוים פון ביר האָט געלאָזן דינע ראַנדן, ווי רעטושן, אַרום איר שיין־געצייכנט מויל, וואָס האָט פאַרלעגן געשמייכלט:

— כ׳פאַרשטיי נישט... אין דער געשיכטע פון די פעלקער זעען מיר, ווי יעדע נאַציע שלאָגט זיך פאַר איר לאַנד... ס׳קלינגט מאָדנע — מיר שלאָגן זיך אומעטום און מיר זענען אין ערגעץ נישט ביי זיך... איז עס אזוי? אָדער אפשר פאַרשטיי איך שלעכט, אָדער פיל איך נישט ווי איר אַלע...

ס׳איז געווען נישט נאַריש אַ פרעג געטון. די פאַרוויטלטקייט ביים מיידל איז אויפגעשטיגן פון קליינעם אויסשניט פון דעקאָלט, ביז צו די הייסע באַקן פון אַ מאַטן אָליוו. איר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אַוודאי אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט און האָט באַלד געוואָלט פאַריכטן, אָבער פאַרפּלאָנטערט זיך נאָכמער:

— מיינע יידישע חברטעס אין ליציי האָבן פון קיין שום יידישקייט נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן, פון אייער יידישקייט — אוודאי נישט... איך טראָג נאָך אין זיך אומדירעקט דעם שטעמפּל פון אייער מין יידישקייט, אָבער קינדער פון אַלטע יידיש־פראַנצויזישע פאַמיליעס באַטראַכטן זיך קודם־כל ווי פראַנצויזן. זיי זוכן נישט צו קאָמפּליצירן. אייער איבערגעגעבענע יידישקייט

וועקט ביי אונדז אן אומרו... די יידישע אויפשריפטן, למשל... נאָכוואָס ? האָסט געהערט ווי די אלטע קאָנסיערזש...

אָבער די פארלוירנקייט איז, זעט אויס, מער געווען ביי אהרנען. ער איז אַזוי ווי שטיינגעבליבן פאר אַן אָפּגרונט. ער האָט זיך דערמאָנט די ביטערע, הייסע דיסקוסיעס, דאָרט, מיט פייגעלען, מיט יאַנעקן. ער האָט שווערלעך געפונען די ווערטער :

— ס׳וועגדט זיך וואָס מיר רופן אָן — יידישקייט. מיר, אין פוילן, זענען נישט עפּעס אנדערש ווי יידן, נישט פאר אלעם, נישט נאָך אַלעם, נאָר פשוט — יידן, רעליגיעזע, אָדער נישט־רעליגיעזע. ביים פשוטן פראַנצויז איז עס אויך, מיין איך, איינפאַך, נאָר ביי אונדז... די טרויעריקע יידישע עמיגראַציעס... אָבער סיי ווי זענען זיי אומעטום יידן־קראַנק, צי מיר וואַרפן זיך יאָ אין די אויגן, אָדער נישט...

ס׳האָט אים אונטערגעהויבן. ער האָט באַצאָלט דעם קעלנער, לייכט אַ נעם געטון דאָס מיידל ביי דער טאַליע און זיי האָבן זיך געלאָזן צו דער מעטראָ. אָט די פאַריזער באַוועגלעכקייט איז לייכט געקומען צו אים. ער האָט לייכט, מיט זיין עמפּינדלעך אויער, געכאַפּט דעם קלאַנג פון דער שפּראַך, אָבער די צע־טראָגנקייט איז ביי אים פאַרבליבן. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָבן זיי זיך געפלאָנ־טערט צווישן די טומלדיקע קוואַרטאַלן, צווישן די אלטע געסעלעך פון בעל־וויל, פון פּיגאַל. אַלע קאַפייען זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט אַ יום־טובדיקן עולם. לאַמפּיאָנען זענען געווען פאַרצויגן אין דער מיט גאַס. אויף די טראָטואַרן זענען געווען צעשטעלט טישלעך. אויף די קליינע עסטראַדעס האָט געשפּילט האַרמאָניקע־מוזיק. מ׳האָט זיך געקושט, מ׳האָט געהאַלטן אין איין טאַנצן. אין טומלדיקן יום־טוב האָט אהרן זיך פאַרלוירן. די אייביקע נאָגעניש האָט נישט אָפּגעלאָזן; זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזן אפילו, ווען עוואַ האָט אים פאַרנאַכט אָוועקגעפירט צו די אַלטע קוואַרטאַלן אַרום די סען־בריקן, ווו זי האָט אים צו־געזאָגט צו ווייזן דעם געמיש פון אַלטערטימלעכן און נייעם פאַריז.

פלאַץ שאַטלע זענען זיי אויסגעשטיגן, דורכגעשטופּט זיך דעם שטראָמענ־דיקן עולם פאַרביי די אילומינירטע קאַפייען, פאַרביי דעם אויסגעלאָשענעם סאַראַ־בערנאַרד־טעאַטער. זיי זענען געווען כמעט פון זעלביקן וווקס, שלאַנק. מיט זיין ווילד שויבערל, האָט ער אויסגעזען ווי איינער פון די פאַריזער יונגע־לייט, וואָס קעמען זיך ס׳זאָל אויסזען נישט־פאַרקעמט.

אַן אַלטער בראָנז איז דאָ געלעגן, אין דעמער פון די פאַרנאַכטיקע גאַסן, אַרום די בריקן פון דער סען, ווי אויף די בילדער פון די רענעסאַנס־מייסטער אין „לוווער״, ווי אויף די אַלטע גראַווורן פון דאָמיע. ער איז מקנא געווען אָט די דורותדיקע באַשטענדיקייט פון אַ פאָלק, פון א קולטור. די גרויע טויבן, וואָס נעסטיקן אין די נישעס פון די אַלטע געביידעס און קאַטעדראַלעס, האָבן זיך אין אַ כמאַרע אַראָפּגעלאָזן צום וואַסער־בעקן, ביים פאָנטאַן, אין דער מיט פּלאַץ. ביי די זונטיק־מאָלער, וואָס האָבן צעשטעלט זייערע בילדער אַרום די „בוקי־ניסטן״־ביידלעך, לענגאויס דער סען, האָט דאָמינירט דער בלויער טאָן. דער לאַנגזאַמער פאַרבייגייער, וואָס זוכט אַביסל שאָטן אין מיטן העלן טאָג, אונטער די צעצווייגטע פּלאַטאַנען, שטעלט געווינלעך אָפּ זיין בליק אויף די לייוונטן.

אַן אַקט פון אַ העל־ראָזער פרוי אויף אַ בלויען הינטערגרונט; די געסעלעך פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, דער פּאַנטעאָן, איבער דעכער און דעכלעך, אויף אַן אַקוואַרעל, שטרייכן אונטער דעם זומערדיקן בלוי איבער די טורעמלעך. דער געמיטלעכער פּאַריזער פון מיטל־קלאַס, וואָס פּאַרמאָגט אַביסל אַספּיראַציע, האָט אין דער יוגנט אַוודאי אַמאָל אונטערגעזינדיקט מיט פּאָעמען, אַביסל געמאָלן, נעמט זונטיק צונויף זיין קליינע משפחה און לאָזט זיך אַוועק צו די בריקן פון דער סען. מ׳קען זיי באַמערקן אין די מיטאָג־שעהן אין די זייטיקע רעסטאָראַנען ארום סען־מישעל און „לוווּר“. ס׳מיידעלע פון דרייצן יאָר — מ׳האָט נישט לאַנג געפּראַוועט איר „קאָמיניאָן“ — טראָגט ווייסע הענטשקעס, אַ פוטער־קעלנערל פון פיי און א פלאַכן שטרוי־הוט „אַ־לאַ־גריזעט“ פון שיינעם 19־טן יאָרהונדערט. די פרוי טראָגט ברילן און דער מאַן איז אין שוואַרצן. זיי און די טויבן, וואָס לאָזן זיך ארונטער פון די גזימסן און דענקמעלער, באַלעבן די אַלטע פלעצער.

— דאָס אַלץ איז — געשיכטע... — האָט אים עוואַ אויפגעוועקט פון פאַרטראַכטקייט, ווען זיי זענען אַריבער די בריק, צום סיטע־אינזל, צווישן די זשאַווערנדיקע געביידעס פון דער „קאָנסיערזשערי“, פון יוסטיץ־פּאַלאַץ — כ׳ווייס נישט צי דו פילסט, וואָס איך פיל...

— כ׳פאַרשטיי, נאָר פילן פיל איך מיין דזשיקע גאַס... — האָט אהרן געלאַכט פרעמד און, ווי איר האָט זיך געדוכט, מיט ווייטיק — דאָרט איז מיר יעדער שטיין היימיש און דאָ בין איך ווי אַראָפּגעפאלן אין דער מיט פון אַ שטיק מיטלאלטערלעכער איבערבלייבעניש, אָדער אין דער ראַם פון באַלזאַק׳ס ראָמאַנען. באַלד וועלן ווייך פאַלן אויפן ברוק די רעדער פון אַ פאַיעטאָן, ווו ס׳זיצט איינע פון זיינע אַריסטאָקראַטישע דאַמען... דער מאַרקיז וואַרט אויף איר אין בולאָנער וועלדל... כ׳בין ווייט דערפון, פאַרשטייסט ? כ׳בין זיי מקנא...

ביי אַ נידעריקער טיר מיט רויטע נעאָן־פייערן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. דאָס פינטלענדיקע ליכט האָט אָנהייב אָוונט מיד געמאַכט די אויגן. ס׳איז געווען אַראָפּצוגיין עטלעכע שטיגן. פון הינטערן פאָרהאַנג האָט אַ שלאָג־געטון מיט הייסער, פאַרפומירטער דעמפּיקייט. די אויגן האָבן זיך שלעכט צוגעוווינט צום בלוילעך־רויטן ליכט. אַ קנויל פון פאָרלעך איז אין פאַרחלשטן עקסטאַז אַרומגעשווומען אין אַ פייערלעכן טאַנגאָ. דריי לאַנגע נעגערס זענען געזעסן אויף אַ קליינער עסטראַדע און פאַרוויגט דעם זאַל אין אַ שפּאַנישן טאַנגאָ. ביי דער דאַמע מיט די קרומע ברעמען־בויגנס, מיטן פּאַפּיראָסל, אויפן הויכן בענקל הינטער דער באַריער, האָט עוואַ איבערגעלאָזן דאָס בערעטל, דעם לייכטן רעגנמאַנטל און איז אַ טרעט געטון פון טרעפּל. אהרן האָט גאָרנישט באַמערקט פון וואַנען ס׳איז אומגעריכט אויסגעוואַקסן לעבן זיי דער יונגערמאַן מיט דער קרענקלעכער בלאַסקייט, מיטן נערוועאישן צוק ביים לינקן אויג און ביים מוילווינקל. ער האָט מיט פאַרדאַכט ארויסגענומען די ווייסע רויז פון זיין לאַץ און זי אַליין אָנגעשטעקט ביי עוואַן אין די געדיכטע האָר־קרויזן.

— כ׳בין פונדעסטוועגן זייער גליקלעך דיך צו זען... ראַשעל האָט מיך זייער באַאומרואיקט מיט די נייעס וועגן דיר...

עווא האָט קיל געשמייכלט. אהרן האָט געדריקט זיין פייכטלעכע האַנט, ווען עווא האָט אים פאַרגעשטעלט. ער האָט דערפילט עפּעס שלעכטס אין זיין בליק, אהרן. אין זייטיקן סאַלאָן, הינטער די אַרקאַדן, האָבן זיי געטרונקען קילן שוואַרצן ביר פון גרויסע שטראַסבורגער קופּליעס. געשייערטע קופּערנע ראַנדלעס, פאַר־נען זענען ארונטערגעהאַנגען פון נידעריקן סופיט. זיי האָבן אהרנען דערמאָנט אין די קופּערנע ראַנדלעס פון דער היים, אין וועלכע די מאַמע האָט געפּלעגט צו קאָכן פיש.

דער יונגערמאַן האָט באַשטעלט און עווא האָט געטרונקען. די פאַרבן פון די געטראַנקען האָבן זיך געטוישט אין די גלעזלעך, דאָ גרין, דאָ שאַרלאַך־רויט, דאָ פיאָלעטער ראָז און אויך אין אירע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן פאַרבן. אהרן האָט קוים דערטרונקען דעם שוואַרצן ביר. ער האָט זיך דערפילט איבעריק און האָט גערן איינגעשטימט, ווען עווא האָט אים איבערגעבעטן, איז אוועק מיטן יונגג־מאַן און באַלד אויסגעמישט זיך מיט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. ס׳איז שווער געווען זיי צו דערכאַפּן מיטן אויג, אין דער ענגעניש, אונטער די לאַמפּיאָנען, אין דער פאַרטויבנדיקער דזשאַז־מוזיק. אַלץ איז אַוועקגעשווומען פאַר זיין בליק.

ווען עווא איז באַלד דערנאָך צוגעפאַלן צום טישל, האָט זיך אהרן האַסטיק אויפגעשטעלט, נישט איבערפרעגנדיק אפילו, אוועקגעפירט זי צום פּאָדער־זאַל, אָן רייד ארויפגעוואָרפן איר דעם לייכטן רעגן־מאַנטל אויף די אַקסלען און דורכ־געשטופּט זיך נאָך איר דעם נידעריקן ארויסגאַנג. דער אָוונט ארום די בריקן פון דער סען איז שוין געווען צוגעפאַלן. זי האָט זיך געלאָזן מיד פירן. איין איינציק מאָל האָט זי זיך אומגעדרייט און געזען, ווי דער קרענקלעך־בלייכער יונגערמאַן דאָרט שטייט און קוקט זיי לאַנג נאָך.

## קאַפּיטל פיר

„כ׳קום צופאָרן, אהרן. זאָלסט מיך אָפּוואַרטן, הערסט ? אַ סך קושן. סטערקע".

ער האָט געדרייט דאָס בריוול אין אַלע זייטן און האָט באַלד אין דער ערש־טער מינוט נישט געוווסט, צי זאָל ער זיך טאַקע אַזוי שטאַרק פרייען. נאָכוואָס האָט זי זיך פּלוצים דערמאָנט ? ס׳איז געווען שוין האַלב־פאַרגעסן. זי האָט גע־ווּסט אַלץ וועגן פייגעלען און בכלל... ס׳איז אָבער פאַרבליבן אַ מאָדנע פאַמיל־יאַרישקייט צווישן זיי.

די פאַרנאַכטיקע וועלט איז נאָך אַלץ געווען אַזוי שיין, ווי אַמאָל, אויף דער דזשיקע גאַס, אין געגיי, אין ראָזן אָוונט־שיין, ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מאָרגן קומט זי, די רעוואָלוציע. ער איז געשווומען צוזאַמען מיטן פאַרנאַכטיקן שטראָם איבערן פאַרפאַקטן טראָטואַר. דאָ באַלד, אויפן ראָג, האָט ער זיך פאַרהאַלטן

ביי אַ בלומען־געשעפט, אַ ווײַלע נאָכגעקלערט, איז אַריין מיט נישט־דרייסטע טריט און געקויפט צוויי רויטע רויזן. ער האָט זיי געוואָרפן פון איין האַנט אין דער אַנדערער און נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטון מיט זיי. די פאַרבייגייער, האָט זיך אים געדוכט, קוקן אים נאָך, שמייכלען.

אין דער פאַריזער פאַרנאַכטיקער שעה זענען אַלע פרויען געווען שיין. אין די אויגן ביי זיי איז געזעסן אַ פיאַלעטער אָפּשײַן. מ'האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער קומט — צי פונם ראַזיק־פיאַלעטן שטיקל הימל צווישן די אָפּגעהאַקטע דע־כער, אָדער פון די נעאָן־ליכטער, וואָס צינדן זיך פרי אָן צו דער גאַס. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין ארויסשיטן פון די מאַגאַזינען, פון די ביוראָען, אונטערגע־טענצלט און אוועקגעגליטשט זיך צו די אַנלויפנדיקע אויטאָבוסן, צו די אונטער־ערדישע, פאַרפּראָפּטע מעטראָ־איינגענג. אין זייער פלינקן באַוועגן זיך איז גע־ווען די עלאַסטישקייט פון אַ שיינער, געשטרייפּטער חיה אין אַ שטייג, און די צופרידנקייט צו דערפילן זיך פריי, אינגאַנצן פריי.

נאָכלויפנדיק, האָט ער פלינק דערכאַפּט דעם אויטאָבוס, וואָס פירט אַרויף צום „גאַר די נאָר", צום צפון־וואָקזאַל, און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך אַלץ גע־פּלאָנטערט — פרויד; אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן הונגעריקן סעקסועלן געשריי פון דער גרויס־שטאָט, האָט זיך אים אין דער שעה אויסגעוויזן פאַר ריכטיק. אַלעמאָל, פאַרנאַכט, האָט ער דערפילט אָט דעם אומרו. די פּרעסטל־דיקע פאַריזער גאַס האָט זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם ניי־יאָר. אויף די פלע־צער, אויף די בולוואַרן זענען אויפגעשלאָגן געוואָרן אַטראַקציע־ביידלעך. אַ פריילעכער רעש פון קאַרוזעליע־מוזיק, פאַרבן־שווינדל. די קליינע עלעקטרי־שע אויטאָס, באַזעצט פון יונג און אַלט, האָבן זיך אָנגעשטויסן, פונאַנדערגע־פאָרן זיך, אין לאַכנדיקן געפילדער. דאָרט, ווו מען געווינט אַ פלאַש ווייסן ווײַןביים פאַרוואַרפן פינף רינגען אויף אַ שטעקעלע, איז געשטאַנען אַ קליי־נער, צעהיצטער מאַטראָס און איינגעצאָלט שוין צום פערטן מאָל. דאָס שמאָלע, אָנגעפאַרבטע מיידל אויף יענער זייט באַריער, איז געווען ברוין־און־בלוי פון קעלט, אָבער זי האָט געלאַכט מיט אָפּגעדעקטע ציינער. זי האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער. זי האָט אים שוין פיר מאָל אָנגעצויגן, דעם קליינעם מאַטראָס; נישט אַזוי לייכט געווינט מען ביי איר...

צו דער מאַמען איז אַביסל נישט אָנגענעם געווען צו ברענגען סטערקען. ער האָט קיינמאָל אין דער היים וועגן מיידל קיין וואָרט נישט געלאָזן פאַלן. ווי דער מאַמעס זייטיקער בליק וואָלט אָבער אַרויסגעפילט — זיין שווייגן ביים טיש, זיין נישט קענען זיך נעמען צו עפּעס אַ תכלית. רעדן האָט באַכמער ווי געטון, ווי שווייגן. ברענגען צופירן סטערקען אין זיין עלנטן בעלווילער האָטעל... די ווענט וועלן איר ארויסטרייבן פון דאָרט; און ער האָט דאָך געהאַט אַ פאַרלאַנג אַ קליין ביסעלע איר געפעלן צו ווערן, זי זאָל כאָטש איין מאָל אַ זאָג טון: „ביסט פאָרט אַן אויסטויגער"... וואָס פאַרא אויסטויגער איז ער ? דרייט זיך אַרום מיט א צעריסענער נשמה און פארנעמט זיך מיט צוזאַמענשטעלן ווער־טער. ווער באַדאַרף זיי דאָ, זיינע ווערטער, אין דער שפּראַך פון די פּוילישע יידן ? ער זינגט וועגן א העלדישער יוגנט, וואָס קעמפט אין די טאָלן פון דער עברע, אָבער עס גייט דאָרט אַלץ ערגער און דערמיט ווערט אויך די היים אָפּ־

גערוקט, די אויסגעחלומטע היים ערגעצווו.

אין ווינט פון די אַנקומענדיקע צוגן, האָט ער זיך פארלוירן; און ווען סטערקע איז ארויפגעפאלן אויף אים, געקושט אים מיט הייסע ליפּן, האָט ער זיך דערפילט מיטאָמאָל פאַראַנטוואָרטלעך, ער ווייס אליין נישט פאַרוואָס. איר איז דאָ אַלץ גלייך געפעלן — דער טומל, די מעטראָ, די נעאָן־ליכטער ארום די קאַפייען. זי איז געווען אין אַ שווערן, ווינטערדיקן מאַנטל, מיט קליאַשן, מיט אַ ווייס פוטערן קעלנערל, אין אַ בערעט. ווי זי וואָלט פארשטאַנען נישט ארייַנצו־פאַלן קיין פרעמדע אויף די גאַסן פון פאַריז. אירע געזונטע ציינדלעך האָבן גע־לאַכט צוזאַמען מיטן חנוודיקן שיקלדיקן אויג.

— כ׳וויל שוין אַנקוקן — איז זי געווען אומגעדולדיק — דעם פּאַלאַץ, וואָס האָסט דאָ אַנגעגרייט פאַר מיר...

און זי איז די ערשטע ארייַנגעשפּרונגען אין דער טאַקסי. ער האָט נאָך גע־האָלפן דעם שאָפער אייַנצואָרדענען די וואַליזע און זיי האָבן געדרירט דורך די פאַרפאַקטע צופאַר־גאַסן אַרום וואָקזאַל.

— מיין „פּאַלאַץ" וועט דיר נישט געפעלן ווערן... — האָט ער זי גלייך אויפן אָרט פאַרזיכערט און איז געווען צעטראָגן.

— איך לאַך, נאַרעלע... אַ בעט אויסצורוען זיך האָסטו ? כ׳פאַל פון די פיס...

— און זי האָט זיך אייַנגאַנצן אַנגעוואָרפן אויף אים.

ער האָט סטערקען געפירט צום צימערל אויפן פערטן שטאָק, איבער דער שמאָלער שטיג, דורכן פינצטערן קאָרידאָר. ס׳איז אים פאַרגאַנגען אַ האַרבע נאָ־גענישן פונם ביליקן ווונק, וואָס די דיקלעכע האָטעל־באַלעבאָסטע האָט אים אונטן צוגעוואָרפן. אין קעגנאיבערדיקן שפּיגל, דורכן קליינעם שייבל אין דער קאַפּע, האָט זי אים באַמערקט אַרויפגיין. זי איז געזעסן הינטערן קאַנטואַר, אויפן הויכן בענקל. אַלץ באַמערקן זיי! ער האָט זיך געפּאַרעט ביי דער נאַפט־מאַשינקע, אויפצוקאָכן אַ גלאָז טיי. סטערקע איז שוין געלעגן אונטערן באַרג האָטעל־קאָלדרעס. זי האָט געדרעמלט, איז געווען פאַרטראָגן. ער איז אַראָפּגע־לאָפן אין געוועלבל עפּעס אַרויפכאַפּן און ווען ער איז באַלד דערנאָך ארויפגע־קומען, איז זי מער נישט געשלאָפן. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צו־גלויבן, אז זי איז טאַקע אין פאַריז. אירע האָר זענען געווען פאַנדערגעוואָרפן איבערן קישן. זי האָט אַרויפגעדרייט דאָס ליכט און אַ כאַפּ געטון עפּעס אַ ביכל פון טיש.

— אַזוי־אַ לעבסטו ?... — האָט זי מער געבלעטערט, ווי געלייענט — אַבי כ׳האָב געמיינט... אָבער פאַריז געפעלט מיר...

די נארישע, אייַנגעשפּאַרטע קאַרוזעליע־מוזיק אויפן בולוואַר אונטן האָט נישט געלאָזן איינשלאָפן. ווי אַ זשומענדיקע בין, האָט זיך געדרייט אין די אוי־ערן עפּעס אַן אַלטער ווינער וואַלצער. פון דער פּאַרעריי, זענען גרינע און געלע ליכט־פאַסן געלאָפן הין און צוריק אויפן נידעריקן, שוואַרצן סופיט. דורך אַלע שפּארעס האָט געצויגן אַ פייכטע קעלט.

— אין וואַרשע ווערט אומעטיק... — האָט זי דערציילט, ווי צום פאַרענט־פערן זיך — אַלע פאָרן אַוועק, אַלע קלייבן זיך אַוועקצופאָרן... די תפיסות זע־בען פול, כאָטש די פּאַרטיי איז אויפגעלייזט. ווי מיינסטו, מען וועט מיך אָננע־

מען צו פאָרן קיין שפּאַניע? כ׳וויל ווערן אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל. כ׳האָב דערהאַלטן פאָטאָס פון דער קליינער רעגינקען, ווייסט, פון דראמ.־קרייז, שטייט זי אַרומגענומען מיט צוויי שפּאַניער אין אַ גאָרטן פון פּאַלמען... זי האָט זיי געראַטעוועט, שרייבט זי...

— צוליב דעם ביסטו געקומען קיין פּאַריז... אַזוי שפּעט... ווען אַלץ איז שוין דאָרט כמעט פאַרענדיקט, טרויעריק־פאַרענדיקט?...

— אַוודאי און — צוליב דיר אויך... מיינסט ס׳האָט מיך דעמאָלט נישט פאַרדראָסן, ווען האָסט זיך אַזוי קאַלט אָפּגעזעגנט... ווען דו שטייסט כאָטש צו: קום, סטערקעלע... האָסטו זיך אויפגעהויבן און ביסט אַנטלאָפן... זעסט דאָ כאָטש אַמאָל פייגעלען... דיין אַמאָליקע סימפּאַטיע... שאַ, האָסט שוין געהערט, יאַנעק, זאָגט מען איז שוין צוריק אין וואַרשע...

— כ׳זע דאָ קיינעם נישט. ס׳טרייבט מיך פון אומעטום. ס׳האָט מיך פון וואַרשע אויך אַרויסגעטריבן... מען ווייסט דען וווהין מען לויפט?...

אויפן גרויסן, יערלעכן ניי־יאָר־באַל פון דער „קולטור־ליגע״, אין די זאַלן אויף פאָרט דע ווערסאַיל, האָט זיך סטערקע לאַנג געקליבן. זי האָט זיך איינגעשאַפט אן אָפּגעפּאַסט קלייד, לעטשלעך מיט הויכע אַבצאַסן. זי האָט זיך דערפילט זייער פייערלעך. אַ ים מיט באַקאַנטע פּנימער האָט מען באַגעגנט אין די יום־טובדיק־דעקאָרירטע זאַלן. די שפּאַנישע מיליציאַנערן, וואָס זענען געקומען אויף אורלויב, האָבן מיטגעברענגט מיט זיך דעם ריח פון די טראַנשייען. זיי האָבן נישט געצוויפלט אין ענדגילטיקן זיג, כאָטש די נייעס פון די דורכגעריסענע פראָנטן זענען נישט געווען אַזעלכע גוטע. זיי האָבן זיך געקליבן אין קלענערן זאַל, אונטער די טראַנספּאַרענטן מיט די לאָזונגען פאַר אַ דעמאָקראַטישער, זיגרייכער שפּאַנישער רעפּובליק; זיי האָבן געזונגען די אומעטיקע לידער פון קאַסטיליע און אַנדאַלוזיע. אין אַנדערן זאַל האָט זיך דער בעלווילער עולם מיטגעדרייט אין טאַנגאָ. דער באַרימטער אָרקעסטער פון די ברידער לאָרען האָט אויפגעהייטערט די געמיטער. ס׳איז לאַנסירט געוואָרן אַ נייער פאָקסטראָט, אַ מין טאַנץ, ווו מ׳איז געשטאַנען אויף איין אָרט און בלויז באַוועגט זיך צום ריטם. דער ראָזער טומאַן אונטער די לעמפּ אין זאַל און דאָס ליידנשאַפטלעכע נאָכקוויטשיקל פון די דזשאַז־פייפלעך האָט פאַרנעפּלט דעם מוח, פאַרטויבט דאָס אומעטיקע און אַזוווי אַלט־יידישע געזאַנג פון די מיליציאַנערן אין אַנדערן זאַל. די פאַרבן האָבן געשלאָגן אין די באַקן אַריין. צוויי מאָל האָט זי אהרן פאַרלוירן, סטערקען. זי איז שוין געווען אַרומגערינגלט פון עטלעכע יונגעלייט מיט הויכע, אויסגעבעטע אַקסלען און גלאַטע שרונטן. ער האָט נישט געטאַנצט, אהרן. אין יענע קרייזן איז געווען אַ פאַראורטייל בנוגע טאַנצן, אַן אויסדרוק פון לייכטקייט; און ווען האָבן אים דען אַזעלכע נאַרישקייטן געקענט ליגן אין זינען? ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין די אָפענע טירן, ווו ס׳האָט געצויגן אַ שאַרפער צוג־ווינט.

און דאָך האָט ער געטאַנצט אין דעם אָוונט. ער האָט זיך אומגערן פאַרפלאָנטערט, דער ריטם האָט אים פאַרוויגט. ער האָט מער נישט געזען קיין פּנימער, נאָר קליינע, פינטלענדיקע, ליכטיקע פלעקן. זיי האָבן זיך, ווי אָפּגעמעקטע לבנות, געדרייט אַרום אים, הינטער אים, פאַר אים. ער האָט געטאַנצט מיט

האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן, אָן עקסטאַז, נאָר דער זיסער, ווינטלדיקער גערויש פון די אינסטרומענטן, אַריבערן טויבן געליאַרעם, האָט אים פאַרשיכורט. און ווען דער רויש פון די אינסטרומענטן האָט זיך זייער פּלוצים אָפּגעהאַקט, איז ער שטיינגעבליבן, נישט געדענקט אַפילו מער מיט וועמען ער האָט געטאַנצט. ער האָט זיך מיטאַמאָל שאַרף דערמאָנט — סטערקע... ווו איז זי?...

אין קרייז פון די שפּאַנישע מיליציאַנערן האָט מען געברענגט נאָך פלע־שער און אין גאַנצן שיכורלעכן רויש, איז קענטיק געווען אַ צערודערונג אויף ביי זיי. עס זענען געווען צווישן זיי העלדן, באַהאַנגענע מיט מעדאַלן, ביי איינ־קע האָבן זיך נאָכגעשאָקלט לײדיקע אַרבל, זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט אַרומ־געוואַלגערט אין די שפּיטעלער. זיי האָבן שוין געטראָגן אין די ביינער דעם ווינט פון הפקר, נאָך אײדער גאַנץ אייראָפּע איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין מלחמה־אומגליק. ס׳איז געווען פאַרטאָג. דער עולם אין זאַל איז שיטערער גע־געוואָרן. די טישלעך, די שטולן זענען געווען פונאַנדערגערוקט. זיי האָבן נאָך דאָרט געזונגען דאָס אומעטיקע און פייערלעכע קאַמפּס־ליד:

> אויף די קאַנאָנען וועלן מיר זיך באַגעגענען,
> הינטער די קאַנאָנען וועלן מיר זיך געזעגענען...

ווען אין זאַל אַריין האָט אַנגעווייעט אַ קאַלטער ווינט פון די אָפן־געלאָזענע טירן. אין באַגינען פון 1־טן יאַנואַר 1939 האָט די פּאַריזער בולוואַרן און דע־כער צוגעדעקט אַ דינער, טרוקענער שניי. ס׳איז געווען אַ בלוילעכער דרויסן. דער דורכזיכטיקער רוים איז אַזויוי איינגעשרומפּן. פון אַלע זייטן פינצטער־לעכן פלאַץ האָבן זיך געטראָגן פאַרשיכורטע קוויטשן, הילכיקע לאַכרייען פון די פרויען אין די צו־לאַנגע באַל־קליידער. אין דער אַנגעפּראָפּטער מעטראָ האָבן זיי זיך לאַנג געטרייסלט, ביז צום בעלוויל. סטערקע איז כמעט געשלאָפן אויף אהרנס אַקסל.

ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז פּאַריז האָט איר אַביסעלע מיד געמאַכט. זי איז שוין מער נישט אַרומגעלאָפן, ווי אין די ערשטע טעג. זי האָט געשריבן אַ סך בריוו, אויספּאַריכט אים די עטלעכע העמדער, די שקאַרפּעטן, געמאַטערט זיך אויפן נאָפט־מאַשינקעלע אָפּצוקאָכן אַביסל עסן און האָט אים אַפילו מיט אומגעדולד אָפּגעוואָרט פאַרנאַכט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון פרעסן אין די יידישע אַטעליעס אויפן בעלוויל. ס׳איז געווען דער אָפּשיין פון אַ רואיק לעבן, אָן אָרעם לעבן, אָבער אַ רואיק לעבן. אומבאַמערקט איז דאָס פינצטערע האָטעל־שטיבל דורך איר מיידלשן פלייס שענער געוואָרן; אַרומגערוימט, צוגעפּוצט, אויסגעקערט, אַרויפגעוואָרפן אַ פאַרביק שטיקל טיכל אויפן לעמפּל אונטערן סופיט. דאָס צימערל האָט זיך אָוונט־צייט אָנגעגאָסן מיט אַ דיסקרעטער שיין. די עטלעכע צעשאָטענע ביכלעך זענען געלעגן אויף זייער אָרט. אַמאָל האָבן זיי זיך גאָר אַראָפּגעכאַפּט אין קליינעם קוואַרטאַל־סינעמאַ אויפן ראָג, וווהין די פּראָווינציאַלן קומען זיך הײמיש צונויף אין די שטעק־לאַטשן; אַמאָל האָבן זיי גע־לייענט ביז שפּעטלעך, ביים שיין פון אָן אַבאַזשור. וואָלט עס שוין כאָטש אַזוי געבליבן; האָט ער אָבער געפילט, אַז דאָס אַלץ איז נאָר אויף דערווייל, אַז אַ ליאַדע טאָג קען אַלץ צערונען ווערן; דאָס האָטעל־צימערל וועט ווידער בלייבן עלנט, אַלץ וועט זיך צעפליען, ווי פון אַ פאַרלאָזענער נעסט.

זי האָט זיך געקליבן צו גיין אַרבעטן, אַרומגעלאָפן צו אַלע וואַרשעווער באַ־קאַנטע. ביי די שטריקערס איז דווקא געווען אַ סך אַרבעט אין דעם סעזאָן. מ׳האָט געריסן פון הינטער די הענט. עס זענען שוין געווען גרויסע באַשטע־לונגען פאַר דער אַרמיי. און אַז זי האָט געאַרבעט, האָט מען שוין געגעסן ער־געצווו אין גאַס, אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קלוב. נאָך דער אַרבעט האָט מען זיך באַשטעלט ערגעץ צו טרעפן, ביי אַ מעטראָ, מ׳איז געגאַנגען אויף אַ פאַר־זאַמלונג, אויף אַ זיצונג. שפּעט אין אָוונט האָבן זיי זיך, אַביסל אומעטיק, דער־מאָנט, אַז מען דאַרף זיך אומקערן צום איינזאַמען האָטעל־שטיבל. אַלץ איז דאָרט ווידער געווען אַנגעוואָרפן, פרעמד. ס׳האָט אַרויסגעטריבן. „ביסט נישט קיין אַרבעטער... — האָט זי אים צוגעוואָרפן — אַזוי לאַנג ווי דו ביסט אין פּאַריז"...

ער האָט זיך איינמאָל אַנגענומען מיט מוט און איז אַרויפגעקומען מיט סטערקען צו דער מאַמען אין די דריי גאָרן־שטיבלעך. ס׳איז געווען פרייטיק־צו־נאַכטס. שוין לאַנג, אַז ער האָט זיך נישט אַרויפגעוויזן. ס׳האָט אַ שלאָג־געטון מיט לאַנג־פאַרגעסענער היימישקייט, אַז ביי סטערקען זענען אומגע־ריכט פייכט געוואָרן די אויגן. זי האָט דערזען אויפן קלאָר־איבערגעדעקטן טישטוך די מעשענע לייכטערלעך. אין די בלוי־פאַרהויכטע שויבן, צום פּראָס־טיקן דרויסן, האָבן זיך געשפּיגלט די ליכט־פלעמלעך. אַזאַ ליבע, זינגענדיקע רו ווי ס׳איז געשטאַנען אונטערן באַלקן. די מאַמע, אַ שטאַרק־געעלטערטע, אין אַ ווייסער בלוזקע לכבוד שבת, האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען און זיך צעקושט מיט סטערקען. זי האָט איר גערופן „טאָכטער מיינע", אויסגעטון איר דעם מאַנטל, אַוועקגעזעצט איר ביים טיש אויפן בכבודיקסטן אָרט און נישט געוווסט וואָס פריער צו טון פאַר די ליבע געסט. זי האָט אהרנען גאָרנישט איבערגעפרעגט.

דער אַלטער איז אַרויפגעקומען שפּעטלעך. ער איז נאָך געווען אַ וואָכעדי־קער. ער האָט אונטן, אין דער רעזורע ביים אידעם, צוגעגלעט אַביסל דאָס בערדל. זיינע באַקן זענען געווען בלוילעך. פון אַלטנס זייטיקע רייד איז קענטיק געווען, אַז אויך ער איז שטאַרק צופרידן. ביי די פיש און ביי דער הונ־יויך, האָט זי געקלאָגט, די אַלטע, אַז מען קען זיך אַליין נישט צערייסן אין געוועלבל, אַז לייזעכץ, קיין עין הרע, פעלט נישט, נאָר די כוחות גייען אים אויס, דעם אַלטן. ער מאַטערט זיך אַליין מיטן וועגעלע גרינסן צווישן דער פאַרעריי און זי ציטערט מ׳זאָל אים, חלילה, נישט איבערפאָרן. די קינדער, זאָלן געזונט זיין, גייען זיך יעדער זיין וועג. וועגן זיינוועלע עקשן איז אָפּגערעדט; ער העלפט מיט וואָס ער קען נאָר, אָבער ער האָט אַליין אַ משפּחה, כאָטש אַ פרעמדלעכע משפּחה... בראָנטשען איז מער נישט צו דערקענען. אַזאַ איבער־געגעבן קינד ווי זי איז געווען, קומט זי זעלטן אַרויף. זי איז געוואָרן אַ גאַנצע מאַדאַם ביי אים, ביים געלן „קואָפער", סטראָיעט זיך אין די שענסטע שטעטער. וועגן צירלען, אין וואַרשע, האָט זי נאָר געקרעכצט. מילא, זי מאַטערט זיך דאָרט געננג מיטן מאַן און מיט די קינדערלעך. אַלע גייען אַוועק. פון די איניקלעך איז אָפּגערעדט. אַז זיי זענען קליין געווען, זענען זיי נאָך אַמאָל אַרויפגעקומען אָנ־פרייען זיך.

ביי אהרנען האָט דער אַלטער געוואָלט געוויר ווערן, ווי עס האַלט מיט דער מלחמה. די מעשה מיט מינכען האָט אים גאָרנישט אָנגעהויבן געפעלן: „וואָס הייסט — האָט ער געטענהט — מען גיט אים אַלץ נאָך, דעם באַנדיט, דעם „ראַזבאָיניק״?... איז שוין ענגלאַנד אַזוי שוואַך?... און די וועלט ווו איז?...״ — האָט ער געוואָלט וויסן.

אפנים, ער האָט גוט פאַראויסגעפילט, אַז ס׳איז טאַקע עק וועלט. ער איז איינ־געגאַנגען פון טאָג צו טאָג. דער ביינערדיקער קין האָט זיך שאַרף ארויסגע־שניטן פון דער בלוילעכער הויט. ווען נישט די אלטע, וואָס האָט אים נאָך דערהאַלטן ביים לעבן.

— אָבי מ׳האָט געזאָגט — פּאַריז!... — האָט ער געקרעכצט — ס׳איז דאָ אַן ערב־רב, קינדער, אַ בבל־טורעם, ווו אַלע לשונות האָבן זיך צוזאַמענ־געמישט... מען הערט זיך דאָ אויף צו פאַרשטיין...

— כ׳האָב אויך אמאָל געהאַט אַ היים... — האָט זי באַנג גערעדט, סטער־קע, אַראָפּקומענדיק פון גאָרן־שטיבל.

זיי האָבן זיך שפּעט איין אָוונט געפירט איבער די פרעמדע גאַסן און גע־חלומט וועגן אַן אייגענער היים; וועגן אַ היים און אפילו וועגן אַ קינד. אהרן איז נאָך אַלץ ארומגעגאַנגען מיט דער ליבער, זיסער, נייגעריקייט, ווען זי האָט אים אנומלטן צעשטרייט אַ זאָג געטון, אַז ס׳דאַכט זיך איר, אַז זי שוואַנ־גערט. זי האָט געוויינט און ער האָט זי איינגענומען ווי אַ קינד. ער האָט זי איינגערעדט — ער וויל אַ קינד. ס׳האָט שוין געלעבט אין אים די נייגערי־קייט נאָכצופאָרשן עס, ווי אַ קליין חיהלע, ווען ס׳הייבט אָן צו באַטראַכטן אַלץ אַרום זיך. אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ס׳איז גאָרנישט געווען, און אפשר — אים איבערצושרעקן. אַ דירהלע האָבן זיי זיך ווי־נישט־איז איינגעשאַפט, אַ קליי־נע דירה פון אַ צימער מיט אַ קיכל. אהרן האָט עס אויסגעקלעפּט מיט טאַפּעטן, איינגעשאַפן זיך אַ טיש, אַ פּאָר שטולן, אַ שענקל אריינצוהענגען אַ מלבוש. עט־לעכע וואָכן איז סטערקע געווען פלייסיק־פאַרפאַרעט. דערנאָך איז איר ווידער אַלץ פאַרמיאוסט געוואָרן. זי האָט געשוויגן. אַז מען רעדט, דעררעדט מען זיך אפשר אמאָל צו עפּעס. אומעטיק איז געווען אין די זונטיקן. מ׳איז נישט געגאַנגען אין ערגעץ. מאָנטיק אין דער פרי האָט זי זיך שטום אויפגעהויבן צו דער אר־בעט, ער — צו זיין אַרבעט. ווען ער איז שפּעט אַריינגעפאַלן פון די אַטעליעס, האָט ער זי געפונען איבער אַ ביכל. ס׳איז געווען אַ נערוון־אויסברוך, נישט קיין לייענען. אַלץ אין שטיבל איז געווען אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט. ער האָט איר נאָר געוואָלט זאָגן, אַז גליק איז רעלאַטיוו. האָבן פיר אייגענע ווענט, אַן אַבאַזשור, אַ בוך, הייסט אויך גליק. ער האָט געוואָלט זי זאָל פילן דאָס, וואָס ער פילט.

— איך פאָר צוריק קיין וואַרשע!... — האָט זי זיך געוואָרפן.

וואָלט זי נישט געקומען צופאָרן, מילא. האָט ער זיך אָבער געשראָקן פאַר לייריקע ווענט, פאַר אַ הויז, וואָס ווערט פאַרלאָזן, וואָס טראָגט נאָך אין אַלע ווינקעלעך זכרונות, שאָטנס, שפּורן, פלעקן פון אַ בילדל אויף דער וואַנט, פון אַ שפּיגעלע. פון יינגלווייז אַן האָט ער זיך געשראָקן דערפאַר. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו האָבן ערגעצוו אַן אייגן ווינקעלע, צו זאָגן זיך: דאָ

בלייב איך שוין! ער האָט אָבער פאַרשטאַנען — ס׳איז דער אומרו, וואָס פאַר־פאָלגט אונדז אַלעמען. פריער, אָדער שפּעטער וועט זיך אַלץ אויסלאָזן.

פרילינג, זומער און עפּעס איז אַלץ פאַרביי אין אזא צעטראָגנקייט. אויפן שיינעם פאַריזער בולוואר האָבן די קאַשטאַנען זיך באדעקט מיט קנאָספּן, מיט צוויט און אין חודש יוני פאַרטרונקען די גאַס ביז טיף־אַראָפּ, אין אַ גרינער אַליי. זעלטן־ווען אַן אָוונט ס׳איז אויסגעקומען אַראָפּצוגיין לענגאויס דעם טראָ־טואַר, סתם אַזוי גיין, זאָרגלאָז, אָן אַ ציל גיין; ווי ס׳גייען די ארבעטס־מענטשן פון קוואַרטאַל מיט מנוחהדיקע טריט; ווי ס׳פירט אַ יונגע, חנוודיקע מאמע דאָס קינדער־וועגעלע; ווי ס׳פירט א יונגערמאן זיין מיידל פאַרנאַכט, געאַרעמט, אין זאָרגלאָזן פלאַפּלען.

## קאַפּיטל פינף

געהערט, אַז קורט ווינקלער איז צוריק אין פאַריז, איז אים אהרן באַלד געלאָפן אויפזוכן. דער ברייט־האַרציקער יידיש־דייטשער אַקטיאָר איז געווען אי ציניקער, אי הייליק־פאַרגלויבטער; ער האָט פאַראויסגעפילט אַלע אָנקומענ־דיקע שטורעמס.

די פאַרשאָלטענע דייטשן... אומעטום זענען זיי פול געווען. אין ווערסאַיל, אַ טריט פון פאַריז, צווישן דער אינטערנאַציאָנאַלער באַנדע אינטעלעקטועלע, איז קורט ווינקלער נאָך איין מאָל אַריינגעפאַלן אין דער נאַכט פון 14־טן יולי, קומענדיק דעם לעצטן מאָל אָנצולויפן פון דורכגעריסענעם פראָנט אַרום באַר־צעלאָנע. אַלץ איז געווען פאַרענדיקט, טרויעריק־פאַרענדיקט. די רעשטלעך פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי האָבן זיך, אין שטילער בהלה, צוריקגעצויגן און אַרויסגעשמיסן געוואָרן צו די זאַמדיקע ברעגן ביים מיטללענדישן ים אין פראנק־רייך. קורט ווינקלער האָט שטאַרק קיין חשק נישט געהאט צו זיין אינטערנירט הינטער שטעכל־דראָטן און ער האָט זיך באַצייטנס דורכגעגליטשט די זשאַנ־דאַרן־קייט. צום לעצטן מאָל איז ער אַריינגעפאַלן צווישן די קאָלעגן פון די בערלינער יאָרן אין דער אילומינאַציע־נאַכט פון 14־טן יולי אין ווערסאַיל, ווען מען צינדט אָן פייערווערק איבער די שטילע אַזיערעס, אין די גערטנער, הינ־טער די שטומע, אויסגעלאָשענע קעניגלעכע שלעסער.

בייטאָג האָבן זיי נאָך אַלע מאַרשירט אין גרויסן מאַניפעסטאַציע־צוג, מיט געביילטע פויסטן און אויסרופן קעגן פאַשיזם, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן. אין לעב־לעכן אָוונט האָבן זיי זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן אויף דער רוישיקער קאַפיי־טעַ־ראַסע. ס׳זענען דאָ געווען טשעכיש־דייטשע יידן, אונגאַריש־דייטשע יידן, ווינע־ריש־דייטשע יידן, סתם דייטשן, אמתע בערלינער, מינכענער, אַריער... מ׳איז דאָ ברייטלעך געווען צעזעצט אויף דער טעראַסע פון „קאַפּולאַד“. מיט אַ קאָרג

יאָר צוריק האָט נאָך באַרצעלאָנע פעסט געהאַלטן; אָבער דער פראָנט ביי טערו־על האָט, נאָך דער אָפענסיווע, גענומען שוואַכער ווערן — די איטאַליענישע באַרג־אַרטילעריע, די דייטשע אַוויאַציע, די אויספרווו־אוויאַציע, די „שטוקאַס", וואָס האָבן קורץ דערנאָך טעראַריזירט אַלע וועגן פון אויסגעליפערטן אייראָפּע. די „נישט־אינטערוועניץ", די געזונקענע סאָוויעטישע שיפן — מ'האָט נאָך נישט געערדט דערפון אָפן, אָבער אַלע האָבן עס שוין געפילט, אַז שפּאַניע, די גרויסע האָפענונג שפּאַניע, איז — אַ זינקענדיקע שיף.

קורט ווינקלער איז צוריק געווען אין ציוויל. זיינע ברייטע פלייצעס האָט איינגעשטייפט אַ העלער ספּאָרט־קאָסטיום, נישט געגנייט לויט זיין מאָס און גע־שטעל; ער האָט שיער נישט אויפגעפּלאַצט אין די נעטלעך. אָבער אין אַלע זיינע באַוועגונגען איז געלעגן דער סאָלדאַט. ער האָט נישט פאַרטראָגן די קאָקטאַילס און די פּאַריזער אַפּעריטיוון. אַ גלאָז ביר, איינפאַכע שוואַרצע ביר. דער ייד פון פּראָג, ערווין רענער, וועלכער האָט געצויגן עפּעס אַ ווייטע טראַדיציע פון מהר"ל, פון זיין גולם־מיסטיק, איז געווען פונאַנדערגעזעצט אויף דער טעראַסע, לאַכנדיק ברייט, ווי אַ ריכטיקער יעקע, אָפּדעקנדיק די ציינער פון אונטערן מאַנגאָלישן שנור־באָרט. ער איז שוין געווען אַ קרוב זעכציקער, דער צער איז אים געלעגן אין די אַנגעלאָפענע אויגן־טאָרבעלעך, ווען ער האָט געלאַכט; פונ־דעסטוועגן האָבן זיינע באַגלייטערינס נישט אויפגעהערט צו זיין פלאַך־ברוסטיקע, יינגלעריש־פאַרשווירענע מיידלעך, בלייכע, פון אַ נאָרדישן בלאָנד. דאָ איז גע־זעסן דער ערשטער באַוונדערער פון קורט ווינקלערס קלאַסישע קרוין־ראָלן, אין די וועכטנלעכע טעאַטער־רובריקן פון דער בערלינער „נויע פאָלקס־בינע", אין די שיינע יאָרן, צווישן דער עקסטראַוואַגאַנטער באָהעמיע, „די נויע ווירק־ליכקייט", אין דער פאַר־היטלער־עפּאָכע.

— נו יאָ, האָסט געשפּילט די ריכטיקע ראָלע, קורט... — האָט ערווין רע־נער ברייט געלאַכט — באַשטעלסט נאָך אַ שוואַרצע ביר ?...

— געשפּילט, אָבער נישט אויסגעשפּילט... — האָט קורט ווינקלער זיך אויפגעריסן — אין מיר האָבן זיי געטראָפן דעם ריכטיקן יודע !... כ'בין אַ מאַן פון די בעסקידן־בערג. מיינע אור־זיידעס האָבן זיך אויך נישט געלאָזן! זיי זע־נען גיווען געזונטע יידן, ווי די דעמבעס. זיי האָבן געקענט צוריק־דערלאַנגען! מ'האָט זיי מיר עטלעכע מאָל געברענגט אין שטאַב אַריין, די אַראָפּגעשאָסענע דייטשע פליער־יונגען — שנעקעס, אָבער בלינד־פאַרביסענע...

דער סאַטיריקער פון די בערלינער קליין־קונסט־בינעס, עריק וויכערט, נאָר וואָס אַריבערגעקומען פון אינטערנאַציאָנאַלן, אַנטי־פאַשיסטישן שרייבער־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע, אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער, האָט איינגעשטימט:

— דער מאַן פון דער אונטערוועלט, דער היטלער, האָט זיי אָבער געוווסט ווי צו פאַנגען. ס'איז שוין באַלד אַ חרפּה צו טראָגן אין דער וועלט אַריין דעם נאָמען דייטש... כ'שעם זיך...

ס'איז געווען דער זעלבער עריק וויכערט, וואָס איז סוף 1933 אַנטלאָפן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו, ווען אין די בערלינער און מינכענער „ביר־שטובעס" האָט מען נאָך שטיל אונטערגעברומט זיינע סאַטירישע ראָט־

פּראָנט־לידער. זיי האָבן ערשט נישט לאַנג פֿריי געהילכט איבער די בערלינער ברוקן און „הינטער די לינדן". פּאַריז, די שטילע ווינקלען אַרום דער קאָכיקער וועלט־שטאָט, האָט זיי צוריק צוזאַמענגעבערענגט, אפשר שוין צום סאַמע לעצטן מאָל. ס'איז ענגער געוואָרן דער קרייז. ס'איז שוין באַלד נישט געווען וווהין צו אַנטלויפֿן פֿון דער פּעסט, וואָס האָט זיך אָנגערוקט צו די טויערן פֿון דער „לעצטער האָפֿענונג פֿון דעמאָקראַטיע", צו פֿראַנקרייך. נאָכן שווינדל אין מינכען, האָט עס אָנגעהויבן נישט צו שטימען אויך דאָ. מ'האָט זיך באַשולדיקט קעגנזייטיק, עטלעכע מאָל זענען געטוישט געוואָרן די רעגירונגס־קאַבינעטן; עס זענען אַפֿילו אָפּגעשטימט געוואָרן געזעצן קעגן ראַסיזם, מ'האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע לייט פֿון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, אָבער קיינער האָט מער נישט געטרויט וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר אין די הינטערקוליסן. מ'האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער כיטראַק, דער ראַדיקאַל דאַלאַדיע, דערציילט נישט אַלץ. נאָך מינכען, האָבן זיך אַלע געוויצלט, אַז „ס'איז אויסגעבראָכן דער... שלום"...

אין דעם שיינעם יולי־אָוונט פֿון די ווערסאַילער פּייער־ווערק זענען זיך דאָ אַרום די טישלעך צוזאַמענגעקומען פֿלינקע פֿראַנצויזישע זשורנאַליסטן, שוישפּילער, דאַמען. ס'איז דאָ נאָך אַלץ געזעסן און געדרויכערט זיין אייביקע פּייקע פֿון ווילדן קאַרשן־האָלץ דער אַלטער מאָנפּאַרנאַס־וואָלף, גריגאָרי אַדלער; ער האָט דאָ אַמאָל געשריבן זיינע צינישע ראָמאַנען, פֿול מיט יידישן עספּרי, אויף די סערוועטקעס פֿון די קאַפֿייען „ראָטאָנד", „דאָם", געבאָהעמעוועט. געשטאַמט אַליין האָט ער בסך־הכּל פֿון אַ קליין יידיש שטעטל אין דער אוקראַינע. ער האָט די יידישע וועלט זיינע אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך, ווי אַ פֿאַרלייזיקט העמד. פּאַריז, וווּ ער האָט נאָך אין יענע פֿאַר־מלחמה־יאָרן געהונגערט, געוואַלגערט זיך אין די ביליקע סטודענטן־האָטעלן אויפֿן סען־מישעל, איז אָבער פֿאַרבליבן זיין ערשטע יוגנט־ליבע; פֿון אַלע זיינע וועלט־וואַנדערונגען, האָט ער זיך אַלעמאָל אַריבערגעכאַפּט אַביסל אַהער.

צווישן די טישלעך האָט אויך אַרומגעזשומעט דער יידישער זשורנאַליסט הענדלער. פֿון מיטלוווקס, מיט אַ קאָפּ קרויזן, איז ער אויפֿן מאָנפּאַרנאַס געווען דער דיסקרעטער פֿאַרמיטלער צווישן די אָרעמע באַרימטקייטן, צווישן די מאַלער מיט די זעלטענע אַמעריקאַנער רייכע סנאָבן, וואָס האָבן נאָך אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער. אַלעמען האָט ער געקענט, אַלעמען האָט ער גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע. אויסטערליש־סענסאַציאָנעלע נייעס האָט ער אַלעמאָל געבערענגט דער ערשטער; מ'האָט אים אויסגעהערט מיט איין אויער, מ'האָט געשמייכלט. קיינער האָט אים נישט גענומען ערנסט. מ'האָט זיך אַפֿילו געוויצלט, אַז צוליב אים קען נאָך אויסברעכן אַ נייער רעגירונגס־קריזיס אין פֿראַנקרייך...
ס'איז דאָ געזעסן דער גרויער מאָנפּאַרנאַס־שאָטן, קאָזשען; און צוזאַמען מיטן גרויאינקן טאָני מינסקער — אהרן. ער האָט געפֿיבערט. ער האָט נאָך אַלץ געפֿילט דעם פּעסטן האַנט־דרוק פֿון קורט ווינקלערן. „מיר קעמפֿן פֿאַר אונדזער היים, מיין קנאַבע... — האָט ער אים צוגעוואָרפֿן — געדולד, מיין יונגע... נאָר נישט פֿאַרלירן זיך!"... ער האָט אים באַוווּנדערט, האָט נישט געהערט, ווי סטערקע, וואָס איז געזעסן ביי זיין זייט, אַ פֿאַרפּלאָנטעטע, האָט אים געצופּט און אַלעמאָל עפּעס איינגערוימט, נאָכפֿרעגנדיק זיך ווער ס'איז דער, ווער ס'איז יענער.

ערווין רענער איז דאָ געווען דער רוישיקער מיטלפונקט. זייט עטלעכע חדשים, ווי ער האָט זיך געהאַט צוריקגעצויגן אַהער, אין רואיקן שטעטל לעבן פּאַריז, אין אַ שטיל הויז, ווו ער האָט נערוועז אָנגעוואָרפן זיינע פּאַרצייכענונגען פון שפּאַניע, פון די פראָנטן, פון די פייערן, ווו ער איז געווען, און זיינע זכרונות פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. ער איז נאָך געווען אַ מענטש פון „פּאַן די סיעקל״; ער האָט געטראָגן אין זיין וויזיע דאָס געמיטלעכע ווין, ווו מ'האָט געלעבט אין זיסער פאַרגעסנקייט, ווי אויפן פּאַרנאַס. אין דער נאַכט פון די אויסטערלישע פייערן, האָט אהרן צוריקגעפונען אין אים עפּעס פון פאַרצייטיקן געטאָ־ייד, דעם מהר״ל. פון זיין גאַנצער דייטשישקייט, איז ער ענלעך געוואָרן צו אַ געעלטערטן ייד פון די געטאָס. ס'איז אים אָבער געווען צו באַוואונדערן; מיט אַזויפיל שונ־אים צו קעמפן און צו פאַרבלייבן אַזוי יונג.

מען האָט זיך צוזאַמענגערוקט, געוואָלט זיצן וואָס נענטער צו ערווין רע־נער, צו גריגאָרי אַדלער. זיי זענען געזעסן אַרויפצו, ביי דער שויבן־וואַנט, אין אַ וואָלקן טאַבאַק־רויך. קורט ווינקלער האָט זיך דאָרט פּלוצים אויפגע־שטעלט, אַ שויבערדיקער און — ווי אַ שטורעם וואָלט געקאָכט אין אַלע זיינע געבלוטן.

— באַנקראָט! — האָט ער געקלאַפּט אין טישל אַריין, אַז די גלעזלעך האָבן אונטערגעשפּרונגען — די הייליקע קונסט, מיינע פריינד, האָט באַנקראָטירט! ניין, זי האָט נישט אויסגעפירט די שליחות, צו דערהויבן און בעסער צו מאַכן דעם מענטש. די נאָבעלע, צינישע וועלט קוקט זיך גלייכגילטיק צו, ווי מען מאָרדעט פרויען און קינדער... ערשט איצט באַדאַרף זי צו קומען, די הייליקע מלחמה, אַראָפּצושווענקען דאָס גאַנצע מיסט...

ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַפרייען פון די שאַרפע זשעסטן, פון די שטאַרקע בינע־פראַזן, פונם אַפּאָפּלעקטישן אָנגיסן זיך מיט בלוט. אין זיינע רייד איז געווען דער לירישער אונטערטאָן, די טעאַטראַלע טראַגיק. אַלע האָבן עס דערפילט, אָבער געשמייכלט האָט קיינער נישט; אפילו נישט גריגאָרי אַדלער. צו אים, פאַרקערט, איז צוריקגעקומען די קילע, פילאָזאָפישע באַדאַכטקייט. ער איז געווען פוקסיש־קלוג. ער האָט פאַרשטאַנען אומעטום פלינק צוצופּאַסן זיך. ער האָט געגראַבלט פון ערגעץ טאַבאַק, אָנצושטאָפּן די אויסגלאָשענע פּייקע און געריבן שוועבעלעך, לאָזנדיק קינדעריש אַראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ.

— די באַנקראָטניקעס זענען נישט מיר. אָט דאָס אַלץ, וואָס איר זעט דאָ אַרום, איז — באַנקראָט. דאָ, אין ווערסאַיל, איז ער, נידעריק און געמיין, אָר־גאַניזירט געוואָרן — אין 1870 און אין 1918. כ'האָב זייער ליב פראַנקרייך און גלויב טיף אין די געזונטע פּאָטענצן פון פאָלק. איך האָב זיך צוריק גענומען גלויבן אין מענטש... דווקא איצט...

— באַרואיק זיך, קורט... — האָט אים ערווין רענער צוריק אָנידערגעזעצט — האָסט היינט אָפּגעשפּילט אַ סצענע, וואָס וועט אַמאָל ווערן קלאַסיש, מיין יונגע... אַ שאָד נאָר, וואָס דו שפּילסט נישט איינמאָל דעם שטומען בונטאַר, דעם „גולם״. די אידיי, זעסטו, האָט שוין אַ סך פריער געלעבט אין מוח פונם מיטלאַלטער־לעכן, פאַרצייטישן געטאָ־ייד, דעם מהר״ל. אַ קלוגער ייד געווען... איך טראַכט

וועגן אים אָפּט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער בלינדער שנאה, וואָס עס טראָגט מיט זיך די היטלערישע בעסטיע קעגן אונדז... יידן...

ס׳איז געווען אַ נייער טאָן ביי ערווין רענער. ער, דער פּראָגער דייטש, דער ווינער דייטש, דער בערלינער דייטש, האָט גאָר קיינמאָל אַזוי אויסדריקלעך נישט אונטערגעשטראָכן זיין יידישקייט. נאָכוואָס ? ס׳איז אפשר אויך געווען די שטאַרקסטע שפּירונג פון מאָמענט, און נישט בלויז ביי אים.

אין וואַרעמען יולי־אָוונט האָט דער אָנגעפּאַרענער פּאַריזער עולם פאַרביי־געשטראָמט די ליכטיקע טעראַסן, אַראָפּ, ביז צו די טויערן פון פּאַרק. אונטערן ליכט פון די שטאַרקע פּראָזשעקטאָרן, האָט דאָס גרינס באַקומען אַ נייעם ניואַנס און דער אָפּשיין האָט זיך געלייגט אויף אַלעמענס פּנימער, ווי גרעל בינע־ליכט.

אָט דאָס בינע־ליכט האָט צוריק אָנגעצונדן ס׳געמיט ביי קורט ווינקלער. ס׳איז געווען אַ רעפלעקס פון די דורכגעפיבערטע נעכט אין בערלין, איידער ער האָט דאָרט אַ שפּיי געטון אויף זיי. ס׳האָט אים אַ דערמאָן געטון אין די שייטער־הויפנס, אין קאַלטן בערלינער פעברואַר־נעפּל, דאָס ווילדע ריטשען פון המון, פון היסטערישן פּעבל, הינטער די ווענט פון ברענענדיקן רייכסטאַג, אַרום די ביכער־שייטערס. ס׳גאַנצע איבעריקע לעבן האָט ער עס שוין מיטגעטראָגן מיט זיך. ער האָט דערטרונקען נאָך צוויי שלוק ביר און האָט געריסן דעם איינגע־שטייפטן קאָלנער. ער האָט זיך בכלל שלעכט געפילט אין ציווילן אָנצוג. איבער צוויי יאָר האָט ער זיך געוואַלגערט ערגעץ אין די שטאָבן און אין די טראַנ־שייען. פלינקע לייט פון אַן אַמעריקאַנער פילם־געזעלשאַפט האָבן אים דאָרט ער־געץ אויפגעזוכט אויף אַ פּראָנט־סעקטאָר און פאַרגעלייגט צו דרייען אַ טראַגי־קאָמישן ליבע־פילם, אויפן פאָן פון ברענענדיקן שפּאַניע, אין פלאַקער פון ביר־גער־קריג. ער האָט זיי געטריבן פון זיך, געדראָט זיי מיטן רעוואָלווער. זיין גרויסע ליידנשאַפט אין שפּאַניע איז געווען די באַרג־אַרטילעריע; איז ער דאָך אַליין אַמאָל געווען אַ יונגער לייטענאַנט אין דער אַרמיי ביים קייזער פראַנץ־יאָזעף — דער אַלטער עסטרייכישער קייזער מיט די מיד־אַראָפּגעזונקענע באַקנ־בערד, ווי ביר־שוים; ער האָט אין זיינע אויגן גיכער אויסגעזען ווי אַן אָפּערעטן־קעניגל. אין יענער מלחמה האָט ער געזען אַ סך טעאַטראַלן עפעקט; מיט יע־נער מלחמה, האָט ער אַ שטיק צייט געמיינט, זענען די פעלקער פריי געוואָרן. אַצינד איז ער צוריק געווען אַן „אָסט־יודע״, אָבער די ענערגיע פון זיינע זיי־דעס, די באַרג־יידן, האָט נאָך געזידט אין אים. ס׳האָט אים נאָר געקרענקט, וואָס די אַלע — און ער אַליין אויך — האָבן געדינט פרעמדע געטער. ס׳איז אים אַ חרפּה געווען פאַר די וואַרשעווער יידן, פאַר די ביטערע עקשנים. בעת זיין קורצן פאַרברענגען אין פּוילן, האָט ער די ביטערע יידישע עקשנות צוריק־געפונען. מיטן זעלבן פרומען גלויבן, וואָס דער ייד האָט געדינט דעם אַלטן יידישן גאָט, זענען די זין און די טעכטער אַוועק אין די תפיסות, אין די קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן. ער האָט דורכגעלעבט עפּעס ענלעכס ווי אהרן.

— מיר האָבן געדינט פרעמדע געטער!... — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען.

ערווין רענער און גריגאָרי אַדלער האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן זיך דערפילט אַביסעלע נישט באקוועם. פאַר זיי איז געזעסן דער זעלבער „שיילאָק״, אַ צעבראָכענער געטאָ־ייד.

— ווערסט אַלט, קורט! — האָט ערווין רענער באַוויזן זיינע שיינע, געזונטע ציינער אונטערן מאָנגאָלישן שנור־באַרט, דערכאַפּנדיק, אין אָפּשיין פון די פאַנ־טאַסטישע פייערן, אַלע קנייטשעלעך פון זיין גרימאַסע — אַזוי האָב איך דיך צום ערשטן מאָל געזען שפּילן „שיילאָקן״... דאַס וואַר געגאַו אים יאַרע 1921... בורג־טעאַטער... הערבסט־סעזאָן... ניכט וואַר, מיין יונגע?... ווינער און בערלי־נער יאַרן... אַך...

גריגאָרי אַדלער האָט נישט געלאַכט. די דיקלעכע אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאָנגען קינדעריש־אומבאַהאָלפן און — כיטרע־אויסגעלאַסן. ער האָט קורט ווינקלערן אָנגענומען אונטערן אָרעם, ווי מען נעמט אָן אַ קראַנק קינד, און אַליין, אַ געבויגענער, מיט אַן אויסגעהאָרעוועטער פּלייצע, ווי ביי אַ יידישן שניידער, האָט ער אים געפירט איבערן טראָטואַר. סיי־ווי האָבן זיך שוין אַלע געהאַט אויפגעשטעלט. די צערעמאָניע אין פּאַרק האָט זיך, מיטן צופאַלן פון בלויען אָוונט, שוין געהאַט אַנגעפאַנגען. דער אָרקעסטער, אין דער טיף פּאַרק, האָט געשפּילט אַלטע, קלאַסישע, און נייע, שוועבנדיקע מעלאָדיעס. די פרויען זענען די מערסטע געווען אין ווייסן; ס׳איז שיין געווען אין דעם לעבלעכן יולי־אָוונט דער ווייסער פלאַטער, אין שאָרך פון זייערע קליידער, אויפן פאָן פון די אילו־מינירטע פּאַרק־אַלייען.

די שטומע קעניגלעכע פּאַלאַצן פון לואי דעם פערצנטן, פון מאַרי־אַנטואַנעט, פון די נאַפּאָלעאָנס, האָבן שוין לאַנג נישט געזען אַזעלכע המונים, ווי אין דעם יאָר. די שורות בלינדע, אויסגעלאָשענע פענצטער האָבן אויפגעהעלט פון די פייערן. פון די שטיינערנע טעראַסן־אַראָפּ האָט די מאַסע געשטראָמט צו די אַלייען, צו דער קייט אָזיערעס, אַרומגעשטעלט מיט די נאַקעטע גריכישע געטינס, עקזאָטישע ספּעקטן־ביימער. די פייערלעכקייטן זענען געווען אָפיציעלע. עס האָט דאָ נישט געהילכט אין דעם אָוונט די „קאַרמאַניאָלע״, ווי אויף די ברוקן פון פּאַריז, ווו דאָס פאָלק פון די פּאָרשטעט פאַרהילכט די בולוואַרן מיטן ליד פון די פּאַריזער קאָמונאַרן. דער אָרקעסטער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע איז גע־ווען אינסטאַלירט אויף דער פּאַרמאַכטער עסטראַדע, צווישן די קריכנדיקע פלאַנצן. זיי זענען געווען אין פייערלעכן טראַכט. די אָזיערעס האָבן אַלעמאָל שאַרף אויפגעלויכטן, ווי אינמיטן העלן טאָג, אָפּגעשפּיגלט צעשווומען די פאַרביקע המונים, וואָס האָבן פאַרפולט די ברעגעס. די גרינע, רויטע און געלע פייערן האָבן פון ערגעץ אויפגעשאָסן אין הימל אַריין, אין אַ האַלב־קרייז, צעשפּריצט זיך און צעשאָטן געוואָרן אין אַ פייער־רעגן.

— מערקווירדיק, ווי די אַלע שיינע פאָלקס־יום־טובים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי זיי אין אַ מין קריסטלעכן קאַרנאַוואַל. ס׳איז שיין, אָבער קאַלט. קומט אַהין... — האָט גריגאָרי אַדלער זיי גערופן — קומט אין די קליינע, אָנ־געריכערטע ביסטראָס, אַרום באַסטיל, אַרום סען־פּאָל, אויף לאַ־ווילעט, אויפן בעלוויל, ווו די קליינע, אָנגעפּאַרבטע מאַגאַזין־מיידלעך פרייען זיך אין די אָרעמס

פון די יונגעלייט מיט די הויכע אַקסלען... ווו אַרבעטער פון די „רענאָ" און „סיט־ראָען"־פאַבריקן זינגען די „קאַרמאַניאָלע" ביי אַ רויטן שאַפּין ווייַן. דאָרט וועט איר גאָר עפּעס אַנדערש דערפילן. זיי דאָרטן טראָגן — אפשר אַליין נישט וויסנ־דיק — די שיינע, העראָישע טראַדיציעס פון זייערע עלטער־זיידעס, וועלכע האָבן אויפגעריסן די ברוסטן קעגן טיער׳ס מערדערישע באַטאַליאָנען און געשריגן: „שיסט, אויב איר האָט מוט!"... זיי האָבן געהאַט דעם טרויעריקן מוט... דאָס זענען דאָך, נאָך אַלעמען, די זעלבע מערדער...

— אַז מען וויל, איז עס אויך — ראָמאַנטיק... — האָט נישט דרייסט אַרייַנ־געוואָרפן דער אונגאַרישער ייד קעסלער — אַלע שיינע אידעאַלן און באַוועגונ־גען עוואָלוּאירן און — דעגענערירן... די ספּאַרטאַקוס-באַוועגונג אין אַלטן רוים, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אַלע איבעריקע דאָרט... ס׳ליגט אפשר אינם מענטש גופא. מען דערגייט סוף־כל־סוף צו די זעלבע מעטאָדן. ס׳ווערט אַ וווייטער דער־מאָנונגס־יום־טוב, אויסגעהוילט פון לעבעדיקן אינהאַלט...

גריגאָרי אַדלער האָט אים שאַרף אַ באַקוק געטון:

— מען עוואָלוּאירט נישט סתם, יונגערמאַן... ווען מען האָט פאַר זיך אַט די אַלע געשיכטלעכע טעותים. די געשיכטע דרייט זיך קיינמאָל נישט אויף צו־ריק. דער בעסטער באַווייז — דאָס ווילדע ריטשען פון אַט דער באַנדע וועלף...

זיי זענען פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע אין דער זייטיקער אַליי, אויף די צוויי צוזאַמענגערוקטע בענק, אַביסל אין אַ זייט פון טומל. ס׳האָט געגומען ווערן שפּעטלעך. פאַר אהרנען איז עס געווען ווי אַ דערמאָנונג פון יענע לעצטע טעג אין וואַרשע. ס׳האָט געצאַנקט. ער איז אומעטום געקומען ווי צום זון־פאַרגאַנג. דער גרויאינקער טאָני מינסקער... קאָזשען... וועלכער וואַקסט אויס אַרום האַלבע נאַכט אויפן מאָנפּאַרנאַס, ווען די טעראַסן ליידיקן זיך אָפּ.

— ס׳ווערט קיל... — האָט עמיץ זיך אָפּגערופן פון דער מיט און אַלע האָבן זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג. אהרן האָט געפילט ווי קורט ווינקלערס האַנט לייגט זיך אויף זיין שויבערל: „ווועסט נאָך אַמאָל נויטיק זיין דיינע יידן"... פון דער מיט האָט זיך אַלץ געהערט די שטילע, אָבער איינגעשפּאַרטע שטים פון גריגאָרי אַדלער:

— ...ווער ס׳געדענקט אים נישט, דעם ווילדן, אַרומגעשליסענעם שפּאַ־נישן יונג, אין דער צירק־בודע פון „בינשטאָק", ביי פּאָרט דע ווערסאַיל?... דורך אַ צופאַל איז ער דערנאָך אַרויפגעשווומען. ער איז שוין אָבער דעמאָלט גרויס געווען. עטלעכע מאָלער און באַהעמע־מיידלעך האָבן זיך, געדענק איך, אויסגעבאָרגט עלעגאַנטע פראַקן, קרינאָלינעס, הוטן, צילינדערס און זענען אַוועק צו איינעם פון די קונסט־הענדלער אויפן אַלטן מאָנמאַרטר, נאָכפרעגן זיך אויף בילדער. „צי האָט איר נישט די לייוונטן פון מאַרינאָ?"... — האָבן זיי געפרעגט. „ניין!" — האָט יענער געענטפערט. האָבן זיי געלאַכט און אָפּגערופן זיך: „און מיר האָבן געמיינט, אַז איר קענט אַלע היינטצייטיקע מייסטער"... האָט זיך דער קונסט־הענדלער דערמאָנט וועגן די לייוונטן פון אַרומגעריסענעם באָהעם, וואָס וואַלגערן זיך אין קעמערל... פון דעמאָלט אָן איז ער אַריין אין דער מאָדע... אַ צופאַל, ווייל ער האָט געקענט פונקט אַזוי אויסגיין פון הונגער אויף אַ מאַנסאַר־דע און מען זאָל זיך ערשט דערנאָך כאַפּן, אַז ס׳איז אויסגעגאַנגען אַ גאון. מען

טייטשט אַריין פֿאַרשידנס אין זיין מאַלעריי. כ׳פֿאַרשטיי וויניק, נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר — ער וויזט מענטשן און זאַכן אַזוי ווי אין קוועדרשניט, נאַקעט־הויל, אַפֿילו ציניש. אויב דאָס איז עס, דריקט ער גוט אויס דאָס טרויעריקע וועלטל, אין וועלכן מיר לעבן...

און אהרן האָט אַ טראַכט געטון, אַז דאָס לעצטע באַציט זיך אפשר נאָכמער צו אים, צו גריגאָרי אַדלער גופא.

## קאַפּיטל זעקס

אין גרויס בהלה איז מען זיך יענעם סוף זומער פֿונאַנדערגעפֿאָרן פֿון ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. די דעלעגאַטן, די שליחים, די מאַכערס זענען אין גרויס פּאַניק זיך צעלאָפֿן יעדער אין זיין לאַנד אַריין, מיט באַנען, שיפֿן און אַוויאָנען. איבער נאַכט ממש איז די וועלט פֿאַרהאַקט געוואָרן, אַלע גרענעצן — פֿאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט; ס׳האָבן מער נישט גענוצט די פּעסער, די וויזעס, די שטעמפּלען, אפֿילו די וואַלוטע.

אין פֿאַרטאָג פֿון 1־טן סעפּטעמבער, ווען איבער די געדיכטע יידישע קוואַר־טאַלן פֿון וואַרשע האָבן צום ערשטן מאָל געזומען פֿאַלן דייטשע באָמבעס, זענען זיי שוין מער קיינס נישט געווען אין דער היים; נישט אַדאַם, נישט יאַנעק, נישט רוטע. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דאָס אומגליק זאָל זיך אַזוי גיך אַראָפּ־לאָזן? ווי אַ ווינט איז דאָס אַלטע, איינגעפֿונדעוועטע הויז צעטראָגן געוואָרן.

די פֿייערלעכע רעדעס אויפֿן קאָנגרעס האָבן נאָך אָפּגעהילכט אין אדאַמ׳ס אויערן; זיי האָבן סיי־ווי אין ערגעץ נישט געפֿירט. אַדאַם האָט זיך אַהיים מער נישט געקענט אומקערן. צום ערשטן מאָל אין זיין פֿאַרטועון לעבן האָט ער זיך מער נישט געאיילט. פֿון פּאַריז אויס, וואָס האָט אין יענע טעג געזען דעם נייעם אַנגעלויף פֿון צעטומלטע עמיגראַנטן פֿון פּוילן, האָט ער זיך נאָך געפּרוווט צו פֿאַרבינדן מיט דער היים.

אַדאַם איז געזעסן ביים ראַדיאָ־קעסטל און געהערט די לעצטע באַפֿעלן פֿון וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי. די יידן זענען געווען ביי די רוצ־חים אין די הענט. ער האָט זיך געפּרעסן — גאָרנישט האָבן מיר אין דער אמתן געטון! מיר האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פּראַזן! מיט פּלאָנטערן זיך הינטער די פּיס פֿון רשעותדיקע אַרמייען. מיר שטעלן אפֿילו נישט פֿאָר קיין צד. מיר ווערן דורך אַלע באַטראַכט מיט חשד, ווי שונאים, פֿון אַלע זייטן.

דורכן רויטן קרייץ האָט ער סוף־כל־סוף פֿון אַליציען באַקומען אין איינציק קאַרטל, פֿאַרפּאַטשקעט מיט שטעמפּלען, מיטן דייטשן האַקן־קרייץ פֿון „גענע־ראַל־גוווערנעמענט״. מער גאָרנישט. אַזוי לאַנג ווי די דייטשע מערדערישע באַנ־דעס האָבן מאַרשירט מיט די מאָטאָריזירטע אַרמייען, געצונדן מיט פֿייער און

בראַנד שטעט און דערפער, ארומגערינגלט די צעקלאַפּטע רעשטלעך פון פּויליש מיליטער, די אולאַנען־קאַוואַלעריע, וואָס האָבן זיך מיט די פערד געוואָרפן קעגן די דייטשע טאַנקן, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין צו דערוויסן זיך וואָס מיט זיי אַלעמען אין וואַרשע האָט פּאַסירט. ס׳האָט אים שוין איצט שאַרף באַנג געטון, וואָס ער האָט יאַנעקן אין דער לעצטער מינוט נישט אַוועקגעגעבן דעם פּאַס זיינעם מיט די וויזעס. ער האָט געוואָלט זיין מיט זיי דאָרט, טיילן דעם גורל פון אַליציען, פון די קינדער, פון זיינע יידן.

די דעלעגאַטן פון פּוילן האָבן זיך אין דער פרעמד געטוליעט אינאיינעם, אויפגעהאַלטן זיך צוזאַמען אין אַ קליינעם האָטעל אויפן מאָנפּאַרנאַס. זיי האָבן אַלץ געהאָפט, אַז אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז, נאָענט צו די קאָנסולאַטן און אַמבאַסאַדעס, נאָענט צו די יידישע וועלט־אינסטיטוציעס, וועט זייער לאַגע סוף כל סוף קלאָר ווערן. פון דאַנען איז נאָך אויך דער וועג אין דער וועלט אַריין געווען נישט אינגאַנצן פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן. דעם עלנט אין דער פרעמד האָט אַדאַם דערפילט נאָכדעם, ווי די איבערראַשונג פון די ערשטע מלחמה־טעג איז אַריבער; ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַלט און צעבראָכן. ער האָט מורא באַקומען אָנצוקוקן זיך אין ביליקן האָטעל־שפּיגל קעגנאיבער, איינער אליין, אין פרעמדן, שמאָלן בעט פון ענגן האָטעל־צימער. אין די שלאָפלאָזע נעכט איז אים פאַרביי דורכן מוח דאָס אַלץ, וואָס ער האָט גאָר קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט דורכצוטראַכטן ביזן סוף. ער האָט מער נישט געהאַט ווו צו איילן זיך, פאַר וועמען צו זאָרגן. און דאָס איז געפאַלן אויף אַדאַמען שווערער, ווי די שווערסטע לאַסט.

אויך איז אין די יידישע אינסטיטוציעס, די יידישע וועלט־הילפס־צענטערן, וואָס האָבן געהאַט זייערע אָפּטיילונגען אין פּוילן — ווו מ׳האָט אים, אַדאַם נאָטאַנזאָנען, אַלעמאָל אויפגענומען מיט גרויס כבוד, ווייל ער האָט דאָרט פיגורירט אין זייערע ערן־קאָמיטעטן — צו קיינעם מער נישט געווען צו רעדן. ביי די פלינקע לייט, הינטער די שווערע, דעמבענע טירן, איז שוין געווען אַ שטילע בהלה. די לייט זענען אַ גאַנץ לעבן געלאָפן: פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון בערלין. זיי האָבן פריער פון אַלעמען דערשמעקט די גרויסע געפאַרן און באַצייטנס גענומען גרייטן זיך פּאָזיציעס, ווייט פון אייראָפּע, מעבר לים. דאַנציגערן, למשל, וועלכער איז, נאָכן אַריבערטראָגן זיך פון בערלינער צענטער קיין פּאַריז, געווען דער פאַרשטייער אין אָן אַ שיעור אינסטיטוציעס, ווו עס זענען געפלאָסן די אַמעריקאַנער געלטער, איז שווער געווען צו כאַפּן אויף אַ מינוט אין די גערוימע פאַריזער ביוראָען פון 16־טן אַראָנדיסמאַן. די טירן זענען דאָרט דעם גאַנצן טאָג געווען באַלאַגערט מיט יידן. זיי זענען געקומען צולויפן זוכן אַ שפּאַרונג צו אַנטרונען פון ברענענדיקן אייראָפּע. לאַנג און אומגעדולדיק האָבן זיי געוואַרט אויפגענומען צו ווערן דורכן הויפּט־שעף, דורך דאַנציגערן. אָבער דאַנציגער האָט זיך מער נישט געוויזן. ער איז טעג־לאַנג ארומגעלאָפן אין זיין וואָגן, געהאַט אַ ים אייגענע קאָפּ־פאַרדרייעניש; די שטאַרקע יונגעלייט ביי די טירן, ביי די טעלעפאָן־סטאַנדאַרטן, האָבן געהייסן אַלעמען געדולדיק וואַרטן, האָבן געהייסן קומען מאָרגן, איבערמאָרגן.

וועגן דער נויטווענדיקייט איינצושטעלן אַ הילפֿס־אַפּאַראַט פֿאַר די פּוילישע ייִדן, האָט ער עפּעס יאָ אַ מורמל געטון, דאַנציגער, אַריינלויפֿנדיק אויף אַ מינוט, אָבער מ׳האָט נישט געקענט דערכאַפּן ביי אים גענוי וואָס און ווען. דורך אַ צו־פֿאַל האָט אים אַדאָם געכאַפּט. דאַנציגער האָט אָנגעשטעלט דעם האַריקן אויער־מושל, געמאַכט זיך טויבלעך, ווי תמיד, ווען ער האָט נישט אינגאַנצן געוואָלט דערהערן. אַדאָם נאָטאַנזאָגנען האָט ער פֿונדעסטוועגן באַוויליקט אויפֿצונעמען ביי זיך, אין גערוימען קאַבינעט. אַדאָם האָט אים דערציילט מיט גרויס צער וועגן די טרויעריקע ידיעות, וואָס קומען פֿון פּוילן. אָבער דער ייִד מיט די צי־גיינעריש־אַרויסגעזעצטע אויגן, מיט דער גראָבער ליפּ אונטערן וואָנסעלע, אין חשדיקן שוויגן, אַ נערוועזער, האָט אים אויסגעהערט מיט איין האַלב־פֿאַרזשמור־רעט אויג, קלאַפּנדיק מיט די דיקלעכע, האַריקע פֿינגער אין טיש־ברעט. אַדאַ־מען, דעם חשובן פּוילישן ייִד, דעם כלל־טוער, האָט מען פֿונדעסטוועגן נישט גע-קענט סתם אָפּפּטרן מיט פּוסטע רייד, מיט צוזאָגן.

— כ׳פֿלי די טעג קיין ניו־יאָרק... — האָט אים דאַנציגער לסוף פֿאַרזי־כערט — מירן שוין דאָרט זען עפּעס אויפֿצוטון... ס׳פֿירן זיך וויכטיקע אַרומ־רעדענישן... כ׳וועל דאָרט אַלאַרמירן אונדזערע ברידער אין אַמעריקע... זיי זע־נען דאָרט, גלויבט מיר, נישט קאַרג אויפֿן דאָלער...

— מיר דאַרפֿן נישט זייערע דאָלאַרן! — האָט זיך אַדאָם אויפֿגערעגט — מיר דאַרפֿן די דרינגענדיקע אינטערווענץ אין די הויכע פֿענצטער! ווער וועט אונדז באַשיצן פֿון די רוצחים, פֿרעג איך ?!...

ער האָט עס אים פֿייערלעך צוגעזאָגט, דאַנציגער, ער האָט אַלץ צוגעזאָגט. ער האָט אַדאָמען וואַרעם געדריקט די האַנט, באַגלייטנדיק אים ביז צו דער טיר; און ווען אַדאָם האָט צומאַרגנס אָנגעקלונגען, האָט ער אים שוין מער נישט גע־פֿונען. אַדאָם האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז מיט די דאָזיקע גליטשיקע לייט איז אַרויסגעוואָרפֿענע רייד; האָט זיך אויפֿגעהויבן, דער כיטראַק, און אָפּגעטראָגן זיך, איז קודם געלאָפֿן ראַטעווען די אייגענע פֿעל. און דאָס האָבן באַדאַרפֿט זיין אונדזערע פֿאַרזאָרגער אין די וויכטיקע הילפֿס־קאָמיטעטן...

ער האָט אַליין גענומען אַרומלויפֿן, איינרייסן. צו דער פּריש־געבאַקענער פּוילישער רעגירונג אויף דער עמיגראַציע, וואָס איז צונויפֿגעשטוקעוועט גע־וואָרן אין פּאַריז, האָט ער זיך אַפֿילו נישט געוואָלט ווענדן, ער האָט זיי נישט געוואָלט אָנקוקן. ער האָט זיי געקענט, די קליינינקע לייט, ער האָט געוווּסט, אַז אַ שטיק זענען זיי אַליין שולדיק אין גרויסן אומגליק. כאָטש זיי האָבן איצט אַלע זייער שיינע רייד גערעדט — וועגן דעמאָקראַטיע... וועגן פֿאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע... וועגן די פּוילישע בירגער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם... זיי האָבן דאָ איצט געהאַלטן אין צונויפֿשטעלן אַ פּוילישע אַרמיי, צוזאַמען מיט די צעקלאַפּ־טע רעשטלעך, די אָפֿיצירן, די קאַדערן, וואָס האָבן באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן פֿון אָקופּירטן לאַנד, דורך רומעניע. אַדאָם האָט אויך נישט געוואָלט וויסן פֿון דעם פֿאַראיינדל פֿון פּוילישע ייִדן; עטלעכע אַסימילאַטאָרן, חונפֿים, האָבן גערופֿן די ייִדן צו גיין אין דער ניי־געשאַפֿענער פּוילישער אַרמיי. אַרום ניי־יאָר, ווען ס׳איז אין פּאַריז גערופֿן געוואָרן די „פֿאָלקס־באַראַטונג‟, האָבן זיך שוין אָפּגעפֿר־

נען אַ פּאָר ציוניסטישע דעפּוטאַטן, סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן, צו פאַרטרעטן די יידישע מינדערהייט, כאָטש קיינער האָט זיי נישט געשיקט און נישט באַפולמעכטיקט.

אין יענעם ווינטער, ביז פּאַריז איז אָקופּירט געוואָרן, האָט זיך דאָ געדרייעט אין די קאַפייען פון מאָנפּאַרנאַס און פון סען־זשערמען־דע־פּרעי, וווּ דאָס ליכט איז איצט שוין נישט געווען אַזוי שרייענדיק, נאָר דיסקרעט, געדעמפּט, צוליב די לופט־אַלאַרמען. ס'איז גאָרנישט געווען אין אַדאַמ'ס טבע צופּיל צו דרייען זיך אין די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפייען, פול מיט חשדיקע לייט, זוכן פאַרבינדונגען, באַקאַנטשאַפטן. ער איז געזעסן אין די קאַפייען, אַן איינזאַמער, אַ פאַרגעסענער.

מילא, וועגן די אייגענע קינדער האָט ער אַזויפיל נישט געקענט זאָרגן; יונגע מענטשן, זיי וועלן זיך אַליין מוזן אַן עצה געבן. אַליציען האָט ער כאָטש באַצייטנס באַדאַרפט אַרויסנעמען פון בראַנד. ער האָט אָבער איינגעזען, אז ס'איז דערווייל אַ פאַרפאַלענע זאַך. אַפילו אומקערן זיך אַהין קען מען נישט. ער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען.

אין די שלאָפלאָזע נעכט, צווישן די פרעמדע האָטעל־ווענט, אין פרעמדן בעט, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט — ער וועט צוריקקומען... אַליציע... זיינע יידן מיט די געלע לאַטעס... ער וועט נישט קענען אויפהייבן די אויגן פאַר זיי. ווי קינדער, האָט ער זיי גענאַרט; ער האָט זיי איינגעוויגט מיט זיסע רייד, ווי צום טויט-פאַראורטיילטע, ווען ס'קומט אַ גלח, צי אַ רב... די פיס האָבן אים צוריקגעפירט צו די אָונטיקע קאַפייען אויפן מאָנפּאַרנאַס, איבערגעגאָסן מיט גערויש. יעדן אָוונט האָט מען דאָרט באַגעגנט פרישע פּנימער. ס'איז צוריק געווען עפּעס אַן אָפּשיין פון יענע יאָרן. מ'האָט נאָך דערווייל געטרונקען עכטן קאַפע, פאַרזיסט מיט עכטן צוקער, אָנשטאָט סאַכאַרין; כאָטש ס'זענען שוין באַצייטנס אָנגעזאָגט געוואָרן באַגרענעצונגען, לעבנס־מיטל־קאַרטן. צווישן די פרעמדע אָפיצירן, וואָס האָבן פאַרפולט די טעראַסן, געפלוידערט, אין דער געזעלשאַפט פון שיינע פאַריזערינס, האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן פוילישע מיליטער־לייט, יידן. פּאַריז איז געווען דער ציטווייליקער אינזל פאַר די אַלע שיף־ברוך־געראַטעוועטע. נישט אַלע, האָט זיך געמערקט, זענען געווען אַזוי באַ'צער'ט — די, וואָס האָבן באַצייטנס אַרויסגעראַטעוועט היפּשע פאַרמעגנס... וואָס האָבן זייערע פאַרמעגנס שוין פון לאַנג געהאַט פאַרזיכערט אין די אויסלענדישע בענק פון נייטראַלע לענדער... זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין פּאַריז, אַ שמעק געטון די לופט, כדי באַלד אָפּצוטראָגן זיך ווייטער.

די גאַסן זענען געווען פאַרטונקלט. אויף יעדן ראָג האָט מען געפרעגט דאָקומענטן. אין די לעבלעכע אָוונטן האָבן געשטראָמט קיינמאָל נישט־געזעענע המונים. אַרויס פון דער איבערגעפּאַקטער מעטראָ, האָבן אַדאַמען ווידער פאַרלאָקט די פאַרשטעלטע פייערן פון „דאָם“, פון „קופּאָל“. ביי אַ טישל אין „קופּאָל“ האָט ער געטראָפן דעם זשורנאַליסט הענדלערן, דעם בלייכן מאָנפּאַרנאַס־שאָטן, קאָזשענען. ברוינער האָט זיך אויך אַראָפּגעיאָוועט קיין פּאַריז. ער האָט זיך דאָרט סוף כל סוף אויסגעגליטשט — עפּעס אַ מעשה מיט אַן אָפּאָזיציע. ס'איז אַדאַמען אויפגעגאַנגען דער ליטעראַטן־פּאַראַיין. דער צעקאָכטער זשורנאַליסט הענדלער האָט זיך שוין דאָ אַרומגעדרייט אין אַ מיליטערישער קעפּי, אין ציוויל, און האָט

זיך שוין אַנדערציילט ניסים פון די פראָנטן, ווי ער אַליין וואָלט זיך אומגעקערט פון דאָרטן. קאָזשענען איז נישט געווען צו דערקענען; ווי דער מענטש האָט זיך געענדערט! אַ תהום האָט ארויסגעקוקט פון זיין גרויען בליק. די מאָגער־אויס־געגאָלטע קינען האָבן קראַנק געפלאַמט. ברוינער האָט געפינקלט מיט די אויגן־גלעזער. ער איז געווען אין אַ גרוי־געשפריצטן ספאָרט־קאָסטיום. ער האָט אַלץ געזוכט אַריינצוואַרפן אַ פּאָר ווערטער. די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיען און די וועלט־שטעט האָבן אויסגעזען צו זיין די נאַטירלעכע לופט פאַר אים צו אָטע־מען. ער איז געווען דער מענטש פון ערב־שטורעם. ער האָט געוווסט צו באַ־שטעלן ביי די גאַרסאָנען געטראַנקען אין אייז־קעסעלעך, פּאַרשטויבטע פלעשער.

— לאָמיר טרינקען, ווי לאַנג ס׳לאָזט זיך... מיר זענען, אז מען וויל, די ערשטע קרבנות פון אייער „רויטן גאָט״... — האָט ער אַ וואָרף געטון און אויפן אָרט באַמיט זיך אָפּצוווענדן דעם שמועס — פוילן, אויף די ברייטע שליאַכן פון אייראָפּע איז, נאָך אַלעמען, געווען אַ קליין, בידנע לענדל, אָבער מיט גרויסע אַמביציעס. ביים ערשטן ריר, האָט אַלץ געפּלאַצט. כ׳קען זיי, די אונטערצינדער! איך ווייס צו וואָס זיי זענען פעאיק! קליינע מענטשעלעך. צוליב דער פוסטער אַמבי־ציע פון איינעם, זענען זיי גרייט צו לאָזן אויסשחטן אַ מיליאָן...

ברוינער האָט צווישן זיינע פינגער מיט די טיף־אָפּגעביסענע נעגל צע־קוועטשט דעם סיגאַרעט, אַוועקגעשמיסן אים, אַ פינקל געטון מיט די גלעזער:

— ס׳איז די דעגענעראַציע פון אַ שיינעם דור... מיר האָבן עס באַצייטנס גע־זען און געוואָרנט דערפאַר...

הענדלער האָט געלאַכט. ער האָט פאַרזיכטיק אָפּגעשטויבט זיין מיליטערי־שע קעפּי און צוריק זייטיק זי פאַרזעצט אויפן קאָפּ. ער האָט שוין איצט גע־פלאַפּלט וועגן אַן אַנטי־אוויאָן־פאָרמאַציע; ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פולער קעשענע פאַפּירלעך, לעגיטימאַציעס און אַז מ׳האָט אים ביי די אַבלאַוועס אויפן בולוואַר פאַרהאַלטן, האָט ער זיי דאָרט צעטומלט. ער האָט זיך פון אומעטום לייכט אַרויסגעגליטשט. ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער אין פאַראיינדל פון די פוילישע פאַטריאָטן, האָט געהאַט צו טון מיט גענעראַלן און מיט דער גאַנצער פוילישער פריש־אַנגעלאָפענער עמיגראַציע.

— מעסיע נאַטאַנזאָן! — האָט ער זיך געקאָכט — זיגן וועלן מ י ר !... כ׳האָב אַ וויכטיקע פאַרזיכערונג פון אַ מיניסטער...

אַדאַם האָט געשוויגן, אָנגעקוקט אים דורכדרינגלעך. לעבן אים האָט ברוינער אַלץ עפּעס געצויגן:

— די אַלע שיינע פראַזן וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם... פעלקער־פריינטשאַפט... דער פינצטערער עגאָאיזם ביי די פעלקער קריכט ווידער אַרויס, דאָ און דאָרט און — אומעטום...

— כ׳פאַרשטיי נישט — איז קאָזשען אויפגעשפרונגען — מיט וואָס פאַראַ צינישער לייכטקייט איר לאַכט אויס אַלץ, וואָס איז שיין געווען נעכטן... די, וואָס האָבן געגלויבט און געבלוטיקט, ליגן איצט דאָרט אונטערן נאַצישן שטיוול... און איר זענט, ווי די מייז...

ער האָט זיך אויפגעריסן, נאָר הענדלער האָט אים דאָרט, לאַכנדיק ברייט, געכאַפּט אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אָבער ארויסגעריסן פון אים. אַדאַם האָט זיך אויפגעשטעלט צו גיין. „ווי מענטשן זענען ברוטאַל צעריסן געוואָרן" — האָט ער זיך געזאָגט; און, אַן אומעטיקער, געלאָזן זיך איינער אליין אַראָפּ מיטן האַלב־אויסגעלאָשענעם בולוואַר.

ביסלעכווייז זענען זיך די קאָנגרעס־לייט, די אַנגעלאָפענע, אויך צעקראָכן; אין די קאַפייען איז פוסטלעכער געוואָרן. די אַלע זענען פאַרשווונדן אומ־געריכט, אַן אַ זיי־געזונט, אויסגעהיטן זיך איינער פאַרן אַנדערן. די מערסטע האָבן זיך אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע — דורך פּאָרטוגאַל, דורך איטאַליע. אַדאַם האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זייטיקן האָטעל און האָט קיינעם פון די באַקאַנטע נישט געטראָפן מער. ער איז געלאָפן אָנקלאַפּן אין טירן — יידישע, יידיש־אָפּגעפּרעמדטע, נישט־יידישע טירן; זיי זענען שוין געווען מערסטנס חשדיק־פאַר־שלאָסן, פאַרהאַקט. מ'האָט אים אויפגענומען מיט האַלבע רייד, מיט אומצו־טרוי, מ'האָט זיך געאיילט, ווי יעדער איינער וואָלט זיך געיאָגט צו געפינען אַ רואיק, זיכער ווינקל, קעגן אַנקומענדיקן שטורעם.

אין דער ענג־איבערגעפּולטער, ביז אַרויף באַזעצטער קאַפע „קופּאָל" האָט אים אין דעם אָוונט ביים טישל עמיץ אַ מורמל געטון אויפן אויער. אַ הויכער, דיקלעכער מאַן מיט אַ רונדן רוימישן קאָפּ, דער קאָפּעלוש פאַרשאַרצט אין טיפן שטערן אַריין, מיט אַ נאַכלעסיק־צוגעקלעפּטן ציגאַר אויף אַ ווינקל ליפּ. ער האָט אַדאַמען אַ מורמל געטון, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ וועג אַריבערצוכאַפּן זיך קיין ארץ ישראל, דורך אַלע בלאָקאַדע־וואַכן אויפן מיטללענדישן ים... אַז וויכטיקע איני־ציאַטיוון צוהילף די היימלאָזע יידן פון אייראָפּע ווערן שטילערהייט אָפּגעטון...

— ס'איז נישט אַמאָל די שיף, וואָס קיין שום פּאָרט לאָזט זי נישט פאַר־אַנקערן ?... — האָט אַדאַם, אַן אַ ברעקל צוטרוי, אַ פרעג געטון ביי יענעם.

— ס'איז די עליה „ב", מיין ליבער ייד... — האָט אים יענער איינגערוימט אויפן אויער — מ'האָט זיי אין דר'ערד, די שונאי ישראל... איר הערט ? זיי וועלן אונדז סוף כל סוף מוזן לאָזן פאַראַנקערן... ס'איז אַ מלחמת־מצוה... אַלע מיטלען זענען כשר אריינצוקומען צו א ו נ ד ז אין לאַנד אריין, איר הערט, צי ניין ?... איי, יידן, יידן... — דער שווערלעכער מאַן האָט געקרעכצט און האָט, זעט אויס, נישט אַלץ דערזאָגט — הלוואי וואָלט איר עס פריער פאַרשטאַנען !...

יענער האָט זיך פאַוואָליע צוגעזעצט נאָענט, אויף אַ ברעג שטול, געזשמור־רעט אַן אויג פונם רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון גראָבן ציגאַר אויף אַ ווינקל ליפּ, און גערעדט צו אַדאַמען האַלב אויפן אויער :

— אַזעלכע ווי איר באַדאַרפן מיר באַצייטנס צו ראַטעווען... נעמט אייער וואַ־ליזקע און לאָזט אייך פירן. איר וועט נישט פאַרלוירן גיין ! ס'איז נאָך פאַראַן אַ האָנט, וואָס זאָרגט...

אַדאַם האָט אים דורכן ציגאַרן־רויך אָנגעקוקט פון דער זייט. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז קיין גלייכע וועגן זענען איצט בכלל נישטאָ, אַז אַלע קרומע וועגן זענען אפשר — די גלייכסטע. אָבער ווער איז ער, דער ייד ? ער האָט עפּעס שטילערהייט געהערט וועגן אַן אומלעגאַלער עליה צו די ברעגן פון לאַנד. ס'איז

געווען אַ מינוט פון העכסטער פאַרצווייפלונג; ער האָט אַ טראַכט געטון, אַז אויב איבערוואַרטן, איז כאָטש צווישן יידן.

אין פינצטערן פרימאָרגן, סוף פעברואַר, ווען אַלע פייערן פון שטאָט זענען געווען פאַרלאָשן, פאַרטונקלט, האָט מען אַדאַמען שוין אָפּגעוואַרט אויף אַ הינטער־שטאַטישן וואָקזאַל. די צוגן זענען מער נישט געגאַנגען רעגולער. אויפן וועג צו דער שווייץ האָט מען זיך געוואַלגערט אין אַ סך באַנען, קליין־באַנדלעך, אויטאָ־בוסן. פון ציריך זענען זיי אין אַ לויטערן פרימאָרגן אַריינגעפאָרן קיין איטאַליע. אַלע וואַגאָנען זענען געווען פאַרלייגט מיט מיליטער. אין אַלטן פּאָרט פון גענואַ האָט די זון אינמיטן פעברואַר ווידער געשיינט. אַ געאייל פון טראַמווייען צווישן געדיכטע מערק, טעראַסן, באַלייגט מיט דרום־פּרוכטן. סיי אויף די סאָלדאַטן, סיי אויף די אָפיצירן זענען די אוניפאָרמען געהאַנגען, ווי מלבושים פון אַן אלטן טעאַטער־רעקוויזיט.

אין גענואַ איז מען פאַרבליבן ביז אַפּריל. די פּאַניק איז שוין געהאָנגען אין דער לופט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע דייטשע אָפענסיווע. אין איינער אַ נאַכט האָט מען אַ רוף געטון. ס׳זענען געווען עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך. דער דיקלעכער ייד פון פּאַריז, דעם ציגאַר צוגעקלעפּט צו די ליפּן, איז דאָ אויך פון ערגעץ אויסגעוואַקסן. מ׳האָט אים געקענט אָננעמען פאַר אַ גרענעץ־שמוגלער, אַ געהיים־אַגענט, אָדער איינעם פון די, וואָס ראַיען זיך אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָרט־שטעט פון דער וועלט.

— מען דערוואַרט אייך דאָרטן... — האָט ער אַדאַמען אַ שושקע געטון — מיר האָבן באַקומען ידיעות...

ס׳איז אים שוין אַלץ איינס געווען. ער האָט זיך בלינד געלאָזן פירן, אַדאַם. ס׳איז, הייסט עס, פאַראַן ערגעצווו אַ געהיימע יידישע האַנט, אַ פריינטלעכע. עמי־צער טראַכט וועגן אונדז אויך... און ער האָט זיך אַ ווײלע פאַרגעסן. דערנאָך האָט עס אים אַ ברי געטון: אַליציע... די קינדער... ווי אַ פחדן לויפט ער ראַטעווען די אייגענע הויט. ער האָט אַלץ געוואָלט וואַרפן און אַנטלויפן. אָבער ווי אַזוי? ער איז געגאַנגען. די מאַטראַסן האָבן זיי געפירט אין אַ זייט פון הויפּט־איינגוס, צו אַ קליין שיפל מיט אויסגעלאָשענע פייערן.

נאָך האַלבער נאַכט האָט מען זיך אומבאַמערקט אַרויסגעגליטשט פון פּאָרט. מ׳איז געשווומען לענגאויס די ברעגן, אַראָפּ. ס׳איז געווען אַן אַלט שיפל. מען איז געלעגן אויף דר׳ערד, אונטערגעשפּרייט מיט שטרוי. אין די קורצע טעג האָט מען זיך ערגעצווו פאַרהאַלטן ביי פאַרלאָזענע ברעגן. אין די נעכט האָט מען זיך געשמוגלט דורך די בלאָקאַדע־וואַכן. עס זענען געווען מיט זיי עטלעכע פּעסטע, שווייגנדיקע בחורים, וואָס האָבן געפירט. זיי האָבן, לויט זייערע ווינט־צעבייטשטע פּנימער, גאַרנישט אויסגעזען ווי קיין יידן, נאָר ווי אַלטע ים־לייט, וואָס קיין שום שטורעם שרעקט זיי נישט אָפּ. די קאַרגע צוויי צענדליק מענטשן זענען געווען בלייך, קראַנק, האָבן זיך מער נישט געקענט אויפשטעלן. אַ גע־זונט, לאַכנדיק מיידל האָט זיך פאַרנומען מיט זיי. זי האָט נאָכאַנאַנד געטרייסט,

אַז ס׳איז שוין נישט ווייט; ווייל זיי האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן דעם חשבון זויפל טעג און נעכט דאָס אַלטע שיפל האָט זיך פאַרטייעט געגליטשט פאַרביי די פרעמדע, אויסגעלאָשענע ברעגן.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען מ׳האָט אַרויסגערירט אין אָפענעם ים אַריין, האָט געגנו־מען ציען אַ לינדער ווינט. די זון האָט זיך געזעצט אין הייסע פאַרבן און איז באַלד פאַרשוואונדן אין ים. ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ זילבערדיקע לבנה־נאַכט. דאָס שיפל האָט זיך שטאַרק געוואָרפן. ס׳איז אַדורך אַ מורמל, אַז אויפן האָרי־זאָנט האָט זיך באַוויזן אַן ענגלישע פאַטרול־שיף. אין דער פינצטער האָבן שטיל געפּלעסקעט וויאָסלעס פון אַ שיפל. די בלייכע פּנימער האָבן זיך געטוליעט צו איינאַנדער. „אייגענע"... — האָט מען זיך איבערגעגעבן. מוסקולירטע, וואַרעמע הענט האָבן זיי געהאָלפן איינשטייגן. און נאָך איידער ס׳איז טאָג געוואָרן, האָבן זיי דערפילט האַרטן באָדן אונטער די פיס. אַלע זענען געווען שיכור, פאַרחלשט. אַ שנעלער לאַסט־וואָגן, אָן איבערגעדעקטער, האָט זיי לאַנג, לאַנג געפירט צווישן פאַרדרייטע שטעגעלעך, צווישן פעלזן, שאַרפע אָפריסן, צו אַ ווייס הויז, אַרומ־געשטעלט מיט ציפּרעסן, אויף אַ בערגל, מיט ליכטיקע פענצטער צום ים אַרויס.

## קאַפּיטל זיבן

פון מעטראָ פאָרט ד׳אָרלעאַן ביז צו דער פאָרשטאָט באַניע, צום שטילן בית־עולם מיט דער אַליי פון יידישע קברים, זענען אַלע פינף מינוט אָפּגעפאָרן פול־געפּאַקטע אויטאָבוסן. אין די רייען, אויף דער פּלאַטפאָרמע און אין די שמאָלע דורכגענג, האָבן זיך די עטלעכע היימישע באַלד דערקענט. אין דעם וואָ־כעדיקן טאָג האָט יעדער איינער איבערגעלאָזן זיין אַרבעט און אַ קליין הייפל פריינד איז געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דער פרי־געעלטערטער שוישפּי־לערין מאַניע לערנער, וועלכע איז דאָ אויסגעגאַנגען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם שפּיטאָל. קיינער האָט אפילו גענוי נישט געוווּסט וואָס איר איז געווען. איר טויט האָט אַלעמען געטראָפן אומגעריכט. אַז אַ מענטש דרייט זיך אַרום צווישן אַלע־מען, באַמערקט מען אים געוויינלעך נישט. מ׳האָט נישט געוווּסט פון וואָס זי לעבט, ווו זי האַלט זיך אויף. אין איר מויל איז דאָס וואָרט אונדזערע קלאַסיקער געווען פול מיט טיפער איבערלעבונג. זי האָט דאָ אַ שטיקל צייט געשפּילט אין אַמאַטאָרן־טעאַטער, ווו ס׳קומט אַ שיטערער עולם, און האָט געחלומט פון יענע גלאַנץ־יאָרן אין דער „ווילנער טרופּע". זי האָט אָנגעהערט צו אַן אַנדערן דור, אָן שום ספק אַ שענערער דור. די טרופּע איז אַמאָל געווען אויף טריאומף־רייזעס איבער די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע; עס זענען געווען אַפּלאָדיסמענטן, בלומען און רוישיקע באַנקעטן. דערנאָך זענען זיך אַלע פונאַנדערגעפאָרן און זי איז גע־בליבן שטעקן אין פּאַריז, אויף דערוויילע.

אַ פלאַם האָט געשלאָגן אין אירע מאָגערע באַקן. איר קליין, הייס מויל איז געווען ווי אַ דינע, עקספּרעסיווע קויל־צייכענונג. אַ גרויער, עקסטראַוואַגאַנטער הוט האָט פאַרדעקט אירע לאַנגע קאַשטאַן־האָר, צעשאָטן אויף דער טונקעלער פּעלערינע, שפּרייזנדיק אויפן בולוואַר. זי האָט געשפּרייזט ווי אין חלום. זי איז געווען אַ קרבן פון די זייטיקע האָטעלן אין פּאַריז, וווּ מען גייט אויס פון איינזאַמקייט.

אויף דער פּלאַטפאָרמע, לעבן אהרנען, האָט זיך מיטגעשאָקלט דער אַלטיטשקער טאָני מינסקער. „עפּעס פיל איך עס אויף מיין געוויסן... — האָט ער גערעדט מיט צער — זי איז אפשר אויפן געוויסן פון אונדז אַלעמען... פון אונדזער פאַריאָגט לעבן אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט"...

נאָענט ביים אָפּשטעל האָט אָנגעיאָגט אַ טאַקסי, באַלייגט מיט קרענץ. פון אויפגעמאַכטן טירל איז פלינק אויסגעשטיגן דער זשורנאַליסט הענדלער. ער האָט מיט שאַרפע באַוועגונגען גלייך־געמאַכט דעם העל־געשפּריצטן אָנצוג, אַ קעם געטון דעם שויבער און האָט זיך מיט ענערגישע טריט געלאָזן גיין צום טויער. הינטער די ווייניקע ווערבעס האָט זיך שוין געקליבן אַ קליינע גרופּע — עטלעכע אַרטיסטן, שרייבער, קולטור־טוער. מ׳האָט אַ ליאַדע מינוט דערוואַרט דעם וואָגן מיטן שוואַרצן ארון. הענדלער האָט זיך פאַרריכט דעם קראַוואַט און גיך־גיך עפּעס פאַרצייכנט אין נאָטיץ־ביכל. „מען ריכט זיך אויף געשעענישן"... האָט ער אַ וואָרף געטון און ווייטער געלאָפן.

דאָס געזעמל איז דערנאָך לאַנגזאַם געטרעטן הינטערן שוואַרצן וואָגן, איבער די שטילע אַלייען, פאַרגאָסן מיט זון. ס׳איז געווען אַ בלענדיקער טאָג, אַ דורכזיכטיקער. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן אין רוקן.

— זי האָט געחלומט פון אַ בעסער יידיש טעאַטער... זי האָט געהונגערט און נישט געוואָלט שפּילן קיין שונד... — האָט עמיץ געלאָזן פאַלן.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. מען איז שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען טריטוויז. עפּעס צו בהפזונדיק איז די גאַנצע טרויער־צערעמאָניע צוגעגאַנגען. דער איינציקער, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער ביים אָפענעם קבר, איז געווען הענדלער. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט חידוש; ווי ער וואָלט צעטרייסלט די פאַרכטיקע שטילקייט, ווען מען דאַרף בלויז שווייגן.

— ...דאָס בינע־ליכט — האָט ער געזאָגט פייערלעך — האָט זיך פּאַר איר איינמאָל געהאַט אָנגעצונדן אין יענע יידישע שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען מיר אַלע קומען און וווהין מיר ווילן אייביק בענקען... אויסגעלאָשן האָט זיך עס דאָ, אין דער פרעמד. זי האָט געזוכט דאָס ליכט און די וואַרעמקייט פון אונדזערע היימישע פייערלעשער־שאַפּעס... דער בלענד פון די גרויס־שטאָטישע ליכטער האָט זי אַלט און בלינד געמאַכט... און מיט יענער וויזיע האָט זי אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם אין אַ פרעמדן, עלנטן שפּיטאָל...

ער האָט נאָך דאָרט גערעדט וועגן דער אויסגעחלומטער וועלט פון אַ קינסטלער, וואָס אַליין פלאָנטערט ער זיך אַ גאַנץ לעבן אַרום און פאַרפּלאָנטערט זיך אין אונדזער האַרבער, טרויעריקער עקזיסטענץ... די ביאָגראַפיע פון אַ קינסטלער איז טרויעריק און שיין, מער טרויעריק, ווי שיין...

ביי אַזעלכע געלעגנהייטן איז ער, ווי פון אונטער דער ערד, קאַפּויער געקו־מען. אין די קאַפּייען, וווּ ער האָט זיך באַוויזן, איז ער געווען ברייטלעך, געריסן זיך צו צאָלן פאַר אַלעמען. דעם מרה־שחורהדיקן קאָזשען, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט אין די פּוסט־געוואָרענע קאַפּייען אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָט ער אַלע־מאָל צווייַ־דייטיק אַריינגעזאָגט און געקלאַפּט אים אין דער פּלייצע : „יענע זאַכן איירע, ווייסט איר, ליגן מיר נאָך אין טעם... פונדעסטוועגן מוז מען זיך פאַרנע־מען מיט גאַנץ פּראַזאַישע זאַכן, כדי צו באַצאָלן פאַר דער קאַפע, אַ?"... ער האָט אים שאַרף אויסגעמיטן, קאָזשען, ער האָט אים נישט געקענט פאַרטראָגן.

קיינער האָט שוין דערנאָך נישט געדענקט וואָס פאַראַ צופאַל ס'האָט זיי צוזאַמענגעברענגט. מיט אַלעמען אין וואָגן איז איינגעשטיגן הענדלער. דער טראַנספּאָרט־וואָקזאַל האָבן סאָלדאַטן, אין דער מיט גאַס, געפירט פערד מיט שווע־רע, פאַרוואַקסענע סטאָפּעס. ס'איז געווען אומגעוויינלעך. די שיין האָט זיך אין אַלע טישלעך געוועזן באַזעצט. ס'האָט זיך דאָרט געראַיעט, ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן. די גאַס איז געווען פאַרשטעלט מיט אויטאָס, לאַסט־אויטאָס. פון טראַנספּאָרט־וואָקזאַל האָבן סאָלדאַטן געפירט פערד מיט שווערע, פאַרוואַקסענע סטאָפּעס אין דער מיט גאַס. ס'איז געווען אומגעוויינלעך. די שיין האָט זיך אין דער אָנגעפּאַלענער טונקלקייט געלאָשן אין די בלינד־פאַרקלאַפּטע פענצטער פון די אויבערשטע שטאָקן. זיי האָבן קוים אָפּגעזוכט אַ ווינקל אין קאַפע „דאָם", באַ־שטעלט ביי די גאַרסאָנען צום טרינקען.

אין די לעצטע טעג, זינט קורט ווינקלער איז ווידער ערגעץ פאַרפאַלן גע־וואָרן, האָט אהרן געפילט, אַז עפּעס דאַרף דאָ געשען. קורט ווינקלער איז גע־ווען ווי דער שטורעם־פויגל, וואָס דערפילט דעם אָנקומענדיקן געוויטער. נאָך איידער וואָס, האָט זיך דער געוויטער אריינגעריסן צו אהרנען, אין זיין פאַרלוי־רענער נעסט. ס'איז אומעטיק געווען אָוונט־צייט, ווען אַלע פייערן לעשן זיך אויס, אַריינצופאַלן און סטערקען נישט צו געפינען. זי איז ערגעץ אַרומגעלאָפן. אַלע טויטע זאַכן אין שטיבל האָבן, אין זייער צעוואָרפנקייט און אומאָרדענונג, דערציילט וועגן אומגעדולד. די ליבע שאָטנס פון נעכטן האָבן געשראָקן. ס'איז אים דאָ אַלץ צוריק פרעמד געווען.

ער האָט געשוויגן. ס'איז אַ לעצטער פאַרנאַכט — האָט ער זיך געזאָגט. ער האָט לאַנגזאַם געזופּט דעם אויפרייצנדיקן געטראַנק, וואָס הענדלער האָט באַ־שטעלט. גערעדט האָט ווידער הענדלער. אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָס וואָרט קומט אים איצט. ער איז געווען אין זיין עלעמענט. ביי אהרנען האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אַ שורה פון אַ יידישן דיכטער : „ס'איז שיין, ווען שטורעמס קומען אָן"... איין הענדלער האָט נישט פאַרלוירן זיין האָפערדיקייט, אין שיין פון די אָנקומענדיקע שטורעמס.

מען איז זיך צעגאַנגען שווייגנדיק. יעדער איינער האָט זיך פאַרלוירן אין געדראַנג פון דער אָוונטיקער מעטראָ. סטערקען האָט אהרן אין שטוב נישט גע־פונען. ער האָט פאַרהאַנגען דאָס פענצטער און ביים אבאַזשור געבלענדט זיך די אויגן ביז שפּעט איבערן באַרג צייטונגען. פון יעדער שורה האָט געשריגן פאַר־דאַכט. וווּהין גייען מיר ? אַלץ האָט אים באַנג געטון. ער האָט מער נישט גע־דענקט וועגן סטערקע איז אהיימגעקומען. ער האָט שוין מער נישט געפרעגט. ער

האָט דערפילט דעם טיפסטן פּאַרדרוס, אַז זי איז אים אפילו קיין חבר נישט, אַ פּרעמדע.

פּאַרטאָג האָט זיי צום ערשטן מאָל איבערגעוועקט די סירענע. אין געדיכטן שלאָף, האָט זי געוואָיעט לאַנג, טרויעריק, ווי אַ וועלט־אונטערגאַנג. אַזוי צע־טראָגן, איז סטערקע אַרונטערגעשפּרונגען פון די שטיגן. אין די קעלערן פון הויף, צווישן די איבערגעשראָקענע מענטשן, האָט ער זי אַרומגעזוכט. אַלע האָבן גע־מיינט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועלן נעמען פאַלן דייטשע באָמבעס איבער פּאַריז. אַ מיטליאָריקע דאַמע, אין אַ צו־לאַנג נאַכט־העמד, אין אַ שטרענג־אָנדולירטער, הויך־אויפגעגאָרנטער פריזור, האָט געחלשט. מ׳האָט זי דאָרט געטראָגן איבער קעפּ. אַן עלטערער מאַן האָט געלאָזן פאַלן: „די שווינדלער... זיי האָבן אונדז ווידער שיין דערפירט”... די הויז־וועכטערין פון נומער 16, מיטן גרויען מכשפה־קאָפּ, האָט געשנורעוועט די ליפּעלעך: „די אויסלענדער... די מעטעקס... אַלע זענען שוין אַוועק”... די יונגעלייט האָבן זיך געוויצלט און די מיידלעך האָבן זיך געטוליעט צו זיי. מ׳האָט זיי אָנגעקוקט קרום, די יונגעלייט; זייט עטלעכע טעג, ווי די מאָביליזאַציע איז פּאַראָרדנט געוואָרן און זיי האָבן זיך דאָ נאָך אַלץ אַרומגעדרייט.

אין דער פרי איז געווען אַ קילע זון. סטערקע האָט זיך געקליבן ערגעץ — ער האָט נישט געפרעגט וווהין. זי האָט געהאַט אַן אָנגעברוגזטן פּראָפיל, ווי אין אַלעם וואָלט ער שולדיק געווען. ער איז אַוועק אַרומשלייכן זיך איבער די גאַסן. אין אַ קאַפע האָט מען אים שווייגנדיק דערלאַנגט אַ גלאָז ביר און — ווי מען וואָלט אים אינגאַנצן נישט באַמערקט. ווי מענטשן האָבן זיך געענדערט איבער נאַכט. אַפילו די גאַסן־מיידלעך האָבן מער נישט געלאַכט. די פּריי־לעכע מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיטן אלטיטשקן טאַני מינסקער איז ער גע־גאַנגען איבערן בולוואַר. עס זענען געגאַנגען אַבלאַוועס. פּאָליציי־לייט און ציוּ־ווילע זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט פון גאַס, פאַרהאַלטן, לעגיטימירט. ס׳איז שווער געווען אַפּצורייסן זיך פון פּאַריז אין יענע טעג. אין גאַנצן אומגליק, איז געווען אַ סך עמאָציע. אַלע האָבן צוגעזען ווי ס׳איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דער אַלטער אַרסענאַל פון דעמאַגאָגיע, פון ביליקן פּאַטריאָ־טיזם, וואָס גרענעצט זיך מיט פּאַרראַט. סך הכל איבער צוויי יאָר ווי אהרן האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט, אין אָט דעם קאָסמאָפּאָליטישן קעסל; ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין לופט צו אָטעמען — דער קרומער, שטעכיקער בליק פון יע־דער שכנה, דאָס צוויי־דייטיקע לאַכעלע פון דער הויז־וועכטערין יעדן אין דער פרי: „איר זענט נאָך דאָ?... אַבי איך האָב געמיינט איר זענט שוין אין דער אַרמיי”...

ס׳איז געווען אויך אַ געמיש פון נייגער צו גיין אַריינוואָרפן זיך אין גרינעם שינעל, נעמען אַ ביקס אין האַנט אַריין, פאַרוואָרפן ווערן אויף אַן אומבאַקאַנטן סעקטאָר, „ערגעצוווּ אין פראַנקרייך”. וואָס צו פאַרלירן איז סיי־ווי נישט געווען. די שטילע נעסט איז געוואָרן אַ שטילער גיהנום. מ׳האָט זיך געפרעסן, אָן רייד.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַ רעגנדיקן אָוונט, איז אהרן אין אַ פול־אי־בערגעפּאַקטן צוג מיט פרייוויליקע, די מערסטע — יידן, שניידערס פון בעלוויל —

אַוועק ווייט פון פּאַריז, ווייט פון אַלע היימישע, פון סטערקען, ערגעץ צו די וויסטע, זאַמדיקע פישער־ברעגן ביים מיטללענדישן ים. ס׳האָט ווי געטון פאַר אַלץ, וואָס איז געווען נעכטן. נישט לייכט איז געווען דאָס רויִע לעבן פון אַ סאָלדאַט. ער איז געלעגן אויף אַ באַרג שטרוי, אין הילצערנעם פליי־באַראַק, וואָס האָט געקרעכצט אין רייסיקן ווינט פון סוף אָקטאָבער, ווען דער ים ביי די שפּאַניש־פראַנצויזישע ברעגן איז שוימיק, די הימלען — פינצטער. ער האָט זיך ארומ־געדרייט אין די טיפע זאַמדן אין בלויען שינעל פון יענער מלחמה, אָן אַ גאַרטל־פּאַס, מיט אַ ווילדער, צוויי־שפּיציקער קעפּי. די אונטער־אָפיצירן, די יידישע שניידערס פון בעלוויל, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט פאַרלוירן זייער ביטערן הומאָר, האָבן אים אָנגעקוקט מיט שמייכל און באַדויערן. עטלעכע מאָל האָבן אים די אונטער־אָפיצירן, די אַלטע לעגיאָנערן, אַריינגעפּאַקט אין תפיסה־באַראַק פאַר נישט ריין־האַלטן די ביקס, פאַר נישט ווי געהעריק סאַלוטירן, פאַר גיין צעקנעפּלט, נישט לויטן רעגולאַמין. די בריוועלעך סטערקעס זענען געווען קילע, לאַקאָנישע. וואַרעמע, מאַמישע בריוו האָט זי דערפאַר געשריבן, די אַל־טע, און אויך דער טאַטע האָט צוגעשריבן מיט אַ ציטערדיקער האַנט. זיינוול, וועלכער איז שוין געווען אַ פראַנצויז, האָט זיך געפונען ערגעץ אין נאָרד, אָדער אויף דער מאַזשינאָ־ליניע, אין אַ מאָטאָריזירטער אָפּטיילונג.

עטלעכע וואָכן האָט זיך אהרן אַרומגעוואַלגערט אין לאַגער־לאַזאַרעט. די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען ביי אים אַן אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אויסגעלאָשענער, געוואַרעמט זיך אין דער לוילעכער ווינטער־דיקער דרום־זון. ביי די איבונגען איז ער איינמאָל אַוועקגעפאַלן מיטן שווערן מאַשין־געווער אויף די אַקסלען. אַרום ניי־יאָר האָט מען אים דאָרט אויסגעשריבן אַ צעטל און — צוזאַמען מיט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט אומפּעאיקע צום דינסט — אָפּגעשיקט צוריק קיין פּאַריז. ס׳איז געווען אַן אומגליק, ווייל די אַלע, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן פון אויסלענדער־לעגיאָן, זענען, אַן שום איבערקלייב, באַלד דערנאָך גערופן געוואָרן אין דער פוילישער אַרמיי אין פראַנקרייך.

ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט אים סטערקע אַ באַקוק געטון, אַזאַ ווייטע, אַ פרעמד־געוואָרענע, האָט געלאָזן אַ טרער און איז אפילו עטלעכע טעג אַרומ־געגאַנגען אַרום אים מיט שטילע טריט. זי איז איצט פאַרפאַרעט געווען אין דער טריקאָ־אַטעליע. ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט פאַרן מיליטער. זי איז אַוועק אויף גאַנצע טעג און אָוונטן, געלאָזן אים אַליין.

ער איז געלעגן אין בעט, צווישן די שאָטנדיקע ווענט, ביי האַלב־פאַרצויגענע פאַרהאַנגען. אַלץ אין שטיבל איז געווען אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט. פאַרן פענצטער איז געשטאַנען אַן אָנעמיש ביימל אין הויף. ס׳האָט געקלאַפּט אין דער שויב. מיטן בליק האָט ער זיך איינגעפרעסן אין האָקן פון פינצטערן סופיט. צו־לענענדיק די אויגן, האָט ער געזען פאַר זיך — אָטוואָצק... פייגעלען... ער האָט געוווסט, אַז זי איז ערגעץ אין פּאַריז. „גליק... — האָט ער זיך געזאָגט — מען ווייסט טיילמאָל אַליין נישט ווי גליקלעך מ׳איז״... די עטלעכע חדשים אין די פליי־באַראַקן, דער אָנגעלויף פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן — אַלץ האָט זיך געדרייט אין זיין מוח. דער חשבון איז געווען פאַרענדיקט. אין האַלבן דרימל, האָט ער

דאָ ערגעץ דערזען לעבן זיך סטערקען. זי איז אַריינגעקומען, ארומגעדרייט זיך אַ פּרעמדע, געזוכט עפּעס, געניִשטערט און איז באַלד ווידער אַוועק.

אין דרויסן איז צוריק געווען פרילינג. אויפן בולוואַר איז געגאַנגען א היל־כיקע פּאַרעריי פון לאַסט־וועגן. שווערע רעדער זענען געפּאַלן אויפן אַספּאַלט. ס'איז געווען צופיל ליכט פאַר זיינע אויגן. די מאַמע איז אויך איינמאָל געקו־מען — אַן אַלט־געוואָרענע, א קליינע. מ'האָט גערעדט צו אים. ער האָט מער נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ווילן פון אים. ס'האָט זיך אים אפילו געחלומט, אַז די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און פייגעלע איז אַריינגעקומען. ס'האָט אַ קלונג געטון דער דינער זילבער פון איר געלעכטער, אָבער ס'איז געווען אַן אומעטיק לאַכן. ער האָט מורא געהאַט אויפצומאַכן די אויגן, דער חלום זאָל נישט אויסרינען. אַזוי חלומען קינדער, פאַרטראַגן, ביי דער מאַמעס אויסגעוואָרעמטער זייט, אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען הינטערן פענצטער וואָיעט דער אַלמעכטיקער ווינט, דער אוראַלט, די בלינדע, צעוויגטע כוחות פון דער פּרעהיסטאָריע. ער האָט גע־זען — אַטוואָצק... עס שווימט אַן דורכן ברייט־צעעפנטן פענצטער, אויפן ערשטן שטאָק, די סודותדיקע זשומעניש פון די סאָסנע־קרוינען. דער אויסגעבריטער, טרוקענער ריח אָטעמט זיך אין טיף, מחיהדיק. פייגעלע, ווי אַ מוטער, האָט אים אַרומגעוואַשן, צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, ער זאָל שווייגן, און שטיל אַוועק־געפלאַטערט דורך דער וועראַנדע...

ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן. ווער ס'האָט פאַרמאַכט די טיר צום דרויסן, האָט ער נישט געוווסט, נאָר אויפן ראַנד פון בעט איז, צווישן טאָג און נאַכט, געזעסן — פייגעלע, זי, טאַקע זי.

— אהרן... — האָט זי גערעדט מעלאַדיש־שטיל — דערקענסט מיך כאָטש, אהרן ?...

ער האָט ברייטער אויפגעריסן די אויגן, אָנגענומען זי ביי דער האַנט, צו זיין זיכער, אַז ס'איז טאַקע פייגעלע. דאָס דאַרע ביימל האָט געקלאַפּט אין פענצ־טער. ער האָט געפילט, ווי אין איר וואַרעמער האַנט קלאַפּט אַן אָדערל.

— כ'האָב געוווסט, אַז ביסט אין פּאַריז... — האָט ער נאָר געשטאַמלט — כ'האָב נישט געוואָגט...

— כ'מוז שוין גיין... — האָט זי, נאָך אַ ווײַלע, געזאָגט — איך געהער נישט מער צו זיך אַליין. פאַרליר זיך נישט, אהרן... מיר מוזן שטאַרק זיין... מער ווי אַלעמאָל...

און זי האָט שטיל צוגעלענט די טיר אויף יענער זייט.

סטערקע האָט זיך אַריינגעוויזן אויף א מינוט און איז באַלד אַוועק. ער האָט זי געוואָלט בעטן, שטאַרק בעטן... נאָר פעסטע הענט האָבן אים מיטאַמאָל גענומען און אַראָפּגעטראָגן די שטיגן. ער האָט זיך נישט געקענט ווערן. אין דעם טאָג האָט מען אים איבערגעפירט אין אַ קליינעם, שטילן שפּיטאָל, אויסער דער שטאָט. טיף אין פאַרק האָט אַ הויכע מויער אָפּגעטיילט די פאַרקראַטעוועטע געביידע פון דער אויסערלעכער וועלט. אין טויערל פון פאָרנט האָט מען זעלטן געקלונ־גען. דאָ זענען געווען נאָך אַזעלכע, געבראָכענע פון די פראָנטן. זיי זענען געלעגן אויסגעלאָשן אויף זייערע בעטלעך אין דער לאַנגער פאַלאַטע. טיילמאָל איז אהרן

אַרונטער אין פּאַרק, געבלאָנדזשעט לאַנג צווישן די אַלייען, אונטער די קאַשטאַ־נען, באַשאָטן מיט ווייסן צוויט; אַזעלכע קאַשטאַנען, האָט ער זיך דערמאָנט, זע־נען געווען אַמאָל, דאָרט, אין זיין קינדהייט.

נאָך איין איינציק מאָל האָט זיך סטערקע געוויזן. זי איז נישט געווען די זעלבע. עס זענען כמעט נישט געווען קיין רייד. זי איז אַוועק, נאָך איידער די אויפנעם־שעה איז איבערגעלאָפן. ווי ער וואָלט שוין מער נישט באַלאַנגט צו דעם אַלעם, וואָס האָט זיך אָפגעטון אויף יענער זייט באַוואַכט טויערל. דערנאָך האָט מען אַרום אים געשריגן — „פאַרראַט! פאַרראַט!"... אַוויאָנען מיט גרויסע, שוואַרצע קרייצן זענען געפלויגן נידעריק איבער דיביימער פון פּאַרק און גע־וואָרפן אַ שאָטן אויף דר'ערד. „די דייטשן"... — האָבן מענטשן געמורמלט מיט אַנגסט און זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין דער לאַגער, טונקעלער פּאַלאַטע.

גאַנץ פּאַריז איז געווען אויף די וועגן, וואָס פירן צו דרום; מ'איז געלאָפן ווי פון אַ פאַרפלייצונג, ווי פון אַ ווולקאַן־אויסברוך. די רויב־פויגלען מיט די שוואַרצע קרייצן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק, געקאָסעט מיט מאַשין געווער — מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך, אַלטע לייט. סטערקע האָט געהאַט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס און האָט געשפּאַנט אין ווייסן, אַנגעגליטן שטויב צוזאַמען מיט די דערשראָקענע פרויען, מיט די פאַרוואָקסענע סאָלדאַטן. זיי האָבן זיך ביטער געוויצלט, די סאָלדאַטן, איבערן „אויסטערלישן קריג". ביי טרואַ האָט זי זיך איינגעבעטן ביי אַן אָפיציר ער זאָל זי מיטנעמען מיטן לאַסט־וואָגן. זי איז אַרויפגעקראָכן אין דער אָנגעפּאַקטער בויד, פול מיט פאַרוואָקסענע סאָלדאַטן. געפאָרן איז מען לאַנג, כמעט אָן אָפּשטעלן, ביז זיי זענען געקומען צעטרייסלען צו די פאַרשטעט פון טולוז.

אַרום וואָקזאַל איז געווען שוואַרץ פון אָנגעלאָפענעם המון. דער לעצטער צוג פון פּאַריז איז געשטאַנען אַ דורכגעלעכערטער פון קוילן. מ'האָט אַראָפּגע־טראָגן פאַרוווּנדעטע. סאָלדאַטן, ווייבער, קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אַרום די ווענט פון די באַן־וואַרשטאַט־באַראַקן, געזוכט אַ שטיקל שאָטן אין דער אומברח־מנותדיקער דרום־זון. וועגן אהרנען האָט סטערקע מער נישט געטראַכט; זי האָט מער וועגן קיינעם נישט געטראַכט. מ'האָט באַדאַרפט פאַרטיידיקן זיך אַליין, דאָס אייגענע נאַקעטע לעבן. מיט דער צוגעפאַלענער נאַכט, האָט יעדער איינער געזוכט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. זי האָט קוים געפונען אַ ווינקל אין באַראַק. איר צום רוקן איז געלעגן אויף אַ באַרג שמאַטעס אַ פאַריזער ווייבל מיט אַ פּי־צעלע קינד ביי דער ברוסט. ס'קינד האָט געריסן זיך, געגנאַגט די ברוסט און זי האָט עס נישט געקענט איינשטילן. מיטן פרעמדן סאָלדאַט, וואָס האָט זיך צוגע־זעצט, האָט זי זיך געשאָפן ווי מיט אַן אייגענעם. דער סאָלדאַט האָט אַרויסגע־צויגן פון זיין רוקזאַק צוקער, קאָנדענסירטע מילך, ווורשט. ער האָט זיך גע־וויצלט: „נאָך אונדז איז — דער מבול"... סטערקען האָט ער איבערגעבעטן און צוגערוקט זיך נאָענט צום ווייבל. ער האָט נאָך אַרויסגעלייגט ברויט, קעז, אַפילו אַ פלאַש ווייַן האָט ער אַרויסגעצויגן. מ'האָט געגעסן בייזאַמען. דער סאָלדאַט האָט אָפּגעבראָכן פון קעז און דערלאַנגט דעם ווייבל אין מויל אַריין. פאַרנומען מיטן איינשטילן דאָס קינד, האָט זי געלאַכט און געפּרוווט אים איינבייסן אַ פינגער מיט

אירע שאַרפע ציינדלעך. זי האָט אים, לאַכנדיק, געוויזן דאָס חתונה־רינגל אויפן פינגער, נאָר ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער. ביי סטערקען צום רוקן איז געלעגן דער סאָלדאַט. ס׳האָט זיך געהערט די שטילע, הייסע שושקעריי צווישן אים מיטן ווייבל. דאָס קינד האָט קראַנק געפּישטשעט, ביז ס׳איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער סאָלדאַט האָט איבערגעבעטן סטערקען, באַמיט זיך אויסצוציען אַ פוס אין דער ענגשאַפט. זי האָט קוים געענטפערט, איז געווען בייז. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, מיט וואַכע חושים. אין מוח איז געשטאַנען אַ לײדיקייט. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי הינטערן רוקן געהערט די הייסע פליסטעריי. מיט אַ מידן קאָפּ־רויש האָט זי אין דער פרי אויפגעמאַכט די אויגן. אַרום וואָקזאַל איז נאָך אַלץ געווען שוואַרץ פון המון.

אַצינד זענען קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייטן מער נישט געווען. די וועלט איז געשטאַנען הפקר. צו סטערקען האָט געקלעפּט אַ יונגער סאָלדאַט, אַ בלוי־אויגיקער. זיי האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, די סאָלדאַטן, געפרעסן מיט די אויגן די פאַרבלאָנדזשעטע פרויען. זיי האָבן געהאַט פולע רוקזעק מיט עסן, צעראַבירט פון די הפקר־געלאָזענע מאַגאַזינען. אין שטאָט האָט מען שוין קיין שטיקל ברויט נישט באַקומען. די קאַפּייען זענען געווען פאַרקלאַפּט.

די וועגן האָבן צוריקגעפירט קיין פאַריז, ווו דער דייטש איז געטרעטן מיט זיינע געקאָווטע שטיוול. אַלץ האָט אָבער אויסגעזען צו סטאַביליזירן זיך. ווער ס׳איז אַוועק, איז אַוועק. אהרנען איז זי מער נישט געגאַנגען אויפזוכן. דערנאָך האָט זי געהערט, אַז מ׳האָט אים אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, אַז ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, אַז מ׳האָט אים פאַרנומען און אָפּגעשיקט אין אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע.

אין אָוונט האָט מען צוליב די פּאָליציי־שעהן נישט געקענט אַרויסגיין. אין דער שטאָט פון אומגליק, שוואַרץ־האַנדל, מלחמה־לוקסוס, האָט זיך סטערקע שנעל געכאַפּט אָפּצושאַצן איר ווערט. מ׳האָט זי נאַכגעקוקט אויף די בולוואַרן. ס׳איז באמת געווען עפּעס צוציענדיקס אין דעם שמאָלן מיידל מיטן פאַרשפּיצטן גאָמבקעלע. מ׳האָט זי געקענט אָננעמען פאַר אַ שפּאַניערין, אַן איטאַליענערין, פאַר אַ שיינע מולאַטקע. די לופט אין דער גרויסער שטאָט, באַזעצט דורך אַן אָקופּאַציע־אַרמיי, איז געווען אָנגעלאָדן מיט עלעקטריציטעט. מ׳האָט געלעבט אויף דער־וויל, מיטן טאָג.

# קאַפּיטל אַכט

ביי מינדעס עלטערן ברודער, ביי זשאָזעף אַלאַנסקי אין הויז, האָט זיך כמעט גאָרנישט געענדערט אין די עטלעכע וואָכן זינט ווען די דייטשן האָבן באַזעצט פּאַריז. שמיל־יוסף, אָדער פראַנצויזיש־אָפּגעקירצט — סאַמועל אָלאַן, וועלכער איז באַקאַנט געווען אין גאַנץ פּאַריז פאַרן הויפּט־אַקציאָנער פון די הוטן־געשעפטן, מיט פיליעס אין גאַנץ פראַנקרייך, האָט אַלעמאָל געהאַט זיינע אייגענע גענג. ווען גאַנץ פּאַריז איז געלאָפן אויף די וועגן, אונטער די באָמבאַרדירונגען פון די דייטשע „שטוקאַס“, האָט ער רואיק פאַרבראַכט אין זיין ווילע אין די שיינע וועלדער פון פאָנטענבלאָ. ער איז פון קיין שום זאַך נישט נתפּעל געוואָרן. „מיינע בענדלעך... מיין „לעזשיאָן ד'האָנער“... — האָט ער זיך געזאָגט — די וועלט איז נאָכנישט אינגאַנצן משוגע... וואָס פאַראַ רעגירונג ס'זאָל נישט קומען, וועט דער פירמע „אָלאַן עט קאָמפּ.“ אסור אַ האָר נישט געמינערט ווערן“... ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אויך די פראַנצויזישע יידן זאָל טאָקע עפּעס געשען. ער איז נאַטוראַליזירט געוואָרן מיט שיינע יאָרן צוריק, צוליב וויכטיקע פאַרדינסטן ביים אויפשטעלן אַ נייע האַנדלס־בראַנזשע, דאָס קאַסקעטער־פאַך; די גרויסע געשעפטן, וואָס ער האָט געפירט מיט אויסלאַנד, מיט די פראַנצויזישע קאָלאָניעס, האָבן אים געגעבן אַ וויכטיקן אָנשפּאַר אין די מיניסטעריומס, ווו ער איז מיט אייניקע הויכע באַאַמטע געווען אויף „דו“, געטרונקען מיט זיי צוזאַמען. אויסער דעם — אַ זון אַן אָפיציר אין דער אַרמיי, פראַנצויזישע קינדער... מילא, די אָנגעלאָפענע, די אויסלענדער...

דער עלטערער זון האָט זיך געפונען אין סיריע. די יינגערע, עוואַ, איז געווען אין ליאָן. זי האָט זיך באַלד אָנהייב קריג אָנגעשלאָסן אין אַ פאָרמאַציע פון רויטן קרייץ. וועגן דער טאָכטער האָט ער זיך אַביסל יאָ געבראָכן דעם קאָפּ. ס'איז שוין לאַנג צייט געווען אַ שידוך צו טון מיטן מיידל. עס זענען געקומען אין הויז אַריין מענטשן מיט פאַרשיידענע פאָרשלאַגן, אָבער עוואַ האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. די מומע טייבל האָט גוט צוגעזען, ווי די מויד גייט אַרום ווי פאַרחושט. מ'האָט איר שוין אַפילו געהאַט צוגעטראָגן, אַז עוואַ פירט זיך אַרום מיט אַ פראַנצויז, אַ יונגערמאַן פון דעגענערירטן אַדל. שטענדיק פאַרטון מיט זיינע עסקים, האָט זשאָזעף די אַלע היימישע זאַכן איבערגעלאָזן פאַרן ווייב, די יידענע פון דער ליטע, וועלכע האָט נאָך אַלץ נישט געקענט אַזוי געוווי צונויפרעדן זיך מיט די פראַנצויזן און זייערע מאכלים זענען אין איר שטוב נישט אַריינגעקומען.

אין די עטלעכע וואָכן פון געצוווּנגענעם אָפּרו, האָבן זשאָזעפן די מאָדנע גענג פונם מיידל אָנגעהויבן צו קריכן אין קאָפּ אַריין. דער עלטערער, מאָריס, איז שנעל געקומען צו אַ תכלית, חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכער פראַנצויזיש־יידישער משפחה, פון די עלזאַסער, די לעווי'ס, איז געוואָרן אַ מיטאַקציאָנער אין טאַטנס געשעפטן. עוואַ האָט זיך פאַרפלאָנטערט מיט דער פּוס־

טער, טומלדיקער טאַנץ־יוגנט, אין די קליינע, אָנגערויכערטע באַל־מיזעטן, ווו מען דרייט זיך אין פייערלעכן טאַנגאָ, אין הייסן טשאַד, אונטער די פּאַרטונקלטע, דויטע ליכטער, וואָס לעשן זיך, איבער עפּעס, אַלעמאַל אויס. ס׳איז דאָרט געווען אַ גאַנצע באַנדע יונגוואַרג. זיי האָבן דורכן זומער, האַלב־נאַקעטע, געוואַנדערט איבער די אָבערזשן (יוגנט־אכסניה׳ס) פון לאַנד, געגעכטיקט אין ביידלעך, גע־פאָרן צום ים, אין די בערג, דורכגעשניטן הונדערטער קילאָמעטער, אָפּשטעלנ־דיק די אויטאָס אויף די שאָסייען, מען זאָל זיי אויפנעמען.

דעם לעצטן זומער האָט זיי דער צעדרייטער אַריסטאָקראַט אַלעמען געהאַט פאַרפירט אין דער ווילדער און שיינער געגנט פון לוואַר, אין אַ ירושה־שלאָס. זיי האָבן געפּראַוועט משוגענע שטיק אין די רואינען פון אַלטן פּאַרק. זיי האָבן פאַרפירט מיט זיך אַ מאַגיקער, אַן אויסגעצויגענעם מולאַט פון די האַוואַאישע אינזלען. נאָך האַלבער נאַכט, ביי אַ שייטער, האָבן זיי אַרויסגערופן די גייסטער פון יינגלס לאַנג־פאַרשטאָרבענע אבות — ריטער, באַראָנען, הויף־דאַמען. דער מולאַט מיטן שפּיציקן שאַרבן, מיט די לאַנגע, דינע הענט, אַ האַלב־נאַקעטער, האָט געפּייקלט, געטאַנצט אַרום שייטער, אַרויסגעגעבן פון זיך ווילדע בויך־קוויטשערייען, ווי די קעץ אין די פרילינג־נעכט הינטער די פענצטער. אַ מיידל האָט געחלשט פון שרעק און די גאַנצע באַנדע האָט זי, מיט אָנגעצונדענע ליכט, געטראָגן איבער די פוסטע זאַל־רואינען פון שלאָס. אין די נישעס האָבן געגעסטיקט פלעדערמייז און סאָוועס. די וואָרעמע נעכט זענען פול געווען מיט פאַרשטיקטע געשרייען צווישן די קוסטן פון פאַרלאָזענעם פּאַרק און אַרום דער קליינער סאַזשלקע, ווו די פרעש האָבן מיסטיש געקוואַקעט פון געמויזעכץ. זיי האָבן צום טויט איבערגעשראָקן די פּויערים פון דער געגנט; ביז די זשאַנ־דאַרמען פון פּאָליציי־פּאָסטן זענען געקומען און זיי איידל פונאַנדערגעטריבן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט זיך עווא געפונען ערגעץ אין די בערג. אַ שטיק צייט האָט זי אינגאַנצן נישט געלאָזן הערן פון זיך. דערנאָך איז אָנגעקומען פון איר אַ בריוו, אַז זי האָט זיך אַנגאַזשירט אין אַ פאַרמאַציע פון רויטן קרייץ, אַז זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין די שפּיטעלער און גרייט זיך אַפילו צו גיין אויפן פראָנט. דאָס האָט די מומע טייבל שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן. אַליין איז זי געלאָפן קיין ליאָן און האָט דער מויד אַראָפּגע־ברענגט. אָבער אין שטוב איז זי סיי־ווי לאַנג נישט פאַרבליבן. ס׳האָט נישט געהאָלפן וואָס די מומע מינדע איז געקומען איינטענהן מיט איר, אַז ס׳פּאַסט גאָרנישט פאַר אַ יידישער טאָכטער צו וואַלגערן זיך צווישן סאָלדאַטן. די מומע טייבל האָט געגאָסן מיט טרערן. די עלטער האָט זיך מיטאַמאָל געלייגט אויף איר. זי האָט קיין נחת פון די פאַריזער גליקן נישט געהאַט.

— וואָס טויג מיר — האָט זי געקלאָגט — דאָס רייכטום, די עשירות, די שיינע שטעטער ?... זע, מינדעשי, וואָס ס׳ווערט דאָ פון ביסל יידישקייט...

דאָס מיידל איז שטאָלץ געווען צו טראָגן אַ מונדיר; זי איז שטאָלץ געווען, וואָס זיינוול איז אַן אַרטילעריסט; וואָס אַפילו אהרן איז אוועק פרייוויליק פאַר־טיידיקן פראַנקרייך. זי האָט זיך אַרומגעפּירט מיט זיינוולען, וועלכער איז אויף ביי־יאָר אַראָפּגעקומען אויף אורלויב. דער קוזין מיט דער קוזינקע זענען גע־

גאַנגגען איבער די גאַסן,ביידע מיליטעריש געקליידט. זי איז שטאָלץ געווען, כאָטש אַביסעלע אומעטיק. ס׳איז דערגאַנגגען אַזוי ווייט, אַז דאָס פראַנצויזישע ווייבל מאַדלען, וואָס האָט געוווּסט פון איר אַמאָליקער שוואַכקייט צו זיינוולען, האָט אים גענומען דערגיין די יאָרן, מאַכן אים סצענעס. וויפל ער האָט אין איר נישט אַריינגערעדט, האָט זי אים נישט געגלויבט. האָט זיינוול געכאַפּט עוואַ׳ן אונטערן אָרעם און אַנטלאָפן פון שטוב. ער איז געקומען פאַרברענגגען עטלעכע טעג, רעדן אַ יידיש וואָרט מיט אַ מענטש, זיך אַ וויצל טון, פריי־לאָזן די צונג...

— פראַנצויז־נאַר... — האָט ער דווקא גערעדט צו איר יידיש, צו עוואַ׳ן — דער אוניפאָרם קליידט דיר אַזוי, ווי אויף אַ קאָזאַק אַ שטריימל... — און ער האָט געלאַכט מיט זיין געזונט געלעכטער, זיינוול.

עוואַ האָט זיך צוריק אַרויסגעדרייט פון דער משפחה, אַרויסגעריסן זיך און איז צוריק אַוועק צו איר פאָרמאַציע, אין אַ ליאָנער מיליטערישן שפּיטאָל. אַלע האָבן זיי איר דאָרט גערן געהאַט, דער קליינער, סימפּאַטישער קראַנקן־שוועס־טער, אין שפּיטאָל „ברעלאָק״, וואָס האָט באַדינט דעם ליאָנער מיליטערישן קרייז, די פאַרוווּנדעטע מיט די אָפּגעפרוירענע פיס און הענט, וועלכע מ׳האָט אין דעם ווינטער שוין אָנגעהויבן צו ברענגגען פון די פראָנטן. איר שעף איז געווען מאַיאָר ליסיען — אַ הויכער ברונעט, אַ פריילעכער לונג־און־לעבער פון דער דרום־שטאָט מאַרסעיל. זי איז געווען זיין אַסיסטענטין אין דער אַנאַליזן־אָפּטיילונג. אין מאַרסעיל האָט ער געלאָזן אַ פרוי מיט צוויי קינדער, און דאָ, נאָך די אַרבעטס־שעהן, האָט ער זיך היפּש געלאַנגווייליקט. אַ שמאָלע, אַ קליינינקע, זענען די מיליטערישע קליידער געלעגן אויף עוואַן ווי אויסגעגאָסן. דעם דאָקטער מיט די לאַכנדיקע אויגן, מאַיאָר ליסיען, איז עפּעס געפעלן דער באַזונדערער, ווייכער אומעט אין בליק פון דער סימפּאַטישער יידישקע.

— עוו! — האָט ער זי צוריקגערופן, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרזיכטיק צו־געלענט די טיר פון ליכטיקן קאַבינעט — צי וועט עס נישט זיין אומדיסקרעט צו פרעגן, פאַרוואָס עס וווינט אַזאַ אומעט אין די אויגן פון דער סימפּאַטישער עוו?... צי איז עס נישט „ער״?... וואָס איז אויפן פראָנט?... אָדער איז עס דער אַלט־יידישער טרויער, וואָס מאַכט אייך אַזוי שיין?...

לאַכנדיק פאַררויטלט, האָט זי געוויזן דעם קינדעריש־איבערגעוואַקסענעם צאָן.

— צי קען מען דען זיין פריילעך פון דעם, וואָס מען זעט זיך דאָ אָן דעם גאַנצן טאָג, מאַיאָר?

— נאַרישקייטן! — האָט ברייט געלאַכט מאַיאָר ליסיען — איר נעמט עס טאַקע אַזוי שטאַרק ערנסט, כ׳מיין... די גאַנצע מלחמה?...

אין די אָפיצירישע קאַנטינעס האָט מען אַביסל נייגעריק נאָכגעקוקט דאָס קליינע מיידל, מיט וועלכן מאַיאָר ליסיען האָט זיך אַרומגעפּירט. אָבער ביי די ערשטע גרויסע באָמבאַרדירונגען, נאָכן 10־טן מאַי, ווען די דייטשן האָבן אָנ־געהויבן די גרויסע אָפענסיווע, איז מאַיאָר ליסיען צעריסן געוואָרן אויפן אַעראָ־דראָם, ווו ער איז אַרויסגערופן געוואָרן צו עטלעכע צעשעדיקטע פליער.

אויפן פראַנט מיט דער אָפּטיילונג האָט שוין עווא מער נישט באַוויזן צו גיין. באַלד דערנאָך איז געקומען דער טרויעריקער ווישי־וואָפנשטילשטאַנד. זי האָט דערהאַלטן אַלאַרמירנדיקע בריוו פון דער היים. עדמאָנד האָט זיך געיאָוועט אין ליאָן. ער האָט פאַרמאָגט אַ וווינונג אין די אַריסטאָקראַטישע קוואַרטאַלן, מ׳האָט דאָרט גאַנצע נעכט געהוליעט. זיי האָבן, נאָך דער מפלה פון פראַנקרייך, געוואָלט פאַרשיכורן זיך, פאַרגעסן. עווא איז שפּעט אין אָוונט אַראָפּ פון דאָרט, איז אַוועק מיט דער באַנדע. דאָס שיינע יינגל דזשימי, מיטן געשניצטן קאָפּ, מיט די פולע מיידל־ליפּן, האָט זי באַגלייט. זי האָט אים געקענט פון פּאַריז, פון ספּאָרט־קלוב. דזשימי האָט געגעבן אַ פייף, מיט צוויי פינגער פאַרשטעקט אַ סיגאַרעט צווישן די ליפּן און געלאָזן זיך דעריאָגן זי איבער די ליידיקע בולוואַרן. ער האָט אַ זאָג געטון:

— דו ווייסט, עווא, דיין אַריסטאָקראַט געפעלט מיר נישט... ער ווייסט כאָטש אַז דו ביסט אַ יידישע?...

אַ שלאַנק בחורל, אַ טענצער, איז ער געווען אַן איינגייער אין פאַרשיידענע הייזער אין שטאָט, האָט געהאַט פולע קעשענעס געלט, האָט אונטערגעהאַנדלט אויפן שוואַרצן מאַרק. ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די ווייבלעך, וואָס זייערע מענער זענען געפאַלן אויפן פראָנט, אָדער זענען געווען ערגעץ אין גע־פאַנגענשאַפט.

די רעשט זומער האָבן זיי צוזאַמען פאַרברענגט אויף דער פּליאַזשע ביים רהאָן, אין אַן אָפּגעלעגן ווינקל, צווישן ווילדע פעלדזן. זיי האָבן גאַרנישט גע־וואָלט געדענקען, אַז ערגעצווו גייט אַן אַ ביטערע מלחמה אויף דער וועלט, אַז מער ווי אַ העלפט פראַנקרייך איז אָקופּירט, אַז מיליאָנען פראַנצויזן וואַלגערן זיך אין די דייטשע לאַגערן. עווא האָט געלעבט ווי אין נעפּל. אַביסל האָט מען גע־לעבט דערפון, וואָס דזשימי האָט פאַרדינט, אַביסל האָט עווא אָנגעבאָרגט ביים פּאָטערס באַקאַנטע. זי האָט געמיינט, אַז ס׳וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

— דער קריג, טייערע עווא — האָט דזשימי געזאָגט ערנסט, מיט מאַנסביל־שער זיכערקייט — קען זיך נאָך פאַרציען ווער ווייס ווי לאַנג... היינט לעבן מיר און מאָרגן שטאַרבן מיר... איך האַלט זייער פון נייעם פּאַקסטראָט... וועגן אַי־בעריקן, זאָלן זיי זיך אליין ברעכן די קעפּ...

אין פּאַריז, האָט זי געהערט, שיקט מען יידן אין לאַגערן אַריין; ביים טאַטן האָט מען קאָנפיסקירט אַלע געשעפטן, אַריינגעזעצט אַהין פראַנצויזישע זשע־ראַנטן, די מאַמע איז קראַנק. זי האָט געוואָלט באַלד נעמען און לויפן קיין פּאַריז. דערווייל איז דער דזשימי פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. דעמאָלט איז זי צוריק אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון צעדרייטן אַריסטאָקראַט. כאָטש ער האָט סימפּאַטיזירט מיט דער ווישי־רעגירונג, האָט ער גערעדט צו איר זייער איידל:

— פאַרשטייסט, מיין קליינע עוו... די יידן־פראַגע ביי אונדז מוז רעגולירט ווערן... ס׳האָט שוין ווייטער אַזוי נישט געקאָנט גיין... אייער לעאָן בלום איז אַ פרעמדער, דעסטרוקטיווער עלעמענט אין פראַנצויזישן גייסט... און אייערע ראָטשילדס...

ער האָט זיך געהאַט באַזעצט אין אַ ווילע אויסער דער שטאָט. ס'איז געקו־מען דער לאַנגער מולאַט מיטן שפּיציקן שאַרבן, דער מאַגיקער פון די האַוואַאַי־שע אינזלען. ס'איז דאָרט געווען אָנגעשטעלט מיט שניצערייען פון ווילדע פּאָ־לינעזישע געטער, אַרומגעהאַנגען מיט טעפּיכער און קורטינעס, אָנגעשטעלט מיט שוואַרצע ליכט. אין קליינעם סאַלאָן מיט די פאַרהאַנגענע שפּיגלען זענען גע־פּראָוועט געוואָרן מאַגישע קונצן. מ'האָט סערווירט קרייטעכצער, וואָרצלען. אַלע זענען געווען אויסגעזעצט אויף דר'ערד; עטלעכע יונגע מיידלעך, עטלעכע יונגעלייט און אַן אַלטע פריילין. זי האָט אָנגעגאָסן אין גלעזלעך אַ ביטערלעכן געטראַנק, געשטעלט אויף וואָרצלען און אַלקאָהאָל. דער מאַגיקער איז דערשינען פון הינטער אַ פאָרהאַנג, איינגעוויקלט אין אַ ליילעך, מיט אַ צוגעדושעטער בויך־שטימע האָט ער גערעדט וועגן עפּעס אַ „העכערער קראַפט". אין זיין רעכטער האַנט — אַ בינטל זאַנגען, דער סימבאָל פון פאַרמערונג, אין דער לינקער — אַ גרויסן שליסל, וואָס „היילט פון שלעכטס, וואָס עס ברענגט מיט זיך די „פאַר־דאַרבנדיקע ציוויליזאַציע"... דער שטיקנדיקער ווייררויך האָט געגעסן אין די אויגן, מיד געמאַכט דעם מוח. דער מאַגיקער האָט באַפוילן יעדן אויסצוווילן „זיין אומבאַרירבאַרן זיווג"... מיטן שפּרוך — „מיר זענען די באַנייער פון די פילאָזאָפישע אָנדן... מיר היטן די ריינקייט פון פראַנקרייך"...

אין נעפּל פון ווייררויך, זענען שפּעט ביינאַכט געווען נאַקעטע טענץ. די אַלטע פריילין האָט זיך אומגעוויגט איבער די טעפּיכער מיט ליידיק־אַראָפּהענגענדיקע ברוסטן. מיט אירע ביינערדיקע היפטן, האָט זי אַרויסגערופן געלעכטער און שרעק. אירע ווילד־אַרויסגעזעצטע אויגן זענען פאַרשטעלט געווען מיט כוואַלעיס גרויע האָר, ווי דראָטן. אין נעפּל, האָט זיך עוואַ דערפילט אַ האַלב־אויסגעטוענע. עמיץ האָט ווילד געריסן פון איר די קליידער. עדמאָנד איז געשטאַנען איבער איר, די אויפגעלויכטענע שוואַרצאַפּלען האָבן איר דורכגעשטאָכן. אַלץ האָט זיך געדרייט פאַר איר בליק. זי האָט גערופן נאָך הילף, אָבער קיינעם איז נישט געווען צו זען. אויפן דיוואַן האָט זי זיך אויפגעכאַפּט באַגינען. אַ גרוי ליכט האָט געשפּאַרט פון אַ דאַך־פענצטערל. אין הויז פון שאָטנס האָט זיך נאָך אַלץ אומ־געוויגט דער נעפּל פון ווייררויך און געברענטע וואָרצלען.

נאָך די גרויסע אָבלאַוועס אויף יידן אין ליאָן, ווען מ'האָט פּיצלעך קינ־דער און שוואַנגערע פרויען געוואָרפן אין די לאַסט־וועגן, איז עוואַ פאַרבליבן אויף דער גאַס, אָן אַ קרוב און אָן אַ פריינד. זי אַליין האָט אינמיטן נאַכט גע־מוזט אַנטלויפן פון האָטעל. זי האָט געזוכט אַ וועג צו אַנטרינען; זי האָט גע־וואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון איר פאַרגאַנגענהייט, פון אַלעמען. עדמאָנדן האָט זי מער נישט געוואָלט זען. ער וואָלט זיך נאָך אפשר איינגעשטעלט פאַר איר. ער איז געווען איינער פון די מיליץ־לייט, איינער פון די פּעטען־באַנדעס, וואָס האָבן געמאָרדעט יידן און פראַנצויזן. דזשימי האָט איר אויך מיאוס אָפּגע־נאַרט; אַלע — האָט זי זיך געזאָגט — האָבן איר אָפּגענאַרט, אָדער, אין בעסטן פאַל — טאָלערירט. זי האָט עס נאָך דערפילט, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידל, אין לאַמאַרטין־ליציי. ס'האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן ביי אירע חברטעס, ביי די לערער. זי האָט דערפילט די ביטערע עקשנות קעגן אירע טאַטע־מאַמע, קעגן

דער משפּחה; אַפילו זיינוול איז שולדיק געווען אין איר אומגליקלעך לעבן. „אייער גאָט און אייער קולטור — האָט זי זיך געפּרעסן — האָט באַנקראָטירט... זעט, אַלע מאַכן מיט אייך וואָס זיי ווילן... מען שטיקט אייך, ווי די מייז, מען טרעט אייך מיט די פיס, מען שפּייט אויף אייך... פאַרוואָס מאַכט איר נאָך אומגליקלעך די קינדער, וואָס איר געבוירט אויף דער דאָזיקער ערד?״...

אין נעפּלדיקן אָקטאָבער־פאַרנאַכט האָט זי אומגעבלאָנקעט ביי די נידעריקע ברעגן פון סהאָן. זי האָט געוואָלט אומקומען. אַזוי האָט איר די קליינע קאַרמעליטן־שוועסטער אומגעריכט געפונען אויף אַ באַנק. אין דער קאַשטאַנען־אַליי, וואָס פירט צום רויט־ציגלדיקן קלויסטער אויפן באַרג, האָט די קליינע שוועסטער מאַריעט פּלוצים דערקענט די זעלבע עוו; זי איז געזעסן אויף דער באַנק מיט איר צוזאַמען אין לאַמאַרטין־ליציי, אין פּאַריז. אין איר לאַנגן, שוואַרצן טראַכט, איז זי עוואַ׳ן נישט באַלד פאַרגעקומען קענטלעך. אָבער באַלד האָט זי זיך געכאַפּט — יאָ, ס׳איז געווען דאָס זעלבע בלאָנדע, קרענקלעכע מיידל, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַ קרובה, אויפן אַלטן מאָנמאַרטר; די קליינע מאַריעט, וואָס פלעגט אַלעמאָל צופאַלן קושן זיך. זי האָט פאַרמאָגט פּייכטלעכע, ברוינע, ווייכע סאַרנע־אויגן און אַ דורכגעליטענע גוטסקייט האָט ארויסגעקוקט פון זיי.

דער פרי־האַרבסטיקער נעפּל איבער די בריקן פון סאָהן האָט אַזויווי פאַרשאָטנט די געביידעס, די שפּיטעלער, די קאַזאַרמעס, די רויט־ציגלדיקע קירכע אויפן באַרג און האָט בולט אויסגעטיילט די שמאָלע, שוואַרצע פיגור פון דער יונגער נאָנע.

— עוו... — האָט זי איר לייכט אָנגערירט ביים אָרעם — דערקענסט מיך נישט, עוו? מאַריעט... פון לאַמאַרטין־ליציי... וויאַזוי?... דאַכט זיך, ביסט אַ... יידישע... דו — אַצינד אויף די גאַסן? מיין גאָט! וואָס די באַרבאַרן האָבן געמאַכט פון אַלע אייעריקע...

עוואַ האָט זיך געלאָזן בלינד פירן. זי האָט אַריינגעהעשעט אין זיך אַ גרויס, פאַרדראָסיק געוויין, ווי אַ קינד. ס׳איז געווען נישט קיין קליינע געפאַר אויסצובאַהאַלטן יידן, אָבער מאַריעט האָט איר שוין נישט אָפּגעלאָזן. עוואַ האָט נישט געוואָלט מיטגיין. זי האָט געוואָלט אומקומען. אַלץ איז געווען פאַרענדיקט. מיט דער אָוונטיקער אַליי האָט איר די קליינע נאָנע אָוועקגעפירט באַרג־אַרויף, מיט די טעראַסן, מיט די טרעפּלעך צו דער מאָנאַסטיר־געביידע אויפן באַרג, צו דער קירכע. זי האָט עוואַ׳ן, אומבאַמערקט, דורכגעפירט אַ טירל און אין רעגן געאיילט צום געלן געמויערטן הויז אין דער טיף. ס׳איז געווען פאַרן אָוונט־דינסט. די גלעקער פון דער קאַפּליצע האָבן געקלונגען. פון די זייטיקע טירן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן שוואַרץ־פאַרוויקלטע נאָנעס, מיט ווייסע, שטרענגע הייבלעך, די בליקן פאַר־זיך, צו דר׳ערד.

אין אויסגעווייסטן צימער מיט די נאַקעטע ווענט, ווו ס׳איז געהאָנגען אַ פּראָסטער הילצערנער צלם, איז עוואַ געשלאָפן לאַנג. זי האָט מער גאָרנישט געדענקט. מאַריעט איז צוריקגעקומען אויף די שפּיצן פינגער. זי האָט עוואַ׳ן, ווי ביי אַ קינד, אַראָפּגעצויגן די אויסגעווייקטע קליידער, אויפגעבעט איר דאָס שמאָלע, האַרטע, ציכטיקע בעטל, צוגעדעקט איר, דערלאַנגט איר עפּעס וואַרעמס

צו די ליפּן, געגלעט אירע פאַרשטייפטע האָר. ווען די טריט פון דער קליינער נאָנע האָבן אָוועקגעפּלאָטערט, איז צוריק פינצטער געוואָרן. עוואַ'ן האָט זיך גע־חלומט, אַז זי איז נאָך אַ קליין מיידל, די מאַמע לייגט איר וואַרעם־פלעשער צום בויך; די מאַמע גייט אַראָפּ פון גלעזגער עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט צודעקן איר, לייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף איר שטערן און הערט זיך שטיל איין צו איר רעגלמעסיקן אָטעמען...

נאָך אין ליציי איז זי מקנא געווען די נישט־יידישע חברטעס. אין זייערע אויגן איז געווען אַזאַ פרומער נעפּל, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון דער קירך, ווען זיי האָבן געלייענט די קורצע פּסאַלמען־פּערזן פון די געבעט־ביכלעך. אַ מיסטישע פאַמיליאַרישקייט איז געווען צווישן זיי. אין דער היים איז דער טאַטע אַלעמאָל פאַרנומען געווען מיט געשעפטן, מיט קאָפּ־ברעכענישן. קיין שום הייליקייט איז ביי זיי אין שטוב נישט געווען. אַפילו די שבת־ליכט, וואָס די מאַמע האָט געפּלעגט צו צינדן פרייטיק־צונאַכטס אין אַ זייטיק צימערל, האָבן איר אויסגעזען ווייט, פרעמד, אַפילו באַרבאַריש. אין ערגעץ האָט זי אַזוינס נישט געזען. דער טאַטע איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַריין מיט אַ ציגאַר אויף די ליפּן, אַ וואַכעדיקער.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט האָט איר די קליינע מאַריעט אויסבאַהאַלטן פון דער עלטסטער. זי האָט איר געבראַכט עסן, צוגעלייגט די שמאַלע, וואַרעמע האַנט צו איר שטערן און האָט באַלד שטיל אָוועקגעפּלאָטערט פון דער פּאַלאַטע. „ווייסט ? — האָט זי איינגערוימט עוואַ'ן — דאָ געפינען זיך יידישע קינדער... מיין גאָט ! ווען זיי ווייסן עס"... און אין די ווייכע, ברוינע אויגן פון דער קליינער נאָנע איז געווען אַזויפיל גוטסקייט. זי איז געקומען צו איר מיט שטילע טריט און האָט איר איינגערוימט — „דער קריסט, מיין קליינע עוו, היילט אַלע ווונדן... ווען זאָלסט ווייסן"... און דעמאָלט האָט עוואַ דערפילט, אַז זי וועט שוין דערוויל פון דאַנען נישט אַוועק. אַלץ, וואָס אויף יענער זייט מאָנאַסטיר, איז שלעכט, געמיין, פאַלש.

פאַרנאַכט איז זי ווידער געקומען. מאַריעט האָט איר געפירט איבערן הויף, לענגאויס די הויכע ווענט. ס'איז געווען נאָך דער אָוונט־תפילה. זי האָט איר געפירט צו דער הייליקער שוועסטער קריסטיאַן. מען איז אַדורך אַ לאַנגן, גע־וועלבטן זאַל. די וויטראַזשן־שויבן האָבן, ערגעץ הויך, אונטערן סופיט, געוואָרפן אַ געלבלעך ליכט. אַן אָרגל פון דער טיף האָט פאַרשפּרייט אַ פייערלעכן אומעט. אַ געהויקערטער מאָנאַך, די הענט אין די אַרבל, האָט זיך פאַרבייגעגליטשט, ווי אַ שאָטן. ער האָט דורכגעקרייצט דעם הויף און איז פאַרשוווּנדן אין אַ שמאָל טירל. טיף אַראָפּ, מיטן קאָרידאָר, מיט אַן אַ שיעור טירן, איז עוואַ נאָכגעגאַנ־גען דער קליינער נאָנע. מאַריעט האָט נישט פאַרשפּרייט קיין שום גערויש. זי האָט כמעט ווי געשוועבט. אַ ווײַלע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, האָט עוואַן גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען ביידע פאַרשוווּנדן אין אַ טיר.

הינטער אַ שווער־געשניצטן טיש, אַ נאַקעטן, איז געזעסן אַ שטרענגע זקנה. צווישן דער נעץ קנייטשעלעך, אונטער דער הויב, האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרינע אויגן, וואָס זענען אוודאי אַמאָל שיין געווען. דאָס ליכט פון די וויטראַזשן־שויבן איז געפאַלן אויף איר אין דער קרום און דאָס האָט דער זקנה'ס פּנים גע־

מאַכט נאָך מער פאַרמעטן. אין איר שטים איז געווען באַפּעלערישקייט. „זיץ, מיין קינד!". עוואַ האָט זיך מיט ציטערדיקע קניען אַראָפּגעלאָזן אויף אַ נאַקעטער באַנק ביי דער וואַנט און האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין אירע ביידע הענט. זי האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן די אויגן, ווי אַ פאַרזינדיקטע, וואָס שטייט פאַרן הויכן געריכט. סאַמע קליינינקייטן האָט זי געפרעגט, די זקנה. „אין שאָטן פון קריסט — האָט זי, ווי פון זייער ווייט, געהערט איר פרעפלען — זענען אַלע זיינע קינדער"... דערנאָך האָט זי געזאָגט: „איר קענט גיין". און מאַריעט, דעם קאָפּ צו דר'ערד, די גאַנצע צייט פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע, דלאָניע אין דלאָניע, האָט עוואַן צוריקגעפירט דורך די קאָרידאָרן.

עוואַ איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט מיטאַמאָל מורא באַקומען. „זיי זענען דאָך גוט צו מיר"... — האָט זי זיך אַליין געפּרוּווט צו באַרויִקן. מאַריעט איז דאָס מאָל לענגער פאַרבליבן אין דער צעלע. זי האָט אַרונטערגענומען דאָס קראַכמאַליעטע הייבל. אויף די קינדערישע אַקסלען האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן אירע ווייכע, בלאָנדלעכע האָר, ווי טויטע פלאַקסענע האָר ביי אַ פּופּע. ס'איז מער נישט געווען די זעלבע קליינע מאַריעט פון לאַמאַרטין־ליציי. אין אירע שוואַרצאַפּל־פינטעלעך, האָט זיך עוואַן געדוכט, שוועבן קליינע צלמלעך. זיי האָבן געפינקלט, די צלמלעך, און האָבן איר, איבער עפּעס, אַ דערמאָן געגעבן די צאַפּלדיקע פלעמלעך פון די שבת־ליכט, וואָס האָבן געציטערט אין דער נעפּלדיקער שויב, ווינטער־צייט, אין די פרייטיק־צונאַכטסן, ווען די מאַמע, אַ געעלטערטע, האָט זיך איינע אַליין ארומגעדרייט איבער די גרויסע, פּוסטע צימערן און ס'איז געלעגן אויף איר אַזאַ שטומער צער. „וואָס וועט די מאַמע זאָגן?"... — האָט זי זיך געכאַפּט. זי האָט געוואָלט פאַרגעסן די אַלע רעיונות, פאַרגעסן ווו זי געפינט זיך, אויפוועקן אין דער קליינער מאַריעט עפּעס פון אַמאָל. זי האָט איר געוואָלט דערציילן, עוואַ, וועגן די אַלע יונגעלייט, מיט וועלכע זיי פלעגן זיך אַמאָל אַרויסלאָזן צו די „באַל־מיזעטן", וועגן דער פריילעכער באַנדע, וואָס האָט זיי געפלעגט אָפּצוואַרטן ביי די מעטראָ־איינגאַנג. די קליינע נאָנע האָט אָבער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אָפּגעקערט דעם בליק, באַלד שטומערהייט אַרויפגעצויגן דאָס הייבל און זיך אויפגעהויבן צו גיין.

הינטערן פענצטער האָט געקראַכט און געבליצט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די אַלטע קאַשטאַנען הינטער די ווענט ווערן אויסגעריסן מיטן וואָרצל. מאַריעט האָט זיך אויפגעשטעלט, געררוישלאָז צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. עוואַ האָט זיך צוריק פאַרשרומפּן אין האַרטן, ציכטיקן בעטל. דאָס שטרענגע פּנים פון דער עלטסטער, פון דער שוועסטער קריסטיאַן, אין געלבלעכן ליכט פון פאַרנאַכט, האָט דאָ ערגעץ געפּלאַטערט אין אַ ווינקל צימער. „די מאַמע... — האָט זי זיך דערמאָנט — זי וועט עס נישט אַריבערטראָגן, די מאַמע... ווו איז זי?... וואָס איז דאָרט מיט זיי אַלעמען?"... זי דאַרף קיינעמס רחמנות נישט, זי וויל נישט מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט דעם פאַרטאָג. ווי נאָר ס'האָט גענומען ליכטיקן, האָט זי דערפילט אין זיך אַן אומבאַוווּסטן כוח. זי האָט זיך פאַרוויקלט אין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און געפּרוּווט אין קאָרידאָר צו געפינען די דרויסנדיקע טיר.

זי האָט די טיר אַליין אָפּגעריגלט, דורכגעשאַרט זיך לענגאויס די ווענט. אָנ־שפּאַרנדיק זיך אין קרומען שטאַם פון אַ בוים, איז זי לייכט אַריבער דעם פּלויט. זי איז צוריק געווען אין דרויסן. זי האָט זיך דערפילט פריי, כאָטש אויף טריט און שריט האָט געלויערט די געפאַר.

געלאָפן זענען אַצינד אַלע פון פּאַריז אין דער „פרייער זאָנע". און זי, פאַר־קערט, האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז. קיין איין טאָג לענגער האָט זי מער נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין ליאָן. די וועגן זענען געווען באַשווערט און זי האָט אַלע שוועריקייטן דורכגעבראָכן. עפּעס האָט איר דאָס האַרץ שלעכטס גע־זאָגט וועגן דער היים, וועגן דער מאַמען.

די היים האָט זי געטראָפן פאַרקלאַפּט. אויף דער טיר איז נאָך געהאָנגען דער רויטער לאַק־שטעמפּל, וואָס די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט. זי האָט זיך איינגעהאַרכט אַ רגע און איז באַלד שטיל אַרונטער די טרעפּ. זי האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

אין פאַרנאַכט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צעקנייטשטער פּאַרמעט, איז זי שטיינגעבליבן אויף אַ ראָג און נישט געוווּסט וווהין צו גיין. ס'איז געווען אַן אומעטיקער פאַרנאַכט אַרום די אַלטע געסעלעך פון „פּלעצל". דאָ באַלד ערגעץ איז זי געבוירן און אויפגעוואַקסן. אַ ווייטע, קינדערישע שרעק האָט אַרויסגע־קוקט צו איר פון דער טיף פון די שמאָלע, מיטאַלטערלעכע געסעלעך. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז זי זעט זיי דאָרט, די פאַרהויקערטע יידן; זיי איילן אין פאַר־נאַכט צום שולכל אויף רי פּאַוועע. דער קליינער ייד מיטן אויסגערונענעם אויג שטייט אין אַ ווינקל גאַס, צווישן די הערינג־געוועלבלעך און צווישן דער יאַטקע, און רופט אויס אומעטיק, מיט אַ ימים־נוראים געזאַנגעלע, ציטרינען צו פאַרקויפן.

קיין איין באַקאַנטן אַדרעס האָט זי זיך מער נישט געקענט דערמאָנען. אַ סך, האָט זי געוווּסט, זענען מער נישטאָ, זענען אַוועק, אָדער מ'האָט זיי דעפּאָר־טירט. באַלד פאַלט צו די נאַכט אַרום די געטאָ־געסעלעך. מער ווי ביז ניין, ווען עס פאַלט צו די פּאָליציי־שעה, טאָרן יידן אויף די גאַסן זיך נישט געפינען. מיט דער לעצטער מעטראָ איז זי פאַרפאָרן ביזן בעלוויל. זי איז געגאַנגען באַרג־אַרויף, ביז זי האָט אָפּגעפונען דעם נומער און דאָס הויז פון דער מומען. זי איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן אין טויערל. צי וועט זי אויבן עמיצן טרעפן? בראָנטשע, זיינוול, די מומע מיטן פעטער... צי וועט זי אים כאָטש טרעפן, זיינוולען? זי האָט געהאַט א פאַרלאַנג צוצופאַלן צו אים. ער האָט א האַרץ, זיינוול. ס'איז גע־ווען אַ פאַרגעסענער ווייטיק. ער האָט זי אַמאָל אָפּגעשטויסן, אָבער ער האָט אַ ברייט האַרץ.

דריטער שטאָק, די טיר לינקס, אין ווינקל, ביים וואַסער־אָפּגוס — מיט פאַרבונדענע אויגן וואָלט זי געטראָפן. לאַנג האָט זי זיך פריער איינגעהערט, ביז זי האָט אָנגערירט די קליאַמקע. ס'האָט זיך איר געדוכט צו פאַרנעמען פון אינע־ווייניק פאַרזיכטיקע טריט. אָבער באַלד האָט זי, אין ליכט פון דאַך־פענצטערל, דערזען דעם זעלבן רויטן לאַק־שטעמפּל אויף דער טיר. האָט מען זיי, הייסט עס, אויך פון דאַנען אַלע אַוועקגעפירט, אַלע — און נאָר זי איינע איז פאַרבליבן. זי האָט געוואָלט צוריק אַרונטערגיין. נאָר אָט האָט זיך אַ שפּאַרע פון דער טיר

אויפגעמאכט. עמיץ האָט, דוכט זיך, אַרויסגעפּליסטערט איר נאָמען. זי האָט אויפגעציטערט. אין דער טונקל האָט זי נישט באַלד געקענט באַמערקן ווער עס רופט איר נאָמען. קיין פּנים האָט זי נישט געזען. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ פרעמד מיידל; אין דער טיר איז אויך געווען נאָך עמיצער. זי האָט אָבער דערפילט, אַז דאָס איז זיינוול, אַז דאָס מוז ער זיין. זיין האַנט האָט אַ רגע געפּלאָטערט איבער איר ציטערדיקן אַקסל. „חוה׳טשע... — האָט ער געפּליסטערט — פון וואַנען?... ווי אַזוי?"...

אירע אַקסלען האָבן נישט אויפגעהערט צו ציטערן. זי האָט געהעשעט אָן אַ קול. זי איז געווען זיכער, אַז באַלד וועט זי דערהערן די טריט פון דער מומען... אַז בראָנטשע וועט אַרויספּאַלן אויף איר... פון אינעווייניק האָט געצויגן מיט פרעמדע ריחות. די פענצטער זענען געווען געדיכט פאַרהאָנגען. אַרום די ווענט — אַ פּוסטקייט. צי חלומט זי נישט אַמאָל? זי האָט אָבער באַלד דערקענט דאָס אָפּגעריבענע שלעקל אַרום די ווענט. דאָס מיידל איז דאָ ערגעץ פאַרשווונדן הינטער אַ ווענטל. זיינוול אַליין איז געווען לעבן איר. ער האָט זי אָנגעקוקט און האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

— מיר מוזן באַלד אַוועק פון דאַנען, חוה׳טשע... ס׳איז נישט מער אונדזער היים... אָבער ווי אַזוי, זאָג מיר, איז דיר איינגעפּאַלן צו קומען אַהער?...

זי האָט איצט שטאַרק געגלויבט, אַז אַ פּאַטאַלער כוח פירט איר כסדר צו אים, אַז פון איצט אָן וועלן זיי זיך מער קיינמאָל נישט צעשיידן. זיי זענען שטיל אַרונטער די שטיגן. אין דרויסן איז שוין די נאַכט לאַנג געווען צוגעפאַלן. „חוה׳טשע — האָט ער געזאָגט — טאָרסט קיינמאָל מער נישט אַהער־קומען, דו הערסט?... כ׳וועל דיר שוין דערנאָך דערציילן"...

און ס׳איז געווען גרויסער סוד אין זיין שטים. זיי זענען נישט געגאַנגען דורך די אָפענע גאַסן. די פינצטערע דורכגענג צווישן די געסעלעך פון הויכן בעלוויל האָט זי נישט געקענט, זי האָט נישט געקענט די פאַרהוילענע דורכגענג איבער די אויפגעבראָכענע פאַבריקס־הייף, איבערן אָפּגעשטאָרבענעם באַן־פּלאַנט, וואָס לויפט אַוועק אין די טונעלן פון פּאַריז; די וועגן, וואָס פירן איבער קרומע שטיגן פון לאַנגע קאָרידאָרן, וווּ עס נעסטיקן אַלטע קעץ, וווּ בלינדע ווענט זע־נען אונטערגעשפּאַרט מיט באַריערן. ווי פלינק ער האָט זיך דאָרט באַוועגט. ער איז דאָך כמעט אויפגעוואַקסן אין אָט די געסעלעך. „ווער איז דאָס מיידל?... — איז זי געווען אומרואיק — וואָס טוט ער דאָ, אין אומעטיקן הויז?". אָבער ס׳איז קיין צייט נישט געווען צופיל אויסצופרעגן. זיין פעסטער אָרעם האָט איר כמעט ווי געטראָגן; אַ היימישער אָרעם. ער וועט נישט פאַרפירן.

— ס׳איז גוט, וואָס ביסט דאָ... וואָס האָסט מיך נאָך געטראָפן... — האָט ער איר צוגעוואָרפן — מיר נעמען נקמה... פאַרשטייסט?...

דאָ באַלד האָבן זיי זיך ערגעץ אריינגעגליטשט אין אַ פּאָדער־הויז. מ׳איז געגאַנגען אַרויף, צו אַ פינצטערן שטאָק. אין קאָרידאָר האָט ער דריי מאָל אַ ריר געטון ביי אַ טיר, ביז מ׳האָט פון אינעווייניק שטיל אָפּגעריגלט.

# קאַפּיטל ניין

מיט אַ טאָג פריער איידער די דייטשן זענען אַריין קיין פאַריז, איז זיינוול געקומען אָנצולויפן אויף אַ צעבויגענעם ראָווער אַזש פון דער בעלגישער גרענעץ, וווּ ס׳איז געווען דער גרויסער דורכברוך ביי סעדאַן. קודם איז ער געלאָפן אַ קוק טון וואָס ס׳טוט זיך אין דער היים, אויפן בעלוויל. אַ גאַנצע איבערקערעניש האָט ער דאָרט געטראָפן. מ׳האָט זיך געגרייט צו אַנטלויפן. די מאַמע איז געשטאַנען איבער די פעקלעך, געבראָכן זיך די הענט. דער אַלטער האָט נישט געוווּסט וואָס פריער צו כאַפּן.

— אַבי כ׳זע כאָשט עמיצן צוריק! — האָט זי געגאָסן מיט טרערן, די אַלטע — בראָנטשע מיטן מאַן און מיטן יינגל זענען נאָך נעכטן אַנטלאָפן. אהרן איז אין שפּיטאָל און דאָס „שנירעלע פּערל“ ווייזט זיך אַפילו נישט...

זיינוול האָט באַלד אַראָפגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע אוניפאָרם. ער איז געלאָפן געוויר ווערן אַהיים, אַרום די האַליעס. ער האָט שוין אָבער דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. שכנים, וואָס האָבן זיך אויך געפּאַקט אין וועג אַריין, האָבן אים געגעבן אָנצוהערן, אַז דער פויער פון אָווערן האָט זיי נאָך מיט אַ וואָך צוריק אַלעמען אַרויפגעפּאַקט אויף אַ לאַסט־וואָגן און אַוועק צום דאָרף ביי קלערמאָן־פעראַן. האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן זיך אַהין. דאָס האַרץ האָט אים אָבער קיין גוטס נישט געזאָגט; וואָלט ער כאָטש דאָס יינגל געהאַט מיט זיך; מילא, מאַדלען... וועגן ווייב האָט ער דערווייל נישט געטראַכט. זאָלן זיך מענטשן רעדן וואָס זיי ווילן. ער ווייס בעסער פון אַלע מענטשן. דערווייל איז גאַנץ פאַריז געלאָפן אויף די וועגן, אונטער די באָמבאַרדירונגען. אַ ברענענדיקער צאָרן האָט אים געטראָגן. ער האָט זיך אָבער קוים איינגעבעטן ביי די אַלטע לייט זיי זאָלן זיך נישט רירן פון אָרט; וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. אויף אַזוי ווייט האָט ער זיך נישט געריכט. אויף די וועגן, האָט ער געוווּסט, וועלן זיי אומקומען. אויך איז קיין וואָגן שוין אין ערגעץ נישט געווען צו באַקומען. זיינוול איז געווען פאַרביטערט, אויפגעבראַכט, משוגע. מאַדלען האָט נאָך פונדעסטוועגן גענוג צייט געהאַט אים אָנצוזאָגן. די בריוו אירע זענען געווען זעלטענע און קילע. דאָס יינגל איז אַביסל אונטערגעוואַקסן און זי איז צוריק געוואָרן דאָס זעלבע בלאָנדע, שמאָלע מיידעלע. זי איז ענלעך געוואָרן צו איר מאַמען; און דער אַלטער האָט כסדר געבורטשעט אין די וואָנסן אַריין, וואָס דאָס יינגל קלעפּט אַזוי צו די יידן אויפן בעלוויל...

די דייטשע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען האָבן אים נאָך פאַרכאַפּט ביי דיזשאָן. ער האָט זיך אָבער לייכט דורכגעגליטשט די ליניעס. צופוס איז ער אַוועק אין שטעטל ביי קלערמאָן־פעראַן; נישט מאַדלען און נישט דאָס יינגל זענען דאָרט נישט געווען. דער אַלטער פויער איז פאַרבליבן שטום, טויב ווי די וואַנט. „מאַדלען — האָט ער געטענהט — איז אַוועק... וווהין ווייס ער נישט“. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין געשרייען אויך. מיט דער נאָז האָט ער באַלד דערשמעקט, דער

פויער, אַז ס׳בלאָזן נייע ווינטן, אַז ס׳איז נישט קיין צייט צופיל צו חברן זיך מיט יידן. און זי, מאַדלען... אויב זי האָט געקענט אָפּטון אַזאַ זאַך! אָבער דאָס יינגל האָט ער באַשלאָסן אָוועקצונעמען עס, אויב נישט, איז זיין נאָמען נישט זיינוול...

דאָס האָט אים נאָך אַזוי שטאַרק צוגעהאַלטן אין דער „פרייער זאָנע". דערווייל האָט מען שוין געהערט, אַז אין פּאַריז נעמט מען יידן אין די לאַגערן אַריין; און פון די לאַגערן האָט ער זייער שטאַרק נישט געהאַלטן, זיינוול. באַלע־באָס איבער זיין לעבן האָט ער אַליין געוואָלט זיין. אַ גרויסער כעס האָט אים געוואָרגן. ס׳האָט זיך אים איצט גענומען אויסדוכטן, אַז זיין „בראַטאָקל", אהרן, איז קלוגער געווען פון אים — זיין שטענדיקער אומצוטרוי, זיינע זוכענישן. דערווייל האָט זיינוול געאַרבעט ביי אַ פּויער אין דאָרף, געאַרבעט אין וואַלד, נישט ווייט פון שאַטאָרו. איידער וואָס־ווען, האָט ער געוווּסט, מוז מען אַרומגיין אויף די שפּיץ נעגל, נישט וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן. קיין געלע לאַטעס, ווי אין פּאַריז, האָט מען דאָ נישט געטראָגן, אָבער די פּראָווינצער פּרעפעקטור האָט גענומען שטאַרק שיקאַנירן, אָפּגעזאָגט דאָס ווױן־רעכט, געשיקט אין די לאַגערן אַריין. אויך ביי זיינוולען האָבן זיי סוף כל סוף צוגענומען דאָס קוויטל פון דער פירמע, אויף וועלכער ער האָט זיך פאַררופן, אַז ער איז אַ... פּראָדוקטיווער עלעמענט. מ׳האָט זיי דאָרט צוגעזאָגט צו שיקן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט, אַ ריכטיקן פראַנצויז...

אין דער פרי איז ער אַרויסגעקומען אויפן פּלאַץ פאַר דער מעריי אין שאַטאָ־רו און מיטאַמאָל דערזען אַ גרויסע מאַסע אָנגעלאָפענע יידן ביי די טירן פון דער פּרעפעקטור.

— ס׳איז היינט אַ שלעכטער טאָג... — האָבן די יידן געקרעכצט — דער שעף נעמט ביי אַלעמען צו די קוויטלעך און שיקט אין לאַגער אַריין...

— מיר זענען געהאַנדלט...

אָן אַזאַ פּאַפּירל האָט מען זיך אין ערגעץ נישט געקענט איינמעלדן. זיינוול האָט זיך אַרומגעקוקט, דורכגעשפּאַרט זיך. ער האָט דערזען דורכן פענצטערל, ווי דער שעף זיצט זיך ברייט, רויכערט ציגאַרעטלעך און פּלאַפּלט אַרום מיט די ביוראָ־מיידלעך. האָט ער אָנגעקלאַפּט און נישט געוואַרט מען זאָל אים הייסן אַריינגיין. ער איז צו זיי אַרויס מיט זיין געזונטן פראַנצויזיש, אויפגעהויבן דעם טאָן, געוויזן זיי זיינע אויסצייכענונגען, זיינע בענדלעך. ער איז אָבער באַלד דערנאָך אַרויסגעקומען פון דאָרט. „נו, וואָס?"... — האָבן אים די יידן אַרומ־גערינגלט. „זיי זענען איצט די שטאַרקערע — האָט ער געזאָגט — קיין געשרייען העלפן נישט מער... די פויסט!"... און ער האָט זיך אָפּגעדרייט.

פונקט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגע קראַנקן־שוועסטער; איז אים איינגע־פאַלן צוצוגיין צו איר זי צו פרעגן, אויב זי וואָלט אים נישט געקענט שטעלן באַנקעס; די פּלייצעס ברעכן אים. האָט זי אים געפרעגט ווו ער וווינט. האָט ער געזאָגט: „אין האָטעל... נאָר ס׳איז דאָרט זייער קאַלט"... האָט זי אים אַוועק־געפירט צו זיך אין פּאַנסיאָן און אים אַרויפגעהאַקט אַ פּלייצע באַנקעס. פרעגט ער וויפל איר קומט. זאָגט זי: „דריי פראַנק, מעסיע". נעמט ער אַרויס אַ הונ־

דערטער און גיט איר. קוקט זי אים אָן מאָדנע, רויטלט זיך און זאָגט: „ס'איז צופיל, מעסיע".

— וועט איך בלייבן אויף אַ צווייט מאָל... — מאַכט זיינוול — מיר פעלט נישט קיין געלט, מאַדמואַזעל; מיר פעלט די פרייהייט...

האָט זי דאָך שוין גלייך פאַרשטאַנען. און די סימפּאַטישע באַלעבאָסטע פון פּאַנסיאָן, וואָס איז געשטאַנען דערביי, רופט זיך אָפּ:

— מעסיע זשאַק, מיר וועלן אייך שוין אויסבאַהאַלטן...

האָט ער זיך גלייך גענומען נאָכפרעגן אויפן דאָקטער.

— ער קומט צו דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס רופט זיך מאָניק... — האָט אים די באַלעבאָסטע איינגערוימט — ער קומט יעדן טאָג...

גראָד איז דער יונגער דאָקטער אַריינגעקומען און האָט געפרעגט זיינוולען וואָס איז זיין פאַרלאַנג. האָט אים זיינוול געענטפערט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין:

— דאָקטער, כ'בין אַ משוגענער...

— וועלכע באַווייזן קענט איר האָבן?... — האָט אים דער דאָקטער אָנגעקוקט אַביסל פאַרחידושט.

האָט זיינוול אויפן אָרט אָפּגעשפּילט אַ סצענע, אַז דער דאָקטער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן פון זיין שפּילן.

אויסגעצייכנט!... — האָט ער אים געריימט און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

דער שוועסטער מאָניק איז עס אויך געפעלן. בכלל איז איר זיינוול געפעלן מיט זיין פּיסק, מיט זיינע פריילעכע משוגעתן; אַ ברייטער, אַ בלאָנדער, אַ פריי־לעכער, נאָר פון צייט צו צייט איז אים באַפאַלן דער אומעט און דעמאָלט האָט מען צופיל נישט באַדאַרפט צושטיין צו אים. מיט דער באַלעבאָסטע פון פּאַנ־סיאָן האָט ער אָפּגעמאַכט, אַז אויב ס'וועט עפּעס טרעפן, מען וועט קומען נאָך אים — און דאָס מערסטנס ביינאַכט — זאָל זי תיכף רופן דער שוועסטער מאָניק.

ס'גייט נישט אַוועק קיין דריי טעג, איינמאָל, אַרום צוויי ביינאַכט — מען קלאַפּט. אַ זשאַנדאַר, מיט נאָך צוויי אַרעסטירטע יידן, שטעלן זיך אַריין. די יידן זאָגן צו אים אויף יידיש:

— מעסיע זשאַק, מען רופט אונדז צום קאָמיסער...

הייבט ער זיך אָן אָנצוטון, זיינוול, און פאַלט אַריין אין היסטעריע. די באַלעבאָסטע פון פּאַנסיאָן האָט שוין צווויסן געגעבן דער שוועסטער, אַז זי גייט טעלעפאָנירן נאָכן דאָקטער. שרייט ער: כ'דאַרף נישט גיין דאָקטער! און צום זשאַנדאַר: כ'גיי מיט דיר! דער זשאַנדאַר גייט צו און וויל אים העלפן אַראָפּקריכן פון בעט. כאַפּט ער אים פּלוצים אָן ביים האַלדז און נעמט אים שטיקן. „גיב מיר אָפּ מיין זון!"... — שרייט ער. דער זשאַנדאַר האָט זיך קוים אַ לעבעדי־קער אַרויסגעריסן פון אים און שנעל פאַרהאַקט די טיר פון יענער זייט.

— נישט אומזיסט רופט מען אים זיינוועלע דער אַרטיסט... — האָבן די צוויי יידן גערעדט צווישן זיך — ער שפּילט גוט די ראָלע...

ס׳האָט געדויערט אַ מינוט צוואַנציק ביז דער דאָקטער איז געקומען. אָבער דער זשאַנדאַר האָט שוין מורא געהאַט אַריינצולאָזן דעם דאָקטער אויך. „איך בין נישט פאַראַנטוואָרטלעך!״... — האָט ער אים געוואָרנט. ווייל די שוועסטער מאָניק האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט נאָך אַמאָל זען אַ זשאַנדאַר, וועט ער ווידער ווערן ווילד. איז ער טאַקע מער נישט אַריין. דער דאָקטער האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג און דער זשאַנדאַר האָט טעלעפאָנירט קיין שאַטאָרו. האָט מען פון דאָרט געענטפערט, אַז מ׳זאָל אים דערווייל לאָזן, ביז אַ צווייטן טראַנספּאָרט. מער האָט ער נישט באַדאַרפט, זיינוול... דער דאָקטער איז געזעסן אין קליינעם סאַלאָן און געטרונקען קאַפע.

— געפעלסט מיר! — האָט ער לייכט שמייכלענדיק זיך אָפּגערופן — אַזעלכע ווי דו זיצן נישט מיט פאַרלייגטע הענט... ס׳איז פאַראַן איצט גענוג אַרבעט...

האָט ער דאָך באַלד פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, דער דאָקטער. האָט זיך זיינוול אָפּגערופן, אַז ווען ער קען אַריבערקומען קיין פּאַריז, וואָלט ער שוין אַליין געוווּסט וואָס ער האָט צו טון.

די יידן פון שטעטל זענען אים דערווייל מקנא געווען. איינמאָל קומט אַריין אַ ייד און רופט זיך אָפּ:

— וואָס מיינסטו, מען ווייסט נישט, אַז האָסט געשפּילט אַ קאָמעדיע?...

— איז וואָס זשע ווילסטו? — איז זיינוול אויפגעשפּרונגען — ווען מען נעמט מיך אין לאַגער אַריין, וואָלט דיר שוין בעסער געוואָרן?...

— גאָרנישט... מאַכט יענער — נאָר ס׳איז אַן אומגליק אויף יידן...

און גייט אַוועק.

אין פּאַריז, האָט מען געהערט, נעמט מען קיין דראַנסי, מען שיסט ערובניקעס, מען דעפּאָרטירט. זיינוול האָט עס געפילט אויף זיין געוויסן. וואָס, צום טייוול, זיץ איך דאָ? ווען נישט דאָס יינגל, וואָלט ער שוין פון לאַנג דאָרט געווען. די באַלעבאָסטע פון פּאַנסיאָן איז אַריינגעקומען צו אים.

— דאַרפסט אַוועק פון דאַנען... — האָט זי אים געוואָרנט — צופיל שונאים האָסטו דאָ...

און זי אַליין האָט אים געהאָלפן אַריבערכאַפּן זיך צוריק קיין פּאַריז. געווען וואָס מיט זיי דאָרט איז געשען האָט ער נאָך נישט געוווּסט. דעם 16־טן יולי, האָט ער געהערט, איז אין פּאַריז געווען אַ גרויסע בהלה. די באַלעבאָסטע האָט אים געהאָלפן, דער שמייכלענדיקער דאָקטער האָט אים געהאָלפן און ער איז בשלום אָנגעקומען. אין פּאַריז האָט זיינוול נישט געדאַרפט קיין פאַרבינדונגען פון דאָקטער פון שאַטאָרו. ער האָט זיי געפונען. מיט דער נאָז האָט ער זיי דערשמעקט.

מענטשן האָבן זיך אָנדערציילט וואָס אין פּאַריז האָט זיך אָפּגעטון אין דער פרי פון 16־טן יולי; ווי אַזוי מ׳האָט אַלט און יונג געשלעפּט פון די בעטן צו די פּאָליציייאישע לאַסט־וואַגנס, אַוועקגעפירט אין וועלאָדראָם ד׳היווער. אַ סך מאָל האָט עס אים נאָך בלינדערהייט צוריקגעפירט צו זייער היימישער טיר אויפן בעלוויל. פרעמדע, אָרעמע מענטשן האָבן דאָרט איצט פאַרנומען זייער דירהלע, פון וואַנען מ׳האָט אַוועקגעפירט זיינע טאַטע־מאַמע. ער האָט מער נישט געהאַט קיין היים. די קאַפעס אויפן בעלוויל זענען געשטאַנען פאַרהאַקט. עטלעכע נעכט

איז ער געשלאָפן ביי געצל שטריקער, וועלכער האָט אַמאָל געאַרבעט מיט אים ביי אַ גרויסן שטריקער־פאַבריקאַנט אויפן פאָבור סט. דעני. ער האָט אים אומגע־ריכט דערזען אין מעטראָ און איז צוגעפאַלן צו אים. יענער האָט אים מיט אַ ווונק באַלד געגעבן צו פאַרשטיין, ער זאָל זיך האַלטן אַביסעלע פון דער ווייטן... ער זאָל אים נאָכגיין... ביז זיי זענען פאַרפאַרן צו פאָרט דע לילאַ. ס'איז געווען אַ רעגנדיקער פאַרנאַכט. אין אַ געסל, וואָס פירט אַרויס צו די ליידיקע פעלדער, האָט ער יענעם אָנגעיאָגט.

— זיינוול... — האָט אים געצל אַרויפּעלייגט די האַנט אויפן אַקסל — מען זעט גלייך, אַז ביסט אַ גרינער... לאָמירביידע אַזוי לעבן, ווי ס'האָט נישט געפעלט קיין סך מיר זאָלן ביידע אַריינפאַלן צו זיי אין די לאַפּעס אַריין...

ער האָט זיינוולען אַוועקגעפירט צו אַן אַלט הויז, אויף אַ לעצטן שטאָק, אין אַ פּוסטלעכע דירה. זיי זענען אַריין אין אַ נידעריקער טיר און געצל האָט מיטן טאַשן־לעמפל אַרומגעטאַפּט די ווענט.

— דאָ — האָט ער געזאָגט — קענסטו דערווייל בלייבן אַ פּאָר טעג. איך זאָג דיר אָבער גלייך — ס'איז געפערלעך!... ווילסט אַוועקלייגן אַביסל דייטשן?... שליס זיך אָן אין דער ווידערשטאַנד...

— צוליב דעם בין איך צוריקגעקומען קיין פּאַריז! — האָט זיך זיינוול געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן — איך האָב מיט זיי אַ לאַנגן חשבון! דוכט זיך, אַז דו קענסט זיינוולען... כ'שענק אַוועק ס'גאַנצע לעבן מיינס און פּטור...

— דאָ — מאַכט געצל — ווערן אויסגעאַרבעט באָמבעס פון קליינעם קאַליבר. נישטאָ קיין צייט אויף ווייבערישע סענטימענטן, זיינוועלע... מען דאַרף קענען קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין...

צומאָרגנס האָט ער זיינוולען אַוועקגעפירט צו אַ חבר אין טונקעלע ברילן. יענער האָט אים לאַנג אויסגעפרעגט, צי ער איז געווען אַ סאָלדאַט, צי ער קען אומגיין מיט געווער. ער האָט מער געקוקט אויף זיינוולען, ווי צוגעהערט זיך צו זיינע ענטפערס. ער איז גרייט אויף אַלץ, האָט זיינוול געזאָגט, אפילו דאָס לעבן אַוועקצוגעבן.

איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע מיט נאָך צוויי. איינער פון זיי איז געווען געצל. דעם אַנדערן האָט ער אַ באַקוק געטון אויף דער ערשטער טרע־פונג, ערגעץ אויף אַ פאַרשטאָט. ער וואָלט געשווירן, אַז ער האָט אים אַמאָל געזען אין שטריקער־סינדיקאַט. זייער אויפגאַבע איז געווען — וואַרפן אַ באָמבע אויפן דייטשן פלאַץ־מיניסטעריום, נישט ווייט פון פלאַץ קאָנקאָרד. דאָרט איז אַלעמאָל אַ געדיכטע באַוועגונג פון אָפיצירן און פון קליינע, פלינקע מיליטערי־שע אויטאָס. מ'האָט פריער גוט באַדאַרפט אַרומשמעקן דאָס אָרט, באַקוקן די דייטן־גאַסן, זען וווהין, צו וועלכע אָרטעריעס זיי פירן, ביים צוריקציען זיך. „נאָר קאַלטבלוטיק!" — האָט געצל געלאָזן געלערנט. זאַלבעצווייט זענען זיי פאַרנאַכט אַוועק אָנקוקן די געביידע. לאַנג פאַרהאַלטן זיך אויפן טראָטואַר האָט מען נישט באַדאַרפט, כאָטש ס'האָט זיך דאָרט געדרייט אַן עולם.

צומאָרגנס זענען זיי ווידער צוריקגעקומען. געצל און דער אַנדערער חבר זענען געבליבן וואַרטן אין אַ זייטיקער גאַס, אויב ס'וועט אויסקומען צו פאַר־טיידיקן זיך ביים אַנטלויפן. זיינוול האָט געטראָגן אַ פיין־אַרומגעשנירלט פּאַ־

קעטל. ס'האָט בלויז אַרויסגעשטעקט אַ שטיקל קנויט. ווען די דייטשע וואַך איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן אין טויער, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויפן טראָטואַר, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, צוגעלייגט דאָס גליענדיקע פּייערל צום שפּיץ קנויט און פלינק דערנענטערט זיך צום פענצטער־פאַראַפּעט; ס'האָט אויסגעזען ווי דער ווינט וואָלט שטאַרק געבלאָזן אויפן שוועבעלע צווישן זיינע דלאָניעס. דערווייל האָט ער דאָס פּאַקעטל „פאַרגעסן" אויפן פענצטער און באַלד געמומען לאַנגזאַם אָפּטראָגן זיך. דאָס אַלץ האָט געדויערט סעקונדעס. ער האָט נאָך אויסגערעכנט וויפל מעטער אַן ערך ער קען אָפּגיין, צו דערווייטערן זיך פון דעם אָרט, ביז די באָמבע וועט אויפרייסן. ער האָט זיך גלייך געלאָזן צו דער מעטראָ „מאַדלען", אין דער נאָענט.

שוין גייענדיק אַראָפּ אויף די טרעפּ, האָט ער דערהערט דעם אויפרייס. איז ער אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ גרויסער פרייד. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל. צווישן צעשראָקענעם עולם, וואָס האָט אין דער שעה געאײַלט פון דער אַרבעט, האָט קיינער נישט באַמערקט דעם שמייכל זײַנעם. אַלע פּנימער זענען געווען בלייך, מ'האָט זיך איבערגעמורמלט. אַ בלאַסע פרוי האָט געטוליעט צו זיך אַ קינד. אַן עלטערער, אין אַ בלויען אַרבעטס־קאָמבינעזאָן, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון זיין צייטונג און געלאָזן פאַלן — „מען ברעכט דאָרט דאָס געפעס"...

אינגיכן האָט זיינוולס נאָמען אין די קרייזן פון ווידערשטאַנד שוין געקלונגען; נישט, אייגנטלעך, זיין נאָמען, נאָר זיין פאַלשער נאָמען.

— פון היינט אָן וועסטו ביי מיר הייסן קאַפּיטען קאַראַל... — האָט אים געצל, דערלאַנגענדיק אַ שפּאָגל־נייע „קאַרטע", פייערלעך געמאָלדן.

— און זיינוול טויג שוין נישט?... — האָט ער נישט באַלד פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון אים.

ער האָט אים געבערענגט אַ „קאַרטע" מיט אַלע נויטיקע שטעמפּלען. ס'איז אים אַפילו נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען איינצוחזרן די אַלע פאַמיליאַרע איינצלהייטן. קודם האָט מען אים דאָרט עלטער געמאַכט מיט אַ יאָר פופצן, באַפוילן אָפּצופאָטאָגראַפירן זיך אין פּראָפיל, מיט לאַנגע, בלאָנדע וואָנסן, וואָס ער האָט זיך ספּעציעל געלאָזן וואַקסן. אין די בלאָנדע וואָנסן, אין אָפּגעטראָגענעם „קאָמבינעזאָן", האָט ער טאַקע גיכער אויסגעזען ווי אַ מיטל־יאָריקער פּוילישער קוילן־גרעבער, אַריבערגעקומען אַהער אויף אַ קאָנטראַקט. צוגעקלעפּט אים אַ טאָטן הענריק, אַ מאַמע פראַנטשישקאַ, וואָס האָט אים געבערענגט אויף דער וועלט אין פּויזנער קאַנט. דערנאָך האָט ער זיך אַזוי גוט איינגעלעבט אין זיין נייעם גלגול, אַז ווען מ'וועקט אים אויף אין מיטן דער נאַכט, וואָלט ער גלייך געוווסט צו ענטפערן, נישט אַ פּינטל טוענדיק מיט אַן אויג...

מיט אַ וואָך שפּעטער, דעם 3־טן דעצעמבער, האָט מען אים געהייסן זיין גרייט. געצל איז שפּעט צוריקגעקומען פון אַ טרעפונג ביי „פּאַלעי ראָיאַל". אַליין, אויף אַ פּרימיטיוון אופן, האָט געצל — וועלכער האָט אַמאָל אויפן קאַנ'ער אוניווערזיטעט שטודירט אויף אינזשיניער־כעמיע — אין דעם דאַך־שטיבל אויסגעפּאַרטיקט באָמבעס. אין אַ מעטאַלענעם צילינדער האָט ער אַריינגעפּרעסט שיכט דינאַמיט, אַ שיכט אייזן־שפּליטערס, דערנאָך ווידער דינאַמיט, צוקער

און פּאַטאַס. די עפענונג — צוגעשרויפט מיט אַ דעקל, פון וואַנען ס׳האָט זיך געצויגן די קנויט. אַזאַ באָמבע האָט זיך גערופן — „באַרנע״, אַ קלענערע — „טאַמאַט״.

אַנדערטהאַלבן שעה איז פאַרבליבן אויסצופּאַרטיקן די 5־קילאָדיקע באָמבע, 300 מילימעטער די לענג. זיינוול האָט אים דערלאַנגט צו דער האַנט. קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן, ס׳זאָל הייסן, אַז דאָס דאַך־שטיבל איז אומבאַוווינט. זיי האָבן נאָך געהאַט צוצופּעסטיקן די קנויט, ווי מיטאַמאָל איז זיינוול אינגאַנצן פאַרטויבט געוואָרן. אַלץ האָט אָנגעהויבן צו רוישן און זשומען אַרום אים. ער האָט דערפילט ווי די קליידער ברענען, ס׳שטיקט, נישטאָ קיין לופט. ווו איז ער, געצל? „אַנטלויף!״ — האָט ער געהערט פון געדיכטן נעפּל אַרויס. ס׳האָט זיך געשאָטן אויף אים קאַלך, ברעטלעך, אַ וועגטל איז איינגעפאַלן פון לופט־דרוק. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות אַ ריס געטון צו דער טיר נאָך געצלען, גע־נומען אַראָפּשיטן זיך פון די שטיגן.

אין פאָדער־הויז איז שוין געווען אַן אָנגעלויף. פענצטער האָבן זיך אויפ־געפּראַלט. באַלד וועט די פּאָליציי אָנפליען. וואָס טוט מען? אַזוי, מיט די ברענ־ענדיקע קליידער אויף זיך, איז ער סיי ווי אַ פאַרלוירענער. דער געדאַנק האָט נאָך גוט געאַרבעט. ער איז צוריק אַרויף די דריי שטאָק שטיגן, צווישן פייער און רויך, אַ כאַפּ געטון פון טשוואַק דעם מאַנטל מיט ביידע רעוואָלווערן אין די קעשענעס. מיטן מאַנטל איבערן קאָפּ איז ער נאָך אַמאָל אַראָפּ די שטיגן, דורכ־געשטופּט זיך צווישן עולם, וואָס איז אָן אויפהער געוואַקסן. אין טומל, האָט אים קיינער נישט באַמערקט. ער האָט זיך באַלד אַריינגעדרייט אין אַ זייטיקער גאַס. הינטער אים האָבן זיך געהערט די הילכיקע אויפרייסן. דאָס האָט די קליי־נע לאַבאָראַטאָריע פאַרענדיקט מיטן לעצטן ביסל דינאַמיט.

ווייט לויפן האָט ער אָבער נישט געקענט. ביי אַ גרינס־פּאַרקויפערין האָט ער זיך פאַרהאַלטן. די פרוי, פאַרוויקלט אין טיכער, האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע, איבערגעשראָקענע אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז אוודאי אויס־זען שרעקלעך. דער ערשטער דייטש, אָדער פּאָליציאַנט וועט אים פאַרהאַלטן. וואָס טוט מען? איז ער האַסטיק אַריין צו דער פרוי איןביידל און איר געזאָגט:

— אַן אַרבעטס־פּאַרפאַל, מאַדאַם... כ׳קען נישט גיין אַזוי איבערן גאַס...

— מאָן פאַוור... מיין אַרעמער... — האָט זי געמורמלט.

און האָט אים, אָן רייד, אַרונטערגעפירט צום הינטערשטן קעמערל. אין דער טונקל, צווישן די אָנגעשטעלטע זעק, צווישן די טוכלע ריחות, האָט ער דערפילט, ווי די פיס זענען אים אויפגעלאָפן. ער קען נישט רירן מיט קיין פינגער. בלויז די צוויי קאַלטע רעוואָלווערן האָבן אים געקילט דאָס לייב. מיט דער אָפּגעשטאַר־בענער האַנט האָט ער זיי פעסט געקלאַמערט און איין געדאַנק האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט: „קיין לעבעדיקן וועלן זיי מיך נישט נעמען״...

אויף דער גאַס איז דער אָנגעלויף דערווייל געוואַקסן. אַ פייפעריי, אַ קלינגע־ריי פון די אָנגעפּאַרענע פייערלעשער־וואָגנס. ער האָט אַפילו געהערט ווי צו דער פאַרקויפערין איז צוגעקומען אַ פרוי און איר גענומען אויסדערציילן וואָס דאָ האָט פּאַסירט:

— מיין גאָט! — האָט יענע געזיפצט מיט פאַרכט — אַ גאַנצער אַרסענאַל האָט דאָרט אויפגעריסן... באָמבעס...

פון אירע אָפּגעריסענע רייד האָט ער זיך דערוווּסט, אַז כמעט דער גאַנצער שטאָק איז חרוב געוואָרן, אַלע שויבן אין די שכנותדיקע הייזער זענען אויסגעזעצט געוואָרן. אויסער איין פרוי, וואָס איז לייכט פאַרוווּנדעט, זענען אָבער קיין קרבנות נישטאָ; ווייל די מערסטע לאָקאָטאָרן פון אַלטן הויז זענען געווען ביי דער אַרבעט. ווען די פרוי איז אַוועק, איז די גרינס־הענדלערין שטיינגעבליבן אין טירל.

— מיין גאָט! — האָט זי געמורמלט — ווי איר זעט אויס...

ער איז געווען אינגאַנצן אויפגעשוואָלן. פון די געפּלאַצטע בלאָזן איז גערונען. די עלטערע פרוי האָט אַ רגע אומרואיק אַ בלאָנדזשע געגעבן איבערן קעמערל, דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן, אָפּגעריסן אַ שטיק פון איר אייגן העמד און געגומען אים פאַרבאַנדאַזשירן. זי האָט זיך אַלעמאָל געוואָרפן צום טירל, אויב קיינער קומט נישט אָן. די פינגער פון דער פרעמדער פרוי האָבן אים באַרירט לייכט, פאָרזיכטיק, נישט ווי צו טון. ס'האָט זיך אים מיטאַמאָל אַ מיש געטון פאַר די אויגן און ער איז געפאַלן אויף איר ברוסט. ער האָט פאַרקריצט די ציין, צונויפגענומען אַלע כוחות.

עס איז שוין געווען אָוונט. וואָס טוט מען ווייטער? וווּהין גייט מען? ער האָט דורכגעוואָרפן אין מוח אַלע אַדרעסן פון באַקאַנטע און דערמאָנט זיך דעם זיכערסטן, העלען, אויף רי סט. מאַרטען. ס'איז אָבער ווייט. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פוןביידל, דעם מאַנטל אָנגעהאָנגען אויף די פּלייצעס. ער האָט דער אַלטער פרוי געקושט אין ביידע באַקן און געלאָזן זיך גיין מיט קליינע, שטייפע טריט. פון אַריינגיין אין מעטראָ האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. האָט ער זיך געשלעפּט צופוס, אויסגעזוכט די טונקלסטע געסלעך, לענגאויס די קאַנאַלן. ביי די בולוואַרן איז שוין געווען זייער באַלעבט אין דער אוּנטיקער שעה. דייטשע אָפיצירן, פּאָליציי־לייט — אויף יעדן ראָג. נישט ווייט פון אים, ביים מאָנומענט, האָט מען אָפּגעשטעלט עטלעכע פאַרבייגייער, געזוכט אין די טאַשן, באַקוקט די דאָקומענטן. ס'איז געווען אַ נס ווי אַזוי ער איז אַדורך דעם פייער, אַ פאַרבאַנדאַזשירטער, מיט ביידע רעוואָלווערן אין קעשענע. קנאַפּע דריי שעה האָט ער זיך געשלעפּט. האַרט פאַר דער פּאָליציי־שעה איז ער דערקראָכן צום הויז ביי דער סט. מאַרטען־קירכע, אַרויף די פיר שטאָק, שטיל אָנגעקלאַפּט. ווען מ'האָט אים אויפגעמאַכט די טיר, איז ער אומגעפאַלן אויף דער שוועל.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אים איבערגעפירט אין אַ פּריוואַטער קליניק. געהייסן האָט עס — אַן אַרבעטס־פאַרפאַל. געצל איז פּלוצים אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דר'ערד.

— נאָך גוט אָפּגעשניטן, זיינוועלע... — האָט ער אים געוואָלט אַ קלאַפּ טון אין דער פּלייצע, נאָר ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז פול מיט וווּנדן — ווו האָסטו אַהינגעטון דיינע בלאָנדע וואָנסן?...

— אַז מ'איז קראַנק, שפּילט מען נישט קיין קאָמעדיע...

— ס'איז דיר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו גיין שפּילן אין דראַמ.־קרייז?...

— כ׳האָב, גלויב מיר, געהאַט מיין אייגענעם דראַמ.־קרייז... האָסט כאָטש געקענט מיין געזינדל ?... שאַ, מיין יינגערן „בראַטאָקל״, אהרנען, האָסטו אַוודאי יאָ באַדאַרפט קענען. ער האָט זיך פאַרנומען מיט שרייבן לידלעך... קיין פרנסה דערפון האָט ער נישט געהאַט... קאָפּ־ברעכענישן... אַ פּרעסער איז ער דאָ גע־וואָרן. און אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע, האָט אים ס׳ווייבל זיינס אויך געלאָזן שטיין... שפּילסט זיך...

שיינע עטלעכע וואָכן איז זיינוול אָפּגעלעגן, ביז ער האָט געקענט רירן מיט די פינגער. ער איז ווידער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויפרייס־מאַטעריאַל. ס׳איז געווען דרינגענדיק אויפצוזוכן אַן אַנדער דירה. האָט ער באַשלאָסן, אַז דווקא אין זייער דירהלע אויפן בעלוויל, וווּ זיינע טאַטע־מאַמע האָבן געלעבט, פון וואַנען מ׳האָט זיי דעפּאָרטירט, מוז ער איינריכטן די נייע לאַבאָראַטאָריע. ער איז דאָרט עטלעכע מאָל אַרויפגעקומען און זייטיק געכאַפּט אַ שמועס מיט דער פרוי. דעם מאַן האָט מען אַוועקגעשלעפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטש־לאַנד. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד, די פרוי, אָבער ווען ער האָט דערציילט, אַז יעדעס ווינקעלע דאָ איז אים באַקאַנט, אַז זיינע עלטערן האָבן דאָ געוווינט, האָט זי איינגעשטימט אַריבערצוציען זיך אין אַן אַנדער דירהלע. ער האָט איר באַ־צאָלט. אַהער האָט מען אַריבערגעפירט דעם לאַגער פון די אויפרייס־שטאָפן. זיינוול האָט דערפילט אין דעם אַ באַזונדערן טעם — דעם טעם פון נקמה...

## קאַפּיטל צען

ווי נאָר זיינוול האָט זייטיק אַ באַקוק געטון ס׳פאַרבלאָנדזשעטע מיידל, חוה׳טשען, האָט ער באַלד אַלץ פאַרשטאַנען. וואָס איז געווען — פרייד און שרעק. זי האָט אים אָנגעקוקט — אין אַלע זיינע באַוועגונגען איז געלעגן ענערגיע. געפּירט דורך זיין פעסטן אָרעם, האָט זי זיך דערפילט באַשיצט און זיכער. ער האָט איר באַזאָרגט מיט אַן אָרט צום שלאָפן און אַליין איז ער ווידער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט איר אָבער איבערגעלאָזן אין גוטע הענט; דאָס זענען געווען צוויי יידישע מיידלעך. ביידע — ליכטיק־בלאָנדע, ביידע „אַריערינס״. זיי האָבן פאַרנומען אַ קליין צימערל אויפן אַלטן מאָנמאַרטר. די וועכטערין פון הויז האָט זיי אָפּגעהיטן, אַז קיין שום בייז זאָל נישט פּאַסירן. זיי זענען אַהיימגעקומען שפּעט. וואָס האָט אָנגעקוקט זיינוולען, אָנגעקוקט ביידע מיידלעך און האָט זיך מיטאַמאָל געשעמט פאַר זיך אַליין.

— נעמט מיך מיט... — האָט זי זיך געבעטן — כ׳וויל אויך מיט עפּעס מיטהעלפן...

האָבן זיך די מיידלעך איבערגעקוקט און געזאָגט: „מ׳עט זען״... זיינוול האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אין אַ פאַרנאַכט. ער האָט געזאָגט:

— מיר מוזן באַלד אַוועק פון דאַנען, חוה׳טשע... ביסט גרייט מיטצוהעלפן ?... נקמה נעמען ...

האָט זי געוויינט און געזאָגט, אַז זי וויל העלפן אומברענגען די מערדער פון אירע עלטערן. דערמיט, האָט זי געפילט, וועט זי אויך נענטער זיין צו זיינוולען, צו די אַלע, וואָס קומען פון „דאָרט“ און זיי טראָגן מיט זיך אַ פייער פון אומגעשטילטן האַס.

— וועסט נישט מורא האָבן ? — האָט זיינוול ברייט געלאַכט.

— מיט דיר וועל איך גיין אַפילו אין פייער אַריין... — האָט זי געוויינט און געוואָרפן זיך אויף זיין האַלדז.

זיי האָבן דורכגעשניטן דאָס גערטל הינטער די ווענט פון דער קאַטעדראַלע, געשאַרט די פיס איבערן טעפּיך פון אָפּגעוועלקטע בלעטער. זיינוול, אין פונאַנדערגעבלאָזענעם האַרבסט־מאַנטל, האָט געשוויגן. די פאַרנאַכטיקע שיין איז געקומען פון הינטער די בויגנדיקע בריקן איבער דער סען. ס׳איז געווען בלויז געפאַר אַרום, אָבער זי איז נאָך קיינמאָל אַזוי גליקלעך נישט געווען. זיי האָבן באַשטימט דורכצושניידן די גאַס, ביז רי פאַסקיע, אויסצוקוקן דעם האָטעל, ווו עס זענען איינגעשטאַנען דייטשע אָפיצירן. לויטן פּלאַן, האָט זיינוול באַדאַרפט וואַרפן דעם גראַנאַט און אַן אַנדערער — „אָפּרייניקן דעם וועג“, ביים צוריקציִען זיך.

הינטערן לאַמטער, צופוסנס דעם דענקמאָל, האָבן זיי זיך קורץ אָפּגעזעגנט. זיי האָבן באַשטימט צו טרעפן זיך מאָרגן.

פיינלעכע שעהן פון אומגעדולד, פון שרעק. פּינקטלעך האַלב־זיבן איז זי אויסגעשטיגן פון דער מעטראָ און געלאָזן זיך גיין צו דער נאָטער־דאַם־קאַטעדראַלע. פופצן מינוט פאַר זיבן האָט ער געזאָלט צוקומען אין דער נישע ביים גערטל, וואָס האָט צווי אַרויסגאַנגען. די גרינלעכע שיין פון אַ לאַמטערן האָט געקאַפּטשעט. אָבער זיינוול איז גאָר אויסגעוואַקסן דורך די טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף פון דער סען, נישט דורכן גאָרטן־טירל, ווי זי האָט אויסגערעכנט. זי האָט פונדעסטוועגן אַ קליין ביסעלע געפּלאַטערט ביים אַרויסציען פון האַנט־בייטל דעם קליינעם שווערן פּאַקעט. ס׳איז אין ראָזן פאַרנאַכט אַ שאָד געווען אַנצוקוקן אים, אַזאַ הייליק פייער האָט געלויכטן אין זיין בליק.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער באַלד האָט ער, אומדרייענדיק זיך שאַרף, דורכגעשניטן אין דער קווער דאָס גערטל, גערוישלאָז צוגעלענט נאָך זיך דאָס גאָרטן־טירל. אַליין איז זי אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. זי איז געגאַנגען נישט געאיילט און איז נאָך אַ ווײַלע שטיינגעבליבן אויפן ראָג. פון דאַנען האָט מען געקענט אַראָפּקוקן אין דער טיף פון גאַס און זען ווי זיי דערנענטערן זיך אין פאַרנאַכט צום האָטעל, איינער ווייט אָפּגערוקט פון אַנדערן. די אַלטע, מאַסיווע הייזער אין עמפּירישן סטיל, זענען זיך דאָרט ערגעץ צוזאַמענגעגלאָפּן אין אַ קרומער ליניע, אין פאַרנאַכטיקן ליכט, וואָס האָט קאַלט געבלענדט אין די שויבן. איין מאָל, האָט זי געזען, זענען זיי פאַרביי און זיך צוריקגעקערט. דערנאָך זענען זיי אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון איר אויג. אַביסל האָט עס איר געוווּנדערט און אַביסל האָט איר דאָס האַרץ געפּלאַטערט.

נאָר אָט האָט זיך אין דער טיף פון גאַס אומגעריכט געעפנט אַ פייער. האָט זי זיך באַלד אָוועקגעדרייט, שוין מער נישט אומגעקוקט זיך. איבערן רוקן איז איר אַדורך אַ פרעסטל. זי האָט זיך אַליין געזאָגט, אַז זי דאַרף זיין קאַלט, אָבער דער פלאַטער איז אַלץ נישט אַוועק. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ ציטערניש פאַר זיינוולס לעבן. ווער וויס ? זי האָט געוואָלט באַלד צוריקגיין. אפשר דאַרף מען אים אַרויסראַטעווען פון פייער ? עטלעכע טירן אין ראָג האָבן געהאַלטן אין פאַרהאַקן זיך. די גאַס איז געוואָרן אומהיימלעך־לײדיק. נאָך אײדער זי איז צו־געקומען צו דער מעטרא, האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זען פאַרביישווינדלען זיין סילועט. ווי אַ שאָטן האָט ער זיך פאַרבייגעגליטשט, פאַרפאַלן געוואָרן צווישן דעם שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך געשטופּט אַראָפּ, צו די מעטראָ־שטיגן. זי האָט אים געוואָלט דעריאָגן, אָבער זי האָט אים שוין נישט געפונען.

געפונען האָט זי אים ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אין אַ שטיל הויז. ער איז געלעגן מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס. זיין פּנים האָט אויסגעקרימט אַ ווייטיק, אָבער ער האָט געשמייכלט דורך יסורים. נאָך דער אויפגעריסענער לאַבאָראַטאָריע און נאָכן לעצטן פאַל, האָט זי שטאַרק געציטערט פאַר זיין לעבן. זיינוול אָבער האָט זיך אויסגעלאַכט.

— דער טייוול אַליין וועט מיך שוין נישט נעמען, חוה׳טשע... זעסט דען נישט ? מיר זענען אַ משפּחה עקשנים, מיר מוזן לעבן...

אַלץ האָט זי אים אַצינד געגלויבט, עוואַ, אַלץ. זי האָט געפילט, אַז זי איז נאָענט פון איר גליק און — ווי זי וואָלט עס מיט דער האַנט נישט געקענט דערלאַנגען. ווי שיין, האָט זי זיך געזאָגט, וועט זיין, אַז די מלחמה וועט זיך ענ־דיקן... און מער האָט זי אים שוין אין יענעם ווינטער נישט געזען. מ׳האָט זי צוגעטיילט צו אַן אַנדער גרופּע. זי האָט געלעבט אויף די ווייטע פאָרשטעט און האָט אפילו נישט געוואָגט צו פרעגן וועגן זיינוולען, ווייל קיינער וואָלט איר סיי־ווי גאָרנישט געזאָגט. זי האָט געטראָגן אויף זיך דינאַמיט, רעוואָלווערן, ליטע־ראַטור, פאַרבינדונג־פאַראָלן, איז געקראָכן אין אַלע פייערן, ווייל דער שמייכל זיינוולס דורך סיסורים האָט געשוועבט פאַר אירע אויגן. קיינער האָט דאָס קליי־נע פאַרגרינטע מיידל נישט פאַרשטאַנען. זי איז אַלעמאָל געווען זייער פּינקטלעך, האָט ווייניק גערעדט, נאָר אַ בלאַסער, ווייטער שמייכל האָט געוועלקט אויף אירע ליפּן. מ׳האָט געוווסט, אַז זי איז „קאַפּיטען קאַראָלס" קוזינקע. מער גאָרנישט. איינמאָל בלויז האָט זי געהערט אַ מורמל, אַז זיינוול איז איבערגעשיקט געוואָרן „אויף יענער זייט". עס זענען געווען אין דעם ווינטער גרויסע אַרעסטן. ס׳האָט זיך געקאָכט אין דער פרעסע מיטן פּראָצעס פון 23 יידן, שפּאַניער, אַרמענער, וועלכע זענען דערנאָך אַלע צעשאָסן געוואָרן אויפן מאָן וואַלעריען. מ׳האָט באַ־דאַרפט פאַרווישן אַלע שפּורן, אַלע פּעדים. אויף פאַר זיינוולס קאָפּ איז דורך דער געשטאַפּאָ באַשטימט געוואָרן אַ גרויסע סומע. די אַפישן זענען געווען צע־האַנגען אין אַלע ראָגן. זי האָט זיך פאַרבייגעשאַרט די ווענט, ווו די געלע בלעט־לעך, אָפּגעפליקטע פון ווינטן און רעגנס, פאַרשמירטע מיט אויפשריפטן קעגן די אָקופּאַנטן, זענען געהאָנגען, און האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי אומזעבאַרע בליקן וואָלטן איר דורכגעשטאָכן. זי האָט געלעבט מיט איין ציל : נאָך איין מאָל צו באַגעגענען זיינוולען.

אַ סך יידישע קינדער זענען, נאָך די דעפּאָרטאַציעס, פאַרבליבן אויף הפקר. אין פּאַריז האָבן דעמאָלט געאַרבעט די „אוזשיף"־לייט, דער פראַנצויזישער „יודען־ראַט". זיי האָבן די עלנטע קינדער צונויפגענומען אין זייערע הייזער. אָרעמע פרויען, אָן מיטלען צום לעבן, זענען געקומען בעטן אונטערשטיצונג פאַר אַ קינד, וואָס איז אויפן דאָרף. האָבן זיי אָבער, די „אוזשיף"־לייט, אומבאַדינגט געפאָדערט מ'זאָל זיי אָנגעבן דעם גענויעם אַדרעס ווו דאָס קינד געפינט זיך. די מאַמעס האָבן די אַדרעסן נישט געוואָלט געבן. מ'האָט די לייט מיט האַס גערופן „די ברוינע יידעלעך". אַרום די טירן פון די ביוראָען זענען אויסגעבראָכן סקאַנדאַלן. מיט דער האַנט אויפן טעלעפאָן, האָבן די באַאַמטע געדראָט צו רופן די געשטאַפּאָ. דער „אוזשיף" האָט געפּרעדיגט לעגאַליטעט, גערופן אויסצופירן די פאַראָרדענונגען פון די דייטשן, פאַרזיכערט, אז מען וועט קיינעם, חוץ די „ווידערשפּעניקע", נישט טשעפּען. זיי האָבן אויך גערופן צו אַרבעטן פאַר די דייטשן, אַרויסגעגעבן קוויטלעך, מיט וועלכע מ'איז כלומרשט זיכער געווען. זיי האָבן אָרגאַניזירט לעגאַלע קינדער־צענטערס, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן אמתע פאַסטקעס פאַר יידישע קינדער. זיי זענען געווען די שתדלנים ביי די דייטשן און געהאָלפן צו אַנטוואָפענען און אויסצוליפערן יידן.

די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט געוואָרנט קעגן די „פאַרזיכערונגען", קעגן זייערע פאַפירלעך, קעגן דער אַפּנאַרעריי, אַז „איך בין געשיצט", „מיין קאַטעגאָריע נעמט מען נישט". אַ נעץ פון אומלעגאַלע קאָמיטעטן איז געשאַפן געוואָרן אין אַלע ראַיאָנען און קוואַרטאַלן. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן צייטונגען, אויפרופן אין יידיש און פראַנצויזיש. עס זענען פאַרגעקומען מאַניפעסטאַציעס פון יידישע און פראַנצויזישע פרויען קעגן די אַבלאַוועס, יידן־לאַגערן, דעפּאָרטאַציעס, ביי די טויערן פון די לאַגערן גופא — אין באָן לאַ ראָלאַנד, פּיטיוויע, דראַנסי, אין די מוניציפּאַליטעטן, אין די לאָקאַלן פון „אוזשיף", אין די ביוראָען פון רויטן קרייץ, אין „הויז פון די קריגס־געפאַנגענע". די יידישע ווידערשטאַנד האָט זיך געאיילט צו ראַטעווען די קינדער פונעם „אוזשיף"־הויז אויף רי מאַרקאַדע, צו פאַרניכטן אַלע אַדרעסן פון די קינדער, וואָס געפינען זיך אויף די דערפער ביי פּויערים. מ'האָט באַדאַרפט האַנדלען שנעל און ענערגיש, ווייל די דייטשן האָבן אַ ליאַדע טאָג געקענט צופאָרן מיט לאַסט־וואָגנס און צונעמען די קינדער.

דריי יידישע פרויען האָט עוואַ אין איינעם אַן אָונט געטראָפן אין אַ קליין צימערל, נישט ווייט פון הויז אויף רי מאַרקאַדע. ס'האָט זיך געהאַנדלט אין געפינען אַ פאַרבינדונג צו דער סעקרעטאַרין און צום פאַסטאַר פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע, די „קלעריער". זיי האָבן שטילערהייט אַ סך געהאָלפן יידן. אַ גרויסע זאָרג איז געלעגן אויף די פרויען, טיפע קנייטשן אויף זייערע פּנימער. זיי האָבן אַליין געהאַט קינדער, פאַרשטעקט אין די דערפער. זיי זענען געווען ווי די שטומע שאָטנס, ווו געטאָגט — נישט גענעכטיקט, געשלייכט זיך דורך הינטערגאַסן, אַרומגעטראָגן זיך מיט פאַלשע פאַפּירן, מיט פאַרזיכטיקע פּאַקעטלעך, געפאַרבט זיך אויף בלאָנד, געטראָגן אפילו צלמלעך אויף די העלדזער. פאַרוואָס איז זי געריסט געוואָרן ביז טרערן, עוואַ, ווען זי איז געזעסן צווישן זיי און געהערט זייערע פאַרזאָרגטע רייד?

אַלע האָבן זיי געהאַלטן, אַז עוואַ איז די פּאַסיקסטע. זי האָט געקענט די קליינע פּראָטעסטאַנטישע קירכע. זי איז יעדן אין דער פרי פאַרביי די קליינע קירכע, ווען זי איז נאָך געגאַנגען אין לאַמאַרטין־ליציי. זי איז אויפגעוואַקסן אויפן „פּלעצל״, אָבער געצויגן האָט עס איר צום אַלטן מאָנמאַרטר. די שול־מיידלעך האָט עס פאַרלאָקט צו דער אָריענטאַליש־געטורעמטער קאַטעדראַלע מיט די ווייסע קופּאָלן, וואָס דאָמינירן פּאַריז, דער „סאַקרע קער״. אין די הייסע, זוניקע טעג לייכטן די קופּאָלן ווייס און פאַרגליווערט אונטערן טיף־אויסגעבלויטן הימל־געוועלב. צופוסנס איז דער פּיגאַל — אַן אייביקער פריילעכער יאַריד פון דאַנסינגס, קאַבאַרעטן, רעוווי־טעאַטערן, סינעמאַס, באַל־מיזעטן, אַ פּיקאַנט, רוי־שיק נאַכט־לעבן. אין אַ זייט ליגט דער אַלטער בית־עולם פון מאָנמאַרטר. דאָרט רוט סטענדהאַל, דער שעפער פון „רויט און שוואַרץ״, פון זיין העלד זשיליען סאָרעל, אין וועלכן אַלע ליציי־מיידלעך זענען פאַרליבט; ווייל פאַר זיין גרויסער ליבע איז ער פעאיק געווען צו לייגן זיין שיינעם קאָפּ אונטער דער גיליאָטינע; דאָ רוט די „קאַמעליען־דאַמע״, די טראַגישע קורטיזאַנע פון דיומאַ, דעם יינגערן. דאָ ערגעץ האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי דער אַלטער מומען אירער די קליינע נאַנע מאַריעט. אַהער, אויפן בית־עולם פון אַלטן מאָנמאַרטר, האָבן געפירט אירע שטילע שפּאַצירן. דאָ האָט זי געהאַט אירע באַשטעלטע טרעפונגען. עוואַ האָט ליב געהאַט דעם שפּעטן האַרבסט אין די זייטיקע אַלייען. עלטערע פרויען אין שוואַרצן קומען לייגן בלומען אויף פאַרגעסענע קברים. אַן אומבאַקאַנטע האַנט האָט געלייגט רויטע רויזן צופוסנס דעם קבר פון יידיש־דייטשן דיכטער היינריך היינע; ער, וואָס האָט מיט אַ יאָרהונדערט פריער אַזוי גאַליק, וויזיאָנעריש אויסגע־לאַכט דעם דייטשן יונקערישן מיליטאַריזם, איז דאָ געשטאָרבן אין דער פרעמד.

דאָ האָט עוואַ אין איינעם אַ זונטיק באַגעגנט שפּאַצירן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער אַליי די דריי שול־חברטעס — סיזאַן, סוזי און סוזעט. כאָטש עוואַ האָט זיך צופיל נישט באַדאַרפט צו וואַרפן אין די אויגן, נישט טרעפן זיך מיט קיין זייטיקע, האָט זי זיך שטיל פאַרהאַלטן. די דריי חברטעס פון לאַמאַרטין־ליציי האָבן אַרויסגערופן ביי איר פרייד, אַ שטראָם דערמאָנונגען. זיי זענען איצט אַלע דריי געווען פאַלקס־שול־לערערינס. צוזאַמען מיט עוואַן האָבן זיי אין די אומפאַרגעסלעכע זומערן, האַלב־נאַקעטע, פאַרברוינטע, געוואַנדערט איבער די „אָבערזשן״, אָפּגעשטעלט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט די אויטאָס אויף די שאָ־סייען, מיטצוכאַפּן זיך אַ שטיקל וועג. אומגעקערט קיין פּאַריז האָבן זיי זיך מיט די ערשטע האַרבסט־רעגנדלעך.

ווען עוואַ האָט זיי דערציילט, אַז זי האָט באַגעגנט אין ליאָן די קליינע מאַריעט, אין דער טראַכט פון אַ נאָנע, האָבן זיי אַלע אַזוי געלאַכט, אַז זיי זענען אַרויפגעפאַלן איינע אויף די אַנדערע, ווי אומגעלייגטע ליכטיקע זאַנגען נאָך אַ געוויטער. די גרעסטע לאַכערקע, סוזי, האָט זיך אָפּגערופן:

— שוין אויף דער שול־באַנק איז צו מערקן די נייגונגען ביי יעדן קינד. אָ, כ׳זע געגנוי די קליינע מאַריעט, מיטן שטייף־קראַכמאַליעטן, ווייסן קעלנערל, ענג אַרום האַלדז, אין דער לאַנגער, שוואַרצער טראַכט... פון איר בלאַס פּנימל, פון אירע ברוינע אויגן, האָט אָבער אַלעמאָל אַרויסגעקוקט דער פרומער גלאַנץ... און דו, עוואַ, וואָס איז פון דיר געוואָרן ?...

— איך בין געוואָרן אַ... יידישע... — האָט זיך עוואַ אָפּגערופן, אין בלאָסן שמייכל.

זיי האָבן באַמערקט איר צוריקגעהאַלטנקייט, האָבן זיי מער נישט געלאַכט, נישט צופיל נאָכגעפרעגט זיך.

— טאָ ווי אַזוי... — האָט סוזי אָנגעהויבן און אריינגעמישט האָט זיך די פולערע, סוזעט:

— מירן דיר העלפן, עוואַ... ווילסט?... ביי אונדז אין הויז האָבן די דייטשע באַרבאַרן אויך אַוועקגענומען אַ גאַנצע יידישע משפחה...

— נישט מיר העלפן... מען דאַרף העלפן יידישע קינדער...

אַראָפּגייענדיק ערב דער פּאָליציי־שעה פון שטילן הויז, האָט זיך עוואַ דער־מאָנט אין די דריי שול־חברטעס, און זי האָט געזאָגט:

— זאָלן נאָר די קינדער אַרויסגעראַטעוועט ווערן, האָב איך ווו זיי צו באַ־האַלטן...

פריילין גיעמאַ, די סעקרעטאַרין פון דער קירכע, האָט געפינטלט מיט די אויגן אונטער די צעלולאָיד־ברילן, ווען עוואַ האָט אין שפּעטן פאַרנאַכט אָנגעקלונגען אין דער טיר צום הינטערשטן אריינגאַנג פון פּרעסביטער. זי איז צוריק געזעסן אין שטרענג־אויסגעווייסטן צימער, אונטערן גרינעם אַבאַזשור, געקוקט מיט אָנ־געבלענדטע אויגן איבער אַן אויפגעמישט בוך. עוואַ'ן האָט זי געבעטן צו פאַר־נעמען דעם שטרויענעם פאָטעל קעגנאיבער.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — איז זי געווען איבערראַשט פון אַזאַ שפּעטן וויזיט.

ווייל באַלד פאַלט־צו די פּאָליציי־שעה; און זי האָט דערפילט אומגעוויינלעכס אין דעם אומגעריכטן וויזיט. פריילין גיעמאַ איז אָפּער פון הינטערן טיש, גע־לאָפן זען צי די טיר איז גוט פאַרריגלט. אומדרייענדיק זיך, האָט זי נאָך אַמאָל מיט אומרו באַטראַכט דאָס פרעמדע מיידל. די גרינע שיין פון אַבאַזשור האָט אַוועקגעלייגט נאָכמער מאַטקייט אויף עוואַס געזיכט. אין פּייערל פון איר בליק האָט די אַלטע פריילין דערזען, אַז דאָ זיצט פאַר איר אַן אַנטשלאָסן יידיש מיידל. זי האָט גוט געקענט דאָס דאָזיקע פּייערל, זינט ווען אין דער געגנט האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס אויף יידן.

— כ'בין געקומען אייך בעטן הילף צו ראַטעווען יידישע קינדער, פאַרשפּאַר־טע אין הויז פון „אוזשיף" אויף רי מאַרקאַדע... — האָט עוואַ געזאָגט — ס'ליגט אין אייער מאַכט און איך וועל אייך באַלד זאָגן ווי אַזוי...

— מיר העלפן... איר ווייסט... נאָר ווי אַזוי שטעלט איר זיך פאָר... מיין גאָט! אַז די באַרבאַרן לויערן אויף יעדן שריט...

— מיט דער הילף פון די פּרויען פון אייער פּאַראָפיע... דאָס זענען מוטערס, זיי ווייסן ווי צו ציטערן איבער אַ קינדעריש לעבן, וואָס איז אין געפאַר...

פריילין גיעמאַ האָט צוגעזאָגט באַלד מאָרגן אין דער פרי איבערצורעדן מיטן אַלטן פּאַסטאָר.

אין יענעם זונטיק האָט דער אַלטער פּאַסטאָר, גאָרנישט לויט זיין טבע, גע־האַלטן אַ לענגערע דרשה פון דער קליינער בימה אין דער „קלעריער". „גאָט

— האָט ער קאָמענטירט דעם פסוק פון דער ביבל — האָט באַשאַפן דעם מענטש לויט זיין געשטאַלט... די צייטן, מיינע פריינד, זענען זייער אומרואיקע. דער מענטש, די העכסטע געטלעכע יצירה, האָט פאַרלוירן זיין ווערט. מען פיי־ניקט אים, מען פאַרפאָלגט אים, נאָר דערפאַר, ווייל זיין גלויבן, אָדער זיין אָפּ־שטאַם איז אַן אַנדערער. אַ ווירדיקער קריסט דאַרף ליב האָבן דעם מיט־מענטש, וואָס פאַרא עס זאָל נישט זיין זיין גלויבן; און אויב נויטיק — גרייט זיין אויף מסירת־נפש און קרבנות"...

די פרויען אין דער ערשטע ריי האָבן זיך איבערגעקוקט. געזעסן בייזאַמען זענען די דיקלעכע בעקערין מישלין און מאַדאַם בושעי, פון שפייז־געוועלבל. די וועשין אַנטואַנעט, אַ צעפלאָמטע, האָט זיי ביידן איינגערוימט:

— איז ער דען נישט גערעכט ?... דאָס זענען לייט, גענוי אַזוי ווי מיר אַלע...

אין פרעסביטער האָט פריילין גיעמאָ לאַנג זיך געסודעט מיט זיי באַלד נאָך דער פרימאָרגן־מעסע. הינטער זיי האָט דער אָרגל פאַרענדיקט די לעצטע אַקאָרדן. די איבעריקע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פאַר דער טיר. ס'איז געווען אַ ווינטערדיקער זונטיק אין דער פרי. די צוויי קליאָנען ביים טראָטואַר זענען גע־שטאַנען נאַקעט. אין דער מיט ברוק האָבן העל־גרויע טויבן, אַנגעפלויגן פון די נישעס, געוואָרקעט, צונויפגעקליבן די קערנדלעך, וואָס די קינדער האָבן זיי פונאַנדערגעשאָטן. אַלע האָבן זיך געאיילט אויף מיטאָג. די ערשטע איז געגאַנגען די וועשין אַנטואַנעט. די בעקערין מישלין און מאַדאַם בושעי פון שפייז־געוועלבל זענען איר נאָכגעגאַנגען. אויפן ראָג, ביי רי מאַרקאַדע, האָבן זיי איר אַנגעיאָגט. זיי האָבן אַ היפשע ווײַלע געקלונגען אין אָפּגעשלאָסענעם הויז, אויף די הויכע טרעפּלעך, ביז מ'האָט זיי אויפגעמאַכט. אין דער ביוראָ האָט זיי אויפגענומען די פאַרוואַלטערין מיט דער גרוי־אויפגעטורעמטער פריזור. זי האָט גערעדט פראַנ־צויזיש מיט אַ האַרטלעכן דייטשן אַקצענט.

— פאַרוואָס נישט געבן אונדז אַן אָרעם שעפעלע אויף מיטאָג ?... — האָט זיך די פאַרפלאָמטע וועשין אַנטואַנעט אַרויסגעשטעלט.

— זיי זיצן דעם גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט, די אָרעמע... — האָט די גוטמו־טיקע בעקערין געבעטן — ס'אַ שיינער טאָג אין דרויסן. מיר וועלן זיי אַביסל אַרויסנעמען אויף שפּאַציר...

באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן נאָך פרויען, יידישע. דאָ איז שוין די פאַר־וואַלטערין צעמישט געוואָרן. זי האָט זיך מיט חשד אַרומגעקוקט; כאָטש צו אַזעלכע באַזוכן זענען זיי דאָ געוווינט געווען; ס'פלעגן קומען קרובים אַרויסנעמען פון צייט צו צייט אַ קינד און נאָכדעם עס צוריקברענגען .

נישט בלויז די זעכציק יידישע קינדער זענען אין דעם זונטיק פאַרשוווּנדן פון דעם הויז; נאָכמיטאָג האָבן זיך אַריינגעריסן יידישע ווידערשטענדלער, אײַ־בערגעגעשטערט די ביוראָ, מיטגענומען אַלע ליסטעס, אַלע אַדרעסן־ביכער. דער טעלעפאָן האָט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געקלונגען, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט...

# קאַפיטל עלף

דאָס נידעריקע טירל האָט שאַרף אַ סקריפע געטון. אויף דער איינגעזונקענער באַנק, הינטער די ווענט פון פאַרווייעטן באַראַק, האַלב איינגעגראָבן אין דער ערד, האָט זיך אהרן אַ רגע פאַרהאַלטן. ס׳איז געווען אין דעם פייערלעכן אָוונט פון קריסטלעכן ניי־יאָר. שיכורע געזאַנגען פון הייליקע און אויסגעלאַסענע לידער האָבן זיך אין דער העלער נאַכט געטראָגן פון דער דייטשער אָפיצירן־קאַסינאָ, אויף די בערגלעך, און פון די וואַך־באַראַקן, אויף יענער זייט שטעכל־דראָט. אונטערן פינצטערן פאַפע־דאַך איז געשטאַנען אַ געדיכטער רויך פון קאָפטשענדיקע אייוועלעך, געקעכץ־ריחות און א פיל־שפראַכיקער גערודער. דער קאָפ איז שווער געווען. ווי אַ פיש, האָט ער איינגעשלונגען אין זיך די קלעפיק־פראָסטיקע לופט און, ווי צום סאַמע ערשטן מאָל, באַטראַכט מיט חידוש די בולטע שטערן אויפן בייערישן הימל. איז עס טאַקע מעגלעך, האָט ער זיך אַליין נישט געוואָלט צוגלויבן : די דאָזיקע שטערן האָבן אַמאָל געשיינט צווישן די אָפגעהאַקטע דעכער פון דער דזשיקע גאַס... פייגעלע... יאַנעק... דאָרט, אין די אַנגערויכערטע קאַווריאַרניעלעך האָט ער צום ערשטן מאָל באַגעגנט סטערקען... דאָס שטילע הויז מיט די גאַרדינען, מיט די ראָמאַנטישע שאָטנס, וווּ ס׳האָבן געוווינט די צוויי מיידלעך, די סטודענטקעס... די זעלבע שטערן — איבער אַ וועלט, וואָס איז נישטאָ מער... וואָס עקזיסטירט אפשר בלויז אין זיין קראַנקן דמיון. דער צייט־מהלך האָט עס אים געפירט און פאַרפירט פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע, ביז צו די בולוואַרן פון קאָסמאָפאָליטישן וועלט־יאַריד פאַריז, ביז צו די ווילדע, פעלזיקע געבערג אין דער אָבערפאַלץ, אויפן פאָן פון וואַך־טורעמס, פאַרשפינט אין שטעכל־דראָט, צווישן אַ משונהדיקן געמיש פון פעלקערשאַפטן.

מער קיין אילוזיעס זענען נישט געווען. צו לאַנג האָט עס געדויערט. ס׳איז געווען טיפער ווינטער אויף דער וועלט. אַפילו די באַפרייאונג אַליין וואָלט שוין דאָ מער קיינעם אַזוי ווילד נישט דערפרייט. די ווינטערן און די זומערן האָבן זיך איינגעגעסן אין די ביינער. אוראַלט האָט דער צפון־ווינט געוואָיעט אין די קרומע סאָסנעס, אויף די פעלזיקע אָפריסן פון דער וויסטער אָבערפאַלץ. מיטן צוריקבאַווייזן זיך פונעם מענטש אין דעם קרייז פאַרלאָזענע, עוואַקואירטע דערפער, איז דער פאַרטייעטער האָז אַוועק טיפער אין די בערג־נאָרעס. ביינאַכט איז דער פוקס, דער פלייש־פרעסער, אַרויס פון די מאָכיקע פעלזן, אין געיעג נאָך אַ יונגער סאַרנע מיט בורשטינענע לבנה־אויגן, אַ פאַרבלאָנדזשעטע פון דער סטאַדע. זי איז געשפרונגען צווישן דאַרן געצווייג, אָפגעטריבן זיך מיט די קורצע הערנער, געראַנגלט זיך מיט אַ פאַרשטיקט געוואָי אין דער קעל און אין פאַרטאָג האָט מען די רעשטלעך פון דער בלוטיקער אָרגיע געפונען אויפן קלאָר־אָנגעפאַלענעם שניי.

אין אָט דעם לעצטן ווינטער איז דער טיפער שניי שוואַרץ געוואָרן פון עסנדיקן ווינט, פון די רויכן, וואָס האָבן געשפאַרט פון אַלע לעכערדיקע באַ־

ראַקן, פון די נודנע, קאַלטע, בייערישע ווינטער־רעגנס. נידעריק איבער די פּאָפּע־דעכער, אין טאָל, געדיכט פאַרשפּינט אין שטעכל־דראָט, אַרומגעשטעלט מיט וואַך־טורעמס און פּראָזשעקטאָרן, האָט זיך אונטערן פינצטערן הימל געטראָגן דאָס הונגעריקע געשריי פון קראָען. דאָרט זענען זיי לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען, די רוסישע געפאַנגענע. זיי האָבן אָפּגעזאָגט אַנצוטון דעם דייטשן שינעל, צו גיין שלאָגן זיך קעגן די אייגענע ברידער. זיי זענען געווען איזאָלירט. אַפילו דער דייטשער דאָקטער, מיטן מאָנאָקל, איז מער נישט אַריבערגעטרעטן דעם פאַר־קראַטעווען טויער, ווו ס׳איז געווען צוגענאָגלט אַ שוואַרצע שילד מיט אַ טויטן־קאָפּ, מיט צוויי איבערגעקרייצטע קנאָכן, מיט אַן אויפשריפט אין שאַרפע גאָטישע אותיות, ווי די נעגל פון אַ רויב־פויגל: „פאַרזיכט, טיפוס!". דער וועלפי־שער הונגער, די לייז, דער טיפוס האָבן פאַרצערט אין היץ די געזונטע גופים פון די פויערים און אַרבעטער פון די טיפע רוסישע גובערניעס, אויסגענאָגט ביזן מאַרך די זאַפטן פון דער ווייטער, אויסגעבענקטער ערד. פונדעסטוועגן האָט זיך אַלעמאָל פאַרנאַכט געטראָגן פון יענער זייט, ווי פון אונטער דר׳ערד, דאָס ווייטע, סטעפּישע געזאַנג זייערס. זיי זענען געשטאָרבן זינגענדיק, אין קראַנקער היץ־בענקשאַפט. די גריבער ביים ראַנד פון די וועלדער האָבן זיך אָנגעפילט; מ׳האָט זיי פאַרקאַלכט און געהאַלטן אין איין גראָבן פרישע.

די רעשטלעך „שלעכטע פראַנצויזן", וואָס זענען אין גרויס איילעניש עוואַ־קואירט געוואָרן פון די פראָנט־לאַגערן אין פוילן, וווהין די שלאַכטן האָבן סוף יאָר אומגעריכט אַ שפּאַר־געטון פון די טיפע רוסישע פּראָווינצן, ביזן ווייסל־רוים, זענען אין שפּעטן דעצעמבער אַהערגעבראַכט געוואָרן, אין דעם איזאָלירטן דיסציפּלין־לאַגער „פאַר יידן און אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברעכער פון די אויס־לענדער־רעגימענטן". די הונגעריקע, אַרומגעשליסענע יינגלעך פון שוידערלעכן פראָנט־לאַגער אין ראַוואַ־רוסקאַ, האָבן דאָ, אין פאַרוואָרפענעם העק, נישט אַרויס־געוויזן קיין איבעריקן חשק צו דער שווערער אַרבעט. זיי האָבן בלאָס געשמייכלט, פון זייערע פאַרטיפטע אויגן־לעכער האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויל־פּייערל און אַ ביטול צו אַלץ. מיט אָנגעשטעקטע באַיאָנעטן, האָט זיי אין פינצטערן באַגינען די דייטשע וואַך אַרויסגעפירט פון די נידעריקע, טוכלע באַראַקן. אַלץ האָבן זיי שוין געזען און פונדעסטוועגן האָבן זיי אויף אַ האָר נישט פאַרלוירן פון זייער ביטערן הומאָר.

— ס׳איז שוין נישט אויף לאַנג... — האָבן זיי קיל געטרייסט — דער רוס שפּאַרט... שוין איינמאָל !...

— אָבער אין דער לעצטער מינוט... די אויסוווּרפן... צי קען מען זיי דען געטרויען ?...

אַזוי אָפּגעהאַקט און אויפן וווּנק האָט ער גערעדט, דער נידעריקער, געפּאַק־טער אַרטילעריסט, דער דרום־פראַנצויז אַנדרעאַי. פּופצן מאָל איז ער שוין גע־לאָפן פון די לאַגערן און פון די קאָמאַנדאָס. אַליין האָט ער אָבער אַמווייניקסטן צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז ס׳קען אַמאָל גאַנץ שיין טרעפן ער זאָל שוין מער די שיינע, זוניקע שטאָט ביים מיטללענדישן ים קיינמאָל נישט אָנקוקן. אין זיינע בלויע אויגן איז ער געלעגן, דער ים, אינעם ווייכן, זינגענדיקן אַקצענט פון אַ

דרום־פּראַנצויז. ווי אַלע דאָ, איז ער ווידער גרייט געווען אַרויסצוגליטשן זיך פון שטעכל־דראָט־צוים און — לויפן. אָבער ווי אַזוי? גיי קריך אַרויס פון דעם פּאַרוואָרפּענעם העק, 18 קילאָמעטער פון אַ באַן־ליניע. צופוס, האָט ער געוווסט פון דער פּראַקטיק, איז א זיכערער דורכפאַל; בפרט אין אַזעלכע הינטישע וועטערן, צווישן פעלזן, אייליקע באַרג־וואַסערלעך און טיפע, מעטערדיקע שנייען.

די געגנט, אַ ווילדע, אַ פּאַרלאָזענע, וווּ דאָס אָרעמע ברויט גייט אויף שפּעט אין זומער אַריין, אין די טאָלן און אויף די שיפּועים, האָבן די דייטשן אַליין אַ נאָמען געגעבן „דאָס קליינע סיביר“. איינציק לעבן־געבליבענע פון צעשאָסענע רעגימענטן און פון גאַנצע דיוויזיעס, זענען זיי אַהער געשיקט געוואָרן. פון דאַנען האָבן זיי, מיט אַן אומעטיק, צעצויגן געזאַנג, צוריק אָפּמאַרשירט צום פראָנט. דאָ, אויפן וועג צום טיראָל — האָט מען גערעכנט — וועט זיין דער לעצטער, פאַרביטערטער ווידערשטאַנד. זייט חדשים, ווי אַלץ איז גרייט געווען דערצו — די צעשטעלטע בונקערס מיט די שיס־לעכער אויף אַלע הויכקייטן, געגאָסן אין צעמענט, איבערגעמאָלט אין געלע און גרינע פלעקן, אָפּצונאַרן דאָס אויג; די געמינעוועטע בריקן און וויאַדוקטן ביי די שטראָמיקע באַרג־וואַסערלעך, די גראָבע קלעצער — צו פאַרשפּאַרן פאַר די טאַנקן די שמאָלע דורכגענג אין די בערג.

די אַרבעט האָט זיך אַפילו דעם זונטיקדיקן טאָג נישט אָפּגעשטעלט. דורך די פאַרקירצטע וועגן, צווישן טאָלן און הויכקייטן, האָט זיך די „ווערמאַכט“ אין גרויס געאייל גענומען דורכלייגן אַ קליינע באַן־ליניע, צו באַזאָרגן, אויב נויטיק, מיט שפּייז און אַמוניציע דעם אָפּגעלעגענעם העק. זעקס פאַרטאָג, אויפן פייף, אונטערן שטעכיקן ליכט פון פּראָזשעקטאָרן, זענען אַלע אין דיסציפּלין־לאַגער שוין געווען ביים טויער, אויסגעשטעלט לויט די פירמעס, צו די אַרבעטס־פּלעצער.

קאָמאַנדירט מיט די אַרבעטן פונעם קרייז עוואַקואירטע דערפער האָט דער אינזשיניער־אָבערלייטענאַנט פלעשער — אַ מילך־ווייסער, טרוקענער פּרייס, מיט קוים־אָנזיכטיקע ברעמען, מיט אַ העפט אויף דער לינקער באַק, אַ צייכן פון די בערלינער סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס. ער האָט פריער אָנגעהערט צו אַ באַרג־יעגער־דיוויזיע. אין די ערשטע צוויי מלחמה־ווינטערן איז ער אָפּגעלעגן ערגעץ הינטערן פאַרשאַנצטן און ביטער־פאַרעקשנטן לענינגראַד. דאָרט האָט ער געבויט פאַרפעסטיקונג־וואַלן. אָבער זיין אַרבעט איז, זעט אויס, געווען אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן. ער איז צוויי מאָל שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט אָפּגעפרוירן די פיס און אָנהייב ווינטער, בעתן „עלאַסטישן ריקצוג“, איז ער איבערגעשיקט געוואָרן אַהער, אין דער נאָענט פון טיראָל.

מיט זיין באַווייזן זיך דאָ, איז דער אַרבעטס־טעמפּ נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. דעם גאַנצן טאָג איז ער איינער אַליין אַרומגעפלויגן אויפן מאָטאָציקל, קאָנטראָלירט די אַרבעטס־שטעלן לענגאויס די 18 קילאָמעטער. לאַסט־וואָגנס, געטריבן אויף מאַזוט און האָלץ־קוילן, אָנשטאָט בענזין, און האָבן זיך קוים אַרויפגעדראַפּעט די מינדסטע הויכקייט, האָבן צוגעברענגט וועג־שפּאַלן, שינעס און געצייג. לאָקאָמאָבילן, וואַגאָניעטקעס און הויב־מאַשינען האָבן אויסגעגלייכט דעם

בערגלדיקן געלענד, פֿאַרשאָטן די אָפּגרונטן. דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט איז אָבער געווען ביים פֿאַרוואַרפֿן די בריק איבערן איילעקן באַרג־טייכל, אויף דער גרענעץ פֿון טרופּן־איבונגס־פּלאַץ, אין דער אָרטשאַפֿט דיטלדאָרף. דאָס רייסיקע וואַסערל, וואָס איז אַפֿילו אין שטרענגן, בייערישן ווינטער נישט פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, האָט שוין צוויי מאָל געהאַט אַוועקגעטראָגן די איינגעמאָסטעטע וואַלן, מיט־געשלעפּט די רושטאָוואַניעס. דאָרט האָט זיין חדשים געאַרבעט אַ פֿאַנטאַנען־בריגאַדע פֿון לויטער ספּעציאַליסטן, ווייל די געפֿאַנגענע האָט מען אַזעלכע אַר־בעטן נישט איבעריק אָנגעטרויט.

אַלע האָבן געהאָפּט אויפֿן פֿרילינג, אָבער מ'האָט זיך געשראָקן מיט אַ טונ־קעלער אָנונג וואָס דער פֿרילינג קען אַלץ מיטברענגען. אָנהייב מערץ האָבן די ווינטן שוין געהאַט פֿאַרצערט די טיפֿע שנייען, די גאָדל־וועלדער אַרום האָבן זיך אָפּגעדעקט נאַקעט און אייביק־גרין; נאָר דער ווינט האָט אַלץ געריסן איבער די הויכע, מאָכיקע פֿליינען. מיט באַווייזן זיך פֿונעם ערשטן גרעזל פֿון אונטערן שניי, צווישן די פֿעלזן, האָט דאָך אויפֿגעלויכטן אַ פֿייערל פֿון האָפֿענונג אין די אויגן ביי מענטשן. די שפּערלען זענען אין דעם יאָר פֿרי צוריקגעקומען צו די קליינע הייזעלעך אונטער די פֿאַרלאָזענע פֿויערישע סטרעכעס אין דעם קאַנט. ווי די קינדער, האָבן דאָ אַלע געפֿאַנגענע געלעבט מיט קליינע אילוזיעס, כאָטש די היים און די פֿריי זענען נאָך געווען אַזוי ווייט. דעם פֿינפֿטן ווינטער אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביים דייטש, האָט מען זיך ערשט גענומען אָרגאַניזירן די בידנע עקזיסטענץ. יעדער האָט איינגעאָרדנט זיין ווינקעלע מיט פֿאַרהענגלעך פֿון פּאַ־פּיר, לייסטלעך, פּאָליצעס, מיט עטלעכע אָפּגעריבענע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַ פֿרוי, אַ קינד, אַ מוטער. אין דער פֿרי איז מען אַרויס צום וואַלד און טאָל, ווו די פּרעס־מאַשין איז דורכגעפֿאָרן. די גאַנצע געגנט איז געווען צעשניטן אין שאַ־סייען און אויטאָסטראַדעס.

אהרן האָט שנעל געכאַפּט דעם פֿאַרטל ווי אַזוי קונציק אַוועקצולייגן אַ שטיין, אָפּגעמאָסטן מיטן אויג דעם ניוואָ, דעם ברייטערן טייל שטיין איינגעפּאַסט אין זאַמד, צווישן די שפּיצן איינגעפּעסטיקט קלענערע שטיינער. ער האָט געהאַסט דעם טעמפּאָ, בלוט־פּרעסערישן דייטש און ליב באַקומען די אַרבעט. ער האָט זיך, ווי אין שיכרות, פֿאַרגעסן אין דער אַרבעט. ער איז נאָך אַלץ געווען דער בלאָנ־דזשענדיקער יידישער אינטעליגענט; ער האָט שוין איצט פֿאַרשטאַנען און אפֿשר — נישט אַלץ. אַנדערש האָט מען דאָ נישט געקענט לעבן, ווי צובינדן זיך צו קלייניקייטן. ס'האָט געפֿרייט צו זען, ווי פֿאַרן אויג כמעט, וואַקסן אויס לאַנגע פּאַסן ברוקירטער פֿלאַסטער אין ווילדן, באַרגיקן וואַלד־געלענד. ס'איז געווען די פֿרייד פֿון אור־מענטש, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעשלאָגן פֿייער פֿון אַ שטיין. די בערגלעך זענען אַרונטערגענומען געוואָרן. אין פֿריען מערץ האָט עס שוין אַ פֿאַרשמעק געטון מיט פֿרישער שוואַרץ־ערד, פֿאַרגאַנגען אין די באַזלעכער מיט געזונטע פֿרילינג־ריחות. ערד־ווערים, ווייסע רויפּעס, וואָס אַנט־וויקלען זיך אין מאַי־זשוקעס, נעסטן פֿון פֿעלד־מייז, האָבן זיך געראַיעט, געמערט זיך, געצויגן די חיונה פֿון די ערד־זאַפֿטן אין דער טיף, ווו זיי האָבן זיך פֿאַר־קליבן איבערצווווינטערן.

די נאַטור איז, ווי אַלע מאָל, געווען פרידלעך, מילד. נאָר די פאַרטייעטע פוקסן און די האָזן זענען, מיטן באַווייזן זיך פון מענטש, אַוועק טיפער אין די וועלדער אַריין. די סאַרנעס האָבן אויפגעהערט צו קומען אַרומצופּן די בלייכע גראָזן צווישן מאָך אויף די ליכטיקע שטחים, טרינקען פון די אייליקע באַרג־וואַסערלעך, אין דער מיט פון די געדיכטע סאָסנע־וועלדער. באַגינען, אין טוי, צווישן די פאַרוואַקסענע סטעזשקעס פון פאַראַיאָריקן, אָפּגעוועלקטן גראָז, האָבן זיי דאָרט איינמאָל געפונען דריי קליינע, ברוינלעכע העזעלעך. דאָס קליינוואַרג האָט אויפגעשפּיצט די לאַנגע אויערן, געקוקט פון דער זייט, מאָדנע פאַרוווּנדערט, מיט איין אויג פון אַ פייערדיקן געל, ווי אויסגעשטאָפּטע קינדער־שפּילצייג אין אַ שטאָטישער וויטרינע. אַביסל ווייטער, אויפן בערגל, האָבן אַלע מיטאַמאָל דערזען דער צעשראָקענער מאַמע. זי האָט דאָס קליינוואַרג אַוודאי געהאַלטן אין איבערטראָגן מיטן מויל פון איין נאָרע אין דער אַנדערער. קיינער האָט די העזעלעך נישט אָנגערירט, כאָטש דאָס שפּייעכץ איז זיי געקומען אין מויל פון אַזאַ פיין געבראָטנס...

אַראָפּגעקומען פאַרטאָג פון באַרג, פון דער קופּע פינצטערע, טוכלע באַראַקן, האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר זיי, ווי אויף דער האַנט, די געגנט, מיט די אָנגעצייכנטע וועגן, געביידעס, מיטן רויט־ציגלדיקן וואָקזאַל, וואָס האָט זיך שוין גענומען אַרויסהייבן פון די רושטאָוואַניעס. מ׳האָט געלעבט מיט דער פרייד פון אויפבויען עפּעס מיט די אייגענע הענט. אַפילו די יידישע שניידערס פון בעלוויל מיט די הויכע, אויסגעהאָרעוועטע פּלייצעס — זיי האָבן אומעטום, מיט דער נאָדל אין לאַץ, אויף אַלע זייערע וואַנדערונגען, אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אויסצופּאַרטיקן אַ גוט שטיקל אַרבעט — אַפילו זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט דער רויער פיזישער מלאכה אויף דער פרייער, ווילדער נאַטור. זיי האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט צו האַלטן ווי ס׳געהער צו זיין אַ שטיקל געצייג אין דער האַנט, אָפּשטיין אַ לאַנגן טאָג אויף דער פרישער לופט. זיי האָבן אָנגעשעפּט פולע לונגען פון דער געזונטער באַרג־לופט, ס׳איז אָבער נישט געווען מיט וואָס צו שטילן דעם ווילדן הונגער. מען האָט געקייט די זיסע וואָרצלען פון ווילדע סאַלאַדן, געוואָלט פאַרגעסן זיך אין דער אַרבעט. יעדער האָט אויף זיין רידל געהאַט אויסגעקריצט אַ צייכן, מ׳זאָל אים נישט פאַרטוישן. ווי נאָר די זון האָט אַ וואַרעם געטון, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די וועסט און אַוועקגעשטעלט זיך אויספלאַסטערן דעם שאָסיי, אַרומאַרבעטן די זייטן־סטעזשקעלעך פאַר פוסגייער. אַפילו דער אינזשיניער פלעשער, דער פרייס, וואָס האָט זיי גערופן „די יודענבאַנדע“, האָט זיך פאַרהאַלטן, באַטראַכט די אַרבעט פון די יידישע שניידערס און ווייזנדיק מיט דער האַנט צום שטערן, האָט ער צוגעגעבן: „דער האַט וואַס היער“... ס׳הייסט, ער האָט איינפאַל אין דער אַרבעט.

עס זענען אויפגעריסן געוואָרן די פעלזן, אויסגעגלייכט געוואָרן די בערגלעך אויפן מיט־וועג צווישן רעגענסבורג און נירענבערג, ווו יידן האָבן נאָך אין טיפן מיטלאַלטער געלעבט און געבויט, געמסחרט און געהאַנטווערקערט. יידישע סוחרים, געלט־וועקסלער און פורים־שפּילער, לצים און מחברים, רבנים און ישיבה־בחורים איז אפשר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו שאָקלען זיך אין

די טיפֿע בוידן איבער אָט די קרומע וועגעלעך פון דער ווילדער בייערישער לאַנדשאַפט, אין דער אָבערפאַלץ. אַצינד האָבן די אור־אייניקלעך פון יענע מיטל־אַלטערלעכע בורג־ און געטאָ־יידן, ווי שקלאַפן, געבויט פאַרן טייוולס וועגן, וואָס מאַכט חרוב אַ וועלט, ברענגט אום פעלקער מיט אַ מיתה־משונה.

ווען מען זאָל זיי, אַ שטייגער, געווען אַזוי אַ זאָג טון, די יידישע שניידערס: „איר זענט פריי! גייט אייך אַוועק אין עק וועלט אַריין, רייסט דאָרט אויף די פעלזן, לייגט אַדורך אַ שאָסיי, פאַראַקערט די ערד, בויט אויף פאַר זיך אַליין אַ דאַך איבערן קאָפּ... נאָכוואָס אַרומדרייען זיך אין די גרויסע, פרעמדע וועלט־שטעט מיט דער נאָדל אין לאַץ?"... וואָס וואָלטן זיי געזאָגט דערצו? צי וואָלטן זיי עס כאָטש ענדלעך פאַרשטאַנען?... און אהרן האָט זיך דערמאָנט דעם פלאַם, וואָס האָט אין יענע יאָרן אַרומגעכאַפּט די יידישע יוגנט פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילן צו פאָרן בויען ביראָ־בידזשאַן... פאַרוואָס זענען מיר אַהין נישט אַוועק? וועמענס פינצטערע האַנט האָט צעשטערט אָט די פשוטע, געזונטע ליי־זונג פון אַלע אונדזערע אומגליקן?...

סוף כל סוף — האָט ער באַטראַכט מיט ביטערניש — איז דאָך פאָרט מעגלעך, אַז יעדער זאָל זיך אַמאָל אומקערן צו זיין חרובער היים, ווי א געשלאָ־גענער הונט, אָפּלעקן די ווונדן אויפן אייגענעם בינטל שטרוי. וואָס וועלן מיר פון דעם אַלעם דורכגעלעבטן לערנען? אין דער נאַטור וועט זיך גאָרנישט ענדערן; דאָס יאָ — די נישטיקע אַמביציעס פון קליינע מענטשעלעך, פון דיקטאַטאָרן, קע־נען ווי ווילדע חיות געצוימט ווערן. די נידעריקע מענטשלעכע רשעות... אומע־טום האָט ער זי געזען, אונטער אַלע באַדינגונגען. ער איז צוערשט אויך געגאַנ־גען אין דער אַרמיי מיט אַ געוויסער נייגעריקייט. ער האָט אָבער גיך פיינט באַ־קומען אָט דעם געצוווּנגענעם קאָלעקטיוו, ווו איינער זוכט נאָר צו שטיין אַ שטאָפּל העכער איבערן אַנדערן, צו ראַטעווען זיך אויפן חשבון פון אַנדערן.

אָט די ליכטיקע און פינצטערע מחשבות האָבן וואָך געמאַכט זיינע נעכט, ווען איבערן קאָפּ, נידעריק איבער די פּאַפּע־דעכלעך פון די האַלב־איינגעזונקענע באַראַקן, האָבן דעם פינצטערן הימל געקרייצט די אַוויאָנען פון די אַלירטע אַנ־פליען. אין דער זייט פון נירענבערג האָט נאַכט נאָך נאַכט געפלאַקערט, די הימ־לען זענען רויט געווען. מ׳האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, נאָר מ׳האָט געפילט, אַז דער סוף דערנענטערט זיך. אָבער צי וועט עס שוין באמת טאַקע זיין דער סוף?

# קאַפּיטל צוועלף

אין ווייסן מאַלערישן ישוב פון רויען שטיין, צווישן די פעלזיקע אָפּריסן, אַרומגעשטעלט מיט נאָדל־וועלדער, האָט אהרן דערצויגן די באַפרייאונג.

אין אַ נאַכט, ווען ס׳האָט געגאָסן אַ קאַלטער רעגן, האָט זיך שפּעט נאָכן אָונט־אַפּעל באַוויזן אין לאַגער אַ ס.ס.־אָפיציר. ער האָט דרינגענדיק געפאָדערט אַ צוואַנציק געפאַנגענע, צו העלפן ארויפשלעפן אַ שווערן 75־ער קאַנאָן דעם גליטשיקן באַרג־אַרויף, האַרט ביי דער נייער בריק, אין דער אָרטשאַפט דיטל־דאָרף. אויפן פייף, מיטן שפּיצרוט, האָט זיי דער לאַגער־מייסטער פאַרזאַמלט ביים טויער. אין שיין פון טורעם־רעפלעקטאָר, האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט אין אָפענעם לאַסט־וואָגן. דער רעגן האָט אָן אויפהער און לאַנג געבייטשט איבער זייערע רוקנס, אין דער קרום. מ׳איז געפאָרן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, צווישן אָפּגרונטן. ערשט אַרום האַלבער נאַכט איז מען אָנגעקומען צו דער בריק.

צוויי שטורקאַצן האָבן געברענט אין סמאָלע־פעסער. זיי האָבן באַלויכטן אַ גרופּע דייטשע סאָלדאַטן, צונויפגעטוליעטע, אין רעגן־איבערציערס. ביי זייערע פיס, ערגעץ נידעריק, האָט אין דער געדיכטער פינצטערניש נאָכאַנאַנד שאַרף געראַשט און געריזלט אַ וואַסערל. דער לאַנגער פּיסק פון קאַנאָן, אומגעדרייט צו אַ בינטל ביימער, איז, ווי אַן אַקס ביי די הערנער, געשטאַנען אָנגעבונדן מיט גראָבע קאַנאַטן צו אַ דיקן שטאַם. די רעדער אונטער אים זענען שווער געזונ־קען אין דער ליימיקער בלאָטע. אין העלישן שריפה־פלאַם פון די שטורקאַצן, האָט דער פינצטערער סקעלעט פון דער נייער בריק אויסגעקוקט ווי אַ ריזיקע פּרעהיסטאָרישע חיה, אַ שטומע און אַ געפּערלעכע.

פון ביידל האָט זיך אַרויסגערוקט דער אָבערפעלדפעבל האַנס ברייער, אַ פעסטער, ברייטער יעקע, ווי אַ מאַטראַס, אין וואַסער־שטיוול ביז איבער די קני, די אויסגעלאָשענע פאַרצעלייענע פּיפּ פאַרשטעקט צווישן די רייס־ציינער. דאָס האָט ער קאָמאַנדירט מיט דער פאַנטאַן־קאָמאַנדאָ.

— אָופגייטס! — האָט ער באַלד געגומען געוואַלדעווען.

מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעשלעפּט דעם קאַנאָן פון דער טיפער בלאָטע, ביזן שטיין־פלאַסטער, האָט גאָר פלוצים דער דיקער קאַנאַט, דרייפאַך אַרומגע־דרייט אַרום אַ שטאַם, געטון אַ פּלאַץ און איבערגעריסן זיך ווי אַ שטריקל. די שווערע רעדער האָבן זיך צוערשט לאַנגזאַם געגעבן אַ וויג און דערנאָך, מיט דער גאַנצער האַסטיקייט — ביז האַרט צו די רושטאַוואַניעס פון דער בריק.

— דאָנערוועטער! — האָט האַנס ברייער מיט אַ געוואַלד אויפגעשניטן די שטילע וואַלד־לופט.

נאָך גוט, וואָס ער אַליין האָט באַצייטנס אַ כאַפּ געטון אַ קלאַץ און פאַר־וואָרפן אים פאַראויס, פאַר די רעדער. דער קאַנאָן האָט זיך געגעבן אַ וואַקל און אַ ציטער. ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך ער זאָל אַראָפּגעשמיסן ווערן אין וואַסערל אַריין, וואָס האָט דאָרט ערגעץ טיף געריזלט איבער די שטיינער. אַלע

זענען אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שוויס. די אײַזערנע בעלקעס האָבן נאָכגעגעבן, אַרויסגעבערענגט אַ דינעם, מעטאַלענעם קלאַנג, ווען די שווערע רע־דער האָבן לאַנגזאַם זיך געריטשט איבער דער בריק. פון אַלע זייטן זענען געווען באַקלעפּט די צוואַנציק געפאַנגענע. זיי האָבן געשלעפּט פאַראויס דעם אײַזער־נעם קאַנאָט, וואָס האָט זיך אײַנגעשניטן אין זייערע בייכער, אין זייערע אַקסלען. די דײַטשן האָבן געשטופּט פון הינטן. דער נידעריקער אַרטילעריסט אַנדרעאַי, וואָס איז דער ערשטער געווען פריווויליק מיטצוגליטשן זיך פון לאַגער, האָט אים אײַנגערוימט, אהרנען, ציענדיק דעם קאַנאָט:

— איין שעה אויסער די דראָטן... אַחוץ דעם...

און ער האָט נישט דערזאָגט. ער האָט נאָכאַנאַנד געלויערט, אַנדרעאַי. ער האָט געוווּסט אויף וואָס ער לויערט.

איצט איז נאָך פאַרבליבן אַרויפצושלעפּן דעם קאַנאָן דעם באַרג־אַרויף, פון יענער זייט בריק. פון וואַסערל, ווו זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען, האָט אַ דײַטש געברענגט אַרויפצופירן צוויי שווערע לאַסט־פערד מיט פאַרוואַקסענע פיס, אײַנ־געשפּאַנט זיי און גענומען ווילד בייטשן, זיי זאָלן דערשלעפּן דעם קאַנאָן אַרויפ־צו. אײַנס פון די פערד האָט זיך אויסגעגליטשט און שיער נישט מיטגעשלעפּט דאָס אַנדערע. אין שיין פון די שטורקאַצן, האָט מען געקענט דערבליקן, ווי דאָס אַרויסגעזעצטע אויג ביים פערד איז פאַרגאָסן מיט בלוט, ווי דאָס אויס־געקרומטע מויל גאַווערט מיט אַ גרינער קלעפּיקייט. דער שלעפּ־פּאַס האָט עס אײַנגעשניטן דעם האַלדז, אויסגעפּליקט שטיקער פעל פון די אָנגעצויגענע ריפּן. ס'איז געווען אַ פּריש אומגליק. מ'האָט באַדאַרפט אויסשפּאַנען דאָס פערד, צוריק־שטעלן עס אויף די פיס. דאָ האָט זיך שוין דער ס.ס.־אָפיציר שטאַרק דענער־ווירט. ער האָט געהאַקט מיטן הענטל פון רעוואָלווער איבער קעפּ, איבער פּני־מער. מיט אַ געמיש פון ווילדע קולות, איז דער קאַנאָן אַרויפגעשלעפּט גע־וואָרן ווען ס'האָט קוים גענומען בלויען איבערן קאָפּ. אויבן האָט שוין געוואַרט אַ שלעפּ־טראַקטאָר. די געפאַנגענע האָט דער וואַכמאַן דערנאָך פאַרטריבן אין דורכגעווייקטן באַראַקל פון בוי־געצייג. אָנגעוואָרפן אין אַ קופּע, זענען זיי אַוועק־געפאַלן ווי געקוילעטע.

געשען איז אָבער אַזוי: דעם זעלבן פאַרנאַכט איז די גאַנצע פאַנטאָנען־קאָ־מאַנדאָ דײַטשע סאַפּיאָרן אומגעריכט אָפּגערופן געוואָרן אין גרויס אײַלע־ניש. ס'איז געווען צו מערקן אַ גרויסע בהלה צווישן זיי. ס'איז געקומען אַ לאַסט־וואָגן און האָט זיי אַלעמען פאַרלאַדעוועט. אָנצופירן מיט דער אַרבעט ביי דער בריק איז פאַרבליבן בלויז אײנער, דער אָבערפעלדפעבל האַנס ברייער. די געפאַנגענע האָט מען דערוויל שוין אין לאַגער אַריין נישט צוריקגעשיקט. די וואָך איז איבערגענומען געוואָרן פון צוויי אַלטע לייט פון „פאָלקס־שטורם". אין די לאַנ־גע, שוואַרצע מונדירן פון קוימען־קערערס, האָבן זיי גיכער אויסגעזען ווי „סטראַשידלעס", וואָס מען שטעלט אַוועק אין פעלד, אָפּצושרעקן די פייגל.

דאָס אײַליקע וואַסערל, איבער וועלכן די בריק איז פאַרוואָרפן געוואָרן, איז געקומען פון די טיראָלער בערג און האָט זיך אַראָפּגעגאָסן צום דונאַי, ערגעץ אין דער נאָענט פון רעגענסבורג. דאָס דערפל, געבויט אין רויען שטיין, איז געלעגן ווי אַן אָדלער־נעסט אין די בערג. אין די לעבלעכע פרילינג־נעכט האָט מען געהערט

דאָס אײביקע גיסן זיך פֿון טײכל, דאָס ריזלען באַרג־אַראָפּ, איבער די מאָכיקע שטײנער. מיטן שפּראָץ אויף טאָג, ווען די סאָסנע־קרוינען נעמען זיך גילדן, זענען די געפֿאַנגענע אַרויס אין ווייסן, טױאיקן דרויסן אײנצוואַשן זיך אין קילן וואַסערל. דאָס דערפֿל פֿון שטײן איז געווען פֿונאַנדערגעוואָרפֿן אויף בײדע הויכע ברעגן. הינטער דער קאַשטאַנען־וואַנט האָט אַרויסגעקוקט דאָס טורעמל פֿון אַלטן פּריצישן שלאָס. דער שטײן־פּלויט האָט געקלעטערט איבער די ברעגלעך. קעגנאיבער איז געווען דאָס ברייטע אײנפֿאָר־טויער פֿון „ברייהויז זעלדנער". פּוילישע און אוק־ראַינישע דאָרפֿישע יינגען און מיידלעך, געברענגט וואַגאַנעווייז פֿון „אָסטן", האָבן אין פֿאַרטאָג אַרויסגעטריבן פֿון דאָרט שוואַרץ־געפֿלעקטע קי, סטאַדעס שעפּסן, אײנגעפּאַנט די פֿערד. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ קלײנשטעטלדיקער פֿוי־לישער יאַריד. דער „הער", אין גרינעם קאַפּעלושל, מיטן פֿעדער, האָט גע־גוואַלדעוועט אין בײערישן גאַרגלדיקן לשון און אָנגעיאָגט דעם טראַקטאָר. פֿוי־ערים האָבן שוין באַצײטנס אַרויסגעפֿירט פֿורלעך מיסט צו די פֿעלדער. קינדער האָבן זיך אַרומגעיאָגט מיט די גענדז אויפֿן וואַסערל. אַלטע דײטשקעס האָבן גע־שווענקט געוועשן.

דער אָבערפֿעלדוועבל האַנס ברייער האָט זיך געדרייט אויף דער בריק. פֿון זיין לאַנגער פֿאַרצעלײענער פֿײפֿ, פֿאַרשטעקט צווישן די געלע צײנער, האָט זיך געהויבן אַ רויכל. ער האָט שוין באַלד קיין טאַבאַק אָנצושטאָפּן די פֿײפֿ אויך נישט געהאַט. ער האָט אויסגעשפּיגן די לונג פֿאַר אַ ביסל טאַבאַק. ער האָט אַ רוף געטון צו זיך דעם פֿרײלעכן אַרטילעריסט אַנדרעאַי, ווייל ער האָט אים באַמערקט צופֿיל אַרומדרייען זיך און גאָרנישט טון.

— מענטש! — האָט ער געדונערט אין זײן גאָרגלדיקן בײערישן לשון — די בריק מוז ביז ענדע מאַי פֿערטיק געברענגט ווערדן...

אַנדרעאַי האָט טויט־ערנסט געהויבן מיט די פּלײצעס, יאָ געענטפֿערט, נישט געענטפֿערט. ער איז צופֿרידן געווען, וואָס ער איז אַרויס פֿון צווישן די שטעכל־דראָטן. דירעשט, האָט ער געזאָגט, וועט ער זיך שוין אַלײן אַן עצה געבן...

— קריג קאַפּוט!... — האָט ער זיך נאָך אומגעקערט און אַרויפֿגעקוקט צו האַנס ברייער מיט אַ לאַכעלע.

— יאַ־יאַ... — האָט יענער עפּעס אָנגעברומט, אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אַלע קנײטשעלעך אויף זײן כיטרע פֿויעריש פּנים האָבן ביטער געלאַכט — נו, יאַ, די שייס־קערלען...

אַנדרעאַי האָט אַפֿילו געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער אַרבעט פֿלייסיק, גע־האַקט די שטײנער, ווען דער אָבערפֿעלדוועבל האָט זיך באַוויזן אויף דער בריק, אָבער ער האָט זיך אָפּגעדרייט דעם טאָג און געטון האָט ער גאָרנישט.

— ווו ברענט?... — האָט ער געני איבערגעזעצט אויף פֿראַנצויזיש דאָס ווערטל, וואָס ער האָט כסדר געהערט פֿון די יידישע שנײדערס אין לאַגער.

פֿון בײדע זײטן בריק האָט מען געפֿלאַסטערט דעם ברוק, אַראָפּגעלאָזן און אויפֿגעהויבן דעם ניווא. דאָ האָט אהרן אויף אַ קורצער צײט צוריקגעפֿונען די אײנרלעכע, זינגענדיקע רו. ער האָט זיך גענומען לייגן שטײנער אין דורכגע־גראָבענעם אַראָפּהאַנג. ער האָט זיך פֿאַרגעסן אין דער אַרבעט. אין דער מיט פֿון

פרילינגדיקן דערפל צווישן בערג, האָבן אים די געדאַנקען אַוועקגעטראָגן ווייט. ס׳איז געווען זון, סאָסנעס צווישן בערג און אַ רוישיק וואַסערל, וואָס איז געפאַלן פון הויכע מאָכיקע שטיינער. דאָס דערפל פון ווייסן, רויען שטיין איז געלעגן ווי אַוועקגעוואָרפן אין אַ זייט, ווייט פון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך דאָרט ערגעץ אָפּגעטון אויף דער וועלט, אויף די פראָנטן. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי שיין און אַזוי טרויעריק, אין דעם לעצטן גאָלדענעם פרילינג, וואָס איז געקומען נאָך אַ לאַנגן, שווערן ווינטער.

דעם זונטיקדיקן טאָג זענען זיי נישט דרייסט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון ביר־הויז „צום ווייסן שוואַן״, ביי דער גרינער ליזל, אויף יענער זייט בריק. עס זענען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען די פּאָליאַקן און אוקראַינער פון אַלע אַרומיקע דערפער. אין די אָפּגעפּליקטע פּעלצלעך, מיט די פאַרהילצערטע דלאָניעס פון שווערער האָרעוואַניע, האָבן זיי זיך געקלאַפּט אין די פּלייצעס אַריין. פונאַנדערגע־זעצט אויף די לאַנגע בענק, האָבן זיי געזויפט דעם וואַסערדיקן ביר. באַלד נאָכ־מיטאָג האָבן זיך פון די אַרומיקע דערפער אַראָפּגעיאָוועט די פּוילישע און אוקראַ־אינישע מיידלעך, מיט רויטע, אָנגעדראָלענע הענט, אין אויסגעדרייטע לאַטשן, אָבער די פּנימער ביי זיי זענען געווען אָנגעגאָסן מיט ראָזע, געזונטע פאַרבן.

אין די יאָרן פון היטלערישן אויפשטורעם, איז די אכסניה ביי דער גרינער ליזל געווען אַ קליינע פאַרשטעקטע ביר־האַליע, וווּ די נאַצי־יונגען פון דער געגנט, אין די ברוינע, אָפּגעפּאַסטע אוניפאָרמען, אין די שטיוועלעך, האָבן זיך אין די זונטיקדיקע טעג אָנגעזויפט אויף דער ווערענדע, וואָס איז געהאָנגען אי־בערן וואַסערל, אַרומגעהוליעט מיט די שווערע, בלאָנדע „מעדלס״. אין די צוויי נידעריקע, טונקעלע זאַלן איז געשטאַנען אַ זויערלעכער שענק־ריח. מלחמה־צייט, ווען אַלע זענען אַוועק אויף די פראָנטן און אין די אָקופּירטע לענ־דער, האָט די ביר־האַליע אויך נישט געפּוסטעוועט. די צוויי „מעסערשמיד״־פאַבריקן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין דער נאָנט פון רעגענסבורג, האָבן אויפ־סניי אַ צי געטון אַהער אַ שטראָם פון כלערליי אויסלענדער, פון אַלע נאַציאָנאַ־ליטעטן, וואָס זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אויף צוואַנגס־אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

ביי דער גרינער ליזל האָט זיך די מלחמה גאָרנישט אַזוי שטאַרק געלאָזן אָפּפילן. דער שוואַרצער, טריפהנער האַנדל האָט געבליט אין די הינטער־צימער־לעך. פון די געמישטע געפאַנגען־לאַגערן האָבן די פראַנצויזן אָנגעבערענגט ענג־לישע סיגאַרעטן, שאָקאָלאַד, וועש, זייגערלעך און האָבן עס איינגעטוישט אויף עסנוואַרג. אין די לאַגערן איז געווען אַ הונגער. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אַרומיקע פערמעס, האָבן אַוונט־צייט, אונטער דער פּאָלע, געבערענגט צע־שלעפּן אַ הון מיט אַן אָפּגעדרייט קעפּל, אַביסל אייער, אַ שטיק חזיר־פלייש, וואָס זיי האָבן אַוועקגעלקחנט ביים פּויער. געריסן האָבן זיי זיך דער עיקר איבער די זייגערס, די פּאָליאַקן. זיי האָבן זיי ערנסט געוויגן אין דער האַנט, געציילט די „שטיינער״. די גרינע ליזל מיט די ווייצענע צעפּ איבערן שטערן — אַן אַל־מנה נאָך אַ געפאַלענעם געפרייטער — איז געשטאַנען הינטער דער דעמבענער טומבאַנק, אַלעמאָל אַ פאַרשאַר געטון דאָס פאַרהענגל, אַכטונג געגעבן צי קיין זשאַנדאַרן קומען נישט אַן. די אַלע טריפהנע סחורות האָט זי אויפן ווונק באַפוילן

צו פאַרשטעקן ביי זיך הינטער דער טיפּער טומבאַנק, ווו עס זענען געווען די פּינצטערע באַהעלטערלעך. די פּאַליאַקן און די אוקראַאינער האָבן זי געקניפּן אין וויכן פלייש און זי האָט געלאַכט פרעך:

— דו הונטס־טויפל!... — האָט זי געוואָרנט מיט א פינגער — ראַסן־שאַנדע!...

די פּראַנצויזן און די איטאַליענער האָבן געשמייכלט, גערעדט צו איר איי־דעלע רייד אין אַ צעבראָכענעם דייטש, זענען ביי אַ קופּלע וואַסערדיקן ביר לייכט געוואָרן סענטימענטאַל, האָבן פאַרהילכט די נידעריקע ביר־האַליעס מיט אַריעס און אומעטיקע ראָמאַנסן, אַז די העלע, וואַסערדיקע אויגן ביי דער גרינער ליזל האָבן זיך צעפלאַמט:

— די זינד בראַווע קערלען... די הייסע זיד־לענדער... — האָט זי זיי גע־רימט — אַך...

אַפילו דער אָבערפעלדפעבל האַנס ברייער, וואָס האָט שוין נישט געהאַט מער מיט וואָס אָנצושטאָפּן זיין לאַנגע פּיפּ, האָט זיך אויך געלאָזן אַריינציען אין שווינדל. ער האָט געלאַכט מיט אַלע קנייטשעלעך פון זיין כיטרע, פויעריש פּנים, זויפנדיק די קופּליעס וואַסערדיקן ביר אונטערן סאַמע פאָרטרעט פון „פירער", דעם גאַרטל־פּאַס פונאַנדערגעלאָזן, דעם דאַשיק פאַרפאָרן אין שטערן אַריין.

— די ריכטיקע ליזל... — האָט ער געגאַוועוועט און געוווּנקען פּילבאַדייטנדיק.

צוזאַמען מיטן אַרטילעריסט אַנדרעאַי איז ער אין אַ פינצטערער נאַכט אַראָפּ־געפאָרן אין אַ דאָרף אַריין און פאַר שאָקאָלאַד, פאַר סיגאַרעטן, איינגעהאַנדלט ביי די איבערגעשראָקענע פויערים דריי ראָזע מילך־חזירימלעך און א גאַנדז. ווען די זשאַנדאַרמען פּאַקן אים מיט דער סחורה, וואָלט ער זיכער אַוועק אויפן שטריקל. ס'איז אָבער, צום גליק, אַלץ אַדורך גלאַטיק. די קליינע קאָמאַנדאַ איז אַ גאַנצע וואָך נאָכדעם אַרומגעגאַנגען מיט פעטע ליפּן און די אַרבעט אַרום דער בריק האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַנדרעאַי האָט אים שוין דערפאַר אונטערגע־רוקט מיט וואָס אָנצושטאָפּן זיין לאַנגע פּיפּ. ער איז אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג אויף דער וועראַנדע, דער אָפערפעלדפעבל, געלאָזן זיי דאָרט פאָרען זיך אַליין אויף דער בוי־געשטעל, געפּאַטשט אין די פולע היפּטן דער אלמנה, דער גרינער ליזל. נאָר ווען ס'האָט זיך געגרייט צו קומען אַ קאָמיסיע, האָט ער פלוצים גענו־מען מאַכן געוואַלדן און שטאַרק אונטעראיילן.

אָבער קיין קאָמיסיעס האָבן שוין אין יענעם פרילינג מער נישט באַוויזן צו קומען. ס'האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן די בהלה.

אהרן האָט געהאַט אַ געפיל, אז ער האָט שוין ווען דורכגעלעבט אַן ענלעכן פרילינג; אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער פרילינג, אָבער אַן ענלעכן פלאַטער. דאָ איז אויך געווען אַ קליין מיידל, אַ פוילישע, ווי זי האָט זיך אָנגעגעבן; אָבער אין אירע שמייכלענדיקע אויגן איז געזעסן אַ שטילער צער. זי איז נישט געווען, ווי די אַנדערע, די פול־אָנגעגאָסענע, וואָס זענען אין דער ביר־האַליע געזעסן אויף די שויסן פון די יינגען, געלאַכט מיט אַ געזונט געלעכטער און געהאַט אַלערליי געטועכצן אין די שטעלער פון די פערמעס. זי איז אריינגעקומען, געשטאַנען אין אַ זייט און בלאַס געשמייכלט. טיילמאָל, אין פאַרנאַכט, איז זי אַראָפּגעקומען צו דער בריק איבערצושוועכקען אַ געוועש און האָט אריבערגעשמייכלט צו

אהרנען. זי האָט געטראָגן אַ העל־געבלימלט קליידל מיט אויסגעשניטענע אַרבל. דער האָר־פלעכט האָט זיך פונאַנדערגעשאָטן אַרום איר דיניקן האַלדז, ווען זי האָט, אַ פאַרפלאַמטע, צוריק אַרויפגעטראָגן איבער דער שטיג די וועש. אַ ברוינע, אַ פאַרברוינטע, האָט זי דאָ אויסגעזען ווי עפּעס אַן עקזאָטישע פלאַנץ. אין אָוונט איז זי עטלעכע מאָל אומגעריכט אויסגעוואַקסן ביי דער ווערענדע פון דער בירהאַליע „צום ווייסן שוואַן“, זייטיק אָפּגעשטעקט אהרנען אַ פּאָר אייער, אַ שטיקל קעז, פאַרבונדן אין אַ טיכל, און איז באַלד נעלם געוואָרן. עטלעכע טעג האָט ער זי שוין מער נישט געזען אַרויסקומען און ס׳איז אים באַנג געוואָרן. מיט וואָס דינט מען אָפּ דאָס קליינע, אומעטיקע מיידל? זיין אָרעמער באַגאַזש איז אינגאַנצן באַשטאַנען פון אַ פּאָר צעריסענע העמדער, עטלעכע בריוו. פאַר די לעצטע דריי מאַרק האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ שטיקל שאָקאָלאַד און מיט אַ זיסן פלאַטער האָט ער עס איר איינמאָל געברענגט.

ער האָט זיך אָוונט־צייט פאַרטייעט הינטער די קאַשטאַנען און לאַנג אָפּגעוואַרט, ביז זי וועט אַרויסקומען. ס׳איז געווען די צייט ווען זי גייט אין שטאַל אַריין מעלקן די קי, אַרויספירן דאָס מיסט, אונטערשפּרייטן פרישע שטרוי און אָבטראָגן היי. אין דער פינצטער האָט ער פלוצים געזען פאַרבייאיילן איר שאָטן און איז א לויף געגעבן נאָך איר צו דער שטאַל־טיר.

— ניין!... — האָט זי זיך, אַן איבערגעשראָקענע, פאַרשטעלט מיט דער האַנט — מען דאַרף נישט...

זי האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, צו זיין זיכערער אין טיפן שאָטן, טאָמער עמיץ קומט אָן. אין לעבלעכן חושך האָט ער געהערט, ווי דאָס האַרץ ביים קליינעם מיידל פלאַטערט. ער האָט זי נישט געזען, נאָר איר העלער פלעק האָט געשוועבט פאַר אים. ער האָט אָבער געפילט אויף זיך איר בליק. אַזעלכע אויגן האָט ער שוין געזען. „מען דאַרף נישט“... — האָט ער נאָר געהערט, ווי זי וואַרפט אים צו אין יידיש און איז באַלד פאַרשוווּנדן. ער האָט געפּרוווט איר נאָכלויפן, אָבער ער האָט נישט געוווּסט אין וועלכער טיר זי איז פאַרשוווּנדן. „און אפשר — האָט ער זיך געכאַפּט — דאַרף מען נישט... ווען זיי ווייסן“...

ער האָט זיך שטיל צוריקגעשלייכט דורך דער קאַשטאַנען־אַליי. אין דער אַפּריל־נאַכט האָבן די קליינע בוקעטן בליעכץ אויף די אַלטע קאַשטאַנען געלויכטן, ווי ווייסע ליכט. דאָס גערויש פון וואַסערל, וואָס גיסט זיך איבער די מאָכיקע שטיינער אַראָפּ אין דער נידער, האָט אים נישט געקענט פאַרוויגן. מיט אָפענע אויגן און וואַכע חושים, איז ער אָפּגעלעגן, ביז ס׳האָט גענומען בלויען. „אַ יידיש מיידל... ווי קומט זי אַהער?... ווי אַזוי האָט זי זיך געראַטעוועט?“...

## קאַפּיטל דרייצן

נידעריק איבער די רויטע דעכלעך פון באַרגיקן ישוב, וואָס האָט שטיל געגליט אין דער זון, האָבן דעם הימל געקרייצט אַוויאָנען. די נעכט זענען ליכטיק געווען, ווי אינמיטן העלן טאָג, פון די ווייטע שריפות. אין דער פרי האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן צו דער בריק, געדרייט זיך און אויסגעקוקט דעם האָריזאָנט הינטער די בערג, פון וואַנען עס זענען געקומען די אָנפליען. די שטאָלערנע פויגלען האָבן פאַרדעקט דעם הימל, געבלענדט מיט אַ ניקלנעם בליאַסק, נאָכאַנאַנד געזעגט די לופט.

דער אָבערפעלדפעבל האַנס ברייער, וואָס האָט זיך ווידער אַרומגעדרייט מיט דער אויסגעלאָשענער פיפ צווישן די ציין, אַן אָנגעכמורעטער, האָט זיך שפּעטלעך אַראָפּגעיאַוועט צו דער בוי־שטעלע. ער האָט זיי, פאַרבייגייענדיק, אַ זאָג געטון, אַז היינט־מאָרגן וועט מען אַוודאי קומען און אָפּפירן די גאַנצע קאָמאַנדאָ צוריק אין לאַגער אַריין.

צוריק אין לאַגער אַריין האָט קיינער קיין חשק נישט געהאַט אומצוקערן זיך. ס׳איז געווען דער לעצטער ריזיקאַלישער מאָמענט. אין די טעג, ווען די שטילע בהלה האָט זיך אָנגערוקט, איז שוין אַנדרעאַי ווידער גרייט געווען אין וועג אַריין. נישט אַליין האָט ער זיך דאָס מאָל געקליבן. ס׳איז מער נישט געווען דער מאָמענט צו לאָזן זיך איינער אַליין, ווען די הפקרע ס.ס.־באַנדעס האָבן אויף אַלע וועגן אָנגעטריבן די רעשטלעך פון די טויט־לאַגערן, אויסגעזייט די שליאַכן מיט הרוגים.

— ווער גייט מיט מיר ?... — האָט ער קיל אַ פרעג געטון ביי די איבעריקע, ווען די וואַך האָט זיי אָוונט צייט צום לעצטן מאָל אָפּגעשפּאַרט אין דאַך־שטיבל פון איינפאָר־הויז „צום ווייסן שוואַן“. זיינע פאַרבלויטע אויגן האָבן פלוצים באַקומען אַן אָפּשיין פון קאַלטן שטאָל — כ׳קען זיי, מיט זייער וועלפישן יושר... אין לעצטן פערטל שעה, וויל איך אַליין זיין באַלעבאָס איבער מיין לעבן... ניין, כ׳וועל זיך נישט לאָזן !...

און אין דער פרי, ווען מ׳איז געקומען זיי וועקן, האָבן זיי שוין דאָרט מער קיינעם נישט געטראָפן. דאָס געדיכט־פאַרקראַטעוועטע פענצטער, אויפן צווייטן שטאָק, וואָס פירט צום וואַלד־אַרויס, איז געווען קונציק אַרונטערגענומען פון די זאַוויאַסעס. אַ צוג־ווינט האָט זיך געטראָגן פון טיר צו טיר. נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי זיך אַלע געהאַט אַרונטערגעקריגן פון שטאַל־דאַך און איינער הינטערן אַנדערן אָפּגעטראָגן זיך מיט די פינצטערע סטעזשקעס, באַרג־אַרויף, צווישן די ווילדע אָפּריסן און פעלזן. קיינער, האָבן זיי געוווסט, וועט זיך שוין איצט נאָך זייערע שפּורן נישט לאָזן. זיי האָבן זיך פאַרקליבן ביז צו די מאָדהיילן. אין די דאָזיקע היילן, האָבן אַלטע בייערן פון דער געגנט זיך אָנדערציילט, געפינט מען נאָך עד־היום דאָס געביין פון פאַרגעסענע הונען־קברים; זיי האָבן

מיט לאַנגע יאָרהונדערטער צוריק געצויגן דורך אָט די מקומות אין דער אָבערפּאַלץ, דורך די נאָענטע אַלפּן־בערג, צו פּאַרפּלייצן רוים.

צוויי טעג מיט אַ נאַכט האָבן איבער דער נישט־פּאַרענדיקטער בריק און דורך דיטלדאָרף געצויגן די צעשאָטענע ס.ס.־אָפּטיילונגען, אין גרויס געאייל. זיי זענען געלאָפֿן אויף צעבויגענע ראָווערן, צופֿוס, ווייסע פֿון שטויב. די מאַטאַציקלען, די לאַסט־אויטאָס און די קליינע מאַשינען האָבן זיי אַראָפּגעשמיסן פֿון די הויכקייטן, ווייל ס׳האָט זיי פּאַרפּעלט בענזין. זיי זענען געלאָפֿן פֿון נאָענטן נירענבערג, פֿון רעגענסבורג, פֿון מינכען. זיי האָבן געצויגן אין דער ריכטונג פֿון טיראָל.

פֿון דער געפּערלעכער הויכקייט, צווישן פֿעלזן און סאָסנעס, אין זייער טונקעלער באַהעלטעניש, האָבן זיך די גערדרייטע שאָסייען ביי די אַראָפּהאַנגען, פּאַר די אַנטרונענע אויסגעשפּרייט ווי אויף דער האַנט. זיי האָבן דייטלעך געזען, ווי עס ציט אָן פֿון דער זייט פֿון מינכען אַן אויפֿגעהויבענער שטויב, עפּעס אַ טונקעלע מחנה. עס הערן זיך פּאַרטויבטע געשרייען, אָפּגעהאַקטע שאָסן. ערשט גאָר נאָענט צו דער בריק האָט זיך אויסגעשיילט אַ מחנה, אין בלוי־צעפּאַסעוועטע קליידער. נאָר די טיף־איינגעפּאַלענע אויגן האָבן ביי זיי שאַרף און פֿינצטער געגליט. זיי זענען נישט געגאַנגען, זיי זענען אַזוי ווי געטראָגן געוואָרן אויף די אונטערגעהאַקטע פֿיס — גרויע, פּאַרוואַקסענע סקעלעטן־פּנימער, שאָטנס. אַ לאַנגע, פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע קייט פֿון ס.ס., די ביקסן פּאַר־זיך, ווי אין אָנגריף. פֿון אַ בוידעם־פֿענצטערל האָט עמיץ אומבאַמערקט עפּעס אַראָפּגעוואָרפֿן, אַ שטיקל ברויט אַוודאי, און אַ בינטל סקעלעטן האָט זיך, ווי ווילדע קעץ, אַ וואָרף־געטון אויף דר׳ערד. צוויי ס.ס.־לייט זענען אונטערגעשפּרונגען און געוואָרפֿן זיך אין בינטל אַריין. איין קורצער שאָס האָט אַלץ פּאַרענדיקט. די איבעריקע זענען אָפּגעשפּרונגען. נאָר איינער איז דאָרט ליגן געבליבן אויף דר׳ערד. די איבעריקע זענען צו, אַרויפֿגעוואָרפֿן אים אויפֿן וועגעלע, וואָס איז מיטגעפֿאָרן אין אַ זייט. ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, האָט זיך די פֿינצטערע מאַסע אַלץ געשפּאַרט צווישן די ווענט פֿון דער קירכע און די גאָרטן־שטאַכעטן.

דריי נעכט איז דאָרט אַנדרעאַי מיט די איבעריקע אָפּגעלעגן צווישן די פֿעלזן און מאָכיקע היילן, ביז די אַמעריקאַנער זענען פֿוןביידע זייטן מיטאַמאָל אָנגעפֿלויגן אויף זייערע קליינע, פֿלינקע „דזשיפּס“. ס׳איז פֿריער געווען אַ העפּטיקע שיסעריי ביים וואַסערל, ביי די שמאָלע דורכגענג, פּאַרשטאָפּט מיט די גראָבע, אָנגעוואַלגערטע קלעצער, אויסגעשפּאַנטע וועגענער און אומגעדרייטע פּאָר־מאַשינעס.

דער ערשטער געדאַנק ביי אהרנען איז געווען: גלייך לויפֿן אויפֿזוכן דאָס קליינע יידישע מיידל. אַרום דער בריק און אין קלויסטער־געסל האָט מען שוין קיין ציווילע דייטשן נישט געזען. זיי זענען אַוודאי אַנטלאָפֿן צוזאַמען מיט די ס.ס.־אָפּטיילונגען, אויסבאַהאַלטן זיך אין די בערג. אין אַלע פֿערמעס האָבן אַצינד געבאַלעבאַטעוועט די פּאָליאַקן און די אוקראַינער. ביזן פֿאַרטאָג האָבן זיך הינטער די שייבלעך געטראָגן געזאַנגען און געלעכטערן. פֿעדערלעך פֿון געגנדז און פֿון הינער זענען געפֿלויגן אין דער לופֿט. דאָס ביר־הויז ביי דער גרינער ליזל

איז שוין באַזעצט געווען פון אַ קליינעם שטאָב אַמעריקאַנער. זיי האָבן דאָרט פאַרצויגן אַ נעץ פון טעלעפאָנישע דראָטן איבערן דאַך. פון פאָרנט און ביי דער נישט־פאַרענדיקטער בריק האָבן זיך אַרומגעדרייט הויכע, צוויי־פוסיקע בלאָנדע יונגען אין קאַסקעס און מאַלעגייערט דעם קיי־גומי. זיי האָבן נישט געשמייכלט און נישט אומגעקוקט זיך אויף קיינעם. זיי האָבן צוגעוואָרפן שאָקאָלאַד, סיגאַ־רעטן דער באַנדע פאַליאַקן און אוקראַינער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום זיי. צו די שויבערדיקע מיידלעך, וואָס האָבן די גאַנצע נאַכט מיטגעהוליעט אין דער שענק־שטוב און זענען אַרויסגעקומען אויף דער ווערענדע, פאַר די טירן, האָבן די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן עפּעס געריידט און אַריינגעלאַכט איינער אין אַנדערן.

אהרן האָט זיך געדרייט פאַר דער וועראַנדע און נאָכגעפרעגט זיך אויף דער קליינער זאָשען.

— די יידישקע ?... — האָבן זיי דאָרט אַלע געכאַכאָטשעט — זי איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע, ריוווטשע...

דאָס מיידל, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר און איינגעביסן אַן עפּל, אַזוי רויט ווי אירע באַקן, האָט אַרויסגעדונערט :

— געדענקסט, סטאַכו ?... כ׳האָב אָבער געזאָגט, אַז די זאָשע איז נישט אַנ־דערש, נאָר אַ יידישקע... זי האָט געגלאָצט מיט די אויגן און נאָר געשראָקן זיך...

אַ שאַרפער ווייטיק האָט אהרנען אַ ברי געטון. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי. ער איז אַוועק, אַרומגעקראָכן איבער די פאַרלאָזענע הויפן, געגנישטערט אין אַלע טירן. ער האָט געפילט, אַז ער טאָר נישט אַוועקגיין פון דאַנען, ביז ער וועט דאָ ערגעץ נישט אויפזוכן דאָס קליינע יידישע מיידל. ביזן פאַרנאַכט האָט ער זיך אַזוי אומגעבלאָנקעט. אין דער נידעריקער שענק־שטוב, וווהין ער איז צוריק אַריין, האָט געברענט אַ קאַרביד־לאָמפּ אונטערן סופיט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צווישן די ראָיענדיקע טישלעך, צווישן הייסן טומל פון פּלעשער און רויך. אין אַ ווינקל, ביי דער וואַנט, האָט ער זי דערזען. אַ פּויעריש טיכל האָט פאַרדעקט איר שטערן. זי האָט אויסגעזען נאָך קינדעריש. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן. פאַרבן האָבן זיך אָנגעגאָסן אין אירע באַקן. זי האָט געוואָלט ער זאָל מער נישט קוקן אויף איר, ער זאָל זי נישט באַמערקן. צו איר ביי דער זייט איז געזעסן אַ בלאָנד־האָריקער יונג, געשטופּט איר אַ קופּלע ביר צו די ליפּן. „טרינק, ריוווטשע!“ — האָט ער ווילד געלאַכט.

אהרן איז צוריק אַרויס אויף דער וועראַנדע, אַוועקגעלאָזן זיך צווישן די אַלטע קאַשטאַנען; הינטער די אַלטע פּוילישע קאַשטאַנען איז ער אַמאָל געגאַנגען צוזאַמען מיט פייגעלען. דאָס איז געווען שוין זייער לאַנג, אין יענעם אָוונט, ווען זי האָט אים איינמאָל אומגעריכט געהאַט פאַרפירט אויף דער אָטוואָצקער ליניע. עמיצער האָט אים לייכט אָנגערירט. ער האָט זיך שאַרף אומגעדרייט. ס׳איז געווען זי, ס׳קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע מיידל. אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען ווי פאַרלוירענע קינדער. ער האָט זיך אַ קער געטון צו איר :

— קום אַוועק פון דאַנען !... — האָט ער זי אָנגענומען ביים אָרעם.

— כ׳האָב נישט ווהין צו גיין... דאָרט איז מער קיינער נישט פאַרבליבן...

נייק, זי האָט אַפילו נישט געוויינט, דאָס קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע יידישע מיידל. זי האָט עס אים נאָר אַזוי דערציילט, ווי אַן איבערלעבונג. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר. עס איז געווען אין איר מער פלאַטער, ווי ווייטיק.

— קום מיט מיר... — האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט, אָבער ער האָט אַליין נישט געוווסט וווהין צו גיין.

אין פרילינגדיקן אָוונט האָט אהרן געפירט נאָך זיך דאָס קליינע יידישע מיידל. ווי אין חלום האָט ער זי געפירט. ער האָט זי פעסט געהאַלטן ביי אַ האַנט. איר האַנט איז געווען אַ פאַרהילצערטע, אַן אויסגעהאָרעוועטע. ס׳האָט געשלאָגן פון איר אַזאַ הייסקייט. אין לעבלעכן טונקל זענען זיי צום לעצטן מאָל אַריבער די בריק. דאָס וואַסערל אונטן האָט, ווי אַלעמאָל, גערוישט דאָס אייביקע גערויש, געגאָסן זיך איבער די מאָכיקע שטיינער.

איבערגעוואַרט ביז טאָג־בלויען האָבן זיי אין אַ פאַרלאָזן הויז,ביים הויפּט־טראַקט. באַגינען האָבן זיי זיך מיטגעכאַפּט אויף אַ לאַסט־וואָגן פון די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, ביז רעגענסבורג.

אין דער באַמבאַרדירטער שטאָט האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט יידן, נאָר־וואָס באַפרייטע, אין די לאַגער־קליידער. זיי האָבן פאַרכאַפּט דירות און דעם גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן נישטערן אין די הפקר־געלאָזענע מיליטערישע מאַגאַ־זינען. מ׳האָט געזאָגט, אַז ערגעץ ווו איז שוין פאַראַן אַ יידישער קאָמיטעט, אַז מען טיילט עסן, אָנצוטאָן. די מערסטע האָבן דערווייל געוווינט אין די נייע קאַ־זאַרמעס. האַלב־טויטע, אויסגעלאָשענע, און פונדעסטוועגן איז געווען אין זיי אַ נייער אימפּעט. יעדן טאָג זענען צוגעקומען פרישע, פון די שפּיטעלער, פון די אויפגעבראָכענע לאַגערן. מ׳האָט שוין געהאַנדלט, געדרייט, געקויפט, פאַרקויפט, געפירט דיסקוסיעס וועגן די פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַרן יידישן פאָלק...

די לאַנגע קייט קאַזאַרמעס אין דער באַן־גאַס האָט זיך גיך אָנגעפילט מיט אַ נייעם גערודער. ס׳איז ענג געוואָרן. מען האָט אָפּגעצוימט שטיקער קאָרידאָר מיט ווענטלעך. מ׳האָט אָנגעשלעפּט טייערע מעבלען, בעטן, בעטגעוואַנד. אין די וואַש־צימערן האָבן געגרויכערט אייוועלעך. אין גרויסן זאַל, צווישן בעטן, פאַרצויגן מיט קאָלדרעס, זענען אין אָוונט געווען פאַרשטעלונגען. מ׳האָט געזונגען טרויעריקע לאַגער־לידער. צוויי ווילנער מיידלעך, פאַרשיקטע פון ווילנער געטאָ, האָבן דאָ צום ערשטן מאָל געזונגען „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״. אַ לאַגער־זינגער, אַ האַלב־צעדרייטער, האָט זיך געציקלט אין חזנישע שטיקלעך. ס׳איז שוין געווען אַ קולטור־קאָמיסיע. עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אַ ביבליאָטעק, מ׳האָט זיך געגרייט אויפצופירן אַן איינאַקטער. געשריבענע אַפישן און מעלדונגען זענען געווען אויפגעקלעפּט אין די קאָרידאָרן. אַלע האָבן געזאָגט, אַז פון דאַנען רירט מען זיך נישט אין ערגעץ, מען פאָרט גלייך קיין ארץ...

די געפאַנגענע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן זענען דערווייל ביסלעכווייז אויפ־געלאָדן געוואָרן אויף לאַסט־צוגן און מ׳האָט זיי צוריקגעקערט אין זייערע היימ־לענדער. אָבער אהרן האָט זיך אַלץ אַרומגעדרייט אין דער קאַזאַרמע מיט די באַ־

פרייטע און אַנגעלאָפענע יידן. צוזאַמען מיטן קליינעם מיידל האָט ער געוווינט אין זעלבן אָפּגעצוימטן ווינקל. ער האָט שוין גאָר מער נישט געקלערט, אַז אים פאַרבינדט עפּעס מיט פּאַריז; די שטאָט, וואָס האָט אים געשראָקן און ווי געטון.

## קאַפּיטל פערצן

אין ניצע האָט קורט ווינקלער אָפּגעזעגנט אַלע זיינע פריינד. פאַרבליבן איז ער צווישן דעם הייפל אַנגעלאָפענע יידן, וואָס זענען אַנטרונען אין דער איטאַליענישער אָקופּאַציע־זאָנע. דאָ האָט מען נאָך דערווייל געקענט פריי אָטעמען. די אַנגעלאָפענע יידן האָבן פאַרפולט די האָטעלן, די „פּראָמענאַד דעז אַנגלע“, די קאַפייען פון דער זוניקער דרום־שטאָט אויף דער ריוויערע. די מערסטע האָבן געוואַרט אויף וויזעס מעבר־לים. די איבעריקע האָבן געהאָפט איבערצוּוואַרטן דעם שטורעם, געלעבט פון די טרויעריקע יידישע קאָמיטעטן. ערווין רענער און די איבעריקע האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויסבאַקומען וויזעס קיין מעקסיקע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַריבערגעכאַפּט זיך אין דער צפון־אַפריקאַנער פריי־שטאָט טאַנזשער. זיי האָבן געפילט, אַז דער באָדן ברענט אונטער די פיס.

איידער די אַמעריקאַנער האָבן געלאַנדעט אין קאַזאַבלאַנקאַ און איידער די דייטשן זענען אָנגעפאָרן אַהער מיט זייערע „טיגערן“, האָט זיך קורט ווינקלער, פאַרקערט, אַריבערגעכאַפּט צו די בערג אין סאַוואָ. ער האָט זיך דאָרט ווידער אַזוי־ווי דערפילט נאָענט צום שפּאַנישן הינטערלאַנד. די עטלעכע שטילע און פאַרביסענע פאַריזער יידישע יונגעלייט, די קאָכיקע שפּאַניער, וועלכע ער האָט נאָך געקענט פון די פראָנטן ביי טערועל און מאַדריד, האָבן אים שוין געפירט. ער האָט ליב געהאַט דאָס פרייע לעבן פון אַ רויב־פויגל אין די בערג. אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט נישט געקענט נוצלעך זיין אין דער אַרטילעריע, אין דער באַרג־אַרטילעריע. ער האָט אָבער אויך גוט באַהערשט דאָס מאַשין־געווער, פון אַלע קאָנסטרוקציעס, און איז אָפט געשיקט געוואָרן אויף אַקציעס אַרום די באַן־קנופּן ליאָן־גרענאָבל.

דעם לעצטן מאָל, איידער ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, האָט ער איבערגעפירט אויף באַרג־אייזעלעך אַ טראַנספּאָרט פאַראַשוטירטע אַמוניציע. ס'איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע נאַכט, אין אָקטאָבער. אין די טאָלן פון רהאָן און פון איזער איז נאָך געשטאַנען אַ טרוקן האַרבסט־וועטער, אָבער אין די בערג האָט עס נאָכאַנאַנד געגאָסן און די נעכט זענען געווען נעפּלדיקע. די דייטשע קאָמענדאַנטור אין גרענאָבל האָט אַוודאי געהאַט איבערגעכאַפּט די שיפערן פון לאָנדאָנער ראַדיאָ און אומגעריכט אַרויסגעשיקט אַ פאַרשטאַרקטע אָפּטיילונג אין די נאָענטע באַרג־הויכקייטן. אין משך פון דריי טעג האָבן זיי באַזעצט אַ שמאָלן דורכגאַנג צווישן די אָפּריסן. די שיסעריי האָט אָנ־

געהאַלטן פון האַלבער נאַכט אָן, ווען די לבנה איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער די וואָלקנס. די לבנה־נעכט האָבן זיי דאָ געשראָקן מער פון אַלץ. מ׳האָט זיך נישט געפילט אַזוי זיכער, ווי אין די שטאָק־פינצטערע נעכט, ווייל זיי האָבן מיט פאַרמאַכטע אויגן שוין געקענט יעדן פאַרהוילענעם דורכגאַנג, יעדעס באַרג־שטעגעלע.

קורט ווינקלער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרשטעקן די צוויי אייזעלעך אין דער הייל, אונטערן פעלז, ווייל ער איז פאַרבליבן אָפּגעריסן פון די איבעריקע. איי־נער אַליין איז ער געלעגן און לאַנג געוואַרט. אָבער פאַרטאָג האָט ער שוין דאָרט מער קיינעם פון די ייִנגלעך נישט געפונען. זיי האָבן אויף איין אָרט גע־האַט דורכגעריסן די קייט, אָוועקגעלייגט אַביסל דייטשן, איבערגעלאָזן עטלעכע טויטע אויפן אָרט און זיך צוריק אויפגעהויבן אין די בערג. בלייבן דאָרט איז געווען זינלאָז, אַ זיכערער דורכפאַל, ווייל די גאַנצע געגנט איז באַזעצט געווען, די דייטשן האָבן אומעטום דורכגענישטערט.

אַ פאַרוואַקסענער, מיט אַ פּאָר ווילדע וואָנסן, האָט מען אים גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ פויער פון דער געגנט, ווען די פראַנצויזישע דאַרנאָן־מיליץ האָט אים פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן אים צו די דייטשן. שטום און אַנטשלאָסן האָט ער זיך געלאָזן אַוועקפירן. ער איז אין נאָענטן שטעטל אַרייַנגעפּאַקט געוואָרן אין דער מיטלאַלטערלעכער תפיסה, צוזאַמען מיט נאָך פאַרהאַלטענע יידן. מ׳האָט זיי דאָ געהאַט אויפגעכאַפּט אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווען די איטאַליענער זענען אָפּגעטרעטן.

מיט אַ וואָך שפּעטער זענען זיי קאָמפּלעטירט געוואָרן צו אַ גרויסן טראַנס־פּאָרט, וואָס איז געבערענגט געוואָרן פון דראַנסי. ווען קורט ווינקלער גיט זיך אָן פאַר אַ פּאַרטיזאַן, וואָלטן זיי אים מסתמא דאָ, אין דער פעסטונג, באַלד צוגע־ענדיקט, צוזאַמען מיט אַלע געכאַפּטע פּאַרטיזאַנער. אָבער ער האָט געהאַט ביי זיך אַ שטיקל פּאַפּיר, אַז ער אַרבעט דאָ כלומשט אין דער נאָנט, אין אַ פערמע, האָבן זיי אים אַרייַנגעפּאַקט צוזאַמען מיטן טראַנספּאָרט יידן, אָפּגעשיקט צו ווערן „אויף מזרח“.

דער לאַסט־צוג איז געווען אָנגעלאָדן מיט יונג און אַלט — אויסגעמאַרטעטע, פאַרלאָשענע. פון דער שטיקעניש, האָט מען שוין געהאַט אַראָפּגעטראָגן עטלעכע מתים. אין שפּעטן פאַרנאַכט האָט מען אויף דער קליינער באַן־סטאַציע, געדיכט באַ־שטעלט מיט ס.ס., צוגעטשעפּעט נאָך עטלעכע וואַגאָנען, אַרייַנגעפּאַקט זיי קאָפּ־אויף־קאָפּ. ס׳איז דווקא געשטאַנען אַ שיינער פאַרנאַכט אַרום וואָקזאַל, נאָנט צו די בערג, ווען מ׳האָט זיי פאַרלאָדנט אין די וואַגאָנען. די שיפּועים זענען געווען איינגעוויקלט אין פיאָלעטע אָפּשיינען. פון דאָרט האָט אַראָפּגענידערט די טונקל־קייט און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די בערג וועלן אַלעמען צודריקן.

אויפן פעראָן, ווען זיי זענען אָנגעלאָדן געוואָרן אין די וואַגאָנען, האָט אַן אויסגעמאַטערטער ייִדישער שניידער, מיט אַ הויכער פּלייצע, געפּרוווט צו דערגיין ביי אַ מיטליאָריקן דייטש, דווקא מיט אַ גוטמוטיק, פּויעריש פּנים, וווהין מען פירט עס זיי. דער דייטש, האַלב־אומגעדרייט, האָט צוערשט געקוקט פאַר־זיך, מיט אַ גלעזערנעם בליק, נישט באַלד געענטפערט. מיטאַמאָל האָט ער זיך שאַרף

א קער געטון צום יידישן שניידער מיט די אויפגעשטעלטע קלאַפּקעס און באַמערקט אַ פינקל־טון די פּאַרגעסענע נאָדל אין זיין לאַץ.

— זינד זי פאָן באַרוף שניידער? — האָט געפרעגט דער דייטש.

— אַלע מיינע יאָרן בין איך אַ דאַמסקע שניידער... — האָט זיך דער ייד אָנגעכאַפּט — שווער און ביטער געהאָרעוועט...

— מ ע נ ט ש!... וואָצו בראַוכען זי די נאָדל?... — האָט דער פויעריש־גוט־מוטיקער דייטש געקוקט אויף זיין לאַץ מיט אַ צעמישטן בליק, הילכיק זיך פונאַנדערגעלאַכט און געוויזן שאַרף מיט אַ פינגער אין דער הויך — אין דער „הימלס־קאָמאַנדאָ" בראַוכען זי קיינע נאָדל מער...

און דער דייטש האָט זיך, לאַכנדיק, באַלד ערגעץ אָפּגעטראָגן.

ער האָט עס סיי ווי געוווסט, קורט ווינקלער; מענטשן האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אָבער ער האָט געוווסט, אַז ס'איז אמת. און דאָך האָט געטליעט אין אים אַ קליין פייערל פון האָפענונג און נקמה.

אַוודאי דריי טעג און דריי נעכט האָט מען זיך געשלעפּט, ביז דורכן פאַר־קראַטעוועטן וואַגאָן־פענצטערל האָט אַ בליאַסק געטון די היימישע לאַנדשאַפט, דער פוילישער ווינטער. ער איז נישט געווען זייער שטאַרק איבערגעשראָקן, קורט ווינקלער. ער האָט די דייטשן געקענט. ס'איז אויפגעשטיגן אין אים אַ פילאָ־זאָפישע רואיקייט — ער איז געגאַנגען דעם וועג פון אַלע יידן.

אַנדערטהאַלבן יאָר האָט ער דורכגעוואַנדערט אין לאַגער נאָכן אַנדערן. ביי אַלע סעלעקציעס איז ער, צום גליק, אַדורך. ער איז געווען ברייטביינערט, פעסט און — עפּעס האָבן זיי דערפילט אין אים דייטשישס, כאָטש ער האָט זיך אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ ייד פון גאַליציע. ביז די לעצטע כוחות האָט ער געאַרבעט, ווייל ער האָט געפילט, אַז דער סוף זייערער איז נישט ווייט; אָבער צי ער אַליין וועט טאַקע דערלעבן זייער סוף?...

זיי האָבן דאָרט געוווסט, אין די לאַגערן, אַז ער איז אַ שוישפּילער, אַז ס'האָט אַמאָל געקאָכט מיט אים, אַז ער איז געווען באַרימט. ווי די אַלע, וואָס האָבן זיך צוגעטשעפּעט פרעמדע נעמען, האָט מען אים אויך גערופן — מאַקסי, דער אַלטער מאַקסי. מ'האָט אים סיי ווי געהאַלטן פאַר אַביסל אַ צעחושטן, ווייל ער האָט כסדר געשוויגן, אַפילו ווען מ'האָט אים אַפּערגעגנבעט פון אונטערן צו־קאָפּנס די ראַציע ברויט. ער האָט אַלץ צוגעזען און געשוויגן. אין זיינע אויגן האָט זיך געשפּיגלט דער ווייטער פלאַם אויפן האָריזאָנט. די שעה וועט באַלד שלאָגן — האָט ער זיך געזאָגט — ס'איז שוין נישט ווייט... אַלעמען אויסמאָרדן וועלן זיי נישט.

יעדן טאָג האָט ער געזען אַוועקפירן אַהין, צום ברענענדיקן האָריזאָנט, פול־אָנגעלאָדענע וועגעלעך מיט מתים. די בלוי־פאַרשטאַרטע הענט־ און פיס־קנאָכן זענען נאָכגעהאָנגען איבערן שניי. יעדן טאָג זענען געברענגט געוואָרן פרישע טראַנספּאָרטן. וואָס האָט אָט די מענטשלעכע שאָטנס נאָך אָנגעהאַלטן ביי דער בידנער עקזיסטענץ? ס'איז גענוג געווען צו פאַרלירן אויף איין מינוט די האָ־פענונג, אויסצוגליטשן זיך, אַז דער קורצער „הימל־פאַרט"־וועג זאָל פירן אַהין, ווו עס זעצט טאָג און נאַכט דאָס רויכל פון די קוימענס. פון דאָרט איז שוין מער קיין וועג צוריק נישט געווען.

ער איז געווען בלויז אויגן. זיי האָבן געגליט אונטער זיין געקאַרבטן שטערן. ער האָט זיך דאָ אין קיין שפּיגל נישט אָנגעקוקט, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז אַזוי האָט ער אַמאָל געשפּילט דעם מעפיסטאָ, קייקלענדיק דאָס ווילדע קאַסקאַדן־געלעכטער פון דער בינע אַראָפּ, צום פינצטערן זאַל, פול אָנגעפּראָפּט מיט קעפּ. אַפילו די ס.ס.־לייט און די קאַפּאָס האָבן אים אַזוי ווי רעספּעקטירט, צוגעטיילט אים אַ לייכטערע אַרבעט. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. צוגלייך מיט אַלעמען, איז ער אין פינצטערן באַגינען אַרויס צו די אַרבעטס־פּלעצער, ווו די קאַפּאָס האָבן געיאָגט, געשלאָגן, געמאָרדעט. ער האָט כמעט קיינעם נישט געלאָזן נאָך זיך אויף יענער זייט שטעכל־דראָט. זיין משפּחה זענען געווען די צופעליקע בינע־באַגלייטערינס, אין שטעט, אין לענדער. אפילו אונטער די געפּאַסעווטע קליידער, האָט ער נאָך אויסגעגעבן א געזונטן, שטאַנדהאַפטיקן אָרגאַניזם. דאָס האָט אים געראַטעוועט; און נישט בלויז דאָס.

אין טראַנספּאָרט, וואָס איז אָנהייב 1943 אַראָפּגעבערענגט געוואָרן פון פראַנקרייך, האָבן זיך געפונען עטלעכע, גרויסע אויסטויגערס. זיי זענען נישט געווען, ווי די אַלע צעטומלטע יידן, וואָס האָבן זיך אין די ערשטע עטלעכע טעג גאָרנישט אָריענטירט ווו זיי זענען דאָ אַריינגעפאַלן. אַרעסטירט געוואָרן זענען זיי אין פּאַריז, ווו ס׳איז אָנגעגאַנגען דער ביטערער קאַמף קעגן אָקופּאַנט. אַן אומזעבאַרע האַנט האָט זיי אַלעמען פאַרבונדן. האָט זיך איינעם איינגעגעבן אַריינצוקריגן זיך אין דער קיך, האָבן שוין אַלע איבעריקע געהאַט אַביסל זופּ, אויסער דער ראַציע; איז איינער אַריין אין דער שניידער־שטובע, אָדער צו די שוסטער, האָבן זיי שוין באַקומען אַ שטיקל מלבוש אויפן הוילן לייב. זיי האָבן אויך שטילערהייט געטראָגן עסן אין די קראַנקן־באַראַקן, ווו עס זענען געלעגן די טיפוס־קראַנקע. זיי האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די דאָקטוירים, מיט די סאַניטאַרן; ווו מען האָט געקענט, האָט מען געמעקט, געשטראָכן פון די ליסטעס. אויף די אַרבעט־פּלעצער האָבן זיי אומבאַמערקט אָנגעבונדן קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג, מיט די פּוילישע ווידערשטענדלער, אַריינגעשמוגלט אַ שטיקל ברויט אין לאַגער אַריין, אַפילו אַ צייטונג.

דער בלאָנדער — קאַראָל האָבן זיי אים גערופן — איז גראָד אַריינגעפאַלן צו אים אין באַראַק אַריין. דער קאַראָל האָט באַלד אויפן אַנדערן טאָג שוין אַלעמען געקענט, געוווּסט אַלע פּירעכצן. ער האָט געהאַט אַ גערונצלט־אָפּגעבריטע הויט אונטערן רעכטן אויער און אויף ביידע הענט. דאָס האָט ער באַקומען מיט איבער אַ יאָר צוריק, ווען ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון דער אויפגעריסענער לאַבאָראַטאָריע, אויף פּאָרט דער לילאַ, אין פּאַריז. ער איז אַריינגעפאַלן אַהער מיט נאָך אַ גאַנצע גרופּע. זיי זענען געשטאַנען אין שאָטן פון עקזעקוציעס, וואָס ווערן אויסגעפירט פאַרטאָג, אין תפיסה־הויף.

ס׳איז געווען באַלד נאָכן ליכט־אויסלעשן, אין בלייכן שיין פון אַ ווייס־פאַרשנייטער נאַכט, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורך אַלע שפּאַרעס פון באַראַק, ווען קאַראָל האָט באַנט ביי זיין נאַרע דערפילט מיטאַמאָל אויף זיך אַ פּאָר גרויסע, בריענדיקע אויגן.

— ס׳איז דו, אַלטער מאַקסי? — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

— איך קאַראַל, איך — קורט ווינקלער! — האָט ער געפּליסטערט — כאָטש איך שוויַיג כסדר, האָבן זיך מײַנע אויגן אויסגעלערנט אַלץ צו זען, צו דערקענען, צו דערפילן... די חושים זענען דאָ ביי מיר נאָכמער פאַרשאַרפט געוואָרן...

— גיי צו דיין נאַרע... — האָט אים קאַראַל איבערגעהאַקט — גיי, אַלטער!

ער האָט זיך אָן רייד באַלד צוריקגעשלייכט אין זיין ווינקל אַריין; און כאָטש ער האָט גערעדט שטרענג, דער קאַראַל, האָט ער אָבער דערפילט, אַז ער איז דאָ מער נישט אַליין.

ס'האָט אים ווי געטון, וואָס איין מענטש האָט זיך דאָ אָפּגעקערט פון אַנדערן; וואָס איינער פרעסט מיט די אויגן דעם ביסן ברויט ביים אַנדערן; וואָס איינער וויל לעבן־בלייבן אויפן חשבון פון אַנדערן. דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד — האָט ער זיך דערמאָנט מיט ווייטיק — איז ער געזעסן, דער גרייז, געוהאָרד האָופּטמאַן, וואָס האָט אַמאָל מיט זיינע „וועבער", מיט זיין געשריי נאָך סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָנגעצונדן אַ דור אַ גאַנצן. אַזוי האָבן זיי, נידעריק און ציניש, באַנקראָטירט, די אַלע „שיינע" דייטשע גייסטער. די קראָען, וואָס האָבן אין די קורצע ווינטערדיקע טעג געקרייזט אונטערן נידעריקן הימל, האָבן געטראָגן דאָס געשריי „פאַרראַט" איבער די נאַקעטע פליינען, וווּ ס'האָט אַלמעכטיק געהערשט דער טויט. ווי אַלץ וואָלט זיך מיטאַמאָל אָפּגעקערט פון מין מענטש. פון ערגעץ האָבן זיך אָבער דורכגעריסן קלאַנגען, אַז די רוסן שפּאַרן פון אַלע זייטן, אַז זיי זענען שוין צוגעקומען ביז צו דער ווייסל, אַז די אַלירטע אַרמייען גייען איבערן רהיין; אָבער דאָ, אין לאַגער, האָט גאָרנישט אויסגעזען צו ענדערן זיך.

אין דער „זאַגאַ", דער אָפּגעטיילטער ס.ס.־לאַגער, האָט מען זיך, ווי געוויינלעך, געגרייט צו באַגעגענען פייערלעך די ווייַנאַכטן. דער שטורעם־פירער האַנס וואַכטל, אַ ווינער דייטש, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שיק־יינגל אין די קוליסן פון ווינער „בורג־טעאַטער", איז מיט אַ טאָג פריער געקומען אויפזוכן קורט ווינקלערן. דער יודען־עלטסטער האָט אים געהאַט איבערגעגעבן, אַז דאָ געפינט זיך אַ געוועזענער שוישפּילער פון דייטשן טעאַטער.

— וואָ איז דער אַלטער מאַקסי? — האָט ער זיך נאָכן אָונט־אַפּעל אַריינגעשטעלט אין באַראַק און האָט אים באַלד אָוועקגעפירט צום לאַגער־עלטסטן. ווען קורט ווינקלער איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל פון צימער מיט די אָרונטערגעלאָזנע לעמפּ איבער אַ גרינעם טיש, האָט אים דער לאַגער־עלטסטער מיטן נעראָן־קאָפּ באַפוילן צו קומען נענטער.

— זינד זי שאַושפּילער?

— געוועזן, הער לאַגער־עלטסטער!

— וואָס קענען זי פאַרברענגען?

— איך מוז מיך באַזינען, הער לאַגער־עלטסטער!

— וועלכע ראָלן? — איז ער שוין געוואָרן אומגעדולדיק.

— פראַנץ מאָר... האַמלעט... שיילאָק... מעפיסטאָ... הער לאַגער־עלטסטער!

— גוט! איך מעכטע זי מאָרגן אָבענד הערן. גיבן זי אים די אַלע נויטיקע זאַכן! — האָט ער זיך קורץ געווענדעט צום שטורעם־פירער האַנס וואַכטל, און באַלד אומגעדרייט זיך.

אין דער שניידער־שטובע איז אימפּראָוויזירט געוואָרן אַ קאָסטיום פאַר אַ מע־פיסטאָ און אין אָוונט האָט מען אים געבערענגט אין זאַל פון דער „זאָנאַ“. דער לאַגער־עלטסטער, מיטן קאָפּ פון אַ נעראָן, איז שוין געווען אינפאָרמירט, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. ער איז אין דעם אָוונט געווען שטאַרק פאַרטון, צעקאָכט, אָבער פול מיט העפלעכקייט און שמייכל. עס זענען פון די אַרומיקע לאַגערן געקומען צוגאַסט ס.ס.־פּרויען. אין גרויסן זאַל איז דאָס געזינדל שוין געווען פאַרזאַמלט; די פּיאַנע האָט אויסגעקלאַפּט עפּעס אַ מיליטערישן מאַרש. מ׳האָט לאַנג און הילכיק געפּאַטשט.

אין טונקלסטן ווינקל פון זאַל, הינטער דער בינע, איז קורט ווינקלער גע־שטאַנען צווישן די קורטינעס און געוואַרט; ס׳איז צוריקגעקומען צו אים דער שוידער פון זיינע עלטער־יידעס, די פאַקטערס, די אַרענדאַרן, אויף די ברייטע אוקראַאינישע שליאַכן, ווען זיי האָבן אונטערן געקנאַק פון בייטשן, געטאַנצט אין די ליכטיקע שלאָס־זעלער פאַר די שיכורע, אָנגעזויפטע פּריצים דעם בערן־טאַנץ. „ס׳איז אפשר די בעסטע געלעגנהייט שיין צו שטאַרבן — האָט ער זיך געזאָגט — אַ שפּיי טון אויפן דאָזיקן געזינדל מיט די קלוגע, קלאַסישע פערזן פון „זייער“ געטען און — שטאַרבן. ס׳וועט זיין אַ שענערער טויט, ווי וואַרפן זיך אויף די עלעקטרי־זירטע דראָטן, ווי דורכגעלעכערט ווערן פון אַ קוילן־סעריע פון ס.ס.־מאַן אויפן וואַך־טורעם, ווי פאַלן אונטער די טויט־קלעפּ פון אַ קאַפּאָ, ווי וואַרפן זיך אויף אַביסל קאַרטאָפל־שאָלעכץ מיט פאַרקראַמפּטע פויסטן און בלייבן ליגן אַ צע־טרעטענער, אין מיסט“...

אין דער טיף פון פינצטערן זאַל האָט ער דורך אַ פאָרהאַנג־שפּאַרע דערזען פאַר זיך אַ ווילדע די רייען נידעריק־געשוירענע קעפּ; די זעלבע שפּיציקע שאַרבנס, דוכט זיך, וואָס האָבן אַמאָל פאַרפולט די טעאַטערן אין בערלין; די זעלבע, וואָס האָבן אים אַפּלאָדירט, ווען ער איז געשטאַנען אין בינע־ליכט און אומבארחמנותדיק געפּאַדערט דעם פונט פלייש ביי די איידעלע פּאַטריציער פון ווענעדיק. עפּעס אַ דייטשקע האָט, הינטערן אָפּגעטיילטן פאָרהאַנג, געריסן דעם גאַרגל מיט אַ טראַגיש קול. אָבער ער איז פאַרבליבן אַנטשלאָסן — באַלד וועט ער דערשיינען פאַר זיי, באַלד. נאָך די אָוואַציעס, נאָכדעם ווי דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, איז אַ ווילע שטיל געוואָרן. ס׳איז דאָרט געווען אַ קליינע צערודע־רונג הינטער די קוליסן. מען האָט אים דאָ ערגעץ אַרומגעזוכט און ער איז גאָר אומבאַמערקט געשטאַנען פאַרן לאַגער־עלטסטן, אין דעם טונקלסטן ווינקל. יענער האָט אים נישט באַלד באַמערקט. דער פאָרהאַנג איז שוין געווען האַלב־אויפגע־הויבן. ער האָט זיך גערוקט נענטער, נענטער, צום שאַרפן פּאַס ליכטיקייט, וואָס האָט געשטראָמט פון פּראָזשעקטאָר אין יענעם עק זאַל. די שוואַרצע געשטאַלט זיינע איז פּונקט אַנגעשווומען אויפן לאַגער־עלטסטן, וואָס האָט דאָרט, אַ צעקאָכ־טער, געקאָמאַנדעוועט. יענער, מיטן נעראָן־קאָפּ, האָט זיך אַ רגע צוריקגעצויגן. ס׳איז געווען די שוואַרצע מעפיסטאָפאָל־געשטאַלט אַליין, וואָס איז אָנגעשווומען אים אַנטקעגן פון הינטער די קוליסן. האַלב־דערשראָקן, האָט יענער אַרויסגע־צישעט:

— ווער איז דאָרט ?!...

— איך, מעפיסטאָ!... — האָט מיט לעצטער קראַפט געדונערט די שטים פון קורט ווינקלער.

— מעפיסטאָ ?!...

— יאָ, מעפיסטאָ! — האָט הילכיקער נאָך זיך געטראָגן זיין שטים, איז אי־בערגעגאַנגען אין אַ לאַכן, ווי אַ קאַסקאַדע, ווי שטיינער וואָלטן זיך געקייקלט פון די בערג.

— אַך!... קאָמען זי, קאָמען זי, קאָמען זי! — און צום זאָל: — אויפטריט מעפיסטאָ!

ווען הינטער זיין רוקן האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דאָס ווילדע לאַכן און ווען קורט ווינקלער האָט גענומען שליידערן די רייד פון „זייער" געטען אין זאָל אַריין:

...דאַ די, אָ, הער, דיך איינמאָל ווידער נאַהסט,
אונד פראַגסט, ווי אַללעס זיך ביי אונדז בעפינדעט.
אונד דו מיך זאָנסט געוועהנליך גערנע זאַהסט,
זאָ זיהסט דו מיך אַוך אונטער דעם געזינדע.
פערצייה, איך קאַן ניכט האָהע וואָרטע מאַכען,
אונד ווען מיך אַוך דער גאַנצע קרייז פערהענט,
מיין פאַטאָס בראַכטע דיך געוויס צום לאַכען,
העטס׳ט דו דיר ניכט דאָס לאַכען אָבגעוועהנט.
פאָן זאָן אונד וועלטען ווייס איך ניכטס צו זאָגען,
איך זעהע נור, ווי זיך די מענשען פלאָגען — — — — —

דאָס לעצטע האָט ער אַ שמייס געטון צו זיי טאַקע, צום לאַגער־עלטסטן מיטן נעראָן־קאָפּ, צו די אַלע טעמפּע, שפּיציקע, קורץ־געשוירענע שאַרבנס, וואָס האָבן אין אומהיימלעכן שטילשווייגן, פאַרפולט דעם פינצטערן חלל. ער האָט זיי איצט אַלע דערזען מיטאַמאָל, אין דער בליץ־רגע, אויסגעזעצט, ווי פאַרמשפּטע, אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. ער האָט זיך געריכט, אַז באַלד דערנאָך וועט אַ קורצער רעוואָלווער־שאָס פאַרענדיקן דעם לעצטן אַקאָרד פון דער בידנער עק־זיסטענץ און דאָס וועט זיין שיין, שענער ווי צו שטאַרבן אויף יענער זייט שטעכל־דראָט; ער וועט פאַרענדיקן אויף דער בינע, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ בינע־מענטש...

ס׳איז אָבער אויך לאַנג נאָכדעם פאַרבליבן אומהיימלעך־שטיל אין זאַל; שוין דערנאָך, ווי ער האָט געהאַט פאַרענדיקט, אָפּגעהאַקט, צוריקגעצויגן זיך אין טיפן שאָטן. ערשט דערנאָך איז אויסגעבראָכן די ווילדע האַנט־פּאַטשעריי. נאָר געהערט האָט ער סיי ווי גאָרנישט. צוויי ס.ס.־לייט האָבן אים אונטער די אָרעמס באַלד צו־ריק אַוועקגעפירט אין לאַגער אַריין — אַזוי אויסגעשעפּט איז ער געווען; אַוועקגע־שמיסן אים ביי אַ שוועל פון אַ באַראַק. ער האָט אַפילו נישט געזען דאָס שטיק ברויט, וואָס זיי האָבן אים דאָרט צוגעוואָרפן, ווייל אַ פלינקער שאָטן פון דער האַלב־אָפּגעלענטער טיר האָט עס באַלד אַוועקגעכאַפּט, געכיכיקעט דין, ווי אַ חיה, און האָט זיך אָפּגעטראָגן אין שאָטן פון די באַראַקן.

ס׳איז געווען באַלד אויף צומאָרגנס, ווען מ׳האָט צום לעצטן מאָל געריִרט פון לאַגער אַרויס — דער לעצטער, לאַנגער מאַרש איבער די שנייען, וואָס זענען פאַרזייט געווען מיט מתים. טעג און נעכט האָבן זיי מאַרשירט. אויף אַ קליינער סטאַציע זענען די רעשטלעך אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין אָפענע וואַגאָנען, שטייענדיקערהייט. אַ גאַנצן מעת־לעת זענען זיי אַזוי געשטאַנען פאַרלאָדן, צונויפגעפרעסט, ווי האָלץ־דרענגער, און מ׳האָט זיך נישט געריִרט. ס׳האָט לאַנגזאַם געשאָטן איבער זיי אַ נאַסער שניי און די צעגאַנגענע נעץ איז גערונען איבער די טויטע. מען איז געטרעטן אויף זיי.

ווען דער צוג האָט פאַר האַלבער נאַכט לאַנגזאַם גענומען ריִרן און ווען שטיקער געפריר האָבן שוין געהאַט דורכגענומען זייערע דינע פּיזשאַמעס, האָבן זיך מיטאַמאָל אין דער בלויער קעלט, פון די וואַגאָנען אַראָפּ, עטלעכע שאָטנס פלינק אַ גליטש געטון אין דער קווער פון לאַסט־צוג, פאַרביי דעם אָפּגעליידיקטן פלאַנט, איבער אַ בריקל, צום נאָנטן וואַלד. סעריעס לויכטנדיקע קוילן האָבן פון די וואַגאָן־טורעמלעך נאָכאַנאַנד געצייכנט האַלבע קרייזן אין דער בלוי־פאַרשנייטער נאַכט. פון רגע צו רגע האָט עמיץ אַ קרעכץ געטון אין לויף, אַראָפּגעזעצט זיך אין שניי אַריין; אָבער דער לאַסט־צוג איז נישט שטיינגעבליבן. ער האָט נאָך פאַרשנעלערט דעם טעמפּאָ, איז געלאָפן מיט אויסגעלאָשענע פייערן אין דער נאַכט אַריין.

געשפּרונגען איז קורט ווינקלער דעמאָלט, ווען ער האָט אויפן עק פלאַנט דערכאַפּט מיטן אויגנבליק דעם שאָטן קאַראָלס. אָן אים, האָט ער געוווּסט, איז ער סיי ווי אַ פאַרלוירענער. ווייט איז ער אָבער נישט דערלאָפן. ער איז געפאַלן, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין טיפן שניי פון אַ ראָוו, און געוואַרט, אַז די קוילן־סעריעס, וואָס האָבן געדיכט געזשומעט אַרום אים, זאָלן אים שוין אַזוי צוענדיקן.

סוף פון צווייטן טייל

## דריטע טייל

# די זון פארגייט אין פוילן

# קאַפּיטל איינס

אין די לויטערע, זוניקע סעפּטעמבער־טעג, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן הימל, באַהערשט פון די דייטשע „שטוקאַס", האָט יאַנעק געשפּאַנט אין שטויב אי־בער די אַלטע פּוילישע שאָסייען פון פּאָדלאַשיע. צוזאַמען מיטן גאַנצן הפקרן שטראָם סאָלדאַטן, אָבאַזן און פאַרוואָגלטע יידן, אַנגעלאָפענע פון אַלע עקן קרויך־פּוילן, האָט ער געצויגן אויף מזרח, צום טייך בוג. די רויטע אַרמיי האָט דערווייל אומגעריכט אַ שפּאַר געטון ביז צו די מקומות. ער האָט עס שוין אָבער דעמאָלט דערפילט, אַז דער גורל פון די אַלע יידן, וואָס פּלאָנטערן זיך אומעטום אונ־טער די פיס פון אַלע פרעמדע אַרמייען, איז פאַרט — זיין גורל; און ער האָט באַ־צייטנס געהאַלטן זיך וואָס ווייטער פון זיי, מיט זייער פּאַניק, מיט זייער אייביק אומגליק, מיט זייער געדיכט, טומלדיק יידיש לשון אין מויל. נאָך אַ נאַכט פון אַ ווּסטער שיסעריי, האָבן זיי זיך, אַ מאַן הונדערט, פון הילצערנעם שטעטל אויף דער זייט בוג, פאַרט אַריינבאַקומען קיין ביאַליסטאָק. הויך־שפּרעכער האָבן איבער דער נאָר־וואָס באַזעצטער שטאָט פונאַנדערגעטראָגן איבער די גאַסן און מערק דאָס מוטיקע ליד „מאָסקווע, דו מיין" :

דו פרעכטיקע,

דו מעכטיקע,

דורך קיינעם נישט באַזיגבאַרע...

אויף טריט און שריט איז געווען דער יידישער אַנגעלויף, די פּאַניק. מ'האָט געגעכטיקט אויף די טראָטואַרן, אין די ענגע הייף, אַלע יידישע הייזער און גאָרן־שטיבלעך זענען געווען באַלייגט מיט פּליטים. די נעכט זענען שוין געווען קילע. פון וואַנען האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל דערנומען אַהער? ערשט ווי לאַנג, אַז יאַנעק האָט עפּעס ענלעכס געזען אויף די וועגן, בעתן בהלהדיקן צוריקציען זיך פון באַר־צעלאָנע?

ער האָט באַשלאָסן לאַנג דאָ נישט אַרומצודרייען זיך. ווי נאָר ס'איז צו אים דערגאַנגען, אַז יאַנינאַ גורסקאַ איז אויפגעשוווּמען אין לעמבערג, אַז זי איז איצט נישט אַבי־וועד, האָט ער זיך, דורך אַלע אומוועגן, מיט פּאַרפאַקטע צונגן און עשאַלאָנען, געלאָזן אַהין. ער איז געווען פלינק. ער האָט שוין געהאַט אַ קליי־נע פּראַקטיק הינטער זיך. ער האָט נישט געקענט פאַרלוירן גיין.

אין אַט דעם קורצן, רווישיקן פּעריאָד, ביזן אַנפאַל פון היטלערן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָט מען אים טאַקע אַפּט געזען אין נאָענטן קרייז פון דער סימ־

פּאַטישער יאַנינאַ גורסקאַ, אין לעמבערג. זי איז אין די יאָרן הויך געשטיגן. יאַנעק האָט זיך געכאַפּט, אַז אין איר שיינעם שווייגן איז געווען פיל מער, ווי ער האָט געהאַט דעם איינדרוק. „אָ, די כיטרינקע"... ער האָט זיך נאָך דעמאָלט צוביסלעך פאַרנומען מיט ליטעראַטור־קריטיק, מיט איבערזעצונגען. ער האָט געקענט שפּאַניש, פראַנצויזיש, געשריבן און איבערגעזעצט פאַר פּוילישע ליטעראַרישע וואָכנבלעטער, געצייכנט מיטן אַמאָליקן פּוילישן פּאַרטיי־פּסעוודאָנים. מיטן אָנגעלויף פון אַ נייער אינטעליגענץ פון די באַזעצטע מערב־געביטן, האָט זיך דאָרט דעמאָלט שפּעריש געקאָכט און גערודערט. ס'איז געווען די קורצע עפּאָכע פון איבערשאַצן ווערטן; ס'איז אויך געווען דער גרויסער אינטערעס און נייגער פון דער סאָוויעטישער אינטעליגענץ פאַרן קולטור־שאַפן פון „מערבדיקן" פּוילן, ווייל ס'איז לאַנגע יאָרן געשטאַנען צווישן זיי אַ קינסטלעכע וואַנט פון באַיאָנעטן. יאַנעק איז אומגעריכט געווען דער פאַרבינדער, פאַרמיטלער, דער אַמבאַסאַדאָר. יאַנינאַ גורסקאַ, וועלכע האָט אים נאָך געדענקט פון דער ערב־מלחמה־עפּאָכע, פונם הויז ביי דער מומע אירענע, פון איר סאַלאָן, האָט זיך צוערשט שטאַרק דערפרייט מיט זיין באַווייזן זיך אין לעמבערג. אַזעלכע פאַרבינדונגס־מענטשן זענען נויטיק געווען.

יאַנינאַ גורסקאַ איז דעמאָלט אין לעמבערג אַרויסגערוקט געוואָרן אויף וויכטיקע פּאָזיציעס. ס'איז גענוג געווען אירס אַ וואָרט, אַ ווונק, אַ דיסקרעטער שמייכל, אַ טעלעפאָן, אַלע טירן זאָלן זיך אויפמאַכן. ס'איז נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר געווען וואָס פאַראַ קער די געשיכטע וועט אָננעמען, אָבער יאַנעק האָט שוין באַצייטנס געוווסט אַביסעלע מער ווי אַלע. דעם טאַטנס פאַרשאַרפטער חוש איז אים, זעט אויס, בייגעשטאַנען. ער האָט צוגעזען, אַז אין די מוחות פון מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט און געליטן פאַר אַ פריי פּוילן, ווערט לאַנגזאַם געבוירן דאָס נייע, אַז ערגעצווו, אין געהיים, ווערט דאָס נייע פּוילן שוין צוגעגרייט. אין דעם געמיש פון פּאָליאַקן, אוקראַינער, רוסן, אין דער עטנישער גרענעץ־שטאָט לעמבערג, לוואָוו, אָדער לוויוו, האָבן געשווינדלט פאַר זיינע אויגן — נאָר יידן. זיי זענען פריי געוואָרן. זיי זענען אומעטום פול געווען. עפּעס אַ טונקעלע אַנונג האָט אים געפאָרכטן. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן מער. ער האָט זיי נאָר ווייניקער געוואָלט זען, זיי זאָלן זיך וואָס ווייניקער וואַרפן אין די אויגן. ס'איז געווען אַרויסצופילן — שלעכטע כוחות נורטעווען אין דער טיף, צווישן פּאָליאַקן, אוקראַינער, רוסן; און ווי אַלעמאָל — פּלאָנטערן זיך יידן הינטער די פיס; זיי, וואָס זענען אַפילו קיין צד נישט. כאָטש אים אַליין האָט זעלטן ווער חושד געווען, אויסער די, וואָס האָבן אים געקענט פון די וואַרשעווער יאָרן.

ער האָט געקענט טראָגן פאַרשיידענע מאַסקעס, יאַנעק, כאַפּן זיך צו אַלע אַרבעטן, אויפשווימען ווי אַ באַקאַנטער ליטעראַט, רעדן פייערלעך פון טריבונעס, אָרגאַניזירן גאַנצע ראַיאָנען פון ווירטשאַפטלעכע, אינדוסטריעלע געביטן, וווּ זיינע אבות אבותינו האָבן קיינמאָל נישט געטראָטן; זיין אין דיפּלאָמאַטישע מיסיעס, אין מיליטערישע מיסיעס פון דער פּוילישער אַרמיי אויפן שטח פון ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט גיך דערשמעקט וואָס אין מאָמענט איז נייטיק און — געלאָזן זיך איבערפירן אויף אַן אנדער געביט, ווען ער האָט דערפילט, אַז ס'ווערט געפערלעך.

אין די יאָרן פון וואַלגערן זיך איבערן ברייטן לאַנד, האָט זיך ביי אים אויך אויפגעוועקט אַ מין קינדערישע פאַרכאַפּטקייט צו אַנטיקוואַרישע קליניקייטן. ער האָט געזאַמלט אַ קאָלעקציע פון טשיקאַווע ברעלאָקלעך, קליינע וויבערישע שמוק־זאַכן, פרימיטיווע צירונגען, פּערסישע, כינעזישע וואַזעלעך מיט אַראַ־בעסק־אָרנאַמענטיק. אויף זיין פינגער האָט זיך אַפילו איינמאָל באַוויזן אַ דיקער רינג מיט אַ געהיים טירעלע אַריינצוגיסן פאַרפומען. ער האָט די אַלע קליני־קייטן נאָכגעזוכט אויף די „טאָלטשאָקן״, אין די אַלטע רוסישע שטעט, צעלייגט אַרום דניעפּער, אַרום דער וואָלגע, אין מיטל־אַזיע, וווהין ער האָט זיך לסוף מיט די רעשטלעך פון יידישן פּליטים־שטראָם מיטגעקייקלט. ס׳זענען געווען די יאָרן פון גרויסן שוויגן, פון גרויסן געראַנגל פון מין מענטש פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ. ווען ס׳איז אַנטשטאַנען דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן״, האָט יאַנעק, ביי דער זייט פון יאַנינאַ גורסקאַ, נישט קיין קליינע ראָלע אָפּגע־שפּילט. מ׳האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט וואָס־און־ווען; אָבער איין זאַך איז קלאָר געווען: נישט די פּוילישע עמיגראַנטן פון לאָנדאָן, נישט די אַנדערס־לייט, וואָס זענען איבער פּערסיע אַוועק מיט שיקאָרסקיס אַרמייען, זענען געזען געוואָרן ווי די, וואָס וועלן צומאַרגנס נאָכן זיג אַריינמאַרשירן אין לאַנד אַריין. אין „פאַרבאַנד״ האָט מען שוין די יידן, פּוילישע בירגער, נישט באַגעגנט מיט פאַר־דאַכט, מיט אָפענעם שפּאָט, אָבער צופיל וואַרפן זיך אין די אויגן האָט מען אויך נישט באַדאַרפט.

אַזויפיל אַלטע אילוזיעס זענען געלעגן אין שטויב. מ׳האָט באַדאַרפט צו גע־פינען אין דעם כאַאָס פון ביטערע דערפאַרונגען דעם נייעם זין פאַרן לעבן; אָבער קודם — העלפן אַרויסרייסן מיטן וואָרצל די היטלערישע פעסט. ער האָט זיך אויך צוביסלעך אויסגעהיילט פון דער איבערגעטריבענער „פּוילישקייט״, אָבער געטראָגן האָט ער אַ פּוילישן מונדיר. פון הינטער לעגינאַ איז ער אַוועק אין שטור־רעם צו באַפרייען דאָס לאַנד, אַרויסרייסן עס פון די רויבערישע נעגל. מיר וועלן שוין איצט וויסן ווי אַזוי צו לעבן — האָט ער זיך שטיל געזאָגט.

דער שטח ביז דער ווייסל איז אַלץ קלענער געוואָרן. דער אָנשטורעם, די ווינטער־ און זומער־אָפענסיוועס האָבן מיטגעבראַכט דעם ווינט פון דער פאַר־ברענטער, אויסגעקוילעטער היים, וו קיינער פון די זייניקע איז מער נישט פאַר־בליבן. וועגן פאָטער, וואָס האָט זיך מיט ניסים דערקריגן צו די ארץ־ישראל־ברעגן, האָט ער נאָך נישט געוווסט. דער האַס צום מערדער האָט אַ סך אַלטע וווּנדן פאַרהיילט. וועגן פייגעלען האָט ער, אין דעם גאַנצן כאַאָס, מער נישט געדענקט.

ס׳בלאָנדע פּוילישע מיידל האָט געהערט צו די באַקאַנטשאַפטן אויף די אָפּ־שטעל־פונקטן, אין די ערשטע רוישיקע טעג פון באַפרייטן לובלין. ס׳איז געווען די נייע יוגנט. אויף איר האָט מען גערעכנט. לאַנגע עשאַלאָנען זענען אָן אויפהער, טאָג און נאַכט, געגאַנגען צום ווייסל־רוים. ס׳האָט געשפּאַרט די רוסישע אַרטי־לעריע, די טאַנקן־דיוויזיעס, די אַוויאַציע, די פוסגייער. אויף די גאַסן פון לובלין האָט די ציווילע באַפעלקערונג, גערדיכט אַרומגעשטעלט, געלייענט אויף די ווענט די פריש־אויפגעקלעפּטע פּלאַקאַטן מיטן מאַניפעסט פון פּ.ק.וו.נ. (פּאָלסקי קאָמי־

טעט וויזוואָלעניאַ נאַראָדאָוועגאָ). זי איז געווען אין אַ שינעל, זאָשע, מיט אַ פּיר־שפּיציקער קעפּי, די בלאָנדע פּאַסמעס אַרום געטאָקטן פּראָפיל, אין ווינט, פאַר־שטעקט אין קאָלנער. ווער האָט שוין דעמאָלט געטראַכט, אַז מען וועט נאָך צו־ריקגעפינען אַ לעבעדיקן ייד? אַ נייער אָנגעלאָפענער עולם, ס'רוב מיליטער־לייט, איז אַרומגעשווומען אין די קאַנטינעס, אין די פּראָוויזאָרישע שטאַב־ביוראָען, פול מיט רויך, מיט טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע אַפּאַראַטן, מיט אייליקע באַ־פעלן, מיט קליינע מאַשין־געווערן און מיטראַיעטן אויסגעשטעלט אַרום די ווענט. מ'איז געטרעטן איבער שלאָפנדיקע סאָלדאַטן; מ'האָט זיך אַ ליאַדע מינוט געריכט אויפן באַפעל איינצושטייגן אין די לאַסט־מאַשינעס, אָפּצוטראָגן זיך מיטן ווינט פון די דורכגעריסענע שאָסייען, אין רוקן פון שונא.

ס'בלאָנדע מיידל איז געזעסן ביי אַן אַפּאַראַט, צווישן נאָך אַ סך לאַכנדיקע סאָלדאַטן־מיידלעך; מיטן פראָנט, וואָס האָט זיך אוממיטלבאַר דערנענטערט צום גרויסן ווייסל־בויגן, צו דער חרובער הויפּט־שטאָט, זענען אויך טייל אַדמיניס־טראַטיווע־ און שטאַב־ביוראָען אונטערגעקומען. באַלד דערנאָך — דאָס רירן שטורעמען וואַרשע אין מיטן פון קאַלטן יאַנואַר.

נאָך די אָקאָפּעס, מאַרשן, אָנגריפן, פאַרוואַקסן און פאַרלייזיקט ווערן, וואַל־גערן זיך אין בלאָטעס, שנייען, קעלטן, אָבער ווי איין שטיק אָנגעגליט שטאָל — קעגנאיבערן שונא, איז וווּנדערלעך־זיס געווען צו דערפילן אַ נידעריקן דאָרפישן באַלקן איבערן קאָפּ, אַ פּשוט בלאָנד פּויליש מיידל ביי דער זייט. פון דער קאַנטינע זענען זיי אַוועק שפּעט. דער ראַדיאָ־הילכער האָט, נאָכן איבעררייסן אויף אַ מינוט די טריאומפאַלע מאַרש־מוזיק, געמאָלדן, אַז דער רעכטער ווייסל־ברעג ווערט לאַנגאַזם אָפּגערייניקט פון די דייטשע קוילן־וואַרפער־נעסטן, אַז די פאַרפּאָסטנס האָבן דערגרייכט פּראַגע... די היים... און יאַנעק האָט מיט ציטער און נעפּלדיק אַ קלער געטון — פייגעלע... צי לעבט זי, פייגעלע?... דער פּולקאָווניק סטאַך איז שפּעט צוריקגעקומען פון אַ באַראַטונג אין שטאַב. ס'טראָגן זיך קלאַנגען, האָט ער אים שטיל פאַרטרויט, מען זאָל די דיוויזיע אַריבערוואַרפן ערגעץ אין צפון, צו די מאַזורער בלאָטעס. דאָרט, האָבן זיי געוווסט, זענען די דייטשע צע־קלאַפּטע רעשטלעך נאָך גוט באַפעסטיקט. יאַנעק האָט מיט איין שלונג דערטרונקען דאָס גלעזל מיטן שאַרפן „בימבער" (סאַמאָגאָן) און האָט אויפשטעלנדיק זיך, דער־פילט, אַז די פיס זענען אים שווער געוואָרן. ער האָט זיך אומגעקוקט. זאָשע האָט הינטער זיינע פּלייצעס געלאַכט מיט אַלע אירע בלענדיקע ציין צו די צוויי רוסישע לייטענאַנטן און האָט יאַנעקס האַנט נישט אַרויסגעלאָזן.

אומקערן זיך צו דער וואַך־שטעלע האָט ער נישט געהאַט קיין חשק. ער האָט זיך באַדאַרפט צושטעלן ערשט צומאָרגנס, 9 פרי. ער האָט באַקלערט, אַז ס'וואָלט גוט געווען די נאַכט איבערצושלאָפן אין אַ וואַרעם בעט. ער וועט צוגיין, האָט ער אַ טראַכט געטון, אויף דער פּיאָטרקאָווסקע, צו ראַטאַיטשאַקן אין דער רעסטאָ־ראַציע. דער גראָב־אָנגעגאָסענער רעסטאָראַטאָר האָט אים אָבער באַלד מיט חשד דערשמעקט און מען ווייסט נישט פאַרוואָס ער האָט אים, שטייענדיק הינטערן טומבאַנק, באַלד פאַרזיכערט, אַז ער אַליין האָט אויסבאַהאַלטן און געראַטעוועט אַ סך יידן.

— מירן זיך אַריבערכאַפּן צו ראַטאַיטשאַקן, זאַשיו...

— ס׳איז שפּעט... מ׳עט דאַרפן מאַכן אַ גאַנצע אַוואַנטורע, קלאַפּן...

— מיר וועט ער עפענען, ראַטאַיטשאַק... ער וועט פּלאַצן און עפענען...

זי האָט געלאַכט און איז מיטגעגאַנגען. נאָך די פּאָר גלעזלעך, האָט זי זיך אַנגעהאַנגען אין אים. ער האָט זי געפירט דורך די אויסגעשטאַרבענע הויפּט־גאַסן פון לובלין. ס׳מיידל האָט עפּעס געפּלאַפּלט, געלאַכט, אָבער אים איז ווי־דער שווער געווען אויפן האַרצן, ווי ס׳וואָלטן זיך, מיטן דערנענטערן זיך צו דער היים, געעפנט אַלע ווונדן.

באַלד דערנאָך איז טאַקע די דיוויזיע אַריבערגעוואָרפן געוואָרן צו די מאַ־זורער בלאָטעס, ערגעץ נאָנט צו מזרח־פּרייסן.

הימל, ערד און פייער האָט זיך אויסגעמישט. פון אַלע זייטן זענען געגאַנגען אַרמייען צום פאַרפּאַנצערטן דרייעק, צפונדיק, אַרום די געוואַזענע גרענעצן פון מזרח־פּרייסן. ערשט אינמיטן מערץ איז דער סעקטאָר דורכגעבראָכן געוואָרן.

דאָס מאָל האָט זיך יאַנעק דורכגעריסן אַלע פייערן, ווי דורך אַ נס. ער האָט געוואָלט לעבן. ער האָט זיך אומגעקערט און געטראָפן זאָשען אין די שטאַב־ביוראָען. איר שינעל איז שוין נישט געווען אַזוי נאַכלעסיק אַנגעוואָרפן אויף די אַקסלען. דער ענג־פאַרשפּיליעטער שינעל האָט אויסגעפּילט אירע גלייכע אַקס־לען. אין אירע העלע אויגן איז געזעסן דער שיינער פּוילישער ערב־פרילינג. קיין לובלין האָט זיך יאַנעק אומגעקערט מיט אַנדערע פּולמאַכטן. ער האָט זיך אַ ווויצל־געטון אויפן סאָלדאַטסקן שטייגער:

— די קויל, זאָשיו, האָט מיך, זעסטו, נישט גענומען... אַצינד באַדאַרף איך אומבאַדינגט אַזאַ סעקרעטאַרקע ווי דו...

— טאָ נעם מיך אַוועק... — איז זי באַלד מסכים געווען.

ס׳איז באַקאַנט געווען, אַז מיט אַ יידישן מאַן ווערט מען נישט פאַר־לוירן. געשטאַמט האָט זי פון לעמבערגער קאַנט, איז עוואַקואירט געוואָרן צוזאַ־מען מיטן שפּיטאָל, ווו זי האָט געאַרבעט, און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די ערש־טע פּוילישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך, צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, אַריינגעריסן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע אין האַרבסט, בעתן גרויסן דורכ־ברוך. ס׳איז געווען די צייט פון דער נייער יוגנט. ס׳איז געווען אַלץ — די סלאַ־ווישע טרוימערישקייט... סלאָוואַצקי... שאָפּען... גאָלדענער פּוילישער האַרבסט... די בלעטלעך פון ווערבעס, וואָס פאַלן לאַנגזאַם איבערן סטאַוו...

אַרום דאָרפישן הויז, ווו זיי האָבן קורץ פאַרבראַכט, האָבן די יאָדלעס פויל זיך געוויגט אין ווינטיקן טאָג. צו דער אָזיערע איז געווען צוצוגיין מיטן שטעגל, באַרג־אַראָפּ. ער האָט זי אָפּגעוואַרט אויפן גאַניק. אונטערן נידעריקן דאָך, אין אויסגעקאַלכטן שטיבל, מיט די וואַזאָנען אין די פענצטער, האָט עס נאָך גע־שוועבט מיט סוד. זיי זענען איינגעשלאָפן, ווען דאָס באַגינענדיקע גאָלדיקע ליכט איז געפאַלן אין אַ ווינקל סופיט. ער האָט זי מיט פלאַטער אָפּגעוואַרט. זי איז פלינק געגאַנגען פון גאַניק אַראָפּ און האָט אים דעריאָגט צווישן די סאָסנע־שטאַמען. איר שלאַנקער, נאַקעטער פוס האָט אים פאַרכאַפּט. זי האָט זיך גע־וויגט אין ריטמישן גאַנג. ס׳איז אַ שאָד געווען קאַליע צו מאַכן דאָס זשומענדיקע געזאַנג, דאָס פרילינגדיקע ליכט, מיט — רייד.

ביי דער זייט פון בלאָנדן, לאַכנדיקן מיידל איז ער געזעסן אויפן פייערלעכן שאַפען־פעסטיוואַל. נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון פראָנטן, אָקאָפּעס, האָט ער זיך פאַרגעסן — דער דאָרפישער וועג ציט זיך קרום... די ווייסע בערעזעס, דאָס אָלשינע־וועלדל — אין האַרבסטיקן גאָלד... די ווערבעס בייגן זיך איבערן ברייטן שטרוי־דאַך פון אַלטן שלאַכעצקן הויז מיט די גאַניקעס... איבער דער פאַר־גרינטער סאַזשלקע פליען ווילדע קאַטשקעס. אַ וואָלקנדל שווימט אָן איבער דער זון... ער האָט האַלב פאַרשלאָסן די אויגן און געלאָזן פליסן איבער זיך די בענ־קענדיקע קלאַנגען פון דער אָפּגעלאָפּענער יוגנט אויף דער פּוילישער ערד; ווער איז זי בכוח אַרויסצורייסן פון אונדזער געמיט? ס׳אויג ווערט פייכט. אַ שטומע קנויל שטייגט אויף פון האַלדז. פאַרוואָס? פאַרוואָס וויל מען אונדז צונעמען דאָס רעכט אפילו צו בענקען?

אין דעם פרילינג איז יאַנעק, כמעט פון די אָקאָפּעס־אַוועק, איבער־געפירט געוואָרן אויף אַן אַנדער סעקטאָר. ער און נאָך אַ צענדליק אָפיצירן, די מערסטע יידן, זענען געוואָרן צוגעטיילט צו די ווירטשאַפט־קאָמיסיעס, צו דער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט נאָך אַזוי גוט ווי נישט עקזיסטירט. ס׳לאַנד איז גע־לעגן אין רואינען, אין כאַאָס. אין ווינטיקן מערץ־טאָג האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט אין אַ פאַרמאַכטן לאַסט־אויטאָ, אויפן וועג קיין לובלין, פון דאָרט — קיין וואַרשע, וואָס איז נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן. אין זיין ברייטן פּוילישן שינעל, איז יאַנעק געגאַנגען איבער די אָפּגעמעקטע גאַסן פון דער היים־שטאָט. ס׳איז אוממעגלעך געווען אַריינצובאַקומען זיך אין אַ טראַמוויי; איינצלנע, זעלטענע, באַהאַנגענע פון אַלע זייטן, זענען זיי געלאָפן איבער די חרובע גאַסן, אויף דער פּראָוויזאָרישער בריק איבער דער פאַרפרוירענער ווייסל. ער האָט בעסער געוואָלט גיין צופוס, באַטראַכטן אַלץ מיט די אייגענע אויגן. ערשט ווי לאַנג האָט ער דאָ אַרומגע־פלאַטערט, אַ יינגל נאָך? אַ גרויסע היץ האָט אים געטראָגן. דער רייסיקער ווינט פון די אָפענע פליינען האָט אים פאַרשמיסן דאָס פנים. פּינקטלעך 12 דעם זייגער האָט ער זיך געמאָלדן אין דער ביוראָ פון שטאַב, פּלאַץ וואַלנאַשטשי, אַמאָליקער פּילסודסקי־פּלאַץ. ס׳איז געווען איינע פון די זעלטן גאַנץ־געבליבענע געביידעס אין דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט.

דאָס מיידל, די סעקרעטאַרקע, אין דער מיליטערישער אוניפאָרם, האָט אים אַריינגעפירט אין אַ הויכן זאַל, געבעטן צוואַרטן. נאָך אַזאַ לאַנגער צייט אַריבער־טרעטן אַ ריינעם, געהייצטן זאַל, האָט ער זיך דערפילט מאָדנע. ער האָט אַ בליק געטון אויף זיינע פאַרבלאָטיקטע נידעריקע סאָוויעטישע שטיוול, איידער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער פראָסטער טאַבורעטקע. זי האָט גע־סקריפּעט אונטער אים, די טאַבורעטקע. אַזאַ טאַבורעטקע קען שטאַמען נאָר פון אַ קאַזאַרמע, אַ דייטשע קאַזאַרמע. פריער האָבן זיי דאָ אַוודאי באַקוועם געהאַט, די דייטשן, איידער זיי האָבן אַליין סיסטעמאַטיש די שטאָט אויפגעריסן — די בעסטע מעבלען, די באַקוועמסטע ביוראָ־שטולן, די ווייכע פאָטעלן. אַלץ איז נאָך אין די מלוכהשע ביוראָען געווען פּראָוויזאָריש. און ס׳איז אים פּלוצים איינגע־פאַלן נאָכוואָס מ׳האָט אים אַרויסגערופן. דעם חבר טאַדעק, וואָס איז אויסגע־וואַקסן דורך אַ זייטיקער טיר, האָט ער באַלד דערקענט. ער האָט נאָר געהאַט פאַרלוירן אַביסל פון זיין שיינער שעוועליורע פון די אַמאָליקע יאָרן אין אונ־

טערערד, אויף וואָליע; ער איז גאָר דעמאָלט אָנגעגאַנגען פאַר אַ ראַדיקאַלן אינ־טעליגענט, ווייט פון אַקטיווער פּאָליטיק. אַרויס אויף דער אויבערפלאַך איז ער ערשט אין די עטלעכע רוישיקע חדשים, אין לעמבערג. ער איז געווען קורץ־געשוירן, אָן פּאַסיק, נישט אינגאַנצן צעקנעפּלט. יאַנעק איז אים אָקעגנגעגאַנגען, די פיר־שפּיציקע קעפּי אין דער האַנט.

— כ׳וואָרט שוין פון נעכטן אָן, קאַפּיטאַן! — האָט אים טאַדעק כמעט פריי־לעך געלאָזן פילן זיין פעסטע דלאָניע — די צייט שטייט נישט.

— נאָך וואָס — פּלוצים?

— זיך, חבר יאַנעק, וועלן מיר שמועסן — איז ער באַלד היימיש איבערגע־גאַנגען אויף „דו״. ער האָט גענומען פון טיש און אויסגעשטרעקט צו אים דאָס לענגלעכע סאָוויעטישע פּאַפּיראָסן־שאַכטל „קאַזבעק״. (שפּעטער האָט יאַנעק די פּאַפּיראָסן „קאַזבעק״ פאַרביטן מיטן בכבודיקן דירעקטאָרן־פּאַפּיראָס „וואַוועל״)

— רוק זיך צו נענטער און פאַררויכער...

און טאַדעק איז באַלד צוגעטראָטן צום אייגנטלעכן ענין. אין די פראָנט־געביטן איז קיין סך צייט נישט געווען צו פאַרלירן מיט איבעריקע רייד. ער האָט אַ נעם געטון פון פראָסטן הילצערנעם ביוראָ־טיש די איינגעלייגטע צייי־טונג, דעם פּ.פּ.ס.־ישן „ראָבאָטניק״, וואָס איז נאָך פאַר דער פאַראייניקונג דער־שינען; באַלד דערנאָך — דעם פּאַרטייאישן „גלאָס לודו״, אַ פיל קלענער בלעטל, שלעכט פּאַפּיר, שלעכטער דרוק.

— אַזאַ צייטונג ווייניקסטנס ווי דער „ראָבאָטניק״ וואָלטן מיר באַדאַרפט, פאַרשטייסט? וואַיטשיקאָווסקי, דער „אַלטער״ אונדזערער, דער מייסטער פון אַמאָליקן „קוריער וואַרשאַווסקי״, קלאָגט — נישטאָ קיין מאַטעריאַל, נישטאָ קיין לייטישע לינאָטיפּן, און דער עיקר — נישטאָ קיין ראָטאַציע־מאַשין... זיי האָבן אונדז שיין צורעכט געמאַכט, די פרייסישע חזירים... מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, אַז האָסט אַמאָל געהאַט אַ שטיקל שייכות מיטן דרוק־וועזן אין דער פּאַרטיי...

— נישט גאַנץ דירעקט. נאָר אַביסל קען איך זיך. אָבער כ׳זאָל זאָגן, אַז כ׳בין אַ פאַכמאַן? מיינע גאַנצע קענטעניש זענען פון אַמאָליקן אונטערערדישן „העק־טאָגראַף״...

— מ׳האָט אונדז אָבער איבערגעגעבן, אַז אין דער ווירטשאַפטלעכער פאַר־זאָרגונג ביסטו אומפאַרגלייכלעך...

— מ׳וואָלט אפשר געקענט באַקומען אַ ראָטאַציע־מאַשין פון אויסלאַנד — האָט יאַנעק געפּילט, אַז אַ נייע לאַסט ווערט אויף אים געלייגט — אין שוועדן, אין די דייטשע געביטן... ווייניק מאַשינען האָבן זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד, די אויסוואורפן?...

— ס׳איז נישט אַזוי איינפאַך... דערווייל. מיר דאַרפן עס אָבער באַשאַפן אויפן אָרט — און נאָך אַ ווײַלע — ס׳איז אַ באַשלוס פון צ.ק.

דערמיט האָט ער אויסגעזונגען אַלץ צו זאָגן, קורץ צו פאַרענדיקן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, יאַנעק — באַלד נאָך אים.

— אויב וועסטו באַדאַרפן וועלכע ס׳איז ספּעציעלע הילף, קענסטו זיך ווענדן צו עדעקן. ער איז צו דיין דיספּאָזיציע...

ער האָט עס שוין געוווסט אָן אים, יאַנעק. דער מוח האָט שוין ביי אים גע־אַרבעט. עדעק איז געווען פון די קעפּ פון דער או. בע. ער איז צוריק אַראָפּ פון די ברייטע שטיגן און אַלץ האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן — די דורכגע־שאָסענע שפּיגלען, די אַלטע, פאַרשטויבטע, אָפּגעריבענע געמעלן אויף די סופיטן. אין די ווענט זענען נאָך געווען טיפע לעכער פון אַרמאַטן־קוילן. ווו גייט מען? צו וועמען ווענדעט מען זיך? „אַ באַשלוס פון צ.ק.”... איין קליינינקייט! קיין סך רעדט מען דאָ נישט — גיי שלאָג זיך קאָפּ־אין־וואַנט און — באַשאַף! ער איז אַוועק צוריק אויף פּראַגע. אַזוי, האָט ער זיך דערמאָנט, איז געווען מיט די עלעקטראָ־סטאַציעס, אַפילו מיט די צייטונגס־קיאָסקן. ס'האָט זיך שוין אַזוי באַ־קומען, אַז מערסטנס זענען יידן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלץ צו באַשאַפן; און ס'איז באַשאַפן געוואָרן צו דער מינוט! ס'האָט געקלאַפּט!

אין באַר, אונטן, האָט שוין זאָשע אויף אים געוואַרט, אין ווינקל, אונטער דער קאָלאָנאַדע, צווישן די פאַרהויכטע שפּיגלען. זי איז אין צווישן־צייט מיט די אָמטן אַריבערגעקומען פון לובלין קיין וואַרשע.

דאָס מיידל האָט געלאָזן דעם רויך דורך די נאָזלעכער, געלאָזן רינגעלעך אין דער לופט, ווי געהיימע היעראָגליפן, דורכן שיין־געשניטענעם מויל. זי האָט געלאַכט מיט געזונטע ציינער, האָט לייכט אָנגעבויגן איר קאָפּ צו זיין שטול.

— זעסט אויס צעטראָגן, יאַנעטשקו... וואָס איז שוין ווידער?

ער האָט נישט געהערט. אַ חרטה־געפיל האָט אים געפרעסן. די גרענעצן האָבן זיך צוריק אויפגעמאַכט. די וועלט איז פרייער געוואָרן. ס'איז דערגאַנגען צו אים וועגן דער העלדישער ווידערשטאַנד אין פּאַריז... פייגעלע... דאָס פוי־לישע מיידל האָט עס אָבער פון זיין פאַרשלאָסן פּנים נישט געקענט אַראָפּ־לייענען.

— פליכטן, זאָשיו... כ'קלייב זיך ווידער אין די מערב־געביטן...

— אויף ווי לאַנג?

— ס'ווענדט זיך...

ס'איז אַ שאָד געווען. ער האָט שוין געהאַט דעם צוזאָג וועגן אַ צוגעטיילטער דירה אין רעסטאַווירטן הויז אין די אַלייען. ס'האָט זיך געבענקט צו געניסן פון אַביסל היים־רו אָוונט־צייט — אַ בוך, שטילע ראַדיאָ־מוזיק...

אַביסל האָט זיך עס נאָך אָבער פאַרצויגן. די וועגן צו די מערב־געביטן זענען נאָך אַלץ געווען געפערלעך, כמעט אומצוטריטלעך. די דייטשן, אַרומגערינגלט דורך ראָקאָסאָווסקיס אַרמייען אויפן האַלב־אינדזל העל, האָבן אויפגעריסן די שליוזן, פאַרפלייצט די גאַנצע דאַנציקער געגנט. די באַן־בריקן — צעשטערט, די שאָסייען — פאַרגאָסן, באַנדעס — אין די וועלדער. דער איינציקער זיכערער וועג איז נאָך געווען — די מיליטערישע אַוויאַציע. מ'האָט אָבער געמוזט דורכ־מאַכן דעם וועג דורכן לאַנד. און יאַנעק האָט זיך אין אַזאַ וועג אַריין געלאָזן מיט צען שווערע לאַסט־וואַגנס, באַוואַכט פון מיליציאַנערן. אַ ווייטער, אומקלאָרער רעפלעקס איז אים אַדורך; ער איז אין דער לעצטער מינוט געקומען ווי אַ בליץ אין מוח. ער האָט שוין געוווסט, אַז די גרויסע היטלערישע צייטונג, „דער דאַנ־ציגער פאָרפּאָסטן”, וואָס איז דערשינען אין אַ גרויסן טיראַזש, האָט נישט גע־

קענט — מיט דער אינטענסיווער באָמבאַרדירונג פון די אַלירטע אָנפליען אין די לעצטע חדשים — נישט צוגרייטן דאָרט ערגעץ נאָנט, אין דער אומגעגנט, אַן אונטערערדישע, גוט־פאַרמאַסקירטע דרוקעריי; ווייל אַלע רעדאַקציעס און אַלע דרוקערייען, איינגעאָרדנט מיט דייטשער פּינקטלעכקייט, זענען געלעגן אויסגעגלייכט מיט דער ערד.

גערירט אין וועג אַריין האָט מען פאַרטאָג. מ'האָט זיך געלאָזן ווי צו אַ מי־ליטערישער עקספּעדיציע. די מערב־געביטן זענען נאָך פול געווען מיט ראַיענ־דיקע הייפלעך איבערגעטועטע דייטשן, פאַרדעכטיקע ציווילע; ס'איז נאָך אַלץ נאַכט נאָך נאַכט געווען אַ פאַרבלאָנדזשעטע שיסעריי צווישן פאָלקס־דייטשן, פּוילישע מאַראָדערן פון דער א.ק. מיט דער פאָלקס־מיליץ, מיט מיליטער־אָפּ־טיילן, דער עיקר סאָוויעטישע. ווי שייך — האָט יאַנעק באַקלערט — וועט ער דאָרט נישט אונטערכאַפּן עטלעכע דייטשן, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט די דרוקערייען? ווייל זיי האָבן שוין נישט באַוויזן עוואַקואירט צו ווערן. ער וועט שוין פון זיי אַלץ אַרויסטרייסלען.

געפאָרן איז מען מערסטנס בייטאָג — בידגאָשטש, טאָרון, ווזשעשטש. די פּראָוויזאָרישע בריקן האָבן קוים אויסגעהאַלטן די באַזעצטע לאַסט־וועגן. יאַנעק האָט די באַוואָפנטע מיליציאָנערן און די שאָפערן, וואָס זענען מיטגעפאָרן אָן איבעריקן חשק, נאָך באַדאַרפט מונטערן. זיי האָבן אָפט געמוזט אַראָפּקריכן, אַרויסצושלעפּן די הינטערשטע רעדער פון דער בלאָטע, שטופּן די וואָגנס איבער די שמאָל־אָנגעשאָטענע ערד־וואַלן. ער האָט זיי אויף די אָפּשטעלן פאַרבעטן אין די קנייפּעס אונטערוועגנס, אויסצוטרינקען אַ לעמפּעלע „בימבער" (סאַמאָגאָן), אויסשטעלנדיק די באַוואָפנטע וואַך־זעלנער אַרום די וואָגנס, פאַר די טירן.

די טעג זענען שוין געווען לענגערע, אָבער די זון האָט געשיינט דורך דער פייכטקייט פון נעפּלען און טויען איבער די פאַרלאָזענע, טיף־צעאַקערטע פעל־דער. עס זענען דאָ נאָר וואָס דורכגעגאַנגען די לעצטע שווערע שלאַכטן, איידער בערלין איז געשטורעמט געוואָרן. אומעטום — איבערגעקערטע, אויסגעברענטע לאַסט־וואָגנס, צוגן גאַנצע, קאַנאָנען, טאַנקן מיט די קייטן־רעדער אַרויף, ווי טויטע איבערגעקערטע זשוקעס; דאָ און דאָרט — אַ דורכגעגראָבן מינען־פעלד, פאַרבראָכענע בערעזע־צלמים, מיט אָנגעהאָנגענע זשאַווערדיקע קאַסקן. צווישן בלאָטיקע קעמפּעס האָבן זיך געראָיעט און אויפגעהויבן מחנות קראָען. די קנייפּעס אויף די אָפּשטעלן, אַרום די חרובע וואָקזאַלן, זענען פול געווען מיט פאַרדעכ־טיקע לייט, אין לעדער־קורטקעס, אין שטיוול, ס'רוב „שאַבראָווניקעס", וואָס זענען זיך אָנגעלאָפן אין די מערב־געביטן דעמאָנטירן וויכטיקע טיילן פון די פאַרלאָזענע דייטשע מאַשינען, רויבן אַלץ, וואָס איז געלאָזן געוואָרן אויף הפקר. זיי זענען געווען געפּערלעך, די געוועזענע „פאָלקס־דייטשן"; זיי האָבן זיך איצט גע־לאָזן רופן „היגע", „דאַנציקער", נאָר נישט קיין דייטשן...

עס איז געשטאַנען אַ שווערע היץ אין די קנייפּעס. רויך, פאַרגאָסענע אויגן, אין בלויען מעסער־גלאַנץ אונטער די לאַקירענע דאַשיקעס. געדיכטע ריידערייען. פאַרביסענע, שווייגנדיקע. אַפילו די מיליציאָנערן, די פריש־מאָביליזירטע, האָבן מורא באַקומען. מ'האָט יעדן טאָג געפונען דערשאָסענע. דער איינציקער צייכן פון

לעבן אין די טויטע דערפער און שטעטלעך איז געווען דאָס בילד פון היימלאָזע הינט, די ריפּן איינגעצויגן, די מאָרדעס אויסגעשפּיצט, האָבן זיי מיט חשד נאָכגע־שמעקט יעדן אומבאַקאַנטן.

כאָטש אין זיין אוניפאָרם, האָט זיך יאַנעק געפילט נישט אינגאַנצן זיכער, האָט זיך צווישן אָט די לייט מיטאַמאָל דערפילט ווייניק באַשיצט, אין רויך און אין נעפּל פון די קנייפּעס. די האַנט ביים רעוואָלווער, איז ער אַרויס פאַר דער טיר אָפּצוקילן זיך. ער האָט די שאָפערן און אַפילו די מיליציאָנערן קוים ארויסגע־שלעפּט פון הינטער די פול־בעשטעלטע טומבענק. זיי האָבן זיך דאָרט ברייט פונ־אַנדערגעזעצט, פונאַנדערגעשפּיליעט, געהאַלטן אין איין טרינקען, לייכט געלאָזן זיך אַריינציען אין די געדרעדרייען מיט די פאַרדעכטיקע לייט. ס׳האָט זיך זיי גאָרנישט געגלוסט אַרויס פון דאָרט.

— אין וועג אַריין! — האָט זיי יאַנעק אונטערגעטריבן.

ערשט אויפן פערטן מעת־לעת האָט זיך די עקספּעדיציע דערקריגן ביז צו פאַרשטעט ביים באַלטיק, איינגעהילט אין פרילינג־נעפּלען. דער שעף פון דער או. בע. איז דאָרט געווען סטאַשעק דראַטעווקאַ, אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, אַ יינגל פון וואָליע. דערהערט, אַז יאַנעק קומט אין אַ מיסיע פון צ.ק. האָט ער באַלד אָנגעשפּיצט די קליינע, גרויע אויגן און די גרויסע אויערן :

— פאַרלאַנג פון מיר, חבר, וואָס נאָר דו ווילסט!

— אַן אָבלאַווע אויף די דייטשן! — האָט יאַנעק געגעבן צו פאַרשטיין און וואָס ס׳האַנדלט זיך — די פאַרדעכטיקע... פאַרשטייסט?...

זיי האָבן זיך פאַרטייעטע אַרומגעדרייט אַרום די רואינען פון דער צעגראָ־מירטער שטאָט, האַלב אין ציוויל, פאַרוואַקסענע. אויף די זאַמל־פּונקטן האָט מען זיי, מיט ווייב און קינדער, אָנגעפּאַקט אין די עשאַלאָנען און, מיט אַ קליין פּעקעלע ביי די פיס, אָפּגעשיקט אויף מערב.

פאַרנאַכט איז סטאַשעק דראַטעווקאַ געקומען מעלדן :

— פון די 150 פאַרהאַלטענע, האָב איך געפּאַקט 4 דרוקעריי־אַרבעטער... ס׳איז גענוג?...

— דאָס וועלן מיר זען. די איבעריקע קענסטו דערוויל שיקן צום טייוול!

זיי זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל, די פיר פאַרשוין, מיט אַ פינצטערן בליק פון אונטערן דאַשיק, ווען יאַנעק האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. ער האָט זיי לאַנג באַטראַכט, אַן איין וואָרט.

— זיצט! — האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דער באַנק דער ביי דער וואַנט.

זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. יאַנעק האָט זיך ברייט צעזעצט אין הויכן פאָטעל און צוצוגעבן זיך אַליין קוראַזש, האָט ער פאַררויכערט, געבלאָזן דעם רויך צום סופיט.

— מיר ווייסן אַלץ!... — האָט ער געדונערט — מיר ווייסן, אַז נאָך איידער דער „דאַנציקער פאָרפּאָסטן" איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך אונדזער אַוויאַ־ציע, האָט געבעלס באַפוילן באַצייטנס איינצוריכטן דאָ אַן אונטערערדישע דרו־קעריי, גוט קאַמופלירט... ווו געפינט זיך די דרוקעריי?...

טויט־דערשראָקענע, האָבן זיי געשוויגן. זיי ווייסן פון גאָרנישט צו זאָגן. קיין סך צייט האָט אָבער יאַנעק מיט זיי נישט געפּטרט. ער האָט זיי באַפוילן איינצו־

שטייגן אין קליינעם לאַסט־וואָגן, באַוואַכט פון מיליציאָנערן, און אָפּצופאָרן צו דער געוועזענער אַדאָלף־היטלער־שטראַסע, וואָס איז פריער געווען אַ רוסישקע אַרטעריע, אין סאַמע צענטער שטאָט. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג זענען זיי אַרומגעקראָכן צווישן די רואינען. פאַרזשאַווערטע שטיקער פון די גרויסע ראָטאַציע־מאַשינען „סופּער אַלבערט״, פּראָדוקט 1944, מיטן אויטאָמאַטישן באַלן־וועקסלער, נייס־טער סיסטעם, פון לינאָטיפּן, האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטער די איינגעפאַלע־נע סופיטן. פון דעם אַלעמען איז אָבער דערווייל גאָרנישט געווען צו מאַכן — האָט דערקלערט דער „אַלטער״, וואָיטשיקאָווסקי, דער געוועזענער מייסטער פון „קוריער וואַרשאַווסקי״ — שמעלץ!... — האָט ער געברומט און געשטייפּט זיינע היפּשע וואָנסן.

— מער וויסן מיר נישט... — זענען די טויט־איבערגעשראָקענע דייטשן שטיינגעבליבן מיט צעגומענע הענט.

יאַנעק האָט זיי קיל אָנגעקוקט.

— מיר דאַרפן די אונטערערדישע דרוקעריי פון „דאַנציקער פאָרפּאָסטן״... דערנאָך וועט איר זיין פריי...

ער אַליין האָט שוין אָנגעהויבן צווייפלען. ער האָט עס אָבער נישט אַרויס־געוויזן. זאָל אים די אינטואיציע, הייסט עס, האָבן פאַרפירט? ער האָט גע־הייסן זיי צוריק אויפשטייגן אויפן לאַסט־וואָגן. נאָך אַ האַלבן טאָג אַרבעט, האָט זיך גאָרנישט באַקומען. זיי האָבן געגראָבן, געהאַקט מיט פּיאָשן צווישן די פאַרזשאַווערטע רעלסן פון די אַראָפּגעזעצטע סופיטן. דער „אַלטער״, וואָיטשי־קאָווסקי, וואָס איז ספּעציעל געבראַנגט געוואָרן אין אַן אַוויאָן, האָט דאָ אַלץ באַטראַכט און צום וויפלטן מאָל אַ פּיר געטון דעם פאַרשוואַרצטן דרוקערישן פינגער סאַמע אונטערן וואָנס:

— שמעלץ! — האָט ער געברומט — מ׳קען העכסטנס נעמען טיילן פון דאַנען...

יאַנעקן האָט אָבער אַלץ אינטריגירט דער נומער פון „דאַנציקער פאָרפּאָסטן״, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די רואינען פון שטאָט־ראָט. דאָס האָט אים דראַ־טעווקאַ געבראַנגט אין דער לעצטער מינוט. מ׳האָט שוועדלעך דעשיפרירט די דאַטע, אָבער לויט די קאָמוניקאַטן אויף דער ערשטער זייט, האָט דער נומער באַדאַרפט זיין נישט פריער ווי פון יאַנואַר 1945; ווייל ס׳האָט זיך דאָרט גע־רעדט וועגן דער אָנגעהויבענער אָפענסיווע־שלאַכט „אין גראָסען ווייכסעל־ראָום״... די שטאָט און די גאַנצע געגנט האָבן דעמאָלט געהאַט איבער זיך די מאַסיווסטע באָמבאַרדירונגען. געבליבן פאַרקלעמט איז אַ גאַנצע דייטשע אַרמיי אין צפון, ביים באַלטיק, צווישן ריגע און מעמעל.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז די פּיר פאַרהאַלטענע דייטשן ווילן געווינען צייט, אַרויסדרייען זיך, אָפּטראָגן זיך מיט די עשאַלאָנען, וואָס גייען „נאָך וועסטן״. זיי האָבן זיך עפּעס דורכגעמורמלט, געקוקט פון דער זייט אויף די באַוואָפנטע מיליציאָנערן מיט די אַרונטערגעלאָזענע פאַסקעס אונטער די גאָמבעס, די ביקסן אין די הענט.

— פּילייכט אין מאַרינבורג... — איז איינער פון די געפאַנגענע אויסגע־וואַקסן לעבן יאַנעקן.

אויף דעם האָט ער געוואַרט. מיט די לאַסט־וואַגנס האָבן זיי זיך געלאָזן מיטן אַמאַליקן „קאָרידאָר"־שאָסיי, אין דער ריכטונג פון מאַרינבורג, אַ קילאָ־מעטער 50 פון דער שטאָט. ס'איז שוין געווען אָונט. אָבער יאַנעק האָט נישט געוואָלט אָפּלייגן. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ געמויערט הויז אויפן רינג־פּלאַץ. דאָרט איז געהאָנגען אַ שילד — „מעכאַנישע מאַלקאַריי". אין דעם איינ־ציקן גאַנץ־געבליבענעם הויז אויפן רינג־פּלאַץ איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצו־וואַרטן די נאַכט. פריער איז דאָס הויז גוט אַדורכגעזוכט געוואָרן; צעפּלינדערטע ביוראָען, פאַרלאָזענע וווינונגען. אַרום הויז איז צעשטעלט געוואָרן אַ געדיכטע וואַך, וואָס האָט זיך געטוישט יעדע שעה.

ערשט אין דער פרי האָט מען זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. יאַנעק איז אַליין אַרומגעקראָכן איבער די טיפע הייף, געזוכט, געניסטערט. ער איז פאַרבײַ די שאַפעס, אַ שפּאַר געטון אַ טיר. זי האָט לייכט נאָכגעגעבן. פאָרזיכטיק איז ער אַרײַן אין דער האַלב־טונקלקייט, דעם נאַגאַן אין דער האַנט. דאָס טאַשן־לעמפּל האָט געטאַפּט צווישן אָנגעשטעלטן און אָנגעוואָרפענעם מעבלוואַרג, צעבראָכענע שפּיגלען, שטוב־כלים. מיטאַמאָל האָט ער געזען פאַרהאַקטע קאַסטנס מיט דער אויפשריפט „רוטענבערג, שטרענג פאָרזיכט". האָט ער אַרײַנגערופן וואַיטשי־קאָווסקין, די דײַטשן. אָבער נאָך איידער דער „אַלטער" האָט אַ בליק געטון צו די קאַסטנס, האָבן די דײַטשן שוין אויסגעשריגן: „דאַ האַבען וויער עס... די טריעבע פון ראָטאַציאָנס־מאַשינען"... זיי האָבן זיך אַליין, צום ערשטן מאָל, ברייט צעשמייכלט. אין שיין פון די ברייט־אויפגעריסענע טירן, האָט מען אויפ־געהאַקט איין קאַסטן נאָכן אַנדערן. דאָס זענען ווירקלעך געווען טיילן פון ליי־נאָטיפּן און פון אַ ראָטאַציע־מאַשין „סופּער אַלבערט".

הייסט עס, אַז די אינטואיציע, די „סמיקאַלקע", האָט אים נישט אינגאַנצן פאַרפירט, יאַנעקן; אַזוי האָט עס, לויט זײַן פּשוטער אויסרעכענונג, באַדאַרפט זײַן. די מאַשינען האָבן שוין, זעט אויס, נישט באַוויזן עוואַקואירט צו ווערן, ווען די רויטע אַרמיי האָט אַ שפּאַר געטון פון דרום און פון מזרח. די ליניעס זענען איבערגעהאַקט געוואָרן. דער „אַלטער", וואַיטשיקאָווסקי, האָט זיך געוואָלט וואַרפן קושן יאַנעקן. ער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען. ער האָט זיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט: „פאַרט אַ יידישע קעפּעלע"... פאַר גרויס באַגייסטערונג, האָט ער יאַנעקן געקלאַפּט אין דער פּלייצע:

— כ'וועל אומבאַדינגט פאָדערן ביי עדעקן דײַן פאָטאָגראַפיע אויף דער ערש־טער זייט אין „גלאָס לודו".. דו טייוול איינער...

— מ'דאַרף נישט, אַלטער... — האָט יאַנעק, אינגאַנצן אַ צערודערטער זינט די עטלעכע טעג, אָוועקגעמאַכט. ער איז אַרויס פאַר דער טיר, לייכטער אָפּצו־אָטעמען, און באַפוילן פאָרזיכטיק אויפצולאָדן די קאַסטנס, באַלד אומצוקערן זיך קיין וואַרשע, מיט די זעלבע פרילינגדיק־פאַרנעפּלטע וועגן, פול מיט געפאַרן, וואָס האָבן זיי אַהערגעפירט.

# קאַפּיטל צוויי

ווען מ׳האָט יאַנעקן צוגעטיילט אויפן ספּעציעלן אַמט, איז עס געווען ווי ער וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אַ נישט־דאָ׳איקע וועלט און איז אַריבער אין אַ וועלט פון אַן אַנדער רעאַליטעט. ער איז צוריק געווען אין ציוויל, ספּאָרטיוו. די העמדער האָבן ביי אים געבלאַנקט. ער האָט געדרויכערט די פּלאַסקע „וואַוועל"־פּאַפּיראָסן, פאַרצויגן ביז ווייניקער ווי די העלפט און האָט זיי אַוועקגעשנעלט. דער וואָגן מיטן שאָפער האָבן געוואַרט אונטן. מ׳האָט וועגן אים געוווסט, אָבער נישט אַלץ האָט מען געוווסט. ער האָט אין זיך אַליין געשמייכלט: טאַקע, ווי קום איך... ווי קום איך צו אָט דעם פּילבאָרן מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס איז ווי אַ סייסמאָגראַף, וואָס דאַרף נאָכשפּירן דעם גאַנג פון יעדן בירגער... וואָס דאַרף אַרויסגעפינען וואָס עס שטעקט אַלץ הינטער די פאַלשע רייד, הינטער פאַרשטעלטע טואונגען און מעשים? ער מוז געפינען דעם שולדיקן, אומבאַדינגט געפינען, פאַראַליזירן זיין האַנט, וואָס צילט אומצוברענגען דאָס סאָציאַליסטישע הימלאַנד, נאָך איידער זי וועט זיך אויפהייבן... אָננעמען אַפּריאָרי יעדן איינעם, וואָס פאַלט אים אין דער האַנט אַריין, פאַר אַ פאַרברעכער, ביז יענער באַווייזט נישט זיין אומשולד; אויב מען איז נישט קיין פאַרברעכער, קען מען עס לייכט ווערן...

צוערשט האָט ער זיך אַביסל געשראָקן פאַרן אומבאַקאַנטן, דערנאָך איז אים די פּסיכאָלאָגישע שפּיל געפעלן געוואָרן. ער האָט גענומען קוקן אַנדערש אויף מענטשן, אפילו אויף גאָר נאָענטע חברים. צי שטעקט נישט, למשל, אין יעדן פון אונדז אַ שטיק סאַדיסט? צי איז עס צופעליק, וואָס אַ קינד רייסט אַראָפּ מיט אַזאַ שאַדנפרייד די פליגעלעך, די פיסעלעך ביי אַן אינזעקט, קוקט זיך צו פאַר־גאַפט, ווי דער צעקאַליעטשעטער בעל־חי מאַטערט זיך, קריכט נאָך אַביסל, גוססט, ביז ער בלייבט ליגן אומבאַוועגלעך, אָן לעבן... נאָך באַרצעלאָנע, נאָך פאַריז, נאָך די פאַר יאָר וואָלגערן זיך איבערן גרויסן, ברייטן לאַנד, ווו אַלץ איז נאָך רעטעניש, האָט דאָס אַרומיקע אין זיינע אויגן אויסגעזען קליין און נישטיק. אָבער דער אימפּעט האָט געטראָגן. מ׳האָט עס פאַר זיך אַליין גאָר מורא געהאַט מודה צו זיין, אַז דער מענטש איז — אַ זעמדל, נאָך ווייניקער אפשר. ער האָט זיך דעריבער צוערשט געשראָקן מיט אַ טונקעלן אַנען.

— ס׳האָט דיר גאָרנישט געאַרט, יאַנעק, ווען די אויסוווּרפן האָבן געשאָכטן און פאַרברענט די דייניקע?... — האָט אים וולאַדעק, דער אַמאָליקער חבר וולאַ־דעק פון וואָליע, וואָס האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אים געוואָלגערט אין פאַריז, אין שפּאַניע און איז איצט געווען אַ הויכער אָפיציר אין דער אַרמיי, אָנגעקוקט מיט חידוש — דערשטיקן דעם שונא איז נישט קיין פראַזע... כ׳פאַרשטיי איך

קיינס נישט, סוף כל סוף... — האָט ער צענומען די הענט — איר זענט עפּעס זוי די פּריילינס, וואָס חלשן אַוועק, ווען זיי קוקן אָן אַ צעבלוטיקטן פינגער...

ס'איז געווען אַ סך אמת אין וולאַדעקס רייד. ער האָט אומגעריכט אָנגערירט אין אים אַ פּילבאַר יידיש פּינטעלע. די מאַמע... דאָס שוועסטערל רוטע... ווייל וועגן פייגעלען האָט ער שוין געוווסט, אַז זי האָט זיך געשלאָגן פאַרן לעבן אין דער ווידערשטאַנד אין פּאַריז. ווייניק בלוט האָט זיך געגאָסן פון די זייניקע? וולאַדעק האָט ברייט געלאַכט, איז צעשיט געוואָרן פון געלעכטער. אָבער יאַנעק איז פאַרבליבן פאַרשלאָסן אין זיך.

דער צענטער איז געווען אין מיטל־שטאָט, אין שמאָלן געסל ביי די יעראָ־זאַלימער אַלייען. אויפן ראָג איז דער עלעגאַנטער באַר אָפן געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָרט זענען זיי געזעסן. יאַנעקס סעקרעטאַרין איז געווען זאָשע — קורץ געשוירן, מיטן פּאַפּיראָסל אין מויל; צוריקגעהאַלטן, אַפילו באַשיידן, איז אומגעריכט געווען באַפּעלערישקייט אין איר באַוועגן זיך. אירע העלע אויגן האָבן געקענט זיין שמייכלענדיק און שטרענג. זי האָט געקענט מענטשן אויף איר אופן. זי האָט זייטיק דערבליקט יאַנעקן, האָט זיך אויף אים דערקענט. ווען ס'איז אָבער פּלוצים געקומען די ידיעה וועגן פּאָגראָם אין קעלץ, האָט זי ס'ערשטע מאָל באַמערקט, ווי דאָס בלוט האָט יאַנעקן אַ זעץ געטון אין די שלייפן אַריין. זי האָט שיין געשוויגן. זי האָט זיך צוגעקוקט ווי פּלינק, און מיט וואָס פאַר פּעס־טער האַנט, ער האָט רעאַגירט. ער איז אַליין געווען אין דער ספּעציעלער שטראָף־עקספּעדיציע. קיין סך איז שוין נאָכדעם נישט גערעדט געוואָרן דערפון אין דער פּרעסע. ס'איז געווען גראָד אין יענע טעג, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז פייגעלע האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד אַריין.

פייגעלען איז צוערשט נישט לייכט געווען איבערצולאָזן פּאַריז, באַקאַנטע, חברים, פאַרבינדונגען און אומקערן זיך אין לאַנד אַריין. אַ מענטש, האָט זי באַ־טראַכט, איז אין גרונט אַ שטוביק באַשעפעניש, אַ פאַרהיימישטע חיה; מען גע־וווינט זיך צו צו דער סטעזשקע, וואָס פירט צום הויז. די היים איז דאָרט, ווו מען שטעלט אַוועק אַ צעבראָכן טישל, אַ בענקל, אַ בעט, אַ נאַכט־לעמפּל און אַ בוך דערלעבן. דאָס איבעריקע זענען מסתמא פּראַזן. אַ סך צייטווייליקע היימען האָט זי שוין פאַרמאָגט און פון אומעטום האָט זי געמוזט אַוועק, אַנטלויפן, אַלץ איבערלאָזן.

זי האָט אים אויך נישט געקענט באַלעסטיקן, יאַנעקן, אין זיין נייער סיטו־אַציע. כאָטש קיינער האָט עס איר נישט געזאָגט אָפן. מ'האָט איר נישט געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, מ'האָט געשטאַמלט. זי האָט מיט אַ סך מוט זיך אַליין געזאָגט — פאַרפאַלן, ס'טאָר דיר נישט ווי טון.

פּאַריז האָט נאָך געיובלט מיטן זיג; רוישיקע געדענק־אָוונטן, מאַניפעסטאַ־ציעס, בעלער, פאָלקס־יום־טובים, פאַרצויגענע פּאַפּיר־קרענץ צווישן די שמאָ־לע געסלעך פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אימפּראָוויזירטע אָרקעסטערס פאַר די נידעריקע טירן פון די קאַפייען. אָבער אין אירע אויערן איז געווען אַ פוסטער רויש. אויבן, צווישן די אַרומגעשיילטע ווענט פון יידישן אַרבעטער־קלוב, האָט זי אים ס'לעצטע מאָל געזען, יאַנעקן. דער קלוב איז געווען פאַרהאַקט. זיי זענען כמעט

אַלע אַוועק אויף די פראָנטן פון שפּאַניע, געפאַלן. ווי די אַלע קליינע, צעשראָקענע יידישע פרויען, וואָס זייערע מענער זענען אַוועק קיין שפּאַניע, האָט זי געוואַרט געדולדיק. ביי אַנדערע איז כאָטש פאַרבליבן אַ קינד. אַזוי האָט זי זיך דערזען אין געפּלאַצטן שפּיגל פון דער אַלטער האָטעל־שאַנק. ווי עלנט די דאָזיקע וועגט קענען זיין אין דער מיט פון רויש און פריילעכקייט.

זי האָט זיך געזאָגט, אַז זי מוז אים נאָך איין מאָל זען. וואָס, האָט זי זיך געפרעגט, איז ער אין תוך? אַ קאַריערעסט, אָדער אַ ייִנגלש־נאַאיווער? ס'איז געווען אין אים אַלץ פאַראַמאָל. ס'איז אַוודאי אפשר אויך געווען ביי איר ווייבערישע נייגעריקייט אין אומגעריכטן באַשלוס, אַז זי פאָרט. ווייל זי האָט זיך עס נאָך אַלץ אַליין נישט געקענט צוגלויבן — ווער איז זי, די אַנדערע?

עס זענען נאָך אַלץ געגאַנגען די רעפּאַטריאַציע־טראַנספּאָרטן אין לאַנד אַריין. דאָס יונג געוואָרענע לאַנד, וואָס שטייט אין פלאַקער פון קאַמף, באַדאַרף צו האָבן יונגע, זיכערע קאַדרן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דאָס האַרץ געפלאַטערט. ס'איז געווען אַן איבערגעפּאַקטער שלעפּ־צוג מיט פּוילישע קוילן־גרעבער, לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, מיט זייערע משפחות, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים. פייגעלע האָט פאַרמאַכט די אויגן און צוריקגעזען די קינדהייט, ווען זי איז, אַ קליין מיידל, אַרומגעלאָפן צווישן די אַלטע געסעלעך. נאָך איין מאָל דאָס אַלץ צוריקצוזען! נאָך די פינצטערע יאָרן, זענען אָבער קיין אילוזיעס נישט געווען. איז עס טאַקע מעגלעך, אַז די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, די שיינע יידישע ייִנגלעך מיט די געדרייטע פּיאה'לעך, לויפן מער נישט אַרום איבער דער גאַס, לעבן ר' פייבישעס קלויז? דאָרט האָט איר טאַטע אַמאָל געהאַט אַ קליינע זעצעריי פון „זשאַרגאָנישע" ספרימלעך, פון קול־קורא'ס, פון ווינטש־קאַרטלעך מיט טייבעלעך און הענגלעך ווייַנטרויבן. די מאַמע... די שוועסטערלעך, די יידישע פּרינצעסינס, וואָס זענען אַרויס פרייטיק־פאַרנאַכט אָפּוואַרטן די מלכה־שבת... זי איינע איז אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין, איבערגעלאָזן דעם אוניווערזיטעט, געוואַלגערט זיך אין אייזן־און קוילן־ראַיאָן פון דאָמבראָווע־זאַגלעמביע, צווישן די פּוילישע אַרבעטער. דערנאָך — דער פּאַרשיט, די דעפּענסיווע... וואַרשע... דאָס קעלערל... אויף דער שטילער אָטוואָצקער ליניע... אהרן... יאַנעק... פּאַריז... די פינצטערע אָקופּאַציע־יאָרן... זי האָט זיך דערפילט שולדיק קעגן איר היים, קעגן די אַלע יידן, וואָס זענען געווען אַ נאַטירלעכער פלעק אויף דער לאַנדשאַפט פון דער אוראַלט־פּוילישער און אוראַלט־יידישער שטאָט.

ס'איז געווען פרילינג אין לאַנד. אומעטום האָבן זיך געגאָסן ריטשקעלעך, לעבלעכע שטראָמען; טראַנספּאַרענטן, ליכט, מוזיק אויף אַלע פאַררויכערטע וואָקזאַלן. די שניי־רעשטלעך האָבן אָפּגעדעקט די ערד. דער יונגער ווינט האָט געבלאָזן אין די צעריסענע דראָטן פון די האַלב־אומגעלייגטע סלופּעס. אין די ראָוועס — איבערגעקערטע טאַנקן, פאַרברענטע, מיט די קייטן־רעדער אַרויף. אין אַזאַ פרילינג איז זי איינמאָל אַוועק, אויף שטענדיק אַוועק פון די אַלטע געסעלעך אין קראָקע, ווו אירע זיידעס, די לומדים מיט די הויכע שטערנס, האָבן יאָרהונדערטער געלעבט אין שאָטן פון דער אַלטער שול און פון אַלטן בית־עלמין.

ס׳פרעגט זיך נאָר — צי האָט ער טאַקע נישט געוווּסט, אַז פייגעלע וועט זיך אומקערן אין לאַנד אַריין? ס׳איז געווען צו פאַרשטיין, אַז זי וועט זיך אומקערן. אויף קיין „סצענעס״ האָט ער זיך טאַקע נישט גערעכנט; ער האָט געוווּסט ווי שטאָלץ זי קען זיין; אָבער ער האָט זיך דערפילט, נאָך אַלעמען, ווי אַ קליינער פּחדן. ער האָט געקענט זיין אַ גרויסער העלד אויף די פראָנטן, אין אויפשטעלן די נייע ווירטשאַפט, אין פאַראַליזירן די האַנט פון שונא, וואָס איז נאָך געלעגן אין די וועלדער, אין אָנלערנען די אַנטיסעמיטישע אויסוואורפן פון קעלץ, און קעגנאיבער פייגעלען — אַ פּחדן. ס׳איז נישט גענוג געווען פאַר זיך אַליין צו פאַרענטפערן — די אומשטענדן... איר טיפּיש־סעמיטישער אויסזען... אין אַזאַ לאַגע... ווען מען דאַרף, צוליבן נוצן פון דער זאַך, אויסבאַהאַלטן זיך... ער, מיט זיין „גוטן אויסזען״, האָט זיך געקענט אויסבאַהאַלטן; אָבער פייגעלע, וואָס האָט אויסגעברענט איר לעבן, איר יוגנט פאַר אַ פריי פוילן, האָט עס נישט געקענט, אָדער גאָרנישט געוואָלט — אויסבאַהאַלטן זיך. פאַרוואָס עפּעס אויסבאַהאַלטן זיך? פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט אויסבאַהאַלטן מיט אונדזער יידישקייט, ווען מיר זענען געגאַנגען אויף די באַריקאַדן, אין די תּפיסות? אַחוץ דעם — ס׳בלאָנדע פוילישע מיידל, זאָשע...

יאַנעק, האָט זי געהערט, האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון קעלץ. ס׳איז געווען נאָך דער גרויסער יידן־שחיטה. ס׳איז נישט אַזוי לייכט געווען צוצוקומען צו יאַנעקן. טעלעפאָנירן? מ׳האָט נישט געענטפערט קלאָר. אויף אַלע וויכטיקע אַמטן — חברים, פון וואַרשע, פון פּאַריז. זיי האָבן זיך אומגעקערט אין לאַנד אַריין, אונטערצושטעלן אַ פּלייצע.

— פייגעלע... — האָבן זיי איר אַלע פריילעך באַגעגנט, און עפּעס נישט דערזאָגט.

זיי האָבן באַטראַכט מיט חשד אירע יידישע אויגן, איר שיינעם קאָפּ, איר ענערגיש־געשניטן מויל — די חסידישע טאָכטער פון די מיטלאַלטערלעכע געסלעך אין קראָקע. זי איז אַ גוטע פּאָלאָניסטקע, האָבן זיי געוווּסט. זי האָט טיף איבערגעלעבט מיצקעוויטשן, סלאָוואַצקין, וויספּיאַנסקין, נאָרווידן; זי איז די ראַכעלאַ פון וויספּיאַנסקי׳ס „וועסעלע״, די לעגענדאַרע אסתּרקע, די געליבטע פון קאַזימיר דעם גרויסן...

— האָסט זיך אין פּאַריז קיינמאָל נישט געפאַרבט די האָר אויף בלאָנד?...

— האָבן זיי לאַכנדיק געפרעגט.

זי האָט נישט פאַרשטאַנען; ווייל מ׳האָט אַפילו איידל פאַרגעלייגט צו ענדערן אויפן דאָקומענט דעם יידישן נאָמען. אַ ווילדע עקשנות איז צו איר צוריקגעקומען.

— נאָכוואָס ווידער פאַרמאַסקירן זיך? — האָט זי נישט פאַרשטאַנען — מיר זענען דאָס, וואָס מיר זענען.

זי האָט געוואַרט. צי ווייס ער טאַקע נישט, יאַנעק, אַז זי איז דאָ? זיין נאָמען האָט איצט געקלונגען מיט אַ „סקי״; זיין נאָמען האָט די פיינט געשראָקן. מ׳האָט געוווּסט, אַז ער וואַקסט אויס דאָרט, וווּ מען ריכט זיך אויף אים אַמווייניקסטן.

און ס׳איז געווען, אַז זי האָט אין זוניקן, ווינטלדיקן נאָכמיטאָג געבלאָנדזשעט אויף די חורבות פון געטאָ און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט זי אים דער־זען, יאַנעקן. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט אין נידעריקן טויער פון אַן איינגע־פאַלן הויז. הינטער אים האָבן די ווענט און די פינצטערע לעכער אימהדיק געגלאָצט אין דורכזיכטיקן פרילינג־ליכט. קורץ־געשוירן, מיטן יאָזש־שויבערל, ווי אַמאָל. דערלעבן האָט געוואָרט אַ שוואַרצער אויטאָ מיט דער שטומער פּלייצע פון אַ שאָפער.

— זעסט?... — האָט ער געוויזן אַרום, ווי קיינמאָל גאָרנישט — דאָרט איז אַמאָל געווען די היים אונדזערע... אין הויף, די פענצטער אויפן דריטן שטאָק... און אין דער זייט — האָט ער דורך דער אומגעהייערער ליידיקייט געוויזן — דאָרט בין איך אַמאָל געגאַנגען אין קרינסקיס האַנדלס־שול...

ווי ער וואָלט עס געזאָגט אַן שום איבערלעבונג. ער איז געווען אין ציוויל, ווי אַ געוויינלעכער בירגער, אַ גרויער פאַרבייגייער. זי האָט אים באַקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן. ס׳איז געווען אַ קנייטשל פון פאַרביטערונג אַרום זיין שיין־געצייכנט מויל; און זי האָט אים אַמאָל ליב באַקומען פאַרן קינדערישן, וואָס איז געווען אַרום זיין שיין מויל. פון אויטאָ דערלעבן האָט זי דערפילט אויף זיך אַ פּאָר אויגן, פרעמדע אויגן. זי האָט גאָרנישט מער געפרעגט.

ווי אין פּאַריז, ווו זיי האָבן זיךביידע, היימלאָזע, געוואַלגערט אין דער פרעמד, אַזוי האָט ער זי לייכט געפירט נאָך זיך איבער דער שטויביקער סטעזש־קע פון געטאָ. דער שטומער אויטאָ איז זיי נאָכגעפאָרן.

— כ׳וויל, יאַנעק — האָט זי גערעדט צו אים — זאָלסט מיך אַוועקפירן אַהין, ווו ס׳איז אַמאָל געווען מיין היים.

ער האָט, כמעט אָן רייד, באַלד איינגעשטימט, צעשטרייט פאַררויכערט, ווי ער וואָלט פאַרצויגן דעם לעצטן פּאַפּיראָס, פאַרן אויפשטייגן צום עשאַפּאָט. זיי האָבן זיך ביידע דערפילט ווי אויף אַ לעצטער רייזע.

ביי טאָג זענען זיי געפלויגן מיטן לייכטן אויטאָ איבער די שאָסייען; אויף ביינאַכט האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין באַוואַכטע האָטעלן. יאַנעק איז דאָ און דאָרט אָפּגעשטיגן, פאַרשווונדן און איז דערנאָך געקומען שטום צוזעצן זיך לעבן איר. זי האָט אים ווי אינגאַנצן נישט באַמערקט מער. איר בליק — אין נעפּל, ווי זי וואָלט געחלומט אויף דער וואָר. פון צייט צו צייט האָט דער שאָ־פער אומגעדרייט דעם קאָפּ און מיטן בליק עפּעס אָנגעוויזן. שליטנס, פורלעך, פאַרזשאַווערטע אַקער־אייזנס האָבן זיך אַראָפּגעשניטן מיט די שאָסייען, אין נעפּל פון די פלאַכע פעלדער. נאָר די סאָסנעס און בעריאָזעס האָבן זיך אַזוי קלאָר אַרויסגעשניטן פון ביידע זייטן וועג.

אויפן דריטן טאָג, אין קראָקע, האָט יאַנעק דעם שווייגנדיקן שאָפער באַ־פרייט. אויפן מאַרק, אַרום די סוקיענניצעס, איז געלעגן אַן אַלטע פוילישע פרי־לינג־זון. די פאַראָסטעטע זייגערס אויפן ראָט־הויז־טורעמל האָבן אויסגעקלונ־גען די שעה. זיי האָבן צופוס דורכגעשניטן די פּלאַנטן, וואָס ציען זיך אַדורך דער שטאָט, צוגעזעצט זיך אויף אַ באַנק, צווישן קינדער־וועגעלעך און טויבן.

אַ שטומער, באַשעפּטיקטער עולם האָט פאַרבייגעאיילט. קעגנאיבער, אין קילן, שאָטנדיקן געסל, ווו ס׳האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די הויכע, בלינדע ווענט פון דער קירכע „די הייליקע אַננע״, האָט צו די משופּעדיקע טרעפּ פון נאָכמיטאָג אָן, פון אַלע אַרומיקע גאַסן און געסלעך, געצויגן אַלט און יונג, אין דעם געוויינ־לעכן, וואָכעדיקן טאָג — אַלטע באַבעס, יונגע מיידלעך, מיטליאָריקע מענער מיט אַ פעסטן מיליטערישן טראָט; די ציווילע קליידונג איז אויף זיי געהאָנגען ווי פרעמד. די בלויע פלעמלעך פון די נר־תמיד־ליכטלעך אין די נישעס האָבן זיך געקרייצט אין זייער בליק, ווי דער בליאַסק פון שווערדן.

יאַנעק און פייגעלע האָבן גיך פאַרבייגעאיילט, נישט צו ציען קיינעמס בליקן אויף זיך. אין די סוקיענניצעס, צווישן די קאַלאָנאַדעס, זענען זיי אַריין צוזעצן זיך ביי אַ טישל. זיי האָבן אויפגעשפּאַרט אַ שווערע גלאָז־טיר און אַריין אין רונדן, טונקעלן געוועלב נידעריק איבערן קאָפּ. עס זענען אַרונטערגעהאָנגען אַלטמאָדישע קירכע־לאָמטערן. לענגאויס די ווענט — גרויסע ביר־פעסער, אָנ־שטאָט טישלעך. די טוכלע ווענט — באַדעקט מיט פאַרגעלטע צייכענונגען און קאַריקאַטורן אונטער גלאָז. אַ קליינער אָרקעסטער אין דער טיף, אויף דער הוי־כער, שמאָלער עסטראַדע אונטער אַ באַלדאַכין. ווו נאָר מ׳האָט געוואָרפן אַ בליק — פול באַזעצט, ביז אַרויף. ס׳איז שווער געווען צו געפינען אַ ווינקל צוצוזעצן זיך. וואָנסיקע לייט, אינטעלעקטועלע קענטיק, מיט שטייפע מאַנזשעטן, שפּיציקע שאַרבנס און קינען. די בלאָנדע מיידלעך, אין די ווייסע פאַרטוכלעך און הייבלעך אויפן קאָפּ, האָבן זיך פלינק באַוועגט צווישן די ביר־פעסער, צודערלאַנגט קאַווע אין הויכע, שמאָלע גלעזער, קוכן.

נישט ווייט פון דאַנען, אויף דער פלאָריאַנסקע, אין דער „יאַמאַ מיכאַליקאַ״, איז אַמאָל געווען דאָס רוישיקע באַהעמען־ווינקל, דער קונסט־יאַריד פון דער „מלאָדאַ פּאָלסקאַ״ — וויספּיאַנסקי, טעטמאַיער, און צווישן זיי — דער גאַליציאַ־נער ייד, דער באַרימטער מאָלער מאַוריצי גאָטליב; אַרום האָט געזשומעט די פאַררייסענע פּוילישע סטודענטנשאַפט פון אוניווערזיטעט, פון דער קונסט־אַקאַ־דעמיע.

— זיי זענען אונדז אינגאַנצן נישט... — האָט זיך פייגעלע צוגעזעצט אין ווינקל, נאָכדעם ווי אַן אַלט פּאַר־פּאָלק האָט זיך אויפגעהויבן — די שטאָט פון אוראַלטן פּוילישן גייסט... אָבער אויך פון אוראַלטן יידישן גייסט... צי זיי ווילן עס, אָדער ווילן עס נישט...

ס׳איז געווען אַ ווייטער פּלאַם אין אירע יידישע אויגן. זי האָט אים דער־ציילט וועגן די יידישע גאָלד־שמידן, יוועלירן, אַנטיקוואַרן, בשמים־הענדלער פון ווייטן מיטלאַלטער; וועגן יידישע געלט־וועקסלער, אַסטראָנאָמען, מקובלים, עלוי׳ים, געטאָ־טרוימער. ער האָט געהערט, געהערט און האָט זיך נישט אָנגע־רופן מיט קיין איין וואָרט. ער האָט נעפּלדיק נאָכגעטראַכט — נאָכוואָס האָט זי אים אַהער פאַרפירט?

— ווען זיי ווייסן כאָטש — האָט ער געהערט אירע רייד, ווי פון זייער ווייט — ווי טיף מיר זענען פאַרבונדן מיט זייער קולטור, מיט זייער גייסט. זייער משיחיזם איז געווען אונדזער משיחיזם. אָט דאָ, אין די וויין־קעלערן און טאַווערנעס, ביים שלאַבעצקן מעד, איז געבוירן געוואָרן וויספּיאַנסקיס „וועסעלע״. ס׳איז געווען

דאָס באַהעפטן זיך מיטן פאָלק, מיטן דאָרפישן פאָלקס־מיידל... אָבער אויך זיין זאָג דעם ייד, דעם קרעטשמער — „פריינד און דאָך — נישט קיין פריינד"... פאַר־שטייסט? די אייביקע טראַגעדיע פון נישט וועלן אונדז...

— ביסט ערשט אַ פּאָר טעג אין לאַנד, פייגעלע... מאַכסט, דוכט זיך, צו פרי אויספירן...

— כ'בין קיינמאָל פון פּוילן נישט אַוועק! כ'האָב אין דער פרעמד כסדר געלעבט מיט דער היים, מיט פּוילן... ניין, זיי וועלן עס ביי מיר נישט אַרויס־רייסן פון האַרצן...

זיי זענען אַרויס. ס'האָט אַרויסגעטריבן. אין פרילינגדיקן טאָג זענען זיי נישט מיד געוואָרן צו בלאָנדזשען צווישן די פּלאַנטן. די אַלטע שטאָט האָט זיך אין דורכזיכטיקן ליכט געצירט מיטן פּאַטין פון פריען גאָטיק, מיט די געביידן פון שפּעטן רענעסאַנס. ס'איז דאָ נישט געווען די גרויקייט פון פאַבריק־שטעט, אויף די קנופּ־שליאַכן פון מיטל־אייראָפּע, מיטן אויפקום פון קאַפּיטאַליזם, געבוים כאַאָטיש, אין אַלערליי סטילן. די געדעכעניש פון מיטלאַלטער האָט נאָך אַלץ געשוועבט אין אוויר, קוקנדיק פון וואַוועל אַראָפּ אין טאָל, ווו עס גיסט זיך אויס די ווייסל, אויף די גאַסן פון דער אַלטער פּיאַסטן־שטאָט. עקשנותדיקער קאָנסערוואַטיזם. אַ מוזיי פון פאַרגאַנגענעם לעבנס־שטייגער. ס'איז קוים אָנגע־רירט געוואָרן דער ריטם פון דער אַלטער קעניגלעכער שטאָט. מען זעט קינסט־לער מיט פראַנצויזישע בערעטן, שוואַרצע שלייפן. אָבער די פּאַלאַצן פון די ראַדזשיווילס און פּאָטאָצקיס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס־קלובן. געענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען און — אַלטער ריטם. 12 אַזייגער קלינגען די גלאָקן פון דער מאַריאַ־קירכע, ווי אין די קאַטוילישע חגאות.

האָסט געהאַט, כאָם איינער, אַ גילדערנעם האָרן,
האָסט געהאַט, כאָם איינער, אַ היטל מיט פעדערן,
ס'האָט דער ווינט עס אַוועקגעטראָגן,
דער האָרן רופט דורכן וואַלד,
פאַרבליבן איז דיר ס'שטריקל, נישט מער — —

פון זיך אַליין האָט זיך עס געזונגען, דאָס ליד פון וויספּיאַנסקיס „וועסעלע"; פייגעלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ קען גיכער געזאָגט ווערן וועגן אונדז גופא. זי האָט גאָרנישט מער אויסגעזען צו זיין בייז אויף יאַנעקן. ס'איז אין קליינעם יידישן מיידל צוריק געווען די הייליקע פאַרטראַגנקייט, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט געשמוגלט אומלעגאַלע ליטעראַטור צו די געדיכטע פאַבריק־צענטערן אין אויבערשלעזיע; ווען זי האָט זיך מיטגעשפּאַרט אויפן מיטן ברוק, אין די דע־מאָנסטראַציעס; ווען מ'האָט זי געפּייניקט אין דער דעפענסיווע.

זיי האָבן זיך נאָך לאַנג געפּלאָנטערט צווישן די אומהיימלעכע ווענט פון די קירכן און מאָנאַסטירן אויפן וואַוועל. דאָ האָט זי זיך תמיד געפאָרכטן. ס'האָט דערמאָנט אין שייטערס, אין תליות, וועקסענע קירכע־ליכט, פּרעפּלעריי פון גלחים... אָבער פאַר יאַנעקן איז עס אַלץ געווען — פּויליש. זיי זענען אַרונטער אין די גע־מויערטע היילן פאַרנייגן זיך פאַר די בראָנזענע און שטיינערנע סאַרקאָפאַגן פון

די צוויי גרויסע פוילישע און אַלמענטשלעכע גייסטער, מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי. אַ צעקנייטשטע אַלטיטשקע, אַ בלוטלאָזע, האָט באַלד פּאַר זיי געקניט; אין אירע ציטערדיקע הענט האָט זיך געוואָרפן אַ בינטל שניי־בלימעלעך. אַ פאַלקס־שול־לערער, אַ שטרענגער, מיט אונטערגעשוירענע וואָנסעס, האָט געפירט נאָך זיך אַן עקסקורסיע פון שילער. מיליטערלייט האָבן זיך שטרענג פאַרהאַלטן, אַרונטערנעמענדיק די פיר־שפּיציקע היטלען. זיי ביידן האָט קיינער אַזוי ווי נישט באַמערקט.

ווען זיי זענען אַרויס, איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. די ווייסל אין טאָל האָט זיך געגרויט, פאַרהילט אין אַ דינעם נעפּל, איז געלאָפן ערגעץ אין דער ווייט, איבער דער אַלטער פוילישער ערד, ווי שטענדיק, ווי אייביק. אַ מחנה טויבן האָט זיך פון די נישעס אַ לאָז געטון אין דער הויך, אין פרילינגדיקן דעמער פון פאַרנאַכט.

— די טעמפּלען אונדזערע און אונדזערע דענקמעלער — האָט זיך פייגעלע זוי אין עפּעס דערמאָנט — האָבן נישט געקענט האָבן קיין האַפט. מיר זענען געווען די קולטור־טרעגער און איבערטרעגער פון פרעמדע דראַנגען און אידייען, פון מזרח קיין מערב און פון מערב קיין מזרח. אומעטום האָט מען אונדז נישט מער ווי טאָלערירט אַ קורצע צייט אויפצושלאָגן די געצעלטן. מיר האָבן געברענגט מיט זיך קולטור, האַנדל, פּראָספּעריטעט. דערנאָך, אַז מ'האָט אונדז שוין מער נישט געדאַרפט, מיט אונדזער ענערגיע, מיט אונדזער אינטעליגענץ, האָט מען אונדז אויסגעשפּיגן, פאַרטיליקט. וואָס פאַראַ האַפט האָט דאָ אונדזער גרויסע גייסטיקע קולטור? נאָך אַלע שטורעמס, איז די פוילישע קולטור געבליבן — אויף דער ערד.

און יאַנעק האָט אַלץ געשוויגן.

זי האָט געשפּרייזט לעבן אים, ווי אין טראַנס, ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט באַמערקט זיין אַנוועזנהייט. דערנאָך האָט זי זיך פּלוצים געטון אַ דריי אום:

— ווער איז זי?...

— אַ פוילישע מיידל... אַ סעקרעטאַרקע... ס'איז מער דינסט־ענין... פאַרשטייסט? — און ער האָט אָפּגעקערט דעם בליק.

— באַטראַכסטו זיך, הייסט עס, שיער נישט ווי אַ קרבן... אומשטענדן... דינסט־פליכטן... צופּאַסן זיך... נישט אויפרייסן די אויגן... פּונקט ווי דיין נאָמען, נאַטאַנזאָן, איז פאַרשוווּנדן. שעמסט זיך נישט?

שטום, אָן רייד, האָט זי אים געפירט צו די אַלטע גאַסן און דורכגענג. די געסלעך האָבן געפירט צו איר פאָטערס אַמאָליקער קליינער, פאַרשטויבטער זעצעריי, אין אסתר־געסל, צוגעשפּאַרט ביי ר' פייבישעס קלויז. אַלץ איז איר דאָ געווען טיף איינגעבאַקן — די גרינע פלאַנטן, וואָס שניידן דורך די רוישיקע אַרטעריעס; די יידישע פיאַקערס מיט די שרייפלדיקע פיאות, אין די צילינדערס; דער וואַוועל, וואָס ביי זיין צופוסנס שניידט זיך אַרויס די ווייסל, אַזאַ רואיקע, אַזאַ מאַיעסטעטישע, אַוועקצוקייקלען זיך איבער דער ברייט פון לאַנד, צו וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון באַלטישן ים, אין צפון. די ווייסל... וואָס איז פּונקט אַזוי יידיש, ווי פויליש, ווייל ביי אירע ברעגן האָבן יידן אין משך פון קאַרגע טויזנט יאָר געחלומט.

אויפן ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענעם פּלאַץ האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. דער שאַרפער שאָטן איז איצט געפאַלן פון איין זייט איבערן אַלטן מאַרק. ס׳איז געווען דער אַלטער קוזמאַרק, אַרום זענען געלעגן די געסעלעך — יצחק־גאַס, אסתר־גאַס, הרב מייזעלס־גאַס, בערעק יאָסעלעוויטש־גאַס. דאָ האָבן אַמאָל געגעסטיקט די יוועלירן, די בשמים־הענדלער. אהער האָבן די מוכר־ספרימניקעס אין 17־טן יאָרהונדערט אימפּאָרטירט דעם ש״ס און דעם תנ״ך פון ווענעדיק און פון פּאַדואַ, אין איטאַליע. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַריינגעקוועטשט ר׳ פייבישעס קלויז. מ׳האָט נאָך אָנגעזען איבערן מויערל די איינקרוסטירטע עשרת הדברות. דער טינק איז געווען אָפּגעשיילט, אָבער די ווערטער פון די עשרת הדברות האָבן דייטלעך אַרויסגעשניטן זיך: לא תרצח. פון דרויסן זענען די לאָדן געווען האַלב־פאַרקלאַפּט. אויפן קוזמאַרק פלעגן די שמשים אין די אלולדיקע פאַרטאָגן וועקן צו סליחות, יידן האָבן דורך די געסעלעך געצויגן צו „השכמה". די יוגנט האָט שוין אָבער געטראָגן מיט זיך אַ נייעם געמיש פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען. אהער האָבן אָנגעוויעט אַלע נייע ווינטן פון גייסט.

אַ רויכל איז אויפגעגאַנגען פון די פאַרלאַטעטע דעכלעך אין פאַרנאַכט. רעכטס, אַרויפצו, איז די אַלטע רמ״א־שול געשטאַנען ווי אַן אויסגעזעצטע לאַמ־טערן, די האַלב־רונדיקע פענצטער — אויסגעברענט, פינצטער. פייגעלע האָט זיך פאַרהאַלטן. ס׳האָט זיך איר אַ רגע געדוכט: פונקט ווי ביי פּרץ׳ן אין זיין „יוחנן דער וואַסערטרעגער", ווען ער זיצט פאַרטאָג און זאָגט מיט זיין גריזיקער עברי אַ קאַפּיטל תהילים; ווען די שוואַלבן פליען אַריין און אַרויס דורך דער צעבראָ־כענער שויב, כאַפּן אויף יעדעס גריזיקע וואָרט און פליען אַוועק דערמיט צום כסא־הכבוד — אַזוי פלאַטערן אויך איצט אַריין און אַרויס די שוואַלבן אין פאַר־נאַכטיקן דעמער, דורך די האַלב־רונדע, אויסגעברענטע פענצטער־לעכער פון דער רמ״א־שול, פאַרזונקען און איינגעגראָבן, ווי ס׳שטייט געשריבן: „ממעמקים קראתיך יה".

ס׳האָט איר נישט געאַרט, וואָס יאַנעק הערט אפשר נישט, וואָס ער פאַר־שטייט אפשר נישט. ס׳איז געווען אין אירע רייד דער פּלאַם פון אַ שטראָפנדיקן נביא:

— אין די ווייטע יאָרהונדערטער האָבן די קליינע יידן־עדה׳ס, אַנטרונענע נאָך מאָרדן און פּאָגראָמען, אין די פאַרלוירענע ישובים, צווישן די הויך־גראָזי־קע סטעפּעס, אויפסניי און וווּנדערלעך אָנגעגאָסן זיך מיט זאַפטן, זענען ווילד און פריי געוואַקסן דורכן פראָסטן קאָרענעם ברויט. היינט איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר אַזאַ נס. מען טרייסלט זיך מער נישט מיטן פורל אַ טאָג מיט אַ נאַכט פון ישוב צו ישוב. די וועלט, די גרויסע וועלט, איז קליין געוואָרן. מען צעטרעטט אונדז מיט מעטאָד, מיט רשעות. אַלע מיטלען זענען גוט, פון אַסימילאַציע ביז — מאָרד...

און זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַהערשן, אין אַ מין קראַנקן ענטוזיאַזם:

— ס׳איז מיר אַ חרפה, דו הערסט? איך פיל זיך שולדיק פאַר די יידן, וואָס האָבן דאָ אָנגעפילט די געסעלעך אַרום אַלטן קוזמאַרק. די בלוטלאָזע יידי־

שע קינדערלעך מיט גרויסע, ברענענדיקע אויגן. ס׳פלאַמט אין מיר די שנאה, דער כעס און די חרפה. דאָס פּוילישע פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט, לעבט ווידער, שטאַרק, וויטאַל. אַלץ וועט זיך ביי אים אויסהיילן. כ׳פאַרגין זיי. צי פאַרגינען זיי אָבער אונדז? זיי וויסן נישט מער, די אונטערגעוואַקסענע, וויפל כוח, בלוט אָט דאָס נייע, וואָס גייט אויף, האָט געקאָסט, וויפל דאָס האָט אונדז געקאָסט... אין די דאָזיקע גאַסעלעך האָט דאָ ערגעץ אַמאָל געוווינט מרדכי געבירטיג... ווייסט כאָטש ווער ס׳איז געווען מרדכי געבירטיג?...

— כ׳ווייס נישט...

— קעגן דעם פשוטן ייד, דעם סטאָליער, מרדכי געבירטיג, וועלכער האָט מיט פּראָסטע רייד געזונגען פּראָסטע יידישע לידער — אויך קעגן אים שעם איך זיך...

און ער האָט אַלץ געשוויגן.

— כ׳פאַרשטיי... אָבער ביליק איז געוואָרן צווישן אונדז אַן אַנדער גרויס געפיל, וואָס איז אפשר אזוי גרויס ווי פשוטע מענטשלעכע ליבע; דאָס גרויסע געפיל, פאַר וועלכן מיר האָבן געשווירן עפּעס צו ענדערן אין אונדזער לעבן... אין אונדזער יידיש לעבן...

ער האָט געפילט ווי זי שטיקט זיך מיט די רייד. ער האָט געפילט, אַז ס׳איז אמת, אַז ער האָט דעם דאָזיקן פשוטן אמת דערשטיקט אין זיך, אַוועקגעמאַכט, אויסגעלאַכט אים. ער האָט נאָר געזאָגט:

— דאַרפסט רו, פייגעלע... גרויסע רו...

— כ׳בין נישט מער די זעלבע, וואָס האָסט אַמאָל געקענט... — האָט זי זיך שאַרף אָפּגעקערט.

אַרום איז אַלץ געלעגן אין חורבות, אין ווילד־גראָז — דער קבר פון רמ״א, איבער וועלכן ס׳שפּראָצט אַ געבויגענער בוים, די קברים פון פאַרוואַקסענעם בית־עלמין, צו וועלכן ס׳פירט נישט מער קיין שטעג. דורות יידן זענען געטרעטן אויף דער דאָזיקער ערד; קינדער געבוירן, קינדער חתונה געמאַכט, געלעבט מיט בטחון, געמאַטערט זיך, געוואָרן אויסגעריסן צוליב אַ גראָשן חיונה. איצט שטייען חורבות נאָך אַ פאַרגאַנגען לעבן. בלאָנדע, בלוי־אויגיקע קינדער לויפן אַרום איבער די זעלביקע גאַסעלעך. אין זייטיקן בית־מדרשל, ווו ס׳פאַרבלאָנדזשען אַ פּאָר יידן צו אַ מנין, ברענט אַן איינזאַם פלעמל, אַ נר תמיד נאָך אַ פאַרגאַנגען לעבן.

זי האָט אים אפילו נישט גערופן „פחדן“, האָט זיך נאָר אָפּגעקערט פון אים און איז אַוועק, איינע אַליין אַוועק.

## קאַפּיטל דריי

איבער דער אויסגעווייקטער וואָקזאַל־בודע, אונטער דער בריק, האָט זיך מיטן פאַרנאַכט אָנגערוקט אַ פינצטערער וואָלקן פון די קאַרפּאַטן־בערג. פון הינטער די ראַנדן, ביים האָריזאָנט, איז געקומען אַ בלייך ליכט, ווי די צפון־שטראַלונג. א פאַרשמירטער „קאַלייאַזש" מיט שטרוי־וואָנסן, באַהאַנגען מיט עטלעכע פאַררויכערטע לאַמטערלעך, איז אַרויס פון אַ נידעריקביידל, געפּייפט, געפּאַכעט מיטן פענדל, איידער די באַן האָט, היפש פאַרשפּעטיקט, אַרויסגערירט פון נאַקעטן פּלאַנט. ביי זיינע פיס האָט זיך געפּלאָנטערט אַ געלער אויסגעצוואָגענער הונט. פון הינטערן שטאַכעטן־פּלויטל זענען נאָך כסדר געקומען אָנצולויפן, אין דער לעצטער מינוט, פויערים מיט זעקלעך, דיקע, אָנגעבאַבלטע קרעמער־קעס מיט וואַליזעס, מיט קוישן, פאַרשוינען, אָנגעטון האַלב־מיליטעריש. זיי האָבן זיך, ווען דער שלעפּ־צוג האָט שוין גענומען רירן, געהאַלטן אין איין אָנהענגען אויף די טרעפּלעך, אין די שטאַנגען, ווייל אינעווייניק, אין די וואַגאָנען, איז מען שוין געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ.

פייגעלע, טיף אָנגערוקט דאָס טיכל איבערן שטערן, האָט נאָך באַוויזן אַראָפּ־צולאָזן זיך אין אַ ווינקל, ביי דער אויסגעזעצטער שויב; יאַנעק, וואָס האָט זי קוים דעריאָגט ביי דער הינטערשטאַטישער סטאַציע, איז אין דער לעצטער רגע אַריינגעשפּרונגען אין וואַגאָן. ער איז געשטאַנען האַלב־הענגענדיק. ס'האָט גע־צויגן אַ שאַרפער, טוכלער ווינט פון די טונעלן, פון די בערג און פון די טונקל־ווערנדיקע וועלדער. דער שוואַרצער לאָק איז איר, ווי צו־להכעיס, כסדר גע־פאַלן אין די אויגן אַריין פון אונטערן טיכל. יאַנעקן האָט דאָ באַלד עפּעס געבור־מען באַנג טון. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צעמישט. ווו זענען זיי דאָ אַריינגע־פאַלן? פייגעלע איז נאָך אַלץ געווען פאַרכמורעט, מיט אַ ברוגזן פּראָפיל. זי האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי האָט נישט גערעדט. ער האָט אָבער געפילט, יאַנעק, אַז ער טאָר זי נישט לאָזן אַליין. ער האָט באַדויערט וואָס ער האָט אַוועק־געשיקט דעם שאָפער; ער האָט אַ סך זאַכן באַדויערט און נישט געקענט זיך שענקען.

אויף דער קעגנאיבערדיקער באַנק איז איינער, אַ לאַנגער, אין אַן אָפּגעשאָ־סענעם שינעל, אין אַ מאַטשעיאָווקע מיט אַ קרומען דאַשיק איבער די אויגן, גע־ווען אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. ער האָט פון צייט צו צייט, ווען דער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער אויסגעזעצטער שויב, אויפגעמאַכט אַ בלוי־פאַרשוואומען, וואַסערדיק אויג אונטער אַ ווייסער ברעם. ער האָט זיך מיט איין מאָל האַסטיק געטון אַ זעץ אויף און אַראָפּגעלאָזן די פיס אויף דר'ערד.

יאַנעקן איז באַלד שאַרף דורכגעפלויגן, אַז אויף דער נאָנטסטער סטאַציע וועט ער נעמען פייגעלען און אויסשטייגן; וואָס ס׳זאָל נישט זיין, ווו זיי זאָלן נישט בלייבן שטעקן.

דער שלעפּ־צוג האָט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן אויף יעדער קליינער סטאַציע. קיין טשענסטאָכאָוו, האָט יאַנעק באַרעכנט, וועלן זיי ערשט אָנקומען פאַר האַלבער נאַכט. ער וועט נישט דערציען ביז טשענסטאָכאָוו, נייך. ס׳איז אים צוגעפאַלן אַ דינער, שטעכיקער שוויס; ער האָט געפילט, ווי דאָס ריטשקעלע רינט אים איבערן רוקן אונטערן העמד. די הענט זענען מיד געוואָרן אָנצוקלאַמערן זיך אין דער שטאַנג אויבן. דער פאַרשוין מיט די וואָסערדיק־פאַרבלויטע אויגן אונטער די ווייסע ברעמען, האָט אַרויפגערוקט דעם דאַשיק, געשטאַנען איבער יאַנעקן, געבליקט מיט חשד אויף פייגעלען.

— כ׳האָב אָבער די גאַנצע צייט געפילט ווי מען שטויסט מיך... — האָט דער פאַרשוין אויפגעמאַכט אַ פינצטער מויל — זיי זענען נאָך אַלץ אומעטום פול, די זשידעס...

ס׳בעסטע איז געווען נישט אָפּצורופן זיך מיט קיין וואָרט אפילו. דער יונגער, קורץ־געשוירענער בחור מיט די דינע ברילן, באַלד הינטער יאַנעקן, האָט אָבער געוואָגט:

— די „פּאַני״ האָט זיך די גאַנצע צייט אַפילו קיין ריר נישט געטון... איך בעט אייך... בירגער...

— יידישער „פּאַכאָלעק!״... — האָבן קולות פאַראַמאָל אַ ביל געטון פון דער ענגעניש.

און דער פאַרשוין אין אָפּגעשאָסענעם שינעל, הויך איבער אַלעמען, האָט לאַנגזאַם, אָבער מיטן גאַנצן כוח, אַן אָנגעגאָסענער מיט בלוט, גענומען שפּאַרן זיך צום יונגן בחור. אונטער די פאַרדראָטעוועטע לעמפּלעך, פאַרשטעלט פון דעם הויכן פאַרשוין, האָט מען קיין פּנימער נישט אָנגעזען. ווי דער שניידנדיקער ווינט, וואָס האָט געצויגן דורך די אויסגעזעצטע שויבן און צערוקטע טירן, וואָלט זיי, ווי אַ פלעמל, נאָכאַנאַנד געבלאָזן, געטוקט און געלאָשן. ביי דער גאַנצער ענגשאַפט אין וואַגאָן, איז פּלוצים לײדיקלעך געוואָרן אַרום דעם פאַרשוין. אין יאַנעקן האָבן זיך אַלע געבלוטן אָנגעגאָסן. זיין רעוואָלווער אין הויזן־טאַש וואָלט דאָ צו גאָרנישט גענוצט. מיטן צעטראָגענעם בליק האָט ער געזוכט כאָטש אַ פּאָר וואַרעמע אויגן אַרום זיך, אָבער די פּנימער אַרום זענען אַלץ מער געוואָרן פינצטער, פאַרשלאָסן, פאַרשטיינערט; אַנדערע ווידער — פול מיט דערשטיקטע, שפּאָטישע געלעכטערלעך. ס׳איז געוואָרן שטיל און אומהיימלעך. וואָלט כאָטש איין בליק געווען מיט זיי; ווייל באַלד איז אויך דער באַברילטער בחור אַוועקגעשטופּט געוואָרן ערגעץ און נאָר די כיטרע געלעכטערלעך אַרום האָבן ווי אַנבעהעצט, געשטופּט זיי איינעם קעגן אַנדערן. מ׳האָט זיך צערוקט אין די ווינקלען און געשפּאַנט געוואַרט, אַז עפּעס זאָל דאָ באַלד געשען.

דער פאַרוואָקסענער פאַרשוין האָט זיך דורכגעשפּאַרט, האָט לאַנגזאַם און שווער אַרויפגעלייגט אַ בינטל האַרטע, פאַרוויכערטע פינגער ביי יאַנעקן אויפן אַקסל, נאָענט אָנגעבויגן זיין נישט־געגאָלט פּרצוף. ס׳האָט אַ שלאָג געטון אַ האַרבער שוויס־ריח. פאַר יאַנעקס בליק האָט זיך מיט איין מאָל אַלץ אַ דריי געטון.

ער האָט יענעם אַנגעכאַפּט ביים האַלדז; אַ דאַרער האַלדז, ווי אַ שלאַנגען־קנופּ. פאַרפאַלן, מ׳האָט שוין אַנדערש נישט געקענט. יאַנעק האָט נאָר געהערט איבער זיך אַ געזשום פון גיפטיקע רייד; הענט, פיס און קעפּ האָבן זיך אַ מיש געטון איבער אים.

— בירגער!... — האָט יאַנעק נאָך געפּרוווט.

אָבער זיין קול איז דערשטיקט געוואָרן אין דער קעל. קיינער האָט אים נישט געהערט. ער האָט נאָר געדענקט צו רייסן זיך מיט אַלע כוחות אין ווינקל אַריין, צו פייגעלען. נאָר ער האָט זי שוין מיטן בליק נישט געקענט דערכאַפּן. ס׳האָט זיך אַלץ געהערט פון קאָשמאַר אַרויס דער שאַרפער, אויסגעצויגענער קוויטש. דאָס בלוט האָט אים פאַרגאָסן די אויגן, דעם האַלדז. ער האָט געפילט, ווי אַ סך הענט טראָגן אים, רייסן אים, וואַרפן אים. ער איז געפאַלן, געפאַלן... אַ שאַרפער, שניידנדיקער ווינט האָט פאַרגלישעט זיינע אויערן. אַ רייסנדיקער שטורעם־ווינט און — ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין עפּעס ווייכס. די ליכטיקע פענצטער פון צוג האָבן זיך פאַר זיין שווינדלענדיקן בליק האַסטיק אַ טראָג פאַרביי געגעבן אויפן הויכן אָנשיט. און באַלד דערנאָך איז מאָדנע שטיל געוואָרן אַרום אים. ער האָט מער גאָרנישט געדענקט.

ס׳האָט מסתמא לאַנג אַזוי געדויערט דער היגערפלעט; און ווען ער האָט אויפגעמאכט אַ פאַרקלעפּטע אויג, האָט נאָך אַלץ געהויערט די זעלבע אויסגעלאָשענע נאַכט איבער זיין קאָפּ. דער ערשטער געדאַנק איז געווען — אַ טאָפּ צו טון ביי דער הינטערשטער קעשענע. יאָ, דער רעוואָלווער איז דאָרט געלעגן. אָבער — פייגעלע... ווו איז פייגעלע? — האָט ער זיך צוריק שאַרף דערמאָנט — צי האָט זי כאָטש באַוויזן... ער האָט אויסגעשפּיגן אַ פול מויל מיט בלוט, אויפגעזעצט זיך מיט אַלע כוחות. ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן און נישט געקענט. די פאַרקראַמפּטע פינגער זענען ווייך געזונקען אין פייכטן מאָך. די הענט אַליין זענען געוואָרן ווי וואַטע. ער איז צוריקגעפאַלן אויף אַ זייט. די הענט־און־פיס־געלענקען האָבן געבריט, ווי פייער. וואָס טוט מען? די אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט פון אַ לבנהלאָזער נאַכט. ער האָט אָנגעהויבן צו אונטערשיידן קוסטן, שטיינער, דעם הויכן וואַל־אָנשיט. ס׳איז געווען אַן אויסגעהאַקט שטיק וואַלד אַרום. ער האָט זיך איינגעהערט שאַרף, אָנגעשפּיצט און ס׳האָט זיך אים געדוכט צו פאַרנעמען נאָענטע קרעכצן. זאָל עס טאַקע זיין פייגעלע?... האָבן זיי, הייסט, אויך איר... די כוליגאַנעס?... אוי, ווי ס׳האָט אים אין דער רגע באַנג געטון פאַר אַלץ, פאַר אַלץ. ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה, האָט ער זיך גענומען שאַרן אַהין, צו דיביימער. זיי האָבן זיך איצט מאָדנע בולט אַרויסגעשניטן פון דער טונקל. עפּעס האָט דאָרט ווידער שאַרף אויפגעהעלט. ס׳איז געווען די רעלסן־שנור, וואָס איז געלאָפן דורכן טונקעלן סאָסנע־וואַלד אויף די בערגלעך.

לאַנג האָט עס געדויערט, אפשר א גאַנצע אייביקייט. דאָס, וואָס האָט אַזוי זילבערדיק געשיינט, זענען געווען ווייסע בעריאָזעס, האַלב אָפּגעשאָקלט פון פאַראַיאָריקן געבלעטער, אָנגעגאָסן מיט נייע זאַפטן, אַרויסצולאָזן קנאָספּן, אויפּס־ניי צו בליען. אַזוי שיין האָבן זיי זיך געהעלט, די בעריאָזעס, אין דער פינצטע־רער פוילישער פרילינג־נאַכט. יאַנעק האָט זיך קוים אויפגעשטעלט, געוואַקלט זיך

מיט שיכורע טריט, אַהין, לויט די קרעכצן, ביז ער האָט ביי זיינע פּיס דערפילט די וואַרעמקייט פון אַ קערפּער. ס'איז געווען פייגעלע.

איז ער צוגעפאַלן צו איר אויף דער פייכטער ערד. זי האָט געאָטעמט, גע־אָטעמט. „זיי מיר מוחל"... האָט ער געשטאַמלט און געפילט, מיט גליק, ווי אירע הייסע, פיבערדיקע פינגער קלאַמערן זיך איין אין אים, ווי די נעגל פון אַ פויגל. ער האָט זי אויפגעהויבן, אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, געוואַקלט זיך. ער האָט זי געטראָגן אויף זיינע הענט. אַ גרויס געשריי האָט זיך געריסן פון זיין קעל, אַ שטום געשריי. ער האָט זי געטראָגן אונטער אַ פינצטערן הימל, אָן שטערן. ערגעץ מוז ער דאָך אָנקומען. זי מוז לעבן, צו להכעיס אָט דער שנאהדיקער וועלט, וואָס וויל אונדז נישט. ווי ער וואָלט זי אַרויסגעטראָגן פון אַ שלאַכט, וואָס גייט ווייטער און מען זעט נאָך אַלץ נישט דעם סוף; אַזוי — האָט ער זיך דערמאָנט — האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ פאַרווּונדעטן חבר פון דער שלאַכט אויף די פראָנטן פון שפּאַניע.

דורכגעשניטן דעם באַן־פּלאַנט, האָט ער געצויגן צו די לויכטנדיקע פייערלעך אין טאָל. דאָס לינדע ווינטל האָט געלעקט דעם שוויס אויף זיין שטערן. די אייגענע ווייטיקן האָבן אים מער נישט געאַרט. אונטער דער אויפגעהעלטער לבנה, וואָס איז אַרויס פון אונטער אַ וואָלקן, באַלויכטן די נאַקעטע, צעגראָבענע פעלדער, האָט ער דערפילט אַ שמאָלן שטעג אונטער די פּיס. ביז צו די שטאָ־כעטן פונם הויז איז ער שוין כמעט דערלאָפן. אַ הונט האָט זיך געריסן אים אַנטקעגן, אַ טירל האָט געסקריפּעט. ער איז צוגעפאַלן צו אַ שייבל אין דער ני־דער. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ וואָנסיקער פּויער, אָנם היטל, און אים פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג.

— ווו איז די נאָענסטע מיליץ?! — האָט יאַנעק געשריגן נישט מיט זיין קול.

— צי ווייס איך?... — איז דער פּויער אַלץ שטיינגעבליבן אין דער גאַנ־צער ברייט פון דער טיר — מסתמא אין ספּאַנאָוויטש... אַ קילאָמעטער דריי פון דאַנען... אויב זיי לעבן נאָך...

יאַנעק האָט דעם פּויער האַסטיק אָפּגעשטופּט פון דער טיר. ס'האָט שיער נישט געהאַלטן דערביי ער זאָל אים דראָען מיטן רעוואָלווער, דעם פּויער, ער זאָל שוין גיין ברענגען די מיליץ.

אונטערן נידעריקן באַלקן איז פייגעלע געלעגן אויף אַ בינט שטרוי, אויף דר'ערד, בלייך, די ציין פאַרהאַקט. מ'איז קודם געלאָפן טעלעפאָנירן אין דער גמינע. ס'איז טאַקע באַלד געקומען אַ טרייסלענדיקער וואָגן. צוויי באַוואָפנטע מיליציאָנערן האָבן דעם וואָגן באַגלייט. ער איז גיך געפלויגן איבערן שאָסיי.

ביי פייגעלען איז געווען אַ שאַרפער ברוך פון דער חוט־השדרה. מ'האָט זי גאָרנישט געטאָרט פירן אין טרייסלדיקן וואָגן; מ'האָט זי גאָרנישט געטאָרט רירן פון אָרט.

ער איז אָפּגעקומען מיט לייכטע וווּנדן, יאַנעק. ער האָט אָבער מער סיי ווי נישט געקענט איינרוען. ער איז וואַכן־לאַנג אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ וואָלקן. אין די אויגן פון דער סעקרעטאַרקע, פון זאָשען, האָט ער דערקענט זיין אייגענע צעשטרייטקייט. ער האָט פאַרבייגעאײלט די שטאָקן. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט.

צי האָבן זיי געוווּסט? אַן איינגעשלאָפענער, אַ ווייטער נקמה־לוסט האָט, זעט אויס, ערגעצוווּ געזשאַרעט אין אים. פייגעלע איז אים כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן — דאָס שנירל בלוט... דער פאַרלאָפענער בליק פון אַ פאַרווונדערט קינד, וואָס פרעגט: פאַרוואָס?... פאַר די אויגן איז אים לעבעדיק געשטאַנען דער רויט־אָנגעגאָסענער קאָמיסאַר פּאַגאָזשעלסקי, וואָס האָט אים אַמאָל מיט אַזעלכע איידעלע רייד געשטאָכן, צוליב זיין יידישקייט, גערופן אים — יונה... יונה נאָטאַנזאָן... אויסגעשלאָסן אים פון דער פוילישער געמיינשאַפט, אָנגעהאָנגען אים אַ געלע שאַנד־לאַטע...

ווען מ׳האָט אים אָנגעקלונגען, אַז די גרעפין איז געברענגט געוואָרן מיטן קאָנוואָי פון די גרענעץ־געביטן, האָט ער געהייסן צוואַרטן ביז נאָך די אַמט־שעהן. מ׳האָט זי מיט אַ טאָג פריער פאַרהאַלטן ביים אַריבערשמוגלען זיך די גרענעץ צו דער דייטשער מערב־זאָנע. זי האָט געפירט מיט זיך וואַלוטע, איידל־שטיינער, אַ ווערטפולן לייוונט, פאַרוויקלט אַרום גוף. ער האָט פלוצלונג געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו בלייבן מיט דער איידעלער גרעפין אויג אויף אויג; און ווי דעמאָלט, דער רויט־אָנגעגאָסענער קאָמיסאַר פּאַגאָזשעלסקי, וואָס האָט אים פאַרהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַזוי העפלעך גערעדט צו אים — רעדן צו איר מיט איידעלע, שטעכיקע רייד. ער האָט זיך נישט געקאָנט קילן. ס׳העלפט נישט דאָס צופּאַסן זיך, דאָס מאַסקירן זיך. זיי דערשמעקן אונדז, ווי די שפּיר־הינט. זיי האָבן עפּעס אַ באַזונדערן חוש אונדז צו דערקענען. דער בלויזער זאָג: „ער רעדט צו־גוט פּויליש, ער זאָל נ י ש ט זיין קיין ייד״...

די איידעלע, בלוי־בלוטיקע גרעפין... ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זי צו זען פאַר זיך אַ צעטראָטענע. מיט וואָס איז איר בלוי בלוט, וועט ער זי פרעגן, איידעלער פון פייגעלעס; פון אַזויפיל יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זייער יוגנט און זייער לעבן געשטרעקט... ווען ס׳האָט גערוישט די אָוונטיקע דזשיקע גאַס... ווען זיי האָבן געטראָגן די וויזיע פון אַ ניי, באַפרייט פּוילן? ער איז אַלץ גרייט געווען צו וואַרפן. אָבער ווי אַזוי? פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען דער פאַרנאַכט, ווען זיי זענען צום לעצטן מאָל אַראָפּגעשטיגן פון וואַוועל. זי האָט זיך מער אַפילו נישט אומגעקוקט צו אים און איז אַוועק, איינע אַליין אַוועק. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, נאָכגעלאָפן, האָט זי נישט אָפּגעלאָזן פון אויג, ווי ער וואָלט פאַראויסגעפילט דאָס אומגליק. דער בידעריקער הימל, די וואָקזאַל־בודע, דער אָנגעפּראָפּטער צוג מיט די אויסגעזעצטע שויבן...

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, טויב געווען, נישט געזען, נישט געוואָלט מער זען. מ׳האָט אים פון דער זייט פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט צו־ברוטאַל געהאַנדלט אין קעלץ... מ׳דאַרף געווינען די מאַסן... נישט אויפרייסן די אויגן... אָבער אויף וועמענס חשבון, פרעגט זיך? מיט וועמענס בלוט שמירן די רעדער פון דער געשיכטע?... צי האָבן מיר נאָך ווייניק צושטייער געגעבן? ער האָט עס אָבער פאַרן מויל נישט געברענגט, געשטיקט אין זיך. דאָס פאַרשווינדן פון ייד פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט נעמען זיי, הייסט עס, אָן ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ער האָט אַליין נישט געפילט, ווי די פויסטן ביי אים גיסן זיך אָן מיט בלוט. צי איז זי דען נישט גערעכט געווען, פייגעלע?

ער האָט אַ דריק געטון אויפן קנעפּל ביים טיש, געהייסן אַריינפירן די אײדעלע גרעפין, וואָס איז אומלעגאַל געלאָפן איבער דער גרענעץ. דער רויט־אַנגעגאָסענער קאָמיסאַר פּאַגאָזשעלסקי האָט אים דעמאָלט געוואָלט צעטרעטן ווי אַ וואָרעם — מיט רייד. לאָמיר זי כאַטש ווירדיק אַ שפּיי טון אין פּנים אַריין.

די צוויי מיליציאָנערן האָבן שטיל צוגעמאַכט די טיר אויף יענער זייט. פאַר אים איז געשטאַנען די גרעפין. זי איז געווען בלייך. די טיף־איינגעגראָבענע אויגן פון אַ פאַרכאַפּנדיקן בלוי האָבן אויסגעגעבן נישט־דערשלאָפענע נעכט; זיי האָבן אים אָפּגעמאָסטן. ער איז געשטאַנען קעגנאיבער איר אין זיין גאַנצער הויך, אַ בלאָנדער, אַ פעסטער. זי האָט זיך אַוודאי פאַרגעשטעלט — אַ קליינער, אויסגעווייקטער ייד; ווייל זיי האָבן געוווּסט, זיי האָבן אַלץ געוווּסט. זי האָט לאַנג־זאַם אַרויפגעמאַכט און פאַרנומען אַהינטער דעם בלאָנדן לאָק; אין איר בליק — אי שרעק, אי ביטול.

— די יאַשניע וויעלמאָזשנע פּאַני קען זיך זעצן... — האָט ער מער באַפוילן, ווי פאַרגעלייגט און אָנגעוויזן איר אַ פראָסטן טאַבורעט. אַליין איז ער געזונקען אין ווייכן זיץ פון פאָטעל.

זי האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט, שטיינבלייבנדיק אין דער מיט צימער. זי איז נאָך אַלץ געווען בלייך, אָבער מער נישט איבערגעשראָקן. דער לייכטער האַרבסט־מאַנטל איז געווען האַלב־צעשפּיליעט, איז געפאַלן פון אירע גלייכע אַקסלען. אויף איר שלאַנקן פוס, האָט ער באַמערקט, איז געווען אַ דינער זאָק, אַן עלעגאַנט שיכל. „געשמאַק פונדעסטוועגן זענען זיי — איז אים דורכגע־פלויגן — די אַדעליקע טעכטערלעך"... ער האָט זי געוואָלט האַסן און אַט קומען אים גאָר אַזעלכע רעפלעקסן. און ווידער — צי בין איך טאַקע דער באַרופענער, אונטערצוציען דעם דורותדיקן חשבון? ער איז עפּעס מער נישט זיכער געווען דעריין... ווייל אין גרונט... זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פאַרריכטן דעם אַראָפּ־געפאַלענעם לאָק און ער האָט דערכאַפּט איר שמאָלע, ווייסע, אָפּגעדעקטע האַנט.

— אייערע ירושה־מאַיאָנטקעס אין דער קויאַווּשטשיזנע זענען נאַציאָנאַלי־זירט פאַרן פאָלק און ביי אייך האָבן זיך פונדעסטוועגן אויסבאַהאַלטן, ווייזט זיך אַרויס, געגנוג ווערט־זאַכן, צו קענען לויפן פאַרהאַנדלען זיי אין אויסלאַנד... צו אונדזערע שונאים...

— די גיטער און די ווערט־זאַכן זענען אונדזערס... אונדזער משפּחה־אייגנ־טום...

— משפּחה־אייגנטום!... ס'פאָלק האָט דורות אויף זיי געהאָרעוועט... די ליב־קנעכט זענען פאַרשמיסן געוואָרן... איר האָט אָנגערייצט די הינט אויף אָרעמע יידן, דאָרף־הענדלער... משפּחה־אייגנטום!...

זי האָט געקוקט איבער אים, ווי זי וואָלט אים נישט געזען, נישט געהערט, אַז ס'האָט אים אונטערגעהויבן.

— כ'וויל אייך גאָר דערציילן וועגן אַ מיידל, אַ יידיש מיידל... זי האָט דאָס לעבן און די יוגנט אָוועקגעגעבן פאַר אַ פריי, גליקלעך פּוילן... איר וויג איז געשטאַנען אויף דער פּוילישער ערד. אירע עלטער־זיידעס האָבן אויפגעבויט און אַנטוויקלט דאָס לאַנד. מ'האָט זיי אויסגעראָטן... דאָס יידישע מיידל האָט גע־

קעמפט קעגן די שונאים פון פוילן. זי איז צוריקגעקומען העלפן בויען דאָס לאַנד נאָכן חורבן, האָט מען זי גענומען און אַרויסגעוואָרפן פון לויפנדיקן צוג... זי לעבט, אָבער וואָס פֿאַראַ לעבן איז עס שוין?... מיט וואָס האָט זיך דאָס יידישע מיידל פאַרזינדיקט, פרעג איך?!

זי האָט זיך צוריק אָנגעגאָסן מיט קאָלירן. זי האָט געלאַכט, געלאַכט, אַז ס'איז געוואָרן אומהיימלעך. זי האָט געלאַכט איבערן ייד, וואָס שטייט דאָ פֿאַר איר און מאָנט יושר. ער האָט עס אַמאָל געהערט, דאָס דאָזיקע לאַכן, פון דער בינע־אַראָפּ, אין אַ פול־אָנגעפּראָפּטן, אויסגעלאָשענעם זאַל; ס'איז געווען שיילאָק, וואָס איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון די פּאַטריציער פון ווענעדיק... זי פילט זיך נאָך אַלץ זיכער ביי זיך, די גרעפין... זי לאַכט, זי לאַכט...

— לאַכט, גרעפין! — האָט ער געוואָיעט — איר וועט זיכער נישט לאַכן די לעצטע!...

ער איז צו און האַסטיק אויפגעריסן די טיר אין קאָרידאָר אַריין:

— פּירט זי אַרויס! — האָט ער געשריגן נישט מיט זיין קול — אין קאַרצער אַריין!...

## קאַפּיטל פיר

ער האָט דעם אייגענעם טאָטן זיינעם אויך מורא געהאַט צו גיין זען. ער האָט געוווסט, אַז ער וואַרט אויף אים, דער אַלטער — ווי אין די וויטע יינגל־יאָרן, ווען אַדאַם האָט זיך געפּלעגט אומצוקערן פון אונטערוועגנס און האָט פֿאַר אַלע־מען אין הויז אָנגעבערענגט מתנות.

„וואָס וועל איך אים זאָגן, דעם פאָטער?... — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, יאַנעק — די באַגעגעניש מיט אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט נישט מער... די עלטער־זיידעס, די אַרענדאַרן, די פּאַכטערס, די סוחרים מיט די סויבל־ און סקאָנסק־פּוטערס; זיי האָבן געטריבן איבער דער ווייסל פּליטן מיט תבואה, מיט געהילץ, געווען די צושטעלערס פֿאַר דער אַרמיי, די בויער פון שאָסייען, באַן־ליניעס, די פּאַרלייגער פון טעקסטיל־פּאַבריקן; די משכילים, די לומדים. אַלע זענען זיי פֿאַר־שווונדן פון דער פוילישער לאַנדשאַפט... אוי, איז זי געריכט, פייגעלע... צוערשט האָבן די „מעשטשאַנעס“, די אויפגעקומענע פוילישע שטאָט־לייט, ביסלעכווייז און אַליין אַלץ איבערגענומען פון דער פעאָדאַלער ירושה אין יונג־קאַפּיטאַליס־טישן פוילן. ווער איז צולעצט פאַרבליבן פון דער משפחה? עפּעס א זון אַ דאָק־טער און אַ האַלב־דעגענערירטע, אַסימילירטע טאָכטער, די צעדרייטע מומע אירענע... אָבער אויך זיי זענען ערגעץ אומגעקומען, פאַרשוווּנדן... און פון טאַטנס צד ווידער — קליינע געוועלב־לייט, האַלבע בעלי־מלאכות, האַנטווערקער, יידן בני־תורה, ווילדע ליטווישע עקשנים, משיח־טרוימער, וואָס זייער בלוט רינט

נאָך אַזוי שטורמיש אין זיין אייגענעם טאַטן; און אפשר רינט עס אויך אין אים אַליין?... זיי האָבן געטראָגן מיט זיך אַ דערלייזונג־אידיי. זיי האָבן פאַראויסגעפּילט אַלע שטורעמס. זיי האָט מען אַוודאי דאָ מער נישט באַדאַרפט. און צי באַדאַרפן זיי דען מיך יאָ? צי באַדאַרפן זיי אונדז אלעמען? דער פלאַם פון יענער יידישער יוגנט! דער תוך זייערער איז דאָך געווען — צובינדן זיך צו דער פּוילישער ערד, איבער וועלכער זיי האָבן בלויז אַרומגעשוועבט, פאַרוואָרצלען זיך דורך ערלעכער מי. די הענט זייערע האָבן געבענקט נאָך אַרבעט. אונדזער משיחיזם פאָרט זיך אפשר גאָרנישט מיט דער־אָ וועלט...

ער איז נאָך איין מאָל צוריקגעקומען אין לאַנד אַריין, דער אַלטער; ער איז צוריקגעקומען צום אַנטהילן דעם דענקמאָל־שטיין פאַר די געטאָ־מאַרטירער, פאַר די געטאָ־אויפשטענדלער. ניין, זיין גאַנג איז נישט געווען געבראָכן, זיין שטאָלצער קאָפּ — נישט געבויגן. ער האָט שוין אַלץ געוווסט, אַדאַם. ער האָט אָבער יאַנעקן נישט געוואָלט באַאומרואיקן. פאַרוואָס, האָט ער נאָר געוואָלט וויסן, אַזאַ ווילדע צעריסנקייט צווישן טאַטעס און קינדער? ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַלעמאָל זאָלן נאָר די קינדער זיין די גערעכטע אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג? ס׳קען אַמאָל זיין דאָס פאַרקערטע אויך.

אַ גאַנץ לעבן איז געלעגן אין שטויב; אָבער דער געעלטערטער ייד איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שטאָלצן, גרוי־געוואָרענעם קאָפּ. ער האָט געקוקט מענטשן אין די אויגן אַריין מיט חשד; ווי ער וואָלט געזוכט די מערדער, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט דערקענען צווישן די אַנאָנימע פאַרבייגייער. ס׳בערדעלע פאַרשפּיצט, אינגאַנצן גרוי, אָבער אונטערן נידעריקן שטערן פון אַ יידישן עקשן האָבן די אויגן געשיינט מיט אַ נישט־ערדיש ליכט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די שיטערע געזעמלעך אָפּגעראַטעוועטע יידן, צווישן די דעלעגאַציעס — אַ שטומער. פאַרן בליק — אַ מדבר פון ציגל, אויסגעגלייכט מיט דער ערד.

ווער ס׳געדענקט נישט, ווי אין פּוילישן סיים פלעגט מען אויף אַלע בענק, פון עקסטרעם־רעכטס ביז עקסטרעם־לינקס, ווערן אויפגעשפּיצט, ווען אויף דער טריבונע האָט זיך באַוויזן דער קליינער ייד מיטן נידעריקן, עקשנותדיקן שטערן, מיט שיין־פאַרשניצטן בערדל. ער איז געווען כמעט דער איינציקער פון די יידישע דעפּוטאַטן, וואָס האָט אָפן, אָן באַהעלטערלעך, אָן שיינע, חניפהדיקע פראַזן, אַריינגעזאָגט זיי, געפאָדערט, געוואָרנט; ער האָט געוואָרנט, אַז דאָס לאַנד ווערט געפירט צו רואין, צו אונטערגאַנג. די געוויילטע פון די פּוילישע גרויסע ערד־באַזיצער, די פּולקאָווניקעס, די אינדוסטריעלער, פון דער רעכטער פּויערים־פאַרטיי, פון די פינצטערע קאַטאָליקן, ביז די עקסטרעם־לינקע בענק און זשור־נאַליסטן־גאַלעריעס — אַלע פלעגן ווערן אָנגעשפּיצט; זיי האָבן, אַביסל נערוועז, זיך געשפּיצט די היפשע וואָנסן, געגלעט די פּליכן, די בלאָנדע קעפּ, אויסגעטון און אָנגעטון די שפּאַקולן, נישט געקענט דערשטיקן אין זיך דעם שמייכל, איינרוימענדיק דעם שכן:

— אַליעזש מאָנדרי זשידעק... ר׳איז אָבער קלוג, דער זשידעק... מיט זיינע תלמודישע דריידלעך...

ער האָט זיי אַריינגעזאָגט, אַדאַם, ער האָט זיך פאַר זיי נישט געשעמט. ער האָט פאַר זיי געמאָלן דאָס לאַנד — אַ גרויסער קאָפּ און אַ קליין גופל; די בודזשעטן

פּרעסן אויף אלץ, אַלע הלוואות, וואָס מען לויפט אַרום זוכן אין דער וועלט, פאַר־שאַכערנדיק די רייכטימער פון לאַנד, דערדריקנדיק דעם מיטל־בירגער, דעם פויער מיטן ראַפינירטן שטייערן־סיסטעם. ער האָט זיי דערמאָנט דעם נישט לאַנגן עבר, ווען פוילן איז געלעגן צעטרעטן אונטער די דריי שכנותדיקע לענדער; ווען פּאָליאַקן האָבן זיך געשלאָגן קעגן פּאָליאַקן. ער האָט האַרב געפאָדערט רעכט פאַר יידן. ער האָט זיי דערציילט וועגן קליינעם יידישן מענטש, וואָס קלאַמערט זיך אין געוועלבל, אין סטראַגאַן, נישט ווייל ער וויל עס, נאָר ווייל מ׳האָט אים אַריינגעשטויסן אין עקאָנאָמישן געטאָ. ער האָט זיי אָפן געזאָגט פון וואַנען עס קומט די גרויסע אומצופרידנקייט, דער רעוואָלט.

אין נאָרמאַלע באַדינגונגען פון אַ לאַנד, וואָלט אַזאַ מאַן ווי אַדאַם נאַטאַנזאָן איבערגעגעבן געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע מיניסטאַרן־פּאָרטפעלן. אָבער דאָ האָבן זיי זיך בלויז געוויילט און געקוויקט מיט די חוצפּהדיקע רייד פון דעם „זשידעק״; זיי האָבן זיך שטאַרק געוויילט; און ווען זיינע אַרטיקלען אין דער יידיש־פּוילישער פּרעסע זענען געווען צו דרייסט, זענען זיי דערשינען מיט ווייסע בלויזן. זיין סילועט האָט מען אָפט געקענט זען אין די קאַריקאַטור־צייטונגען, פאַרזען מיט בייסיקע צושריפטן. אין די ערשטע יאָרן נאָך פוילנס באַ־פרייאונג איז אַדאַם אויסגעוויילט געוואָרן אין סיים, צו פאַרטרעטן דעם יידישן מיטל־מענטש. די שפּעטערע יאָרן האָבן בולטער אויסקריסטאַליזירט די לאַגערן אין יידישן לעבן — עקסטרעם־רעכטס, אָדער עקסטרעם־לינקס. יידן אין פוילן זענען געטריבן געוואָרן צו עקסטרעמען. אָבער אַדאַם איז מיט קיינע פון זיי נישט אינגאַנצן מסכים געווען, צו קיינע פון זיי נישט דערגאַנגען. ער האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם דרך. מ׳האָט זיך געהיטן פאַר זיין צונג, ווי פאַר פייער; ביז — ס׳איז שוין מער גאָרנישט געווען צו ראַטעווען.

פון דער ברענענדיקער ערד פון אייראָפּע איז ער, אין סאַמע פלאַקער פון דער מלחמה, ווי דורך אַ נס, פאַרטראָגן געוואָרן צו די ברעגן פון ארץ ישראל. מ׳האָט דאָרט דרך־ארץ געהאַט פאַר זיין וואָרט. געוועזענע פּוילישע דיפּלאָמאַטן, סענאַטאָרן, רעדאַקטאָרן, וואָס האָבן אים אַמאָל אין פוילן אויסגעלאַכט, ווען ער איז אַרויף אויף דער סיים־טריבונע, זענען אַהין מלחמה־צייט אַנגעלאָפן דורך רומעניע און טעהעראַן, צוזאַמען מיט אַנדערס אַרמיי; די, וועלכע ער האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן געהאַט ביטער אַריינגעזאָגט אין דער גאַל אַריין, זענען איצט געקומען אָנקלאַפּן אין זיין טיר. זיי זענען געווען פריינדלעך, אפילו דער־פרייט זיך אין דער פרעמד. זיי האָבן נאָר געוואָלט פאַרשטיין ביי דעם ייד — ווי אַזוי טראָגט מען אַריבער דעם גלות ?... אַדאַם האָט קיין שום פאַרטיי־פּאָסטנס נישט פאַרנומען, אָבער די פּרעסע אין לאַנד האָט זיך געריסן איבער אים. ער האָט קלאָרער ווי אַ סך געזען וווהין עס וועט אין די נאָך־מלחמה־יאָרן פירן די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט. ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט; ער האָט זיך געזאָגט — לאָמיר כאָטש פאַרטיידיקן דאָס, וואָס איז אונדז נאָך פאַרבליבן. ס׳איז פאָרט אַ שטיקל יידישע רעאַליטעט. אויך ער איז געווען אויפן אויג ביי די ענגלענדער, אין לעצטן פערטל שעה, און ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך ער זאָל זיצן אין לאַטרון. ווען ער וואָלט געוואָלט גיין אין פאַרטיי־שפּאַן, וואָלט ער זיכער געווען צווישן די מיניסטאָרן אין דער קומענדיקער ישראל־רעגירונג; ער איז פאַרבליבן

דער, וואָס ווייס אַלעמאָל אביסעלע מער. ער האָט זיי געזאָגט בזה הלשון:

— כ'האָב אַלץ מורא פאַר אָט דעם געפערלעכן פּאַסיקל ערד. טויזנטער יאָרן האָט מען זיך איבער דעם געשלאָגן. ס'איז געווען און פאַרבליבן דער נעוראַלגישער פּונקט אויף די וועגן פון דער וועלט. די נאַרישע טעריטאָריאַ־ליסטן... ווען זיי וואָלטן כאָטש נישט געווען קיין מלמדים... קיין בטלנים...

ער איז אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער געזונטער האַרעוואַניע, וואָס יידישע הענט האָבן אַריינגעלייגט אין וויסטן, פאַרזומפּיקטן און זאַמדיקן שטיקל לאַנד. ער האָט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען פלאַנצן און בויען; ער האָט צוגעזען ווי מיט שווייס און מי בינדט מען זיך צו צום באָדן. ס'איז פאַרט רעאַליטעט. קלע־נערע פעלקער פון אונדז זיצן אויף אַזאַ שטיקל ערד און ס'פאַלט גאָר קיינעם נישט איין אָפּצופרעגן זייער רעכט אויף דעם. פאַרפאַלן, מיר מוזן דורכגיין דעם דאָזיקן וועג. ס'וועט אונדז גאָרנישט העלפן. צי זענען מיר דען נישט געווען באַ־האַפטן מיט ערד? די גרייזן האָבן טאַקע געקרעכצט איבער גלות־השכינה, אָבער די ערד, אויף וועלכער זיי זענען געטראָטן, איז געווען — אייגענע ערד. אַ מענטש בענקט צו דער לאַנדשאַפט פון זיין יוגנט. ס'זענען די אינטימע געפילן פון מענטש. ווער איז בכוח אַרויסצורייסן עס פון אונדזער הארץ? און אָט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז מען קען יאָ... אָפּמעקן אַ פאַלק פון פּנים פון דער ערד...

ער האָט פאַרלוירן אַליציען, די עלטערע טאָכטער מיט איר משפחה; די יינגערע, רוטע, איז געפאַלן אין געטאָ בעתן אויפשטאַנד; און וועגן יאַנעקן האָט ער זיך ערשט דערוווּסט, ווען די מלחמה איז געווען אויס. ער איז שטאָלץ גע־ווען, דער אַלטער, וואָס יאַנעק האָט זיך געשלאָגן קעגן די יידן־מערדער, איז צוזאַמען מיט די ביי־געשאַפענע פּוילישע דיוויזיעס, פון הינטער לעניניאַ, דער־גאַנגען ביז בערלין. דאָס העלישע פייער האָט נאָך געברענט אין אים. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן דעם תכלית פון דעם אַלע־מען; ער האָט נאָר געוואָלט אַ פרעג טון יאַנעקן: ווהין, רעכנט ער, פירט דער וועג פון דעם ייד, וואָס איז על פּי נס לעבן־געבליבן?

כאָטש אַביסל באַדאַכטער, איז נאָך יאַנעק אַלץ געווען אין סאַמע רויש. וואָס וועט ער אים זאָגן, דער אַלטער? ווי אַזוי וועט ער שטיינבלייבן פאַרן פאָטער? ער האָט געטריבן פון זיך אַלע סענטימענטן, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן; דער פלאַטער האָט זיך פון אים דעם גאַנצן טאָג נישט אָפּגעטון. ער איז אָוונט־צייט פאַרפאָרן מיטן וואָגן, אָפּגעשטעלט זיך לעבן רוישיקן האָטעל, ערגעץ אַרום די יעראָזאָלימער אַלייען. אַ סך פון די אָנגעפאָרענע דעלעגאַטן זענען דאָרט געווען איינקוואַרטירט. זיי האָבן זיך ווידער צופיל געוואָרפן אין די אויגן. נאָכוואָס? ס'איז געווען אַן אַלטע רעסטאָווירטע געביידע, מ'איז געטרעטן איבער רושטאָ־וואַניעס, ברעטער, די טירן זענען געשטאַנען האַלב־אָפן און יידן זענען געגאַנגען פון טיר צו טיר. די האָטעל־באַדינער האָבן זיי נאָכגעקוקט מיט קוים־פאַרשטעל־טער איראָניע.

ווען יאַנעק איז אַריבערגעטרעטן די שוועל, איז דער קאַפּעלוש ביי אַדאַמען, ווי אַמאָל, צעשטרייט פאַרפאָרן טיף איבערן שטערן — דער נידעריקער שטערן פון אַן עקשן, מיט די ווילדע קרייזלעך, אינגאַנצן גרוי, ס'בערדל האָט זיך גע־

שויבערט. ער האט באקוקט יאנעקן און עפעס נישט געוואגט. יאנעק האט דעם פאטער, אן רייד, ארונטערגענומען, אריינגעזעצט אים אין וואגן, וואס האט געווארט פאר דער טיר. צו דער שטומער פלייצע פון שאפער האט ער עפעס א מורמל געטון. נייך, ער האט דעם טאטן נישט געפירט צו זיך אין הויז אריין. ווי אזוי קען ער דען דעם פאטער אויפנעמען ביי זיך, אין פארטיי־הויז, אין די אלייען ?... זאשע... פאר האלבער נאכט זענען זיי פארפארן צו דער ליכטיקער קאפיי אין די ניי־אויפגעבויטע געגנטן. די פוסטע גאסן זענען זעלטן באלויכטן געווען. מ׳האט געהאט דעם איינדרוק, אז די אמאל פולסירנדיקע שטאט האט זיך אומגעקערט צום אומהיימלעכן אוראלט פון טויט און חורבן. לעצטע טראמווייען האבן, האלב־ליידיק, זיך אוועקגעשאקלט אין דער נאכט אריין. זעלטן ווען א אויטא האט דורכגערוישט די אפגעשטארבענע גאס. אבער הינטער די פארהעמערטע טירן, הינטער אראפגעלאזענע, פארשטעלטע פענצטער, האט די שטאט, זעט אויס, נאך געוואכט, פארטייעט געוואכט. שפאלטן ליכט האבן זיך אנגעזען פון ווי ווייט. ער האט נאך א טראכט געטון, יאנעק — „צי וועט זיך נעסטארענקא, דער ספעציעל־באפולמעכטיקטער, נישט כאפן ?... צי וועט ער נישט נאכפרעגן זיך... מיטן העפלעכסטן שמייכל אין זיינע גרינע פיש־אויגן... דער אייגענער פאטער, אבער — אן אויסלענדער... פון יענער זייט פארהאנג“...

ער האט נאך דעם געטא נישט באוויזן אנצוקוקן, אדאם. מיט א טאג פריער איז ער אפגעשטיגן פון אוויאן, אויפן פלי־פעלד. צומארגנס איז געווען די אנטהילונג פון געטא־דענקמאל. ביי די טישלעך, אין די נישעס, אין געדעמפטן ליכט, זענען געזעסן האלב־נאכטיקע געסט. ווער האבן זיי געקענט זיין, די לייט, אין דער געזעלשאפט פון בלאנדע, עלעגאנטע פרויען ? אויסלענדער ? אפשר „געוועזענע“, אדער די, וואס האלטן אומגעזען אן אויג... ס׳איז נישט לייכט געווען צו דערכאפן דאס נייע, דאס באזונדערע אין דער געוויינלעכער פוילישער מאנירלעכקייט פון קאפע־רויך און ראמאנטיש־פארטונקלטן קאפע־ליכט.

קיין גאנצע צען יאר זענען נאך נישט געווען פארביי זינט יאנעק איז דעם לעצטן מאל געזעסן אין פאטערס קאבינעט, צווישן די ווענט ביכער־שענק, ביי טיף־ארונטערגעלאזענע פארהאנגען, א פארפאלגטער, געזוכט דורך דער פאליציי; ווען אליציע איז, א פלאטערנדיקע, שטיינגעבליבן אין דער טיר. ער האט עס גוט געדענקט, יאנעק. ווער ווייסט, האט ער געטראכט, ווי ס׳וואלט אלץ אויסגעזען, ווען דער פאטער איז דעמאלט וויליק אפצוגעבן אים דעם פאס מיט די וויזעס...

— וואס כ׳זאל דיר איצט נישט זאגן, מיין ייִנגל, וועט עס גארנישט אויסדריקן... ס׳איז א באנאלע געשיכטע פון מארד...

צי האט ער דען געקענט דערכאפן דעם פלאטער אין יאנעקן, אדאם ? — צוליב פייגעלען... צוליב די שטילע פארפאלגונגען נאך קעלץ... ער האט נאר געזען ווי אומרואיק ער בליקט צו די לייט אין די נישעס, אפילו צו די שטייפע קעלנער, וואס האבן אזוי עלעגאנט אונטערגעטראגן די געטראנקען אין די פלעשער, אין די אייז־קעסעלעך, ארומגעוויקלט מיט שטרוי. דעם פאטערס שטילע,

איינגעהאַלטענע רייד האָבן געקלונגען ווי פון אַן אַנדער וועלט, אַ לאַנג־אונטערגעגאַנגענע:

— כ׳ווייס נישט, יאַנעק, צי דו קענסט עס דערפילן, וואָס כ׳פיל... כ׳זע פרצ׳ן אומפלאַטערן אין זיין פעלערינע איבער די גרוזן פון פינצטערן געטאָ... ער האָט דאָס דערשטיקטע לעבן פון אָט די גאַסן און געסלעך דערהויבן ביז חלום. אוודאי, ס׳איז אפשר מיין שולד... אפשר וועסטו עס נאָך אַמאָל דערפילן, גענוי ווי איך...

— פאָטער... — האָט יאַנעק אָנגעהויבן און נישט געפונען קיין רייד.

ס׳איז ביי אים געווען קאָפּ־שווינדל. ישראל... „בונד"... פועלי־ציון... טעריטאָריאַליסטן... זיין טאַטע, האָט ער געוווסט, איז אַלעמאָל גענויגט געווען צו די טעריטאָריאַליסטן. אָבער דעם גרויסן אונטערשייד צווישן פאָטער און די ציוניסטן האָט ער אויך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז ער אַליין איז דער עקסטרעם זייערער, אַז ער קומט זיך אין אַ סך פונקטן מיט זיי צונויף — דאָס פאַרלייקענען די אַספּיראַציעס פון פשוטן פאָלקס־מענטש, מיט זיין קולטור, מיט זיינע געוווינהייטן, מיט זיינע סאָציאַלע נויטן.

— שטיקסט זיך מיט נישט־דערריידטע רייד. כ׳פיל עס. ביסט אין זייערע אויגן אַן אינטעליגענט... אַ יידישער אינטעליגענט... אָבער איך האָב אָפּט דאָס פיינלעכע געפיל, אַז מיר טאָרן אפשר נישט פרעטענדירן אויף אינטעלעקטואַליזם, אין דער צייט, ווען הינטער אונדז שטייט נישט מער אַ פאָלק פון געזונטע אַרבעטס־מענטשן. אַזאַ אינטעלעקטואַליזם איז, דוכט זיך מיר, קאָסמאָפּאָליטיזם, אין ערגסטן זין פון וואָרט. און אפשר בין איך נישט גערעכט? איך ווייס שוין אַליין נישט. מיר קענען זיי, די איידל־אויסגעבלייכטע, די באַברילטע, מיט די דינע, ווייסע פינגער, צווישן וועלכע עס וואַרפט זיך נערוועז אַ סיגאַרעטל; די באַברילטע פרויען, מיט אַ ניואַנס פון היסטעריע אין זייער איבערגעטריבן, גראַמאַטיקאַליש־פּינקטלעכן לשון, אָבער מיטן שאָקירנדיקן אַקצענט אין זייער מויל. זייערע קורץ־אונטערגעשניטענע האָר זענען גרוי. זיי רעדן וועגן אַלץ און וועגן אַלעם מיט אַ פאַרדעכטיקער פאַמיליאַרישקייט און — וואָרצלען פאַקטיש אין ערגעץ נישט... ווען זיי אַליין פאַטשקען כאָטש איין זייערע הענט, נעמען אַ מכשיר, אַן אַרבעטס־כלי אין דער האַנט אַריין... אַפילו ביי די סאַמע לאָיאַלסטע, מיין איך, רופן זיי אַרויס אַ מין אינטעלעקטועלן אַנטיסעמיטיזם... פאַרשטיי עס איינמאָל פאַר אַלעמאָל, יאַנעק, אויך אין דער פּראָגרעסיווער וועלט רעכנט מען זיך נאָר מיט אַ פאָלק, וואָס האַלט אַ ביקס אין דער האַנט. פאַר ז יי ע ר קולטור וועלן זיי דרך־ארץ האָבן, צו ז יי ע ר וואָרט וועט מען זיך צוהערן. אין אַזאַ וועלט לעבן מיר. און דערפאַר האָב איך מורא...

אויך דער אַלטער האָט זיך געשטיקט מיט די רייד. ער האָט פון צייט צו צייט אַ קליינעם שלוק געטון פון דער גלאָז דערלעבן, האַלב פאַרמאַכט די אויגן, ווי טיפער צו פאַרנעמען דאָס דינע געוויין פון די פרילינגדיקע פידלען אין דער טיף פון האַלב־טונקעלן זאַל. אין וואָס האָט עס אים דערמאָנט? אין די ווייטע יאָרן, ווען ער האָט זיך ווי אַן אָרעמער, געפלאָגטער יידישער סטודענט געוואַלגערט אין אַמאָליקן סט. פעטערבורג... די ווייסע נעכט... די סטודענטישע „וועטשערינקעס"... אַליציע... און אָט גרייט ער זיך מאָרגן צום קאָלעקטיוון גיין אויף

קבר־אבות צום אויפגעשטעלטן געטאָ־שטיין. הינטער די הויכע, פאַרשטעלטע פענצטער איז געלעגן אַ חרובע, אויסגעקוילעטע שטאָט, איינגעהילט אין אַ מיל־דער פוילישער פרילינגדיקער אַפּריל־נאַכט, אַ ליל־שימורים...

אַדאָם האָט פּלוצים דערפילט, אַז ער קוועלט אים אפשר, דעם אָפּגעפרעמדטן זון. זיין שווייגן... בעסער זאָל ער שוין צוריקגיין צו די זייניקע, צו דער פרעמדער וועלט, וועלכע האָט אים פרי אָוועקגעריסן פון הויז, פון פאָטער, פון אונדז אַלעמען.

זיי האָבן זיך מיד אויפגעריסן, מיד געלאָזן זיך צו דער טיר. פאַרן איינגאַנג האָט אין דער טונקל, אין דער שפּעטער שעה, געוואַרט אויף זיי דער שטומער שאָפער מיטן וואָגן.

צומאָרגנס, אין ווינטיקן אַפּריל־טאָג, האָבן זיך פון באַלד אין דער פרי אָן געקליבן געזעמלעך אין די גאַסן אַרום געטאָ. ראָג לעשנע האָבן איינגעבאַבלטע פוילישע פּרויען פאַרקויפט אין קוישלעך שניי־בלימעלעך. אויף ראָג פשעיאַזד, אויף די געדיכטע אָפּשטעל־סטאַציעס פון די טראַמוויין, וואָס זענען דאָ געלאָפן אין אַלע ריכטונגען, איז געווען אַ געשטופּ פון פּאַסאַזשירן. דער שטח, ביז ווייט אַראָפּ, איז געלעגן אַן אויסגעגלייכטער. די פּוילישע מענטשן האָבן נאָכגעקוקט די הייפלעך יידן — מען ווייסט נישט פון וואַנען ס׳האָבן זיך דערנומען אַזויפיל יידן; זיי האָבן אַלע געצויגן צום געטאָ. אַ קליינער אָרקעסטער איז מיטגעשוווּמען. איינער א נידעריקער פוילישער יונג, מיט אַ לאָק אין די אויגן, האָט זיך אַפילו געפּרוּווט צו וויצלען :

— משה וועט באַלד טראָמביען...

די זייטיקע האָבן אים שאַרף אָנגעקוקט. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

די הייפלעך יידן זענען געטרעטן איבער שטיינער און גרוזן. אַ ווייסלעכער שטויב האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער די פיס. דער ציגל־שטויב האָט באַדעקט די שיך, די קליידער, די ברעמען. זיי זענען אַוועקגעשוווּמען אין אויפגעהויבענעם שטויב. דער ווינט האָט זיך געטראָגן איבער די אָפּענע, אָפּגעדעקטע פליינען פון פשעיאַזד, איבער די נאַלעווקעס, איבער דער דזשיקע, ביז ראָג גענשע. די גאַסן זענען נישט געווען מער אָנגעצייכנט, אָבער יעדער איינער האָט זיי געזען אין זיין דמיון. ראָג געגנשע האָט זיך אויפגעהויבן דער געדענק־שטיין. ער איז נאָך געווען פאַרהילט. דער אויפגעהויבענער שטויב האָט פאַר־טונקלט די זון. די פיס זענען אַלץ שטום געטרעטן אויף דער שמאָלער סטעזשקע. ס׳איז וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן. אין דער לעצטער מינוט איז געקו־מען אַריינצולויפן אין די רייען אַ קליינער, צוגעפּוצטער מאַן, אין אַ קאַפּעליושל, אַ דין־אויסגעגאָלטער — אַ באַרימטער אַרטיסט פון פוילישן טעאַטער, אַ ייד. ער האָט זיך נישט געקענט שענקען :

— כ׳האָב איבערגעלאָזן די רעפּעטיציעס און בין אַנטלאָפן... די קאָלעגן האָבן געפרעגט וווהין איך אייל אַזוי... גיי דערצייל זיי...

די נאָזלעכער האָבן אין דער לופט פאַרנומען דעם שמעלצנדיקן ריח פון אויסגעברענטע ליכט. אונטערן פרייען הימל האָט דער „אל מלא רחמים" גע־קלונגען פאַרשטיקט, ווי אַמאָל דאָ ערגעץ אין אַ דורכגאַנג־הויף, צווישן די

באַלעווקעס און דזשיקע, אין אַ קליין, נידעריק בית־מדרשל, אין ליכט פון קאַ־ניצלעך, צווישן שאָטנס, בין מנחה ומעריב. די שלוכצן האָבן פאַרנעפּלט דעם בליק. ס׳איז אַדורך אַ פאַרשטיקטער געמורמל איבער דער מאַסע קעפּ. אַלע האָבן געפילט — אַ גאַנץ אויסגעקוילעט פאָלק ווערט באַוויינט.

## קאַפּיטל פינף

ווען ס׳איז אין יענעם שיינעם פרילינג אויסגעקומען צו וואַנדערן איבער די גלאַט־געפּלאַסטערטע שאָסייען, פאַרזייט מיטן אַש און געביין פון אונדזערע ברידער, אויף דער באַפרייטער ערד פון נידערשלעזיע, האָט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען ווי עס זענען מקוים געוואָרן די פייערדיקע רייד פון נביא יחזקאל — די ביינער אין טאָל האָבן זיך צוריק באַדעקט מיט אָדערן, מיט פליש און מיט הויט; אויפסניי האָט אָנגעהויבן צו ריזלען אַ יונג יידיש לעבן.

אויף דער דאָזיקער ערד פונם שונא זענען באַפרייט געוואָרן רעשטלעך, שאָטנס — פון דער „ספּאָרט־שולע" אין ריכבאַך, פון גראָס־ראָזען, וואַלבזשיך, סטזשעגאָם, בלעכהאַמער, ביעלאַווע, קלעטענדאָרף, סטריגאַוו, גריידיץ. צו ווינ־טער־צו האָבן די עשאַלאָנען אָנגעברענגט נייע טויזנטער יידן, נאָך וואָכן וואַל־גערן זיך אונטערוועגנס, פון וויטן סאָוויעטישן מיטל־אַזיע; פּאַרטיזאַנער, איינ־וואַלידן און סאָלדאַטן, די ברוסטן באַדעקט מיט מעדאַלן פאַר העלדישקייט און נקמה, האָבן זיך צוריקגעקערט פון די וועלדער, פון דער אַרמיי, פון די לאַזאַ־רעטן. די שטעטלעך און די היימען פון אַמאָל זענען געווען אָפּגעווישט, פאַר־פרעמדט, פיינטלעך. צו יענע שטעטלעך האָט מען זיך שוין מער נישט אומגע־קערט. ס׳האָט אַרויסגעטריבן.

דאָ האָבן שוין פיבערדיק געאַרבעט די יידישע קאָמיטעטן. ס׳איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס אַ נעץ פון קאָאָפּעראַטיוון, קולטור־אינסטיטוציעס, יתומים־הייזער, שולן. יידן זענען אַוועק אין די פאַבריקן, אין די גרובנס, אויף ערד. די מאַלערישע שטעטלעך, צוואָרפן ביי די טייכן אָדער און ניסע, באַדעקט מיט פאַב־ריק־קוימענס, איינגעטונקט אין גרינס, זענען געדיכט באַזעצט געוואָרן מיט נייע יידישע געזינדלעך. פון איינציק־פאַרבליבענע, זענען אויף די טומלדיקע זאַמל־פונקטן, איבער נאַכט כמעט, צונויפגעקלעפּט געוואָרן נייע, פריילעכע משפחות; מ׳האָט געפּראַוועט רוישיקע חתונות און באַנקעטן.

אינמיטן פון אָט דעם היימישן גערודער, אין אַ קליינעם לאַזאַרעט, ביי ריכ־באַך, איז קורט ווינקלער לאַנגזאַם געקומען צו די כוחות. די שווערע יאָרן האָבן אים מיד געמאַכט, אָבער די אונטערשטע ליפּ האָט נאָך אַלץ אויסגעדריקט ענער־גיע און פאַרביטערונג. „ס׳איז ווערט געווען — האָט ער זיך געזאָגט — אַבי צו דערלעבן זייער מפּלה"... ס׳איז געווען מילדער פרילינג אויף דער ערד; און גע־ווען איז מען אַביסל שיכורלעך פון אַלץ — די פלאַמיקע געדענק־רעדעס, די נייע

לידער, פון קאָכיקן ייִדישן אָנגעלויף. אביסל האָט מען זיך אויך געוואָלט באַ־רוישן, פאַרגעסן, נישט געדענקען מער. ער האָט זיך נאָך אַלץ לייכט באַגייס־טערט און איז פאַרבליבן נאָכטראַכטעריש. ער האָט דערפילט אין זיך אַ נייעם כּוח אויף אַ נייעם אופן צו שפּילן דעם געטאָ־ייִד, שײַלאָקן.

איידער וואָס־ווען, נאָך איידער די צוגן זענען געגאַנגען רעגולער, האָבן זיי זיך דאָ דערוווּסט ביידע אַרומגעדרייט צווישן פריילעכן ייִדישן אָנגעלויף, ער און זײַנוול, דער נקמה־נעמער פון פּאַריז, דער עמך פון די ייִדישע קאָפּעס אויפן בעלוויל. זיי האָבן עפּעס אנדערש געקוקט אויף מענטשן. די רעדנערס האָבן גע־רעדט! און זיי האָבן זיי דערזען אין לאַגער־ליכט, ווו דער מענטש איז דערפירט געוואָרן ביזן ראַנד, ביזן דזשונגל. זיי האָבן געקוקט, געקוקט און אײַן־זיך אויס־געשריגן: אוי, דאָס איז אַ פאַררעטער!... דאָס איז אַ מוזולמאַן!... אָבער די זייטיקע האָבן נישט באַמערקט דאָס, וואָס זיי, די צוריקגעקומענע פון יענער זייט לעבן, פון אונטער די פאַרשלאָסענע, קופּערנע הימלען, אין געלן ווינט פון קרעמאַטאָריע־פלאַמען... זיי האָבן געטראָגן האַלב־מיליטערישע קליידער, די קעפּ אַרומגעגאָלט. קורט ווינקלער איז געווען ברייט, האָט זיך באַוועגט שווער־לעך אויף זײַנע קרומלעכע פיס פון אַ קאַוואַלעריסט. אַ קאַרגן חודש האָבן זיי בײַזאַמען אויסבאַהאַלטן זיך אין די וועלדער פון בעמען, אויף פאַרלאָזענע היי־בוידעמער, נאָכדעם ווי זיי זענען געשפּרונגען פון טויטן־צוג און ס׳האָבן זיי נאָכ־געיאָגט די לויכטנדיקע קוילן־סעריעס; בפרט, אַז זײַנוול האָט זיך גאָר אומגעריכט אַרויסגעוויזן פאַרן עלטערן ברודער פון אהרנען, דעם טרוימער פון דער דזשיקע גאַס אין וואַרשע.

— ווי קומט עס — האָט ער זיך נישט געקענט אָפּהידושן, קורט ווינקלער — וואָס ביסט אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי דײַן ברודער ?...

זײַנוול איז שיעור נישט צעשאָטן געוואָרן פון געלעכטער.

— כ׳ווייס טאַקע נישט! מײַן בראַטאָקל... — האָט ער געכאָכאָטשעט — איז פון דײַן חדר, אַלטער... די ביכלעך, די לידלעך... אָמער וואָלט ער זיך גלײַך גע־זוען געכאַפּט צו אַ בעסער פאַך... דו האָסט אויך געלעבט פון די אַלע לופט־גע־שעפטן ?...

קורט ווינקלער איז פאַרליבט געווען אין זײַנוולען, אין אַלע פּוילישע ייִדן. ער האָט באַוווּנדערט די נישט־אויסגעלאָשענע ענערגיע זייערע. טאַקע צו אים, צו קורט ווינקלער, איז געקומען דער שיינער משל פון יחזקאל הנביא — ווי די טויטע ביינער אין טאָל, אַזוי האָבן זיי צוריק אויפגעלעבט. צוזאַמען מיט זײַנוו־לען, וואָס האָט זיך דאָ אומעטום מיטגעפּאַרעט, אומעטום צוגעלייגט אַ האַנט, פאַרגעסן גאָר, אַז ער האָט ערגעצווו געלאָזן אַן אַלטן חשבון פון אַ פרוי, אַ קינד, פון חוהטשען — איז ער, ביז וואָס־ווען, געווען אײַנקוואַרטירט בײַ אַ ייִד, וואָס האָט אײַנער אַליין פאַרנומען אַ דירה מיט צימערן, פאַרפאַלן צו ווערן. געטראָפן האָט מען זיך דאָ מסתמא ערגעץ הינטער די טירן פון קאָמיטעט, אָדער אויף די זאַמל־פונקטן. דער ייִד האָט זיי האָט פאַרבעטן אויף נאָכטלעגער. „איר האָט דאָך אַוודאי נישט, האָט ער זיי געזאָגט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן ? טאָ קומט־זשע מיט מיר, וועט זײַן אַביסל היימלעכער. ס׳איז דאָרט אויסצוגיין פון אומעט

אין זייערע „פּאַקאַיעס", אָבער קיין דייטשער פוס וועט ביי מיר מער נישט איבערטרעטן די שוועל"...

ס'איז געווען אין ווראָצלאַוו, דאָ באַלד דערלעבן, אויף דער גאַס פון הייליקן פראַנציסקוס, ווו דער ייד, דער וואַלד־בראַקער, שלמה הורוויץ, נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון דער ביטערער פּאַרטיזאַנקע, האָט אין אומפאַרגעסלעכן פרילינג 1945, צוזאַמען מיטביידע בלייכע טעכטערלעך, פאַרנומען דעם גאַנצן פּראָנטאָוון פליגל ביים „רעכטס־אַנוואַלט" קאַרל האָפּמאַיער. ער איז געווען אַ גבר און אַ כעסן, דער ייד. אין די ביטערע פאַר יאָר, אין די וועלדער, האָט ער אַפילו געהאַט פאַרלוירן די יידישע צורה זיינע; ס'פּנים אויסגעשמיסן פון ווינטן און פון רעגנס, מיט רויטע אָדערלעך אין די ווייסלעך, אין אַ צעאָדערטער וואַטאָוועער קורטקע, די הויזן טיף אַריינגעלאָזן אין די קורצע שטיוול, מיטן נאַגאַן פאַרשטעקט אויף די לענדן, האָט ער זיך מער נישט צעשיידט — ווי אַ זאַך מאַכט זיך...

דאָס קליינע מענטשל, דעם אַדוואָקאַט מיט די אויפגעבלאָזענע וואָנסן, צוזאַמען מיט די צווי פאַרזעסענע מיידן מיט די שווערע ווייצענע צעפּ, די טאַנטעס, האָט ער באַלד אויפן אַנדערן טאָג געהייסן פאַרנעמען זיך. ער האָט זיך אַפילו מער נישט אומגעקוקט אויף זיי; אַרומגעדרייט זיך איבער די רחבותדיקע צימערן, ווי ביי זיך אין דער היים, באַטראַכט אַלץ מיט אַ קלענער געוואָרן אויג פון אַ באַלעבאָס, מיט רציחה אַראָפּגעשמיסן פון די ווענט די פאָטאָגראַפיע פון זון, דעם ס.ס.־לייטענאַנט, די געמעלן פון די דין־פּיסיקע יעגער־הינט מיט די פאַרבלוטיקטע האָזן צווישן די פּיסקעס, די נימפעס מיט די ראָזע בעקלעך.

— פאַרנעמען זיך! — האָט זיך דער ייד אָנגעגאָסן מיט בלוט — איר האָט אונדז דאָס אויך נישט געלאָזן... גזלנים פינצטערע...

ס'האָט אים קנאַפּ־וואָס געאַרט, וואָס זיי פאַרשטייען דאָרט נישט אַזוי גענוי זיין „האָך־דייטש" פון אַ ריכטיקן פּינסקער דיאַלעקט... דער דייטש מיט די אויפגעבלאָזענע וואָנסן האָט פאַרגלייזט אַ וואָסערדיק אויג אונטער אַ שטרענגער ברעם, אַ כאַפּ געטון פון הענגער־אַראָפּ דאָס גרינע יעגער־קאַפּעלושל מיט דער פּעדער און, צוזאַמען מיט די טאַנטעס, צום לעצטן מאָל אַרונטער די שטיגן צום עוואַקואַציע־פּונקט, פון וואַנען עס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן די פול־געפּאַקטע עשאַלאָנען קיין דייטשלאַנד.

ס'איז געווען איינס פון די זעלטענע גאַנץ־געבליבענע הייזער אין שטאָט, מיט אַ געשניצטן פּאַסאַד, מיט וועראַנדעס, מיט קריכנדיקע פלאַנצן, אין אַ זייטיקער שטילער גאַס, אין שכנות פון דער רויט־ציגלדיקער קאַרמעליטן־קירכע. די שטאָט איז נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי און דורך די טיילן פון דער פוילישער קאָשטשיושקאָ־דיוויזיע. דאָ האָבן זיך נאָך די ס.ס.־באַנדעס, די וולאַסאָווצעס, פאַרטיידיקט ביזן סאַמע לעצטן מאָמענט, ווען בערלין איז שוין געווען געפאַלן. זיי האָבן סיסטעמאַטיש אויפגעריסן הויז נאָך הויז.

די צימערן און זאַלן, אָנגעשטעלט מיט די טייערסטע מעבלען, האָבן זיך אײַנגיבן אָנגעפילט מיט אַ ניי, רוישיק לעבן. דער ייד האָט אָונט־צייט פאַרבעטן צו זיך אַ פולע שטוב פון די לאַגער־מענטשן און פון די פּריש־אָנגעפאַרענע, ס'זאָל

היימלעך זיין. זיינוולען מיטן אַלטן קורט ווינקלער האָט ער אָפּגעגעבן דעם גרויסן זאַל מיטן קאַמין, מיט די סאָפּעס, מיט דער פּיאַנע. עס זענען דאָרט אַוודאי אַמאָל געפּראַוועט געוואָרן בעלער, אין דעם זאַל, ווייל די הויכע וואַנט־שפּיגלען האָבן דעם זאַל פאַרטאָפּלט, פאַרפירפאַכט. ווען דאָס רווישיקע ליכט האָט זיך אונטער־צייט אָנגעגאָסן אין די זשיראַנדאָלן. די בילדער פון די ריטער האָבן נאָך, פאַר־געסענע, אַראָפּגעקוקט פון די ווענט, ווייל דער ייד האָט גאָר אַהין נישט אַריינ־געשמעקט. זיינוול האָט באַלד געוואָלט כאַפּן די בילדער און זיי אַראָפּשמייסן, נאָר קורט ווינקלער האָט אים אַביסעלע צוריקגעהאַלטן. דאָ האָט מען אָפּגערוט די נערוון. ס'האָט פאַרכאַפּנדיק־מאָדנע דערמאָנט בערלין, די אינטימע צימערן אין דער שילער־שטראַסע... יענע יאָרן...

ביידע טעכטערלעך דעם ייד'ס, רות און נעמי, אַ געראָטענער צווילינג פון אַ יאָר זיבעצן, מיט גלייך־געשניטענע האָר, בלאָנדע, מיט אַ ווייסרוסישן אומעט אין די פאַרבלויטע אויגן, האָבן זיך דאָ דערפילט ווי פאַרלוירן אין דעם פרעמדן הויז, אין די אומהיימלעך־גרויסע זאַלן. נישט דרייסט, זענען זיי אָוונט־צייט צוגעקומען צו דער טיר, איינצוהערן זיך ווי דער קאָמישער און צוגעלאָזענער קורט ווינקלער שפּילט אויס אויף דער פּיאַנע אַלטע ווינער וואַלסן. זיינוול האָט זיי ברייט אַריינ־געבעטן, האָט זיך אַרומגעוויצלט מיט זיי און אַפילו איינגעלאַדן זיי צום טאַנצן, אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון דער פּיאַנע. ער האָט זיי אָנדערציילט די ווונדער פון דער רווישיקער און פריילעכער שטאָט פּאַריז, אַז זיי האָבן אַזש נישט גע־וואָלט גלויבן, אויסהערנדיק מיט אויפגעריסענע מיילער, פּויעריש־הילכיק אַריינ־געלאַכט איינע אין דער אַנדערער און זענען באַלד צוריק אַנטלאָפן. זיי זענען גע־ווען אַביסעלע פאַרווילדעוועט, די מיידלעך. קאַרגע דריי יאָר האָבן זיי, צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער, אַרומגעיאָגט זיך אין די וועלדער. זיי האָבן מורא געהאַט צוצורירן זיך צו די מאַסיווע, געשניצטע מעבלען אין הויז, צו די ווענעציאַנישע פאַרהאַנגען, צו דער קיך־ווירטשאַפט מיט די משונהדיקע כלים און אויסגענייטע פאַרהענגלעך; זיי האָבן מורא געהאַט צו שלאָפן אין די הויכע באַלדאַכין־בעטן; זיי האָבן אָוונט־צייט לאַנג געשלאָסן די טירן צום קאָרידאָר.

ביינאַכט איז געווען אַן אימה אַרויסצוגיין אין דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט. מ'האָט יעדע נאַכט געהערט שיסערייען. דאָס צוגעוווינטע אויער האָט געגעבן אויפגעכאַפּט דעם קאַליבער פון די סעריעס פון רוסישן „מאַקסים". עס זע־נען נאָך אויסגערויכערט געוואָרן די רעשטלעך פון דייטשע באַנדעס אין דער אומגעגנט, די נ.ס.ז. פון די וועלדער. 8 אין אָוונט האָט מען שוין קיין לעבעדיקן נפש נישט אָנגעזען אין דרויסן.

דעם גאַנצן טאָג איז דער ייד שלמה הורוויץ ערגעץ אַרומגעלאָפן. ער האָט געאַרבעט, איז געווען פאַרפּאַרעט. ער האָט געוואָלט פאַרגעסן, נישט געדענקען מער; ווייל געפּרעסן האָט אים אַ טיפער אומעט, דעם ייד. ס'לעבן, האָט ער געזען, גייט זיך ווייטער זיין גאַנג; און אַליין איז ער געווען אין די עטלעכע און פופציקער; ענערגיע איז געווען איבערגענוג. די מיידלעך וואַקסן באַלד אונ־טער און וועלן מסתמא, איידער מען קוקט זיך אַרום, חתונה האָבן; ווייל נאָך די שחיטות, זענען ווייבער פאַרבליבן ווינציקער ווי מאַנסלייט. די פריש־געקומענע און די פון די לאַגערן דרייען זיך שוין אין הויז, זיצן אָפּ גאַנצע אָוונטן, ווערטלען

זיך, זינגען. אַן עולם אַ פּריילעכער. ס׳איז ממש אַ וווּנדער געווען צוצוזען, ווי אַזוי די דאָרע ביינער האָבן זיך צוריק באַדעקט מיט פלייש, ווי אין זייערע פּנימער שלאָגן געזונטע פאַרבן. זיי האָבן איצט אַלע געוווינט אין די שענסטע דירות, אין די ווילעס, פון וואַנען די דייטשן זענען אַרויסגעשמיסן געוואָרן; געפאָרן אין מאַשי־נעס, געמאַכט פּלענער ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָ דעם ישוב, געלאָפן קיין לובלין, דערנאָך קיין וואַרשע, צום צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן. פון דאָרט זענען געקומען קאָמיסיעס, אָנווייזונגען, געלט, צו באַזעצן יידן אויף גע־זונטע יסודות. מ׳האָט געהאָלפן די, וואָס האָבן געצויגן צו די פאַרבליבענע קרוי־בים אין אויסלאַנד.

די וועלט האָט אויסגעזען ווי אָנצוהייבן פון דאָס ניי, פון בראשית; און דער ייד האָט זיך, פאַרקערט, דערפילט פאַרלוירן; און אַזוי ווי אין קאָמיטעט אַריין האָבן זיך יעדן טאָג געמאָלדן יידישע ווייבלעך, וואָס זענען ערגעצווו על פּי נס לעבן־געבליבן, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט איינס אַזאַ ווייבל מיטן נאָמען פעסל, און זיי האָבן גאָר גיך באַשלאָסן, אַז צוזאַמען וועט אוודאי זיין מער היימ־לעכער צו וווינען.

דאָס ווייבל פעסל איז געווען מער־ווייניק אין זיין עלטער. זי איז שוין איצט צוריק געווען אַ לאַכנדיקע, מיט אַ שוואַרץ־אויפגעטורעמטער פריזור; ווייל אין די ביטערע פּאָר יאָר האָט זי זיך געפּאַרבט אויף בלאָנד און אויף איר שייגעם האַלדז איז געהאָנגען אַ צלמל. דערצו איז זי נאָך געווען אַ רעדערקע און אַ ספּריטנע, דאָס ווייבל. ס׳האָט געברענט אונטער אירע הענט. זי האָט זיך גאַרנישט געקענט זאַט אָנקוקן מיט די רחבותדיקע „פּאָקאָיעס״, מיט די טייערע מעבלען אין הויז. באַלד אויף צומאָרגנס האָט זי פאַרקאַשערט די אַרבל און, צוזאַמען מיט די צוויי מיידלעך, גענומען זיך מאַכן אַביסל אָרדענונג, אַרומרוימען די אָפּגעלאָזענע צימערן.

— ווער זענען ווידער די דאָזיקע צוויי שלימזלען ?... — האָט זי זיך נאָכגע־פרעגט ביי די מיידלעך אויף זיינוולען און אויף קורט ווינקלערן.

— דער הויכער איז אַ פּאַרטיזאַן פון פראַנקרייך... — האָבן זיי פאַררויטלט איינגערוימט דער שטיף־מוטער — און דער אַנדערער, זאָגט מען, איז אַ באַרימ־טער אַקיטאָר...

— אַזוי ?... אַן אַקטיאָרשטשיק... כ׳האָב אַמאָל געשפּילט אין אַ דראַמאַטישן קרייז ביי אונדז אין קעלץ... כ׳וויל אים אָנקוקן אויף טשיקאַוועס...

אין די טעג איז דער ייד שלמה הורוויץ אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענער און געבורשטעט אין די וואַנסן אַריין.

— וואָלסט, נישקשה, געמעגט אַראָפּנעמען דיינע צוויי וואַנסאַליעס, שלמהלע... — האָט אים דאָס ווייבל לאַכנדיק געפּעטשלט — דיין פּנים שטעכט, ווי אַ ריבאייזן...

אַזוי צערטלעך, כאָטש נישט זייער איידל, האָט מען שוין לאַנג נישט גערעדט צו אים. האָט ער, אַביסל פאַרשעמט, זי געפאָלגט, גענומען מער צוזען זיין הילוך, אַרומגעגאָלט זיך אָפּטער, איינגעשאַפן זיך אַ שטיקל לייטישערן בגד.

אין גרויסן זאַל מיטן קאַמין, מיט דער פּיאַנע, מיט די פּליושענע סאָפעס, ווו זיינוול און קורט ווינקלער האָבן זיך אויפגעהאַלטן, איז כמעט יעדן אָוונט געווען פריילעך. דאָס ווייבל פעסל האָט זיך דאָרט, אַ פאַרפלאַמטע, אַרומגעפּאַרעט, געזעסן ביים טיש, אַרומגעפּיסקעוועט מיט איר קעלצער לשון, געטרונקען צוגלייך מיט די מאַנספּאַרשוינען, נישט פאַרקרעקט זיך אַפילו, געוויגט מיט די שווערע אויערינגען, אין מעסער־גלאַנץ פון די אויפגעלויכטענע אויגן. זי איז פאַר דער קורצער צייט נאָך פולער געוואָרן, נאָך שענער געוואָרן און דעם ייד שלמה הורוויץ איז אפילו ביסל נישט אָנגענעם געווען פאַר די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך. צווערשט האָט זיך זיינוול היימיש אַרומגעוויצלט מיט דעם צוגעלאָזענעם ווייבל; דערנאָך האָט אים קורט ווינקלער, מיט אַ ווונק און מיט אַ צי ביי דער פּאָלע, געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל זיך האַלטן פון דער ווייטן. זיינוול האָט זיך אָבער קיין סך דערפון נישט געמאַכט:

— ווייסעך... עפּעס אַ ווייבלטשינע... — האָט ער אָוועקגעמאַכט — כ׳קען זיי...

דער עולם אַרום טיש איז געווען אַ צופעליקער, אַ פאַרבייפאַרנדיקער; מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין שושקען אין די ווינקעלעך. דאָס ווייבל האָט זיי אַלעמען דאָ ברייט אויפגענומען, געווען מיט אַלעמען אויף „דו". די מערסטע יונגעלייט זענען געגאַנגען אין אויסגעפּאַסטע, אַפּיצערסקע שטיוול און געהאַט פולע קעשענעס מיט וואַלוטע.

ס׳איז געווען די צייט, ווען מ׳האָט געפירט פאַרטיעס יידן איבער דער גרענעץ, ווען מ׳איז בלינד געלאָפן אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד — פונם שווידער, פון דער מורא, וואָס די נ.ס.ז.־באַנדיטן האָבן אָנגעוואָרפן אויפן לאַנד. „די יינגלעך פון וואַלד", די נ.ס.ז. האָבן אָפּגעשטעלט צוגן, געקוילעט יידן, רויט־אַרמייער און לאַיאַלע פּאָליאַקן. די פלינקע, צעקאָכטע יונגעלייט האָבן אינם הויז ביי שלמה הורוויץ געהאַט גאַנצע געטועכצן ווי אַזוי בעסער צו פאַרשטעקן די פאַרמעגנס, ווי אַזוי איבערצוכיטרעווען די גרענעץ־וואַך. זיי פלעגן פאַרשווינדן אויף אַ טאָג, אויף צוויי, פירן הויך־אָנגעלאָדענע מאַשינעס מיט מעבלווארג, מיט טעפּיכער, מיט טייערע קרישטאָלן, מיט פּיאַנעס, אין די צענטראַלע געביטן, און נאָכדעם פאַרפאָרן צום הויז מיט פרעמדע יידן, מיט ווייבער און קינדער און מיט פּעק בעטגעוואַנד. זיי האָבן אָנגעבערענגט אין שטוב אַריין כל׳ער גוטס און האָבן זיך שוין גאָר אויפן באַלעבאָס נישט אומגעקוקט, ווי אין אַ אכסניה.

דעם ייד האָט די גאַנצע גראַטשקע אין הויז ביי אים נישט אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן. נאָר וואָס קען מען דען זאָגן יידן, וואָס אַנטלויפן פון אַ סכנה? די מיידלעך האָט ער פונדעסטוועגן אָוונט־צייט אָוועקגעשיקט אין זייער צימער אַריין און אַליין האָט ער זיך האַלבע נעכט געוואָרפן אויפן פרעמדן הימל־בעט און ס׳איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. ר׳האָט נישט געקענט צו־טון קיין אויג, כאָטש ער איז געווען מיד פון אָנלויפן זיך דעם גאַנצן טאָג איינצושאַפן מאַשינען פאַרן שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט. פאַרשיידענע רעיונות האָבן אים געמאַטערט. ער וואָלט ביי זיין פאַך אויך גאַנץ שיין געקענט געפינען אַרבעט, מ׳האָט זיך געבעטן, מ׳האָט געפאָדערט ספּעציאַליסטן צו וואַלד־אַרבעט, נאָר ער האָט בעסער געוואָלט זיין צווישן יידן.

ער האָט נישט געהערט, ווען דאָס ווייבל האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין. דער העלד, וואָס האָט קאַלטבלוטיק אַראָפּגעלאָזן צוגן פון די רעלסן, אַוועקגעלאָזן מיטן רויטן האָן פּיינטלעכע דערפער און אויסגעלייגט דייטשן, האָט דאָ פּלוצים מורא באַקומען פאַרן ווייבל פּעסל און פאַר די שיינע פריינד אירע. פּונקט ווי זי איז אים די ערשטע צייט נאָענט געוואָרן, אַזוי האָט ער מיטאַמאָל דערפילט צו איר אַ גרויסע פרעמדקייט. אויך זענען אים די לאַגער־רייד זייערע נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין זיך אויף די „האַרטע" און „ווייכע", אויף די „חזירימלעך"... די מיידלעך זיינע האָבן גאַרנישט גערעדט, נאָר אין זייערע פאַרלוירענע בליקן האָט ער זייטיק באַמערקט אַ פאַרשעמטקייט און — ווי זיי דרייען זיך אָפּ אָנצוקוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— זאָלסטו מיר געזונט זיין... — האָט דער ייד נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין
— דאָס סודען זיך אין די ווינקעלעך... גאָלד... גאָלד... ס'איז אייך ווייניק געווען איינצוזען וואָס פאַרא ווערט דאָס גאָלד האָט... מענטשן נאַרישע...

— ביסט אַ שלימזל, אַ בטלן!... — האָט זי זיך געהאַלטן ביי די זייטן, ס'ווייבל, וויגנדיק מיט די שווערע אויערינגען, אין מעסער־גלאַנץ פון די אויפגעלויכטענע אויגן, אָפּן, פאַרן גאַנצן עולם אַרום טיש — אַבי כ'האָב געמיינט, שלמהלע, אַז ביסט אַן אויסטויגער... ווען איך ווייס עס פריער... צען פאַר איינעם האָבן זיך געריסן איבער מיר... ווי די הינט האָב איך זיי געטריבן...

אַזעלכע רייד איז ער נישט געוווינט געווען צו הערן. ס'איז אים אַ חרפה געווען פאַר די אומגעקומענע, פאַר זיינע אייגענע מיידלעך, פאַר דער פּולער שטוב פרעמדע יידן. ס'איז אים ביטער געווען, דעם ייד. ער האָט באַטראַכט, אַז ס'איז שוין באַלד אפשר גלייכער צו נעמען דאָס פּעקל און לויפן צוזאַמען מיט די אַלע יידן, אַוועק פון דאַנען, אָפּהאַקן וואָס פריער. אָבער וווהין לויפן? ער האָט געוווסט וואָס די פרעמד איז — די צופעליקע בעטן, די צוזאָגענישן פון די יונגעלייט, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום. זיי האָבן קיין וואָר וואָרט נישט. זיי זאָגן צו הרים וגבעות און רינען אויס.

ער האָט זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו די הייסע גערעדערייען פון די איבער־געשראָקענע יידן אַרום טיש.

— איי, אַן אייגן ווינקעלע!... — האָט דאָרט איינער, אין אַ לאַנגער בע־קעשע, געזיפּצט — אַז איך וויל זיי קיינס מער נישט קענען... אָטאָ־דאָ ליגן זיי מיר...

— און איר מיינט, ר' ייד — האָט אים קורט ווינקלער געזאָגט — אַז ערגעץ אַנדערש זענט איר שוין פּטור פון זיי?... אומעטום וועט איר זיך דאַרפן שלאָגן פאַר אַ שטיקל היים...

אדרבה, ארץ ישראל איז דעם ייד שלמה הורוויץ אויך געפעלן. די מיידלעך האָט עס אוודאי געצויגן צו פאָרן זען אַ וועלט. מילא, אַז זיי וועלן דווקא וועלן. דאָס איז אָבער גוט פאַר יונגוואַרג. איבער דריי יאָר האָט ער פאַרטיידיקט דאָס נאַקעטע לעבן אין די וועלדער. ער האָט זיי ליב געהאַט, די וועלדער. פון יינגל־וויייז אָן האָט ער געלעבט אין די וועלדער, ווו זיין פאָטער איז געווען אַ שטיקל מבין און אַ שטיקל מעקלער. ער האָט געפילט, ווי דער זאַפט רינט אונטער דער

קאָרע, ער האָט פאַרנומען די האַרבע סמאָלע־ריחות. אויב לויפן, האָט ער געהאַט אַ וויטן פאַרלאַנג, איז אַהין, אין זיינע קאַנטן, ווו ער קען יעדן שטעג. אָבער צוריק אַהין — איז אויך נאַריש. ס׳וועט אים אַרויסטרייבן פון דאָרט.

און כאָטש דער יונגערמאַן מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז דאָרט אָפּ־געלעגן טאָג און נאַכט, געוואָרפן זיך מיט טויזנטערס, געהאַלטן זיך אין איין סודען אין די זייטיקע צימערן מיטן ווייבל און זי האָט געלאַכט, איז גראָב גע־וואָרן פון בלויזן לאַכן, האָט זי דעם מאַן גערופן „שלמהלע״, געלאָפן אים דער־לאַנגען טיי, אַוועקגעשטעלט פאַר אים דאָס איבערגעשטאַנענע עסן, ווען ער איז שפּעט צוריקגעקומען פון גאַס, און זי האָט איידל אונטערגעבייזערט זיך אויף די מיידלעך, פאַרוואָס זיי גיבן נישט אַביסל מער אַכטונג אויפן טאַטן. דעם ייד האָט געפרעסן אַ בייזער וואָרעם, ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, נאָר אויס־צושיסן; כאָטש ס׳איז גאָרנישט געווען אין זיין טבע נישט אַ שריי צו טון אַמאָל. דער יונג אין די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז איצט אָפּטער זיצן־געבליבן ביז שפּעט, צווישן אַ טומלדיקער חברה, געשפּילט אין קאָרטן, געשפּילט מיט די שווערע רינגען אויף זיינע פינגער.

„טפו זאָל עס ווערן!״... — האָט זיך דער ייד לסוף אויפגעריסן פון טיש, אַ שפּיי געטון און געקלאַפּט נאָך זיך מיט אַלע טירן.

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק שלאָפן אין אַן אַנדער צימער, איבער־געלאָזן איר דאָרט מיטן הימל־בעט אין דער אויסגעפּוצטער שלאָף־שטוב. דאָס ווייבל פּעסל האָט עס אויפגענומען ווי קיינמאָל גאָרנישט, מיט אַ לאַכעלע.

— שוין ?!... — האָט זי געוויגט מיט די שווערע אויערינגען — האָסט מיך שוין מער נישט ליב, שלמהלע ?...

ס׳איז איר אַפילו גאָרנישט איינגעפאַלן אַרויסצוציען זיך פונם הויז. עס זע־בען נאָך דאָרט געשטאַנען געגנוג פאַרקלאַפּטע, ליידיקע צימערן. פון איצט אָן זענען אירע געסט געקומען דורכן היגטערשטן אַרויפגאַנג. דער יונג מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז אַצינד געוואָרן אַ גאָר אָפּטער איינגייער ביי איר דאָרט. מ׳האָט אַפילו דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ גאַנצער מאַכער אין די לאַגערן, אַז ער האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ סך גאָלד. ער האָט איר דאָרט אָנגעברענגט פון כל׳ער גוטס. ביזן האַלבן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין די פאַרביקע, צעפלויגענע פּיזשאַמעס, געדרייט זיך אין דער קיך, אַרום די בראָט־אויוונס, געקאָכט, געבאַקן, געפּליקט פעדערן פון הינער און גענדז, געהאַט כסדר פאַרנאַשטע ליפּעלעך.

— צ׳זענט נישט קאַן לאַאַט... — האָט זי געבראָקט איר קעלצער יידיש, מוסרנדיק די מיידלעך — באַ מיר וואָלט ענקער פוטאָ נישט געגעסן אין דער בי־ליקער קעך... ביי די קאָמיטעטס־לאַאַט...

די שעמעוודיקע מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעדרייט, נישט געענטפערט, דורכ־געשאַרט זיך דעם קאָרדיאָר מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ; אויסגעמיטן אַפילו די בליקן פון זייגוולען און פון קורט ווינקלער, וואָס האָבן דאָ אַלץ נאָכגעקוקט מיט חידוש. דעם ייד, שלמה הורוויץ, האָט עס אינעווייניק געקאָכט, אָבער ער האָט עפּעס נישט געקאָנט אויספּלאַצן. ער איז, נאָך אַלעמען, געווען אַן אײדעלע נשמה. ווען ער שרייט זיך אויס, וואָלט אים אַוודאי לייכטער געוואָרן. ער איז פאַר דער קור־

צער צייט געוואָרן צוריק אָפּגעלאָזן. די האָר האָבן זיך געזילבערט און די ווילדע וואָנסן, וואָס ער האָט זיי געטראָגן אין וואַלד, האָבן צוריק פאַרדעקט זיין גע־קאָרבט פנים. אַ נעץ פון קנייטשעלעך איז אים געשטאַנען אַרום די אויגן. ס׳איז געווען פון צער. ער איז אַוועק באַגינען און אומגעקערט זיך שפּעט אין אָוונט. אַזוינס זאָל אים פּאַסירן, נאָכן וואַלד, נאָך די אַלע ביטערע יאָרן — האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט. ער האָט בכלל גענומען קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף אָט דעם יידישן אַנגעלויף. ס׳האָט זיך אים גאָר גענומען דוכטן, אַז נאָר דער ערב־רב איז לעבן־געבליבן; און אויף וועמענס חשבון?

פון אירע צימערן דאָרט האָט זיך איצט געטראָגן מיט פריילעכן טומל, מיט געלעכטערן. מ׳איז געגאַנגען אַריין און אַרויס. דער ייד האָט פשוט מורא באַקומען פאַר זיינע אייגענע מיידלעך, פאַר זייערע באַקאַנטשאַפטן; און אַפילו די שטילע יונגעלייט, וואָס זענען אין אָוונט געזעסן ביי אים, האָט ער איידל געגעבן אָנצו־הערן, זיי זאָלן מער נישט אַרויפקומען.

דווקא זייער שטילע בחורים. איינער פון זיי, מוניע, אין דער מיליטערישער רובאַשקע, איז דאָ נישט לאַנג דעמאָביליזירט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי און האָט געטראָגן אַ פולע ברוסט מעדאַלן. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער וואַקסט אַרויס פון דער רובאַשקע, צעשפּאַרט זי. ער האָט פאַרנאַכט־צייט אָפּגעוואַרט נעמי׳ן אויף די ברייטע טרעפּ צו דער וועראַנדע און איז צוגעפאַלן צו איר:

— ס׳אַרט דיך, נעמי... איכל שוין רעדן מיטן טאַטן...

— רעד!... — האָט זי געמאַכט, כמעט ברוגזלעך, און דערביי נישט אויפגע־הערט צו לאַכן.

דער אַנדערער, הערצקע, אין די גאַליפע־הויזן, האָט אומגעדולדיק גע־וואַרט פאַר דער טיר, אין דרויסן, שפּאַנענדיק אַהין און צוריק אויפן טראָטואַר. ער האָט אָבער געוווסט, אַז רות׳ן ציט עס צו מוניען און דערפאַר טאַקע איז זי אינגאַנצן נישט אַראָפּגעקומען.

זיי האָבן זיך געקליבן אויף ערד־אַרבעט, די יונגעלייט, דאָ אין דער נאָענט ערגעץ, און זיי האָבן דווקא געוואָלט, אַז די מיידלעך זאָלן מיט זיי מיטפאָרן. צוזאַמען וועט זיין היימלעכער און בכלל... ס׳איז געווען זייער חלום נאָך פון ראַטנפאַרבאַנד, אין קאָלכאָז, צו האָבן אַן אייגן שטיקל ערד און צו באַאַרבעטן עס מיט אייגענער מי.

אויפגעריסן, ווי אַ בלאַטער, האָט דעם גאַנצן פלאַנטער דאָ די אומגעריכטע מעשה מיטן גאָלד. דאָס ווייבל איז נאָך געוואָר געוואָרן דערפון אַ סך פריער. סיי־ווי האָבן זיי זיך שוין געגרייט אַ ליאַדע טאָג אַריבערצופּעקלען זיך „אויף יענער זייט", אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד. איז געקומען עפּעס אַן אַלטער פאַליאַק און דערציילט, אַז ערב זייער מפּלה האָט דער אַדוואָקאַט געזאָלט פאַר־שטעקן דאָ ערגעץ אַ סך גאָלד, וואָס זיין זון, דער ס.ס.־מאַן, האָט מיטגעברענגט פון „אָסטן". געדאַרפט האָט ער פונקט פאַלן אויפן ווייבל פעסל. עטלעכע טעג איז שטיל געווען, דערנאָך האָט ער זיך ווידער געיאָוועט. זי האָט אים דאָרט שנעל אַריינגעכאַפּט צו זיך, אים לאַנג אָפּגעהאַלטן און מ׳איז, זעט אויס, נישט אַדורכגעקומען. דער יונג אין די אַפּיצערסקע שטיוול האָט זיך אָפּטער גענומען

דרייען בייטאָג אין הויז; מ׳האָט געהערט ווי ער רייסט דאָרט אויף די פּאָדלאָגעס, די טירן, די ווענט, ווי מען נישטערט. מ׳האָט געהערט אַ קריגעריי, עס זענען געפאַלן בענקלעך, ס׳ווייבל האָט געקוויטשעט.

דערנאָך האָט זיך דאָס ווייבל אויף די שפּיצן פינגער גענומען דרייען אין קאָרידאָר, רעדן שמייכלענדיקע רייד צו די מיידלעך, צושטיין:

— איך אויף ענקער אָרט... — האָט זי געמאַכט מיט די פאַרנאַשטע ליפּן — וואָלט גליקלעך געוואָרן... צ׳זענט נאַרישע מוידן...

די מיידלעך האָבן דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, האָבן זיך מיט פּלאַ־טער אָפּגעדרייט. זיי האָבן נאָר באַמערקט פון דער זייט, ווי זי באַלעקט זיך די ליפּן, נישטערט מיטן בליק אין אַלע ווינקעלעך. דאָס ווייבל איז געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס גאָלד ליגט ערגעץ פאַרשטעקט ביי זיי דאָרט אין די צימערן, מען דאַרף עס נאָר אַ גוטן זוך־טון. אַז די מיידלעך האָבן זיך אָפּגעדרייט, איז זי זיי נאָכגעלאָפן פון איין טיר אין דער אנדערער. אַ גאַנצן טאָג האָט זי אַריינגערעדט אין זיי. זי האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט, אַרומגעדרייט זיך מיט אויסגע־שרויפטע אויגן, געזוכט, גענישטערט, געפּרווט דעם אָפּקלאַנג פון די פּאָדלאָגע־ברעטער, איינגעהערט זיך צום סקריפּ פון די טירן און איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל מיט אויסגעלופּטע אויגן, ווי אַ משוגענע. זיי האָבן נאָר געציטערט, די מיידלעך, אַז דער יונג אין די אָפּיצערסקע שטיוול זאָל אַמאָל נישט אַריינקומען. אין זיינע האַמעטנע באַוועגונגען און אין זיין בליק איז געווען עפּעס שלעכטס. ער האָט אַלעמאָל געפּיפן פון צווישן זיינע דיקע ליפּן און אָנגעקוקט זיי דורכ־דרינגלעך.

ס׳איז געווען צווישן טאָג און נאַכט; און וואָלט כאָטש געווען אָנגעקומען איינער פון די לאָקאַטאָרן, זיינוול, אָדער דער דיקלעכער אַקטיאָר. זענען זיי אָבער געווען פאַרפאַרעט, האָבן זיך געקליבן אַוועקצופאָרן. די מיידלעך האָבן געוואָלט אַ פאַרקלאַפּ־טון די טיר און אַרונטערלויפן די שטיגן.

דער ווינטערדיקער פאַרנאַכט איז אומגעריכט צוגעפאַלן. זוכנדיק דאָרט אויפצודרייען דאָס ליכט, האָט זיך דאָס ווייבל פאַרפּלאָנטערט אין די שווערע פאָרטיערן און איז אַוועקגעפאַלן אויפן דיוואַן. זי האָט דאָרט הויך געהעשעט און די מיידלעך האָבן גאָר מורא געהאַט צוצוגיין. צו די הויכע פענצטער האָט גע־קלעפּט אַ ווינטערדיקער נעפּל, עס האָבן זיך געזען איינציקע, צעשמירטע פייער־לעך איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט אין חורבות. זיי האָבן אַ לויף געטון צו דער טיר. דאָס ווייבל האָט זיך אויפגעריסן און גענומען נאָך זיי היפּערן, ווי אַן אונטערגעשאָסענע קראָ. זיי האָבן נאָך דערהערט אַ שווער פאַלן, אַ דינעם, לאַנגן קוויטש, ווען זיי זענען, אין איין אָטעם, אַרונטערגעלאָפן די ברייטע טרעפּ פון גאַניק.

# קאַפּיטל זעקס

לאַנג איז דער ייִד מיט די טעכטער סײַ־ווי מער נישט פאַרבליבן אין הויז. ס׳איז געווען אַ וויסטע בהלה. ייִדן האָבן אין די נעכט געצויגן צו דער גרענעץ. איינגעפּונדעוועטע דירות, געשעפטן, וואַרשטאַטן זענען ווידער שטיינגעבליבן אויף הפקר. נאָכן טומל דאָרט, נאָך זייער פאַרשווינדן, נאָכדעם ווי זיינוול און קורט ווינקלער זענען אויך אַוועק, האָט שוין איצט קיינער מער אין די צימערן נישט אַריינגעשמעקט, ווי מען וואָלט פון דאָרט אַראָפּגעטראָגן אַ מת. „טפו זאָל עס ווערן!... — איז דער ייִד אַרומגעגאַנגען און געבורטשעט אין די וואָנסן אַריין — אַ פאַרשאָלטן הויז!״... ס׳האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָ איז נאָך מער פאַרפלאָנטערט, ווי אין די וועלדער. דאָרט איז אַלץ געווען פּשוט — מען לויערט, מען באַפאַלט דעם שונא אין אַן אומגעריכטער מינוט. רות האָט געשריגן: „לאָמיר גיין נאָך ארץ״... און די דינערע, מיטן לאָק אין די אויגן, נעמי, האָט געוואָלט אַהין, צו דער פערמע, ווו מוניע, אין דער רויט־אַרמייאישער רובאַשקע, באַאַרבעט די ערד.

כאָטש זי האָט אים געטריבן פון זיך, האָט עס איר נאָך פונדעסטוועגן געצויגן צו יענער אויסגעשטערנטער נאַכט, אינם בריטשקעלע, צום ווילדן קוש, פאַר וועלכן זי האָט אים באַצאָלט מיט אַ פּאַטש... ס׳איז געווען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט אין אַ פרעמד, ניי, אומבאַקאַנט לאַנד, וווהין די מיידלעך זענען פאַרבעטן געוואָרן. געמויערטע ריינינקע דייטשע דערפער און די ערד אין די טיפענישן איז פול מיט אוצרות. ייִדן אַרבעטן, גייען נישט מיטן איינגעבויגענעם רוקן, ווי דאָרט, ווי אַמאָל, קוקן דעם שכן, דעם פּויער, גלייך אין די אויגן אַריין. „איך ווער צעריסן!״... — האָט שלמה הורוויץ געבורטשעט; און אַלע פּאָר טעג זענען די יונגעלייט געקומען און צוגעשטאַנען:

— קומט צו אונדז, ר׳ שלמה... אַ שטוב — ווי אַ פּאַלאַץ! קוילן און האָלץ אַ פּולינקע שטאָל. פרישע מילך פון דער קו־אַוועק... ס׳איז פריילעך... מען פאָרט אין „סאַנקעס״... מיר גרייטן זיך צום פרילינג־פּאַרזיי...

ס׳איז געווען אַ גרויער פרימאָרגן, אין שפּעטן מערץ, ווען דער ייִד מיט די טעכטערלעך האָט פאַרלאָזן די שטאָט. ביז נאָכן האַלבן טאָג האָבן זיי זיך אָפּגעשאָקלט אין אַנגערויכערטן וואַגאָן. צוויי יונגע רעקרוטן, נישט־אויסגעשלאָפענע, האָבן געגעסן שוואַרצע קישקע, געזופּט פון איין פלעשל און ביי יעדן שלוק אַ מעסט געטון מיט אַ פאַרקוועטשטש אויג און פריילעך געזיפצט: „אַ, יעזו!״... פויערימלעך האָבן געשאָלטן דאָס וועטער און גערעדט וועגן פרייז פון זריעה. די נאָנע ביים פענצטער איז געזעסן און פרום געשאָקלט זיך איבערן סידורל...

בײדע מײדלעך, פאַרװיקלט אין טיכער, און דעם קלענער־געװאָרענעם ייד, אין דער צעאָדערטער װאַטענער װעסט, װאָס ער האָט זי נאָך מיטגעבראַכט פון די װעלדער, האָבן די פלינקע יונגעלײט, מוניע און הערצקע, שױן אָפּגע־װאָרט מיטן בריטשקעלע פאַרן קלײנעם װאָקזאַל. דאָס יונגע רײט־פערד, װאָס זײ האָבן אײנגעהאַנדלט פאַר קלײנע געלטער בײ די עװאַקואירטע דײטשן, איז נישט אײנגעשטאַנען אויף אַן אָרט, אויסגעקלאַפּט פונקען פון די שטײנער, איז געפלויגן אַקעגן נאַכט צװישן דער שורה נאַקעטע ליפּעס. ס'האָט געגאָסן אַ דינער רעגן. אַ װינט האָט בײ די מײדלעך געריסן די טיכער פון די קעפּ. דאָס יונגװאַרג אויף דער קעלניע האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן:

— מיר האָבן געמײנט, ר' שלמה, אַז איר װעט שױן נישט קומען... כ'װײס... אַלצאײנס מאַכן אַזאַ „יאַזדע", איז שױן אַביסל װײטער... „אויף יענער זײט"... יידן ציט עס, זײ האָבן נאָך װײניק האָניק געלעקט...

— זאָלן זײ לויפן... — האָט דער ייד טויב געשריגן אין װינט אַרײן — מיך ציט עס נישט דערװײל...

עס זענען אים געפעלן געװאָרן די פּראָסטע, אײנפאַכע רײד זײערע, די װילדע ענערגיע, װאָס שפּראָצט אין די דאָזיקע געזונטע בחורים. מיט אַזעלכע... — האָט ער זיך דערמאָנט די ייִנגלעך אין די װעלדער — איז גוט געװען אָװעקצולאָזן זיך אויף אַן אַקציע... דאָס מאַכט נישט אין די הויזן... ס'איז גוט — האָט ער באַ־קלערט — ס'איז אפשר בעסער, װאָס ס'האָט זיך אַזױ געמאַכט — ערד... װעל־דער... ס'שמעקט מיט היים... און אַזעלכע יונגעלײט קען מען די מײדלעך אויך אָנגעטרויען; נאָר עפּעס װאָרפן זײ זיך — דער געפעלט זײ נישט, יענער גע־פעלט זײ נישט... יונגע קאָזעס...

און ער האָט ראַפּטום אַ נעם געטון בײ אײנעם פון זײ דאָס בײטשל פון דער האַנט אַרױס. בײם פאַרדרײ צום בריקל האָט דער אָנפאַרנדיקער װאָגן שיער נישט צעטומלט דאָס יונגע רײט־פערד. די פײערן האָבן עס אַ שפּריץ געטון אין די אויגן; דאָס פערד האָט פאַרריסן די פאָדערשטע פיס. נאָך גוט, װאָס דער שאָפער האָט באַצײטנס פאַרהאַלטן די מאַשין. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער שאָפערקע און געגװאַלדעװעט:

— מען זעט שױן הײנט נישט װוּ מען פאָרט ?!...

— אָ, ס'איז בערמאַן... ער פאָרט נאָך די יאַלעשקעס קײן װילטשע !...

— פירסט זײ, די אורחים ?... — האָט דער שאָפער, װאָס האָט זיך נאָר װאָס געבײזערט, שױן געלאַכט — געמעגט מיטנעמען אַ זון־שירעם ! ס'גיסט...

פון דער פינצטער האָט זיך אַרויסגעשניטן דאָס טורעמל פון שלאָס. די הינט זענען אָנגעלאָפן אַנטקעגן מיט אַ בילערײ. די נאַכט־װאַך, מיטן אויטאָמאַט פאַר־זיך, איז געגאַנגען אויפשפּאַרן דעם אײנפאָר־טויער.

דערנאָך איז מען געזעסן אין דער נידעריקער פויערישער שטוב מיט די סקריפּענדיקע קאָמאָדן, מיטן אַלטמאָדישן װאַנט־זײגער, װוּ אַ פויגל איז אַלע פערטל שעה אַרויסגעשפּרונגען און צעקרײעט זיך װי אַ האָן. איבערן ברײטן טיש איז אַרונטערגעהאַנגען אַ הענג־לאָמפּ. דער געבלימלטער סערװיעט איז גע־װען באַשטעלט מיט רײנינקע טעלער, מיטן שטעמפּל פון דער פירמע „גראַודענץ",

אין ברעסלאַו. די יונגע באַלעבאָסטע, אַ וואַרשעווער ווייבל, האָט דערלאַנגט צום טיש פאַרעדיקע קרעפּלעך פון קאָרענעם מעל, אָנגעפּילט מיט קעז, אָוועקגע־שטעלט אַ גרויסע קרוג מילך און האָט דערציילט וועגן די בהמות, וואָס מעלקן זיך דערווייל שוואַך.

— מיט דער ערשטער זון וועט מען זיי אַרויסטרייבן אויף פּאַשע... דאָס שטייט דעם גאַנצן מעת־לעת און מאַלעגייערט, קען עס עפּעס רעכטס זיין?... פאַרזוכט פונדעסטוועגן מיינע קעז־קרעפּלעך... זיי האָבן טעם גן־עדן...

זיי זענען געזעסן אין דער אָנגעהייצטער שטוב ביים אָגראָנאָם שאַיע. ער האָט פאַרמאָגט אַ ווילדע טשופּרינע און אַ קרום וואָנסעלע אונטערן פאַרדרייטן דאַשיק. „איי, ווען מיר האָבן כאָטש אַזאַ־אַ שטיקעלע ערד אין עמק״... — האָט ער גע־זיפצט און דערביי געשאָלטן אַלע קאָמיטעטן, נישט געהאַט קיין ברעקל צוטרוי ווהין עס קומען דאָרט אַהין די קהלשע געלטער.

— פערד האָבן זיי אונדז איינגעהאַנדלט ביי די אַנגעפאַרענע פּאַליאַקן! כ׳וויס גאָרנישט ווי אַזוי כ׳וועל אַרויספאָרן מיט זיי אַקערן, אַז ביי אַ ליאַדע „יאַזדע״, ווערן זיי מיר נאַס און כ׳מוז זיי אַרויפוואַרפן דעם פּאַלטן, אַנישט באַ־קומען זיי ס׳קדחת... שטייען און פרעסן! ס׳ביסל מיסט אַרויסצופירן, איז מיר אַ רחמנות אויף די חיות. וויפל מאָל מ׳האָט זיי געבעטן אַ טראַקטאָר! היינטער קוי־בישעוו, אין קאָלכאָז, האָבן זיי באַדאַרפט קומען! מיטן פאַרזיצער פון מיין קאָלכאָז, מיט האַווריליוקן, האָבן זיי באַדאַרפט האָבן צו טון! ער וואָלט זיי שוין אָנגעריבן אַ מאָרדע!...

— כ׳קען זיי דאָרט — האָט שלמה הורוויץ גערעדט שווער, געלאַסן, אין די וואָנסן אַריין — גלויבט מיר, זיי האָבן דאָרט אויך גענוג קאָפּ־פאַרדרייעניש. איר מיינט, אַז מען קען אַזוי אַלעמען נאָכקומען?

די נידעריקע, אָנגעהייצטע שטוב האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפּילט מיטן פּויערישן עולם. מ׳איז אַריינגעקומען, געכאַפּט אַ וואַרעם טון די הענט אין ווינקל, ביים צעגליטן אויוון, היימיש באַגריסט זיך מיט די פּריש־אָנגעפאַרענע געסט.

— איך, דוכט זיך, קען איך פון טאַשקענט... — האָט זיך צו שלמה הורוויץ אַ ווענד געטון אַ נידעריקער, פעסטער יונגערמאַן, אין אַן אויסגעריבענעם פרענטש — איר האָט נישט אַמאָל געאַרבעט ביי די צושניידער אויפן „פּאָרטנאָי זאַוואָד״? — און ער האָט קורץ אַרויסגעלאַכט — איי, וואָס ס׳האָט זיך דאָרט דערנאָך אָפּ־געטון אויפן „טאָלטשאָק״... פרעגט נישט!...

דער יונגערמאַן האָט פאַרשטעקט די הענט אין ביידע טאַשן פון די גאַליפע־הויזן, געשטאַנען אינמיטן שטוב און זייטיק געכאַפּט אַ טשיקאַווען בליק צו די ביידע מיידלעך אַרום טיש. נאָר אַרום די מיידלעך זענען שוין אַרומגעשפּרונ־גען ביידע, מוניע און הערצקע. דאָס אַביסל שעמעוודיקע בחורל מוניע האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טון פאַר די ליבע געסט. ער איז געלאָפן אַריין און אַרויס און איז צוריקגעקומען אַ שיינענדיקער: „נעמי... — האָט ער זי איינגערוימט — ס׳וועט באַלד אַלץ זיין גרייט״... רות, די דינערע, מיטן בלאָנדן לאָק אין די אויגן, האָט זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט, ווי נישט איר מיינט מען. זי איז געזעסן מיט

פארשנורעוועטע ליפּן, אָבער מ׳האָט געזען, אַז זי איז פונדעסטוועגן נישט אַזוי אומצופרידן. רות, וואָס איז געווען שווייגנדיק און פאַרביסן, האָט שוין איצט צוריק געשמייכלט און האָט געהאַט חן־גריבעלעך. אפשר האָט זי אַזוי דין געשמייכלט, וואָס הערצקע איז דאָ געשטאַנען אַ פאַרלוירענער אינמיטן דער גערײדעריי און נישט געוווסט ווו אַהינצוטון זיינע הענט. „הערצקע... — האָט זי אים היימישלעך אַ רוף געטון — הערצקע״... זי איז געזעסן אַ צעשפּיליעטע און אַ וואַרעמקייט האָט געשלאָגן אין אירע באַקן אַריין. זי איז געווען אַ פולערע; דאָס ווייסע סוועטערל האָט בולט אויסגעטיילט די מאַטקייט פון איר רונדיק געזיכט מיט די שפּרענקעלעך.

די מיידלעך האָבן זיך דאָ טאַקע דערפילט זייער היימיש, היימלעכער ווי אין די גרויסע זאַלן אין שטאָט, אָנגעשטעלט מיט די שווערע, געשניצטע מעבלען, היימלעכער ווי צווישן די יידן מיט די הייסע אויגן, די צעטומלטע, וועלכע האָבן געפירט טונקעלע געשעפטן און געצויגן איבער דער גרענעץ. אויסגעפרווירן און מיד, איז ליב געווען צו געפינען אַ ברייט בעט מיט גרויסע, היימישע פּערינעס, אין אַ שטוב מיט וואָזאַנעם אויף די נידעריקע דאָרפישע פענצטער. איבערן דאַך האָט אַ ווידער אַ גאַס געטון אַ רעגן, וואָס האָט פאַרוויגט. אַ וועק־זייגער האָט דאָ ערגעץ געקלאַפּט. עפּעס איז דאָ אַלץ שיער נישט געווען אַזוי ווי דאָרט, אין דער אַלטער היים, ווו זייערע קינדערישע וויגן זענען אַמאָל אַרונטערגעהאַנגען פון נידעריקן באַלקן, אויף אַ האָקן, און ס׳איז פאַרגאַנגען אַ זויערלעכער ריח פון מילכיקס.

מ׳האָט זיי צוגעטיילט צוויי גרויסע שטיבן מיט די פענצטער אין סאָד אַריין. די פורן האָבן געברענגט אביסל מעבל פון שטאָט, די פּיאַנע אויך. די שפּערלען זענען אין דעם יאָר פרי צוריקגעקומען אין די אָנגעשלאָגענע הייזעלעך איבער די פויערישע דעכער. דאָ איז מען געווען ווייט פון שטאָטישן טומל, פון די היימלאָזע, וואָס האָבן געצויגן טאָג און נאַכט איבער די חרובע גאַסן. מען האָט געהערט ווי די באַן גייט פאַרביי. אין דער פרי איז דער טאַטע אַרויסגעפאָרן מיט די אויפגעלאָדענע פורן מיסט אין פעלד אַריין. ער האָט פריילעך געשמיצלט די פערד און איבערגעווערטלט זיך מיט די יונגען. אַביסל האָבן די מיידלעך געאַרבעט אין שטאַל, אַביסל ביים איבערקלייבן די זריעות.

דער אַגראָנאָם שאַיע איז אַרומגעגאַנגען אין באַגינען איבערן הויף מיט אַ שטרויעלע אין מויל, אַ פאַרחושטער, דעם דאַשיק אויפגעשטעלט. ער האָט שוין באַצייטנס געבראַכן זיך דעם קאָפּ וועגן פאַרזיי — אויף וועלכן שטיק פעלד צו מאַכן ווייץ, אויף וועלכן גערשטן און אויף וועלכן קאַרטאָפל. ער האָט זיך אויך געקליבן אין וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אַריין, צו געבן זיי דאָרט די אמתע עליה פאַר די איינגעהאַנדלטע פערד. ער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער, אַ פעסטער, ווי אַ פּניאַק, וואָס קיין שום שטורעם קען אים נישט אַרויסרייסן. ער איז דאָ געגאַנגען אויף אייגענער ערד. אין די ביטערע פאַר יאָר איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן אין מערב־סיביר, אין אַ קאָלכאָז. ער האָט דאָרט אויסגעפונען און געוויזן זיי אַ ניי סאָרט מיטל פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג. זיי האָבן אים גאָרנישט געוואָלט אַוועקלאָזן פון דאָרטן, נאָר ס׳האָט אים, ווי אַלע יידן, געצויגן אַפּצוזוכן די היימישע. איז ער אַוועק מיט דער פּוילישער אַרמיי און ווי אַן אונטער־אָפיציר, גע־

האָלפן באַפרייען די מערב־געביטן. ער האָט געהאָלפן אויסרויכערן די דייטשן. דאָ, ביים אָדער און ביי דער ניסע, האָט ער זיך געשלאָגן, נקמה גענומען. ער האָט אַ נעם געטון צווישן זיינע פאַרהילצערטע פינגער אַביסל ערד פון נידער־שלעזיע און האָט איינער פון די ערשטע געלאָזן פאַלן: „דאָס וועט אויך זיין מיין נקמה". ער איז געווען צופרידן צו זען יידן באַזעצן זיך דאָ אין די שטעטלעך, נאָענט פון די לאַגערן, פון וואַנען זיי זענען, האַלב־טויטע, באַפרייט געוואָרן. ער איז אַרומגעלאָפן צו די קאָמיטעטן, פאַרגעלייגט, גערעכנט אויף די פינגער און האָט זיך זיינס דורכגעשלאָגן. דער ערשטער איז ער אַראָפּגעפאָרן אַהער, אַרומגעדרייט זיך, באַקוקט און געזוכט יונגעלייט, וואָס זאָלן אים העלפן.

מוניע און הערצקע, וואָס האָבן אין ראַטנפאַרבאַנד געאַרבעט אויף ערד, זענען אים נאָכגעגאַנגען יעדן טריט. זיין וואָרט איז געווען אַ באַפעל. מיט די אײַבעריקע, וואָס זענען די ערשטע צייט צוגעפאַלן, האָט ער געהאַט גענוג צרות. זיי זענען געקומען, אַ שמעק געטון און זענען באַלד נעלם געוואָרן. „זאָלן זיי לויפן — האָט ער געזאָגט — די דאָזיקע וועלן שוין אין ערגעץ קיין לייט נישט זיין"... ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען מיט דער צעטראָגענער ווירטשאַפט. אַביסל האָט ער אַליין אויספאַרריכט, אַביסל איז ער געלאָפן צו די קאָמיטעטן.

דער ייד שלמה הורוויץ איז אים גלייך געפעלן. ער איז נישט קיין רויער, ער ווייסט וואָס אַ פלאַנץ איז, מיט אים קען מען זיך באַראָטן. ס'איז אים אויך געווען היימלעך, וואָס ס'איז פריילעכער געוואָרן אין דער משפחה. אין דער פרי האָט שאַיע יעדערן איינגעטיילט זיין טאָג אַרבעט.

— איר, מיינע טייערע אידימלעך — האָט ער מיט אַ ווונקעלע פון אונטערן פאַרדרייטן דאַשיק, אָפּגערופן זיך צו מוניען און צו הערצקען — איר וועט אַרויספאָרן מיט די שקאָפּעס צום אַקער. נאָר זעט, פאַרמאַרעט מיר דאָרט נישט די חיות! אַרויפוואַרפן אַ קאָלדרע, טאָמער נעמען זיי שוויצן... איר הערט?...

ביידע האָבן זיי זיך אויסגעצויגן מיליטעריש־שטייף, מיט אַ פול מויל געלעכטער, איידער זיי האָבן אַריבערגעוואָרפן די פיס איבער די פערדישע רוקנס.

— ווי מיינט איר? — האָט שאַיע גערעדט צו שלמה הורוויץ — איז דען נישט גלייכער אַליין אַרויסצושלעפּן דאָס שטיקל ברויט פון דער ערד, ווי צו לויפן אין די קאָמיטעטן?...

— בזעת אפיך תאכל לחם... — האָט דער ייד געענטפערט מיט אַ פסוק — איך, צופעליק, ווייס יאָ וואָס דאָס הייסט, חבר שאַיע... און מיינע מיידלעך זענען אויך נישט קיין אויסגעצערטלטע קינדערלעך... זיי האָבן זיך, גלויבט מיר, גענוג אָנגעבידעוועט...

— עפּעס הייסן זיי דאָך ביי אייך, ר' שלמה, אַקוראַט ווי אין תנ"ך... אַ שאָד, וואָס מען רופט מיך שאַיע, נישט בועז... איי־איי־איי!... — האָט ער ממזריש אַ בליק געטון צום אייגענעם ווייבל, וואָס איז געשטאַנען דערביי.

— אַזאַ אַלטער ביין!... — האָט זי געלאַכט, דאָס ווייבל, געהויבן מיט די אַקסלען און אונטערגעטריבן די קי פון די געמויערטע שטעלער צום טויערל.

— זיי זענען, פאַרשטייט איר מיך, געבוירן געוואָרן ביי מיר אַקוראַט אום שבועות, ווען מען פוצט אויס די שטוב מיט גרינס... — האָט דער ייד שווער אָפּגעזיפצט.

— אַ געלעכטער אין אַ זייט — האָט שאַיע אַ מאַך געטון, אַרויפּרוקנדיק העכער דעם דאַשיק — וואָס, כ'זע נישט ?... די יינגלעך געפינען זיך נישט קיין אָרט... מאַכט זיי חתונה מיט די מיידלעך און פּטור... זאָלן זיין שמחות ביי יידן... טאַקע ווי ס'שטייט ביי אונדז געשריבן: „און בועז האָט גענומען רות'ן און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב"... עצבות, גלויבט מיר, האָבן מיר שוין גענוג געהאַט...

אַלע האָבן איינגעפונען, אַז ס'איז גאַרנישט אַזאַ קרומע זאַך. מ'האָט די ביידע פּאָר־פעלקער אָפּגעגעבן דאָס פאַרקלאַפּטע הויז אין גאָרטן. ס'איז דאָרט פריער געווען אַ זומער־וווינונג פאַר די פּריצישע יונקערס, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר אַרומגעהוליעט אין די גרויסע שטעט. ס'איז געווען אַן איינשטאָקיק הילצערן הויז, מיט לופטיקע צימערן, מיט וועראַנדעס, נאָר אַביסל אָפּגעלאָזן. מ'האָט עס אויסרעמאָנטירט, איבערגעפאַרבט עס פון אויסנווייניק אויף גרין און דאָרט טאַקע איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה. ס'איז געווען אַ פריילעכע חתונה. עס זענען אָנגעקומען פולע בריטשקעס מיט כלי־זמר און געסט. עס זענען געקומען גראַטולאַציעס און מתנות פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט און אַפילו פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע.

דער שניט איז אין דעם יאָר אויסגעפאַלן זייער אַ געראָטענער. ס'איז געשטאַנען אַ שיין, טרוקן וועטער. די ווייבער האָבן געברענגט דאָס עסן אין פעלד אַריין. הינטער די בערג, אויפן האָריזאָנט, ווו עס האָבן געוויכערט די קוימענס פון די קוילן־גרובן און פון די פאַבריקן, איז געשטאַנען אַ זילבערדיקער וואָלקן און ס'האָט געשפּאַרט פון דאָרט אַ שטאַרקע ליכטיקייט. די ליכטיקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין א רעגנבויגן איבערן דאָרף און איבערן פּריצישן טורעמל.

פאַרנאַכט האָבן זיי זיך, נאָך אַ טאָג אַרבעט, אומגעקערט פון פעלד אַהיים. רות און נעמי זענען געגאַנגען מיט פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ, פאַרבראָנזטע פון דער זון. ארום — די פריילעכע חברה.

— מען וואָלט זיי שוין אפשר באַצייטנס באַדאַרפט באַפרייען פון דער ארבעט, איירע טעכטער... — איז דער אַגראָנאָם שאַיע, דעם דאַשיק פאַרריסן איבערן שטערן, געגאַנגען זייט־ביי־זייט מיט שלמה הורוויץ — זיי ווען אונדז אַ ליאַדע טאָג ברענגען אויף דער וועלט נייע יידישע פּויערימלעך...

— דאַכט זיך, וואָס ?... — איז ער געווען גליקלעך, פאַרחושט, שלמה הורוויץ. אויף זיין פּנים איז געווען לייטזעליקייט, בלאָזנדיק דעם רויך פון אַ פּאַפּיראָסל — פאַרוואָגלטע יידן אויף אַלט־פּוילישער ערד... ווי מיר וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן, ווי מיר וואָלטן דאָ געלעבט פון כמה דורות...

— ווי שיין ס'וואָלט געקענט זיין... וואָלט מען אפשר גיכער באַדאַרפט זאָגן, ר' שלמה. אַלט־פּוילישע ערד, צי נישט אַלט־פּוילישע ערד... די ערד איז אַלעמענס און איז קיינעמס נישט. זי שפּייזט דעם מענטש, די בהמה און איז צו אַלעמען גלייך גוט... צי איז עס אויף די פעלדער פון קרים, כערסאָן און אין אונדזער היימישן ביעלאָרוסיע נישט שיין געווען? צי וואָלט עס נישט געקענט זיין שיין אויף די פעלדער פון עמק? אוי, ווי שיין ס'וואָלט געקענט זיין...

# קאַפּיטל זיבן

קורט ווינקלער איז אַוועק אין די אַלטע שפּורן; זיי האָבן אים, אינגאַנצן מיט אַ יאָר צען צוריק, געפירט איבער געגנבעטע גרענעצן, איבער פּאַריז, צו די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע, צו דער טרויעריקער עמיגראַציע, צו די פאַרביסענע ווידערשטענדלער אין די בערג פון סאַוואָ. ער איז געגאַנגען אין די שפּורן פון זיינע „אָסט"־יידן; זיי האָבן געצויגן אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, אין דער וועלט אַריין, וואָס ווייטער פונם אָרט פון זייער אומגליק.

אַ יינגל נאָך, האָט עס אים אַליין אַמאָל פאַרפירט ווייט פון די בעסקידן־בערג, אַזש ביז בערלין; ס'האָבן אים פאַרלאָקט די גרויס־שטאָטישע ליכטער, די ווייטע, שיינע, אויסגעחלומטע וועלט, וואָס הייבט זיך אָן אויף יענער זייט פאַרהאַנג. דאָרט האָט ער איינמאָל געוויינט מיט אמתע טרערן און געלאַכט מיט אַזויפיל ווייטיק, אַז אַלע טעמפּע, אָפּגעפרעסענע דייטשע מיטלבירגער האָבן אַרויפגעקוקט מיט אויפגעריסענע מיילער און נישט פאַרשטאַנען — אַ נייער שיילאָק, אַ געטאָ־ייד, האָט געוויינט און געלאַכט אין דעם פאַרבלאָנדזשעטן יינגל פון די בעסקידן־בערג.

דאָס מאָל איז ער אָבער אַוועק אויף שטענדיק. ער האָט זיי מער נישט געוואָלט קענען. די איבערגעפּאַקטע גאַלעריעס אין וואַרשע, אויף דער קאַראָווע, די יידן מיט די בערד, מיט די קאַפּאָטעס, די ענטוזיאַסטישע יוגנט — זיי אַלע זענען אויסגעקוילעט געוואָרן; טאָ פאַר וועמען וועט ער נאָך איין מאָל שפּילן דעם שיילאָק, דעם נייעם, דעם טויזנט מאָל געליטערטן?

דאָס הויז אין וורא̇צלאַוו איז אויך אויפגעריסן געוואָרן פון אינערלעכע קאָנפליקטן. אַ קראַנקער דור — האָט ער זיך געזאָגט — אַ דור־המדבר.

אין לינץ, אויפן ערשטן זאַמל־פּונקט, ווו מ'איז איבערגעשלאָפן אַ נאַכט, האָט זיך זיינוול אויפגעכאַפּט אַ צעטראָגענער און געזאָגט, אַז ער פאָרט גלייך קיין פּאַריז. ס'האָט אים אַ ציי געטון צו דער ליכטיק־פאַרשייטער שטאָט. דאָרט איז ער אויפגעוואַקסן אין די קליינע שטריקער־אַטעליעס אויפן בעלוויל. ער איז געוועזן אַ מענטש מיט פּלוצימדיקע אימפּולסן; ס'האָט אים אין געדאַנק צוריק אַ פאַרטראַג געגעבן צום גרעל־באַלויכטענעם „באַל־מיזעט"־קעלערל, צום „הער־מיטאַזש", ווו ער האָט אַמאָל געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, אין בענקענדיקן טאַנגאָ, די קליינע, בלאָנדע פּאַריזערין, די שענסטע פאַרקויפערין פון „גאַלערי דע בעל־וויל". ס'איז געווען אַ שיינע אילוזיע; נישטאָ מער קיין מאַדלען, נישטאָ מער קיין היים אין די דריי גאָרן־שטיבלעך אויפן הויכן בעלוויל; נישטאָ אַפילו פאַר וועמען אָפּצוהאָרעווען אַ וואָך און אַהיימברענגען דאָס פאַרדינסט, ווי אַמאָל — צו דער מאַמען.

ער האָט מער נישט געקענט פאַרטראָגן די שטעכל־דראָט־צוימען. ביי די טוי־ערן האָבן זיך אַרומגעדרייט אַמעריקאַנער מיליץ און פלינקע יידישע יונגעלייט, אין געפּאַסטע אָפּיצערסקע שטיוול, מיט בלוי־ווייסע אַרעמבענדער. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָבן יידן געצויגן אַהער דורך אַלע אָפן־געלאָזענע גרענעץ־שפּאַרעס. זיי האָבן זיך דאָ אויסגעמישט מיטן עולם, וואָס האָט געדרייט, געמסחרט, געהאַנדלט. זיינוולען און קורט ווינקלערן האָט געצויגן ווייטער, איבערן דונאַי, קיין ציילס־היים, קיין פעלדהאַפינג, קיין רעגענסבורג, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. מ׳האָט זיך געשושקעט, אַז עס פאַרמירן זיך אומלעגאַלע פּאַרטיעס קיין ארץ. עס זענען פאַראַן קאָנסולאַטן. די וועלט שטייט אָפן. ס׳איז געווען אַ נייע פעלקער־וואַנדע־רונג. אַ וואָך צייט האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט אין פעלדהאַפינג; צוויי נעכט זענען זיי איבערגעשלאָפן אין ציילסהיים. אויפן וועג קיין מינכען זענען זיי אָפּגעשטיגן אין רעגענסבורג. און דאָ, אין די קאַזאַרמעס, איז זיינוול באַלד דעם זעלבן טאָג געוויר געוואָרן, אַז אהרן דרייט זיך אַרום, אין דער אָפּגעשאָסענער אוניפאָרם פון אַ פראַנצויזישן סאָלדאַט.

— נישט אַנדערש, אהרן האָט זיך דאָ ווידער פאַרפּלאָנטערט... — האָט קורט ווינקלער באַלד פאַרשטאַנען — דער נאַאיווער... כ׳קען אים...

אהו־ן איז שטומערהייט נאָכגעגאַנגען ס׳קליינע מיידל. כמעט אַלע פון זיין לאַגער האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט אהיים. אָבער ווו איז דען געווען זיין היים? דער זעלבער אהרן. דאָס עקשנותדיקע שויבערל האָט געפּלאַטערט נער־וועז. ער איז געווען בלייך, מיט אַנגעבלענדטע אויגן, מיט גרוי־ווערנדיקע שלייפן. ער איז דאָ פאַרפאַרעט געווען אין אַ קולטור־קאָמיסיע, אין אַ דראַמ.־קרייז. ווי נאָר ער האָט אָנגעקוקט אהרנען, מיטן קליינעם מיידל ביי דער זייט, האָט ער גלייך אַזוי אַ מאַך געטון, זיינוול:

— קום, אהרן! וואַרף דאָ אַלץ אַוועק און קום מיט מיר!

ביידע ברידער האָבן זיך דערפילט נאָנט אין זייער צער. אַפילו זיינוול, מיט זיין גרויס מויל, מיט זיין שטעל פון אַן איינרייסער, איז געוואָרן נאָכטראַכטעריש. ער האָט שוין מער נישט געזידלט דעם „שמינטעליגענט", מיט די ביכלעך, מיט די דיסוקוסיעס... אַלע אַלטע טענות האָבן מער נישט געהאַט קיין האַפּט. מיט קורט ווינקלער האָבן זיי זיך צעשיידט אויף די קרייץ־וועגן פון די לאַגערן.

— כ׳בין מיד, מיינע יינגלעך... אונדזער געשיכטלעכער וואַנדער, אונדזערע געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס זענען נאָך נישט פאַרענדיקט. קיין סטאַבילע היים בויט מען דערווייל אין ערגעץ נישט. ס׳איז אפשר אַן איבעררייס צווישן צוויי אַקטן... ווער ווייס?... אָבער דאָס מאָל וועלן מיר זיך מער נישט לאָזן...

— נאָכוואָס — האָט אהרן געפרעגט זיינוולען — צוריקפאָרן קיין פּאַריז? איך האָב דאָרט קיינעם נישט. אָדער — צו די רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום, אָדער — מיטגיין מיט די אַלע דאָ...

אַזוי אומגערן איז ער מיטגעפאָרן קיין פּאַריז. אין אַ פּראָסטן מיטוואָך זענען ביידע ברידער געשטאַנען ביים קאָנטואַר אין דער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל", אויפן בולוואַר. די קרומע פרילינג־זון, וואָס איז געפאַלן דורך די ברייטע שויבן, האָט אויף אהרנען אוועקגעלייגט אַ דורכזיכטיקע בלייכקייט. ס׳איז כמעט נישט געווען אויף ווען נאָכצופרעגן זיך. זיי האָבן געשפּאַנט איבערן טראָטואַר. גאַר־

נישט האָט זיך דאָ געענדערט. די זעלבע קאַפעס אין ראָג פון די בלינדע געסעלעך; די זעלבע אָפּגעקראָכענע שילדן איבער די האָטעלן. אומגעריכט האָבן זיי זיך דערזען פאַרן טויער, ווו מ׳פלעגט זיך אַרויפכאַפּן צום גאָרן־שטיבל. זיי זענען אַ ווײַלע שטיינגעבליבן און מיט שטילע טריט אָפּגעקערט זיך.

זיינוול האָט געווינט מיט דער קוזינקע עווא אין אַ באַשיידן דירהלע אויפן בעלוויל, זיך ווידער געפּאָרעט אין זיין שטריקער־אַטעליע. ס׳איז נישט געווען די זעלבע עווא. אַ דורכגעליטענער צער האָט אַרויסגעקוקט פון איר. אויף קיין טריט האָט זי זיינוולען נישט אָפּגעלאָזן. אהרן האָט זיך דערווייל אויפגעהאַלטן, צוזאַמען מיט אַלע פּריש־אָנגעפּאָרענע, אין אַזיל אויף רי דע ראָזיע.

דאָס קליינע מיידל האָט אים געמאַכט אומרואיק. זי איז אים אויסגערונען פון הינטער די הענט. ס׳איז געווען אַן אַלט הויז אויף רי דע ראָזיע. נאָכן אוונטעסן האָט אַ געלער ייִד, מיט אַ פּאַרפעטעסט קאַסקעטל איבער די אויגן, מיט אַ וויסט ברומעניש גענומען זיך אַראָפּרוימען פון די טישן. פון די לעצטע האָט זיך אהרן אַ הייב געטון. ער האָט באַשלאָסן צו גיין זי אויפזוכן. זי איז געווען ווי אַ ווינטל, ס׳קליינע ייִדישע מיידל. צומאָרגנס האָבן זיי באַדאַרפט אַרויספאָרן אויף צוויי וואָכן אָפּרו אין אַלטן שלאָס ביי דער מאַרנע. אין אָוונט האָבן זיי באַשטימט צו גיין זען דעם סאָוויעטישן פילם „וואַרט אויף מיר“. די לאַנגע עס־פּאַלאַטע אין דער ראָטשילד־אכסניה איז שוין געווען ליידיק. אויף די טרעפּן מיט די פּאַרקאָפּטשעטע גאַז־פלעמלעך אין די נישעס, מיט די אָפּגעריבענע מזוזות, איז געווען בלויז געלעכטער און שעפּטשעריי. ער האָט דורכגעשפּאַנט די שלאָף־שטיבן, אַריינגעקוקט אין אַלע אָפן־געלאָזענע טירן. ער איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן אין טויערל, באַטראַכט די אָפּגעריבענע פּאַסאַדן, די גאָרנס, די גאַניקעס. אויפן ברוק זענען ווייך געפאַלן די רעדער פון אַ פּאַרצייטישן פאַיעטאָן, מיט צוויי אויסגעלאָשענע לאַמטערן פון פאָרנט. ס׳איז דאָ נאָך אַלץ געווען פאַרטונקלט, ווי מלחמה־צייט. פון דער ייִדישער קאַפע קעגנאיבער האָט די שויבן־טיר, מיטן אָנגעמאַלטן מגן־דוד, געוואָרפן אַ געלע שיין אויפן טראָטואַר.

די קליינע האָט אים ווי געטון און פאַרדראָסן. דורך אָט דעם קליינעם מיידל האָט ער געהאַט דאָס געפיל צו קלאַמערן זיך אין דעם, וואָס איז געווען דאָרט, אַמאָל. זיי זענען אַלע געווען פאַרבלאָנדזשעטע. אַביסל איז מען געשלאָפן אין טאָג אַריין, אַביסל איז מען אַרומגעלאָפן אין די קאָמיטעטן. זיי האָבן זיך מיטגעדרייט אין די ייִדישע רעסטאָראַנען. צעקאָכטע יונגעלייט און דורכגעטריבענע ווייבלעך האָבן דאָרט געהאַנדלט מיט וואַלוטע, מיט אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, מיט אַלע טריפהנע סחורות. אַרום פול־באַלייגטן בופעט האָבן זיך געדרייט די יונגעלייט פון די לאַגערן. אַ טראָגעדיק ווייבל, כמעט אַ קינד נאָך, פול באַהאָנגען מיט צירונג, איז טריטווייז נאָכגעגאַנגען אַזאַ צעקאָכטן יונגנמאַן. די פלינקע קעלנער האָבן געטראָגן איבער קעפּ פאַרעדיקע טעלער מיט לאָקשן, מיט קניידלעך, מיט קרעפּלעך און געגוואַלדעוועט.

אהרן איז אַרויסגעפאָרן מיט זיי אויף אַ פּאָר טעג אין שלאָס אַריין. די באַן האָט זיי געבערענגט שפּעט צום אויסגעלאָשענעם פּאַלאַץ. ס׳האָט געצויגן מיט לינדער דופטיקייט. די קליינע איז געגאַנגען לעבן אים. דער לאָדזשער בחור,

וואָס שפּייט אויס פון זיך די לונגען, האָט שטיל איינגעטענה'ט מיטן פּאַצעט אין די שטיוועלעך. די צווייַ בלייכע ווילנער מיידלעך האָבן איבער עפּעס געלאַכט פאַרשייט. זיי האָבן אָנגעקוקט דעם פרעמדן הימל, די פרעמדע שטערן.

ס'קליינע מיידל האָט געשמייכלט און איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. זי האָט אהרנען צוגעוואָרפן: — „ביסט אַ נאַר... פאַרשטייסט נישט"... אַלץ מסתמא האָבן די אויגן פון קליינעם, פאַרבלאַנדזשעטן מיידל שוין געזען. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער יונגערמאַן מיט די גראָבע ליפּן האָט ערגעצווו פאַרשטעקט גאָלד, דאָלאַרן.

אין דער פרי איז אהרן צו זיי מער נישט אַרויס. ער איז אויך נישט געקומען אויף מיטאָג. די קליינע איז אים אַפילו נישט געלאָפן אויפזוכן. אין אָוונט איז ער צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. מ'האָט געטאַנצט אויף די טעראַסן פון די קליינע ביסטראָס. דאָס ליד פון מאָריס שעוואַליע, אַקאָמפּאַנירט אין נייעם, אויסקלאַפּנדיקן ריטם פון די ביליקע, אָבער עלעגאַנטע האַלץ־שיכלעך אויף די פּאַריזער בולוואַרן, אָקופּאַציע־צייט, איז נאָך אַלץ געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. די גאַס איז פאַרהילכט געוואָרן מיטן פּאָפּולערן שאַנסאָניערן־ליד. די פלינקע צייטונג־יאַטן האָבן עס אויסגעפייפט אויף די ראָגן, ביי די מעטראָ־איינגענג. מ'האָט עס, אויפן פאַרלאַנג פון פּובליקום, אַקאָמפּאַנירט אין די האַלב־נאַכטיקע, אָנגערויכערטע קאַנטינע־קאַבאַרעטן, פול באַזעצט מיט ביליקן מלחמה־עלעגאַנץ און מיליטערישע אוניפאָרמען. אין גרעלן, רוישיקן ליכט, האָט מען נאָך אַלץ געטרונקען ערזאַץ־קאַפע, פאַרזיסט מיט סאַכאַרין און מוטנעם, וואָסערדיקן ביר. אין די קליינע, לוסטיקע רעווי־טעאַטערן, אין די שאַפּן, אויפן האַלב־נאַכטיקן פּיגאַל, אויפן אַלטן און נייעם מאָנמאַרטר, איז דאָס ליד אַריין אין סאַטירישן סעזאָן־פּראָגראַם, וואָס האָט מיט אַ סך עספּרי און וואָרט־שפּיל, קריטיקירט די רעגירונג, וואָס איז נאָך אַלץ פּראָוויזאָריש, אַ שטאָך געטון די פּאַרטייען, פון רעכטס ביז לינקס, און דער עיקר — דעם ווירטשאַפט־מיניסטער מיט זיין קאָמפּליצירטן קאַרטן־סיסטעם, פון וועלכן ס'האָט זיך נאָך אַלץ נישט געזען מ'זאָל אַזוי שנעל פּטור ווערן.

די גאַס איז באַהערשט געווען פון דער חוצפּהדיקער אַמעריקאַנער סאָלדאַטשינע. די מיידלעך פון טראָטואַר און די קליינע, פאַרהונגערטע, טענצלדיקע מאַגאַזין־פאַרקויפערינס, האָבן אַרויפגעשמייכלט צו די בלאָנדע, צעוואָקסענע אַמעריקאַנער יונגען, צו די נעגערס פון האַרלעם און פון דער „סאַוט". זיי האָבן אַלע מאַלעגיירעט דעם קיי־גומי, געפּלאָנטערט זיך הינטער די פיס ביי זיי אַרום די קאַנטינעס, ביוראָען, גיריק איינגעשלונגען דעם זיסלעכן, פאַרפומירטן אַראָמאַט פון „לוקי סטריק", פון „טשעסטערפילד". די פלינקע דזשיפּס האָבן געוווסט אויפצוזוכן די זייטן־געסלעך אַרום פּלאַץ רעפּובליק, אויפן בולוואַר בעלוויל, די יידישע קאַפעס און רעסטאָראַנדלעך. יידישע ווייבלעך, וועלכע זענען על־פּי־נס לעבן־געבליבן, האָבן לייכט דערקענט די אַמעריקאַנער יידישע סאָלדאַטן, נאָכגעלאָפן זיי איבערן טראָטואַר, אויסצופרעגן זיך אויף קרובים און — אויפן פרייז פון דאָלאַרן...

אַ שטאָט, איבערגעגאָסן מיט געררויש, אַ וויסטער אָנגעלויף פון נייע מלחמה־גבירים, שפּעקולאַנטן, פרעמדע אַרמייען. די יידישע עמיגראַציע איז דאָ

פאַר די עטלעכע און צוואַנציק יאָר פאַרבייגעפלאָסן, און, ווי די מדבר־טייכלעך, וואָס באַווייזן זיך פלוצים און פאַרשווינדן — קיין שפור כמעט נישט געלאָזן. עס הילכן אָבער די זעלבע לידער אויפן בולוואַר. אין אויסגעלײדיקטע יידישע שטובן בלאָזט אַ ווינט. מען קומט אַריין, מען גייט אַרויס; מען געפינט נישט מער די זעלבע רייד. זיי האָבן פאַרלוירן דאָס סאַמע טייערסטע און אַלץ אומזיניק געיאָגט זיך — אַריינכאַפּן, אָפּנעמען זיך, פאַרגעסן. ס'איז געווען אַ שרעק צו פאַרבלייבן איינער אַליין, צווישן די אייגענע פיר ווענט.

אין שפּעטן פאַרנאַכט האָט אהרן אָפּגעזוכט דעם נומער און דאָס הויז מיט די אַלטע טרעפּן. דאָ האָט שוין ווידער געקלאַפּט דער פּולס פון יידישע אינסטי־טוציעס, געקומענע פון דער אונטערערד, אין ביטערן געראַנגל מיטן שונא. אַלץ איז נאָך געשטאַנען אין רעמאָנט, באַשפּריצט מיט קאַלך, די עלעקטרישע אינ־סטאַלאַציעס אַרונטערגעריסן. אויפן צווייטן שטאָק האָט אים אַ בלייכער ייד מיט אַ שפּיציקן קין, מיט איינגעקוועטשטע ברילן־גלעזער, אָנגעוויזן די טיר רעכטס. ער איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל. דער לאָמפּ אונטערן גרינעם שירם האָט קאָנצענטרירט דאָס ליכט אויף די צוויי לאַנגע טישן פון ווייסן האָלץ, אָנגעוואַל־געָרט מיט ביכער. ס'האָט געשמעקט מיט שימל.

— מיר ברענגען איצט צוריק אין אָרדענונג די ביכער — האָט אים דער ייד מיטן שפּיציקן קין געוויזן אויפן באַרג שימות — זיי זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, פּונקט ווי יעדער איינער ייד. ס'קומען שוין ווידער לייענער. אָט די פרוי, וואָס איז אַרויס — איר מאַן מיט די קינדער זענען מער נישט צוריקגעקו־מען — זי נעמט יעדן צווייטן טאָג אַ בוך. „מיין משפּחה"... — ווייזט זי אויפן בוך און גייט שטיל אַרויס...

אהרן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שפּיץ באַנק און האָט דאָ אַלץ באַטראַכט מיט שטילן יראת־הכבוד. אַ בענקשאַפט האָט אים געוואָרגן. ער האָט געזען ווי דאָס געעלטערטע מיידל, מיט די ברילן, מיטן נישט־יידישן בלאָנד אין אירע האָר, בלאָזט אָפּ יעדעס בוך, שטויבט עס פאַרזיכטיק אַרום, שטעלט עס צוריק אויף דער פּאָליצע. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק און דערזען מיטאַמאָל דעם אַלטיטשקן טאַני מינסקער. אויך אים האָבן, זעט אויס, די פּיס בלינדערהייט פאַר־פירט אַהער.

אין וואַרעמען אָוונט האָט אים אהרן דערנאָך באַגלייט דורכן ליידיקן בולוואַר. ביידע האָבן געשוויגן. אַלע רייד זענען געווען וואָכעדיק. דער פּאַרטראַגענער מענטש וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט מיט הויכער טעמפּעראַטור, האָט אהרנען פּלוצים צוגעהאַלטן ביי אַן אָרבל:

— קוק אָן די פרעמדע ליידיקייט... געדענקסט די סצענע פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"?... די פאַרלעך אין די ווינקלען... די היימישע מוזיק פון די קאַפּייען... ווי ס'וואָלט זיך גאַרנישט געענדערט... און מיר, מיר ציען זיך מיט אַלע אונדזערע פּיבערן צו אַ פאַרנאַכטיקן גאָלד־פלעק, צו אַן אילוזיע, וואָס צערינט... די וועלט באַדאַרף אונדז נישט. מיר דאַרפן אַוועק, אַנטלויפן!...

אהרן האָט דערפילט, ווי דער אַלטער פיבערט אינגאַנצן.

— האָסט צופיל אויסגעשטעלט אויפן וועלט־יושר... — האָט אהרן גערעדט מער צו זיך אַליין, ווי צו אים — אַפילו מיט ארץ־ישראל דאַרף מען דאָך אויך

אָנקומען צו דער ציגישער וועלט. ווער וועט עס דיר געבן, אויב וועסט עס נישט אַליין אויסקעמפן? מיר, וואָס האָבן געקענט די תפיסות פון פוילן, די באַמבאַר־דירטע שטעט פון שפּאַניע, די טויט־לאַגערן... ווערן פון גאָרנישט איבערראַשט. מען דאַרף נישט מיד ווערן צו בויען אויף חורבות. קוק אָן די אויסגעלאָשענע האָטעלן אין די פינצטערע געסעלעך... דאָ האָט זי געלעבט און וועגעטירט, די יידישע יוגנט פון פוילן. זעסט דאָס הויז מיט די אויסגעזעצטע שויבן? דאָ איז אַמאָל געווען דער בעלווילער יידישער אַרבעטער־קלוב. ער האָט זיך געשלאָסן, ווייל אַלע כמעט זענען אַוועק אויף די שפּאַנישע פראָנטן...

— אומעטום האָט זיך געגאָסן אונדזער בלוט פאַר אַ גערעכטער זאַך...

— ווילסט זאָגן, אַז אונדזער אינטערנאַציאָנאַליזם איז געווען קרענקלעך... די געשיכטע אַליין האָט אונדז אָבער געמאַכט פאַר וועלט־בירגער... ס׳איז אמת, מען קען נישט אַזוי ווייטער...

פאַר די טרעפּלעך פון אַ האָטעל מיט אַ פינטלענדיקער שילד איבער די פינף אויסגעלאָשענע שטאָקן, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן.

— ביסט אפשר גערעכט — האָט אהרן דערפילט דעם אַלטנס ציטערדיקע פינגער אויף זיין אַקסל — מען דאַרף נישט מיד ווערן צו בויען אויף חורבות...

## קאַפּיטל אַכט

צום אַנדערן מאָל שוין, אַז טאַני מינסקער האָט זיך אויפגעהויבן און איז פאַרשווונדן פונם מאָלערישן שטעטל אין די אַלפּן, אָן אַ שפּור נאָך זיך.

דאָס מאָל האָט זיך די פרוי זיינע, לאַני, שוין מער אַזוי שטאַרק נישט איבער־גענומען. זי האָט זיך נאָר אַביסל באַאומרואיקט צוליב זיין אַסטמע; ווייל זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין שטאָט, צווישן די בענזין־ריחות, אין די זומער־חדשים, וועט אים פּשוט אויספּעלן לופט צום אָטעמען. ער וועט דערשטיקט ווערן. זי האָט אָבער געקענט זיין עקשנות, נישט פון היינט; מיט רייד, האָט זי געוווּסט, וועט מען ביי אים גאָרנישט אויספירן. צו פּיראָ מיכאַילאָוונא — די צע־דרייטע און גוטמוטיקע פּיראַ — האָט זי פונדעסטוועגן גלייך צומאָרגנס אָנגע־שריבן: „זע, גיב דאָרט אַכטונג אויף טאַניַן, אויב ער באַווייזט זיך ביי דיר אין הויז... ס׳איז שוין מער נישט געווען פון אים אויסצוהאַלטן. מילא, פאַר מיר זאָרגט ער זיך שוין פון לאַנג נישט, אָבער די קינדער... טאָלסטאָי — האָט זי נאָך באַמערקט מיט ביטערער איראָניע — איז אויך דעם לעצטן מאָל קראַנק־ערהייט אַנטלאָפן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ... — אָבער ער איז נאָכנישט טאָלסטאָי... זאָל ער זיך געזונטערהייט האַלטן מיט זיינע משוגעתן! כ׳קען אים״...

זי האָט זיך אין שפּעטן נאָכמיטאָג אויפגעהויבן פון בעט מיט אַ געפּערלעכן קאָפּ־ווייטיק און, צוזאַמען מיטן יינגערן טעכטערל גענומען זיך אַביסל אַרומ־

רוימען אין צערודערטן הויז, נאָך דער שמחה, נאָך דער פאַרשטערטער שמחה. די בלויע רעדער אונטער די אויגן זענען אַרויסגעטרעטן שאַרפער. דאָס האָט אָבער נאָכמער אונטערגעשטראָכן דעם טיפן ברוין פון אירע האָר, די געזונטע, האַסאָווע מאַטקייט פון אַ פרוי אין געפערלעכן איבערגאַנג־עלטער.

די טירן צו דער ווערענדע זענען געשטאַנען ברייט־אויפגעפּראַלט. ס'איז געווען זוניק און ווינטלדיק. דער ווייסער שניי־קאָפּ פון מאַן־בלאָן האָט געלויכטן. זי האָט אַלץ געוואָלט פאַרגעסן, אונטערגעכאַפּט דעם הימן פון די פּאַרטיזאַנער און מיידלעריש־לייכט אַ לויף־געגעבן נאָך דער טאָכטער. זי האָט פונאַנדער־געדרוקט די שטולן, אַרויסגעטראָגן די דאַליאַס און די היאַצינטן אין די וואַזעס פון איידעלן פאָרצעלאַן, וועלכע די מוטער דעם איידעמס, די אַלטע באַראָנעסע דע פּליוויע, האָט זיי געלאָזן צושיקן פון שלאָס; אַרויסגעטריבן פון הויז די פרעמדע, שיכורע אַראָמאַטן, האָט זי זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף דער שוועל צו דער ווערענדע, אָנגעשפּאַרט אין דער קער־באַרשט.

— כ'האָב מורא, ניני, אַז איך וועל זיך באַלד אומקערן אין בעט אַריין. פאַרוואָס קומט עס אונדז ?... — האָבן זיך אַ זילבער געטון טרערן אויף אירע וויעס — פאַרוואָס זאָל ער אונדז כסדר פאַרצאַפּן דאָס בלוט ?...

מיט אַ טאָג פריער האָט זי דאָ, אין פאַרוואָרפענעם באַרג־קלויסטערל, גע־פירט צו דער חופה די עלטערע, עליסן. עס זענען געווען אויפנאַמעס און טומל־דיקע פאַרווײַלונגען פון דער יוגנט אין שלאָס פון דער באַראָנעסע. די חתונה־צערעמאָניע איז אויסגעפאַלן אין דעם פרײַלעכן זונטיק, צום יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג. דער פאַראַפיע־גלח, פּאַטערל גראַפּיראָן, אַ גוטמוטיקער אַלטיטשקער, אַ ליבער מענטש און אַ געפערלעכער ווײַן־טרינקער, האָט זיך דאָרט, נאָך די אַלע אויפנאַמעס, צוגעזעצט צו דער מחותנתטע אויף דער סאָפע, אין רויכער־סאַלאָן.

— מיין גאָט ! — האָט פּאַטערל גראַפּיראָן לייכט געגעבן אָנצוהערן מיט אַ זיפצל — איר זענט דאָך, נאָך אַלעמען, נישט אַנדערש ווי מיר... פאַרוואָס די יידן ?...

ער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש; פון אים אַליין האָט אַמאָל געזאָלט ווערן גאָר עפּעס אַנדערש, ווי אַ היטער פון אַ פאַרוואָרפן קלויסטערל אין די בערג. ער האָט דאָ אָקופּאַציע־צייט נישט ווינציק געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער און די פאַרבייוואָנדערנדיקע יידן. מ'האָט זיך וועגן אים איבערגעגעבן פון מויל צו אויער.

— דעם שוואַכן שלאָגט מען... — האָט ער געקרעכצלט — לויטער פּחדנים, פאַרשטייט זיך... אַ קלוגער מענטש, מסיע מינסקער. כ'האָב עס אים שוין געזאָגט אויך; פרויען, האָב איך אים געזאָגט, האָבן נישט קיין נאַציאָנאַליטעט. זייער אמת פאַטערלאַנד איז, ווי פאַרן פרייען פויגל — די זון און די ליבע... אַ פאַטערלאַנד אָן גרענעצן. אַלדאָס איבעריקע זענען קליינלעכע פאַראורטיילן פונם מענטש, דעם זינדיקן... אָ, מיר האָבן אויך אַמאָל נישט ווייניק געליטן פון אָט די פאַראורטיילן...

דאָס מיניאַטור־שטעטל איז געלעגן אויסגעשאָטן אין טאָל, צווישן די בערג, ווי קינדער־שפּילצייג, אויפן וועג צווישן ליאָן און זשענעוו. אַצינד, אין שפּעטן

פרילינג, זענען שוין די פּאַרטיזאַנער געהאַט אַוועק צו די ווייטע, אויפגערודער־טע שטעט און דער פאַרוואָרפענער ישוב האָט שטיל געגליט אין דער זון.

אַלע האָבן זיי דאָ געקענט די פאַרבלאָנדזשעטע יידישע משפחה, וואָס האָט זיך עטלעכע חדשים פאַר דער באַפרייאונג אויסבאַהאַלטן פאַר אַ זייטיק אויג. די מאַמע מיט ביידע טעכטער — איין וווקס, איין געשטעל, ווי דריי שוועסטערן — האָבן גוטע מענטשן דאָ פאַרשטעקט אין מאָנאַסטיר, ביי די שווייגנדיקע נאָנעס; און אים, טאָני מינסקער, דעם גרויאינקן יידישן שניידער — אין אַלטן שלאָס. זיי זענען אַהערגעקומען אין אַ נאַכט פון שלאַקס־רעגן און פון וואָלקן־ברוך. זיי האָבן געבלאָנדזשעט אין די בערג, מ׳האָט זיי געפירט און פאַרפירט. די שווייצאַרישע גרענעץ־וואַך האָט זיי צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך, ווו די געשטאַפּאָ־באַנדעס און די דאַרנאַן־מיליץ האָבן פאַרשלעפּט און געמאָרדעט יידן. שפּעט ביינאַכט האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אין פרעסביטער ביים קלויסטערל. דער אַלטער פאַראַפּיע־גלח אַליין איז אין שלאַקס־רעגן געלאָפן אין שלאָס אַריין. אין דער פרי האָט אַפילו קיין האָן נישט געקרייעט, אַז פרעמדע לייט זענען דאָ געווען און פאַרהאַלטן זיך אויף נאַכט־לעגער. ווייניק זענען זיי דעמאָלט אַרונטערגעקומען פון די בערג, די אַרומגעשליסענע יינגלעך, פאַרוואַקסענע, מיט בייזע פייערלעך אין די אויגן, ווי ביי די וועלף? זיי האָבן געבעטן צו עסן, רויכערן, אַ העמד איבערצוטון און זע־נען צוריק פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די ווילדע אָפּריסן.

דער אַלטער באַראָן האָט שוין נישט געלעבט. פאַרבליבן איז די באַראָנעסע, ווייס ווי אַ טויב, מיט אַ הויכן גרעק און מיט אַ בריל. דער עלטערער זון, אַ לייטענאַנט אין דער אַרמיי, האָט געשטעקט ערגעץ אין דאַקאַר. די אַלטע האָט געקלאָגט, אַז ער לעבט שוין נישט און דערפאַר האָט זי שטאַרק אָפּגעהיטן דעם יונגערן — אַן אַנעמיש בחורל, אַ קרענקלעכער. ער האָט נערוועז געצוקט מיטן רעכטן אַקסל, ס׳האָט זיך גערוכט, אַז דער קאָלנער איז אים צו־ענג, שטיקט אים. דאָ האָט ער זיך אָקופּאַציע־צייט אַליין אויך אויסבאַהאַלטן, אין אַ זייט פון די דייטשע זשאַנדאַרמען, וואָס זענען אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין שטעטל נישטערן. יונגע־לייט ווי ער האָט מען געווייגלעך געכאַפּט און פאַרשיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די דייטשע אַמוניציע־פאַבריקן, אונטערן האָגל פון באָמבאַרדירונגען. מיט די איבעריקע, די אָנגעלאָפענע, איז אָפּטמאָל געווען אַ שיסעריי אין די בערג. דער יונגער עדמאָנד האָט זיי נישט ליב געהאַט, די דייטשן; ער האָט זיי געהאַסט פאַר 1870, פאַר 1918 און פאַר 1940. ער האָט נישט געהאַלטן פון זייער מאַגיאַ־קישער פילאָזאָפיע, פון זייער איבער־מענטש־קאָמפּלעקס. זיי זענען אין בעסטן פאַל, האָט ער געזאָגט, נאָכמאַכער. זיי פאַרמאָגן די פעאיקייט צו פאַרפולקאָמען דאָס, וואָס איז שוין פריער דורך אַנדערע, פאַר זיי, דערפינדן און דערטראַכט געוואָרן. זייער טעכנישער אַרויפשטייג איז אויך נישט מער ווי אַן אויסדרוק פון ראָבאָטן — אָן עספּרי, אָן האַרץ, אָן נשמה. אַפילו זייער מיליטערישער זשעני איז געווען קאָפּירט פון גרויסן נאַפּאָלעאָן.

דער מיטלוווקסיקער ייד מיטן ווייס־באַזילבערטן קאָפּ, מיטן מידן בליק פון אונטער די ברילן־גלעזער, האָט אים פון ערשטן אָוונט אָן מיט עפּעס פאַרלאָקט. אין שטרענגן, ביינערדיקן געזיכט פון דעם ייד האָט ער געפונען עפּעס ענלעכס צום פאַרגייסטיקטן בליק אין קריסטוס־פּנים ביי די פלעמישע מייסטער. אין יע־

נער נאַכט פון שלאָס־רעגן און וואָלקן־ברוך האָט ער אים צום ערשטן מאָל געזען אויסוואַקסן דורך די הינטער־טירן פון שלאָס, באַגלייט פון אַלטן פּאַראַפּיע־גלח. אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען שטיל, כמעט אָן רייד. פּאַטערל גראַפּיראַן איז באַלד פאַר־שוווּנדן אין דער נאַכט אַריין; און טאַני, אויסגעווייקט און דערשראָקן, איז אין דער שטאַק־פינצטערניש געקראָכן איבער אַ שווינדל־טרעפּ, ערגעץ הויך, צום שלאָס־טורעם. ער האָט דערפילט אונטער זיך אַביסל שטרוי, אַ קאָלדרע און גיך איינגעשלאָפן. אין דער פרי האָט ער געפונען לעבן זיך אַ טעפּל וואַרעמע מילך, ברויט און אַ בריוועלע פון ווייב מיט די מיידלעך, אַז זיי געפינען זיך אין זיכערע הענט.

בייטאָג האָט אים עדמאָנד אַראָפּגעפירט אין דער לאַנגער, טונקעלער פּאַלאַ־טע פון דער משפחה־ביבליאָטעק. די קילקייט און די סודותדיקייט האָט דער־מאָנט אין אַ קירכע. פון אַלע ווענעציאַנישע, געדיכט־פאַרקראַטעווטע פענצטער אין ביבליאָטעק־זאַל, איז נאָר איין לאָדן געווען האַלב־אויפגעשפּאַרט. עדמאָנד האָט אַראָפּגעקוקט צו די מיטאַלטערלעכע באַשיצונגען, צו די וואָלן, צו די הענג־בריקלעך איבערן טיפן גראָבן, ווייל נאָר דורך דאָנען האָט זיך אַ פרעמדער גע־קענט אַריינבאַקומען אין שלאָס אַריין. די טעג זענען געווען אומרואיקע. ס׳איז געווען שוין נאָכן לאַנדן פון די אַלירטע טרופּן אויף די ברעגן פון נאָרמאַנדי. אין ליאָן און אין גרענאָבל — עפנטלעכע עקזעקוציעס, צוזאַמענשטויסן. אין שטעטל האָט מען זיך געריכט אויף איבערפאַלן, שיסערייען. דאָס בלייכע, אַנעמישע בחורל איז געווען אָנגענעם־איבערראַשט, וואָס דער צופאַל האָט אים אין דער פאַראייניקטער אַנטרינונג צוזאַמענגעפירט מיט אַ ייד, אַן אויסלענדער, מיט אַ זעלטענער קענטעניש פון די פראַנצויזישע קלאַסיקער, מיט די פילאָזאָפישע שטרעמונגען אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד. ער האָט באַטראַכט פון דער זייט דעם מענטש, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּאַנען צווישן די שויבן־שרענק, ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט די רוקנס פון די ענציקלאָפּעדיסטן, פון די מייסטער פון 17־טן, 18־טן, 19־טן יאָרהונדערט. די זעלטענע פאָליאַנטן זענען געווען אַ ירושה נאָך אַ פעטער, אַ מיניסטער אין קאַבינעט ביי קלעמאַנסאָ, אַ הייסער רעפּובליקאַנער.

— ס׳וועט אייך אפשר אויסזען אומגעווײנלעך — האָט זיך דער ייד אַזוי ווי פאַרענטפערט — ווען כ׳וועל אייך זאָגן, אַז אייערע ענציקלאָפּעדיסטן האָבן אַריינ־געבערענגט אַ טיפע גייסטיקע און רעליגיעזע אויפטרייסלונג אין די פאַרוואָרפענע יידישע ישובים פון מזרח־אייראָפּע, אַז זיי זענען אונדז גייסטיק שטאַרק נאָענט...

— מיט דעם ארומרו מאַכט איר אונדז אויך אומרואיק... — האָט דאָס בחורל באַקומען פאַרבן אין די באַקן — איר... דער זעלבער אומרו ווי אינם בליק פון קריסטוס־פּאָרטרעט ביי די פלעמישע מייסטער...

— זיי זענען אַוודאי גענומען, אפשר געגנוי קאָפּירט, פון יענע האָלענדישע יידן, וועלכע האָבן נאָך געטראָגן אין זייערע אויגן די שרעק פון שייטערהויפנס, פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע אין שפּאַניע... ווי מיר אַנטרינען אַצינד פון די קרעמאַטאָריע־פלאַמען... אַזאַ אויפפאַסונג פון דער קריסטוס־געשטאַלט איז זיכער גרויס...

עדמאָנד האָט זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט אין דעם פרעמדן; ווי דער מענטש וואָלט אויפגעטויכט פון הינטער די שווערע ביכער־שרענק. ווי שלעכט די מענטשן האָבן זיך פאַרשטאַנען. אָבער אים, טאַני מינסקער, איז אַלץ איינס געווען. די אַנ־געקליבענע גאַל־ביטערניש האָט געזוכט אויסצושטורעמען זיך. ס'איז שוין באַ־קאַנט געווען, וואָס מיט יידן אין פוילן און אין רוסלאַנד איז אָפּגעטון געוואָרן; דורך ווענט און צוימען איז דערגאַנגען דאָס אומהיימלעכע געבריל פון די טויטן־לאַגערן אויף יענער זייט רהיין.

צווישן טאָג און נאַכט האָט ער דאָ ווידער אויפגעזוכט אַרום די ביכער־שרענק דעם אומעטיק־פאַרטראַגענעם מענטש. דער ייד האָט מער קיין רייד נישט געפונען. ס'איז געווען טיפער שאָטן צווישן די ווענט פון אַלטן שלאָס, וווּ די גייסטער פון מיטלאַלטער האָבן זיך אַרומגעקריגט מיט די ענציקלאָפּעדיסטן. די טריט זייערע האָבן זיך פאַרלוירן, איינגעזאַפּט פון די טעפּיכער. עדמאָנד האָט אָפּגעלענט אַ לאָדן און איז אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן הינטערן רוקן פון דעם ייד. ער האָט לייכט אויפגעציטערט, אַנגעקוקט אים דורכן אָפּבליאַסק פון די ברילן־גלעזער, ווו ס'האָט זיך געזעצט דער ווייטער אָפּשיין פון פאַרנאַכט. געברענט האָבן נישט נאָר די בערג אין לעצטן אָפּשיין; דאָס האָט דער הימל איבערן טאָל געברענט פון אַוועקגעלאָזענע אַמוניציע־סקלאַדן, פון אויפגעריסענע בריקן און אונטערגעצונדענע ישובים.

— כ'וואָלט געוואָלט — האָט עדמאָנד אומגעריכט זיך אָפּגערופן — קענען אייער פרוי און אייערע מיידלעך... איר האָט אָנגעצונדן אין מיר אַ מאָדנע ניי־געריקייט... איר...

ס'האָט אים אויסגעזען מאָדנע דער שטראָם ביטערע רייד פון דעם ייד, דווקא ווען ער געפינט זיך אויף זיין גענאַד, איז דער גאַסט ביי אים אין הויז. ער איז שטום געטרעטן הינטער אים איבער דער ספּיראַלער שטיג, צום טורעם. ס'איז געווען דער לעצטער פאַרנאַכט. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט פון דער הויכקייט אין טאָל אַריין. אין שטילן יולי־אָוונט האָט דער דופטיקער באַרג־ווינט מיטגעבראַנגט דעם שאַרפן ריח פון שריפה.

אין פאַרלוירענעם שלאָס האָבן זיי טיילמאָל שוין געהאַט פאַרגעסן, אז איבער דער וועלט איז געגאַנגען דער אומפאַרגעסלעכער זומער 1944; אַז אין די טאָלן פון רהאָן און איזער גייען די לעצטע שלאַכטן. דער פראָנט האָט זיך אָפּגערוקט טיפער אין לאַנד אַריין, צו די ברעגן פון רהיין.

אָ, ווען נישט דער וווּנדערלעכער, ראַזער אויפדערנאַכט, דאָס דינע, פלאַפּ־לענדיקע גלעקערן פון קלויסטערל אין די בערג, דער ים נאַציאָנאַלע קאָלירן צווישן די ווייסע הייזלעך און הענגענדיקע ווערַאַנדעס; דער אויפגעשאָסענער שייטער־פלאַם אויפן מיטן פלאַץ, די פאַרטיזאַנישע לידער, די האַרמאָניקע־מוזיק און די געדיכט־באַזעצטע טעראַסע פון דער איינציקער קאַפּיי אין שטעטל. מען וויס נישט פון וואַנען זיי זענען דאָ פלוצים אויסגעוואַקסן, די אַרומגעפליקטע יינגלעך פון די בערג, מיט די קורצע, פאַררויכערטע ביקסן און מיטראַיעטן אין די פאַרשטייפטע פינגער. פון אַלע ווילדע אָפּריסן זענען זיי אַרויס, צו טאַנצן די טענץ פון זיג, צו פייערן דעם פאַרשפּעטיקטן 14־טן יולי.

אין דעם אָוונט איז ער זיי שטום, ווי אַ שאָטן, נאָכגעגאַנגען, עדמאָנד. שטום האָט ער באַנעצט די ליפּן פון די געטראַנקען אויף דער טעראַסע. אַ פרעמדע, שטיפערישע האַנט האָט די אויסגעליידיקטע גלעזלעך צוריק אָנגעפילט. ער איז אָבער נישט שיכור געוואָרן. ס׳איז געווען אַ קראַנקע, איידעלע דורכזיכטיקייט אין זיינע דינע מויל־שטריכן, אינם קינדערישן לאַק, וואָס איז אים אומבאהאָלפן געפאַלן איבערן שטערן, אין שיין פון די פייערן אין דער נאַכט.

טאָני איז דאָ אויך געזעסן, אומעטיק און פאַרשלאָסן. לאָני און עליס, די עלטערע, האָבן גאָרנישט אַזויפיל געטרונקען אין דעם אויפדערנאַכט; זיי זענען געווען אויפגעהייטערט בלויז פון די הילכיקע געלעכטערן. אָנקוקנדיק דעם פּאַטערס פּראָפיל, איז דער שמייכל ביי דער יינגערער פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס מיידל האָט זיי דאָ אַלעמען באַטראַכט פון דער זייט און האָט זיי עפּעס נישט פאַרשטאַנען.

יעדעס מאָל, ווען עליס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון צווישן די טישלעך, אונטער די פאַרצויגענע לאַמפּיאָנען, איז עדמאָנד באַלד אומרואיק געלאָפן זי אויפזוכן אויפן פּלאַץ, אין ליאַרעם פון דער מוזיק, פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך אַרום די שייטערן. ער האָט זי עטלעכע מאָל פּשוט אַרויסגענומען פון די אָרעמס פונם צעוואָקסענעם פּאַרטיזאַן אין דער אָפּגעשאָסענער אוניפאָרם. דער יונג מיט דער טשופּרינע אויפן ווינט, האָט געטאַנצט ווי אַ רוח. אַלע מיידלעך האָבן זיך געריסן צו אים.

די אַלטע באַראָנעסע איז דאָ אויך געזעסן. זי האָט געהאַלטן אין איין פאַרריכטן די בריל אויף דער דינער נאָז. דאָס בלוטלאָזע געזיכט איז פאַרבליבן קאַלט און פאַרשלאָסן.

— טרינק נישט אַזויפיל, קינד... — האָט זי נאָר געבעטןביים זון.

די האַנט, וואָס האָט נאָכאַנאַנד אָנגעפילט דאָס גלעזל, איז געווען — עליס. זי האָט עס אומבאַמערקט אָנגעפילט, ווען ער האָט אַ רגע אַוועקגעקוקט. האָט געלאַכט און איז באַלד נעלם געוואָרן. זי האָט געהאַט גרינע, קעצישע און לאַכנדיקע אויגן, ווי די מאַמע, האָט אָפּגעדעקט אירע ציינער אין פאַרשייטן לאַכן.

ס׳איז געווען לופטיק און הייס און פּליסטערנדיק; די רייד עדמאָנס זענען אויך געווען הייסע, פּליסטערנדיקע. ער האָט עפּעס געפּלאַפּלט, ווי אין די העלדישע ריטער־ראָמאַנען: „מיר וועלן אַוועק קיין איטאַליע... — האָט עליס, דורך הילכיקע געלעכטערן, געהערט זיינע רייד ביי איר פאַרפּלאָמטן אויער — כ׳וועל ליגן ווי אַ שקלאַף ביי דיינע פיס“...

די גרינע, בולטע שטערן האָבן גענומען פאַרבלייכן איבער די בערג. הויך איבער די ווערענדעס איז געהאָנגען אַן אָפּגעבראָכענע לבנה, ווי אַ ביליק שטיקל דעקאָראַציע. אַרום די שייטערן, וואָס האָבן נאָך געררויכערט, האָבן זיך אין דינעם פּאַרטאָגיקן נעפּל געצייכנט די צעוואָרפענע גרופּקעס פּאַרטיזאַנער. אַצינד האָבן זיי געוואַכט אין שטעטל, ווו די געשטאַפּאָ איז אָפּט געקומען נישטערן. לופטיקע מיידלעך אין ווייסן האָבן נאָך דאָרט געפּלאַפּלט, געלאַכט און אַ מויל־האַרמאָניקע האָט, ביזן האָגען־קריי, געצויגן דאָס ליד פון די פּאַרטיזאַנער.

מיט אומעטיקע טריט האָט הינטער זיי געשפּאַנט טאָני מינסקער. די גרויסע פרייד באַפרייט צו ווערן איז ביי אים געווען אויסגעמישט מיט אַ סך צער, ביטער־

ביש. ס׳האָט אים דאָ אונטערגעהויבן פון דער ערשטער מינוט אָן. ער האָט גלייך געוואָלט כאַפּן און אַנטלויפן פון פאַרוואָרפענעם העק. ער האָט געוואָלט לויפן קיין פּאַריז, זען אויב, אַחוץ אים, זענען נאָך פאַראַן לעבן־געבליבענע יידן. ס׳איז אים אַפילו נישט ליב געווען דאָס ווייסע, ציכטיקע הייזל, וואָס איז זיי אָפּגעגעבן געוואָרן.

— לאַני — האָט ער זיך געבעטן ביים ווייב — פיר מיך אַרויס פון דאַנען...

זי האָט זיך אָבער, אין די פייערלעכע טעג, געבלאָזן ווי אַ מיידעלע. ער האָט זי אינגאַנצן נישט אָנגעהויבן צו דערקענען, זינט דער קורצער צעשיידונג אין דער נאַכט פון שלאַקס־רעגן און וואָלקן־ברוך. יעדן אָוונט זענען געווען טומל־דיקע פאַרוויילונגען, בעלער. זי איז אַרומגעשוומען מיט די מיידלעך האַלבע נעכט, אויפגעהויבן זיך שפּעט. ס׳איז געווען אַזוי ווי זי וואָלט מיטאַמאָל יינגער געוואָרן. צווישןביידע טעכטער האָט זי באמת אויסגעזען ווי אַ שוועסטער זייערע. ער האָט פון דער זייט באַמערקט איר ערגערניש ביים שפּיגל, די ראַזיקייט, וואָס איז אויפגעשטיגן פון איר שיינעם האַלדז, ווען די ספּאָרט־שיך מיט די קורצע סאָקעטן, דאָס געבלימלטע קאָפּ־טיכל, שיין פאַרפלאָכטן, מיטן ווייסן אָפּגעפּאַסטן סוועטער, האָבן עפּעס נישט אינגאַנצן געשטימט מיט די גרוי־ווערנדיקע לעקע־לעך. די מאָדע, וואָס האָט זיי אַלעמען פאַרכאַפּט, איז געווען — ווינטער־ספּאָרט און פּאַרטיזאַנער; קליידער — אוניפאָרמען, די האָר — סאָלדאַטיש־צעשויבערט, אַפילו אַ האַנט־בייטל — אַ מין מיליטערישער ברויט־זאַק.

פון אַלע זייטן האָט מען זיך מיטאַמאָל געגומען זאָרגן פאַר די אַרומגעשלי־סענע יינגלעך פון די בערג. מ׳האָט זיך אָנגעהאָנגען אין זיי, אַרומגעפירט זיך מיט זיי. אַפילו די אַלע, וועלכע זענען עפּעס יאָ געווען און נישט געווען, האָבן אָנגע־הויבן צו שפּילן די ראָלע פון פּאַרטיזאַנער, געקליידט זיך האַלב־מיליטעריש, אויסגעגראָבן פון ערגעץ פּאַפּירלעך, באַווייזן, אָפּצייכנס. פון דרום און פון מערב האָבן זיך אָנגערוקט און אויפגעהויבן אין די בערג די לייכטע טאַנקען און די פלינקע „דזשיפּס“ פון די אַמעריקאַנער. זיי זענען דאָ געשטאַנען אַ טאָג־צוויי. מ׳האָט געטאַנצט, געגעסן שאָקאָלאַד, געריכערט „לוקי סטריק“, געשפּיגן דעם קיי־גומי. דער קליינער, שאַרף־באַלויכטענער זאַל פון דער מוניציפּאַליטעט האָט אין די אָוונטן געהרוישט.

דער זיסלעכער האָניק־ריח פון „לוקי סטריק“ און „טשעסטערפילד“ האָט אָנגעפּילט דאָס הויז. מ׳איז געגאַנגען און געקומען. מען ווייסט גאָרנישט פון וואַ־נען זיי האָבן דאָרט אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן ענגליש. אין גרויסן ציי־מער האָט מען אָוונט־צייט געטרונקען שטאַרקן טיי, אַראָמאַטישע קאַפע, מ׳האָט געהאַלטן אין איין אויפמאַכן קאָנסערוון־שאַכטלעך. אַ לאַנגער, מילך־בלאָנדער אַמעריקאַנער, מיט ווייסע ברעמען, האָט זיך געדרייט מיט די מיידלעך אין דער מיט שטוב, צו דער געדעמפּטער דזשאַז־מוזיק פון פּאַטעפאָן. ער איז דערנאָך אונטערגעקומען צו טאָביען, געקלאַפּט אים גוטברודעריש איבער דער פּלייצע, ווי ס׳וואָלט געווען אַ גאָר אַלטע באַקאַנטשאַפט:

— העללאו!... — האָט ער געוויזן אין געלעכטער זיינע לאַנגע ציינער, גע־רעדט האַלב־דייטש, חצי־ענגליש — ניקס מער דזשערמאַני... קאַפּוט!...

אומעטום איז זי עדמאַנד שווייגנדיק נאָכגעקראָכן, ווי אַ שאָטן, כאָטש מיט די פּאַרטיזאַנער האָט ער זיך געהאַלטן פון דער ווייטן. ער איז געווען בלייך, פאַרביסן. וויפל מאָל ער האָט געוואָלט רעדן מיטן אַלטן, האָט אים טאַני אויס־געמיטן. צווישן איין פּאַרעניש אָוועקצוגיין און דער צווייטער, האָט זיך דאָס ווייב אַמאָל אויף אַ מינוט אַריינגעכאַפּט צו אים. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּאַ־נען. ער האָט טעג־לאַנג קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נישט געוואָלט מער ווייזן זיך ביי זיי דאָרט.

— וואָס זאָגסטו נישט, טאַני ?... — האָט זי געפּרווווט איידל — עדמאַנד גייט פּשוט אויס נאָכן קינד... האָסט כאָטש אַמאָל אַ טראַכט געטון ?... זעסט אַפילו נישט, ווי איך לייד... מ׳דאַרף זיין אַביסעלע רעאַלער אין לעבן... אַביסעלע מער עלאַסטיש... אַלץ, זעסטו דאָך, איז קעגן אונדז... ס׳העלפט נישט, מ׳דאַרף גיין מיטן שטראָם...

דאָס האָט אים שוין אונטערגעהויבן.

— די גאַנצע געשיכטע אונדזערע איז אַ גאַנג קעגן שטראָם. די עקשנות ווערסטו ביי מיין לעבן נישט אָוועקנעמען. וואָלט כאָטש עליס גענומען דעם ערשטן־בעסטן פּאַרטיזאַן, וואָס איז געגאַנגען אָוועקגעבן זיין לעבן פאַר אַ הייליקער זאַך, נישט — דעם־אַ פּחדן און שטילן פּאַגראָמשטשיק פון דעגענערירטן אַדל... כ׳האָב עס אים געזאָגט אין די אויגן, ווען ער האָט מיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אין שלאָס, ווען כ׳האָב געגעסן זיין ברויט... די קינדער גייען אָוועק פון מיר — כ׳ווייס עס... די שולד איז אפשר מיינע. כ׳האָב אָפּגעלייגט, כ׳האָב געזוכט דאָס ווינקעלע אויף דער ערד, וווּ אָנצוהויבן אַ ניי יידיש לעבן. כ׳האָב עס דער־וייל אין ערגעץ נישט געפונען... איך ווייס אָבער נישט וווהין דו ווילסט מיך פאַרפירן ?...

— אסור, אויב איך הויב אָן צו פאַרשטיין דיינע געננ... צי לעבסטו, צי חלומסטו ? צי רעכנסטו טאַקע פון דיינע שרייבערייען, פון די פאַריזער שניי־דער־אַטעליע, פון פאַרזאָרגן דאָס יידישע פאָלק... חתונה מאַכן די מיידלעך ?... און איך אַליין... ווי אַזוי זע איך אויס ?... כ׳בין קראַנק ! באַמערקסט עס אַפילו נישט... מיר לעבן אין אַ וועלט, וווּ מען דאַרף זיין אַביסעלע פּראַקטישער... זי איז אַ נאַרישע קאָזע, עליס... זי שטייט נאָך אין גרויסן...

זי האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, אָבער ער האָט אויסגעזען גאַרנישט צו דערהערן, וואָס זי רעדט. עס זענען געווען טרערן, היסטערישע אויסברוכן, אָבער געהאָלפן האָט עס נישט. ער איז געבליבן פאַרשלאָסן אין זיך, אינגאַנצן אויפגע־הערט צו ווייזן זיך פאַר מענטשן. עדמאַנדן האָט ער איבערהויפּט מער נישט גע־וואָלט זען, ווען לאַני איז געקומען קלאַפּן אין זיין טיר. ער האָט שוין מער נישט געוואָלט אויסהערן וואָס עדמאַנד זאָגט, וואָס די באַראָנעסע זאָגט, וואָס עליס זאָגט, וואָס זיי אַלע זאָגן. אַ, ס׳איז מער נישט געווען די זעלבע לאַני פון אַמאָל.

אין איינס פון די וואַלינער שטעטלעך האָט ער זי געהאַט באַגעגנט. דאָס מיידל האָט געפלאַטערט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע. די וועגן האָבן זיי דערנאָך געפירט איבער די הויפּט־שטעט פון אייראָ־פּע. ער האָט זי אָפּט געלאָזן מיט די קינדער אַליין. ער איז אַלעמאָל צוריקגעקו־מען אויף אַן אַנדער אַדרעס, אין אַן אַנדער לאַנד, אין אַן אַנדער שטאָט. די על־

טערע, עליס, איז נאָך געבוירן געוואָרן אין וואַרשע; ניני, די קלענערע — אין בערלין. די קינדער האָבן גערעדט מיט דער מאַמען רוסיש, געלערנט אין דער שולע דייטש; און ער אַליין, אַריינפאַלנדיק אין הויז, האָט גערעדט מיט זיי — יידיש. ער האָט זיי אָבער אַלעמאָל געפונען פאַרענדערט, די מיידלעך. אומגעריכט האָבן זיי געטון אַ וואַקס אונטער. ווען איז עס געשען? די לעצטע צען יאָר האָבן זיי געלעבט אין פראַנקרייך. די מלחמה האָט זיי געטראָפן אין פאַריז, ווו עליס איז געווען אויפן צווייטן יאָר מעדיצין.

זי איז שוין דעמאָלט געווען אַ אומרואיק־צעפלויגענע, עליס. צו ניינצן יאָר האָט זי שוין געהאַט עפּעס אַן עקסטראַוואַגאַנטע פאַרליבעניש אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, געריסן זיך צו ווערן אַ פילם־אַרטיסטקע, געשריבן פערזן, געמאָלן. ביזן סוף 1942 איז זי איינע אַליין, אָן די עלטערן, פאַרבליבן אין אָקופּירטן פאַריז, אויסבאַהאַלטן זיך ביי אַ קאָלעגע, אַ פראַנצויז, אויף אַ מאַנסאַרדע; אויף די אַלאַר־מירנדיקע בריוו, האָט זי אַ שטיק צייט נישט געענטפערט. דערנאָך איז זי פּלוצים געקומען אַנצולויפן איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע, מיט אַ מאַטן, גאַל־דיקן שימער אין אירע שיינע, ברוינע האָר און מיט אַ צלמל אויפן האַלדז. אירע ערשטע ווערטער זענען געווען: „איך בין אַנטוישט אין לעבן, מאַמע... אַלץ האָט זיך פאַר מיר געענדיקט"... די מוטער האָט איר אָנגעקוקט, אַ ווייטע, אַ נייגעריקע, נישט ווי זי וואָלט געווען איר טאָכטער. צום ערשטן מאָל האָט זיך עליס געענדערט אין די טעג פון דער באַפרייאונג.

די יינגערע, ניני, איז געווען אַ שטילע און — אַן עקשן. זי האָט געקוקט פון אונטערן שטערן מיט פלאַטער. זי איז שטילערהייט נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער, ווען אין הויז זענען געווען די פאַרשטיקטע קריגערייען, די היסטעריעס, די געוויי־נען. דאָס איז זי געלאָפן קיין פאַריז אויפזוכן דעם פאָטער, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן און פאַרשוואונדן פון שטעטל אין די בערג.

ווינטער־צייט, ערב ניי־יאָר, איז די קליינע צום ערשטן מאָל אַוועק אין די שפּורן פון פאָטער. אַריינגעפאַלן צו דער פלימעניצע פּיראַ איז זי פּונקט אין דער צייט פון די בעלער און פריילעכע אויפנאַמעס. די צעדרייטע, גוטמוטיקע פּלי־מעניצע פּיראַ האָט שוין איצט צוריק פאַרנומען איר געראַמיע וווינונג אויף פּאַסי, אין אַריסטאָקראַטישן פערטל פון פאַריז.

זי איז געווען די איינציקע טאָכטער פון לאַניס ברודער, אַ וואַלד־סוחר, אַ דרייער, אַ מאַכער. ער האָט זיך פון די הייסע רעוואָלוציע־ווינטן אין רוסלאַנד באַצייטנס אָפּגעטראָגן מיט אַ פאַרמעגן, איינגעניייט אין די אונטערוועש. דער טאַטער האָט ער דאָ רייך חתונה געמאַכט מיט אַן אינזשיניער, אַ ווייטער קרוב פון די בראַדסקיס. באַלד דערנאָך האָט זי זיך געג׳גט, נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויז, אַ מיליטערישער דאָקטער. אַ קליינע, דראָבנע, אָפּגעשאָסענע בלאָנדינקע, אַ פלאַפּלערין, אַ שטיק ברען, האָט זי פונם מאַן, וואָס איז אין 1940 אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן, מער נישט געוואָלט הערן. קיין קינדער זענען סיי ווי נישט געווען. איצט האָט זי שוין גערעדט ענגליש, געפּאַר־בעט אין די ביוראָען ביי די אַמעריקאַנער און אַלעמאָל זענען די „דזשיפּס" פאַר־פאָרן אונטן, פאַר דער טיר. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געהאַלטן אין איין אַריינשרייען אין די טעלעפאָנען: „איבי!... איבי אַהער איבי אַהין... איבי"...

ס׳איז געווען אַ ביטערער ווינטער אין פּאַריז. אַלץ איז געווען אָפּגעשטעלט — נישט קיין וואַסער, נישט קיין גאַז, נישט קיין עלעקטרי. ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו באַהייצן די גרויסע, ליידיקע צימערן; האָט זי זיך פאַרקליבן אין קיך, מיטן בעט, מיטן הינטל און מיט די טואַלעטן. אויף די קליידלעך און סוועט־טערלעך האָט זי אַרויפגעוואָרפן אַ געבלימלטן שטוב־ראָק מיט קימאָנאָ־אַרבל און ס׳איז איר אַלץ קאַלט געווען. צו דערוואַרעמען זיך, האָט זי געהאַלטן אין איין טרינקען טיי פון ירושהדיקן טולער סאַמאָוואַר.

— וואָס איז שוין ווידער?!... — האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף דער קליינער, ווען ניני האָט זיך אַריינגעשטעלט דורך דער פּאַראַדנער טיר — דיין מאַמאַטשקע האָט זיך נישט אַמאָל פאַרליבט אין אַן אַנדערן?... כ׳וועל שווערן, אַז זי איז אַנטלאָפן...

— ניין... — האָט די קליינע אַראָפּגעלאָזן דעם בליק — ס׳איז עליס... ער וויל נישט זי זאָל חתונה האָבן... ער איז קראַנק, דער טאַטע... די אַסטמע...

— ער איז אַ משוגענער, דיין טאַטע!... וואָס הייסט — נישט חתונה האָבן?... ער וויל זי אפשר באַהאַלטן פאַר זיך, דעם טייערן שטיק אוצר?...

— איר פאַרשטייט אים קיינס נישט... אין עליסן ליבט זיך דער זון פון דער באַראָנעסע... דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז אַ פאַשיסט און אַ פּחדן... ער וויל נישט, זאָגט ער, זיינע פאַרמעגנס און ער וויל נישט מען זאָל עליסן פירן אין קלויסטער אַריין... די מאַמע, פאַרקערט...

— באָזשע מאָי!... איז צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן מאַכט מען עס אַן סקאַנ־דאַלן אין שטוב? — האָט זי גיך־גיך געמאַלן מיטן פּיסקל — אַ משוגענער, יעי באָגו!... כ׳וועל אים אויסרייסן די אויערן... כ׳וועל אים שוין געבן די אַמתע לעקציע! ס׳גייט אים גאָרנישט, אַז עליס זאָל זיין גליקלעך... נאַרישע קאַפּ־ריזן, וואָס פאַסטן גאָרנישט פאַר אַ מאָדערנעם מענטש... אַך, די מענער! דו ווייסט נאָך נישט ווער זיי זענען... ניין, דו ווייסט נישט...

נאָר צוליב דער קליינער האָט זיך טאַני אויפן אַנדערן טאָג באַוויזן ביי דער פלימעניצע אין הויז. ער האָט געוווּסט, אַז נישט קיין אַנדערע, נאָר די קליינע וועט גלייך לויפן קיין פּאַריז. אויפן מבול רייד פון דער צעדרייטער פירא, האָט ער אַוועקגעמאַכט, קורץ אָפּגעהאַקט. ער האָט איבערגעשווידערט די נאַכט אין קאַלטן זאַל און אַרום פינף פאַרטאָג, צום ערשטן צוג, האָט ער געוועקט דער קליינער:

— קום! ס׳טרייבט מיך פון דאַנען!

די בעטענישן פון דער קליינער, די אַסטמע, האָבן אים צוריקגעפירט צום שטעטל אין די בערג. ביז פרילינג איז ער אָפּגעלעגן אין בעט. עדמאָנד האָט זיך מער נישט געוויזן. נאָר לויט אַלע שטילע גערודערן אין הויז, האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז דאָס פייער איז נאָך נישט איינגאַנצן איינגעלאָשן. לאַני איז געווען גוט צו אים, איבערגעטריבן־גוט, אָבער אין אַלע אירע האַסטיקע באַוועגונגען איז געלעגן בייזקייט. זי איז געשטאַנען איבער אים, געקוקט, געקוקט און, אַליין נישט ווייסנדיק גאָר, זענען די אויגן ביי איר פייכט געוואָרן. איבער אַ ליאַדע חאָס האָט זי זיך אויפגערעגט. ער האָט פאַרנומען פאַרשטיקטע געשרייען פון הינטער די טירן, אָבער פאַר אים האָט מען אַלץ אויסבאַהאַלטן.

ווען ס׳האָט זיך געשטעלט אַביסל אַ לינדער וועטער, איז ער אַראָפּ פון בעט. ער האָט אויסגעמיטן די שפּיגלען, אויסגעמיטן דאָס צימער, ווו די מאַמע מיט די מיידלעך זענען, האַלב־נאַקעטע, פאַרוויקלט געווען אין בונטע שטאָפן; זיי האָבן געפאַסט, געגנייט, געגרייט זיך צו עפּעס. טאַני איז צופיל מיד געווען אָנצו־הויבן נייע טענות. ער האָט זיך געוואַרעמט אין דער ווילעכער זון אויף דער וועראַנדע, די אויגן־דעקלעך — צוגעלענט. מיטן וויגן זיך פון די אַרומגעשטעלטע סאָסנעס, אין שטילן שוידער, וואָס איז אדורך צווישן די ביימער, האָט זיך אים געדוכט צו פאַרנעמען אַזאַ ווייטע, אויסגייענדיקע מוזיק. פאַר די צוגעלענטע אויגן, אין גרינלעך־בלייכן ליכט, האָבן זיך געוויגט די סאָסנעס פון יענע פרילינגען, וואָס וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומקערן.

אומעטיק איז געווען אומצוקערן זיך אין הויז אַריין. ס׳איז שוין וועגן גאָר־נישט מער גערעדט געוואָרן; ער האָט געפילט, אז שטילערהייט ווערט אַלץ אָפּ־געטון הינטער זיינע פּלייצעס. ס׳איז געווען אַן איבערגעטריבענע צוגעלאָזנקייט פון עליסן, אַ הכנעהדיק נאָכגיין. „מען רעכנט זיך שוין נישט מיט מיר, ווי כ׳וואָלט שוין געווען מיט איין פוס אין קבר״... פון הינטער טירן האָט ער דער־פילט, ווען עליס גייט אַוועק, ווען לאַני גייט אַוועק. שפּעט ביינאַכט האָט ער פאַר־נומען זייער שטיל צוריקקערן זיך אין הויז אַריין; ער האָט דערכאַפּט אַ באַקאַנט קול הינטערן לאָדן; געהערט זייער פאַרזיכטיק טרעטן אין פאַרנטיקן צימער, די פאַרשטיקטע שושקעריי.

די שטוב איז אומגעריכט פול געוואָרן מיט קליינע געשאַנקען; זיי האָבן זי־כער געשטאַמט פון שלאָס; און אויפן האַלדז ביי עליסן, אויפן שיין־געשניטענעם האַלדז, ווי דער ביי מאַמען אירער, האָט ער אַנומלטן דערבליקט אַ קליינעם מע־דאַליאָן אין גאָלד, מיט איינגעפאַסטע שטיינדלעך. ער האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט. „זיי גייען אַלע אַוועק פון מיר... — האָט ער זיך געזאָגט — זאָלן זיי... ווי לאַנג איך האָב פאַר זיי געהאָרעוועט, בין איך גוט געווען פאַר זיי. אַצינד נויטיקן זיי זיך מער נישט אין מיר״... בלייך און אומעטיק און דערשראָקן האָט צו אים אַמאָל אַריינגעבליקט די קליינע, ניני.

באַלד דערנאָך האָט עדמאָנד אָנגעהויבן צוריק צו באַווייזן זיך אין הויז. אַרום זיין דין מויל איז צוגעקומען אַ קנייטשל פון פאַרביסנקייט, כאָטש ר׳האָט בלאָס און ליבלעך געשמייכלט. די טיר צום קראַנקנס צימער איז געווען פאַרהאַקט. אַלעמענס בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין דער טיר מיט פלאָטער. ער האָט זיך אָבער גע־האַלטן אין רעזערוו, עדמאָנד. ער איז געוויינלעך געקומען אָוונט־צייט, קיינמאָל נישט פאַרהאַלטן זיך לענגער ווי אַ פּאָר מינוט און, וואַרפנדיק מיט דער הענטשקע, קאַוואַלעריש באַגלייט עליסן פון די פאָרנטיקע טרעפּלעך צו דער וועראַנדע.

אַוועק פונם הויז איז טאָני פאַרטאָג, מער קיינמאָל נישט אומצוקערן זיך, אָן אַ שפּור נאָך זיך.

# קאַפּיטל ניין

איבערן אויפגעשפּאַרטן דאַך־פליגל, אין האָטעל פון פּאַסאַזש, ווו אהרן האָט זיך פאַרקליבן, האָבן געהילכט די זעלבע לידער פון אַמאָל. אונטן, אויפן פּאַר־נאַכטיקן בולוואַר, איבער די ביימערדיקע אַוועניס, האָבן פון נעכטן, פון אייער־נעכטן, נאָך אַלץ געטראָגן זיך המונים. די זומערדיקע שטאָט האָט זיך געוויגט אין אַ פּערמאַנענטן פאַרביקן קאַרנאַוואַל. אין דאַך־צימערל איז ער אָפּגעשלאָפן אַ שטיק אין טאָג אַריין. גאָלדיקע פלעקן פון אַ פריילעכן זומער־פאַרנאַכט האָבן זיך געלייגט אין די ווינקלען. די באַנאַלע אוזאָרן פון פאַרהענגל האָבן זיך אָפּגע־שלאָגן, געגליטשט זיך פון דעד קאָמאָד איבערן געל־אויפגעפּלאַמטן פּאַפּיר פון די ווענט, צום קרומען באַלקן. אין מוח ביי אים האָט זיך געדרייט אַלץ פאַראַמאָל — דער לאַגער, די פינף געפּטרטע יאָר צווישן די וויסטע פעלזן פון דער אָבער־פּאַלץ, עפּעס אַ ביליקער וואַלצער פון אַ קאַרוזעליע... פייגעלע, סטערקע און ס׳קליינע יידישע מיידל...

פאַראַנקערט אין זייטיקן האָטעל, האָט ער געזען פאַרביפליסן דעם אומ־געוויינלעכן שטראָם צעטומלטע יידן אין דער וועלט אַריין. זיי זענען געלאָפן צו די קאָמיטעטן, געשפּאַרט זיך הינטער די פאַרהאַקטע טירן, געמאַכט קולות. זיי האָבן זיך געדרייט אין די יידן־געסלעך, ווו מען טוישט וואַלוטע. ער האָט גע־קוקט אויף זיי מיט פאַרהוילענעם שמייכל אַרום די אויגן־קנייטשעלעך; אָט דער פאַרהוילענער שמייכל, וואָס האָט אים אפשר דערהאַלטן ביים לעבן. ער האָט שוין געוווסט, אַז דער וועג פירט אין ערגעץ נישט. ער איז געקומען צוזעצן זיך אין אַ ווינקל אויף די אימפּרעזעס אין די זאַלן אַרום רעפּובליק־פּלאַץ. אַרום די גאַסן־לאָמפּן אויפן פּלאַץ איז געהאָנגען אַ פּאַריזער אָוונטיקער נעפּל. ווער זענען זיי, די יידן, אין זייער פאַרוואַנדלונג אויפן פּאַריזער ברוק? ס׳גייט זיי נישט שלעכט. זיי האָבן אַמאָל אַליין געאַרבעט, היינט אַרבעטן אַנדערע פאַר זיי. יעדער פון זיי מיינט, אַז דער אמת איז נאָר אויף זיין זייט. מען קריגט זיך, מען זידלט זיך — יידישע פאַרביטערטקייט, גאַל, היסטעריע, יידישע קאָמפּלעקסן. זיי זענען אין סתירה מיט זיך אַליין, מיט זייערע קינדער — גלות... דאָ׳איקייט... דאַרטיקייט... אַסימילאַציע... אינטעגראַציע... יידיש־העברעאיש... יידישע קולטור... מען שרייט „יידישע קולטור"... און מען קאַכט זיך אַזוי קולטורלאַז...

אין האָטעל האָט ער זיך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן, ווי לאַנג יידן זענען געקו־מען און פאַרשוווּנדן. ס׳איז געוואָרן ליידיקלעך. דעמאָלט האָט אים דער הויכער האָטעל־אייגנטימער גענומען זייטיק נאָכקוקן. ער האָט אים אַפילו איינמאָל ערנסט אַ פרעג געטון, פאַרוואָס ער פאָרט נישט קיין „איזראַעל"... האָט אים לסוף פאַרשטעקט אויבן, אין אַ זייטיק דאַך־שטיבל. קוים ס׳בעט האָט דאָרט גע־

קענט שטיין. אהרן איז בלויז געקומען איבערנעכטיקן, ווייל דעם גאַנצן טאָג איז ער צוביסלעך געווען פאַרנומען. איינער אַ ייד האָט אים אַריינגענומען אין דער אַטעליע צו פּרעסן. און ווען ס׳האָבן זיך אין אָוונט גענומען דרייען די מיידלעך פאַרן האָטעל, איז ער זיי פאַרבייגעגאַנגען מיט פלאַטער, אָפּגעדרייט דעם בליק. זיי האָבן געשמייכלט צו אים, גערופן אים, גערעדט צו אים. דערנאָך האָבן זיי אים שוין דערקענט, דעם לאָקאַטאָר פון בוידעם־שטיבל, ווען ער איז שפּעטלעך געקומען אַריינשאַרן זיך דורכן קאָרידאָרל, פאַרביי די פאַרהויכטע שפּיגלען, אי־בערן אויסגעריבענעם דיוואַן. ער איז אַריין זייטיק, אויסצומיידן דעם הויכן פּאַטראָן. יענער האָט אים שוין באַטראַכט פאַר אַ היימישן און יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן זיך אויסגעמיטן אויף דער שמאָלער שטיג, אַ פאַרקוועטש געטון ס׳לינקע אויג.

דורכן דאַך־פענצטער פון פאַריזער זייטיקן האָטעל האָט אהרן מאָדנע שאַרף דערזען דאָס צעטומלטע לעבן פון די יידן אויפן פאַריזער וועלט־יאַריד, ווי מען דערזעט אַמאָל אין אַ בליק־רגע, אין אַזאַ שאַרף, נישט־ערדיש ליכט, ס׳גאַנצע לעבן. וווהין לויפן זיי, די יידן, אין זייערע וואָגנס? זיי לעבן מיט פרעמדע פּראָזן. צעריסענע מענטשן. זיי בויען, זיי קאָמבינירן, זיי לייגן אַריין זייער גאַנצע ענערגיע און ס׳קומט נאָכדעם אַ ווינט און מעקט אַלץ אָפּ. זיי האָבן גאָרנישט גע־לערנט. זיי ווילן עס אפשר גאָרנישט זען.

די היים פון די עלנט־פאַרבלאָנדזשעטע אויפן פאַריזער ברוק איז די האַלב־נאַכטיקע קאַפּיי. זיי האָבן אַמאָל וועגעטירט אַרום די אָרעמע יידישע פּאַרטיי־קלובן, אין די אַרבעטער־קיכן. זיי האַלטן נאָך אַלץ אין אַנאַליזירן אַלטע פּאַרטיי־פּלאַפאָרמעס; ס׳רוב באַברילטע, מיט גרויע קעפּ. זיי זענען אייביק פאַרפאָלגט געווען פון דער פּאָליציי אין אַלע לענדער און געשמוגלט זיך דורך אַלע געגנבעטע גרענעצן.

דרייט זי זיך נאָך אַלץ אַרום, סטערקע, אין פאַריזער בינשטאָק? אַסאָ־ציאַציעס, ברעקלעך, פון דאָרט, פון אַמאָל. אהרן האָט געשמייכלט קראַנק אין זיך אַריין; ס׳האָט זיך אים דערמאָנט דער אַנעקדאָט, וואָס איז אַמאָל פאַרציילט געוואָרן וועגן אַן ארבעטער־פאַרזאַמלונג אין איינס פון די פאַרלוירענע שטעט־לעך אין פּוילן, ווו ס׳איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז — קיין גאָט איז נישטאָ... אָט דער גאָט, וועלכן די נאַאיווע, עקזאַלטירטע יוגנט פון יענע ראָמאַנטישע שטעטלעך האָט פאַראורטיילט, האָט אפשר טאַקע קיינמאָל נישט עקזיסטירט; זיי האָבן אָבער מסתמא נישט באַלד געכאַפּט זיך, אַז אַ שטיק פון אָט דעם אַלטמען דאָרט האָבן זיי אַליין געירשנט און טראָגן עס נאָך עד היום מיט זיך, אין זיך, אויף אַלע זייערע וואַנדער־וועגן, אין זייערע ביטערע קאַמפן פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ; זיי האָבן זיך נישט געכאַפּט, די נאַאיווע, אַז פאַראורטיילט איז, אייגנטלעך, געוואָרן נאָר אַ טרויעריקער לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט אָבער אויך געהאַט אין זיך אַ סך שיינס, דורותדיקס, באַשטענדיקס; אַפילו נאָך די אַלע שטורעמס, וואָלט זיך אַלץ איבערגעגאָסן אין נייע פאָרמען, ווי ביי אַלע נאָרמאַלע פעלקער, וואָס זיצן פעסט אויף דער ערד.

איבערן אויפגעשפּאַרטן מאַנסאַרדע־פליגל איז צוגעפאַלן אַ וואַרעמע, זשור־מענדיקע טונקלקייט. פאַרן שאַפע־שפּיגל האָט ער נערוועז אַרומגעגאַלט דעם

פוך. ער האָט זיך אַליין מער נישט דערקענט. דאָס עקשנותדיקע שויבערל האָט פאַרדעקט דעם שטערן.

אין דרויסן האָבן זיך די המונים נאָך אַלץ, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, גע־טראָגן איבער דער גאַנצער ברייט פון בולוואַר. אַ לוסטיקער עולם האָט באַזעצט די קאַפיי־טישלעך. אין אַזאַ טאָג איז ער אַמאָל מיטגעשווומען אין מאַניפעסטאַציע־צוג מיט דער קוזינקע עווא, פון באַסטיל ביז נאַסיאָן. זיי האָבן געטרונקען קאַלטן נאַרמאַנדישן עפּל־קוואַס אין אַ קליינער ביסטראָ אַרום „שעמען־ווער". וועגן וואָס האָבן זיי דעמאָלט געפּלאַפּלט? ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען. דערנאָך איז ער איינמאָל געזעסן אין ווערסאַיל, לעבן קורט ווינקלערן, צוזאַמען מיט די אַלע אַנגעלאָפענע עמיגראַנטן. ווי אַ ווינט, ווי אַ רויך...

ער האָט אויסגעמיטן דאָס געשלעג צווישן צעהיצטן, שיכורן אַמעריקאַנער סאָלדאַט מיט דער צוגעקוועטשטער באָקסער־נאָז, און דעם קליינעם פראַנצויז — אַ געשלעג איבער אַ מיידל ביים טאַנצן — און איז אַוועקגעשוווּמען ווייטער. פון אַלע גאַסן־ראָגן האָבן הויך־שפּרעכערס פאַרהילכט מיטן פאַרטיזאַנען־ליד.

און אין אָט דעם פאַרנאַכטיקן גאַסן־פלאָנטער, ערגעץ ביי אַ ראָג, האָט ער זי אומגעריכט אָנבאַגעגנט, סטערקען. ער האָט אָבער געהאַט אַ פאַרגעפּיל, אַז ער וועט זי באַגעגענען. אירע האָר, וואָס זענען אַמאָל געווען יינגלעריש־אונטער־געשניטן, זענען איצט געווען הויך־אויפגעטורעמט, לויט דער מאָדע; אַ האַנט־בייטל, ווי אַ רוקזאַק, אַ בלוזאָן, אין מיליטערישן שניט. ער איז שטיינגעבליבן אָן איין וואָרט. זי האָט עס דערפילט. עפּעס האָט אַ פינקל געטון אין איר אויג, וואָס איז אַמאָל חנוודיק געווען אין לאַכנדיקן שיקלען. כמעט די זעלבע סטערקע און — דאָך: זי איז פולער געוואָרן. איר רונדיק, פאַרברוינט פּנים האָט זיך אָפּ־געשלאָגן פון ווייסן אַנגאָראַ־סוועטערל, פון צעשפּיליעטן בלוזאָן. זי איז געווען אין אַ פרעמדן אַראָמאַט. די ברילן האָבן זיך אַראָפּגערוקט איבערן קליינעם נעזל. ס'איז נאָך אַלץ געווען אין איר די זעלבע ווילדע ענערגיע פון אַמאָל, ווען זי האָט אַרומגעפּלאָטערט אויף דער דזשיקע גאַס און אין איר מויל — „פּאָלסקאַ אוליצאַ"... ער האָט אָבער פּלוצים דערפילט די גרויסע מידקייט אין איר; ווי זי וואָלט ענדלעך געזוכט צו דערשלאָגן זיך צו ברעג. ער האָט מער נישט גע־וואָלט אומקוקן זיך אויף די צופעליקע אַוואַנטורעס אין איר לעבן. ער איז שוין ווייט געווען פון איר.

ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט זי אים אַ נעם געטון אונטערן אָרעם, אַביסל נישט דרייסט, צו קירעווען זיך פרייער צווישן געדיכט־שטראָמענדיקן עולם אויפן טראָטואַר. ער האָט אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן. איז עס נישט אַ שפּאַציר אויף די געדיכט־שטראָמענדיקע טראָטואַרן פון דער דזשיקע גאַס, אין יענעם ווינטערדיקן אָוונט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל אויפגעזוכט אין קאַוויאַר־ניעלע ביי דער פּערעלקאַ?

— אהרן... — האָט זי גערעדט, ווי אַמאָל, ווי ס'וואָלט פאַר דער צייט גאָר־נישט געשען — ביסט בייז אויף מיר... כ'ווייס...

ער איז געגאַנגען לעבן איר און האָט, דורך אַלע פיבערן, קיל געטראַכט, אַז ער האָט זי אפשר באַדאַרפט איבערלאָזן דאָ ערגעץ אין טומל, לאָזן איר שטיין ביי אַ ראָג און אַוועק; אַזוי ווי זי האָט אים איבערגעלאָזן אין די מאָמענטן פון

שוואַכקייט, פון צווייפל. ער האָט מער נישט געפונען וואָס צו זאָגן איר. ס׳האָט אים באַנג געטון, וואָס ער האָט זי באַגעגנט. דערנאָך האָט ער זיך דערזען זיצן נאָענט לעבן איר אין אַ טונקלן סקווער, אויסערן געזשום, צופוסנס פון אַן אַלטער קירכע. איר קאָפּ איז געווען צוריקגעוואָרפן אויפן אַנלען. ס׳זענען נישט געווען קיין רייד צווישן זיי. נאָכוואָס רייד? ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוריק אַרויס־געפלאָנטערט זיך צו אַ טומלדיקן ראָג, דערזען זיך אַליין און האָט פרייער אָפּגע־אָטעמט.

נאָך עטלעכע מאָל איז זי אים אומגעריכט געקומען אויפזוכן אין דער האָטעל־מאַנסאַרדע און האָט אים נישט געטראָפן. זי האָט שוין געוווּסט אַלע באַהעלטער־לעך און אין אַ ווינקל פאַרשטעקט, געפונען דעם שליסל צו זיין טיר. ווען ער האָט זיך שפּעט אומגעקערט פון גאַס, האָט ער באַלד דערפילט, אַז זי איז דאָ ווידער גע־ווען. איר אַראָמאַט איז פאַרבליבן אין שטיבל, צווישן אַ ביכל, אַ העפט, וואָס זי האָט אַ כאַפּ געטון אין האַנט. איינמאָל האָט זי אים געטראָפן אַרונטערגיין די שטיגן. זי איז געקומען מיט בלויע רעדער אונטער די אויגן. זי האָט גאָרנישט מער גערעדט.

אין דעם רעגנדיקן אָוונט האָבן זיי די פּיס אַליין פאַרפירט צו אַ באַר אויפן הויכן מאָנמאַרטר. אַ בלייך מיידל, די וויאָלינטשעליסטין פון קליינעם באַר־אָר־קעסטער, האָט אַקאָמפּאַנירט אַ פרילינגדיקן שטראַוס־וואַלס. די נעאָן־פייערן אַרום דער נידעריקער עסטראַדע האָבן געלייגט אַ מאַטקייט אויף אירע גלייך־גע־שניטענע האָר פון אַ נאָרדישן אַש־קאָליר. מ׳האָט געזען, אַז דאָס קליינע מיידל פיבערט אינגאַנצן און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דער פיבער גיט זיך לייכט איבער אירע האָר, פונאַנדערגעשאָטן אין אַ כוואַליע. דער זאַל איז געווען פאַרשוומען פון פנימער, פליכן, גלאַט־פאַרשרונדיקטע קעפּ, אוניפאָרמען, מעסער־גלאַנץ אין די אויגן ביי פרויען, די קעלנער, צעשטעלט צווישן די קאָלאָנעס — אַלץ האָט זיך ווייט אָוועקגעוויגט אין שוועבנדיקן ריטם פון שטראַוס־וואַלס.

ס׳איז געווען האַלבע נאַכט. די ליכטער אין רויט־פאַרשאָטנטן באַר האָבן זיך איינציקווייז געגומען לעשן אין אַלע נישעס הינטער די קאָלאָנעס. דער ספּיקער פון קליינעם פרויען־אָרקעסטער, אַן אויסגעצויגן מיידל, אין ווייס, אין רויט און אין בלוי, האָט אַנאָנסירט דעם לעצטן טאַנגאָ, ווען דער זאַל איז שוין געווען האַלב־ליידיק.

זיי זענען אַרויס. אין דרויסן האָט ווידער אַ גאַס געטון איבער זיי אַ זומער־דיקער רעגן. אונטערן געוועלב פון דער בריק, וווהין ער מיט סטערקען האָבן זיך באַהאַלטן, האָט דורכגערוישט איבער זייערע קעפּ די שורה באַלויכטענע פענצטער פון דער לעצטער מעטראָ. ער האָט כמעט נישט געטרונקען, אהרן, פונ־דעסטוועגן איז אים אין קאָפּ געווען אַ לייכטער נעפּל. פונאַנדערגעשפּיליעט דעם קאָלנער, האָט ער איינגעזאַפּט דעם פרישן, זינגענדיקן רעגן. דעם קראַגן פון איר בלוזאָן אויפגעשטעלט, איז סטערקע געווען צוגעשפּאַרט צו דער מויער אין טיפן שאָטן. דער רעגן האָט נאָך לאַנג גערוישט איבער זיי; און ווען ער איז שוין מער נישט געפאַלן אַזוי געדיכט, זענען זיי אַוועק איבערן בולוואַר. די מעטראָ־איינגענג זענען שוין געווען געשלאָסן. די רויטע פייערלעך האָבן געפינטלט אין

די ראַגן. און ווען זיי האָבן זיך דערזען אַרום בעלווילער פינצטערן גאַסן־פּלאָנ־טער, באַרג־אַרויף, נישט ווייט פון זיין מאַנסאַרדע אין פּאַסאַזש, איז ער געוואָרן אומרואיק.

— ס'וועט זיין פאַר דיר שפּעטלעך... — האָט ער פאַרזיכטיק אָנגעהויבן.

און דעמאָלט איז זי ווידער צוגעפאַלן צו אים, אַזאַ וואַרעמע, אַן אויסגע־בענקטע, ווי דאָרט, ווי אַמאָל :

— ווייסט וואָס, אהרן?... לאָמיר ערגעץ אַוועקפאָרן פון דאַנען... ווייט פון דאַנען...

— וווהין פאָרן? — האָט זיין צעמישטער בליק אַרומגענומען דעם פינצטערן אָנגעהויף פון די פרעמדע, עלנטע געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל — אונדזערע וועגן צעגייען זיך, סטערקע... איך פאָר צוריק צו מיינע יידן, קיין פוילן...

## קאַפּיטל צען

ביים חבר זלמן, ווידער, זענען די פאָר יאָר אַביסל אַנדערש זיך פאַרלאָפן.

אויפגעריסן אין סעפּטעמבער 1939 ס'לעצטע מאָל די טויערן פון דער שעד־לעצער תפיסה, אַ טאָג איידער די נאַציש חילות האָבן אַ פּלייץ געטון פון יענער זייט ווייסל, האָבן זיי, אַ מאַן פופציק, צווישן זיי דער חבר זלמן, ביסלעכווייז זיך פאַרלוירן אויף די הפקרע קרייץ־וועגן. די ווייסרוסישע פויערימלעך, די אוקראַי־נער, די פּאָליאַקן, צוזאַמען פאַרשפּאַרט אויף יאָרן, האָבן באַלד דערפילט, אַז עס בלאָזן נייע ווינטן; זיי האָבן זיך באַלד אָפּגעדרייט, אַרומגעלאָפן רעקווי־זירן פורלעך, אומצוקערן זיך אין זייערע היימישע קאַנטן. די עטלעכע פריי־גע־וואָרענע יידן האָבן זיך אויסגעמישט אין דער גרויסער בהלה, אין דער גרויסער יידישער פּאַניק. איבער נאַכט זענען געקומען אָנצוציען גאַנצע יידישע קהילות פון אַרום וואַרשע. פייערן האָבן רויט באַלויכטן די אימהדיקע נעכט. מחנותווייז, אונטער די באָמבאַרדירונגען, האָבן זיי איבער די שלעכטע פוילישע שאָסייען געצויגן צום בוג. דאָס צעטומלטע פאָלק האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן האַרמאַטן און טאַנקן־רעדער, צעטראָטן געוואָרן דורך אַלע אַרמייען.

ס'פאָלק... די יידישע פאָלקס־מאַסן... מ'האָט, הייסט עס, געלעבט מיט פאַר־טיק־צוגעשניטענע פראַזן, פאַרמולעס פון רעזאָלוציעס און בראָשורן; מ'האָט גע־רעדט אין זייער נאָמען, געזוכט פאַר זיי לייזונגען; מ'האָט זיי געוואָרנט און פאַר־אורטיילט — קליינבירגער... דעקלאַסירטע עלעמענטן... אויף די פוילישע וועגן איז דאָס פאָלק אין יענעם סעפּטעמבער געלאָפן ווי אַ הפקרע סטאַדע שאָף, צווישן אָפּגע־מעקטע גרענעצן, צווישן פיינטלעכע קאַנאָנאַדעס. ס'איז אָבער נישט געווען ווו צו אַנטלויפן. אַלע כמעט זענען דערנאָך פאַרצוקט געוואָרן פון שונא. די אונטער־געצונדענע וועלט איז אַקעגנגעלאָפן דעם אונטערגאַנג; און די ערשטע — די יידן

פון די הילצערנע שטעטלעך אויף דער סלאָווישער ערד. זיי זענען מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן.

חבר זלמנס אַרומגעגאָלטער אַרעסטאַנטישער קאָפּ איז געשוווּמען אין אַ ברייט היטל מיט אַ דאַשיק איבער די אויגן. אויף די פיס — אַ פּאָר שווערע סאָלדאַטס־קע שיך, פון די צעראַבעוועטע מיליטערישע מאַגאַזינען. ער איז אַוועק אָן באַ־דויערן, נישט אומקוקנדיק זיך. צום ווייב מיטן מיידעלע האָט ער זיך שוין נישט געקענט מער אומקערן. וואָס טוען מיר דאָ, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל געפרעגט, אונטער די פיס פון די אַרמייען?

נאָכגעגאַנגען איז אים אַ קראַנקע בענקשאַפט; כאָטש אַלץ איז שוין געווען אַזוי ווייט; ווייל ס׳איז נאָך איין מאָל געווען אַ ליכטיקע פּרוי אין זיין לעבן, אין געדיכטן יידישן אַרבעטער־צענטער, אין לאָדזש, וווּ ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן. ס׳איז געווען אין יענעם זומער אַ קורץ, גליקלעך צוזאַמענ־לעבן, איידער ער איז ווידער אַריינגעפאַלן. אַפילו אַ מיידעלע איז געבוירן גע־וואָרן. „ס׳ליגט און פלאַפלט — דיאַ... דיאַ״... — אַזוי האָט זי אים געשריבן אין תפיסה אַריין, די שטילע פרוי. און באַלד דערנאָך איז אַלץ אונטערגעגאַנגען, אַ וועלט אַ גאַנצע.

מיט די איינגעקוועטשטע דראָטענע ברילן, מיטן פאַרגרויטן בערדעלע, אין האַלב־מיליטערישן פרענטש, איז חבר זלמן אַרום ניי־יאָר 1946 געקומען אַנצוציען מיט די פּליטים־עשאַלאָנען פון ווייטן סאָוויעטישן מיטל־אַזיע; אַ גרויער מענטש, מיט צעאַקערטע הענט פון שווערער אַרבעט אין די אוראַלער קוילן־גרובן, אין די טייגעס, אין די אוראַלטע וועלדער פון ווייטן צפון, אין די קאָלכאָזן אַרום דער וואָלגע. אין זיין טיפן גלויבן, איז ער געבליבן גאַנץ, נישט געבראָכן. נישט אים, וואָס איז אין זיין לעבן דורכגעגאַנגען אַזויפיל פייער־פּראָבעס, האָט מען געקענט צעברעכן. צוריקגעקומען איז ער מיט זיין אייביק־תמימותדיקן שמייכל, ווי אמאָל, געווינט צו נאַרע־ברעטער, צו פאַרשטעקטע בוידעם־שטיבלעך, צו די פאַרחושכטע הענט פון אַרבעטער־לאָקאַלן, צו די געדיכטע אַרבעטער־בערזעס, צו אַ לעבן אויף ברויט מיט וואַסער.

ער האָט נישט געזוכט קיין פּראָטעקציעס, קיין הויכע פּאָסטנס. דערזען, באַך וואָכן וואַלגערן זיך אין די עשאַלאָנען, די פּוילישע ערד — ווייל ער האָט שוין נישט גערעכנט, אַז ער זאָל זי נאָך אַמאָל זען — האָט ער זיך געזאָגט: דאָ, אַז מ׳עט לאָזן, וועלן מיר שוין דערציען די פּאָר יאָר. ער איז אַפילו נישט געגאַנגען זען די חברים פון אַמאָל. זיי האָבן כמעט אַלע פאַרנומען וויכטיקע אַמטן. ס׳איז גע־ווען די צייט פון די קאָמיטעטן. דער חבר מאַקסים, ווי נאָר ער איז געוווּיר גע־וואָרן, אַז חבר זלמן איז דאָ, איז ער באַלד געלאָפן אים אויפזוכן, קורץ אויסגע־פרעגט זיך און קורץ באַפוילן:

— קודם נעם אַראָפּ ס׳קאָזע־בערדל... און קום שטעל זיך צו דער אַרבעט... מיר באַדאַרפן האָבן הענט...

— כ׳וועל בעסער גיין אַרבעטן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו... אין אַ דאָרף־ווירט־שאַפט... — האָט חבר זלמן געדרייט ס׳צעקנייטשטע היטל צווישן די פאַרהיל־צערטע פינגער — ביי וואָס ס׳זאָל נישט זיין... כ׳וויל נישט מער...

— פאַרוואָס? — האָט זיך חבר מאַקסים געחידושט און האָט אים דערציילט — זאָלסט אָנקוקן דיין יאַנעקן... ער שווימט!...

— אַזוי?... ער לעבט, יאַנעק?... — האָט ער זיך קיל נאָכגעפרעגט — ס׳וואונדערט מיך נישט... ס׳איז אפשר די צייט פאַר די יאַנעק׳ס...

מ׳האָט געזען, אַז דער מענטש פילט זיך פאַרטויבט, ווי נאָך אַ צו־רוישיקער הוליאַנקע; מ׳האָט, הייסט עס, פאַרשפּילט די פאַר יאָר, ווי אין שיכרות. דאָס האָט ער געטראַכט, אָבער געזאָגט האָט ער עס נישט. דער חבר מאַקסים האָט אים לאַנג און באַדאַכט אָנגעקוקט. ער האָט פאַרשטאַנען, גאָרנישט מער גערעדט. דער זעלבער עקזאַלטירטער חבר מאַקסים, אָדער מאָטעלע גאַרבער, מיט וועלכן ס׳איז אַמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען אין דער געפּערלעכער צענטראַלער טעכניק פון מערב־ווייסרוסלאַנד; מיט וועלכן מ׳האָט זיך נישט איין מאָל באַגעגנט אין די תפיסות, אויף אומלעגאַלע מלינות אין ווילנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדזש, פּראַג, בערלין, דאַנציק און — אין מאָסקווע גופא. דער חבר מאַקסים האָט אין די פאַר ביטערע יאָר געפּאַרטיזאַנעוועט אין די ווייסרוסישע וועלדער. ער איז אַרויס אַ גאַנצער; דער זעלבער מאָטעלע גאַרבער, נאָר מיט טיפע קאַרבן אַרום די נאָז־פליגלען, די באַקן־ביינער — בולט אַרויסגעזעצט, ווי ביי אַ מאָנגאָל. זיין טיפער יידישער שטערן איז נאָך טיפער געוואָרן. אַן אומרו אין די ביר־אויגן.

ביידע האָבן לאַנג געזויגן די ביליקע פּאַפּיראָסלעך, לאַנג געזעסן, מער געשוויגן ווי גערעדט; אַלע רייד זענען געווען איבעריק. כאָטש די האָפערדיקייט האָט זיך פון חבר מאַקסים אַ רגע נישט אָפּגעטון. ס׳האָט געקאָכט אין אים אַ ווילדע ענערגיע. ער האָט, ווי אַלעמאָל, געקענט אַ שריי טון, אַ זידל טון אויפן רוסישן שטייגער, פאַרפאַרנדיק ביז צו דער עלטער־באָבען; און אין אַ מינוט אַרום האָט ער ווידער ברייט געלאַכט, געקלאַפּט אין דער פּלייצע, ווי די פויערים־לעך אין זיינע קאַנטן. דער חבר זלמן האָט אים אָנגעקוקט פון אונטער די דראָ־טענע ברילן. דער מענטש, האָט ער געפילט, פאַרשרייט אפשר זיך אַליין. פרעמדע פּראַזן זענען נאָך, הייסט עס, אין אונדזער מויל. וועמען, פרעגט זיך, נאַרן מיר? ווער הערט אונדז דען? די יידישע אַרבעטער־מאַסע איז אומגעקומען צוזאַמען מיטן פּאָלק. זיי זענען נאָך דעמאָלט, אין יענע יאָרן, געווען פאַרמשפּט. אַצינד האָבן די רעשטלעך געצויגן צו פאַראַנקערן זיך ערגעץ ווו ביי אַ זיכערן ברעג.

אין לאָדזש איז נאָך דעמאָלט געווען דער גרויסער יידישער אָנגעלויף. אַלע עשאַלאָנען זענען פאַרבייגעפאָרן לאָדזש, אָבער די מערסטע האָבן זיך שוין דאָ מער נישט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן געצויגן צו די ניי־באַזעצטע געביטן, אין נידער־שלעזיע. ער האָט אים געפאָלגט, דעם חבר מאַקסים, ס׳פאַרגרויטע בערדעלע האָט ער אַראָפּגענומען. ער האָט עס נאָך געהאַט מיטגעבראַנגט פון ווייטן צפון. ער האָט זיך איינגעקוקט אין שפּיגעלע און האָט זיך אַליין מער נישט דערקענט. ער איז אַוועק אין שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס איז זיך אין יענעם יאָר שיין פונאַנדערגעוואַקסן, ווייל מ׳האָט באַדאַרפט אָנטון דעם נאַקעטן און באַרוועסן עולם, און געשטעלט זיך צו דער אַרבעט; כאָטש ער איז קיינמאָל קיין שניידער נישט געווען. געוווינט צו נאַרמעס, צו שווערער פּראַצע, אויף ברויט מיט וואַסער, איז ער דאָ פון אַלעם געווען צופרידן — אַן אָרעמער טעלער זופּ, ברויט צו דער זעט,

אַ פעלד־בעטל צום איבערשלאָפן אין דער געמיינזאַמער צוזאַמענוווינונג, אויפן „פונקט".

מענטשן זענען געקומען און פאַרשוווּנדן, געגאַנגען אין די נעכט איבער דער גרענעץ; און דער חבר זלמן האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אַ פאַרטייעטער, פאַר־טון אין זיך. ער האָט געפילט, אַז ער האָט אפשר מער נישט קיין רעכט קיינעם גאָרנישט צו זאָגן. מ'האָט אים אָנגעקוקט מאָדנע, טייל אפילו מיט חשד, ווייל ס'איז געווען אַ קוים־מערקבאַרער שמייכל אונטער זיינע דראָטענע ברילן. ווו נאָר ער האָט געפונען אַ ביכל, אַ שטיקל שימה, האָט ער דערין אַריינגעקוקט, געבלעטערט זיך ביז שפּעט אין זיין ווינקעלע. ער האָט זיך אַליין געקאָכט אַ גלאָז טיי אויפן פאַר־סאָדזעטן גאַז־אייוועלע, אַרומגעקראַצט זיך דעם שיטערן אויסוווּקס פאַרן שפּי־גלעלע. ער האָט אויפגעמאַכט אָן אויג אין גרויען, געדעמפטן ליכט פון דער פאַלאַ־טע, אין דער צוזאַמענוווינונג, פול אָנגעשטעלט מיט בעטלעך, מיט שפּאַנישע זוענטלעך. ס'איז געווען גרויער, וואָכעדיקער טאָג. מ'האָט זיך געקריגט, געלאַכט, געוויינט, גערעדט געדיכט און שושקענדיק. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומ־געקוקט.

אַזוי האָט ער אויך אויף די געדיכטע „פונקטן", אין די קאָמיטעטן, אין די ליסטעס פון די אָפּגעראַטעוועטע, וואָס זוכן זיך אַרום, אומגעריכט אָנגעשטויסן זיך אויף אַ נאָמען פון אַ מיידעלע. דער נאָמען איז אים פאַרגעקומען קענטלעך, אָבער גאַנץ זיכער דערין, צי ס'איז טאַקע זיין קינד, איז ער נישט געווען — אפשר? ווייניק עלנדע מענטשן זענען דעמאָלט געקומען נאָכפרעגן זיך? — צי מען ווייסט נישט... צי מען האָט נישט געהערט... איז ער אויך געגאַנגען. ער איז אַוועק אָפּזוכן דאָס קינד אין יתומים־הויז אויף אַ ווייטער לאָדזשער פאַרשטאָט.

פון דעמאָלט אָן האָט עס אים שוין מער נישט צורו געלאָזן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט באַלד באַגינען אויפן פעלד־בעטל; ער איז סיי ווי מער אַרומגעקראָכן, ווי געשלאָפן, געזעסן, די פיס אַרונטערגעהאָנגען, געגרויכערט אין דער פינצטער. ער האָט געוואָלט שוין באַלד נעמען און לויפן; ס'האָט זיך אים פלוצים אויסגע־וויזן, אַז ער האָט צוריקגעפונען דעם גרויסן זין אין זיין לעבן. אַ קינד! אין אויפ־האָדעווען א יידיש קינד האָט ער געזען אַ נייעם, גרויסן זין פאַר אַלץ — אָנהייבן פון דאָס ניי, ווי דער פרילינג, ווען ס'גרינע בלעטעלע ליגט נאָך איינגעטוליעט אין שעמעוודיקן, בלייכן קנאָספּ, ווי ס'גרעזעלע, וואָס שפּאַרט זיך פון אונטער שטיינער און גרוזן אַפילו.

און ער איז באַלד צומאָרגנס אַראָפּגעפאָרן מיטן טראַמוויי. לאַנג האָט ער געבלאָנדזשעט איבער דער פרעמדער פוילישער פאַרשטאָט, ביז ער האָט זיך דערפרעגט. מ'האָט אים אָנגעוויזן צום נידעריקן טירל פון אַ שטרענג־אָפּגעשלאָ־סענעם הויף. ס'איז געווען אין סוף־ווינטערדיקן נאָכן האַלבן טאָג. ער האָט לאַנג געצויגן ביי אַן אַלטמאָדישן גלאָק. מ'האָט פון יענער זייט טירל געפרעגט צו וועמען, נאָך וואָס; מ'האָט אים געענטפערט, אַז מען נעמט שוין היינט מער נישט אויף, ער זאָל קומען מאָרגן.

איז ער צומאָרגנס ווידער געקומען. דאָס גאָרטן־טירל האָט אַ סקריפּע געטון. ס'איז אַרויס אַ פרוי מיט אַ טיכל, טיף אָנגערוקט איבערן שטערן. זי האָט זיך אומגעדרייט, אַ רוף געטון צו די צוויי מיידעלעך ביים פלויט: „קומט, קינדער,

מען גייט טרינקען קאַקאַאָ". ס'איז געווען די לערערין נחמה, די, צו וועמען ער האָט זיך נאָכגעפרעגט. ער האָט שוין אַלץ געוווּסט וועגן אָט דער בלייכער פרוי. זי איז געווען פון די לעצטע, וואָס האָבן באַגלייט יאַנוש קאָרטשאַקן אין קינדער־הויז פון וואַרשעווער געטאָ. דורך דער געטאָ־מויער האָט זי זיך פון די לעצטע גע־ראַטעוועט אויף דער „אַרישער זייט". מיט איר בלאָנדן קאָפּ, מיט איר „גוטן אויס־זען", האָט מען זי נישט דערקענט; אָבער די יידישע שרעק אין אירע אויגן האָט זי אויסבאַהאַלטן פאַר אַ זייטיקן בליק. זי האָט אים אָנגעקוקט, דעם חבר זלמן. ס'איז געווען פלאַטער אין איר מעלאַדישער שטים. זי האָט אים געלאָזן אַליין אויפן גאַניק און האָט אַוועקגעאיילט. אין זיינע אויגן האָט זי געקענט אַלט זיין אי אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, אי אַ יאָר פופציק.

ער האָט געוואַרט, געדולדיק געוואַרט; גרויסער געדולד איז געוואָרן אייגן די מענטשן, וואָס זענען יאָרן געשטאַנען אונטער פרעמדן באַפעל. ערגעץ־ווו און ער־געץ־ווען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט ער שוין די דאָזיקע בלייכע פרוי באַ־געגנט. אין ערב־פרילינגדיקן טאָג זענען די קינדער מיט די אַרומגעגאָלטע קעפּלעך אַרומגעלאָפן צווישן די נאַקעטעביימער אין טיפן הויף. ס'האָט געשיינט אַ קילע זון צווישן די צווייגן. די ייִנגלעך האָבן זיך געהוידעט אויף אַ בעליק, אַרומ־געקייקלט אויף אַ פאַס. זיי האָבן זיך אָנגעהאָנגען מיט ווילדע קולות. ס'איז אָבער נישט געווען קיין יונגער געלעכטער. אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט, צו־געקוקט זיך פון ווייטן מיט גרויסע, שוואַרצע, אומעטיקע אויגן; אַז מ'האָט זיך דערנענטערט צו זיי, זענען זיי, ווי די ווילדע קעץ, אַנטלאָפן. אפילו צו דער לערערין נחמה האָבן זיי זיך נישט באַלד צוגעוווינט; די שטילע מעלאַדישקייט אין איר שטים, וואָס האָט די האַלב־פאַרווילדעוועטע קינדער צוגעוווינט צו זיך, ווי פאַרהיימישטע חיהלעך. זיי זענען איר שוין דערנאָך אומעטום נאָכגעגאַנגען, גע־קלאַמערט זיך אין איר קלייד. איר יונגער גרוי־געוואָרענער קאָפּ האָט אַרויסגע־קוקט פון צווישן די קינדערישע קעפּלעך. זי האָט זיי געלאָזן און איז לאַנגזאַם צוריקגעקומען צו דער וועראַנדע.

— כ'האָב געוווּסט — האָט זי געזאָגט, נישט אויפהייבנדיק די אויגן — אַז איר וועט וואַרטן.

און זי האָט אים אָנגעוויזן אויפן חנווּדיקן מיידעלע מיט די שוואַרצע צעפּ; אַ קינד פון אַ יאָר זיבן. ער האָט עס אָנגעקוקט מיט נייגער. ניין, ס'קינד איז נישט געווען זיינס. דאָס האָט ער גלייך דערפילט. ער האָט אָבער מורא געהאַט עס צו זאָגן באַלד, אַרויסברענגען עס פאַר די ליפּן. ער האָט געפּרוּווט דאָס קינד אַ גלעט געבן איבערן קעפּל, האָט זיך עס אָפּגעדרייט; געשטאַנען אַ רגע פון ווייטן, געקוקט אויף אים מיט די גרויסע אויגנעס, ווי אַ ווילדע חיהלע, און איז אַנטלאָפן. דערנאָך איז עס ווידער פאַרטייעט צוריקגעקומען. ס'האָט אים אַלץ אָנגעקוקט. ער האָט ס'קינד גערופן און ס'איז נישט געקומען. ער האָט עס אויסגעשטרעקט אַ זעקע־לע נאַשוואַרג; ס'מיידעלע האָט געקוקט, געקוקט, האָט עס פּלוצים אַ כאַפּ געטון און איז אַנטלאָפן דערמיט אין טיפן הויף.

— מיר האָבן ס'קינד אויסגעקויפט ביי אַ פּויער... — האָט די אויפזעערין נחמה שטיל דערציילט — ס'שרייט ביינאַכט פון שלאָף. ס'איז שוין איינמאָל אַנט־לאָפן אויך. זי האָט געשריבן צו איר חברטע אין דאָרף: „ווייסט זאָשיו... — האָט

זי געשריבן — דאָ זענען סאַמע „זשידעס"... דעם בריוו האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעשיקט. דער פויער איז דערנאָך פאַרפאָרן נישט ווייט פון דאַנען מיט אַ פורל. ער האָט געוואָרט. פון דעמאָלט אָן לאָזן מיר פון די קינדער נישט אַראָפּ קיין אויג. כ'פרעג אייך — צי קען מען ווייטער אַזוי לעבן?...

און זי האָט פאַרבראַכן די בלייכע הענט, מער מיט גאַרנישט אַרויסגעכאַפּט זיך. ווי אויף דער שטילער פרוי, וואָס איז דאָ אַרומגעגאַנגען צווישן די קינדער, וואָלט געדרוט אַ הייליקע, אויסגעליטענע שיין; דאָס ענג־פאַרשפיליעטע קלייד ביזן האַלדז, די פאַרשנירטע ליפּן, דער באַהאַלטענער בליק, די שטילע הענט. מיט אַזעלכע הענט, צו לייגן זיי אויפן קעפּל פון אַ קינד, מיט דער וואַרעמקייט, וואָס שלאָגט פון זיי, ווערט מען אוודאי געבוירן. ער האָט געקוקט אויף אירע הענט, גאָר־נישט טראַכטנדיק, און זי האָט זיי פּלוצים פאַרשטעקט אין די טיפע קעשענעס פון איר פאַרטוך.

אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך גערופן דאַנקאַ; אַ פאַרטייעט חיהלע, מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן, מיט שווערע צעפּ, מיט אַ פראַסט דאָרפיש צלמל אויפן האַלדז. מ'האָט עס ביים קינד נישט אַראָפּגענומען; מ'האָט עס איר געלאָזן, ביז זי וועט אַליין פאַרשטיין. ס'קינד האָט ביינאַכט געשריגן פון שלאָף. די לערערין נחמה איז אַראָפּ איינדעקן עס, אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויפן קינדס שטערן. ביים אויפשטיין איז די קליינע געפאַלן אויף די קני, פאַרלייגט די הענט־לעך אויף דער שמאָלער ברוסט, געשעפּטשעט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן דאָס פרימאָרגן־געבעט.

— כ'זע, ס'איז נישט אייער קינד... — האָט זי זיך נאָך אַ ווײַלע אָפּגערופן — פאַרוואָס אינטערעסירט אייך אַזוי דאָס קינד?

— ס'איז אַ... יידיש קינד... — האָט ער לאַנג געזוכט די ווערטער.

זי האָט אים אָנגעקוקט. זי האָט אים געלאָזן און איז ווידער צוריקגעקומען. ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. געדולדיק געוואַרט. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט צוריקקומען. ער האָט עס געוואָלט. „אַזאַ פרוי"... — האָט ער געטראַכט און האָט זיך מער נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט.

ער איז אַוועק פון דאָרט מיט אויסגעלאָשענע טריט. אָבער צומאָרגנס האָט דער חבר זלמן זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ מאָדנעם געדאַנק — ער וועט אַדאָפּטירן דאָס מיידעלע. ער האָט קיינעם נישט. אויפהאָדעווען אַ יידיש קינד! עטלעכע מאָל איז ער געקומען, אָבער ער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן עס דער לערערין נחמה. די קליינע האָט אים שוין אָבער יעדעס מאָל אָפּגעוואָרט. זי האָט שוין געוווּסט, אַז ביי אים אין די קעשענעס געפינט זיך אַלעמאָל עפּעס פאַר איר.

— האַלינקען גיב נישט!... — איז ס'מיידעלע דאַנקאַ צוגעפאַלן צו אים און אירע גרויסע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווי ביי אַ קאַץ; ווייל אַלע קינדער פאַראַמאָל זענען געקומען צולויפן און אַרומגעשטעלט זיך.

— פאַרוואָס נישט האַלינקען? — האָט ער געפרעגט ערנסט.

— ווייל צו איר קומט יעדע וואָך אַ מומע... צו מיר קומט קיינער נישט...

די קליינע, עלנטע חיהלעך... ער איז פאַרנאַכט אַוועק פון צוגעלענטן טירל מיט באַדאַכטע טריט. ניין, ער האָט מער קיין שום אילוזיעס נישט געהאַט. ס'איז נישט געווען זיין קינד. אָבער וואָס איז דען די נפקא־מינה, נאָך אַלעמען?

דער חבר זלמן האָט זיך געשאַרט אין אַ זייט פון די רוישיקע יידן־געזעמלעך, אויף די געדיכטע זאַמל־פּונקטן, אויף די געדענק־אָוונטן — רעשטלעך פון אַ פאָלק, ס'טראָגט זיי. זיי האָבן נישט מער קיין צוטרוי צו דער דאָזיקער ערד, אָנגעזאָפּט מיט בלוט. ס'איז געווען נאָך קעלץ. יידן האָבן זיך געפאַרכטן אין אָוונט אַרויסצו־גיין אויף דער גאַס. מ'האָט אָפּגעשלאָסן טיר און ריגל. פון די אַרומיקע גאַסן און הייף האָבן זיך פון צייט צו צייט געהערט שאָסן. די פון דער פּאַרטיזאַנקע, פון די וועלדער, האָבן נאָך געהאַט פאַרשטעקט ביי זיך נאַגאַנען, גרייט צו באַגעגענען מיט פייער קעגן פייער.

די, וואָס האָבן דעם חבר זלמן נאָך געדענקט פון אַמאָל, פון דער דזשיקע גאַס, פון מוראַנאָווער ראַיאָן, האָבן אים אָנגעקוקט, איבערגעשעפּטשעט זיך היג־טער זיינע פּלייצעס. ער האָט גערעדט האַלבע ווערטער; מער ווי דעם קילן שמייכל האָט מען ביי אים נישט געקענט אַרויסטרייסלען.

נאָך עטלעכע מאָל האָט עס אים צוריקגעפירט צום קינדער־הויז, צום שטרענג־אָפּגעשלאָסענעם הויף אויסער דער שטאָט. די דערציערין נחמה האָט שוין גע־וווּסט, אַז דאָס קומט ער צום מיידעלע דאַנקאַ, כאָטש ס'איז נישט זיינס. זי האָט אים לאַנג געלאָזן וואַרטן אויפן גאַניק. ער האָט עפּעס געשטאַמלט, אָנגעקוקט זי מיט מאָדנע אויגן, ווו ס'איז געזעסן דער ראָזער פאַרנאַכט. ער האָט נישט געוואָגט. האָדעווען ס'קינד... ער און נחמה גייען אַרום צווישן די קינדער, ווי צווישן הינדע־לעך... אין אים האָט שוין געגליט דאָס גרויסע וואָרט, וואָס ער וועט זאָגן דעם קינד, ווען ס'וועט אונטערוואַקסן...

ער איז אָבער אַלעמאָל אַראָפּגעפאָרן אַהין מיט אַביסל פּלאָטער. אין די פאַרהויכטע שויבן האָט ער אומעטום געזען — נחמה... ס'מיידעלע... דער טראַמוויי האָט זיך פאַרדרייט צו די שמאָלע פאַרשטאָט־געסלעך, איבער די שפּיציקע שטיי־נער, צווישן נידעריקע, רויט־ציגלדיקע מייערלעך, פאַבריק־ווענט, קוימענס, קוי־מענס, וואָס האָבן אין יענעם יאָר צוריק אָנגעהויבן רויכערן. אין שניי־שיט האָט פּלוצים אויפגעשיינט אַ זון. ס'איז געווען סוף מערץ. די רייסיקע ווינטן האָבן אַביסל נאָכגעלאָזן. אַ בלייך פּאַסיקל זון האָט אַ בלענד געטון אויף די קוימענדלעך פון איינגעפאַלענע דעכער, אין די דאַרפישע, קוואַדראַטנע שייבלעך, פאַרצויגן מיט האַלבע פאַרהענגלעך, אָנגעשטעלט מיט וואַזאָנען. די פאַרשטאָט־הינט האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די טראַמווייען. מיט דער זון, וואָס האָט אַ בלענד געטון און באַלד פאַרשווונדן הינטער אַ וואָלקן, האָט אויך אין אים עפּעס אויפגעלויכטן.

ער האָט זיך געכאַפּט, צי האָט ער אַמאָל נישט פאַרגעסן לעבן זיך ס'פּעקעלע — אַ פּאָר נייע שיכעלעך פאַרן מיידעלע, אַ סוועטערל מיט רויטע, בלויע און גרינע קווייטן. ס'וועט זיך פרייען, ס'קינד. און אויך פאַר נחמה'ן אַ קלייניקייט... כאָטש ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט ווי אַזוי ער וועט עס איר דערלאַנגען, ווייל ס'איז צוגעפאַלן אַ יינגלשע שעמעוודיקייט אין אים.

די טראַמווייען, וואָס שאָקלען זיך צו די ווייטע פאַרשטעט, ליידיקן זיך ביס־לעכווייז אָפּ; אויף די לעצטע אָפּשטעלן איז ער פאַרבליבן כמעט איינער אַליין. ער האָט זיך ווי פאַרגעסן. נאָך איידער דער טראַמוויי האָט זיך פאַרהאַלטן ביים פאַרדריי, איז ער אַ שפּרונג געטון פון טרעפּל. ס'האָט אים שוין אונטערגעהויבן.

ער איז אָבער דאָס מאָל געפאָרן מיט מאָדנע פּאַרגעפילן. נאָך קעלץ, נאָכן מאַסן־אַנטלויפן פון די יידן אין די נעכט איבער דער גרענעץ, האָט ער זיך אויך גע־שראָקן פאַרן קינדער־הויז אין דער אָפּגעלעגענער פאַרשטאָט, אין אַ פּוילישער געגנט. ער איז כמעט אונטערגעלאָפן דורך דער נאַקעטערביימער־אַליי, ביזן טירל. אין דער שעה האָט זיך אַלעמאָל שוין געהערט דער טומל פון קינדערישע שטי־מען, דאָס גלעקל. פון די קוימענס איז אויפגעגאַנגען אַ געדיכטער רויך.

דאָס גאָרטן־טירל איז געשטאַנען האַלב־אָפן. ס׳איז געווען אומגעוויינלעך. ער איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן. די סטעזשקעס פון טיפן הויף — פוסט. קיין רויך פון די קוימענס איז נישט אויפגעגאַנגען. טיפע רעדער־קאָליעס פון אויטאָס — אויף די פייכטע, ערב־פרילינגדיקע פלאַנטן פון פאַרק. די גלאָז־טיר אויפן גאַניק — אויפגעפּראַלט, אָבער קיינער איז נישט אַרויס אים אַנטקעגן.

אַרומגעקוקט זיך מיט חשד — צי האָט ער זיך אַמאָל נישט טועה געווען? די גרויסע שטילקייט האָט געקלונגען אין די אויערן. ער האָט זיך מיטאַמאָל גע־פאָרכטן צו גיין ווייטער פון דער שוועל. ס׳איז געווען, האָט זיך גלייך געמערקט, אַן אומגעוויינלעכע אייליקייט ביים פאַרלאָזן דאָס הויז; אַנגעוואָרפענע טישן, איבער־געדרייטע שטולן. אַ ווינט איז געגאַנגען דורך די ליידיקע צימערן.

ער איז אַרויס. צווישן די נאַקעטע ביימער פון טיפן גאָרטן איז געהאָנגען אַ דינער נעפּל פון סוף מערץ. די אָפּגעדעקטע ערד האָט געפּאַרעט. און ס׳האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט דאָס בילד פון די „ציגיינער" ביי פּושקינען, ווען אַלעקסיי, דער פאַרליבטער אין דער יונגער ציגיינערין, קומט אין טאַבאָר און טרעפט בלויז די אויסגעלאָשענע שייטערס... די רעדער־קאָליעס אויפן טראַקט... זיי זענען פאַרשוווּנדן, צוזאַמען מיט די ביידלעך, מיט די קיביטקעס, מיט די פערד און — ער לויפט נאָך אין זייערע שפּורן... נחמה... ס׳מיידעלע... פאַרוואָס האָט זי מיר, פונדעסטוועגן, גאָרנישט געזאָגט?

זי האָט אים, הייסט עס, אָפּגענאַרט; זי האָט רעכט די אויגן נישט אויפגע־הויבן; ס׳איז געווען באַהאַלטענער מיין אין יעדן באַוועג אירן. נאָך יאָרן זיין איזאָ־לירט, נאָך יאָרן תפיסות, לאַגערן, האָט ער זיך געזען אין אַ קליין הויז... אַ פרוי... ס׳מיידעלע...

און אפשר, האָט ער באַקלערט, האָט זי עס גאָרנישט באַדאַרפט צו זאָגן? אין אַזאַ צייט... ראַטעווען יידישע קינדער... ווייניק יידן־מערדער דרייען זיך נאָך דאָ אַרום? ער האָט אַליין נישט געפילט, ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער פאַרגעסענער שטול אויפן גאַניק. דאָ האָט זי אים אַלעמאָל געלאָזן וואַרטן, קוקנ־דיק מיט אַ פאַרהוילענעם בליק, פאַרשלאָסן, אין־זיך, אומדורכדרינגלעך... און ער האָט זיך אַליין נישט געכאַפּט, אַז ער לייענט אויפן קול די אומעטיקע פערזן פון פּושקינס „ציגיינער"... ער האָט זיך פאַרשעמט אַרומגעקוקט, צי קיינער שטייט דאָ נישט...

ס׳איז שוין געווען פינצטער, ווען ער האָט זיך צוריקגעשאָקלט צו דער שטאָט, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישןביידע הענט; ווי ער וואָלט זיך צוריקגעקערט פון אַ לוויה. צום ערשטן מאָל האָט ער מורא געהאַט אומצוקערן זיך צו דער רוישי־קער צוזאַמענוווינונג. קיינער וואַרט נישט אויף אים. אָט האָט זיך אים אויסגע־

וויזן, אַז ער איז צוריק, מיט אַ דינעם פּאָדעם, אַנגעבונדן אין לעבן. ווי ער וואָלט ווידער שטיינגעבליבן ביי אַ פּוסטער שוועל. ווו נעמט מען כוח, האָט ער זיך געפרעגט, ווייטער אַזוי צו לעבן?

ער האָט זיך צעחושט אַרומגעדרייט אויף די געדיכטע זאַמל־פּונקטן, אומזיסט געזוכט אונטערצוהערן אַ וואָרט, אַן אַנדייט; די צעטומלטע יידן האָבן אים אַנגעקוקט פרעמד, מיט פאַרדאַכט, אָפּגעקערט זיך. זיי זענען איבער נאַכט פאַרשוווּנדן, געלאָפן איבער גרענעצן.

אין שניידער־קאָאָפּעראַטיוו איז די אַרבעט דווקא אַוועק זייער אינטענסיוו. די פּריש־אַנגעפאַרענע, פון ראַטנפאַרבאַנד, פון די וועלדער, פון די לאַגערן, האָבן געאַרבעט, געמאַכט פּלענער, געבויט מיט עקשנות. ס'זענען פון אונטער דר'ערד באַשאַפן געוואָרן מאַשינען, שטאָפן, צודאַטן. די אויסאַרבעטונגען פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן אין די ווירטשאַפטלעכע מלוכה־קרייזן באַקומען אַ שם. יידישע שניידערס האָבן אַריינגעלייגט זייער גאַנצן ירושהדיקן זשעני, אויסצופּאַרטיקן אַ שיין, ביליק שטיקל אַרבעט. דער חבר זלמן איז געווען באַשעפטיקט אין מאַגאַזין. דורך זיין האַנט זענען דורכגעגאַנגען אַלע שטאָפן, צודאַטן, אַלע אויסגעפאַרטיקטע זאַכן. ער איז געווען פּינקטלעך, ערלעך, פּעדאַנטיש, מ'האָט זיך געקענט אויף אים פאַרלאָזן; ווייל נישט אויף אַלע האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. די מענטשן האָבן טאַקע פאַרדינט אין קאָאָפּעראַטיוו, אָבער ס'האָט זיי נישט געקלעקט, האָבן געזוכט אַ זייטיק פאַרדינסטל. זיי האָבן נאָך די אַרבעט־שעהן צוגעאַרבעט אין דער היים, אַמאָל אָפּגעשפּאָרט אַ שטיקל, צוצוהאַנדלען, צו פאַרקויפן עס אויפן מאַרק פאַר אַ פעסטן פּרייז. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך די זעלבע זאַכן איבערגעחזרט דאָרט, אין סאָוויעטישן הינטערלאַנד, אויף די „טאַלטשאָקן". ער האָט זיך געזאָגט, אַז עפּעס אַ נישט־דערפאַרשטע מכה פּרעסט אויף אַלע שיינע אידעאַלן פון קאָלעקטיוו. פאַרוואָרפן אין ווייטן סיביר, ערגעץ אין עק וועלט, איז געווען צייט אַריינצוקלערן. ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט צו טראָגן אין זיך אַ גרויס שוויגן. מענטשן פון זיין שניט זענען אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד פאַרזיכטיק, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די אַקסלען. אַלץ האָט זיי אויסגעקוקט ניי, אומבאַקאַנט, פרעמד און — נאַריש. זיי האָבן געקוקט פון אונטערן שטערן באַדאַכט, אַן צוטרוי. זיי האָבן זיך מער נישט געקאָכט, געקריגט זיך. דאָס קילע, פילאָזאָפישע שמייכעלע האָט זיי באַגלייט.

ער האָט, אַן רייד, גענומען נאָכגיין דעם חבר מאַקסים; דער חבר מאַקסים, אָדער מאָטעלע גאַרבער, איז פאַרבליבן, פון דרויסן, דער שטרענגער, דער אומגעבראָכענער. ער האָט געוווּסט, דער חבר זלמן, אַז נאָר ער, מאָטעלע גאַרבער, קען עפּעס טון פאַר אים. אַלץ איז געלעגן אין זיינע הענט. וואָס, אַ שטייגער, קען ער וועלן פון אים? ער האָט אים יעדעס מאָל קורץ אָפּגעפּטרט, אויסגעמיטן, אָפּגעדרייט זיך. ר'איז געווען אין פאַרלעגנהייט, חבר זלמן — גיי דערצייל אים... ס'מיידעלע... די רייד אירע פון אַ דערוואַקסענעם, אַז ס'האָרץ קען צעריסן ווערן... ס'איז נאָך אַלץ געווען תמימותדיקייט אין זיינע רייד, אין זיין אויסגעליטענעם בליק פון אונטער די דראָטענע ברילן, אין זיין אַראָפּלאָזן אומבאַהאָלפן די הענט. ער האָט נישט גערעדט, ער האָט נישט געפּאָדערט.

— אויף מיין וואָרט, ווי ס׳פּאַסט גאָרנישט פאַר דיר... — האָט אים מאַטעלע גאַרבער איינמאָל אַ זאָג געטון — מ׳עט דיר נאָך חושד זיין, אַז יאָגסט זיך נאָך עפּעס אַ ווייבל... אָבער איך פאַרשטיי יאָ וואָס דיך טראָגט אַזוי...

# קאַפּיטל עלף

ווי גליקלעך, האָט זיך אהרן געזאָגט, מיר וואָלטן געווען צו לעבן צווישן אַ פּראָסט פאָלק פון באַלמעלאָכעס, האַנטווערקער, פּויערים, מיט איינפאַכע רייד, איינפאַכע טואונגען, ערגעץ אויף אַ ווייטער, נישט־אויפגעאַקערטער ערד. יעדעס פאָלק האָט דאָך, אין אורשפּרונג, אַזוי אויסגעקעמפּט זיך אַן אָרט אונטער דער זון.

ער האָט זיך אומגעקערט שטיל, מיד, נישט אינגאַנצן אויסגעהיילט. ס׳האָט זיך שטאַרק געוואָלט גלויבן, אַז דאָס לאַנד גייט יעדן טאָג צום בעסערן. מ׳האָט אויפגעמאַכט אין דער פרי די „טריבונאַ לודו" און ס׳האָבן פאַרכאַפּט די ציפערן וועגן גאַנג פון די בויאונגען אין דער הויפּט־שטאָט, אין זשעראַן, אין נאָוואַ־הוטאַ. מ׳האָט זיך פאָרט דערפילט ווי אַ שטיקל מיט־שותף צום „הילכיקן גאַנג פון אַ דור", ווי די פאָעטן האָבן עס באַזונגען. נאָך פיר אַזייגער האָט זיך די אַרבעט אומעטום פאַרענדיקט. ס׳איז געווען אַ באַלעבט געאייל דורך די גאַסן, אַרום די טראַמווייען — פון פאַבריק, פון ביוראָ, פון קאָאָפּעראַטיוו, מיט אַ זיכערן טראָט, מיט אַ רואיקן געמיט. אַזוי האָט זיך עס אויסגעוויזן. נישט אַזוי — האָט מען זיך דערמאָנט — איז עס פונדעסטוועגן געווען אין יענעם פוילן פון אַמאָל. יעדער איינער איז פאַרנומען מיט פּלענער, פאַרמעסטן, פּלאַנירונגען. כאָטש ס׳זענען געווען כסדר גרויסע שוועריקייטן בייצוקומען — די רוי־שטאָף־צוטיילונג, די נישט־גענוגנדיקע פּראָדוקציע, די קוואַליטעט, די קאָפּ־פאַרדרייעניש מיט מענטשן גופא, קליינע קאָנפליקטן ביים צוטיילן יעדן זיין ריכטיקן פּלאַץ. מ׳האָט געהאַלטן אין איין אָראַפּנעמען און צוטיילן. ס׳האָבן גענומען אויספעלן געוויסע פּראָדוקטן, דער עיקר פליש. דערפאַר זענען גרינסן אין יענעם יאָר געווען לרוב.

— אונדזער פאָלקס־מאַכט... — האָבן זיי מיט גרויס צוטרוי גערעדט, די יידישע מענטשן פון די שטעטלעך אין נידערשלעזיע — וועט שוין זאָרגן... מיר האָבן דאָך אָנגעהויבן מיט ליידיקע הענט, אין אַ חרוב לאַנד, אויסגערויבט און צעטרעטן פון פרעמדע אַרמייען...

איבער וואַרשע האָבן זיך גענומען אויפהייבן, העכער פון אַלע בויאונגען, די שטאָקן און די קופּאָלן פון קולטור־פּאַלאַץ, אַ מתנה פון סאָוויעטישן פאָלק, פון סטאַלינען אַליין. כאָטש מ׳האָט אונטערגעמורמלט, אַז וויכטיקער וואָלט געווען צו בויען דירות פאַר דאַכלאָזע; אָבער מ׳האָט געוווסט, אַז דאָס מורמלען פיינטלעכע עלעמענטן. מען האָט זיי באַוויזן, די פיינטלעכע עלעמענטן, אין די

צייטונגס־קאַריקאַטורן, אין די פילמען, אין די ביכער, אין די לידער. דער אומזעבאַרער שונא האָט געלויערט אומעטום.

אהרן איז אַוועק צום שטעטל ביי דער רוישיקער, פול־וואַסערדיקער ניסע, אין נידערשלעזיע. דאָרט איז, דורך אַ וווּנדער ממש, מיט יידישע הענט און יידישער ענערגיע, באַלד נאָך דער באַפרייאונג אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסער שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו. אויך ער האָט נישט געזוכט קיין לייכטע פּאָסטנס, קיין ציכטיקע ביוראָען, טעלעפאָנען, אויטאָס, וואָס וואַרטן אונטן פאַר דער טיר. ער האָט זיך גאַנץ גוט פאָרגעשטעלט, אַז ס׳וועלן זיין גענוג שוועריקייטן, אָבער פון שוועריקייטן איז נישט קיין קונץ צו אַנטלויפן. די זעלבע יידן, אָנגעפּאָרענע און אָנגעלאָפענע פון די לאַגערן, פון וויטן סאָוויעטישן מיטל־אַזיע, מיט זייערע קליינע און גרויסע זאָרגן און נויטן : אַ דירה, ארבעט. זיי האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט איבער די פרעמדע שטעטלעך, אונטער אַ פרעמדן הימל, און די געדעכעניש פון זייערע אַמאָליקע היימען איז געלעגן אין זייער שווער געמיט.

אין שטעטל פון די באַרימטע דייטשע וועבערייען זענען אונטער די חורבות געלעגן מאַשינען. טיילן פון זיי האָבן אַרויסגעשטעקט, פאַרזשאַווערטע, צעקרומטע. איינער אַ פלינקער יונגערמאַן, אַ לאָדזשער וועבער, האָט עס דאָ באַלד שנעל דערשמעקט. ער איז עטלעכע טעג אַרומגעקראָכן צווישן די חורבות, באַקוקט, באַטאַפּט, געגראָבן. מ׳האָט צוערשט געלאַכט פון אים, ווען ער און נאָך עטלעכע האָבן זיך גענומען פונאַנדערצוגראָבן, אַרויסגעשלעפּט טיילן, געבראַנגט זיי צופירן אין דער גרויסער האַלע אונטערן גלאָז־דאַך, אַראָפּגענומען פון זיי דעם זשאַווער, געשוויצט, צונויפגעשטוקעוועט, געשווייסט, געשרויפט. דער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט און געקומען צולויפן מייסטרעווען אַרום די מאַשין־טיילן. ס׳האָט אים נישט געלאָזן רוען, ביז ער האָט אַליין צונויפגעשטעלט עטלעכע שטריקער־מאַשינען. ער האָט זיי אויסגעפּרווט און זיי זענען געגאַנגען. מ׳האָט זיך איינגעשאַפּט אַביסל וואָל, אַביסל גאַרן און דער עולם האָט זיך אַוועקגעשטעלט צו דער אַרבעט. אינגיכן איז דאָ אויסגעוואַקסן אַן אַטעליע, וואָס האָט לאַנגזאַם גענומען אַרויסגעבן פּראָדוקציע.

די ערשטע בהלות פון לויפן איבער דער ניסע אין די נעכט, אין די דייטשע לאַגערן אַריין, זענען שוין געווען איינגעשטילט. אויך איז מיט דירות אַביסל לייכטער געוואָרן. די אַנטרונענע אין די נעכט האָבן אַלץ געלאָזן אויף הפקר — רחבותדיקע דייטשע צימערן, מעבלען, קיך־געשיר, וואָס די יידן האָבן גאָרנישט געוווסט ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט זיי, אַפילו פּיאַנעס.

ס׳ערשטע, וואָס יידן האָבן דאָ אַלע צוזאַמען געהאָלפן אויפבויען, איז געווען דעם קלוב. ס׳איז געווען אַ שיינע געביידע אויפן רינג־מאַרק פון גרינע, באַגלאָזטע ציגל, ס׳הויז פון אַ דייטשן פאַבריקאַנט. זיי האָבן מיט געלעכטערן אַרויסגעשמיסן דורך די פענצטער די יאַגד־טראָפייען, די געדרייטע הערנער פון הירשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס הויז. הויכע, ברייטע צימערן. מ׳האָט צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער אַ בינע, צעשטעלט טישלעך, אַריינגעצויגן עלעקטריע, אַ סך ליכט אין אַלע ווינקעלעך, אויפגעהאָנגען לאָזונגען, בילדער פון ביערוטן, פון סטאַלינען, דעם ווייסן פוילישן אָדלער; קעגנאיבער — די פּאָרטרעטן פון יידישע קלאַסיקער, דאָס בילד פון אַניעלעוויטשן, פון לעוואַרטאָווסקין, די העלדן פון וואַר־

שעווער געטאָ; און אויף זייער נאָמען טאַקע אָנגערופן דעם קלוב אויף דער ערש־טער פייערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. שטריקערס פון וואַרשע, פון לאָדזש, פון דער רווישיקער יידישער פּיאָטרקאָווער גאַס, האָבן זיי זיך דאָ דערפילט צווישן היימישע. דאָ איז אויך געווען די יידישע שול. אין אָוונט איז מען זיך צונויפגעקו־מען מיט די ווייבער, די קינדער, אין ביבליאָטעק־צימער, אין לייען־זאַל, אויף אַ רעפעראַט. ס׳איז געשטאַנען אַ פריילעכער טומל אַרום בופעט, אין די קאָרי־דאָרן, אויף די טרעפּ.

צווישן די יידן אין נידערשלעזיע האָט זיך אַפילו געפונען איינער אַ פלינקער, ענערגישער יונגערמאַן, וואָס די פאַנטאַזיע זיינע האָט אים גאָר ווייט פאַרטראָגן; ער האָט געפּלאַנעוועט צו גרינדן דאָ אַן אייגענע אויטאָנאָמע יידישע געגנט. ער האָט עס צוערשט אָנגעפירט מיט די קאָמיטעטן, מיט די טויזנטער יידן, וואָס זע־נען יעדן טאָג אָנגעפלאָסן אַהער. זיין זיץ־אָרט איז געווען אין געגנטלעכן קאָמיטעט, אין וורצלאַוו. ס׳איז געווען דער גערעכטער געפיל, נאָך אַזויפיל פאַרגאָסן יידיש בלוט, באַלד נאָכן מאָרד אין קעלץ, אַז די רעשטלעך יידן זאָלן לעבן קאָנצענטרירט און פאַר־זיך. די פוילישע מאַכט האָט דעמאָלט ענערגיש איינגעשטילט, שטרענג באַשטראָפט די שולדיקע. אָבער פון די פּלענער און אינטערוועענצן האָט מען זיך שטיל אויסגעלאַכט. דער יונגערמאַן האָט נישט גערוט, איז געלאָפן איינרייסן אין די הויכע אַמטן. מ׳האָט אים יאָ געענטפערט און נישט געענטפערט. דער צענ־טראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן האָט אויך נישט גענומען ערנסט דעם גאַנצן ענין. זיי האָבן אָבער שטאַרק געזאָרגט פאַר די צוריקגעקומענע. אויך האָט די וואָיעוואָדישע מאַכט אָפּגעשאַצט די וויכטיקע איניציאַטיוו פון די יידן, געהאָלפן איינאָרדענען זיי אין די נייע געביטן אויף ערד, אין דער לאַנדווירטשאַפט, גע־געבן סובסידיעס. די ווירטשאַפט־אָפּטיילונג האָט זיך באַמיט צוזושטעלן פאַרן שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו רוי־שטאָפן, געצאָלט זיי גוטע פרייזן פאַר דער פּראָ־דוקציע, וואָס איז אפילו געגאַנגען אויף אויסשטעלונגען און אויף די יערלעכע יאַרידן אין פּויזן.

די פּאַליאַקן פון לעמבערגער און ווילנער קאַנטן זענען אַהערגעקומען אַביסל שפּעטער. זיי האָבן באַקומען זייערע ערד־צוטיילונגען, זענען אַוועק אין די גרובן. ס׳זענען נאָך געשטאַנען גענוג גוטע הייזער, מ׳האָט זיי נאָר באַדאַרפט אויספאַריכטן. אָבער אין גיכן איז שוין מער נישט געווען צו קריגן קיין דירה. מ׳האָט כסדר גע־מוזט רעמאָנטירן, בויען. אין שטאָטישן נאַציאָנאַל־ראַט איז נאָך דעמאָלט גע־זעסן דער חבר יאַן וויטקעוויטש. ער האָט צו קיין שום עוולות נישט דערלאָזן. אַ מיטלוואוקסיקער, מיט איינגעגעסענע שוואַרצע פינטעלעך אין זיין קאַנטיק פּנים פון אַ קוילן־גרעבער, מיטן מעשענעם לאַק אין די גרינלעכע אויגן, האָט ער זיך נישט אַזוי אָנגעוואָרפן מיט זיין אויטאָריטעט, ווי מיט זיינע לאַנגזאַמע, דורכגעטראַכטע רייד, וואָס האָבן געצילט אין תוך אַריין. ער האָט זיך געהאָט אומגעקערט מיט די סאַמע ערשטע רעפּאַטריאַציע־גרופּן פון פוילישע קוילן־גרעבער אין נאָרד־פראַנקרייך, אין דער געגנט פון רובע. די אָנגעפאָרענע פּאַ־ליאַקן פון לעמבערגער און ווילנער קאַנטן האָבן דערפאַר געוואָרפן אויף אים אַן אומחן, אונטערגעמורמלט, אַז ער איז אַ „פראַנצויזישער פּאַליאַק״... „אַ באַל־שעוויק״...

די גאַס אַראָפּ ביז צו דער רושיקער ניסע איז געווען אינגאַנצן אויסגע־ברענט; דאָ האָבן די דייטשן שוין נישט באַוויזן אויפצורייסן סיסטעמאַטיש הויז נאָך הויז, איידער זיי זענען אָפּגעטרעטן. זיי האָבן אַלץ אונטערגעצונדן. אָבער די הויכע, רויט־ציגלדיקע ווענט, פאַרסמאַליעטע, זענען געשטאַנען פעסט. מ׳האָט נאָר באַדאַרפט אויפהייבן דעם גרוז, אַריינשטעלן שויבן־פענצטער, טירן אין די אויסגעברענטע לעכער, דעקן דעם דאַך. מיט די ארבעטער פון די הוטעס און פון די גרובן אַרום דער שטאָט איז יאַן וויטקעוויטש לייכט דורכגעקומען. זייערע לוינען זענען אויך געווען בעסערע. זיי האָבן באַקומען פרעמיעס פאַר העכערער פּראָדוקציע. ס׳איז געווען אַן אַקאָרד־אַרבעט און זיי האָבן נישט שלעכט פאַר־דינט. שווערלעך איז געווען מיט די פּויערים פון לעמבערגער און ווילנער קאַנטן. זיי זענען געווען פאַרביסן, האָבן ביי אַ ליאַדע וואָס געזידלט דעם „מאַסקאַל״, וואָס האָט זיי פאַרטריבן פון זייערע היימען, אונטערגעמורמלט אויף די יידן, וואָס פאַרכאַפּן פאַר זיך די בעסטע דירות, אַפילו אויף די עטלעכע יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די פאַרלאָזענע פערמעס. אָבער צופיל האָבן זיי נישט געוואַגט קעגן די יידן און נישט קעגן די רויט־אַרמייער, וואָס האָבן דאָ אַרום, אין דער געגנט, געהאַט זייערע גאַרניזאָנען.

אהרנען האָט יאַן וויטקעוויטש אויפגענומען ווי אַן אייגענעם, אַ פאַריזער. ער האָט אים צוגעטיילט אַ דירה מיט די פענצטער צום מאַרק־פּלאַץ.

— חבר — האָט ער גערעדט צו אהרנען פּויעריש־געלאַסן — אויף אונדז ביידן ליגן דאָ וויכטיקע אויפגאַבן...

מיטן צופאַלן פון אָוונט האָבן זיך אָנגעצונדן די מעטאַל־גיסערייען, די שאַכ־טעס אויפן האָריזאָנט. פייערן האָבן זיך פון אונטער דר׳ערד געריסן אין הימל אַריין. די נייע געגנט האָט פּראָדוצירט קוילן, קאָקס, אייזן און שטאָל פאַרן לאַנד, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין רואינען. די ערד איז געווען פרוכטבאַר, האָט גע־געבן גוטע גערעטענישן. אונטן, פאַרן קלוב, האָבן זיך נאָך דער אַרבעט געקליבן געזעמלעך יידן. זיי האָבן הייס געשמועסט, אַרומגערעדט די לאַגע, ציטירט די „טריבונאַ לודו״. אהרן האָט געקענט יעדן פון זיי, מיט זיין אומרו, מיט זיין בטחון, מיט זיין צווייפל. ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ רעדנער פון וואַרשע, ס׳זענען געקומען בריגאַדעס יידישע שרייבער. אין מיטן אָוונט, האַלב ניין אַזייגער, האָט זיך די גאַנצע רייע, פונאַנדערגעזעצט אויף די הינטערשטע שטולן, פלוצים אויפגעשטעלט און אַ מאַן צוואַנציק, זענען זיי שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, אַרויס פון זאַל.

— פאַרוואָס פאַרלאָזן זיי דעם זאַל? — האָט עמיץ אויף דער טריבונע, אַביסל אומרואיק, געפרעגט.

— דאָס זענען אונדזערע יידישע קוילן־גרעבערס... — האָט אים אהרן, נישט אָן שטאָלץ, דערקלערט — זיי גייען אַלע אויף נאַכט־שיכט...

ס׳איז אַלעמען געפעלן געוואָרן — דער דרך־ארץ פון אַרבעטער און די פליכט. אָט דאָס וואַרעמע געפיל האָט זיי באַגלייט. מיר האָבן אויסגעזען צוריק געזונט צו ווערן.

דעם זונטיקדיקן טאָג, פריי פון אַרבעט, איז אָנגענעם געווען דורכצושפּאַצירן בחברותא, מיט ווייב און קינד, צום לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו, אַ קילאָמעטער 7־8, מיטן שאָסיי, וואָס איז דאָ מלחמה־צייט געפלאַסטערט געוואָרן

דורך יידישע שקלאַפן. אויף דער ערד פון נידערשלעזיע זענען אין דעם זומער געשטאַנען וואַרעמע, גאָלדיקע טעג. ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט, האָבן זיך געצויגן תבואה־פעלדער. דאָס מילדע ווינטל האָט געכוואַליעט די גרינלעכע זאַנגען פון האָבער, גערשטן, קאָרן און ווייץ.

— חבר שאַיע, מיר דוכט זיך, אַז איר האָט צו פרי אָנגעהויבן דעם שניט — האָט אהרן זיך געווענדט מיטן פּאָרזיצער פון לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּע־ראַטיוו — ס'וועט אויסקומען צונעמען ביי אייך דעם „אָרדער" פון ערשטן זאַנג, אויב די תבואה וועט זיין נאַס... ס'איז נאָך גרין אויף די פעלדער.

צו דער ווירטשאַפט איז נאָך געווען אַ קילאָמעטער אָנדערהאַלבן דורכצו־שפּאַצירן זיך. מ'האָט באַדאַרפט גיין מיטן זייטיקן וועג. אהרן האָט אויסגעזען צו זיין גערעכט. גיי ווייס, אַז אין קרייז פון אַ דריי קילאָמעטער וועט זיך ענדערן דער קלימאַט. אָבער שאַיע שפּאַנט באַזאַכט, מיטן שטרויעלע אין די ציין, מיטן לאַק פון אונטערן היטל. ער האָט שוין אויך עפּעס ענלכעס דורכגעלעבט אין קאָל־כאָז, אָרענבורגער ראַיאָן.

— אויפן אָרט וועלן מיר זיך איבערצייגן — רעדט ער פויעריש־געלאַסן — צי ס'איז שוין צייט, אָדער נישט.

— ווי אַזוי ווייסטו, צי ס'איז צייט, אָדער נישט ? — האָט אהרן אַלץ גע־שפּאַסט — לויטן קאַלענדאַר ?...

— דאָס איז אַן אַמטלעכע געהיימעניש... — האָט שאַיע באַוויזן, אַז ער פאַרשטייט זיך אויף אַ וויץ — הער זיך איין, ווי דער פויער אין אונדזער קאָל־כאָז אָרום דער וואָלגע פלעגט טון : אַז דער קאָרן האָט אָרום סוף אויגוסט אָנ־געהויבן געל ווערן, פלעגט ער ארויסגיין אין פעלד, אַ פיר טון מיטן היטל אַביסל נידעריקער פון די זאַנגען־קעפּלעך. זענען אין היטל געווען קערנער, איז אַ סימן, אַז ס'איז צייט צום שניט. אויב נישט — פלעגט ער זיך מיט לאַנגזאַמע טריט אַראָפּלאָזן אין טאָל אַריין. אַזוי, אָן אַגראָנאָמיע, אָן ביכלעך, פלעגט ער עס דויסן געענוי...

און ער האָט געשמייכלט אין די היפשע וואָנסן אַריין, שאַיע. אַזעלכע וואונדער פון זיין טאַטן האָט ער נישט געהאַט צו דערציילן. אפשר בלויז, ווי דער טאַטע פלעגט שבת פאַרנאַכט ארויסגיין פאַר דער שוועל אַ קוק טון, צי ס'איז שוין אַרויס דער ערשטער שטערן אין הימל, צי מ'קען שוין מאַכן הבדלה און פאַרציען דאָס ערשטע פּאַפּיראָסל אויף דער פולער וואָך. ס'הייסט, אויך אַ שטיקל מבינות אויף נאַטור־זאַכן... פונדעסטוועגן האָט ער אין די פאָר יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאָלכאָז, ביי דער וואָלגע, אַ סך זיך אויסגעלערנט. די ערד האָט אָנגעהויבן געבן רווחים. דעם לעצטן יאָר איז אויסגעבויט געוואָרן אַ חזירים־שטאַל, אויף דער קו־שטאַל איז אַרויפגעצויגן געוואָרן אַ נייער דאַך, דער תבואה־מאַגאַזין וועט האָיאָר צום ערשטן מאָל אָנגעפילט ווערן מיט דער גערעטעניש. די אינוועסטיציעס האָבן אַראָפּגענומען אַ סך דאגות פון קאָפּ. נישטאָ קיין דאגה מיטן מאַגאַזינירן דאָס היי פאַרן לעבעדיקן אינווענטאַר, מיטן פאַרגרייטן זאַ־פּאַסן. ס'איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ שאָפּע אָן וועגט פאַר די לאַנדווירט־שאַפטלעכע מאַשינען, פאַרן טראַקטאָר. עס פילט זיך דאָ די האַנט פון אַ גוטן באַלעבאָס.

דעם דאַשיק אין די אויגן, דאָס שטרויעלע אין מויל, דערציילט שאַיע מיט זאָרג:

— ס׳הייסט אָבער נישט, אַז אין דער ווירטשאַפט איז שוין אַלץ ווי ס׳געהער צו זיין. אין דער קו־שטאַל מוז מען מאַכן אַזוי, אַז מ׳זאָל קענען אַריינפאָרן מיט אַ וואָגן, אַנדערש פטרט מען די כוחות ביים אַרויסוואַרפן דאָס מיסט. די קאַנאַלי־זאַציע טויג נישט, מען דאַרף דורכפירן אַפּפיר־רינעס ביז צו דער שטאַל, ווייל לעבן די טירן איז שטענדיק נאַס, שמוציק, פליגן האָבן דאָ אַ גן־עדן, מערן זיך, דער־גייען די בהמות די יאָרן. ווי אַזוי זאָל מען עס מאַכן? אַז מ׳האָט ביז איצט אַרויס־געגעבן אומזיניקע פאַראָרדענונגען, וואָס בינדן די הענט און די פיס, לאָזן נישט דורכפירן די אַרבעטן לויטן ווירטשאַפטלעכן סיסטעם. אויף יעדע נאַרישקייט — מאַך פּראָיעקטן, קאָסטן, פּלענער.

און שאַיע ווייזט אויפן הילצערנעם סלופּ:

— מ׳האָט אָנגעפּלאָנטערט עלעקטרישע קאָנטאַקטן, פון דעם קען זיין אַ קורץ־שלוס, אַ שׂרפה. נאָך אַ פּראָבלעם — וואַסער. דער גאָרטן און דער לעבעדיקער אינ־ווענטאַר מוזן יעדן טאָג טרינקען. און דאָ, טאָמער ווערט די פּאָמפּע קאַליע, רייס איבער אַלע אַרבעטן און שיק פירן וואַסער פון אַלדי שוואַרץ יאָר. אַ רעזערוווּאַר וואָלט מען נויטיק באַדאַרפט. פּאָמידאָרן, קרויט, אוגערקעס, מערן, בוראַקעס, קאַרטאָפל — אַלץ דאַרף טרינקען. אָט קוקן אַרויס פון די ספּעקטן הויכע ווילד־גראָזן. זיי פרעסן אויף די אוגערקעס. פּאַשע־באַזע הייסט נאָך נישט מאַגאַזינירן דאָס היי פון די לאָנקעס, נאָר מישונגען, פאַרשיטן די סילאָסן, צוגרייטן קאַרטאָפל אָנשיטן גערשטן, האָבער, קאָרן...

שאַיע האָט אַרויסגעצויגן אַ זאַנג, געצומען זי דרעשן צווישן די פינגער, נאָכן אָפּבלאָזן די פּלעווס, זענען אים געבליבן אויף דער האַרטער דלאָניע עט־לעכע צענדליק גרויסע, זאַפטיקע קערנער. ער האָט געקוקט אויף זיי נאָנט, געוווּיגן זיי אויף דער האַנט, אַריינגענומען איינס צווישן די ציין. זיין פּנים איז געוואָרן ערנסט. די איבעריקע קוקן פון דער זייט, וואַרטן. ער האָט שוין אָבער פריער פעסטגעשטעלט, לויטן קאָליר פון די זאַנגען, אַז ס׳איז די ריכטיקע צייט פון שניט. איבערן פעלד האָט זיך געטראָגן דאָס נאָכאַנאַנדיקע, איינטאָניקע רוישן פון טראַקטאָר.

דער גלאַטער שאָסיי, געפּלאַסטערט דורך יידישע שקלאַפן־הענט, וואָס דער ווינט האָט דאָ צעזייעט זייער אַש, פירט אָוונט־צייט צוריק אין שטאָט אַריין. פאָרן קלוב מיט די באַלויכטענע פענצטער, אויפן רינג־פּלאַץ, קלייבן זיך געזעמלעך יידן. מען דיסקוטירט הייס. מאָרגן איז ווידער אַ טאָג פון אַרבעט. אהרן פאַרהאַלט זיך אַ מינוט, הערט זיך צו, רעדט מיט דעם, מיט יענעם און קערט זיך אום צו זיין שטילער נעסט. עפּעס האָט ער דאָ צוריקגעפונען אַ זינגענדיקע רו. מען קען סוף כל סוף, טראַכט ער, נישט אייביק בלייבן מיט די אייגענע פיר ווענט. מילא, וואָס איז געווען, איז אַוועק. ער קומט אַריין, צינדט אָן דאָס ליכט. ער בלעטערט זיך ביז שפּעט איבער אַ ביכל און כאַפּט זיך, אַז ער לייענט גאָרנישט. ער ליגט לאַנג אַזוי מיט אָפענע אויגן. דער אַלטער ראַט־הויז־זייגער קלינגט אויס די שעה. הינטער די ווענט פונם הויז גיסט זיך די פול־וואַסערדיקע ניסע. „ווו איז דער

זין פון דעם גרויסן אומזין?" — פרעגט ער זיך. ער קריכט אַראָפּ צום פענצטער. דער רינג־פּלאַץ, דער ראַט־הויז־טורעם מיטן זייגער, די צונויפגעשטופּטע, שפּיציקע דעכלעך, די געקרייצטע באַלקנס — אַלץ ליגט אין לבנה־שיין. און וואָס דער־מאָנט עס אים, ווען ער קוקט אין דער נאַכט דורכן לאַנגן, שפּיציקן פענצטער צום רינג־פּלאַץ? די דייטשע שטעטלעך מיט די גאָטישע טורעמלעך אַרום מאַרקט־פּלאַץ... דאָס בילד פון די „דריי מתנות" ביי פּרצ'ן; דאָס ווילדע פערד לויפט און שלעפּט מיט איבער די פּאַרבלוטיקטע שטיינער דאָס צוגעבונדענע יידישע מיידל מיט די צעלאָזענע האָר... זי שטעקט אַריין אַ האָר־נאָדל אין איר לייב... און מיטל־אַלטערלעכן דייטשן שטעטל זענען די חשובע בירגער פאַרזאַמלט אויפן מאַרקט־פּלאַץ... די גלעקער פון דער קירכע באַסעווען. — —

אַזעלכע שוידערן לעבט ער טיילמאָל דורך אין די נעכט, אהרן.

# קאַפּיטל צוועלף

די פלינקע יידישע מיידלעך, אַלעמאָל מיט אַ פול מויל „אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט", „פּאָלסקאַ אוליצאַ", זענען שוין אַצינד געווען מיטליאָריקע, ווייַ־בעריש־פולע, אויף שווערלעכע יידישע פיס; אָבער די ווילדע ענערגיע האָט נאָך אַלץ געקאָכט אין זיי. קיין קינדער זענען ס'רוב נישט געווען. ס'איז געווען דער דור אָן קינדער. מ'האָט אָבער נישט גערעדט דערפון. ווי הינטער אַ דיסקרעטן פּאַראַוואַן, איז נישט אָנגענעם געווען אויפצוהייבן אַ ווינקל פּאָרהאַנג, אַריינצו־קוקן אין זייער פּריוואַט לעבן — לענדער... שטעט... צופעליקע אַוואַנטורעס... אַ חבר איז געפאַלן אין שפּאַניע... דעפּאָרטירט... דערשאָסן... וויפל צופעליקע חברים האָבן געקרייצט די צופעליקע וועגן אין זייער לעבן, אויף דער עמיגראַציע, אין ביטערן קאַמף. ס'איז נישט קיין צייט געווען צו בויען ערגעצוו אַ שטיל, רואיק משפּחה־לעבן, אַ היים, א קינד... זיי האָבן געטראָגן ברילן, געוויכערט די פּאַפּי־ראָסלעך אין די ביליקע גלעזערנע פּאָלקס־מונדשטוקן. די קאַדערן... זיי זענען צוריקגערופן געוואָרן „אין לאַנד אַריין", זיי זענען פון אומעטום געקומען אָנצו־לויפן. וווּ זענען זיי דען נישט געזעסן? אין אַלע מיניסטעריומס, אין דער פּרעסע, אין ראַדיאָ, אין ראַפּינירטן פּאָליציי־אַפּאַראַט, אין פּלאַנירונג־קאָמיסיעס. מ'האָט געקענט האָבן צו זיי דעם פולסטן צוטרוי. ס'איז אָבער געווען אַרויסצופילן, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. ס'איז געווען אַזוי ווי אַ קאָפּ אָן אַ גוף; ס'האָט גע־פעלט דאָס הינטערלאַנד, די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסע, די דזשיקע גאַס, די שטורמישע יידישע יוגנט פון יידישע שטעט און שטעטלעך.

ס'איז נישט געווען די זעלבע סטערקע. זי האָט זיך געעלטערט. צוזאַמען מיט פייגעלען, מיט אהרנען, מיט יאַנעקן, מיט וולאַדעקן, האָט זי געבלאָנדזשעט אויף דער נעפּלדיקער עמיגראַציע, אויפן פּאַריזער ברוק, אין די אומעטיקע

האָטעל־צימערלעך אויפֿן בעלוויל, נישט איינגעמאָלדן, אין אַ זייט פֿון אַ פּאָלי־ציִיאיש אויג. אַ שטיקל צייט געוווינט מיט אהרנען, דערנאָך מיט אַן אַנדער חבֿר; עמיגראַציע־ליבעס; מ׳איז זיך צופֿעליק צונויפֿגעגאַנגען און צופֿעליק זיך צעשיידט. אויך דער חבֿר איז געפֿאַלן פֿון די דייטשע קוילן, אויפֿן מאָן וואַלעריען, ביי פּאַריז. דערפֿאַר האָט זי דאָ פּלוצים געגומען טראָגן איר אלמנה׳שאַפֿט, ווי אַן אָרעאָל. זי האָט געטראָגן ברילן און זיי זענען איר געפֿאַלן איבערן קליינעם נעזל. זי איז געווען קורץ־אונטערגעשוירן, ווי אַמאָל, אין די אַנגערויכערטע קאַוויאַרניעלעך, אויף די בערזעס, אויף דער דזשיקע גאַס; אַן איבערגעטרוקנטע שטים, וואָס האָט געקענט באַפֿעלן. זי האָט פֿאַרקוועטשט דאָס שיקלדיקע אויג, דאָס פֿאַרשפּיצטע גאָמבעקלע, זיך פֿאַרוויקלט אין רויך. זי האָט, דוכט זיך, געגרעדט ציניש, אָבער אין אירע רייד האָט וויברירט אַ וואַרעמע נאָטקע פֿון הייליקייט און ווייטיק. זי האָט זיך נישט געקענט שענקען — אהרן...

זי האָט פּלוצים געהאַט אַזאַ היימישן, כמעט אינטימען צוגאַנג צו יאַנעקן. זי האָט שוין אַלץ געוווּסט. זי האָט געוווּסט, אַז פֿייגעלע האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד אַריין, וועגן דעם אומגליקלעכן פֿאַל. ווי שטייף און צוריקגעצויגן יאַנעק איז נישט געווען, האָט זי מיט איר ווייבערישן אינסטינקט באַלד אַרויסגעפֿילט זיין שוואַכקייט, זיין שווער געמיט, זיין שווער געוויסן. זי האָט שוין געוווּסט ווו אים אויפֿצוזוכן, זי איז געקומען אים אָפּוואַרטן. זי האָט אָפּגעריסן די טעלע־פֿאָנען. אומעטום האָט זי אָנגעשפּאַרט. זי האָט אים ווי־לאַנג אָפּגעהאַלטן ביים דראָט, פֿאַרמאָטערט, פֿאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַלערליי פּראָטעקציעס פֿאַר באַ־קאַנטע און חברים פֿון אַמאָל.

— יאַנעק... יאַנעטשקו... — האָט זי אים געמאָטערט דורכן טרייבל — געדענקסט נישט מיעטעקן?... און זאָשקען?... און רעגינקען?... אין פּראָצעס פֿון די 22?... פֿון דער „סערביאַנקע״... ליידאַקו... סמאַרקאַטשע... אַזוי פֿאַרגעסט מען?...

די גרויסע ברילן איבערן קליינעם נעזל האָבן זיך אַראָפּגערוקט. אירע גרע־לע נעגל האָבן פֿעסט געהאַלטן און נישט אַרויסגעלאָזן דאָס טרייבל, ביז ער האָט צוגעזאָגט, ביז ער האָט געמוזט צוזאָגן.

פֿון איר פּאָסטן אין גרויסן האָטעל „רעקס״ איז זי אויך סוף כּל סוף אַנט־לאָפֿן. וועגן צוריקגיין אין דער אָפּטיילונג פֿון אויסלענדישער פּרעסע, אָדער אין פֿאַרלאַג פֿון פֿרעמדע ליטעראַטורן, האָט דערוויל נישט געקענט זיין קיין רייד. נייע מענטשן זענען דאָרט געזעסן, מענטשן „לויטן נאַציאָנאַלן שליסל״. קומען אין די אַמטן, שרייען, אויסרעכענען די פֿאַרדינסטן פֿון אַמאָל, האָט אויך מער קיינעם נישט איבערראַשט. זי האָט זיך געלאָזן רופֿן פֿון עדעקן און יענער האָט מיט איר קלוגעריש איינגעטענהט:

— דאָרט, ווו די פּאַרטיי, חבֿרטע, שטעלט אַוועק, דאָרט איז אונדזער פֿראָנט...

ער האָט נאָך געלאַכט, דער ציניקער, אָנדערציילט עפּעס צוויי־דייטיקס וועגן די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, זשורנאַליסטן, פּרעסע־ און מיליטער־אַטאַשעס, וואָס פֿילן אָן אין די נעכט די האָטעלן אַרום די „אַלייען״ — דאָס פֿריילעך־אויס־געלאַסענע קאַפּיטאַליסטישע נאַכט־לעבן פֿון די גרויסע מערבֿ־שטעט... און סטער־קע האָט אים נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פֿון איר.

— טאָ ווי זשע קום איך ?... — האָט זי געזויגן פון ביליקן פּאַפּיראָסל אין גלעזערנעם מונדשטוק, אָנגעקוקט אים פון אונטער די צו־גרויסע ברילן, אַראָפּגערוקט אויפן קליינעם נעזל — ווי קום איך אַהין ?...

— ס׳איז ווי אָנגעמאָסטן... איר אַלע, וואָס קענט שפּראַכן...

און זיין שטים איז געוואָרן פאַרטרוילעך :

— פאַרשטייסט, קליינע, מ׳דאַרף אויך דאָרט האָבן אויגן און אויערן... אומעטום איז אונדזער פראָנט...

זי האָט געלאַכט, סטערקע, און איז געגאַנגען. ס׳איז אין אָנהייב געווען מסתמא אַביסל ווייבערישע נייגעריקייט אויך, אָבער פאַר אַלעם — צו־להכעיס. ס׳האָט געהייסן — ווירטשאַפטלעכע לייטערין פון גרויסן האָטעל פאַר אויסלענדער. זי האָט זיך אָבער נישט באַלד געכאַפּט. זי האָט זיך אויסגעסטראָיעט, כאָטש זייער באַשיידן, אין ענג־פאַרשפּיליעטן קלייד, הויך אויפגעטורעמט די פריזור, פאַרשנורעוועט די ליפּן, ווי אַן אויפזעערין אין אַ פּאַנסיאָן פאַר מיידלעך. דאָס שיקלדיקע אויג האָט באַקומען אַ נייעם חן. זי האָט פאַרנומען איר פּלאַץ אין דער ביוראָ, הינטער דער מילך־שויב. די איינמעלדונגען, די באַדינונג — דיסקרעט, ביז גאָר דיסקרעט, מיט אַלע שמייכלענדיקע העפלעכקייטן. אַ לאַכנדיק מיידל איז דאָרט אויך געזעסן, וואָס האָט געפּלאַפּלט מסתמא אַ צענדליק שפּראַכן. אין גרויסן האָל און אין באַר האָט זיך שפּעטלעך אין אָוונט צונויפגעקליבן פון אַלע ווינקעלעך שטאָט — וואָס איז פרי געגאַנגען שלאָפן, אַן אַרבעטס־שטאָט, אַרום צען זענען שוין די גאַסן געווען ליידיקלעך — אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע געזעלשאַפט. אויטאָס זענען פאָרפאָרן פאַרן איינגאַנג מיט די נעאָן־ליכט. מ׳האָט געטאַנצט ביי די קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער. די זשיראַנדאָלן האָבן געבליצט; מ׳איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ די ברייטע מאַרמאָר־טרעפּ, באַלייגט מיט טעפּיכער.

אַלץ האָט זיך דאָ געדרייט אַרום אַ שאַנסאָנעטקע מיט הייסע, עקזאָטישע, קרום־געשניטענע מאַנדל־אויגן, פון עפּעס אַ דרום־אַמעריקאַניש לענדל, און אַרום עטלעכע דאַמען פון אַ פרויען־קאָמיטעט פאַר קולטור־אויסטויש. אָבער פון וואַנען האָבן זיך דערנומען די שיינע, שלאַנקע, בלאָנדע פוילישע מיידלעך ? דאָס האָט זי נישט פאַרשטאַנען, סטערקע. זי האָט זיך עפּעס דערפילט ווי אָפּגענאַרט. ווער זענען זיי ? וואָס טוען זיי בייטאָג ? אויף וועלכע פּאָסטנס אַרבעטן זיי ? פון וואָס פאַרא געלטער טוען זיי זיך אַן אַזוי עלעגאַנט ? אין דער צייט, ווען אַנדערע בויען סאָציאַליזם און — הונגערן. ווי זי וואָלט אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ גרויסער אינטריגע. פון הינטער דער מילך־שויב האָט זי זיי געזען דורכשפּרייזן די האָלן אויף זייערע שלאַנקע פיס מיט די דורכזיכטיקע נילאָן־זאָקן. זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם בליק פון די הייס־בלוטיקע אויסלענדער. די דינערשאַפט האָט אַלץ געזען און — גאַרנישט געזען; דאָס ארויפשלייכן זיך שפּעט אין אָוונט די טרעפּ, נישט מיט דער ווינדע; דאָס שטילע שליסן די טירן אין די קאָרידאָרן אויבן.

סטערקע איז שוין מער צו עדעקן נישט געלאָפן. זי האָט זיך שטיל אַרויסגעשלייכט און איז אַוועק.

זי איז דערפאַר געלאָפן אויפזוכן יאַנעקן. מיט די קורץ־פאַרשניטענע האָר, מיטן פּאַפּיראָסל אין ביליקן מונדשטוק, איז זי אים אומגעריכט געקומען אָפּוואַרטן ביים אַרויסגאַנג פון די ביוראָען, וווּ ס׳האָט זיך שטרענג געדרייט אַ שטענדיקע

וואָך. ער איז אַוועק צום וואָגן ביים איינפאָר. סטערקע... ער האָט זי אָנגעקוקט האַלב־שמייכלענדיק, האַלב־פאַרחידושט. די אַלמנהשאַפט, וואָס זי האָט געטראָגן ווי אַן אָרעאָל, איז מיטאַמאָל אַראָפּ פון איר. ס׳איז געלעגן אויף איר דאָס פאַר־עלטערטע מיידל; אַ ברייטלעך מויל, דאָס שיקלדיקע אויג פון אונטער די גרויסע ברילן איבערן קליינעם נעזל. וואָס זאָרגט זי זיך פּלוצים אַזוי שטאַרק פאַר אים? צי ווייסט זי דען נישט, אַז מיט פייגעלען איז פּאַקטיש שוין זייער לאַנג... זייט ביי זייט מיט אים אין וואָגן, האָט זי גערעדט, גערעדט.

— כ׳ווייס... — האָט זי גערעדט מיט באַדויערן און אָנצוהערעניש — פייגעלע האָט געליטן...

זי איז צוגעפאַלן פאַרריכטן אים די שפּיצן פון קאָלנער, דעם קראַוואַט, וואָס איז אים פאַרפאָרן אין אַ זייט. ער האָט עס אַפילו נישט באַמערקט לעצטנס. אַזוי פּינקטלעך און אָפּגעהיטן ווי יאַנעק איז אַלעמאָל געווען אין זיין קליידן זיך. זי האָט געוווסט אַוודאי נאָך עפּעס; זי האָט געוווסט, אַז מיטן פּוילישן מיידל איז דאָרט אויך מער נישט אַזוי איינפאַך. דורך די ביוראָען, ווו אַלערליי פּליאָטקעס זענען געגאַנגען פון אויער צו אויער, האָט מען אַלץ געוווסט. זי האָט אַפילו שוין געקענט ס׳בלאָנדע מיידל, די סעקרעטאַרקע. וועֹר איז דען דאָרט, אין די ביוראָען, נישט געווען בלאָנד? דער עיקר איז געווען — דער אַקצענט; כאָטש מ׳האָט דאָרט מער געשוויגן, ווי גערעדט.

יאַנעק האָט געהאַט דאָס געפיל צו אַנטלויפן, איבערלאָזן איר און אַנט־לויפן. ער איז אָבער שוואַך געווען, ווי קיינמאָל נישט. וואָס וויל זי? פון וואַנען האָט זי דערשמעקט וועגן זיין שווער געמיט? ס׳איז אמת, ער האָט אַפילו געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג נאָך אַמאָל צו זען אהרנען, צו רעדן מיט אים, ווי מען זאָגט, „פּאָ דושאַם״: רעדן מיט אים, ווי אַמאָל, ווען זיי זענען נאָך ביידע געווען יינגלעך, געוואַלגערט זיך אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע, ביי דער מומע דאָבע; דאָרט, ווו ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פייגעלען.

ס׳איז שוין אַפילו מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיקל געוווינהייט צווישן די אַלטע, די אויסגעפּרוווטע, יעדן זונטיק נאָכמיטאָג אַראָפּצוכאַפּן זיך צו עמיצן אין הויז אַריין; לאָזן זיך אָפּפירן דורכן שאָפער ביזן טויער פון די נייע געביידעס פאַר דער באַאַמטנשאַפט, איבער דער שטאָט אין רוּאינען, אָבער באַדעקט מיט אַ נעץ פון רושטאָוואָניעס. ס׳איז געווען די אַנטשפּאַנונג נאָך אַ וואָך שווערע זאָרגן, אויפגאַבן, פּלאַן־אויספילונגען, פאַרפּלאַנירונגען, צווישן דעם קאָך־קעסל פון ביוראָען, טעלעפאָנען, אָפּצורייסן זיך פון אַלעם און גיין זען אַן אַלטן חבר פון אַמאָל. מ׳האָט זיך ווייניק געזען. יעדער איינער איז געווען פאַרהאָרעוועט אויף זיין געביט, אויף זיין אָפּשניט. איינער האָט געהאַט צו טון מיטן פּלאַט, מיטן קויפן און פאַרקויפן שיפן, האַנדלס־טראַנזאַקציעס מיט דענעמאַרק, מיט נאָר־וועגיע, אין אויסערלעכן האַנדלס־אַפּאַראַט. ער איז געפלויגן קיין פּאַריז, קיין פּעקין, קיין ניו־יאָרק. איינער — אין דער אַרמיי. אַן אייליק, פאַרזאָרגט לעבן, דער וואָגן מיטן שאָפער האָבן געוואַרט פאַרן טויער.

איבער דער אַלטער שטאָט אין רוּאינען און רושטאָוואָניעס, האָט געגרינט אַ יונגער פרילינג. דער בליק האָט נישט געהאַט ביי וואָס צו פאַרהאַלטן זיך אין דער ווייט־אָפּגעדעקטער רחבות. ס׳איז געגאַנגען אַ ווינט פון די ברייטע פּליינען. אַ

דינער, רויטער ציגל־שטויב האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די שיך, אויף די ברילן. דער וועג האָט געפירט צו די קוואַרטאַלן אַרום אַלעיאַ שוכאַ, אַרום די לאַזשענקעס, אָדער איבער דער ווייסל, איבער די פּראָוויזאָרישע בריקן, אין דער אַלטער פּאָרשטאָט פּראַגע. די וואָגנס האָבן געצויגן פון פּאַרטיי־הויז אין די יעראָזאָלימער אַלייען.

חברים פון די תפיסות, פון דער אונטערערד אין דער ק.פּ.פּ., פון די שלאַכטפעלדער אין שפּאַניע, פון דער עמיגראַציע, פון די געטאָס און לאַגערן, פון די ווייסרוסישע וועלדער, אין דער פּאַרטיזאַנקע, פון דער רויטער אַרמיי, פון די פּוילישע רעגימענטן אין דער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, וואָס איז פון הינטער לענינאָ אַוועק שטורעמען בערלין. אַלע באַהאָנגענע מיט מעדאַלן, פאַרדינסט־קרייצן, אָרדנס, אַלע אויף שליסל־פּאָזיציעס, איז מען געזעסן היימיש און צעשפּיליעט ביי אַ טיש, ביי אַ פּראָסט פלעשל „וודקע", נישט אַלעמאָל אין דער געזעלשאַפט פון זייערע פרויען. די ווייבער זענען זעלטן געווען יידישע, דורכגעליטענע, ווי זיי אַליין; מערסטנס — פּוילישע, רוסישע, אוקראַינישע. איינער האָט זיך אַפילו מיטגעברענגט פון הינטער לענינגראַד אַ שמאָלע פינישע פרוי, מיט אַ גלאַט־פאַרשרונדיקטן קאָפּ פון אַ בלאַסן נאָרדישן בלאָנד. געווען צווישן זיי אַפילו א גענעראַל, וואָס איידער ער איז געווען אין יוגנט־„בונד", אַריבער אין „קאָמבונד", אָנגעפירט מיטן טראַנספּאָרט־פאַראיין, מיטן כעמישן פאַראיין, געוואַלגערט זיך אין תפיסות, געווען ביי די פּאַרטיזאַנער, איז ער גאָר געווען אַמאָל אַ ישיבה־בחור. זיין טאַטע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אָרעם געוועלבל ערגעץ אין דער פּראָווינץ, האָט אים כאָטש געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב. אָבער אפילו איצט, אין גענעראַלסקן מונדיר, איז נאָך אַלץ געלעגן אויף אים אַ ווייטער שפּור פון יענעם אַמאָליקן ישיבה־בחור. דער פּויליש אין זיין מויל האָט געקלונגען פרעמדלעך. ער איז געזעסן אַ צעשפּיליעטער און געשמאַק זיך פאַרווילט מיט יידישע וויצן. זיי האָבן זיך דאָ אַלע מחיה געווען מיט אַ יידישן וויץ, מיט אַ יידיש שטיקעלע הערינג, אַרומגעלייגט מיט ציבלקעלעך, געדיכט באַפּעפערט. די גאַנצע וואָך איז מען געווען צווישן נישט־יידן. און דאָ זענען זיי אַלע מיטאַמאָל צוריק ענלעך געוואָרן צו יידן — דער מבולבלער בליק, די אַביסל געבויגענע פּלייצע, דער טיפער שטערן, וואָס איז פאַרקראָכן אַלץ העכער; די האָר האָבן זיך יידישלעך געזילבערט אַרום קליינעם, רונדן פּליכל.

יאַנעק איז געזעסן צווישן זיי, ווייניק גערעדט, נאָר ס'איז אים געווען גוט. דער אומרו, די נאָגעניש האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטון. מ'האָט געקוקט אויף אים מיט אַביסל נייגער, אָבער קיינער האָט נישט געפרעגט. מ'האָט געוווּסט וועגן פייגעלען און וועגן דער איצטיקער, דער סעקרעטאַרקע; מ'האָט געוווּסט, אַז עפּעס איז דאָרט נישט גלאַטיק.

ווען סטערקע איז געקומען צולויפן זיך באַקלאָגן, אַז מ'האָט זי אַראָפּגענומען פון פּאָסטן אין אַמט פון אויסלענדישער פּרעסע, האָט יאַנעק באַשלאָסן צו גיין אויפזוכן וולאַדעקן; ס'איז געווען וולאַדעק פון וואָליע, פון די פּאַריזער פאַרלוירענע האָטעלן, פון יידישן אַרבעטסלאָזן קלוב, פון די יידישע אַטעליעס, ווו ער האָט צוזאַמען מיט זיי געגייט קנעפּלעך; פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע אין שפּאַניע. אָבער ווו כאַפּט מען אים, וולאַדעקן? ער איז נישט לאַנג, האָט יאַנעק

זיך דערוווסט, צוריקגעקומען פון אַ מיליטערישער מיסיע אין קאָרייע, איז פאַר־פאַרעט אין די גרענעץ־דיוויזיעס ביי דער אָדער־ניסע; האָט געהאַט פאַר דער צייט, האָט ער געהערט, עפּעס אַ טונקעלע געשיכטע מיט אַ ווייבל פון אַ פּאָלקאָוו־ניק, אַז ס׳איז דערשטיקט געוואָרן צווישן אייגענע. יאַנעק האָט אים נאָך באַוויזן צו כאַפּן אַ ווײַלע דורכן טעלעפאָן.

— לעבסט נאָך, יאַנעק ?... — האָט זיך געקייקלט וולאַדעקס הירזשענדיק גע־לעכטער דורכן דראָט — כ׳פלי מאָרגן אַרויס קיין וראָצלאַוו... אַרום 12 ביינאַכט... אין האָטעל „מעטראָפּאָל"... וואַרט אויף מיר ביי אַ האַלבע־שוואַרצע... „זגאָדאַ" ?...

יאַנעק האָט באַלד מסכים געווען. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אַ רעד צו טון מיט וולאַדעקן. אויסער דעם — וראָצלאַוו... נידערשלעזיע... אהרן... ס׳האָט אים אַ צי געטון ביי דער נשמה. ווי לאַנג שוין, אַז ער האָט גאָר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אין זיי אַלעמען. עפּעס רודערט זיך דאָרט ביי די יידן, הערט ער, ווי געוויינלעך.

און מיט וולאַדעקן האָט צוריק אויפגעטויכט — פּאַריז. מיט וויפל רעוואָלו־ציאָנערע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, פּאָליטישע עמיגראַציעס זענען מיר געקומען אַנצולויפן אויפן „פּאַריזער ברוק ?"... אין אַלע אַנגערויכערטע קאַפע־הייזער זענען מיר פול געווען, אויפן לינקן און אויפן רעכטן ברעג סען — פון דייטש־לאַנד, פון רוסלאַנד, פון פוילן. אומעטום האָבן מיר געהאָלפן קאָנספּירירן, מיט־געקאָכט זיך אין די פאַרפלאָנטערטע, ענדלאָזע דיסקוסיעס וועגן דער אויסליי־זונג פון מענטש און פון קלאַס. אָבער די אַלע עמיגראַנטן זענען, מיטן גאַנג פון דער צייט, מיד און געעלטערט געוואָרן; האָבן זיך סוף כל סוף אומגעקערט צוריק צו זייערע היימען — אַלס זיגער, אַלס באַזיגטע, אַלצאיינס. וולאַדעק... ער גייט אויף אייגענער ערד. ס׳איז אפשר אויך, נאָך אַלעמען, אַטאַוויזם. וולאַדעקס זיידעס זענען געווען אָרעמע פּאַראַבקעס, ערדלאָזע פּויערים פון אַרום זאַוויערטשע; אַן אָרעמער, זאַמדיקער פּאַס ביי דער ווייסל. דער טאַטע זיינער איז שוין פאַר־וואָגלט געוואָרן אין אַ פאַבריק אַריין, אויף וואָליע. זיי האָבן מיטגעבערענגט מיט זיך די פשוטע בענקשאַפט נאָך אייגענע עטלעכע מאָרגעס ערד. דערפאַר האָט זיך וולאַדעק דערפילט מער פון אַלעמען פאַרלוירן אין פּאַריז, צווישן דעם פרעמדן אַנגעלויף פון עמיגראַנטן, אין די אַנגערויכערטע קאַפייען. ער איז קיין שפּאַניע אויך אַוועק קעמפן מיטן אומבאַוווסטן געפיל פון אַן אייגן שטיקל ערד אונ־טער דער זון. ער האָט עס אפשר אליין נישט געוווסט. און זיינע, יאַנעקס, זיידעס ? פון טאַטנס צד — מידע אינטעלעקטועלע, קרענקלעכע מיסטיקער. די זיידעס פון דער מאַמעס צד האָבן געבויט, געהאַוועט, געהאַקט וועלדער, פאַרלייגט באַן־ליניעס, געשיקט פליטן מיט געהילץ איבער דער ווייסל. זייערע אַלעמענס שפּורן אויף דער פּוילישער ערד האָט דער ווינט פון דער צייט אָפּגעווישט. פאַרוואָס לייקענען עס פאַר זיך אַליין ?

און דאָך איז מען נאָך אַלץ פאַרפּלאָנטערט געווען. דאָס וואָרט „שוועריקייטן" איז נאָך אַלץ געווען אַן אַבסטראַקטע פראַזע. מ׳האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע שווע־ריקייטן. ס׳איז געווען די אינערציע פון „מאַרש אויף בערלין". מ׳האָט זיך גאַנץ שיין אַן עצה געגעבן מיט די „יינגלעך פון וואַלד" אויך. אַביסל האָט מען געקאָ־

סעט, אַביסל האָט מען פאַרשוויגן; ווען נישט דער פאַל באַלד נאָך קעלץ מיט פּייגעלען... די לאַגע האָט אויסגעזען נישט אַזוי לייכט צו סטאַביליזירן זיך. די פּלאַנירונגען, די עקאָנאָמישע שוועריקייטן — דאָס אַלץ וועט מען סוף כל סוף איבערווינדן; אָבער — דאָס אומגעריכטע, וואָס וואַקסט אָן.

אין דעם זונטיק איז יאַנעק נישט פאַרפאַרן אין הויז צו די אַלטע חברים פון אַמאָל. מיט אַ טאָג פריער האָט ער גענומען דעם אַוויאָן און אין משך פון אַ שעה מיט עפּעס איז ער אָפּגעשטיגן אויפן פלי־פעלד אין וואַרשע... װלאַדעק וועט אים שוין אָפּוואַרטן אין „מאַנאַפּאָל״. דערנאָך וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן צו אַהרנען, אין שטעטל ביי דער ניסע. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו שמועסן מיט אים „אין תוך אַריין״, נאָך אַזויפיל יאָרן. ער האָט נעפלדיק געוווסט, אַז ער דאַרף דאָ ערגעץ אַרבעטן אין אַ שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו, איז אַ שלאָגלער, האָט באַ־קומען אַן אויסצייכענונג, איז אַ לעקטאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע ביי די קאָ־דערן, איז פאַרטון אַריבערן קאָפּ אין די ביכער, כתבים, ווי אַלעמאָל.

יאַנעק האָט זיך מער נישט אויסגעקענט אין „זייער״ וועלט דאָרט, מיטן אייביקן, קאָפּ־ברעכערישן וועלט־פּלאָנטער, מיט זייערע קולטור־אימפּרעזעס, מיט די דראַמ.־קרייזלעך, כאָרן, מיטן טעאַטער, מיט די ביבליאָטעקן, צייטונגען, מיטן אויפרייסן די אויגן און אָפּט לאָזן רעדן פון זיך אין דער עפנטלעכקייט. עטלעכע מאָל איז ער צוגעפאָרן אַ בליק טון אויפן גרויען דענקמאָל־שטיין ראָג דזשי־קע און גענשע. ער הייבט זיך אַרויס פון דער אַרומיקער מדבר־וויסטעניש, ווי אַ זכר נאָך אַן אונטערגעגאַנגען לעבן; אָפּגעשטעלט זיך, אַ בליק געטון און איז אַוועק, אַנטלאָפן, ווי אַ פּחדן, קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. דער טאַטע איז דעמאָלט אויך אַוועק אומגעריכט, פּלוצים, האָט קיין איין איבעריקן טאָג נישט געוואָלט מער פאַרבלייבן. אין דעם וועלטל זייערן רודערט זיך נאָכאַנאַנד. מען לויפט. מען לויפט אין דער וועלט אַריין. די ציוניסטן... ישראל... צי איז עס טאַ־קע פאַטאַל? צי איז דער פאָטער, באָך אין יענע יאָרן, אַמאָל נישט גערעכט גע־ווען? די ווייטע, נעפּלדיקע אונטערגעגאַנגענע יידישע וועלט איז צוריקגעקומען, פאַרפאָלגט. ער האָט זיי אַזוי ווייניק געקענט, די פעטערס, די יידישע עקסטרע־מען, דעם זיידן, וואָס איז געווען אַ העברעאישער לערער, אַן אַלטער חובב־ציון, איז יאָרנלאַנג געזעסן און האָט פאַרפאַסט אַ חיבור, אין דער גרויסער דיסקוסיע צווישן הערצל און אחד־העם. ווער זענען זיי? וואָס האָבן זיי געוואָלט ענדערן? און פון דער מאַמעס צד — די אָפּגעפרעמדטע יידן, די אַסימילאַטאָרן. צו זיי האָט ער דערנאָך, דורך דער מומע אירענע, אַפילו יאָ געהאַט אַביסל מער שייכות, ווי צו אַט די אַלע יידן. אָבער זיי זענען אַלע פאַרשוווּנדן פון דער פּוילישער לאַנד־שאַפט, ווי פייגעלע האָט עס דעמאָלט אַ זאָג־געטון... אין קראָקע, ווען זי האָט מיט אַזויפיל ווייטיק גערעדט צו אים. ווי מען זאָל אַט די אַלע פאַקטן נישט וועלן אויסטייטשן, מיט וואָס פאַראַ שיינע פאָרמולעס מען זאָל זיי נישט וועלן צודעקן און דערקלערן, בלייבט דער בייגעשמאַק פון אַן אייביק יידן־פּראָבלעם. ווער זענען מיר אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַז אַלע חשדים פון אינעווייניק און פון דרויסן זאָלן אונדז כסדר נאָכגיין, פאַרפאָלגן, פרעסן לעבעדיקערהייט אַפילו די, וואָס וויסן באמת נישט פאַרוואָס מען טיילט זיי אויס, ווייל זיי זע־נען אַלץ, אַחוץ — יידן.

די ברייט־פונאַנדערגעוואָרפנע שטאָט ברעסלאַו, דאָס אַלט־פּוילישע וראַצלאַוו, איז געלעגן אין רואינען. דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט די לעצטע ביטערע שלאַכטן. אין די הייסע טעג פון מיט־זומער האָט זיך פון די פּלעצער און גרוזן אויפגע־הויבן א דינער ציגל־שטויב, ווי אַ וואָלקן. ער האָט פאַרשטעלט די זון איבער די זעלטענע גאַנץ־געבליבענע גאָטישע טורעמלעך, קירכן־שפּיצן, דעם תּפיסה־טורעם, האָט זיך געלייגט אויף די ברעמען. אונטער די אַלטע בריקן איז געגרונען די אָדער, אַ רייסנדיקער, נאַנטער און דאָך פרעמדער טייך. אַ פרעמד, אַנגעלאָפן פאָלק פון די ווילנער און לעמבערגער קאַנטן האָט זיך געראַיעט אין די גאַסן, אַרום די רושטאַוואַניעס, פאַרריכט, געבויט, איינגענעסטיקט זיך; און צווישן זיי — די אייביק־היימלאָזע יידן.

פון פּלי־פּלאַץ האָט אים דער וואָגן אין צוגעפּאַלענעם הייסן פאַרנאַכט גע־פירט צום גאַנץ־געבליבענעם האָטעל „מאָנאָפּאָל. צווישן די חורבות פון די אַמאָ־ליקע „טיץ־וואַרענהייזער״, פון „מארקט־פּלאַץ״ און די טונעל־טויערן, האָט ער זיך יעדע ווײַלע אומגעקוקט מיט פאַרדאַכט דורכן שייבל. די זעלטענע לאַמטערן, די אומהיימלעכע פינצטערניש האָט געשראָקן מיט אַ טונקעלן אַנגן, זינט דעם פאַל מיט פייגעלען. ער האָט אַ טאַפּ געטון ביי זיך אין דער הינטערשטער קע־שענע דעם קליינעם רעוואָלווער, מיט וועלכן ר׳האָט זיך מער נישט געשיידט. פון אָט די ביינאַכטיקע רואינען, האָט ער געהערט, באַפאַלט מען, באַ׳גזלט מען, מ׳ציט אַפילו אַראָפּ די קליידער, ווי דאַרט, אין די ברייט־פונאַנדערגעוואָרפענע שטעט און האַלבע דערפער, אַרום דער וואָלגע, אָדער אין מיטל־אַזיע, מלחמה־צייט. וראַצלאַוו, האָט ער זיך דערמאָנט, דאָס געוועזענע ברעסלאַו, איז אָבער פאַר־בונדן מיט גרויסע יידן, מיט די צוויי גרויסע יידישע גייסטער, גרעץ און לאַסאַל, וואָס רוען דאָ אויפן יידישן בית־עולם.

אַביסל אויסגערוט, אָפּגעוואַשן זיך פון שטויב אין צימער אויבן, איז יאַנעק אַרונטער די ברייטע טרעפּ פון האָטעל. פאַר צוועלף ביינאַכט איז אין גרויסן, מיטעלן זאַל שוין געווען האַלב־אויסגעלאָשן, שיטער באַזעצט. די עסטראַדע אין דער טיף, אויפן פאָן פון אַ בלוי־אויסגעשטערנטער נאַכט־דעקאָראַציע, האָט פאַרנומען אַן אָרקעסטער, אַ וויאָלאָנטשעליסט, אַ סאַקסאָפאָן און אַ פּיאַ־ניסט מיט לאַנגע האָר, מיט פאַרשניצטע פּיאהלעך אַ־לאַ שאָפּען. ער איז גע־זעסן אומגעדרייט מיט זיין אַביסל צו הויכער פּלייצע צו די טאַנצנדיקע פאַר־לעך אין האַלב־טונקעלן זאַל, און איז ווילד געשפּרונגען מיט די בלייכע פינגער איבער די קלאַווישן, פאַרוואָרפנדיק אַלעמאָל דעם שויבער אַהינטער. ס׳איז גע־ווען אַ שוועבנדיקער פרילינג־וואַלס פון פראַנץ לעהאַר, „טשאַרדאַש״ און — „טילקאָ ווע לוואָוויע״, „נאָר אין לעמבערג״... מ׳האָט געטאַנצט אַ פּאַסאָ־דאָבלע... קאַסטאַניעטן... פאַר די אויגן האָט זיך אַ מיש געטון — באַרצעלאָנע... דער 14־טער יולי־אָוונט אין פּאַריז... די שמאָלע געסעלעך, פאַרצויגן מיט לאַמפּיאָנען, די קליינע, היימישע אָרקעסטערס. ווייס־הויטיקע פּוילישע מיידלעך האָבן זיך גע־טוליעט אין טאַנץ צו שטרענג־עלעגאַנטע יונגעלייט מיט ברייטע, גלייכע אַקסלען. פּוילישע ראָמאַנטישע שטייפקייט, אָנגעצויגענע עלעגאַנץ. ער האָט זיי, ווי צום ערשטן מאָל, אָנגעקוקט. אין פּאַריז, האָט ער זיך דערמאָנט, זענען די טאַנצנדיקע פּאָרלעך פאָלקס־קינדער, פּשוטע, לאַכנדיקע, אָן שטייפע מאַניערן. די קעלנערס

האָבן זיך טיף פאַרנויגט איבער די צוויי באַזעצטע טישלעך אין ווינקל פון גרויסן זאַל. זיי זענען אַנגעשוואָמען מיט טאַצן און מיט קלאָרע האַנטעכלעך. אַ דאַמע אין אַ וואַלקע האָט געלאַכט און געפּעטשלט דעם מיטליאָריקן מאַן מיטן שאַרפן שרונט. אין זיין ציווילן אָנצוג, האָט אַראָפּגעשריגן פון אים דער מיליטערמאַן.

יאַנעק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביי אַ טישל אין אַנדערן עק. ס'איז געווען אַביסל אין שאָטן. ס'האָט אים נישט געאַרט. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זיין אומזעבאַר פאַר די האַלב־נאַכטיקע קאַפע־געסט. ס'איז נישט געווען צו פאַרשטיין. זיי גיבן דאָ אויס אַ סך געלט, אין דער צייט ווען זייערע פאַרדינסטן אויפן אָפּיציעלן פּאָסטן זענען גאַנץ מאָגערע. אָבער ער האָט צופיל נישט געוואָלט נאָכקוקן. זאָלן זיי אים נאָר נישט צופיל באַמערקן. זיי דערקענען נישט און — דערקענען. ס'האָט אים באַנג געטון, וואָס ער האָט פאַרגעסן די טונקעלע ברילן. נאָכוואָס לאָזן היינ־טיקע צייטן מענטשן אַריינקוקן אין די נאַקעטע אויגן? די עטלעכע לייטענאַנטן, וואָס זענען באַלד דערנאָך אַריינגעקומען דורך דער זייטיקער גלאָז־טיר, האָבן דורכגעלאָזן פאַר־זיך אַ קורץ־געשווירענעם ציוויליסט. יענער האָט שנעל אַ בליק געטון איבערן זאַל און האָט גלייך גענומען גיין צו יאַנעקס טישל. ערשט דעמאָלט האָט יאַנעק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען וולאַדעקן. ס'איז יאָ געווען וולאַ־דעק און נישט וולאַדעק. אַ רייך־אויסגעגאָלטער קאַרק; ער איז פאַר דער צייט ווי העכער און ברייטער געוואָרן. דער ציווילער אָנצוג איז געלעגן אויף אים צו־שטייף; מ'האָט געזען, אַז ער איז צו־לאַנג געהאַנגען אויפן העלצל אין דער שאַפע. די יונגע לייטענאַנטן האָבן דיסקרעט פאַרנומען אַ טישל, ווייט אָפּגערוקט.

— ס'איז דאָ פונדעסטוועגן נישט דער מאַנמאַרטר... דער האַלב־נאַכטיקער פּיגאַל... — האָט וולאַדעק געלאַכט ברייט, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין דער ווייכער שטול, וואָס האָט געקרעכצט אונטער אים.

יאַנעק האָט אים שווייגנדיק דערלאַנגט דעם פּאַרטסיגאַר, אַליין פאַררויכערט אַ פּלאַסקן „וואַוועל". ער האָט זיך מיטאַמאָל פון דער זייט דערזען אין טונקעלן, פאַרהויכטן שפּיגל. ער איז זיך אַליין פרעמד פאַרגעקומען לעבן רויט־אָנגעגאָסע־נעם וולאַדעקן; ער, מיט די ווייסע הענט פון אַן אינטעלעקטואַל, מיטן טיפן שטערן פון זיינע עלטער־זיידעס, די לומדים. דורך אַ מורמל, האָבן די קעלנער געברענגט בראַנפן אין אַ הויכער, שמאָלער פלאַש, אַרומגעוויקלט מיט שטרוי, אין אַ אייז־קע־סעלע; ווייל ס'איז געווען דער טאָג, ווען קיין אַלקאָהאָל ווערט געוויינלעך אין די עפנטלעכע פאַרקויף־שטעלעס נישט סערווירט; אָבער די באַדינער האָבן שוין גע־קענט זייערע געסט. נאָך איידער וולאַדעק האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל, האָט ער זיך אָנגעגאָסן מיט אַ פייערדיקער, כמעט פריילעכער רויטקייט. ער האָט יאַנעקן געלייגט אַ האַנט אויף די קני:

— איך מוז דיר זאָגן, אַז ס'איז מיר פּשוט אַ חרפּה... האָסט נאָך נישט גע־הערט? די היענעס האָבן דעמאָלירט די קברים פון אייערע גרעץ און לאַסאַל... ס'איז נאָך אַזוינס נישט געהערט געוואָרן! כ'וועל אָנשרייבן אַן אָפענעם בריוו אין „קוריער דאַלנאָשלאָנסקי". זאָל די עפנטלעכקייט וויסן און משפּטן!...

— וועמען וועט זי משפּטן? — איז יאַנעק אַפילו פון אַזאַ נייעס נישט אי־בערראַשט געוואָרן.

— די כוליגאַנעריע!... די איבערבלייבענישן פון פינצטערן סאַנאַציע־רע־זשים!... די קאָנטררעוואָלוציע!...

— ביסט נאַאיוו, וולאַדעק, אָדער... כ׳פאַרשטיי דיך נישט.

— פאַרוואָס בין איך נאַאיוו? — איז וולאַדעק זיצן־געבליבן, דער נישט־דעררויכערטער פאַפּיראָס אין דער האַנט האָט אים געבריט די פינגער.

— ווייל האָסט דאָס גליק נישט צו זיין קיין — ייד... געדענקסט, אין יענע יאָרן, אין פאַריז? מיר האָבן געמיינט, אַז אַלץ וועט זיך אויסהיילן מיטן פטור־ווערן פון דער פאַרשאָלטענער אָרדענונג...

— כ׳מיין, אַז דו טרייבסט איבער, יאַנעק.

— אַמווייניקסטן טרייב איך איבער... — און נאָך אַ ווײַלע — געדענקסט פייגעלען?...

— ס׳איז גוט! צי כ׳געדענק פייגעלען?... און סטערקען... די קליינע, די שיקלדיקע... ווו איז זי אַהינגעקומען?...

— פייגעלען האָבן די כוליגאַנעס אַרויסגעוואָרפן פון לויפנדיקן צוג און סטערקען — פון פאָסטן...

ער האָט אים נישט דערציילט, אַז פייגעלע מאַטערט זיך צווישן לעבן און טויט. ס׳האָט זיך מער נישט געקלעפּט. כמעט אָן רייד האָט מען זיך אָפּגעזעגנט. ביז אין דער פרי איז יאַנעק אָפּגעלעגן אין פרעמדן האָטעל־צימער מיט אָפענע אויגן. ס׳האָט געגרויט אין די הויכע פענצטער. טויבן האָבן געוואָרקעט אין די אַלטע קאַרניזן פון דער אָפּערע־געביידע קעגנאיבער. ער האָט זיך אויפגעריסן מיטן געדאַנק צו גיין באַלד דאָ ערגעץ אויפזוכן אהרנען. ער האָט געזוכט אַ וואָגן אַראָפּצופאָרן די עטלעכע־און־צוואַנציק קילאָמעטער אין שטעטל אַריין, ביי דער רווישיקער ניסע.

אויף די וועגן האָבן פויערים געצויגן צו די פעלדער, אין רעכטן בלי. ס׳איז שוין נאָענט געווען צום שניט. די ערד איז דאָ זינט דורות געווען צעבראָקלט, צע־שניטן, קולטיווירט יעדעס ווינקעלע. פעסט־געבויטע דייטשע דערפער פון רויטע ציגל. דאָ און דאָרט איז נאָך געווען צו באַמערקן אַ האַלב־אָפּגעמעקטע גאָטישע אויפשריפט — „בראַוערײַ האַנס שמידט“. אַביסל ווייטער — אַ מיטלאַלטערלעך שטעטל, דאָס ראָט־הויז, די שפּיצע דעכלעך, נאָענט צונויפגערוקט. אין די אָפענע פענצטער צום מאַרק אַרויס איז געווען פריילעך און טומלדיק. ס׳איז געווען דער קלוב פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. אַ רעדנער איז גראָד אַראָפּגעקומען פון צענטער. ס׳איז געווען שבת פאַרמיטאָג. יידן זענען געשטאַנען פאַר די טירן, געשמועסט, מ׳איז געגאַנגען אַריין און אַרויס.

צו אהרנען האָט מען אים אָנגעוויזן אויפן ערשטן שטאָק, אין דער ביוראָ. יאַנעק איז דורכגעגאַנגען עטלעכע ריינלעכע צימערן. ביבליאָטעק־שאַפעס, פאָרטרעטן פון ביערוטן, פון סטאַלינען, פון די יידישע קלאַסיקער. אין אַ זייטיק צימער האָט אַ פיאַנע אויסגעקלאַפּט א יידיש לידל. קינדערישע שטימעלעך האָבן מיטגעזונגען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. הינטערן שווערן טיש, פאַרטון אין ביכער, אין פאַפּירן, איז געזעסן אהרן. ער וואָלט אים, דעם אמת געזאָגט, שווערלעך דערקענט. גרויע שלייפן, ברילן איבער די אָנגעשטרענגטע אויגן, אָבער דער אַמאָליקער ווייטער פלאַם אין זיין בליק.

ער האָט זיך צוגעזעצט, געפּרווט צו געפינען דעם ווייט־איבערגעריסענעם פאָדעם, אָבער די ווערטער האָבן זיך עפּעס נישט געקלעפּט.

מ'קען נישט זאָגן, ער איז געווען גערירט, אהרן אים צו זען. ער האָט פונ־דעסטוועגן געגלויבט אין יאַנעקס ערלעך געפיל עפּעס אויסצובעסערן אין אונדזער בידנער עקזיסטענץ, וואָס מ'האָט עס אונדז אַזוי פאַרמיאוסט. און מיר האָבן עס גע־וואָלט שיין מאַכן. דאָס איז פּאַקטיש געווען דער אור־געפיל, וואָס האָט אונדז גע־פירט אויף באַריקאַדן, אין אַלע שלאַכטן. „ס'איז שיין, ווען שטורעמס קומען אָן"... — אַזוי האָט אַ יידיש־סאָוויעטישער דיכטער אַמאָל געזונגען. אהרן האָט די דאָזיקע פּשוטע ווערטער אַ סך יאָרן פאַרגעדענקט. ער האָט געפילט, אַז עפּעס שטיקט אים, יאַנעקן... אפשר פייגעלע... וואָס האָט אַמאָל געהערט צו זיינע שוואַכקייטן. ער האָט געהערט וועגן זיינע אַנפליען, צוזאַמען מיט דער שטראָף־עקספּעדיציע, אין די טעג פון קעלץ; ער האָט געהאַנדלט מיט נאָכמער האַס אַפילו, ווי קעגן „די יינגלעך פון וואַלד". ער האָט אים אָנגעקוקט. צי איז עס דער זעל־בער יאַנעק, וואָס האָט אַזוי ביטער, ציניש אויסגעלאַכט די יידישע אַרבעטער, די „מאַכערס", וואָס האָט אונדז אָפּגעלייקנט...

— מיר זענען אפשר אין דער אמתן קיינער גאָרנישט דאָס, וואָס מיר שטעלן פאָר מיט זיך פאַרן נאַקעטן אויג — האָט אהרן געזאָגט — אין הינטער־באַוווסטזיין לעבן מיר אין קינדערישן חלום, ווען דער נעפּל אין מוח נעמט זיך לאַנגזאַם אָפּטיילן פון תוהו ובוהו. אין טאָג־שיין רעדט צוריק אַרויס פון אונדזער מויל אַ פרעמדע שטים. ווער ווייס? מיר הערן זיך אַ רגע איין אין יענעמס רייד; ס'אויג בלאָנדזשעט, מיר זעען נישט מער דעם מענטש, וואָס ס'רעדט אַרויס פון אים אַ פרעמד קול.

אַזוי האָט ער געטראַכט אויפן קול, אהרן, ווי ס'וואָלטן ערשט נעכטן איבער־געריסן געוואָרן זייערע הייסע רייד פון אַמאָל.

— און איך, זעסטו, יאַנעק, האָב נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין מענטש, וואָס קען וועלטן צעשטערן און וועלטן איבערבויען. מיר האָבן זיך אַלע אַביסעלע צופיל פאַררעכנט. פאַרשטייסט? מיר זענען דאָס, וואָס מיר זענען — מיט אונדזערע מעלות און אונדזערע חסרונות. מיר זענען נישט קיין רוסן, נישט קיין פראַנצויזן, אַפילו נישט קיין פּאָליאַקן. דערפאַר דאַרף אונדזער סאָציאַליזם, האָב איך זיך דערטראַכט צום פּשוטן געדאַנק, אויך זיין אַ יידישער. פאַרפאַלן, צי מיר ווילן, אָדער מיר ווילן נישט. אַ סך יידן־אָפּשטאַמיקע ווילן עס נישט, זיי וועלן עס אָבער מוזן וועלן, אויב זיי האָבן נאָך אַביסל ווירדע אין זיך...

— כ'האָב זיך אויסגעלערנט הערן און — וועלן פאַרשטיין... — האָט זיך יאַנעק אונטערגעהויבן — מיר... וואָס האָבן אַלע געהאַט פּאַרטיק־צוגעשניטענע אמתן... אָבער נאָכוואָס די רייד?... ווען זאָלסט וויסן, ווי צופרידן כ'בין דיך נאָך אַמאָל צו זען...

אהרן האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ הויכער, מיט אַביסל אַ געבויגענער פּליי־צע, מיט זילבערדיקע שלייפן פון אַ יידישן תלמיד־חכם. די פּאָדלאָגע־ברעטער האָבן לייכט געקרעכצט אונטער אים.

— נאָך וואָס זיך נאַרן, יאַנעק? — האָט ער געלאַכט האַרב — נאָך אַזאַ ים פון ליידן און פון בלוט, האָבן מיר געמיינט, אַז קיין יידן־פראַגע וועט שוין מער

קיינמאָל נישט זיין. מיט קיין שום געזעצן, ווייזט זיך אָבער אַרויס, שאַפט מען עס נישט אָפּ. אַפילו דאָס אַנטלויפן איז אויך נישט קיין אויסוועג. אַנטלויפן אפשר יאָ, אָבער צו זיך אַליין. מען וויל אונדז נישט. און זאָל קיינער נישט וואַגן אָנ־צורופן עס, דאָס אַנטלויפן צו זיך אַליין — געטאָ, אָדער ציוניזם. איז דאָך, אויב אַזוי, יעדעס פאָלק אין זיין געטאָ. קיין שום אילוזיעס נישט, דו הערסט?...

— איך זע אָבער נישט קיין אויסוועג... וווּהין גייען מיר?... — האָט יאַנעק גיכער געפרעגט ביי זיך אַליין, ווי ביי אהרנען און ס'איז געווען אין אים דער אויסוועגלאָזער צווייפל פון זיין פאָטער אין יענע יאָרן.

— מען פאַרגעסט — איז אהרן געווען פאַרטראָגן — אַז די יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג האָט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק די יידישע פאָלקס־קולטור איבערגעגאָסן אין נייע כלים. די אַסימילאַציע, די השכלה, דער אויפקומענדיקער קאַפּיטאַליזם האָבן געפאָדערט ענגערע קאָנטאַקטן מיטן אַרום. די צוימען פון יידישן געטאָ האָבן זיך סיי ווי גענומען קרישלען. דער פאַרשריגענער יידישיזם איז געווען, זאָלסטו וויסן, א ו נ ד ז ע ר נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע. אין קאַמף מיט די אַרומיקע, האָט זי געטראָגן אַלע סימנים דערפון. אונדזער קלאַסן־קאַמף איז מער און טיפער ווי ביי אַנדערע געווען פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער נאַציאָ־נאַלער אונטערדריקונג. פאַרוואָס? ווייל די אמתע גרויסע מאַכט־בורזשואַזיע, די הערשנדיקע, איז כמעט אַלעמאָל און אומעטום געווען אַ נישט־יידישע. זיי האָבן געטראָגן קעגן אונדז קלאַסן־האַס, אָבער פאַר אַלעם אפשר — ראַסן־האַס. דאָס הייסט נישט, אַז די יידישע בורזשואַזיע האָט אונדז נישט דערשטיקט.

יאַנעק האָט זיך לסוף שווערלעך אויפגעהויבן, איז צו צום פענצטער. אין הייסן נאָכמיטאָג האָט זיך איבערן האַלב־אָפּגעליידיקטן מאַרק־פּלאַץ געטראָגן פון די הויך־שפּרעכער פאַרשטילטע טאַנץ־מוזיק. רויט־אַרמייער האָבן זיך געשפּאַרט אַרום קינאָ „זאַיאַ". ס'האָט זיך שוין באַצייטנס געפילט די אַנקומענדיקע שבת־זונטיק־רו אין שטעטל פון סאָוויעטישן גרענעץ־גאַרניזאָן.

— ווילסט אפשר גיין עפּעס איבערכאַפּן? — האָט אים אהרן פאַרגעלייגט — קום, דאָ איז פאַראַן אַ קאַנטינע פון סאָוויעטישן גאַרניזאָן.

יאַנעק איז אים נאָכגעגאַנגען פון די טרעפּ. זיי האָבן דורכגעשניטן דעם רינג־פּלאַץ. דורך די אָפענע פענצטער פון דער קאַנטינע איז געשוואומען דער ריח פון אַ רוסישן „שטשי". אין טיפן זאַל זענען נאָך די טישן נישט געווען אַראָפּגערוימט. עס זענען נאָך אַלץ געקומען פאַרשפּעטיקטע צום מיטאָג. אַ סאָוויעטישער לייט־טענאַנט מיט אַ ברייט, מאָנגאָליש פּנים, אַ געשטופּלטס, איז אַריינגעקומען, אַ העל־בלאָנדע פרוי ביי דער זייט, מיט צוויי קליינע מיידעלעך. די באַדינערינס, אין ווייסע פאַרטוכלעך, מיט הייבלעך אויף די בלאָנדע קעפּ, האָבן געפלאַטערט אַהין און צוריק. זיי האָבן געטראָגן אויף די טאַצן באַרשט, קאַרטאָפל, קרויט, בלינעס, קאָמפּאָט פון ריבאַרבאַר. הינטערן פענצטער, אין דער מיטנטאָגיקער היץ, זענען נאָך אַלץ אָנגעפאָרן מאָטאָציקלען, אויטאָס, לאַסט־וועגן.

זיי האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז די מיידלעך וועלן דערלאַנגען צום טיש. אהרן האָט געזען, ווי ס'הייבט אים אונטער, יאַנעקן; ווי ער קוקט פון דער זייט אין דער טיף פון זאַל; ווייל יאַנעקן האָט זיך מיטאַמאָל געדוכט, אַז דער אויסגעגאָלטער קאַרק פון אומגעדרייטן סאָוויעטישן לייטענאַנט איז — בעסטאַרענקאָ, דער ספּעציעל באַפולמעכטיקטער... דער אויסגעגאָלטער קאַרק, די

גערלאַסענע זיכערקייט; זיי זעען דיך נישט און — זעען דיך דורך און דורך, אַפילו מיטן אומגעדרייטן אויסגעגאָלטן קאַרק. ס׳איז פאַר אים גאָרנישט אויסצובאַ־האַלטן. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט:

— קום, מירן שוין איבערכאַפּן עפּעס אין גאַס.

זיי זענען אַרויס. איבערן פאַרדרעמלטן רינג־פּלאַץ איז געלעגן אַ הייסע זון. די גערטלעך אַרום זענען געווען באַלייגט מיט געלע רויזן, די קעפּלעך פאַרחלשט אַראָפּגעהאָנגען. די אָפּדעכלעך פון די מלוכהשע קאָאָפּעראַטיוון זענען געווען טיף אַראָפּגעלאָזן. פאַרשטויבטע שוי־פענצטער, אָנגעשטעלט אין אומאָרדענונג קאָנ־סערוון־שאַכטלעך, פּרויען־היט, עטלעכע אויסגעוואַקסענע מאַרינאַרקעס אויף אַלטע מאַנעקינען, קראַוואַטן, בראָשורן, ביכער, ציימונגען, טויטע פליגן.

— אין קלוב ביי אונדז האָבן זיי היינט אָנגעגרייט דאָס אמתע יידישע שטי־קעלע פיש — האָט אים אהרן מיטגערופן — מיר דערוואַרטן היינט זייער אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע. ס׳איז געקומען אַ רעדנער פון צענטער...

# קאַפּיטל דרייצן

אַ נייער, ביז איצט אומבאַקאַנטער האַס איז אויפגעשטיגן אין יאַנעקן; אָדער איז עס גאָר פּשוט געווען — אייפערזוכט; ער האָט נאָך נישט געוווסט, אַז ס׳איז אפשר פיל מער. דער פרעמדער טעמפּעראַמענט זייערער... דאָס סלאַווישע... זאָשע... כאָטש ס׳זעלבע קאָרן־ברויט האָט אונדז אַלעמען גענערט. זיי זענען קאַפּריז און — שטורעם, זיי האָבן ליב און — בייסן, זיי זענען גוט, ביזן אַוועקגעבן די נשמה, און — פאַלש. די שטומע אויגן־שפּיל צו דעם נעסטאַרענקאָ, ווען ער איז שטיל, מיט קאַצן־שריט, געקומען אַריינצושלייכן זיך אין די ביוראָען. ס׳איז געווען אין דער לופט. די מלחמה האָט אַזעלכע יונגע פאַלקס־מיידלעך פאַרוואַנדלט אין כיטרע און ראַפינירטע. זי איז אין דער אמתן מער נישט געווען אַזוי פּשוט און גאַנץ, ווי זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק. שוין בלויז די פאַרפעסטעטע סביבה פון אויס־פאַרשונגען און פאַרדאַכטן. זי האָט זיך אויסגעבונדן א דיקן צאָפּ, פאַרוואָרפן אויפן אַקסל. ס׳האָט פאַרכאַפּט ס׳אויג מיטן פרישן, דאַרפישן בלענד פון ווייץ. קיינער איז זי נישט פאַרבייגעגאַנגען גלייכגילטיק. זי איז געטרעטן אויף געזונטע, דינע פיס, ווי אַ שמאָל, הייס ראַסאָווע רייט־פערד. זי איז געגאַנגען ווייך, פלינק, בייגעוודיק.

— יאַנעטשקו... — האָט מעטאַל־ריין געקלונגען איר שטים און האָט אין דער זעלבער צייט געלאַכט הינטער זיין רוקן צו דעם נעסטאַרענקאָ.

דערפאַר איז פייגעלע געווען זיין סוד. ער האָט שוין לאַנג געפילט, אַז מ׳דאַרף איר נישט אַלץ דערציילן, אַז ער האָט זיך צופיל אַרויסגעכאַפּט. קיין שום רייד און אַרגומענטן וועלן צו איר נישט דערגיין; אַז זי וועט זיך נאָך אין איינעם אַ טאָג אויפהייבן און פאַרשווינדן. אָבער אפילו צו אַ קאַץ, אַז מען געוווינט זיך צו...

דורך אַ מינדסטן בליק, אַ זשעסט האָט זי עס אָבער אַלץ פון זיין פאַרוואָלקנט פנים אַראָפּגעלייענט.

— ביי אייך איז קיין שום זאַך נישט אַזוי פשוט... — האָט זי אים צוגע־וואָרפן און האָט זיך אָפּגעדרייט.

מ׳האָט זי מער נישט באַדאַרפט איבערפרעגן. זי האָט געוווסט צו דערציילן, שטיל, אין געלעכטער, אַז די וויכטיקסטע „קעפּ״ זענען — יידן, אַז ווער נישט? ער האָט זיך אין שפּאַס אַרויסגעכאַפּט:

— טאָ לאָמיר ערגעץ אַוועקפאָרן, זאַשיו... ווילסט?...

— כ׳וויל... קיין פאַריז...

זי האָט געוווסט, אַז יאַנעק איז אויסגעווען אַ וועלט. ער האָט איר אַמאָל דער־ציילט וועגן פאַריז, וועגן די פאַרכאַפּנדיקע מאָדעס, וועגן די מאָדנע עסנס; און ס׳האָט אים באַלד באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט; ווייל גראָד איז איינער אַ פּעאיקער יידישער בחור, אין אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע, אַריבער אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין בערלין, האָט דאָרט געמאַכט גאַנצע רעוועלאַציעס פאַר דער פּרעסע, האָט, מיט איין וואָרט, אָנגעמאַכט צרות. ס׳איז געווען נישט אָנגע־נעם. מ׳האָט זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן. מ׳האָט אויסגעמיטן צו רעדן דערפון. קיין אַרגומענטן פון אונדזער „נישט־פּוילישקייט״, פון אונדזער „נישט־צוגעבונדנקייט צום פאָטערלאַנד״ האָבן אַזוי אויך נישט געפעלט.

דעמאָלט האָבן זיך אויך געגומען יאַוועץ אין הויז אַריין קרובים זאַשעס פון דער פּראָווינץ. זי האָט זיי דאָרט אויפגענומען אין קיך, ווי אַ דינסט, מ׳האָט זיך געשושקעט, געלאַכט.

— פאַרוואָס פאַרבעטסטו נישט דיינע קרובים אין צימער אַריין? — האָט יאַנעק זי געמאַכט אַ פאָרוואָרף — ביסט דאָ ביי זיך...

— כ׳ווייס, יאַנעטשקו... זיי זענען אַביסל ווילדלעך... פּראָווינצער...

ווען ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, איז מען באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט איר מער נישט דערציילט, אַז ער גייט זען פייגעלעך; איז אַרונטער איינגעשטיגן אין טראַמוויי און געלאָזן זיך פאָרן איבער די ווייסל־בריקן, אַראָפּ, צו אַ ווייטער פאָרשטאָט, דאָס פּנים צוגעקלעפּט צו דער שויב. די ווייסל־ברעגן זענען געווען באַלעבט פון אַרבעט, פון בויאונגען. ס׳האָבן זיך געטרייסלט די אויטאָמאַ־טישע האַמערס, די לאָקאָמאָבילן, פון די באַרקעס האָבן הייזעריק געראָפן די סי־רענעס. די ברעגן זענען פול געווען מיט אַרבעטער אין קורצע געפּאַסעוועטע לייבלעך, אין לאַנגע וואַסער־שטיוול. לאַסט־דאַמפּערס האָבן געשעפּט דעם זשוויר פון די טיפענישן, פון די זאַמד־בענק, צו רעגולירן דעם פאַרקער, אויסצושעפּן דעם זאַמד, וואָס איז געגאַנגען פאַר די בויאונגען אין שטאָט. פאַרברוינטע מיידל־שע קערפּערס צעלייגט אויף די פּליאַזשעס. די זעלבע מילדע זון איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער די גרינלעכע, קילע וואַסערן; און דאָרט, אין דער וויט, אויפן פליכיקן שטיקל ברעג, אויף דער ווילדער פּליאַזשע, האָבן אין יענע זומערן געוווישט די חברה פון טעקסטיל־פאַראיין, הונגעריקע, פאַרפּאַלגטע, אָבער יונגע און מוטיקע. דאָרט איז ער אַמאָל געלעגן צוזאַמען מיט פייגעלען, מיט אַט דער סטערקען, מיט אהרנען. אַלע אַלטע בענקשאַפטן האָבן זיך אויפגעוועקט — די

שלאָגערן, וואָס האָבן געהילכט איבערן וואַרשעווער ברוק, אין די פאַרשטיקטע פרי־לינגדיקע הייף. ער איז אָבער קיינמאָל די וויסל־ברעגן נישט פאַרביי אָן פלאָ־טער.

דער טראַמוויי האָט געסקריפעט צווישן די נידעריקע געסעלעך מיט די נישט־געטונקעוועטע מויערלעך פון די פאַרשטעטע אַרום פּראַגע. ער איז געווען אַזוי פאַרטראָגן ביי דער שויב, אז ער האָט נישט באַמערקט ווי דער טראַמוויי האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעליידיקט. דער קאָנדוקטאָר מיטן גלאַנציקן דאַשיק האָט אים נישט זייער העפלעך דערמאָנט:

— דער פאַן האָט זיך פאַרגאַפּיעט... מיר שטייגן אָפּ!

יאַנעק איז אַרונטער די טרעפּלעך מיט איין שפרונג, זיך פאַרנומען אין דער זייטיקער אַלייע, פאַרביי די רויט־ציגלדיקע קאַזאַרמעס. ער האָט זיך געאיילט, נישט צו פאַרשפּעטיקן די אויפנעם־שעה. אָבער צי וועט זי אים אויפנעמען, פייגעלע? אין דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ בינטל פּשוטע פעלד־בלימעלעך. דאָס ווײפלטע יאָר שוין, אַז זי איז געלעגן אין גיפּס, מיט אַ צעבראָכענער חוט־השדרה. פאַר דער צייט האָבן זיך צוגעטשעפּעט נאָך קאָמפּליקאַציעס. זי האָט אים אַלץ נישט געוואָלט זען. דאָס מיידל, די יונגע קראַנקן־שוועסטער, האָט איר צוגעוואָרפן:

— ער קומט יעדע וואָך נאָכפרעגן זיך...

זי האָט געוווּסט, אַז ער קומט אָפּט און וואַרט לאַנג הינטער די טירן. ער האָט נישט געוואָגט. ווי אַזוי קען זי?... די אויגן ביי איר — טיף אַריינגע־זעצט, די שוואַרצע האָר צעוואָרפן אויפן קישן. זי האָט געוואָלט אונטערהייבן זיך און נישט געקענט. זי האָט געפילט, אַז זי איז זיין לעבעדיקער אומרואיקער גע־וויסן.

— פאַרוואָס רעדט איר קיינמאָל נישט צו מיר? — האָט זי געפרעגט ביי דער יונגער קראַנקן־שוועסטער מיט דער מילך־וויסקייט, וואָס שלאָגט פון איר רונדיק געזיכט אונטערן הייבל, ווי ביי אַ מאַדאָנע.

— מיין פליכט איז אייך צו באַדינען... צו לינדערן אייערע ווייטיקן...

— מען קען מיט אַ פּשוט, מענטשלעך וואָרט מער נאָך לינדערן די ווייטיקן.

זי האָט עס סיי ווי געוווּסט, פייגעלע, אַז זי איז פאַרמשפּט. זי וועט רוען אין דער פוילישער ערד, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן עס נישט. מער האָט זי נישט גע־קענט. דער קאָפּ איז איר צוריקגעפאַלן. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, ווען יאַנעק איז שטיל געקומען צוזעצן זיך לעבן איר.

— ווי שיין ס'האָט זיך אָנגעהויבן... געדענקסט, יאַנעק? איך וואָלט נאָך גע־וואָלט קענען גיין אויף מיינע פיס, כ'זאָל אַוועק פון דאַנען... ווייסט וואָס ס'איז אַזוינס שנאת־חינם?...

— כ'שטויס זיך אָן. אָבער וווהין ווילסטו דען אַוועק?

— כ'ווייס נישט. אָבער כ'וויל אַוועק. נעם מיך אַוועק פון דאַנען.

אַזוי שטיל ווי אַ פלעמל האָט זיך פייגעלע אויסגעלאָשן. זי איז אויסגעגאַנגען, די אָרעמע, ביים פּולן באַוואוסטזיין. דער שיינער, שטאָלצער קאָפּ אירער איז גע־

לעגן אויפן קישן, איינגערעמט אין אירע שווארצע האר; ווי זי וואלט נאר וואס איינגעשלאפן. פייגעלע... ווי נעכטן וואלט עס געווען...

זאלבעדריט האבן זיי צום לעצטן מאל פייגעלען באגלייט אויפן מיליטערישן בית־עולם אין פראגע. אויסגעפאלן איז עס אין זעלבן פארנאכט, ווען די פייערן פון אלוועלטלעכן יוגנט־פעסטיוואל האבן זיך אנגעצונדן ארום נאר וואס ארויסגעגע־דיקטן קולטור־פאלאץ אין ווארשע. אלץ איז צוגעגאנגען כמעט אן רייד. זיי האבן זיך ווי געשעמט צו קוקן איינער דעם אנדערן אין די אויגן. ס'איז נישט געווען בלויז דער צער, ס'איז געווען פיל מער.

מען ווייסט נישט ווי אזוי יאנעק האט אין יענעם נאכמיטאג אפגעפונען אהרנען. אינמיטן די זיצונגען, אינמיטן די ארומלויפעניש, האט ער אים אפגעפונען. ווי א דארפסמאן, ווי א פראווינצער, האט זיך אהרן אמאל אראפגעכאפט אויף א טאג־צוויי קיין ווארשע. דורכן דראט האט ער דערפילט, ווי יאנקעס שטים וויברירט:

— אהרן... — האט ער געפילט ווי זיין שטים ציטערט — מיט פייגעלען איז טרויעריק פארענדיקט... אויס...

ער האט שוין אלץ פארשטאנען. ער האט איבערגעלאזן אלע זיצונגען אין „פארבאנד" און איז אוועק אויפזוכן זיי אין דער סאנאטאריע. זאלבעדריט זענען זיי געווען — יאנעק, אהרן און דער אמאליקער לערער זייערער, חבר זלמן. ער האט זיך, הייסט עס, נאך אזויפיל יארן אפגעפונען, דער אלטער, אין זיין גלגול פון געדיכטן יידישן „מורדזשיעל". זיין קאנטיקער, שויבערדיקער לייבן־קאפ איז געווען אינגאנצן גרוי, אבער דער אדלער־בליק פון אונטער די דראטענעברילן, ווי ער וואלט נאך געקוקט אין דער ווייט, פון הינטער קראטן, ווי דער צוגע־שמידטער פראמאטעואס צום פעלז. זיי האבן זיך אלע דריי אומגעריכט אפגע־פונען. יעדן פון זיי האט דאס פארפאלגטע לעבן געפירט אויף אנדערע וועגן, אומוועגן און סטעזשקעלעך, אפט צווישן געפערלעכע תהומען.

חבר זלמן רעדט נישט קיין סך, לעבט אן אסקעטיש לעבן; וויקלט די גע־דרייטע פאפיראסלעך מיט פארוויכערטע פינגער. וואס באדארף דען צו האבן אן איינזאמער מענטש? די פארטיי האט אפגעשאצט זיינע פארדינסטן, צוגע־טיילט אים א קליינע פענסיע. צום ערשטן מאל אין לעבן וווינט ער אין א לייטיש צימער, מיט א ווינדע אויפצוהייבן זיך. נאך א גליק — פארן אפגעשוואכטן הארץ. ס'פאלגט נישט מער, דאס הארץ. עפעס שטיקט אים. אהרן איז איינמאל שטיל געקומען אוועקזעצן זיך אויף זיינס א לעקציע אין לאדזשער יידישן פאלקס־קלוב. דער חבר זלמן האט דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער אר־בעטער־באוועגונג. לאדזש פון יענע יארן! דער ביטערלעכער רויך האט פארטונקלט די ליכטער אין זאל; און ס'האט זיך א רגע געדוכט, אז פאר די אויגן שוועבט דער אמאליקער פאררויכערטער לאקאל, די פארחושכטע וועגט פון כעמישן פאראיין; אז די חברים, וואס זענען צעשטעלט ביי דער טיר, די פליצעס ענג־צוזאמענגעג־רוקט, זענען אומרואיק, טאמער רייסט זיך אינמיטן דערינען אריין פאליציי... ס'איז געווען ציטער פון אלטער פאטעטיק אין זיין שטים. ער האט דערציילט וועגן די קליינע ארבעטער־ווארשטאטלעך, וועגן די לאדזשער וועבער, וועגן די ווער־

שוואַר געגריוועטע שוסטערס, וועגן די מעזריטשער בערשטער, וועגן זייער קאַמף פאַרן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; וועגן די בערזעס, די שטרייקן, די „סכאַדקעס“, וועגן „פּראָלעטאַריאַט“, וועגן די ס.ד.ק.פּ.ל. , וועגן די לינדע פּרילינג־ווינטן, וואָס האָבן אַ ווייע געטון איבערן לאַנד; די געשיכטע פון אַן אָפּגעמעקט, פאַרשווונדן לעבן.

ביי אַ גלעזל, צווישן אַלטע חברים, אין רויש, האָט מען זיך אַמאָל פאַרגעסן. ס׳האָבן אַ קלונג געטון די פּאַרטיזאַנישע לידער, די רוסישע, די פּוילישע, די פאַר־בענקטע. זיי האָבן אַמאָל געגעבן פּלי, שוווּנג; אין זיי האָבן געקלונגען די סלאַ־ווישע טייכן, די שוואַר־באַלאָדנע, צעבליטע עפּל־סעדער, דער קאַרשן־צוויט אין די פּרילינגען... דער חבר זלמן איז זיצן געבליבן שטום; האָט געטראַכט, אַז דאָס סלאַווישע איז טיף אין אונדז איינגעבאַקן... אָבער ס׳העלפט נישט; ס׳איז ווי די איינזייטיקע ליבע — מ׳עט זיך מוזן שיידן...

די פּוילישע חברים, מיט וועלכע ער האָט זיך אַמאָל געוואַלגערט אין די תפיסות, זענען געזעסן אויף די העכסטע פּאָסטנס. ער איז נישט געגאַנגען איינ־טערוועניִרן צו זיי. אין די רייד און דיסקוסיעס איז נאָך אַלץ אויסגעקומען ווי צווישן גלייכע מיט גלייכע. אָבער אין דער טאָג־טעגלעכקייט איז מען עפּעס שטעקן געבליבן ביי אַלטע פאַראורטיילן, ביי פאָרמעלע ביוראָקראַטישע פאַר־מאַליטעטן. וויפל דערקלערונגען עס זענען נישט געקומען פון האַלב־אָפיציעלע מענטשן, פון נאָבעלע אינטעלעקטואַלן, איז מען שטעקן געבליבן ביים אַלטן. מיר שטעלן אַלעמאָל אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע; מיר זענען אומעטום אַן אומבאַקווע־מע פראַגע. ווער זענען זיי געווען, די אַלע? פּראָווינצער טוער, אינטעליגענטן, האַלב־אינטעליגענטן. ס׳האָט זיך אַלעמאָל געלאָזן מערקן ביי זיי אַ נאָטקע פון געקרענקטקייט, פון נישט קענען דערגיין הויך. אַצינד זענען זיי אַרויסגעשוווּמען. זיי האָבן דערפילט דעם זיסן טעם פון מאַכט. די גרויסע קעפּ פון פּוילישן פּראָלע־טאַריאַט זענען אומגעקומען דאָרט, אין גרויסן כאַאָס; זענען זיי אַצינד אַרויס־געשוווּמען.

ער האָט געפילט, דער חבר זלמן, ווי אַ גאַנצע שטורמישע עפּאָכע, אַ דור, וואָלט זיך אַריבערגעקייקלט איבער אים, געלאָזן אים ערגעץ ווייט הינטער זיך; און מיר, וואָס האָבן געלעבט מיטן שטאָלצן באַוווסטזיין, אַז מיר זענען די פאַר־אויסלויפער פון דער פאַרגעשריטענער מענטשהייט. פראַזן! פראַזן! — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען. אַלע קוקן אויף אונדז ווי אויף אַן אַנאַכראָניזם. מען באַציט זיך צו אונדז אין בעסטן פאַל מיט אַ געמיש פון סענטימענט און לייכטן ביטול. מיר מוזן, הייסט עס, פאַרשווינדן.

ביז שפּעט ביינאַכט האָט ער געלאָזן ברענען דאָס לעמפּל לעבן בעט. ער האָט אויסגעצויגן אַ האַנט צו פאַרדרייען. ביי וואָס זענען מיר פאַרבליבן? — האָט ער זיך געפרעגט — מיטליאַריקע, אָדער אַלטוואַרג. די שטורמישע יוגנט... מיר האָבן זי פאַרשפּילט אין אַלע שלאַכטן. מיר גיבן זי נאָך אַלץ אַוועק צו אַנ־דערע.

אויך יאַנעקן איז אומעטיק געווען אומצוקערן זיך צו די פיר ווענט נאָך דער קבורה. די אילומינירטע שטאָט האָט זיך ווילד געדרייט פאַרן צעטומלטן בליק. וווהין גיין? ביי דער זייט פון אהרנען און דעם חבר זלמן, האָט ער זיך

דערפילט היימלעכער. זיי האָבן זיך אַלע דריי צוריקגעשאָקלט אין אָנגעפּראָפּטן טראַמוויי, צווישן פינצטער־שוויגנדיקע מענטשן, אומגעדרייט צו דער שויב. זיי זענען איינגעשטיגן אויף דער פּאַרשטאָט פון אַלט־פּראַגע. ס'איז מאָדנע געווען צו זען, אַז דאָ, אַ טריט פון דער אָפּגעמעקטער שטאָט, אויפן אַנדערן ברעג ווייסל, זענען נאָך אַלץ געשטאַנען די נידעריקע, קרומע געסלעך מיט די קיילעכדיקע ברוק־שטיינער. טויבן זענען אין זומערדיקן אַוויר געפלויגן איבער די נידעריקע, מאָכיקע שינדל־דעכער. אין ראָג — די לאָמטער מיט די אויסגעזעצטע שייבלעך; געבויגענע, איינשטאָקיקע, הילצערנע הייזלעך, איבערגעפאַרבט אויף געל, אויף גרין, אַראָפּצוגיין מיט אַ טרעפּל אין קעלער אַריין, פון פאַרנט, צו דער וועשעריי. די נידעריקע, אָפּגעריבענע טויערן זענען געהאַנגען קרום. די פענצטער־שייבלעך אָנגעשטעלט מיט וואַזאָנען. אַ רויטער הונט האָט פאַרהויבן אַ פיסל ביים טויער און געטון זיין באַדערפעניש. ווייס־האָריקע, אָפּגעשליסענע ייִנגלעך האָבן זיך געיאָגט נאָך די טויבן. אַן אַלטיטשקע, מיט אַ גרעק פאַרדרייט אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט זיך מיט בלויע ליפּעלעך דורכגעוווערטלט מיט אַ שכנטע, אין אַ טוך, טיף פאַררוקט איבער די אויגן.

יאַנעק האָט די געסעלעך מאָדנע קלאָר פאַרגעדענקט; ער איז דאָ אַהער, קיין שמולעוויזנע, נישט איינמאָל געקומען אויף געהיימע זיצונגען פון אַ שטרייק־קאָמיטעט; אין ראָג איז נאָך אַפילו געהאַנגען די אָפּגעבליאַקעוועטע שילד פון דער „פּיוויאַרניע" מיט די אויפגעמאָלטע „קיעלבאַסע" און מיט די פלעשלעך „וואָדקע". ווי אויף דער וועלט וואָלט זיך גאָרנישט געווען געענדערט.

ביים פאַרדריי איז ער דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען פון טרעפּל. ביידע זענען אים שטום נאָכגעגאַנגען. די גאַס האָט געפירט צו ברייטערע אַרטעריעס. דאָ זענען אַמאָל געשטאַנען טומלדיקע ייִדישע מערק אויף די דורכגאַנגס־הייף. די זאַמבקאָווסקי גאַס האָט זיך כמעט נישט געענדערט. די זעלבע טראַמוויי־שנור איז געלאָפן צווישן דער שמאָלער גאַס; די זעלבע ענגע גאַס, וווּ ס'האָט אַמאָל געראַיעט אַ געדיכט ייִדיש לעבן — משרתים, דינסטן, חסידישע ייִדן, מאַרק־הענדלער, שניידער־געזעלן, פּלייצע־טרעגער, די „שטאַרקע", וואָס זענען אַריין אין ראַגאָוון ייִדישן שענקל, צעריסן מיט די הענט אַ גענדזל, נאָכן אויסגלייכן אַ סכסוך אין אַ היימישער דין־תורה...

זיי זענען צוריקגעגאַנגען דורכן פינצטערן טעאַטער־פּלאַץ, פאַרנומען זיך צום זאַקסישן גאָרטן. ס'איז צוגעפאַלן אַ וואַרעמער אָוונט. אין דער אילומינירטער נאַכט, אַרום קולטור־פּאַלאַץ, צווישן יובלענדיקן המון, זענען זיי געווען — דריי געבויגענע, אַלט־געוואָרענע ייִדן, די קעפּ אַריינגענומען אין די אַקסלען. די יוגנט פון אַלע לענדער איז דאָרט פאַרפלאָמט געווען אין אויפמאַרש. חבר זלמן האָט אַרויפגעלייגט אַ ציטערדיקע האַנט אויף אהרנס אַקסל.

— עפּעס פיל איך זיך פאַרשולדיקט קעגנאיבער פייגעלען... קעגנאיבער אייך אַלעמען.

— פאַרוואָס? — האָט אים אהרן אָנגעקוקט.

— מיר האָבן נישט געוואָלט זען, אַז די רעאַליטעט איז גאָר אַן אַנדערע...

ס'איז געווען מאָדנע. מיט וואָס האָט זיך דער אַסקעט מיטן גרויען קאָפּ געקענט פילן פאַרשולדיקט? יאַנעק האָט געשפּרייזט אַ שוויגנדיקער. די פייערן

אין דער נאַכט האָבן אָפּגעגאָסן מיט ליכט און בלענדיקייט דעם ניי־אויפגעבויטן קולטור־פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך מיט די שפּיצן און טורעמלעך געריסן אין די הימלען אַריין. ס׳איז געווען אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט פון שטורקאַצן, הייסע, עקזאַטישע טענץ, לידער, געלעכטערן. די ניי־אויסגעבויטע קוואַרטאַלן האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון צווישן חורבות. ס׳איז געווען טעאַטראַליש־פּאַרכאַפּנדיק.

זיי זענען אין דעם אָוונט אַהין נישט געגאַנגען, פאַרקערעוועט זיך דורך די אַלייען פון זאַקסישן גאָרטן. די אויפגעבליטע קאַשטאַנען האָבן אין לעבלעכן טונקל וווּנדערלעך געלויכטן, ווי קאַנדעלאַברעס. זיי האָבן געפונען אַ שטילע באַנק אַראָפּצולאָזן זיך. חבר זלמן האָט געצויגן, ווי אַן אַלטן ניגון:

— די האַרטע ערד האָט מען פון אונטער די פיס אַרויסגעריסן. וואָס זענען מיר דען — אַן פאָלק? סאָציאַליזם בויט מען נישט אין דער לופט. דאָס לעבן גופא גייט איבער אונדז אַריבער. מען וועט אונדז ווידער — טאָלערירן. די ווייסרוסן, די אוקראַינער, די פּאָליאַקן — צוזאַמען האָבן מיר געקעמפט; און מיר... מיר זענען געבליבן ביי געשיכטע...

— ווער וועט זי דען אַמאָל שרייבן, די פּולע, די אמתדיקע געשיכטע?... — האָט אהרן זיך אָפּגערופן — די געשיכטע פון דער ק.פּ.פּ. אַזאַ ווי זי איז זיך פאַר אונזערע אויגן פאַרלאָפן, נישט דער „קראַטקי קורס״... איך וואָלט זי גאָר מורא געהאַט אָנצושרייבן...

— פאַרוואָס?

— זיי וואָלטן מיך פאַרשריגן פאַר אַ נאַציאָנאַליסט... פאַר אַ ציוניסט... זיי גיבן אונדז כסדר אָנצוהערן — דער גרויסער קאָפּ און דער קליינער גוף... די מאַסע פון יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז געקומען צו דער ק.פּ.פּ. אין צ.ק. אין די ראַיאָן־קאָמיטעטן... די פונקציאָנאַרן... די „אָקרענגאָוועס״... אָבער די מאַסע, זאָגן זיי, איז געווען פּויליש... די פאַבריק־צענטערן... אַ האַלבער אמת! איך רעד שוין נישט, וואָס לויטן פּראָצענט זענען מיר געווען בלויז אין צענטל פון דער באַפעלקערונג אין יענעם פּוילן... די יידישע מאַסן... אין וועלכע ציפערן עקזיסטירן זיי, די יידישע מאַסן? די נולן... די נולן...

צום חבר זלמן איז געווען דאָ באַלד דערלעבן. זיי זענען אַרויף. ס׳איז געווען אַ העלע נאַכט. אַ קליינער צימער, די פענצטער צעעפנט. קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן. אַ זומערדיקער רעגן האָט אַ גאָס געטון אויף די שויבן. די בליצן האָבן אַנטפּלעקט טורעמס, קירכעס, רושטאָוואַניעס, אויסגעבראַנטע פענצטער פון חורבות. די דונערן האָבן געקלאַפּט מיט אַזאַ רעגולערקייט, אַז ס׳האָט זיך געקענט דוכטן — דאָס דונערט די דייטשע לייכטע אַרטילעריע אין געטאָ אַריין. דאָס אויסגעצויגענע פּנים, די גרוי־געוואָרענע לייבן־גריווע ביים חבר זלמן האָט אַלעמאָל אין דער טונקל אויפגעלויכטן. דאָס קלאַפּט אַזוי די דייטשע קאַנאָנאַדע אין די אויפגעלויכטענע נעכט איבערן געטאָ... די לעצטע אויפשטענדלער ציען זיך צוריק צום אונטערערדישן שטאַב אויף דער מילע... די דזשיקע, דער מוראַנאָוו, ביז אַראָפּ, שטייען אין פלאַמען.

— ס׳איז נישט באַוווּסט, וואָס אַניעלעוויטש און די מענטשן פון זיין שטאַב האָבן אין די לעצטע שעהן איבערגעלעבט; וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, וואָס זיי האָבן געטראַכט — וועגן דער וועלט, וואָס לאָזט אונדז שיין שטאַרבן...

זיי זענען פֿאַרבליבן אַ קליין, איזאָלירט אינזעלע אינמיטן פֿון אַ מענטשן־פֿרעסע־רישער וועלט. אַלץ, וואָס ווערט דערציילט וועגן הילף פֿאַרן געטאָ... ס'איז חוזק! וויפֿל זענען דען פֿאַרבליבן פֿון די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט? מ'האָט אונדז נישט געוואָלט און פֿאַרטיק. קיי־נער האָט אונדז נישט געוואָלט! און מיר האָבן עס נאָך אַלץ מורא מודה צו זיין פֿאַר זיך אַליין...

חבר זלמן האָט באַדאַרפֿט געבוירן צו ווערן ערגעץ אויף דער סמאָטשע, אין אַ פֿינצטער הויפֿל, אין בין־השמשות פֿון פֿריערדיקן און אָנהייב פֿון אונדזער יאָר־הונדערט. ער איז אויפֿגעוואַקסן צווישן די גאַרבערס, געגריוועטע שוסטערס און שעפּטל־מאַכערס. אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר צוועלף־דרייצן, האָט ער שוין געטראָגן אויף זיינע אַקסלען אַ גרויסן עול. ער האָט שוין דעמאָלט געפֿילט דעם טעם פֿון קאַ־זאַקישע נאַגייקעס, איז פֿאַרשפּאַרט געוועזן אין פּאַוויאַק. טאַקע ווי אַ פֿאַרבלאָנ־דזשעט ייִנגל, איז ער דאָ אַנומלטן שטיינגעבליבן.

— כ'בין היינט אַ גאַנצן טאָג אַרומגעקראָכן איבער די חורבות פֿון געטאָ... כ'קען בשום אופֿן נישט געפֿינען די סמאָטשע גאַס...

און ס'איז געווען פֿאַרלוירנקייט אין זיין בליק — נישטאָ זיין סמאָטשע גאַס; ווי די גאַס וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

יאַנעק האָט זיך צולעצט געכאַפּט:

— ווי ווערטער זענען אַלט געוואָרן... גיי שטעל זיך אַוועק פֿאַר אַן עולם ייִדן און רעד מיט די ווערטער פֿון אַמאָל...

אין הויכן פֿענצטער האָט געליכטיקט. די זומערדיקע נאַכט איז אַ קורצע. דאָס שאַרפֿע רוישן פֿון וואַרעמען רעגן האָט זיך געהאַט איינגעשטילט. די שטיל־קייט האָט געקלונגען אין די אויערן. עמיצער פֿון זיי איז צו, ברייט אויפֿגע־שפּאַרט דאָס פֿענצטער. פֿייגעלעך האָבן טשוויטשערנדיק געפֿלאַטערט אין בלויען אַוויר. ס'האָט געצויגן אַ קילע פֿרישקייט. דאָס אַש־טעצעלע אויפֿן בענקל איז געווען פֿול אָנגעוואָרפֿן מיט פּאַפּיראָסן־עקלעך. דער וואָלקן רויך איז לאַנגזאַם געשוווּמען אונטערן סופֿיט צום אָפֿענעם פֿענצטער.

## קאַפּיטל פֿערצן

ס'איז נישט געווען אַזוי איינפֿאַך. די דיאַלעקטישע פֿאַראויסזאָגונגען האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם שווערן עקזאַמען פֿון דער צייט. מ'האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געוואַגט צו רעדן דערפֿון אָפֿן. ווער, למשל, וואָלט זיך עס געריכט, אַז מענטשן פֿון אַזאַ הויכן ווערט, אויף די העכסטע פּאָזיציעס, וועלן מאָראַליש צעריבן ווערן אין שטויב פֿון דער געשיכטע. ווי מען וואָלט זיך נאָך אַלץ נישט דערגרונטעוועט ביזן דנאָ, די ביטערקייט, די עקשנות, די קאָמפּראָמיסלאָזיקייט

— צי נוצט עס דען, פרעגט זיך, אַלעמאָל? אָן דעם הויכן הומאַניזם, ווערט אַלץ פּאַרוואַנדלט אין ברוטאַליטעט, ווען אַלע בלינדע אינסטינקטן קריכן אַרויס.

דער קאָמוניקאַט וועגן „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן" האָט אין איינע פּאָר טעג אַרויסגערופן אַ שטילע בהלה. אַפילו זאַשע האָט אים, פאַרן אַוועקגיין, אַ מורמל געטון: „זעט אויס, אַז ס'איז מער נישט קיין צייט פאַר די אייעריקע"... שטילערהייט, אָן טומל, זענען יידן איבער נאַכט דערוויטערט געוואָרן פון פאַר־אַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, זענען פאַרשווונדן. מ'האָט נישט גערעדט דערפון. ס'האָט געהייסן — „נאַציאָנאַלע רעגולאַציע פון קאַדערן". מ'האָט זיך געריכט אויף נאָך ערגערס — אויף אַרעסטן.

יאַנעק האָט געהאַלטן דעם קאָפּ צווישן ביידע הענט און פאַר די האַלב־צוגע־לענטע אויגן האָבן אים געשווינדלט די אָנגעוואָרפענע בלעטלעך אויפן טיש. דער גרינלעכער אַבאַזשור האָט נאָכמער בלייך געמאַכט זיין געזיכט. דער ייד, דער יידישער אינטעליגענט, דער זון פון שווער־געפּרוווטע יידן, איז געזעסן און האָט געזוכט צו באַגרינדן די שולדיקייט פון די יידישע דאָקטוירים אין מאָסקווע... אַזוי האָט ער פאַרלאַנגט, נעסטאַרענקאָ. דווקא פון אים, פון יאַנעקן, האָט ער עס גע־פּאָדערט. ווער זענען זיי געווען, די דאָקטוירים? נישט קיין געוויינלעכע לייט. וויסנשאַפטלער. מענטשן פון אַ הויכער עטיק. אין דער היעראַרכיע, זענען זיי זיכער פאַרזאָרגט געווען פון די קליינלעכע מאַטעריעלע נויטן. זיי האָבן זייער לעבן אַמאָל אַוועקגעגעבן פאַר דער רעוואָלוציע. זיי האָבן געהערט צו די לעצטע. אַ סך זענען שוין פון לאַנג געווען פאַרשווונדן. וואָס־זשע באַהאַלט זיך אונטער די לאַקאָניש־צוגעשניטענע קאָמוניקאַטן? דורך וועמענס האַנט זענען זיי רעדאַגירט געוואָרן? ווער באַהאַלט זיך הינטער דעם אַלעמען? און עס זענען אים פּלוצים קלאָר געוואָרן די ווייטע צוזאַמענהאַנגען, די אָנצוהערענישן פון אַזאַ נעסטאַרענקאָ.

ער האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ. אין די הויכע פענצטער האָט שוין געליכטיקט. פון דאַנען, פון העכערן טייל שטאָט, האָבן זיך קלאָר אויסגעטיילט די רושטאָ־וואַניעס, די נייע גאַסן און דורכגעשניטענע אַלייען פון דער טראַסע ווו. זעט. אַ ניי בבל שטייט אויף פון די חורבות. אין אַזעלכע ליכטיקע מאַי־פרימאָרגנס איז ער אַמאָל געלעגן פאַרשטעקט אין אַ בוידעם־שטיבל אַרום מוראַנאָוו, גע־זוכט פון פּאָגאָזשעלסקיס שפּיצלעס, און האָט געשריבן די בלעטלעך פאַרן אומ־קום פון אַלטן רעזשים. ס'איז געווען ערב־בערעזע. פייגעלע איז געווען ביי זיין זייט...

ער האָט זיך אומגעדרייט. הינטער אים האָט אין פרימאָרגן דער קליינער ליכט־קרייז פון אַבאַזשור אויסגעטיילט די ביכער־שאַנק; די געזאַמלטע ווערק פון לענין, פון סטאַלין — דיקע, גאָלד־געליישטע אַקאַדעמישע אויסגאַבעס. יעדער זאַץ פון זיי איז אַלעמאָל ראוי געווען ציטירט צו ווערן. אַצינד האָבן אים ספקות געפּרעסן. ער האָט שוין גאָר מורא געהאַט אַזויפיל נאָכצוטראַכטן.

וואָס האָט ער, דער ייד, דער זון פון אַדאַם נאַטאַנזאָן, געהאַט צו זאָגן וועגן די דאָקטוירים? וועגן זייער הויכן פאַראַט איז שוין גענוג אויסגעשריגן געוואָרן. דאָס, וואָס ער האָט, לויט נעסטאַרענקאָ, באַדאַרפט צוגעבן, איז — דעם ספּעציפיש־יידישן עלעמענט. דאָס האָט זיך געפּאָדערט. מ'האָט עס נישט געזאָגט. מ'האָט עס געגעבן אָנצוהערן. אַ גרויסער כעס האָט אים גענומען שטיקן. ער האָט זיך אומגע־

דרייט און דערזען די אַנגעוואָרפענע פּאַפּירלעך אויפן טיש. ער איז צו און אָנ־געהויבן זיי צו רייסן אויף פּיצלעך. ער האָט זיך נאָך אָבער אַלץ נישט געקענט באַרואיקן. ער האָט צונויפגענומען די צעריסענע פּאַפּירלעך, איז אַוועק אין קיך און זיי פאַרברענט, דאָס אַש פאַרבלאָזן, ס׳זאָל קיין זכר נישט בלייבן; ווי אַמאָל, ווען מ׳האָט באַדאַרפט פאַרווישן אַלע שפּורן, ריכטנדיק זיך אויף אַ רע־וויזיע פון פּאָליציי.

נאָכדעם האָט ער זיך דערפילט מאָדנע פריי. פאַרבייגייענדיק, האָט ער זיך דערזען אין שפּיגל און ס׳האָט אים צוריקגעוואָרפן אַ גרימאַסע פון בלייכן שמייכל, ווי נאָך אַן איבערגעקומענער געפאַר. אַצינד זאָל ער קומען, נעסטאַרענקאָ. זאָל ער אים אַרעסטירן. ער וועט דעם באַשולדיקונג־אַקט נישט שרייבן.

ס׳איז אפילו נישט געווען פאַר וועמען אויסצושרייען. ביי זיין זייט אין די ביוראָען האָט זיך אַרומגעדרייט נאָך איינער, וואָס מ׳האָט אים אַמאָל גערופן חבר באַלעק. יאַנעק האָט זיך מער אַנגעשטויסן, ווי געוווּסט עפּעס וועגן אים. אַ גרויער זייטיקער, אומוויכטיקער מענטש, דוכט זיך. נישט ווייניק אַזעלכע ווי ער האָבן זיך אַרומגעדרייט. ער האָט אים נאָך געדענקט פון פּאַריז, פון שפּאַניע. דאָרט, אין פּאַריז, האָט ער אַמאָל יאָ אויסגעשריגן זיין יידישקייט, ווייל ס׳האָט געטויגט צום מאָמענט. ער האָט אים אָנבאַגעגנט אין די קאָרידאָרן און אים אָפּן דער־ציילט, אַז ער האָט די בלעטלעך צעריסן, אַז ער פילט אַן עקל צו זיך אַליין, אַז ער פילט זיך ווי באַפּרייט פון אַ לאַסט.

— דו וועסט עס נישט שרייבן — האָט יענער רואיק געלאָזן רינגעלעך רויך — וועט עס אַן אַנדערער שרייבן. עמיץ מוז עס שרייבן...

— אַזוי ווייט, הייסט עס, זענען מיר אַוועק... דו שטעלסט זיך פאָר? ס׳איז די באַשולדיקונג, זאָלסטו וויסן, קעגן אונדז אַלעמען! כ׳קען נאָך גלויבן, אַז דו ביסט אַ פאַררעטער... דו קענסט נאָך גלויבן, אַז א י ך בין אַ פאַררעטער... אָבער אַז מ י ר אַ ל ע זענען איין באַנדע פאַררעטער?! צו וואָס פאַראַ אַבסורד מיר זענען דערגאַנגען!

און יאַנעק האָט צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך. ס׳איז אים שוין אלצאיינס געווען. עס טליעט אין יענעם, האָט ער זיך געכאַפּט, אַ שלעכט פייער. ער גיט זיך אַליין נישט אָפּ קיין חשבון ביז וואַנען די בלינדע אינסטינקטן האָבן אים דער־פירט. פאַרהוילן פון אונדז, און פון אים אַליין, מישט זיך דאָ אַוודאי אויס — דאָס שלעכטע פאַרדייען... די קאַליע געוואָרענע ציין... דאָס נישט־באַפרידיקטע משפּחה־לעבן... און ער, ער שמייכלט באַשיידן, פּלאַפּלט שיין אַרום מיט דער סימפּאַטישער סעקרעטאַרקע. ווי האַרט און פאַרביסן ער איז, דער באַלעק, וואָלט אַט דאָס דאָזיקע נישט־וויכטיקע מיידל מסתמא געקענט ביי אים פועלן זייער אַ סך; זי וואָלט אים אפשר געקענט אָפּקערן פון די וויכטיקסטע פּרינציפּן; ווייל זיי זענען כיטרינקע, די בלאָנדע סעקרעטאַרקעס... אַוודאי געשעט עס אַזוי מיט אַלע און אומעטום. אין די הענט פון אַזעלכע ליגן מענטשלעכע לעבנס. און זאָגן, אַז דער זעלבער איז אַמאָל גרייט געווען זיין לעבן אַוועקצוגעבן, צו לאָזן זיך פּיי־ניקן. ביז וואַנען זענען מיר פאַרקראָכן? צי איז אין אורשפּרונג דען נישט גע־ווען — דער בעסערער מענטש... דער אמתער מענטש... ווי ווייט מיר זענען אַוועק פון די דאָזיקע פּשוטע אמתן. אָבער אַזאַ ווי חבר באַלעק וועט אין פייער אַליין

נישט פאַרברענט ווערן. ער איז אַלעמאָל אויף דער אויבערפלאַך, אין אָרדענונג מיטן געוויסן און מיט אַנדערע.

— דער יידן־פּראָבלעם — האָט ער דאָרט לסוף אַ מאַך אַוועק געטון — קריכט מיר שוין פון האַלדז, דו הערסט? פאַר מיר איז דער פּראָבלעם קיין פּראָבלעם נישט. פאַר מיר איז אַלץ געלייזט.

— פאַר דיר, אָבער נישט פאַר אַנדערע. אין זייערע אויגן איז דער סימבאָל אונדזערער דער באַקאַנטער סילועט... ווייסט פון וועמען?... פון לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי... די פינקלענדיקע פענסנע... די לייבן־טשופּרינע... דאָס פאַרשפּיצטע יידישע בערדעלע... דאָס איז — דער יידישער אינטעליגענט, דער קאָסמאָפּאָליט, דער פאַרשפּיצטער יידישער מוח, דער צעשטערער פון אַלע טראַדיציעס... לאָמיר כאָטש אַביסעלע איינהאַלטן אונדזער ווירדע. מיר קענען נאָך נישט דערשאַצן די געטאָ־קעמפער, פאַר אונדז, פאַר די שפּעטערדיקע דורות. דער ייד מיט דער ביקס אין האַנט! זיי האָבן געראַטעוועט אונדזער כבוד, דיין כבוד. האָסט זיי אָבער נישט דערמאָנט אין דיינע רעדעס, ווען ביסט געשיקט געוואָרן אין דער דעלעגאַציע, צו דער אַנטהילונג פון דענקמאָל אין ראַווענסברוק... האָסט גע־שטאַמלט וועגן „פּוילישן פּאַטערלאַנד", וועגן דער „העלדישקייט פון פּוילישן פאָלק"... איך האָב עס פאַרשטאַנען. ווייסט וואָס מיר זענען? קליינע פּחדנים. מיר זענען אַפילו קיין ווירדיקע קאָמוניסטן אויך נישט. פּרוּוו, אדרבא, פּאַרווישן די מינדסטע העלדישקייט פון רוסישן, אָדער פּוילישן פאָלק. זיי וועלן דיך דער־שטיקן. דערפאַר אויך — זייער ביטול צו אונדז...

דאָס האָט ער מער גערעדט צו זיך אַליין, יאַנעק, ווי צו יענעם. דאָס איז גע־ווען דער אויסברוך פאַר אַלעם, פאַר אַלעם.

די גערוימע דירה אין פּאַרטיי־הויז, אין די אַלייען, איז פאַרבליבן פּוסט און עלנט. די בלאָנדע סעקרעטאַרקע, זאָשע, האָט אַפילו נישט קיין קלאַפּ געטון מיט דער טיר ביים אַוועקגיין. ס'איז געווען איראָניע און פאַרשטיקט לאַכן אין אירע גרינע אויגן. ס'איז געווען אַ פיר־צימערדיקע וווינונג, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אין איינעם פון די גרויסע קאַסטן־בלאָקן, אויסגעוואַקסן באַלד אין די ערשטע יאָרן. ער איז טאָג און נאַכט געהיטן געוואָרן דורך אַ באַוואָפנטער וואַך. ער וואָלט דאָ אַלץ אויסגעטוישט אויף אַ באַשיידן צימער אין אַ זייטיקער געגנט. סיי ווי איז דאָס הויז מער קיין הויז נישט געווען. ס'האָבן זיך נאָך דאָרט פאַר־וואַלגערט כלים, זאַכן אין דער שאַפע, אָנגעוואָרפענע ביכער, צייטונגען. דאָס בעט — אויפגעראַיעט. איין מאָל אין וואָך האָט אָנגעקלונגען אין דער פרי די אַלטע הויז־פרוי, פּאַני שטשעפּאַנסקאַ. זי איז געקומען אַביסל אַרומשטויבן, אַרומ־רוימען. נאָך זאָשעס אַוועקגיין האָט זי גאַרנישט איבערגעפרעגט, גאַרנישט גע־זאָגט; ווייל פריער פלעגט דאָ זאָשע בלייבן מיט איר, געבן איר פאַראָרדענונגען, אַרומפּלאַפּלען. יאַנעק האָט גאַנץ גוט געזען, אַז די אַלטע צעשלעפּט ביסלעכווייז אַלץ פונם הויז. זאָל זי נעמען. וואָס ווייניקער פאַרגעסענע בלוזקעלעך, שאַלעכ־לעך, בילאַן־זאָקן ס'האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די פיס, אַלץ ווייניקער האָט אים וויי געטון. ער וואָלט צופרידן געווען צו געפינען נישט מער ווי די נאַקעטע פיר ווענט, ס'זאָל זיך אַלץ ליקווידירן. ער איז אַהיימגעקומען שפּעט, פאַרטאָג,

אַוועקגעוואָרפֿן זיך אין בעט אַרייַן, אָפּגעדרעמלט ביז נאָך מיטאָג, אין אַ פֿלאַנ־טער פֿון קאָשמאַרן.

נעסטאָרענקאָ איז אין די נעכט שטיל געקומען אויפֿמאַכן די טיר פֿון זיין ביוראָ און האָט זיך אַרייַנגעשטעלט. ער איז געקומען אומגעריכט. אַן אויסגע־גאָלטער קאַרק, ברייט אין די פּלייצעס, האָט ער שיעור נישט צעשפּאָרט דעם ציווילן קאָסטיום אין די גרויע קראַטקעלעך. ער איז געגאַנגען מיט ווייכע, קעצי־שע שריט. ער האָט שטום אַ נישטער געטון מיט די קליינע, פֿאַרטיפֿטע אויגן און איז אַוועק אַראָפּלאָזן זיך אין אַ שטול, האָט לאַנג, באַדאַכט געקוקט פֿאַר־זיך, געשוויגן.

— מ׳קען נישט אַזוי... — האָט ער זיך ענדלעך אָפּגערופֿן — מיט דער גרעפֿין מוז אויך געמאַכט ווערן אַ סוף. באַפּרייען זי! ס׳איז נישט קיין צייט אַרויסצורופֿן דעם וואָלף פֿון וואַלד אַרויס. איר מאַכט נאָך אַלץ אַן צופֿיל טומל, איר...

— כ׳בין נישט ביי דער מיינונג — האָט יאַנעק אויסגעזען נישט צו האָבן דערהערט דעם „איר״ — אונדזערע גרענעצן דאַרפֿן וואַכן, נישט צו לאָזן אַרויס־פֿירן דאָס רייכטום, וואָס געהער דעם פֿאָלק...

— דו רעדסט ווי אַ פּאָליאַק... אַ ריכטיקער פּאָליאַק... אָבער דער גייסט פֿון דער צייט שטימט נישט אַלעמאָל מיט פּערזענלעכע געשמאַקן... ביסט נישט קיין נאַציאָנאַליסט, זאָגסטו... עפּעס ביסטו... מ׳עט עס שוין אויסגעפֿינען... — און ער האָט נאָך געלאַכט אויך, געשאָטן זיך פֿון געלעכטער.

די קליינע, פֿאַרטיפֿטע אויגן אונטער די ווייסע ברעמען זענען פֿאַרשוווּמען געוואָרן. דאָס ברייטע פּנים, דער אויסגעגאָלטער קאָפּ, ווי אַ קירבעס, איז גע־ווען אַרומגענומען מיט אַן אָפּגעדריקט רייפֿעלע פֿון ציווילן הוט. דערנאָך זיצט ער ווידער און שווייגט, קוקט אויף יאַנעקן און שווייגט.

— מיר האָבן דיר אָנגעטרויט אַ מיסיע... — מאַכט ער — נישט קוקנדיק אויף אַלעם... אַ וויכטיקע מיסיע...

— כ׳בין קראַנק פֿון די אַלע מיסיעס... פֿאַרשטייסט, נעסטאָרענקאָ, כ׳בין נשמה־קראַנק!

— טאָ וואָס פֿאַראַ קאָמוניסט איז פֿון דיר? — האָט זיך געשאָטן זיין ברוס־טיק געלעכטער — אַ קאָמוניסט רעדט נישט אַזעלכע צעקראָכענע, ווייבערישע רייד... נשמה־קראַנק...

יאַנעק האָט אים אָנגעקוקט אַן אַ ברעקל שמייכל.

— אַ קאָמוניסט איז אויך פֿונדעסטוועגן — אַ מענטש!

— אַ „נאַסטאַיאַשטשי״... אַן אמתער מענטש... — האָט נעסטאָרענקאָ לייכט, דייטלעך־קיל אויסגעבעסערט.

— און אַן אמתער מענטש, מיט ווירדע, טאָר בשום־אופֿן נישט דורכפֿירן דאָס, וואָס דו רופֿסט אָן — וויכטיקע מיסיע...

— דיין וואָרט — האָט זיך נעסטאָרענקאָ געהאַלטן ביי זיינס — איז אין איצטיקן מאָמענט וואָגיק. שרייבן קענט איר דאָך אַלע זייער גלאַטיק...

— ניין, כ׳וועל וועגן דער שולדיקייט פֿון די יידישע דאָקטוירים נישט שרייבן, פּשוט דערפֿאַר, ווייל כ׳גלויב נישט אין דעם אַלעם, דו הערסט?

— לאַדנאַ!... — האָט ער זיך אויפגעהויבן, און גייענדיק צו דער טיר, האָט ער זיך נאָך אומגעדרייט — וועט עס עמיצער אַנדערש שרייבן...

און ער איז אַרויס. זיינע טריט האָבן דאָס מאָל לאַנג געהילכט ערגעץ טיף אין די קאָרידאָרן. אַצינד האָט זיך יאַנעק געקענט אויף אַלעם ריכטן. געריכט האָט ער זיך אָן דעם אויך, אַז עפּעס מוז דאָ פּאַרקומען, אַז ס׳וועט אַזוי נישט בלייבן.

ס׳איז געווען קלאָר. פאַרבליבן איז נאָר איין וועג — גיין אויפזוכן יאַנינאַ גורסקאַ. אפשר וועט זי אים נאָך אַרויסשלעפּן פון דער פּאַסקודנער סיטואַציע. דאָס האָט זי אים דאָך, אייגנטלעך, דערפירט ביז אַהער. זי האָט אים אומעטום רעקאָמענדירט. צו איר איז ער אין אַ סך שווערע סיטואַציעס געקומען צוטוליען זיך, דאָרטן, מלחמה־צייט, ווען ער האָט זיך געוואַלגערט איבערן ברייטן לאַנד. ס׳איז אפשר, האָט ער געטראַכט, געווען אַ גליקלעכער צופאַל צונויפצוטרעפן זיך מיט אָט דער איינפלוסרייכער פרוי, ערב אַלע שטורעמס, אין הויז ביי דער צע־דרייטער מומע אירענע, אויף דער קרולעווסקע.

יאַנינאַ גורסקאַ איז אין די מלחמה־יאָרן געווען נישט אַבי־ווער. זי האָט פאַר דער צייט פאַרלאָזן איר מאַן, אַ פּאָעט, איינער פון דער גרופּע „סיגנאַלן"; צונויפגעגאַנגען זיך מיט אַן אוקראַינישן דראַמאַטורג און איז אין די יאָרן אַליין געווען די נאָנטסטע פאַרבינדלערין פון ניי־אויפגעשטאַנענעם פּוילן, ווייט פון דער פּוילישער ערד. אירע ביכלעך — דורכשניטלעכע ביכלעך — זענען ברייט רעק־לאַמירט געוואָרן, געגאַנגען אין ריזיקע טיראַזשן, פאַרפילמט געוואָרן. זי איז געווען פון די געציילטע פרויען, וואָס זענען דערשינען כמעט אויף אַלע אינטער־נאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן און אימפּרעזעס. זי האָט, אויף די פּאָטאָס, נאָך אַלץ געטראָגן איבערן שיינעם שטערן אירע ווייצענע פּוילישע צעפּ און דאָס שיינע, קורץ־פאַרהויבענע נעזל האָט אויסגעגעבן סלאַווישע פאַרביסנקייט.

אָבער אָנצוקומען צו איר, אויף איר דורכרייזע אין וואַרשע, איז איצט אויך נישט געווען אַזוי איינפאַך. ער האָט געפּרוווט אויסנוצן פּראָטעקציע, דורך דעם, דורך יענעם, אָבער אַלע האָבן זיי געגעבן צוויי־דייטיקע תירוצים — ס׳איז נישט דער מאָמענט... אין די טעג איז זיך דער אַלוועלטלעכער שלום־ראַט צונויפגע־קומען אין וואַרשע און מ׳האָט זי דווקא געזען אויף אַלע טריבונעס, אין די קו־לואַרן. האָט ער זיך אָנגענומען מיטן גאַנצן מוט און איז אַליין אַוועק זי זען. צום ערשטן מאָל איז ער אַוועק צו איר רעדן וועגן זיין יידישקייט... ער האָט זיך אָבער אין דער לעצטער מינוט דערפילט קליין און געפאַלן. ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז וועגן איר פּוילישקייט, וועגן זייער פּוילישקייט — זיינע, יאַנעקס אויך — איז יאָ געווען אַלעמאָל אַזוי באַטירלעך צו רעדן. נייִן, האָט ער זיך געזאָגט, ס׳איז איבעריק. נישט זי וועט אים פאַרשטיין, נישט זי וועט לאָזן רעדן צו זיך.

ער איז אָפּגעלעגן איין נאַכט, נאָך אַ נאַכט, געוואַרט אויפן באַקאַנטן, פאַר־זיכטיקן קלאַפּ אין דער טיר און מ׳איז אַלץ נישט געקומען. דאָס ביליק־פּראָדו־צירטע, נאָך־מלחמהדיקע מעבל, וואָס האָט גיך געטרוקנט, האָט געקרעכצט, גע־שפּאָלטן זיך, דאָס פאַניר איז אָפּגעשפּרונגען, די שטול־אָנלענס האָבן זיך גע־וואַקלט. אַ האַלבער פאַרהאַנג איז געווען אָפּגעטשעפּעט און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אים פאַרריכטן. ס׳האָט אים מער נישט געאַרט. ער האָט זיך מער

נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך אין פאַרלאָזענעם הויז געפילט ווי אויף דערוויל. דורכן אָפּגעלענטן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ שטיק אויסגעלאָשענע שטאָט. ס'איז געווען די עפּאָכע פון רייסן זיך אין די הימלען אַריין — ריזיקע בויאונ־ גען, וואָלקן־קראַצערס, גמאָכן; מ'האָט רעסטאַוורירט די אַלטע היסטאָרישע גע־ ביידעס, קירכעס, דענקמעלער און דאָס אַלט־שטאָט־פּערטל ביי דער ווייסל.

דעם רעוואָלווער האָט ער געלאָזן הינטערן קישן; אַן איינפּאַכער רוסישער נאַגאַן. ער האָט אים מיטגעבערענגט פון דער אַרמיי, געהאַלטן אים פאַרשלאָסן אין שופלאָד פון שרייב־טיש. „זיי וועלן מיך אַ לעבעדיקן נישט נעמען"... — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן — „איך געטרוי זיי פּשוט נישט מער, די אַלע... איך ווייס נישט מער ווער זיי זענען, נאָך דעם אַלעם, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן... און ווער בין איך אַליין? ווער זענען מיר אַלע? "...

ווי אַ זשאַווער וואָלט געגרונען אין זיינע אָדערן; און ווי געוויינלעך, איז נעס־ טאָרענקאָ אומגעריכט געקומען אין די נעכט אין די ביוראָען. ער איז אויסגע־ וואַקסן פּלוצים, קוים אַ ריר געטון די קליאַמקע און האָט זיך צוגעזעצט קעגנאיבער יאַנעקן. זיין אויסגעגאָלטער קאַרק — האַלב־אומגעדרייט. ער האָט גערעדט מיט האַלבע־ און פּערטל־טענער. ווען איז ער געשלאָפן? פאַר אַזעלכע ווי ער הייבט זיך מסתמא אָן אַלץ מיט דער נאַכט. ס'איז געוואָרן מיט אים אומהיימלעך. ער האָט, ווי געוויינלעך, אונטערגעטראָגן דעם פּאַרטסיגאַר, אַליין פאַרוויקלט זיך אין רויך. ער האָט פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן:

— מיינסט נישט, אַז דאָס אַלץ האָט זיך פאַרט געלייגט אויפן שכל?... נאָכ־ וואָס, פרעג איך, האָבן זיי עס באַדאַרפט?...

— ביי מיר האָט זיך עס קיינמאָל נישט געלייגט אויפן שכל... אַ שוואַרצע האַנט האָט עס כיטרע דיריגירט הינטער די קוליסן...

— „קאָניעטשנאָ"... די „סיאָניסטן"... ס'האָט געמוזט אַרויפשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער...

— וואָס מיינט מען „סיאָניסטן", חבר נעסטאָרענקאָ?... — האָט יאַנעק אַפילו זיך געפּרוווט צו ווייזן.

— אייגנטלעך, איז יעדער ייד אַ „סיאָניסט"... אַוודאי, אין דער פאָטער־ לענדישער מלחמה האָבן זיי געקעמפט קעגן היטלערן, ווייל ער האָט זיי אַלע געוואָלט אומברענגען. אָבער דערנאָך, ווען ס'איז אַנטשטאַנען די יידיש־אַמע־ ריקאַנישע מלוכה, איז געוואָרן קלאָר, ווי אויף דער האַנט, אַז זיי האָבן געקעמפט פאַרן אַמעריקאַנער, נישט פאַרן סאָציאַליזם...

— און וואָס האָט געזאָגט גראָמיקאָ אין 1947?... און אונדזער מיניסטער מאָדזעלעווסקי?...

— נו, דעמאָלט איז געווען עפּעס אַנדערש. מיר האָבן געוואָלט ישראל זאָל זיין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, זאָל אַרויסיאָגן דעם ענגלענדער. האָבן זיי אים טאַקע דורכגעיאָגט, אַליין געמאַכט זיך אַ מלוכה. און איצט — גיי ווייס וואָס אַ ייד קלערט. צי איז וויכטיקער די ישראל־מלוכה, צי זיין פּאָסטן אין פּאַרטיי־אַפּאַראַט, אין דער אַדמיניסטראַציע, אין די פאַבריקן? אָט איז דיר דער „סיאָניזם"... צי מיינסטו נישט, אַז ס'וועט אויסקומען צו ענטפערן פאַר די אַלע פאַראַנטוואָרט־ לעכקייטן?...

— זאָלן ענטפערן די, וואָס טראָגן דירעקט די שולד.

ס׳איז געווען געוואַגט. אָבער זינט ווען געהיימע מיילער האָבן געקוויטשעט וועגן דעם „זשיד״, וואָס אַרעסטירט און מאָרדעט פּאָליאַקן״... איז שוין אַלצ־איינס געווען. ווען נעסטאָרענקאָ האָט אַרום פּאַרטאָג שטיל פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט, געווישט זיך דעם קאַלטן שווייס פון שטערן. דאָס צימער איז ווידער פול געווען מיט רויך. איבער נאַכט איז ווידער געלעגן אויף זיינע באַקן אַ טונקעלער, שאָטנדיקער זשאַווער. ער האָט זיך פשוט געשעמט אַהינצוגיין צום חבר זלמן, צו זיי אַלע דאָרט, ווי ער וואָלט זיי אָפּגענאַרט, ווי ער וואָלט צוגעגרייט פאַר זיי אַ פּאַסטקע.

ער האָט נאָך מיט דעם נעסטאָרענקאָ, האָט ער געוווסט, ווייט נישט פאַרענ־דיקט. ער האָט זיך דערפילט אין זיין האַנט. די מאַנגאַלישע קין־ביינער אויף זיין ברייט פּנים האָבן געהאַט דעם קאָליר פון זאַמד. דער שמאָלער, גרינלעכער אויגן־אויפשניט איז פאַרהוילן. ס׳איז קלאָר — קיין סענטימענטן איז פון אים נישט צו דערוואַרטן; אַזוי מילד ווי ער איז, קען ער רעדן טרוקן, אַרויסציען דעם רעוואָלווער, אַליין פאַרריגלען הינטער זיך דעם שלאָס פון דער צעלע און אַוועק־גיין — צו זאָשען אין צימער, ביי אַן אויפגעקאָרקעוועט פלעשל, לאָזן שפּילן דעם ראַדיאָ שטילע טאַנץ־מוזיק, פאַרוויקלען זי אין רויך.

— כ׳וויל מען זאָל מיך באַפרייען פון דאַנען — האָט יאַנעק צולעצט געבעטן

— ס׳איז אפשר גלייך פון אָנהייב געווען אַ טעות...

— נאָכוואָס־זשע ביסטו געקומען?

— ס׳איז געווען די גרויסע נקמה אין די פאַשיסטן...

— איר... מיט אייערע פּערזענלעכע חשבונות...

פאַרטאָג האָט אים דער שאָפער באַגלייט ביז צום טויער. יאַנעק האָט אויפ־געמאַכט די טיר, געשטעלט עטלעכע שריט און איז אין די זאַכן אַריינגעפאַלן אין נידעריקן, אויפגעראַיעטן בעט. געשלאָפן איז ער לאַנג. ווי דורכן חלום, האָט ער געהערט ווי די שטאָט אונטן וועקט זיך. סירענעס פייפן, טראַמווייען גרילצן איבער די שינעס. ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן אַ פאַרטראָגענער האָט ער מער נישט געדענקט. ער האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ, איז שווער צוריקגעפאַלן אין דער קישן. דורך די שטאָרן האָט זיך דורכגעריסן אַביסל ליכט. ער האָט אויסגע־צויגן די האַנט, אַוועקגעמאַכט דעם פאָרהאַנג. דער דרויסן איז געווען בלאָס. נאָך אַ טאָג איז אַוועק. אַלע אַלטע בענקשאַפטן האָבן געוואָרגן. ער איז אויפ־געשפּרונגען, אָנגעצונדן דאָס לעמפּל ביים שפּיגל און האָט זיך נישט באַלד דערקענט. דאָס פּנים — אָפּגעצערט, לענגלעך. ער האָט זיך נערוועז ראַזירט, איבערגעטון און איז אַוועק אין טעאַטער. זיי האָבן שוין דאָרט געוואַרט אויף אים; סטערקע, דער חבר זלמן. זיי האָבן זיך שטומערהייט לעצטנס געהאַלטן צוזאַמען.

דער ניי־אַרויסגעגעבענדיקטער טעאַטער אין רעכטן פליגל פון קולטור־פּאַלאַץ איז געווען איבערגעפּאַקט. דורך אַלע טירן זענען געפלאָסן יוגנט־דעלעגאַ־ציעס, פויערישע דעלעגאַציעס, אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון נאָוואַ־הוטאַ, פון די קוילן־ראַיאָנען. דאָרפישע מיידלעך מיט פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ, יונגעלייט אין שטייפע קאָסטיומען. אינעווייניק איז דער זאַל געבויט געווען אין

עפעס אַ געמיש פון ביזאַנטינישן און מאָדערנעם סטיל, רונדיק, ווי אַ באַמבאַניער־קע. די גאַלעריעס, די לאָזשעס, די ווייטסטע פּלעצער אויפן דריטן שטאָק, זענען זיך נאָנט צונויפגעקומען אַרום אַמפיטעאַטער, אַרום דער דריי־בינע. די ווענטי־לאַטאָרן האָבן אָן גערויש רעגולירט די טעמפּעראַטור. אַ לייכט זשומען, ווי אַן עכאָ פון שעפּטשערייען, איז אויפגעגאַנגען ביז אונטערן קופּאָל.

כאָטש דער סאָוועטישער סטיל פון קולטור־פּאַלאַץ איז קריטיקירט געוואָרן; אַנשטאָט דער פיל־שטאָקיקער בעטאָן־מאַכינע, פונאַנדערגעלייגט אינמיטן דעם נייעם וואַרשע, צווישן אַ ים חורבות, רושטאַוואַניעס, אונטערערדישע באַן־ליניעס און וויסטע פּלעצער — זענען געגאַנגען די שעפּטשערייען — האָט מען בעסער גע־קענט אויסבויען הונדערטער דירות פאַר די אַרבעטנדיקע פון דער הויפּט־שטאָט. מ׳האָט אין יענע פאָר חדשים שוין אַביסעלע געוואָגט; ס׳האָבן זיך גענומען מערן סאַטירישע טעאַטערן, וואָס זענען לאַנג פאַרשטומט געוועזן; „שפּאַק“ און „שפּילקי“ זענען פול געווען מיט צוויי־דייטיקע אַנטי־סטאַליניסטישע וויצן און ווערטלעך; מ׳האָט זיך געשושקעט און געלאַכט הויך.

נאָכן דריטן קלונג, האָט זיך די קורטינע לאַנגזאַם געשפּאָלטן. די רעפלעק־טאָרן האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער שפּיל פון בערטאָלד ברעכט׳ס „די גוטע נשמה פון סען־טשואַן“; געשפּילט מיט טאַקט, נאַטירלעך און — מיט סלאַווישן טעמפּעראַמענט, אַפילו אונטער דער מאַסקע פון פלעגמאַטישע כינעזער. ס׳ערשטע, וואָס יאַנעק האָט נישט געקענט גלייך נישט באַמערקן אין די לאָזשעס, פון די ערש־טע פּלעצער, איז — נעסטאָרענקאָ׳ס אויסגעגאָלטן קאָרק. צווישן הונדערטער קעפּ, איז דער בליק געפאַלן אויף זיין אויסגעגאָלטן קאָרק; דער אויסגעגאָלטער קאָרק, וואָס פאַרפאָלגט אים, וואָס מאַטערט אים אין זיינע קאָשמאַרן.

ס׳האָט אים ביז ווייטיק פאַרדראָסן — נאָכוואָס האָט זי אים פאַרפירט אַהער, סטערקע? נאָכוואָס האָט זי פּלוצים גענומען זאָרגן פאַר אים? זי האָט אים נישט צורו געלאָזן, געקלונגען צו אים, אַריינגערעדט אין אים, אָנדערציילט אים עפּעס גאַנצע געשיכטעס. זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז זי וועט אים אָפּוואַרטן אין די קאָ־רידאָרן בעת דער פּויזע, הינטער די קאָלאָנאַדעס, ווען דער עולם שיט זיך אַרויס און שטעלט זיך אין די רייען נאָך אַ פלעשל לימאָנאַד, נאָך פּאַפּיראָסן, אין די קיאָסקן, ביי די נישעס. עפּעס וויס זי, עפּעס וויל זי אים זאָגן.

ער איז געזעסן ווי אויף בריענדיקע קוילן. ער האָט דעם קאָפּ מער אַהין נישט אומגעדרייט, נישט געוואָלט זען ווער עס זיצט דאָרט ביי דער זייט פון נעסטאָרענקאָ, אין דער לאָזשע; אָבער מיט אַלע זיינע נערוון, געבלוטן האָט ער געפילט, אַז ס׳איז זי, זאָשע. ס׳נעזל פאַרשפּיצט, די גאָלדענע צעפּ פאַרנומען אַרויף מיט אַ בענדעלע, זיצט זי ביי דער זייט פון שטייף־אויסגעפּוצטן נעסטאָ־רענקאָ, אין ציוויל.

# קאַפּיטל פּופּצן

דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט זיך נישט געריכט, איז מען שטיל געקומען אָנקלאַפּן אין זיין טיר. ס'האָט שוין באַדאַרפט זיין אַרום פאַרטאָג. ער איז נאָר וואָס געהאַט איינגעשלאָפן, מיט אַ לייכטן, אומרואיקן שלאָף, אַ רעזיגנירטער, אָבער פאָרט אַ באַרואיקטער — אַלץ איז אים ביז ווייטיק קלאָר געוואָרן. פינף הויכע, פעסטע יונגען האָבן זיך געטון אַ שטעל אַריין. זיי האָבן באַזעצט די טירן, די פענצטער, דעם טעלעפאָן.

— פאַרוואָס ?... — האָט יאַנעק געפרעגט, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז ס'איז איבעריק דאָס פרעגן; און ער האָט זיך מיט שאַרפן באַדויערן געכאַפּט, אַז... אין דעם רעוואָלווער האָט ער אין דער לעצטער רגע אינגאַנצן פאַרגעסן...

— אין אַמט — האָט עמיץ הינטער זיין רוקן קורץ געענטפערט — וועט זיך אַלץ אויפקלערן...

מיט האַרצווייטיק האָט ער זיך צעשיידט מיטן רעוואָלווער. אַלץ האָט ער אָן באַדויערן אָפּגעגעבן, אָבער נישט דעם רעוואָלווער „ט.ט.". ער האָט אים באַקומען פון זיין קאָמאַנדיר אַ געשאַנק פאַרן העלדישן קעמפן הינטער לובלין. זיי האָבן זיך דערוויל געמאַכט באַקוועם ווי ביי זיך אין הויז, צעזעצט זיך אַרום טיש, געגאַנגען פון טיר צו טיר; צווישן זיי — נעסטאַרענקאָ. קיין מוסקול פון זיין ברייט פּנים האָט זיך נישט קיין באַוועג געטון, ווי אויסגעגאָסן. ער איז צו, אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, עפּעס קורץ, פאַרשטיקט אַריינגערעדט. די איבעריקע האָבן יאַנעקן לייכט אַ שטויס געטון צו דער אָפענער טיר. קיין שום רייד. אונטן, פאַרן באַוואַכטן טויער, האָט געוואַרט דער וואָגן; דער זעלבער וואָגן, צו זיין דיספּאָזיציע, דער זעלבער שאָפער. הויך אין הימל איז געשטאַנען אַ בלייכע, פאַרשפּינטע לבנה, אַן ענלעכע ווי אַמאָל, איבער דער דזשיקע גאַס. ער איז אַ גיי געטון איבערן טראָטואַר אין דער קרום. ער האָט געגוי געוווּסט וווּהין מען פירט אים — צום פאַרהאַקטן טויער פון קורצן, שמאָלן געסל.

אַ ליידיקער קאָרידאָר, שטיל, אויסגעשטאָרבן. ער איז געשטאַנען אומגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. קיין טיר האָט זיך נישט אויפגעמאַכט. די לעצטע עט־לעכע פּאַפּיראָסן, וואָס זיי האָבן פאַרגעסן ביי אים אָפּצונעמען, האָט ער אויס־געגרויכערט האַסטיק, איינעם נאָכן אַנדערן. עמיצער האָט דורכגעשפּאַנט דעם קאָרידאָר, איינגעקוקט זיך אין אים, אָן איין וואָרט. ערשט אַרום מיטאָג־צייט האָט מען אים אַריינגעפירט אין אַ טיר. צו די הויכע פענצטער האָט געקלעפּט אַ גרויער טאָג. צוויי זענען צו, אַרויפגעוואָרפן אים קייטלעך אויף די הענט. אַ גרינער אַבאַזשור־לאָמפּ האָט שאַרף באַלויכטן דעם ברייטן שרייב־טיש. הינטערן שווערן שרייב־טיש זענען געזעסן צוויי מאַן. ער האָט זיי נישט געקענט. נייע

פנימער. זיי האָבן געהאַלטן אין מיטן באַטראַכטן די אָפּגענומענע קלייניקייטן, אויסגעטרייסלט פון יאַנעקס קעשענעס — אַ נאָטיץ־ביכל, די פּאַרטיי־קאַרטע, אַן אָפּגעריסענער בילעט פון טעאַטער, אַ פען־מעסערל. זיי האָבן לאַנג, האַלב־אומגעדרייט, געשמועסט, אפילו געלאַכט, ווי זיין אַנוועזנהייט, אין ווינקל, לעבן היטער, דעם אויטאָמאַט אויסגעשטרעקט פאַר־זיך, וואָלט זיי איבערהויפּט נישט געשטערט.

— פאַרוואָס — האָט יאַנעק געוואָגט — האָט מען מיך נישט גערופן אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי, אויב ס׳איז פאַראַן קעגן מיר א וועלכע ס׳איז באַשולדי־קונג? כ׳בין אַ פּאַרטיי־מיטגליד...

ער האָט געפּאָדערט שימקיעוויטשן, דעם פּאָרזיצער פון דער דיסציפּלין־קאָמיסיע פאַר אָפּיצירן פון זיכערהייטס־אַמט.

— ווו געפינט איר זיך? — האָט איינער פון זיי אַ ביל געטון — איר האָט זיך פאַרגעסן...

צו ענטפערן איז אים שוין נישט אויסגעקומען. אויף די אויגן איז אים אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אַ געדיכטע גאַזע. ער האָט דערפילט ווי מען טראָגט אים. ער האָט שוין נישט באַוויזן צו זען, אַז פאַרן טויער רוישט אַ קליינע מאַשין, אַ שפּיטאָל־קעטשל פון רויטן־קרייץ. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, פאַרדעקט מיט אַ קאָלדרע. דער אויטאָ האָט גערירט.

געפאָרן איז מען לאַנג, דורך גאַסן, בריקן, ווייט אַוועק פון די פאָרשטעט. יינגלוויז האָט יאַנעק געשלונגען די ביכלעך וועגן רויבער־היילן, וועגן ריטער און שיינע פּרינצעסינס, וואָס ווערן אַהין פאַרשלעפּט. אינמיטן דער פאַרעריי אויף די שאַסייען, האָט זיך דער אויטאָ טיילמאָל פאַרהאַלטן. ער האָט זיך גע־ריכט, ווי דעמאָלט, ווען מ׳האָט אים געפירט קיין קאַרטוז־בערעזע, אַז באַלד וועלן זיי אָפּשטייגן ביי אַ וועלדל און עטלעכע זאַלפּן וועלן אַלץ פאַרענדיקן; און אים האָט זיך דווקא אין דער מינוט אַזוי שטאַרק געוואָלט לעבן. ער איז זיכער גע־ווען, אַז נישט אַנדערש, נאָר אין דער זעלבער נאַכט איז פאַרגעקומען אַן איבער־קערעניש אין לאַנד, אַז די קאָנטררעוואָלוציע, די פאַרביסענע שונאים פון סאָ־ציאַליזם, האָבן פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקסטע מלוכה־געביידעס, אַלע טעלעגראַף־און טעלעפאָן־קנופּן, אַז עפּעס אומגעווייינלעכס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט... אַז אפשר מאַרשירן שוין פון אַלע זייטן אינטערוועניץ־אַרמייען... ווייל די שאָסייען האָבן געקרישט פון אַ נאָכאַנאַנדיקער פאַרשטיקטער פאַרעריי. ער האָט זיך פאָר־געשטעלט, אַז אויך שימקיעוויטש, דער הויכער, דאַרער שימקיעוויטש, איז זיכער, ווי ער, אַרעסטירט, אָדער דערשאָסן. ער האָט, זעט אויס, נישט אַלץ געוווסט פון די אַמטן. זיין אַרבעט איז שטענדיק געווען אַן אָפּעראַטיווע, מיט געווער אין האַנט קעגן באַוואָפנטן שונא.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אין אַ שמאָלער צעלע. ער האָט געפילט, ווי אַלץ ברעכט אים. אַ נאַקעט אייזערן בעטל, אַ מאַטראַץ מיט פלעקן. דורך אַ דיק שייבל אין סופיט האָט זיך קוים דורכגעזיפּט אַביסל עלעקטריש ליכט. אויסגעצויגן דער־לעבן, איז זיך עמיץ פאַרגאַנגען אין שנאַרכערייען. אַ העלע טשופּרינע, צונויפגע־קנוילטע הענט און פיס, אַוועקגעוואָרפן קרום ביי דער אייזערנער טיר. ס׳איז אים גלייך געקומען אויפן זינען — אַן אונטערגעשיקטער פאַרשוין. ער וועט זיך

אַוודאי באַלד אויפכאַפּן, וועט זיך אומשולדיק נעמען נאָכפרעגן, ציען פון אים אַ וואָרט. ער האָט די מעטאָדן גוט געקענט פון דער פאַר־מלחמהדיקער דעפּענסי־זוע. דער קאָרידאָר הינטער דער שווערער טיר איז לאַנג געבליבן אָפּגעשטאָרבן. אומגעריכט האָט מען געגומען שליסן די טיר און — א ווילד געשריי:

— אומדרייען זיך צו דער וואַנט!

ער האָט געוווּסט, אַז דאָ מוז מען אַלץ פאָלגן. איז ער אונטערגעשפּרונגען, אומגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט, צוזאַמען מיטן צעלע־שכן. צוריק פאַרריגלט די טיר, האָבן זיי זיך לאַנגזאַם אָפּגעריסן פון דער וואַנט. אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע, אַ שטיקל ברויט דערלעבן. די פרעמדע מענטשן האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט. יעדער האָט שווייגנדיק גענומען זיך צום עסן. יאַנעק האָט דערפילט, אַז ער מוז נאָך האָבן כוח. ער האָט זיך געריכט אויף די מיטן־נאַכט־אויספאָרשונגען. מ׳האָט באַדאַרפט רוען, דער קאָפּ זאָל זיך אַביסל אויסקלאָרן. אָבער דאָס לעמפּל, פאַרשטעקט אין סופיט, האָט זיך אַלע ווײַלע אָנגעצונדן, פאַרלאָשן, ווידער אָנגעצונדן. פאַר די דינע, מידע אויגן־לעדלעך איז עס געווען, ווי רעפלעקטאָרן וואָלטן אָן אויפהער געשטאָכן, צעריסן דעם האַלבן דרימל. ווי שטיקער כמאַרעס איבערן האַרבסטיקן הימל, זענען די טראַכטענישן, די זעאונגען אויף דער וואָר, געשוווּמען אָפּגעריסן, אָן צוזאַמענ־האַנג. ווער׳מענס קרבן בין איך? צי באַדאַרף טאַקע דער סאָציאַליזם אַזעלכע קרבנות? ער האָט זיך דערמאָנט דעם פאָטערס רייד: „כ׳פאַרשטיי, איר ווילט אַ בעסערע אָרדענונג, אָבער קודם כל זייט אַלע צוזאַמען, דערנאָך די אחדות מיט דער וועלט"... וואָס האָט ער דעמאָלט געמיינט, דער אַלטער? נאָכוואָס אַזויפיל שלעכטס, אין נאָמען פון גוטן, וואָס דאַרף אַמאָל קומען? וועמען איז געגעבן גע־וואָרן דאָס רעכט צו ברענגען קרבנות? ס׳איז זיכער — עפּעס איז דאָ געפעלשט געוואָרן אין סאַמע עיקר. אַ גולם, וועלכן מען קען מער נישט באַהערשן. אָ, ווען ער קען אַזוי זיצן מיטן פאָטער און דורכרעדן זיך. דער ריס צווישן פאָטער און זײַדן, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, איז אויך מסתמא געווען אַ גרויסער; אָבער דער ריס צווישן אים און זײַן אייגענעם פאָטער — דאָס איז פולשטענדיקע, פּײַנטלעכע אָפּפרעמדונג. קעגן וועמען האָבן מיר געקעמפט? קעגן צעבראָכענע יידן, פאַר־פאָלגטע, צעטראָטענע, געגוי ווי מיר אַליין. זיי האָבן געבעטן און געגרופן נאָך הילף צו זייער אויסגעטראַכטן גאָט אין די הימלען...

פון וואַנען האָט זיך דעמאָלט צו אים, אַ ייִנגל, דערנומען אָט דער גרויסער ביטול צום פאָטער, צו זײַן גאַנצער יידישער און גייסטיק־יידישער וועלט? זיי זענען געווען די פאַרפאָלגטע, די אייביק־דערשטיקטע, און ער האָט זיך בלינד געשטעלט אויף דער זייט פון די שטאַרקערע. ער האָט זיך פון פאַראויס געהאַלטן פאַרן געגערכטן. פון וואַנען די חוצפּהדיקע זיכערקייט? צי איז עס טאַקע אַזוי געווען אין נישט־יידישע הימען? צי גייען ביי זיי די קינדער אויך אַזוי ווייט אַוועק פון די עלטערן זייערע? ביי זיי איז נישט אַזוי, פאַרקערט. ווי ביי אַ טויט־פאַרמשפּטן, האָט נאָך איין מאָל אויפגעטויכט אין אים — די מאַמע... דער פאָטער... די קינדהייט...

וואַרשע איז זיכער געלעגן אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער ווייט פון דעם תּפיסה־קבר, וווּ יעדער געשריי בלייבט אַ טויבער עכאָ. פון די דיקע ווענט האָט זיך גע־

גאָסן. דער שלאָף איז אַלע ווײַלע איבערגעריסן געוואָרן. די וויעס — אָנגעשוואָלן, דער שאַרבן האָט געבויערט. ער האָט נישט געוווּסט, צי ס׳איז האַלבע נאַכט, צי ס׳איז מיטן טאָג; אָבער ער האָט געפילט, אַז באַלד וועט מען אים ווידער רופן צו דער אויספאָרשונג. ער איז ווידער געזעסן אין זעלבן ווינקל, אויף אַ צוגע־שמידעטער טאַבורעטקע. די שאַרפע לאָמפּן האָבן פאַרבלענדט, אַז ער האָט נישט געקענט זען דעם מאַן הינטערן ביוראָ־טיש; ער האָט בלויז געהערט די איבער־געטרוקנטע שטים:

— פאַרוואָס האָט מען דיך אַרעסטירט? — האָט דער אויספאָרשער ביי אים געוואָלט וויסן.

— דאָס פרעג איך ביי אייך!

— דו ווייסט נישט! מיט וועמען ביסטו געשטאַנען אין פאַרבינדונג בעת דיינע באַזוכן אין אויסלאַנד?...

אַלע נאַרישקייטן, וואָס ער האָט זיך אַמאָל געקענט אַרויסכאַפּן פאַר זאָשען, זענען אים דאָ קאַפּויער געקומען. אין דער שפּעטער נאַכט האָט מען אים צוריק־געפירט, כדי באַלד דערנאָך ווידער איבערצוּוועקן. ער איז מער נישט געשלאָפן. ער האָט אויפגעציטערט יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך געהערט דער מינדסטער שאָרך הינטער דער אייזערנער טיר. ער האָט זיך געפרעסן מיט פאַרוווּרפן. ער איז שולדיק, האָט ער זיך צום ווײַפלטן מאָל פאַרגעוואָרפן, קעגן פייגעלען, קעגן אהרנען. מיט וויפל ביטול ער האָט אויסגעלאַכט זייער יידישע צעבראָכנקייט, זייער יידיש לשון; ער, נישט קיין אַנדערער, האָט פייגעלען צעבראָכן דאָס לעבן! ווייל מיט איר געמיט איז זי נענטער געווען צו אהרנען, ווי צו אים. נאָכוואָס איז ער געקומען אַריינמישן זיך אין זייער לעבן? די יידישע מאַסע... אויך זיין אייגענער טאַטע איז געווען אַ טייל פון אָט דער יידישער מאַסע. וואָס טוט ער דאָרט, דער אַלטער? ער איז פאַרבליבן, דער ביטערער עקשן, אין דעם לאַנד, וו מען בויט פונדעסטוועגן אויף עפּעס זיכערס אויף דער ערד; זיי זאָלן מער נישט זיין אָפּהענגיק פון קיין שום באַאַמטן, פון קיין שום „טשינאָווניק", וואָס זאָל זיי באַפעלן, באַשטימען, מען זאָל דאַרפן ביי אים אויסבעטלען. מען דאַרף דרך־ארץ האָבן פאַר די דאָזיקע יידן. די היינטיקע שתדלנים זענען נאָך מער טרויעריקער; אָנשטאָט אָפּן און גערעכטיק צו פאָדערן, וואָס אונדז קומט, שטאַמלען זיי און — ס׳העלפט נישט! אַפילו אונטערקויפן קען מען נישט... זיי קענען קיין שום גזירה אויף יידן נישט אָפּשרייען...

פונקט ווי דער אַרעסט, איז די באַפרייאונג געקומען אומגעריכט. אין אַ שפּעטער נאַכט האָט מען אים אַרויסגעפירט פון דער אונטערערדישער צעלע, אַרויפגעוואָרפן אים אויף די אויגן דעם צודעק, אַריינגעזעצט אים מיט נאָך עט־לעכע אין אַן אויטאָ. נאָך עטלעכע שעה טרייסלעניש, האָט יאַנעק דערפילט, אַז זיי זענען צוריק אין די פאַרשטעט פון וואַרשע. טראַמווייען האָבן געקלונגען, אויטאָס האָבן פאַרבייגערוישט. אין זעלבן אויסגעשטאַרבענעם קאָרידאָר האָט מען אים צוריק אויפגעבונדן די אויגן. דער מאַן, וואָס איז געזעסן הינטערן טיש, איז דאָסמאָל געווען באַזונדערס פריינטלעך:

— שרייבט אונטער — האָט ער אים צוגערוקט אַ בויגן — אַז... איר האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט... אַז ס'איז געשען מיט אייך אַ קליינער פּאָליצייאישער טעות...

— כ'וועל נישט אונטערשרייבן! — האָט זיך יאַנעק אויפגעריסן — כוויל צוערשט וויסן, פאַרוואָס מ'האָט מיך געפּייניקט...

— איר זענט אַ פּאַרטיי־מיטגליד... איר קענט זיך אַלעמאָל באַקלאָגן אין צ.ק. אָבער כ'גלויב נישט, אַז איר וועט וועלן עמיצן אַריינפּירן אין אַ טעות... מעגלעך, אַז נאָכן אונטערשרייבן, וועט איר אפשר באַפרייט ווערן... איך פּיר נאָר אויס מיין פּילכט... שטערט מיר נישט אין דער אַרבעט...

ער האָט פאַרשטאַנען, יאַנעק; ער האָט געוווּסט, אַז זיי וועלן האַלטן וואָרט און נישט באַפרייען. זיין אָפּגעשוואַכטע האַנט האָט לייכט אונטערגעציטערט, ווען די פעדער האָט געשריבן די קרומע אותיות.

ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון דער פרעמד־געוואָרענער שטאָט. אַ דינער, האַרבסטיקער רעגן האָט אים דורכגעווייקט. נאָכן גאָלדענעם פּוילישן האַרבסט, האָט זיך אָנגעהויבן אָקטאָבער געשטעלט אַ בלאָטע. ער האָט דערפילט די גרויסע פרעמדקייט אַרום זיך. ס'לאַנד, האָט ער געפילט, גייט אַנטקעגן נייע ראַנגלענישן, אָבער צו אים האָט עס שוין, דוכט זיך, אַזוי ווי קיין שום שייכות נישט.

די שטורעמס האָבן זיך טאַקע באַלד אָנגערוקט.

## קאַפּיטל זעכצן

ער האָט מער קיין פאַרלאַנג נישט געהאַט אומצוקערן זיך צו די זעלבע ווענט, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געקייקלט איר העל געלעכטער... ווו מ'איז געקומען אים אָנוועקנעמען. די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַהין. עטלעכע נעכט איז ער געשלאָפן ביי באַקאַנטע, געוואַלגערט זיך אין אָנגערויכערטע קאַוויאַרניעס, אין קנייפּעס. די פאַרהויכטע שפּיגלען האָבן פון דער זייט צוריקגעוואָרפן זיין אומעטיקן סילועט. די טאַנצנדיקע פּאָרלעך אין זאַל מיט די פאַרטונקלטע ליכטער האָבן געשווינדלט פאַרן בליק. ער האָט געטרונקען שוואַרצע קאַפע, געריכערט. באַקאַנטע פּנימער האָבן פאַרבייגעאיילט, נישט אָפּגעשטעלט זיך; זיי האָבן זיך אַזוי ווי יאָ געזען און נישט געגריסט. ער האָט דערכאַפּט אין זייער בליק פאַרוואונדערונג און שרעק. ער האָט זיי מער נישט געוואָלט זען, האָט זיך אויפ־געהויבן און איז אַרויס.

בייטאָג איז ער געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ גערטל. בלאַנדע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין זאַמד, געשריגן, געיאָגט זיך נאָך אַ מאָגערער קאַץ, נאָך אַ פייגעלע, נאָך אַ באַלעם. יונגע מאַמעס האָבן געפירט קינדער־וועגעלעך, באַוועגט זיך שווער

מיט די פאַרריסענע בייכער. ס׳איז געווען שיין, ווי די נאַטור אַליין, אַ צעבליטע זומער־צייט, מיט קנאָספּן, בליטן, בלעטעלעך, צווייגעלעך. קינדער... קינדער... אַבי מ׳האָט זיך געשראָקן, אַז די נאַציע וועט נאָך אַזאַ בלוט־אָפּפלוס... ס׳דעקט נישט, די דעמאָגראַפיע איז אין געפאַר... עס וואַקסן נייע סאָלדאַטן! צי פירט עס נישט ווידער צום זעלבן? וווּ איז דער אויסוועג, מ׳זאָל לאָזן לעבן רואיק? וווּהין אַנט־לויפט מען?

דער פאָטער, האָט ער זיך דערמאָנט, איז שוין אויך נישט יונג, אָבער עס קלינגט נאָך אַן אַלטער מעטאַל אין זיינע רייד. מען ציטירט אים שוין נישט מער. ער איז שוין אַ האַלב־פאַרגעסענער. אַ נייער דור, פרישע פּראָבלעמען; און אפשר איז אויך אונדזער דור שוין — שמעלץ. מיר האָבן אונדזער ראָלע אין דער געשיכטע אָפּגעשפּילט. מען דאַרף אונדז נישט מער. קיינער נישט. די פרישע קאַדערן זענען 20־יעריקע, געזונטע, דאַרפישע. זיי זענען נישט דעגענערירט, ווי די שטאָטישע. וואָס ווייסן זיי פון אונדזער אַמאָליקן קאַמף פאַר אַ פריי פוילן? עד, די נשמה האָבן זיי צעריסן אויף שטיקלעך. נאָך אַלע אומ־גליקן, בלייבט דאָך פאָרט ביי יעדן איינעם אַ שטילע סטעזשקע, אויף וואָס צו טרעטן. זעט אויס, מיר האָבן זיך נאָך אַלץ נישט גענוג דערטראַכט. כאָטש גיי, טו זיך אָן אַ פּראָסטע פויעריש פעלצל, אַ צלם, ווער אַ נזיר, און לויף זיך מתוודה זיין צום גלח ווישינסקי, קושן אים די האַנט. און צי וועט ער דיר דען גלויבן? ווענטען? וועמען וועסטו אָפּנאַרן? נאַר זיך אַליין!... און זיך אַליין האָבן מיר שוין גענוג גענאַרט...

ער איז געגאַנגען איבער די שטיגן אין דער פינצטער, געשלאָסן די טיר און האָט זיך מאָדנע געפאַרכטן אויפצודרייען דאָס ליכט. דאָס בעט האָט זיך געבלייכט אין דער טונקל. די הויכע פענצטער זענען געשטאַנען נאַקעט, אָן פאָרהאַנגען. אַן איינגעגעסענער ריח פון נישט־באַוווינטקייט האָט געשטיקט אין האַלדז. ער האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אין די זאַכן, די שיך אַפילו נישט אַראָפּגענומען. ווי לאַנג ער איז געלעגן האָט ער נישט געדענקט, ווי מיטאַמאָל האָט דאָס גלעקל ביי דער טיר קורץ אַ גרילץ געטון. ער איז געווען זיכער, אַז זיי זענען ווידער געקומען אים אַוועקנעמען. ערשט — סטערקע.

— שלאָפסט?!... — האָט זי זיך כמעט ווי צעבייזערט — צי איז דען איצט אַ צייט צו שלאָפן?

ס׳איז געווען עפּעס דראָענדיקס און פייערלעכס אין איר אַריינפאַלן. ער האָט אָפּגערוקט פון זיך אַ שטול, אַן עטאַזשערקע, אַלץ, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג. זי איז אים נאָכגעגאַנגען, נאָכגעלאָפן, איז שיעור אַליין נישט געפאַלן און האָט אַלץ אַריינגערעדט אין אים:

— שוין? האָסט שוין אַלע בריקן פאַרברענט הינטער זיך?... אוי, יאַנעק, יאַנעק, ביסט, אויף מיין וואָרט, פאַרבליבן אַ יינגל... מיך וועלן זיי אַזוי לייכט נישט איינברעכן!

זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס זשאַקעטל, איז צו, אויפגעדרייט דאָס ליכט אומעטום, געכאַפּט זיך איינצולייגן די אָנגעוואָרפענע בִיכער, די צייַ־טונגען, אויפגעמאַכט די שאַפע, אַריינגעוואָרפן די זאַכן און איז געלאָפן אין קיך אַריין מאַכן טיי. זי איז אַראָפּ ברענגען געבעקס. זי האָט אים מער גאָרנישט

געפּרעגט. ס׳איז געווען אין איר אַרומפּאָרען זיך די שטומע זאָרג אַרום אַ קראַנק קינד. אַ משפּחהדיקע מיט אַלעמען, אַ צודרינגלעכע, מיטן אימפּעט פון גערעכטער חוצפּה פון דער אַמאָליקער דזשיקע גאַס, האָט זיך סטערקע אַריינגעריסן אין זיין צעשטרייט לעבן.

זי האָט לעצטנס געפּייערט, נאָך מער פון אַלעמען, הויך, מיט קולות, האָט זיך פאַר קיינעם נישט אָפּגעשראָקן; געוואַנדערט פון איין פּאָסטן צום אַנדערן — אין ראַדיאָ, אויסלענדישע פּרעסע, פּלאַנירונג. אין די ביוראָען דאָרט האָט איינע אַ יונג פּויליש מיידל זי אַ פרעג געטון:

— און דו האָסט נישט געוווּסט, אַז סטעפאַניאַ איז אַ יידישע?... כ׳האָב עס באַלד דערזען...

— וואָס אַזוינס האָסטו דערזען?

— איר זענט מאָדנע, איר...

— איך פאַרשטעל זיך נישט! כ׳שריי הויך אויס מיין יידישקייט...

מיט די גרויסע ברילן איבערן קורצן נעזל, מיטן שיקלדיקן בליק, מיטן פּאַפּיראָסל „גורניק״ אין גלעזערנעם מונדשטוק, האָט זי אָנגעקלאַפּט אין אַלע הויכע, אומצוטריטלעכע טירן, דערשלאָגן זיך אומעטום צום סאַמע שפּיץ, געפּייערט קעגן דער ביוראָקראַטיע, קעגן דער קרענקלעכער יידאָפאָביע. זי האָט זיך אַפילו דערמאָנט פּלוצים, אַז זי קען גאַנץ גוט שרייבן יידיש אויך און האָט געבערענגט אין דער יידישער צייטונג אַן אַרטיקל. זי האָט דאָרט געשאָטן פּעך און שוועבל, אַז ס׳איז נישט געווען מעגלעך עס צו פאַרעפנטלעכן. אַחוץ דעם — האָבן זיי געמיינט, זייער איידל — אַז צו די היימישע צרות האָט זי זיך געמעגט אומקערן אַביסעלע פריער, נישט לויפן אויף באַקוועמע, וויכטיקע מלוכה־פּאָסטנס... אָט די אַמאָליקע מיידעלעך, וואָס זייער מויל איז פול געווען מיט „פּאָלסקאַ אוליצאַ״, האָבן נאָך אַלץ געטראָגן מיט זיך ענערגיע און אימפּעט. אַ ווילדע וויטאַליטעט איז געווען אין זיי. זיי האָבן זיך איצט אָפּגעזוכט פון אומעטום — פון אַלע אַמטן, פון אַלע מיניסטעריומס. סטערקע איז געקומען אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, געבעטן אַ וואָרט, געוואָרנט, געמאָנט. מ׳האָט זי אָנגעקוקט מאָדנע.

אויך יאַנעק איז מיטאַמאָל פאַראינטערעסירט געווען וואָס עס טוט זיך דאָרט אין קליינעם יידישן וועלטל. זיין פוס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען, אַפילו נישט אויף די יזכור־פייערונגען. אייניקע האָט ער גוט פאַרגעדענקט פון דער עמיגראַציע. זיי זענען, ווי אומעטום און אַלעמאָל, דער פּולס צווישן יידן. ווי איינגעשרומפּן און קליין זיי זאָלן נישט זיין, ברענט אין זיי דער גייסט פון געוויסן, פון תכלית, פון וועלט־דערלייזונג, מיט וועלכע זיי פּייניקן זיך און אַנדערע. ס׳איז פּחדנות, האָט ער זיך געזאָגט, יאַנעק, צו אַנטלויפן פון זיי. זיי — זיי באַהאַלטן זיך נישט. זיי זענען אַדורך אַלע פייערן און פאַרבליבן דאָס, וואָס זיי זענען. ס׳איז זיכער — מ׳האָט זיי אָפּגענאַרט. זיי אַנטלויפן נישט, ווי דעזערטירן; זיי פאָרן אַוועק פון לאַנד מיט דער גאַנצער ווירדע, ווייל אין ערגעץ וויל מען זיי נישט.

ס׳איז נאָך דעמאָלט וויניק, אָדער אויפן אויער, געבערענגט געוואָרן פאַרן מויל וועגן דעם, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן מיט די יידישע קולטור־שעפער דאָרט, מיט דער שיינער יידישער אינטעליגענץ. ער האָט געוווּסט, יאַנעק, ער האָט אַלץ געוווּסט, אפשר אַביסעלע מער ווי אַנדערע. נעסטאַרענקאָ... ערשט ווי

לאַנג, אַז ס׳האָט געפּלאַצט דער פינצטערער בלבול אויף די יידישע דאָקטוירים ?... „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן“. ער האָט זיי איצט געוואָלט אַליין זען, די וואָס פילן פּאָראויס אַלע שטורעמס. וואָס טוט זיך דאָרט, אין זייער קליין, הער־מעטיש וועלטל ?

— פיר מיך אַהין — האָט ער זיך געבעטן ביי סטערקען און זי האָט אים געפירט.

אויף דער נאָוואָגראַדזקע גאַס, אויף די עטלעכע שטאָק פון גרויען, נישט־געטונקעוועטן הויז, איז געווען אַ קליינער בינשטאָק. צי האָבן די אייליקע פאַר־בייגייער, אין רעש פון די אַרומיקע גאַסן, כאָטש געוווסט וואָס אין דעם גרויען הויז טוט זיך ? ס׳איז געווען אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג. אויפן ערשטן שטאָק האָט די יוגנט געטאַנצט. סטערקע האָט אַ רוק געטון די ברילן און האָט אים מיטגע־צויגן. זי האָט געפילט, ווי ס׳שטיקט איר אין האַלדז אַ קנויל. יונגע קינדער... זיי זענען אין אונדזער אַמאָליקן ענטוזיאַסטישן עלטער... אַ שטאָק העכער האָט זיך דער טיפער, נידעריקער זאַל לאַנגזאַם אָנגעפילט מיט מיטליאָריקע און נאָך גאָר יונגע מענטשן. מ׳איז אַריינגעקומען, שטיל אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטול, צווישן די ביכער־שענק, ביי דער וואַנט, אונטער די פּאָרטרעטן פון שלום־עליכם, פּרץ, מענדעלע. ס׳איז געווען האַלבער בין־השמשות און קיין ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן.

די מערסטע האָט מען ביז איצט גאָר קיינמאָל דאָ נישט געזען, נישט אויף די פאַרזאַמלונגען, נישט אויף די געטאָ־פייערונגען, אַפילו נישט אין יידישן טע־אַטער. אַ זייטיק אויג וואָלט אין די צוגעפּוצטע לייט קיין שום יידישס נישט גע־פונען; גרויע בירגער, מיטן קאָרעקטן פּויליש אין זייער מויל, מיט אַ „גוטן אויס־זען“. אויך זייערע נעמען האָבן געקלונגען פּויליש. אין דער צייט פון געטאָ האָבן פיל פון זיי דורכגעגליטשט זיך אויף דער „אַרישער זייט“, קיינמאָל מער מיטן געטאָ זיך נישט סאָלידאַריזירט. מ׳האָט זיי גערופן „די מאַראַנען“, אָבער זיי האָבן זיך אַפילו פאַר קיין מאַראַנען נישט געהאַלטן. זיי האָבן פּשוט נישט געזען מער קיין זין אין קלאַמערן זיך אין עפּעס אַ ווייטער, אויסגעוועפּטער יידישקייט. פאַר־וואָס ליידן ? זיי האָבן געוואָלט זיין — פּאָליאַקן. ס׳איז אָבער נישט אַזוי לייכט צו ווערן אַ פּאָליאַק. אַצינד האָבן זיי זיך דאָ מיטאַמאָל באַוויזן, שטיל געקומען אַוועק־זעצן זיך אין אַ ווינקל. וואָס האָט זיי געבערענגט אַהער, אין גרויען הויז, ווען דער וואָכעדיקער גערודער האָט זיך איינגעשטילט ? זיי האָבן ביז איצט געאַרבעט אין אַלע מלוכה־אינסטיטוציעס; אויף די בויאונגען, אין די וואַרשטאַטן האָט מען זיי נישט געזען. מ׳האָט זיך דאָרט געכאַפּט אויף זייער יידישקייט. מ׳האָט געקענט הערן, ווי איינע אַ דאַמע האָט אַ פרעג געטון ביי דער שכנטע:

— ווען פאָרט די „פאַני“ קיין „איזראַעל“ ?

— מיר האָבן אָנגעגעבן... מיר וואַרטן אויף אַן ענטפער...

יאַנעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיי שוין ערגעצוו געזען; פאַרב־לאָזן ביורא־מייז, וואָס פּאַסן זיך אומעטום צו, ביי יעדן רעזשים. אין זיי רינט נישט קיין קאָכעדיק בלוט. צי איז ער אַליין נישט געגליכן צו אָט די „מאַראַנען“? און ער — ער האָט שיער נישט געוואָלט מאַכן דערפון אַ גאַנצע אידעאָלאָגיע...

דער דיריגענט מיטן פאַרגרויטן קאָפּ איז שטיל צו און אויפגעמאַכט דאָס

דעקל פון דער פּיאַנע. ער איז געזעסן האַלב אומגעדרייט צום זאַל, אַ בלאָנדזשע געטון איבער די קלאַווישן און ס׳האָבן גענומען פליסן טענער פון אַן אַלט באַ־קאַנטער יידישער מעלאָדיע, אַ יידיש פאָלקס־ליד. באַלד האָט מען עס פון אַלע ווינקעלעך אונטערגעכאַפּט. ס׳האָט אַ ווייע געטון איבערן האַלב־פינצטערן זאַל מיט פאַרגעסענע אַראָמאַטן. מ׳האָט עס אַמאָל, שוין זייער לאַנג, איינגעזונגען אויף דער דזשיקע גאַס, אין שניאור׳ס כאָר:

ווו גייסטו, קינד,
אין נאַכט און ווינט —
עס בלאָ־ז־ט אַ ביי־ז־ע־ר ווינט...

ס׳איז געווען רעליגיעזער ציטער אין די שטימען פון די יונגע, פון די עלטע־רע. צו די פענצטער איז צוגעפאַלן דער אָוונט. ס׳האָט דערמאָנט אין אַ שבת־צונאַכטס... יידישע פאַרדאגהטע מאַמעס, די שטים אָנגעזאַפּט מיט טרערן, זענען צו, אַ וויש געטון די פאַרהויכטע שויב, געקוקט אין הימל אַריין, צו דערכאַפּן דעם ערשטן שטערן און פאַרשטיקט געזאָגט „גאָט פון אברהם". און וואָס נאָך האָט עס דערמאָנט? אין די קאַטאַקאָמבעס, וועו די ערשטע קריסטן, פאַרפאָלגטע, זענען געקומען בחברותא פייערלעך זינגען קאַפּיטלעך תהילים; אין אַ סעקטע, וואָס ריכט אָפּ געהיים אירע תפילות. מיט אַן אַלטן יידישן טרויער זענען געווען דורכגע־זאַפּט די לידער.

דערנאָך האָט מען זיך שטיל אויפגעהויבן, שטיל פונאַנדערגעגאַנגען זיך. ס׳איז נישט צו אַנטלויפן — האָט יאַנעק באַשלאָסן. צי זענען זיי דען אַצינד נישט גאַנ־צער מיט זיך אַליין? און פאַרוואָס האָבן די לידער אַ קלונג געטון אין זיינע אויערן צוזאַמען מיטן בודיאָני־מאַרש? דעמאָלט איז דער בודיאָני־מאַרש געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. ס׳ליד האָט צוגעזאָגט עפּעס נייס און עפּעס גרויס אין אונזער לעבן. אַ יוגנט, אַ דור, האָט עס געטראָגן אויף די ליפּן; מ׳האָט פאַר־שטילט דערמיט דעם הונגער, דעם טיפן אומעט אין די האַרבסטיק־אויסגעליי־דיקטע יידישע שטעטלעך. די ברוקן האָבן געהילכט מיטן דאָזיקן ליד. ער האָט זיי דעמאָלט אויסגעלאַכט, צוגעקלעפּט זיי אַלע מיני עטיקעטן. עס זענען, זעט אויס, פאַראַן שפּירונגען, וואָס גייען דיר לאַנג נאָך און אַנאַליזירסט זיי ערשט אין אַ מינוט פון לויטערן, נאַקעטן חשבון־הנפש.

יאַנעק איז שטיל אַרונטער די שטיגן און געלאָזן זיך גיין אַראָפּ מיט דער גאַס אַן איינזאַמער. אַרום האָט געראַשט די שטאָט. די האַרציקע יידישע לידער האָבן נאָך פאַרקלונגען אין זיין געמיט. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אהרן, דער גוטער, נאַאיווער אהרן, האָט עס אים דיסקרעט געפּרווט צו זאָגן:

— האָסט זיך אפשר טועה געווען, יאַנעק. האָסט געבויט אויף אַסימילאַציע און האָסט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן מיר זיך נישט אַסימילירט. איך האָב אַלעמאָל געמיינט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ יי ד י ש לעבן, אַ יידיש סאָציאַליסטיש לעבן, ווי מ׳האָט עס אונדז בפירוש געזאָגט: נאַציאָנאַל — לויט דער פאָרם, סאָציאַליסטיש — לויטן אינהאַלט... אָבער דו... איר אַלע...

סטערקע איז פון ערגעץ ווידער קאַפּויער געקומען, האָט אים אַ נעם געטון אונטערן אָרעם, אָנגעהאָנגען זיך אין אים.

— וו ביסטו פאַרלוירן געוואָרן? כ׳האָב דיך אַרומגעזוכט. קום, מען וואַרט שוין דאָרט אויף אונדז...

זי האָט געכאַפּט אַ טאַקסי אויפן ראָג און אויפן גאַנצן וועג אַריינגערעדט אין אים, דערציילט, געמאָלן, פאַרשאָטן אים מיטן אַש פון אירע פּאַפּיראָסלעך:

— דאַרפסט זיי זיכער קענען פון פּאַריז... פון די פּאַטראָנאַטן... פון די האָטעלן און פון קלוב אויפן בעלוויל...

— ווי אַזוי קומען זיי אַהער? — האָט ער געפרעגט אויסגעלאָשן, מיט חשד

— זיי זענען שוין לאַנג דאָ?

— וואָס הייסט?... זיי האָבן דאָ אַלע געאַרבעט אויף וויכטיקע פּאָסטנס... כאָטש זיי זענען געווען אויסגעצייכנט מיט פאַרדינסט־קרייצן, מיט אָרדנס... פון די צוריקגערופענע קאַדערן...

— וויכטיקע פּאָסטנס... אויסגעצייכנט... צוריקגערופענע קאַדערן... — האָט ער געמורמלט ווי מיט פאַרדראָס.

אין אַ זייטן־גאַס, ביי דער ניי־וועלט, זענען זיי אויסגעשטיגן. זי האָט אים געפירט נאָך זיך איבער די שטיגן פון אַ רעסטאָווורירט הויז. נאָך איידער דאָס טיר־גלעקל האָט אַ קלונג געטון, האָט מען שוין פאַרנומען פון אינעווייניק אַ פאַרשטיקטן רעש. מיט אַ פּאָר יאָר, אָדער אַפילו מיט אַ פּאָר חדשים פריער, וואָלט ער אַהער נישט געקומען. דער וועג צו די אייביק־צעטומלטע מענטשן איז, זעט אויס, אומפאַרמיידלעך. ס׳איז נישט צו אַנטלויפן. ער איז אַפילו צופרידן גע־וועזן צו געפינען זיך צווישן היימישע.

אין די צוויי קליינע צימערן, די טירן צעעפנט, איז געווען היימיש־טומלדיק, ווי אַמאָל, אויף די האַלב־לעגאַלע שמחהלעך, אויף דער דזשיקע גאַס, ווען מ׳האָט געפּלאַטערט, אַז אַ ליאַדע מינוט קען אַריינפאַלן פּאָליציי. זיי זענען קיינער מער נישט יונג געווען — פאַרגרויטע קעפּ, ס׳רוב אין ברילן; ווידער האָט געלעבט אַרום זיי אַ יוגנטלעכער פלאַם, ווי נאָר מ׳האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אַרום אַ קלאָר־געדעקטן טיש מיט היימיש־געבאַקענע קיכעלעך. פאַרפּלאָמטע, האָבן זיך די פרויען געפּאָרעט, געלאָפן אַריין און אַרויס, צודערלאַנגט טיי, אָבער צו די פלעשלעך אויפן טיש האָט מען זיך נישט באַלד געכאַפּט אויפצומאַכן. זיי זענען שטיינגעבליבן אין אַ זייט, פאַרקאָרקעוועטע, מיט דער רויטער לאַק־חתימה, ווי זיי וואָלטן נאָר געשטאַנען לשם דעקאָראַציע. אין די צימערלעך, אָנגעלייגט און אָנגעוואָרפן מיט ביכער, מיט צייטונגען, מיט פּאַלטנס, מיט הוטן, איז מען געווען צעזעצט אויפן נידעריקן דיוואַן, אויף די שטול־אָנלענס, אין דער אַטמאָספער פון געלעכטער, רייד און רויך.

אין דער מיט האָט זיך איינער, אַ באַברילטער, געקאָכט:

— אין אונדזערע יאָרן האָט מען אידעאַליזירט דעם אינדוסטריעלן פּראָלע־טאַריאַט, ווי דעם באַרעכטיקטן מאַטאָר פון דער קומענדיקער געזעלשאַפט. דעם אינטעליגענט „מיט די ווייסע מאַנזשעטן“... פאַר אים האָבן מיר געוואָרנט, אין אים האָבן מיר געזען דעם קליינבירגער, אים דאַרף מען נישט געטרויען... היינט צו טאָג ער פּאַקטיש דער וויכטיקסטער מאָטאָר פון דער געזעלשאַפט; כ׳מיין,

דעם טעכניקער, דעם אינזשיניער, די, וואָס פירן אָן מיטן ריזיקן פאָרשריט פון דער אַטאָמישער טעכניק; זיי וועלן מאָרגן, דורך די איינגעשפּאַנטע אַטאָמישע כוחות, צוהילף דעם מענטש, באַפרוכפּערן מדבריות, געפינען אוצרות אויפן דעק פון די ימים, באַרייכערן דעם מענטש מיט די קאָסמישע רייזעס. זיי, נישט דער פּשוטער, נישט־הויך־קוואַליפיצירטער לוין־אַרבעטער, אָן העכערער ביל־דונג, זיי וועלן אָנפירן מיט דער מאָרגנדיקער וועלט. הייסט עס, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אין דער באַזע גופא. מען קען נישט מער לעבן מיט אַלטע ווער־טער; און די זעלבע אַנטוויקלונג מאַכן גלייכצייטיק דורך די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. מען דאַרף דעם מענטש אומעטום געבן אַ בעסערן ווילזיין...

— ס'איז אפשר אמת. מיר האָבן דאָך, נאָך אַלעמען, געקעמפט פאַר עולם־הזה, נישט פאַר עולם־הבא...

— עפּעס קוקט זיך דאָ קיינער אַפילו נישט אום אויף די פּלעשלעך... — האָט זיך יאַנעק פּלוצים געכאַפּט.

זיי האָבן קיינס נישט פיינט געהאַט צו מאַכן אַ כוסה; אָבער יאַנעקס אָנדייט האָבן אַלע אויפגעכאַפּט — ס'הייסט, קיין גרויסע בראָנפן־טרינקערס, ווי זיי ווילן מאַכן דעם אָנשטעל, זענען זיי נישט. דער מיט די דיקע ברילן האָט גע־האַלטן פאַר נויטיק זיך צו פאַרענטפערן:

— פאַרפאַלן... דער אַטאַוויזם... מען קען אונדז אַזוי לייכט נישט איבער־מאַכן... און צווייטנס — כ'האַלט גאָרנישט...

ער אַליין איז נאָך ביז דאָ נישט לאַנג געזעסן אין דער רעדאַקציע פון אַ טעאַרעטישן זשורנאַל, איז באַקאַנט געווען מיט זיין טיפער באַהאַוונטקייט אין דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער, סטאַליניסטישער ליטעראַטור, אָנגעפירט אין פּאַריז, אויף דער עמיגראַציע, אַ קורס אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט, מיט קרייז־לעך פון די קאַדערן, געוואַלגערט זיך אין די אָרעמע יידישע אַרבעטער־קלובן.

מ'האָט דאָ אויך מיטאַמאָל פאַרגעסן די צוגעקלעפּטע פּוילישע נעמען, וואָס יעדער פון זיי טראָגט אַביסל זשעניִרט; מ'האָט זיך שוין ליבערשט גערופן ביי די אַלטע פּאַרטיי־פּסעוודאָנימען, וואָס יעדער פון זיי האָט דורכגעטראָגן אויף זיינע אַקסלען, ווי אַ שלאַכט. און קיין פּויליש האָט מען דאָ אויך נישט גערעדט, גיכער פראַנצויזיש, אָדער יידיש, פּשוט יידיש. ס'איז געווען אַ געלעגנהייטלעכער צונויפקום מיט אַ חבר, וואָס האָט זיך אַביסל אַראָפּגעכאַפּט אהער פון פּאַריז, אין אַ דעלעגאַציע. ס'איז מיטאַמאָל געווען די בענקשאַפט אַהין, קיין פּאַריז, צום יידישן בעלוויל, וווּ מ'האָט זיך טאַקע געמאַטערט, אָן פּאַפּירן, אָן אַרבעטס־רעכט, אין דער פרעמד, אָבער וווּ מ'האָט געקעמפט ביי דער זייט, צוזאַמען מיטן נאָבעלן פראַנצויזישן פאָלק, אין די ביטערע אָקופּאַציע־יאָרן.

— צי דען לעבן אַלע מיט אַזויפיל בענקשאַפטן, ווי מיר? — האָט זיך יאַנעק אַראָפּגעלאָזן צווישן אַלעמען אויפן שטיקל סאָפקע און ער האָט זיך דערפילט אַזוי אויפגעלייגט, ווי שוין לאַנג נישט.

סטערקעס גרויסע ברילן האָבן זיך אַראָפּגערוקט אויפן קליינעם נעזל. איר שיקלדיק אויג האָט געפלאַמט ווי אַמאָל. זי האָט זיך נאָנט צוגערוקט צו יאַנעקן. זי האָט געפילט, אַז איצט קומט איר דאָס וואָרט.

— אונדזער פּריוואַט לעבן איז נישט מינדערוויכטיקער ווי עמיצן אַנדערשס... מיר האָבן זיך אַוועקגעגעבן ווי די אַסקעטן פון אַ נייער קירכע... — האָט זי גערעדט מיט אַ נאָטקע פון באַדויערן — צי האָבן מיר רעכט געהאַט, פרעגט זיך?...

מ׳האָט בפירוש געזען, אַז זי שטיקט זיך מיט די רייד. יאַנעק האָט אָנגעקוקט איר שויבערדיקן פּראָפיל. זי האָט אים נישט געזען. יאַנעק האָט זיי אין, און אויך זיך אַליין, אַלץ מוחל געווען, ער האָט זיי דערזען — טראַגיש. זיי האָבן זיך אפשר אַליין נישט פאָרגעשטעלט, ווי טראַגיש זיי זענען געווען. ווער זענען זיי? וואָס שטעלן זיי דען פאָר מיט זיך אין דער גרויסער טראַנספאָרמאַציע פון לאַנד? ס׳איז געווען פּאַראַויסצוזען אַ סך קריזיסן. אַלע קריזיסן וועלן סוף כל סוף דורכגעבראָכן ווערן. אָבער ווו איז אונדזער אָרט אין דעם אַלעמען? ווו איז אונדזער גרויסע שייכות דערמיט? די אַלע האָבן זיך אָבער נאָך אַלץ געשראָקן אַריינצוקוקן אין דעם גאַנצן פּלאָנטער, ווי אין אַ תהום. זיי האָבן זיך מיט אַלערליי פראַזן און טעאָריעס אָפּגערוקט, אויסגעמיטן, אַנטלאָפן. דער חבר מיט דיקלעכעברילן האָט עס געפּרווט אַרויסצוזאָגן אַביסל דרייסטער:

— איך בעט אייך... מען רעדט אַזויפיל וועגן אַנטיסעמיטיזם, מען ראַנגלט זיך מיט אים, מען גרינדעט קאָמיטעטן, אינסטיטוציעס, ווי אין דער אייביקייט אַריין. די יידישע געשיכטע, פון די עלטסטע צייטן, איז פול מיט אָט דעם אָפּוועראַמף. קעגן אַזאַ מענטשן־פּרעסעריי, קעגן אַזאַ אָרגאַנישן ראַק, זענען, דוכט זיך, די מיטלען זייער קינדערישע. דער היטלעריזם, אין זיין עקסטרעם, איז דערגאַנגען ביזן דערקלערן אונדז ווי שעדלעכע אינזעקטן, וואָס מען צעטרעט, מען פאַרגאַזט, מען פאַרסמט. ס׳איז שטראָפלאָז! דאָס געוויסן איז ריין, ווייל מיר זענען אויסערן מענטשלעכן מין. אַלדאָס געמיינע, מיט וואָס מ׳האָט יידן אין די אויגן פון די פעלקער אַזוי מיאוס קאָמפּראָמיטירט, איז אָבער... אַלמענטשלעך. וועגן אַן אומשולדיק־קאָמפּראָמיטירטן זאָגן, אָדער טראַכטן, אַפילו די סאַמע אָנשטענדיקסטע: „ס׳איז טאַקע נישט אמת... אָבער אַז מ׳רעדט אַזויפיל, מוז פאָרט עפּעס זיין דערין“... אַזוי טראַכטן אַפילו — יידן. די קינדער אונדזערע ווייסן אַזוי וויניק ווער מיר זענען. אויך ביי זיי דערוועקט זיך דער חשד — אפשר... טאַקע... אַנטיסעמיטיזם, פּונקט ווי אַ ראַק, היילט מען נישט מיט גוטע רייד, מיט הומאַניזם, אַפילו נישט מיט שטרענגע פאַרבאָטן, מיט דעקרעטן און געזעצן, נאָר מיט אַזאַ טאַט, וואָס זאָל פולשטענדיק גאַראַנטירן, אַז דאָס זאָל באמת טאַקע קיינמאָל מער נישט איבערחזרן... און קודם — מיר זאָלן לעבן באַזונדער... רופט עס אָן ווי איר ווילט...

— ווער ווייסט — האָט ער אָפּגעאָטעמט טיף — צי ס׳געשריי: עוואַקואַציע! איז נישט געווען ריכטיק... כ׳ווייס שוין אַליין נישט. „מיך רירט מען נישט...“ — האָט דעמאָלט אַ יידישער דיכטער אויסגעשריגן — כ׳בין ווי אַ דעמב איינגעוואַקסן אין דער שוואַרצערד פון פוילן... דאָ האָבן מיינע זיידעס, די קאָניוכעס“... מיר האָבן אָבער גאַנץ שיין געזען, אַז מ׳קען יאָ רירן אַ פאָלק אין זיין טויזנטיעריקער איינגעזעסנקייט; נישט בלויז רירן — אויסראָטן! אַ חבר פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג האָט מיר דערציילט, אַז מ׳האָט ביי זיין סטעפּעקן אין שולע געפּאָדערט ער זאָל באַווייזן, אַז ער איז נישט קיין ייד. די ייִנגלעך האָבן די „וויוויסעקציע“ דורכגעפירט אין קלאָזעט. זיי האָבן אים צעשניטן מיט אַ ראַזיר־

זשילעטקע... מען קען פאַרצווייפלט ווערן! איך ווייס שוין אַליין נישט. מיר האָבן, טראַכט איך, אפשר דעם ציוניזם אַוועקגעגעבן אַזוינס, וואָס מיר האָבן אים נישט באַדאַרפט אַוועקגעבן — כ'מיין, דעם נאַטירלעכן, געזונטן געפיל פון פשוטן יידן צו פאַרטיידיקן דאָס נאַקעטע לעבן, דער פשוטער געפיל צו זיין אַ ייד, געהערט דעם פאָלקס־מענטש, דעם אַרבעטס־מענטש, נישט דעם יידישן פלוטאָקראַט. די געזונטע באַוועגונג פון יידישן נאַציאָנאלן געפיל האָט באַדאַרפט זיין אַ פאָלקסטימלעכע, פאַרבונדן מיטן מענטש אויף דער ערד. די יידן, וואָס ווילן אַוועקפאָרן... ווער, כ'בעט אייך, האָט די מאָראַלישע רעכט צו זאָגן אים — פאָר נישט?...

מען ווייסט נישט ווי אַזוי וולאַדעק האָט זיך פלוצים דערנומען אַהער. אים האָט עס אָבער אַלעמאָל געצויגן צו די יידישע חברים. ער איז געקומען אין ציוויל, האָט מיטגעברענגט געלעכטער, האָט זיך גלייך דערפילט אין דער היים. ער האָט זיך דער ערשטער געכאַפט אויפצוקאָרקעווען די פלעשלעך, אַז די פראָפּנס זענען געפלויגן צום סופיט. ער האָט געטרונקען כמעט אַליין, אָבער צוגעהערט האָט ער זיך מיט קאָפ צו די הייסע גערעדערייען. ער האָט פריער נישט אַלץ געקענט פאַרשטיין, אָבער איצט האָט ער עס אַביסל מער פאַרשטאַנען.

— נאָ טאַק... — האָט ער האַסטיק אַראָפּגעלאָזן נאָך אַ גלעזל און איז נאָך יעדן גלעזל געוואָרן מער הייטערער — מ'האָט אייך נישט ליב! דאָ קען מען גאָרנישט געבן צו פאַרשטיין... איך, אויף אייער אָרט... — האָט ער אָנגעהויבן, אויסגעטרונקען נאָך אַ היפש גלעזל און — נישט פאַרענדיקט.

ער האָט זיך אויך מיטאַמאָל דערפילט מיט עפּעס פאַרשולדיקט קעגן די אַלע, מיט וועלכע ער האָט אַזויפיל דורכגעמאַכט צוזאַמען אויפן אַמאָליקן „מור־דזשיעל", אויף דער עמיגראַציע און שפּעטער.

עס רעדט זיך אַזוי לייכט אָפּ — פאָרן... יעדן פון זיי האָט אויפגעשוידערט ביים בלויזן געדאַנק איבערצולאָזן די צענטערן פון אייראָפּע, פאַרוואָרפן ווערן ערגעץ אין עק וועלט. זיי האָבן קיינער אָפן נישט גערעדט דערפון, פאַר זיך אַליין עס פאַרבאָרגן; אָבער דער חבר אין די דיקלעכע ברילן האָט גערעדט דערפון אָפן און פראָסט:

— ווו, פרעגט זיך, האָבן דעם דאָזיקן כוח גענומען די יונגעלייט, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן, אויף שטענדיק, פאַרבונדן מיטן קליינעם, זאַמדיקן, פאַרזומפּטן לענדל, מיט ארץ ישראל? ס'איז, מוז מען מודה זיין, געווען גרויסער מוט, אפשר נישט קיין קלענערער ווי פון די, וואָס זענען געגאַנגען אויף באַריקאַדן און אין די תפיסות... קוקט זיך צו, אין גרונט האָט זיך דאָ אין דער יידישער עקאָנאָמיק כמעט ווי גאָרנישט געענדערט; אַמאָליקע סוחרימלעך, קליינע בוכאַהלטערס, אָנגעשטעלטע, אַפילו באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן געלייענט ביכלעך, זענען שטעקן־געבליבן אין דער מלוכהשער אַדמיניסטראַציע, אין די קאָאָפּעראַציון, אין די גרויסע מלוכהשע האַנדלס־הייזער, אין די אויסלענדישע האַנדלס־מיסיעס, אין דער אינטעלעקטועלער עליטע, אין דער פרעסע, אין די אוניווערזיטעטן, אין אַלע פרייע פראָפעסיעס, אָבער נישט — אין די גרובן, אין די פאַבריקן, אויף ערד... דער געדאַנק וועגן ביראָבידזשאַן האָט אַמאָל אָנגעצונדן די אַרבעטסלאָזע יידישע יוגנט, אויסער, נאַטירלעך, די היץ־קעפּ, די געוואַלדיקע אידעאַליסטן, וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן העלפן בויען דעם סאָציאַליזם אויפן

אָרט, זיי אינטערעסירט נישט דווקא „יידישער סאָציאַליזם"... אוודאי, ס'האָט זיך זיי נישט געגלוסט איבערצולאָזן די אויסגעוואַרעמטע היימען אין מאָסקווע, פאַרוואָרפן ווערן אין „עק וועלט"; עק וועלט... צי ווינען דען נישט די קאָרייער און כינעזער אין „עק וועלט"? אָבער — ביי זיך... ווען מען גיט אַן אַנדער פאָלק אַזאַ „עק וועלט", וואָלטן זיי מיט די ציין און נעגל איינגעקלאַמערט זיך אין דער ערד. און נאָך עפּעס — ווער וועט אונדז היינט פּרוּוון איינרעדן, אַז דער גרויסער פיאַסקאָ ביראָבידזשאַן — די איינציקע לייזונג פון יידישן פּראָבלעם אין ראַטנ־פאַרבאַנד — איז געווען בלויז די שולד, וואָס יידן האָבן אַהין נישט געוואָלט פאָרן? פאַר דער סאָוויעטישער מלוכה, פאַר דער פּאַרטיי, ווען מען דאַרף דורכ־פירן די געוואַגסטע עקספּערימענטן, עקזיסטירן נישט קיין שום שוועריקייטן. וואָס ווייסן מיר דען בכלל וועגן דער פאַרשווינדונג פון די יידישע פירער אין ביראָבידזשאַן? די, וואָס זענען געקומען מיטן גאַנצן האַרצן צולייגן אַ האַנט. א מיס־טעריע... אויב מ'האָט געקענט דערשטיקטע יידישע אַרבעטס־מענטשן אָנצינדן מיטן גרויסן, הייליקן פלאַם צו גיין שלאָגן זיך קעגן פייער, קוילן, תּפי־סות, עקזעקוציעס, פאַרוואָס האָט מען זיי נישט געקענט אָנצינדן מיט דער גרוי־סער אידיי צו גיין אין דער פרידלעכער שלאַכט מיט דער נאַטור, אַרויסצורייסן ביי איר די אייגענע סאָציאַליסטישע היים? אַזוי פאַרשטייט עס יעדער פּשוטער נישט־יידישער מענטש. הייסט עס, אַז אין אונדזערע מוטיקסטע פירער אַפילו, יידן, איז געווען — אָדער פּחדנות פאַר ערד, פאַר אַן אייגענער היים, אָדער די פּחדנות פון זעלבסט־פאַרלייקענונג. ביי אַלע פעלקער איז די אידיי פון אַ גערעכט לעבן אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט לאַנד, מיט היים. מיר זענען קלוג, קלוג און — באַנאַרישן זיך — האָט ער אומהיימלעך אַרויסגעלאַכט — מיר האָבן זיך נאָכגעפּלאָנטערט פרעמדע, געצירט זיך אין פרעמדע פעדערן. דערפון — דער ביטול צו אונדז פון אייגענע און פרעמדע; דער ביטול, ווייל מיר זענען נישט פעאיק צו פאַרטיידיקן אונדזער קולטור, דאָס לעבן אויף דער ערד, וואָס נאָר אַזאַ לעבן און אַזאַ קולטור איז רעאַל. דערפון אויך — די אויסגעקוועטשטע טעאָריעלעך, אַז מיר זענען נישט — פאָלק. מיר זענען אַלעמאָל אָפּהענגיק פון אַ „טשינאָווניק"; האָט ער פאַרשטענדעניש, דער „טשינאָווניק", איז גוט, אויב נישט — ליקווידירט ער אונדז, מיט דער הילף פון אַלערליי פאָרמולעס, פראַזן, וועלכע מוזן זיך גרענעצן מיט קוים־פאַרשטעלטן, אָדער אָפענעם, ציניש אַנטי־סעמיטיזם..

אַזוי האָט ער גערעדט, דער חבר אין די דיקלעכע ברילן. ווי ביטער דער אמת איז נישט געווען, האָבן זיי עס פאַרשטאַנען. נאָך ווי!

# קאַפּיטל זיבעצן

און אהרן האָט נאָך אַלץ געלעבט מיטן גרויסן נייגער, צו דערגיין דעם משונהדיקן געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן. מער ווי געשיכטע — האָט ער זיך געזאָגט — פּאַרמאָגן מיר דאָך סיי ווי נישט, אין דער צייט, ווען אַנדערע פּאַרמאָגן — אַ קאָנקרעט לעבן, אויף דער ערד. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך, ווי אַ פּראָווינצער, אַריינגעכאַפּט אויף אַ פּאָר טעג קיין וואַרשע, איז ער אַוועק בלעטערן אין די פאַרגעלטע שימות פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. דורך אַלערליי צופאַלן, זענען זיי דאָ צונויפגעברענגט געוואָרן, אין הויז פון דער געוועזענער יודאַאיסטישער ביבליאָטעק, הינטערן טעמפּל, די סינאַגאָגע פון די אַמאָליקע וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן, אויף טלאָמאַצקע, וואָס ס'איז פון אים קיין זכר נישט פאַרבליבן. פּלייסיקע, זאָרגפעליקע הענט האָבן דאָ מיט פּיעטעט אַלץ אָפּגעהיט. אַהרן האָט צום וויפלטן מאָל געקוקט אויף די דאָקומענטן הינטער גלאָז, געבלעטערט אין די אַרכיוון; ער האָט זיך געזאָגט, אַז נאָר יידן צייכענען אַזוי טרויעריק דעם וועג אין דער געשיכטע; אַז פון אַלע לייזונגען איז נאָך קיין איין פּאַקטישע לייזונג נישט געווען. מיר האָבן זיך איינגעוויגט מיט שיינער פראַזעאָלאָגיע; אַלץ, וואָס מיר האָבן אַמאָל אַזוי פייערלעך פּראָקלאַמירט, געקעמפט דערפאַר, אַוועקגעגעבן ס'לעבן, איז צערונען. ער האָט אָנגעקוקט די חברים, מיט וועלכע ער איז אַדורך אַזויפיל פייערן — זיי האָבן נאָך אַלץ אַרומגעהאַוועט, זיך אַליין פאַרשריגן.

אָפּגעוועזן אַ פּאָר טעג אין וואַרשע, דערליידיקט אַלע ענינים אין יידישן קאָמיטעט, איז אהרן צוריק אַוועק צום שטעטל ביי דער ניסע. דאָרט איז אים אַ שטיקל צייט גוט געווען. ער האָט זיך פאַרגעסן אין די טאָג־טעגלעכע זאָרגן אין קאָאָפּעראַטיוו, אין קלוב. די צוויי אומהיימלעך־הויכע צימערן מיט די לאַנגע, שמאָלע פענצטער, קעגנאיבערן אַלטן ראָטהויז, האָט אים, נאָך באַלד אין אָנהייב, געהאַט צוגעטיילט יאַן וויטקעוויטש אַליין. ס'איז געווען קורץ, איידער מ'האָט אים, דעם קוילנגרעבער פון נאָרד־פראַנקרייך, דעם ענערגישן יאַנעק, אָפּגערופן אַלס פאָרזיצער פון נאַציאָנאַל־ראַט און צוגעטיילט צום וואָיעוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט אין וורצלאַוו. יאַן וויטקעוויטש איז געווען שטרענג און גערעכטיק, ווי אַ טאַטע, פאַר די אַלע אָנגעפאָרענע און אָנגעלאָפענע שטאָט־לייט, סיי יידן, סיי פּאָליאַקן. באַלד עפּעס, איז — „צו יאַנעק... יאַן וועט אין אַכט נעמען... יאַן וועט זיך פאַנאַנדערקלייבן... אַלץ — יאַן". ס'איז געווען דאָס רויט־ציגלדיקע הויז מיט די שמאָלע באַלקאָנען און גאָטישע טורעמלעך, אויף יענער זייט פון די איבערגעוואָרפענע בריקן, מיט די נישעס און פיגורן פון הייליקע, וואָס מ'האָט זיי צוגעשריבן דעם אַלטן פוילישן מייסטער וויט סטוואָש. די פול־וואַסערדיקע ניסע, אַ גרויע, אָן אימפּעטיקע, איז געזונען אונטער די בריקן, וואָס האָבן אין אַ סך

פונקטן פאַראייניקט די גאַסן פון פּיטאַרעסקן שטעטל אין נידערשלעזיע, אַ טריט פון די קוילן־גרובן.

אהרנען איז דאָ אַלץ געפעלן געוואָרן. ס'איז געווען פרילינגדיק־לינד; אַ שטיל ווינקל צווישן אַלטע הייזער, וואָס שפּיגלען זיך אין דער רייסיקער ניסע; הייזער מיט גרינע, בלויע און רויטע וויטראַזשן־שויבן, אין סטיל פון קירכעס; ווערבעס בייגן זיך אַריבערן וואַסער; דער הימל איז דורכזיכטיק־בלוי, ווי אַן אַקוואַרעל. דאָס וואַסער הינטער די ווענט פון הויז רוישט, רוישט, ווי אַן אייבי־קער פרילינג וואָלט גערוישט.

דעם גאַנצן טאָג פאַרפּאַרעט און פאַרהאַרעוועט אין שטריקער־קאָאָפּעראַ־טיוו, אונטער דער גלאָז־האַלע, וואָס פלינקע, ענערגישע יידן האָבן דאָ אויפגע־שטעלט מיט די ליידיקע הענט כמעט, האָט זיך אהרן אַרום פיר אַזייגער, ווי אַלע אַרבעטס־מענטשן, צוריקגעקערט מיט באַזאַכטע טריט אַהיים. פאַרצויגענע פאַר־הענגלעך, אַן אַבאַזשור, ביכער — דאָ האָט מען, נאָך אַזויפיל פּוסטן טומל און רעש פון גרויסע שטעט, געקענט אָפּרוען; ביז נאָכן אָונט־ברויט, ווען ער האָט זיך געגומען איילן אין קלוב אַריין. ווייל אין קלוב זענען אַלעמאָל געווען אַ סך קלייניקייטן צו דערליידיקן — דער לייען־קרייז, די דראַמאַטישע סטודיע, די בוך־און פרעסע־קאָמיסיע, אַ חבר, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון צענטער, זיצונ־גען, פאַרזאַמלונגען, היימישע קאָנפליקטן.

דאָס אַנדערע צימער, מיטן באַזונדערן איינגאַנג פון קאָרידאָר, איז נאָך דע־מאָלט געשטאַנען פאַרמאַכט. דאָרט האָט פריער געוווינט אַ שטילער, בלוי־אויגי־קער דאָרפישער בחור, אַ קוילנגראָבער. ער איז מיט אַ שטיקל צייט צוריק גע־רופן געוואָרן צום מיליטער. דערווייל איז דער בחור צוריקגעקומען, אָפּגעווען אַ טאָג־צוויי און האָט אהרנען, אַביסל שעמעוודיק, דערקלערט, אַז ער גייט חתונה האָבן, אַז ער קריגט צוגעטיילט אַ גרעסערע דירה און גייט אַוועק אַרבעטן אין זיכערהייטס־אַמט, אַז ער לאָזט אים דאָס צימער. נו, אַזאַ זאַך האָט מען, איידער וואָס־ווען, באַלד באַדאַרפט גיין מעלדן אין דער דירות־אָפּטיילונג ביים נאַציאָ־נאַל־ראַט. ס'וואָלט גוט געווען, האָט אהרן באַטראַכט, ווען כאָטש א היימישער זאָל זיך דאָ אַריינציען. ווייל ס'איז הינטער אַ דין ווענטל, מען דאַרף זיך יעדן טאָג טרעפן אין קאָרידאָר, ביים וואַסער־אָפּגוס. אהרן האָט זיך אויסגעקליבן און איז אַרויף אין נאַציאָנאַל־ראַט. ער האָט די מענטשן מער נישט דערקענט. נייע פּנימער. ס'איז גלייך געווען צו באַמערקן, אַז זינט ווען יאַן וויטקעוויטש איז נישטאָ מער, איז דאָרט אַ שטיקל צערודערונג; איינער ווייסט נישט פון אַנדערן, איינער שיקט צום אַנדערן. נישט אומזיסט שרייט מען כסדר אין לאַנד — די ביוראָקראַטיע... ביי איין פענצטערל האָט ער געמאָלדן וועגן ליידיקן צימער און אַז ער וויל איינמעלדן אַן אַרבעטער פון שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו, אַן אַרבעטס־שלאָגער; ער איז איינער אַליין און האָט ביז איצט נישט באַקומען צוגעטיילט קיין דירה.

— גוט — האָט מען אים געענטפערט — איר קענט אים איינמעלדן. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען אייך צושיקן די אַמטלעכע באַשטעטיקונג.

און אהרן איז אַוועק אַביסל באַרואיקט. די אַמטלעכע באַשטעטיקונג איז אַזוי גיך נישט געקומען, איז ער ווייטער געלאָפן צו זיי. האָט מען אים געענטפערט,

אַז דער באַאַמטער, וואָס דאַרף עס דערליידיקן, איז אויף אורלויב. אָבער מיט צוויי טעג שפּעטער איז אָראָפּגעקומען דער פאָרשטייער פון אַן אַנדער שטאָט־סעק־טאָר, אין דער באַגלייטונג פון אַ מיליציאַנט, און איינעם אַ פאַרשוין, וואָס איז אים גלייך נישט געפעלן.

— דער בירגער עאוגעניוש רישעוו — האָבן זיי געמאָלדן — איז באַשטימט אַלס לאָקאַטאָר פונם פרייען צימער.

— ווו איז אייער אַמטלעכע צוטיילונג? — האָט זיך אהרן געפרעגט זייער רואיק — ווייל ס'איז באַשטימט געוואָרן...

— כ'פאַרשטיי נישט!... — איז דער פאַרשוין באַלד אַרויסגעשפּרונגען — צי קאָמאַנדירן טאַקע די „זשידעס" ביי אונדז אין פּוילן?...

אַ ברייט־פּלייציקער, מיט דיקלעכע ליפּן, האָט ער נישט געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין; ווי אַ שלענגל וואָלט זיך אַ וואָרף געטון אין זיינע העלע אויגן, אונטער ווייסע ברעמען. דער טיפער שראַם אויף דער רעכטער באַק איז פאַר־גאָסן געוואָרן מיט בלוט, פון רציחה. אהרן האָט נישט פאַרשטאַנען — מיט וואָס האָט ער דאָ אָנגערירט דעם כבוד זיינעם? ער האָט געזען, ווי די פויסטן טרייס־לען זיך ביי יענעם פון כעס. ער איז גאָרנישט געווען שיכור אויך, דאָס האָט אים דער צאָרן שיכור געמאַכט. אהרן האָט געפילט אין זיך גענוג כוח. ער וואָלט אים געקענט אַפילו אַרונטערוואַרפן פון די שטיגן. אָבער גערעדט האָט ער זייער רואיק צו זיי:

— דאָ איז שוין איינגעמאָלדן אַן אַרבעטס־שלאָגלער פון שטריקער־קאָאָפּע־ראַטיוו אויפן נאָמען פון גרשון דוא... איבעריקנס, אָן אַ דערלויבעניש פון פינפטן דירות־אָפּטייל, קען איך דאָ קיינעם נישט אַריינלאָזן — האָט זיך אהרן געהאַלטן ביי זיינס.

דער מיליציאַנט האָט זיך פלוצים געשטעלט צווישן ביידן:

— אין קאָמיסאַריאַט אַריין! דאָרט וועלן מיר זיך שוין פונאַנדערקלייבן.

איז ער מיטגעגאַנגען, אהרן. ער איז נישט געווען פון די שרעקעוודיקע. אויף דער גאַס איז דער מיליציאַנט אַריין אָנטלעפאָנירן אין קאָמיסאַריאַט און איז באַלד אַרויסגעקומען:

— איר קענט דערווייל גיין, בירגער. מירן שוין די זאַך אויפקלערן...

ס'האָט אים שוין אונטערגעהויבן. אַזאַ זאַך! ער איז באַלד געלאָפן צום נייעם פאָרזיצער פון נאַציאָנאַל־ראַט, צו מאַריאַן דרילך. יענער איז געווען שמייכלענ־דיק און העפלעך:

— זאָל דער בירגער זיין פולשטענדיק רואיק. מ'עט שאַפן אַ קאָמיסיע אויס־צופאָרשן דעם ענין.

אָבער באַלד צומאָרגנס איז אַראָפּגעקומען אַ פאָרשטייער פון דריטן אָפּטייל פון וווינונגס־אַמט, צוויי מיליציאַנטן, דריי מאַן פון אויספיר־עקיפּ און דער פאַר־שוין, דער רישעוו. ס'האָט מער גאָרנישט געהאָלפן. זיי האָבן אהרנען אָפּגע־שטויסן פון דער טיר, אויפגעבראָכן זי. ס'איז געווען אַ צוזאַמענגעלויף אויף די שטיגן; נישט נאָר די שכנים פון הויז, נאָר פון די אַרומיקע גאַסן; געלעכטער־לעך, שפּיציקע רייד, אָנצוהערענישן.

דער נייער פאָרזיצער פון נאַציאָנאַל־ראַט איז סיי ווי לאַנג נישט פאַרבליבן אויף זיין אַמט. „כ׳וויל זיך נישט מישן... — האָט ער געזאָגט, ווען אהרן איז געלאָפן צו אים — ס׳איז אַ שמוציק שטיקל אַרבעט“... פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן די סקאַנדאַלן אין הויז, אין קאָרידאָר. דער נייער לאָקאַטאָר איז אַהיימגעקומען שיכור, געזידלט די „זשידעס“, וואָס פאַרכאַפּן פוילן“. די שכנים האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָלעקטיווע ביטע צו באַזייטיקן אים פון הויז. אהרן האָט געשריבן צו די וואָיעוואָדישע אַמטן אין וראָצלאַוו. פון אומעטום זענען געקומען ענטפערס, אַז דער ענין וועט דורכן נאַציאָנאַל־ראַט אויסגעפאָרשט ווערן. אין דער פּראָקוראַטור האָט מען געענטפערט: „דער שטראָף־קאָדעקס איז אין דער דאָזיקער הינזיכט נישט פולקום... מ׳וואָלט באַדאַרפט פאַרפירן אַ פּראָצעס, אָבער קיינער האָט נישט אַריינגעטראָגן קיין אָנקלאַגע“... דער וואָיעוואָדישער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט געגעבן אַן אָנווייזונג צו ליקווידירן דעם גאַנצן ענין. דער שטאָטישער קאָמיטעט האָט געשאַפן אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער שטאָטישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט... די ביוראָקראַטישע מאַשין האָט זיך שווער גערירט פון אָרט.

ס׳האָט געטראָפן, אַז ווען אהרן האָט זיך פאַרנאַכט אומגעקערט פון גאַס, האָט ער באַמערקט אַ נישט געוויינלעכע אומאָרדענונג אין צימער; ווי עמיץ וואָלט זיך אַריינבאַקומען מיט אַ נאָך־שליסל, כאָטש פאַרן אַוועקגיין האָט ער, דוכט זיך, אַלץ צוגעקליבן און אויפגערוימט. ער איז אַ פּינקטלעכער. ביי אים האָט יעדע קליינינקייט געמוזט ליגן אויף אַן אָרט. און אפשר האָט ער זיך פאַרגעסן, אין איילעניש? ס׳זענען, למשל, געלעגן אויפן טיש די פאַרצייכענונגען פון אַרבעטס־פּלאַן אין שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו. די פּאַפּירן זענען געווען צעוואָרפן; אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געוואַלגערט אַן אָפּגעבראָכענער שפּיץ פון אַ בלייפעדער; ווי עמיץ וואָלט דאָ געפּרוווט איבערשרייבן פון די פּאַפּירן. די פּאַפּירן האָבן נישט פאָרגעשטעלט קיין שום סודות; ציפערן וועגן אונטערשייד אין פאַרברויך פון באַזונדערע רוי־שטאָף־אַרטיקלען פון שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו, אין פאַרשיידענע חדשים פון יאָר. מ׳האָט עס געדאַרפט אַריינפירן אין די אַלגעמיינע ביכער. מ׳האָט די ציפערן לייכט געקענט באַקומען אין דער בוך־פירונג. ווער האָט געקענט זיין פאַראינטערעסירט צו באַקומען אויף אַזאַ וועג די ציפערן?

ס׳איז אים נישט באַלד איינגעפאַלן, אויף אַזוי ווייט האָט ער זיך נישט געריכט. אָבער געקומען איז אים אויפן געדאַנק, אַז אויב די ציפערן זענען עמיצן נויטיק געווען צו באַקומען נישט אויפן גלייכן וועג, איז עס זיכער פאַר טונקעלע צוועקן. ער איז שוין רואיק נישט געשלאָפן די נאַכט. צו וועמען לויפט מען באַצייטנס וואָרענען, אַז מען רייסט זיך אַריין צו אים אין שטוב? ווייל ס׳איז קלאָר געווען, אַז רישעות... נאָר ער. אָבער ער האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. דעם יונגן בחור פון דער זיכערהייטס־אָפּטיילונג, וועלכער האָט פריער דאָ געוווינט, האָט עס אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער איז אַרויפגעקומען אַרומקוקן זיך. גיכער, האָט ער געזאָגט, איז עס אַ כיטרע שפּיצל פון אַזאַ פאַרשוין; און ער האָט באַשטימט צו געפינען אַ געלעגנהייט אַריינצוגיין צו אָט דעם רישעון אין צימער. ווען נישט די געשיכטע מיטן אַנאָנימען בריוו, ווו ס׳ווערט געזאָגט, אַז די זיכערהייטס־דינסט דאַרף זיך פאַרנעמען מיטן יידישן לאָקאַטאָר,

וואָס זעט אויס צו זיין פאַרדעכטיק... ער פאַרזיכערט צוזשטעלן מאַטעריאַלן, אַז ער איז פאַרבונדן מיטן... אויסלענדישן שפּיאָנאַזש... ער האָט געלאַכט, דער יונגערמאַן:

— כ׳וואָלט אים געוואָלט באַקענען, אָט דעם רישעוון.

— כ׳מיין — האָט אהרן געזאָגט — אַז פאַר אייך איז עס מעגלעך.

ס׳איז אָבער געגאַנגען אין דעם, אַז דער רישעוו זאָל זיך נישט כאַפּן ווער ער איז. ער וועט זיך פאַרשטעלן, האָט ער באַטראַכט, פאַר אַן אינזשיניער; אַז ער וויל פאַר זיך אַליין אויסרעמאָנטירן די ליידיקע דירה, אויפן דריטן שטאָק און דאַרף באַטראַכטן די פעסטקייט פון די ווענט. איז ער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אין ערגעץ נישט באַמערקט קיין שום פאַרדעכטיקס — פּשוטע מענטשן, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע אין די אינסטיטוציעס. וועגן אהרנען האָבן זיי כמעט אַלע געריידט מיט דרך־ארץ — אַ שטילער מענטש, קומט אַהיים פון דער אַרבעט, לייענט, הערט ראַדיאָ און אין אָוונט גייט ער אַוועק אין קלוב.

אָבער אין צימער פון דעם רישעוו האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אַריינצוקו־מען. ער האָט איינמאָל אַ קלאַפּ געטון, האָט מען אים פון הינטער דער פאַרמאַכ־טער טיר געפרעגט: ווער איז? דערנאָך האָט זיך געהערט אַ בייז ברומען.

— אַזאַ גרוביאַן! — האָט אים אהרן דערציילט — אויף קיין גוט־מאָרגן ענטפערט ער נישט... אַזאַ איז פּעאיק אויף אַלץ...

דער רישעוו האָט געאַרבעט אין אַ מלוכהשער בוי־אונטערנעמונג. ס׳איז לייכט געווען צו באַקומען די מיינונג פון דער דירעקציע וועגן זיין אַרבעט, זיין אויפפירן זיך — שיכורט, אַראָגאַנט, נישט דיסציפּלינירט. אָבער די ערשטע שורה פון זיין ביאָגראַפיע האָט דעם יונגנמאַן מער פון אַלץ צערודערט. זיין געבוירן־אָרט — דאָס דאָרף זאַלעשיע, לובלינער קרייז. ער אַליין איז דאָך דאָרט געבוירן. ווייטער האָט ער זיך פאַרגעשטעלט ווי אַ זון פון אַן אָרעמען פויער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעצויגן קיין לובלין, געאַרבעט אַלס מויערער און איז אומגעקומען דורך די דייטשן...

ער האָט אַלץ געזוכט אַ געלעגנהייט דורכצושמועסן זיך מיט דעם רישעוון, ס׳וואָלט אָבער גוט געווען דער שמועס זאָל אויסזען צופעליק; און ער האָט געפונען עפּעס אַן אומשולדיקע סיבה צו רופן אים צו זיך. ער איז געקומען פאַרשפּע־טיקט, רישעוו, דער, וואָס איז געבוירן אין דאָרף זאַלעשיע... ווען ער האָט אויפגעמאַכט די טיר אַריינצורופן אים, האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אים אַנט־קעגנגעגאַנגען אַ מאַן מיט אַ רויטלעך פּנים, מיט אַ ווייסן שראַם אויף דער רעכטער באַק. אַ רגע האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען. ער האָט דער־הערט, ווי פון זייער ווייט, אַ באַקאַנט קול:

— כ׳בין עאוגעניוש רישעוו... כ׳דאַרף זיך מעלדן...

— ניין, איר זענט נישט עאוגעניוש רישעוו... איר זענט פּשאַדאָווניק... מיר וועלן אייך באַלד זאָגן אייער ריכטיקן נאָמען...

די שטים פון באַאַמטן האָט געמוזט קלינגען זייער אויסטערליש. אַלע, וואָס זענען געזעסן אין פאָדער־צימער, האָבן זיך האַסטיק אויפגעשטעלט; אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָ שטייט אַ געפערלעכער פאַרברעכער.

דער יונגערמאַן האָט זיך געגוי דערמאָנט: זייער כאַטע אין דאָרף זאַלעשיע איז געשטאַנען האַלב־איינגעזונקען, אין אַ זייט פון פּאָוויאַטאָוון שליאַך. דער טאַטע איז געווען אַן אָן־ערדיקער פויער, האָט געהאָרעוועט אין פּריצס הויף אויסצוהאַלטן די משפחה. מלחמה־צייט זענען געקומען עטלעכע יידן פון לובלי־נער געטאָ אויסבאַהאַלטן זיך. יעדן אָוונט, ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער, האָט ער זיי געטראָגן עסן אין דער באַהעלטעניש. איינמאָל זענען געקומען פּאָ־ליציאַנטן. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. דער פּשאַדאָווניק האָט זיך צוגע־טשעפּעט צום יינגל; אַ קינד, האָט ער געמיינט, אַז ער וועט ביי אים לייכט אַרויס־קריגן דעם סוד. ווען דער אַלטער איז פאַרנאַכט אַהיימגעקומען און זיך דער־ווּוּסט, האָט ער געשוויגן, געביסן זיך די וואָנסן. די מאַמע האָט געטוליעט צו זיך ס׳קליינוואַרג. נאָך האַלבער נאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין לאָדן. עס זענען גע־קומען דייטשן, צוויי מיליציאַנטן און דער פּשאַדאָווניק; ער איז געווען רויט פון צאָרן, דער פּשאַדאָווניק, ביז צום ווייסן שראַם אויף דער רעכטער באַק. ער האָט באַפוילן אַלעמען אויסשטעלן זיך ביי דער וואַנט. „מ׳עט אייך אַלע אויסשיסן! — האָט ער געברילט — אויב איר וועט נישט אָנווייזן ווו די „זשידעס״ באַהאַלטן זיך אויס!״... אַלעמענס דערשראָקענע אויגן זענען געווענדעט צום אַלטן; ער האָט שווער געשוויגן. דער פּשאַדאָווניק האָט אים דערלאַנגט מיט דער פויסט אין פּנים אַריין און ער האָט געשוויגן. פון דער נאָז, פון שטערן איז אים גערו־נען בלוט און ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט.

ביז היינט איז פאַר אים אַליין נישט קלאָר, ווי אַזוי ער, דאָס יינגל, איז אַרויס לעבעדיק אין יענער נאַכט; ווי אַזוי ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, דער רויך האָט געגומען שטיקן. די כאַטע איז געשטאַנען אין פלאַמען. ער איז אַראָפּגעשפרונגען, דערקריגן זיך צום שכנותדיקן הויף. דאָרט האָט מען אים פאַר־שטעקט ביז פאַרטאָג. ער איז געלעגן אין אַ קעלער און דערנאָך אַנטלאָפן אין אַן אַנדער דאָרף.

פופצן יאָר... אָבער פאַר די אויגן שטייט אים נאָך דאָס רויט־צעיושעטע פּנים פון פּשאַדאָווניק מיטן ווייסן, טיפן שראַם אויף דער באַק. באַלד נאָך דער באַפרייאונג האָט ער געאַרבעט דאָ אַרום, אין די קוילן־גרובן, איז אַוועק אין מילי־טער, געשיקט געוואָרן אויף אַ קורס אין דער אָפיצירן־שול, דערנאָך איז ער אַריינגעטרעטן אין דער מיליץ. ער האָט דאָ געוווינט אין שכנות. ביז ס׳האָט זיך אַריינגעריסן אַהער אָט דער עאוגעניוש רישעוו.

# קאַפּיטל אַכצן

ס'איז שווער געוואָרן צו אָטעמען אין אָט דעם שיינעם, מאָלערישן שטעטל ביי דער ניסע, ערב און נאָכן 20־טן קאָנגרעס אין מאָסקווע. ס'האָרץ האָט ווייגעטון — ס'שטילע הויז... די חברים... דער קלוב... די שול... אהרן האָט זיך צוגעקוקט, ווי אַלץ פֿאַלט זיך ווידער פונאַנדער. מענטשן לויפן, לאָזן איבער די דירות, די קאָאָפּעראַטיוון, דעם קלוב. נישטאָ דאָס געדולד, די זיכערקייט. ס'איז באַנג געוואָרן צו טראַכטן, אַז מ'וועט ווידער דאַרפן נעמען די צעשטויסענע וואַליזע אין האַנט אַריין און לאָזן זיך אין וואַנדער. וווהין ווידער וואַנדערן?

מיטן שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך אײַנגיכן אויך טרויעריק אויסגעלאָזן. פּאַר־עטלעכע־יאָרן, ווען מ'האָט יידן געדרופן צו גיין אין די גרויסע פֿאַבריקן, אין דער שווער־אינדוסטריע, אויף ערד, זענען אַ סך אַוועק, אַפילו אין די קוילן־גרובן, צווישן זיי אַלטע פּאַרטייער; פּונקט ווי אַ סך זענען אַוועק מיטן שטראָם קיין ישראל. די לײַדיקע פּלעצער אין קאָאָפּעראַטיוו זענען טיילווייז באַזעצט געוואָרן מיט די אָנגעפּאָרענע פּאָליאַקן פון די ווילנער און לעמבערגער קאַנטן, איבערהויפּט מיט פרויען. ער איז אָבער פאַרבליבן, אהרן; ער איז פאַרבליבן ביי די שלייף־מאַשינען, ביי די קאַנאַן־מאַשינען, ביי דער סירזשעטעז. אונטער זיין האַנט איז אַרויס אַ שיין שטיקל אַרבעט, פון גוטער קוואַליטעט, אָן שום בראַק כמעט. ער האָט זיך אויך גוט שוין אויסגעקענט אין דער מעכאַניק און טאָמער איז עפּעס דאָרט קאַליע געוואָרן אַ קלייניקייט, האָט מען נישט באַדאַרפט אָנקומען אויפצוזוכן דעם הויפּט־מעכאַניקער. אויסער דעם — אין דער ביוראָ, ביי די פאַרפּלאָנירונגען און חשבונות. פון די אַלע יידישע שטריקערס, וואָס האָבן באַלד אין אָנהייב מיט די אייגענע הענט אויפגעבויט דעם קאָאָפּעראַטיוו, צוזאַמענגענומען אַלטע טיילן פון מאַשינען פון אונטער די חורבות, פון די באָמבאַרדירטע דייטשע פאַבריקן, זענען איצט די מערסטע געווען נישט־יידן.

די זעלבע, וואָס האָבן אויף דער פייערונג לכבוד זיינע פופציק יאָר ערשט נישט לאַנג אַזוי פייערלעך געהויבן דעם בעכער, גערעדט וועגן זיין „וועג אַלס רעוואָלוציאָנער", האָבן אַלע צוזאַמען אונטערגעכאַפּט דאָס ליד „סטאָ לאַט", האָבן אים אין די לעצטע וואָכן אַזוי ווי נישט געזען מער, פאַרביי און אַזוי ווי נישט באַמערקט אים. מ'האָט אויך גענומען קלינגען צו אים:

— ווען, בירגער, ציט איר זיך אַרויס פון אייער דירה?...

— כ'צי זיך נישט אַרויס! — האָט אהרן מיט כעס אַריינגעשריגן אין טרייבל.

— איר פאָרט נישט קיין פּאַלעסטינע?...

— צי קען מען וויסן ווער ס'איז ביים טעלעפאָן?

מ'האָט נישט געענטפערט, באַלד אָפּגעהאַקט.

פון צענטער האָט זיך שוין לאַנג קיינער נישט געוויזן. זיי האָבן נישט געוואָלט ווייזן זיך פאַרן אויפגערעגטן עולם. זיי האָבן דאָרט אויך געהאַט גענוג אייגענע קאָפּ־פאַרדרייעניש; און אהרן האָט באַשלאָסן אַליין אַריבערצוכאַפּן זיך קיין וואַרשע.

אין דעם לעצטן זומער איז מען זיך ווידער צונויפגעפלויגן פון אומעטום אין געזעלשאַפטלעכן הויז, אויף דער אָטוואָצקער ליניע. ס'איז מיט דער צייט שוין געוואָרן אַ שטיקל טראַדיציע. ס'האָט דאָרט שיער נישט אויסגעזען ווי אַמאָל, ווען די שטעטלעך צווישן די זאַמדן, סאָסנעס און ווילעס האָבן אין די הייסע זומערן געראַנעשט מיט יידישע געזינדלעך, קינדער־קאָלאָניעס. אַהער האָט זיך די יידישע עליטע סוף וואָך אַראָפּגעכאַפּט. דאָס רוישיקע הויז איז געשטאַנען אין מיטן סאָסנע־וואַלד; אַ ביליקע אָפּרו־קאָלאָניע. טוער פון קאָאָפּעראַטיוון, פון פאַרבאַנד, פון ווייטן שטשעטשין, פון נידערשלעזיע, פון לאָדזש, פון וואַרשע גופא, האָבן דאָ געהאַט אַ געלעגנהייט אַביסל צו מוטלען, צווישן היימישע, אין די לעבלעכע, מחיהדיקע טעג און אָוונטן; און וועגן וואָס צו קאָכן זיך האָט אין יענע טעג נישט געפעלט.

אהרן האָט זיך, ווי זיין טבע, פון דער זייט צוגעהערט צו די רייד פון די יידן. דאָס זענען געווען מענטשן, געפּרוווטע. זיי האָבן, נאָך אַלע שטורעמס, געהאָלפן בויען דעם ישוב, געדולדיק געהאָפט, אַז אַלץ וועט זיך סוף כל סוף איינשטילן, סטאַביליזירן. ווער האָט זיי געקאָנט טרייסטן מיט שיינע צוזאָגן? אָט די געפּרוווטע מענטשן האָבן דאָרט אַמאָל, אין די שטעטלעך, ביז שפּעט ביינאַכט, שפּאַצירנדיק אויף די שאָסייען, אָדער פאַרשפּאַרט אין די ענגע, קאָנספּיראַטיווע בוידעם־שטיבלעך, אָדער אין זייטיקן צימער פון דער פּרץ־ביבליאָטעק, געחלומט וועגן דער נייער, גערעכטער אָרדענונג, וואָס וועט קומען. זיי האָבן זיך געקאָכט וועגן כינע, וועגן דייטשלאַנד, וועגן שפּאַניע, אין פייער פון מלחמות און רעוואָלוציעס. שפּעט איז מען זיך צעגאַנגען אין די שטובן אַריין און יעדן איינעם איז נאָכגעגאַנגען די ווייטע, זיסע בענקשאַפט. וואָס פאַראַ תכלית איז דען געווען צו דערוואַרטן אין יענע אַרבעטסלאָזע שטעטלעך, לעבן טאַטנס געוועלבל? ביי דער ערשטער געלעגנהייט, האָט מען זיך אויפגעכאַפּט אויף א אַ פורל, פאַרפאַלן צו ווערן אין די גרויסע שטעט. צי האָבן זיי דען דעמאָלט געאַנט, אַז ווען די יידישע שטעטלעך וועלן שוין לאַנג זיין אָפּגעמעקט פון דער ערד, וועלן נאָך די כינעזער שטיין אין קאַמף און — לעבן? אָבער דעמאָלט, ווען מ'האָט זיך געוואַלגערט, צעשאָטן אין די סאָסנע־וועלדער, אויף די „מאַסוווקעס", אויף די „פּאַד־פּונקטן", איז מען יונגער געווען; די שטערן איבערן קאָפּ זענען געווען הויך און הייליק; מ'איז געווען עקזאַלטירט, פאַרליבט, כאַטש אַ ליבע אויפן הפקר פון ווינט.

די יידן־ריינע שטעטלעך מיט די פּוסטע מאַרק־פּלעצער... עס זענען אויפסניי אויפגעבויט געוואָרן די צעשטערטע קירכעס, די ראַט־הייזער, די היסטאָרישע פּאַלאַצן. יידישע וואַלד־סוחרים, סאַדאָווניקעס, דאָרף־הענדלער, מעקלערס, באַלעגאָלעס האָבן געצויגן איבער די פּוילישע שטויביקע וועגן און שאָסייען. היינט איז דאָרט פּוסט. מיר דאַרפן, הייסט עס, פאַרשווינדן, פריי מאַכן דעם פּלאַץ, נישט־ווערן, נישט פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס. מיר זענען געווען אַן עלע־

מענט פאַר ברויז, פאַר קאַמף, פאַר מאַכן רעוואָלוציעס. דער פּעריאָד איז אַרי־בער. ס'איז די צייט פון בויען, פון קאַמף מיט די רעשטלעך פון נעכטן, מיט די אייגענע שוועריקייטן. און מיר — מיר שוועבן נאָך אַלץ אין דער לופט. ווער איז געווען אונדזער פּראָלעטאַריאַט? — די ביטערע יידישע אָרעמקייט. די אייגענע טאַטעס האָבן מיר פאַרמשפּט „צום אונטערגאַנג" — קליינבירגער... דעקלאַסירטע עלעמענטן... אונדזערע טאַטעס זענען פון אַלע זייטן פאַרמשפּט גע־וואָרן. זיי האָבן גערופן צו אַ העכערער קראַפט פון גערעכטיקייט און מיר האָבן זיי נאָך צוגעשטויסן מיטן פוס. מיר זענען אָבער אַ ל ע פאַרמשפּט געוואָרן.

— מיר זענען פאַרמשפּט צו פאַרלאָזן דעם טויזנט־יאָריקן יידישן ישוב אין פּוילן... — האָבן זיי גערעדט מיט וויטיק — פּוילן אָן יידן! פאַרסט פאַרביי טשענסטאָכאָוו, ראַדאָם, קעלץ, גאַרוואָלין... פּוסט, מען זעט נישט קיין יידן...

— סאָציאַליסטישע אָרדענונג פאַרענטפערט נאָך גאָרנישט — דאָס צו־זאַמענלעבן צווישן פעלקער, וואָס זענען אַזוי אַנדערש, וואָס פאַרטראָגן זיך ממש נישט פיזיש. פאַרפאַלן, מיר מוזן לעבן באַזונדער.

— מיר ווערן איבערראַשט פון אַ גוט וואָרט, וואָס פאַרפליכטעט צו גאָר־נישט.. מיר בויען אויפן זאַמד. מיר נעמען זיך איבער מיט פייערלעכע רעדעס. מיר שטייען מיט דער אַלטער יידישער שתדלנות פאַר די נייע פירער און בעטלען אויס אַ שטיקל פּריווילעגיע. מען לאָזט נישט לעבן און מען לאָזט נישט פאַר־שווינדן...

אין בלויען, שמעקנדיקן אָוונט, צעלייגט צווישן די סאָסנעס, האָט זיך אהרן צוגעהערט צו די הייסע, ביטערע רייד פון די יידן. ס'גע̇מיט איז שווער געווען. ער אַליין איז נישט געלאָפן אויף קיין באַקוועמע פאָסטנס. ער איז אַוועק קיין נידער־שלעזיע, אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, צווישן יידן. ער האָט זיך צוריק גענומען צו אַ פאַך; די אינערציע פון טאַטעס, פון זיידעס, די פּראָסטע באַלמעלאָכעס, זייער זכות איז אים בייגעשטאַנען. די האַנט האָט זיך מער נישט געלייגט צום שרייבן — פּראָזן. ווער דאַרף אונדזערע לידער? דאָרט, אין דער שטילער פּראָווינץ, האָט מען גיכער געקענט טראַכטן. מען גייט מיט אַ לאַנגזאַמען, באַדאַכטן שריט אויף אַ זייטיקער סטעזשקע, מיט אַ שטרויעלע אין מויל. ער איז שוין לאַנג מיד געווען פון די גרויסע שטעט. ווען זיי לאָזן כאָטש לעבן... אין שטילן דאַטשע־שטעטל, צווישן די סאָסנעס, איז מען ביז שפּעט אָפּגעזעסן אויף די בענק, הינ־טער די פענצטער פונעם הויז. מיט איבער 20 יאָר צוריק אַוודאי איז ער מיט יאַנעקן אויך איינמאָל אַזוי אַ האַלבע נאַכט אַרומגעקראָכן איבער די גאַסן פון וואַרשע. ס'האָט זיך אַלץ נישט געגלוסט אַראָפּצוגיין צו דער מומע דאָבע אין קעלערל. וויפל בענקשאַפטן האָבן געשטיקט! ווער קען עס דען פילן, וואָס מיר פילן? מיר בענקען נאָך דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט, צו אַן אַרומ־געבראָכן סקווערל, אין שיין פון דער פולער לבנה; מיר בענקען נאָך די זומערן און ווינטערן אַרום „מורדזשיעל" מיר זענען קראַנק פון בענקשאַפט. די נעכט אונטער די פּוילישע הימלען זענען אונדזער גרויסע, אפשר די גרעסטע בענק־שאַפט. אומעטום, אויף אונדזער וואַנדער, האָבן מיר געלאָזן אויסגיין אַ טראָפּן פון אונדזער גרויסער בענקשאַפט.

מיט וואָס אָבער קערט מען זיך אום צום שטעטל ביי דער ניסע? ער האָט זיך אומגעקערט פאַרשולדיקט קעגן די יידן. מען קען נישט לאָזן אַלעמען אין דער בהלה און אַליין אָפּטראָגן זיך. ער וועט זיך אַדורכרעדן מיט דער פאַר־וואַלטונג אָפּן, אָן באַהעלטערלעך. די פאַרוואַלטונג מוז רעאַגירן. די נאַכט אין באַן צוריקוועגס איז ער נישט געשלאָפן. די בריקן איבער דער ניסע איז ער אין דער פרי פאַרביי אײַלנדיק, כאָטש ס׳איז שוין געווען אין זיין טבע אַלעמאָל זיך צו פאַרהאַלטן אַ רגע ביי דער פאַרענטשע און נאָכקוקן ווי אײַליק דער פאַרדריי פון רייסיקן טייך שווענקט די הייזער, די פרוכט־סעדער, ביז טיף אַראָפּ. ס׳איז געווען פּייערלעכקייט אין געאייל פון די רוישיקע וואַסערן צווישן די ביימער און הייזער. ס׳האָט באַרואיקט, אַריינגעוואָרפן אין טרוימערײַ. ווי ליב דער רויש איז אים געווען, איז ער אים פאַרגעקומען פרעמד. ס׳איז פּײַנלעך קלאָר געווען, אַז ער וועט שוין אויך דאָ נישט פאַרבלייבן.

ער האָט נישט געפילט, ווי דאָס רעגנדל גיסט אויף אים; אויפגעהויבן זיך די טרעפּלעך און אַדורך דעם לאַנגן קאָרידאָר. די שויב אין דער ביוראָ איז שוין געווען ליכטיק. אַזוי פרי איז דער סעקרעטאַר קיינמאָל נישט געקומען. ער האָט אים געוואָלט אויסמיידן און איז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, צום פאַר־וואַלטונג־ און זיצונג־צימער. ער האָט אָנגעקלאַפּט. סטאַשעק איז שוין געווען הינטערן ביוראָ־טיש און האָט נערוועז געבלעטערט די פרימאָרגנדיקע „טריבונאַ לודו". אהרן האָט אים געזאָגט „גוט מאָרגן". יענער האָט אָבער עפּעס אַ בורטשע געטון אונטער דער נאָז און אויפגעהויבן דעם בליק פון דער צייטונג, אַ צע־שטרייטער בליק, איבעררואַשט, אַביסל פאַרשעמט. ער האָט זיך, זעט אויס, נישט געריכט אויף אים. אומגעבעטן האָט זיך אהרן אַראָפּגעלאָזן אין זעסל פּונקט קעגנאיבער סטאַשעקן.

אַזוי איז אהרן זיצן געבליבן ביים ביוראָ־טיש מיט שווער־אַראָפּגעלאָזענע הענט. ער האָט אַלץ אַליין געוואָלט פאַרשטיין מיטן פשוטן שכל. וואָס האָט זיך דאָ געענדערט אין שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו אויפן נאָמען פון גרשון דוא? אָבער דער וויטיק האָט פאַרנעפּלט דעם קלאָרן געדאַנק. די מענטשן זענען ביסלעכ־וויַיז אַוועק ווייט איינער פון אנדערן. סטאַשעק האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס, אָן איין וואָרט. אהרן האָט זיך שווער אַ הייב געטון פון זעסל, אַרומגעבליקט די ווענט, באַקלעפּט מיט דיאַגראַמעס, מיט דער לעצטער פאַרגעלטער וואַנט־צייטונג. זי האָט דערציילט פון שלאָגלער, פון פאַרדינסטן, פון נייע פאַרמעסטן. מיט אַ יאָר צען צוריק האָבן זיך דאָ צונויפגענומען אַ פּאָר יידישע באַלמעלאָ־כעס; זיי האָבן צונויפגעשלעפּט פון אונטער די חורבות טיילן פון אַלטע מאַ־שינען אין דעם שטעטל פון דייטשער וועבעריי, ביי דער ניסע, צוזאַמענגע־שלעפּט אַביסל וואָל, אַביסל גאָרן און ס׳איז אַוועק אַן אינטענסיווע אַרבעט. די מאַשינען האָבן געקלאַפּט. די אַרומיקע צימערן זענען פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַרבעטס־זאַלן, ביז אַרויף, ביז צום פערטן שטאָק.

אויף איינציקע פאַרדריסט אים גאָר שאַרף — זיי ווילן נישט געדענקען; ווי געוויסן, ווען גערעכטיקייט! זיי געדענקען פונדעסטוועגן גוט אָט דעם אָפּגעלאָ־זענעם בנין. ווען יידן האָבן גענומען לויפן איבער דער גרענעץ, קיין ישראל, איז צוגעקומען פראַנטשישעק, יאַן, יאַדוויגאַ. זיי זענען אַלעמאָל געשטאַנען אין

צענטער פון דער פּראָדוקציע, פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איבער 200 מיטגלידער זענען אויסגעוואַקסן פון די פּאָר יידישע שטריקערס. אויף די אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונגען איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אויפזיכט־ראַט, וועלכער האָט נאָכדעם אויסגעקליבן די פאַרוואַלטונג און קאָנטראָלירט די אַרבעט. יעדע פאַר־זאַמלונג האָט אונטערגעשטראָכן די צעמענטירטקייט פון קאָלעקטיוו. ס׳איז גע־וועזן מיט וואָס צו זיין צופרידן, אַפילו שטאָלץ. דאָס לעבן איז געוואָרן אַביסל לייכטער. און דאָ, מיטאַמאָל...

מ׳האָט זיך געגרייט צו דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. אהרן האָט געשריבן דעם באַריכט. פאַר די איבער צען יאָר זענען אויסגעפירט געוואָרן די פּראָדוקציע־פּלענער, קיין איין בילאַנס איז נישט פאַרמאַכט געוואָרן מיט היזק, אַלעמאָל איז פון ריווח געווען אַ דרייצנטע, אָדער אַפילו אַ פערצנטע פּענ־סיע, נאָך אַ יאָר אַרבעט. אין קאַסע איז פאַרבליבן גענוג איבעריק געלט אויף סאָציאַלער אַרבעט, אויף קולטור און בילדונג. אמת, נישט אַלץ איז לייכט אָנגע־קומען — אַ מאַשין, טיילן צו אַן אַלטער מאַשין, רוישטאָפן, אויסגעפינען נייע, נישט־אויסגענוצטע, אַרטיקע רעזערוון, באַזונדערס נוצלעכן אָפּפאַל. צו באַקומען רוישטאָפן האָט מען זיך אָפט באַדאַרפט ווענדן צו די העכערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטאַנצן. עס זענען געווען ביוראָקראַטישע פאַראָרדענונגען און אינסטרוק־ציעס. אַלץ, כדי לייכטער צו מאַכן די אַרבעט, פאַרבעסערן די פּראָדוקציע, זען, אַז די פאַרדינסטן זאָלן נישט זיין קיין נידעריקערע. און נאָך דעם אַלעם, זענען די ציפערן צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אימפּאָזאַנטע.

אַזאַ שווער געמיט איז ביי אהרנען לאַנג נישט געווען. ער האָט געגרייט דעם באַריכט פון דער פאַרוואַלטונג צו דער וואַל־פאַרזאַמלונג. גוטע רעזולטאַטן, נייע דערגרייכונגען, אויסגעפילטע פּלענער, ריווח. אָבער אינעווייניק טאָטשעט אַ וואָרעם. די פּנימער אין זאַל צעשווימען זיך פאַרן בליק. מ׳דאַרף שרייען און דאָ זיצט ער ווי געליימט. ער פילט אויף זיך פון נעפּל ארויס די בליקן פון די יידן. זייערע הענט ציטערן; די הענט, וואָס האָבן דאָ אַלץ געהאָלפן אויפבויען. צי וועלן זיינע ווערטער טרעפן צום באַוווסטזיין ? וועלן זיי שטימען פאַר די, וואָס זענען באַרופן אָנצופירן מיטן קאָאָפּעראַטיוו ? צי האָט עס דען ווייטער אַזוי בכלל אַ זינען ? אויב וועט דער יוזעף זיך ווידער אַריינגליטשן, איז אַלץ פאַרלוירן. ער האָט געפילט ווי אַלע זענען זיי היינט געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, ווי צום יום־הדין, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אָן גלויבן, שטום.

נאָכן באַריכט, ווען ס׳האָבן אויפגעהערט די האַנט־פּאַטשערייען, האָט זיך זיך אהרן א רגע אפילו דערפילט שטאָלץ. אָבער אָט נעמט דער פּאַן יוזעף, דאָס סעקרעטאַרל, אַ וואָרט און פּאָדערט, אַז אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן זאָלן נישט זיין קיין... פרעמדע בירגער, ס׳זאָל רעגולירט ווערן לויטן „נאַציאָנאַלן שליסל“... און ס׳קליינע פּוילישע מיידל, אָנשטאָט צו אַנטשולדיקן זיך פאַרן באַ־ליידיקן די פרוי מרים ביים ארבעטס־טיש, דערציילט זי גאָר מיט אַ שפּיציק שטימעלע וועגן... אַ קריסטלעך קינד, וואָס זי האָט ביי איר אין שטעטל געזען אַריינוואַרפן אין אַ פּעסל, באַשלאָגן מיט טשוועקעס, און ווי די יידן האָבן דאָס פּעסל געקייקלט איבער די גאַסן...

קיינער האָט מער דאָס מויל נישט געקענט אויפמאַכן. אָבער פון ווינקל, וווּ עס זענען געזעסן עטלעכע וואָנסיקע פּוילישע אַרבעטער, האָט מען פּלוצים גענומען שרייען: „אַראָפּ!... דו שציערווע!"... דאָס מיידל איז געשטאַנען ביים עק טריבונע, איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן. זי איז געווען בלאַס, איז ארונטער מיט אַ צעפלאַמט פּנים...

אָבער דער רעזולטאַט פון דער געהיימער אָפּשטימונג איז אויסגעפאַלן — מאָדנע. צוויי לאַגערן זענען געשטאַנען קעגנאיבער זיך. ביידע האָבן אַרויס־געשטעלט קאַנדידאַטן. איין טייל האָט פאַרגעלייגט אַויסצודריקן צוטרוי דער אָפּטרעטנדיקער פאַרוואַלטונג, צו שטימען פאַר די געוועזענע מיטגלידער; דער קאַלעקטיוו האָט אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל. כמעט אַלע שטימען זענען געווען פאַר דער געוועזענער פאַרוואַלטונג און דער פאַן יוזעף האָט זיך אָפּגעטראָגן פון זאַל מיט חרפּה.

דער ענין מיטן מיידל איז אַוועק אין דער פּראָקוראַטור, אין די געזעל־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אָבער ס'האָט זיך פאַרשלעפּט. אין קאָאָפּעראַטיוו גופא האָבן זיך שוין געפונען „אַדוואָקאַטן". ס'איז געווען קלאָר: אַ צוגעגרייט שטיקל אַרבעט. מ'האָט זיך מער נישט געקענט קוקן אין די אויגן אַריין. ס'איז געווען די שטילקייט ערב אַ שטורעם.

צו דער פאַרוואַלטונג זענען אַריינגעפלאַסן עטלעכע ביטעס פון יידן: „היות מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין ישראל, בעטן מיר אונדז אויסצוצאָלן די „פּאַיען". אהרן האָט געהאַלטן די ביטעס אין דער האַנט. ווי די פינגער וואָלטן אים געבריט. אַ שאָד, נאָך אַזויפיל יאָרן אַרבעטן צוזאַמען, צו שיידן זיך מיט די מענטשן. גוטע אַרבעטער, אַלטע פאַכלייט נאָך פון וואַרשע, פון לאָדזש. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן. מ'קען די מענטשן נישט אַוועקלאָזן מיט ליידיקע הענט. צו דער זיצונג איז ער געקומען מיטן פאָרשלאָג — אויסצאָלן די, וואָס פאָרן אַוועק, אַנט־שעדיקונג פאַר 3 חדשים, חוץ דעם חלק אין ריווח און זייער „פּאַי". די פאַרוואַל־טונג און דער אויפזיכט־ראַט זענען מסכים געווען. די העכערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטאַנצן האָבן דעם באַשלוס באַשטעטיקט.

אָבער אונטן, אין די אַרבעטס־האַלעס, האָט עמיץ שוין געוווסט צו דערציילן, אַז די יידן צעטיילן צווישן זיך דעם שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו... די מורמלעריי איז אַדורך אַלע פיר שטאָקן. ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען אַוועק אין דער פּאַרטיי, אין וואָיעוואָדישן קאָאָפּעראַטיוו־פאַרבאַנד, אין צענטראַלן בראַנזשע־פאַרבאַנד און וווּ נישט? ס'האָט געקאָכט. ווי אַ וואַנט איז איבער נאַכט אויסגעוואַקסן צווישן די מענטשן.

אַ ניי לעבן, נייע אינטערעסן — אַלץ איז ווידער געלעגן אין שטויב. די קינדערלעך, דער קלוב, די שול. ווידער לויפן אין פּאַניק. מען קען נישט זאָגן, די מלוכה האָט אין אַכט גענומען, איז אַנטקעגן געקומען. אָבער — די ווינטן, וואָס בלאָזן. ווי לאַנג איז דער שיער צו זיין אָפּהענגיק פון נייע ווינטן?

# קאַפּיטל ניינצן

ווען אין די פאַרשטעט פון וואַרשע האָבן אין די אָקטאָבער־פּאַרטאָגן שווער געראַלט די סאָוויעטישע טאַנקן, איז דער גרויער מאַן גלייך פון דער תפיסה־צעלע, אַרויסגערוקט געוואָרן אויבן אָן. אַרבעטער, סטודענטן, לערער, שרייבער, דאָס דעקלאַסירטע קליינבירגערטום, אַפילו די כיטרע, פּאַרטייעטע קאַטאָליקן — אַלע האָבן אין דעם אַנטשיידענעם מאָמענט דערזען אין אים די איינציקע נאַציאָנאַלע פיגור, וואָס איז בכוח צו פאַראייניקן די קעגנזעצלעכע כוחות, אויסמיידן פאַר יעדן פּרייז אַ בירגער־קריג, אַ באַוואָפנטע אינטערווענץ, וואָס וועט דערטרינקען דאָס לאַנד אין בלוט. אָבער אין די יידן האָט מען נישט פאַרגעסן. אויף זיי איז געוואָרפן געוואָרן די שולד פון דער עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע, פאַר די פאַרברעכנס פון פאָליציי־רעזשימס. זיי זענען געווען די הויפּט־שולדיקע פון סטאַלין־רעזשים. דער המון האָט געזוכט אַ קרבן.

אין יידישן קאָמיטעט, אויף דער נאָוואָגראָדזקע, האָט מען זיך אין די טעג ווי די שאָטנס שטיל אַריינגעשאַרט פון דער אויפגערודערטער גאַס. פון די פאַרוואָרפענע שטעטלעך זענען געקומען אַנצולויפן איבערגעשראָקענע יידן. זיי האָבן דערציילט, אַז מען שליסט אָפּ טיר און טויער, אַז מען לעבט דורך די נעכט אין ציטערניש.

פון 19־טן ביזן 23־טן — אין די פיר טעג האָט זיך אָפּגעשפּילט דער „פּוילישער אָקטאָבער". ס'האָבן זיך געטראָגן פאַנטאַסטישע קלאַנגען וועגן אַ פּוטש פון דער „נאַטאָלין"־גרופּע, וועגן דער באַוועגונג פון סאָוויעטישע טרופּן אין דער ריכטונג פון וואַרשע. פרייטיק, דעם 19־טן, האָט זיך געעפנט דער 8־טער פּלענום פון דער „פאַראייניקטער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי". צווישן די העכער צוויי הונדערט פאַרטרעטער פון גאַנצן לאַנד — דער גרויער מאַן, אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע נאָר־וואָס באַפרייטע פון תפיסה.

„מיר זענען געקומען נישט דערלאָזן, אַז פּוילן זאָל אויסגעליפערט ווערן אין די הענט פון אַמעריקאַנער און ציוניסטן... די רויטע אַרמיי האָט פאַרגאָסן איר בלוט פאַר אייך!"... — האָט אויסגעשריגן דער שעף פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע, ווי נאָר ער איז אָפּגעשטיגן אויפן פלי־פּלאַץ. די קייט אויטאָס איז אָפּגעפאָרן צום בעלוועדער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפיציעלע געשפּרעכן.

די נאַכט פון 18־טן אָקטאָבער איז געווען אַ וואַך־נאַכט אין וואַרשע. מ'האָט זיך געריכט אויף אַרעסטן. די מערהייט, די קאַדערן פון די פאַבריקס־אַרבעטער, סטודענטן און סאָלדאַטן, האָבן זיך געשטעלט קעגן דער „נאַטאָלין"־גרופּע. די „דאָמבראָווסקאַקעס", די וועטעראַנען פון בירגער־קריג אין שפּאַניע, אויף וויכטיקע פּאָזיציעס אין די מיניסטעריומס, אין דער אַרמיי, זענען שנעל צו־

נויפגערופן געוואָרן קיין וואַרשע דורך זייער אַמאָליקן קאָמאַנדיר, גענעראַל קאָמאַר. ער איז צוזאַמען מיטן גרויען מאַן באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. ער האָט באַשיצט די פּאַרטיי־געבײַדע, ווו ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער פּלענום. ער האָט אויך אָנגעצייכנט די סטראַטעגיע פאַרן וואַרשעווער גאַרניזאָן, וואָס האָט באַזעצט די וויכטיקסטע אַרטעריעס, גרייט קעגנצושטעלן זיך יעדן כוח. רעדנער זענען אַוועק אין די פאַבריקן, אין די אוניווערזיטעטן, אויף מיטינגען.

אין דער נאַכט פון פרייטיק דעם 19־טן אָקטאָבער זענען אין בעלוועדער־פּאַלאַץ געווען אָנגעצונדן אַלע קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן. הינטער די פענצטער, אין די אַלייען, אין לאַזשענקי־פּאַרק, זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער. זיי האָבן געוואַרט. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרצויגן ביז זעקס פאַרטאָג. די פּוילישע דעלעגאַציע האָט אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז אין איבערחזרן די זעלבע אַרגומענטן פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע שטעקט עפּעס אַן אונטער־כוונה אָפּצוציען, צו געווינען צייט. מ׳האָט דעם שעף פון דער פּוילישער דעלעגאַציע דערלאַנגט אַ צעטעלע, אַז די סאָוויעטישע טרופּן, אָנגעפירט פון מאַרשאַל קאָניעוו, געפינען זיך שוין אין די פאָרשטעט פון וואַרשע. ער האָט גלייך דערקלערט, אַז די פּוילישע דעלעגאַציע זאָגט זיך אָפּ ווייטער צו פאַרהאַנדלען, אונטער דער דראָאונג פון טאַנקן און באַיאָנעטן.

אַ טאָג פאַרן פּלענום פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד איז שוין אין די קאָרידאָרן פון דער גרויער געבײַדע אויף דער נאָוואָגראָדזקע געווען ענג פון אַן אָנגעלויף פון פּראָווינצער דעלעגאַטן; קאָאָפּעראַטיווע טוער, אָרטיקע דעלעגאַטן, אַרבעטער פון מעטאַל־פאַבריקן, כמעט אַלע שניידער מדור דורות, זענען זיי אַראָפּגעקומען אין זייערע ביליקע, שלעכט־אויפגענייטע קאָסטיומען, פון אַ געמיינעם שטאָף, צעקנייטשטע פון וואַלגערן זיך אַ נאַכט אין דער באַן, שלעכט־געגאָלטע, מיט אָפּגעריבענע טעקעס אונטערן אָרעם; דעלעגאַטן פון שטעט און שטעטלעך אין נידערשלעזיע, פון ווייטן שטשעטשין, ביים אויסגוס פון באַלטיק; פון פאַררויכערטן לאָדזש, פון לובלין, פון ביאַליסטאָק. מיט די קלומעקלעך, מיט די טעקעס, זענען זיי געשטאַנען אין געדיכטע רעדלעך אויף די טרעפּ, אין די קאָרידאָרן און אָנדערציילט זיך אומהיימלעכע זאַכן. אין זייערע אויגן — שרעק, מידקייט, אומגעדולד. זיי האָבן דאָרט, אין די שטעטלעך, געלעבט אין מורא. ווי נאָר ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָבן זיי זיך אָפּגעשלאָסן, פאַרהאַקט די שווערע פּרענטעס. זיי האָבן מורא געהאַט צו פאָרן מיט דער באַן. ס׳האָט אַ ווייע געטון מיטן טויט־פּחד, ווי אין די טעג פון קעלץ.

צום פאַררופענעם פּלענום זענען אַלע געקומען אָנצולויפן. זיי האָבן געוואָלט וויסן: ווו איז אונדזער פאָלקס־מאַכט? ווער וועט אונדז פאַרטיידיקן? אין שווייגן, אין זייערע רייד איז געלעגן אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די עדה׳ס דערשראָקענע יידן, וואָס האָבן זיי געשיקט מיט אַ סך טענות צום פּלענום. זיי האָבן זיך ביטער געוויצלט:

— דאָס איז „די גרויסע בראָך”... כ׳מיין „דער גרויסער איבערברוך” נאָכן 20־טן קאָנגרעס אין מאָסקווע?...

אהרן האָט דאָ געהאַט הינטער די טירן אַ סך קליניקייטן איבערצושמועסן, צו דערליידיקן, איבערצורעדן מיט דעם און מיט יענעם. שטאָקן, שטאָקן און

הינטער יעדער טיר — אַ בינשטאָק. דעם אמת מוז מען זאָגן — זיי האָבן זיך דאָ אין די פּאָר יאָר פאַרשטייפט, פאַרפּאַנצערט. זיי זענען ביסלעכווייז, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אפשר, אַריינגעקראָכן אין דער פעל פון ביוראָקראַטן. זיי האָבן געהאַט גוטע, באַקוועמע דירות, מיט ווינדעס, מיט טעלעפאָנען, באָד־צימערן, באַלקאָנען, מיטן אויסבליק אויף די שיינע אַלייען, דורכגעשניטן אין די צוריק־אויפגעבויטע קוואַרטאַלן אין וואַרשע. מ׳האָט זיך טאָג און נאַכט געטומלט מיט רעדעס, אַרטיקלען און פּראַזן. מ׳איז ווייט און אָפּגעריסן געווען פון די לעבעדיקע נויטן פון דער מאַסע יידן, געדיכט קאָנצענטרירט אין די שטעטלעך פון נידערשלעזיע. מ׳איז אַראָפּגעפאָרן אַהין ווי וויזיטאַטאָרן, ווי פאַרשטייער — אָפּגערעדט, דערליידיקט, געבערענגט דירעקטיוון, קאָנטראָלירט און — צוריק אַנטלאָפן צום צענטער. אין וואַרשע גופא האָבן זיך די יידן נישט אָנגעזען; וואָס ווייניקער צו ציען די אויפמערקזאַמקייט. אַפילו קיין יידישע שול פאַר די קינדער האָט מען דאָ נישט באַוויזן איינצוהאַלטן. די מערסטע, די „מאַראַנען״, האָבן פאַר די קינדער זייערע נישט געבערענגט פאַרן מויל, אַז זיי זענען יידן; האָבן געאַרבעט אין די מיניסטעריומס, אין די ביוראָען פון אויסערן־האַנדל, אין זיכערהייטס־אַפּאַראַט. ס׳האָט פאַרדראָסן. די יידן אין די שטעטלעך פון נידערשלעזיע האָבן געזידלט, געשאָלטן, געקלאַפּט אין טיש אַריין אויף די פאַרוואַלטונג־זיצונגען, אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען.

אין דעם גרויען הויז אויף דער נאָוואָגראָדזקע האָט אין די טעג שיער נישט אויסגעזען ווי אַ ראַיענדיקער הויפּט־שטאַב, ווי אַ יידישע פעסטונג, ווייל פון אומעטום, פון אַלע יידישע ישובים, האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען אומרואיקע ידיעות. די טעלעפאָנען האָבן נישט אויפגעהערט קלינגען. זונטיק, אַרום ניין פרי, איז דער זאַל שוין געווען באַזעצט קאָפּ־אויף־קאָפּ און מ׳האָט נאָך געהאַלטן אין איין שפּאַרן זיך דורך די טירן. דאָס גלעקל ביים פּרעזידיום־טיש האָט אַ קלונג געטון. די פלעשלעך לימאָנאַד זענען שוין געווען צעשטעלט אויף די לאַנגע טישן שורותווייז; אַזוי איז געווען אויף יעדן צונויפקום, אויף יעדער פאַרזאַמלונג. אונטערן סופיט און דורך די צעעפנטע פענצטער איז געדיכט געשוווּמען דער פּאַפּיראָסן־רויך. יעדער האָט אַ צי געטון פון פלעשל און ווייטער געבלאָזן דעם רויך. די אַש־טעצלעך, דער טיש, די פּאָדלאָגע זענען געווען פאַרשאָטן מיט אַש און פּאַפּיראָסן־עקלעך.

דער פּרעזידיום־טיש איז שוין געווען באַזעצט אין קאָמפּלעט אויף דער ניידעריקער טריבונע, לענגאויס די פענצטער, ביי די גרין־איבערגעדעקטע טישן, אין דער קווער. אַ גאַנצן אין דער פרי איז געפאַלן אַ רעגן. ס׳איז געווען טונקל אין אָנגעפּראָפּטן זאַל פון רויך, כאָטש ס׳האָבן געברענט אַלע ליכטער אונטערן נידעריקן סופיט. ווען דאָס גלעקל האָט צום צווייטן, אָדער צום דריטן מאָל אומגעדולדיק אַ קלונג געטון, האָבן די רעדערייען צוביסלעך אויפגעהערט. אין די ווערטער פונם פאַרזיצער — אַן אַלטער קאָמוניסט — איז געווען גרויסע יידישע זאָרג. אהרן, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אים, האָט אַ טראַכט געטון — ער ווייסט אפשר אַליין נישט, אַז ער ווערט ענלעך צו זיין פאָטער, אַ פאַרזאָרגטן ייד פון אַ געוועלבל. נאָכן אַריינפיר, האָבן זיך די צינגער אויפגעבונדן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע, היציקע דיסקוסיע, וואָס איז געוואָרן היסטאָריש.

אהרן האָט זיך אויפגעשטעלט.ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אין טיש, האָבן אַ ציטער געטון.

— איך וואַרף פאַר — האָט ער אָנגעהויבן רואיק, געווענדעט צום פּרע־זידיום־טיש — די אָנפירנדיקע חברים פאַרוואָס זיי זענען אַזוי זעלטן געקומען צו די יידן, וואָס זיי אַליין האָבן זיי אין 1946 געהאָלפן בויען קאָאָפּעראַטיוון, געפּעסטיקט זייער גייסט, געהאָלפן זיי פּראָדוקטיוויזירן זיך. די שטימונג איז אַ געדריקטע. מיטן אויסרייד פון קאַמף קעגן סטאַליניזם, ווערן דורך די כוליגאַ־נעס אָנגעגריפן ערלעכע יידישע אַרבעטס־מענטשן. ביי אונדז אין שטריקער־קאָאָפּעראַטיוו איז פאַרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, ווו עס איז אַריינגע־טראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע־פאַרשלאַג, אַז די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון קאָ־אָפּעראַטיוו זאָלן נישט זיין קיין... פרעמדע בירגער. כ׳מיין, אַז איך דאַרף אייך דאָ נישט זאָגן וועמען אונדזערע פּוילישע מיט־שותפים מיינען דערמיט. מיר וואַרטן דעריבער אויפן וואָגיקן וואָרט פון היינטיקן פּלענום.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן מורמלערייען איבערן זאַל. פון פאָרזיצער־טיש האָט דער חבר מיטן צעפּלויגענעם קראַוואַט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט, ווי געוויינלעך, פריער אויסגעזופּט אַ העלפט פון פלעשל לעבן זיך, אומגעשיקט געוואָרפן דעם פאַפּיראָס צווישן די בלייכע פינגער פון אַן אינטעלעקטואַל.

— מ׳האָט דאָ געזאָגט, אַז די יידן אין פּוילן וואַרטן אויפן וואָרט פון היינ־טיקן פּלענום. מיר דאַרפן זאָגן דעם פּוילן אמת, אַז דער פּלענום קען נישט געבן קיין רפואה אויף אַלע פראַגן. מיט יאָרן צוריק זענען יידן מיד געווען פון וואַנ־דערונגען. מיר האָבן געוואָלט העלפן די מענטשן, פאַרזיכערן זייער רו און סטאַ־בילקייט. בויענדיק דעם יידישן ישוב, די יידישע קולטור, האָבן מיר געפילט די סימפּאַטיע און די שטיצע פון פּוילישן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. היינט האָט זיך געשאַפן אַן אַנדער לאַגע פאַר יידן. מיר זענען עדות פון אַ שטאַרקן אָנגריף פון רעאַקציאָנערע, אַנטיסעמיטישע עלעמענטן. דאָס טרעפט סיי די פאַלקס־מאַכט, סיי די יידן. דערצו נאָך — דאָס נישט געהעריקע רעאַגירן, אָדער דאָס פולשטענדיקע פאַרשווייגן מצד אַ ריי וויכטיקע פּאַרטיי־אינסטאַנצן און אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען אויף פאַלן פון דיסקרימינאַציע לגבי יידן. יידישע מענטשן פילן זיך דערנידעריקט און באַליידיקט אין זייער מענטשלעכער און יידישער ווירדע. זיי ווילן פאַרלאָזן פּוילן. אין באַוווסטזיין פון אַ סך יידן איז דאָס אַ ווירדיקער ענטפער. מען טאָר זיך פון די דאָזיקע יידן, זאָג איך, נישט אָפּקערן; פאַרקערט, מ׳דאַרף זיי העלפן. נישט אַלעמאָל האָט אונדזער אויפקלערונג גע־טראָפן צום האַרץ פון יידישן מענטש, דער עיקר אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער באַציאונג צו ישראל. קאָמוניסטן דאַרפן זיך רעכענען מיט היסטאָרישע פאַקטן, און מדינת ישראל איז אַ היסטאָרישער פאַקט. די צייטונג אונדזערע האָט לעצטנס אַרויסגעוויזן פיל מוט, דרייסטקייט און איניציאַטיוו ביים אַנט־פּלעקן דעם אמת וועגן פאַרשווינדן פונם יידישן קולטור־לעבן אין ראַטנפאַר־באַנד, וועגן דער ליקווידאַציע פון די סאָוויעטישע יידישע שרייבער און געזעל־שאַפטלעכע טוער...

ער האָט זיך נאָך אַמאָל אַ כאַפּ געטון צום פלעשל לימאָנאַד, אויסגעטרונקען

כמעט ביזן דנאָ מיט איין צי.

— מען וואָלט נאָך אַ סך געדאַרפט רעדן, למשל, וועגן די פּראָבלעמען פון דער היסטאָריאָגראַפיע ביי אונדז... דאָס איבערשאַצן די הילף פון קעמפנדיקן געטאָ מצד דער פּוילישער געזעלשאַפט... דאָס שטעלן אין אַ פאַלש ליכט דעם יידישן אויפשטאַנד בכלל...

אונטערן סופיט איז דער פּאַפּיראָסן־רויך אויפגעגאַנגען וואָס אַמאָל געדיכטער. די פייערלעך פון די פּאַפּיראָסן האָבן אָן אויפהער געגליט, געפינקלט פון נעפּל אַרויס. מ'האָט פון רויך־טומאַן געזען בלויז סילועטן פון פנימער. די בענקלעך האָבן זיך גערוקט, געקרעכצט, די טישן זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן. אַ הייסע שעפּטשעריי, ווען דער פּאָרזיצער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ס'איז אמת — האָט ער געזאָגט — מיר האָבן נישט באַוויזן אונדזער קולטור־בויאונג אַדורכצודרינגען מיט אַזאַ יידישן אינהאַלט, וואָס זאָל אַלזייטיק אַנטשפּרעכן די קולטור־באַדערפעניששן און נאַציאָנאַלע געפילן פון די יידן; וואָס זאָל מעגלעך מאַכן צו אַנטוויקלען אַלע שעפערישע כוחות פון דער יידישער געזעלשאַפט. מיר האָבן באַגרענעצט די נאַציאָנאַלע ראַמען פון דער קולטור־בויאונג, פאַרבלאַסט די פּערספּעקטיוו און אַנטוויקלונג. דאָס איז געווען — דאָס אָפּשאַפן יידיש אַלס אונטעררריכט־שפּראַך אין אַ ריי קעגנשטאַנדן אין די יידישע שולן און אין פּאַקטישן עלימינירן יידישע געשיכטע ווי אַ זעלבסטשטענדיקן לימוד, אינעם האַמעווען צו דערלערנען יידיש דורך דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט, אינעם נישט אָנערקענען קיין שום יידישע יום־טובים, אַפילו פון אַ פאָלקס־כאַראַקטער. מיר האָבן נישט סטימולירט קיין דיסקוסיע איבער די פּראָבלעמען פון יידישער געשיכטע, אַפילו פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון יידישן ווידערשטאַנד. נישט שטענדיק איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אַ געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר די סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויטן פון די יידן. די פּרעסע אונדזערע האָט נישט אָנגערעגט צו נייע, שעפערישע געדאַנקען, נישט גענוג דעצידירט אַוועקגעשטעלט וויכטיקע אַקטועלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. די ציישונג האָט נישט געגעבן קיין גענוג ברייטע אינפאָרמאַציע וועגן יידישן לעבן אין אויסלאַנד, בפרט אין ישראל. זי איז געווען איינזייטיק.

די ווערטער אין דער רעזאָלוציע האָבן געקלונגען ווי אַ ווידוי:

... דער פּלענום האַלט פאַר נייטיק פעסטצושטעלן, אַז אין דער איצטיקער זייער ערנסטער און שווערער צייט איז דער חוב פון „פאַרבאַנד" זיך ראַעל צו רעכענען מיטן פאַקט פון אויסגעוואַקסענעם דראַנג צו עמיגרירן. עס איז דעריבער נייטיק ווי ווייט מעגלעך צו העלפן די יידן, וואָס ווילן אַרויספאָרן קיין ישראל און אין אַנדערע לענדער. אין דער איצטיקער גורלדיקער שעה פאַר די יידן אין ישראל, דערקלערט דער „פאַרבאַנד" זיין סאָלידאַריטעט מיט די יידישע פאָלקס־מענטשן אין ישראל, וואָס קעמפן פאַר שלום, פאַר דער־האַלטן די אומאָפּהענגיקייט, פאַר איינשטעלן אַ שטענדיק און פריינדלעך צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע שכנים, אָנערקענענדיק די מדינה ישראל פאַר אַ היסטאָרישן פאַקט, וואָס טאָר דורך קיינעם נישט אָפּגעפרעגט און באַצווייפלט ווערן...

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייער וואַנדערונג פון די רעשטלעך פוילישע יידן אין דער וועלט אַריין.

מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט עס יאַנעק אַלץ אויסגעהערט. צום ערשטן מאָל איז ער געקומען אויסהערן די הייסע, פאַרפלאָנטערטע, צעטומלטע רייד אויף דער נאַוואָגראָדזקע. ער איז געקומען, ס׳איז געקומען דער חבר זלמן, סטערקע. יאַנעק איז געזעסן צווישן זיי, פאַררוקט אין אַ ווינקעלע, ווי פאַרשעמט, מיט שווער־אַראָפּגעלאָזענע הענט. ער האָט קיין וואָרט נישט געבעטן, קיין האַנט נישט געהויבן. ער איז פון קיינעם נישט דעלעגירט געוואָרן. אין אַלע פאַלן, האָט ער געפילט, קומט אים דאָ נישט קיין וואָרט. ביז שפּעט אין אָוונט האָבן זיך נאָך פאַרצויגן די דעבאַטן, דאָס לייענען די רעזאָלוציעס. אָבער דער עולם איז זיך נאָך אַלץ נישט פונאַנדערגעגאַנגען. די געמיטער זענען געווען צעקאָכט, אויפגערייצט. די פּראָווינצער דעלעגאַטן זענען געשטאַנען אין טומלדיקע רעד־לעך צווישן די פונאַנדערגערוקטע טישן, די גרינע טישטוכער האָבן זיך גע־וואַלגערט אויף דר׳ערד. עמיץ האָט אויפגעשפּאַרט אַלע פענצטער און דער רויך איז קנוילנווייז געשוווּמען צום נאַכטיקן דרויסן. ס׳האָט געצויגן אַ שאַרפע קעלט. יאַנעק האָט זיך געהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון אהרנען. ער האָט געפילט, אַז ער איז נישט פאַרלירן. אין דער מיט האָט נאָך דאָרט אַלץ איינער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג געקאָכט זיך:

— עמיגראַציאָניזם... צי מיינט איר, אַז עמיגראַציאָניזם וועט לייזן אונדזערע פּראָבלעמען?... דאָס איז אייזן־פעסט באַוויזן געוואָרן...

ס׳איז געווען דער חבר מאַקסים, אָדער מאָטעלע גאַרבער; ער האָט נאָך אַלץ געקאָכט זיך און געוועדט מיט דער פאַרעלטערטער שפּראַך, ווי אַמאָל, אויף די מאַסוווקעס; ווי דאָ באַלד, הינטערן פענצטער, אויף דער דזשיקע גאַס, וואַלט זיך אַרומגעדרייט די געדיכטע בערזע פון טראַנספּאָרט־פאַראיין... פון טעקסטיל־פאַראיין... פון כעמישן פאַראיין... ווי מען וואָלט באַלד געדאַרפט גיין שיקן אַ „באַיוווקע" צום בונדישן נאָדל־פאַראיין, אויפצורייסן אַ פאַרזאַמלונג, אַראָפּ־רייסן די מאַסקע פון סאָציאַל־פאַשיסט הערשעלע הימלפאַרב... וויי־וויי! ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל לאַכן! מיט ווייטיק לאַכן! וועגן וועלכע יידן האָט ער דאָ גערעדט? וועגן די עטלעכע צעבראָכענע יידן, וואָס מאַטערן זיך דאָ, לעבן אין שרעק; זיי ווילן זיין צווישן אייגענע, ווייל מען לאָזט זיי דאָ נישט לעבן מיט אַן אייגן, אַפילו נישט מיט אַ פרעמד לעבן. וואָס קומט זיי דערפאַר? צי אפשר גאָר רעדט ער וועגן די עטלעכע פחדנותדיקע „מאַראַנען", וואָס טראָגן זיך די ערשטע שטילערהייט אָפּ קיין „איזראַעל"...

אין זיינע אויגן — אַ פלאַם פון צאָרן פון אַ רעליגיעזן פאַנאַטיקער. ווער ווייסט, צי ער אַליין איז אַמאָל נישט ענלעך געוואָרן צו זיין אייגענעם טאַטן, דעם ווילדן גערער חסיד, וואָס האָט געהאַט אַ גראָשנדיק געוועלבל אין בלוינע, האָט אים אַליין, דעם זון, אַמאָל געכאַפּט אום שבת רויכערן אַ פּאַפּיראָס און האָט אים אויפן אָרט שיער נישט דורס געווען... צי איז ער אַ הייליקער, פרעגט זיך, אָדער אַ ציניקער? ער איז אַ מידער אינטעליגענט. מ׳האָט דעם איינדרוק, אַז צווישן זיינע פיר ווענט איז ער אַוודאי אַן אָרעמער מענטש. ער וויל דיך גאָרנישט אויסהערן. ער האָט אַ פּאַרטיק־צוגעגרייטע פאָרמולע און דו מוזסט זיך

אין איר אַריינפּאַסן; אַז נישט, ביסטו — אַ פּאַררעטער, אַ רענעגאַט, אַ... וואָס אין דער קאָרט. ער וויל נישט פאַרשטיין, אַז מיר זענען ביים סוף פון אָן עפּאָכע; מידע מענטשן, שווער־געפּרוווטע, באַשפּיגענע, אָן קיין שום אילוזיעס; אַז פּאַקטיש איז עס נישט מער ווי אַ שפּיל פון שאָטנס. ס׳האָט נישט קיין האָפּט. איבער אונדז, אַרום אונדז און אויסער אונדז דאָמינירן גאָר אַנדערע כוחות. מען הערט אונדז גאָרנישט מער. אהרן האָט נאָך געפּרוווט אַריינצושטעלן אַ וואָרט:

— קיין שום טעאָריעס, כ׳בעט דיך, בוי נישט מער אויף דעם. יידן... סאָציאַליזם... דער יידישער וועג צום סאָציאַליזם איז נישט דער פּוילישער וועג. סאָציאַליזם איז פאַר אונדז הייליק! מיר דאַרפן זיך אָבער איצט אַליין נאָך אַמאָל דערפאַרשן, דערקענען, דעפינירן.

יאַנעק האָט שוין מער נישט געהערט איבער וואָס זיי קאָכן זיך דאָרט. ס׳איז אים שוין אַלצאיינס געווען. ער איז געווען צוגעשפּאַרט צום הויכן פענצטער. ס׳האָט געצויגן אַ פייכטע קעלט. איבער אָפּגעהאַקטע דעכער האָט געבלענדט דער אָפּשיין פון די גרויס־שטאָטישע נעאָן־פייערן, פון וואָלקנקראַצער „האָטעל וואַרשאַווא״, פון די ניי־אויפגעבויטע קוואַרטאַלן ביים מ. ד. מ. און ער האָט גאָר געטראַכט וועגן יוליאַן טובימס גייסטרייכע פאַרענטפערונגען — „מיר, פּוילישע יידן״. ס׳איז געווען אין יענע גורל־טעג, ווען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט אונדזער פאָלק, געלעסטערט און געטראָגן אויף זייערע שמוציקע ליפּן, ווי אויף אַ שפּיז אַנגעשטאָכן, דעם „יודע״. ס׳האָט באַדאַרפט קומען אַ נייע טראַגעדיע, מ׳זאָל דאָס דאָזיקע פאַרענטפערן זיך פון גרויסן פּוילישן פּאָעט דערזען אין אַ ניי ליכט. די פאַרענטפערונגען, צו אַלדי טייוול, טויגן קיינמאָל נישט, ווייזט זיך אַרויס. דאָס בלויזע פאַרענטפערן זיך איז — יידיש... „איך בין אַ פּאָליאַק, ווייל אַזוי געפעלט מיר״... דאָס האָט ער ערגעצווו אויסגעשריגן אין פּאַריז, צי אין ניו יאָרק... טאַקע, וואָס וועט זיין מיט די, וואָס האָבן זייער האַרץ אַוועקגעגעבן צו שלייפן אין די נעכט דאָס שיינע פּוילישע וואָרט. זיי ווייסן נישט, די אָרעמע, אַז די מערסטע פון זיי וועלן נישט פאַרבלייבן... אַז זייער יידיש געמיט, זייער יידיש עטיש געפיל, זייער יידישע געשיקטקייט, וואָס שלאָגט זיך דורך דורך זייער פּויליש־געשליפן וואָרט, שאַקירן די פיין־פילנדיקע אויערן... זיי וועלן אַנטלויפן, אָבער פאַר זיי איז קיין אַנטרינונג נישטאָ. יאַנעק האָט זיי אָנגעקוקט, די צעטומלטע יידן, די אייביק־ביטערע עקשנים. ער האָט דרך־ארץ באַקומען פאַר זיי. טובים... פייגעלע... נאַכוואָס האָט זי זיך דען אומגעקערט אין לאַנד אַריין? וואָלט דען נישט גלייכער געווען...

ס׳איז שוין געווען שפּעטלעך, ווען זיי זענען אַרונטער. די אָפּגעשטאַרבענע גאַס האָט אַראָפּגעפירט צו דער ווייסל. אַ פייכטער ווינט האָט געצויגן. קיין טראַמווייען זענען שוין נישט געגאַנגען.

— קומט — האָט יאַנעק זיי גערופן — לאָמיר גיין אַהין, צו יענע גאַסן, וואָס עקזיסטירן נישט מער... געדענקסט, אהרן, ווען מיר האָבן זיך אַמאָל פאַרלוירן אין אָוונטיקן געדראַנג פון דער דזשיקע גאַס?...

ער האָט זיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט וועגן פייגעלען. ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערפילט אין דער לופט דעם זעלבן איידעלן אַראָמאַט פון קאַשטאַנען־

בליעכץ פון יענע מאַי־נעכט, ווען ער איז מיט פאַרמאַכטע אויגן זי בלינד נאָכגעגאַנגען איבער די האַלב־ליידיקע טראָטואַרן. די בויאונגען אין דער געגנט זענען געווען שיטער פונאַנדערגעוואָרפן, די לאַמטערן — ווייט צעשטעלט איינע פון דער אַנדערער. די גאַס, דער מיט ברוק, איז געווען אויפגעהויבן. אויפן ניוואָ זענען דורכגעשניטן געוואָרן די טראַמוויי־ליניעס פאַר דער נייער טראַסע, צו אַלט־שטאָט, צום אָפּגעשטאָרבענעם טעאַטער־פּלאַץ; דאָרט, ווו אונזערע קלאַסן־שלאַכטן האָבן זיך אַמאָל אָפּגעשפּילט; צו די בריקן איבער דער ווייסל. לינקס — צום מוראַנאָווער ראַיאָן. דאָ, אינמיטן דעם קנופּ פון די טראַמוויי־ליניעס, איז עס געלעגן, דאָס אַמאָליקע פּערטל, דער „מורדזשיעל". ווען נישט דער קראַשינסקי־גאָרטן מיט די אַרומגעבראָכענע שטאַכעטן, מיטן אַלטן טויער ביים אַריינגאַנג דורך די נאַלעווקעס, וואָלט אַפילו שווער געווען אָנצוצייכענען אין דמיון דעם יידישן גאַסן־פּלאָנטער. ווי דורכן חלום, האָט יאַנעק געהערט איבער זיך די רייד פון אַלטן חבר זלמן:

— עט... די טומלענישן וועלן זיך איינשטילן. ס'איז זיכער — פּוילן וועט ווען עס איז גיין צום סאָציאַליזם. אָבער צו אונדז האָט עס, לײדער, נישט קיין שייכות. דער פּוילישער וועג צום סאָציאַליזם איז — נישט דער יידישער. אונדזער איינשטעל איז געווען אויפן נעגאַטיוון אין יידישן לעבן. צעבראָכן דאָס אַלטע און דאָס נייע — האָבן מיר נישט געזען. צעברעכן איז לייכט... פאַרוואָס זענען מיר געווען אַזעלכע אידעאַליסטישע ראָמאַנטיקער?...

אהרן האָט זיך אָפּגערופן באַדאַכט:

— צוויי פעלקער האָבן אין משך פון קאַרגע טויזנט יאָר געלעבט אויף דער דאָזיקער ערד, ביי די זעלבע טייכן, געגעסן דאָס זעלבע קאָרן־ברויט און מיר זענען געווען און פאַרבליבן פאַר זיי — עקזאָטיק. מ'האָט אַלץ געטון די הויכע וואַנט אומצולייגן; מ'האָט גערעדט מיט ביטול וועגן אונדזער אַלטער קולטור, וועגן אונדזער געשיכטע, וועגן אונדזערע שענסטע שטרעבונגען. אונדזער אינטעליגענץ האָט אַלעמאָל געזוכט אַ דערנענטערונג מיט דער פּוילישער קולטור. אונדזער אַסימילירטע אינטעליגענץ האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון ריינעם קוואַל פון פאָלקס־שאַפן.

ס'איז מער גאָרנישט געווען צו פאַרשטיין מיטן גלייכן שכל. פירער, וואָס זענען נאָך נעכטן געווען געטער, האָבן זיך געוואַלגערט אין מיסט, באַשפּיגענע. אהרן, מיט זיין אייבק פילאָזאָפיש שמייכעלע, האָט געוואָלט וויסן:

— דער געשיכטלעכער מעטאָד פון שטרענגער לאָגיק... נאָכוואָס נוצט זי, די לאָגיק, אַז מ'קען אונדז ראַציאָנעל מער גאָרנישט געבן צו פאַרשטיין?...

אינעווייניק, ביי זיך, האָט עס אָבער געגראָבן. מ'האָט זיך געקענט ראַטעווען גאָר — מיט גלויבן.

— גלויבסט? — האָט מען אים געפרעגט.

— איך גלויב... — האָט אהרן געענטפערט — פאַר מיר איז דער סאָציאַליזם געווען און פאַרבליבן הייליק!

די לייזונג פון דער יידן־פראַגע... ביראָבידזשאַן... ביזן היינטיקן טאָג איז פאַר אים נישט קלאָר געווען — וועמענס שולד איז דער גרויסער דורכפאַל ביראָבידזשאַן? צי איז עס דען נישט געווען די איינציקע לייזונג?

די שפּיציק־געבויטע הייזער אין די גרינע שטעטלעך פון נידערשלעזיע זע־נען ווידער שטיינגעבליבן מיט נאַקעטע ווענט, ווען מ׳האָט די צעשטויסענע וואַליזעס, וואָס האָבן זיך שוין אַ סך מאָל געוואַלגערט אין עשאַלאָנען, אין טיעפּלושקעס, איבער די ברייטע רוסישע שטרעקעס, אַרונטערגעטראָגן פון די שטיגן. כאָטש דער וווינונגס־אַמט איז שוין באַצייטנס געווען אינפאָרמירט וועגן די אָפּגעליידיקטע דירות, זענען נייגעריקע אויגן פון פּוילישע שכנים פול געווען אָרום. מ׳איז געקומען צולויפן פון אַלע גאַסן.

— קיין פּאַלעסטינע... — האָבן זיי געשפּאָט.

די סטרוזשעס האָבן זיך געטשעפּעט פּאַר אַ ליאַדע קלייניקייט, נאָכאַנאַנד געוואָרטשעט. ביים אַראָפּטראָגן די וואַליזעס, די פּעקלעך, האָבן זיך די צע־שאָקלטע פּאַרענטשעס אַוועקגעבויגן; אַ קנעפּל פון דער עלעקטריע איז קאַליע געוואָרן, זענען זיי אויסגעוואָקסן — מ׳זאָל אָפּצאָלן! די צעשראָקענע יידן האָבן אָפּגעצאָלט, פּאַר אַלעם אָפּגעצאָלט, נאָך מער וויפל זיי האָבן געפּאָדערט. די שפּיציק־געבויטע מאַסיווע דייטשע הייזער אויף די מאַרקט־פּלעצער זענען שטיינ־געבליבן הפקרע, צעטראָגענע, ווי אין די טעג, ווען די היימלאָזע יידן זענען דאָ אַהער פאַרוואָרפן געוואָרן. פאַר די פּאָר יאָר האָט מען זיך פונדעסטוועגן צו־געבונדן, מ׳האָט ליב באַקומען די גרינע שטעטלעך ביים אָדער און ביי דער פּול־וואַסערדיקער, אייליקער ניסע...

די באַנען האָבן דורך די נעכט געצויגן, מערסטנס איבער עסטרייך, צו די איטאַליענישע פּאָרטן אויפן מיטללענדישן ים; געצויגן צו די האַפן־שטעט ביים איינגוס אויפן באַלטיק. דער פייכטער ווינט האָט אָנגעברענגט דעם אָטעם פון זאַלץ, פון צוגעלעגענע פיש־ריחות. אין רייסנדיקן ווינט, האָבן די פּוילישע סאָסנע־וועלדער אויף די בערגלעך געהילכט אין די אויערן — מיט שאָפּענען. מעוועס האָבן זיך מיטן באַגינען אויפגעהויבן איבער די רויט־ציגלדיקע, גאָטישע טורעמלעך, וויאַדוקטן, דאַכן. מ׳האָט זיך דאָ נישט אָפּגעשטעלט. די צוגן האָבן געצויגן ווייטער, ביז צום איינגוס. מ׳איז געשטאַנען ביז אָוונט פאַרלאָדן אויף אַ זייטיקער ליניע. מ׳איז געשטאַנען לאַנג.

— די זון פאַרגייט אין פּוילן... — האָט עמיץ דאָרט, דאָס פּנים צוגעקלעפּט צו דער וואַגאָן־שויב, באַנג געלאָזן פאַלן.

ווי זיי וואָלטן ס׳לאַנד, וואָס איז זיי געווען טיף איינגעבאַקן אין האַרצן, שוין געהאַט ערגעץ ווייט הינטער זיך.

פּאַריז, 1960

## אינהאַלט:

ערשטער טייל:
**געוועז איז עס נעכטן** — — — — — — — — — — — — 7
צווייטער טייל:
**פאַרברענטע שוועלן** — — — — — — — — — — — — — — 157
דריטער טייל:
**די זון פאַרגייט אין פוילן** — — — — — — — — — — — — 259

---

**פון זעלבן מחבר:**

צווישן ווענט, **דערציילונגען, וואַרשע,** 1933,
גרויע פראָפילן, **דערציילונגען, פאַריז,** 1937,
דער מאַרש אויף בריסק, **ראָמאַן, פאַריז,** 1938,
די יידן פון בעלוויל, **ראָמאַן, פאַריז,** 1948,
רות און נעמי, דערציילונג, **ווראָצלאַוו,** 1950,
געוועזן איז עס נעכטן, **ראָמאַן (ערשטער טייל), פאַריז,** 1951,

די ברידער כייקין, **טרילאָגיע:**

1) דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס, **פאַריז,** 1955
2) אויפן פאַריזער ברוק, **וואַרשע,** 1956,
3) דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, **פאַריז,** 1956,

די גאָלדענע אילוזיע, **ראָמאַן, פאַריז,** 1958,

**אין פראַנצויזיש:**

Les Juifs de Belleville, roman.

**איבערזעצונגען:**

דאָס רוימישע רעכט עקזיסטירט נישט מער — **אַראַגאָן,**
די קוזינע בעטי — **ה. דע באַלזאַק.**